STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06514

IN EYGENE KANTN

Elye Gordon

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פֿאַרלאַג ״סאָוועטסקי פּיסאַטעל״
מאָסקווע · 1969

געווידמעט מײַן פרוי בעטיע

פּײַן־פּריזער

ראָמאַן

ערשטער טייל

1

אינמיטן זומער, ערעוו דעם שניט, האָט טאנכום דאָנדע זיך אומגעקערט אהיים.

פאראיאָרן, פונקט אין דער ציַיט, האָט ער אומגעריכט אָפּגעצויגן פון דאָרף, זיך ארומגעשליַיעט ערגעץ און זיך פּלוצעם ווידער באוויזן. קיינער האָט ניט געוווּסט, וווּהין און נאָך וואָס ער איז אוועק.

— דער העזעק האָט זיך אָפּגעזוכט, — האָבן אים די פויערים מ'ט א גע־לעכטערל באגעגנט, — ווו ביסטו עס אויסגעוועון? . .

טאנכום האָט געקוקט אף די פויערים, ווי ער וואָלט זיך געפילט שולדיק.

ער האָט עפּעס געפּאָנפּעט אונטער דער נאָז, און קיינער האָט סיַיווי ניט געקאָנט דערגיין בא אים קיין טאָלק. א פּאָר טעג איז ער ארומגעגאנגען איבער די הויפן און אלץ עפּעס געקוקט אף דער ערד, געפּאָרעט זיך ערגעץ ארום שטאלן.

די בלויע אויגן באם יונג האָבן געברענט מיט א פארבאָרגן פיַיערל, דאָס ברוין־שווארצע פּאָנעם איז געווען פארהאוועט, די ברייטע פליישיקע נאָז האָט אזש געשוויצט. א פּאָר טעג איז ער ארומגעגאנגען, ווי ניט קיין היגער, אויס־געמיטן מענטשן, ווי ער וואָלט זיך אויסבאהאלטן פון עמעצן. אין איינעם א פארטאָג האָט ער זיך אופגעכאפּט און זיך געלאָזט גיין צום כוטאָר, וואָס איז געלעגן א ווערסט פינף און צוואנציק פונדאנען.

— איך האָב זיך דאָרט פארדונגען בא א באלעבאָס אף ארבעט, — האָט ער פארן אוועקגיין זיך ווי פארענטפערט, — איך האָב זיך ארויפגעכאפּט אהיים נאָר אף א וויַילע, א קוק טאָן.

א דריבנער פארטאָגיקער טוי האָט זיך ארויפגעלאָזט אף די געל־ריַיפע פעלדער, זילבערנע טראָפּנדלעך האָבן זיך אויסגעזעצט אף די פולע, צו דער ערד איַינגעבויגענע זאנגען, אף די גרינע, מיט בלוילעך־וויַיסער בליִונג באשאָ־טענע קוסטעם פון די קארטאָפל־פעלדער, וואָס האָבן זיך געצויגן פאזע דעם וועג.

דער יונג האָט עטלעכע מאָל אופגעהויבן דעם קאָפּ, א קוק געגעבן אף דער זון, געוואָלט באשטימען, ווי שפּעט ס'איז איצט, און ניט־געוויִלט געשפּאנט וויַיטער.

דעם גאנצן וועג איז אים פון קאָפּ ניט ארויס די מויד, וואָס ער האָט באגעגנט, ווען ער איז צו זיך אהיים געגאנגען.

ער האָט זי דערזען אף א הויף אינעם כוטאָר, וווּהין ער האָט זיך איצט געלאָזט גיין. זי איז ארויס פון שטוב מיט א הויפן ברעקלעך, וואָס זי האָט צונויפגעשארט פונעם טיש נאָכן איבערבייַסן. זי איז לאנג געשטאנען אפן שוועל און געשריִען:

— טו־טו־טו־טו...

פון אלע זייַטן הויף האָבן הינער, פּאטשנדיק מיט די פליגלען אָן דער ערד, זיך געלאָזט לויפן צו איר. זי איז אראָפּ פון שוועל, האָט אויסגעשאָטן די ברעקלעך ברויט און, לייַכט אופהייבנדיק דאָס קלייד, אָפּגעטריבן פרעמדע אויפעס.

— קיש־קיש־קיש...

די מויד האָט זיך א ווייַלע ארומגעדרייט אין הויף און איז נאָכדעם ווי־דער אריַין אין שטוב. ער האָט אָפּגעוואַרט, עפּשער וועט זי זיך נאָך באוויַיזן. נאָר זי איז ניט ארויס. ער האָט באטראַכט די ברייטע, באלעבאטישע, ריין ארומ־געוויַיסטע טשערעפּענע שטוב, די שלאנקע רייען וויַינשל און אקאציע־ביימער, וואָס זייַנען געוואקסן אין סעדל, נאָכדעם איז ער אוועק אף דעם ריין אויסגעיעטן קארטאָפל־גאָרטן, הינטער דער ברייטער, צוועלפקראָקוועדיקער קלוניע.

— דאָ וווינט, קענטיק, א באלעבאָס, — האָט ער געטראַכט, — אָט מיט אזעלכע הענט, ווי בא דער מויד, קאָן מען עפּעס אופטאָן אין א באלעבאטיש־קייט. אזא מויד וועט דען וועלן א פּארובאָק?.. סיידן אז איך וועל זיך א ביסל שטעלן אף די פיס, אָנלעבן עפּעס א שטיקל כודאָבע.

ער האָט אָפּגעשפּאנט בא א האלבן ווערסט און אלץ געטראַכט וועגן דער מויד.

— ע, וואָס האָסטו זיך פארכאָלעמט?!.. פון וועג אראָפּ! — האָט ער פּלוצעם דערהערט עמעצנס א קאָל און הארט לעבן אקסל דערשפּירט דעם דישל פון א שנייַדמאשין.

טאנכום האָט זיך האסטיק א כאַפּ געטאָן, איז אָפּגעשפּרונגען פון וועג אף דער מעזשע און דערזען אפן פּאָדערשטן אייַזערנעם בענקל פון דער שנייַדמאשין יודע פּיטראַכן.

יודע איז באלעבאטיש־ברייט געזעסן אפן בענקעלע און האָט פעסט גע־האלטן די לייצעס. די אָפּגעפּאשעטע פערד האָבן אָנגעצויגן די העלדזער, אלע וויַילע געטרייסלט אומרויִק מיט דער גלאנציקער פעל און, שמייַסנדיק מיט די ווײדלען, אָפּגעטריבן פון זיך די פליגן.

דער באלעבאָס איז געזעסן אין איין העמד איבער די הויזן. דאָס פאר־ברוינטע פּאָנעם איז געווען באגאָסן מיט שמוציקן שוויים, די שווארצע באָרד איז געווען צעשויבערט און פארשטויבט.

— ווּהין טראָגט עס דיך?.. א יונג זאָל ניט קאָנען איַינרוען. ס'שלײַעט זיך ארום איבער דער וועלט, ווי א פּריבלודנע קו. וואָלסט זיך בעסער געשטעלט אף א טויק[1] ארבעטן.

דער באַלעבאָס האָט א קער געטאָן דעם קאָפּ, עפּעס אָנגעוויזן אף טאַנכומס ברידער, אף זאוועליבן און ראכמיעלן, וואָס זײַנען מיט ווילעס אף די אקסלען נאָכגעגאנגען נאָך דער מאשין.

פּארדרײַיאָרן זײַנען בא דעם אלטן דאָנדען אוועקגעפּייגערט די פּאָר בורלאַנע, און ער איז געבליבן בא צוויי ווײדלען מיט א פּאָר פּארזשאווערטע פּאָדקאָוועס, האָט ער זײַן ערד פּארדונגען יודע פּײטראכן, און די זין האָט ער געהייסן גיין האָרעווען אף פרעמדע טויקן, האָפנדיק, אז עפּשער וועלן זיי זיך צוריק צו עפּעס ארופשלאָגן.

די זין מיטן פאָטער האָבן, יעדערער אף זײַן אויפן, זיך אָנגעהויבן באומרויקן פאר דער ערד, וואָס דער אלטער האָט באקומען בעיערושע פון זײַן זיידן — איינעם פון די עלטסטע סטעפּ־טוישווים. נאָך אין די דרײַסיקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט איז ער געקומען אהער אף פּליטן מיטן וואסער אזש פון מײַרעוו־ווײַסרוסלאנד, געטריבן פון הונגער, מאגייפעס, רעקרוטשינע צום ווילדן ניט־באזעצטן סטעפּ.

די ערד, וואָס דעם אלטן דאָנדעס זיידע, דער עלטסטער סטעפּ־טוישעוו, האָט געקראָגן בא דער ערשטער פּארטיילונג, איז ביז איצט ניט צעברעקלט געוואָרן און האָט זיך צופעליק פארהיט גאנצערהייט. עטלעכע דוירעס נאָכאנאנד זײַנען בא די דאָנדעס געבוירן געוואָרן צו איין מאנצבל — א יוירעש — די איבעריקע קינדער זײַנען געווען מוידן און האָבן קיין רעכט אף באקומען ערד בעיערושע ניט געהאט. ערשט אין פערטן פּויערישן דאָר האָבן זיך באוויזן דרײַ יונגען, און דער פאָטער האָט זיך אָנגעהויבן באומרויקן, די זין זאָלן ניט צעטיילן די ערד. די ברידער האָבן אויך מוירע געהאט, עמעצער זאָל פריער ניט כאסענע האָבן און זאָל ניט צונעמען קיין בעסערן אָדער גרעסערן ביילעק.

א גאנצן וועג האָט יודע ניט אופגעהערט צו קוקן אף טאנכומען. לעבן דער פינפטער האָנע האָט ער גענומען פארקערעווען צום ווייצנפעלד און א פרעג געטאָן בא אים:

— ווּהין שפּאנסטו עס?

— קיין סאָנצעווע, — האָט טאנכום ניט גערן געענטפערט.

זינקענדיק מיט די שווארצע באָרוועסע פיס אין דעם הייס־אָנגעגליטן שטויב, האָט ער געשפּאנט ווײַטער.

סארא ווייץ ס'איז בא אים אויסגעוואקסן אף אונדזער ערד! — האָט טאנכום א טראכט געטאָן. — אוך! ווען דאָס זאָל אונדזערס זײַן.

---

[1] טויק — דאָס אָרט, ווו מ'דרעשט.

בא א מעזשע האָט ער אויסגעריסן א פּאָר זאנגען, צעריבן מיט די פינ־ גער, אראָפּגעבלאָזן די פּלאָווע און גענומען באטראכטן דעם ווייץ, שפּילנדיק זיך מיט די פולע קערנער, וואָס זיינען געלעגן אף דער האנט. א גאנצן וועג האָט ער אלץ געפּרוווט פארגלייכן די ארומיקע דעסיאטינעס מיט יודעס ווייצנ־ פעלד, ס'האָט זיך אים אלץ אויסגעדוכט, אז קיין בעסערן ווייץ געפינט ער ניט.

רונדארום איבערן סטעפּ האָבן גערוישט שניידמאשינעס. צעפּאליעטע פּויערטעס האָבן מיט הראבליעס, מיט ווילעס גיך־גיך נאָכגעיאָגט די כוואליעס אָפּגעשניטענע טוווע, וואָס האָבן זיך אויסגעלייגט אף די האָנעס.

מיט הארצווייטעק האָט ער א זאָג געטאָן:

— אָט דאָרט, אין טאָל, בא יודע פּיטראכן, איז אף אונדזער ערד אויס־ געוואקסן ווייץ... אוך, סארא ווייץ, אזא ווייץ וועט איר אין גאנצן סטעפּ ניט געפינען...

פּויערים האָבן אף אים אָנגעשטעלט די אויגן.

— א באלעבאָס האָט אלעמאָל מאזל.

זיי האָבן א ווײַלע געקוקט אף טאנכומען, ווי זיי וואָלטן מיטגעפילט זײַן פארדראָס, לעמיי בא יודען איז אף זײַן טאטנס ערד אויסגעוואקסן גוטער ווייץ. דערנאָך האָבן זיי גענומען כויזעקן.

— גייסט שוין ווײַטער ערגעץ, הא? וואָסער שעד טרײַבט דיך? אָט שלײַעט זיך ארום א יונג.

2

אין עטלעכע טעג ארום, אין רעכטן ברען פון שניט, האָט טאנכום זיך ווידער געוויזן אין דאָרף. עפּעס האָט אים געטריבן פון דאָרף און געצויגן צוריק אין דאָרף ארײַן. מיט א זײַטיקן סטעפּ־וועג, קיינעם ניט צו באגעג־ נען, האָט ער זיך דערקליבן צום טאטן אין שטיבל. ס'איז געווען נאָך האלבן טאָג.

דער אלטער מיט די זין זײַנען געזעסן ארום א גרויסער ליימענער שיסל און האָבן געזופּט א גרינעם שטשאווע־לנעם באָרשטש.

— זע, ער איז שוין ווײַטער דאָ, — האָט דער אלטער בייז א קוק געטאָן אף אים, — נו, נעם א לעפל און זעץ זיך.

די זין זײַנען געזעסן אײַנגעבויגן און האָבן געשטופּט די גרויסע היל־ צערנע לעפל אין שיסל ארײַן.

— וואָס קוקסטו? — האָט דער אלטער א ברום געטאָן. — אין אזא צײַט... אין ברען פון שניט, ווען מענטשן פארדינען, שלײַעט זיך עם ארום.

אָפּווישנדיק די געדיכטע, קאשטאנעווע, ערטערווײַז גראָוולעכע באָרד, האָט דער אלטער ווידער אָנגעהויבן דערציילן די מײַסע, וואָס די פּויערים האָבן זיך געשוואָרן, אז זי האָט פּאסירט טאקע בא זיי אין דאָרף.

די זין האָבן אלץ געקוקט אין שיסל ארײַן. זייערע ברוין־שווארצע פּע־

נעמער זײַנען געווען פֿאַרשוויצט. זיי האָבן געקוקט איינער אױפֿן אַנדערן, ווי זיי וואָלטן וועלן אָפּמעסטן, ווער עס קומט אָן מער פֿון דער שיסל.

— האַליטיינים, — האָט דער אַלטער אַ ברום געטאָן, — הערט, וואָס מע רעדט צו אײַך!

— ...אָט דאָ ניט ווײַט, — האָט דער אַלטער דערציילט, — האָט געוווינט מאַכע פּאַטיפּיטש. אַ מענטש, זאָגט מען, איז ער געווען אַ גוואַר, דער מאַלעך־האַמאָוועס אַליין האָט געמעגט פֿאַר אים ציטערן — אַזאַ גוואַר איז ער געווען. נאָר ווי ס׳פֿירט זיך, האָט ער שטאַרק געבידעוועט.

אַמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז ער האָט אָנגעקליבן געלט. איז ער אַוועקגעפֿאָרן אױף אַ יאַריד און האָט געקויפֿט אַ פֿערד. ניט קיין פֿערד איז דאָס געווען. נאָר אַ רועך, אַזוי האָט ער זיך געטראָגן. פֿאַר אַ בײַטש האָט ער מוירע געהאַט, ווי פֿאַר פֿײַער...

דער אַלטער דאָנדע האָט אָנגענומען אַ לעפֿל באָרשטש, אָפּגעבראָכן אַ שטיקל שוואַרץ קאָרנברויט, געגעסן און ווײַטער דערציילט, וויִאַזוי מאָכע פּאַטיפּיטש איז אַמאָל אַרויסגעפֿאָרן איז סטעפּ באַטראַכטן, ווי ס׳גיסן זיך אָן די זאַנגען אױף זײַן פֿעלד. מיטאַמאָל איז אױפֿן פֿעלד פֿינצטער געוואָרן, און מאָכע האָט אָנגעהויבן בלאָנדזשען.

...בלאָנדזשעט ער אַזוי און בלאָנדזשעט און דערזעט מיטאַמאָל, ווי אַ קײַלעכדיק שטיק פֿײַער איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון הימל און ס׳איז נאָך מער פֿינצטער געוואָרן. טראַכט ער זיך, עפּשער איז עס די זון אַראָפּגעפֿאַלן און דערפֿאַר איז אַזוי פֿינצטער און קאַלט? וואָס וועט איצט זײַן מיט אים, מיט זײַן פֿערד, מיט זײַן איין־און־איינציקער דעסיאַטינע ווייץ? ס׳וועט דאָך פֿאַרוויאַנעט ווערן אָן דער זון. פֿוילט ער זיך שוין ניט, שפּרינגט אַראָפּ פֿון וואָגן און לאָזט זיך גיין אָנטאַפּן די טוווע, צי זי וויאַנעט ניט. ערשט מיטאַמאָל גיט עס אַ שאָט פֿון הימל אַ האָגל פֿון גאָלד־גרײַפּעלעך אַזעלכע, ציט ער אויס די דלאָניע, כאַפּט אָן אַ הויפֿן גרײַפּעלעך און דערזעט, אַז ס׳איז גאָר גאָלד...

— גאָלד? — האָט עמעצער פֿון די זין איבערגעפֿרעגט. אין די אויגן באַ אים האָט אַ פֿײַערל אַ בלישטשע געטאָן. נאָר דער אַלטער האָט זיך צעבייזערט, לעמײַ מע האָט אים איבערגעשלאָגן.

— גאָלד, — האָט דער אַלטער נאָכאַמאָל איבערגעכאַזערט. — שיט זיך עס און שיט זיך דאָס גאָלד, און מאָכע פּאַטיפּיטש שטייט אַ פֿאַרזאָרגטער: ווי נעמט מען עס צונויף דאָס גאַנצע גאָלד? אין וואָס לייגט מען עס אַרײַן? טוט ער אויס דאָס העמד, די הויזן, דאָס היטל. ער וואַרפֿט אַרויס די שטרוי פֿון וואָגן. נאָר ער זעט אַליץ, אַז ס׳וועט ניט קלעקן. פֿאַלט אים אײַן אַ געדאַנק לויפֿן נאָך זעק... וואָס זאָל איך אײַך דערציילן? שפּרינגט ער אַרױף אױפֿן וואָגן, גיט אַ ציִ די לייצעס, און דאָס פֿערד גיט אַ טראָג, די ערד טרייסלט זיך אַזש. פֿאָרט ער און פֿאָרט אַזוי, מיטאַמאָל דערמאָנט ער זיך, אַז אַלע זײַנע דרײַ זעק זײַנען צעריסן. פֿאַלט אױף אים אָן אַ שרעק, עמעצער זאָל דערווײַל דאָס גאָלד ניט אויסכאַפּן. פֿאַרקערעוועט ער שוין צוריק, אָנשיטן כאָטש דערווײַל די הויזן, דאָס העמד, דאָס היטל, דעם וואָגן. ערשט ער פֿאָרט און פֿאָרט, פֿאָרט און פֿאָרט, און דאָס גאָלד איז גאָר ניטאָ. הייבט ער אָן שטאַרקער טרײַבן דאָס פֿערד. דאָס

פערד יאָגט און יאָגט, ביז ס'האָט זיך אוועקגעלייגט און געפּלאצט. איז מאָכע אראָפּגעקראָכן פונעם וואָגן און האָט גענומען וויינען...

— און ווו איז דאָס גאָלד אהינגעקומען? ער האָט עס טאקע ניט געפונען? — האָט טאנכום א פרעג געטאָן, און פון פארדראָס, וואָס מע האָט דאָס גאָלד ניט געפונען, איז בא אים אזש דער לעפל ארויסגעפאלן פון דער האנט.

— מע זאָגט, אז ס'איז זיך איבער די מעזשעס צעקראָכן, — האָט דער אלטער בערע א זאָג געטאָן מיט א קרעכץ, ווי ס'וואָלט אים אליין אויך פארדראָסן, לעמיי דאָס גאָלד איז פארפאלן געוואָרן.

בא טאנכומען האָבן דעם טאטנס מייסעס ארויסגערופן א נייגער. ער האָט שטענדיק ליב געהאט זיך פאנאנדערפרעגן וועגן די מייסעס, גלייך ער וואָלט געגלייבט, אז זיי זיינען טאקע אָף אן עמעס פאָרגעקומען.

— און ווי איז ער אליין אוועק? — האָט טאנכום נאָך א ווײַלע זיך גענומען פאנאנדערפרעגן.

— מע זאָגט, אז ער איז פון צאָרעס געשטאָרבן.

— האָט ער ניט געזאָלט לויפן נאָך זעק, — האָט אים עמעצער פון די ברידער אויסגעזידלט, — ס'קומט אים.

— א כאָליערע אָף אים, ער האָט ניט געקאָנט אָנעמען פריער פולע קעשענעס, א פול היטל און נאָכדעם פאָרן נאָך זעק...

— אוך! ווען איך האָב שוין אזויפיל גאָלד! — האָט עמעצער פון די ברידער אויסגעשריִען.

דער אלטער האָט נאָכאמאָל אָפּגעווישט די באָרד, ארומגעלעקט די נאסע וואָנצעס, א קער געגעבן דעם קאָפ צו דער אלטער. די אלטע איז געלעגן אין שטיבל און האָט די גאנצע צייט געקרעכצט.

— וואָס איז, פעלטע? וואָס ווילסטו?

די אלטע האָט געשוויגן.

— איר איז שלעכט, — האָט דער אלטער צו זיך א זאָג געטאָן, קוקנדיק אָף די זין, — וואָס ווילסטו, פעלטע?

דער אלטער האָט זיך אופגעהויבן און איז צוגעגאנגען צו איר בעט. איר פּאָנעם איז געווען אויסגעדארט. די הויט אָף דיביינער פארגעלט. די אויגן טיף ארייַנגעקראָכן אינעם צעקנייטשטן, אייַנגעשרומפּענעם פּאָנעם. זי האָט עפּעס א זאָג געטאָן בערען, נאָר ער האָט ניט געקאָנט פארשטיין. דער אלטער האָט קוים־קוים דערהערט, אז זי רופט די זין.

— טאנכום... זאווע־לייב...

בערע איז געבליבן שטיין און האָט געקוקט אָף דער אלטער, זי האָט ווידער שווער געקרעכצט.

אין שטיבל איז שוין געוואָרן טונקל. פונעם ווינקל האָט זיך ווען־ניט־ווען דערהערט אן אָפּגעריסענער קלאנג. די זין האָבן זיך עפּעס דורכגעוואָרפן מיט ווערטער און זייַנען איינער נאָכן אנדערן ארויס אין דרויסן.

אָף די הויפן האָבן געסקריפּעט די ברינעמער. פויערטעס האָבן צונויפגערופן די הינער אין הויף ארייַן. די הינט האָבן לאנג און פארצויגן געבילט, ווי זיי וואָלטן שפּירן ערגעץ אן אומגליק. די זשאבעס אינעם סטאוואָק האָבן

אומעטיק געקוואקעט, און אלץ האָט זיך אויסגעמישט מיט דער טונקלקייט פון דער נאכט און איז ערגעץ דערטרונקען געוואָרן אין דער ברייטקייט פונעם סטעפּ. א ווײַלע איז געוואָרן שטיל. פונעם שכייניש הויף האָט זיך מיטאמאָל דערהערט אן אומרויִק קאָל. א מענטש איז עפּעס ארומגעלאָפן צעטראָגן, האָט עפּעס געזוכט און מיט א ראכמאָנעסדיק קאָל געשריִען.

— ווער איז עס דאָרט? — האָט עמעצער פון די ברידער געפרעגט.

— גענדאליע! — האָט טאנכום א רוף געטאָן דעם שאָכן, — וואָס טראָגט דיך דאָרט ארום?

א צעשויבערטער פּויער, א דארער, א מיטלוווקסיקער, א באָרוועסער, אָן א היטל, מיט א קויטיק העמד איבער די הויזן, איז צוגעלאָפן צו די ברי־דער, פון אופרעגונג האָט ער זיך געטרייסלט און געשטאמלט:

— די... די... ש־ק־ק־א־פּע איז ניט געוואָרן... א ג־ג־גאנעוו...

— שוין ווידער א גאנעוו? — האָט ראכמיִעל זיך געקאסט. — ער האָט זיך שוין ווידער באוויזן?

— באנאכט, פון שטאל ארויסגעפירט, — האָט גענדאליע עטוואָס רויִקער געענטפערט, — זי גייט דאָך קיינמאָל ווײַטער פון מײַן הויף ניט ארויס. זי איז דאָך צוגעוווינט צו מײַן הויף, ווי א קינד...

גענדאליע איז געשטאנען א ווײַלע און איז ווידער א צעטראָגענער אוועק־געלאָפן זוכן זײַן שקאפּע. ראכמיִעל מיט זאוועל־לייבן האָבן זיך אומגעקערט אין שטיבל, נאָר טאנכום איז אוועק אהין, וווּ גענדאליע איז אוועקגעלאָפן. ער האָט זיך עפּעס ארומגעדרייט איבער די הויפן און שפּעט באנאכט זיך אומגעקערט אהיים.

די זין האָבן זיך געלייגט שלאָפן. געשלאָפן זײַנען זיי פון קליינוויײַז אויף אלע אין איין בעט. אומקערנדיק זיך פון די הויפן, האָט טאנכום זיך אנידער־געלייגט לעבן די ברידער. דער אלטער איז געלעגן מיט האלב־אָפענע אויגן און האָט זיך געוואָרפן פון איין זײַט אף דער צווייטער, ווי פון א בייזן כאָלעם.

אין דרויסן האָבן די הינט אינמיטן נאכט מיטאמאָל גענומען בילן. דעם אלטן איז געוואָרן סומנע. איז ער אראָפּגעקראָכן פונעם בעט און האָט איבער־געקערט א שטיוול — א טרופּע קעגן אן אומגליק. נאָכדעם איז ער צוגעגאנ־גען צו דער אלטער און האָט זיך גענומען אײַנהערן, צי זי אָטעמט.

— פּעלטע... פּעלטע... ווי איז דיר, פּעלטע?

די אלטע האָט געשוויגן, און בערע האָט מיט אן אומרויִק קאָל שטארקער גענומען וועקן.

—פּעלטע... פּעלטע...

ער האָט ארופגעלייגט די האנט אף איר שטערן און א טאפּ געטאָן. א שוידער איז אים דורכגעלאָפן איבערן לײַב. פון שרעק האָט זיך בא אים ארויסגעריסן א געשריי:

— קינדער, די מאמע!..

די הינט האָבן נאָך אומעטיקער געוווּעט. דער אלטער האָט, שארנדיק מיט די הענט איבערן קערפּער, אָנגעטאפּט די פּיס.

— זי איז שוין טויט, — האָט ער מיט א ציטער צו זיך געזאָגט.

ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר די רייד האָבן זיך בא אים אין מויל פון שרעק און פון הארצקלעמעניש געברעקלט. אין האלדז האָבן זיך געוואָרגן קלאנגען, נאָר קיין ווערטער זײַנען ניט ארויסגעקומען. ער איז לאנג געשטאַנען לעבן בעט א פארגליווערטער. אין דרויסן האָט שוין אָנגעהויבן גרויען אַף טאָג. די הענער האָבן זיך צעקרייעט. דער אלטער איז צוגעגאנגען צו די זין און זיי געגומען וועקן.

— טאנכום... ראכמיִעל... זאווע־לייב...

— וואָסי?

— ראכמיִעל... זאווע־לייב...

די זין האָבן זיך מיטאמאָל אופגעכאפּט, ווי זיי וואָלטן דערשפּירט אן אומגליק. דער אלטער האָט מיט א פארקרימט און פארצאָרנט פּאָנעם אַף זיי געקוקט און לאנג ניט געקאָנט ארויסברענגען קיין וואָרט.

טרערן האָבן זיך באוויזן אין זײַנע בלויע, האלב־אויסגעלאָשענע אויגן.

3

באטאָג זײַנען אין שטיבל געקומען עטלעכע פּויערים. זיי האָבן אָפּגעמאָסטן מיט א שטריקל דעם בארמינען, האָבן אויסגעזוכט א פּאָר ברעטער אַף ארײַנצולייגן דעם מעס אין קייווער ארײַן, נאָכדעם האָבן א פּאָר ווײַבער ארומגעוואַשן דעם בארמינען, מע האָט אים אוועקגעלייגט אַף דער מיטע און אוועקגעטראָגן.

דער אלטער און די זין זײַנען מיט ארויפגעלאָזטע קעפּ געגאנגען נאָך דער לעווײַע. דער אלטער האָט זיך לאנג ארײַנגעקוקט אין דער שווארצער פרישער ערד פונעם קייווער, דערנאָך האָט ער א פארטראכטער שווער און פּאמעלעך צונויפגעשארט מיטן פוס דאָס קופּקעלע ערד, ווי מע שארט צונויף די ערד ארום א קוסט, וואָס דארף נאָך וואקסן. ער האָט א ווונק געטאָן צו די זין, זיי זאָלן זאָגן קאדעש. די זין זײַנען געוועזן שטומפּיק אין דער איוורע, יעדער האָט געוואָרט, אז א צווייטער זאָל אָנהייבן, און ער זאָל קאָנען נאָכזאָגן. זיי האָבן געקוקט איינער אפן אנדערן, ביז טאנכום האָט אָנגעהויבן.

טאנכום האָט געקוקט אין סידער און האָט שווער געלייענט. די ברידער האָבן, אונטערכאפּנדיק אָפּגעריסענע זאצן, נאָכגעזאָגט האלבע, פארדרייטע ווערטער. נאָכן קאדעש זײַנען זיי פארמאטערטע אוועק מיטן פּאָטער אהיים.

ארײַנגייענדיק אין שטיבל, האָבן זיי זיך ארומגעקוקט. דער אלטער האָט אויסגעטאָן די שטיוול און האָט זיך געזעצט אַף דער ערד אין א ווינקעלע.

— וואָס שטייט איר? — האָט ער אין א ווײַלע ארום א זאָג געטאָן.

די זין האָבן אויך אויסגעטאָן די שטיוול און האָבן זיך אוועקגעזעצט לעבן טאטן.

דער פּאָטער האָט מיט א פארטײַעטן בליק געקוקט אַף די זין און לאנג געשוויגן.

— געשטאָרבן און גאָר... — האָט ער אין א ווײַלע ארום געזאָגט, מיט הארצווייטעק קוקנדיק אף דעם אָרט, וווּ די אלטע איז געלעגן. דער ווייטעק האָט אין אים איצט אופגעוועקט א שווער געפיל, אז די זין וועלן כאסענע האָבן, וועלן צעשלעפּן די שטיקלעך ערד, וועלן זיך צעגיין און אים לאָזן איינעם אליין.

א פארסאָפּעטער, אָן א פּידזשאק האָט זיך אין שטוב ארײַנגעריסן יודע פּייטראך. זײַן שווארצע באָרד איז געווען צעשויבערט. די קליינע שווארצע אויגן זײַנען ארומגעלאָפן.

— וואָס האָט איר זיך צעזעצט, פּויליאקעס מיִעסע! — האָט ער אפן גאנצן קאָל געשריִען. — אפן סטעפּ ברענט, און זיי זיצן גאָר.

— רעב יודע, — האָט דער אלטער, אופהייבנדיק דעם קאָפּ, מיט א פארשטיקט קאָל עפּעס אָנגעהויבן זאָגן. נאָר דער באלעבאָס האָט אים איבערגעשלאָגן.

— אלץ טערוצים, אבי ניט טאָן...

— זי איז באנאכט געשטאָרבן, — האָט דער אלטער מיט א פארשטיקט קאָל גענומען ריידן.

— דארף זיך די טווע שיטן?.. א באלאָנעס, לאָזן א סטעפּ און אוועקגיין...

— רעב יודע... רעב יודע... מיר זײַנען דאָך ערשט פונעם קייווער געקומען... איר האָט דאָך עפּעס א מענטשלעך הארץ...

— טערוצים וועט איר שטענדיק געפינען... אומזיסט וועל איך צאָלן?..

באם באלעבאָס איז דאָס פּאָנעם געוואָרן שטרענג, און ער האָט א געשריי געטאָן:

— גייט איר ניט אפן סטעפּ, מעגט איר גאָר מער ניט קומען. מענטשן בעטן זיך בא מיר...

די זין האָבן זיך איבערגעקוקט, נאָכדעם האָבן זיי זיך אופגעהויבן און זײַנען אוועק מיטן באלעבאָס. דער פאָטער מיט טאנכומען זײַנען געבליבן זיצן. ער האָט געקוקט אף טאנכומען, געבורטשעט, אופהייבנדיק אלץ העכער דאָס קאָל:

— איך האָב שוין גאָר קיין דייע ניט אף מײַנע זין... פאר אים האָב איך זיי אויסגעהאָדעוועט... א טשומא זאָל זיך אף אים ארופכאַפּן!

דער ווייטעק איז באם אלטן אריבער אין קאס. ער האָט זיך א קער געטאָן צו טאנכומען. טאנכום איז געזעסן שטיל און האָט וועגן עפּעס געטראכט.

דעם אלטן איז שוין לאנג פארדעכטיק געווען טאנכומס פּלוצעמדיק אָפּט אוועקגיין פון שטוב און זײַן אומגעריכט צוריקקומען.

דער אלטער האָט געוואָלט מיט אים ריידן. נאָר קיין שמועס האָט זיך בא זיי ניט געבונדן. זיי האָבן געגרעדט ווי צוויי ברויגעזע, וואָס ווילן זיך איבערבעטן, און יעדערער ווארט, דער צווייטער זאָל אָנהייבן.

— בא געדאליע רײַטשוקן האָט מען די שקאפּע געגאנוועט, — האָט טאנכום א זאָג געטאָן צום פאָטער.

— כ'האָב מײַנע צאָרעס, — האָט דער אַלטער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן און נאָכדעם איבערגעפרעגט:
— באַ געדאַליען, זאָגסטו?.. דערפאַר האָבן עס אַ גאַנצע נאַכט די הינט געהאַווקעט. כ'האָב אַ גאַנצע נאַכט קיין אויג ניט צוגעמאַכט. אַ גאַנעוו, זאָגסטו, איז געווען?
— ווידער אַ גאַנעוו, — האָט זיך טאַנכום מיטאַמאָל צערעדט און זיך אַרומגעקוקט, — וואָס איז געוואָרן מיט יענעם גאַנעוו, וואָס כ'האָב יעמלט געכאַפּט?
דער אַלטער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. נאָר טאַנכום האָט אין אַ ווײַלע אַרום נאָכאַמאָל געפרעגט וועגן דעם גאַנעוו.
— וואָס גייט דיר דער גאַנעוו פון קאָפּ ניט אַרויס? — האָט דער אַלטער געבורטשעט.
— גלאַט אַזוי, מע טאָר ניט פרעגן? — ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן און ווידעראַמאָל איבערגעפרעגט: — מע הערט גאָרניט פון אים?
— וואָס פּלוידערסטו אַלץ וועגן דעם גאַנעוו? — האָט דער אַלטער זיך אָנגעהויבן בייזערן. — אַ יונג זיצט שיווע נאָך אַ מאַמען און רעדט אַלץ וועגן אַ גאַנעוו... ברעכט ער דעם קאָפּ, דער גאַנעוו!
— דער שוליץ[1] האָט זיך גאָר ניט נאָכגעפרעגט, ווען איך בין אַוועקגעגאַנגען? קיינער איז אַהער ניט געקומען פרעגן? — איז טאַנכום מיט אַ באַהאַלטענעם אומרו צוגעשטאַנען צום פאָטער.
דער אַלטער איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און האָט גאָרניש געענטפערט.

4

טאַנכום דאָנדע איז אַרויס פונעם שטיבל און זיך געלאָזט גיין צום פּריקאַז[2].
ס'האָט אים נאָך אַלץ געצויגן אַהין. ער איז פון פריִער געוווינט געווען גאַנצפרי אויפשטיין, אַוועקלויפן צום פּריקאַז, זיך אַוועקזעצן אַף דער שוועל און, וואַרטנדיק אַפן שוליץ, באַטראַכטן די גרינע בלעכענע הענער, וואָס זײַנען געשטאַנען אַף דער רינווע פון דער איינציקער מיט בלעך געדעקטער שטוב. ער האָט דעמלט געטראָגן אַ בלעכל אַף דער ברוסט און איז געווען אַ סאָטסקע אין פּריקאַז.
זינט ער איז שטילערהייט אַוועק פונעם דאָרף, איז ער נאָך ביז איצט אין פּריקאַז ניט געווען. צוגייענדיק אַהין, האָט ער דערפילט עפּעס אַן אומרו.

---

[1] שוליץ — סטאַראָסטע. דער עלטסטער פונעם אַמאָליקן דאָרף.
[2] פּריקאַז האָט געהייסן דער אַנשטאַלט, וואָס פלעגט צונויפקלײַבן די שטײַערן און אָנפירן מיטן דאָרף.

די שרעק, וואָס האָט אים נאָכגעיאָגט פון איין אָרט אפן צווייטן, האָט זיך פּלוצעם אין אים אופגעוועקט. ס'האָט אים אָנגעהויבן פּאַרדריסן, לעמיי ער האָט זיך אהער אומגעקערט. ס'איז אים איינגעפאַלן צו אַנטלויפן ערגעץ ווייט און זיך צו באַזעצן צווישן פרעמדע, אומבאַקאַנטע מענטשן.

דער שולץ איז פון ערגעץ אָנגעלאָפן א פּאַרהאַוועטער. דער גרויער פּאַ־רוסינענער זשאַקעט איז אף אים געווען צעשפּיליעט. זיין קיילעכדיק ווייס פּאָנעם — אָנגעזעצט מיט געדיכטע טראָפּנס שווייס. די ווייסע ברעמען אָנגע־שטרענגט, די ברילן עטוואָס אראָפּגערוקט.

דערזעענדיק דעם געוועזענעם סאָטסקע, האָט זיך דער שולץ צו אים א קער געטאָן:

— ביסט שוין געקומען? ווו ביסטו עס אויסגעווען?

דער שולץ האָט ניט געוואַרט אף קיין ענטפער און איז גיך אריין אינעם פּריקאַז. טאַנכום איז נאָכגעגאַנגען נאָך אים. פּאַרזיכטיק, גייענדיק אף די שפּיץ פינגער, איז ער אריין אין פּריקאַז און גענומען באַטראַכטן די אויס־געקלעפּטע, פון אַלטקייט פּאַרגעלטע, פון פליגן־קויט צעפּינטלטע מעלדונגען, באַפעלן, פּלאַקאַטן, וואָס זיינען יאָרנלאַנג געהאַנגען אף די ווענט און זיינען איבערגעגאַנגען פון איין שולץ צום צווייטן. טאַנכום האָט שטילערהייט, ווי צום ערשטן מאָל, איבערגעלייענט די אַלטע באַפעלן וועגן פּריזיוון, מאָבילי־זאַציעס, אוקאַזן וועגן שטייערן און מעלדונגען מיקויעך אָנשטעקנדיקע פּערדקרענק...

אף איינעם אַן אַלטן פּלאַקאַט זיינען געווען אויסגעמאָלט צוויי ראָבע בע־היימעס מיט פולע אייטערס.

— אָט דאָס זיינען בעהיימעס! — האָט טאַנכום א טראַכט געטאָן און גענומען טאַפּן מיט די פינגער די אייטערס, ווי זיי וואָלטן זיך אף אַן עמעס מעלקן.

טאַנכום האָט מיטאַמאָל באַמערקט, אַז דער שולץ קוקט אף אים בייז. די גרויע געדיכטע ברעמען שטעלן זיך אוף, דאָס שפּיציקע בערדל וועט באַלד אופשפּרינגען, און ער וועט זיך צעשרייען. טאַנכום איז צוגעגאַנגען אף די שפּיץ פינגער צום טיש און דערלאַנגט דעם שולץ דעם טינטער.

זייענדיק א סאָטסקע, האָט ער זיך אויסגעלערנט פּאַרשטיין יעדן ווונק פונעם שולץ. ער האָט געוווּסט, אַז דער שולץ קאָן ניט לעבן, ער זאָל צו עמעצן ניט אויסלאָזן דאָס ביסל גאַל, וואָס קלייבט זיך בא אים אָן פּאַרן טאָג; ווי א שטשור, האָט ער געדאַרפט, דער שולץ, שטענדיק אָן עפּעס שאַרפן די ציין. האָט ער געשאַרפט די ציין אָנעם סאָטסקע, קעדיי נאָכדעם זידלען די פּויערים, לעמיי זיי צאָלן ניט קיין שטייערן צו דער צייט און טראָגן ניט אריין די שטראָפן פאַר סטעפּ־העזייקעס.

— כ'וועל די הענט אָפּהאַקן... ווער נעמט עס דעם טינטער פונעם טיש? — האָט דער שולץ פּלוצעם גענומען זידלען טאַנכומען. טאַנכום האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט אָפּגעגעבן דעם שולץ גערעכט. ער האָט אָפּגעוואַרט, ביז דער שולץ וועט זיך באַרויקן, נאָכדעם מיט כניפע גענומען ריידן:

— אוואדע, וואָס דען? מע האלט אין איין שלעפּן. וואָס מע שטעלט אוועק, שלעפּט מען...

דער שולץ האָט זיך געבייזערט אפן יונג און אים געזידלט. דער יונג האָט גוטמוטיק געלאכט, פאַנאַנדערגעעפנט די גראָבע פליישיקע ליפּן, ווי ס'וואָלט אים געווען צום הארצן, וואָס דער שולץ זידלט אים. אָט דאָ, מעגלעך, ארום דעם שולץ, האָט זיך אויסגעקנאָטן טאנכומס כאראקטער. גאָר אן אנדערער, ווי באַ זײַנע ברידער, א שטילער, מיט א פארבאָרגן גענגעלע, אין זיך א פארשלאָסענער. קיינער האָט קיינמאָל ניט געוווּסט, צי איז ער א גוטער צי א שלעכטער, א פריילעכער צי אן אומעטיקער.

טאנכום איז געשטאנען ארום דעם שולץ, ווי ער וואָלט געווארט, מע זאָל אים עפּעס זאָגן. דער שולץ האָט געבלעטערט די לאנגע ביכער, גערעכנט די שטײַערן, וואָס די פּויערים זײַנען שולדיק, און זיך געזידלט אף א קאָל.

א פארסאָפּעטער, מיט א בלייך צעשויבערט פּאָנעם, איז אין פּריקאַז ארײַנגעלאָפן געדאליע רײַטשוק. ער האָט מיט צעדולטע אויגן א קוק געגעבן אף טאנכומען, האסטיק זיך א לאָז געטאָן צו אים, ווי ער וואָלט אים געוואָלט עפּעס זאָגן. אָבער באלד איז ער צוגעלאָפן צום שולץ.

— רעב שעפּע, — האָט ער אָנגעהויבן מיט א ראכמאָנעסדיק קאָל, האלטנדיק זיך באַ דער צעכראסטעטער האָריקער ברוסט, — איך בין אויסגעלאָפן, ווי די וועלט האָט אן עק, ווי האָב איך זי נאָר ניט ארומגעזוכט? און ניטאָ...

— ס'קומט אײַך, ס'איז נאָך ווייניק, מ'האָט דיך געמעגט ארויסגאנווענען איניינעם מיט דײַן שקאפּע, — האָט דער שולץ זיך ארופגעוואָרפן אף אים און זיך פארהוסט, — וויפל מאָל וועסטו נאָך צו מיר לויפן?

— איך האָב דאָך מער ניט ווי די שקאפּע... איין אויג אין קאָפּ. מ'האָט דאָך מיך געקוילעט אָן א מעסער, דער סטעפּ שיט זיך, כאָטש שפּאַן זיך אליין אײַן. כ'וועל דאָך בלײַבן אָן א שטיקל ברויט.

— וואָס זשע ווילסטו? — האָט אים דער שולץ שטרענג איבערגעשלאָגן.

באַ געדאליען האָבן פון אופרעגונג זיך גענומען ברעקלען די רייד אין מויל.

— וו־וו־אָס, וו־וו־אָס ז־זאָל איך... איך ט־ט־אָן?

— ווערט געהארגעט! איך דארף נאָכקוקן נאָך אײַערע פערד? אָט האָב איך דאָ אנומלט געכאפּט א גאנעוו. זאָל איך וויסן, אז עס וועט זיך באלד א צווייטער באווײַזן? — האָט דער שולץ, קלאפּנדיק אין טיש, געשריִען און שטרענג א קוק געגעבן אף טאנכומען.

דעם שולצס בליק האָט טאנכומען צעטומלט. געדאליעס קליינינקע שווארצע אויגן זײַנען צעשראָקן ארומגעלאָפן. ער האָט ארויסגעלאָזט פון מויל עפּעס א פּאָר זינלאָזע קלאנגען און האָט זיך ווײַטער געלאָזט לויפן זוכן זײַן איינציקע שקאפּע. טאנכום איז ארויס פונעם פּריקאַז. ער האָט געוואָלט דעריאָגן געדאליען. די יעדיִע וועגן דעם, אז אין דאָרף האָט זיך באוויזן א גאנעוו, האָט אים מוירעדיק צעטומלט. ער איז אומיסטן ארײַנגעגאנגען אהער אין פּריקאַז, טאָמער וועט ער דאָ עפּעס געוווירע ווערן.

— א סימען, אז ניר לעבט גאָר, עפּשער טאקע יענער גאנעוו, — האָט אים

געקלאַפּט אין קאָפּ א געדאַנק, — ער קאָן זיך נאָך באַווײַזן, אַלץ אויסזאָגן, און איך בין פאַרפאַלן. — ער האָט גענומען אימפּעטדיקער נאָכיאָגן גדאַליען.

די מײַסע מיט יענעם גאַנעוו, וואָס האָט אַרויסגערופן אומרו און שרעק בײַ טאַנכומען, איז געווען אַזוי:

צוריק מיט אַ צײַט האָט זיך אין די שטאַרק פינצטערע נעכט פאַרנאַדיעט עפּעס אַ נעפּעש, וואָס פלעגט דורכברעכן ווענט, אופרײַסן טירן פון שטאַלן, אַרויספירן פערד, באַנעמען הײַזער — און ניט ווערן. באַלעבאַטים האָבן געזוכט דעם גאַנעוו, געוואָרפן אױף קאָרטן, געקוקט שפּעט באַנאַכט קעגן ליכט אין שפּיגלען, עפּשער וועט ער זיך ווײַזן. די באַלעבאַטים זײַנען אויסגעלאָפן מערק, יאַרידים פון דער געגנט, אויסגעפרעגט מענטשן אונטערוועגנס, אָבער דער העזעק האָט זיך ניט אומגעקערט, דער גאַנעוו האָט זיך ניט געפונען. ס'איז דורכגעגאַנגען אַ שטיקל צײַט, און דער גאַנעוו האָט זיך ווידער אַרײַנגעכאַפּט צו אַ צווייטן פויער, צו אַ דריטן, צו אַ פערטן.

דער גאַנעוו, אַ כיטרער, אַ געניטער, האָט נאָכגעקוקט נאָך די פויערים און פלעגט זיך באַווײַזן אין דער פּאַסיקער שאָ. ער האָט געשיקט און רויִק אָפּגעטאָן זײַן אַרבעט. ווען מען האָט אים זײַנען אין דאָרף אומגעגאַנגען אַ סאַך קלאַנגען. מ'האָט אים גענומען באַכשפירן. מ'איז אויסגעפאָרן אַלע באַלקעס, אויסגעקראָכן אַלע לעכער, און אַ נאָך פאַרדעכטיקע האָט מען געשלאָגן ביז טויט, אָבער דער גאַנעוו איז זיך ערגעץ פראַנק־און־פרײַ אַרומגעגאַנגען. מענטשן האָבן זיך אומגעטראָגן מיט משׂרלעך, וואָס דער גאַנעוו האָט איבערגעלאָזט, מיט שאַכטלעך שוועבעלעך, מיט העק, מיט שליסלען, מ'האָט דאָס באַטראַכט פון אַלע זײַטן, באַטאַפּט ווי קישעף־זאַכן.

— אָט דאָס האָט ער אַליין געהאַלטן מיט זײַן האַנט. אָט ווען מיר כאַפּן אים באַם הענטעלע, וואָלט ער שוין קיין גאַנצער ניט אַרויס.

צו שפּעקע שולץ זײַנען דערגאַנגען קלאַנגען, אַז דער גאַנעוו איז אַ היימישער און באַהאַלט זיך אויס דאָ אינעם דאָרף. ווער ס'האָט געהאַט העזייקעס פון גאַנעוו און ווער ניט — אַלע האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן זוכן.

אָנגעהערט זיך פון קליינוויײַז אױף מיט מײַסעס, האָט טאַנכום ליב געהאַט אַרומקריכן אין היילן, אין אַלע לעכער, אַרײַנקוקן אין יעדן שפּעלטעלע. ווען באַם פאָטער זײַנען אוועקגעפיגערט די פערד און ער, טאַנכום, איז אוועק דינען פאַר אַ סאָטסקע, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן זוכן די העזייקעס, וואָס זײַנען אינעם דאָרף פאָרגעקומען. ער איז אַרומגעקראָכן אַזוי לאַנג, ביז ער האָט איינמאָל אין אַ לאָך פון אַ כאָרעוו־געוואָרענעם קעלער דערטאַפּט עפּעס אַן אומבאַקאַנטן פאַרשוין. און איידער יענער האָט באַוויזן אַ שפּרונג טאָן, האָט ער אים שוין אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ. מיטן ערשטן כאַפּ האָט טאַנכום דערשפּירט עפּעס וואָגיקס בײַ אים אין היטל. ער האָט עס אַ שלעפּ געטאָן. אָבער יענער האָט מיט איין האַנט צוגעהאַלטן דאָס היטל און מיט דער צווייטער האַנט אַרויסגעשלעפּט פון דער כאָליעווע אַ מעסער. טאַנכום האָט אָנגעכאַפּט דעם גאַנעווס האַנט, אַרויסגעשלאָגן דעם מעסער און מיט אַלע קויכעס געזעצט דעם גאַנעוו איבערן קאָפּ. דער גאַנעוו איז אומגעפאַלן, און טאַנכום האָט אים

ארַאפּגעריסן פונעם קאָפּ דאָס היטל. דער גאַנעוו האָט אופגעהויבן א ווילדן גוואַלד:

— גיב אָפּ דאָס היטל! איַי, איַי, דאָס היטל גיב אָפּ!

טאַנכום האָט אראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס רעקל, פאַרשטיקט דעם גאַנעוו דאָס מויל, און אליין אופגעהויבן א גוואַלד:

— ראַטעוועט! כ'האָב געכאַפּט דעם גאַנעוו!

ניט וויַיט פון דער כורווע האָט זיך פונקט אר[illegible]מגעדרייט ראַכמיִעל. ער האָט זיך געלאָזט לויפן אהין, פונוואַנען דאָס געשריי [illegible] איז געגאַנגען.

— ראַטעוועט! — האָט ראַכמיִעל א דערשראָקענע[illegible]ר גענומען ליאַרעמען און איז אריַינגעלאָפן אין דער כורווע.

— כ'האָב געכאַפּט דעם גאַנעוו, לויף, רוף מענ[illegible]טשן זאָלן קומען, — האָט טאַנכום, דערזעענדיק דעם ברודער, א פאַרסאָפּע[illegible]טער געשריִען, צוהאַלטנדיק דעם גאַנעוו מיט א קני און מיט די הענט.

ראַכמיִעל איז ארויסגעלאָפן, האָט זיך א לא[illegible]ז געגעבן איבער די הויפן:

— טאַנכום האָט דעם גאַנעוו געפּאַקט! אָ[illegible] אָ, — האָט ער, קוים כאַפּנדיק דעם אָטעם, געוויזן אָפּ דער כורווע.

מיט שטעקנס, מיט ווילעם האָבן זיך פון אַל[illegible]ע זיַיטן א לאָז געטאָן פויערים, פויערטעס, קינדער. א צעבייַלטן, א צער[illegible]ארגעטן האָבן די פויערים ארויסגעשלעפּט דעם גאַנעוו פון דער כורווע.

— מיַין פערד ווו איז? א פעגירע אָפּ ד[illegible]! — האָט א געזונטער פויער מיט אלע קויכעס א פּאָר מאָל ארַאפּגעלאָזט [illegible] אָפּ אים דעם שטעקן.

— איַי־איַי, אין היטעלע! [illegible] אין היטעלע! — האָט דער גאַנעוו, דרייענדיק זיך פון קלעפּ, געשריִען.

די שטעקנס האָ[illegible] פון אלע זיַיטן זיך געלייגט אָפּ זיַין לייַב.

— וווּ איז מיַין בולאַנער? — האָט א באָרוועסער פויער געשריִען. — וווּ איז ער, [illegible]! א דונער זאָל דיך דערשלאָגן!

— איַי־איי, אין היטעלע!

— וווּ איז מיַין הניאַדע? — האָט געטיַינעט א נידעריקע, גראָבע פויערטע.

— איַי־איַי, אין היטעלע!

וואָס שטאַרקער דער גאַנעוו האָט געשריִען וועגן היטעלע, אלץ אימפּעטדיקער האָט אים טאַנכום געשלאָגן.

— וועסט געדענקען ווי צו גאַנווענען, וועסט געדענקען! דערלאַנגט אים! — האָט טאַנכום צוגעגעבן כיישעק.

ווען מע האָט דער[illegible]ראַכט אין פּריקאַז, איז ער געפאַלן צו דער ערד, נאָר ער האָט [illegible]יען וועגן דעם היטעלע. אָפּ מאָרגן איז פּלוצעם דער גאַנעוו ניט געוו[illegible]. קיינער האָט ניט געוווּסט, צי ער איז אויסגעגאַנגען ערגעץ פון די קלעפּ, צי ער דרייט זיך ערגעץ ארום. טאַנכום איז א פּאָר טעג פול מיט אומרו ארומגעגאַנגען אין דאָרף, דערנאָך איז ער אוועק אין כוטאָר ארבעטן בא באַלעבאַטים, קעדיי צו פּאַרווישן די שפּורן פון דעם צוגערויבטן גוטס, וואָס איז געווען אינעם גאַנעווס היטעלע.

5

שפּעט אין אָוונט איז ראַכמיִעל ארויסגעגאנגען פון יודע פּייטראַכס הויף. ער איז לאנג געשטאַנען ארום טויער, ארומגעקוקט זיך און אָפּגעוואַרט פריידלען. אפן אויסגעשפּרייטן טויק האָבן וועןֿ־ניט־וועןֿ א שורשע געגעבן די זאַנגען. ראַכמיִעלן האָט זיך אויסגעדוכט, אז עמעצער גייט דאָרט ארום. ער האָט אלע ווײַלע א קוק געטאָן אפן הויכן וואָרעך[1], אפן טויק, אף דער צעשויבערטער, פרישער, ערשט אראָפּגענומענער סטערטע שטרוי, צי שלײַעט זיך דאָרט ניט ארום קיין פארבלאָנדזשעטע בעהיימע.

א ווייכער וואַרעמער אָוונט האָט זיך שטיל געוויגט איבערן דאָרף. בא די ראַנדן פונעם טונקעלן הימל האָבן זיך שטיל און פּאַמעלעך אויסגעלאָשן די לעצטע פּורפּור־פלעקן פון דער פארגייענדיקער זון. א שטילער זומערדיקער סטעפּ־ווינט האָט געטראָגן א רייעך פון איבערגעצײַטיקטן ווייץ, פון רײַף־ווערנדיקע פרוכטן אין די סעדער. ראַכמיִעל האָט געוואָלט פארקערעווען צוריק אין הויף ארײַן, און פּלוצעם האָט עפּעס א ווײַסער פלעק זיך דורכגעטראָגן פאַר זײַנע אויגן. דאָס האַרץ האָט אים א ציטער געטאָן. פון דערבײַיִקן הויף איז ארויס פריידל. זי איז שטיל צוגעגאנגען צו אים. אף איר דאַרן, בלייכן פּאָנעם האָט זיך באַוויזן א פארשעמטער שמייכל.

— וואָס דרייסטו זיך דאָ ארום?

ראַכמיִעלס בלויע אויגן האָבן א בלישטשע געטאָן. ער האָט געוואָלט זאָגן, אז ער וואַרט אף איר, נאָר די ווערטער האָבן זיך פּלוצעם פארהאַלטן אין האַלדז.

— דער באלעבאָס דארף באלד ארויס, — האָט ער אין א ווײַלע ארום א זאָג געטאָן שטיל, — ער האָט מיר געהייסן באַנאַכט בלײַבן אפן טויק.

— וואָסי?

— מ'דאַרף דעם וואָרעך היטן, קום צוזאַמען אפן טויק. קום...

ראַכמיִעל האָט זי לײַכט אָנגענומען בא דער האַנט, דאָס בלוט האָט אים א קלאַפּ געגעבן אין די שלייפן, אין לײַב איז אים געוואָרן וואַרעם. די געדאַנקען, וואָס האָבן א גאַנצן טאָג אין קאָפּ ארומגעבלאָנקעט, האָבן זיך פּלוצעם אויסגעמישט. ער האָט הײַנט געוואָלט מיט איר ריידן וועגן דער כאַסענע, נאָר ער האָט ניט געקאָנט באַשליסן, צי זאָל ער פריִער זאָגן איר צי פריִער ריידן מיטן פאָטער.

דערהערנדיק א שעפּטשעניש אין הויף, איז א באָרוועסער, אָן א היטל ארויסגעלאָפן פון שטוב יודע פּייטראַך. ער האָט זיך ארומגעדרייט, איז צוגעגאַנגען צום וואָרעך, צו דער סטערטע און האָט גענומען רופן:

— ראַכמיִעל, א, ראַכמיִעל! ווו דרייסטו זיך ארום?

נאָר ראַכמיִעל האָט געוווּנקען פריידלען, זי זאָל צוּוואַרטן, ער האָט זיך דורכגעגאַנוועט דורכן שאָכנס הויף און איז פארבײַ דער קלוניע צוגעגאַנגען צו יודע פּייטראַכס שטוב.

---

[1] וואָרעך — א קופּע אָנגעדראָשענע טווּע מיט פּאָלאָווע צוזאַמען.

— ווּ דרייסטו זיך ארום? — האָט דער באַלעבאָס א צעקאסטעטער א געשריי געטאָן. — אוך, א פּגירע אויף דיר! ווי מע קאָן זיך עס אויף דיר ניט פאַר־לאָזן...

יודעס בייז, צערייצט קאָל האָט ווײַט אָפּגעקלונגען אינעם טונקעלן אָוונטיקן סטעפּ. הינט אויף די פרישע סטערטעס שטרוי האָבן זיך אופגעכאַפּט, פּאַריסן די מאָרדעס, זיך אויסגעהאַווקעט און זײַנען ווידער אײַנגעשלאָפן, אוועקלייגנ־דיק די קעפּ צווישן די לאַפּעס.

פריידל איז אַרײַן אין שכייניש הויף. זי האָט זיך אוועקגעזעצט אויף דער פּריזבע און האָט לאַנג מיט די אויגן געזוכט ראַכמיִעלן. דער באַלעבאָס האָט זיך אויסגעבייזערט און איז אוועק אין שטוב. ראַכמיִעל איז געזעסן א ווײַלע אפן וואָרעך, דערנאָך איז ער אויף די ציפּקעלעך צוגעגאַנגען צו דער שטוב און האָט זיך אײַנגעהערט, צי דער באַלעבאָס שלאָפט שוין.

פריידל איז האַסטיק אופגעשטאַנען פון דער פּריזבע און האָט זיך לײַכט א טראָג געטאָן אנטקעגן אים.

— ער שלאָפט, — האָט ראַכמיִעל איר שטיל אפן אויער א זאָג געטאָן, — קום אהין, אפן טויק.

— כ'וועל ניט גיין, — האָט זי ווי א באַליידיקטע געענטפערט, — מע דאַרף מאָרגן פרי דרעשן...

ראַכמיִעל האָט זי א צי געטאָן פאַר דער האַנט.

— קום, נו, כ'וויל מיט דיר עפּעס ריידן.

פריידל האָט זיך געלאָזט גיין מיט ראַכמיִעלן דורכן שכייניש הויף, צום וואָרעך.

פון דער קעגנבערדיקער זײַט איז מיט האַסטיקע טריט געגאַנגען עפּעס א מענטש. ראַכמיִעל האָט נאָכן גאַנג דערקענט דעם ברודער.

— וועסט היינט דעם טויק היטן? — האָט טאַנכום, קוקנדיק אין א זײַט, א פרעג געטאָן און האַסטיק זיך געלאָזט ווײַטער גיין.

ראַכמיִעל האָט געבראַכט א פרישן בערעם שטרוי און זיך אוועקגעזעצט מיט פריידלען לעבן וואָרעך.

דער מידער סטעפּ האָט אין האַלבער נאַכט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם. די זאַנגען אפן טויק האָבן פונעם לײַכטן סטעפּ־ווינטל געגומען שורשען. ראַכמיִעל מיט פריידלען האָבן מיט אָנגעשפּיצטע אויערן זיך אײַנגעהערט, ווי זיי וואָלטן שפּירן עמעצנס טריט.

6

טאַנכום האָט באַ זיך באַשלאָסן מיטן טאָג ווידער אָפּציִען ערגעץ פונעם דאָרף, אוועקגיין אין דער פרעמד, מענטשן זאָלן מיינען, אז די כודאָבע, וואָס ער האָט זיך געוואָלט אײַנשאַפן, האָט ער זיך פאַרדינט מיט דער אַרבעט.

גלײַך נאָך טאַנכומען האָט זיך אופגעהויבן דער צווייטער ברודער, זאַווע־

ליִב, און איז אוועקגעגאַנגען אין דער וועלט אַריַין, זיך אַרופשלאָגן צו אַ שטיקל כוּדאָבע.

טאַנכום פלוצעמדיקער פאַרשווינדן און זאוועליִבס אוועקגיין האָבן צערודערט דעם פאָטער.

— זיי צעגייען זיך, — האָט דער אַלטער געוואָרטשעט, — אויסגעהאָדעוועט זיי, זיי זאָלן זיך איבער דער וועלט צעקריכן...

די ערשטע נעכט פלעגט דער אַלטער זען אין כאָלעם די זין, ווי זיי באַוויַזן זיך פאַר אים אין סטעפ. דער סטעפ כוואַליעט זיך, אָן אויסגעזעגלטער. די טוועס זיַינען הויך, ביזן גאַרטל. ער גייט אַ פאַרשוויצטער פאָרויס, פאָכט מיט דער קאָסע. די זין גייען נאָך מיט האַבליעס, מיט ווילעס, און ער טריַיבט זיי אונטער.

— גיכער, גיכער קינדער! ס'קאָן אָנטראָגן אַ וואָלקן. גיכער! זעט, לאָזט ניט איבער קיין טוועע אַף דער מעזשע...

דורך די לאַנגע, איינזאַמע נעכט האָט זיך דעם אַלטן דערמאָנט יעדעס פיצעלע פון זיַינע קינדער, ווי זיי זיַינען געבוירן געוואָרן און ווי זיי זיַינען אויסגעוואַקסן.

דער ערשטער איז געבוירן געוואָרן ראַכמיִעל. אין אַ יאָר אַרום האָט אַ שריַיענדיקער, אַ בייזער, זיך באַוויזן אַף דער וועלט זאוועליִב, און העט שפעטער איז אַ שטילער אַרויסגעגאַנגען פון דער מוטערס טראַכט טאַנכום.

— אַ יִנגל, — האָט אים יעדעס מאָל אָנגעזאָגט די בסורע די באָבע רישקע, — מאַזלטאָוו דיר מיט אַ זון. שטאַרקע הענט זאָלן באַ אים אויסוואַקסן, אַ גוטער באַהעלפער אין דער באַלעבאַטישקיַיט זאָל ער דיר זיַין.

און יעדעס מאָל, ווען ס'איז געבוירן געוואָרן אַ זון, איז צוזאַמען מיט דער פרייד באַ אים אין האַרצן געבוירן געוואָרן אַן אומרו פאַר דער ערד.

אַלע זיַינען זיי געבוירן געוואָרן מיט אַלציינע קוילעס.

— אַ־אַ־אַ...

אַלע האָבן זיי געהאַט בלויע אייגעלעך, אָן ברעמלעך, אָן וויִעלעך. די אויגן האָבן געפינקלט אין די אויגן־גריבעלעך. שריַיענדיק, האָבן זיי נאָר געוואָרפן מיט די פיסעלעך און געמאָנט עפעס. ביסלעכוויַיז זיַינען זיי איינס נאָכן אַנדערן אויסגעוואַקסן.

ווי די זין זיַינען אויסגעוואַקסן, האָט דער פאָטער דערהערט, ווי פון זייערע העלדזלעך האָבן זיך גענומען אויסריַיסן קוילעס. קוילעס אַזעלכע אומרויִקע, ווי דאַן, ווען זיי האָבן די מילך פון דער מאַמעס ברוסט געמאָנט, נאָר גרעבערע און מענערישע. זיי האָבן געמאָנט ברויט און ערד. פון יענער רעגע אָן האָט דער פאָטער דערזען, אַז די זין ווערן ביז איינער אַפן אַנדערן, אַז די אויגן ברענען באַ יעדערן פון זיי מיט אַ פאַרבאָרגן פיַיערל.

בערע האָט דערפילט אין האַרצן אַ קאַס אַף זיַינע זין, אַ קאַס, אויסגעמישט מיט ליבשאַפט. אים האָט זיך געוואָלט, די זין זאָלן זיַין אַרום אים, ער זאָל איניינעם מיט זיי באַאַרבעטן די ערד, און טאָמער וועלן זיי זיך נעמען קריגן, זאָל ער מיט זיַין שטאַרקער פאָטער־מאַכט שאָלעם מאַכן צווישן זיי, ווי ער פלעגט שאָלעם מאַכן צווישן זיי, ווען זיי זיַינען געווען קליינע יִנגעלעך. נאָר

נאָך דעם, ווי די פערד זײַנען אוועקגעפּייגערט, און די אַלטע, די מוטער זייערע, איז געשטאָרבן, האָט ער דערפילט, אז ער האָט אָנגעוואָרן די ערד און האָט אָנגעוואָרן די זין.

נאָר איין ראכמיִעל איז געבליבן ארום אים אין שטיבל.

איינמאָל איז ער געקומען פון דער קאַלע א צעראַשטער און האָט זיך מיט א געשריי ארײַנגעריסן אינעם שטיבל.

— טאטע, איך וויל כאסענע האָבן!

דער פאָטער איז געשמאַק געשלאָפן און האָט אונטערגעכראָפּעט.

ראכמיִעל האָט אים גענומען וועקן.

— טא־טע, טא־טע...

— ס'איז נאָך פרי, ס'איז האַלבע נאכט, — האָט דער אַלטער אונטער דער נאָז א ברום געטאָן.

ראכמיִעל האָט אים אָבער שטאַרקער גענומען וועקן און מיט גליקלעכער פרייד געשריִען:

— טאטע, כ'וויל כאסענע האָבן...

דער פאָטער האָט א צעטומלטער געעפנט די אויגן און איבערגעפרעגט:

— וואָס האָסטו געזאָגט?

— איך וויל כאסענע האָבן.

— ס'האָט זיך דיר געכאַלעמט? אינמיטן נאכט האָט זיך אים פארוואָלט כאסענע האָבן... מיט וועמען ווילסטו כאסענע האָבן?..

— מיט פריידלען, מיט דער קאַלע מיט מײַנער.

דער אַלטער האָט א בורטשע געטאָן און איז ביסלעכווײַז געקומען צו זיך.

— וואָס גיט זי נאדן?

דער זון האָט טאמעוואטע געקוקט אפן פאָטער, האָט אויסגעשטעלט די אויגן און ניט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן.

— איך ווייס ניט...

— אָן נאדן וועל איך ניט לאָזן. מע האָט כאסענע, דאַרף מען נעמען עפּעס צושטײַער א שטיקל באַלעבאטישקײַט זיך אײַנצושאפן, א כודאָבע פארפירן...

— וועסט ניט לאָזן, וועל איך אַליין כאסענע האָבן.

דער אַלטער איז אופגעקאָכט געוואָרן.

— דו הערסט מיך שוין ניט? דו אויך ניט?

ער האָט אָבער גלײַך שאָלעם געמאכט און געלאסענער זיך פאנאנדערגע־פרעגט:

— זי קען עפּעס פירן א באַלעבאטישקײַט? אין סטעפּ העלפן קאָן זי?

דער זון האָט מיט א בלישטשענדיק פײַערל אין די בלויע אויגן גענו־מען ריידן:

— זי איז א ווילע, טאטע, זי איז... זי איז... א שיינע, טאטע... ווי א פּאווע... זי איז...

— גיב א קוק, האָסט דאָך ניט קיין העמד אפן לײַב. ווי וועסטו צו דער כופּע גיין?

כ'וועל פאַרדינען, טאַטע, אפן טויק. כ'וועל זיך קויפן הויזן און שטיוול און א העמדל. כ'וועל טאָג און נאַכט אַרבעטן...

7

נאָך אַרבעט־צײַט האָט ראַכמיִעל צונויפגעקליבן א פּאָר רובל און זיך אַוועקגעלאָזט אין שטאָט אפן יאַריד אײַנקויפן פאַר זיך א פּאָר הויזן, א העמדל, שטיוול און א מאַטאָנע פאַר דער קאַלע.

שכיינים, יונגען און מוידן, וואָס האָבן געוואַרט פון כאַסענע צו כאַסענע א הוליע צו טאָן, האָבן צונויפגעטראָגן ווײַנען פון זייערע קעלערס. דער כאָסן האָט אָנגעטאָן די נײַע שטיוול, די נײַע הויזן מיטן העמדל און איז אַוועקגעגאַנגען אין א דערבײַיִקן דאָרף, מע זאָל פאָרן אים באַגעגענען. יונגען און מוידן האָבן זיך אויסגעפּוצט. זיי האָבן אײַנגעשפּאַנט פערד־און־וואָגן, פאַרפלאָכטן די גריוועס בא די פערד, אונטערגעבונדן די ווײדלען, באַהאַנגען די נאַריטניקעס מיט בלומען און לענטעס און זײַנען אַוועקגעפאָרן באַגעגענען דעם כאָסן.

איבערן ברייטצעלייגטן סטעפּ האָבן געיאָגט די פורן מיט א הוקערײַ און מיט א געשריי, איבעריאָגנדיק איינע די צווייטע. ווען די צעיאָגטע פורן זײַנען צוגעפאָרן מיטן כאָסן צום שטיבל, ווו ס'האָט געדאַרפט זײַן די כאַסענע, האָבן די קלעזמער א שפּיל געגעבן א מאַזלטאָוו.

די כאַסענע איז געווען א פריילעכע. יונגען אין בונטע העמדלעך, מיט קוטעסלעך, מיידלעך אין ווײַסע בלוזקעס און ראָזעווע לענטעס אין די פאַרפלאָכטענע צעפּ, פּויערים אין לאַנגע זשאַקעטן און גרויסע שטיוואַלעס האָבן פון דער פולער ברוסט געשריִען:

— הו־הו, קלעזמער, קלעזמער, שטאַרקער שפּילט!

האָפּ־טשיקאַ, מאַיאַ מילאַ,
אף דעם טאַטן די גערולע...

ווען די יונגען און מוידן האָבן זיך פאַרדרייט, ווי א ווירער, האָט אינמיטן קאָן זיך אַרײַנגעריסן דער אַלטער. ער האָט צונויפגעדריקט די פויסטן, געוואָרפן די הענט אין דער הייך און געשריִען:

— טאַנצט, מיידן, הוליעט, ווײַבער...

ער האָט געטופּעט מיט די אויסגעקרימטע שטיוואַלעס, א כאַפּ געטאָן די קאַלע, א דריי געגעבן זיך מיט איר, זי אָפּגעלאָזט, אָנגעכאַפּט דעם זון, געהעפּעט מיט אים. נאָכדעם האָט ער אָנגעכאַפּט פּויערים, פּויערטעס און מיט אַלעמען זיך איבערגעדרייט.

אים האָט זיך אויסגעדוכט, אז ס'דרייט זיך מיט אים די ערד, אז ס'טאַנצן די גראָזן, אז סע הוליען דיביימער, ס'דרייען זיך די פייגל. די גאַנצע נאַכט

איז שיקער. אױף דער גאַנצער ערד איז הײַנט אַ כאַסענע, און אין הימל טאַנצן די שטערן דעם פֿרײלעכן מאַזלטאָוו.

מיטאַמאָל האָט אים אַ שניט געגעבן אין אויער עפּעס אַ נאָענט, אַן אייגן קאָל. פֿאַר די אויגן האָט אַ שווינדל געטאָן: — טאַנכום מיט זאַוועל־לײבן. דער אַלטער האָט געוואָלט אַרויסלויפֿן פֿון קאָן. נאָר צוויי בערדיקע, געזונטע פּויערים האָבן אים פֿעסט געהאַלטן פֿאַר די הענט און געטאַנצט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך דערהערט אַ קאָל.

— טאַנכום מיט זאַוועל־לײבן זײַנען געקומען. שפּילט אַ פֿרײלעכס פֿאַר די ברידער! שפּילט, קלעזמער!

דער כאָסן איז אַרויסגעלאָפֿן צו די ברידער. די קאַלע נאָך אים, און גלײַך נאָך זיי — פּויערים און פּויערטעס. נאָר זאַוועל־לײב מיט טאַנכומען האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אָפּן כאָסן און גענומען רײַסן די טירן און די פֿענצטער פֿונעם שטיבל.

— מיר וועלן דיר ווײַזן, וויאַזוי שטילערהייט כאַסענע האָבן און פֿאַר־כאַפּן די שטוב, מיר וועלן דיר ווײַזן...

— שפּילט אַ פֿרײלעכס פֿאַר די ברידער! — האָט עמעצער איבערגע־כאַזערט.

— מיר וועלן דיר ווײַזן!..

— וואָס שטייט איר? קומט אַרײַן אין הויז. כאַפּט אַ טאַנץ. ס'איז דאָך אײַער ברודערס כאַסענע...

— די ערד וועסטו נאָך אויך עפּשער פֿאַרכאַפּן?! מיר וועלן דיר ווײַזן!..

דער אַלטער האָט זיך אַרויסגעריסן פֿונעם ראָד און מיט צעשפּרייטע אָרעמס זיך געלאָזט לויפֿן די זין אַנטקעגן.

— טאַנכום, זאַוועל־לײב, קינדער...

מיטאַמאָל האָט ער דערזען, ווי זיי רײַסן די טיר און פֿענצטער פֿונעם שטיבל. איז זײַן פּאָנעם געוואָרן בלאַס. אַ ווײַלע האָט אים אָפּגענומען דאָס לאָשן, און ער איז געשטאַנען אַ צעטומלטער. דערנאָך האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אױף די זין, אַ צאַרנדיק קאָל האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון זײַן האַלדז:

— גאַזלאָנים! איך האָב אויסגעהאָדעוועט גאַזלאָנים! צעשלעפּן ווילט איר מיך? איך זאָל אױף דער עלטער קיין דאַך איבערן קאָפּ ניט האָבן? פֿאַר אַ שפּענדל ווילט איר פֿאַרקויפֿן דעם טאַטן און דעם ברודער? — ער האָט אויסגעשטשירעט די ציין און צונויפֿגעדריקט די פֿויסטן. מיט פֿײַער אין די אויגן האָט ער זיך אַ ריס געטאָן און גענומען שלאָגן די זין. דאָס האַרץ האָט אים פֿאַרקלעמט, און ס'האָט אים גענומען ווי טאָן פֿאַר די קלעפּ, וואָס ער האָט זיי געגעבן. ער האָט דערזען מיטאַמאָל דעם כאָסן מיט דער קאַלע. זיי זײַנען געשטאַנען און האָבן פֿאַרשטעלט די טיר און פֿענצטער, זאַוועל־לײב מיט טאַנכומען זאָלן זיי ניט אויסרײַסן.

8

טאנכום מיט זאוועל־לייבן האָבן זיך אומגעקערט אין דאָרף מיט איין געדאַנק — כאַסענע האָבן און פאַרפירן אַ כודאָבע. אונטערוועגנס האָבן זיי זיך אָנגעקוקט קאַלעס. טאַנכום האָט אַלץ געהאַט אין אויג יענע מויד, וואָס ער האָט געזען אינעם כוטאָר.

זאוועל־לייבן האָט מען אין דאָרף, ווי ער האָט זיך געשטעלט אַרבעטן, געשאַדכנט אַ מויד מיט אַ געשטופּלט פּאָנעם, נאָר אַ געזונטע, און נאָדן האָט מען אים צוגעזאָגט אַ בעהיימע אין דריטן קאַלב. אַרבעטנדיק בא באַלעבאַטים, האָט ער אָנגעקליבן אַ פּאָר רובל, און פאַרן געלט האָט ער פאַרטראַכט זיך קויפן אַ וועלכע־ניט־איז כורווע, פאַריכטן זי און זיך איַינשאַפן אַ שטיבל.

גייענדיק פון איין כוטאָר אין צווייטן, האָט ער זיך פּלוצעם געטראָפן מיטן ברודער. די שרעק האָט דעם ברודער נאָך אַלץ אַרומגעטריבן פון איין כוטאָר אין צווייטן, און אין ערגעץ האָט ער זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען.

פון דער אומגעריכטער באַגעגעניש איז בא טאַנכומען לעבאַטכילע אַנט־שטאַנען אַ כשאַד, צי גייט ער אים ניט אַרום זוכן, דער ברודער, צי האָט מען זיך עפּעס ניט דערוווּסט אין דאָרף. ער האָט פּאָרזיכטיק גענומען אויסטאַפּן בא אים, צי רעדט מען ניט עפּעס וועגן אים אין דאָרף. נאָכדעם האָט ער דערציילט דעם ברודער, אַז ער וויל זיך אינגיכן אומקערן אַהיים, אַז ער האָט בא פיהענדלער געטריבן בעהיימעס אויף יאַרידן און האָט ניט שלעכט פאַרדינט.

טאַנכום איז מיט דעם אויסן געווען אַרויסלאָזן אַ קלאַנג, אַז די כודאָבע, וואָס ער וועט איַינקויפן, האָט ער פאַרדינט מיט זיַין אייגענער האָרעוואַניע. ער האָט לאַנג גערעדט מיטן ברודער, נאָר זאוועל־לייב האָט געשוויגן. וועגן זיך האָט זאוועל־לייב קימאַט גאָרניט דערציילט.

— כ'האָרעווע, כ'וועל אויסגעריסן, — האָט ער אָפּגעהאַקט און בייז גער־רעדט, — עפּשער וועל איך זיך צו אַ שטיקל שטיבל אַרופשלאָגן.

צום סאָף האָט ער קורץ און בייז אַ ברום געטאָן:

— ראַכמיִעל האָט די טעג כאַסענע. ער'ט צונעמען דאָס שטיבל, און נאָכ־דעם די ערד. מע דאַרף זיך אומקערן אַהיים...

טאַנכום האָט צוגעגעבן דעם ברודער כיישעק זיך צוכאַפּן אַהיים. ער האָט געוואָלט נאָכאַמאָל אַ טאַפּ טאָן, וואָס הערט זיך אין דאָרף. ער האָט זיך גע־שלאָגן מיטן ברודער פאַרן שטיבל, קעדיי דאָס דאָרף זאָל מיינען, אַז דאָס שטיבל גייט אים אינדערעמעסן אָן.

אויף מאָרגן נאָך דעם געשלעג האָט טאַנכום געפּרוּווט זיך איבערבעטן מיטן ברודער, מיט דער שווענערן, מיטן פּאָטער. ער האָט מוירע געהאַט זיי אופצור־ברענגען קעגן זיך.

די ערשטע טעג נאָך זיַין צוריקקומען אין דאָרף איז טאַנכום אַרומגעגאַנ־גען צווישן פּויערים. ער האָט געוואָלט וויסן, וואָס זיי ריידן וועגן אים. אָבער אים האָט זיך געדוכט, אַז ווען ער קומט צו, הייבן די פּויערים אָן שוויַיגן. דאָס האָט אים נאָך מער באַומרויִקט. ער האָט אַרויסגעלאָזט וועגן זיך פאַרשיי־

דענע קלאַנגען, אָבער אים האָט זיך געדוכט, אַז די פּויערים ווילן בעקיוון ניט ריידן וועגן אים.

— זיי האָבן מוירע פאר מיר צו ריידן. א סימען, אַז צווישן זיך ריידן זיי טאקע עפּעס קעגן מיר.

אין רעדלעך אין גאס האָט ער אָנגעהויבן דערציילן, ווי שווער ער האָט אונטערוועגנס געהאָרעוועט, ווי גוט ער האָט פארדינט. נאָר די פּויערים האָבן ווידער געשוויגן.

— זיי וויסן עפּעס. א סימען, אַז זיי שווײַגן, — האָט ער פול מיט אומרו געטראכט.

א פּאָר טעג איז ער אַזוי צעטראָגן ארומגעגאנגען, דערנאָך האָט ער זיך א ביסל בארויִקט און גענומען באטראכטן די הײַזער פון דאָרף, זיך צוקלײַבן א פּאסיקע שטוב אויף אָפּצוקויפן.

געצויגן האָט אים צום עק דאָרף, וואָס ווײַטער פון מענטשן, קיינער זאָל אים אין זײַן הויף ניט ארײַנקוקן. איידער ער האָט זיך צוגעקליבן א פּאסיקע שטוב, איז ער ארומגעגאנגען אין גאס נאָך פּויערים און זיך בא זיי געבעטן, מע זאָל אים לײַען, ווער וויפל ס׳קאָן.

— כ׳בעט נאָר בא אײַך, — האָט ער יעדערן באזונדער געכאַנפעט, — איך וויים, אַז איר העלפט ארויס אין א שווערער לאַגע. כ׳וועל זיך שטעלן אויף די פיס, וועל איך, מירצעשעם, אָפּגעבן מיט א דאנק. טוט א טויווע. כ׳וועל אײַך דאָס גאנצע לעבן ניט פארגעסן. מיט בלוטיקן שוויים האָב איך צוזאמענגעקליבן עטלעכע רובל, און א ביסל פעלט מיר נאָך אוים. כ׳וויל זיך קויפן א שטוב מיט לײַטן גלײַך.

האָט אים עמעץ אָפּגעזאָגט, האָט ער טײַקעף גענומען איבערטראכטן:

— מיסטאמע ווייסט ער, אַז איך האָב. ארויסקריכן זאָלן אים די אויגן, מע האלט אין איין נאָכקוקן יעדערן...

האָט מען אים געגעבן, האָט ער מיט אומרו ווידער איבערגעטראכט:

— מיסטאמע לאכט ער פון מיר, מיסטאמע ווייסט ער, אַז איך האָב, אַנ־דערש וואָלט ער ניט געגעבן.

9

זאוועל־לייב האָט אָפּגעקויפט בא געדאַליע רײַטשוקן דאָס שטעלכל און אָנ־געהויבן בויען א שטיבל. ער איז א פּאָר מאָל ארומגעגאנגען ארום און ארום דעם שטעלכל, באטראכט די אויסגעדרייטע ווענט, דעם צעפוילטן דאך און אומצופרידן געבורטשעט:

— א קורניק... ווערט עס געהארגעט, אַז ס׳איז אינגאנצן צעקרימט און צעפוילט...

ער איז אלע ווײַלע ארײַנגעלאָפן צו געדאַליען אין שטוב און מיט א שארפן כאראָטע־געפיל געשריִען:

— זע, נו, גיב א קוק. רירסט זיך צו — פאלט עס.

— וועסט פאַריכטן, וועט זײַן גוט, — האָט אים גערדאַליע געטרייסט, — נישקאָשע, וועסט נאָר א האַנט צולייגן, וועט דאָס ווערן א שטיבל.

זאַוועל־לייב האָט זיך אַליין געוואָלט איַינריידן, אַז ס׳וועט זײַן גוט. ער האָט אַליין געפּרוּווט אויסזוכן מײַלעם פונעם שטעלכל.

— מע דאַרף ציגל מאַכן און פאַריכטן, — האָט ער אַלע ווײַלע, פונסנײַ באַטראַכטנדיק דאָס שטעלכל, צו זיך גערעדט, — ס׳איז פאַראַן נאָך ערגערע הײַזער.

ווי אַף צולאָכעס האָבן זיך פאַר זײַנע אויגן געוויזן די באַלעבאַטישע גרויסע הײַזער מיט שטרויענע און טשערעפּענע דעכער, ווי זיי וואָלטן זיך גע־רייצט מיט אים.

— אָט דאָס זײַנען הײַזער!.. די קורניקעס זייערע זײַנען בעסער פון מײַן שטעלכל. אוך, אָנצינדן זאָל זיך עס!

פאַר קאָס האָט ער מיטן פוס איַינגעוואָרפן א צעקרימטע שטיקל וואַנט, איז אָפּגעגאַנגען עטוואָס אין דער זײַט און האָט ווידער גענומען באַטראַכטן פונ־ווײַטנס, ווי ס׳וועט אויסזען זײַן שטיבל.

— ס׳וועט זײַן גוט, נישקאָשע, — האָט ער זיך ווידער גענומען טרייסטן, אבי ס׳וועט זײַן וואַרעם.

דעם זעלבן טאָג האָט ער אָפּן הויף, אַף דעם פּאַס ערד, וואָס האָט זיך געצויגן פון זײַן שטעלכל ביזן קאַרטאָפל־גאָרטן, אויסגעגראָבן א גרוב, אָנ־געגאָסן אהין וואַסער, אָנגעשאָטן לײם מיט איבערגעפּוילטער שטרוי און זיך געשטעלט מאַכן ציגל.

אַן אויסגעבאָדענער אין שווייס, האָט ער אַלע ווײַלע אופגעהויבן דאָס פאַר־שמאָלצענע העמד, אויסגעווישט דאָס צעפּאַליעטע פּאָנעם און האָט, סאָפּענדיק, מיד, אויסגעטראָטן די טאַרעס אַף ציגל. נאָכדעם האָט ער גענומען א פורעם, אַראָפּגענומען די טיר פונעם שטעלכל, אָנגעלייגט אַף איר די טאַרעס און גע־פורעמט ציגל.

— ווערסט א באַלעבאָס? — האָבן פאַרבײַגייענדיקע פּויערים געפּרעגט.

זאַוועל־לייב האָט אופגעהויבן די פאַרהאַוועטע אויגן, א קוק געגעבן אַף די פּויערים, עפּעס א בורטשע געטאָן און ווײַטער געטאָן זײַנס.

— א מורלאָ, — האָבן די פּויערים צווישן זיך גערערט, — וועסט באַ אים עפּעס דערגיין. קענטיק, ער קלײַבט זיך כאַסענע האָבן.

— וואָס גייט זיי אָן, וואָס איך טו, — האָט זאַוועל־לייב צו זיך גערעדט, — איך גיי פרעגן, וואָס באַ זיי טוט זיך?

א גאַנצן טאָג האָט ער זיך געפּאָרעט, פאַרנאַכט האָט ער גיך־גיך איבער־געציילט די ציגל, וואָס ער האָט אַרויסגעוואָרפן פון דעם פורעם, און אָנ־געהויבן אונטערקלײַבן האָלץ פאַרן דאַך. ער איז אַוועקגעגאַנגען איבער די הויפן, אונטערגעקליבן, ווו ס׳האָט זיך געמאַכט א שטעקל, א פאַרוואַלגערטע דראַבינע, א טשוועקל.

— ס׳וועט צוניץ קומען. זיי האָבן גענוג, דער רועך וועט זיי ניט כאַפּן. א היפּשע ווײַלע האָט ער זיך אַרומגעדרייט אַרום די הויפן, נאָכדעם האָט

ער זיך דערמאָנט, אַז אַף אַ הויף אין עק דאָרף האָט ער באַמערקט אַ פּאָר העלצער פון אַ פּאַרקאַן.

פּאַמעלעך איז ער דורך די הויפן אַוועק צו יענער שטוב. מיט שטילע טריט איז ער צוגעגאַנגען צום פּאַרקאַן און פּלוצעם אין הויף דערזען טאַנ־כומען.

טאַנכום האָט אַף דעם הויף שוין לאַנג געהאַט געוואָרפן אַן אויג. ער האָט זיך דערוווּסט, אַז דער באַלעבאָס האַלט באַם שטאַרבן, אַז ער שפּײַט אַלע טאָג אויס די לעצטע שטיקלעך לונגען און די כודאָבע גייט באַ אים סײַווי צו גרונט.

ער האָט זיך אָנגעהויבן אַרומדרייען אַרום דער שטוב, אַרומטאַפּן פון דרויסן די ווענט, די לוטקעס, די ראַמעס, די פענצטער. שטילערהייט, ווי אַ קאַץ, האָט ער זיך אַרופגעדראַפּעט אַפן דאַך און אים באַטראַכט. נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן אַרײַנגיין אין שטוב, קלוימערשט געוווירע צו ווערן.

אין שטוב האָט ער ווײַטער געטאַפּט די ווענט, באַקוקט די סטעליע, אומבאַ־מערקט פאַרן באַלעבאָס האָט ער זיך אַרופגעכאַפּט אַפן בוידעם.

דער באַלעבאָס האָט לעכאַטכילע ניט פאַרשטאַנען, נאָך וואָס דער יונג האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי אָפּט באַווײַזן באַ אים אין שטוב. צוליב וואָס טאַפּט ער עס אַלע ווינקעלעך, פאַרוואָס רײַסט ער עס מיט אַ קיוון שטיקלעך פון די ווענט?

דער יונג האָט אַ פּאָר מאָל אַרײַנגעטראָגן דעם קראַנקן פויער גמילעס־כאַסאָדים, יענער האָט געדאַנקט און יעדעס מאָל געשעפּטשעט ,אַז ווען ער וועט געזונט ווערן, וועלן זיי זיך אָפּרעכענען. נאָר טאַנכום האָט גענומען ציילן די טעג, וויפל ס׳איז נאָך געבליבן דעם באַלעבאָס צו לעבן, און בעטן וואָס גיכער אַף אים דעם טויט.

דער באַלעבאָס האָט זיך אַ צײַט געמאַטערט, אָבער לעסאָף איז ער פּאָרט געשטאָרבן. טאַנכום האָט גענומען מאָנען די גמילעס־כאַסאָדים און גענעבן אָנצוהערן דער אַלמאָנע, אַז ער וואָלט אַ באַלן געוועזן קויפן די שטוב.

— וואָס דאַרפט איר די כורווע, — האָט דער יונג געפּרוּווט אײַנריידן, — ווו מע רירט זיך צו, שיט זיך. אַז ס׳איז צעפוילט. איך בין שוין אַרײַנ־געקראָכן סײַווי, וואָס זאָל איך טאָן?.. איך וועל אײַך שוין דערצאָלן עפּעס... ס׳געפעלט מיר אײַער שטוב נאָר דערפאַר, ווײַל זי איז אַפן עק דאָרף.

די אַלמאָנע האָט געכליפּעט און געגאָסן מיט טרערן:

— מיר זײַנען אויך געוועזן שטיקלעך באַלעבאַטים, ניט ערגער פון לײַטן... מע האָט אָפּגעלעבט אַ לעבן אין אַן אייגן ווינקל... איצט דאַרף איך עס פאַר־קויפן... ניט דערלעבן זאָלן עס מײַנע סאָנים.

טאַנכום האָט פאַרשטאַנען, אַז זי שילט אים, ער האָט אַף צולאָכעס געריסן די טינק פון די ווענט און געלאַכט:

— איר זעט? ס׳פאַלט אײַן.

— הער אוף צו רײַסן!

— ס׳פאַלט אײַן, — האָט ער צופרידן איבערגעכאַזערט, איז צוגעלאָפן צום פענצטער און גענומען שיילן דעם קיט פון די שויבן.

— ס׳פאַלט אַרויס. מע רירט זיך צו, פאַלט אַרויס אַ שויב.

— קאַרג זאָווערוכעס האָבן זיי אויסגעהאַלטן? אַזויפֿיל מאַקעס מײַנע סאָ־נים...

דער יונג איז פֿלינק צוגעלאָפֿן צו דער שוועל, האָט אַ פּאָר מאָל געעפֿנט און פֿאַרמאַכט די טיר, און געוויזן דער באַלעבאָסטע, אַז זי סקריפּעט.

און גלײַך איז ער אַרויפֿגעשפּרונגען אויפֿן דאַך.

— ס'איז צעפֿוילט... איין גוטער רעגן, און ס'וועט דורכרינען...

— קאַרג רעגנס זײַנען איבערגעגאַנגען איבערן דאַך! כ'זאָל אַזוי קיין צאָרעס ניט האָבן, ווי ס'האָט קיינמאָל אין שטוב אַפֿילו ניט אַרײַנגעשפּריצט.

טאַנכום איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿונעם דאַך, האָט אַ רעגע עפּעס געזוכט מיט די אויגן און דערזען די ביימער אין גערטנדל.

— דאָס זײַנען דען ביימער? נאָר אויף אויסהאַקן און אויסהייצן טויגן זיי...

— אַזויפֿיל מאַזלדיקע יאָר זאָל איך האָבן, וויפֿל עפּל זיי גיבן.

זאָוועליב איז געשטאַנען לעבן דעם גערטנדל.

— ער קויפֿט די שטוב, — האָט ער, אויסרײַסנדיק אַ סטויס, אַ טראַכט געטאָן, — פֿאַר וואָס קומט אים אַזאַ שטוב, און מיר אַ כּורווע? ער באַהאַלט זיך עפּעס צו שטאַרק אויס פֿון מענטשן, — ער האָט אַרויסגעריסן נאָך עט־לעכע סטויסעס, גענומען זיי אונטער די אָרעמס און זיך געלאָזט גיין נאָכן ברודער.

טאַנכום איז געגאַנגען פֿאַמעלעך, האָט זיך קעסיידער אומגעקוקט און האָט זיך ניט געקאָנט אָפּרײַסן פֿון זײַן קומענדיקן הויף.

— ער וועט אינגיכן ווערן באַלעבאָס פֿונעם הויף, — האָט ער גע־טראַכט, — איינער אַליין, אָפּגעזונדערט פֿון יעטווידער מענטשלעך אויג, וועט ער אַרומגיין אין זײַן הויף ווי אַ פֿויגל אין וואַלד. דער הויף וועט בליִען מיט גערטנער און סעדער. ווײַסער עפּל־צוויט וועט רוישן אויף די ביימער, ווײַס־בלויע בלומען אויף גרינע קוסטעס קאַרטאָפֿל, געל־גאָלדענע פּאָדסאָלנוכעס, ווי די זונען, וועלן זיך ציִען באַ די זײַטן פֿון קאַרטאָפֿל־גאָרטן.

אין קאָפּ האָבן זיך אים אויפֿגעוועקט יענע גליקלעכע כאַלוימעס, וואָס פֿלעגן קומען צו אים פֿון דעם טאַטנס מײַסעס. ער האָט זיי דערזען, די כאַלוי־מעס, נאָענטע, גיי און נעם זיי אָן. אַ דערהויבענער פֿון די פֿאַרקישעפֿטע פֿאַרשטעלונגען, האָט ער גענומען גיין גיך און איז ערגעץ צווישן די הויפֿן פֿאַרשוווּנדן.

10

אין אַ פּאָר כאַדאָשים אַרום איז צו פֿריידלען אומגעריכט פֿון ערגעץ גע־קומען איר ברודער דאָוויד.

שפּעט אין אָוונט האָט ער זיך דורך די גערטנער דערקליבן צו זייער אַמאָליקן הויף און דאָרט געטראָפֿן אַ קופּקעלע ערד.

זינט ער האָט זיך אַוועקגעלאָזן אין דער וועלט נאָך דעם טאַטנס טויט, איז ער איצט דאָס ערשטע מאָל צוריקגעקומען אין דאָרף אַרײַן.

א נײַער ווירבל האָט אים פארכאפט, פארדרייט.

ווען־ניט־ווען זײַנען צו אים דערגאנגען בריוולעך, גרוסן פון דער שוועסטער. שפעטער האָט זי אופגעהערט שרײַבן.

איצט איז ער א צעטומלטער געשטאנען לעבן דעם קופקעלע ערד, ווו ס׳איז אמאָל געווען זייער שטיבל. דערנאָך איז ער ארײַנגעלאָפן אין דערבײַיִקן הויף, האָט אָנגעקלאפט און זיך דערוווּסט, אז זײַן שוועסטער האָט כאסענע געהאט מיט ראכמיִעל דאָנדע.

ער איז געגאנגען איבער דער דאָרפישער גאס, און אים האָט זיך אויסגעדוכט, אז דאָ האָט זיך אלץ געענדערט. ווייטעקדיק נאָענט איז אים דאָ געווען יעדער בוים. ייִנגלווײַז פלעגט ער מיט ראכמיִעלן, מיט טאנכומען ארומקלעטערן איבער די דאָזיקע ביימער. ער האָט דערקענט די דעכער, פון וואנען זיי פלעגן ארומיאָגן די טויבן.

ער איז צוגעגאנגען צום שטיבל, שטיל אָנגעקלאפט און געבעטן עפענען. די שוועסטער האָט דערקענט זײַן קאָל.

— דאָדיע! — האָט זי, אראָפשפרינגענדיק פון בעט, געזאָגט. זי האָט זיך אפגיך אָנגעטאָן און איז ארויס צום ברודער. פון דער אומגעריכטער באגעגעניש האָבן זיך איר געשטעלט טרערן אין די אויגן.

ראכמיִעל איז צוגעגאנגען צו דאָדיען און האָט זיך מיט אים באגריסט.

— פון וואנען האָסטו זיך גענומען... א גאסט... א גאסט... גאָר ניט געריכט זיך.

פריידל האָט געבראכט טיי־גלעזער, ברויט, א מעסער, זי האָט איבערגעטראָגן די בענקלעך פון איין אָרט אפן צווייטן און איז אלע ווײַלע צוגעלאָפן צום ברודער.

— זיץ, זיץ, ווילסט דאָך עסן מיסטאמע... זיץ. פארוואָס האָסטו פון זיך ניט געלאָזט הערן?

זי האָט עפעס געוואָלט זאָגן דעם ברודער, נאָר ס׳האָט איר געשטיקט אין האלדז. דער אלטער מיט ראכמיִעלן האָבן ארומגערינגלט דעם גאסט.

דאָדיע האָט דערציילט ווייניק, געענטפערט אָפגעהאקט. ער האָט זיך פאנאנדערגעפרעגט בא ראכמיִעלן, באם אלטן וועגן זייער לעבן, וועגן דאָרפישע בײַים און די גאנצע צײַט מיט א צארטן בליק געקוקט צו דער שוועסטער.

ראכמיִעל איז צוגעגאנגען צו פריידלען, געוואָלט איר עפעס זאָגן און מיטאמאָל דערזען טרערן אין אירע אויגן.

— וואָס וויינסטו, וואָס?.. דאָדיע איז געקומען, און זי וויינט, — האָט ער זיך גענומען בייזערן אף איר.

— איך וויין ניט, — האָט זי זיך פארענטפערט, — עס גיסן זיך אליין די טרערן...

ס׳האָט זיך איר דערמאָנט דעם פאָטערס טויט און איר עלנט לעבן בא באלעבאטים נאָך זײַן טויט. אלץ, וואָס זי האָט דאָ איבערגעלעבט, האָט זי געוואָלט דעם ברודער דערציילן, נאָר עס האָט איר דאָס הארץ געקלעמט.

דאָדיע האָט גערעדט א ווײַלע מיט ראכמיִעלן, מיטן אלטן, נאָכדעם איז ער צוגעגאנגען צו פריידלען.

— נו, ווי איז דיר, דערצייל, וואָס מאכסטו, — האָט ער זיך גענומען פּאַנאַנדערפרעגן, — איך בין פאַרגאַנגען גלייך צום טאַטנס הויף און געטראָפן א קופּקעלע ערד...

— די שטוב האָט מען דאָך אראָפּגעטראָגן, — האָט זי אָנגעהויבן דערציילן, — דער שולץ האָט זי פאַרקויפט פאַרן שטייער, ס'האָט ניט געסטייעט, האָט ער נאָך דריי דעסיאַטינעס פאַרדונגען אויף צען יאָר...

— און ווו האָסטו זיך אהינגעטאָן?

— ווו האָב איך זיך געזאָלט אהינטאָן? איך בין אוועק צו פרעמדע האָרעווען, כ'האָב זיך געמאַטערט. איצט, זעסטו דאָך, האָב איך כאָטש א שטיקל היים, כ'בין ניט עלנט... מע קאָן דען אלץ אויסדערציילן? אבי ס'איז שוין דורכגעגאַנגען... אבי מיר לעבן, עפשער וועט אונדז נאָך אויך זיין גוט.

דאָדיע האָט מיט א וואַרעמען בליק געקוקט אויף דער שוועסטער און איינגעהערט זיך אין דעם, וואָס זי האָט דערציילט.

— איר וועט נאָך צייט האָבן זיך אָנצורעדן, דאָדיע איז דאָך מיד פון וועג, זאָל ער זיך אויסרוען, — איז ראַכמיעל צוגעגאַנגען צו זיי.

דאָדיע האָט זיך אופגעהויבן, איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און האָט א קוק געגעבן אפן טונקל־גרויען הימל.

— ס'טאָגט דאָך שוין, ס'איז שוין ניט געבליבן ווען צו שלאָפן.

ראַכמיעל איז ארויסגעגאַנגען אין דרויסן, האָט זיך א ווײַלע ארומגעדרייט און זיך געײַלט גיין צום באַלעבאָס אָנפויען דאָס פי. דאָדיע האָט אראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס רעקל, דאָס שוואַרצע סאַטינענע העמדל און זיך גענומען ארומוואַשן.

פריידל האָט אויסגערייניקט זיינע זאַכן, באַטראַכט, צי די קנעפּ זיינען צוגעניט, צי דער פּידזשאַק איז ערגעץ ניט צעריסן.

באַגינען האָבן זיך אין שטיבל באַוויזן פּויערים. דער ערשטער איז א צעראַשטער פון דער בסורע ארײַנגלאָפן גדאַליע ריטשוק, און גלייך נאָך אים איז געקומען מיכל מאַכלין — א הויכער גלער פּויער, מיט א קלייַענדיק פּאָנעם און גרויע אויגן, מיט שיטערע ווײַסע וויִעס און א לאַנגן האַלדז, ווי בא א גאָנער.

— א גאַסט... א גאַסט! — האָט מיכל א געשריי געטאָן, ארײַנלויפנדיק אין שטיבל. — אזא צײַט האָסטו זיך ניט געוויזן, קיין פּיפּס ניט געלאָזט הערן פון זיך... ווו ביסטו עס אויסגעפּאָרן, ווו ביסטו עס אויסגעוועזן?

— וואָס מאכט איר? — האָט דאָדיע דערלאַנגט די האַנט די פּויערים און גוטמוטיק צוגעשמייכלט צו זיי.

— וואָס זאָלן מיר מאַכן? וואָס קענען מיר דערציילן, וואָס האָבן מיר צו דערציילן. אָט דו ביסט דאָך עפּעס אויסגעוועזן א וועלט, אָנגעהערט זיך, אָנגעזען זיך, — האָט מיכל זיך גערוקט אלץ נעענטער צו דאָדיען.

דאָדיע האָט זיך אלע ווײַלע דערמאָנט אָן שכיינים, באַקאַנטע, פּאַנאַנדערגעפרעגט זיך וועגן יעדן.

— מײַן שוואַרצע שקאַפּע געדענקסטו? דו ביסט נאָך, דאכט זיך, געוועזן

הי, ווען כ'האָב זי געקויפט? — האָט גערדאַליע, זשמורענדיק די קליינע שוואַרצע אייגלעך, זיך גערוקט מיטן בענקל נעענטער צו דאָדיען, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אים צו דערציילן אַ לאַנגע מײַסע. — וואָס זאָל איך דיר דערציילן? ס'איז געווען אַ שקאַפּע אויף כּידושים, אַ וועלט אויספּאָרן. איר גיין, איר טראָגן. מיט וואָסער פּערד כ'האָב זי ניט צונויפגעשפּאַנט, האָט זי דאָך איבערגעצויגן, אַזאַ קויעך האָט זי געהאַט...

פֿון אַלע זײַטן זײַנען אַלע ווײַלע אָנגעקומען פּויערים. זיי האָבן זיך געשטופּט נעענטער צו דאָדיען, און גערדאַליע איז געזעסן, דערציילט אַלץ פֿון זײַן שקאַפּע. זײַן מאָגער קליינינק פּאָנעם האָט זיך אַלץ מער אָנגעגאָסן מיט מאָרעשכוירע, און ער האָט דערציילט און אויסדערציילט מיט אַלע פּישטשעווקעס, ווי מ'האָט געגאַנוועט די שקאַפּע.

די פּויערים האָבן אים אַלע ווײַלע איבערגעשלאָגן. יעדערער האָט דאָדיען פֿאַרטשעפּעט מיט אַ נײַעס און געוואָלט פֿון אים אַ לעבעדיק וואָרט הערן.

מיטאַמאָל זײַנען אין שטיבל אַרײַנגעקומען זאַווע־לייב מיט טאַנכומען, זיי האָבן זיך טאָג און נאַכט געפּאָרעט אַרום זייערע שטיבער און זײַנען שוין אַ פּאָר נעכט ניט געקומען נעכטיקן צום פֿאָטער אין שטיבל.

דער ערשטער איז צוגעגאַנגען צו דאָדיען זאַווע־לייב. ער האָט זיך אַ ווײַלע אײַנגעקוקט אין דאָדיעס פּאָנעם, ווי ער וואָלט אים ניט דערקענט, נאָכדעם האָט ער אים אויסגעשטרעקט אַ האַנט און אַ מורמל געטאָן:

— ווען ביסטו געקומען?.. וואָס מאַכסטו?

— אַ, זאַווע־לייב, — האָט דאָדיע זיך אַ כאַפּ געטאָן און אים גענומען דריקן די האַנט.

— דערצייל, וואָס מאַכסטו? ווי לעבסטו?..

— כ'האָב געקויפט אַ שטעלכל און וויל זיך אַ שטיבל אויסבויען, — האָט זאַווע־לייב געענטפערט און זיך גערוקט נעענטער צו אים, געוואָלט ערשט צעבינדן די צונג, נאָר טאַנכום איז אָנגעשפּרונגען און זיך אַ וואָרף געטאָן צו דאָדיען.

— אַ גאַסט... אַ גאַסט! — האָט ער, דערלאַנגענדיק די האַנט, עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט. דאָס קײַלעכדיקע, פֿולע, מיט געלבלעכע האָר באַוואַקסענע פּאָנעם איז געווען פֿאַרשטויבט, פֿאַרשוויצט און שטאַרק פֿאַרטאָן.

— האַוועסט, טאַנכום? — האָט אים דאָדיע מיט אַ געלעכטערל באַגעגנט. — ברענסט אַ וועלט, טאַנכום! ביסט נאָך אַלץ סאָטסקע?

— ס'האָט זיך מיר געמאַכט אַ שטוב צו קויפֿן, — האָט טאַנכום געקוקט אויפֿן פֿאָטער און זיך ווי פֿאַרענטפֿערט, לעמײַ ער איז ניט געקומען נעכטיקן, — מע דאַרף אַרײַנכאַפּן, אַניט וועט עמעצער אויסכאַפּן... אַ מענטש האָט געדאַרפֿט אַ פּאָר קערבלעך — האָט ער זיך געמוזט אויספֿאַרקויפֿן.

— אויסגעהאָדעוועט אַזעלכע יאָלאָפּן, און איצט צעקריכן זיי זיך, — האָט דער אַלטער אַ בורטשע געטאָן.

טאַנכום איז שטילערהייט אָפּגעגאַנגען אָן אַ זײַט, ער איז צוגעגאַנגען צום פֿאָטער, האָט עפּעס גערעדט מיט אים. זאַווע־לייב איז אַלץ געשטאַנען און מיט אַ כמורנעם בליק געקוקט אויף דאָדיען.

די פּויערים האָבן ארומגערינגלט דאָדיען און זײַנען צוגעשטאַנען צו אים, ער זאָל עפּעס דערציילן.

— מע האָט זיך פאַרבענקט נאָך אַן אייגענעם מענטשן, דאָס האַרץ זיך כאַטש אויסריידן. ווער קומט צו אונדז, ווער רעדט מיט אונדז... מיר האָבן געהערט, אַז דו פאַרשטייסט עפּעס יאָ א טאָלק, לייענסט דאָך בלעטער... דו ביסט געווען אין א שטאָט, האָסט גרויסע מענטשן געזען, האָסט זיך אָנגעהערט. וואָס זעען מיר, וואָס הערן מיר?...

דאָוויד האָט געקוקט אויף די פּויערים, זיך אײַנגעהערט אין זייערע רייד און אויסגעמיטן איבעריקס צו ריידן...

ראַכמיִעל האָט זיך פאַרפרי אופגערעט באַם באַלעבאָס און איז געקומען אהיים. ער האָט ארומגעזוכט א ווײַלע דאָדיען, זיך פאַנאַנדערגעפרעגט באַם ווײַב, וווּהין ער איז אוועקגעגאַנגען, און אוועקגעזעצט זיך אפן שוועל מײַסטרעווען.

פון קליינוווײַז אוף האָט ער ליב געהאַט זיך פאַרקלײַבן ערגעץ אין א ווינקעלע, קלאַפּן מיט א האַמער איבער שטיקלעך אײַזן און אויסהאַקן עפּעס א צאַצקע אָדער אויסשניצן פײַפעלעך פון פרישע צווײַגלעך פון יאַסיען.

שפּעטער האָט ער שטילערהייט זיך אָנגעהויבן ארײַנגאַנווענען צו די באַלעבאַטים אין די קלוניעס, דערטאַפּן עפּעס א ווייעלקע אָדער א פּוכטל, ארומקוקן אַלע ווינטיקלעך, פאַנאַנדערשרויפן אַלץ, באַקוקן און צוריק צונויפשרויפן.

פון זיך אליין האָט ער זיך אויסגעלערנט שמידערײַ, דעם פאַרבאָרגנסטן טייל פון יעטווידער מאַשין האָט ער געוווּסט, און ווי נאָר ס'האָט עפּעס געטראָפן אין א טריִער[1], אין א פּוכטל צי אין אַן אַנדער מאַשין, איז מען צו אים געלאָפן פאַריכטן.

די פעיִקײַט און די ליבע צו מאַשינעס האָט ראַכמיִעל געיאַרשנט פון זײַן זיידן בינִיאָמין דאָנדע.

דאָס אייניקל האָט זיך אינגאַנצן אײַנגעגעבן אין זיידן. דער זיידע איז געווען א הויכער, א ברייטפּלייציקער, מיט א געדיכטער קאַשטאַנעווער באָרד, מיט בלויע אויגן און מיט א גרויסן שטערן. אין דער געגנט האָט ער געהאַט א שעם פון א כאָכעם.

דער זיידע פלעגט אויך אין דער פרײַער צײַט, נאָך דער פעלדארבעט, זיצן אינעם זעלבן שטעלכל און מײַסטרעווען. קלאַנגען זײַנען אומגעגאַנגען, אַז ער האָט זיך אוף א סאַך טעג מיט א סאַך נעכט פאַרקליבן אוף א בוידעם און האָט דאָרט אַלץ געטראַכט און געמײַסטרעוועט ארום עפּעס א מאַשין. נאָכדעם האָט פּאַסירט, אַז מענטשן זײַנען געקומען פון דער שטאָט, האָבן זיך פאַרינטערעסירט מיט דער מאַשין און האָבן זי אוועקגעפירט. זיי האָבן זי ערגעץ אָפּגעגעבן און האָבן זיך דערשלאָגן צו אשירעס און קאָוועד.

אין מיטן עלטער, ווען בינִיאָמין האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם, איז ער

---

[1] טריִער — א מאַשין צו רייניקן טווּע.

פון צאָרעס געשטאָרבן. ערשט נאָך זײַן טויט האָט מען זיך געכאַפּט, אַז ער פעלט, דער קלוגער ביניאָמין. ס'האָט קיינער אַזוי ניט פאַרשטאַנען, אַף וואָס פאַר אַ וועטער דער זון־פאַרגאַנג ווײַזט, אַף וואָס די שטערן ווײַזן, ס'האָט אויך קיינער ניט געוווּסט די סימאָנים פון אַ גוראָטן און אומגעראָטן יאָר.

העט שפּעטער זײַנען דערגאַנגען קלאַנגען, אַז דאָס אייניקל איז געראָטן אינעם זיידן. באַלעבאַטים האָבן אָנגעהויבן זיך פאַרקוקן אַפן יונג און טראַכטן, וויאַזוי איבערצונעמען אים צו זיך, ער זאָל באַ זיי באַטראַקעווען.

ראַכמיִעל האָט אַ היפּשע ווײַלע געמײַסטרעוועט אַפן שוועל, נאָכדעם איז ער אַוועק צו זיך אין שטעלכל. אין שטעלכל אין אַ ווינקל האָט ער פון אַלטע זעק און פון שמאַטעס געשאַפן זיך אַ בלאָזזאַק. ער האָט אויסגעגראַבלט ערגעץ אַ קאָוואַדלע, אַ פּאָר אינסטרומענטן און זיך אַזוי צוביסלעך צונויפגעשטעלט אַ קוזניע.

אין שטיבל האָט פריידל זיך געפּאָרעט, זי האָט אַלץ איבערגעוואַשן, צוגע־קליבן אין יעדער ווינקעלע, ווי ערעוו אַ יאָמטעוו. דער אַלטער האָט איר אונ־טערגעהאָלפן, ער האָט געבראַכט וואַסער, אַרויסגעטראָגן דאָס מיסט, צעהאַקט ליים אַף אונטערצופירן די ווענט.

דאָדיע איז אַרײַנגעגאַנגען אין פּאָדערצימער, און דערזעענדיק, אַז די שוועסטער ראַמט אויף, איז ער אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן. ער האָט זיך אַרומ־געדרייט אַ ווײַלע אין הויף און איז צוגעגאַנגען צום שטעלכל.

ער איז געשטאַנען אַ ווײַלע און האָט זיך אײַנגעקוקט, ווי ראַכמיִעל מײַס־טרעוועט. ראַכמיִעלס שוואַרץ־ברוין פּאָנעם איז געווען פאַרשוויצט. דער דאַשעק פון דער זשאָקייקע איז געווען אַף אַ זײַט פאַרוקט, אַ שטיק שוואַרצער פאַרשוויצטער טשוב איז אַרויסגעקראָכן פון אונטערן היטל און האָט זיך צוגעקלעפּט צום ברייטן נאַסן שטערן.

— מײַסטרעוועסט נאָך אַלץ, — האָט דאָדיע זיך אָפּגערופן.

ראַכמיִעל האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, איז געבליבן זיצן אַ ווײַלע מיטן האַ־מער אין האַנט און האָט זיך עטוואָס פאַרשעמט, וואָס ער איז געווען אַזוי פאַרהאַוועט, אַז ער האָט דאָדיען ניט באַמערקט.

דאָדיע האָט זיך אין דער רעגע דערמאָנט, ווי ראַכמיִעל פלעגט אַמאָל קומען צו לויפן צו פריידלען, ברענגען אַ פּאָר פלוימען אונטערן העמדל, אַ רויט פאַרשוויצטער איבערגעבן עס פריידלען און צוריק אַנטלויפן, ווי עמעצער וואָלט אים נאָכגעיאָגט.

— כ'האָב גאָר ניט באַמערקט, אַז דו שטייסט, — איז ראַכמיִעל צוגע־גאַנגען צו דאָדיען, — ווו ביסטו עס געווען, כ'בין הײַנט פאַרפרי אהיים גע־קומען, און דו ביסט גאָר ערגעץ אַוועק... קום אין שטוב אַרײַן.

דאָדיע מיט ראַכמיִעלן זײַנען אַרײַן אין שטיבל. זיי האָבן זיך שטילערהייט אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל און האָבן וועגן עפּעס געשמועסט. פריידל איז אַלע ווײַלע צוגעגאַנגען צו זיי, האָט אַרײַנגעוואָרפן אַ וואָרט און איז צוריק אַוועק פּאָרען זיך אין דער באַלעבאַטישקײַט. דער אַלטער איז פונוויַטן געזעסן און צוגעהערט זיך, ווי ראַכמיִעל דערציילט אויס פאַר דאָדיען אַלע אוולעס און צאָ־רעס, וואָס זיי האָבן אויסצושטיין פון די באַלעבאַטים.

— יודע האָט, הייסט עס, דיך צוגענומען איניינעם מיט דער ערד, — האָט דאָדיע איבערגעשלאָגן ראכמיִעלן אינמיטן די רייד.

— פֿאָדאט צו באצאָלן איז ניטאָ, זייען איז אויך ניטאָ מיט וואָס... נו, האָבן מיר עס אים פֿארדונגען, עפּשער וועל איך זיך ארופֿארבעטן אַף א פֿערדל, — האָט ראכמיִעל זיך אליין געטרייסט.

— און זאווע־לייב מיט טאנכומען וואָס טוען? — האָט זיך דאָדיע פֿאנאנ־דערגעפֿרעגט בא ראכמיִעלן.

— זיי האָבן צופֿארדינט א ביסל און קויפֿן זיך שטיבלעך. זאווע־לייב האָט אויך געארבעט מיט מיר, און טאנכום איז א סאָטסקע געווען.

— זיי וואָלטן זיך ניט צעקריכן, וואָלט איך זיך צוריק אַף די פֿיס גע־שטעלט. טרײַבט עס זיי אָבער ארום פֿון איין אָרט אפֿן צווייטן, — האָט דער אלטער זיך ארײַנגעמישט, — פֿרעג, וואָס באקט זיי אונטערן עק. טאנכום זיצט גאָר ניט אײַן אַף איין אָרט, עפּעס א רועך זיצט אין אים; און זאווע־לייבן האָט זיך אויך פֿארוואָלט אָפּטיילן... זיי זײַנען דאָך צו ראכמיִעלס כאסענע געקומען צו לויפֿן ווי די פֿארסאמטע, טאָמער וועט ער דאָס שטיבל פֿארכאפּן... זיי מיינען, אז איך וועל זיי אָפּגעבן די ערד...

— די ערד איז סײַווי בא יודען, א באלעבאָס האָט א טעווע, אז ער נעמט ארײַן א שטיקל ערד אין די הענט, האלט ער עס און לאָזט עס צוריק ניט ארויס, — האָט דאָדיע אים דערקלערט.

— וואָס הייסט, ער האלט? — האָט דער אלטער זיך אָנגעצונדן. — אַף מײַן ערד וועט ער זײַן א באלעבאָס?

אין שטיבל זײַנען ארײַנגעקומען מיכל מאכלין, געדאליע רײַטשוק און נאָך עפּעס א פּאָר פּויערים.

— קומט ארײַן, וואָס שטייט איר אפֿן שוועל? — האָט דאָדיע זיי פֿאר־בעטן אין שטוב ארײַן. — זעצט זיך אוועק.

די פּויערים האָבן זיך אויסגעזעצט, האָבן אראָפּגעלאָזט די פֿארדײַגעטע קעפּ און זיך דורכגעוואָרפֿן מיט ווערטלעך.

— אז ס'טרעפֿט אן אומגליק, — האָט געדאליע, רוקנדיק זיך נעענטער מיטן בענקל צו דאָדיען, אָנגעהויבן אויסדערציילן זײַנע צאָרעס, — פֿאר ווע־מען זאָל מען זיך אויסריידן. גייסט ארום א גאנצן טאָג איבער די הויפֿן, גייסט אין סטעפּ. גייסט, ווו די וועלט האָט אן עק, עפּשער...

— וואָס וואָלט מיר געפֿעלט, דער שולץ זאָל מײַנע פּאָר דעסיאָטינקעס ניט פֿארדינגען, — האָט מיכל אים איבערגעשלאָגן, נאָר געדאליע האָט זײַנס געטײַנעט:

— אזא בארדאם ווי ס'איז געווען די שקאפֿע... איר כאָכמע, מ'קאָן זיך דען אָנדערציילן...

— אזוינע דרײַ דעסיאטינעס ערד, — האָט מיכל פּאָרט געפּרוּווט זיך אויסטײַנען, — מ'זאָל נאָר פֿארזייען צו דער צײַט, קאָן מען דאָך אָפּגעשאָטן ווערן מיט ווייץ...

— כײַ וואָלט כאָטש איין פֿוס בא איר א שטײַפֿער זײַן, איין צאָן אין מויל כײַ וואָלט פֿעלן, וואָלט עפּשער ניט אזוי פֿארדראָסן.

— וואָס קאָן איך טאָן מיט די צוויי דעסיאַטינקעס ערד... סאַמע שמאַטאָווע ערד... האָט ער מיר איבערגעלאָזן, — האָט מיכל אַלץ גערעדט פֿון זײַנע זאַכן, — אָט זײַנען נאָך אַ פּאָר מענטשן געקומען. דו ביסט דאָך אויסגעווען אַ וועלט, עפּשער קאָנסטו געבן אַן אייצע, ס'איז דאָך אַ ראַזבויסטווע... מיר וועלן דאָך בלײַבן אָן אַ שטיקל ערד.

— באַ וויפֿל מענטשן האָט מען די ערד פֿאַרשטײַגט?.. וויפֿל יאָר האָבן זיי קיין פּאָדאַט ניט געצאָלט? — האָט דאָוויד זיך פֿאַנאַנדערגעפֿרעגט.

— באַ קאַלמען בעהון... באַ באָרעך בעהון, באַ כײַקל שינדאַק, האָט מיכל גענומען ציילן אַף די פֿינגער.

די פּויערים האָבן, איבערשלאָגנדיק איינער דעם אַנדערן, אים איבערגעשריִען:

— באַ שיִע זאָנדען, וועלכער האַלט די ערד אַרום פֿינפֿטן געלענק!

— און באַ שיִעם ברודער, באַ סימכען, האָט מען אויך פֿאַרדונגען די ערד, וועלכע געפֿינט זיך אַרום די מאָהילעס.

— און באַ כאַיִם בראַקין!

— און באַ נעכעמיע קוקוי!

— און באַ ייִסראָעל דראָהאַטש!

— שיינע געשעפֿטן באַ אונדז? — האָט מיכל מאַכלין אַ פֿרעג געגעבן, באַמערקנדיק, ווי דאָוויד דרייט מיטן קאָפּ.

איצט, ווען טאַנכום איז ניט געווען דערבײַ, האָט דאָוויד באַשטימט ריידן מיטן אוילעם אָפֿענע דיבורים.

— ס'באַקומט זיך, אַז עטלעכע פֿעסטע באַלעבאַטים זײַנען שטאַרקער פֿון הונדערטער אָרעמע פּויערים? — האָט מיט אַ שמייכעלע אַ זאָג געטאָן דאָוויד.

— אַזוי איז עס טאַקע! — האָט באַשטימט גדאַליע. — דעם גוויר קומט אַלץ, ווײַל ווער ס'האָט די מיע, דער האָט די דייע.

— איר לאָזט זיי אַליין געוועלטיקן איבער זיך! — האָט זיך אָפּגערופֿן דאָוויד. — איר רוקט אַליין אײַערע העלדזער אין יאָך!

— וואָס מיינט איר, ס'איז טאַקע אַזוי! — האָט זיך אָפּגערופֿן דער רויטהאָריקער באָרעך מיט דער לאַנגער געדיכטער באָרד. — וויפֿל מאָל פֿלעג איך זיך ווענדן צו יודל פּייטראַכן: טוט אַ טויווע, רעב יודל, לײַט מיר אַ פּאָר פּוד מעל ביז נײַעם... נו, מיינט איר, זאָגט ער אָפּ?

— און דו גיסט אים נאָכדעם אָפּ, פֿאַר דרײַ פּוד — פֿיר? — האָט דאָוויד געפֿרעגט.

— פֿיר ניט פֿיר, נאָר אַ האַלבן פּוד גיט מען אָפּ פֿאַר דער טויווע.

— און נאָכדעם אַרבעטסטו נאָך אָפּ צען טעג אומזיסט אַפֿן טויק? — האָט זיך אָפּגערופֿן מיכל.

— ווי זשע, אַ מענטש טוט מיר אַזאַ טויווע, קען מען דאָך קיין כאַזער ניט זײַן, — האָט דאָוויד אַ שמייכל געטאָן.

— פֿאַר אַזאַ טויווע מעג מען האָבן מוירע, — האָט זיך אַ כאָכמע געטאָן גדאַליע.

— מיסטאַמע שטייט אַזוי אין דער טוירע, — האָט צוגעגעבן מיכל מאַכ־

לין. — אָבער וואָס קאָן מען טאָן? שרײַ הײַנט, שרײַ מאָרגן, אָן דעם באַלע־באָס קאָן מען זיך פּאָרט ניט באַגיין.

דער אוילעם האָט זיך א קער געטאָן צו דאָווידן. וואָס וועט ער זאָגן? דאָוויד האָט ארויסגענומען פון קעשענע א זעקעלע מאַכאָרקע, פארייכערט און, ארויסלאָזנדיק געדיכטע הנוילן רויך, אָנגעהויבן דערציילן א מײַסע:

— איר האָט געוויס געהערט פון אײַערע באָבעס, וויאַזוי א בער האָט זיך אײַנגענאַדיעט צו א בינשטאָק. איינמאָל איז ער געקומען, אָנגענומען האָניק, וויפל ער האָט נאָר געוואָלט, דערנאָך א צווייט מאָל, און ווען ער איז געקומען דאָס דריטע מאָל, איז שוין האָניק געווען אזוי ווייניק, אז ס'וואָלט קוים־קוים געסטײַעט די בינען אויף ווינטער. איז געוואָרן א טומל צווישן די בינען. וואָס טוט מען? זאָגט די בינען־מוטער: „גיט ניט אוועק דעם בער דעם לעצטן האָניק!"

— וואָס קאָנען מיר טאָן, — האָט אָנגעהויבן זשומען איין בין. — דער בער איז אזא גיבער, און מיר זײַנען פליי קעגן אים, ווי קאָנען מיר בײַשטיין קעגן אזא גוואר?

— וואָס הייסט פליי? דער בער איז דאָך איינער, — איז אופגעבראכט געוואָרן די בינען־מוטער, — און מיר זײַנען טויזנטער! לאָמיר זיך אלע ארופ־ווארפן אויף אים, און מיר וועלן אונדזער שפּײַז אָפּשלאָגן.

די בינען האָבן געפאָלגט און זײַנען ארופגעפאַלן אפן סוינע. ווער ס'האָט אים אין אן אויער געשטאָכן, ווער אין נאָז און ווער אין די ליפּן. דער בער האָט א דערשראָקענער אָנגעהויבן רעווען און געמאכט פּלייטע. אָן קויכעס, א צעביסענער, האָט ער זיך קוים דערשלעפּט אין בערלאָגע.

— נו, און ווײַטער וואָס איז געווען? — האָט באָרעך דער רויטער א פרעג געגעבן.

— דער בער האָט שוין א צענטן פארזאָגט צו נאשן פרעמדן האָניק, — האָט דאָוויד געענטפערט.

— קלאָר, — האָט געזאָגט מיכל. — ווען מיר וואָלטן אלע צוזאמען זיך גענומען פאר די באַלעבאַטים, וואָלטן מיר גיך באַ זיי אָפּגעשלאָגן דעם כיישעק צו זויגן אונדזער בלוט.

— דאַן וואָלטן די באַלעבאַטים ניט אָנגעטאָן אויף אײַערע העלדזער קיין יאָך און וואָלטן אומזיסט זיך ניט גענוצט מיט אײַער ערד, — האָט זיך אָפּגע־רופן דאָוויד. — נו, זאָגט אליין: ווער צווינגט אײַך אוועקצוגעבן אײַער ערד אין ארענדע פאר גראָשנס. אויף אײַער ערד וואקסט ברויט פאר די באַלעבאַטים, און שטײַערן צאָלט איר א גאנץ לעבן!

— נו, גוט, — האָט זיך אָפּגערופן מיכל. — לאָמיר זאָגן, איך וועל ניט אָפּגעבן מײַן ערד אין ארענדע, א צווייטער וועט ניט אָפּגעבן, ווען מיר קענען זיך אלע צונויפריידן ניט אָפּגעבן, וואָלט געווען אן אנדער זאך, סײַווי וועט זיך באַ אונדז ניט באקומען, ווי באַ די בינען!

— דערפאר שפּילן אוים די גווירים, ווײַל מיר קענען זיך ניט צונויפ־ריידן, האלטן זיך צוזאמען, — האָט געזאָגט דאָוויד. — יעדערער גייט זיך מיט זײַן וועג, און וועגן צווייטן טראכט ער ניט. לאָמיר נעמען, צום בײַשפּיל,

דעם ארבעטער. אים קומט אוים טייל‌מאָל גוואַלדיק שווער. אַזוי שווער, אַז דעם לעצטן קאַפּצן פון דאָרף וואָלט ער מעקאַנע געווען. ווי־ניט־ווי האָט דער אָרעמער פויער אין דאָרף א שטיקל שטיבל, א ביסל מעל, א קאַרטאָפל, א פאַסאָל, א ביסל מילך פאַר די קינדער. אָבער אַן ארבעטער, ווען ער בלייבט אָן ארבעט? וואָס זאָל ער טאָן? וווּהין זאָל ער זיך אהינטאָן? פון דער דירע יאָגט מען אים, כאָטש גיי אַף דער גאַס, שפּייַזן די מישפּאָכע איז ניטאָ מיט וואָס, פונדעסטוועגן גיט זיך אונדזער ברודער ארבעטער ניט אונטער און קעמפט קעגן דעם באַלעבאָס. ווי נאָר ס'ווערט דערקלערט א שטרייַק, גייען די ארבעטער וואָכנווייַז ניט ארויס אַף דער ארבעט, מ'האַלט זיך צוזאמען, ביז מ'דערשלאָגט זיך, דער באַלעבאָס זאָל אויספילן די פאָדערונגען.

— פון וואָס זשע לעבן זיי, נעבעך? — האָט מיט מיטלייַד א קרעכץ געטאָן מיכל. — מ'איז דאָך א לעבעדיקער מענטש, אַלע טאָג וויל מען עסן, ווי זשע האַלטן זיי עס אוים?

— זייער פּאָשעט, — האָט דערקלערט דאָוויד. — איינער העלפט דעם צווייטן — די, וועלכע ארבעטן, העלפן די, וועלכע שטרייַקן, מיט וואָס זיי קענען נאָר.

— עך, ווען מיר קענען אַזוי, — האָט זיך אָפּגערופן גדאַליע רייַטשוק. — ווען אונדזערע אָרעמעלייט וואָלטן געהאָלפן איינער דעם צווייטן אין אַן אומ־גליק־צייַט, וואָלטן מיר ניט געווּסט פון קיין צאָרע. ווען בא עמעצן פאַלט, ניט פאַר אייַך געדאַכט, א פערד, וואָלט מען כאָטש אונטערגעהאָלפן א דעסיאַ־טינקע אופאַקערן, אָדער נאָך בעסער, מ'וואָלט זיך צונויפגעלייגט און אַלע צוזאמען וואָלטן אים קויפן א פערד, וואָלט בא אונדז אויך די ערד ניט גע־פּוסטעוועט און מיר וואָלטן ניט געדאַרפט אונטערשטעלן די העלדזער אינעם יאָך פון די באַלעבאַטים.

— אַזוי, אַזוי, גדאַליע, דו האָסט געטראָפן אין פּינטל, — האָט אים דאָוויד אונטערגעהאַלטן. — מ'דאַרף זיך האַלטן צוזאמען. אומעטום האַלטן איין האַנט, וועט גרינגער זייַן קעגנשטעלן זיך די באַלעבאַטים, דעם שולץ און די בלוטזויגער. אָט, צום בייַשפּיל, די ארבעטער פון אונדזער זאַוואָד האָבן דערקלערט א שטרייַק. כ'וועל אייַך זאָגן דעם עמעס, כ'בין דעריבער געקומען צו אייַך, ווייַל די ארבעטער שטרייַקן שוין די צווייטע וואָך.

— די צווייטע וואָך! — האָבן זיך דערהערט שטימען.

— ווי לעבן זיי, נעבעך?

פריידל, וועלכע האָט אונטערגעהערט דעם שמועס, האָט א זיפץ געטאָן.

— וויי איז מיר! ביטער קומט אוים די קינדערלעך. זיי קערן, נעבעך, זיצן הונגעריק.

— ס'טרעפט, אַז ס'קומט אוים לייַדן ניט נאָר הונגער, — האָט געזאָגט דאָוויד. — העכער צוויי הונדערט ארבעטער האָבן געוווינט אין די קאַזאַרמעס. אין דעם ערשטן טאָג פון שטרייַק האָט מען זיי ארויסגעיאָגט אַפן גאַס מיט די קינדערלעך.

דאָ האָט שוין דער אַלטער בערע, וועלכער האָט ביז איצט ניט גענומען קיין אָנטייל אין דעם שמועס, ניט אויסגעהאַלטן:

— גאזלאָנים! מערדערס! — האָט ער א געשריי געטאָן. — זיי האָבן גאָר פאר גאָט ניט מוירע. קינדער ארויסטרײַבן אין דרויסן... דו וואָלטסט זיי, דאָוויד, געהייסן צו אונדז קומען. מיר וואָלטן זיי דאָ ווי־ניט־איז אונטער־געהאלטן.

— זאָרגט זיך ניט, רעב בערע, — האָט אים בארויִקט דאָוויד, — קיינער איז ניט אפן גאס. מיר האָבן אלעמען אײַנגעאָרדנט בא די ארבעטער, וועלכע האָבן אייגענע שטיבלעך, אָדער בא די, וועלכע וווינען אין געדונגענע הײַזער. אָט מיט שפּײַז איז בא אונדז טאקע ניט פריילעך.

— עפשער זאָלן מיר מיט עפּעס מיטהעלפן? — האָט זיך אָפּגערופן געד־דאליע. — בא אונדזער גאנצער אָרעמקײַט, קען יעדערער עפּעס פון זײַן מויל אָפּרײַסן און העלפן די הונגעריקע ארבעטער. ווער ס'וועט געבן א ביסל מעל, קארטאָפליעס, אייער, וואָס ס'וועט זיך מאכן. איך אליין, כאָטש ס'איז מיר זייער שווער אָן א שטיקל פערד, וועל איך מיט פארגעניגן געבן א האלבן פוד מעל.

— און איך אויך, און איך אויך! — האָבן זיך דערהערט שטימען.

— פריידל! — האָט ראכמיִעל זיך געווענדט צום ווײַב. — וויפל האָסטו דאָרטן אייער אָנגעקליבן? גיב אוועק! קיין ברויט האָבן מיר אליין ניט.

— זייער גוט. צוליב דעם, קען מען זאָגן, בין איך אהער געקומען, — האָט דאָוויד געמאָלדן. — א סאך אונדזערע ארבעטער זײַנען זיך צעפאָרן איבער די דערפער, פונוואנען זיי שטאמען. נאָר געדענקט, קיינעם זאָלט איר קיין פּיפּס ניט טאָן וועגן דעם, וואָס מיר ריידן דאָ. איר פארשטייט?

— קלאָר, קלאָר, — האָט זיך אָפּגערופן באָרעך. — נאָר ווי קענען מיר גיין צו מענטשן צונויפקלײַבן וואָס־ניט־איז, ניט זאָגנדיק פאר וועמען און צוליב וואָס מיר זאמלען עס?

— מע דארף וויסן וועמען וואָס צו זאָגן, צו אזא אוילעם, וועלכער וועט אָפּטראָגן דעם שולץ אָדער דעם אוריאדניק, איז ניטאָ וואָס צו גיין, — האָט דאָוויד געוואָרנט.

— איך מיין, אז דער שטרײַק פון די ארבעטער קען אונדז אויך נוצן ברענגען, — האָט זיך אָפּגערופן מיכל. — אויב דער ארבעטער וועט גוט צו־דריקן זײַן באלעבאָס, וועט בא אונדזערע באלעבאטים אויך א ציטער טאָן דער פּופּיק. איר געדענקט, ווי עס איז געווען אין פינפטן יאָר? דאן האָבן אונד־זערע באלעבאטים אויך די קעפּ אראָפּגעלאָזן.

— איז וואָס איז דאָ לאנג וואָס צו ברײַען, קומט איבער די הײַזער, און מיר וועלן הייסן צונויפטראָגן פּראָדוקטן צו אונדז. פריידל זאָל דאָ בלײַבן. זי וועט צונויפנעמען, וואָס מע וועט ברענגען, — האָט געזאָגט ראכמיִעל.

אַף מאָרגן האָט מען אין שטיבל אָנגעהויבן צונויפטראָגן — ווער וויפל און וואָס ס'האָט געקענט. צו האלבן טאָג איז פריידלס טיש געווען פול מיט זע־קעלעך און פּעקעלעך מיט מעל, קארטאָפל, פאסאָל, הירזש און אנדערע פּראָ־דוקטן.

דאָוויד האָט פאָרגעלייגט באהאלטן דאָס אלץ אין א זיכער אָרט, און אליין האָט ער אויך אויסגעמיטן איבעריקס צו ווארפן זיך אין די אויגן, פונדעסטוועגן האָבן די, וועלכע האָבן ניט געוווּסט, צוליב וואָס ער איז גע־

קומען, זיך געכידעשט. ווער ס'האָט געזאָגט, אז ער איז געקומען, ווײַל ס'האָט אים געצויגן צו די אייגענע, ווער ס'האָט געזאָגט, אז ס'איז א סוואָרע, אז ער איז געקומען צוליב א שידעך.

נײַגעריקע פויערים האָבן זיך פאַנאַנדערגעפרעגט בא ראַכמיִעלן, בא פריידלען, בא בערעך.

— ער איז געקומען צוגאסט אף א שטיקל צײַט און וויל צוארבעטן א ביסל, — האָבן די אייגענע געענטפערט.

אין א פּאָר טעג ארום נאָך זײַן קומען האָט דער שולץ אין פּריקאַז אויסגעהאנגען א פּאַפּירל, אז די פּויערים דארפן צאָלן פּאָדאַט. האָט זיך לעבן דעם פּאַפּירל באַוויזן אן אנדער פּאַפּירל מיט אן אנדער אופשריפט: „צאָלט ניט קיין פּאָדאַט פארן באַלעבאָס, גענוג געשונדן די הויט!"

פון הויף צו הויף איז אוועק א רייד וועגן דעם פּאַפּירל.

— אונטער דער נאָז האָט מען עס אים אונטערגערוקט... זאָל ער וויסן, אז מע פארשטייט זייערע קונצן... די באַלעבאַטים האַלטן די ערד, און מיר וועלן צאָלן? — האָבן די פויערים געשריִען.

— ווילסט זײַן א באַלעבאָס, ווילסט האָבן אייגענע ערד, צאָל! דו ווילסט ניט צאָלן, טאָ גיב אָפּ די ערד, — האָבן אנדערע זיך אָנגענומען פארן שולץ.

ארום די פויערים אין גאס, אין בעסמעדרעש האָבן זיך געקליבן רעדלעך, מע האָט זיך געקריגט, מע האָט דעם שולץ געזידלט פאַר די פּאָדאַטן, פאַר די שטראַפן, פאַר אַלערלייִקע צאָלונגען, וואָס ער טראַכט אויס, צו שינדן די הויט.

צווישן זיך האָבן די פויערים געשאַרפט די מויכעס, ארויסגעזאָגט האַשאָרעס, וועמענס ארבעט דאָס אנדערע פּאַפּירל איז געווען. אַלע זײַנען געקומען צו איין געדאַנק, אז דאָס האָט געטאָן אן אייגענער.

טאַנכום דאָנדע האָט זיך ארומגעשלײַעט איבער די הויפן, זיך צוגעהערט צו די רייד און נאָכדעם אָפּגעטראָגן דעם שולץ, ווער וואָס עס זאָגט. ער האָט זיך באַמיט דינען דעם שולץ נאָך געטרײַער ווי דעמלט, ווען ער איז א סאָטסקע געווען. אים האָט זיך געדוכט, אז מיט דעם פארווישט ער יעדן כשאַד, אז צו אים איז ארײַנגעפאַלן דעם גאַנעווס אָנגערויבט גוטס, און טאָמער וואָס, וועט דער שולץ זיך שטעלן אף זײַן זײַט.

אן אומרו האָט ארויסגערופן בא אים ראַכמיִעל. דאַכט זיך, ווען ער האָט אראָפּגעשלעפּט פון גאַנעוו דאָס היטל, האָט ראַכמיִעל דאָס געזען.

טאַנכום האָט עטלעכע מאָל געפּרוּווט צו פארפירן א רייד וועגן דעם, אָבער ראַכמיִעל האָט געקוקט אף אים און האָט פאַראַקשנט געשוויגן.

איינמאָל האָט טאַנכום שוין אפילע געהאַט באַשלאָסן ריידן מיט אים אָפן, פּאָרלייגן אים א טייל פונעם געלט, נאָר אים האָט באַנק געטאָן אוועקצוגעבן אזויפיל גוטס. ער האָט פארשטעלטערהייט גערעדט מיטן ברודער, אָפּטמאָל אים געכאַנפעט, געשוואָרן, אז ווי נאָר ס'וועט אוועקגיין א גאַנג מיט זײַן כודאָבע, וועט ער אים, ראַכמיִעלן, העלפן.

טאַנכום האָט אָנגעהויבן באַמערקן, אז צו דאָווידן האָבן אָנגעהויבן גיין פויערים, זיי שמועסן מיט אים, פרעגן זיך פאַנאַנדער וועגן דער וועלט, דער-

ציילן אוים אייגענע נײַם און אייצען זיך מיט אים. בלויז מיט אים, מיט טאנכומען, מײַדט דאָוויד אוים זיך צו באַגעגענען.

נאָך יינגלווײַז פלעגט טאנכום אלע קינדער אָפּנארן, אויסכיטרעווען בא זיי זאכן, אָבער פאר דאָווידן האָט ער מוירע געהאט.

איינמאָל אין אָוונט האָט טאנכום געפּרוווט מיט אים פארפירן א רייד וועגן נײַס, נאָר דאָוויד האָט אים גלײַך איבערגעשלאָגן:

— כ'האָב שוין געהערט...

— ווי מיינסטו, וועמעס ארבעט קאָן עס זײַן דאָס פּאפּירל אין פּריקאז? — האָט אים טאנכום געפרעגט. — דער שולץ זאָגט, אז זינט ער איז שולץ, איז נאָך אזוינס ניט געווען.

— וואָס דארט דיר דער קאָפּ פארן שולץ, וואָס דארפסטו טרעפן ווער?

— א באלאָנעס אין סאמע פּריקאז ארײַנגיין? קענטיק, א כוואט א יונג האָט דאָס געטאָן... — האָט טאנכום מיט אָנגעצונדענע אויגן גערעדט, ס'איז אים אפילע אליין געפעלן געוואָרן דאָס שפּיצל.

— מע זאָגט, אז דו קויפסט א גוטע שטוב, אז דו קלײַבסט זיך ווערן א באלעבאָס, — האָט דאָוויד זיך באמיט צו פארפירן א רייד וועגן אנדערע זאכן, נאָר טאנכום האָט זיך אלץ אומגעקערט צו זײַנס.

שפּעטער זײַנען ארײַנגעגאנגען נאָך פּויערים, ס'איז געוואָרן לעבעדיקער. מע האָט לאנג גערעדט, פארבראכט.

שפּעט באנאכט, ווען אלע זײַנען זיך צעגאנגען, האָט דאָוויד ארויסגענו־מען א פארבאהאלטן ביכל, אוועקגעשטעלט אין ווינקל דאָס קאנעצל און גע־נומען לייענען.

— דאָ באשרײַבט זיך, — האָט ער איינמאָל דערקלערט דעם אלטן מיט ראכמיִעלן, פארזאָגנדיק שטרענג, זיי זאָלן קיינעם ניט זאָגן פונעם ביכל, — וועגן דעם, וויִאזוי מע וועט צונעמען די ערד בא די פּריצים און מע וועט זי צעטיילן די פּויערים.

באם אלטן האָט זיך דאן באוויזן א פּײַערל אין די אויגן. ער האָט זיך א ווײַלע פארטראכט.

— ס'וואָלט טאקע עפּשער געווען א גלײַכע זאך. ווער האָט עס צוגעטראכט דאָס ביכל? זאָל אים גאָט געבן געזונט און מאזל, ער זאָל זיך זײַנס דער־שלאָגן. ס'וואָלט עפּשער טאקע גרינגער געווען צו לעבן...

11

אין עטלעכע טעג ארום איז טאנכום אוועקגעפאָרן אין כוטאָר צו דער מויד און האָט אונטערגעשיקט די שאדכנטע. ער האָט געהייסן איבערגעבן דער קאלע, אז ער האָט א גוטע באלעבאטישקײַט, א שיינע שטוב, א גוטע פּאָר פּערד און איז אליין א גוטער אין כאראקטער.

— צו אזא מויד, — האָט ער געטראכט, — דארף קומען א כאָסן אף א

גוטער פּאָר פערד, אַף א ניי־אויסגעפּארבטן וואָגן, מיט קלינגענדיקע אונטער־געקאָוועטע אקסן, מע זאָל פון די הויפן ארויסלויפן קוקן, מע זאָל פונוויַיטן זען, אז עס פאָרט א באַלעבאָס.

פונעם כוטאָר, פון דער שאַדכנטע, האָט טאנכום זיך צוגעיַילט אפן יאריד. און דערנאָך האָט ער זיך באוויזן אינעם דאָרף אַף א שפּאָגל־נייַעם גרין־אויסגעפּארבטן וואָגן, אייַנגעשפּאנט מיט א פּאָר טונקלרויטע שקאָפּעס. ער איז אַרייַנגעפאָרן אין דאָרף מיט א טראסקערייַ. די פערד האָבן זיך געטראָגן מיט פאריסענע קעפּ. א וואָלקן שטויב האָט נאָכגעיאָגט די פור. אין דרויסן איז שוין געווען גדיכט טונקל.

דערהערנדיק די טראסקערייַ, זייַנען פויערים ארויסגעלאָפן פון די הייַזער און האָבן זיך גענומען ארומקוקן.

— ווער פאָרט עס אזוי האסטיק? זעט אויס, א נייַער וואָגן. א באַלעבאטיש פאָרן.

טאנכום האָט דערפילט אין הארצן א ווילדן פארגעניגן, וואָס די פויערים זייַנען ארויסגעלאָפן קוקן. ער איז מיט א קיוון אַרייַנגעפאָרן אין אָוונט, די פּאָר פערד מיטן וואָגן זאָלן זיך דערווייַל ניט ווארפן אין די אויגן.

מיטן טאָג האָט ער געטראכט אויסשפּאנען די פערד, אוועקפאָרן צו דער מויד, און נאָכדעם, ווען ער וועט זיך שוין אומקערן צוריק, וועלן אַלע מיינען, אז ס'איז זייַן נאדן.

— זעט אויס, ניט קיין היגע פור, — האָט טאנכום דערהערט עמעצנס א קאָל. ער האָט פארקערעוועט צו זייַן שטוב און איז אַרייַנגעפאָרן אין הויף. טאנכום האָט אויסגעשפּאנט די פערד, אַרייַנגעפירט זיי אין שטאל און פארשפּארט די טיר, אז א זייַטיקער מענטש זאָל ניט אַרייַנקוקן.

נאָר פון ערגעץ איז א פארסאָפּעטער אָנגעקומען זאוועַ־לייב.

דערהערנדיק די טראסקערייַ פון דער פור, איז זאוועַ־לייב ארויסגעשפּרונ־גען פון זייַן שטיבל. פון קליינוווייַז אויף האָט די לייַדנשאפט נאָך א פּאָר גוטע פערד אין אים אזוי געברענט, אז ער האָט ניט געקאָנט דורכלאָזן קיין איין פור, ער זאָל כאָטש פונווייַטן ניט באטראכטן די פערד.

זאוועַ־לייב האָט זיך דורך די הויפן געלאָזט לויפן נאָכקוקן, וווּהין די פור וועט פארקערעווען. ער איז אָפּגעלאָפן א פּאָר הויפן און האָט מיטאמאָל פאר־לאָרן די פור פון די אויגן. ער האָט נאָר געהערט, אז זי האָט ערגעץ פארקערע־וועט דאָ ניט ווייַט. ער איז געגאנגען א פארטראכטער און האָט מיטאמאָל דערזען טאנכומען אין זייַן הויף.

— ווער איז דאָס דורכגעלאָפן מיט אזא טראסקערייַ? — האָט זאוועַ־לייב א פרעג געטאָן.

— כ'ווייס ניט, — האָט טאנכום געקנייטשט מיט די פּלייצעס.

— אָט דאָ ערשט ניט לאנג איז דורכגעפלויגן א פור.

— כ'האָב ניט געהערט.

— און דער וואָגן וועמעס איז? — האָט זאוועַ־לייב געוויזן מיט דער האנט אפן נייַעם וואָגן.

— מייַנער, — האָט טאנכום בייזלעך געענטפערט און זיך געלאָזט גיין.

— ווּ האָסטו גענומען פּלוצעם אַ פּאָר פערד מיט אַ וואָגן?

טאַנכום האָט אַ ווײַלע אופגערעגט געשוויגן, נאָכדעם האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— ווי נאָר באַ טאַנכומען באַווײַזט זיך עפּעס, מאָזאָליעט עס יענעם די אויגן. פאַרוואָס גייט מיך ניט אָן, וואָס באַ יענעם טוט זיך?

— וועמען מאָזאָליעט די אויגן? — האָט זאַווע־לייב אַ באַליידיקטער געשריִען. אין זײַנע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ פײַערל.

— אַלעמען. די פערד האָבן נאָך ניט אָפּגעאָטעמט, לויפט מען שוין קוקן. פאַרוואָס גיי איך צו קיינעם ניט?

— וואָס האָסטו מוירע, פאַר אַן אײַנהאָרע?

— איך האָב ניט קיין מוירע, — האָט טאַנכום מיטאַמאָל אָנגעהויבן ריידן ווייכער, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פאַרענטפערן, — די פערד זײַנען מיד. מע דאַרף זיי לאָזן אַ ביסל אָפּעטעמען.

— איך וויל נאָר אַ קוק טאָן, — האָט זאַווע־לייב געזאָגט, שפּאַרנדיק זיך אין שטאַל אַרײַן.

דער ברודער איז אָבער געשטאַנען די גאַנצע צײַט לעבן דער טיר און האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג.

זאַווע־לייבן האָט עס אופגעבראַכט ביז מעשוגאַס. דאָס פּאָנעם איז באַ אים מיטאַמאָל אופגעפלאַמט געוואָרן. די אויגן האָבן זיך איבערגעקערט, אין האַלדז האָט געוואָרגן אַ פאַרביטערטע קאָל מיט סינע און קאַס. ער האָט דערפילט, אַז דער ברודער באַהאַלט פון אים עפּעס אויס.

טאַנכום האָט זיך מיטאַמאָל דערשראָקן פאַרן ברודערס קאַס. מיט גוטינקע ריידעלעך האָט ער אָנגעהויבן אים באַרויִקן. ער האָט דערציילט, אַז די פערד גיט מען אים אין נאַדן און אַז אויב אים וועט זײַן גוט, וועט שוין אויך אַלע אייגענע זײַן גוט.

— ווערט עס געהאַרגעט! — האָט זאַווע־לייב אַ ברום געטאָן. — זעסט דאָך, לײַטן גייט, און זאַווע־לייב מוז זיך מוטשען.

— וועמען שעלטסטו, וואָס בורטשעסטו? אַז דו האָסט ניט, דאַרף יענער אויך ניט האָבן?

זאַווע־לייב איז האַסטיק אַרויס פון דער שטאַל. טאַנכום איז עטלעכע טריט נאָכגעגאַנגען נאָך אים און האָט אים נאָכגעקוקט, ביז יענער איז פאַרשוווּנדן. ער האָט אַ פּאָר מאָל אויסגעשפּיגן אַף דער ערד, אַז דעם ברודערס קלאָלעס זאָלן פאַלן אַף פרעמדע קעפּ, און זיך גענומען אײַנהערן, ווי די פערד ריִען מיט די מײַלער אין די קאָרעטעס, ווי זיי טופּען מיט די קאָפּיטעס. באַ אים איז ווידער אין האַרצן געבאָרן געוואָרן אַ וואַרעמע פרייד. ער האָט זיך דערפילט גליקלעך, ווי נאָך קיינמאָל ניט, וואָס די פערד געהערן אים, וואָס מאָרגן וועט ער זיי אײַנשפּאַנען און וועט פאָרן צו דער קאָלע.

אָפּן הימל האָבן זיך שוין העל אָנגעצונדן די שטערן. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די שטערן לײַכטן הײַנט פאַר אים. ווּ־ניט־ווּ באַ די ראַנדן פונעם בלוי־טונקעלן הימל האָבן זיך באַוויזן ווײַסע פּערלמוטערנע וואָלקנדלעך. די וואָלקנדלעך קלײַבן זיך אויך פאַרזײַנעטוועגן, קעדיי אָנצוטרינקען זײַן ערד.

די גרויסע קײַלעכדיקע לעוואָנע, וואָס האָט זיך באוויזן אפן הימל, האָט אין דער דאָזיקער גליקלעכער נאכט געשײַנט אויך בלויז פאר אים. ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען אזא שיינקײַט אין דרויסן. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אז ער זעט דאָס ערשטע מאָל דעם הימל, די שטערן, די לעוואָנע, דאָס ערשטע מאָל איז הײַנט אזא שיינע גליקלעכע נאכט אף דער ערד, דאָס ערשטע מאָל האָבן זיך באוויזן אף דער ערד אזעלכע פערד, ווי זײַנע. ער האָט גענומען צוגרייטן א מישינקע פאלאָווע אין א זאק, האָבער, אן עמער צום פויען. טאג־כום האָט זיך לאנג געפאָרעט, ער האָט געוואָלט זיך צולייגן שלאָפן, נאָר ס'האָט זיך אים ניט געשלאָפן. ער האָט באטראכט די לאנגע ראָזעווע לענטע, וואָס ער האָט געקויפט פאר דער קאלע, די צוויי קעמעלעך. ס'איז אים געוואָרן אפן הארצן יאָמטעוודיק. ער האָט אָנגעטאָן די נײַע שווארצע קאָרטענע הויזן, דאָס בלויע העמדל, ער האָט אָנגעטאָן די שטיוול און גענומען זיך אליין באטראכטן. ער איז זיך געפעלן געוואָרן.

— גוט, גוט. שיין, — האָט ער זיך אליין א זאָג געטאָן, גענומען שפײַען אין די הענט און פארקעמען זיך די האָר. ער האָט שטײַפער ארופגעצויגן די כאָליעוועס פון די שטיוול און זיך דערמאָנט, אז מע דארף זיי אויסשמירן, זיי זאָלן אויסזען נײַער, גלאנציקער.

דערנאָך האָט ער זיך אויסגעטאָן און זיך געלייגט שלאָפן.

זאווע־לייב האָט זיך יענע נאכט לאנג ארומגעדרייט איבער די הויפן, די פערד האָבן אים אלץ געצויגן צו זיך. ער איז עטלעכע מאָל צוגעגאנגען צו די טירן פון שטאל און האָט זיך גענומען אײַנהערן, ווי די פערד טופען מיט די פיס און כראָמטשען. אין די נאָזלעכער האָט אים א שפאר געגעבן א ווארע־מער רייעך פון פערדישן שוויים. דער רייעך האָט אים געצויגן אין שטאל ארײַן. די אויגן האָבן בא אים גענומען ברענען, ווי בא א קאץ. ער האָט אין דער פינצטער דערטאפט אין דער וואנט לעבן דער טיר א לאָך, ארײַנגעשטעקט די האנט און קונציק אָפגעשפארט די טיר. אין שטאל איז ער ארײַן שטיל, אף די ציפעלעך. מיט ציטערדיקע הענט האָט ער אָנגעצונדן א שוועבעלע און באקוקט די פערד.

דאָס זײַנען דאָך זײַנע פערד. ער האָט זיי אמאָל געזען אין כאָלעם. אזעלכע זײַנען זיי געווען. ער דערמאָנט זיך יעדעם פיצעלע. ער האָט דעמלט דעם ברו־דער דערציילט דעם כאָלעם. ער געדענקט, ווי ער האָט געהאלטן די ווישקעס, ווי די פערד האָבן אים געטראָגן איבערן סטעפ. ער האָט זיך דערפרייט, וואָס ער האָט געפונען דעם ווײַטן פארלאָרענעם כאָלעם. ס'האָט אים א ברי געגעבן די לײַדנשאפטלעכע ליבע, וואָס בושעוועט אין אים א גאנץ לעבן. ער האָט ארומגענומען די העלדזער פון די פערד און זיי געגלעט. אין זײַן פארביטערט הארץ האָט א שלאָג געגעבן א צארט, ווייך געפיל.

— עך, ליובא... ליובא, — האָט ער זיי געלאשטשעט. — סטוי, מאַ־ליוטקא, סטוי...

פאמעלעך און צארט האָט ער געפירט מיטן פינגער איבער זייערע לײַבער, געגלעט און געקעמט זיי די גריוועס, ארומגעקוקט זיי אונטער די ווײדלען, אופגעעפנט די מײַלער, ארײַנגעקוקט אין די ציין.

— סטוי, סטוי...

מיטאמאָל האָט אים אָנגעכאַפּט אַן אינערלעכער ווייטאָג, לעמיט די פערד זײַנען ניט זײַנע.

— עך, — האָט ער בייזער זיי געגומען גלעטן, — פאַרוואָס זײַט איר טאַנכום און ניט מײַנע? וואָס וואָלט אײַך באַ מיר געפעלט?

פון פאַרדראָס האָט ער מיטאמאָל אָנגעהויבן שלאָגן די פערד אין בויך, אין די זײַטן, אין קאָפּ. די פערד האָבן צעשראָקענע געגומען שפּרינגען, רײַסן זיך פון די פאָוואָדן, נאָר זאוועַ־לייב האָט זיי אַלץ געשלאָגן און געשריגן:

— געהאַרגעט זאָלט איר ווערן! פייגערן זאָלט איר!..

דערהערנדיק די טופּערײַ פון די פערד, האָט טאַנכום א דערשראָקענער זיך אופגעכאַפּט אינמיטן כאָלעם. דער כאָלעם איז געווען א לאַנגער, א פאַר־פּלאָנטערטער. ער האָט געזען אין כאָלעם די קאַלע. עפּעס א ברונעם. מיטאמאָל האָט זיך באַוויזן דער גאַנעוו מיטן היטעלע. ער האָט געוואָלט וואַרפן די קאַלע אין ברונעם אַרײַן.

— דעם גאַנעוו האָב איך דאָך געהאַרגעט. דאָס היטעלע מיטן גוטס האָב איך דאָך צוגענומען, ווי קומט ער אַהער? — האָט ער זיך אַליין איבערגע־פרעגט.

באַ דעם מאָמענט האָט אים אופגעוועקט די אומרויִקע קלאַפּערײַ אין שטאַל.

— ווער איז עס דאָרטן? — האָט ער א געשריי געטאָן.

אין קאָפּ האָט א קלאַפּ געגעבן אַן אומרויִקער געדאַנק:

— א גאַנעוו, מע גאַנוועט די פערד.

ער איז אופגעשפּרונגען פונעם בעט און האָט א כאַפּ געטאָן א האַק, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל.

— ווער איז עס דאָרטן? — האָט ער א דערשראָקענער, מיט א פאַרטײַעטן אָטעם געשריִען.

אין דער פינצטער צווישן די פערד האָט ער מיטאמאָל דערזען א מענטשן. ער איז האַסטיק אָפּגעשפּרונגען, ער זאָל מיט דער האַק ניט אָנרירן די פערד. מיטאמאָל האָט ער דערהערט זאוועַ־לייבס קאָל:

— טאַנכום!

דערזעענדיק זאוועַ־לייבן, איז טאַנכום געבליבן שטיין אָפּהענטיק. א שוידער איז אים דורכגעלאָפן איבערן לײַב, דאָס פּאָנעם איז באַדעקט געוואָרן מיט שווייס.

— דאָס ביסטו? וואָס טוסטו דאָ באַנאַכט באַ מיר אין שטאַל?

זאוועַ־לייב האָט עפּעס געוואָלט זאָגן. ס'האָט אים פאַרשלאָגן דער אָטעם. ער האָט עפּעס געגומען שטאַמלען.

— די פערד... כ'האָב געוואָלט א קוק טאָן.

— איך האָב דיך, צו אַלדי רוכעס, געקאָנט דערהאַרגענען! — האָט טאַנ־כום א געשריי געטאָן. — וואָס קריכסטו באַנאַכט אַרום אין שטאַל?

זאוועַ־לייב האָט זיך פּאַמעלעך אַרויסגערוקט פון דער שטאַל און ערגעץ זיך געלאָזט לויפן.

12

באגינען איז טאנכום ארויסגעפֿאָרן צו דער קאלע. אין דאָרף זײַנען נאָך אַלע געשלאָפֿן. די טונקל־רויטע, אויסגעקאָרמעטע און אויסגעפּוצטע פערד האָבן זיך מיט פאריסענע קעפּ א טראָג געגעבן אנטקעגן דעם גרויען, ערטער־ווײַז נאָך פארנעפּלטן טאָג. טאנכום האָט מיט פינקלדיקע אויגן געקוקט אויף די פערד, ווי זיי הייבן די קעפּ, ווי זיי ווארפן פלינק מיט די פיס, ווי ס'באַוועגט זיך יעדעס ביינדעלע פון זייערע לײַבער, און אין הארצן האָט ער דערפילט א ווילדן פארגעניגן, וואָס ער איז זייער באלעבאָס, וואָס ער האָט אָנגעצויגן די לייצעס און זיי טראָגן אים איבערן סטעפּ צו זײַן קאלע, צו זײַן קומענדיקן ווײַב.

טאנכום האָט זיך אָנגעשפּארט אויף דעם גרינעם געפארבטן זיצבענקל, אויף וועלכן ער איז געזעסן.

פונעם בלוטיק־רויטן ראנד הימל האָט זיך גענומען באווײַזן א שטיקל פארטאָגיקע זון. זי האָט זיך אַלץ העכער געהויבן איבערן הימל און זיך פאנאנדערגעברענט מיט א גאָלדענער העלקײַט.

—סארא גוטער טאָג ס'וועט הײַנט זײַן! — האָט טאנכום א טראכט געטאָן.

די פור האָט זיך געיאָגט פארבײַ פּאסן פון גרויסע הארבסטיקע סטערניעס. ווו־ניט־ווו האָבן זיך דורכגעוואָרפן געלע פלעקן פון איבערגעצײַטיקטן היי און פון גרינעם, נאָך ניט פארוויאנעטן בורקון.

די גראָזן האָבן זיך געשאָקלט פון לײַכטן פארטאָגיקן ווינטל, וואָס האָט פרייליך אונטערגעפּײַפט א ניגנדל. טאנכומען האָט זיך פארוואָלט מיטזינגען מיטן ווינטל, פארנייגן זיך פאר די גראָזן, ארומנעמען די ערד, ווי ער וועט ארומנעמען זײַן קאלע, זײַן ווײַב. אים איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אזוי גוט אפן הארצן. א פארשיקערטער פון פרייד, האָט ער פארגעסן אָן דער שרעק, אָן דעם גאנעווס היטעלע. ער האָט געוואָלט זיך צוהערן צו דער טראסקערײַ פון זײַן וואָגן און טראכטן מיט פארגעניגן:

— דאָס פּאָרט, אפּאָנעם, א באלעבאָס, קענטיק, אויף א נײַעם וואָגן פּאָרט ער.

נאָענט צו פארנאכט־צו איז טאנכום מיט א טראסקערײַ ארײַנגעפֿאָרן אין כוטאָר.

ער האָט געזוכט דער שאדכנטעס הויף. ער האָט געוואָלט פארקערעווען, נאָר די פּויערטע האָט אים דערזען. זי איז א צעשויבערטע, מיט א שאַל אפן קאָפּ, ארויסגעלאָפן אים אנטקעגן.

— פּאָרט ארײַן... פּאָרט ארײַן... איר האָט דעם הויף ניט דערקענט?

טאנכום האָט פארקערעוועט אינעם הויף ארײַן, גענומען אויסשפאנען די פערד. די פּויערטע איז א פארהאוועטע ארײַנגעגאנגען אין שטיבל.

פון אַלע זײַטן האָבן זיך טייקעף א לאָז געטאָן פּויערים, די פּויערים האָבן געקוקט אויף די פערד, געשאצט זיי מיט די אויגן.

— א גוטע פּאָר זשערעבצעס. מע דאַרף איבערריידן מיט אים, עפּשער וועט ער פאר עטלעכע פּוד האָבער צולאָזן א זשערעבעץ צו מײַן הניאדער, — האָט א נידעריק פּויערל מיט א גראָוו בערדעלע זיך אָפּגערופן.

דער פויער איז צוגעגאַנגען, האָט געקוקט די פערד אין די מײַלער, נאָכ־דעם האָט ער אופגעהויבן די ווידלען.

— ס'איז גאָר ניט קיין זשערעבצעס. ס'איז גאָר א פּאָר לאָשיצעס, — האָט ער א זאָג געטאָן צו א הויכן געלן פּויער, וואָס איז געשטאַנען לעבן וואָגן און האָט אים באַטראַכט.

— א נײַער וואָגן. איר הערט, ווי ס'קלינגען די אקסן?

— בא דער איז, אפּאַנעם, שטײַף א פוס, אָדער א קאָפּיטע איז אָנגע־שפּאָלטן, — האָט זיך אָנגערופן א נידעריק דאַר פּויערל מיט א שוואַרץ בער־דעלע.

טאַנכומען האָט האַנאָע געטאָן, וואָס די פּויערים זײַנען אים מעקאַנע, ער האָט אָבער די גאַנצע צײַט מוירע געהאַט פאַר א בייז אויג.

ס'האָט אים פּלוצעם אָנגעהויבן פּאַרדריסן, לעמײַ דאָס נידעריקע דאַרע פּויערל האָט א זאָג געטאָן, אז בא זײַן שקאַפּע איז שטײַף א פוס און די קאָ־פּיטע איז אָנגעשפּאָלטן. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און דערקענט אינעם פּויערל דער מוידס פּאָטער, זײַן קומענדיקן שווער.

טאַנכום האָט פאַרמישט א מישינקע פאַר די פערד, האָט זיי אָנגעפּויעט און די גאַנצע צײַט אַליץ געטראַכט מיט פאַרדראָס, לעמײַ יענער האָט ניט גע־לויבט זײַנע פערד.

— אויב אזוי, האָט ער מיסטאַמע אליין גוטע פערד, און מײַנע פערד וועלן בא אים גאָר ניט אויסנעמען.

דער דאָזיקער געדאַנק האָט אים א ביסל צעטומלט. ער איז צוגעגאַנגען צום פּויערל און האָט זיך גענומען פאַרענטפערן:

— א קאָפּיטע, זאָגט איר, איז בא איר צעשפּאָלטן? מ'האָט זי פּאָשעט שלעכט געקאָוועט. מע דאַרף זי איבערקאָוועון. דערפאַר האַלט זי אזוי דעם פוס. די פיס זײַנען בא איר גראָד לײַכטע. שפּאַנט זי אײַן, און זי וועט טראָגן, ווי א שעד...

דער פּויער האָט אָבער ניט אופגעהערט צו קוקן אף די פערד און געשוויגן. פון שטוב איז ווידער ארויסגעגאַנגען די פּויערטע.

— דאָס איז דאָך אײַער גאַסט, — האָט זי א שעפּטשע געטאָן צו דער מוידס פּאָטער, אָפּרופנדיק אים אָן א זײַט.

נאָכדעם האָט זי מיטן ווונק אָפּגערופן טאַנכומען, גערעדט מיט אים לאַנג, געמאַכט מיט די הענט און אַלע ווײַלע איבערגעבאַזערט:

— א פּערל האָב איך דאָך פאַר אײַך געפונען. זי שײַנט דאָך, ווי א שטיק זון. ס'איז דאָך א דימענט. א האַלבע וועלט וועלט אויסצופּאָרן, וועט איר אזוינס ניט געפינען. מיר גיבן אײַך אוועק אזא שטיק גאָלד...

— איז וויפל ווילט איר? — האָט זי טאַנכום איבערגעשלאָגן. — איך קען אײַך געבן א פינפערל, נאָר די כאַסענע זאָל זײַן אין עטלעכע טעג ארום, ווײַל מע דאַרף ארויספאָרן אקערן.

ער האָט זיך לאַנג געדונגען מיט איר, און ווען זיי האָבן זיך באַדונ־גען, איז די פּויערטע צוגעגאַנגען צו דער מוידס פּאָטער, וואָס איז נאָך אַליץ

געשטאַנען מיט די מענטשן לעבן די פערד, האָט אים ווידער אָפּגערופן אָן א זײַט, און זיי זײַנען צוזאַמען דורך די הויפן אַוועק צו דער קאַלע.

— קענטיק, עפּעס א געשעפט, — האָט עמעצער זיך אָפּגערופן, — אין אַקערצײַט טרײַבט מען ניט קיין פּאָר פערד אומזיסט. מיסטאָמע איז דאָ א גע־שעפט דערבײַ.

— עפּשער פערד בײַטן, — האָט א צווייטער צוגעגעבן, — ווער ווייסט זיי, זייערע באַלעבאַטישע געשעפטן. עפּשער גאָר א שידעך...

די שאַדכנטע איז אַוועק פּאָרויס, און דער באַלעבאָס מיטן כּאָסן זײַנען געבליבן אין הויף. זיי זײַנען לאַנג אַרומגעגאַנגען, האָבן באַטראַכט די קלאָ־ניע, די סטערטעס, דעם וואָגן, די אַקערס. פון גאַסטפרײַנטלעכקײַט האָט דער באַלעבאָס פאָרגעלייגט דעם כּאָסן האָבער פאַר די פערד, נאָר טאַנכום האָט גע־שמייכלט און באַרימעריש א זאָג געטאָן:

— פאַר דרײַ ווערסט פאָר איך ניט אַרויס אָן א ביסל האָבער פאַר די פערד און אָן אן עמער צום פּויען. א פערד האָט ליב, מע זאָל קוקן נאָך אים...

זיי זײַנען א היפּשע ווײַלע געשטאַנען און האָבן געשמועסט. דערנאָך איז דער באַלעבאָס אַוועק אין שטאַל אַרײַן און האָט זיך דאָרט געפּאָרעט מיט די פערד. טאַנכום האָט געוואַרט איינער אַליין אינעם הויף. אין דרויסן האָט שוין גענומען צופאַלן די נאַכט און אין שטאַל איז געוואָרן טונקל.

אין דער קעגנאיבערדיקער זײַט האָט עמעצער געמאָלקן די בעהיימעס, און א קאָל, א גיכס, א שעפּטשענדיקס, האָט זיך דערהערט פון דאָרט.

— ער איז דאָך א דימענט, האָסט גאָר געפונען א בריליאַנט, א האַלבע וועלט וועסטו אויספאָרן און וועסט אַזוינס ניט געפינען...

— דאָרט איז זי, די קאַלע, — האָט טאַנכום א טראַכט געטאָן, — דאָס מעלקט זי. דאָס רעדט די שאַדכנטע וועגן אים אַזוי.

ער איז געבליבן שטיין פאַרטײַעט, האָט זיך אײַנגעהערט אין די ווער־טער און מיט פאַרבאָרגענע בליקן גענומען קוקן אױף דער מויד. זי איז געזעסן א צעפּאַליעטע אונטער א בעהיימע, מיט א גרויסן צעבער אין שויס. דאָס קליידל האָט זיך פאַרקאַטשעט ביז איבער די קני. זי האָט געקוקט מיט די שוואַרצע פולע אויגן אױף דער שאַדכנטע, האָט זיך אײַנגעהערט, ווי יענע רעדט, און געמאָלקן די בעהיימע.

— אָט דאָס וועט זײַן א ווײַב, — איז אים דורכגעלאָפן א געדאַנק, — אוי, וועט דאָס זײַן א ווײַב!

פון דעם געדאַנק האָט ער דערפילט א וואַרעמקײַט אין לײַב. מיט שטילע טריט איז ער צוגעגאַנגען נעענטער, קעדיי הערן, וואָס די שאַדכנטע דערציילט:

— אין דעם קייסערס קאַרעטע מעג מען זיי דאָך אײַנשפּאַנען... מע זעט דאָך גאָר הײַנט ניט אַזעלכע פערד. וועסט א קוק טאָן אױף זיי, וועסטו גלײַך זען, ס׳איז א גרויסער באַלעבאָס. הײַנט דאָס געשפּאַן. דער וואָגן. מע קאָן דען אַלץ אויסדערציילן? הײַנט די ערד, די באַלעבאַטישקײַט, וואָס ער פאַר־מאָגט אין דער היים... וועסט נאָר אױף אים א קוק טאָן, וועט ער דיר שוין גע־פעלן ווערן...

טאַנכום האָט צעשפּיליעט דאָס קאָרטענע שוואַרצע רעקל, ס׳זאָל זיך

ארויסזען דאָס ראָזעווע העמדל מיטן גרינעם קוטעסל. ער האָט אונטערגעהויבן העכער די כאָליעוועס, די קאָלע זאָל זיי באַמערקן, ווען זי וועט פאַרבײַגײין פון שטאַל אין שטוב אַרײַן. נאָר זי איז דורכגעגאַנגען גיך און האָט אים ניט באַמערקט. די שאַדכנטע איז עפּעס נאָכגעגאַנגען און האָט אַלץ גערעדט. אין אַ רעגע אַרום איז אַ פאַרפאַרעטער ארויסגעקומען דער באַלעבאָס:

— זײַ עסן שלעכט, די פערד, — האָט ער אַ זאָג געטאָן און זיך געלאָזט גײן מיט טאַנכומען אין שטוב אַרײַן.

— זעץ זיך צו, — האָט דער באַלעבאָס געזאָגט צו טאַנכומען און גע־שריִען צו דער מויד, וואָס האָט זיך געפּאָרעט אין פּאָדערצימער מיטן געמעלק: — גיכער דאָרטן, נעכאַמע, אַ גאַסט זיצט בײַ אונדז און וואַרט. גיכער, גיכער...

— מע דאַרף די קריגלעך וואַשן, די מילך קאָן נאָך זויער ווערן, — האָט נעכאַמע זיך אָפּגערופן.

— אַזאַ בעריע דאַרף מען זוכן. גיט אַ קוק אין הויף, אין שטוב, אַלץ אירע הענט, — האָט דער פּאָטער געריִמט די טאָכטער. די קליינע שוואַרצע אויגן האָבן זיך בײַ אים אָנגעצונדן, דאָס מאָגערע שוואַרצע פּאָנעם האָט זיך באַוועגט מיט אַ שמייכעלע פון פּאָטערלעכן נאַכעס.

טאַנכום האָט זיך אַרומגעקוקט, באַטראַכט די שטוב, און, ווי ער וואָלט מאַסקים געווען מיטן פּאָטערס ווערטער, האָט ער צוגעגעבן:

— אַוואַדע, אַ באַלעבאָסטע איז אַ שטיק רײַכקײַט.

נעכאַמע איז אַרײַנגעקומען. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווײַסן געפּינ־טלטן קלייד. די שוואַרצע האָר אפן קאָפּ זײַנען געווען גלאַט פאַרקעמט. דער גרויסער צאָפּ — איבערגעוואָרפן איבערן אַקסל. מיט אַ שעמעוודיקן בליק האָט זי אַ קוק געגעבן אַף טאַנכומען, און דאָס ווײַסע פולע פּאָנעם איז געוואָרן רויט.

די ערשטע רעגע האָבן זיי ניט געוווּסט וועגן וואָס צו ריידן.

טאַנכום האָט געפילט, אַז ריידן וועגן די פערד און וועגן אַקערן איז עפּעס איצט ניט פּאַסיק. אַ יונג מיידל דאַרף מען עפּעס זאָגן אַ קלוגע זאַך. נאָר קיין קלוגע זאַכן זײַנען אים גראָד אין דער רעגע אין קאָפּ ניט געקומען. האָט ער אומבאַהאָלפן געקוקט אַף איר. זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און זיי זײַנען ביידע רויט געוואָרן.

אַ ווײַלע איז ער אַזוי שווײַגנדיק געזעסן, נאָכדעם האָט ער אַרײַנגערוקט די האַנט אין קעשענע און האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָרטן ליגן בײַ אים גע־זשאַרעטע קערלעך, וואָס ער האָט געקויפט אפן יאַריד. ער האָט ארויסגענומען פון קעשענע אַ פּאָר הויפנס קערלעך און דערלאַנגט דער קאָלע און דעם פּאָטער, זאָלן זיי דערווײַל שיילן יאָדערן, און ער וועט באַטראַכטן וואָס צו ריידן.

— גוטע קערלעך, ס'איז אײַערע אייגענע? — האָט דער פּאָטער געפרעגט.

— מײַנע, פון מײַן אייגענעם סטעפּ.

— גוטע קערלעך, — האָט די קאָלע אויך אונטערגעהאַלטן. זי איז געזעסן אַ ווײַלע, נאָכדעם איז זי ארויסגעגאַנגען אין שכיינעסדיקן צימער, האָט זיך געזאַמט דאָרט אַ ביסל און ארויסגעטראָגן אַ ביכל, וואָס זי האָט אַמאָל גע־בראַכט פון שטאָט.

— איר האָט געזען אזא ביכל? — האָט זי עס באוויזן טאנכומען.
טאנכום האָט געעפנט דאָס ביכל, און מאכנדיק מיט די ליפּן, האָט ער טראָפּנווײַז איבערגעלייענט דאָס קעפּל:

Иванов
География
С.-Петербург.

— פּעטערבורג, פּעטערבורג... — האָט ער איבערגעכאַזערט דאָס איינציקע פארשטענדלעכע וואָרט פון דעם, וואָס ער האָט איבערגעלייענט. — מע זאָגט, א גרויסע שטאָט.
— דאָ באשרײַבט זיך, — האָט נעכאמע רויִק, ניט זיכער אָנגעהויבן, — דאָ באשרײַבט זיך וועגן דער ערד, וועגן וואסער, דרײַ פערטל וואסער, באַשרײַבט זיך, איז פאראן און איין פערטל ערד...
— און בא אונדז, זעט איר דאָך, איז קיין רעכטער סטאוואָק ניטאָ, אפילע א סקאָטינע אָנצופּויען, מ'רעדט שוין ניט א פערד אויסצובאָדן, — האָט זי דער פאָטער איבערגעשלאָגן.
טאנכום האָט גענומען דאָס ביכל און האָט באטראכט די בילדער. נעכאמע מיטן פאָטער האָבן געקנאקט יאָדערן.
שטילערהייט איז דער פאָטער ארויס און האָט א מורמל געטאָן קימאט ווי צו זיך:
— גייט זיך דורך, יונגעלײַט, גייט זיך דורך! ס'איז איצט אַנ־ער וועלט...

13

זאוועליי־ליב האָט כאסענע געהאט און זיך באזעצט אין זײַן שטיבל, וואָס ער האָט איבערגעבויט פון געדאַליע רײַטשוקס שטעלכל.
דאָס ווײַב, וואָס ער האָט געבראכט, איז געווען א הויכע, א געזונטע, מיט גראָבע ליפּן.
אפן צווייטן טאָג נאָך דער כאסענע האָט ער זיך פּלוצעם ארומגעזען, אז ער האָט זיך אָפּגענארט אין שידעך.
— האָסט מיך אָפּגענארט, האָסט מיר אײַנגעטיילט דעם עמעסן נאדן, א בעהיימע אף דרײַ מעלקערס... א ניכפּע זאָל עס נעמען! — האָט ער די גאנצע צײַט בייז געוואָרטשעט. — וואָס איז עס פאר א בעהיימע אף דרײַ מעלקערס? אז ביז נאָך דער כופּע האָט מען מיר אפילע ניט געלאָזט א קוק טאָן. ערגער ווי ציגײַנער האָבן זיי מיך אָפּגענארט...
וואָס מער זאוועליי־ליב האָט געשריִען אפן ווײַב, אלץ מער האָט זי זיך גע־לאַשטשעט צו אים, געוואָלט אים איבערבעטן און ניט געקאָנט.
— זאוועליי־ליב, וואָס דארפסטו שרײַען? — האָט זי זיך בא אים געבעטן. — די בעהיימע וועט זיך אָפּקעלבן, ס'וועט געבוירן ווערן א קעלבעלע, ס'וועט

אונטערוואקסן נאָך א בעהיימעלע, אז ס׳וועט באשערט זײַן, וועלן מיר עפּעס אָנלעבן. מענטשן וואָלטן צופרידן געווען האָבן כאָטש אזא בעהיימעלע...

— פונוואַנען ווייסטו, אז זי איז קעלביק?

— אלע יאָר גיט זי א קעלבל, — האָט זי, לאַשטשענדיק זיך, אים איַינגערעדט, — א פּאָר בעהיימעס האָבן מיר שוין אויסגעהאָדעוועט פון איר.

— געדענק, — האָט זאווע־לייב איר געדראָט.

אים האָט גענומען פארדריסן, לעמיַי ער האָט ניט געפּאָדערט באַם שווער קיין פערד אין נאָדן.

— דער רועך וואָלט אים ניט גענומען, ווען ער גיט מיר אָפּ איין פערד. ער האָט צוויי, וואָלט אים איינס געבליבן. ער דאַרף האָבן צוויי, און איך גאָרנישט? די טאָכטער האָב איך צוגענומען פון זײַנע פּלייצעס, נישקאָשע... ווען איך האָב א פערדל, וואָלט איך איצט געקאָנט זיך מיט עמעצן צונויפשפּאַנען און א דעסיאַטינקע אופּאַקערן... ווען מע זאָל כאָטש קאָנען דעם קאַרטאָפל־גאָרטן אופּאַקערן, א פּאָר פּוד ברויט פארזייען... און איצט, וואָס טוט מען? סײַדן גיין צו די באַלעבאָטים און זיך בא זיי איַינבעטן...

אָנהייב אָקערצײַט האָט ער זיך א לאָז געטאָן איבער די הויפן צו די באַלעבאָטים.

— כ׳וועל אָפּאַרבעטן. אקערט אוף ווײַפל־ס׳ניט־איז, — האָט ער זיך בא אַלעמען געבעטן און איז געקומען אהיים א צעקאָכטער.

— א פּײַער אף זיי! זיי דאַרפן אלץ, און דער צווייטער מעג אויסגיין אפילע! מיר וועלן זיך אליין איַינשפּאַנען צוזאמען מיט דער בעהיימע, און מיר וועלן ווי־עס־איז אופּאַקערן. בעסער ווי צו זיי אָנקומען, א טשומא זאָל אף זיי אָנפאַלן!

דאָס ווײַב האָט מיט ווייטעק געקוקט אף זאווע־לייבס פארביטערט, אופּגעריגט פּאָנעם.

— מיר וועלן דערשלעפּן? — האָט זי, צוגייענדיק צו אים, א פרעג געטאָן. — זאווע־לייב...

זי האָט אים עפּעס צערטלעכס געוואָלט זאָגן, נאָר ער האָט טרוקן און בייז א זאָג געטאָן:

— מיר וועלן פּאַמעלעך אופּאַקערן ווי־ניט־איז, בעסער ווי אָנקומען צו די באַלעבאָטים, א כוואַראָבע אף זיי, א מאַגייפע זאָל אף זייערע פערד אָנפאַלן... מע דאַרף גוט אָנפּאַשען די בעהיימע.

— די בעהיימע האָט עפּעס נעכטן שלעכט געגעסן, — האָט כעוועד מיט א ציטעריק קאָל געענטפערט.

זי האָט אים געוואָלט דערציילן, אז די בעהיימע האָט נעכטן געגעבן ווייניק מילך, נאָר זי האָט די ווערטער איַינגעשלונגען, זי האָט מוירע געהאַט, ער זאָל זיך ווידער ניט וואַרפן אף איר מיט טײַנעס, אז זי האָט אים אָפּגענאַרט.

כעוועד איז נעכטן ארויסגעגאַנגען א צעטראָגענע. זי האָט ניט געוווּסט, צי די בעהיימע האָט צופעליק אָפּגעריסן מילך, צי זי איז טאַקע קראַנק. באַנאַכט איז כעוועד עטלעכע מאָל ארויסגעגאַנגען אין הויף, האָט באַטראַכט די בעהיימע, געטאַפּט זי אונטערן האַלדז, אונטערן בויך, א פּאָר מאָל צוגעלייגט

דעם אויער צו דער זײַט און זיך אײַנגעהערט, צי איז איר מאָגן ניט קאַליע. די בעהיימע האָט אויף איר געקוקט מיט כמורע אויגן, א פּאָר מאָל א טרייסל געטאָן מיטן רעכטן אויער, און כּעוועד האָט אַלץ ניט געקאָנט פאַרשטיין, צי זי איז קראַנק, די בעהיימע, צי עס ווײַזט זיך איר נאָר אויס.

זאוועל־לייב איז אוועקגעגאַנגען צו א באַלעבאָס נאָך אַן אקער. כּעוועד האָט געפּרוּווט געבן דער בעהיימע א ביסל גראָז. די בעהיימע האָט אָן כיישעק א שמעק געטאָן דאָס גראָז און האָט פויל געקײַט.

— זי איז קראַנק, די בעהיימע, — האָט כּעוועד געטראַכט, נאָר זי האָט באַשלאָסן דעם מאַן וועגן דעם גאָרנישט ניט זאָגן.

זאוועל־לייב האָט פון ערגעץ געבראַכט אַן אַלטפּרענקישן הילצערנעם אקער, אזא, וואָס די פּויערים האָבן שוין לאַנג ניט באַנוצט. ער האָט אײַנגעשפּאַנט די בעהיימע. צום אקער האָט ער בא דער זײַט צוגעטשעפּעט א שטריק, פאַרבונדן פון ביידע זײַטן און זיך געוואָלט אײַנשפּאַנען, נאָר דאָס ווײַב האָט אים ניט געלאָזט. זי האָט זיך אַליין געוואָלט אײַנשפּאַנען, קעדיי לײַכטער מאַכן דער בעהיימע.

— וועסט זי פירן באַם האָרן און א ביסל צוהעלפן מיטן שטריק, און איך וועל הינטן שטופּן און קערעווען, — האָט איר דער מאַן געזאָגט.

כּעוועד האָט אָנגענומען דעם האָרן פון דער בעהיימע, געקערעוועט זי צום גאָרטן. זאוועל־לייב איז נאָכגעגאַנגען, האָט אופגעהויבן דעם אקער, דער לעמעש זאָל ניט אַרײַן אין דער ערד. לעבן דעם גאָרטן האָט ער אַראָפּגעלאָזן דעם לעמעש. דאָס ווײַב האָט מיט איין האַנט געפירט די בעהיימע, זי זאָל גיין אין וואַגעז[1], מיט דער צווייטער האַנט האָט זי געשלעפּט דעם אקער.

זי האָט זיך באַמיט מיט אַלע קויכעס אַליין צו שלעפּן דעם אקער, קעדיי צו פאַרגרינגערן דער בעהיימע. נאָר אַרומגייענדיק איין מאָל דעם גאָרטן, איז זי אינגאַנצן נאַס געוואָרן פון שוויים און האָט, קוים כאַפּנדיק דעם אָטעם, זיך אוועקגעזעצט אויף דער ערד.

— לאָז מיך איצטער, נעם דו דעם אקער, וועסט קערעווען, און איך וועל העלפן דער בעהיימע, — איז זאוועל־לייב צוגעגאַנגען צו איר.

— מע דאַרף ניט, כ'וועל זיך א ביסל אָפּרוען, וועל איך נאָכאַמאָל אַרומגיין, — האָט כּעוועד, שווער סאָפּענדיק, געענטפערט.

א ווײַלע האָבן זיי זיך אָפּגערוט, נאָכדעם האָבן זיי זיך אופגעשטעלט און ווײַטער גענומען שלעפּן דעם אקער. דאָס צווייטע מאָל איז דער אקער געגאַנגען לײַכטער. די ווייכע ערד פונעם קאַרטאָפל־גאָרטן האָט זיך לײַכט געשאָטן איבערן לעמעש.

— עי, פּאָשלי, עי! — האָט זאוועל־לייב פון הינטן אונטערגעטריבן די בעהיימע, נאָר זי איז אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד.

ער האָט זי גענומען שלעפּן פאַרן ווידל. מיט צאַר אין די אויגן האָט זאוועל־לייב זיך גענומען בעטן בא איר:

---

[1] וואַגעז — באַראָזדע.

— נו, וואָס האָסטו זיך אוועקגעלייגט, שטיי אויף!

ס'האָט אים פֿאַרשלאָגן דעם אָטעם. ער האָט אַפּגיך אָפּגעבונדן די שלייען און, גלעטנדיק די בעהיימע, זיך אַוועקגעלייגט אויף די קני, גענומען אַרײַנקוקן איר אין די גרויסע כמורנע אויגן.

— וואָס איז מיט דיר? שטיי אויף! — האָט ער מיט אַ ציטער אין האַרצן זיך בײַ איר געבעטן.

די בעהיימע האָט אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ, אַרויסגעשטעלט די צונג און שווער געסאָפּעט. זאַוועל־לייב האָט זיך באַגאָסן מיט שווייס.

— מ'האָט מיך אָפּגענאַרט, אוי־וי! — האָט ער, פֿאַרשטשירענדיק די ציין, זיך אַ וואָרף געטאָן אויפֿן ווײַב. ער איז נאָכאַמאָל צוגעלאָפֿן צו דער בעהיימע, ס'האָט אים געוואָרגן אין האַלדז. מיט אַ ציטערדיק קאָל האָט דאָס ווײַב, זיך אײַנהאַלטנדיק פֿון געוויין, גענומען טײַנען:

— זי איז דאָך אַ געזונטע געווען, איך זאָל אַזוי יאָרן האָבן. ס'איז דאָך אונדזער שטיקל ברויט, אונדזער כּיעס. שטיי אויף, מאַמינקע, אויף וועמען וועסטו אונדז איבערלאָזן. ווי איז מיר, וויי... שטיי אויף, נו... שטיי אויף, כּיעס... שטיי אויף, לעבן מײַנס, האָב ראַכמאָנעס אויף אונדז, שטיי אויף...

14

דער מוידס פֿאָטער איז בײַנאַכט אַ פּאָר מאָל אַרויסגעגאַנגען אין הויף, האָט באַטראַכט דעם כאָסנס פֿערד, באַקוקט דעם וואָגן און געפּרוּווט זיך אונטערהערן, וועגן וואָס דער כאָסן רעדט מיט זײַן טאָכטער.

אויף מאָרגן אינדערפֿרי איז טאַנכום אויפֿגעשטאַנען, האָט פֿאַרמישט פֿאַר די פֿערד, אַ קוק געטאָן אויפֿן הימל און גענומען געבן אָנצוהערענישן דער קאַלע און דעם פֿאָטער, אַז ער דאַרף אַרויספֿאָרן אַקערן און קאָן זיך ניט פֿאַרהאַלטן.

— גאָלדענע טעג... מע טאָר איצט קיין מינוט ניט פֿאַרזאַמען. מע דאַרף אַרויספֿאָרן אין סטעפּ. צו וואָס דאַרף מען אָן איבעריק מאָל טרײַבן די פֿערד? ס'געפֿעלט אײַך דער שידעך אָדער ניט? וואָס דאַרף מען דאָ ציִען.

דער פֿאָטער האָט אַ ווײַלע געשוויגן. נאָכדעם האָט ער אָפּגערופֿן די טאָכ־טער אָן אַ זײַט און מיט נײַגער זיך גענומען פֿאַנאַנדערפֿרעגן, וואָס טאַנכום האָט נעכטן גערעדט מיט איר און וואָס זי האָט אים געזאָגט.

נעכאַמע האָט געשמייכלט און זיך גערייטלט. נאָכדעם האָט זי אײַנגעהאַלטן אַ זאָג געטאָן:

— מיר האָבן פֿאַרבראַכט...

— נו, ער איז, קענטיק, אַ באַלעבאָס... וואָס איז דאָ צו קלײַבן. מע דאַרף הײַנט מאַכן טנאָיִם און אין עטלעכע טעג אַרום די כאַסענע. מע דאַרף טאַקע אינגיכן אין סטעפּ אַרויספֿאָרן...

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז דער קאָמענדיקער שווער אַרויס מיט דער קאַלע אין קאָרניק, האָט אויסגעקליבן אַ פּאָר הינער פון די, וואָס ליגן זיך וויניק, צו קוילען פאַר דער כאַסענע. פון קאָרניק זײַנען זיי אַוועק אין שטאָל, האָבן באַטראַכט דאָס ניט לאַנג געבאָרענע עקסל, באַטראַכט עס אין לײַב און באַשטימט עס אויך קוילען.

די כאַסענע איז געווען אַ שטילע. פאַרנאַכט האָט מען אָפּגעשטעלט אַ כופּע, נאָכדעם האָט מען געגעסן די כופּע־וועטשערע און באַנאַכט האָט מען געטאַנצט.

פאַרטאָג, ווען אַלע זײַנען זיך צעגאַנגען פון דער כאַסענע, איז טאַנכום אַרויס אין שטאַל און האָט געהייסן געבאַמען זיך גרייטן אין וועג אַרײַן. מיטן טאָג האָבן זיי זיך אָנגעהויבן פּאַקן. אַלץ, וואָס ס'איז טאַנכומען אָפּן אויג געקומען, האָט ער געהייסן פּאַקן.

— ס'וועט צוניץ קומען, — האָט ער געטראַכט, — אין אַ באַלעבאַטישקייט קומט אַלץ צוניץ.

דער באַלעבאָס האָט אומצופרידן גענומען בורטשען און צוריקשלעפּן זאַכן. נאָר טאַנכום האָט געטאָן זײַנס.

ווען דער וואָגן איז שוין געווען אַ פולגעפּאַקטער, האָט זיך טאַנכום גע־זעגנט מיטן שווער, אַ שמיץ געטאָן די פערד און זיך געלאָזט פאָרן. געפאָרן איז טאַנכום האַסטיק, ווי ער וואָלט פון עמעצן אַנטלאָפן. ער האָט ווען־ניט־ווען אַ פיר געגעבן מיט די אויגן פאַרבײַ דעם וועג, און דערזעענדיק אָפן גרויען, מיט סטערניע באַדעקטן סטעפּ שוואַרצע פלעקן פון ערשט אופגעאַקערטער ערד האָט ער מיט באַהאַלטענער אומצופרידנקייט פאַרגעוואָרפן נעכאַמען, לעמײַ זי האָט אים פאַרהאַלטן אַף עטלעכע איבעריקע טעג.

— זעסט, מע אַקערט שוין אומעטום. אַ טאָג איז איצט מיט גאָלד צוגלײַך, ס'קאָן אָנהייבן רעגענען, מע זאָל קיין פוס פון שטוב ניט קאָנען אַרויסשטעלן.

אין דאָרף צו זיך אַהיים איז טאַנכום אַרײַנגעפאָרן נאָך האַלבן טאָג. ער איז גיך דורכגעלאָפן דורך די גאַסן. אַנטקעגן אים האָט זיך געטראָגן עפּעס אַ געשריי. דאָס געשריי איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ יאָמערלעך וויינען.

— וואָס איז געשען? — האָט נעכאַמע זיך אַ הייב געטאָן פונעם פולגע־פּאַקטן וואָגן, — גיב אַ קוק, עפּעס מענטשן...

טאַנכום האָט דערקענט דעם ברודערס קאָל, נאָר זיך ניט אָפּגעשטעלט. פאַרבײַ זײַנע אויגן האָבן אַ שווינדל געטאָן זאַוועל־לייב, ראַכמיִעל, דער טאַטע און נאָך פּויערים און פּויערטעס. דאָס יאָמערלעכע געשריי האָט אַרופגעוואָרפן אַף אים אַ שרעק. נאָר ער האָט גענומען פאָרן נאָך האַסטיקער, ווי ער וואָלט אַנטלאָפן פונעם געשריי. דער וואָגן האָט געטראַסקעט איבער די הרודעס. צוויי קוילעס, צונויפגיסנדיק זיך און פאַרשרײַענדיק איינס דאָס אַנדערע אין יאָמערײַ, האָבן אים נאָכגעיאָגט.

— אונדזער איינציקע בעהיימע, ווי איז מיר, ווײ... — האָט ער דערהערט אַ ווײַבעריש קאָל, און גלײַך האָט אַ גראָב קאָל, אַ מענערישס, אַ פאַרביטערטס אים פאַרשריִען:

— פאַרוואָס לעבט אַ וועלט, און איך דאַרף זיך מוטשען?.. פאַרוואָס פײַ־גערט בא קיינעם ניט? וואָס זאָל איך אָנהייבן צו טאָן?

— געפּייגערט זאווע־לייבס בעהיימע, זײַן נאָדן, — האָט אים א קלאַפּ געגעבן אין קאָפּ אָן אומרויִקער געדאנק. ער האָט האסטיק פארקערעוועט און איז אַרײַנגעפאָרן צו זיך אין הויף.

— דאָס איז אונדזער שטוב, — האָט טאנכום, אראָפּשפּרינגענדיק פון וואָגן, א זאָג געטאָן און אָנגעוויזן נעכאמען, וווּהין צו טראָגן די זאַכן.

ס'האָט אים פארדראָסן, וואָס באם אַרײַנפאָרן אין דאָרף מיטן ווײַב האָט אים באגעגנט אן אומגליק.

— ס'איז עפּשער א שלעכטער סימען, — האָט ער אומרויִק געטראַכט.

ער האָט אויסגעשפּאנט די פערד, אַרײַנגעפירט זיי אין שטאַל, צוגעבונדן צו די קאָרעטעס. נעכאמע האָט זיך ארומגעקוקט אין שטוב, האָט באטראַכט דעם אויוון, צי ער איז צוגעפּאסט אַף ברויט צו באקן. נאָכדעם איז זי צוריק ארוים אין הויף.

— די הינער זײַנען, קענטיק, הונגעריק, — האָט זי א זאָג געטאָן הויך, אַפן קאָל, טאנכום אין שטאַל זאָל דערהערן, — מע דאַרף זיי געבן עסן. — זי איז אַרײַן צוריק אין שטוב, געפונען אין א ווינקל א פּאָר פארדארטע ברעקלעך און דאָס אויסגעשאָטן פאר די הינער.

— טו־טו־טו־טו... — האָט זי הויך אַף א קאָל גערופן די הינער.

שטייענדיק צווישן די פערד, האָט טאנכום דערהערט, ווי זי רופט די הינער. ס'איז אים מאָדנע אָנגענעם געוואָרן, וואָס זי רופט זײַנע הינער. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער האָט זי דאָס ערשטע מאָל דערזען. זי איז דאן ארויסגעגאנגען בא זיך אַפן שוועל און האָט אויך גערופן די הינער.

זינט ער האָט זיי אָפּגעקויפט בא דער באַלעבאָסטע פונעם הויף, האָט ער זיי נאָך ניט געקאָרמעט. ער איז ארויף אַפן בוידעם, האָט אָנגענומען א סאוואָק מיט קליינווייצל און אויך אַף א קאָל גענומען רופן די הינער:

— טו־טו־טו־טו...

די הינער האָבן פון אַלע זײַטן, פּאטשנדיק מיט די פליגלען, זיך געלאָזט גיך־גיך לויפן, אונטערקלײַבנדיק דעם ווייץ.

— דאָס זײַנען אונדזערע? — האָט זי אַלע ווײַלע איבערגעפרעגט.

— הוט, פייגערן זאָלט איר מיט אײַער באַלעבאָס צוזאמען, — האָט טאנכום אַלע ווײַלע אָפּגעטריבן די פרעמדע.

טאנכום האָט געקוקט א ווײַלע, ווי די הינער כאַפּן זשעדנע די קערנער, און איז נאָכדעם צוריק אַרײַן אין שטוב. נעכאמע איז אים פוסטריט נאָכגעגאנגען.

— אז די פערד וועלן אופעסן די מישינקע, וועט מען דאַרפן ארויספאָרן אין סטעפּ, — האָט ער א זאָג געטאָן, ווי געוואָלט זיך פארענטפערן, פארוואָס ער פאָרט גלײַך דעם ערשטן טאָג נאָך דער כאַסענע אין סטעפּ אַרײַן, — ס'איז אן אווײרע אזא טאָג... מע דאַרף זיך נאָך מיט עמעצן צונויפשפּאנען. מענטשן ריידן זיך פונקט איצט צונויף. מע דאַרף ארויספאָרן אין סטעפּ, צושטיין צו עמעצנס קאָמפּאניע. מאָרגן קאָן זײַן שפּעט...

— ווּעסט קומען הײַנט צוריק פון סטעפּ? — האָט זי א פרעג געטאָן. דאָס

פולע, וויַסע פּאָנעם אירם איז מיטאמאָל געוואָרן רויט, עטוואָס פארשעמט. זי האָט אראָפּגעלאָזט די אויגן.

— ער איז איר מאַן, היַינט איז ער געוואָרן איר מאַן. — פון דעם גע־דאנק איז איר מיטאמאָל אלץ אין שטוב געוואָרן נאָענט.

טאנכום האָט זיך אוועקגעזעצט. מיט אַן אויג האָט ער זי אַ רוף געטאָן, זי איז פּאמעלעך צוגעגאנגען צו אים. ער האָט אוועקגעלייגט די האנט אף איר. דאָס וויַב האָט זיך איַינגעבויגן און זיך צוגעדריקט צו אים. דאָס רופנדיקע פיַיערל אין די אויגן האָט זיך צעברענט. מיט ברענענדיקע אויגן האָבן זיי אַ ווי‍ַילע געקוקט איינס אפן אנדערן.

אַ פּאָר פורן אין דרויסן האָבן זיך מיט אימפּעט דורכגעטראָגן, קלינגענ־דיק מיט די אקערס און בראָנעס. טאנכום האָט אַ זשמורע געטאָן די אויגן קעגן דעם זון־באַגאָסענעם פענצטער.

— אָן אווייערע דעם טאָג, — האָט ער זיך מיטאמאָל אַ כאַפּ געטאָן און אָפּגעלאָזט דאָס וויַב, — מע דאַרף אקערן.

זי איז געבליבן שטיין אַ פארייטלטע.

ער וועט היַינט דאָס ערשטע מאָל צופאלן צו דער שווארצער ערד אַזוי ליַידנשאפטלעך, ווי ער וועט צופאלן צום יונגן וויַיב. די ערד וועט זיך פרוכ־פערן מיט ווייץ, מיט גערשטן און וועט ברענגען שעפע, און דאָס וויַיב וועט אים ברענגען קינדער צו באארבעטן די ערד.

ער איז ארויס אין שטאל, האָט ארויסגעפירט די פערד אין הויף און גענומען איַינשפּאנען.

— גיב דאָ אכטונג, כ׳וועל אף נאכט צושמיַיסן. גיב אכטונג, אלץ זאָל זיַין גאנץ אין הויף.

ער האָט ארופגעלייגט אפן וואָגן אַ זאק פּאָלאָווע, אַ ביסל דערט, צוגע־טשעפּעט אונטערן וואָגן אַן עמער, ארומגעקוקט זיך, צי ער האָט גאָרנישט ניט פארגעסן און האָט אוועקגעשמיסן אין סטעפּ אריַין.

רונדארום אין סטעפּ האָט מען שוין געאקערט. די פּויערים האָבן זיך באַציַיטנס געהאט צונויפגערעדט, ווער מיט וועמען עס שפּאנט זיך צונויף.

— ווען איך האָב אַן איינגן שטיקל אקער, האָב איך זיי אלעמען אין דער ערד, — האָט טאנכום פאָרנדיק געטראכט, — מיַינע פערד וואָלטן אליין ווי־ניט־איז דערשלעפּט. מיַינע צוויי קאָנען שלעפּן פאר פיר און פאר זעקס.

פונוויַיטן, פון די האָנעס, האָבן די פּויערים אויסגעדרייט די קעפּ און באטראכט טאנכומס פערד:

— אָט אַ מאזל פון אַ יונג. אזא ריַיכקיַיט... אזא נאדן, שוין לאנג אזעלכע פערד ניט געזען...

— סט׳געזען, ווי זיי טראָגן? האלט נאָר די ווישקעס...

די פּויערים האָבן פון די האָנעס אים נאָכגעשריִען:

— מאזלטאָוו, זאָל זיַין מיט גליק... מאזלטאָוו.

טאנכום איז געפאָרן האסטיק אלעמען אף צולאָכעס. זאָלן זיי צעפּלאצט ווערן.

ער איז אָפּגעפֿאָרן א זיבן האָנעס און גענומען פֿארקערעווען צום טאַטנס פֿאראיאָריקער טאָלאָקע.[1] ער האָט באַשטימט דערוויַיל פֿאראַקערן די פּאָר דעסיאַטינעס, וואָס יודע פּיטראָך האָט נאָך ניט באַוויזן אַריַינעמען אין זיַינע הענט, און צו פֿרילינג־צו, ווען ער וועט זיך שטעלן אַף די פֿיס, וועט ער איבערנעמען די גאַנצע ערד צו זיך.

— דער טאַטע וועט שוין סיַיווי ניט זייען, — האָט ער געטראַכט, — זאוועליב מיט ראַכמיִעלן וועלן זיך אַף קיין כּוראָבע ניט אַרופֿשלאָגן. די ערד וועט באַ זיי סיַיווי פֿאַרווילדעוועט ווערן. ווילדגראָז מיט סוסליקעס וועלן זיך פֿלאָדיען אַף זייער ערד, און באַ מיר וועט זי בליִען.

טאַנכום האָט אַ וויַילע איַינגעהאַלטן די פֿערד, ער האָט געציילט די האָנעס און געוואָלט זיך דערמאָנען אַלע סימאָנים פֿונעם טאַטנס ערד. מיטאַמאָל האָט זיך פֿון ערגעץ אָנגעטראָגן אַ רייַטער. דער רייַטער איז געפֿאָרן פֿאַמעלעך און האָט זיך געהאַלטן אָן דעם פֿערדס גריווע. ווען דער רייַטער איז צוגעפֿאָרן אַ ביסל נעענטער, האָט טאַנכום דערזען גדאַליע רייַטשוקן.

גדאַליעס קליינינק שוואַרץ פֿאַרברענט פּאָנעם איז געווען צערודערט. די קליינינקע שוואַרצע אויגן האָבן געגלאַנצט. דאָס שוואַרצע בערדל איז געווען צעשויבערט.

— מיַין שקאַפּע, כ׳האָב זי געפֿונען, מיַין נאַכעס. אין אַ כוטאָר האָב איך זי געפֿונען, — האָט ער פֿונוויַיטן געשריִען.

גדאַליע איז צוגעפֿאָרן, אַראָפּגעשפּרונגען פֿון פֿערד. די פֿערד האָבן אָנגעהויבן איינע צו די אַנדערע הירזשען, ווי זיי וואָלטן זיך דערקענט.

— אַך, דו מאַטושקאַ, — האָט גדאַליע צאַרט געגלעט איבערן פֿעל זיַין שקאַפּע, האָסט מיך גאָר געוואָלט פֿאַרלאָזן... אַך, דו מאַטושקאַ. אין אַזאַ שווער־רער צייַט, אינמיטן שניט, ביסטו ניט געוואָרן. גוט, וואָס דו האָסט זיך כאָטש צום אַקער אָפּגעזוכט. אַ כיַיע, און ס׳בענקט זיך. ס׳האָט מיך דערזען, האָט עס פֿונוויַיטן גענומען הירזשען. ס׳האָט זיך דערפֿרייט ווי אַ קינד. עך, סטוי, מאַליוטקאַ.

— ווּ האָסטו זי געפֿונען? — האָט טאַנכום אים איבערגעשלאָגן.

— באַ אַ פּויער אין אַ כוטאָר הינטער קענעווקע. ער זאָגט, אַז זי איז אַליין צו אים אפֿן הויף געקומען. ווּ האָב איך זי ניט אויסגעזוכט. ווּ די וועלט האָט אַ ברעג, האָב איך זי דאָך געזוכט.

— ס׳קאָן זיַין, אַז זי איז טאַקע געקומען צו אים אפֿן הויף, עפּשער האָט זי געוואָלט אַ טרונק, — האָט טאַנכום אים איַינגערעדט, — אַ כיַיע, ס׳ווערט איר אומעטיק צו שטיין אַליין... עפּשער האָסטו זי שלעכט צוגעבונדן?

טאַנכום האָט מיט אַ קיוון אים געוואָלט איַינריידן, אַז זי איז אַליין אַרויסגעלאָפֿן פֿון הויף, קעדיי גדאַליע זאָל מיט די פּויערים ניט ריידן וועגן דעם גאַנעוו און מע זאָל זיך ניט דערמאָנען אָן יענעם גאַנעוו, באַ וועלכן ער, טאַנכום, האָט דאָס היטל מיט גוטס אַראָפּגענומען.

---

[1] טאָלאָקע — ערד, ווּ די טשערעדע האָט זיך פֿאַראיאָרן געפּאַשעט.

געדאַליע האָט אַלץ ניט געקאָנט אָפּרײַסן די אויגן פֿון זײַן שקאַפּע. טאַנ־כום האָט דערפֿילט אַ פֿאַרבאָרגענעם אײפֿער־געפֿיל, לעמײַ ער באַמערקט ניט זײַנע שקאַפּעס. ער האָט אַ גלעט געגעבן געדאַליעס פֿערד און דערפֿילט אַ פֿאַרגעניגן דערפֿון, וואָס זײַנע פֿערד זײַנען בעסער. געדאַליע איז אַ ביסל געקומען צו זיך און האָט באַמערקט טאַנכומס פֿערד.

— דאָס זײַנען דײַנע? דער נאַדן דײַנער? — האָט ער אַ פֿרעג געטאָן, — מאַזלטאָוו דיר! מיט אַזאַ פּאָר פֿערד קאָן מען אַ באַלעבאַטישקײַט פֿירן...

— מיט וועמען רעכנסטו זיך צונויפֿשפּאַנען אױף אַקערן?

— מיט מיכל מאַכלין שפּאַן איך זיך שטענדיק.

— נו, און נאָך מיט וועמען?

— מיט וועמען ס׳מאַכט זיך.

— אױף פֿיר פֿערד אַקערט איר?

— ס׳ווענדט זיך, ווי די פֿערד זײַנען אין לײַב. אַמאָל אױף פֿיר, אַמאָל אױף זעקס.

— אָן אַקער האָט מיכל?

— אָ, אַן אַקער האָט ער אַ גוטן, אַ נײַעם אַפֿילע.

— און דאָס פֿערד שלעפּט די פֿיס? אַ וואָלעך, דאַכט זיך, האָט ער?

— אַ פֿערד איז בײַ אים אַ מאָגערס, נאָר אַ שטשירעס. אַ פֿערד אַ פֿײַער. קיין בײַטש זאָלסטו אים קײנמאָל פֿאַר די אויגן ניט ווײַזן.

— אויב אַזוי, לאָמיר זיך צונויפֿשפּאַנען. טאַקע הײַנט דאַרף מען נאָך אָנהייבן אַקערן. זעסט דאָך, אין דאָרף איז שוין קיינער ניט געבליבן. אַלע האָבן זיך שוין צונויפֿגעשפּאַנט. רײַט, נו, רײַט גיכער. מע דאַרף הײַנט אָנ־הייבן. אַן אַוויירע דער טאָג. איר וועט קומען, וועלן מיר זיך צונויפֿריידן.

— ווילסטו, מיר זאָלן זיך צונויפֿשפּאַנען? — האָט געדאַליע, אַ ווײַלע טראַכטנדיק, איבערגעפֿרעגט. — ווו רעכנסטו אַקערן, אױף וועמעס ערד?

— וואָס הייסט, אױף וועמעס?

ער האָט געוואָלט זאָגן „אױף אונדזערער", און זיך פֿאַרכאַפּט.

— אױף דער פּאַראַיאָריקער טאָלאָקע, — ער האָט אָנגעוויזן מיטן פֿינגער אױף דער ערד.

— די טאָלאָקע איז האַרטע ערד... דער טאַטע האָט זי ניט פֿאַרדונגען יודען?

— ניין. איך וועל זי אופֿאַקערן.

— נו, גוט. איך וועל צושמײַסן. דו וועסט נאָך פֿאָרן צוריק אַהיים?

— ניין. כ׳וועל דערווײַלע באַטראַכטן דעם סטעפּ.

געדאַליע איז אַוועקגעריטן, און טאַנכום איז געבליבן אין סטעפּ. ער איז אַרומגעגאַנגען, האָט באַטראַכט די פֿערד, געריִעט מיטן פֿוס, ווי טיף די פֿײַכטקײַט האָט דערלאַנגט. ער האָט מיט די טריט אויסגעמאָסטן די האָנע אין דער לענג און אין דער ברייט, נאָכדעם איז ער אַוועקגעפֿאָרן אויסקוקן די איבעריקע צוויי ניט פֿאַראַקערטע דעסיאַטינעס, וואָס ליגן ניט ווײַט פֿון דער ווייצענער באַלקע.

טאנכום האָט זין דערמאָנט, אַז דאָרט דאַרף איצטער אַקערן ראַכמיִעל. אים האָט זיך געוואָלט, אַז קיינער פון די זײַניקע זאָל דערוויַל ניט וויסן, אַז ער אַקערט אָפּן טאַטנס ערד.

טאַנכום האָט מיט די טריט אויסגעמאָסטן די צוויי דעסיאַטינעס, ווּ ער וועט אַקערן, און איז מיטן סטעפּוועג אַוועקגעפאָרן צוריק צו דער טאָלאָקע. ער איז אַרופגעפאָרן אַף דער האָנע. האָט אויסגעשפּאַנט די פערד, און אין אַ ווײַלע אַרום זײַנען אָנגעפאָרן גדאַליע רײַטשוק און מיכל מאַכלין.

— אַקערן מיר, הייסט עס, צוזאַמען? — האָט מיכל מאַכלין, אַראָפּשפּרינג־גענדיק פון זײַן הויכן שוואַרצן וואָלעך, אַ זאָג געטאָן צו טאַנכומען און גע־נומען באַטראַכטן טאַנכומס פערד.

— ווײַלע פערדלעך... דאָס זײַנען דײַנע? מע קאָן מיט זיי אַקערן. אונד־זערע וועלן אויך ניט אָפּשטיין. אונדזערע זײַנען, עפּשער ניט אַזוי אין לײַב, דערפאַר שלעפּן זיי גוט.

— זיי וועלן ניט צושטיין? אַ בײַטש האָב איך אַ גוטע, — האָט טאַנכום פאַרביסן געזאָגט, ווי ער וואָלט זיך וועלן נויקעם זײַן, לעמיַ מיכל האָט ניט שטאַרק געלויבט זײַנע פערד.

— נו, נו, מיר וועלן נאָך זען, צו וועמעס פערד מע וועט דאַרפן אַ בײַטש! — האָט מיכל מיט ווירדע אַ זאָג געטאָן.

אײַנשפּאַנענדיק די פערד, האָבן זיך די דרײַ שותּפים באַדונגען, וויפל מע דאַרף בא יעדערן אופאַקערן. טאַנכום האָט אַ נעם געטאָן די לייצעס אין די הענט, האָט פאַרקערעוועט אַף אַ מעזשע און געהייסן מיכלען אַראָפּלאָזן דעם לעמעש.

די פערד האָבן האַסטיק אַ שלעפּ געגעבן דעם אַקער. דער אַקער האָט מיט בלאַנקענדיקע מעסערס זיך אַרײַנגעשניטן אין דר׳ערד אַרײַן, אופהייבנדיק שוואַרצע כוואַליעס פרישע ערד.

— יעי, וואָלעך! — האָט מיכל, נאָכיאָגנדיק נאָכן אַקער, אונטערגעשריִען צו זײַן פערד.

— זעסט, זעסט, ווי ער שלעפּט?

— נו, מײַנע שלעפּט שלעכט? גיב אַ קוק, דעם גאַנצן אַקער שלעפּט זי דאָך, — האָט גדאַליע געריִמט זײַן שקאַפּע.

— פאַרוואָס מיינסטו, אַז דײַנע שלעפּט דעם אַקער? וואָס, מײַנע שטייט אָפּ?

טאַנכום האָט מיט אַ קיוון אונטערגעיאָגט גדאַליעס און מיכלס פערד:

— שטייט ניט אָפּ, דעטקי...

אַ פּאָר מאָל זײַנען זיי אַרומגעגאַנגען אַרום און אַרום דער האָנע. פון דאָרף איז אַף אַ צווייערדערדיקער פור אָנגעפאָרן יודע פּייטראַך. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט דער אונטערשטער האָנע און איז געבליבן שטיין לעבן וועג. דערזעענדיק טאַנכומען, האָט ער בייזלעך־שפּאָטנדיק אַ פרעג געטאָן:

— ווערסט אַ באַלעבאָס, האַ, טאַנכום?

דער יונג האָט פּלוצעם אָנגעהויבן אַרויסרופן אין יודען אַן אומרו. יודע האָט דערפילט, אַז דער יונג קאָן זיך אים שטעלן אין וועג און קאָן נאָך צונעמען דעם פּאָטערס ערד.

— די ערד, ווּ דו אקערסט, איז מײַן ערד, — האָט ער אופגערעגט א זאָג געטאָן צו טאנכומען, — דער טאטע האָט זי מיר פארדונגען.

— די ערד האָט איר ניט געדונגען. איך אקער אפן טאטנס ערד. ס'איז אונדזער ערד!

דעם יונגנס אזעס האָט נאָך מער אופגערעגט יודען:

— דערווײַל איז נאָך דער טאטע באלעבאָס, איר זײַט נאָך בא מיר קיין באלעבאטים ניט! — האָט יודע זיך געבייזערט. — אזא נאַהײַעץ. ערד ווילט זיך אים גאָר... איך וועל אים ווײַזן ערד...

יודע איז אָפּגעפאָרן א שטיקל און זיך גענומען ארומקוקן אף הינטן. ער האָט אף אן עמעס אָנגעהויבן מוירע האָבן, טאנכום זאָל ניט ארײַנעמען דעם טאטנס ערד צו זיך אין די הענט און זאָל ניט ווערן קיין באלעבאָס איבער איר.

— פּאָדאט צאָלן זיי ניט, און איבער דער ערד ווילן זיי באלעבאטעווען, כ'ו'על זיי אָפּהאקן די הענט, וועלן זיי פארשפּאָרן צו קריכן, — האָט ער אליין זיך ניט געקאָנט בארויִקן, — דער שוליץ וועט פארשטײַגן די ערד, אז דער רועך וועט זיי נעמען.

דער אײַנפאל, וואָס איז אים פּלוצעם אין קאָפּ געקומען איבערצוריידן מיטן שוליץ, ער זאָל פארשטײַגן די ערד פארן פּאָדאט, האָט אים דערמוטיקט, און ער האָט זיך גענומען בארויִקן, אז די ערד וועט ער סײַווי אויסשטײַגן.

— מע דארף זיך נאָר צווײַלן, ביז דער ביטערער יונג וועט זיך ארומקוקן, אניט, קאָן ער אליין אויסשטײַגן, — האָט ער געטראכט. ער האָט א שמיץ געגעבן דאָס פערד און זיך ארײפגעלאָזט מיט דער הינטערשטער האָנע.

15

שטיל און געהיים האָט דאָוויד זיך דערקליבן אין דער שכיינישער ייִדישער קאָלאָניע, ווּ בא אים זײַנען געווען פרײַנט, און מיט זייער הילף האָט ער דאָרט עפּעס צונויפגענומען פאר די שטרײַקנדיקע ארבעטער. אן אופגעלייגטער האָט ער זיך אומגעקערט אהיים. ער איז, ווי שטענדיק, געגאַנגען ניט געײַלט.

א רויטע, א צעגאָסענע האָט די זון זיך ארּאָפּגעלאָזט אליץ נידעריקער און נידעריקער. איבערן כמורנעם הארבסטיקן הימל זײַנען געשוווּמען גרוי־טונקעלע וואָלקנס. זיי האָבן איבערגעיאָגט איינער דעם צווייטן און ערטערווײַז זיך צונויפגעגאָסן. אן אָנגעשוואָלענער, האָט דער הימל זיך ארּאָפּגעלאָזט אליץ נידעריקער צו דער ערד.

פּאזע די קארטאָפל־גערטנער האָט ערטערווײַז א טונקל־גרויער, ווי דער הימל, און ערטערווײַז א רויטער פון דער פארנאכטיקער שקיִע, זיך געוויגט דער סטאַוואָק. אומעטיק האָבן די זשאבעס געקוואקעט. א הארבסטיק פײַכטער ווינט האָט געוויעט איבערן סטעפּ, געפײַפט און אָנגעזאָגט אף קומענדיקע שנייִקע שטורעמס.

אין דרויסן האָט שוין געטונקלט. ווײַבער זײַנען פאַרהאָוועטע אַרומגע־לאָפן איבער די הויפן, האָבן צונויפגעטריבן די הינער אין די קורניקעס, געפּויעט די קעלבלעך, געמאָלקן די בעהיימעס. פונוויַיטן האָט זיך געהערט, ווי עס סקריפּען די ברינעמער, וור־ניט־ווו האָבן זיך באוויזן מאַנצבלען, וועלכע האָבן אָנגעטראָגן פון די קלוניעס אַף באַנאַכט פּאַלאָווע אין די שטאַלן.

צוגייענדיק צו בערעס שטיבל, האָט דאָוויד אַרײַנגעקוקט אין פענצטער. באַם טיש, וואָס איז געווען באַלויכטן מיט אַ נאַכטלעמפּל, זײַנען געזעסן בערע מיט פרײדלען און האָבן געגעסן.

„ראַכמיִעל מיט זאוועלײבן זײַנען, קענטיק, אין סטעפּ" — האָט דאָוויד אַ טראַכט געטאָן. ניט אַרײַנגייענדיק אין שטיבל, איז ער אַוועק צו זיי. ראַכ־מיִעל איז אַ פאַרטראַכטער געזעסן באַם האַלב־פאַרלאָשענעם שײַטער, איבער וועלכן ס'איז געשטאַנען אַ דרײַפוס מיט אַ קעסעלע. דערהערנדיק טריט, האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן.

— דאָדיע! ווו ביסטו געווען? מיר קוקן שוין אַרויס אַף דיר.

— וואָסי?

— מע דאַרף דאָך אָפּפירן די פּראָדוקטן אין שטאָט?

— יאָ, דערפאַר בין איך טאַקע געקומען. מ'דאַרף נאָר זען באַוואָרענען אַ פור.

— דאָס וועלן מיר באַזאָרגן.

ראַכמיִעל האָט צוגעטראָגן צום שײַטער אַ בערעם טרוקענעם קורײַ, וועלכער האָט זיך גלײַך שטאַרק צעפלאַקערט.

ווי באַבעלעך אַרום פײַער, האָבן זיך אַהער אָנגעהויבן צונויפקלײַבן פויע־רים, וועלכע האָבן דערבײַ געאַקערט. מ'האָט זיך געוואַרעמט, געבאַקן קאַרטאָפּ־ליעס און געשמועסט.

— געלט איז ווי טויבן, — האָט עמעצער אַ זאָג געטאָן. — דאָרט ווו זיי פאַרפירן זיך, דאָרטן וועלן זיי שוין הויזן.

— פאַרוואָס פאַרפירן זיי זיך ניט באַ מיר? — האָט געפרעגט געדאַליע.

— מ'דאַרף זיי קענען פאַרמאַניען, — האָט געזאָגט מיכל מאַכלין. — אין דעם ליגט דער גאַנצער קונץ.

— דאָס איז אַלץ באָבעמײַסעס, — האָט אינעם שמועס זיך אַרײַנגעמישט באָרעך. — מיר דוכט, אַז אָנלעבן עפּעס קען מען נאָר דורך שווערער האָרע־וואַניע, מ'דערעסט ניט, מ'דערטרינקט ניט, מ'דערשלאָפט ניט. אַזוי פאַמעלעך, קאָפּקע נאָך קאָפּקע, זאַמלט מען צונויף אַ ביסל געלט, מ'קויפט אַ פערדל, אַ בעהיימעלע און אַז גאָט העלפט, ווערט מען צוביסלעך אַזוי אַ באַלעבאָס.

— גאָט העלפט דעם, ווער ס'קען שווינדלען, — האָט זיך אָפּגערופן געדאַליע. — אָט זעסט דאָך, ראַכמיִעל מיט זאוועלײבן האָרעווען וויניקער פון טאַנכומען? טאַנכום איז געוואָרן אַ באַלעבאָס, און זיי ווערן אויסגעריסן. וואָס האָט גאָט צו ראַכמיִעלן, צו זאוועלײבן? זיי האָבן עמעצן באַאוולט, באַגאַזלט?

— וואָס זאָגט איר וועגן דעם שפּיצל, וואָס מ'האָט אָפּגעטאָן דעם שוליק? — האָט מיכל איבערגעשלאָגן געדאַליען און מיט אַ באַזונדער האַנאָע צוגע־

געבן: — זאָלן זײַן געזונט די הענט בײַ דעם כוואַט, װעלכער האָט עס אָפּ־געטאָן — באַם שוליץ אונטערן נאָז אופהענגען אזא פּאַפּירל, אַז מ׳זאָל ניט צאָלן קײן פּאָדאַטש! באַ אונדז איז נאָך אזוינס ניט געהערט געוואָרן.
— אָט פונוואַנען ס׳נעמט זיך די אָרעמקײַט, — האָט דאָוויד דערקלערט דעם אוילעם אַרום שײַטער. — דער שוליץ לײגט אַרוף אַזאַ פּאָדאַטש אַפן פּויער, אַז ער איז געצוווּנגען פאַרקויפן דאָס לעצטע פערדל אָדער דאָס אײנציקע בעהײמעלע, זײַן ערד פאַלט אַרײַן צו א באַלעבאָס און ער ווערט בײַ אים א קנעכט.
— ריכטיק ווי גאָלד! — האָט זיך אָפּגערופן דעם שוליצס באַטראַק כײַקל. — כ׳האָב טאַקע געהערט, ווי יודע פײַטראַק איז געקומען צום שוליץ אײַנריידן אים, ער זאָל אים פאַרקויפן אָדער פאַרדינגען בערע דאַנדעס ערד. צאָלן האָט דאָך בערע סײַווי ניט פונוואַנען, — האָט יודע געזאָגט דעם שוליץ. — באַם שוליץ איז דער קאָפּ ניט אויסגעדאַרט, ער ווייסט שוין ווי צו מאַכן, רעב בערעס ערד זאָל זײַן באַ יודען אָדער באַ אַן אַנדער באַלעבאָס.
— מיר װעלן די פּיס איבערברעכן יענעם, װער ס׳וועט קריכן אַף אונדזער ערד, — האָט זאַווע־לייב זיך א ריס געטאָן, ווי ער וואָלט זיך אַף עמעצן פרווון אַרופוואַרפן. — זאָל נאָר ווער־ניט־איז זיך צורירן צו אונדזער ערד, וועט ער דעם קאָפּ אַף איר איבערלאָזן.
— אַז מיר וועלן שווײַגן, וועלן די באַלעבאַטים טאָן מיט אונדז, וואָס ס׳וועט זיך זיי גלוסטן. זיי וועלן די גאַנצע ערד אונדזערע צונעמען! — האָט מיכל מאַכלין זיך אָפּגערופן.
— מע טאָר מער ניט שווײַגן! מע טאָר מער ניט דערלאָזן, דער שוליץ זאָל באַלעבאַטעווען איבער אונדז און שינדן פון אונדז די הויט! — האָבן זיך דערהערט שטימען.
דאָוויד האָט דערפילט, אַז ער האָט אָנגעצונדן באַ די פּויערים אין די הערצער א פײַערל, וואָס וועט זיך צעפלאַקערן.
דער אוילעם אַרום שײַטער האָט אַרויסגעקוקט, דאָוויד זאָל נאָך עפּעס זאָגן, דערקלערן.
— ווער האָט געמאַכט דעם שוליץ איבער אײַך פאַר א באַלעבאָס? — האָט דאָוויד א פרעג געטאָן.
— וואָס הייסט ווער? מ׳האָט אים געמאַכט פאַר אַן עלטסטן, באַלעבאַטעװעט ער, — האָבן זיך דערהערט שטימען.
— פאַרן באַלעבאָס האָט דער שוליץ מוירע, ווײַל ער קאָן אים אַראָפּוואַרפן, און איר לײַדט און שווײַגט, — האָט דאָוויד פאַרגעזעצט. — די באַלעבאַטים ווילן צונעמען באַ אײַך די ערד פאַר זיך, טוען זיי אַלץ, דער שוליץ זאָל וואָס מער אַף אײַך קוועטשן, איר זאָלט קומען צו זיי באַטראַקעווען און די ערד זיי באַך אָפּגעבן.
— ריכטיק, געגוג האָבן מיר געקוקט די באַלעבאַטים אין די ציין, מ׳דאַרף זיי געבן איבער די קעפּ, — האָט א געשריי געטאָן זאַווע־לייב.
— אַז איר וועט אײַנציקווײַז פירן א קאַמף מיט די באַלעבאַטים, וועט זיך באַ אײַך גאָרנישט ניט באַקומען, — האָט דאָוויד געזאָגט. — אַז אין זלאַטי־

נאָווקע זײַנען אין 1905 יאָר אופגעשטאַנען די פּויערים קעגן דעם פּאָרעץ, האָט מען דאָ בא אונדז געשווינגן. עמעס, דאָ בא אונדז זײַנען די באַלעבאַטים אויך געוואָרן, ווי די שעפּעלעך, די פּעל האָט אַף זיי גוט געציטערט, אָבער ווי נאָר ס׳איז דורכגעגאַנגען דער שטורעם, האָבן זיי ווידער אָנגעהויבן דעם אָרעמאַן אַפּן קאָפּ קריכן.

— וואָס האָבן אויסגעפירט די זלאַטינאָווקער, אַז זיי זײַנען אופגעשטאַנען? — האָט מיכל א פרעג געטאָן. — עס זײַנען געקומען די קאַזאַקן און זיי אַף טויט פאַרשמיסן, אָט דאָס האָבן זיי אויסגעפירט.

— אַף די פעלערן פון די זלאַטינאָווקער ווֶעלן מיר זיך לערנען, — האָט געענטפערט דאָוויד. — די זלאַטינאָווקער האָבן ניט אויסגעפירט, ווײַלע צענדליקער און הונדערטער אַזעלכע דערפער, ווו די פּויערים לײַדן פּונקט ווי זיי, האָבן זיי ניט אונטערגעהאַלטן. די אופשטענדלער פון זלאַטינאָווקע האָבן זיך געדאַרפט פאַרייניקן מיט די אַרבעטער... אָן דעם אַרבעטער וועט דער פּויער קיינמאָל ניט זיגן.

— דער אַרבעטער אין שטאָט ווייסט דען עפּעס א טאָלק אין אונדזערע איניאָנים? — האָט געדאַליע א פרעג געטאָן.

— די פּאַרטיי שטרעבט צו באַפרײַען אי דעם אַרבעטער, אי דעם פּויער, — האָט דאָוויד געענטפערט. — מ׳דאַרף מיטאַמאָל פאַרטרײַבן דעם בורזשוי פון שטאָט און דעם פּאָרעץ מיט די איבעריקע בלוטזויגער פון דאָרף.

— אַוואַדע, פּונקט ווי בא אונדז אין סטעפּ, ווײַל ווען מע טרײַבט אַרויס אַן אַווראַכע פון איין נאָרע, לויפט זי אין א צווייטער, דעריבער דאַרף מען זיי אומעטום אין איין צײַט פאַרניכטן. — האָט מיכל זיך אָפּגערופן.

— ריכטיק, מיכל, ריכטיק, — האָט דאָוויד אים אונטערגעהאַלטן.

די פּויערים האָבן זיך איבערגעקוקט א ווײַלע און געשעפּטשעט איינער צום צווייטן:

— אָן אײַזערנער קאָפּ בא אונדזער דאָווידן, אָט וואָס דער זאַוואָד האָט פון אים געמאַכט. ער פאַרשטייט א טאָלק, דער יאָט, ווען ער פאָרט ניט אַוועק אין שטאָט, וואָלט ער דאָך אויך מיט אונדז דאָ פאַרפינצטערט געוואָרן.

ווען דער אוילעם אַרום שײַטער איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען, האָט דאָוויד מיט ראַכמיִעלן, מיט געדאַליען זיך דאָ נאָך פאַרהאַלטן, קעדיי זיך צונויפּריידן, ווי אָפּצופירן די צונויפגעזאַמלטע פּראָדוקטן אין שטאָט פאַר די שטרײַקנדיקע אַרבעטער.

* * *

צו דער צײַט האָט זיך דאָווידן ניט אײַנגעגעבן איבערצושיקן די פּראָדוקטן אין שטאָט. עס זײַנען דערגאַנגען קלאַנגען, אַז דער אוריאַדניק דרייט זיך ניט ווײַט אַרום. דאָוויד איז ביז אָוונט אָפּגעזעסן אין א באַהעלטעניש. ווי נאָר ס׳האָט אָנגעהויבן טונקלען, האָט ער זיך דערקליבן צו דער שוועסטער אין שטיבל.

— קיינער איז דאָ ניט געווען? — האָט ער, באַגעגענענדיק פריידלען אַפּן שוועל, א פרעג געגעבן.

— קיינער ניט.
— און ווו איז ראכמיִעל?
— אָן דאָרטן, — האָט פריידל געוויזן אפן שטעלכל.
— און דער שווער?
— דאכט זיך, אויך דאָרטן.

אפן שוועל פון שטעלכל האָט דאָוויד דערזען בערען.

דער אלטער האָט פונוויַיטן געקוקט, ווי דער זון מיַיסטרעוועט, און אָנגע־קוואָלן פון נאכעם. דערזעענדיק, אז דאָוויד לאָזט זיך צום שטעלכל, האָט דער אלטער געמאכט א פּאָר טריט אנטקעגן און זיך אָפּגעשטעלט לעבן אים.

— נו, דאנקען גאָט, אלץ בעשאָלעם? — האָט בערע א פרעג געגעבן בא אים.

— בעשאָלעם, — האָט דאָוויד אָפּגעענטפערט. — דער אוריאדניק איז דאָ טאקע געווען?

— ווייסט אים דער רועך.
— ראכמיִעל איז אין שטעלכל? — האָט דאָוויד געפרעגט.
— ער מיַיסטרעוועט, קיין מינוט קען ער ניט זיצן אָן ארבעט, — האָט דער אלטער זיך אָפּגערופן. — די פינגער זיַינען בא אים מיַין טאטנס, אָלעוואשאָ־לעם, דער קאָפּ איז אויך דעם טאטנס, נאָר קיין מאזל האָט ער ניט.

דער אלטער איז אוועק אין שטוב, און דאָוויד איז אריַין אין שטעלכל צו ראכמיִעלן.

— האָדיע, גענוג צו ארבעטן, — האָט דאָוויד זיך געווענדט צו ראכמיִעלן.
— א, דאָוויד! — האָט ראכמיִעל זיך דערפרייט. — איך קוק די גאנצע ציַיט ארויס אף דיר, ווו ביסטו עס געווען?

— מ'האָט געזאָגט, אז דער אוריאדניק דארף קומען, האָב איך אָפּגעצויגן. איך האָב דאָך געזאָגט פריידלען, אז איך גיי אוועק, איצט דארף מען זיך קליַיבן אין וועג. באנאכט וועלן מיר אומבאדינגט ארויספאָרן.

דאָוויד האָט אין שטעלכל זיך א ביסל גערוּעט אין א ווינקעלע און ארויס־גענומען א ביכל, וועלכן ער האָט געהאט באהאלטן נאָך דעם ערשטן טאָג, ווען ער איז געקומען אהער.

— נא, איך לאָז עס דיר איבער. באהאלט עס, אז קיינער זאָל ניט זען.
— פארוואָס דארף מען דאָס באהאלטן?
— וויַיל די מאכט האָט מוירע, אז די מענטשן וועלן ווּיסן דעם עמעס.
— און איך האָב געמיינט, אז דאָ באשריַיבט זיך פון מאשינעס, — האָט ראכמיִעל, דרייענדיק דאָס ביכל אין האנט, געזאָגט. — קריג מיר אין שטאָט א ביכל וועגן מאשינעס.

— גוט, ראכמיִעל, איך וועל קריגן... דאָס ביכל לייען איבער. דאָ באַ־שריַיבט זיך וועגן לעבן. וועגן דעם, וואָס מיר האָבן גערעדט ארום שפּעטער... זאָלסט לייענען דאָס ביכל, אז קיינער וועט ניט זען.

ראכמיִעל מיט דאָווידן האָבן נאָך געשמועסט א וויַילע, נאָכדעם האָבן זיי פארשטעקט דאָס ביכל אין א ווינקל און זיַינען אוועק עסן אָונטברויט.

16

פּאַר דער גאַנצער אָרינקע[1] איז טאַנכום אַ פּאָר מאָל געווען אין דער היים, און ווען ער איז אַריבער אַקערן אַפן פינפטן גלענק, האָט ער געזשאַלעוועט טרייַבן די פערד אין איבעריקן ווערסט און אינגאַנצן אויפגעהערט פאָרן אַהיים. נעכאַמע האָט איינע אַליין גאַנצענע טעג זיך געפּאָרעט אַפן הויף...

אין הויף איז נאָך געווען פּוסט, דאָס סעדל אַרום שטוב ניט אַרומגעצאַמט, די שטוב ניט אַרומגעשמירט, די פענצטער ניט פאַרקיטעוועט. די יונגע באַלעבאָסטע האָט טאָג און נאַכט געהאָרעוועט, זי האָט אַליין פאַרקנאָטן טאַרעס און גענומען זיך פון דרויסן אַרומשמירן די שטוב, זי האָט אויפגעראַמט אין הויף, פאַרשאַרט מיט דער האַבליע די פאַרפוילטע שטרוי, וואָס איז געלעגן נאָך פונעם אַלטן באַלעבאָס. זי האָט אָנגעשאָטן מיסט אַף די נידעריקע ערטער — זאָלן נאָך די רעגנס קיין קאַליעזשעס ניט שטיין אין הויף.

אין די פאַרנאַכטן פלעגט זי אַרויסגיין צום טויער, עפשער וועט טאַנכום קומען.

זי האָט דאָס ערשטע מאָל אַף איר לעבן דערפילט אַ בענקשאַפט. אַ פאַרהאָרעוועטע, אַ פאַרטאָגנעגע אין כודאָבע, האָט זי קיינמאָל נאָך קיינעם און נאָך גאָרנישט ניט געבענקט. און איצט האָט זי גענומען ציִען אין סטעפּ צום מאַן. אין אירע שוואַרצע גרויסע אויגן האָט זיך באַוויזן אַן אומעטיק פייַערל. ווי נאָר אַ פור האָט אַ טראַסקע געגעבן אַפן וועג, האָט דאָס פייַערל אַ בלישטשע געטאָן, און ווי די פור איז פאַרבייַגעפאָרן, האָט דאָס פייַערל זיך אויסגעלאָשן און די אויגן זייַנען ווידער געוואָרן אומעטיקע, פולע מיט בענקשאַפט.

פאַרנאַכט האָט זי זיך אַ פּאָר מאָל געלאָזט גיין אַנטקעגן, עפשער וועט ער אָנפאָרן. פון האַרבסטיקן פעלד האָט געווייעט מיט שטילער בענקשאַפט, ס'האָט געבענקט דער סטעפּ נאָך די באַגילדעטע ראַכוועסן, נאָך די בלויע לופטיקע רוימען, פאַרשיקערטע מיט בלי־אַראָמאַט, פאַרהילכטע מיט פויגל־געזאַנג, מיט זשומערייַען פון בינען און מיטן גערויש פון וואַרעמע ווינטן.

פונווייַטן, פון די האָנעס, האָבן פויערים באַטראַכט נעכאַמען.

— דאָס איז זי... פּונקט אין איר נאָדן געראָטן, אַזאַ שיינע און געזונטע, ווי די לאָשיצעס... זע, ווי ס'לויפט, קענטיק, אַז זי בענקט נאָך אים.

נעכאַמע האָט געוואָלט דעם מאַן באַווייַזן, ווי זי האָט אויפגעראַמט אין הויף. זי האָט אָן אים ניט געוואָלט אונטערפירן די ווענט. מיט שוואַרצער סאַזשע האָט ער ניט געוואָלט, און סינקע האָבן זיי געהאַט אַ קליין פּעקעלע, וואָס ער האָט פאַרכאַפּט פון דער היים, פונעם פאָטערס שטוב. אין די ערשטע פאַרנאַכטן, ווען טאַנכום פלעגט אָנפאָרן פון סטעפּ, פלעגט זי אים באַווייַזן, וואָס זי האָט דאָ אויפגעטאָן אָן אים. ער פלעגט צופרידן שמייכלען פון איר בעריעשאַפט.

— גוט, נעכאַמע, גוט, זאָלן לייַט טאַקע זען, וואָס פאַר אַ בעריע איך האָב גענומען, — האָט ער זי שטיל געלאַשטשעט, און זי האָט דערציילט, ווי זי וועט אין שטוב צוקלייַבן.

---

[1] אָרינקע — אַקערצייַט.

— דאָ וועל איך אוועקשטעלן א טישל, — פלעגט זי אָנווייַזן צום ווינקל־צו, — ארום דער וואנט לעבן טישל וועט שטיין בא מיר א קאנאַפּע מיט א טשע־כאָל. אף די פענצטער וועל איך אויסהענגען די ווייַסע פאָרהענגלעך. אף די וואנט לעבן די פאָרהענגלעך וועל איך אויסהענגען קארטעס. אז דו וועסט פאָרן אפן מארק, זאָלסטו ניט פארגעסן צו קויפן טרעטערס אף אויסשפרייטן אף דער ערד און א ראַגאָזשע אף ארומצוּווישן די פיס — ס'איז אן אווירע יעדעס מאָל צו לייגן שטרוי אפן שוועל, מע צעטראָגט די שטרוי איבערן שטוב... און א בערשטל זאָלסטו ניט פארגעסן אף שמירן און א קליין בערשטעלע אף אונ־טערצופירן דעם פריפעטשעק...

— גוט, גוט, נעכאמע, כ'וועל קויפן... גוט, ס'וועט זייַן בא מיר אין שטוב ניט ערגער, ווי בא דייַן טאטן איז געוועזן, — פלעגט ער יעדעס מאָל ענטפערן און אן אָנגעהאָרעוועטער אנידערפאלן אפן בעט, געמען כראָפּען. נאָר נעכאמע פלעגט אים אליץ אויסמאָלן, וויאזוי די שטוב וועט בא איר אויסזען.

— פון קיך, טאנכום, וועט מען דארפן איבערטראָגן די שאפקע, דעם טיש וועלן מיר איבערוקן אינמיטן שטוב... סינקע זאָלסטו ניט פארגעסן צו קויפן, אז דו וועסט פאָרן, און רויטע פאָדעם עפּשער וועט זיך דיר מאכן.

— גוט, גוט, כ'וועל קויפן, נעכאמע, — פלעגט ער פון שלאָף בורטשען.

שפעט אין הארבסט, ווען די פויערים האָבן מיט די בוקערס, מיט די אקערס און באָראָנעס זיך גענומען אומקערן אהיים, איז נעכאמע ארויס אין סטעפ און אים באגעגנט לעבן דער טאָלאָקע, ניט ווייַט פון דאָרף. ער איז געווען פארוואקסן, איינגאנצן שווארץ פון דער ערד און פון שוויים. דערזעענדיק דאָס ווייַב, האָבן די בלויע אויגן באם יונגן באלעבאָס א פינקל געטאָן. ער האָט אָפּגעהאלטן די פערד און געהייסן איר קריכן אפן וואָגן.

— ווּהין האָסטו זיך עס געלאָזט גיין? — האָט ער א פרעג געטאָן.

— פארוואָס ביסטו ניט אָנגעפאָרן די גאנצע צייַט? — האָט זי זיך פאַ־רייטלט און אראָפּגעלאָזט די פולע שווארצע אויגן.

— וואָס הערט זיך אין דער היים? — האָט טאנכום, אָנבייגנדיק זיך צו איר, זיך פאנאנדערגעפרעגט.

— כ'האָב צוגעקליבן א ביסל אין הויף. ארומגעשמירט פון דרויסן די שטוב, איצט דארף מען זיך נעמען אינווייניק א ביסל צוקלייַבן... כ'האָב די טעג געהאט א הארצווייטעק, די געלע הון האָט ערגעץ אָנגעוואָרן אן איי, זי האָט זיך איינגענאדיעט צו עמעצן פון די שכיינים.

— מע דארף זיי צוהיטן, — האָט טאנכום א זאָג געטאָן א צופרידענער פון דעם ווייַבס בעריעשאפט. פאמעלעך, מיט באלעבאטיש אויסגערעכנטן טראָט איז ער ארייַנגעפאָרן אין דאָרף, האָט פארקערעוועט צו זיך אין הויף און אפגיך אויסגעשפאנט.

דאָס ווייַבל האָט אים געוויזן, ווי זי האָט די שטוב ארומגעשמירט, דעם הויף אופגעראמט. נאָכדעם האָט זי אים דערלאנגט וואסער, אים אופגעגאָסן, ער האָט זיך ארומגעוואשן און געהייסן צוגרייטן די נייַע הויזן מיט דעם העמדל. דאָס ווייַב האָט פארוווּנדערט א קוק געגעבן אף אים:

— וואָס פאַר א יאָמטעוו אַף דיר? מ׳דאַרף זיך באַלד לייגן שלאָפן, און דו פוצסט זיך גאָר!

— כ׳דאַרף באַלד גיין צום שולץ... מענטשן רעכענען מיך שוין פאַר א שטיקל באַלעבאָס... זאָל איך גיין אין טראַנטעס?

דאָס ווײַב האָט אים דערלאַנגט די נײַע בגאָדים. ער האָט אָנגעטאָן די נײַע הויזן, די נײַע שטיוול, דאָס העמדל, ווי ערעוו דער כאַסענע, און זיך גע־לאָזט גיין צום שולץ.

די יעדיִע, אַז מע וועט פאַרשטײַגן דעם פאָטערס ערד, האָט אים ניט גע־לאָזט אײַנרוען. ער האָט באַשלאָסן זיך דורכרײדן מיטן שולץ, דער שולץ זאָל נעמען בא אים דעם פּאָדאַט און איבערשרײַבן די ערד אַף זײַן נאָמען. נאָר ער האָט מוירע געהאַט, יודע פּייטראַך זאָל עס בא אים ניט אויסכאַפּן.

ער איז אָפּגעגאַנגען א פּאָר טריט פון זײַן שטוב, האָט זיך אָפּגעשטעלט און גענומען באַטראַכטן, צי דורכרײדן זיך פריִער מיטן טאַטן און מיט די ברידער צי אַרײַנגיין גלײַך צום שולץ. ער איז צוגעגאַנגען ביזן טויער און פונוויַטן דערזען דעם שולץ מיט יודע פּייטראַכן. די צוויי באַלעבאַטים זײַנען געגאַנגען פון ערגעץ און האָבן וועגן עפּעס גערעדט. טאַנכום האָט גענומען נאָכקוקן, וווּהין זיי גייען און וווּהין זיי פאַרקערעווען. ער איז זיי פלינק פאַרלאָפן דעם וועג, און ווען די באַלעבאַטים זײַנען צוגעגאַנגען נעענטער צו אים, האָט אים דער שולץ באַמערקט. טאַנכום איז צוגעגאַנגען מיט באַלעבאַ־טישער ווירדע, האָט אָפּגעגעבן דעם שולץ שאָלעם. דער שולץ האָט א קוק גע־געבן אַף זײַן געוועזענעם סאָסקע, דערלאַנגט אים די האַנט און געלאַסן, שוין גאָר ניט ווי מיט א סאָסקע, גערעדט מיט אים.

— ווערסט א באַלעבאָס, טאַנכום, זאָגט מען... לײַט זאָגן, אַז דו האָסט א גוטע פּאָר פערד אין נאָדן גענומען.

— וואָסי, טאַנכום דאַרף דאַפקע זײַן א קאַפּצן? — האָט ער מיט א גלעכ־טערל א זאָג געטאָן, — טאַנכום טאָר שוין קיין גוטע פּאָר פערד ניט האָבן... רעב יודע דאַרף נאָר האָבן גוטע פערד?...

— הערסט, אַן אַזעס־פּאָנעם, — האָט יודע אים מיט א קיוון גענומען זידלען פאַרן שולץ אין די אויגן, — ער מיינט, אַז מע קריכט אַרוף אַף א פור, פאָרט מען שוין...

די באַלעבאַטים האָבן גענומען פאַרקערעווען צום שולצס שטוב, און טאַנ־כום איז זיי נאָכגעגאַנגען. ער האָט זיך באַמיט אַרויסשטעלן פאַרן שולץ זײַ־נע נײַע שטיוול, דעם נײַעם אָנצוג, דער שולץ זאָל טאַקע זען, אַז ער איז שוין קיין סאָסקע ניט. דער שולץ איז געגאַנגען, האָט געשאַרט מיטן שטע־קעלע איבער דער ערד, אָנגעטאַפּט קופּקעס אַש, וואָס די פּויערים וואַרפן אַרויס פון די אויוונס און בייז געבורטשעט: — שטראָף... שטראָף... וועלן זיי בא מיר צאָלן.

אויסגעזידלט זיך, איז דער שולץ געוואָרן רויִקער און האָט מיט א פאַר־טײַעטן בליק גענומען קוקן אַף זײַן געוועזענעם סאָסקע.

טאַנכום האָט זיך געדרייט אַרום שולץ, געוואָלט מיט אים אָנהייבן ריידן, און פון וועלכער זײַט ער איז ניט פאַרגאַנגען, האָט אים יודע פאַרשטעלט.

לעבן שולצס טויער זײַנען די באַלעבאַטים געשטאַנען א ווײַלע און זײַנען אַרײַן אין שטוב. טאַנכום איז זיי נאָכגעגאַנגען ביז דער שוועל און האָט זיך אומגעקערט.

ער האָט באַשטימט ריידן מיטן שולץ אויג אױף אויג.

א צעטראָגענער האָט ער זיך אומגעקערט, ער האָט זיך גענומען דרייען אַרום שטוב און קיין אָרט זיך ניט געקאָנט געפינען. ס'האָט אים אָנגעכאַפּט א ווייטעק, טאָמער פאַרשפּילט ער אין דער רעגע און יודע רעדט זיך צונויף מיטן שולץ. ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, האָט געפּרוווט עפּעס אונטערכאַפּן, וועגן וואָס זיי ריידן.

— זיי ריידן שטיל, א פּײַער אױף זיי, — האָט ער זיך אויסגעזידלט.

ער איז אָפּגעגאַנגען צום טויער, האָט זיך אוועקגעזעצט אױף א בענקעלע און אָפּגעוואַרט, ביז יודע איז אַרויס פונעם שולצס שטוב. טאַנכום איז אַפּגיך אָפּגעשפּרונגען אָן א זײַט, יודע זאָל אים ניט באַמערקן. נאָכדעם איז ער פּאַמעלעך צוגעגאַנגען און פּאָרזיכטיק, ווי ער וואָלט מוירע האָבן, געעפנט די טיר.

דער שולץ איז אָן א זשאַקעט צוגעשפּרונגען צו דער טיר און, דערזעענדיק דעם יונג, א פרעג געטאָן:

— וואָס האָסטו געוואָלט?

— כ'בין ערשט פון סטעפּ געקומען און גלײַך זיך געלאָזט צו אײַך, — האָט טאַנכום אָנגעהויבן.

דער שולץ האָט מיט איין האַנט זיך אָנגעהאַלטן בא דער טיר און פאַרשטעלט דעם יונג, ער זאָל אין שטוב ניט אַרײַן.

— כ'האָב געוואָלט ריידן מיט אײַך וועגן דעם טאַטנס ערד... איך שטעל זיך א ביסל אױף די פיס... איר ווילט עס פאַרשטײַגן, האָב איך געוואָלט דעם פּאָדאַט אײַנצאָלן.

— אפילע באַנאַכט האָט מען אויך פון אײַך קיין רו ניט, וועסט קומען אין פּריקאַז. וואָס גייסטו מיר אַהיים נאָך דרייען א קאָפּ, — האָט דער שולץ זיך אָנגעהויבן בייזערן.

— יודע וויל דעם גאַנצן סטעפּ פאַרכאַפּן, — האָט טאַנכום גענומען געבן אָנצוהערעניש דעם שולץ און מיט א פרעך געלעכטערל א זאָג געטאָן, — ער וויל ווערן דער גרעסטער באַלעבאַס.

— ער האָט דיר דערציילט, וואָס ער וויל?! — האָט דער שולץ אים איבערגעשלאָגן און איז געוואָרן אופגערעגט, לעמיי טאַנכום האָט אַרויסגעזאָגט הויך אפן קאָל זײַן אייגענעם פאַרבאָרגענעם מיין. נאָר ער איז אינערלעך געוואָרן אומרויִק דערפון, וואָס דער סאָטסקע ווייסט אפילע, אז יודע וויל זיך פאַרפעסטיקן און אַרײַנעמען דאָס דאָרף אין זײַנע הענט.

— וועסט קומען אין פּריקאַז, וועלן מיר זען... דערווײַל גיי אַהיים... וועגן ערד דאַרף מען פאָרן אַזש צום פּאָפּעטשיטעל פון די ייִדישע קאָלאָניעס, צו קאָוואַלעווסקין, — האָט ער עטוואָס ווייכער א זאָג געטאָן.

טאַנכום איז א פאַרשוויצטער, ווי ער וואָלט ערשט עפּעס א שווערע אַרבעט אָפּגעטאָן, אַרויס פון שטוב און האָט זיך געלאָזט גיין צום טאַטנס שטיבל.

17

טאַנכום איז לאַנג נאָכגעגאַנגען נאָכן שולץ, ביז ער האָט בא אים גע־קראָגן דאָס פּאַפּירל צום פּאָפּעטשיטעל.

— כ׳פּאָר פּונקט אין שטאָט, וואָלט איך זיך שוין אַרײַנגעכאַפּט וועגן דער ערד, — איז ער יעדעס מאָל געקומען צום שולץ מיט א טערעץ. נאָר דער שולץ האָט אַלץ מוירע געהאַט צו שרײַבן, געהייסן אים אַזוי פּאָרן, אָן א פּאַ־פּירל. ביז ער האָט באַשלאָסן אַרויסגעבן עס, שטרענג פאַרזאָגנדיק אים:

— געדענק, דעם קאָפּ וועל איך דיר אָפּרײַסן, אַז דו וועסט עמעצן א פּיפּס טאָן דערפון.

דער יונג האָט מיט טויטע שווּעס זיך פאַרשוואָרן, אַז ער וועט שווײַגן.

ס׳האָט אַרײַנגעצויגן אין ווינטער אַרײַן. דער ווינטער איז צוגעפאַלן מיטאַמאָל. פרײַ־צעבונדענע, האָבן פון אַלע זײַטן פון פּוסטן וויסטן סטעפּ א בלאָז געגעבן ברומענדיקע ווינטן און געטריבן איבערן מוטנעם הימל די געדיכטע שוואַרצע וואָלקנס. דורך די נעכט האָבן די שוואַרצע גרויע וואָלקנס ווי־ניט־ווּ אַף די הויפן, אַף די שוואַרץ־אויפגעאַקערטע האָנעס, אַף די פאַר־וויאַנעטע, געלע שטיקער סטעפּ אויסגעשאָטן ווײַסע פלעקן שניי. עטוואָס שפּע־טער האָבן די גרויסע אָנגעשוואָלענע וואָלקנס געפּלאַצט, און א פּוכיקער שניי האָט א שאָט געטאָן. ווילדע ווינטן האָבן געדרייט און געשמיסן פון אַלע זײַטן מיט שניי.

טאַנכום האָט אײַנגעשפּאַנט און זיך געלאָזט פאָרן אין שטאָט צום פּאָפּע־טשיטעל וועגן דער ערד.

דער שולץ האָט אים געגעבן אָנגעוויזן ווּהין צו גיין, צו ריידן, ער האָט אים אַפילע פאַרזאָגט, ער זאָל זיך אויספּוצן, ער זאָל אַראָפּנעמען דאָס היטל, ווען ער וועט אַרײַנגיין אַהין. א פּאָר טעג פאַרן פאָרן האָט דער שולץ אים איבערגעלייענט דאָס פּאַפּירל, געגעבן אים צו פאַרשטיין, וואָס דאָרט איז אָנגעשריבן. אין פּאַפּירל איז געווען געשריבן, אַז בערע דאָנדע גיט איבער זײַן יִינגערן זון טאַנכום דאָנדע דעם נומער לאַנד[1], ווײַל ער אַליין איז ניט אימשטאַנד עס צו באַאַרבעטן און צו באַצאָלן דעם פּאָדאַט. דעריבער בעט דער פּריקאַז איבערשרײַבן די ערד אַפן נאָמען פון טאַנכום בערע דאָנדעס.

— גוט, גוט, — האָט דער יונג א צופרידענער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

זײַענדיק א סאָטסקע אין פּריקאַז, האָט דער דורכגעטריבענער יונג, ווי א געטרײַער הונט, אַלץ אויסגעשמעקט, צו אַלץ זיך צוגעקוקט, ווי ער וואָלט פאָרויס געוווּסט, אַז ס׳וועט אים צוניץ קומען. ער האָט זיך צוגעלאַשטשעט צום שולץ, צוגעטראָגן אים נײַסן און אים אַרויסגעוויזן איבערגעגעבנקײַט. דער סאָטסקע האָט שוין לאַנג געוווּסט, אַז דער שולץ און יודע פּייטראַך טראָגן סינע איינער אַפן אַנדערן און ווילן איינער דעם אַנדערן אומברענגען, כאָטש פאַר לײַטן האַלטן זיי זיך ווי גרויסע פרײַנט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער שולץ וויל ניט, יודען זאָל אָנקומען די ערד, ער זאָל זיך נאָך מער פאַר־

[1] ביילעק, אָפּשניט ערד.

פעסטיקן און אָנהייבן באַלעבאַטעווען אין דאָרף. דעריבער האָט דער שולץ שטי־לערהייט אונטערגעזאָגט דעם יונגן באַלעבאָס, ער זאָל צופאָרן מיט א פּאַפּירל צום פּאַפּעטשיטעל.

בערעס ערד האָט בא יודען אַרויסגערופן אומרו, ווײַל קיין אייגענע ערד האָט ער, יודע, קימאַט ווי ניט געהאַט. זײַן גאַנצן פאַרזיי האָט ער געמאַכט אַף פרעמדע אָנגעדונגענע דעסיאַטינעס אָדער אַף ערד, וואָס איז איבערגעגאַנגען אין קאַזנאַ, ווען די פּויערים האָבן ניט געהאַט צו צאָלן קיין פּאָדאַט.

דעם נומער לאַנד, וואָס יודעס זיידע האָט באַקומען בא דער ערשטער ערד־פאַרטיילונג, האָט ער איבערגעגעבן בעיערושע די זין, יודעס פּאָטער און די פעטערס. זיי האָבן זיך פאַרפירט באַזונדערע באַלעבאַטישקײַטן, צונעמענדיק יעדערער זײַן שטיקל ערד. נאָך דער כאַסענע האָט יודע זיך קוים אַרופגע־שלאָגן צו א פערדל און גענומען פאַרזייען זײַנע פּאָר דעסיאַטינעס, וואָס ער האָט באַקומען פון זײַן פּאָטער. ס׳איז אים אָבער אין דער באַלעבאַטישקײַט ניט געגאַנגען. האָט ער זיך גענומען צו א זײַטיק געשעפט, ער האָט פאַרקויפט דאָס לעצטע בעהיימעלע, געקויפט א פּאָר קעסטלעך בראַנפן, באַשטעלט זיך א גרין־אויסגעפאַרבט שילדל און געעפנט א שענק.

דאָ אין דאָרף האָט ער אָבער ווייניק געלייזט, האָט ער אײַנגעשפּאַנט דאָס פערד־און־וועגל און זיך א לאָז געטאָן איבער די שכייניש דערפער. אין יעדן דאָרף, ווו ער איז געקומען, האָט ער אַף א שטוב אופגעהאַנגען דאָס שילדל.

פּויערים האָבן זיך פאַרקוקט אַף דעם נײַעם שילדל, וואָס האָט זיך מיטא־מאָל באַוויזן אין דאָרף. ווער ס׳האָט געמיינט, אַז ס׳האָט זיך א נײַער שנײַדער באַוויזן אין דאָרף, און זיך געלאָזט מיט צײַג צו דער שטוב, ווו דאָס שילדל איז געהאַנגען, ווער ס׳האָט געמיינט, אַז ס׳איז א שוסטער א נײַער געקומען, און זיך געלאָזט מיט לעדער אָדער מיט שטיוול, ווער ס׳האָט געמיינט, אַז ס׳האָט א קלייט א נײַע זיך אופגעעפנט, און זיך געלאָזט מיט געלט נאָך זאַכן. יודע האָט ברייטהאַרציק דערלאַנגט די פּויערים בראַנפן, און זיי האָבן געטראָגן מיט זיך צײַג אָדער לעדער, שטיוול, אויסגעבײַטלט זיך ביז א קאָפּעקע.

אין א שטיקל צײַט אַרום איז יודע אַוועקגעפאָרן אַף א יאַריד, האָט פאַר־קויפט די מאַשקאָנעס, איז אַוועקגעפאָרן מיט דעם בראַנפן און מיטן שילדל אין א צווייט דאָרף, פונסנײַ אָנגענומען מאַשקאָנעס, ווידער פאַרקויפט און אַוועקגעפאָרן אין א דריט דאָרף. אַזוי איז ער אַרומגעפאָרן איבער די דערפער, ביז צו אים זײַנען דערגאַנגען קלאַנגען, אַז פּויערים זוכן אים און קלײַבן זיך אים הארגענען. דאַן האָט ער זיך דערשראָקן, איז געקומען צו זיך אַהיים אין דאָרף און גענומען פאַרפירן זיך א באַלעבאַטישקײַט. ער האָט אָנגע־דונגען ערד פון די פאַראָרעמטע פּויערים, האָט זיך אויסגעבויט א ברייטע, גרויסע שטוב מיט א טשערעפּענעם דאַך, א גרויסע שטאַל מיט שיינע אָפּצאַמונ־גען און „סטוילעס״ פאַר די פערד און בעהיימעס, פאַר קעלבלעך און פאַר לאָ־שעקלעך. נאָכדעם האָט ער אַוועקגעשטעלט א ברייטע, צוועלפקראָקוועדיקע קלוניע פאַר דעם פּי, א פּאַטקאַט צו האַלטן דאָס שפּאַן־געצײַג, די וואָגנס און

די אקערס. ער האָט ארומגעפלאנצט דעם הויף מיט אלערלייִקע פרוכטביימער, פארזייט די גערטנער מיט אויבסן. ווען זײַנע זין זײַנען אונטערגעוואקסן, האָט ער אָנגעהויבן מוירע האָבן, זיי זאָלן אים זײַן גוטס ניט צעשלעפּן. האָט ער זיי אויסגעטיילט א כיילעק פון זײַן באלעבאטישקײַט, אָפּגעגעבן זיי די פּאָר דעסיאטינעס ערד, זיי זאָלן זיך באזונדער פארפירן א ווירטשאפט. זיי האָט אָבער צו ערדארבעט ניט געצויגן. זיי האָבן אָנגעהויבן פאָרן אף יארידן, האנדלען מיט פערד. אזוי האָבן זיי געלעבט אָפּגעטיילט פונעם פאָטער, און דער פאָטער, כאָטש ער האָט פארמאָגט בלויז עטלעכע דעסיאטינעס ערד, וואָס זײַנען געבליבן פון די ארומפאָרנדיקע זין, האָט פון יאָר צו יאָר אלץ מער פארגרעסערט דעם פארזיי, דינגענדיק ערד און פארכאפּנדיק זי בא אָרעמע פויערים. פון יאָר צו יאָר איז זײַן באלעבאטישקײַט געוואָרן אלץ גרעסער און רײַכער.

אָנהייב ווינטער האָט יודע פּייטראך באפוילן ראכמיִעלן נעכטיקן אין שטאָל, קעדיי ער זאָל היטן די בעהיימעס, ביים זיי וועלן זיך קעלבן. יודע איז אָפּט אינמיטן דער נאכט אופגעשטאנען, האָט אָנגעצויגן די שטיוול אף די באָרוועסע פיס, אָנגעטאָן דעם גרויסן בערענעם פעלץ אפּן העמד און איז לאנג אָפּגעזעסן לעבן ראכמיִעלן אין שטאָל.

ראכמיִעל איז געלעגן אפן היי, וואָס ער האָט אָנגעגרייט פארן פי, און האָט זיך אײַנגעהערט, ווי דער באלעבאָס רעדט צו אים. ער האָט זיך געוווּנדערט, לעמיַ ער שמועסט מיט אים געלאסן און זידלט אים ניט. ער האָט נאָך אלץ מוירע געהאט פארן באלעבאָס' קוק און האָט דעריבער שטום געשאָקלט מיטן קאָפּ, ער זאָל זיך ניט ארויסכאפּן מיט קיין וואָרט, וואָס קאָן דעם באלעבאָס ניט געפעלן.

— וואָס קוקסטו, בורילע, ביסט שטום צי וואָס? — האָט איינמאָל דער באלעבאָס ניט אויסגעהאלטן און זיך צעשריִען.

ער האָט געוואָלט זיך פאנאנדערפרעגן בא אים וועגן טאנכומען, וועגן די רייד, וואָס קומען פאָר בא זיי און שטוב, וועגן דער ערד, נאָר ער האָט אלץ קיין טאָלק ניט געקאָנט דערגיין. איינמאָל האָט יודע ראכמיִעלן לאנג געמוסערט און לעסאָף געהייסן, אז זײַן פאָטער מיט זאוועליבן זאָלן צו אים ארײַנקומען וועגן א וויִכטיקן איניען.

— דו זאָלסט אויך קומען מיט זיי, — האָט דער באלעבאָס נאָך א ווײַלע צוגעגעבן.

צומאָרגנס האָט דער אלטער בערע אָנגעטאָן די צעקרימטע, דורך און דורך געלעכערטע שטיוול, האָט אויסגעקלאפּט פונעם פעלץ דעם פאראיאָריקן שטויב און האָט דעם בענעד אף זיך ארופגעוואָרפן. טאָפּטשענדיק איבערן פריש-אויסגעפאלענעם שניי, האָט ער זיך געלאָזט גיין צוזאמען מיט זאוועליבן צום באלעבאָס.

— מיסטאמע איז עפּעס וויכטיקס, — האָט דער אלטער געטראכט, — אויב דער באלעבאָס אליין רופט...

אין הויף זײַנען זיי ארײַן פאמעלעך, ווי ניט זיכער. א גרויסער הונט מיט קאָסמאטע אויערן האָט, דערזעענדיק זיי אין הויף, זיך א כאפּ געטאָן,

איז אַרויסגעשפּרונגען פון זײַן בײַדל, האָט גענומען שפּרינגען אין דער לופט, רײַסנדיק זיך פון דער קייט.

— אוך, פּייגערן זאָלסטו, — האָט זאַווע־לייב אַ געשריי געטאָן צום הונט.

דער הונט האָט נאָך שטאַרקער גענומען רײַסן זיך פון דער קייט און בילן. בערע האָט זיך אַרומגעקוקט, עפּשער דרייט זיך דאָ ערגעץ אַרום דער באַלעבאָס. נאָר דער באַלעבאָס איז געזעסן אין דער וואַרעמער אָנגעהייצטער שטוב אין איין זשילעט און האָט אַרײַנגעקוקט אין אַ פאַרשטויבטן סייפער. ווען־ניט־ווען, ווינטער, אין דער פרײַער צײַט, האָט ער געבלעטערט אינעם סייפער, פּויערים זאָלן זען, אַז ער איז ניט קיין גראָבערייונג, אַז ער פאַרשטייט מער פון זיי, אַז ער קאָן זיי לערנען און מוסרן, ווײַל ער קען אַרײַנקוקן אין אַ סייפער.

דערהערנדיק אַ האַווקערײַ, האָט דער באַלעבאָס אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון סייפער, איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, וואָס קוקט אַרויס אין הויף אַרײַן, און אַ בורטשע געטאָן:

— וואָס האַווקעט ער עס אינמיטן העלן טאָג אַזוי?

זאַווע־לייב מיטן אַלטן זײַנען געשטאַנען אינמיטן הויף, זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט, ווי זיי וואָלטן עפּעס געזוכט.

— הו, זע, וויפל סטערטעס שטרוי, נאָך פון פאַראיאָרן, פון פאַרצווייאָרן אַפּאָנעם, — האָט זאַווע־לייב אַ שטורכע געטאָן בערען, — מיט פּופּציק אַרבעס וועסטו עס ניט פאַרנעמען.

דער אַלטער האָט אַ קוק געטאָן אויף די ברייטע, פון לאַנגן שטיין אײַנגעפרעסטע סטערטעס. זאַווע־לייב האָט אין זיך איבערגעציילט די סטערטעס און זיך פאַרקוקט אויף דער ברייטער צוועלפקראָקוועדיקער קלוניע.

— וויפל מאַזשאַרעס פּאָלאָווע קאָן עס אַרײַן אין אַזאַ קלוניע? — האָט ער מיט נײַגער אַ טראַכט געטאָן און פלוצעם פאַריסן דעם קאָפּ אין דער הייך, דערזעענדיק, ווי אַ סטײַע ווײַסע, בלויע, גאָלד־געשטרײַפטע און געפּינטלטע טײַבעלעך האָבן, שורשענדיק מיט די פליגלען, זיך געדרייט איבער די דעכער פון שטוב און פון פּאָטקאַט.

— זע, וויפל טויבן ס׳האָבן זיך עס פאַרפּירט באַ אים, — האָט זאַווע־לייב מיט קינאַ אַ טראַכט געטאָן, — אפילו אין טויבן גייט אים.

אַרומלויפנדיק גיך מיט די אויגן איבער דעם באַלעבאַטישן הויף, איז זאַווע־לייב אומבאַמערקט שטיל אַרײַן אין שטאַל. דער הונט האָט נאָך שטאַרקער גענומען האַווקען, שפּרינגענדיק און רײַסנדיק זיך מיט אַלע קויכעס פון דער קייט. דער באַלעבאָס איז אַרויס פון שטוב, געבליבן שטיין אַ ווײַלע אויף דער שוועל און האָט דערזען בערען. ער איז צוגעגאַנגען צו אים מיט אַ געמאַכטן שמייכל, וואָס איז אויסגערונען געוואָרן גלײַך אין זײַן געדיכטער, ערטערווײַז גראָוולעכער באָרד, און האָט דערלאַנגט שאָלעם. בערע איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער.

— וואָס שטייסטו אינמיטן הויף? — האָט יודע געפרעגט. — וווּ איז זאַווע־לייב?

בערע האָט זיך אומגעקוקט, ווי ער וואָלט זיך ערשט געכאַפּט, אַז זאַווע־ליב איז ניטאָ לעבן אים. ער האָט אַ וויַיז געטאָן:

— ער איז אַריַין אין שטאַל.

— וואָס האָט ער דאָרט וואָס צו טאָן?

— אַ יונג, אַז ער קומט אַף אַ באַלעבאַטישן הויף, וויל ער אַ קוק טאָן, ווי איז עס בא אַ באַלעבאָס אין שטאַל.

אַן אויסגעלאָשענער שמייכל האָט זיך באַוויזן אַפן אַלטנס וואָנצעס, און פון דער אופגעהויבענער שמייכלענדיקער וואָנץ האָבן זיך אַרויסגעוויזן שוואַרצע צעשטשערבעטע ציין.

— וואָסי? ער איז קיינמאָל אין קיין שטאַל ניט געווען? ווייניק מאָל איז ער געווען בא מיר אַפן הויף?

פון דער קלוניע איז אַרויס ראַכמיִעל מיט צוויי פולע זעק פּאַלאָווע. דער באַלעבאָס האָט מיט אַ באַהאַלטענער בייזקייַט אַף אים אַ קוק געגעבן און זיך גענומען בייזערן:

— וואָס איז עס די שטאַל אָפן? וויפל מאָל האָב איך דיר אָנגעזאָגט, זי זאָל זייַן פאַרמאַכט. שטעל אוועק די זעק פּאַלאָווע און גיי אַריַין אין שטוב, — האָט יודע פאַרזאָגט ראַכמיִעלן און איז אַריַין אין שטאַל. ער האָט אַ היפּשע וויַילע געזוכט מיט די אויגן זאַווע־ליבן און אים ניט געקאָנט געפינען.

זאַווע־ליב איז אַרומגעקראָכן צווישן די סטוילעס, האָט באַטראַכט די פערד, געגלעט זיי, אופגעעפנט די מיַילער און אַריַינגעקוקט ווי אַלט זיי זיַינען. ער האָט באַטראַכט זייערע פיס, צי זיי זיַינען געקאָוועט, צי די קאָפּיטעס זיַינען ניט אָנגעשפּאָלטן, צי די פיס זיַינען שטיַיף, און איז צופרידן געווען, ווי די פערד וואָלטן געווען זיַינע.

—גוטע פערד, זיי זיַינען גוט אין ליַיב, — האָט ער, פּאַטשנדיק די פערד איבערן ליַיב, צו זיך גערעדט.

דער באַלעבאָס האָט פּלוצעם אין עק שטאַל דערזען זאַווע־ליבן. ער האָט מיט אייפערזיכטיקע אויגן אַ קוק געגעבן אַף אים.

— וואָס קריכסטו דאָרט אַרום? — האָט ער אין אַ וויַילע אַרום אַ זאָג געטאָן צו זאַווע־ליבן. — וואָס, דו האָסט נאָך קיַין פערד ניט געזען?

— זיי זיַינען גוט אין ליַיב...

— גענוג אַרומצוקריכן דאָרט, — האָט אים דער באַלעבאָס איבערגעשלאָגן, דערשרעקנדיק זיך פאַר אַ שלעכט אויג. — קום, דער טאַטע וואַרט אַפן הויף.

זאַווע־ליב האָט מיט אויגן אָנגעצונדענע פון קינע געקוקט אַף די פערד, די פערד האָבן געקוקט אַף אים, באַשמעקט אים, און אים איז געוואָרן מאָדנע אָנגענעם פונעם וואַרעמען אָטעם. דער באַלעבאָס איז אַלע וויַילע צוגעגאַנגען און מיט איַינגעהאַלטענעם קאַס געטריבן אים פון שטאַל. זאַווע־ליב איז גע־שטאַנען, האָט געהאַט האַנאָע פונעם קוקן אַף די פערד. נאָכדעם איז ער פּאַמע־לעך אַרויס פון צווישן די פערד, איז צוגעגאַנגען צום היי, וואָס איז געלעגן לעבן דער טיר אָנגעגרייט אַף דער נאַכט פאַרן פי, און האָט עס געטאַפּט מיט די הענט.

— סאַראַ היי, ווי זיַיד.

ער איז צוגעגאַנגען צו די סטוילעס, ווּ די בעהיימעס זײַנען געשטאַנען. די בעהיימעס האָבן, שמעקנדיק מיט די שוואַרצע גלאַנציקע מאָרדעס, אײַנגע־ריִעט די קעפּ אין די לײטערס היי.

— איינס, צוויי, דרײַ, פיר, פינף, — האָט ער אין זיך גענומען ציילן די בעהיימעס.

— וואָס קוקסטו? קאָנסט זיך ניט אָנקוקן? — האָט דער באַלעבאָס ניט אויסגעהאַלטן. — אַלץ איז זיי גרוים אין די אויגן...

— זיי זײַנען אַלע קעלביק? — האָט זאַוועל־לייב א פרעג געטאָן. — אַז זיי וועלן זיך אָפּקעלבן, וועט בא אײַך זײַן אַן אייגענע טשערעדע.

— וואָס שטייסטו? קום, מע וואַרט דאָרט, — האָט אים יודע אונטערגע־טריבן.

זאַוועל־לייב איז צוגעגאַנגען צו דעם שפּאַן־געצײַג, וואָס איז געהאַנגען אין ווינקל אַף א פלעקל, האָט א טאַפּ געטאָן די שלייעס און גלײַך דערנעבן דערזען די מישלקע.

— א גוטע מישלקע, נאָר א גראָבע.

— קום, קום, — האָט דער באַלעבאָס אַרויסגעריסן בא אים די מישלקע פון האַנט.

אַרויסגייענדיק פון דער שטאַל, האָט דער באַלעבאָס באַגעגנט ראַכמיִעלן.

— וואָס לאָזסטו אָפן די שטאַל? — האָט ער זיך אָן אָנגעצונדענער אַרופּ־געוואָרפן אַף ראַכמיִעלן. — ווּ איך גיב אַליין ניט קיין קוק, איז קיין טאָלק ניטאָ...

דער באַלעבאָס און דער פאָטער מיט די זין האָבן זיך געלאָזט אין שטוב אַרײַן.

אַפן דאַך האָבן צוויי טײַבעלעך זיך לאַנג־לאַנג געקושט. נאָכדעם האָבן זיי, פּאַטשנדיק מיט די פליגלען, זיך אופגעהויבן אין דער הייך, זיך גע־דרייט אינדערלופטן, פאַנאַנדערפליִענדיק זיך אין פאַרשיידענע זײַטן, און זײַנען זיך ווידער צונויפגעקומען, ביז זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אַפן דאַך.

— זיי האָבן כאַסענע געהאַט, דאָס וועט זײַן נאָך א פּאָר טויבן, — האָט זאַוועל־לייב א זאָג געטאָן און אַלץ געוואָלט איבערציילן אַלע טויבן, וואָס זײַנען דאָרט אַרומגעפלויגן.

דורך דער קיך האָט דער באַלעבאָס אַרײַנגעפירט דעם אַלטן מיט די זין אין א שיין צוגעקליבענעם צימער, ווּ די ווענט זײַנען געווען באַהאַנגען מיט בילדער.

זאַוועל־לייבס אויגן זײַנען אַרומגעלאָפן איבערן צימער. ער האָט געוואָלט צוגיין צו דער וואַנט, א קוק טאָן אַף די בילדער, נאָר יודע האָט אים פאַר־שטעלט דעם וועג און געהייסן זיך זעצן.

— כאַזײַרים, — האָט ער א טראַכט געטאָן, קוקנדיק אַף זאַוועל־לייבס אַלטע שטיוואַלעס, — א גאַנצן מיסטניק טראָגן זיי מיט זיך, — נאָר דעם קאַס האָט דער באַלעבאָס אויסגעלאָזן צו זײַן באַטראַק — צו ראַכמיִעלן.

— ביסט אַרײַנגעגאַנגען אין א שטאַל צי אין א שטוב? אין כאַזערשטאַל וואָלט איך דיך ניט אַרײַנגעלאָזן מיט אַזעלכע שטיוואַלעס.

דער באַלעבאָס האָט די גאַנצע צײַט געקוקט אױף בערעס און אױף זאװע־לײבס שטיװל, זײ זאָלן פֿאַרשטײן, אַז דאָס מײנט ער זײ. ער האָט אָבער גלײַך באַ־ראָטע געקראָגן, װײַל טאָמער װעלן זײ זיך באַלײדיקן, קאָן דאָס שאַטן דעם שמועס, װאָס ער דאַרף מיט זײ פֿירן. ער איז געװאָרן גלאַסענער, איז צוגע־גאַנגען צום טיש, װוּ זײ האָבן זיך צוגעזעצט, און האָט הײמיש־שטיל גענומען רײדן:

— מיר זײַנען מיט אײַך שטיקלעך מעכוטאָנים. איך האַלט שױן אַ פּאָר יאָר אײַער ערד...

— באַ אים שטײען די פֿערד אױף הױלן האָבער, — האָט זאװע־לײב ניט אױסגעהאַלטן און אַ זאָג געטאָן דעם פּאָטער אױפֿן אױער, — אױך, זײַנען זײ פֿעט, װי די כאַזײרים.

יודע האָט בײז אַ קוק געגעבן אױף אים, געשװיגן אַ װײַלע און װידער אָנגעהױבן:

— איר װײסט, אַז אײַער ערד איז אין זיכערע הענט, זי װעט ניט פֿאַר־װילדעװעט װערן, זי װעט ניט פֿאַרלאָזט װערן און, מירצעשעם, אַז איר װעט זיך צוריק שטעלן אױף די פֿיס, איז די ערד אײַערע... אָבער אײַער ערד װיל מען צונעמען פֿון אײַערע הענט...

די זין מיטן פּאָטער האָבן אױפֿגעהױבן די קעפּ, די פּענעמער זײַנען באַ זײ געװאָרן אומרויִקע, די אױגן האָבן באַ זײ גענומען אַרומלױפֿן.

— װער װיל דאָס מײַן ערד צונעמען? — האָט דער אַלטער אַ פֿרעג געטאָן. — דער שולץ האָט אָנגעזאָגט, כ׳זאָל נאָר פּאָדאַט באַצאָלן... װוּ זאָל איך אים אָבער נעמען דעם פּאָדאַט?..

יודע האָט אים איבערגעשלאָגן און טאַמעװאַטע אַ קנײטש געטאָן מיט די פּלײצעס:

— מ׳װעט זיך אַן אײצע געבן... מיר װעלן צורעכט קומען.

— רעב יודע... מיר האָבן דאָך עפּעס גערעדט... איר האָט צוגעזאָגט באַם דינגען די ערד אַ ביסל פּאָדאַט צו באַצאָלן.

— גאָרנישט האָבן מיר ניט גערעדט... װער װעט זיך עס נעמען צאָלן פֿאַר פֿרעמדער ערד פּאָדאַט!

— צו װאָס האָב איך זי פֿאַרדונגען? — האָט דער אַלטער אױפֿגעבראַכט און עטװאָס העכער אַ זאָג געטאָן. — כ׳װאָלט האָבן מיט װאָס צו באַצאָלן דעם פּאָדאַט, װאָלט איך זי ניט פֿאַרדונגען.

— צוליב װאָס איר האָט פֿאַרדונגען, װײס איך ניט. מענטשן בעטן זיך באַ מיר, איך האָב געמײנט דײַן טױװע...

ער האָט דערפֿילט, אַז דער פּאָטער מיט די זין װעלן באַלד אָנהײבן אױף אים אָנפֿאַלן און זיך קריגן.

— ס׳גײט דען אינעם פּאָדאַט? — האָט ער געלאַסן און רויִק אָנגעהױבן, װי ער װאָלט זיך פֿאַרענטפֿערט. — מיר װעלן שטענדיק דורכקומען. פֿאַרװאָס האָט ביז איצט דער שולץ געשװיגן? װאָס האָט ער זיך פּלוצלינג דערמאָנט? דאָ איז פֿאַראַן אַ מענטש, װאָס בורעט, עמעצנס האַנט ליגט דאָ. מע װיל צו־

נעמען אײַער ערד און אײַך אומגליקלעך מאכן, ווען איר וועט זיך אמאָל שטעלן צוריק אױף די פיס, זאָלט איר קײן אײגן שטיקל ערד ניט האָבן...

— ווער איז עס, וועמעס האנט איז עס? — האָט זאווע־לייב אַן אָנגעצונדענער זיך א כאַפּ געטאָן.

בא ראכמיִעלן האָבן געפלאַקערט די אויגן. יודע האָט זיך צוגערוקט צום אלטן בערע און האָט אױף אים געקוקט מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם.

— איר דארפט זיך אָנשטויסן אליין, וועמעס האנט סע ליגט דערבײַ...

יודע האָט געוואָלט, זיי זאָלן אליין אָנרופן דעם שולדיקן. ער האָט א ווײַלע געשוויגן און דערנאָך האסטיק א זאָג געטאָן צום אלטן:

— דײַן אייגענער זון וויל דײַן ערד צונעמען. ער ווערט א באלעבאָס, איר זעט דאָך. ער דארף האָבן ערד...

— טאנע? — האָבן די זין אין איין קאָל איבערגעפרעגט.

— טאנכום? — האָט דער אלטער אין א ווײַלע ארום איבערגעכאַזערט. זײַן פּאָנעם האָט זיך פארקרימט פון א שארפן ווייטעק, ער האָט געקוקט מיט קאַס אױף יודען, וואָס ער האָט עס געזאָגט. פון דער ברוסט האָט זיך בא אים מיטאמאָל ארויסגעריסן א הייזעריק געשריי:

— די האנט וועט אים אָפּדארן, איידער ער וועט צו א מעזשע זיך צורירן. איך בין באלעבאָס... ס'איז מײַן ערד. איך האָב אים אױף דער וועלט געבראכט, ער זאָל מיך צעשלעפּן, דער גאזלען? א בודיאק האָב איך פארזייט אױף מײַן ערד, ער זאָל מיך פארהלושען...

— איך וועל אים די כריפּקעס אָפּהאקן. איך דארף שוין גאָר ניט לעבן? — האָט זאווע־לייב א ברום געטאָן. — געננג, אז ער האָט א פּאָר פערד, די דרײַ דעסיאטינעס טאָלאָקע האָט ער פארכאפּט, מיינט ער, מע וועט אים אלעמאָל שווײַגן. איך וועל אים געבן פעפער צו פארזוכן, וועט ער א צווייט מאָל געדענקען...

— אָט שלײַעט ער זיך ארום איבער פרעמדע טויקן, — האָט יודע אָנגעוויזן אױף ראכמיִעלן, — איז גוט, אז ער האָט זיך געפּאקט צו מיר. כ'האָלט אײַער ערד, האָלט איך אים שוין אויך פאראיינס. וועט ניט זײַן די ערד — צו וואָס דארף איך ראכמיִעלן? זאָל ער זיך גיין קריגן אַן אָרט, נאָך אינמיטן ווינטער...

— טאנכום איז דאָ בא אונדז געוועזן, פארוואָס האָט ער גאָרנישט ניט געזאָגט? — האָט ראכמיִעל זיך ארײַנגעמישט.

— וואָס ווילסטו, ער זאָל דיר דערציילן? — האָט דער באלעבאָס אים איבערגעשלאָגן. — ער וועט דיר דערציילן, אז ער נעמט צו דײַן לעצט שטיקל ערד? ער האָט דיר דערציילט, ווען ער האָט פאראקערט די טאָלאָקע?

— ווי א באלעבאָס איז ער ארופגעפאָרן אױף דער טאָלאָקע, — האָט ראכמיִעל געגומען אונטערהאלטן יודען, — אליין טאקע האָט ער פארכאפּט די טאָלאָקע, נאָך ערגער ווי א פרעמדער. א פרעמדער וואָלט כאָטש געדונגען...

— אוואדע ערגער, — האָט יודע אים איבערגעשלאָגן, — א פרעמדער, אז ער וועט נעמען די ערד, וועט ער וויסן, אז ער דארף באצאָלן און אז די ערד

וועט שטענדיק בלײַבן אײַערע, און אײגענער אָבער מיינט, אז זי איז זײַנע, אז ס'קומט אים...

— וואָס קומט אים? — האָט דער אַלטער אין אופגערעגטער א געשריי געטאָן. — פאַרוואָס קומט אים? קיין שטיינדעלע וועט ער ניט קריגן...

— נישקאָשע, — האָט יודע אים גענומען טרייסטן, — וועסט זיך נאָך שטעלן אף די פיס, וועסט נאָך ווערן צוריק א באַלעבאָס. נישקאָשע, בערע, וועסט נאָך באַארבעטן מיט דײַנע זין דײַן ערד. מע דאַרף נאָר איצטער דעם פּאַדאַט אײַנצאָלן. וועל איך שוין אײַנצאָלן דעם פּאַדאַט ווי־ניט־איז, מיר וועלן דורכקומען. דײַן טאַנכום איז עפּשער ניט אזא שלעכטער... — האָט ער אים גענומען טרייסטן, קעדיי צו פאַרווישן יעטווידן שפּור פון כשאַד, אז ער העצט זיי קעגן דעם יונגן באַלעבאָס.

— בלוט וועט זיך גיסן! איך וועל אים ניט שווײַגן! — האָט זאַוועלייב געליאַרעמט, וועלנדיק אַלעמען איבערשרײַען. — זאָל ער פּרוּוון א לעמעש אַרײַנשטעקן אין דער ערד... מיר וועלן זען, ווער ס'וועט זײַן באַלעבאָס...

יודע האָט מיט פאַרטײַעטער צופרידנקײַט געקוקט אף די זין און אפן אַלטן און האָט פאַרזיכטיק אַרײַנגעוואָרפן א ווערטל, אופרייצנדיק זיי אַלץ מער קעגן טאַנכומען.

18

עטלעכע טעג האָט זיך טאַנכום אַרומגעדרייט מיטן שולצס פּאַפּירל אין די גערוימע צימערן, ווו עס זײַנען אַרום טישלעך געווען אויסגעזעצט באַברילטע מענטשן. זיי האָבן אים אַרומגעשיקט פון איין טיש צום צווייטן. ווען ער האָט זיך שוין דערשלאָגן אהין, וווהין ער האָט געדאַרפט, האָט מען אים ערשט געהייסן קומען אין אַנדער מאָל. אָבער טאַנכום האָט זיך ניט געוואָלט אומקערן צוריק אין דאָרף אַרײַן אָן א קלאָרער טשוווע, און ער האָט געפּויעלט, וואָס ער האָט געוואָלט.

פאָרנדיק צוריק אהיים, האָט ער אונטערוועגנס אין א קלייט אף א מאַרק געקויפט דזעגעכץ צו שמירן דאָס שפּאַן־געצײַג, צוויי לײמענע טעפּ פאַרן ווײַב, א פּאָר שאַכטלעך שוועבעלעך. ער איז אָפּגעפאָרן שוין העט־ווײַט און האָט מיטאַמאָל זיך דערמאָנט, אז דאָס ווײַב האָט אים אָנגעזאָגט, ער זאָל קויפן א פּאָר פונט זאַלץ, ווײַל אין שטאָט קער זאַלץ קאָסטן ביליקער.

אין דאָרף איז טאַנכום אַרײַנגעפאָרן פאַרנאַכט. ער האָט אויסגעשפּאַנט די פערד און געהייסן דעם ווײַב אַראָפּנעמען אַלץ פונעם וואָגן. דאָס ווײַב האָט זיך געכאַפּט, אז ער האָט פאַרגעסן פּאָדעם צו קויפן. טאַנכום האָט פון פאַר־דראָס א מאַך געגעבן מיט דער האַנט.

— גאָר פון קאָפּ אַרויס... דער רועך זאָל עס נעמען. כ'האָב זיך פון מיטן וועג אומגעקערט, געטריבן די פערד נאָכאַמאָל צוליבן זאַלץ, און וועגן פּאָדעם

האָב איך פאַרגעסן. מע וועט דאַרפן א זאַק פאַריכטן, וועט ניט זײַן מיט וואָס, כאָטש טרײַב אומזיסט די פערד צוליב א שטיקל פּאָדעם.

טאַנכום האָט זיך א ווײַלע געפּאָרעט אין הויף און דערנאָך זיך געלאָזט גײן צום שולץ. דאָס מאָל איז ער געגאַנגען מיט א באַזונדערער זיכערקײַט, מיט אַן אויסרעכענונג צו קריגן אינגיכן א דײַע און ווערן א באַלעבאָס מיט אַלעמען גלײַך. דער שולץ האָט אים באַגעגנט אויף דער שוועל. ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דער שטוב אָן א זשאַקעט, אין איין זשילעט. אַרום דער זשילעט-קעשענע האָט זיך געבאָמבלט א לאַנג קייטעלע פונעם קעשענע-זייגער. דער שולץ האָט זיך אוועקגעשטעלט אויף דער שוועל, ווי ער וואָלט אים וועלן פאַרשטעלן דעם וועג, ער זאָל אין שטוב ניט אַרײַנגיין.

— וואָס האָסטו ווידער געוואָלט? — האָט ער, קוקנדיק כמורנע, א פרעג געטאָן.

טאַנכום האָט אָנגעהויבן ריידן שטיל, ווי ער וואָלט אים א סאָד אײַנגערוימט:

— איך בין געפאָרן וועגן דער ערד. ס'האָט געקאָסט א פּאָר רובל, פאַרשטייט זיך...

— נו? נו? — האָט אים דער שולץ אומרויִק אונטערגעיאָגט, ער זאָל ריידן גיכער. און ווען טאַנכום האָט שטום א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אַז ער האָט זיך צו אַלץ דערשלאָגן, האָט דער שולץ אַפּגיך, א זײַטיק אויג זאָל ניט זען, אַז דער געוועזענער סאָטסקע גייט צו אים אַרײַן אַהיים, א בורטשע געטאָן:

— נו, איז וואָס ווילסטו נאָך?

טאַנכום האָט געזען, אַז דער שולץ וויל איצט מיט אים ניט ריידן.

— עפּשער איז עפּעס געשען? — האָט ער אומרויִק געטראַכט.

— דערווײַל האַלט די צונג צווישן די ציין, זאָלסט קיינעם ניט זאָגן, וווּהין און נאָך וואָס דו ביסט געפאָרן.

— וואָס דען? — האָט טאַנכום האַפּעדיק א מאַך געטאָן מיט דער האַנט און זיך געלאָזט גיין.

אומבאַמערקט האָט ער זיך דערנעענטערט צום פּאָטערס שטיבל. עפּעס האָט אים הײַנט אַהין געצויגן. ער האָט געוואָלט ריידן מיטן טאַטן און מיט די ברידער וועגן דער ערד. ער האָט געפילט, אַז יודע רייצט זיי אָן קעגן אים.

אינעם שטיבל איז ער אַרײַנגעקומען שטיל, ווי ער וואָלט זיך אַרײַנגעגאַנוועט. דער אַלטער איז געזעסן א פאַרדײַגעטער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. לעבן אים זײַנען געזעסן די זין, זיי האָבן עפּעס גערעדט מיטן פּאָטער. פריידל איז אַרומגעגאַנגען אין שטיבל און האָט זיך געפּאָרעט. טאַנכום איז צוגעגאַנגען צו די ברידער. זיי זײַנען געזעסן אָנגעכמורעטע און האָבן געשוויגן. פּאָרענדיק זיך, האָט פריידל אופגעבראַכט, אָבער שטיל, ווי צו זיך אַליין, גערעדט:

— אַזעלכע פאַרשטאָכענע אויגן! דאָס האָט נאָך די האָזע צו קומען אין שטוב. ערגער פון א גאַנעוו... טפו זאָל עס ווערן!..

טאַנכום איז צוגעגאַנגען נענטער צום פּאָטער.

— זעט אויס, אַז יודע האָט זיי שוין אָנגערייצט קעגן מיר, — האָט ער

א טראַכט געטאָן. ער האָט דערפילט, אַז די ברידערס בליקן שטעכן אים פון אַלע זײַטן מיט סינע. מיטאַמאָל האָט דער אַלטער אויפגעהויבן דעם קאָפּ. אין די האַלב־אויסגעלאָשענע אויגן האָט א פינקל געטאָן א פײַערל. דאָס אויסגע־דאַרטע געל־שוואַרצע פּאָנעם האָט זיך אויסגעצויגן און זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט. דער אַלטער האָט זיך עטוואָס אויפגעהויבן פונעם אָרט און זיך אויסגע־צויגן אַף פּאָרויס, ווי ער וואָלט זיך געגרייט ארופוואַרפן אַפן זון.

— דאָס ווילסטו מיך פון מײַן ערד אַראָפּטרײַבן, זון מײַנער? דאָס פּאָר־קעט דײַן טרייפענע האַנט אַרום דעם שולין? איך בין שוין גאָר קיין באַלעבאָס ניט אַף מײַן ערד?! כ'האָב קאַרג שוויים פאַרגאָסן אַף איר? זאָל איך גיין מיט דײַנע ברידער אַף פרעמדע טויקן?

באַם אַלטן איז דאָס פּאָנעם פאַרקרימט געוואָרן. עס האָט אים פאַרשטיקט דעם אָטעם. ער האָט גערדראָט מיט א פאַרמאַכטער פויסט:

— אַף מײַן ערד זאָלסטו ניט קריכן, איך בין נאָך דערווײַל באַלעבאָס, איך לעב נאָך דערווײַל...

טאַנכום האָט געקוקט אָן א זײַט. ער האָט אויסגעמיטן מיט די אויגן זיך צו באַגעגענען מיטן פּאָטער און מיט די ברידער. אַלץ, וואָס ער האָט זיי געוואָלט זאָגן, האָט זיך אויסגעמישט בא אים אין קאָפּ, און ער האָט ניט געוווּסט פון וואָס אָנצוהייבן.

— דו ביסט סײַווי שוין קיין באַלעבאָס ניט אַף דײַן ערד, — האָט ער שטיל אָנגעהויבן, — יודע איז געוואָרן באַלעבאָס אַף איר. איך האָב דעם פּאַדאַט באַצאָלט, ער זאָל מער קיין שליטע ניט האָבן אַף אונדזער ערד.

— וואָס הייסט, איך בין קיין באַלעבאָס ניט? — דער אַלטער איז געוואָרן נאָך מער אויפגעקאָכט. — ווער זשע איז באַלעבאָס? די האַנט וועט דעם אָפּפאַלן, ווער ס'וועט זיך צורירן צו דער מעזשע...

— און איך דאַרף שוין גאָרניט? האָ? אַלץ דיר? די לעצטע בעהיימע איז בא מיר געפאַלן, און דו ווילסט אַלץ צוכאַפּן פאַר זיך. כ'וועל שווײַגן, מײַנ־סטו? — איז זאַווע־לייב אויפגעשפּרונגען. — וועסט זיך צורירן צו אונדזער ערד, וועל איך פון דיר מאַכן א טעל...

— מיר דאַרפן שוין גאָרניט לעבן? — האָט פרײַדל זיך אַרײַנגעמישט, — זע נאָר, די גאַנצע וועלט איז אים קאַרג. וואָס שווײַגסטו? — האָט זי א געשריי געטאָן צום מאַן.

ראַכמיִעל האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר זאַווע־לייב האָט, שווער סאָפּענדיק, אים איבערגעשלאָגן, געפאָכט מיט די הענט, געקריצט מיט די ציין און אַלץ איבערגעכאַזערט:

— כ'וועל פון דיר מאַכן א טעל...

— בלוט וועט זיך גיסן! — האָט מיט א כריפּענדיק קאָל געשריִען דער אַלטער.

טאַנכום האָט זיך א ווײַלע פאַרלאָרן. ער איז געשטאַנען א דערשראָקענער קעגן די ברידער, קעגן דעם פּאָטער. ער האָט דערפילט, אַז אויב ער וועט זיי זאָגן, אַז ער איז שוין באַלעבאָס איבער דער ערד, וועלן זיי אים אַפן אָרט אומברענגען. ער האָט געשוויגן און איבערגעוואַרט, ביז ער האָט באַמערקט, אַז

דער קאַס הייבט זיך אָן לעשן אין זייערע אויגן. און דעמלט האָט ער שטיל אָנגעהויבן צו ריידן:

— ס׳איז יודעס טרייפענע האנט. ער רייצט עס איַיך אָן. ער קאָן ניט צו־זען, טאָמער האָב איך זיך אַף די פּיס געשטעלט. ער האָט מוירע, די ערד זאָל בלײַבן אונדזערע. כ׳האָב פּאָדאַט באַצאָלט, מיר זאָלן זי ניט אָנווערן. כ׳האָב די לעצטע פאַרהאַרעוועטע קאָפּעקעס אָפּגעגעבן, קעדיי דער שולץ זאָל זי בא אונדז ניט צונעמען. א קריג וויל ער אײַנפירן צווישן אונדז. פאַר אונדזער טאַטנס ערד...

דער פאָטער מיט די זין זײַנען א ווײַלע געזעסן צעטומלטע. זאוועל־לייב האָט זיך אוועקגעזעצט אין א ווינקל און האָט קעסיידער איינס און דאָס זעלבע איבערגעכאַזערט:

— ביז בלוט וועל איך גיין. איך וועל ניט דערלאָזן!..

צווייטער טייל

1

אינמיטן נאכט האָט טאנכום זיך אופגעכאפּט. ער איז צוגעגאנגען צום פענצטער, האָט זיך אײַנגעקוקט אין דער באנאכטיקער טונקלקײַט, צי סע טאָגט שוין.

אין דרויסן איז געווען פינצטער און שטיל. די שטילקײַט האָט אומעטיק און אײַנטאָניק געקלונגען אין די אויערן. ערגעץ אין די קורניקעס אַף די שכײַנישע הויפן האָבן די הענער געפּאטשט מיט די פליגלען, זיך אויסגעקרייעט און אָנגעהויבן אָנזאָגן א פארטאָג.

דער הימל איז געוואָרן אשיק־גרוי. עס איז אופגעגאנגען א העלער דער מאָרגנשטערן. אַף די הויפן האָבן אָנגעהויבן סקריפּען די ברינעמער.

טאנכום האָט זיך א ווײַלע ארומגעדרייט אין שטוב און איז ארויס אין הויף. טונקעלע שאָטנס האָבן זיך געוויגט אינעם מוטנע־גרויען אינדערפרי און זײַנען ניט געוואָרן.

— ס'וועט, דאכט זיך, הײַנט זײַן א גוטער טאָג, — האָט טאנכום צו זיך א זאָג געטאָן, קוקנדיק אפן הימל, און האָט זיך באלעבאטיש געלאָזט גיין איבערן הויף. ער איז צוגעגאנגען צו דעם נײַעם, ניט לאנג אויסגעבויטן פּאָט־קאט, האָט אָפּגעשפּארט די טירן. ס'האָט זיך אים אויסגעדוכט, אז א זאוועסע שאָקלט זיך. האָט ער א פּאָר מאָל פארמאכט און אופגעעפנט די טיר. נאָכדעם האָט ער ארומגעקוקט דעם וואָגן, אָפּגעקײַקלט אָן א זײַט דעם רויטן נײַ־אויסגעפארבטן בוקער און ארויסגעפירט דעם וואָגן אין דרויסן.

ער האָט זיך דערמאָנט, אז ער האָט פון די זייעלקעס ניט ארויסגעשלעפּט די סאָשניקעס, און זיי קאָנען פארן ווינטער געפּאטערט ווערן. א ווײַלע האָט ער זיך געפּאָרעט ארום דעם לאנדווירטשאפטלעכן געצײַג, נאָכדעם האָט ער פארקערעוועט צו דער קלוניע.

— די כודאָבע איז זיך, קיין אײַנהאָרע, פאנאנדערגעוואקסן, — האָט ער אלע אינדערפרי, באקוקנדיק זײַן באלעבאטישקײַט, א צופרידענער געטראכט.

דער ערשטער גרויסער פארזיי אַף דעם טאטנס ערד, וואָס איז ענדגילטיק איבערגעגאנגען פון יודע פּיטראכן צו אים אין די הענט, האָט אים געשטעלט אַף די פיס. ער האָט פארבויט דעם הויף מיט באלעבאטישע געבײַען, אויסגעשטעלט ברייטע סטערטעס אפן הויף, אָנגעשאָטן די צוועלפקראָקוועדיקע קלוניע מיט פּאָלאָווע, ארײַנגעפירט אין פּאָטקאט נײַע לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס

אופֿגעהויבן א פּערטל דעסיאַטין וואַלגערערד אַף א יונגן ווײַנגאָרטן און פֿאַרפֿלאַנצט א דרײַ צענדליק יונגע פֿרוכטביימער אינעם סעדל.

טאַקע אינעם זעלבן יאָר, ווען ער האָט איבערגענומען די ערד, האָט ער זיך אָנגעהויבן פֿירן מיט א ברייטער האַנט. ער האָט אײַנגערעדט די ברידער, וואָס האָבן געאַרבעט אַף פֿרעמדע טויקן, זיי זאָלן אַרבעטן בא אים.

— מיר וועלן שוין יאַקאָש דורכקומען... אייגענע זײַנען דאָך ניט קיין פֿרעמדע, — האָט ער געטײַנעט צו די ברידער, — מיר וועלן זיך ניט קריגן, איר וועט אַרבעטן ווי בא זיך אין דער היים, ווי פֿאַר זיך אַליין וועט איר אַרבעטן...

די ברידער האָבן אָפּגעאַרבעט בא אים א זומער. ער האָט אַרײַנגעפֿירט אין זייערע הויפֿן עטלעכע אַרבעס שטרוי, עטלעכע פֿוד קאָרן, געהייסן קומען נעמען א ביסל ווייץ און אַרײַנגעשיקט ווען־ניט־ווען א קריגל זויערמילך אָדער סיראָוועטקע.

נאָכן שניט, ווען די ברידער האָבן דערזען, אַז טאַנכום באַלעבאַטעוועט טאַקע אַף אַן עמעס, און דער שטרײַט פֿאַר דער ערד האָט זיך צווישן זיי אָפּסנײַ געדאַרפֿט צעפֿלאַקערן, איז פּלוצעם אונטערגעשפּרונגען די מילכאָמע פֿון יאָר 1914.

ווי א פֿאַרהוילענע האַנט פֿון עפּעס א כאַפּער, האָט גלײַך אָוועקגעשלעפּט ערגעץ ווײַט אין דער ביטערער מילכאָמע אַרײַן דעם עלטערן ברודער, זאַוועליבן, און א ביסל שפּעטער דעם צווייטן ברודער, ראַכמיִעלן.

אין דאָרף האָט אָנגעהויבן אַלץ פּוסטער ווערן. דער פֿרײַ־צעלייגטער סטעפּ האָט ווי א בענקענדיק ווײַב נאָך איר געגאַרטן מאַן, געלעכצט נאָך א באַלעבאַטישער האַנט, וואָס זאָל פֿרוכפּערן און מערן זײַנע גרונטן.

טאַנכום האָט איצט מיטן גאַנצן אימפּעט פֿון א מענטש, וואָס מע האָט אים צעבונדן די הענט, זיך אַרײַנגעוואָרפֿן אין זײַן ווירטשאַפֿט.

— איצט קאָן מען מאַכן א שטיקל לעבן... נאָר פֿון אומגליק מוז מען זיך באַפֿרײַען, מע זאָל מיך אינמיטנדערינען ניט שלעפּן אַף מילכאָמע...

א פֿולער מיט פּאַכעד איז ער אַרומגעגאַנגען, מוירע געהאַט פֿאַר זיך, פֿאַר זײַן באַלעבאַטישקײַט, זי זאָל דאָ ניט אומקומען אָן אים. ער איז אָוועקגעפֿאָרן אין דער שטאָט, האָט זיך אויסגעקויפֿט און זיך אומגעקערט אַהיים מיט א ווײַסן בילעט.

ער האָט פֿאַרנומען די בעסטע ערד אינעם סטעפּ. ער האָט אָפּגעשניטן דאָס בעסטע היי, און ווען א באַלעבאָסטע האָט זיך געכאַפּט און איז געקומען זיך באַקלאָגן, האָט ער געקנײטשט מיט די פּלייצעס און געכוויזעקט:

— ווער מאָנט עס הײַנט פֿאַר ערד?.. פֿאַר וואָסער מאָנט מען א סאַך?.. ערד איז איצט ווי וואַסער, גיי און נעם. זאָגט א דאַנק, וואָס איך באַאַרבעט אײַער ערד, אַניט, וועט זי פֿאַרווילדעוועט ווערן... ס'וועט אײַך בעסער זײַן, אַז אײַער היי וועט פֿאַרפֿאַלן ווערן?.. איר וועט עס שנײַדן? מיילע, כ'וועל דיר שוין עפּעס באַצאָלן. האָסט דאָך סײַווי ניט וואָס צו טאָן, וועסטו קומען העלפֿן אַראָפּנעמען די קאַרטאָפֿל און קוקורוזע פֿון פֿעלד. כ'וועל שוין פֿאַר ביידע זאַכן באַצאָלן...

אזוי האָט ער פאַרנומען די בעסטע ערד אין סטעפּ און די באַלעבאָסטעס געהייסן גיין צו אים אַרבעטן אויף זייער אייגענער ערד.

ער האָט גערעכנט אַרויספּאָרן אויפן קאַרטאָפל־פעלד מיטן טאָג. פון נעכטן נאָך האָט ער אָנגעזאָגט די ווײַבער, זיי זאָלן מיט לאָפּעטעס און עמערס אַרויס־גיין אויפן פעלד גראָבן קאַרטאָפל. ס׳האָט זיך אים אָבער אויסגעדוכט, אַז ער האָט זיי ניט געזאָגט ווו און פונוואַנען אָנצוהייבן גראָבן. ער האָט זיך אַרומ־געדרייט אַ היפּשע ווײַלע אין הויף און האָט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט אָן פריידלען.

גלײַך ווי מע האָט צוגענומען די ברידער אויף דער מילכאָמע, האָט ער דער שווער געהייסן אַריבערגיין צו אים אַרבעטן.

ער האָט איר יעדעס מאָל דערמאָנט, אַז מענטשן בעטן זיך בײַ אים, מע פאַלט צו די פיס, ער זאָל געבן עפּעס צו פאַרדינען.

— איר זײַט אייגענע, דאַרפט איר אַרבעטן, ווי אייגענע. איר וועט עסן בײַ מיר, טרינקען, פּונקט ווי ראַכמיִעל מיט זאַוועלייבן, און איר וועט אונטער־העלפן אַמאָל אין שטוב, אַמאָל בײַ דער כודאָבע...

אַלע אינדערפרי האָט זי אָנגעהויבן קומען אָפּעסן, צוּוואַרפן וואָס־ניט־איז אירע קינדער פונעם אייגענעם ביסן. נעכאַמע האָט זיך געבייזערט, אָבער פריידל האָט געליטן און געשוויגן.

מיטאַמאָל האָט טאַנכום דערזען פריידלען. זי איז געגאַנגען גיך, קימאַט אונטערלויפנדיק. זי האָט עפּעס געשריִען אויף איר יאַטל, וואָס האָט זיך גע־האַלטן בײַ איר קלייד און איז איר פוסטריט נאָכגעגאַנגען. איר בלייך פּאָנעם איז געווען שטרענג. די גרויע אויגן האָבן געקוקט בייזלעך, דער שלאַנקער קערפּער איז געווען עטוואָס אײַנגעבויגן.

טאַנכום איז אָפּגעגאַנגען פון דער שוועל און האָט זיך געלאָזט גיין איר אַנטקעגן. ער האָט איר געוואָלט זאָגן, אַז זי וועט הײַנט אויפן קאַרטאָפל־פעלד ניט פּאָרן. זי איז אָבער גיך פאַרבײַגעגאַנגען, ווי זי וואָלט מיט אַ קיוון אויס־געמיטן זיך אָפּצושטעלן מיט אים, און איז האַסטיק אַרײַן אין שטוב.

— פּײַוועלע, — האָט טאַנכום געפּרוּווט פאַרהאַלטן דאָס יאַטל, — קום אַהער, קאָזאַק... קום צום פעטער. נו, ווילסט רײַטן, קום, כ׳וועל דיר ווײַזן אַ לאָשעקל.

דאָס יאַטל האָט אַ קוק געגעבן מיט די בלויע, עטוואָס צעשראָקענע אויגן אויפן פעטער און איז האַסטיק אַוועקגעלאָפן נאָך דער מוטער.

— נו, אַ גאַסט, — האָט אַ בורטשע געטאָן נעכאַמע, — וואָס האָסטו זיך אַוועקגעשטעלט, ווי אַ קינד, שפּילן? — האָט זי זיך געבייזערט אויפן מאַן. — ס׳איז שוין אַ שטיק אויף טאָג, און ער דרייט זיך אַלץ אַרום...

שווער רירנדיק איר ברייטן צעגאָסענעם קערפּער, האָט זי זיך אַראָפּגע־לאָזט אין קעלער, אַרופגעטראָגן אַ קריגל זויערמילך, אָנגעשניטן אַ פּאָר שטיקלעך ברויט און מיט גאַדלעס פון אַ באַלעבאָסטע געבורטשעט אויף דער שווערער:

— כעוועד איז שוין אין סטעפּ אַוועקגעפאָרן... זיי זײַנען שוין אין סטעפּ העכער אַ שאָ מיסטאָמע...

פֿריידל האָט אַן אויפֿגערעגטע אַ קוק געטאָן אױף דער באַלעבאָסטע, געוואָלט איר עפּעס זאָגן און זיך איַינגעהאַלטן. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקעלע און גענומען עסן. דאָס יאַטל האָט פֿונדערווייַטנס געקוקט אױף דער מוטער מיט בעטנדיקע הונגעריקע אייגעלעך. די מוטער האָט אָפּגעגעסן, די באַלעבאָסטע זאָל ניט זען, אָפּגעבראָכן אַ שטיק ברויט, אײַנגעטונקט אין זויערמילך און עס דערלאַנגט דעם קינד. טאַנכום איז צוגעגאַנגען צום טיש און אים דערלאַנגט נאָך אַ שטיק. דאָס יאַטל האָט מיט ביידע הענט געהאַלטן די שטיקער און, אָנשטאָפּנדיק אַ פֿול מויל, געגעסן.

— זאָל ער עסן... עס, עס, קאָזאַק...

נעכאַמע האָט זיך ווידער אומגעקערט פֿון פּאָדערצימער. באַ איר האָט אָנגעהויבן אויפֿקומען אַ כשאַד, אַז דער מאַן פֿאַרהאַלט זיך דאָ איצט צוליב פֿריידלען. זי איז צוגעגאַנגען צום טיש און גענומען טײַנען צו דער שוועגערן:

— אירע קינדער דאַרף איך גאָר קאָרמענען. אַ פֿול קריגל זויערמילך איז ערשט געווען... גיי זיך שפּילן... גיי, די מאַמע וועט באַלד קומען אַהיים.

זי האָט דאָס ייִנגל אַרויסגעפֿירט איבער דער שוועל. אין דרויסן האָט זי אים אַ קניפּ געטאָן. דאָס ייִנגל איז זיך פֿאַרגאַנגען אין אַ געוויין.

— שפּיל זיך, וואָס ציט אײַך אין שטוב, מע קאָן פֿון אײַך גאָר ניט פּאָטער ווערן... שפּיל זיך אין דרויסן.

— וואָס איז געשען? — איז אַן אומרויִקע אויפֿגעשפּרונגען די מוטער. — וואָס איז מיט דיר?.. ביסט געפֿאַלן, האָסט זיך צעקלאַפּט? מײַן קינד שטעכט איר די אויגן...

טאַנכום איז אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן, האָט אַרײַנגעפֿירט דאָס קינד פֿאַרן הענטל צוריק אין שטוב אַרײַן און עס גענומען גלעטן:

— נו, גענוג... גענוג, פּיַיוועלע, צו וויינען, גענוג... וועסט פֿאַרן מיט אונדז קוקורוזע רייַסן, גענוג.

פֿריידל האָט זיך איצט דערמאָנט, ווי ער האָט דאָס ערשטע מאָל אין קאָרן אונטער אַ קאָפּנע גענומען צו איר צושטיין. ער האָט זיך געראַנגלט מיט איר, ביז בלוט איר צעדראָפּעט דאָס פּאָנעם מיט זײַן פֿאַרוואַקסענער שטעכיקער מאָרדע. זי האָט זיך מיט די לעצטע קויכעס אַרויסגעריסן פֿון זײַנע אָרעמס. פֿון יענעם טאָג אָן קאָן זי אים ניט קוקן אין די אויגן.

— ער קריכט צו אַלעמען שטילערהייט, ווען קיינער זעט ניט, שטייט ער צו אַלעמען צו. דאָס ווײַב איז אים דערווידער געוואָרן, — האָט זי געטראַכט.

2

טאַנכום האָט זיך געדרייט אַ ווײַלע אין הויף אַרום די סטערטעס און איז אַרײַנגעגאַנגען אין קלוניע.

ס'האָט זיך אים אַלץ אויסגעדוכט, אַז ס'ווערט באַ אים ווייניקער פּאָלאָווע. מײַז האָבן זיך פֿאַרפֿירט, צי עס שלעפּן גאַנאָווים? דאָס אויג האָט אַלץ געהאַלטן אין איין וועגן און מעסטן. יעדעס מאָל איז אים באַפֿאַלן אַן אומרו. דער

אומרו, ס'זאָל ניט ווערן וויניקער, האָט אים ניט געלאָזט קומען צו זיך. ער איז נעכט ניט געשלאָפן, געקראָכן איבערן בוידעם, איבערן הויף, געריִעט זיך ארום די סטערטעס און צוגעקוקט זיך, צי ווערט בא אים עפּעס ניט וויניקער אין דער ווירטשאַפט.

א פאַרדאַיגעטער איז ער ארויסגעגאַנגען צוריק אין הויף און טייקעף אומ־געקערט זיך אין שטוב.

נעכאַמע האָט ארויסגענומען פון שאַפע דעם שווארצן שאַבעסדיקן אָנצוג, וואָס טאַנכום האָט זיך געמאַכט אין א יאָר ארום נאָך דער כאַסענע, ווען ער האָט אָנגעהויבן קריגן א שעם, ווי א באַלעבאָס, ווען ער האָט אָנגעהויבן פאָדערן צו זיך דערעכערעץ, און שאַבעס, ווען ער באַוויַיזט זיך אין שול, זאָל מען אים טראָגן אנטקעגן דעם „גוט־שאַבעס".

ביזוואַנען טאַנכום האָט זיך אָנגעטאָן, האָט זיך נעכאַמע אויסגעפּוצט אין איר שווארץ לאַנג קלייד, וואָס איז געבליבן פון איר מוטער. אפן קאָפּ האָט זי אָנגעטאָן א שווארצן געהאָפטענעם שאַרף. טאַנכום מיטן וויַיב האָבן זיך גע־לאָזט גיין אין שול אריַין. ניט וויַיט פון בעסמעדרעש האָט זיי אָנגעיאָגט יודע פּייטראַך. ער איז געגאַנגען מיט באַלעבאַטישע זיכערע טריט, ניט געיַילט, פאַרפּוצט אינעם יאָמטעוודיקן אָנצוג, די שווארצע עטוואָס גראָוולעכע באָרד פאַרקעמט.

דערזעענדיק יודען, האָט טאַנכום אָנגעהויבן גיין אַיַנגעהאַלטענער. ער איז צופרידן געווען, וואָס ער גייט היַינט אויך שפּעט אין בעסמעדרעש, ווי דער אַלטער באַלעבאָס.

— אָן די באַלעבאַטים וועט מען סיַיווי ניט אָנהייבן דאַווענען, — האָט ער געטראַכט.

אפן שוועל פון בעסמעדרעש זיַינען געשטאַנען פּויערים, פּויערטעס און האָבן עפּעס געשמועסט. דערזעענדיק דעם באַלעבאָס, האָבן זיי אים אָפּגעגעבן א ברייטן „גוט־שאַבעס". טאַנכום האָט אָפּגעוואַרט א וויַילע, ביז דער באַלעבאָס וועט דורכגיין, און איז נאָך אים אריַינגעגאַנגען מיטן וויַיב. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אז יודען האָבן זיי אָפּגעגעבן א ברייטערן „גוט־שאַבעס", און ס'האָט אים גענומען פאַרדריסן.

— א פּיַיער אף זיי. קאַרג טויוועס טו איך?.. ווען מע דאַרף, קומט מען צו מיר די שוועל אָפּשלאָגן... — האָט ער א טראַכט געטאָן. אין דער רעגע האָט ער דערזען פרײדלען. זי איז גיך דורכגעגאַנגען, האָט אויסגעמיטן זיך מיט אים צו באַגעגענען און האָט זיך אופגעהויבן אף דעם לייטער, וואָס פירט אין דער וויַיבערשער שול אריַין.

אַלטע פּויערים, אַיַינגעוויקלטע אין די טאַליסים, האָבן טאַנכומען אָפּגע־געבן „גוט־שאַבעס". צווישן די געציילטע מענטשן, וואָס זיַינען געשטאַנען בא די שטעט, האָט ער זיך מיטאַמאָל דערפילט איינזאַם.

— זע נאָר, ס'איז קיינער ניט געבליבן אין דאָרף, גאָלע אַלטע ליַיט, — האָט ער געטראַכט.

פון זינט דער מילכאָמע, זינט די ערד און סטעפּ זיַינען געבליבן אָן די מענערשע באַלעבאַטים, האָבן יודע און טאַנכום צווישן זיך שאָלעם געמאַכט.

נאָר טיף אין הארצן האָבן זיך בא זיי נאָך מער פארשטארקט די קינע און סינע.

דערזעענדיק, אז די באַלעבאטים זײַנען שוין צוגעגאנגען צו זייערע שטעט, האָט דער שאמעס, א נידעריקער, מיט א לאנגער ווײַסער באָרד, א קלאפּ געגעבן אין טיש און געהייסן, ס'זאָל זײַן שטיל.

א הויכער פויער, א דארער, מיט א שיטער בערדל, מיט אן אײַנגעפאלן צעקנייטשט פּאָנעם, איז צוגעגאנגען צום אָמעד און האָט א קוק געגעבן אויף די באַלעבאטים, ווי ער וואָלט געוואָרט, זיי זאָלן א ווונק טאָן, אז ער מעג אָנהייבן דאַווענען.

לעבן די הינטערשטע שטעט האָבן פארשפּעטיקטע פויערים אײַליק פאנאנ־דערגענומען די פארגעלטע, פארשמאָלצענע טאַליסים, א קוש געגעבן די ציצעס, ארומגעוויקלט די טאַליסים איבער די קעפּ, אָנגעטאָן זיי אויף די אקסלען און געוואָרט, דער כאזן זאָל אָנהייבן דאַווענען.

ווײַט הינטן, בא דער טיר, האָט טאנכום דערזען דעם טאטן. ער איז גע־שטאנען אײַנגעהויקערט, איבערגעבויגן איבערן שטענדער, די געל־שוואַרצע הויט פון די באקן ביזן ביין אײַנגעצויגן, די אויגן — טיף אין די לעכער, האלב־אויסגעלאָשענע, די באָרד אינגאנצן א ווײַסע.

זינט טאנכום האָט פארנומען די ערד, האָט דער פאָטער מיט אים ניט גערעדט און האָט אים אויסגעמיטן.

טאנכום האָט זיך דערמאָנט, ווי ער פלעגט ייִנגלווײַז אום שאבעס שטיין מיטן טאטן, מיט די ברידער בא די הינטערשטע שטעט, נאָענט לעבן דער טיר. דער גאנצער בעסמעדרעש פלעגט זײַן געפּאקט. די פויערים מיט די זין, ערשט פון די טויקן, פלעגן זײַן אויסגעוואשענע, אין יאָמטעוודיקע בגאָדים. באם אָמעד האָבן געברענט ליכט. א כאזן האָט זיך געציקלט, און פון הינטן, פון די ערטער, ווו ס'זײַנען געשטאנען די אָרעמע פויערים, וואָס האָבן ניט געהאט קיין אייגענע שטעט, האָט זיך געטראָגן א טומל, א זידלערײַ וועגן ערד, וועגן סטעפּ־העזייקעס, וועגן דעם בוהײַ פון דער טשערעדע...

דער שאמעס פלעגט דאן פּאטשן אינעם טיש פון בימע. דער שולץ האָט בייז געדראָט מיט שטראָפן. דער טומל איז געוואקסן, און ער, טאנכום, פלעגט דאן איניינעם מיט די ברידער שרײַען, פּאָכן מיט די הענט, צוליגן א האנט צו א געשלעג.

איצט איז פּוסט און שטיל אין בעסמעדרעש. קיינער קריגט זיך ניט, קיינער שרײַט ניט. אויסגעדארטע, פארטרויערטע טאטעס, ווי אויסגעדאַרטע שטרוי אפן סטעפּ אין א שווארציאָר, שטייען זיי אײַנגעהויקערטע. זיי בעטן און ווייסן אליין ניט בא וועמען.

— קער מיר אום דעם זון! זאָל אים דער טויט אויסמײַדן אין דער מיל־כאָמע... זאָל ער צוריק קומען א געזונטער... מײַנע אויגן זאָלן אים שוין זען...

אין דער הייך, בא די ווײַבער אין שול, שטייט א פירזאָגערן, שאָקלט זיך און לייענט, טײַנענדיק, פון א גרויסן סידער:

„דײַנע שרעקלעכע פײַלן האָבן מיך געטראָפן, דו האָסט מיר אָנגעגאָסן א פולן בעכער פון צאר און פון פוראָניִעס... מײַן מאן, דעם קרוין, דעם קרוין

פֿון מײַן הויז, דעם פֿאָטער פֿון מײַנע אומשולדיקע קינדער, מײַן באַשיצער און ברויטגעבער האָסטו צוגענומען. צעשטערט איז מײַן לעבן, אַנטרונען זײַנען אַלע מײַנע פֿרײדן, גרויס איז די געפֿאַר, שרעקלעך איז מײַן נויט..."

טאַנכום האָט זיך אײַנגעהערט. דער כאַזן האָט זיך געשאָקלט און מיט אַ הײזעריקן טרויעריקן ניגן געזונגען. די פּויערים האָבן זיך מיטגעשאָקלט און האָבן שעפּטשענדיק גיך־גיך מיט די ליפּן, אין ניט פֿאַרשטענדלעכע ווערטער אויסגעגאָסן דאָס האַרץ.

טאַנכום האָט זיך אויך געשאָקלט, ער האָט וועלן־ניט־וועלן אַ קוק געטאָן אין דער הייך, אַהין, וווּ ס'זײַנען געזעסן די ווײַבער. פֿונוואַנען, אין דער ערשטער ריי, לעבן דעם שולצס ווײַב, לעבן יודעס ייִדענע, האָט ער דערזען נעכאַמען. זי איז געזעסן אײַנגעגראָבן מיטן פּאָנעם אין סידער.

— זי בעט אַ קינד, — האָט טאַנכום אַ טראַכט געטאָן.

דאָס ווײַבערשע געוויין איז מיטאַמאָל אַריבער אין אַ יעלאָלע. אַ פּויערטע מיט אַ גראָבער, קימאַט מענערישער שטים האָט זיך אויפֿגעהויבן און האָט, פֿאַרברעכנדיק די הענט, הויך אויף אַ קאָל, איבערשרײַענדיק די פּירזאָגערן, גענומען טײַנען:

— ווי איז מיר, אַ בראָך איז צו אונדזערע יאָרן! ווער ווייסט, וווּ מײַן זונס ביינדעלעך זײַנען. צי אַ קויל האָט שוין דאָרט ניט פֿאַרמאַכט זײַנע ליכטיקע אויגן און צי די ערד האָט אים שוין דאָרט ניט אײַנגעשלונגען...

— פֿינצטערע יאָרן. צי וועלן מײַנע אויגן מײַן ברויטגעבער שוין אָנקוקן, צי וועלן מײַנע קינדער שוין זייער טאַטן דערזען, — איז גלײַך אַ צווייטע זיך פֿאַרגאַנגען אין אַ געוויין.

דער כאַזן האָט גענומען שרײַען העכער, די פּירזאָגערן האָט אויפֿגעהויבן איר קאָל, און דאָס געוויין מיט דער טפֿילע האָבן זיך אויסגעמישט.

— שטילער, ווײַבער, לאָזט דאַווענען! וואָס האָט איר זיך צעגעגעט?! — דער לאַנגבערדיקער שאַמעס האָט אַ פּאַטש געגעבן איבערן אָמעד. נאָר די ווײַבער האָבן ניט אויפֿגעהערט צו טײַנען:

— פֿאַר וועמען האָבן מײַנע קינדער זייערע ליכטיקע קעפּ געלייגט...

— ווער וועט איצטער זײַן אַ טאַטע מײַנע קינדער און ווער וועט זײַן אַ באַלעבאָס אויף מײַן שטיקל ערד, — האָט אַ צווייטע זי איבערגעשלאָגן.

טאַנכום האָט געקוקט אויף זײַן ווײַב, ווי זי שאָקלט זיך איבער דעם סידער.

— זי בעט אַ קינד, און זיי באַוויינען אויסגעהאָדעוועטע קינדער, — איז טאַנכומען דורכגעלאָפֿן אַ געדאַנק.

פֿון דער הייך האָבן אַ פּאָר קוילעס זיך צעגויפֿגעגאָסן און אַ שניט געגעבן טאַנכומען אין האַרצן.

— פֿאַר די באַלעבאַטים האָבן זיי געלייגט זייערע ליכטיקע קעפּ... אוי, אַ בראָך צו זיי. די באַלעבאַטים קויפֿן זיך אויס, בלײַבן אין דער היים און מאַכן אונדז דאָ אומגליקלעך... זיי כאַפּן דאָך איטלעכס פּיצל ערד... און מיר האָרעווען פֿאַר זיי, ווי קנעכט... אוי, גאָטעניו, ווי קאָנסטו דאָס צוקוקן... ס'איז דאָך שוין ניטאָ קיין קויעך צו לעבן...

— שטילער, וויַבער, שטילער! — איז דער שולץ מיטאמאָל אופגעשפרונ־גען. — שטיל! שאַט! איר וועט אנשוויגן ווערן צי ניט?
— ווי זאָל מען ניט וויינען, ווי זאָל מען ניט טײַנען...
— שטיל, ווערט אנשוויגן!

טאנכום האָט אופגעהויבן די האנט. ער האָט געוואָלט א פּאטש טאָן איבערן שטענדער און האָט זיך מיטאמאָל עפּעס איבערגעשראָקן. ער האָט דערזען פריידלען, כעוועדן און נאָך א פּאָר וויַבער. אים האָט א שווינדל געטאָן פאר די אויגן דער טאטע.

דער פּאָטער איז געשטאנען אָנגעשפּארט אָנעם שטענדער. זיַין פּאָנעם איז געווען פארמאָרעשכווירעט. פון דער וויַבערשער שול האָט טאנכום דערהערט פריידלס קאָל:

— צי וועלן מיַינע אויגן אים שוין אָנקוקן, צי וועט ער זיך שוין אומקערן...
— זיי שילטן מיך, אלע וויַבער שילטן מיך, — איז אים דורכגעלאָפן אן אומרויִקער געדאנק.

א קאם האָט אים א שלאָג געגעבן אין הארצן.
— וועגן ניט איך... וועגן ניט איך... קארג טויוועס טו איך זיי?... און זיי, זיי פארשילטן מיך, זיי ווילן, איך זאָל אומקומען. וויפל מע טוט פאר זיי, איז וויניק...

אין קאָפּ איז בא אים אוף א רעגע דורכגעלאָפן א געדאנק, און ער האָט זיך פאָרגעשטעלט:

אלע שטארבן אוים, ער בליַיבט אליין. איינער אליין איבערן גאנצן סטעפּ. ווו ער פאָרט — איז ער באלעבאָס. ווו ער גייט — איז ער באלעבאָס, ווו עס קליַיבט זיך א וואָלקן אפן הימל — איז עס פאר זיַין ערד, ווו א גראָז בליט — איז עס זיַינס.

איין זאָרג שלאָגט נאָר אין הארצן בא אים אין דער רעגע:
— הענט... די ערד דארף הענט... די ערד האָט ליב האָרעוואניע. הענט און ערד — מער דארף ער גאָרניט. איין פּאָר הענט קאָנען די ערד ניט אופהייבן.

ער האָט פונוויַיטן ווידער א קוק געטאָן אף זיַין וויַיב, ווי זי וויינט, שאָקלט זיך און בעט — א קינד, א זון בעט זי...

טאנכום האָט זיך מיטאמאָל דערפילט איינזאם. אלע וויינען נאָך זייערע ברידער, נאָך זייערע זין, נאָר ער שטייט אליין, און זיַין הארץ איז פארשטיי־נערט. ער האָט דערפילט אין הארצן א שרעק. א שרעק וועגן דעם גאנעוום היטעלע האָט זיך אופגעוועקט אין אים, די שרעק פאר דער פארנומענער ערד און פאר די געהארגעטע סאָלדאטן, די שרעק פאר זיַינע באליידיקטע ברידער, וואָס טראָגן א הארץ אף אים און גייען אָפּ ערגעץ מיט בלוט, פארפּיַיניקטע אף דער מילכאָמע.

דער גאנצער בעסמעדרעש איז זיך פארגאנגען אין א געוויין. טאנכום האָט געוואָלט פארגרינגערן זיַין שרעק כאָטש דורך א געוויין — און ניט געקאָנט.

דער כאזן האָט מיט די לעצטע קויכעס געריסן דעם האלדז, דער שאמעס האָט געפּאטשט אָן אופהער, דאָס געוויין איז געוואָרן אלץ שטארקער.

טאַנכום איז אַ פּאָר מאָל אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן, ער האָט געוואָלט צוגיין צום פּאָטער, אים רופֿן אױף שאַבעס, ער האָט זיך מיט אים געוואָלט איבערבעטן און אים אויספֿרעגן װעגן די ברידער. ער האָט אָבער מורא געהאַט, דער פּאָטער זאָל זיך ניט אָנהייבן זידלען און אים ניט אָנטאָן קיין בזיונעס פֿאַר די פּויערים אין די אויגן.

צום סאָף דאַוונען איז טאַנכום צוריק צוגעגאַנגען צו זײַן שטאָט. דער כאַזן איז שוין געווען אַ פֿאַרשוויצטער, אַ הייזעריקער, און אַלע פּויערים אַרום זייערע שטעט האָבן, שאָקלענדיק זיך, אין איין קאָל גענומען זאָגן קאַדעש.

— אַ האַלב דאָרף איז אומגעקומען. דער גאַנצער בעסמעדרעש זאָגט קאַדעש, — האָט יודע אַ זאָג געטאָן צום שולץ.

— כ'וועל מער ניט דערלאָזן אַזאַ רעוועריי אין שול! אין שול קומט מען ניט וויינען. אַ גאַנץ דאָרף וויינט און טײַנעט נאָך דערבײַ...

פּאַמעלעך, ניט געײַלט, איז טאַנכום נאָכגעגאַנגען נאָכן שולץ, נאָך יודען. ער האָט זיך געוואָלט אײַנהערן, וועגן וואָס זיי ריידן. מיטאַמאָל האָט ער דערזען דעם טאַטן. ער איז געשטאַנען בײַ דער טיר, האָט אָפּגעוואַרט פֿריידלען. ווען טאַנכום איז פֿאַרבײַגעגאַנגען, האָט דער פּאָטער זיך אָפּגעקערט אין אַ זײַט. אַ צעפּאַליעטע, מיט פֿאַרוויינטע אויגן, איז פֿון דער ווײַבערשער שול אַראָפּ נעכאַמע, זי איז צוגעגאַנגען צום מאַן און איז אַוועק מיט אים אַהיים.

3

גאַנצפֿרי האָט טאַנכום אײַנגעשפּאַנט די הניאַדע און אױף דער בעדאַרקע זיך געלאָזט פֿאָרן אױפֿן קאַרטאָפֿל־פֿעלד, וווּ ס'האָבן געאַרבעט די ווײַבער.

ער איז געפֿאָרן לאַנגזאַם, האָט באַלעבאַטיש באַקוקט דעם סטעפּ פֿון אַלע זײַטן. עטלעכע מאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, געריבעט מיטן פֿוס די ערד און אײַנגעקוקט זיך, צי ס'איז דאָ גענוג פֿײַכטקײַט אױף די האָנעס. אָפּגעפֿאָרן ווײַטער אַ ביסל, האָט ער זיך ווידער אָפּגעשטעלט לעבן אַ פּאָר דעסיאַטינעס שפּעטיקן פּירײַ, וואָס זײַנען פֿון זומער געבליבן ניט אָפּגעשניטענע.

— סאַראַ היי, ווי זײַד, — האָט ער, טאַפּנדיק מיט די פֿינגער דעם פּירײַ, צו זיך גערעדט... — גיי צערײַס זיך. כאַפּ אַרײַן אַלץ פֿון אַזאַ סטעפּ, אַז ס'איז ניטאָ מיט וועמען צו אַרבעטן. אַן אַווירע איבערצולאָזן אַזויפֿיל היי. וועמעס קער דאָס זײַן?

ווו־ניט־ווו האָבן הויך־הויך איבערן בלויען האַרבסטיקן הימל געשוועבט שנירעלעך ווילדע גענדז און האָבן אָנגעזאָגט אױף גיכן ווינטער.

אױף די שוואַרצע אופֿגעהויבענע דעסיאַטינעס האָבן סטײַעס שוואַרצע גאַוועס געריבעט מיט די שנאָבלען די אופֿגעאַקערטע ערד, אופֿגעהויבן זיך אין דער הייך מיט אַן אומעטיקער, איינטאָניקער קראַקערײַ. די גאַוועס האָבן זיך גע־

דרייט, ווי א שווארצער וויכער, גערוישט, געשריִען און זײַנען ערגעץ פאר־שוווּנדן.

— זיי קאָנען די קוקורוזע פּאַטערן, — האָט טאנכום אומרויִק א טראכט געטאָן.

פּונעם שפּעטיקן, גרין־געלן פּיריי האָט טאנכום פארקערעוועט מיט דעם סטעפּוועג. ער האָט זיך געגומען אראָפּלאָזן אין דער נידער, ווו ס׳האָט זיך אָנגעהויבן ציִען דאָס קארטאָפּל־פעלד.

אָנהייב מילכאָמע איז אים אײַנגעפאלן צוצונעמען אָט דעם פּרוכטבארן טאָל, וואָס האָט געהערט א סאך פּויערים, און אים פארזייען מיט קארטאָפל.

— א טאָל פארהיט די פײַכטקײַט, און קארטאָפּל האָט ליב פײַכטקײַט, — האָט ער געטראכט.

גלײַך דערבײַ, איבער א האָנע, האָבן זיך אָנגעהויבן ציִען א פּאָר דע־סיאטינעס איבערגעצײַטיקטע, געל־ווײַסע קוקורוזע.

ווען ס׳איז צו טאנכומען אין די הענט ארײַנגעפאלן די סאָלדאטסקע ערד, האָט ער צעשניטן דאָס פעלד אף שטיקער, איבערלאָזנדיק די ערגערע ערד אף היי, און די בעסערע ערד האָט ער אופגעאקערט אף ווינטער־ווייץ, גערשטן, פּראָסע, אזוי ווי עס האָבן געטאָן די ארומיקע גרויסע באלעבאטים, די דײַטשן און די אוקראַינער.

צופאָרנדיק צום קארטאָפּל־פעלד, האָט ער בא א מעזשע פון א דערבײַיִקער דעסיאטין פּיריי אויסגעצאמט דאָס פערד, אָפּגעלאָזט עס פּאשען, און זיך געלאָזט גיין באטראכטן, ווי די ארבעט גייט.

איבער דער גאנצער ברייט פון דעם שווארץ־צעלעכערטן קארטאָפּל־פעלד זײַנען געלעגן ווײַבער און האָבן, שארנדיק מיט די פינגער די שווארצע אויס־געגראָבענע קוסטעס, אונטערגעקליבן קארטאָפּל.

דער באלעבאָס איז דורכגעגאנגען פארבײַ די אויסגעגראָבענע קוסטעס, האָט געפּרוּווט דורכריִען מיטן פוס די ערד, זען, צי די ווײַבער לאָזן גאָרנישט איבער אפן פעלד. נאָכדעם איז ער צוגעגאנגען צו א קופּע קארטאָפּל, האָט גענומען עטלעכע אין האנט און איבערגעפּרעגט:

— זעט נאָר, איר לאָזט גאָרניט איבער אפן פעלד?

— וואָס זײַנען מיר קיינמאָל קיין באלעבאָסטעס ניט געווען? — האָט א נידעריקע ייִדענע מיט א צעהיצט פּאָנעם זיך אָפּגערופן. — מיר האָבן, דאנקען גאָט, פאר זיך אויך געגראָבן קארטאָפּל.

— זאָל זיך נאָר מײַנער געזונטערהייט אומקערן, ווי איך וועל מירצעשעם ווײַטער אף מײַן שטיקל ערד אייגענע קארטאָפּל גראָבן, — האָט, אָפּווישנדיק מיטן עלנבויגן דעם שוויים פונעם שטערן, זיך ארײַנגעמישט געדאליע רײַטשוקס ווײַב. — אזויפיל מאזלדיקע יאָר מיר, וויפל איך האָב אף דעם שטיקל ערד קארטאָפּל געגראָבן.

— וואָס האָלדערט איר דאָרט, ווי די אינדיקעס. א גאנצן טאָג וואָלט מען נאָר גערעדט, — האָט בייגנדיק זיך איבער די אויסגעגראָבענע קוסטעס, געזאָגט נעכאמע. זי איז ארומגעגאנגען איבערן קארטאָפּל־פעלד, האָט געריִעט די אויס־

געגראָבענע קוסטעס און געהאַלטן אין איין אונטערטרייַבן און זידלען די ווייַבער:

— א גאַנצן טאָג מאַכן זיך זיי גאָר די מײַלער ניט צו... מע גיסט, ווי פון פּאַמויניצעס... קאַרג צאָלט מען אײַך פאַר דער ערד?.. ווער לאָזט אײַך ניט האָבן אייגענע?.. נאָך אײַך דאַרף איך דאָך ערשט נאָכאַמאָל איבערזען די קוסטעס. ווי קענט איר גראָבן אויף אייגענע פעלדער, אז איר זשאַלעוועט זיך אײַנצובייגן...

טאַנכום האָט פונוויַיטן געקוקט אויף די ווייַבער. ער האָט זיך ארומגעדרייט ארום זיי, ווי א האָן ארום א סטײַע הינער. ער האָט אונטערגעפײַפט, געפּאָכט אינדערלופטן מיט דער בײַטש, ווען־ניט־ווען שפּילנדיקערהייט אונטערגעוואָרפן א שטיינדל, געוויצלט זיך, איינציקווייַז געהייסן אומקערן זיך צוריק צו די אויסגעגראָבענע קוסטעס. די ווייַבער האָבן זיך אומגעקערט, געבויגן זיך איבער די קוסטעס, און ער האָט דערוויַיל אָנגעכאַפּט וועמען־עס־איז פאַר א האַנט, געפּרוווט צו דער ברוסט זיך צורירן און הויך געלאַכט:

— נישקאָשע, ס׳וועט דיר ניט שאַטן, האָב האַנאָע... דעם מאַן האָסטו שוין לאַנג ניט אָנגעקוקט.

דערזעענדיק דאָס ווייַב, איז טאַנכום געוואָרן באַלעבאַטיש־שטרענג. ער האָט א קוק געגעבן אויף די ווייַבער, אז זיי זאָלן שווייַגן.

— ביז נאַכט וועט איר אָפּגראָבן ביז צו יענער באַלקעלע... מע דאַרף נאָך די קוקורוזע אראָפּפירן פון סטעפּ, מע דאַרף גיכער גראָבן, ס׳קאָן אָנהייבן רעגענען.

ער האָט די גאַנצע צײַט געוואָרפן אויגן צו דער קוקורוזע און געטראַכט וועגן פריידלען:

— הײַנט אין דער קוקורוזע וועט ער זי איבערברעכן. נאָר דאָס ערשטע מאָל זי אײַנברעכן, וועט זי שוין ווערן צוגעלאָזט...

די געל־ווייַסע איבערגעצײַטיקטע קוקורוזע־שטענגלעך האָבן זיך מיט די שווער־באַהאַנגענע קאָלבעס געבויגן איינס צום צווייטן. טאַנכום האָט זיך אײַנגעהערט, ווי די שטענגלעך שורשען. ער איז א ווײַלע געבליבן שטיין, זײַנע אויגן זײַנען ארומגעלאָפן איבער אלע זײַטן. ער האָט זיך אײַנגעבויגן, אָנגעשפּיצט די אויערן, זיך אײַנגעהערט. די שטענגלעך פון די זײַטן האָבן אים געשמיסן אין פּאָנעם. ער איז אָפּגעגאַנגען א פּאָר טריט, האָט זיך אָפּגעשטעלט און דערזען, ווי די דערבײַיִקע ריי קוקורוזע שאָקלט זיך.

— עמעצער גייט דאָרט. די שטענגלעך שאָקלען זיך צו שטאַרק, — האָט ער א טראַכט געטאָן.

ער איז האַסטיק אריבערגעגאַנגען אויף דער ריי, ווו די שטענגלעך האָבן זיך געשאָקלט, און האָט דערזען פריידלען. א סנאָפּ שטראַלן האָט, דורכרײַסנדיק זיך דורך די געדיכטע רייען קוקורוזע, זיך געגליטשט איבער די בלעטער פון די שטענגלעך און מיט א גאָלדענער העלקייט געבלענדט פריידלס גרויע אויגן. זי איז געגאַנגען אײַנגעבויגן, האָט געריסן די קאָלבעס און זיי געוואָרפן אין קאָרב אריין. טאַנכום איז צוגעגאַנגען פּאַמעלעך, ווי א קאַץ. פריידל האָט מיטאַמאָל אויסגעגלײַכט איר שלאַנקן קערפּער, ווי זי וואָלט עפּעס

אינסטינקטיוו דערפילט. זי האָט אראָפּגעצויגן דאָס בלויע ציצענע קאָפּטל און דערזען טאנכומען. ער איז צוגעגאנגען און האָט געקוקט אף איר מיט א שמייכל, קנייטשנדיק די באוואקסענע, פארשטויבטע באקן.

— זעץ זיך אוועק א ווײַלע, — האָט ער, אָנעמענדיק זי בא דער האנט, א זאָג געטאָן.

זי האָט ארויסגעריסן איר האנט, א שלעפּ געגעבן דעם קאָרב און ווײַטער אָנגעהויבן רײַסן די קאָלבעס פון די שטענגלעך.

— וואָס ווילסטו פון מיר?.. וואָס שטייסטו צו?

טאנכום איז נעענטער צו איר צוגעגאנגען.

פונעם קארטאָפל־פעלד האָבן זיך אהער דערטראָגן אָפּגעריסענע פארטויבטע קוילעס. טאנכום האָט א קער געטאָן דעם קאָפּ און האָט זיך אײַנגעהערט צום ווײַבס געשרייען אפן קארטאָפל־פעלד. נאָכדעם איז ער צוגעגאנגען און ארומגעכאפּט פריידלען מיטביידע אָרעמס.

— איך... איך בין צו דיר געקומען... — האָט ער געשטאמלט.

— גיי אוועק... גיי אוועק... הער אוף, איך וועל שרײַען... — ס'האָט איר פארשלאָגן דעם אָטעם. אין די אויגן איז איר געוואָרן טונקל, דאָס בלוט האָט איר א שלאָג געגעבן אין קאָפּ, ס'האָט זי געוואָרגן אין האלדז, און זי האָט זיך געוואָרפן און געקרעכצט. ס'האָט איר מיטאמאָל אָפּגענומען אלע קויכעס, ווי אין כאלאָשעס.

אין קאָפּ האָט איר א בליץ געגעבן א געדאנק וועגן דעם מאן. דער לאַנגאָניקער קאם און די סינע צו טאנכומען האָבן א כלינע געטאָן אין הארצן און האָבן זיך אויסגעמישט מיט די צעבויטענע געפילן, וואָס האָבן זי באַהערשט. א ווײַלע האָט זיך אלץ געמישט בא איר אין קאָפּ, ווי בא א שיקערן. צונויפדריקנדיק די ציין האָט זי זיך גענומען רײַסן פון זײַנע אָרעמס און זיך ווילד מיט אים ראנגלען.

— לאָז אָפּ... לאָז אָפּ, — האָט זי הילפלאָז, קוים כאפּנדיק דעם אָטעם, געשעפּטשעט.

זי האָט א ציטער געטאָן און האָט אָפּגעלאָזן די הענט. די שטענגלעך פון דער קוקורוזע האָבן זיך א שאָקל געטאָן און גענומען שורשען מיט די בלעטער, ווי עמעצער וואָלט ערגעץ דאָ ניט ווײַט ארומגעגאנגען.

4

אינגיכן האָט זיך ראכמיִעל אומגעריכט אומגעקערט אין דאָרף ארײַן פון דער מילכאָמע. א שפּליטער פון א האנטגראנאט האָט אים פארוווּנדעט אין פוס. ער איז געלעגן אין לאזארעט א פּאָר כאדאָשים. פון דאָרט האָט מען אים אָפּגעלאָזט אף אן אומבאשטימטער צײַט אהיים.

אפן צווייטן טאָג איז ער אוועק צו טאנכומען איבעריידן, ער זאָל אים ווידער נעמען צו זיך אף ארבעט, ביז מע וועט אים צוריק רופן אף מילכאָמע.

טאנכום איז פון נעכטן נאָך געווען ערגעץ אוועקגעפאָרן און האָט זיך אומגעקערט ערשט אָוונט־צו.

ראכמיִעל איז ארומגעגאנגען איבער טאנכומס הויף, האָט באטראכט דעם ברודערס כודאָבע און האָט גערעדט מיט די ווייַבער, וואָס האָבן זיך בא אים פאנאנדערגעפרעגט, צי ער האָט ערגעץ־ווו ניט באגעגנט זייערע מענער.

די שוועגערן האָט אים באגעגנט קאַלט.

— ביסט געקומען? מעגסט דאנקען גאָט, וואָס דו האָסט אזא ברודער, אניט... וואָלטן דייַניקע גוט געבידעוועט...

זי האָט געוואָלט אויסרעכענען די טויוועס, וואָס דער מאן האָט די זייַניקע געטאָן. אָבער גראָד איז פון דער קלוניע א פארשטויבטע ארויסגעגאנגען פריידל. זי האָט א קוק געגעבן אף דער שוועגערן מיט אן אופגערעגטן בליק.

זינט דער מאן איז געקומען, האָט פריידלען געמוטשעט א ביטערע בושע אין הארצן. זי האָט אים ניט געקאָנט קוקן אין די אויגן. פון דער ערשטער מינוט האָט זי אים באגעגנט שווייַגנדיק, ווי זי וואָלט זיך געפילט שולדיק קעגן אים. זי האָט מוירע געהאט, אז די שוועגערן זאָל זיך עפּעס ניט אָנשטויסן און זאָל פון קאס זיך ניט אויסריידן פארן מאן.

פריידל האָט אויסגעמיטן זיך צו טרעפן מיט טאנכומען. זי פלעגט קוקן אף אים פארביסן־ברויגעז, פלעגט רויט ווערן, ווען ער פלעגט זיך באווייַזן, און האָט געטראָגן אין הארצן שאנד און ווייטעק.

דעם מאנס קומען האָט זי צעשרויפט. זי האָט באשלאָסן צו שווייַגן, באהאלטן אין זיך דאָס געפיל און בלייַבן, ווי פריִער, מיט ראכמיִעלן.

ראכמיִעל האָט געפילט עפּעס אן אומקלאָרן פארדאכט, נאָר ער האָט געשוויגן. ער איז מיט איר געווען אָנגעצויגן, אָבער זייַן כשאַד האָט ער ניט ארויסגעוויזן.

פארנאכט איז טאנכום אָנגעפאָרן. ער איז האסטיק ארייַנגעלאָפן אין שטוב און האָט געטראָפן דעם ברודער:

— זע נאָר... פונוואנען האָסטו זיך גענומען? ווי פון הימל אראָפּגעפאלן. וואָס מאכסטו גוטס... ווען ביסטו געקומען?..

ער איז צוגעגאנגען צום ברודער, האָט אים ארומגענומען און זיך מיט אים צעקושט. ער האָט א פיר געגעבן מיט די אויגן איבערן צימער און דערזען פריידלען. ער איז רויט געוואָרן, האָט ניט געוווּסט ווו אהינצוטאָן די אויגן. פריידל איז געשטאנען צווישן ביידע ברידער מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי עמעצער וואָלט זי שטארק באליידיקט. טאנכום האָט זיך דערפילט ניט־היימלעך. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אז דער ברודער באמערקט עפּעס אין זייַנע און פריידלס בליקן.

— וואָס שטייסטו... זעץ זיך, דערצייל, ווו ביסטו עס אויסגעוועזן? דערצייל. ביסט שוין געקומען אף צו בלייַבן? — טאנכום האָט געוואָלט פארריידן דעם ברודער און זיך אליין, צעווייען דאָס אומאָנגענעמע געפיל פון דער אוולע. ער האָט געהייסן דעם ווייַב דערלאנגען עפּעס צום טיש.

פריידל האָט מיט א פארטײַעטן בליק געקוקט אפן מאַן, אף טאנכומען און איז אומבאמערקט ערגעץ ארויס.

די ברידער זײַנען געבליבן שטיין איינער קעגן אנדערן.

— נו, דערצייל עפּעס, — האָט טאנכום געשטאמלט. — זיי האָבן ביידע וועגן עפּעס געוואָלט ריידן, נאָר אן אומקלאָרע סיבע האָט זיי געשטערט.

ראכמיִעל איז געזעסן מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי א ברויגעזער. ער האָט געוואַרט, אז דער ברודער זאָל אים עפּעס זאָגן וועגן דער ערד. נאָך פארן אוועקפאָרן אף מילכאָמע האָט ער אָנגעהויבן פארשטיין, אז טאנכום נעמט זיך באלעבאטעווען איבער זיי אלעמען און אז ער מיט זאוועליייבן ארבעטן פארן ברודערס וועגן אף זייער אייגענער ערד.

טאנכומען האָט זיך געדוכט, אז דער ברודער טראָגט א קאַס אף אים צו־ליב פריידלען. ער האָט געוואָלט אויסקויפן די זינד מיט גוטינקע רייד.

— פון דעם לעצטן האָב איך שטענדיק עפּעס אָפּגעריסן און געגעבן דײַ־ניקע, וואָס איך האָב נאָר געקאָנט... א פּודיק מעל, אן ארבע שטרוי אף הייצן... א ביסל מאסלינקע, אמאָל א ביסל מילך... ווער ווייסט עס זיך̇ דען גיין אָפּרעכענען מיט אייגענע?

עטלעכע מאָל האָט ער איבערגעכאַזערט די טויוועס, וואָס ער האָט זײַן ברודערס מישפּאָכע געטאָן און, צעשיידנדיק זיך מיט אים, אָנגעזאָגט:

— ווי לאַנג דו וועסט דאָ זײַן, קום צו מיר, וועסט מיר אויסהעלפן אין דער באלעבאַטישקײַט... וואָס איז דיר שלעכט געווען בא מיר?.. וואָס קאָן זײַן בעסער, ווי בא אן אייגענעם ברודער?..

ראכמיִעל האָט געשוויגן. אף מאָרגן גאנצפרי איז ער געקומען צום ברו־דער אין הויף ארײַן.

— נו, ראַם אויס די שטאַל, — האָט אים טאנכום באגעגנט אין הויף, — נאָכדעם וועלן מיר צונויפליגן די סטערטעס אין הויף. ס'קאָן אויספאלן א רעגן, וועט די שטרוי נעמען פּרײַען.

ראכמיִעל האָט אויסגעראַמט די שטאַל, זיך געפּאָרעט אין הויף ארום די סטערטעס, אין קלוניע. נאָכדעם האָט ער זיך אומגעקערט צוריק אין שטוב.

ס'איז שוין געווען א שטיק אף טאָג, און ער האָט נאָך גאָרניט געגעסן. אין אָנהייב, ווען דער ברודער האָט אים צוגענומען פון יודע פּייטראכן, פלעגט ראכמיִעל עסן מיט טאנכומען בא איין טיש. נאָכדעם האָט מען אין שטוב אָנגע־הויבן פארגעסן, אז ער איז אן אייגענער, און ער פלעגט זיך אומדרייען אין פּאָדרעצימער, ביז דער ברודער אָדער די שווּעגערן פלעגן אים באמערקן.

— ביסט א פרעמדער צי וואָס? זעץ זיך און עס, מע דאַרף דיר דערלאַנ־גען? גיי און נעם, — האָבן די באלעבאטים זיך יעדעס מאָל פארענטפערט.

די ווערטער האָבן אים זייער אופגעבראכט. שוין דאַן האָט ער דערפילט, אז דער ברודער רעכנט אים ניט פאר קיין גלײַכן, אז זיי ווערן פארפרעמדט.

אף מילכאָמע, אין די שוצגראָבנס, אונטערן האָגל פון קוילן, אונטער די דונערן פון האַרמאטן, צווישן די אייזנזאמע, מיט בלוט באגאָסענע פעלדער, איז פונסניי געבוירן געוואָרן בא אים א ווארעם געפיל צום ברודער. ער האָט געהאָפט, אז ווען ער וועט זיך אומקערן, וועלן זיי צוזאמען ארבעטן אף זייער

שטיקל ערד. איצט האָט ער מיטאמאָל דערפילט, אז זיי זײַנען נאָך מער פאַר־פרעמדט געוואָרן.

ער האָט זיך ארומגעדרייט א ווײַלע אין פּאָדערצימער. פון דרויסן איז פון ערגעץ אָנגעקומען טאנכום, פאר די הענט האָט ער געפירט ראכמיִעלס ייִנגל.

ער האָט אים אײַנגעוווינט, אז ער זאָל אלע גאנצפרי קומען צו אים עסן. ער האָט דאָס געטאָן, קעדיי צו שטילן זײַן פּאָטער־בענקשאפט דורך פרעמדע קינדער.

— ער האָט סײַווי אין דער היים ניט וואָס צו עסן... זאָל ער זיך האָדעווען בא מיר, זאָל ער וויסן, ווען ער וועט אויסוואקסן, אז איך האָב אים געהאָדעוועט.

— ווּ טראָגט עס דיך ארום?.. גיי אהיים, צו דער מאמען גיי, די מאמע איז אין דער היים, — האָט ראכמיִעל זיך גענומען בייזערן, דערזעענדיק דאָס קינד. דאָס ייִנגל האָט אופגעהויבן די אייגלעך, די וויִעס האָבן אים געציטערט.

— וואָס טרײַבסטו אים? ער איז אין דער פרעמד צי וואָס?.. זאָל ער אָפּעסן, ער איז, באָרעכאשעם, דאָ אין שטוב אויסגעוואקסן. ער קומט דען אהער דאָס ערשטע מאָל עסן?

ער האָט ווידעראמאָל געוואָלט אויסרעכענען די ארבעס שטרוי, וואָס ער פלעגט צופירן, דאָס מעל, די מאסלינקע. נאָר דער ברודער האָט אים איבער־געשלאָגן:

— פון קליינוויַיז אוף וויל מען אים שוין, ווי א הינטל, מיט א שטיקל ברויט צוגעווינען. דו מיינסט — פאר אן ארבע שטרוי האָסטו מיך געקויפט? די ערד אונדזערע האָסטו פארכאפּט, ווילסטו ווערן באלעבאָס איבער מײַן קינד? גענוג, אז דו האָסט מיך פארמאניעט און אָפּגענארט.

טאנכום איז געוואָרן צעטומלט. ער האָט געקוקט אפן ברודער, געוואָלט אים עפּעס זאָגן און קיין ווערטער ניט געפונען. ראכמיִעלס פּאָנעם איז גע־וואָרן בלייך און פארקרימט, ער האָט שווער געאָטעמט.

— וואָס גוואלדעוועסטו? — האָט טאנכום גענומען שטאמלען. — ערד וואל־גערט זיך, מענטשן בעטן זיך... ווער דארף איצט ערד? זאָלן מענטשן זאָגן... איך האָב זיי דאָך געגעבן, וואָס איך האָב נאָר געקאָנט... ארבעס שטרוי... ברויט... זאָלן מענטשן זאָגן... אליץ קארג נאָך? — ער איז ארויסגעלאָפן אין הויף, זיך א לאָז געטאָן אין קלוניע, ווי ער וואָלט געזוכט בא עמעצן א טרייסט.

5

אין א פּאָר כאדאָשים ארום נאָך ראכמיִעלס קומען האָבן אײנציקוויַיז און גרופּעסוויַיז זיך אָנגעהויבן אומקערן סאָלדאטן פון דער מילכאָמע.

אויסגעמאטערטע, צעקאליעטשעטע, פארווונדעטע האָבן די סאָלדאטן אומ־געוואנדערט איבער די סטעפּעס און געזוכט זייערע היימען. די סאָלדאטן האָבן איבער די וועגן פארשפּרייט א נײַס:

— דעם קייסער האָט מען אראָפּגעוואָרפן. א סאָף צו דער מילכאָמע... אלע וועלן זיך אומקערן אהיים צו די אקערס. די ערד וועט מען צעטיילן...

סאָף ווינטער, באנאכט, האָבן זיך אומגעקערט אהיים זאווע־לייב, געדאליע רײַטשוק און נאָך עטלעכע פּויערים. זאווע־לייב איז צוגעגאנגען צו זײַן שטיבל, האָט אָנגעקלאַפּט אין די פענצטער און זיך אײַנגעהערט, צי עמעצער ענטפערט.

— ווער איז דאָס?.. ווער? — האָט א צעשויבערטע, א דערשראָקענע פון שלאָף זיך אופגעכאַפּט כעוועד. און באלד האָט זי דערקענט דעם מאנס קאָל. — זאווע־לייב!.. קינדער! דער טאטע! זאווע־לייב...

פון איבעראשונג האָט זי געציטערט, ווי פון שרעק. זי האָט ארופגעוואָרפן אף זיך א קלייד און איז ארויסגעלאָפן אנטקעגן. מיט ציטערדיקע הענט האָט זי אָפּגעשפּארט די טיר און איז מיט א געוויין ארופגעפאלן אפן מאן.

— גענוג... גענוג... — האָט זי זאווע־לייב, לײַכט אָפּשטויסנדיק, באַרויִקט. — וואָס וויינסטו?

ער איז ארײַנגעגאנגען אין שטוב. זײַן בליק איז גיך דורכגעלאָפן איבערן צימער. צוויי נאקעטע יאטלעך האָבן געריבן די אייגלעך און האָבן פרעמד און נײַגעריק געקוקט אפן פּאָטער. זאווע־לייב איז צוגעגאנגען צו זיי און האָט זיי באטראכט.

— אָן מיר זײַנען זיי דאָ אויסגעוואקסן, — האָט ער שטיל, ווי צו זיך אליין גערעדט, — דעם האָב איך גאָר ניט געזען, — האָט ער א ווונק געטאָן צום יִנגערן צווייאָריקן יִנגל.

די קינדער האָבן ניט אָפּגעריסן די אויגן פונעם פּאָטער. זאווע־לייב האָט אויסגעטאָן דעם אויסגעריבענעם גרויען שינעל, אראָפּגעוואָרפן דאָס היטל און איז ווידעראמאָל צוגעגאנגען צו די קינדער.

כעוועד איז א צעטראָגענע ארומגעלאָפן איבערן שטיבל. זי האָט געוואָלט ריידן מיטן מאן און אים דערציילן, נאָר פון איבעראשונג האָט זיך אלץ בא איר אין קאָפּ אויסגעמישט. זי איז ארומגעגאנגען פון איין ווינקל אינעם צווייטן, געפּרוּווט עפּעס טאָן, נאָר אלץ איז בא איר געפאלן פון די הענט.

זאווע־לייב האָט געקוקט מיט פּאָטערלעכער ווארעמקײַט אף די קינדער און ניט געפונען קיין פּאסיקע ווערטער צו זאָגן זיי עפּעס צארטס.

— קום אהער... קום צו מיר, — האָט ער, צעשפּרייטנדיק די אָרעמס, גערופן דאָס יִנגערע יאטל מיטן פולן פּוכקן פּאָנעם.

דאָס יאטל האָט פארשעמט אף אים געקוקט, ווי אף א פרעמדן, און מוירע געהאט גיין צו אים אף די הענט. זאווע־לייב האָט צוגערופן דאָס ווײַב און זיך גענומען פאנאנדערפרעגן וועגן די דאָרפישע נײַסן.

— טאנכום, זאָגט מען, איז רײַך געוואָרן... א האלב דאָרף ערד האָט ער דאָ פארכאַפּט. אונדזער ערד איז אים ווייניק געווען...

— איך האָב בא אים געארבעט די גאנצע צײַט... גלײַך ווי דו ביסט אוועק אף מילכאָמע, האָט ער מיך מיט פריידלען צוגענומען אף ארבעט... ער איז רײַך געוואָרן... ווער האָט דאָ אף אים ניט געארבעט, וועמעס ערד האָט ער ניט

פארנומען? און טאקע, וואָס האָבן ווײַבער אליין געקאָנט טאָן מיט ערד און מיט כודאָבע?

בעוועד האָט דערלאנגט דעם מאן צום טיש א קריגל זויערמילך, א שטיק שווארץ ברויט.

— מע איז דאָ גענוג אויסגעריסן געוואָרן. וויפל מע האָט ניט געארבעט, איז אלץ געווען ווייניק... א גאנצן טאָג האלט מען אונדז אין איין ארומיאָגן.

זאוועל־לייב האָט געטרונקען די זויערמילך, ווען־ניט־ווען אופגעהויבן דעם קאָפּ און אונטערגעברומט אונטער דער נאָז.

— האָרעווע נאָר אַף אים... ווי ער קאָן נאָר, פארכאפּט ער... ס׳מעג אים שוין פארכאפּן, נישקאָשע...

באגינען האָבן פון אלע זײַטן זיך אין שטיבל ארײַנגעוואָרפן פּויערים, פּויערטעס, סאָלדאטן.

— גאנץ געקומען... דאנקען גאָט... האלעווײַ וואָלט איך שוין מײַנעם דערלעבט צו זען...

ווען דאָס שטיבל איז געווען געפּאקט מיט מענטשן, איז פון ערגעץ אָנגעלאָפן דער אלטער בערע, און גלײַך נאָך אים ראכמיִעל מיט פריידלען.

דער פאָטער איז צוגעגאנגען צו זאוועל־לייבן, האָט אים א קוש געטאָן און האָט פון טיפער צעטראָגנקײַט ניט געקאָנט קומען צו זיך.

— אבי גאנץ... דאנקען גאָט!.. — האָט ער אלע ווײַלע איבערגעכאזערט. — דאנקען גאָט!..

ס׳האָט אים געוואָרגן אין האלדז. ראכמיִעל איז, קוים דורכשפּארנדיק זיך צווישן די פּויערים, פּויערטעס און סאָלדאטן, צוגעגאנגען צום ברודער. ראכמיִעל האָט זיך פאנאנדערגעפרעגט, פון וועלכן פּאָלק זאוועל־לייב קומט, אַף וועלכע פּאָזיציעס ער איז געווען. זאוועל־לייב האָט אָפּגעהאקט געענטפערט, נאָר סאָלדאטן, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט פון מילכאָמע, האָבן אים דערגאנצט.

זיי האָבן דערציילט פון בארימטע שלאכטן, דערציילט, וועמען ווי מע האָט פארוווּנדעט, געוויזן די ווונדן אפן לײַב, און די ווײַבער האָבן פונווײַטן גע־קוקט און געלאָזט פארטײַעטע טרערן.

א דארער סאָלדאט, א הויכער, האָט זיך ארײַנגעמישט און דערציילט א מײַסע, וואָס ער האָט געהערט אַף דער מילכאָמע, וועגן עפּעס אן אָקס, וואָס די דײַטשן האָבן ארויסגעלאָזט, און וויִאזוי דער אָקס לויפט ארום איבערן סטעפּ, לאָזט א גאז אזא, און מענטשן פאלן ווי פליגן.

— איז ניטאָ קיין אייצע? שיסט מען אים אוועק, דעם אָקס, און אויס... — האָט מיכל מאכלין זיך ארײַנגעמישט.

— ס׳איז ניט קיין לעבעדיקער אָקס, — האָט דער סאָלדאט געשריִען, — זיי האָבן אויסגעטראכט אזא אָקס, וואָס מע קאָן אים ניט שיסן, ניט קוילען, ניט הארגענען. ער קאָן נאָר גאזן לאָזן און שטיקן...

— אייסעך, באָבע־מײַסעס! — האָט געדאליע רײַטשוק זיי איבערגעשלאָגן און גענומען דערציילן פון א שקאפּע, אַף וועלכער ס׳איז געריטן דער פּאָל־קאָווניק.

— ...זי איז געווען א ווײַסע, ווי מילך, די שקאפּע. הײַנט איר גריווע,

איר ווײדל, אירע פּיס... עמעס, — האָט ער זיך גלײַך פֿאַרכאַפּט, — מײַנע איז בעסער געלאָפֿן. „רײַטשוק! — האָט אײנמאָל דער פּאָלקאָווניק א זאָג געטאָן צו מיר, — ווען דײַן שקאַפּע איז העכער א ביסל, נעם איך זי בא דיר צו". איך זאָל אַזוי לעבן, ווי ער האָט אליין מיט מיר גערעדט, דער פּאָלקאָווניק. א רויצייעך איז ער געווען, דער פּאָלקאָווניק, אז א וואָלף איז קעגן אים א דימענט געווען. די סאָלדאַטן האָבן אים אליין דערשאָסן, און די שקאַפּע זײַנע האָט עמעצער צוגענומען... ווער סע זאָגט, אז א פּאָשעטער פּויער האָט זי צוגענומען, און ווער סע זאָגט, אז זי איז ווידער אין עלטסטן אָנגעקומען... ווער נאָר ס'האָט געוואָלט, האָט נאָך דער מילכאָמע געכאַפּט פּערד און האָט געקאָנט רײַטנדיק אהיים קומען... האלעווײַ וואָלט מײַן שקאַפּע...

געדאַליעס שוואַרץ־זשוואָווע פּאָנעם איז מיטאמאָל אומעטיק געוואָרן, ווען ער האָט זיך דערמאָנט וועגן זײַן געהאַרגעטער שקאַפּע.

— ווען איז עס אין זינען געלעגן טראַכטן וועגן פּערד, אז סע האָט זיך געגלוסט וואָס גיכער אין דער היים זײַן, — האָט מיכל מאַכלין אים איבערגעשלאָגן. — פּערד זײַנען גענוג ארומגעגאַנגען הונגעריקע, א צאָר געווען צוצוזען, ווי זיי האָבן אין די וועלדער די קאָרע פון די ביימער גענעסן... סײַווי וואָלטן זיי ביז אהיים ניט דערגאַנגען.

— מע וואָלט זיי ווי־עס־איז דערפירט, — האָט זאַוועליִב אים איבערגעשלאָגן. — טאָמער וועט מען די ערד טאַקע צעטיילן, מיט וועמען וועסטו אקערן? וועסט זיך אליין אײַנשפּאַנען?

— וואָס וועט מען צעטיילן? — האָט דער אַלטער בערע איבערגעפרעגט. — וועמען וועט מען צעטיילן? דערווײַל איז די ערד בא די באַלעבאַטים. פאַר וועמען א טויט, און פאַר וועמען א ברויט. ווער סע האָט דעם קאָפּ געלייגט אַף מילכאָמע און ווער ס'איז רײַך געוואָרן אַף פרעמדער ערד...

— נישקאָשע, מיר וועלן ניט שווײַגן, — האָט זאַוועליִב א מאַך געטאָן מיט דער האַנט. און ער האָט גענומען דערציילן וועגן די שמועסן צווישן די סאָלדאַטן, וועגן די מענטשן, וואָס זײַנען געקומען אין די שוצגראָבנס ריידן מיט די סאָלדאַטן און זיי אָנזאָגן ווי די ערד אָפּצונעמען.

6

די קלאַנגען, אז מע וועט איבערטיילן די ערד, האָבן זיך גיך פאַרשפּרייט איבערן דאָרף. פון די ארומיקע דערפער האָבן זיך געטראָגן אומקלאָרע יעדיעס וועגן פּויערים, וואָס בונטעווען, צינדן די פּריצישע גיטער און פאַרכאַפּן די ערד.

בא טאַנכומען אין האַרצן האָט זיך אָנגעהויבן אופוועקן די שרעק פאַר דער פאַרכאַפּטער ערד בא די פּויערים, פאַר די ברידער, פאַרן צוגענומענעם גוטס באַם גאַנעוו און פאַר זיך און פאַרן אייגענעם גוירל.

ער האָט זיך מיטאמאָל דערוווּסט, אז די טויוועס, וואָס ער האָט געטאָן

די פּויערים, רעכענען זיי גאָר פאַר קיין טויוועס ניט. ער האָט דערפילט, אַז אַלע זײַנען קעגן אים און ער איז איינזאַם. וואָס מער ער האָט געפילט, אַז די פּויערים האָבן אים פײַנט, אַלץ מער האָט ער זיך געניטיקט אין נאָענטע, אין אייגענע. אָבער די אייגענע האָבן ניט געוואָלט האָבן מיט אים צו טאָן. ראַכמיִעל איז געוויינלעך געווען פאַרהאַוועט. ער האָט געהאָרעוועט, און ווי נאָר אַ פרײַע שאָ, האָט ער עפּעס געמײַסטרעוועט אין דער שטאַל.

דער פֿאָטער האָט אויסגעמיטן טאַנכומס שטוב, האָט מיט אים ניט גערעדט.

ער איז גאַנצענע טעג אָפּגעזעסן אין שטיבל אַ בייזער, אַ פאַרביטערטער. פּויערים האָבן איבערגעגעבן, אַז ער ווערט אָפּט פאַרפאַלן, וואַנדערט אַרום מיט אַ זעקל אונטערן אָרעם. טאַנכומען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז מענטשן לאָזן אַרויס אַזוינע קלאַנגען, קעדיי אים צו פאַרשוואַרצן דאָס פּאָנעם, אַז ער, אַ רײַכער, אַ באַלעבאָס, וואָס האָט צוגענומען דעם פֿאָטערס ערד, דערלאָזט, אַז דער פֿאָטער זאָל גיין איבער די הײַזער.

ער האָט געוואָלט דערווײַזן, ווידעראַמאָל אויסרעכענען אַלע טויוועס, וואָס ער האָט געטאָן דעם פֿאָטער, די ברידער, די פּויערים. די געקומענע פון דער מילכאָמע זײַנען ערגעץ געפאָרן אַף מיטינגען אין די אַרומיקע דערפער, אַף סכאָדן און האָבן זיך יעדעס מאָל אומגעקערט אין דאָרף אַרײַן מיט נײַעס.

די נײַעס האָבן נאָכדעם אַרומגעפּויזעט איבער הויפן, איבער הײַזער, איבערן גאַנצן דאָרף. טאַנכום האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן די רעדלעך און זיך אײַנגעהערט, וואָס מע רעדט. מע האָט דערציילט, אַז דאָוויד קאַבאַ געפינט זיך דאָ ניט ווײַט פון דער היים און אַז ער דאַרף אַהער קומען.

— דאָוויד? — האָבן זיך די פּויערים געוווּנדערט און געפרעגט, — ער איז דאָך שוין לאַנג באַ זיי... באַ די באָלשעוויקעס. אָפּן זאַוואָד אין שטאָט איז ער צוגעשטאַנען צו זיי. ער האָט דאָך נאָך לאַנג געאַרבעט, מ'זאָל די ערד צעטיילן און ס'זאָל גרינגער ווערן דעם אָרעמאַן אַ ביסל... וואָס, געדענ־קען מיר ניט, ווי ער פלעגט קומען, שטילערהייט צונויפקלײַבן דעם אוילעם און דערציילן און דערציילן?.. אַלץ פון די הײַנטיקע זאַכענישן האָט ער גע־רעדט...

— איך געדענק אַליין, אָט פּונקט ווי ס'קומט איצטער פאָר, האָט ער גע־רעדט, טאַקע ווי מ'וועט די ערד באַ די גרויסע באַלעבאַטים צונעמען... איר האָט נאָך ניט געוווּסט וועגן דעם, ס'איז אַלץ געווען אַ סאָד, דער אוריאַדניק זאָל זיך ניט דערוויסן, נאָר אונדז האָט ער אַלץ דערציילט, — האָט מיכל מאַכ־לין זיך באַרימט. — און נאָכדעם, אַז מיר זײַנען אַוועקגעפאָרן אַף די פּאָזי־ציעס, דאָרט האָבן מיר זיי ערשט געטראָפן, זײַנע כעוורע. זיי האָבן פעסט אָן אַרבעט געטאָן, צום קייסער אַ סאָף געמאַכט, צו דער מילכאָמע אַ סאָף... אָט דאָס זײַנען טײַערע כעוורע!.. כעוורע מיט קעפּ, קענטיק!..

דעם אַלטן האָבן די דאָזיקע נײַעס אופגעמונטערט. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי דאָוויד פלעגט דערציילן, אַז מ'וועט זיך אָפּרעכענען מיט די באַלעבאַטים.

— מ'וועט זיך אָקאָרשט אָפּרעכענען מיט טאַנכומען איצט, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — זיי וועלן באַ אים אַנדערש אַ בעט טאָן די ערד אונדזערע... ער וועט פאַרשפּאָרן צו פאַרכאַפּן מײַן ערד, דער טרייפענער ביין!..

ס'איז שוין געווען סאָף ווינטער. אַ שוואַרצע, אָן אופגעיווירענע איז אַרויס די ערד פון אונטער דעם ווײַסן שנייִיקן צודעק. ריטשקעס האָבן זיך געטראָגן איבערן סטעפּ און זיך אַרײַנגעגאָסן אין רווישיקע באַלקעס, ביז אַ פּרעסטל האָט ווידער פאַרהאַרטעוועט די ערד.

דער אַלטער האָט גענומען גיין אין סטעפּ אַרײַן. ס'האָט אים אַ צי געגעבן צו דער אייגענער ערד. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַרום יעדן בערגעלע, האָט זיך אײַנגעבויגן און געריִעט דעם באָדן.

יעדעס שטיינדעלע האָט אים דערמאָנט דאָס אָרט, ווו ער האָט זיך אַמאָל איבערגעקערט מיט אַן אַרבע, ווו די פערד זײַנען צוגעשטאַנען, ווו ער האָט אַן אַקס צעבראָכן, ווו ער האָט עפּעס אָנגעוואָרן, פון אונטערן באָדן האָט ער אַרויסגענומען אַ פּאָר קערנדלעך, געטאַפּט מיט די פינגער, באַטראַכט, ווי זיי וואַקסן זיך פאַנאַנדער.

מיטן סטעפּוועג האָט זיך פון ערגעץ אָנגעטראָגן טאַנכום.

ער איז אומגעפאָרן איבערן סטעפּ, האָט באַטראַכט דעם ווינטער־פּאַרזיי און דערזען, אַז אַף זײַן מעזשע דרייט זיך עפּעס אַרום אַ מענטש.

— וואָס זוכט איר דאָ? — האָט ער באַלעבאַטיש־שטרענג געשריִען. — ראַק מע טוט אָן שאָדן... צוליב וואָס טרעט איר איבער אַ פאַרזייטער דעסיאַטין? — דער אַלטער האָט זיך אַ קער געטאָן, און טאַנכום האָט דערקענט דעם פאָטער. דער אַלטער איז געוואָרן צעטומלט.

— איך טאָר שוין אַף מײַן אייגענער ערד ניט קוקן? — האָט ער מיט אַ כריפּענדיק קאָל צוריקגעשריִען און אופגערעגט געסאָפּעט.

טאַנכום איז געלאַסן צוגעגאַנגען און האָט זיך פאַרענטפערט:

— איך האָב געמיינט, אַז ס'איז אַ פרעמדער... איך האָב פונווײַטן ניט דערקענט...

באַם אַלטן זײַנען אַפן צעקנייטשטן האַלדז אָנגעלאָפן בלויע אָדערן. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן און זיך אַרופגעוואָרפן אַפן זון. טאַנכום האָט זיך אַ רעגע צעטומלט און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. ער איז אָפּגעשפּרונגען אין אַ זײַט, איז אַרוף אַפן וואָגן און האָט זיך געלאָזט פאָרן.

— וואָס שרײַסטו? — האָט ער, אומקערנדיק דעם קאָפּ אַף הינטן, געפרעגט.

ער איז אָפּגעפאָרן אַ ביסל, האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געגעבן אַף הינטן און דערזען, ווי דער פאָטער שטייט, דראָט אים מיט צוויי אופגעהויבענע פויסטן און שרײַט עפּעס.

טאַנכום האָט געטריבן די פערד, ווי עס וואָלט אים עמעץ נאָכגעיאָגט.

7

די יעדיִע, אַז דאָוויד געפינט זיך ניט ווײַט, האָט פריידלען אופגעמונטערט. זי האָט טאָג־אײַן טאָג־אויס מיט אומרו אַף אים אַרויסגעקוקט. זינט ער איז דאָס לעצטע מאָל אוועקגעפאָרן, האָט זי בלויז געקראָגן פון אים עטלעכע

בריוו. זי האָט געוווּסט, אַז מע האָט אים צוגענומען אויף דער מילחמה. דער־נאָך האָט זי אַ לאַנגע צײַט פֿון אים ניט געהערט.

זי איז אַלע ווײַלע געלאָפֿן זיך פֿאַנאַנדערפֿרעגן בײַ די געקומענע פֿון דער מילחמה, וואָס זײַנען אָפֿט געפֿאָרן אויף פֿאַרזאַמלונגען פֿון די סאָלדאַטישע קאָמיטעטן, צי זיי האָבן טאַקע איר ברודער געזען. אין איינעם אַ פֿאַרטאָג האָט זי מיטאַמאָל דערזען פֿאַרן שטיבל אַ ברייטפּלייציקן הויכן מענטשן אין אַן אָפּ־געריבענעם סאָלדאַטישן אָנצוג, וואָס האָט דורך די קאַרטאָפֿל־גערטנער פֿאַרקע־רעוועט צום הויף. דאָס האַרץ האָט איר גענומען קלאַפּן. ווי אַ ווינט וואָלט זי אַ יאָג געטאָן, האָט זי זיך געלאָזט אַנטקעגן. זי איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין לעבן דעם מענטשן און האָט לאַנג ניט דערקענט.

פֿונעם ערשטן בליק האָט דאָוויד באַמערקט, אַז מיט דער שוועסטער איז עפּעס געשען, אַז זי טראָגט אין האַרצן עפּעס אַ שווער געפֿיל.

— נו, ווי לעבסטו? — האָט דאָוויד עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד איבערגע־פֿרעגט. — וווּ איז ראַכמיִעל, וווּ איז דער שוואָגער?..

פֿריידל איז געשטאַנען אַ צעטומלטע, האָט געוואָלט עפּעס רײדן, דערציילן און קיין ווערטער ניט געפֿונען.

איר יִינגל איז געשטאַנען אין אַ ווינקעלע און האָט מיט נײַגעריקע דער־שראָקענע אויגן געקוקט אויף דאָווידן.

— ס׳איז דײַנער? — האָט דאָוויד אַ פֿרעג געטאָן, — ווי רופֿט מען דיך? אַ?

פֿריידל איז צוגעגאַנגען, האָט דאָס יִינגל אַ גלעט געטאָן און אים פֿאַריכט דאָס היטעלע אויפֿן קאָפּ.

— זאָג אים, מײַן קינד, ווי מע רופֿט דיך... ס׳איז דאָך דײַן פֿעטער.

דאָוויד האָט צוגעטוליעט צו זיך דאָס יאַטל, פֿאַרבראַכט מיט אים אַ ווײַלע. ער האָט איצט דײַטלעך געזען, אַז אין די אויגן פֿון דער שוועסטער האָט גע־צאַנקט עפּעס אַ פֿאַרטרויערט פֿײַערל.

— פֿאַרוואָס דערציילסטו מיר גאָרנישט? ווי האָט זיך דיר געלעבט פֿאַר דער צײַט?

— וואָס זאָל איך דערציילן, — האָט זי אַ פֿאַרביטערטע אָנגעהויבן, — איך בין דאָ געגנוג אויסגעריסן געוואָרן מיטן קינד... ער איז אַוועק אויף מילחמה, און איך האָב געאַרבעט בײַ טאַנכומען... נו, וואָס זאָל איך דיר דאָ נאָך דער־ציילן?..

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן, געקעמפֿט מיט זיך אַליין. אַ סך מאָל אין שווערע מינוטן האָט זי געטראַכט: ווען דאָוויד זאָל אויף אַ מינוט קומען, וואָלט זי זיך פֿאַר אים אויסריידן דאָס האַרץ, אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך דעם ביטערן קנויל פֿון באַליידיקטע געפֿילן, וואָס וואַרגט זי קעסיידער.

זי איז געוואָרן בלאַס, די אויגן האָבן זיך אָנגעפֿילט מיט טרערן. און מי־טאַמאָל האָט פֿון איר אַ שפּאַר געטאָן אַלץ, וואָס האָט זיך פֿאַר דער צײַט אָנ־געקליבן אין איר האַרצן, און אירע ליפּן האָבן אַליין געשעפּטשעט:

— דאָס לעבן האָט ער מיר צעבראָכן... דער הונט... איך קאָן דאָך מײַן ראַכמיִעלן ניט קוקן אין די אויגן.

— ווער... טאַנכום? — האָט דאָוויד איבערגעפֿרעגט און איז געוואָרן בלאַס. דאָס בלוט האָט אים אַ קלאַפּ געגעבן אין קאָפּ, אין האַרצן האָט אופֿגעשווימט אַ רעציכע.

ער האָט זיך דערמאָנט, וואָס די געקומענע פֿון דער מילכאָמע האָבן אים דערציילט אין קאָמיטעט וועגן דעם, ווי‍אַזוי טאַנכום האָט די ערד פֿאַרכאַפּט. ווי‍אַזוי ער האָט זיך איבער די ווײַבער איזדיעקעוועט.

אַ היפּשע ווײַלע האָט אינווייניק אין אים געשטורעמט, ער האָט געקריצט מיט די ציין. אָבער ער האָט זיך מיט אַלע קויכעס באַהערשט.

אַ ביטערער ווייטעק האָט אים פֿאַרקלעמט דאָס האַרץ פֿאַר דער שוועסטערס באַליידיקונג. ער האָט זי געגלעט איבערן קאָפּ.

— וויין ניט, — האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט. מיטאַמאָל האָט ער זיך אופֿגעהויבן און האָט שטרענג געזאָגט:

— נישקאָשע... מיר וועלן זיך אָפּרעכענען... מיט אַלעמען וועלן מיר זיך אָפּרעכענען...

פֿריידל האָט זיך געשטאַרקט. זי האָט אײַנגעהאַלטן אין זיך די טרערן, נאָר דאָס פּאָנעם האָט נאָך אַלץ געברענט פֿון בושע, דאָס האַרץ האָט געקלעמט פֿון ווייטעק. דאָוויד איז אַן אופֿגערעגטער אַרומגעגאַנגען איבערן שטיבל.

— ווו איז ראַכמיִעל? ווו איז דער שווער? — האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעפֿרעגט.

— דער שווער איז אַוועק ערגעץ, ראַכמיִעל אַרבעט דאָך ווידער דאָרט...— זי האָט אָנגעוויזן מיטן פֿינגער צו טאַנכומס שטוב.

— באַ טאַנכומען, — האָט דאָוויד שטיל אַ זאָג געטאָן. פֿאַרביסן די ליפּן, זיך אַ ווײַלע פֿאַרטראַכט און נאָכאַמאָל איבערגעכאַזערט:

— מיר וועלן זיך פֿאַר אַלץ אָפּרעכענען.

8

נעכאָמע האָט לאַנג געהאַלטן אין איין אײַנריידן טאַנכומען, ער זאָל זיך צוכאַפּן אין אַ זונטיקדיקן טאָג אויף אַ מאַרק און קויפֿן אַ האַלב צענדליק גענדז.

— מיר האָבן דאָך שוין געקענט האָבן אַ פֿולן הויף אייגענע גענדז... שוין וויפֿל יאָר נאָך אונדזער כאַסענע, און כ׳קען זיך באַ דיר ניט אײַנבעטן... אַ באַלעבאַטישער הויף, קיין אײַנהאָרע, און ס׳זאָלן ניט אַרומגיין קיין אייגענע גענדז?

— ס׳פֿעלט מיר מער ניט... זיי ליגן מיר אין קאָפּ, דײַנע גענדז, — איז טאַנכום אָנגעפֿאַלן אויף דעם ווײַב, — אויף וואָס וועסטו זיי אָנפֿלאָדיען? אַ פֿור זאָל זיי איבערפֿאָרן, קאָרשונעס זאָלן זיי אויסכאַפּן? האָסט דאָך ניט, ווער עס זאָל אַרומגיין אַרום זיי... פֿאַר וועמען וועל איך אָנלעבן, פֿאַרן טײַוול זאָל איך אָנלעבן?

דאָס ווײַב האָט ניט אופגעהערט ארומצוגיין און בורטשען, לעמיי ער פאָרט אלץ ניט.

— ס'איז דאָ א גאנדז, איז דאָ שמאלץ, איז דאָ א שטיקל פלייש, איז דאָ א גריוועגע, ס'קומט צו א קישן אין בעט אריין, ס'איז דאָ א פליגל ארומצווישן די וועגט, — איז זי איינמאָל א זונטיק פארטאָג צו אים צוגע־שטאנען. — לאָמיר זיך דורכפאָרן אף א מארק, די פערד שטייען סײַווי, מע דארף זיי דאָך א ביסל דורכיאָגן.

ער האָט אומצופרידן ווידער עפּעס א בורטשע געטאָן, איז ארוים אין הויף, האָט ארויסגעקאטשעט דעם נײַעם וואָגן פון דער קלוניע, ארויסגעטראָגן די זברויע פון שטאל און געגומען שפאנען.

— טו זיך אָן, נו, — האָט ער ארײַנגעשטעקט דעם קאָפּ אין טיר, — ס'האָט זיך איר פארוואָלט אפן מארק.

נעכאמע האָט זיך גיך אָנגעטאָן, זיך ארומגעוויקלט מיט א ווארעמען שאל און איז צוגעגאנגען צום וואָגן. טאנכום האָט אײַלנדיק צוגעטשעפעט די גרינע זיץ[1], פארריכט דעם שפאן און געהייסן דעם ווײַב קריכן אפן וואָגן.

— סטאָי, — האָט ער א כאפּ געטאָן די ווישקעס, באמערקנדיק, אז די פּאָר יונגע שווארצע לאָשיצעס ווילן זיך רירן, — ווּהין טראָגט איַך... סטאָי!

דער באלעבאָס איז מיט איין שפרונג ארוף אפן וואָגן, האָט אָנגעשפּארט זיך אף דער זיץ, און די פערד האָבן גענומען פאָרן.

— ער פאָרט, קענטיק, צוגאסט... ער האָט דעם נײַעם וואָגן געשפּאנט, — האָבן פויערים אים ארויסבאגלייט, באטראכטנדיק פונוויַיטן די פּאָר לאָשיצעס.

דער וואָגן האָט זיך האסטיק געטראָגן, אונטערשפרינגענדיק איבער די הרודעס.

— מע דארף צוויילן. אויב פאָרן צו א מארק, דארף מען קומען מיט לײַטן גלײַך, — האָט ער אונטערגעבורטשעט אונטער דער נאָז און א פּאָר מאָל א צי געטאָן די ווישקעס, די פערד זאָלן ווײַטער פאָרן.

צום מארק איז ער צוגעפאָרן מיט באלעבאטישער ווירדע, האָט אויסגע־צאמט די פערד, אוועקגעלייגט אף דר'ערד א ביסל היי און זיך געלאָזט גיין צווישן די פויערים, פויערטעס, צווישן די פורן, אָנגעלאָדענע מיט אויפעס, מיט אויבס, מיט געגלייזטע טעפּ.

באקאנטע פויערים פון ארומיקע דערפער און כוטערלעך האָבן זיך פאר־נייגט פארן יונגן באלעבאָס.

— וואָס האָסטו געבראכט גוטס אפן מארק און וואָס זוכסטו גוטס? — האָט מען אים יעדע ווײַלע פארהאלטן, און ער האָט שטילערהייט אפן אויער, ווי ער וואָלט א סאָד אים אײַנרוימען, איבערגעפרעגט:

— וואָס הערט זיך גוטס?.. איר קלײַבט זיך מיסטאמע די ערד טיילן... אומעטום די זעלבע נײַס — אף א קייווער וועט סטײַען יעדערן, אז מע וועט אזוי טיילן. — ער האָט פארביסן ארויסגעלאָזט א דינינק שטעכיק געלעכטערל

---

[1] זיץ — דאָס וויגעלע, וואָס מע טשעפּעט צו צום וואָגן אף צו זעצן זיך.

און געפּרוּווט אַרויסציִען פון די פּויערים נײַעס, וואָס מע רעדט אין די אַרומיקע דערפער.

— דו קלײַבסט זיך ווערן אַ גוויר, וויפל האָסטו קינדער?.. אַ ווײַב האָסטו דאָך אַ געזונטע, האָט זי געקינדלט?.. אַ צענדליק האָסטו? טראַכטסט מיסטאַמע, אַז מ׳וועט די ערד טיילן לויט נעפאַשעס...

אַ היפּשע ווײַלע איז ער אַרומגעגאַנגען איבערן מאַרק, האָט איבערגע־פרעגט, ווער עס האָט וויפל קינדער, און אַפּגיך געכעזשבנט, וויפל ערד ער וועט קריגן, אויב מ׳וועט טאַקע טיילן, ווי די פּויערים ריידן.

— אַ מאַקע אַף זיי... אויספּייגערן זאָלן זיי אַלע, ווי איינער! צו זיי אין די הענט וועט אַרײַנפאַלן די גאַנצע ערד, — האָט ער פון פאַרדראָס געגנומען בורטשען. די קינע, דער וויטעק זײַנען בא אים אַלץ אָנגעוואַקסן.

— גיב אַ קוק די געגדז... קום נאָר אַהין... קום אַפּגיך, ער וועט זיי נאָך עמעצן פאַרקויפן, — האָט אים, לאַנג אַרומזוכנדיק איבערן מאַרק, אָנגעיאָגט דאָס ווײַב.

— לאָז מיך צורו מיט דײַנע געגדז... זעסט דאָך, אַז איך רייד מיט מענטשן, — האָט טאַנכום אָפּגעענטפערט און איז ניט גערן צוגעגאַנגען צו אַ פּולער פור מיט געגדז.

— וואָס ווילסטו פאַר אַ גאַנדז? — האָט ער, טאַפּנדיק די געגדז אונטער די פליגלען, אונטער די בײַכער, אַ פרעג געטאָן. — האָסט נאָך מיסטאַמע אין דער היים איבערגעלאָזט אַ היפּש ביסל געגדז...

ער האָט אַפּגיך מיטן אויג געפּרוּווט איבערציילן די געגדז, נאָר דער פּויער האָט, מוירע האָבנדיק פאַר אַן אײַנהאָרע, פאַרשטעלט דעם וואָגן.

— ס׳זײַנען נאָך געבליבן עטלעכע אין דער היים אַף פלאָד, דאָס איז גאָר... אַ האַנט איז בא מיר אַ גרינגע, קויפסטו די געגדז, וועט בא דיר פול ווערן דער הויף.

— ס׳פלאָדיען זיך בא אײַך געגדז און קינדער, און ערד קריגט איר, וואָס פעלט אײַך, קאַדאַכעס? — האָט אים טאַנכום איבערגעשלאָגן און אַ ווונק געטאָן צו דעם ווײַב, זי זאָל זיך באַדינגען אַפּגיך.

— שוין צײַט אַהיים פאָרן, אין דער היים איז קיינער ניט געבליבן אַרום דער כודאָבע.

ער האָט זיך געלאָזט גיין אײַנשפּאַנען די פערד. דאָס ווײַב האָט עפּעס נאָכגעשריִען. זי איז געשטאַנען, אַלץ געדונגען זיך, אומגעקערט זיך צוריק און איז פונסנײַ אַוועקגעגאַנגען, האָט אויסגעריסן אַ פּאָר פעדערן, געבלאָזן דעם פוך, געפּרוּווט אָנטאַפּן דאָס לײַב. בא אַ האַלבער שאָ האָט זי זיך אַזוי געדונגען.

— אָן איבעריקן קאַרב האָט ער געוואָלט בא מיר אַרויסרײַסן, — האָט זי, טראָגנדיק די געגדז צום וואָגן, שטיל דערציילט דעם מאַן, ווי זי וואָלט זיך פאַרענטפערט, לעמײַ זי האָט זיך אַזוי געזאַמט.

— בינד זיי גוט צו, זיי זאָלן אינמיטן וועג ניט אַרויספליִען. בינד צונויף די פליגל און די פיס... די שטריק בינד צו צום וואָגן. גיב גוט אַכטונג.

זי האָט זיך געפּאָרעט א ווײַלע ארום די גענדז, נאָכדעם האָט איר טאַנכום געהייסן ארוף אפן וואָגן און זיך געלאָזט פאָרן.

א שטיק וועג איז ער אָפּגעפאָרן געשווינד. ס'האָט אים געברענט א קאַס אף דעם ווײַב. ער איז געווען בייז און אופגעבראַכט אף די פּויערים, וואָס האָבן א סאַך קינדער און ס'וועט זיי אָנקומען א סאַך ערד. ער איז געפאָרן אהער אָנהערן זיך מיט נײַס, טרייסטן זיך, און זיי האָבן אים געמאַכט נאָך שווערער אפן הארצן.

— ווערט עס געהארגעט!.. צו וואָס האָב איך געטריבן די פערד אומזיסט? כ'וואָלט געוווסט אזוינס, וואָלט איך ניט געפאָרן, — האָט ער צו זיך געערדט.

— וואָס בייזערסטו זיך, וואָס ביסטו אין קאַס? — האָט דאָס ווײַב געלאָסן געפרעגט מיט מוירע, אז זי זאָל אים נאָך מער ניט אופברענגען. ער האָט געשוויגן, א היפּשע ווײַלע געשטיקט אין זיך דאָס אופגעבראַכטע געפיל און צום סאָף ניט אויסגעהאַלטן:

— טאָמער טיילט מען טאַקע די ערד, בא וואָס וועל איך בלײַבן? אָן אונ־טערגעהאַקטער בוים בין איך, איינער אליין מיט צען פינגער, א בוים אָן צווײַגן בין איך... כ'וואָלט דאָך איצט געווען מיט לײַטן גלײַך. כאַפּט זיי דער רוען, זאָלן זיי נעמען די ערד, מײַן אייגנס וואָלטן זיי דאָך ניט צוגענומען.

— וואָס ווילסטו? וואָס עסטו מיך, ווי א וואָרעם? ווער איז שולדיק?..

— איך בין שולדיק, וואָס? איך?..

פון פאַרדראָס און באליידיקונג האָט נעכאַמע זיך א כאַפּ געטאָן, געוואָלט זיך ארופוואַרפן אפן מאַן. די אָפּטע ליידן, וואָס זי האָט קיין קינדער ניט, האָט איר פארקלעמט דאָס הארץ. און זי איז גרייט געווען זיך פאַנאַנדערוויינען.

— כ'ווייס ניט, ווער ס'איז שולדיק, — האָט נעכאַמע שטיל א זאָג געטאָן.

— הייסט עס, מיינסטו, אז איך בין שולדיק? — האָט טאַנכום אָן אופגע־בראַכטער א קוק געגעבן אף איר. ער האָט קיינמאָל ניט געטראַכט, אז מ'דאַרף אף א קינד וואַרטן, ארויסקוקן. ער איז געווען שטענדיק זיכער, אז ס'קומט פון זיך אליין, ווי א פּרוכט פון א בוים, ווי א געוויקס פון דער ערד, ווי לעהאַוודל דער „פּריפּלאָד" בא א באַשעפעניש.

— ניט אנדערש, ווי עמעצער האָט אונדז פאַרשאָלטן, טאַנכום, — האָט נעכאַמע מיט א זיפץ א זאָג געטאָן.

— פאַרוואָס האָט מען גראָד אונדז פאַרשאָלטן? — האָט טאַנכום א פאַר־ביטערטער געענטפערט. — אין אונדזער מישפּאָכע האָט קיינער קיינמאָל פון אזא אומגליק ניט געוווסט... מײַן מאַמע האָט זיבן זין געבאָרן, פיר פון זיי זײַנען געשטאָרבן.

— און מײַן מאַמע האָט מיך ניט געבוירן? — האָט נעכאַמע אים איבער־געשלאָגן.

— איז ווער זשע איז שולדיק, ווער? — האָט טאַנכום אָנגעהויבן טײַנען, — וויפל טרופעס מיר האָבן שוין ניט געטאָן און גאָרנישט העלפט דאָך ניט... פונוואַנען האָסטו זיך גענומען אף מײַן קאָפּ, צאָרע דו... פאַרוואָס ביסטו עמעצן אן אנדערן ניט אָנגעקומען?!

— און דו ביסט פֿאַרוואָס מיר אָנגעקומען? — איז נעכאמע געוואָרן אויסער זיך. — כ'האָב דיך געדאַרפֿט אױף טישטשע קאַפּאָרעס... וואָס פֿאַר אַ רוען האָט דיך צו מיר אָנגעטראָגן, קאַרג כאַסאַנים זײַנען נאָך מיר נאָכגעגאַנגען...

— כּיי וואָלט איך בעסער אַ פּוס אויסגעבראָכן, איידער כ'בין צו דיר דערגאַנגען, — האָט טאַנכום זיך אַנגעהויבן שילטן.

נעכאמע האָט דערפֿילט, אַז זי איז געוואָרן דערווידער טאַנכומען. זי האָט ניט געקענט אַריבערטראָגן, ווי ער וואַרפֿט זיך, ווי ער שלײַדערט זיך. צו אַלץ, וואָס ס'האָט זיך אים נאָר געטראָפֿן אונטער דער האַנט, האָט ער אויסגעלאָזן דעם קאַס. דאָס האַרץ האָט איר אויסגעריסן, ווען ער האָט נעכטן געשלאָגן די צווייאָריקע טעלעצע, וועלכע האָט זיך גערדרייט, ווען ער האָט איר אַרײַנגע־וואָרפֿן אַ ביסל היי.

כאַפּנדיק זיך, אַז ער האָט געקענט אַ קלאַפּ טאָן די קאַלב אין זײַט און זי קען כאַסוועשאַלעם אַפּוואַרפֿן, האָט ער אָנגעהויבן אָויסלאָזן דעם קאַס צו נעכאמען.

— אַלץ צוליב דיר! בעסער דיר געדאַרפֿט אַרײַנטיילן די קלעפּ, דיר וועט סײַווי גאָר ניט שאַטן, און די טעלעצע איז קעלביק...

די שמערצן פֿון די באַליידיקונגען, וועלכע האָבן זיך אָנגעקליבן אין נעכאמעס האַרץ, האָבן פּלוצעם זיך דורכגעריסן, און זי האָט זיך פֿאַנאַנדער־געוויינט.

— וואָס האָסטו צו מיר, ריבוינע־שעל־אוילעם, פֿאַרוואָס האָסטו מיך אַזוי פֿאַרשאָלטן? זאָל בלינד ווערן דאָס אויג, וואָס האָט קרום אױף מיר אַ קוק גע־געבן, זאָל עס קיינמאָל די ווײַסע וועלט ניט זען, דערפֿאַר וואָס עס האָט מיך אַזוי אומגליקלעך געמאַכט! — אויסגעגאָסן איר ביטער האַרץ, האָט נעכאמע כליפּענדיק געוויינט.

טאַנכום האָט געשוויגן און געהאַלטן אין איין טראַכטן וועגן פֿריידלס קינד, וועלכן זי האָט מיט אַ פּאָר כאַדאָשים צוריק געבוירן. עפּשער איז עס טאַקע זײַנס? דאָס האַרץ איז בא אים פֿול געוואָרן מיט פֿאָטערלעכער צערט־לעכקײַט.

— אַ ייִנגל, כ'האָב שוין פֿיר זין געקענט האָבן, — האָט ער מיט פֿאַרדראָס אַ טראַכט געטאָן.

ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט, ווי ער נעמט דאָס קינד אױף די הענט און עס שאַרט אים מיט די הענטלעך די האָר, וואַרפֿט און שפּרינגט אונטער מיט די פֿיסלעך, צעעפֿנט דאָס מײַלכל און לאָזט אַרויס קלאַנגען:

— טאַ־טאַ־טאַ...

אומבאַמערקט איז ער אַרײַנגעפֿאָרן אין דאָרף, האָט פֿאַרקערעוועט צו זיך אין הויף, אויסגעשפּאַנט די פֿערד און געהייסן דעם ווײַב אַראָפּנעמען די געגנדז פֿון וואָגן.

— פֿאַרשפּאַר זיי אין שטײַג, ביזוואַנען זיי וועלן זיך צוגעוווינען צום הויף, — האָט ער איר פֿאַרזאָגט, — האָסטו געקויפֿט געגנדז, גיב אַכטונג אױף זיי.

9

אין אָוונט האָט טאַנכום זיך אָנגעהויבן ערגעץ קלײַבן.

װוּהין גייסטו עס? — האָט נעכאַמע אים אָנגעיאָגט לעבן טויער.

טאַנכום האָט עפּעס א בורטשע געטאָן און איז ווײַטער אוועק. נעכאַמע איז געשטאַנען א ווײַלע און האָט נאָכגעקוקט, וווּהין ער האָט פאַרקערעוועט.

— וואָס דרייט ער זיך דאָרט אַזוי אָפּט אַרום, — האָט זי א טראַכט געטאָן, באַמערקנדיק, ווי ער פאַרקערעוועט צום טאַטנס שטיבל.

טאַנכום האָט זיך לאַנג הין און צוריק אַרומגעדרייט אַרום פענצטער. נאָכדעם איז ער צוגעגאַנגען צו דער טיר, שטיל, גאַנוועוענדיק זיך, איז ער אַרײַנגעגאַנגען אין שטיבל. מיט צעשראָקענע אויגן האָט ער זיך אַרומגעקוקט א ווײַלע אין פאָדערצימער און איז אַרײַן אין צווייטן צימער.

— ס'איז קיינער ניטאָ, אַפּאָנעם, — האָט ער צו זיך א זאָג געטאָן און דערזען אין ווינקל א וויגעלע. אין וויגעלע איז א שמייכלענדיקס געלעגן דאָס קינד. דאָס קינד האָט אַלע ווײַלע אופגעהויבן א פיסעלע און געצויגן די הענטלעך אַרוף, ווי עס וואָלט זיך װעלן מיט עפּעס שפּילן. מיט א קלאַפּנדיק האַרץ איז ער צוגעגאַנגען צום וויגעלע, האָט געקוקט אַפן יינגעלע מיט צאַרטע בליקן, און איין געדאַנק האָט אים נאָר אין קאָפּ געקלאַפּט:

— ס'איז מײַנס?... ס'איז מײַנס?

ער האָט עס א כאַפּ געטאָן אַף די הענט, צוגעדריקט צום האַרצן, געגלעט עס, און צערטלעכע ווערטער האָבן זיך מיטאַמאָל א שאָט געגעבן פון זײַן מויל.

— קינדעלע... װעוויריקל מײַנס, א־א־א... פּיצינקער מײַנער. אַך דו, וואָס קוקסטו? ביסט מײַנס, יינגעלע?

דאָס קינד האָט צעשראָקן געקוקט, דאָס שמייכעלע איז אָוועקגערונען פון פּענעמל, און ס'האָט גענומען וויינען.

—א־א־א־א, — האָט טאַנכום עס גענומען אײַנשטילן, וויגנדיק עס אַף די הענט. ער האָט אָנגעטאַפּט אין קעשענע א שטריקל פון א זאַק און א פּאָר פאַרזשאַווערטע טשוועקעס, וואָס ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון א האָלץ. ער האָט צוגעבונדן די טשוועקעס צום שטריקל און גענומען קלינגען.

— זע א צאַצקעלע, איַ־איַ־איַ, א צאַצקעלע, ס'קלינגט, איַ, ווי עס קלינגט...

דערהערנדיק די קלינגערײַ, האָט דאָס קינד נאָך שטאַרקער גענומען וויינען.

— ווי איז מיר, ס'רײַסט זיך נעבעך אַפן בויך, — איז פון דרויסן אַרײַנגעלאָפן א פאַרסאָפּעטע פרײדל.

פון דער אומגעריכטער באַגעגעניש איז זי געבליבן שטיין א רגע א פאַרלאָרענע. זי האָט א כאַפּ געטאָן דאָס קינד, צוגעדריקט צו דער ברוסט און גענומען עס אײַנשטילן.

— א־א־א־א...

— וואָס ביסטו געקומען?.. וואָס ווילסטו? — האָט זי, ווערנדיק רויט, א פרעג געטאָן.

— איך בין אַרײַן... — האָט טאַנכום אָנגעהויבן, און די צונג האָט זיך אים פאַרטשעפּעט, — איך בין אַרײַן אַזוי...

ער איז צוגעגאַנגען נאָכאַמאָל צום קינד און איבערגעכאַזערט נאָך פרײדלען:

— א־א־א־א־א...

ער האָט געקוקט אויפן קינד און מיטאַמאָל דערפילט עפּעס אייגנס.

— אין וועמען איז עס געראָטן?..

— וואָס ווילסטו? — האָט זי בייז א קוק געטאָן אויף אים, — נאָך וואָס ביסטו געקומען, האָסט מיך קאַרג באַשמוצט, ווילסטו נאָך...

— כ'האָב געמיינט...

— גיי אַוועק, זאָג איך דיר! — האָט זי נאָך שטאַרקער א געשריי געטאָן. — זאָלסט מער אויף מײַן שוועל ניט קומען... וואָס ווילסטו טאָן מיטן קינד?

— כ'האָב געמיינט... — האָט ער ווידער אָנגעהויבן. — כ'האָב געמיינט... כ'האָב געוואָלט א קוק טאָן...

— הער אויף! — האָט זי אופגערעגט געשריִען. — גיי אַרויס! וואָן פונדאַנען!

פון דרויסן זײַנען פון ערגעץ אָנגעקומען דער אַלטער מיט ראַכמיִעלן, און גלײַך נאָך זיי איז אַרײַן דאָוויד.

טאַנכומען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זיי האָבן דערזען עפּעס. ער האָט זיך באַמיט קומען צו זיך, פאַריידן מיט עפּעס, זיי זאָלן ניט באַמערקן.

— וואָס מאַכסטו, טאַטע? — איז ער צוגעגאַנגען צום אַלטן און האָט געקוקט אויף דאָווידן און אויף ראַכמיִעלן.

— א דײַגע דיר, וואָס איך מאַך, — האָט דער אַלטער ניט גערן געענטפערט.

— כ'האָב קאַרג געהאָלפן, כ'האָב עפּעס ווען־עס־איז אָפּגעזאָגט... — האָט ער זיך גענומען פאַרענטפערן. ער האָט א קוק געגעבן מיט א נעבעכדיקן בליק אויף דאָווידן און האַכנאָעדיק ווײַטער געטײַנעט.

— וואָס דאַרפן מיר זיך קריגן... וואָס קאָנען מיר זיך ניט צעטיילן... וואָס דאַרפן מיר נאָך איצט סאָנים זײַן איינער דעם צווייטן, אַז אונדזערער אַן איינענער איז געוואָרן א ווי הייסט דאָס... האַ, דאָדיע?

— איך בין ניט פון דײַנע, — האָט דאָוויד טרוקן א זאָג געטאָן.

— ביסט מיר א פרעמדער?.. א קאָרעוו מײַנער ביסטו... ס'איז באַ מיר זייער אָנגעלייגט האָבן אַזאַ קאָרעוו...

ער איז א ביסל נעענטער צוגעגאַנגען צו דאָווידן און גענומען אים דערמאָנען פון אַמאָל:

— געדענקסט, ווי מיר פלעגן זיך אַמאָל אין פערדלעך שפּילן? וואָס, פלעגן מיר אַמאָל זיך ניט צעקריגן?.. מיר פלעגן זיך צעקריגן און צוריק ווערן גוט. ס'פלעגט טרעפן, אַז איך האָב זיך אַמאָל מיט ראַכמיִעלן אויך צעקריגט פאַר א לעפל באָרשטש, דער טאַטע פלעגט אָנשרײַען... נאָר אייגענע בלײַבן אייגענע...

— וואָס פאַר אַ ברודער ביסטו אים, אַז דו קוקסט נאָר אַרויס ווי צונעמען זײַן ערד, ווי צו מאַכן, ער זאָל מער אַרבעטן אַף דיר, זאָלסט רײַכער ווערן, און ער זאָל זיך מאַטערן, — האָט דאָוויד אים איבערגעשלאָגן. — קיין שום מעכּוטן ביסטו איצט ניט מיט אונדז...

— וואָס פאַר אַ סוינע בין איך אײַך? — איז ער צוגעלאָפן צו ראַ־כמיִעלן. — זאָג דו, וואָס פאַר אַ סוינע?

דאָוויד האָט מיט פאַראַכטונג אַ קוק געגעבן אַף אים. ער איז צוגעגאַנגען צו פריידלען. פריידל איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און האָט געוויגט דאָס קינד אַף די הענט.

— אַזאַ הונט, און קריכט נאָך אין שטוב... — האָט דאָוויד ניט אויס־געהאַלטן.

טאַנכום איז נאָכאַמאָל צוגעגאַנגען צו דאָווידן און האָט אָנגעהויבן שטאַמלען:

— וואָס ווילסטו פון מיר? וואָס ווילסטו מיך מיט אַלעמען צעקריגן?

דאָוויד האָט אים גאָרניט געענטפערט.

טאַנכום איז אָפּגעגאַנגען אָן אַ זײַט, ווי אַ ברויגעזער געקוקט מיט פאַרטײַעטע בליקן אַפן פאָטער, אַף דאָווידן, אַפן ברודער און אַף פריידלען. נאָכדעם איז ער, ווי אַן אָפּגעשמיסענער, אַוועק אַהיים.

10

דער האַרבסט איז אָנגעקומען האַסטיק. טאַנכום האָט זיך צוגעײַלט מיטן פּריִאַקער, מיטן זייען. ווי ס'וואָלט גאָרנישט ניט געשען, האָט ער ווי פריִער געזייט אַף דער ערד, וואָס ער האָט פאַרכאַפּט אין דער צײַט פון מילכאָמע. פּויערים, געוועזענע סאָלדאַטן, זײַנען אַרומגעגאַנגען איבערן סטעפּ און האָבן געזוכט די סימאָנים פון זייערע אַמאָליקע מעזשעס.

— מיר האָבן בלוט פאַרגאָסן, און דער־אָ באַלעבאַטעוועט פראַנק־און־פרײַ אַף אונדזער ערד! — האָבן זיי, אופגעבראַכטע, געשריִען.

— וואָס וואָלט איר געטאָן מיט דער ערד? זי וואָלט דאָך סײַווי פאַרווילדע־וועט געוואָרן, — האָט זיי טאַנכום געפרוּווט אײַנרײדן, — זאָגט אַ דאַנק, וואָס איך האָב זי באַאַרבעט. מײַן אייגענע ערד וואַלגערט זיך. עפּשער וועל איך אָנ־שנײַדן אַ פאָר אַרבעם היי, אַז איך וועל צײַט האָבן...

דער אוילעם האָט געשריִען, געליאַרעמט. פאַר טאַנכומען זײַנען געבליבן צוויי אויסוועגן — אָדער זיך אונטערגעבן, אָפּגעבן די ערד די סאָלדאַטן, שאַ־לעם מאַכן מיט די ברידער, מיטן פאָטער, אָדער בלײַבן צעקריגט מיט אַלעמען. אָפּגעבן די ערד האָט ער ניט געוואָלט, שאָלעם מאַכן האָט ער ניט געקאָנט און בלײַבן צעקריגט האָט ער מוירע געהאַט.

— גיי איינער אליין קעגן אזא אראווע, — האָט ער געטראכט. — אז זיי האלטן זיך אלע צוזאמען, און אונדזערע פּאָר באַלעבאַטים קאָנען זיך איינער דעם אנדערן ניט אָנקוקן, מע פארגינט דאָך ניט איינער דעם צווייטן, וואָס מע לעבט אף דער וועלט.

פון די שכיינישע דערפער זיַינען אלץ דערגאנגען קלאנגען, אז די פּויערים פארכאַפּן די ערד בא די פּריצים.

א בלוטיק־רויטער האָט אין אָוונט געברענט דער הימל און דערציילט וועגן סרייפעס, אומרו און אופשטאנדן.

א גאנצן הארבסט האָט טאנכום געהיניעט אין סטעפּ. ראכמיִעל האָט וויַי־טער געארבעט באַם ברודער. טאנכום האָט זיך באמיט אים איבערבעטן, מיט זיסע ווערטער האָט ער געוואָלט אין אים צוריק אופוועקן ברידערלעכע געפילן. אָבער פארלעשן דעם צאָרן, וועלכן ראכמיִעל האָט געטראָגן אף אים, האָט זיך אים ניט איַינגעגעבן.

ווער סע אקערט, דער וועט שניַידן, — האָט טאנכום זיך געטרייסט.

יודע פּייטראך, וועלכער האָט שטילערהייט אָנגעהעצט קעגן אים, וועמען ער האָט נאָר געקענט, איז מיט א קיוון צוגעפאָרן צו די האָנעס, ווו טאנכום האָט געאקערט, און מיט א גיפטיק שמייכעלע געזאָגט:

— אקערסט סיַיווי פאר יענעם, וועסט שוין אף דער דאָזיקער ערד מער ניט זייען... ס'איז דאָך פרעמדע ערד. וואָס מיינסטו, מ'וועט דיר שוויַיגן?.. צו וואָס דארפסטו אקערן פארן טיַיוול?.. אין די ארומיקע דערפער טוט זיך דאָך כוישעך.

מאכנדיק זיך קלוימערשט פאר טאנכומס א גוטן פריַינט, האָט ער גע־היים און פארבאָרגן געפּרוּווט אופרייצן די פּויערים, זיי זאָלן צונעמען די ערד בא אים, האָפנדיק, אז דערפאר וועלן זיי עפּשער אים ניט טשעפּען.

— מע בורעט קעגן דיר, — האָט מען זיך געריצט מיט טאנכומען, — דיַינע אייגענע ברידער, דיַינע שוטפים בורען קעגן דיר... ווער סע האָט נאָר א צונג, יענער רעדט אף דיר.

— זאָלן זיי בורען... וואָסי, זיי בורען נאָר קעגן מיר? — האָט טאנכום געלאסן אָפּגעענטפערט, — און קעגן איַיך בורען זיי ניט?

— איז דיר גרינגער, אז קעגן מיר אויך? — האָט יודע מיט פארדראָס געענטפערט. — נו, טאקע קעגן מיר אויך, קעגן אלעמען. ווער סע האָט נאָר עפּעס אָנגעלעבט א שטיקל באַלעבאַטישקיַיט, שטעקט עס זיי אין די אויגן...

אָבער די שרעק פארן אייגענעם גוירל האָט אים געשטויסן זיך דערנעענ־טערן צו טאנכומען. ער האָט אָנגעהויבן פּאָרן צו אים, קעדיי זיך אויסצורעדן דאָס הארץ.

— וואָס קאָנען זיי צו איַיך האָבן? — האָט אים טאנכום געטרייסט און אים געגעבן אָנצוהערן, אז ס'וואָלט צייַט געווען, זיי זאָלן צווישן זיך שאָלעם מאכן.

— א באַלעבאָס מיט א באַלעבאָס צעקריגט זיך אמאָל, צעווערטלט זיך און בעט זיך צוריק איבער, מאלע וואָס סע טרעפט זיך...

צוביסלעך האָבן זיך די צוויי באַלעבאַטים אָנגעהויבן דערנעענטערן און זיך צונויפרייַדן וועגן פארשיידענע זאכן, וואָס צו טאָן און וויאזוי זיך נויהעג זיַין אין פארשיידענע פאלן.

די יוסטע באַלעבאַטים זײַנען זיך אָפּט צונויפגעקומען בײַ טאַנכומען אין שטוב און האָבן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן װעגן עפּעס גערעדט. טאַנכום איז װאָס אַמאָל געװאָרן מער צערודערט. ער האָט שטילערהייט געפּרוּװט זיך איבערבעטן מיט די ברידער, מיטן פֿאָטער.

די איינזאַמקײַט האָט אים געטריבן צו זוכן עפּעס אַ נאָענטקײַט אין עמעצן.

— אַז איך בין עלנט... קיינער װעט פֿאַר מיר קיין גוט װאָרט ניט זאָגן, — האָט ער זיך געקלאָגט פֿאַרן װײַב.

טאַנכום איז גאַנצענע טעג אָפּגעשטאַנען אין שטאַל צװישן די פֿערד, צװישן די בעהיימעס און האָט פֿון איינזאַמקײַט גערעדט צו זיך. ער האָט געגלעט די פֿערד, געקעמט זײ די גריװעס.

— ס'זײַנען דאָך ניט מער װי כײַעס, — האָט ער געטראַכט, — שטעל זײ אַװעק אין אַן אַנדער שטאַל, װעלן זײ דינען אַן אַנדער באַלעבאָס...

אין קאָפּ האָבן אים אַלץ אָפֿטער אָנגעהויבן קומען געדאַנקען:

— איבערבעטן זיך מיט די אייגענע... מיר זײַנען דאָך עפּעס פֿון איין בלוט און ביין, פֿון איין לײַב... װאָסי? װעגן דער ערד? קיין פֿערד האָבן זײ דאָך סײַװױ ניט... זײ װעלן דאָך סײַװױ אָנקומען צו מיר...

ער האָט זיך עטלעכע מאָל געלאָזט גיין צום פֿאָטער — און זיך פֿון מיטן װעג אומגעקערט. װען ער האָט זיך אַנטשלאָסן געלאָזט גיין, האָט אים אינמיטן װעג אָנגעיאָגט יודע פּייטראַך מיטן שולץ.

— טאַנכום, ס'איז פֿאַרפֿאַלן! — איז יודע, אַ בלייכער און אַ פֿאַרסאָפּעטער, צו אים צוגעלאָפֿן. — הײַנט נעמען זײ צו די ערד... זײ װילן זי איבערטיילן...

ער האָט געװיזן מיטן פֿינגער צום בעסמעדרעש צו:

— זעסט, זײ קלײַבן זיך... זײ װעלן אַראָפּװאַרפֿן דעם שולץ.

— עק װעלט! — האָט דער שולץ, קוים כאַפּנדיק דעם אָטעם, אַ געשריי געטאָן. — זײ מאַכן אַ טעל פֿונעם פּריקאַז. זײ װעלן פֿאַטערן די פּאַפּירן...

— קומט אַהין, װאָס װעלן מיר שװײַגן? — האָט יודע אים אַ שלעפּ געגעבן, — זאָלן זײ טאַקע װיסן...

יודע מיטן שולץ זײַנען אַװעקגעלאָפֿן. טאַנכום איז אַ װײַלע געבליבן שטיין.

ניט װײַט אַף אַ הויף האָט ער דערזען זאװע־לייבן, דאָװידן. ער האָט זיך האַסטיק געלאָזט גיין, געװאָלט זײ דעריאָגן, נאָר יענע האָבן פֿאַרקערעװעט. פֿון אַלע זײַטן האָבן פּויערטעס און פּויערים געשפּאַנט אַפֿן סכאָד...

11

פֿון װײַטע קאַנטן, פֿון פֿרעמדע לענדער האָבן זיך נאָך אַלץ סאָלדאַטן איינציקװײַז אומגעקערט פֿון דער מילכאָמע, פֿון געפֿענקעניש און האָבן מיט זיך געבראַכט אָן אַ שיר נײַעס פֿון דער װעלט.

אין רעדלעך, אף די הויפן, אף דער גאס, האָבן זיי דערציילט און דער־ציילט אָן א סאָף און אָן א ברעג.

מער פאר אלץ האָט מען דערציילט וועגן דער מילכאָמע און וועגן לעגינען.

— דאָס האָט ער עס געהייסן א סאָף מאכן צו דער מילכאָמע... דאָס האָט ער עס געהייסן צונעמען די ערד בא די פריצים און צעטיילן צווישן די פויע־רים...

— א געזונט אין זײַן ליכטיקן קאָפּ! — האָבן פויערטעס מיט א פריידיק געמיט זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ.

פויערים האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ.

— א קלוגער, קענטיק, טאקע א כאָכעם... זאָל אים גאָט געבן געזונט, וועט ער מאכן א טאָלק אף דער וועלט...

דער רעוווקאָם, וואָס מע האָט אויסגעוויילט אפן לעצטן סכאָד, האָט זיך א נעם געטאָן איבערטיילן די ערד, באזאָרגן די אָרעמע פויערים מיט זריִע און מיט אקער־קראפט.

דער אלטער בערע איז פון רעוווקאָם ניט ארויסגעגאנגען. ער איז גע־זעסן אין א ווינקעלע, האָט זיך צוגעקוקט, ווי מע צעשנײַדט דעם סטעפּ און מע טיילט אײַן יעדן זײַן כיילעק ערד. די עצעם ארבעט האָט אים אויסגעזען, דעם אלטן, אי פײַערלעך אי היימיש. ער האָט ניט אראָפּגענומען די אויגן פו־נעם טיש, וווּ עס זײַנען געזעסן אופגעלייגט, ווי בא זיך אין דער היים, דאָוויד קאבאָ, געדאליע רײַטשוק און מיכל מאכלין.

דער אלטער האָט ווען־ניט־ווען ארײַנגעוואָרפן א וואָרט, געפּרוּווט זיך ארײַנמישן מיט א סוואָרע, אונטערגעזאָגט די צאָל נעפאשעס פון באזונדערע פאמיליעס, אויסרעכענענדיק יעדן בא די נעמען. ער האָט זיך מיטאמאָל דערפילט קרעפטיקער, דער אלטער, מוטיקער. אפן געל־אויסגעדארטן פּאָנעם האָט זיך באוויזן א שמייכעלע, און אין די בלוי־אויסגעלאָשענע אויגן האָט זיך א פײַערל אָנגעצונדן.

זאוול־לייב פלעגט פון מאָל צו מאָל ארײַנלויפן אין רעוווקאָם און זיך צוזעצן לעבן דעם פּאָטער. יעדעס מאָל האָט ער זיך פאנאנדערגעפרעגט, ווען ווי פּל ערד סע קומט אָן.

— נישקאָשע, די באלעבאטים וועט דער רוען ניט כאפּן... זיי קאָנען פאָרן אין דער זיבעטער האָנע און אין דער אכטער, — האָט ער אײַנגעטײַנעט מיטן פּאָטער, — אָן אָרעמאן דארף מען געבן נעענטער צום דאָרף און בעסערע ערד.

— שרײַ ניט, זאוול־לייב, וואָס ארט דיך, זיי טוען שוין גוט... — האָט אים דער פּאָטער בארויקט. — זיי פארשטייען שוין א טאָלק...

זינט מע האָט אָנגעהויבן איבערטיילן די ערד, איז טאנכום אין ערגעץ ניט געגאנגען. ער איז געזעסן בא זיך אין שטוב. שפּעט באנאכט האָבן זיך שטילערהייט צו אים ארײַנגעכאפּט יודע פּייטראך, שעפע און האָבן אים צוגע־טראָגן די נײַסן פארן טאָג. טאנכום האָט אויסגעהערט און, אײַנגענורעט אין זיך, געשוויגן.

ווען טאַנכום האָט אָנגעהויבן זיך ווידער באַווײַזן אַף דער גאַס, איז ער געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און מיט אַן אַרומגעבונדן פּאָנעם. פֿון אונטער דעם גראָבן וואַרעמען טיכל האָט אַרויסגעשטעקט בלויז אַ שטיקל נאָז און דאָס שפּיציקע קאַשטאַנעווע בערדל, וואָס ער האָט זיך פֿאַרלאָזט גלײַך, ווען ער האָט אָנגעהויבן ווערן אַ באַלעבאָס. מיט דער רעכטער האַנט האָט ער זיך געהאַלטן באַ דער באַק, ווי די ציין וואָלטן אים ווי געטאָן. מיטן קראַנקן האַכנאָעדיקן אויסזען האָט ער זיך באַמיט אַרויסרופֿן צו זיך ראַכמאָנעס.

ער איז צוגעגאַנגען צו די רעדלעך פּויערים, האָט זיך אײַנגעהערט וועגן וואָס זיי ריידן, פֿאַרבײַגייענדיק האָט ער אָפּגערופֿן פּויערים אָן אַ זײַט און האָט פֿאַרוואָרפֿן אַ וואָרט, אַז אויב ס'איז נייטיק, קאָן ער פֿאַר עמעצן אויפֿאַקערן אַ דעסיאַטינקע.

— זיי ווילן זײַן גוטע מיט מײַנע פֿערד, מיט מײַן זריִע? איך דאַרף האָבן, אַז זיי זאָלן מיר הייסן אויפֿאַקערן אַן אָרעמאַן אַ דעסיאַטינקע? וואָסי, כ'האָב ווען־ניט־איז אָפּגעזאָגט?..

ער האָט זיך גענומען אַרומדרייען אַרום דעם רעווקאָם, עפּשער וועט ער דאָרט אָנטרעפֿן דעם פֿאָטער אָדער די ברידער.

— וואָס דאַרף איך פֿאַר ווילד־פֿרעמדע מענטשן מאַטערן מײַנע פֿערד, אַז איך האָב אַ טאַטן מיט ברידער, — האָט ער געטראַכט, — וואָס דאַרף איך, דער רעווקאָם זאָל מיר דערמאָנען, אַז איך זאָל זיי העלפֿן?

אַרומדרייענדיק זיך אַרום רעווקאָם, האָט ער געפּרוּווט אויפֿכאַפּן, וועגן וואָס מע רעדט דאָרט. ער האָט זיך געשאַרט אַרום די פֿענצטער, אַרום די טירן, ביז ער איז שטילערהייט אַרײַן אינעווייניק. ער האָט געפּרוּווט צוגיין צו די פּויערים, אַרײַנוואַרפֿן אַ ווערטל און געצילעוועט זיך מיט די אויגן אָפּן פֿאָטער און אַף זאַוועך־לייבן. אָבער דער אַלטער האָט זיך פֿון אים אָפּגעקערט.

פֿאַמעלעך, שאַרנדיק זיך, איז ער צוגעגאַנגען צו דאָווידן, האָט זיך אײַנגעבויגן און שטיל, ווי ער וואָלט אײַנגערוימט אַ סאָד, האָט ער אָנגעהויבן:

— איך האָב געהערט, אַז דו קלײַבסט זיך הייסן, מיר זאָלן פֿאַרזייען צו פֿאָר דעסיאַטינקעס פֿאַר מענטשן. איז וויל איך העלפֿן דעם טאַטן, זאַוועך־לייבן און ראַכמיִעלן. כ'האָב קיינמאָל ניט געוואַרט, ביז מע וועט מיר הייסן עמעצן העלפֿן. וואָסי? זאָלן טאַקע מענטשן זאָגן, צי איך האָב אַמאָל עמעצן אָפּגעזאָגט. אָבער מײַנע אייגענע זײַנען פֿאָרט בילכער, פֿריִער וועל איך פֿאַרזייען פֿאַר זיי...

— האָב קיין יעסורים ניט, אַז מע וועט דאַרפֿן זייען, וועט מען דיר שוין אָנזאָגן וועמען און וויפֿל, — האָט דאָוויד טרוקן און אָפּגעהאַקט אים אָפּגעענטפֿערט.

— וואָסי? כ'האָב געוואָלט... זייער טויווע האָב איך דאָך געוואָלט, — האָט טאַנכום געשטאַמלט.

דאָווידן האָבן זײַנע ווערטער פֿלוצעם אין האַרצן אַ ברי געגעבן, און ער האָט ניט אויסגעהאַלטן:

— ביטרעווען ווילסטו מיט אונדז?! ווילסט זיך ווײַטער באַהאַלטן אונטערן טאַטנס פֿלייצע? פֿאַרוואָס האָסטו זיך ניט דערמאָנט אָן טאַטן דעמלט, ווען דו

האָסט זײַן ערד פֿאַרכאַפּט? פאַרוואָס האָסטו זיך ניט דערמאָנט אָן ראַכמיִעלן, אַז ער איז פאַרשוואַרצט געוואָרן בא דיר אפֿן טויק? דו האָסט זיי שוין די ערד אָפּגעגעבן?

— אַז איך וויל פאַר זייערטוועגן אַליין פאַרזייען, איז בא אײַך אויך ניט אָנגעלייגט? — האָט טאַנכום זיך געוואָרפן אין אַלע זײַטן און געשריִען, — אויך ניט אָנגעלייגט! אַז וויפּל איך זאָל ניט טאָן, איז בא אײַך ווייניק.

טאַנכום איז אַ צעקאַסטער אַרויס פון רעווקאָם און האָט געשריִען:

— וואָס האָבן זיי זיך אָנגעזעצט אַף מיר? דערשטיקן ווילן זיי מיך. וואָס איך זאָל ניט טאָן, איז ווי פאַר הינט אַרויסגעוואָרפן...

12

אָנהייב פרילינג איז טאַנכום מיט נעכאַמען אַוועקגעפאָרן אין קאָלאָניע באַכערס צו איר ברודער מײלעכן און געבראַכט פון דאָרטן איר באָבע ברײַנען — אַ נידעריטשקע, שטאַרק אויסגעדאַרטע, גרויע נײַנציקיאָריקע זקיינע, מיט אַן אײַנגעשרופּטן פּאָנעם, מיט גרויסע אײַנגעפאַלענע אויגן און מיט אַ שטאַרק צעקנייטשטן האַלדז. די אַלטע האָט געוויינט, געבעטן, מ'זאָל זי אינערגעץ ניט שלעפּן און לאָזן רויִק דאָ שטאַרבן אַף איר בעט. טאַנכום מיט נעכאַמען האָבן איר פון בײדע זײַטן אַרײַנגעשריִען אין די טויבע אויערן און געפּרוּווט אײַנרײדן, אַז זיי וועלן אַף איר אַכטונג געבן, אַז ס'וועט איר זײַן גוט בא זיי. אָבער זי האָט אַלץ געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז זי וויל ניט. דאַן האָט טאַנכום מיט גוואַלד גענומען זי אַף די הענט, ווי אַ קינד, אַרײַנגעזעצט אין וואָגן. נעכאַמע האָט זי אַרומגעוויקלט, זי זאָל זיך כאַס־ווּעשאָלעם ניט צוקילן אין וועג , און זי אַוועקגעפירט אַהיים.

קומענדיק אַהיים, האָט טאַנכום אַראָפּגענומען די אַלטע פון וואָגן, אַרײַנגעטראָגן אין שטוב און אַ ווּנק געגעבן צום ווײַב:

— נו, אָט האָבן מיר, הייסט עס, אַ גוטע פּאָר דעסיאַטינעס ערד.

טאַנכום האָט געהייסן נעכאַמען אַכטונג געבן אַף דער אַלטער, זי זאָל כאַס־ווּעשאָלעם ניט אָפּגעבן גאָט די נעשאָמע, אײדער ס'האָט זיך אָנגעהויבן די ערד־איבערטײלונג.

נעכאַמע האָט אָנגעהאָדעוועט די באָבע, נאָר אָנזעטיקן זי איז געווען אומעגלעך.

— גיב מיר נאָך, — האָט די אַלטע געמאָנט. — איך וויל נאָך!

זי האָט געכאַפּט דאָס עסן, געשלונגען, ווי אַ גאַנדז, אויסגעלײדיקט איין טעלער נאָכן צווייטן און געשריִען:

— גיב נאָך!

אפֿן צווייטן טאָג האָט טאַנכום אַרײַנגעבראַכט אין שטוב אַן אָרעמאַן, וועלכער איז אַרומגעגאַנגען איבער די הײַזער, און געהייסן נעכאַמען אָנהאָדעווען

אים. אז דער אָרעמאַן האָט זאַט אָפּגעגעסן, האָט טאַנכום אים פאָרגעלייגט, ער זאָל בלײַבן בא אים, קלוימערשט ווי נעכאַמעס א זיידע.

— טאָמער וועט מען פרעגן, ווו זײַט איר ביז איצט געווען, זאָלט איר זאָגן, אז באַם זון, דער זון איז אוועקגעשטאָרבן, און איר האָט זיך ניט ווו הינצוטאָן, — האָט טאַנכום אים געלערנט.

דער אַלטער האָט דאַפקע ניט אזוי דאָקוטשעט מיטן עסן. דערצו, זײַענדיק זייער א פרומער, פלעגט ער צוויי מאָל א וואָך פאַסטן. נאָר ער איז געווען זייער א קוויטיקער און א פאַרלײַזיקטער.

נעכאַמע האָט געשפּיגן מיט גאַל פון אים. נאָר טאַנכום האָט איר גע־האַלטן אין איין אײַנריידן:

— וואָס זאָל מען טאָן, דערפאַר איז דאָס נאָך צוויי דעסיאַטינעס ערד. ער וועט בא מיר לײדיק ניט זיצן. זײַן שטיקל ברויט וועט ער פאַרדינען.

ווי עס איז נעכאַמען ניט געווען שווער, האָט זי זיך געייסעקט מיט די אַלטע לײַט, אבי טאַנכום זאָל זיך באַרויִקן.

נאָר פּלוצעם האָט זיך אין שטוב אַרײַנגעריסן יודע פּייטראַך. זײַן לאַנגע קאַפּאָטע איז געווען צעשפּיליעט. טאַנכום, דערזעענדיק יודען, האָט לעכאַטכי־לע זיך דערשראָקן, טאָמער שטויסט ער זיך אָן וועגן דעם עמעסן מיין, וועלכן ער, טאַנכום, האָט געהאַט באַם אַראָפּברענגען די אַלטע לײַט, און וועט אים אַרויסגעבן. נאָר לויט יודעס צעראַשט פּאָנעם און לויט זײַן אָפן מויל, פון וועלכן ס'האָט אזש א פּאַרע געשלאָגן, האָט טאַנכום פאַרשטאַנען, אז ער איז געקומען מיט א נײַעס.

— מיר וועלן, דאַכט זיך, אופגעריכט ווערן, — האָט ער קוים אַרויס־ברענגענדיק א פּאָר ווערטער, א זאָג געטאָן.

— פון וואָס? רעד דיבורים, — האָט טאַנכום זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדער־פרעגן.

— דער דײַטש גייט אהער. ער איז שוין נאָענט, — האָט יודע, צוזעצנדיק זיך, שוין רויִקער אָנגעהויבן דערציילן.

— נו, איז וואָס וועט זײַן? איז דאָס בעסער פאַר אונדז צי ערגער? — האָט נעכאַמע געפרעגט.

— מ'וועט די ערד ניט טיילן, איז שוין גוט, — האָט יודע געענטפערט.

די דאָזיקע יעדיִע האָט אין טאַנכומען ווי א נײַע נעשאָמע אַרײַנגעבלאָזן.

— איר ווייסט געוויס, אז מ'וועט די ערד ניט טיילן? — האָט ער איבער־געפרעגט.

— אוואַדע, — האָט אים יודע פּייטראַך פאַרזיכערט. — איך בין געווען אין בורלאַצק, גערעדט מיט די באַלעבאַטים. וואָס הייסט, ווי קען זײַן אַנדערש? מיט איין וואָרט, זיי מאַכן אָן אָרדענונג, ווי ס'איז אַמאָל געווען.

דערוויסנדיק זיך גענוי, אז די דײַטשן גייען טאַקע און שאַפן אָפּ די ערד־איבערטיילונג, האָט טאַנכום באַפוילן נעכאַמען אַרײַנלייגן אין דער טאָרבע א פּאָר פאַרשימלטע סוכערעס און געהייסן דעם אָרעמאַן נעמען דעם וועג.

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן אַלטן, האָט נעכאַמע אָנגעהויבן צושטיין צו טאַנ־כומען, ער זאָל אָפּפירן צוריק די אַלטע.

— אויב מיר זײַנען שוין אזוי אופגעריכט געוואָרן און מיר וועלן האָבן א נײַע וולאסט, איז צו וואָס דארפן מיר לײַדן פון דער אלטער. זי עסט אונדז אָף דעם קאָפּ.
אָבער טאנכום האָט זיך ארומגעקוקט אין אלע זײַטן און ניט אופגעהערט צו יִישעוון זיך:
— און טאָמער דרייט זיך איבער, דרײַ מאָל א טאָג קען זיך בײַטן די וולאסט, ווי אין הארבסט דער וועטער, טאָמער וואָס — בלײַבן מיר אָן ערד.
— וואָס וועסטו טאָן, אז זי מאכט צו מיט אן אויג, וועסטו זיך דארפן אייסעקן מיט א לעווײַע, בארעכן נאָר, וואָס ס'וועט דיר אָפּקאָסטן?
טאנכום איז געזעסן, געכעשבנט, געיִישעווט זיך און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן.
— לאָמיר זי אָפּפירן צוריק צו מיילעכן, — האָט נעכאמע געפּאָדערט.
סאָפּקאָלסאָף האָבן זיי באשטימט אָפּשיקן די אלטע צוריק אין באכערס און אויב מע וועט דארפן, ברענגען זי נאָכאמאָל.

13

דאָוויד האָט געהאָלפן באוואָרענען די נויטבאדערפטיקע פּויערים מיט זריִע, אכטונג געגעבן, די פעסטע באלעבאטים זאָלן אופאקערן און פארזייען פאר זיי כאָטש צו דעסיאטינקעס.
טעג זײַנען געשטאנען לויטערע, אָנגעטרונקענע מיט זון, מיט זאפט פון פרישע גראָזן און טוויע־שפּראָצן.
אף די האָנעס זײַנען פּויערים נאָכגעגאנגען נאָך די אקערס און האָבן געטריבן די אָפּגעשטאנענע פערד. איבער די גלאט־אויסגעפּאָרענע וועגן, וואָס ציִען זיך איבער סטעפּישער ראכוועס, פאלן ארײַן אין טיפע באלקעס און הייבן זיך אוף אף געשלענגלטע ארופבארגן, האָבן דורכפּאָרער פּויערים פון ארומיקע דערפער און כוטאָרלעך איבערגעגעבן איינער דעם אנדערן נײַסן:
— ...צאָרעס ביטערע רוקן זיך אף אונדזערע קעפּ... דער דײַטש גייט פון דאָרף צו דאָרף און נעמט צו ווי א קערנדל פון די ביידעמער... דאָס לעצטע בעהיימעלע פירט ער פון שטאל ארויס... דעם וויסטן פּאן קערן זיי צוריק אום די ערד, און דעם פּויער פארשמײַסט מען אף טויט...
די יעדיִעס האָבן זיך ווי שווארצע כמארעס געטראָגן פון דאָרף צו דאָרף, נאָר די פּויערים האָבן מיט שרעק אין הארצן געאקערט און די האָנעס ניט פארלאָזט.
אין עטלעכע טעג ארום האָבן זיך אין סטעפּ באוויזן סאָלדאטן אין טונקל־גרויע אוניפאָרמעס, מיט מאָדנע היטעלעך אף די קעפּ. די סאָלדאטן האָבן געטראָגן די ביקסן אף די רימענס און האָבן מארשירט אין דער ריכטונג צום דאָרף.

פֿאַרנדיק אין שכייניש כוטאָר, האָט טאַנכּום דער ערשטער דערזען די דײַטשן. ער איז געקומען אהיים, האָט אויסגעשפּאַנט די פֿערד און איז גלײַך אװעקגעגאַנגען צו יודען אָנזאָגן די בשׂורה.

— די דײַטשן זײַנען שוין נאָענט, אין אַ שאָ אָדער צװײ אַרום װעלן זײ דאָ זײַן, — האָט טאַנכּום מיט אימפּעט גענומען דערציילן.

— נאָ דיר װידעראַמאָל געסט אַף אונדזערע קעפּ... — האָט יודע אַ בור־טשע געטאָן.

נאָר טאַנכּום האָט מיט היץ געטײַנעט:

— װוּהין זײ קומען נאָר, קערן זײ אום דעם באַלעבאָס די ערד...

אַ פֿאַרסאָפּעטער איז פּלוצעם אָנגעלאָפֿן שעפּע.

— די רעװוּקאָמען זײַנען שוין אויס, — האָט שעפּע מיט היץ דערציילט. דאָװיד װעט אָפּציִען. דאַרף מען דאָך האָבן אַ שולץ, זײ װעלן דאָך מאָנען אַן עלטסטן.

— נו, איז זאָל מען טאַקע אויסקלײַבן אַ שולץ, — האָט טאַנכּום אַ װוּנק געטאָן צו יודען און אים געגעבן אָנצוהערן, אַז באַלעבאָס אין דאָרף דאַרף זײַן אַ נײַער מענטש...

דערװײַל זײַנען די דײַטשן אַרײַן אינעם דאָרף. דער עלטסטער, אַ שלאַנ־קער, מיט אַ בײז אויסגעדאַרט פּאָנעם און מיט אַ פּירקאַנטיקער פּענסנע אַף דער נאָז האָט זיך באַ דורכגײער נאָכגעפֿרעגט אָפּן שולץ.

— ניטאָ שוין מער קײן שולץ, — האָבן פּויערים געענטפֿערט, — געװען, אָבער איצט איז שוין אויס...

— באַ־אַ־לשעװיקי, װאָס? פֿערדאַמט, נאָכמאַלס[1].. — האָט דער עלטסטער זיך אויסגעזידלט און זיך געלאָזט גײן װײַטער.

טאַנכּום איז צוגעגאַנגען צום עלטסטן און אים געװאָלט עפּעס זאָגן, אָבער יענער האָט אויסגעשטעלט אַף אים אַ פּאָר פֿאַרביסענע בײזע אויגן און אַ געשרײ געטאָן:

— באַ־אַ־לשעװיק?

— ני, ני, — האָט טאַנכּום געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— יענע האָבן אים דאָך גאָר בעדילאַדאַל געשטעלט, — האָט יודע זיך אַרײַנגעמישט און זיך אָנגענומען פֿאַר טאַנכּומען.

— װאָס? װאָס? — איז דער אָפֿיצער געװאָרן נאָך מער אויפֿגערעגט פֿונעם לאָשן, װאָס איז ענלעך אַף דײַטש און ער פֿאַרשטײט עס ניט, — דו, זאו־יודע, דו שפּריך דויטליך[2]!.. װאָ איזט אויער שולץ?

— איך... איך בין דער שולץ, — האָט טאַנכּום געװיזן אַף זיך, נאָר שעפּע, דער געװעזענער שולץ, האָט זיך אײַנגעשטעלט פֿאַר זײַן קאָװעד:

— איך בין אַלע יאָר געװען דער שולץ... די באָלשעװיקעס האָבן מיך אַראָפּגעװאָרפֿן...

---

[1] פֿאַרשאָלטן, טאָפּל.

[2] רייד דײַטלעך, קלאָר!

— באָ־אָ־לשעוויק, — האָט דער עלטסטער בייז איבערגעכאַזערט דאָס איינציקע פאַרשטענדלעכע וואָרט און האָט זיך א קער געטאָן צו טאַנכומען.

— ביסט דו דער שוליץ?

— איך, — האָט טאַנכום, באַרויִקנדיק זיך, מיט ווערדע אָפּגעענטפערט.

שעפּע האָט מיט פאַרדראָס און קאַס געקוקט אַף טאַנכומען. נאָר ער האָט מוירע געהאַט פאַרן עלטסטן א וואָרט אַרויסצורײדן. דער עלטסטער האָט אַרויסגעשלעפּט פון דער פעלדטאַש א פּאַפּיר און עס דערלאַנגט טאַנכומען. טאַנכום האָט עס א ווײַלע געדרייט אין אַלע זײַטן און ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָרט איז אָנגעשריבן.

דער אָפיצער האָט באַ אים אָפּגענומען דאָס פּאַפּירל און אָנגעהויבן מיט א פאַרזשאַווערטער בייזער שטים צו גראַגערן. טאַנכום האָט פון איינציקע ווערטער פאַרשטאַנען, אַז די דײַטשישע קאָמענדאַטור באַפוילט, מע זאָל אין פיר און צוואַנציק שאָ צושטעלן צוויי הונדערט פּוד ברויט, הונדערט פּוד היי, זעקס בעהיימעס און צען כאַזיירים.

— פונוואַנען זאָלן מיר דאָס נעמען? זיי האָבן דאָך צוגענומען ביז א קערנדל, — האָט טאַנכום א דערשראָקענער געשטאַמלט.

— וואַ־א־אַס? — האָט דער אָפיצער א געשריי געטאָן. — ווילסט דו די פּײַטשע פאַרזוכן? — ער האָט פאַריכט די פּענסנע אַף דער נאָז און זיך א קער געטאָן צו טאַנכומען. — אין פיר און צוואַנציק שטונדן, פּינקטליך!.. זאָנסט קריגט איר אַלע פּײַטשענהיבע, ביז פּאָן אויך די ראָטע יאָוכע פּליסט[1]!.. פאַרשטאַנדן?.. — ער האָט זיך אויסגעקערעוועט צו די סאָלדאַטן און זיי באַפוילן, זיי זאָלן צונויפרופן די פּויערים פונעם דאָרף.

— א האַלב דאָרף איז דאָך נאָך אין סטעפּ, — האָט טאַנכום האַכנאָעדיק, האַלב אַף שטומלאָשן, האַלב מיט ווערטער זיך באַמיט צו דערקלערן, — זיי האָבן דאָך צוגענומען אונדזער ערד און אַקערן דאָרט...

דער עלטסטער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו פאַרשטיין, וואָס טאַנכום רעדט, נאָכדעם האָט ער א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און צוגעגעבן:

— אַך, זאָ! — און האָט באַפוילן די סאָלדאַטן, אַז אַלע פּויערים, וואָס האָבן פאַרכאַפּט ערד, זאָל מען פון סטעפּ אומקערן און אײַנטיילן צו פינף און צוואַנציק שמיץ.

טאַנכום האָט זיך דערפילט מוטיקער און האָט אָנגעהויבן באַרעדעוודיק דערציילן וועגן די אוולעס, וואָס די פּויערים האָבן אָפּגעטאָן די באַלעבאַטים:

— זיי האָבן דאָס ברויט צוגענומען, געהייסן אונדז אַקערן אומזיסט פאַר פרעמדע... — האָט ער זיך כניפעדיק געקלאָגט.

— וואָ איזט דער באָ־אָ־לשעוויק? — האָט דער עלטסטער אים איבערגעשלאָגן.

טאַנכום האָט זיך א רעגע געוואַקלט און געשוויגן. מיטאַמאָל האָט אים אין האַרצן א ברי געטאָן, און ער האָט זיך צעשריִען:

— דאָוויד קאַבאָ...

---

[1] אַניט, וועט איר קריגן שמיץ מיט דער בײַטש, אַז סע וועט זיך פון אײַך גיסן די רויטע יויך.

— װער נאָך? — האָט דער עלטסטער געפֿרעגט.

— דאָנדע... — האָט יודע אונטערגעזאָגט. — זײ האָבן זײַן ערד צוגענומען.

טאַנכום האָט עפּעס געװאָלט זאָגן, נאָר דער אָפֿיצער האָט אים איבערגעשלאָגן און געהײסן װײַזן, װוּ זײ זײַנען.

דער עלטסטער מיט א פּאָר סאָלדאַטן און די באַלעבאַטים האָבן פֿאַרקערעװעט צו בערע דאָנדעס שטיבל.

14

אינעם װעלדל, ניט װײַט פֿון דער טשערעט־באַלקע, האָבן זיך געקליבן פּויערים. זײ זײַנען געקומען באַהאַנגענע מיט ביקסן, נאַגאַנעס און באָמבעס, מיט העראַצער אָנגעלאָדענע מיט צאָרן און סינע אױף די גאַזלאָנישע אָקופּאַנטן, װאָס האָבן פֿאַרשמיסן צום טױט פּויערים, האָבן אָנגערױבט האָב־און־גוטס און אומגעקערט די פּויערים אונטערן יאָך פֿון פּאָרעץ און באַלעגוף.

דאָװיד קאַבאָ איז געװאָרן דער אָנפֿירער פֿון די פּאַרטיזאַנער. אַנטלױפֿנדיק פֿון זײַן שטיבל דעמלט, װען די אָקופּאַנטן האָבן עס אַרומגערינגלט, האָט ער אונטערװעגנס אָנגעטראָפֿן פּויערים און ביסלעכװײַז זײ אָנגעהױבן צונױפֿזאַמלען אינעם װעלדל. די פּאַרטיזאַנער האָבן, אַרױסגײענדיק אין אױסשפּירונג, איבערגענומען פֿון די װעגן אָנגעלאָפֿענע פּויערים, און אַזױ האָט אָנגעהױבן װאַקסן זײַן אָטריאַד.

דאָװיד קאַבאָ האָט פֿאַרטײַעט אין זיך דעם אומרו פֿאַרן גורל פֿון דאָרף, פֿאַר די אײגענע אין דער הײם. ער איז אָפֿט אַרױסגעגאַנגען צום ברעג פֿונעם װעלדל, עפּשער װעט ער דאָרטן עמעצן אָנטרעפֿן פֿונעם אײגענעם דאָרף און װעט זיך דערװיסן נײַס פֿון דער הײם. דורך די צװײַגן פֿון די בײמער האָט װען־ניט־װען א װוּנק געגעבן א שנירעלע פֿונעם צעגרינטן סטעפּ און אים דערמאָנט די האָנעס, װאָס ער האָט פֿאַרזײט פֿאַר דער אָרעמשאַפֿט.

— די טװוּע איז שױן געװיס אױפֿגעגאַנגען, — האָט ער א טראַכט געטאָן.

אין אײנעם א פֿאַרנאַכט, אײדער די זון האָט זיך געזעצט, איז דאָװיד קאַבאָ װידעראַמאָל אַרױס אױפֿן ברעג פֿונעם װעלדל א קוק טאָן, צי די אױסשפּירער האָבן זיך אומגעקערט. פּלוצעם האָט ער דערזען, װי עטלעכע מענטשן דערנעענטערן זיך.

— זײ דרײען זיך שױן דאָ לאַנג אַרום, — האָבן די װאַכלײַט איבערגעגעבן דאָװידן.

דאָװיד האָט זיך אײַנגעקוקט אין די צוקומענדיקע מענטשן און פֿונװײַטן דערקענט ראַכמיִעלן, זאװע־לײבן און געדאַליע רײַטשוקן. זײ זײַנען געגאַנגען פּאַמעלעך, אױסגעמאַטערטע, אײַנגעבױגן און דערשלאָגן. דאָװיד איז אַרױסגעשפּרונגען פֿונעם װעלדל און איז צו זײ צוגעלאָפֿן:

— פֿונוואַנען האָט איר זיך גענומען?.. וויאַזוי האָט איר עס אַהער געטראָפֿן?

— פֿון אַלע זײַטן לויפֿט מען, וווּהין די אויגן טראָגן... די וועגן זײַנען פֿול מיט אַנטלאָפֿענע... נו, האָט מען אונדז געוויזן, אַז אָט־אָ־דאָ קלײַבט מען זיך... — האָט גדליה, קוים ריידנדיק, דערציילט.

— און אין דער היים ווי איז? — האָט דאָוויד אומרויִק איבערגעפֿרעגט.

— אין דער היים איז ווי נאָך אַ לעווײַע... דעם טאַטן האָט מען געשמיסן.

איצט זיצט ער אין קעלער פֿאַרשפּאַרט... ווער ווייסט, צי ער לעבט נאָך, — האָט ראַכמיִעל דערציילט, — מ'האָט אונדז אויך מוירעדיק געשמיסן, מיר זײַנען קוים לעבעדיקע אַהער דערגאַנגען.

באַ זאַוועליבן האָט אַ גרין פֿײַערל געטוקט אין די פֿאַרטרויערטע, מידע אויגן, און ער האָט שטיל, ווי ער וואָלט צו זיך אַליין ריידן, געברומט:

— די קלאָג וועט זיי כאַפּן... ס'איז אַלץ טאַנכומס אַרבעט... ער האָט דאָך עס צוגעפֿירט די גאַזלאָנים צו דער שטוב... נישקאָשע, כ'וועל זיך אָפּרעכענען מיט אים...

— זיי האָבן אַלץ דיך געזוכט... דער טאַטע האָט געמאַכט אַ געשריי, האָט מען אים פֿאַר אַלעמען אין די אויגן געשמיסן. מע האָט אַלעמען געשמיסן, אַף וועמען די באַלעבאַטים האָבן נאָר אָנגעוויזן... — האָט ראַכמיִעל צוגעגעבן.

דאָוויד האָט זיך אײַנגעהערט אין זייער דערציילן. זײַנע שוואַרצע פֿולע אויגן זײַנען פֿאַרגליווערט געוואָרן. דאָס לאַנג ניט ראַזירטע פּאָנעם איז געוואָרן אָנגעצונדן, און ער האָט שטיל, קימאַט אין זיך, אַ ברום געטאָן:

— אָט, הינט מעשוגענע!

דאָוויד האָט זיי אַרײַנגעפֿירט צו די פּאַרטיזאַנער אינעם וועלדל. די פּאַרטיזאַנער, אָנגעטאָנענע אין פֿויערשע קליידער, אין שווערע שטיוול, אין פּאָסטעלעס, זײַנען געלעגן אָנגעשפּאַרט אַף די פּעקלעך. דערזעענדיק די אָנגעקומענע, האָבן זיי אופֿגעהויבן די קעפּ און זיך פֿאַנאַנדערגעפֿרעגט:

— וויטקיליאַ?.. שטשאָ, נימצי ביוט נאַשיך?.. כליבאַ בערוט[1]?

— ביוט טאַ ווסע זאַביראַיוט[2], — האָט גדליה, צוזעצנדיק זיך אַף אַ פּניאָק, אָפּגעענטפֿערט.

אינעם וועלדל האָט גענומען טונקלען. די ביימער האָבן שאָרכנדיק מיט די צווײַגן זיך שטיל געטוליעט איינער צום אַנדערן.

די קנאָספּן האָבן זיך געפּיקט אַף די צווײַגן, און אַ וואַרעמער פֿרילינגדיקער ווינט האָט צאַרט געגלעט די ערשטגעבוירענע בלעטלעך. אפֿן בלויען ראַכוועסדיקן הימל האָט זיך אָנגעצונדן אַ גאָלדענער אויסשיט פֿון שטערן, און דאָס אַקאַציע־וועלדל האָט אין דער אויסגעשטערנטער נאַכט זיך פֿאַנאַנדערגעבליט.

די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך אויסגעצויגן אַף די פּעקלעך, די ביקסן האָבן זיי אוועקגעלייגט צוקאָפּנס און זײַנען אײַנגעשלאָפֿן.

[1] פֿונוואַנען?.. די דײַטשן שלאָגן דאָרט אונדזערע?.. דאָס ברויט נעמען זיי צו?

[2] מע שלאָגט און מע נעמט אַלץ צו.

ראכמיִעל איז געלעגן לעבן זאוועֿליִבן און גערדאליע רײַטשוקן. ער האָט מיט קיין איין אויג ניט געקאָנט צומאכן. אין דער טונקלקייט פונעם וועלדל האָט ער געזוכט דאָווידן, נאָר דער איז ארומגעגאנגען ערגעץ אפן ברעג וועלדל באטראכטן די וואך.

בא האלבער נאכט האָט דאָוויד זיך אומגעקערט מיט די אויסשפּירער.

— אופוועקן די פּארטיזאנער! צוגרייטן זיך אין מארש! — האָט דאָוויד באפוילן די אויסשפּירער, — אָנצינדן א שײַטער אפן זאמלאָרט!

ארום שײַטער האָבן זיך געגומען קלײַבן די פּארטיזאנער. דערהערנדיק א טומל, האָבן זיך אופגעכאפּט זאוועֿליִב מיט גערדאליען.

— מיר קלײַבן זיך אין וועג, — האָט דאָוויד א זאָג געטאָן און איז צוגעגאנגען צום שײַטער. ער האָט אָפּגעווארט, ביז אלע האָבן זיך צונויפגעקליבן, און האָט אָנגעהויבן דערקלערן.

— מיר מוזן זיך דורכרײַסן צו דער שטאָט, צום ארבעטער־אָטריאד... אפן וועג וועלן מיר זיך צונויפשטויסן מיט קליינע דײַטשישע אָטריאדלעך... מיר וועלן זיי מיט אונדזערע אייגענע קויכעס בײַקומען... אונדז וועט אויסקומען אפן וועג פארניכטן דאָס ברויט, וואָס די דײַטשן האָבן צוגענומען באם פּויער אין די דערפער, ס'זאָל ניט אָנקומען די אָקופּאטן...

די פּארטיזאנער האָבן מיט אָנגעשטרענגטע בליקן געקוקט אף דאָווידן און אײַנגעהערט זיך אין יעדעם וואָרט.

— דאָס ברויט איז אן אווירע צו פארניכטן, — האָט עמעצער פון די פּארטיזאנער זיך אָפּגערופן. — עפּשער וועט האיאָר קיין רעגן ניט זײַן און ס'וועט ניט געראָטן.

— בעסער פארניכטן, איידער די זלידניעס זאָלן עס צונעמען... — האָבן זיך דערהערט עטלעכע שטימען.

— ווי מיר וועלן נאָר קאָנען, וועלן מיר עס דער אָרעמשאפט צעטיילן, — האָט דאָוויד דערקלערט.

די פּארטיזאנער האָבן זיך אויסגעשטעלט אין א ריי.

— ווער ס'האָט איבעריק געווער, זאָל אָפּגעבן די, וואָס האָבן ניט! — האָט דאָוויד באפוילן. די פּארטיזאנער האָבן זיך צעטיילט מיטן געווער. די צווויי אויסשפּירער זײַנען ארויס פאָרויס, און נאָך זיי האָט זיך באוועגט דער אָטריאד.

15

אינמיטן נאכט האָט אן אומרויִקער קלאַפּ אין פענצטער אופגעוועקט טאנכומען.

ער איז ארויסגעשפּרונגען פון שטוב און האָט דערזען א רײַטער.

דער רײַטער האָט זיך עטוואָס אײַנגעבויגן, און קעגן דער שײַן פון דער לעוואָנע האָט טאנכום דערקענט אלעקסיי בוזשייקאָ, דעם פּאָרעץ בוזשייקאָס זון.

פון קליינוויַיז אויף האָט טאנכום געקענט דעם יונגן פֿאָרעץ. ער האָט ניט איין מאָל געכאַפּט פון אים א שטיין אין קאָפּ, ניט איין מאָל געקראָגן געבראָכענע ביינער, ווען די דאָרפישע יינגלעך פלעגן, שפּילנדיק זיך, פארלויפן ביז דעם פֿאָרעצס גוט. געוואָרן אָבער א באַלעבאָס, פלעגט טאנכום צוזאמען מיט נאָך באַלעבאַטים אָפּט פארפאָרן צום פֿאָרעץ וועגן געשעפטן.

דער יונגער פֿאָרעץ האָט מיט הערשערישער שטרענגקייט א קוק געגעבן אויף טאנכומען און, ניט באַגריסנדיק זיך אפילו, אָפּגעהאקט א זאָג געטאָן:

— זאָטל אָן דיַין פערד און פֿאָר מיט מיר... די כאַלאָפּעס האָבן זיך שוין ווידער צונויפגעקליבן, און זיי רייַסן זיך אהער, זיי זיַינען שוין נאָענט... די דיַיטשישע אָטריאַדלעך וועלן זיך מיט זיי ניט ספּראַווען, ביז די קאָמענדאַטור וועט צושיקן הילף, וועלן זיי מאכן א טעל פון אַלץ... זיי רייַסן זיך צו דער שטאָט... וואָס שטייסטו ווי א גוילעם?.. וואָס וואַרטסטו?.. זיי זאָלן קומען אהער א טעל מאכן פון אַלץ?

— ראַכמיִעל מיט זאַוועליִבן זיַינען מיט זיי, — האָט טאנכומען א שלאָג געטאָן אין קאָפּ, — זיי וועלן זיך אָפּרעכענען פאר די שמיץ.

דער ריַיטער האָט איַיליק א צי געגעבן דאָס פערד. טאנכום האָט איצט דערזען, אז אין א זיַיט וואַרטן נאָך עטלעכע ריַיטער.

— ביז פארטאָג זאָלסטו זיַין אין כוטאָר טערנאָווקע... דאָרט קליַיבן מיר זיך... הערסט? — האָט דער יונגער פֿאָרעץ זיך נאָכאַמאָל א קער געגעבן צו טאנכומען.

די ריַיטער זיַינען איַיליק אוועקגעריטן, און טאנכום איז א צעטומלטער געשטאַנען אויף דער שוועל. ער האָט געווישט דעם שווייס פונעם שטערן און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. דערנאָך האָט ער עפּעס א מאך געטאָן מיט דער האנט, איז צוריק אין שטוב אריַין און געוועקט דאָס וויַיב:

— נעכאָמע, שטיי אויף... נעכאָמע. גרייט מיר צו עפּעס אין וועג אריַין...

— וואָסי? וווּהין פאָרסטו אינמיטן נאכט? — האָט זי פונעם שלאָף א פרעג געטאָן.

— לייג אריַין אין א זעקעלע ברויט און עפּעס צום ברויט... נו, ריר זיך... — האָט טאנכום זיך אָנגעהויבן בייזערן.

דאָס וויַיב האָט א וויַילע אויף אים געקוקט מיט שרעק און גענומען אופשטיין. טאנכום איז אַן אופגערעגטער ארומגעגאנגען הין און צוריק איבער דער שטוב און עפּעס געריידט צו זיך.

— וווּהין פאָרסטו, טאנכום? וואָס איז געשען... ווי צו מיר, טאנכום, וואָסי?.. — האָט דאָס וויַיב ניט אראָפּגענומען פון אים די אויגן.

טאנכום האָט אויף איר צעטומלט א גלאָץ געטאָן און גאָרניט געענטפערט. ער איז אַלץ אָן אופהער געגאנגען איבערן צימער ארויף און אראָפּ און צו זיך געמורמלט:

— סיַיווי, אָדער איך אָדער זיי... זיי ווילן א טעל מאכן פון מיר... און איך וועל שוויַיגן?

— צאָרעס מיַינע גרויסע!.. — האָט דאָס וויַיב פארבראָכן די הענט, — וווּהין וועסטו פֿאָרן, אויף וועמען וועסטו מיך דאָ איבערלאָזן? טאָמער גייען

זיי אריַין אהער, וועלן זיי דאָך אַלץ צו מיַין קאָפּ אויסלאָזן... מע קאָן דאָך דיך כאָלילע דערהארגענען...

— האָדיע צו טיַינען, זאָג איך דיר... האָסט צוגעגרייט עפּעס אין וועג?

טאנכום איז ארויס אין שטאַל, האָט זיך ארומגעדרייט א וויַילע ארום דער כודאָבע. דערנאָך איז ער אריַין אין שטוב און האָט געפּרוּווט דאָס וויַיב איַינשטילן:

— מע וועט זיך דאָך צונויפלויפן, וואָס רעוועסטו? — האָט ער אף איר געשריִען. — איך האָב ניט קיין ציַיט מיט דיר צו טיַינען. — ער האָט גענומען דאָס זעקעלע און זיך ארופגעכאַפּט אפן פערד.

נעכאמע איז צוגעפאלן צו דער ראַם פון דער טיר און האָט זיך הויך אפן קאָל צעיאָמערט.

טאנכום איז אָפּגעריטן א פּאָר טריט, האָט זיך א קער געטאָן צום וויַיב און איר אָנגעזאָגט:

— געדענק, זאָג קיינעם ניט, ווּהין איך בין אוועקגעפאָרן, די רויטע קענען זיך נאָך צוריק קערן, דאן בין איך פארפאלן... עפּשער וועל איך זיך ווי־ניט־איז אויסדרייען און וועל קומען אהיים... זע, גיב אכטונג אף אונדזער באלעבאטישקיַיט.

אינדערפרי האָט דאָווידס אָטריאַד, אויסמיַידנדיק אפן וועג די באַלעגופּי־שע אופשטענדלער און די דיַיטשן, זיך אריַינגעריסן אין דאָרף. פּויערים און פּויערטעס זיַינען ארויסגעלאָפן אנטקעגן דעם פּארטיזאנישן אָטריאַד. פּאָרויס פון אלעמען איז געלאָפן פריידל. א צעראשטע, א צעטראָגענע, האָט זי זיך אריַינגעריסן גליַיך אין די רייען פונעם אָטריאַד מיט א געוויין און איז ארופּ־געפאלן דעם מאן אפן האלדז.

— ראכמיִעל... איך האָב דאָך מיַינע אויגן אויסגעוויינט... כ׳האָב דאָך ניט געווּסט וואָס איבערצוקלערן...

פאנאנדערטיילנדיק זיך אף גרופּעס, האָט דער אָטריאַד זיך צעשאָטן איבער די הויפן. דאָוויד מיט א פּאָר פּארטיזאנער זיַינען אוועק צום רעווקאָם, און ראכמיִעל מיט פריידלען האָבן באשטימט אריַינגיין אף א וויַילע אהיים. די קינדער זיַינען שוין געלאָפן זיי אנטקעגן.

— טאַ־טאַ־טע!

— גיב מיר די ביקס... לאָז מיך כאָטש א קוק טאָן.

פון ערגעץ איז אָנגעלאָפן בערע דאָנדע. ער האָט אויסגעזען בלייך און אויסגעמאטערט. ער איז ארופגעפאלן ראכמיִעלן אפן האלדז:

— אָט צו וואָס כ׳האָב דערלעבט, — האָט ער זיך אָנגעהויבן קלאָגן פארן זון. — אין טפיסע האָט מען מיך פארשפארט.

— ווער האָט דיך אריַינגעזעצט?

— די גאזלאָנים.

— פארוואָס?

— איך זאָל זאָגן, ווּ דו, זאווע־לייב און דאָוויד געפינען זיך.

— און טאנכום ווּ איז?

דער אַלטער האָט פאַרביטערט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

פון די אויסשפּירער, וועלכע זײַנען ארויסגעשיקט געוואָרן פּאָרויס אויסצוקלאָרן, אין וועלכער ריכטונג טרעט אָפּ דער סוינע, האָט זיך אומגעקערט א פּארטיזאַן און איבערגעגעבן דעם קאָמאנדיר, אז די פײַנטלעכע קאָלאָנע באוועגט זיך א קילאָמעטער צען פונדאנען.

דאָוויד האָט באפוילן די פּארטיזאנער אויסגראָבן שוצגריבער און פאַרפעסטיקן זיך.

שפּעט אין אָוונט, ווען ס'איז קלאָר געוואָרן, אז די פײַנטלעכע קאָלאָנע איז פארשוווּנדן און דראָט ניט די פּארטיזאנער באוועגן זיך פּאָרויס, האָט דאָוויד באפוילן זײַן אָטריאַד לאָזן זיך ווײַטער אין מארש, קעדיי פאַרייניקן זיך מיט די ארמייִשע פּאָלקן און איניינעם מיט זיי אָנטייל נעמען אין די פּאָרשטייענדיקע אנטשיידענע שלאַכטן.

שפּעט באנאכט האָט טאנכום פּאָרזיכטיק זיך דערנעענטערט צו זײַן שטוב. ארום איז געווען שטיל. רונד־ארום זײַנען שוין אַלע געשלאָפן. אפילע קיין הונט האָט ניט געגעבן קיין האווקע. טאנכום האָט ארײַנגעפירט זײַן פערד אין שטאַל און, ארומקוקנדיק זיך, צוגעגאנגען צום פענצטער פון זײַן שטוב און אָנגעקלאַפּט.

— ווער איז דאָס? — האָט זיך דערהערט פון יענער זײַט טיר אן איבערגעשראָקן קאָל.

— ט־ס־ס. דאָס בין איך, עפן אוף! — האָט טאנכום געענטפערט.

נעכאמע האָט אָנגעצונדן פײַער.

— ביסט פון זינען אראָפּ, קיינער דאַרף ניט באמערקן, אז איך בין געקומען.

ביזוואנען נעכאמע האָט זיך געייסעקט אין שטוב און געגרייט אים עסן, האָט טאנכום זיך פאנאנדערגעפרעגט בא איר.

— קיינער איז אהער ניט געקומען? מ'האָט מיך ניט געזוכט? זאָג קיינעם ניט, ווּהין איך בין געפאָרן, אויב מ'וועט פרעגן, זאָג, אז איך בין געפאָרן געוואָרע ווערן דײַן טאטן.

דריטער טייל

1

אַ גאַנץ זומער האָט טאַנכום געאַרבעט אין סטעפּ. פאַרענדיקט דעם פאַרזיי, האָט ער אָנגעהויבן יעטן די דורכאַקער־קולטורן. נאָכדעם האָט זיך אָנגע־רוקט דער הייִשניט, ער האָט ניט באַוויזן אַרומקוקן זיך, ווי מ'האָט געדאַרפט צו־טרעטן דרעשן, נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן די אַקערצײַט און האַרבסט־פאַרזיי. אַזוי איז אין אָנגעשטרענגטער אַרבעט געגאַנגען די צײַט.

טאַנכומען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די דײַטשן האָבן זיך שוין ענדגיל־טיק פאַרפעסטיקט און וועלן דאָ פאַרבלײַבן אויף אייביק.

זינט זיי זײַנען געקומען אויף אוקראַיִנע, האָט שוין קיינער ניט געפּרוּווט מער אָפּנעמען די ערד, וועלכע ער האָט געהאַט פאַרכאַפּט אין מילכאָמע־צײַט. עמעס, עס זײַנען געווען קלאַנגען, אַז ערגעץ קומען פאַר פויערשע אויפשטאַנדן קעגן די אָקופּאַנטן, אַז דאָ און דאָרטן קומען פאָר שלאַכטן, נאָר טאַנכום האָט אויף דעם ניט געלייגט קיין אַכט.

פּלוצעם האָבן אויף די וועגן און שליאַכן זיך באַוויזן קאָלאָנעס דײַטשיש מיליטער.

— וואָס איז דאָס? — איז טאַנכום געוואָרן אויסער זיך, — ווי לאַנג זײַ־נען די דײַטשישע סאָלדאַטן געגאַנגען אהער האָפּערדיקע, פאַרגלייבטע אין זיך, און איצט לויפן זיי אָן קעפּ.

— רוס, פּיף־פּאַף, — האָט טאַנכומען א זאָג געטאָן א דײַטשישער סאָלדאַט.

— באַ אונז איסט רעוואָליוציאָן! — האָט א צווייטער צוגעגעבן.

— הייסט עס, אַז מ'וועט באַ זיי אויך טיילן די ערד לויט די נעפּאַשעס, דערפאַר לויפן זיי אַזוי, — האָט טאַנכום א טראַכט געטאָן. — זיי האָבן מוירע, טאָמער פאַרשפּעטיקן זיי און בלײַבן אָן ערד.

טאַנכום איז אוועקגעלאָפן צו יודע פּיטראַכן.

— וואָס טוט מען, רעב יודע? אונדזערע באַשיצער ציִען אָפּ... די רויטע קענען זיך צוריק אומקערן. די רעוואָקאָמען וועלן מאַכן מיט אונדז קורצע שיִעס.

— גאָט איז א פּאָטער, — האָט יודע אָפּגעענטפערט. — מיר וועלן לעבן, וועלן מיר זען. די שלעפּער וועלן סײַווי ניט זײַן קיין באַלעבאַטים אויף אונדזער ערד. א צעטראָגענער איז טאַנכום אוועק אַהיים.

— מ'וועט ווידער טיילן די ערד לויט די נעפּאַשעס, — האָט טאַנכומען ניט אויפגעהערט צו פּײַניקן דער געדאַנק. — און וויפל ערד קען אָנקומען אויף מײַן און נעכאַמעס ביילעק?

אין די מעהומעדיקע טעג, ווען טאנכומען האָבן באהערשט שווערע מאכ־שאָוועס, איז צו אים אומגעריכט געקומען א טרייסט. ער האָט זיך דערמאָנט אין דער זנאכערקע, וועגן וועלכער מ'האָט דערציילט ניסים, אז זי האָט מיט אירע אָפּשפּרעכערייען געהאָלפן איינער א ייִדענע און יענע האָט פּונקט צו נײַן כאדאָשים געבוירן א זון.

ניט אָפּלייגנדיק קיין מינוט, האָט טאנכום אױף מאָרגן באגינען זיך גע־נומען גרייטן אין וועג ארײַן.

ביז נעכאמע האָט אויסגעמאָלקן די בעהיימעס, צוגעגרייט פרישטיק, האָט ער באוויזן אָנעמען אין קלוניע פּאָלאָווע, אראָפּכאפּן פון בוידעם א ביסל דערט און אָנהענגען אונטערן וואָגן אן עמער צו פּויען אונטערוועגנס די פערד. ער האָט אױף גיך אָפּגעגעסן און אָנגעהויבן אונטערטרײַבן דאָס ווײַב, זי זאָל זיך וויניקער קלײַבן, ווײַל ס'איז שוין א שטיק אפן טאָג.

— באלד, באלד, טאנכום. ווארט צו נאָך א רעגעלע, כ'גיי שוין, — איז זי א פארהאוועטע ארומגעגאנגען איבער דער שטוב, באטראכט, צי האָט זי פארן פאָרן אלץ באוואָרנט, ווי עס באדארף צו זײַן, ס'זאָל כאס־וועשאָלעם קיין שאָדן ניט זײַן אין דער באלעבאטישקײַט.

נעכאמע האָט זיך שוין גאָר געוואָלט נעמען אָנטאָן, נאָר זי האָט זיך דערמאָנט, אז זי האָט די הינער, וואָס דארפן זיך הײַנט לייגן, ניט פארשפּארט, זיי זאָלן די אייער ניט אָנווערן, דעם עמער נאָכן געמעלק ניט אויסגעוואשן און דאָס געקעכטס ניט אוועקגעשטעלט אין קעלער, ס'זאָל ניט זויער ווערן.

טאנכום האָט ארויסגעטראָגן פון שטאל די זברויע, אָנגעשמירט די אקסן פון וואָגן. ביז ער האָט אײַנגעשפּאנט די יונגע פּאָר לאָשיצעס, צוגעטשעפּעט די זיץ צום וואָגן, איז שוין נעכאמע געשטאנען אפן שוועל אן אָנגעטאָנענע אין איר ווײַס געפּינטלט קלייד, מיטן טערקישן שאל אפן אקסל.

— זעץ זיך, — האָט טאנכום, אָנשטײַפנדיק די לייצעס, א ווונק געגעבן צום ווײַב.

נעכאמע איז ארויף אפן וואָגן. די פערד האָבן מיט יונגער פארשײַטקײַט א טראָג געגעבן די פור איבערן גלאט אויסגעפּאָרענעם שטויביקן וועג.

זינט טאנכום האָט געקויפט די נײַע בריטשקע מיטן גרינעם קאסטן, מיט די שיינע פּילפּארביקע קונציק אויסגעדרייטע צייכענונגען, האָבן זײַנע אויערן זיך אלץ ניט געקאָנט אָנזעטיקן מיטן הילכיקן קלאנג פון אירע גוט געקאָוועטע אקסן. זײַן הארץ איז געווען פול מיט פארגעניגן פונעם אָדלערישן טראָגן פון זײַנע לאָשיצעס, וועלכע האָבן געשוועבט איבער דער ערד, קוים־קוים צורירנדיק זיך צו איר מיט זייערע קאָפּיטעס.

טאנכום האָט געוווּסט, מיט וואָס פאר א קינע מענטשן קוקן אױף זײַנע פערד און וואָגן. טאקע דערפאר האָט זיך אים געוואָלט אױף צולאָכעס זיי נאָך שטארקער טרײַבן די לאָשיצעס.

— וווּהין טראָגט עס אים אזוי פרי? — טראכט געווים עמעצער, — אױף א יאריד, אָדער צו גאסט, צי עפּשער גאָר אױף א כאסענע?

ווער נאָך קען ארויספאָרן מיט אזא געשפּאן, ווי ער, טאנכום!

טאנכום איז זיכער, אז קיינער ווייסט ניט, וווּהין און צוליב וואָס ער

פּאָרט איצט. קיינעם וועט געוויס ניט אײַנפאלן, אז אין וועג האָט אים געטריבן גאָר אן אומגליק, וועגן וועלכן עס וויסן נאָר ער און זײַן ווײַב.

ער האָט א קוק געגעבן אין א זײַט, ווי ער וואָלט זיך וועלן דערקונדיקן, צי עמעצער קוקט, וווּהין ער פֿאָרט. דערזעענדיק א פּאָר יאטלעך, וועלכע זײַנען ארויסגעלאָפֿן פֿון טויער און אָנגעהויבן נאָכיאָגן די פֿור, האָט ער נאָך האסטיקער א יאָג געגעבן די פֿערד און אָנגעהויבן שילטן די כעוורע:

— א ניכפּע אויף אײַך, מאמזיירים, וווּהין טראָגט אײַך דער רועך?

ער האָט זיך א קער געגעבן צום ווײַב און מיט פארביטערונג א זאָג געטאָן:

— בא לײַטן וואקסן קינדער... פֿון זיך אליין שפּארן זיי אויף דער וועלט, ווי בוריאן פֿון דער ערד... ס׳קען זײַן, אז טאטע־מאמע האָט גאָר ניט געוואָלט, זיי זאָלן געבוירן ווערן, און אויף אונדז איז אן אָנשיקעניש.

— גענוג שוין, איך האָב עס שוין געהערט! — האָט נעכאמע בייז א קוק געגעבן אויף אים און אָפּגעקערעוועט זיך אין א זײַט, ווי זי וואָלט וועלן אויסמײַדן צו קוקן אים אין די אויגן.

א פּאָר מאָל איז שוין טאנכום געפֿאָרן מיט איר צו דאָקטוירים, צו פֿארשיידענע אָפּשפּרעכערנס זיך געווענדט. יעדעס מאָל האָבן זיי זיך אומגעקערט אהיים האָפֿערדיקע, מיט האָפֿענונגען, אז זי וועט שוואנגער ווערן. נאָר ביז איצט איז גאָרנישט מעקוייעם געוואָרן. פֿינף קינדער האָט ער דאָך שוין געקאָנט האָבן, וויפֿל מאכט עס אויס ערד? הײַנט וויפֿל הענט וואָלטן געקאָנט אויסוואקסן פֿאר דער כודאָבע. אייגענע הענט! ער וואָלט ניט גענדארפֿט דינגען קיין מענטשן אין דער באלעבאטישקײַט.

וויפֿל פּרויען האָט טאנכום באגעגנט, קליינינקע, דארינקע, און זיי שיטן מיט קינדער, און אזא געזונטע שטיק, קיין־אײַנהאָרע, ווי נעכאמע, מיט אזא שטעל, מיט אזא בוזעם, דארף גאָר זײַן א געשטראָפּטע אקאָרע. וויפֿל, אשטייגער, וואָלט זי אין איר מוטערטראכט געקענט אויסטראָגן קינדער, וויפֿל וואָלט זי מיט איר ברוסט געקענט אויסהאָדעווען.

איר בוזעם האָט אים צוגעצויגן, ווי נאָר ער האָט זי דאָס ערשטע מאָל דערזען. ער האָט ניט געקענט אײַנרוען, געטריבן די שאדכנטע צו איר, עס זאָל וואָס גיכער ווערן דער שידעך, געוואָרט האָט ער ניט געטאָרט, יעדע שאָ איז בא אים געווען טײַער. ער האָט געמוזט גיך אָפּשפּילן א כאסענע, קעדיי ארויסלאָזן א קלאנג, אז ער האָט באקומען א פּויטעקע אין נאדן, ווען אָבער ס׳איז דורכגעגאנגען א יאָר און נאָך א יאָר נאָך זײַן כאסענע און נעכאמע איז ניט געוואָרן מעוברעס, האָט זיך אים אָנגעהויבן דוכטן, אז די, וועמענס גוטס ס׳איז צו אים ארײַנגעפאלן, האָבן אים פֿארשאָלטן, און ער האָט אָנגעהויבן זוכן מיטלען. ווו ס׳איז נאָר געווען א זנאכערקע, איז טאנכום אויסגעווען, אזש צו א גוטנײדן געפֿאָרן, וואָס נאָר פֿאר א סגולע מ׳האָט געהייסן, האָט ער געטאָן, און ס׳האָט גאָרנישט ניט געהאָלפֿן.

דערוויסנדיק זיך פֿון דער נײַער זנאכערקע, וועלכע האָט, ווי מע דערציילט, מיט אירע שפּיוכן געהאָלפֿן איינער א יידענע, האָט ער געוואָרפֿן אלע ארבעטן און זיך געלאָזט מיטן ווײַב צו איר פֿאָרן. וויפֿל מ׳וועט דארפֿן, וועט

ער זיך לאָזן קאָסטן, אַבי ס'זאָל העלפֿן. דאָס מאָל איז טאַנכום געווען האָפּערדיקער און אופֿגעלייגטער, ווי אַלעמאָל. ער איז געפֿאָרן ניט נאָר געווינען אַ קינד, נאָר אויך ערד, אייגענע ערד. און עפּשער, אַז גאָט וועט געבן, וועלן זײַן צוויי מיטאַמאָל און אין אַ יאָר אַרום נאָך אַ פּאָר. די באָבע זײַנע האָט דאָך געהאַט אַ צווילינג. מיט וואָס איז נעכאַמע ערגער פֿון דער באָבען?..

באַ טאַנכומען איז פֿונעם זיסן טרוים, וואָס ס'איז אַף אים אָנגעפֿאַלן, אָפּגעגאַנגען דאָס האַרץ. אים האָט זיך געוואָלט אַרומנעמען נעכאַמען, צודריקן זי צו זיך און שעפּטשען אַפֿן אויער:

— וועסט זען, נעכאַמעלע, אַלץ, וואָס מיר האָבן פֿאַרטראַכט, וועט מעקוייעם ווערן...

טאַנכומען איז שוין לאַנג ניט געווען אַזוי גוט אַפֿן האַרצן, ווי אין דער מינוט, ווען ער האָט געטראַכט וועגן זײַנע קומענדיקע קינדער. ער האָט אַ טרײַב געגעבן די פֿערד, זיי זאָלן נאָך שטאַרקער טראָגן, גיכער דערפֿירן זיי צו דער אָפּשפּרעכערן. דערנאָך האָט ער, צוימענדיק די פֿערד, אַ קערעווע געטאָן אַ ביסל אין אַ זײַט. ער האָט אַראָפּגעלאָזט זיך אַראָפּ באַלקע און טייקעף זיך אופֿגעהויבן אַרויף באַרג.

פֿונווײַטן האָבן זיך באַוויזן שפּיצן פֿון אַ קלויסטער. די צלאָמים האָבן קעגן דער אופֿגייענדיקער זון זיך פֿאַנאַנדערגעגאָסן אין גאָלד־שימער. אין אַ ווײַלע אַרום האָבן ערגעץ אין דער שטילער דרעמלענדיקער ווײַט זיך פֿאַנאַנדערגעפֿאָכט די מעכטיקע פֿליגלען פֿון אַ ווינטמיל. אין דער קילער פֿאַרטאָגיקער לופֿט האָבן אויסגעשוועבט איינטאָניקע אומעטיקע קלאַנגען פֿון די צעבויטעטע קלויסטער־גלאָקן.

ווי נאָר זיי זײַנען שטיל געוואָרן, האָבן זיך דערהערט אָפּגעריסענע הורקערייען און געשרייען פֿון מענטשלעכע קוילעס, הירזשערײַען פֿון פֿערד, רעווערײַען פֿון קי, בילערײַען פֿון הינט. דאָס אַלץ האָט זיך אויסגעמישט אין אַ טומל.

דורכן שיטער וועלדיקן נעפּל האָט טאַנכום דערזען אין דער לופֿט שנירעלעך רויך, וועלכע האָבן זיך געשלענגלט פֿון די קוימענס פֿון די טשערעפּענע, בלעכענע און האַלב־צעפּוילטע שטרויענע דעכער.

אַזוי האָט זיך פּאַמעלעך פֿאַר טאַנכומס אויגן אַפֿן גלײַכן סטעפּפּלאַך פֿאַנאַנדערגעוויקלט דאָס דאָרף וואַסיליצע, ווו עס האָט געוווינט די אָפּשפּרעכערן.

אַ פּאָר קודלאַטע הינט האָבן באַגעגנט די אומבאַקאַנטע פֿור מיט אַ בייזער האַווקערײַ. עטלעכע פּויערים, באָרוועסע, אָן היטלען זײַנען אַרויסגעלאָפֿן פֿון די הײַזער און מיט נײַגער אָנגעהויבן באַטראַכטן די פֿערד און וואָגן.

— האַרני קאָני. ווידקאָ וויוואַ נע זשאַלקויע[1], — האָט עמעצער זיך אָפּגערופֿן.

פֿון פֿאַרגעניגן, וואָס דער פּויער האָט אַזוי געלויבט זײַנע פֿערד, האָט טאַנכום אַ צי געגעבן די לייצעס, ווי ער וואָלט וועלן ווײַזן, ווי זײַנע אָדלערס טראָגן אַף אַן עמעסן.

---

[1] גוטע פֿערד, ווי עס ווײַזט אויס, זשאַלעוועט זיי דער באַלעבאָס ניט קיין האָבער.

פּלוצעם איז פון א הויף אַרויסגעלאָפן א טשאַטע גענדז. איבערשרײַענדיק אײנע די צווייטע און פּאַטשנדיק מיט די פליגלען, האָבן זיי זיך געלאָזט איבער דער גאַס. טאַנכומס פערד האָבן דערשראָקן אָנגעשטעלט די אויערן, פאַריסן די ווײדלען און א טראָג געגעבן דעם וואָגן אַף די גענדז. די גענדז האָבן זיך נאָך שטאַרקער צעשריִען.

— אך דו, טײַוול פאַרשאָלטענער, די ערד זאָל דיך אײַנשלינגען אינײנעם מיט דײַנע פערד! — האָט א פויערטע, א באָרוועסע, א צעשויבערטע מיט א ריטל אין האַנט גענומען גוואַלדעווען. — וווּהין טראָגט דיך?.. דו וועסט דאָך די גענדז מײַנע איבערפאָרן!

— אַף אונדזערע סאָנימס קעפּ, — האָט נעכאַמע דרײַ מאָל אויסגעשפּיגן.

טאַנכום האָט אָפּגעשטעלט די פערד, אָפּגעוואַרט, ביז די גענדז זײַנען דורכגעגאַנגען דעם וועג. אײדער ער האָט א צי געגעבן די לײצעס און זיך ווײַטער געלאָזט פאָרן, האָט ער בא א פויערטע, וועלכע איז פּונקט אָנגעגאַנגען, א פרעג געגעבן:

— ווּ וווינט דאָ די אָפּשפּרעכערן?

— פאַראַן בא אונדז דרײַ. די סאַמע גלאַוונע איז כיווריע לאַוודאָגע, זי וווינט אפן ברעג דאָרף, גלײַך נאָך דער קוזניע, בא וועמען איר וועט פרעגן, וועט אײַך יעדערער ווײַזן.

מער בא קײנעם ניט פאַנאַנדערפרעגנדיק זיך, האָט טאַנכום אָפּגעזוכט די קוזניע און דאָס שטיבל לעבן איר.

אפן שוועל פון דעם שטיבל איז געשטאַנען אן אײַנגעהויקערטע זקײנע, מיט א צעקאַרבט, צעקנײטשט פּאָנעם. אָנשטויסנדיק זיך, אַז דאָס איז מען גע־קומען צו איר, האָט זי מיט די קײַלעכדיקע, אומבאַוועגלעכע אויגן, ווי בא א סאָווע, א ווּנק געטאָן און אײַנגעלאַדן די געסט אין שטוב.

טאַנכום האָט אויסגעשפּאַנט די פערד און איז מיט נעכאַמען אַרײַן צו דער אָפּשפּרעכערן אין שטוב. די אַלטע איז שוין געזעסן אין א ווינקעלע לעבן די איקאָנעס, ווּ עס האָט געטשאַדעט א לעמפּעלע. אַף אירע אַקסלען האָט זי אַרופגעוואָרפן עפּעס א טוך, ווי א ריאַסע.

— זעצט זיך, — האָט זי, א קער געבנדיק זיך צו נעכאַמען, געזאָגט, — וואָס איז געשען מיט אײַך?

נעכאַמע האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן דער אָפּשפּרעכערן.

טאַנכום האָט זיך אָנגעבויגן, א פּאָר מאָל א צי געגעבן די כאָלעוועס פון די שטיוול, אָנגעשפּיגן אין די דלאָניעס, ווי ער וואָלט זיך קלײַבן א רײניק טאָן די בגאָדים, איבערגעבונדן דאָס גאַרטעלע מיט די קוטעסלעך און איז צוגעגאַנגען האַרט צו דער אָפּשפּרעכערן.

— נו, וואָס זשע איז בא אײַך געשען? — האָט זי איבערגעפרעגט.

טאַנכום האָט א ווּנק געטאָן צו נעכאַמען, געבנדיק איר אָנצוהערן, אַז ס'איז א ווײַבערשער איניען. דעריבער דאַרף זי, הײסט עס, דערצײלן. נאָר זי איז געוואָרן רויט און קוים א זאָג געטאָן.

— מיר האָבן ניט קײן קינדער...

— זינט אונדזער כאַסענע האָבן מיר שוין געקענט האָבן פינף קינדער, —

האָט טאַנכום צוגעגעבן, — און וואָס איז פאַר אַ לעבן אָן קינדער, ווייסט איר אַליין... אָט טײַלט מען די ערד... מיר האָבן, דאַנקען גאָט, אַ באַלעבאַטישקייט...
— איז וואָס זשע ווילט איר? קינדער האָבן? — האָט כיוורע אים איבערגע־שלאָגן.
— אַוודאי, — האָט טאַנכום אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ. — מיר זײַנען שוין געווען אַ פּאָר מאָל בײַ אָפּשפּרעכערנס און ס'האָט ניט געהאָלפֿן, אומזיסט נאָר געלט אַרויסגעוואָרפֿן... און וועגן אײַך זאָגן מענטשן, אַז איר העלפֿט. איך וועל אײַך גוט באַצאָלן.
— פֿון וואָס זשע זאָל איך אײַך אָפּשפּרעכן, פֿון רוכעס? פֿון שלעכטע מענטשן? צי פֿון...
די אָפּשפּרעכערן האָט אויסגעשטעלט איר פֿרומגעמאַכט פּאָנעם, ווי זי וואָלט וואַרטן, מע זאָל איר אונטערזאָגן פֿון וואָס אָפּצושפּרעכן.
— ווער ווייסט, פֿון וואָס מיר זײַנען אַזוי געשטראָפֿט, — האָט אָנגעהויבן נעכאַמע, אַרויסלאָזנדיק אַ קרעכץ. — מיר האָבן, דאַכט זיך, קיינעם קיינמאָל קיין שלעכטס ניט געטאָן. קיינעם ניט באַגאַנוועט, ניט באַגאַזלט.
טאַנכום האָט בייז אַ קוק געגעבן אויף נעכאַמען, לעמײַ זי האָט אינמיטנ־דערינען פֿאַרפֿירט אַ רייד וועגן גנייווע.
— וואָס באַלבעסטו? וואָס פֿאַר אַ שײַכעס האָט עס צו דער זאַך,־ נאָך וואָס מיר זײַנען געקומען? — האָט זיך אים געוואָלט צעשרײַען. נאָר טייקעף האָט ער אַ טראַכט געטאָן, ס'קען זײַן, אַז ס'ליגט בעטן אָפּשפּרעכן פֿון די קלאָלעס, באַטש ער האָט ווינציק אין דעם געגלייבט.
— איר האָט אויף אַלץ שפּרוכן? — האָט ער, אַ ווײַלע שווײַגנדיק, אַ פֿרעג געגעבן.
— אויף אַלדאָס בייזס, אויף אַלע אומגליקן, וואָס זײַנען נאָר פֿאַראַן.
— נו, גוט, שפּרעכט אונדז אָפּ פֿון קלאָלעס, פֿון שלעכטע אויגן, — האָט טאַנכום אַ זאָג געטאָן, — פֿון פֿאַרשיידענע אומגליקן...
די אָפּשפּרעכערן האָט געהייסן טאַנכומען אָפּגיין אין אַ זײַט, נעכאַמען האָט זי אוועקגעזעצט לעבן זיך אויף אַ בענקעלע און, דרייענדיק אַרום איר קאָפּ אַן איי מיט פֿרום פֿאַרגלאָצטע אויגן, אָנגעהויבן עפּעס שעפּטשען וועגן שיידים, רוכעס. נאָכדעם האָט זי צוגערופֿן טאַנכומען צו זיך און געפֿרעגט:
— איר ווילט האָבן איין קינד צי עטלעכע?
— אַוודאי עטלעכע. וואָס מער איז בעסער.
— קינדער דאָס איז אַ גרויס רײַכקייט, — האָט די אָפּשפּרעכערן זיך אָפּ־גערופֿן, — דאַרף מען אַוועקלייגן אויפֿן טיש געלט, און איך וועל שפּרעכן איבערן געלט.
— געלט? — איז טאַנכום געוואָרן צעטומלט.
— געלט, אַוודאי געלט. מ'דאַרף די רוכעס פֿאַרנאַרן, — האָט די אָפּשפּרע־כערן אים דערקלערט, — און דײַן ווײַב דאַרף קוקן אויפֿן געלט און טײַנען: „כ'וויל קינדער, כ'וויל קידער!״
טאַנכום האָט זיך אַ ריִע געטאָן אין קעשענע. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז בײַ אים ליגן דאָרט צוויי דרײַערלעך, אַ פֿינפֿערל און אַ פּאָר צענערלעך, וועלכע

ער האָט פֿארכאַפּט מיט זיך, טאָמער וועט זיך אים איַינגעבן פֿונדאַנען צוכאַפּן זיך אַפּן יאַריד און קויפֿן עפּעס. כאָטש זינט מ'האָט אראָפּגעוואָרפֿן דעם קייסער, האָבן מענטשן אָנגעהויבן ריידן, אַז די ניקאָלאַייעווער דריַיערלעך, פֿינפֿערלעך, צענערלעך קאָנען ווערן ניט גילטיק, נאָר בא טאַנכומען אין קאָפּ האָט זיך אַזוינס ניט פּאָטויפּעט. אין זיַינע אויגן האָבן די דאָזיקע פּאַפּירלעך געהאַט דעם גרעסטן קויעך אין דער וועלט, און ער האָט זיך ניט געקענט פֿאָרשטעלן, אַז אַ וועלכע־ניט־איז קראַפּט איז אימשטאַנד צו מאַכן זיי פֿאַר אויס געלט. ביפֿראַט, אַז דער קייסער אַליין האָט זיי ארויסגעלאָזט.

טאַנכום האָט זיך לאַנג געיִישעווט מיט זיך, וועלכע פֿון די פּאַפּירלעך זאָל ער ארויסשלעפּן פֿון קעשענע. ער איז געווען קימאַט זיכער, אַז דאָס געלט, וואָס ער וועט אוועקגעבן דער אָפּשפּרעכערן, וועט ער שוין צוריק ניט באַקומען. דעריבער האָט זיך אים געוואָלט אוועקלייגן אַ דריַיערל. ער האָט לאַנג געטאַפּט מיט די פֿינגער די פּאַפּירלעך, געדרייט זיי און ווי אַף צולאָכעס האָט זיך ארויסגעשלעפּט אַ צענערל. טאַנכום האָט געוואָלט צוריק אוועקלייגן דאָס צענערל און נעמען אַן אַנדער פּאַפּירל, נאָר די אָפּשפּרעכערן האָט גע־טשאַטעוועט נאָך אים.

— נו, איז וויַיז אהער, — האָט זי אָנגעהויבן מאָנען בא אים דאָס צענערל.

טאַנכום האָט זיך געדרייט אין אַלע זיַיטן, געמינעט זיך אין פּאָנעם און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן.

— עפּשער וועט זיַין גענוג אַ דריַיערל, — האָט ער זיך אָנגעהויבן צו דינגען.

— אַ פֿינף־און־צוואַנציקער וואָלט געווען נאָך בעסער, — האָט זיך אָפּגע־רופֿן די אָפּשפּרעכערן, — נאָר זאָל זיַין אַזוי.

טאַנכום האָט אָפּגעגעבן דער אָפּשפּרעכערן דאָס צענערל. זי איז ארויס אין שכייניש צימער און זיך באַוויזן צוריק מיט עפּעס אַ פּעקעלע, איַינגעוויקלט אין אַ קאָלדרע.

— דאָס וועט זיַין אַן אייפּעלע, — האָט זי געזאָגט, דערלאַנגענדיק דאָס פּעקעלע נעכאַמען, — וויג עס איַין אַף די הענט, און איך וועל דיר זאָגן אַ שפּרוך. זאָג, נו, אַ־אַ־אַ און זינג צו אַ לידעלע.

— אַ־אַ־אַ, — האָט נעכאַמע, שאָקלענדיק זיך, צוגעפּאַטשט איבערן אייפּע־לע מיט די הענט.

— נו, וואָס זינגסטו ניט?.. זינג! — האָט די אָפּשפּרעכערן זיך אָנגעהויבן בייזערן.

נעכאַמע האָט זיך פֿאַרקרימט, זי האָט געוואָלט עפּעס זינגען, נאָר די צונג האָט זיך בא איר ניט גערירט.

— זינג, נו, זינג! — האָט די אָפּשפּרעכערן זיך נאָך מער אָנגעהויבן בייזערן. — ווי וועסטו ניאַנטשען אַ קינד און קיין לידעלע ניט זינגען?

נעכאַמע האָט מיט אַ דומפּן קאָל קוים דורכגעזונגען.

אונטער איצעלעס וויגעלע
שטייט אַ וויַיסינק ציגעלע.

און איז אנשווינגן געוואָרן.

— נו, זינגן! וואָס האָסטו אופגעהערט?

נעכאמע האָט עפּעס אָנגעהויבן מורמלען, און די זנאכערקע פון איר זײַט האָט עפּעס געפּרעפּלט. ווען נעכאמע האָט געענדיקט, האָט די אַפּשפּרעכערן איר געהייסן צוואנציק מאָל הין און צוריק אריבערגיין איבערן שוועל און זאָגן.

— שענק מיר, גאָט, א קינד!

— פאַרוואָס עפּעס איין קינד? — האָט טאנכום זיך געווענדט צו דער אָפּשפּרעכערן. — זאָל זי זאָגן קינדער.

די אָפּשפּרעכערן האָט בייז א דריי געגעבן מיטן פינגער אף טאנכומען, ער זאָל ניט שטערן, און פאַרגעזעצט פּרעפּלען. ענדיקנדיק די טפילע, האָט זי גענומען דאָס איי, נאָך א פּאָר מאָל א דריי געגעבן איבער נעכאמעס קאָפּ, צעבראָכן עס, ארײַנגעגאָסן אין א גלאָז, צוגעגאָסן אהין א ביסל מוטנע וואסער און געהייסן נעכאמען אויסטרינקען, צוווינטשנדיק איר, אז „ס'זאָל זײַן צו רעפוע און גאָט זאָל איר געבן קינדער, וויפל זי ווינטשט זיך אליין".

נעכאמע האָט באדאנקט די אָפּשפּרעכערן און זיך געוואָלט לאָזן גיין, נאָר טאנכום איז נאָך אלץ געשטאנען ווי א פארגליווערטער און די אויגן ניט אראָפּגעלאָזן פונעם צענערל. וויפל ער האָט זיך ניט געשטארקט, האָט ער בעשום-אויפן ניט געקאָנט שאָלעם מאכן מיטן געדאנק, אז דאָס געלט וועט איינגאנצן בלײַבן בא איר.

—דאָס איז הייליק געלט, — האָט די אָפּשפּרעכערן א זאָג געטאָן, ווי זי וואָלט זיך אָנשטויסן, וועגן וואָס ער טראכט איצט.

צום סאָף האָט די אָפּשפּרעכערן געזאָגט נאָך עפּעס א טפילע, אויסגעשפּיגן דרײַ מאָל, געהייסן נעכאמען מיט טאנכומען אויסשפּײַען און, אָנווינטשנדיק זיי א סאך גליק און נאכעס פון די קומענדיקע קינדער, זיי ארויסגעבאגלייט אהיים.

2

פון דורדובא האָט דאָוויד קאבאָ מיט א צופעליקער פור זיך איבערגעכאַפּט קיין האנטשעריכע, ווו עס איז געשטאנען דער שטאב פונעם דערנערונגס-אָטריאד. איבערגעגעבן דעם קאָמאנדיר אייניקע „סוואָדקעס", האָט דאָוויד געוואָלט טייקעף אומקערן זיך צוריק. נאָר דער קאָמאנדיר האָט באשטימט אליין אהין צופאָרן, און אים האָט ער באפוילן איבערקלײַבן זיך צאָפּן-מײַרעוודיקער פון האנטשע-ריכע, אין קלימאָווקע און אין די ארומיקע דערפער פון אומגעגנט.

דאָווידן איז דעם קאָמאנדירס באפעל געווען שטארק צום הארצן, ווײַל אייגנטלעך האָט דאָס פאר אים באטײַט פאָרן אהיים צו די אייגענע, צו מענטשן, וועלכע ער האָט גוט געקענט, מיט וועלכע ער איז צוזאמען געוואקסן.

— ס'איז דיר קלאָר די אופגאבע? — האָט דער קאָמאנדיר, א הויכער, א

שלאנקער מיט א ברייט ביינערדיק פּאָנעם און מיט בלויע צארטע מיידלש־פאר־טרוימטע אויגן, א פרעג געגעבן. אָנשטײַפנדיק די פויסטן און זשעסטיקולירנ־דיק, ווי ער וואָלט זיך קלײַבן א רעדע האלטן, האָט ער דאָווידן דערקלערט, ווי וויכטיק עס איז וואָס גיכער צונויפקלײַבן און אָפּשיקן אין שטאָט דערנערונג פאר די הונגעריקע ארבעטער, ווי מ׳דאַרף מאָביליזירן צו דעם צוועק די אָרעמע פּויערים.

— אין די ערטער בין איך אן אייגענער מענטש, — האָט דאָוויד דערקלערט דעם קאָמאנדיר. — כ׳ווייס, בא וועמען ס׳איז דאָ ברויט, ווי מ׳קען עס ארויס־קריגן. נאָך אמאָל, ווען ס׳איז געווען א שטרײַק אַף אונדזער זאוואָד, האָב איך פון די ערטער געבראכט ברויט פאר די ארבעטער.

— נו, איז גוט, פאַר און טו, וואָס מ׳דאַרף, — האָט דער קאָמאנדיר, געזעגענענדיק זיך מיט דאָווידן, אָפּגעהאקט א זאָג געטאָן.

ס׳איז שוין געווען נאָך האלבן טאָג. די זון האָט שוין אָנגעהויבן זיך זעצן. פּונדעסטוועגן האָט דאָוויד באשטימט ניט אָנווערן קיין צײַט און לאָזן זיך אין וועג.

אן אופגערעגטער פון דער פּאָרשטייענדיקער באגעגעניש מיט די אייגענע, איז דאָוויד א פּאָר מאָל ארויסגעגאנגען אפן גאנעק און מיט אומגעדולד ארויס־געקוקט אַף דער פור, וועלכע האָט אים געדארפט אָפּפירן אין איינעם פון די אָנגעמערקטע פּונקטן.

ענדלעך איז צוגעפאָרן צום שטאב עפּעס א פור. דער אָנטרײַבער, א באַ־יאָרטער מענטש מיט א שטארק באוואקסן מאָגער פּאָנעם, מיט שווארצע קליינע אייגלעך, האָט פונוויַטן, דערזעענדיק דאָווידן, א זאָג געטאָן:

— דער רעווקאָם האָט מיר געהייסן אָפּפירן עפּעס א מענטשן.

— גוט, גוט, איך קוק שוין ארויס אַף אײַך, — האָט דאָוויד אָפּגעענט־פערט און איז אײַליק ארײַנגעלאָפן אין שטאב, ווי עס ווײַזט אויס, עפּעס נעמען. דער פורמאן איז דערווײַל אראָפּ פון וואָגן, פאריכט דאָס געשפּאַן און צורעכט געמאכט די שטרוי אין וואָגן.

ארויסגייענדיק צוריק, האָט דאָוויד באטראכט די פערד, האלב איראָניש א שמייכל געטאָן און געפרעגט:

— זײַ זיך מוידע, די אָדלערס דײַנע וועלן אונדז ניט צעטראָגן?

דאָווידס שפּאַס האָט דעם באלעבאָס, קענטיק, שטארק באליידיקט. אָנעמענ־דיק זיך די קריוודע פון זײַנע פערד, האָט ער געזאָגט:

— כאָטש מײַנע פערד האָבן שוין לאנג קיין האָבער אפילע אין כאָלעם ניט געזען, נאָר קיין בײַטש זאָלט איר זיי ניט ווײַזן.

דער באלעבאָס האָט געמאכט א באקוועם אָרט פאר דאָווידן. נאָכדעם האָט ער אים א ווונק געגעבן, ער זאָל ארוף אפן וואָגן, א סמאָטשקע געבנדיק מיט די ליפּן, א טרײַב געטאָן די פערד. זיי האָבן מיט כיישעק א שלעפּ געגעבן דעם וואָגן, וועלכער האָט, אונטערשפּרינגענדיק איבער די הרודעס, זיך געטראָגן מיט א מוירעדיקער טראסקערײַ. אָפּגעפאָרן א פּאָר ווערסט, האָט דער באלעבאָס אָנגעהויבן אײַנהאלטן א ביסל די פערד.

— ש־ש־שטיל, — האָט ער געהאלטן אין איין מאכן אן אָנשטעל, ווי די

פערד צעטראָגן אים. — ש־ש־ש, איר זעט א גאנג?.. א וויכער... א בליץ... ש־ש־ש... זיי זײַנען נאָך אויסגעמאטערט, ביז האלבן טאָג האָב איך אױף זיי געאַקערט.

— ווי אלט זײַנען זיי? — האָט דאָוויד זיך אָנגעהויבן פאנאנדערפרעגן.

— די, וואָס גייט לינקס, איז אלט פיר יאָר, און יענע — פינף, זיי זײַנען ביידע פון איין מאמען... צוויי שוועסטער הייסט עס. און די מאמע זייערע האָט אזוי געטראָגן, אז א רועך אליין וואָלט זי קיינמאָל ניט דעריאָגט...

דער אָנטרײַבער איז אזוי פארכאפּט געווען מיט דער דערציילונג וועגן זײַנע פלינקע פערד, אז ער האָט ניט באמערקט, ווי פון ערגעץ האָט זיי אָנגעיאָגט עפּעס א פור. די פור איז געפאָרן האסטיק, ווי זי וואָלט וואָרענען: — „טרעט אָפּ דעם וועג, קערעווע אָפּ מיט דײַנע קליאטשעס, גיב אָפּ דערעכערעץ, ס'פאָרט א באלעבאָס". נאָר דעם אָנטרײַבער איז דאָס, קענטיק, ניט אָנגעשטאַנען.

— וואָס הייסט, ער איז גאָר קיין באלעבאָס ניט? זײַנע פערד רעכנט מען שוין גאָר פאר קיין פערד ניט?

דער פורמאן האָט א צי געגעבן די לייצעס, נאָר צעיאָגן זיך איז שוין ניט געווען ווּהין, ווײַל די פור האָט זיך אראָפּגעלאָזן בארג־אראָפּ און נאָכיאָגן איז געווען געפערלעך.

ארויספאָרנדיק ווידער אפן סטעפּ־פלאך לעבן א קרייצוועג, האָבן זיך ביידע פורן אויסגעגלײַכט. די פערד האָבן אָנגעהויבן אָנשטעלן די אויערן און פריילעך הירזשען, ווי זיי וואָלטן זיך דערקענען.

פּלוצעם האָט זיך פון דער פור, ווּ עס איז געזעסן טאנכום דאָנדע, זיך דערהערט א געשריי:

— זע, טאטע, פונוואנען פאָרסטו עס?

נעכאמע האָט א צעראשטע זיך א כאפּ געטאָן, פאנאנדערגעשפּרייט די הענט, וועלכע זי האָט געהאלטן אונטער דעם געקעסטלטן שאל, ווי זי וואָלט וועלן א שפּרונג טאָן פון דער פור.

— פונוואנען פאָרט איר עס? וואָס מאכסטו, נעכאמעלע? און דו, טאנכום? — האָט נעכאמעס פאָטער, שאָלעם באָריסאָניק, אײַנהאלטנדיק זײַנע פערד, א געשריי געטאָן מיט א הייזעריק אופגערעגט קאָל.

זינט ער האָט אויסגעגעבן די טאָכטער פאר טאנכומען, זײַנען זיי געווען בא אים געציילטע מאָל. אפילע אױף קיידוער־אָוועס פון דער מוטער פלעגט נעכאמע קומען זעלטן. מעגלעך, אז זי האָט אויסגעמיטן אָפּט פאָרן צום פאָטער, ווײַל גיך נאָך דער מוטערס טויט האָט ער כאסענע געהאט, און מיט דער שטיפמוטער האָט זי ניט געהויזט. נעכאמעס פאָטער האָט שטארק געליטן דערפון.

שאָלעם האָט איבערגעגעבן דאָווידן די לייצעס, אראָפּגעשפּרונגען פון דער פור און צוגעלאָפן צו נעכאמען, צעקושט זיך מיט איר, נאָכדעם מיט טאנכומען.

— איך קוק שוין אזוי ארוים אױף אײַך, און איר קענט זיך אלץ ניט אויסקלײַבן צו מיר, — האָט דער פאָטער, ניט אראָפּלאָזנדיק די אויגן פון דער טאָכטער, זיך געקלאָגט.

— ווען האָבן מיר צײַט פֿאָרן צוגעסט, — האָט נעבאמע זיך פֿארענט־פֿערט, — בא אונדז איז קיין־אײַנהאָרע א באַלעבאַטישקײַט.

דער פֿאָטער האָט זיך פֿאנאנדערגעפֿרעגט, ווי‍אזוי זיי לעבן, פֿונוואנען זיי פֿאָרן. טאנכום האָט ניט באוויזן צו ענטפֿערן דעם שווער אַף די פֿראגן, ווי ער האָט דערזען אַף דער פֿור דאָווידן.

— ווי קומט מײַן קאָרעוו אַף אײַער פֿור? — האָט טאָנכום, באגעגענענדיק זיך מיט דאָווידס בליק, א פֿרעג געגעבן. — דאָס איז דאָך ראכמיִעלס ווײַבס א ברודער... א גאסט, אָט דאָס וועט זײַן בא אונדז א גאסט. ער וועט אונדז אקור־ראט דערציילן, וואָס עס הערט זיך אַף דער וועלט.

טאנכום האָט זיך באגריסט מיט דאָווידן. וועלנדיק ווײַזן, אז ער איז טאקע מיט אים אן אייגענער, האָט ער אים אָנגערופֿן אפֿן היימישן אויפֿן „דאָ־דיע” און געווענדט זיך צו אים אַף „דו”. נאָר דאָוויד האָט אים געענטפֿערט קאלט, שטארק צוריקגעהאלטן און טיילמאָל אפֿילע מיט ביטל.

— און איך האָב געמיינט, אז איך פֿיר פֿאָשעט א מענטשן פֿון „וואָלאסט”, — האָט זיך אָפּגערופֿן שאָלעם, — גיי וויים, אז איך פֿיר א שטיקל קאָרעוו. צוליב אזא גאסט וואָלט איך שוין אײַנגעשפּאנט די פֿערד אינעם נײַעם וואָגן; איך וואָלט פֿארכאַפּט עפּעס אַף מעכאבעד זײַן אן אייגענעם מענטשן.

— וואָס הייסט אייגענע? — האָט דאָוויד א שמייכל געטאָן. — אלע ארבע־טער און פּויערים זײַנען איצט אייגענע.

— זײַנען מיר מיט אײַך צוויי מאָל אייגענע, — האָט זיך אָפּגערופֿן שאָלעם.

ער איז אָפּגעגאנגען א ווײַלע פֿון דאָווידן, צוגעגאנגען צו טאנכומען און נעבאמען. עפּעס געסוידעט זיך מיט זיי, ניט אראָפּנעמענדיק קיין אויגן פֿון טאנכומס פֿערד, וועלכע האָבן אראָפּגעלאָזט די אויערן, טייקעף אופֿגע־שטעלט זיי און זײַנען גרייט געווען יעדע רעגע צורוקן זיך און נעמען שלאָגן זיך מיט זײַנע פֿערד.

— נו, דאָדיע, וועסט עפּשער זיך איבערזעצן אַף מײַן פֿור? — האָט טאנ־כום, ענדיקנדיק שמועסן מיטן שווער, א פֿרעג געגעבן. — איך פֿאָר דאָך סײַווי אהיים, און דער שווער וועט זיך אומקערן.

— מײַן איידעמס פֿערד וועלן שוין געוויס ניט צושטיין, — האָט נעבאמעס פֿאָטער געפּרוּווט אײַנריידן דאָווידן.

— מיר איז אלציינס מיט וועמען צו פֿאָרן, אבי גיכער קומען אַף אן אָרט, — האָט דאָוויד זיך אָפּגערופֿן.

טאנכום איז צופֿרידן געווען, וואָס דאָוויד וועט פֿאָרן מיט אים. ער וועט דערווײַלע זיך דערוויסן, נאָך וואָס פֿאָרט דאָוויד צו זיי אין קאָלאָניע. ווי־ניט־איז איז ער דאָך א פֿארשטייער פֿון דער נײַער מאכט, א מענטש, וואָס קאָן צו־ניץ קומען. כאָטש טאנכום האָט געוווּסט, אז בא דאָווידן איז ניט אזוי גרינג צו פּויעלן עפּעס, פֿונדעסטוועגן האָט ער באשטימט פּרוּוון מיט אים א שמועס טאָן.

טאנכום מיט נעבאמען האָבן זיך געזעגנט מיטן פֿאָטער. דאָוויד האָט, אריבערגייענדיק אַף טאנכומס פֿור, אויך א פֿאָך געגעבן מיט דער האנט צו זײַן געוועזענעם פֿורמאן.

— דאָס איז, הייסט עס, דײַן ווײַב? — האָט דאָוויד געפרעגט, — איך האָב זי, דאכט זיך, אמאָל געזען, נאָר איך האָב זי ניט דערקענט...

— דו האָסט זיך געהאַלטן שטענדיק פרעמד פון מיר, — האָט טאנכום אים א שטאָך געגעבן. — נו, מיילע... איצט זײַנען מיר שוין, דאנקען גאָט, אלע גלײַך געוואָרן...

— וואָס מאכן פריידל, דער טאטע, ראכמיִעל, זאוועליײב מיט די קינדער־לעך? — האָט דאָוויד, איבערשלאָגנדיק אים, זיך אָנגעהויבן פאנאנדערפרעגן.

— זיי לעבן צוביסלעך. הײַנט איז אלעמען שווער געוואָרן... דאָס ברויט נעמט מען צו, — האָט טאנכום זיך אָנגעהויבן קלאָגן. — דער טאטע און די ברידער מײַנע האָבן געמיינט, אז זיי וועלן צונעמען די ערד, וועט זיי גרינגער ווערן... פריִער האָט כאָטש טאנכום פארזייט פאר זיי א וועלכע־ניט־איז דעסיאַ־טינקע.

— פארוואָס קענסטו איצט ניט העלפן דײַניקע פארזייען א דעסיאַטינקע?

— ווײַל מע הייסט מיר העלפן זייען פרעמדע אָרעמעלײַט, — האָט טאנכום זיך געקלאָגט. — זיי ווילן ניט וויסן, וואָס איך האָב אן אייגענעם פאָטער, וועלכער קוקט ארוים אַף מײַן הילף.

— פונוואנען פאָרסטו עס? צוגעסט ערגעץ געוועזן צי אזוי?

— ווען האָבן מיר צײַט ארומפאָרן? צום אייגענעם טאטן האָט מײַן ווײַב זיך ניט געקענט ארויסרײַסן. און וועגן וואָס פאָרסטו עס ארום? פון דער וולאסט מיסטאמע?

— וועגן וואָס עס קומט אוים.

— נו, יאָ, די וולאסט האָט א סאך דײַגעס, — האָט טאנכום, קלוימערשט מיטפילנדיק אים, געזאָגט.

דאָוויד איז געזעסן, געקוקט אין א זײַט און געשוויגן. טאנכום האָט זיך פארטראכט. ער האָט געוווּסט נאָך פון אמאָל, אז דאָוויד האָט אים פײַנט. איצט האָט זיך אים געוואָלט אויסנוצן די באגעגעניש און אויסקלאָרן, פארוואָס ער האָט געוואָרפן אזא אומכיין אַף אים? ווען וועט ער נאָך האָבן אזא גע־לעגנהייט דורכצוריידן זיך, ווי איצט. ער האָט זיך ארויסגעריסן פון דער נויט, און זיי מאטערן זיך. זינט טאנכום איז געוואָרן א שטיקל באלעבאָס, קענען אים ניט אָנקוקן די אייגענע ברידער. ווער האָט אויסגעטראכט צו טיילן די ערד לויט נעפאשעס? ניט אנדערש, ווי עמעצער זײַנער א סוינע האָט דאָס אויס־געטראכט, ווײַל ער ווייסט, אז ער האָט ניט קיין קינדער. אליין וואָס די וולאסט טוט, טוט זי אים אַף צולאָכעס. פונקט ווי ער וואָלט זיך דאָרט מיט עמעצן צעקריגט, באאוולט דאָרט עמעצן. זײַן גוטס דארף ער באהאלטן, ווי א גאנעוו. אַף זײַן ברויט איז ער קיין באלעבאָס ניט. ווען ער קען פאר דאָווידן עפענען זײַן הארץ, אויסריידן זיך כאָטש פאר אים. נאָר וועגן וואָס קען ער מיט אים ריידן, אז ער איז אים א בלוטיקער סוינע. אז ער פאָרט צונעמען זײַן ברויט. מיט אן אנדער מענטשן פון דער וולאסט קען מען זיך עפשער צונויפריידן. אָבער מיט אים בעשום־אויפן ניט. וויפל ער זאָל מיט אים ניט ריידן, וועט עס זײַן ווי צו דער וואנט.

— עפשער פארפירן אים אין בורלאצק, אָדער סוויאטאָווקע און דאָרט

װעלן אים שױן די באַלעבאַטים צורעכט מאַכן, — איז טאַנכומען אײַנגעפאַלן אַ געדאַנק.

די פערד זײַנען געלאָפן, דאָװיד האָט עפעס גערעדט מיט נעכאַמען, נאָר ער, טאַנכום, האָט גאָרנישט ניט געהערט, גאָרנישט ניט באַנומען. ער איז געװען פאַרכאַפט פונעם געדאַנק אומצוברענגען דאָװידן. ער האָט אַפילע ניט באַמערקט, װי די פערד זײַנען פאַרבײַגעלאָפן דעם װעג, מיט װעלכן ער האָט געדאַרפט פאַרקערעװען אַהיים. נאָר דאָװיד האָט זיך פלוצעם אַ כאַפ געגעבן, װי ער װאָלט אינסטינקטיװ דערפילט, אַז טאַנכום האָט עפעס שלעכטס פאַרטראַכט.

— װוּהין פאָרסטו? דו האָסט פאַרגעסן דעם װעג אַהיים?

— איך האָב דיר פאַרגעסן צו זאָגן, אַז איך דאַרףֿ צופאָרן װעגן אַן איניען אין אַ כוטאָר.

— אין אַ כוטאָר? אַףֿ װעלכן כוטאָר? — האָט דאָװיד מיט כשאַד אַ קוק געגעבן אַףֿ אים. — ס'איז דאָך שױן נאַכט, װוּהין װעסטו פאָרן?

— נישקאָשע, כ'װעל דאָרט זײַן ניט לאַנג, — האָט טאַנכום זיך אָנגעהױבן װי פאַרענטפערן.

— פיר מיך אָפ, װוּהין איך דאַרףֿ, נאָכדעם מעגסטו פאָרן, װוּהין דו װילסט. איך האָב דאָך אָפגעלאָזן מײַן פור, װײַל דו האָסט זיך אָנגעשלאָגן מיך ברענגען אַהיים.

— װעסט קומען אַהין שפעטער מיט אַ פאָר שאָ, — האָט טאַנכום אים געפרוּװט אײַנריידן. — מיר זײַנען שױן אַףֿ האַלב װעג, אַניט, װעט מיר מאָרגן אױסקומען אומזיסט טרײַבן די פערד.

— אױב אַזױ, האָסטו זיך ניט געדאַרפט נעמען מיך אָפפירן, װאָלט מיך מײַן פור געפירט, װוּהין איך דאַרףֿ, — האָט דאָװיד, װערנדיק אױפגעבראַכט, שטרענג אַ זאָג געטאָן.

— האָסט מיך נאָך ניט געדונגען, װאָס דו שרײַסט אַזױ, — האָט טאַנכום זיך געפרוּװט אַמפערן. נאָר ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער מוז פאַרקערעװען אַהיים.

3

טאַנכום איז געקומען אַהיים שפעט אין אָװנט. ער האָט פאָרגעלייגט דאָ־װידן צו בלײַבן נעכטיקן, נאָר דאָװיד האָט ניט אײַנגעשטימט און איז אַװעק צו דער שװעסטער. טאַנכום האָט אַפגיך אױסגעשפאַנט די פערד, אַרײַנגעפירט זײ אין שטאַל, און נעכאַמע האָט זיך גענומען פאָרען אין שטוב, גרייטן עסן.

— װאָס אײַסעקסטו זיך דאָרט? — האָט טאַנכום אַ בײז־אױפגערעגטער, געפרעגט.

— איך גרייט עפעס צובײַסן. דו האָסט דאָך אַ גאַנצן טאָג ניט געגעסן, — האָט נעכאַמע געענטפערט. זי האָט אַרױסגענומען פון דעם קיך־שאַפקעלע אַ לאַבן ברױט און אַװעקגעשטעלט אַ קריגל סמעטענע, אַ שטיק קעז און געפרעגט:

— עפשער מאכן דיר א פּרעזשעניצע?
— מאך, אויב דו ווילסט.
טאנכום האָט זיך צוגעזעצט צום טיש, אָפּגעבראָכן א שטיק ברויט, איַינ־געטונקט אין זאַלץ און אָנגעהויבן קיַיען. נעכאמע האָט גיך אַף א דריַיפוס צעפּירט א פיַיער, אָנגעגאָסן פונעם פלעשל סורעפּע־אייל אַף דער סקאָווערדע און געמאכט א פּרעזשעניצע אַף פינף אייער.
— די הינער לייגן זיך שוין ווייניק, ס'וואָלט געווען גענוג מאכן א פּרע־זשעניצע אַף דריַי אייער אויך, — האָט טאנכום זיך אָפּגערופן צום וויַיב. — די קאָסמאטע הון, וועלכע האָט געקוואָטשעט, האָט זיך אָנגעהויבן צוריק לייגן? און די ראבע מיטן געלן עק?
— די הינער לייגן זיך נאָך, קיין־איינהאָרע, — האָט נעכאמע אָפּגעענט־פערט, אראָפּכאפּנדיק פונעם דריַיפוס די סקאָווערדע מיט דער פּרעזשעניצע. זי האָט ארויסגענומען פון דער שאפע א פּאָר גאָפּלען און זיך צוגעזעצט לעבן מאַן עסן. איר פּאָנעם איז געווען צעפלאָמט. אין די אויגן האָט א בלישטשע געטאָן א פארשיַיט פיַיערל. אָנבייגנדיק זיך, קעדיי טאנכום זאָל דערפילן איר ווארעמען אָטעם, האָט זי אים דערלאנגט א גלאָז מילך.
— נא, טרינק אויס, — האָט זי, אריַינקוקנדיק אים אין די אויגן, געזאָגט. נעכאמען האָט זיך געוואָלט, טאנכום זאָל אַף איר א קוק טאָן, זאָגן איר כאָטש א ווארעם וואָרט. נאָר ער האָט געגעסן און געשוויגן.
— ס'איז שוין באלד יאָמטעוו, מ'דאַרף צוקליַיבן, צעוואשן, — האָט זי אין א וויַילע ארום ווידער אָנגעהויבן ריידן, — עפשער וועסטו איבערטאָן א ניַי העמד, ארומוואשן זיך, וועל איך איבערבעַיטן דאָס בעטגעוואנט. פאָלג מיך, טו זיך איבער. איך וויל, דו זאָלסט זיך לייגן אין א ריין בעט.
טאנכום האָט אָפּגעגעסן, עפּעס א מורמל געטאָן און איז ארויס אין שטאָל אריַינוואַרפן די בעהיימעס היי אַף נאכט, פאַרמישן די פערד און פאַרשפּאַרן די דרויסנדיקע טירן.
נעכאמע האָט צוגענומען פון טיש, אָנגעוואַרעמט טאנכומען וואסער, דער־לאנגט אים א שיסל און ריין וועש. דערנאָך האָט זי זיך אָנגעהויבן פּאָרען ארום בעטגעוואנט, איבערגעטרייסלט די קישנס, די פּערענע, איבערגעטאָן די ציכלעך, פארשפּרייט א ניַיעם ליַילעך.
אומקערנדיק זיך פון שטאָל, האָט טאנכום זיך אויסגעוואשן, זיך איבער־געטאָן און איז אוועק אין בעט.
נעכאמע האָט זיך נאָך א וויַילע געפּאָרעט, נאָכדעם פאַרלאָשן די שיַין און זיך אויך געלייגט שלאָפן.
גליקלעכע פון דער האָפענונג, וואָס האָט זיך אָנגעצונדן אין זייערע הער־צער, זיַינען זיי איַינגעשלאָפן. אינמיטן נאכט האָט טאנכום פּלוצעם דערהערט א געזאנג. ער האָט זיך אופגעכאפּט און דערזען נעכאמען אין איר שניי־וויַיס העמד, די שווארצע לאנגע צעפּ זיַינען געווען פאַרוואָרפן איבער דער ברוסט און זי האָט געזונגען.
— דאָס כאָלעמט זיך איר, — האָט טאנכום א טראכט געטאָן.

נעכאמע האָט עפּעס א בורטשע געטאָן און ווײַטער אָנגעהויבן זינגען. איר פּאָנעם האָט געלויכטן, געשמייכלט. אין א ווײַלע ארום האָט זי זיך אופגעכאַפּט און א צעטומלטע זיך אָנגעהויבן ארומקוקן.

— ס'האָט זיך דיר עפּעס געכאָלעמט, נעכאמע... א, וואָס האָסטו געזונגען?

— א קינד האָט זיך מיר געכאָלעמט... ס'האָט זיך מיר געכאָלעמט, ווי איך וויג עס, ווי עס קוקט אױף מיר מיט בלויע אייגעלעך... אין דיר געראָטן... ס'האָט געזויגן א פינגערל אין מויל.

— עפּשער וועט טאקע גאָט געבן, נעכאמע... עפּשער...

— אוואדע, טאנכום, איך גלייב...

— מיר וועלן דעם א נאָמען געבן נאָך מײַן מאמען... טאָמער וועט זײַן א יינגל, וועלן מיר איבערמאכן דעם נאָמען.

מיט די געדאנקען זײַנען זיי ביידע אײַנגעשלאָפן.

פארטאָג האָט טאנכום זיך אופגעכאַפּט, אפגיך זיך אופּאָרעט מיט דער קודאָבע און, ניט פארלירנדיק קיין צײַט, באשטימט זיך דורכגיין צום פּאָטער. פריִער פאר אלץ האָט זיך טאנכומען געוואָלט וויסן, וווּ איז דאָוויד, נאָך וואָס איז ער געקומען. עפּשער דארף מען באהאלטן דאָס ברויט? עפּשער וועט דער טאטע העלפן דאָס טאָן. טאקע בא אים אין שטעלכל אונטערן שטרוי וועט ער עס קאָנען באהאלטן. קיינעם וועט אפילע אפן זינען ניט קומען דאָ זוכן דאָס ברויט. טאנכומס פוס איז דאָך שוין אזויפיל יאָרן ניט געווען אין דעם טאטנס שטוב. דעריבער האָט ער באשטימט גיין אהין, ווען קיינער וועט ניט זען. אָבער וויִאזוי בעט מען זיך איבער מיטן טאטן? שוין אזויפיל צײַט, ווי דער פּאָטער האָט זיך אינגאנצן אָפּגעקערט פון אים און וויל אים אפילע ניט קענען. נאָר ער איז דאָך פאָרט א פּאָטער. ער וועט אים מויכל זײַן, דערבארעמען זיך אױף אים. אין דעם איז טאנכום זיכער געווען.

ארײַנגייענדיק אין הויף, האָט טאנכום דערזען שימעלען, ראכמיִעלס יינגעלע.

— דער זיידע איז אין דער היים? — האָט טאנכום זיך אָנגעהויבן פאנאנדערפרעגן.

— יאָ, — האָט שימעלע א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— און דער טאטע מיט דער מאמען?

— נאָך גאנצפרי איז צוגעפאָרן א פור, און דער טאטע מיט דאָווידן זײַנען אוועקגעפאָרן.

— און די מאמע?

— די מאמע איז ערגעץ אוועק.

ארומקוקנדיק זיך אין אלע זײַטן, איז טאנכום ארײַן אין טאטנס שטיבל. זינט ער האָט כאסענע געהאט, איז ער דאָ געווען געציילטע מאָל. אָט דאָ אינעם שטיבל איז טאנכום אויסגעוואקסן, דאָ האָט ער זיך געלערנט גיין. פונדעסטוועגן, ווען ס'פלעגט אים אויסקומען פארבײַגיין דאָס שטיבל, פלעגט ער דורכלויפן. ער האָט זיך באמת ניט קוקן אין דער זײַט, מיט אלע קויכעס געוואָלט פארגעסן עס, נאָר סײַווי פלעגט ער עס קעגן זײַן ווילן באמערקן, ווי די ווענט פונעם שטיבל האָבן זיך אָנגעהויבן אויסקרימען, ווי דער טינק האָט

אָנגעהויבן אָפּפאלן, ווי אָנשטאָט א שויב האָט זיך אין פענצטערל באוויזן א קישעלע.

אריַינגעגאנגען אין שטיבל, איז טאנכום געבליבן א וויַילע שטיין אפן שוועל. אינווייניק איז ווי ליכטיקער געוואָרן. דער אלטער קאָמאָד איז ווי אמאָל געשטאנען אף זיַין אָרט, אף אים זיַינען געווען אויסגעשפרייט א פּאָר אויסגע־האפטע האנטעכלעך. די גרויסע קופערנע קוואָרט איז געשטאנען אין פאָדערצי־מער אף דער דייזשע מיט וואסער. אין שטוב איז געווען שטיל. דער פאָטער איז געזעסן איַינגעוויקלט אין טאלעס, געדאוונט און ווי שטענדיק, מורמלענדיק, א פארקלערטער געקוקט אין פענצטער.

טאנכומען האָט זיך אויסגעדוכט, אז ער וועט באלד נעמען אף שטומלאָשן וויַיזן מיט די פינגער און באָבלען:

— אי, אָ נו, אי אָ!

דאָס האָט באטיַיט, אז א פרעמד קעלבל איז ארוף אף זייער גאָרטן און מ׳דארף עס באלד אראָפּטריַיבן, אָדער א רויבפויגל איז אָנגעפלויגן און קען א הינדעלע אוועקרויבן, אָדער עפּעס אנדערש איז געשען.

דאָס מאָל איז דער אלטער בערע געווען שטארק פארטאָן אין דאוונען, און ער האָט ניט באמערקט, ניט וואָס אין דרויסן טוט זיך, ניט אז טאנכום איז אין שטוב בא אים. אָפּגעדאוונט, האָט דער פאָטער פארמאכט דעם אלטן צערי־סענעם סידער, דריַי מאָל אים א קוש געטאָן און אריַינגעלייגט אין טאלעס־זעקע־לע. אויסקערעווענדיק זיך פון מיזרעך־וואנט, האָט דער אלטער בערע, וויַיזט אויס, באמערקט טאנכומען, נאָר ער האָט זיך געמאכט, ווי ער זעט אים ניט. סאָפּקאָלסאָף האָט טאנכום ניט אויסגעהאלטן און געפרעגט:

— וואָס מאכסטו, טאטע?

דער אלטער האָט עפּעס א בורטשע געטאָן. טאנכום האָט פארשטאנען, אז ער וויל מיט אים ניט ריידן.

— איך בין בא דיר אפּאָנעם א שטיפזון, וואָס דו ווילסט מיך ניט אָנ־קוקן, — האָט טאנכום זיך אָנגעהויבן קלאָגן, — עפּשער האלטסטו מיך פאר א פרעמדן, ווען איך וויסן, אז איך האָב ניט קיין טאטן...

— דו האָסט, דאכט זיך, שוין לאנג קיין טאטן ניט... איך האָב שוין געוויס לאנג קיין זון ניט. מיַין זון האָב איך אָנגעוואָרן, ווען ער האָט בא מיר צוגענומען מיַין ערד.

— וואָס הייסט, איך האָב צוגענומען דיַין ערד? וואָס רעדסטו, טאטע, ס׳איז מיר אפילע א כארפּע צו הערן פון דיר אזעלכע ווערטער. צי דען איז דיר איַינגענעמער געווען, אז אף דיַין ערד האָבן באלעבאטעוועט פרעמדע און ניט דיַין זון?.. צי דען איז דיר ניט בעסער, אז איך האָב געצאָלט פּאָדאט און זיך גענוצט מיט דיַין ערד?.. איך האָב קארג געהאָלפן ראכמיִעלן, זאוועלייבן, פארוואָס זיַינען זיי מיר סאָנים געוואָרן?.. ס׳וואָלט זיי בעסער געווען, ווען איך זאָל זיַין אן אָרעמאן ווי זיי?.. ס׳זיַינען דאָ מענטשן, וואָס ווילן אונדז צעקריגן... ראכמיִעל און זאוועלייב פארגעסן, אז איין מאמע האָט אונדז גע־האַט.

— דו רעדסט נאָך וועגן טאַטן?.. דו שפּײַסט אָפּן טאַטן! — האָט דער אַל־טער אים איבערגעשלאָגן.

— איך שפּײַ מיט בלוט, טאַטע! דו מיינסט, אַז קאַרג געזונט האָט מיר געקאָסט, זעענדיק, ווי דו מאַטערסט זיך, דו מיינסט, אַז ס'איז מיר גרינג צוצוקוקן, ווי דו מײַדסט אויס מײַן שוועל איבערצוטרעטן? די מאַמע אונדזערע, זאָל זײַן א גוטע בעטערן פאַר אונדז, איז מיר נעכטן צו כאָלעם געקומען.

דער אַלטער, וועלכער איז געזעסן די גאַנצע צײַט א פאַרביטערטער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, האָט, אָנשטעלנדיק די אויגן, פאַרוווּנדערט א קוק גע־טאָן. טאַנכום האָט א ווײַלע איבערגעכאַפּט דעם אָטעם. זײַן פּאָנעם איז געוואָרן כמורנע. מיט א לײַדנדיק־נעבעכדיקער מינע, ווי אַף צו וויינען, האָט ער ווי־דער אָנגעהויבן:

— די מאַמע איז מיר נעכטן צו כאָלעם געקומען... טאַנכום, זאָגט זי מיר, וואָס קריגסטו זיך מיט דײַנע ברידער, דו האָסט פאַרגעסן, אַז דו ביסט מיט זיי אונטער מײַן האַרץ געלעגן, אַז איין בלוט פליסט אין אײַך. איין טאַטע און איין מאַמע האָבן אײַך געבוירן, וואָס זשע קענט איר ניט צעטיילן?..

טאַנכומס ווערטער האָבן געריִרט דעם טאַטן. צוריק מיט א פּאָר טעג איז אים די אַלטע אויך פּונקט צו כאָלעם געקומען. זי האָט זיך געוויזן פאַר אים נאָך א יונגע אין א געקווייטלט ציצן קלייד. דער קליינינקער טאַנכום איז גע־לעגן און געמאַזלט. דאָס פּענעמל זײַנס האָט געפלאַמט פון היץ. פעלטע האָט צוגעלייגט אירע ליפּן צום קינדס שטערן.

— ווי איז מיר, ס'ברענט, נעבעך, ווי א פײַער, — האָט זי געטײַנעט צו בערען, — מיר זאָל זײַן פאַר אים!

בערע האָט דערלאַנגט דעם קינד א ביסל וואַסער. דאָס קינד האָט א זופּ געטאָן און צוגעמאַכט די אייגעלעך.

— ס'איז אים שלעכט, בערע, איין גאָט זאָל אַף אונדז ראַכמאָנעם האָבן, — האָט פעלטע געטײַנעט.

דער אַלטער האָט זיך א טשובע געטאָן.

— כ'בין דאָך גאָר צעקריגט מיט טאַנכומען, — האָט ער זיך דערמאָנט, — ער האָט דאָך צוגענומען מײַן ערד...

אין א ווײַלע אַרום איז ער ווידער אײַנגעשלאָפן. ווידער האָט זיך אים אין כאָלעם באַוויזן די אַלטע פעלטע — א קראַנקע, מיט א געל פּאָנעם, מיט אײַנגעפאַלענע אויגן. לעבן איר שטייען פאַרצאָרנטע די זין מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

— ס'איז איר שלעכט! דער מאַמען איז שלעכט! — זאָגט טאַנכום און צעוויינט זיך.

— ווי קען ער גאָר וויינען, אַז ער איז אונדז א פרעמדער, — האָט זיך אָנגעהויבן בערע ווידער אַמפּערן מיטן כאָלעם.

איצט, קוקנדיק אַף טאַנכומס פאַרצאָרנט פּאָנעם, האָט זיך אים טאַקע אויס־געדוכט, אַז ער וועט זיך באַלד אַף אַן עמעסן צעוויינען.

— דער מאַמען איז שווער דאָרט אײַנליגן אין איר רו, — האָט טאַנכום, דערזעענדיק, אַז דער פאָטער ערגערט זיך, אָנגעהויבן רעדן לאַנגזאַמער. —

זי קומט דאָך מיר יעדע נאַכט צו כאָלעם, זי בעט מיך מיט טרערן, איך זאָל אַף איר ראַכמאָנעס האָבן און שאָלעם מאַכן מיט אײַך. דעריבער, טאַטע, בין איך טאַקע געקומען צו אײַך.

די לעצטע ווערטער האָט טאַנכום אַרויסגעזאָגט אין איין אָטעם. ער איז געווען זיכער, אַז זיי וועלן רירן דעם פֿאָטער, און זיי האָבן טאַקע גערירט.

— מיט ראַכמיִעלן און מיט זאַווע־לייבן האָב איך דיך צעקריגט? — האָט בערע געלאָזן אַ פֿרעג געטאָן.

— דו האָסט מיך ניט צעקריגט, נאָר דו דאַרפֿסט העלפֿן מאַכן צווישן אונדז שאָלעם. צי דען קענסטו צוזען, אַז מײַנע ברידער זאָלן וועלן מיך דער־טרינקען אין אַ לעפֿל וואַסער.

— דאָס דאַכט זיך דיר אויס, טאַנכום, קיינער טשעפּעט דיך ניט, — האָט בערע אים אָנגעהויבן באַרויִקן.

— וואָס הייסט, קיינער טשעפּעט מיך ניט, אַז אַלע זײַנען קעגן מיר. טאָמער האָט טאַנכום אַן איבעריק פֿערד, אַ בעהיימעלע, אַ ביסן מער ברויט פֿון אַנדע־רע, שטעכט עס יענעם אין די אויגן.

טאַנכום האָט דערפֿילט, אַז ער האָט זיך צופֿיל פֿאַרעדט וועגן זײַטיקע זאַכן, אַז ביז ער וועט זיך דערקלײַבן צום איקער, קאָן עמעצער אָנקומען. דעריבער איז ער צוגעגאַנגען האַרט צום פֿאָטער, אַרומגעקוקט זיך אין אַלע זײַטן. נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן, ווי ער וואָלט וועלן אַ סאָד אײַנרוימען.

— מ׳פֿירט איצט אַרויס, ווו אַ קערנדל. פֿון שטאָט האָט מען אַרויסגע־שיקט אַן אָטריאַד אַרויסצוקאַטשען דאָס ברויט באַם פּויער... דאַוויד אונדזערער פֿאָרט אויך אַרום מיט זיי... הײַנט־מאָרגן וועט ער געוויס קומען צו מיר מאָ־נען ברויט... טאָמער פֿירט ער אַרויס מײַן ביסל ברויט, בלײַבן מיר אַלע מיט אַרויסגעשטעקטע צינגער.

טאַנכום האָט אָפּגעוואָרט אַ ווײַלע, עפּשער וועט אים דער פֿאָטער עפּעס אונ־טערזאָגן. נאָר בערע האָט אָנגעשטעלט די אויגן אַף טאַנכומען און געשוויגן.

— וועל איך האָבן ברויט, וועל איך אײַך ניט לאָזן פֿאַלן, נאָר טאָמער וועט מען עס, כאַס־וועשאָלעם, אַרויספֿירן, וועלן מיר אַלע האָבן קאַדאָכעס.

טאַנכום האָט אָנגעהויבן ריידן שטיל, קימאַט שעפּטשענדיק:

— באַהאַלטן... דאָס ברויט... באַ דיר, — זײַנען צום אַלטן דערגאַנגען איינצלנע אָפּגעריסענע ווערטער.

— באַ מיר טויג ניט, געפֿין ערגעץ אַן אַנדער אָרט.

— וואָס דאַרף איך גיין צו אַנדערע, אַז איך האָב אַ טאַטן... אַן אייגענעם טאַטן, זאָל איך אים ניט פֿאַרטרויען מײַן גוטס?

— ווו וועסטו עס באַ מיר באַהאַלטן?

— איך האָב שוין דורכגעטראַכט... אינעם שטעלכעלע ליגט באַ דיר שטרוי... קיין טײַוול וועט ניט אײַנפֿאַלן אַפּילע זוכן דאָרט... נאָר געדענק, ניט זאַווע־לייב, ניט ראַכמיִעל, ניט פֿריידל טאָרן דערפֿון ניט וויסן... גאָט באַהיט!

בערע האָט לאַנג ניט געקענט אײַנגיין אַף דעם, אַז טאַנכום זאָל באַ אים באַהאַלטן דאָס ברויט. ער האָט מיט אַלע טערוצים געפּרוּווט אָפּזאָגן. נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן זיך אַליין פֿאַרענטפֿערן:

— וואָס, אייגנטלעך, וואָלט מיר ארויסגעקומען, ווען מייַן ערד, וועלכע איז שוין א סאך יאָרן ניט געווען בא מיר אין די הענט, וואָלט ארייַנגעפאלן ניט צו טאנכומען, נאָר צו אן אנדער באלעבאָס? ווי־ניט־איז איז ער מיר דאָך נעענטער פון אן אנדערן. וואָס ער זאָל ניט זייַן, איז ער מיר דאָך פאָרט א זון.

אזוי האָט ער זיך אליין אייַנגערעדט, אז ער דארף העלפן טאנכומען ראטעווען דאָס ברויט. געטאָן האָט ער עס בישטיקע, קיינער אין שטוב זאָל דערפון ניט וויסן. שפּעט באנאכט, ווען אלע זייַנען שוין געשלאָפן, האָט טאנכום צוגעפירט א פור מיט ברויט. שטילערהייט האָט ער עס אויסגעלאָדן, באהאלטן עס אונטערן שטרוי. גלייַך נאָך דער פור האָט טאנכום צוגעפירט נאָך א פור. ווען דאָס ברויט איז שוין געווען אויסגעלאָדן, האָט טאנכום אָפגעשאָטן בא א האלב זעקל ווייץ פארן פאָטער.

— נא, וועסט עס צעמאָלן אף לאָקשן אָדער אף געקעכטס, — האָט ער געזאָגט צום פאָטער.

בערע איז געווען צופרידן פונעם זונס מאטאָנע. אזא ברייטהארציקייַט האָט ער נאָך פונעם זון קיינמאָל ניט געזען.

— א שלעכטער, נאָר פאָרט א זון. ס'טוט אים דאָך וויי דאָס הארץ פאר אונדז, — האָט בערע אף מאָרגן, ווייַזנדיק דער שנור דעם זונס מאטאָנע, זיך בארימט. — דאָס האָט ער געגעבן אף יאָמטעוו, דאנקען גאָט דערפאר, וועלן מיר, הייסט עס, יאָמטעוון מיט מענטשן גלייַך.

— מיסטאמע דארף ער שוין עפּעס האָבן צו דיר, — האָט פריידל זיך אָפּגערופן, — טאנכום וועט גלאט אזוי גאָרנישט ניט געבן — אז יענער איז אזוי קארג, אז ער וואָלט דעם בעהיימישן קיזיק אופגעגעסן.

בערען האָט פארדראָסן, לעמייַ טאנכומס מאטאָנע האָט אין שטוב קיין שום אייַנדרוק ניט געמאכט, אז פארווארפן א וואָרט וועגן איבערבעטן זיך איז אפילע ניט שייַעך.

זינט טאנכום האָט אין שטעלכל באהאלטן דאָס ברויט, האָט ער ניט אייַנגערוט. שטילערהייט, קיינער זאָל ניט באמערקן, האָט ער זיך אָנגעהויבן ארייַנכאפּן אהין א קוק צו טאָן, צי קיינער ריִעט זיך ניט דאָרט. דערקונדיקט זיך, אז ס'איז אלץ אין אָרדענונג, פלעגט ער גיין אהיים א באפליגלטער, מיט דער האָפענונג, אז ס'וועט זיך אלץ בא אים ענדיקן בעשאָלעם. נאָר אין א פּאָר שאָ ארום פלעגט אים דער אומרו ווידער טרייַבן צום שטעלכל. זייַן נעשאָמע איז געלעגן דאָרט. אף קיין רעגע האָט ער קיין אויג ניט ארויפגענומען פון דעם פאָטערס שטיבל. ער האָט אכטונג געגעבן, ווער ס'גייט אהין. איז געפאָרן ערגעץ א פור, איז ער טייקעף ארויסגעלאָפן א קוק טאָן, צי זי האָט ניט פארקערעוועט, כאס־וועשאָלעם, נאָך זייַן ברויט.

טאנכום האָט אָנגעהויבן ארייַנגיין וואָס אָפטער צום טאטן. ער האָט געזוכט וועגן, ווי זיך איבערבעטן מיט די ברידער, מיט דער שוועגערן. נאָר זיי האָבן אים ווי ניט באמערקט.

איינמאָל איז ער ארייַן, ווען דער טאטע האָט געדאווונט. ראכמיִעל איז גע־

זעסן אױף דער קושעטקע, א פֿאַרדײַגעטער, און שימעלע איז אַרומגעלאָפֿן, רײַטנ־דיק אױף א בעזעם, און פֿאַרשײַט געשפּילט זיך.
— נא! — האָט טאַנכום, אַרױסנעמענדיק פֿון קעשענע א פֿלעצעלע, דער־לאַנגט דעם קינד, — עס, עס, דאָס איז געבליבן פֿון יאָמטעװ נאָך.
טאַנכום האָט צוגעדריקט דאָס קינד צום האַרצן און, אײַנקוקנדיק זיך אין זײַן פּאָנעם, געפּרוּװט באַשטימען, אױף װעמען איז עס ענלעך — אױף אים צי אױפֿן ברודער. פֿאַר זײַנע אױגן האָט דורכגעשװינדלט די קוקורוזע אין סטעפּ...
װעמענס איז ער, שימעלע? די פֿראַגע האָט זיך ניט אײנמאָל געשטעלט פֿאַר אים. װען ער קאָן עס אױסקלאָרן, װאָלט ער געװוּסט, װער ס'איז שולדיק אין זײַן אומגליק — ער צי נעכאַמע.
דורך דער אָפֿענער טיר, װאָס פֿירט אין קיך אַרײַן, האָט ער דערזען פֿרײד־לען. זי איז געװען אָנגעטאָן אין איר אַלט, נאָר רײן ציצן קלײד, װאָס האָט אַרומגעצױגן איר שלאַנקן קערפּער, אירע פֿולע, שטײַפֿע בריסט.
דערהערנדיק טאַנכומס קאָל, האָט זי זיך א קער געטאָן און דערזען, װי ער לאַשטשעט זיך צו שימעלען. פֿרײדל האָט װי אַן אָפּגעבריטע א שפּרונג געטאָן און אָפּגעשלעפּט פֿון אים דאָס קינד.
— נעם צו די כאַזערשע לאַפּעס, הערסט!.. װעסט האָבן אײגענע, װעסטו זיך שפּילן מיט זײ.
פֿרײדלס װערטער האָבן טאַנכומען װי מיט א מעסער א שניט געגעבן אי־בערן האַרצן.
— װי־ניט־איז בין איך דאָך... — האָט טאַנכום האַכנאָדיק אָנגעהױבן, נאָר פֿרײדל האָט אים שאַרף איבערגעשלאָגן:
— װעלכער רוען האָט דיך געבראַכט אַהער? מיט דײַן פֿאַרשימלט פֿלעצעלע װילסטו זיך אײַנקױפֿן פֿרײַנטשאַפֿט?.. פֿע, װאַרף עס אַװעק, שימעלע, — האָט פֿרײדל אַרױסגעריסן דאָס פֿלעצעלע פֿונעם קינדס האַנט. — ער האָט עס גע־דאַרפֿט אַרױסװאַרפֿן, האָט ער עס דיר געבראַכט.
טאַנכום איז געבליבן שטײן, װי אַן אָפּגעשמיסענער. ער האָט געװאָלט אַװעקגײן, נאָר אים האָט זיך שטאַרק געװאָלט דערװיסן, װאָס פֿאַר א װירקונג האָט געהאַט אױף פֿאָטער זײַן נעכטיקער שמועס מיט אים, װי האָט מען אין שטוב אױפֿגענומען זײַן מאַטאָנע און דעריקער, צי איז אין אָרדענונג דאָס באַ־האַלטענע ברױט.
טאַנכום האָט אָפּגעװאַרט, ביז דער פֿאָטער האָט אָפּגעדאַװנט, און זיך געקליבן פֿאַרפֿירן מיט אים א שמועס, נאָר דער אַלטער האָט אַרײַנגעלײגט דעם טאַלעס אין טאַלעס־זעקל, צונױפֿגעװיקלט די טפֿילן און זיך אַװעקגעזעצט לעבן ראַכמיִעלן אױף דער קושעטקע, װי ער װאָלט גאָר ניט באַמערקן טאַנכומען.
פֿרײדל האָט דערלאַנגט צום טיש א טעלער מיט געשײלטע קאַרטאָפֿליעס, פֿון װעלכע ס'האָט געשלאָגן א פּאַרע. נאָכדעם האָט זי אַװעקגעשטעלט א סקאָװ־רעדע געגרעשטענע פֿלעצלעך.
— זעץ זיך מיט אונדז עסן, — האָט דער פֿאָטער א װוּנק געטאָן צו טאַנ־כומען.
טאַנכום איז געװען זאַט, נאָר אָפּזאָגן זיך פֿון זיצן מיט די אײגענע באַ

9—137

אײן טיש האָט ער ניט געוואָלט, ווי קען ער זיך נאָך אַזוי דערנענטערן מיט די אײגענע ווי באַם טיש.

טאַנכום האָט אָפּגעשײלט אַ קאַרטאָפֿליע, אײַנגעטונקט אין זאַלץ און פֿאַרביסן מיט אַ פּלעצעלע. די שטעכלקעס פֿון דעם ניט אָפּגערײניקטן גערשטנמעל האָבן אים געריסן אין האַלדז, געוואָרגן, נאָר ער האָט זיך געשטאַרקט און געגעסן.

— נו, וואָס זאָגסטו אויף אונדזער ברויט? — האָט דער פֿאָטער אַ פֿרעג געגעבן.

טאַנכומען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער טאַטע האָט מיט אַ כּיוון אים אוועקגעזעצט עסן די פּלעצלעך, כּדי דערמאָנען אים, אַז זײַן ווײַס עסן די מײַז אונטערן שטרוי — און זיי האָבן ניט קײן גערשטן צו זאַט.

— נו, וואָס עסטו ניט?.. ס'איז ניט געשמאַק?.. ס'שלינגט זיך ניט? — האָט פֿרײדל מיט אַ קאַטאָוועס אַ פֿרעג געטאָן.

— איך עס, מ'קען עס עסן, — האָט טאַנכום אָפּגעענטפֿערט, כאָטש אין מויל איז אים געווען ביטער, אין האַלדז האָט געוואָרגן, נאָר ער האָט געגעסן.

— עס, נו, עס! — האָט פֿרײדל פֿאַרגעזעצט צו כּוויזעקן, — פֿאַרזוך דעם טאַם פֿון אַן אָרעמאַן. דו טײַנעסט דאָך, אַז ביסט אַן אײגענער, איז לאָמיר זיך צעטײלן אַ ביסל מיטן דאַלעס און מיט די צאָרעס. אַ, געשמאַק?.. מאָלעטאָם? אויף אונדזערע סאָנים געזאָגט געוואָרן...

טאַנכום האָט מוירע געהאַט פֿאַר קלאָלעס און האָט טײקעף אויסגעשפּיִען.

— וואָס איז דיר ניט גוט געוואָרן פֿון די פּלעצלעך? — האָט פֿרײדל אַ פֿרעג געטאָן.

— נײן, דאָס האָב איך פּאָשעט אַזוי אויסגעשפּיִען, — האָט טאַנכום אָפּגעענטפֿערט. — איך עס אויך ברויט, צוגעמישט מיט גערשטנמעל. ווער קאָן עס עסן הײַנטיקע צײַטן רײן ווײצן ברויט. אויב באַ עמעצן האָט זיך פֿאַרהיט אַ ביסל ווײַס, דאַרף מען עס האַלטן אויף זריִע... אַז מיר וועלן ניט זײען, וועלן מיר איבעראַיאָר, אַז מיר וועלן דערלעבן, גאָר לײגן די צײן אויף די פּאָליצעס. איך מײן, אַז איר האָט געדאַרפֿט צעמאָלן דעם ווײַס, וואָס איך האָב אײַך געגעבן.

— אַז דו האָסט אַלײן אַזוי ווײניק ברויט, וואָס האָסטו נאָך אונדז געדאַרפֿט געבן? — האָט ראַכמיִעל געפֿרעגט.

— וואָס זאָל מען טאָן, אַז ס'איז אַ שווערע צײַט, — האָט טאַנכום אַ קרעכץ געטאָן. — איר וועט צעמאָלן דעם ווײַס, וועט איר כאָטש האָבן אויף לאָקשן אויף שאַבעס.

— אַ פּאָר הינער אויף עטלעכע טעג וועט ניט סטײַען אָנצוקאָרמען מיט דײַן ווײַס, — **האָט פֿרײדל געזאָגט.**

— וויפֿל איך האָב געהאַט, האָב איך געגעבן, — האָט טאַנכום מיט פֿאַריבל איר אָפּגעענטפֿערט.

אים האָט זיך געוואָלט אָפּזידלען זי, נאָר ער האָט זיך אײַנגעהאַלטן. אַ לעבערדיקן זאַק איז אומעגלעך אָנצושטאָפּן, האָט ער אַ טראַכט געטאָן. וויפֿל איך זאָל ניט געבן, וועט סײַווי זײַן ווײניק. שוין בעסער גאָר ניט געדאַרפֿט

געבן... און עפשער טאקע געדארפט געבן מער, וואָלט עס געווען מער אָנגע־
לייגט.

ספּייקעס האָבן ניט אופגעהערט צו מאטערן טאנכומען. עפּעס א קלייניקײַט, סארא גוטס ער האָט זיי אוועקגעגעבן. וואָס וועט ער טאָן, אז זיי וועלן עס אים ניט אומקערן. נאָר אוועקפירן דאָס ברויט אין אן אנדער אָרט האָט ער ניט געקענט, מ׳וואָלט אים אין וועג כאפּן.

באגראָבן אונטער דער ערד — איז אויך ניט זיכער. איז ווען האָט ער נאָך געקענט אזוי אַנטרויען ווי דעם אייגענעם טאטן?

אין אומרו זײַנען דורכגעגאנגען עטלעכע טעג.

איינמאָל אין אָוונט, ווען נאכט־כווישעך האָט פארדעקט בערעס שטיבל, איז ער אוועק אהין און דערזען לעבן טויער א פור.

טאנכומען האָבן זיך פון שרעק אונטערגעהאקט די פיס. לויט די פערד און געשפּאן האָט ער פארשטאנען, אז די פור איז ניט קיין היגע.

עמעצער איז שוין דאָ, קענטיק, פון דער וולאסט, האָט טאנכום א טראכט געטאָן, און צוגייענדיק נעענטער, האָט ער דערהערט דאָווידס קאָל. יאָ, ער איז שוין דאָ... מאָרגן וועט ער זיך נעמען זוכן ברויט. איצט וועט קלאָר ווערן, דער טאטע האָט עפּעס געזאָגט צי ניין. יעדנפאלס קען ער דאָך אריַינגיין אין שטוב. ער האָט זיך דאָך קימאט איבערגעבעטן מיטן טאטן, מיט ראכמיִעלן, וואָס וועט ער זיך ארומדרייען ווי א הונט אין דרויסן...

טאנכום איז שטיל אריַינגעגאנגען אין שטוב. ער האָט אָפּגעגעבן שאָלעם דאָווידן. נאָכדעם האָט ער זיך באגריסט נאָך מיט איינעם אין מיליטערישע בגאָדים, וועלכער פאָרט, קענטיק, מיט דאָווידן איבער די דערפער צונויפנע־
מען ברויט.

— א גאסט... עס ציט פאָרט אהיים? ביסט שוין, דאכט זיך, געווען ערגעץ אוועקגעפאָרן? גוט, וואָס דו פארגעסט כאָטש ניט די אייגענע, — האָט טאנכום זיך געכאנפעט צו דאָווידן. — לאנג האָבן מיר זיך טאקע ניט געזען, האָסט זיך באוויזן און נעלעם געוואָרן... איצט, האָף איך, וועסטו פארברענגען א ביסל בא אונדז.

דאָוויד האָט געשמועסט מיט בערען, מיט ראכמיִעלן און טאנכומען ווי ניט באמערקט. דער מיליטערישער מאן האָט פארבראכט מיט שימעלען, פאנאנדער־
געפרעגט זיך, ווי הייסט דער זיידע, די פעטערס.

— און דער־אָ, — האָט דאָס יאטל אָנגעוויזן אף טאנכומען, — איז א בורזשוי, א שלעכטער... ער האָט א סאך, א סאך ברויט, און מיר ברענגט ער א פארשימלט פּלעצעלע... די מאמע זאָגט, אז ער האָט דאָס סיַיווי געדארפט ארויסוואַרפן...

אלע, וואָס זײַנען געזעסן אין שטיבל, האָבן אויסגעשאָסן א געלעכטער. פריידל, וועלכע האָט זיך געפּאָרעט אין קיך, איז, דערהערנדיק דעם זונס כאָכמע, אריַינגעלאָפן, ארומגעכאפּט אים, געגומען קושן און האלדזן.

— א געזונט אין דיר, לעבן מיַינס, א געזונט אין דיַינע ביינדעלעך.

טאנכום איז געוואָרן צונטער־רויט.

— אז אָך און וויי דעם בורזשוי... קענגן די, וואָס שטארבן פון הונגער,

בין איך אַ גוויר, — האָט טאַנכום זיך אָנגעהויבן ווי פּאַרענטפערן. — אַ פּײַנער גוויר, אַז מ׳איז זשעדנע אַ שטיקל ווייצן ברויט... אַלץ הייסט אַ גוויר!

— האָסטו, הייסט עס, ניט קיין ברויט?.. — האָט דאָוויד געכוויזעקט, — און איך האָב גערעכנט קומען צו דיר צוגעסט, זאָלסט מיך מעכאַבעד זײַן. נאָר אַז דו זיצסט נעבעך אַליין אַ הונגעריקער, איז ווי רײַסט מען אַרויס בײַ דיר דעם לעצטן ביסן פֿון מויל?

— אַזאַ געהויבענעם גאַסט, ווי דו, און נאָך אַן אייגענעם דערצו, וואָלט איך נאָך געפֿונען מיט וואָס צו מעכאַבעד זײַן, — האָט טאַנכום אינעם זעלבן טאָן אים אָפּגעענטפֿערט. — מיט אַן אייגענעם בין איך שטענדיק גרייט זיך טיילן מיטן לעצטן ביסן... אָט האָב איך אָפּגעריסן אַ ביסל ווייץ פֿאַרן טאַטן און פֿאַר ראַכמיִעלן, זיי זאָלן עס צעמאָלן, וועלן זיי האָבן אַף „פּריוואָרעק״.

— טאַקע אָפּגעריסן? — האָט דאָוויד, פֿאַרזשמורענדיק די אויגן, אַ זאָג געטאָן. — צי דען ביסטו טאַקע אַזאַ אָרעמאַן?.. און איך האָב גערעכנט, אַז דו האָסט ניט קיין סאַך, נאָר אַ פּאָר פֿורן ברויט וועט זיך בײַ דיר געפֿינען...

— ברויט? בײַ מיר? — האָט טאַנכום אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן. — אַז דו זאָלסט מיך קוילען אַפֿילע, וועסטו בײַ מיר ניט קריגן קיין קערנדל.

— פֿאַרוואָס דאַרפֿן מיר דיך קוילען? מיר וועלן בעסער קוילען אַ הון אַף וואַרמעס... וועלן מיר האַנאָע האָבן, און פֿון דיר וואָס פֿאַר אַ האַנאָע קאָן מען האָבן? — האָט דאָוויד זיך אַלץ געוויצלט.

— לאַכסט? — האָט טאַנכום, מאַכנדיק אַ זויער פּאָנעם, אַ זאָג געטאָן, — ס׳אַ גוטער געלעכטער... גיב אַ קוק, וואָס דער טאַטע עסט, און דו מאָנסט ברויט... כ׳וואָלט האָבן, וואָלט איך בעסער אים אַוועקגעגעבן.

— אַז דו וועסט אַרויסנעמען דאָס ברויט פֿון דעם אָרט, ווו דו האָסט עס באַהאַלטן, וועסטו האָבן, — האָט דאָוויד שטיל, ווי ער וואָלט אַ סאָד אײַנרוימען, געזאָגט צו טאַנכומען.

„צי דען האָט דער טאַטע אַרויסגעגעבן?״ האָט טאַנכומען אַ קלאַפּ געגעבן אין קאָפּ.

— ווו באַהאַלטן? וואָס?.. — האָט ער געשטאַמלט. — אַדעראַבע זוך... איך האָב ניט וואָס צו באַהאַלטן... און אַז איך וואָלט געהאַט, וואָס דאַרף איך באַהאַלטן מײַן גוטס? איך האָב עס געגאַנוועט, צי וואָס?..

4

טאַנכום האָט זיך געפּאָרעט אין הויף אַרום דער כודאָבע. פּלוצעם האָט ער דערזען, ווי דאָוויד האָט פֿאַרקערעוועט צו אים. ער האָט באַוויזן בלויז אַרײַנלויפֿן אַף אַ ווײַלע אין שטוב, מוידיִע זײַן דעם ווײַב, זי זאָל זיך צוגרייטן. אַרויסלויפֿנדיק צוריק, האָט ער שוין אָפּן שוועל באַגעגנט דעם גאַסט.

— כאַטש דו האָסט מיך ניט גערופן צוגאַסט, בין איך אַליין געקומען, — האָט דאָווּיד זיך אָפּגערופן.
— וואָס הייסט, כ'האָב דיך ניט גערופן... גלײַך ווי דו ביסט נאָר געקומען אהער, האָב איך דיך גערופן. ביסט בא מיר גאָר, גאָר אַן אָנגעלייגטער גאַסט.

טאַנכום האָט א ווּנק געגעבן צום ווײַב, זי זאָל דערלאַנגען א בענקל.
— דו ווייסט, נאָך וואָס איך בין געקומען? — האָט דאָווּיד, אוועקזעצנדיק זיך, געפרעגט, — מיר דאַרפן האָבן פאַר די אַרבעטער פון שטאָט ברויט...
— ניט נאָר די אַרבעטער, מיר, די פויערים, דאַרפן אויך האָבן ברויט, — האָט טאַנכום אים איבערגעשלאָגן. — דו בעטסט בא מיר ברויט, און ווער וועט מיר געבן?

— ער אוף צו דערציילן מײַסעס, — האָט דאָווּיד אָנגעהויבן מיט א שטרענג קאָל. — ברויט איז בא דיר פאַראַן, איך ווייס עס זיכער.
— אַז דו ווייסט זיכער, אַז ס'איז בא מיר פאַראַן, איז נעם...
טאַנכום האָט אָנגעכאַפּט דאָווידן פאַרן אַרבל, אָפּגעפירט אים אין א ווינקעלע.

— וואָס ווילסטו פון מיר? ווו זאָל איך דיר נעמען ברויט, פון זיך מאַכן? ער איז געשטאַנען א ווײַלע, זיך מעיאַשעוו געווען און צום סאָף געזאָגט:
— אַז דו מאָנסט אַזוי, וועל איך דיר עפּשער אָנקראַצן וויפל־ניט־איז ברויט אַפן בוידעם, און איך וואָס איך וועל טאָן? ליגן די ציין אַף דער פּאָליצע?
— גיב מיר ניט קיין גערדאָוועס... — האָט דאָווּיד א זאָג געטאָן. — וועסט קומען אין רעווקאָם, וועלן מיר דאָרטן רײדן.
— וואָס ווילסטו פון מיר? וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אַף מיר? עפּשער האָט דיר עמעצער עפּעס אָנגערעדט אַף מיר?
— וואָס דאַרף מען מיר אָנרעדן, וואָסי, איך קען דיך ניט.

טאַנכום איז נאָכגעגאַנגען דאָווידן, געטײַנעט:
— זוך, אַדעראַבע, זוך! פאַרוואָס גלייבסטו מיר ניט, אַז איך האָב ניט קיין ברויט?
דאָווּיד האָט מער ניט געענטפערט און זיך געלאָזט ערגעץ גיין.
באַמערקנדיק, אַז ער האָט פאַרקערעוועט צו יודע פּייטראַכן, איז טאַנכום אויך אוועק אהין, קעדיי פרוּוון נאָכאַמאָל דערקלערן, אַז ער האָט ניט קיין ברויט.

דאָווּיד איז געזעסן בא יודען לאַנג. ווען ער איז אַרויס פון שטוב, האָט טאַנכום, שטייענדיק פאַרטײַעט אַפן הויף אונטער א סקירדע שטרוי, דערהערט, ווי יודע, וועלכער האָט אים אַרויסגעבאַגלייט, האָט זיך געדונגען מיט אים:
— צוואַנציק פּוד ברויט... מער קען איך ניט געבן.
— ער גיט צוואַנציק פּוד, און איך האָב קימאַט גאָרנישט ניט איבערגעלאָזט... גערדאַרפט אויך מער איבערלאָזן אַפן בוידעם, אַניט, וועט ער סײַווי ניט גלייבן, אַז איך האָב קיין ברויט ניט, — האָט ער מיט האַרצווייטעק א

טראַכט געטאָן. — יודע וועט געבן א ביסל און וועט ראַטעווען זיין גוטס, און איך וועל אַלץ פארלירן.

פון יודעס הויף איז דאָוויד נאָך ערגעץ אוועק. אפּן וועג האָבן אים אָפּגעשטעלט מענטשן, זיך דורכגערעדט מיט אים און זײַנען אוועק צום רעווקאָם, ווו עס האָט פון גאַנצפרי זיך געזאַמלט אַן אוילעם. טאַנכום איז צוגעגאַנגען אַהין, געריבן זיך א ווײַלע צווישן מענטשן, צוהערנדיק זיך וועגן וואָס מ׳רעדט. וויפל ער האָט זיך ניט באַמיט דורכשמועסן זיך מיט דאָווידן, האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן.

— דאָוויד האָט אונדז געבראַכט עפּעס גוטע נײַעס. ער וועט דערציילן, וואָס אַף דער וועלט הערט זיך, — האָט א דאַרער אַלטיטשקער מיט א שיטער בערדל א זאָג געטאָן.

— אַוואַדע, אויב ער איז געקומען, וועט ער עפּעס דערציילן, — האָט א צווייטער זיך אָפּגערופן.

— וועגן וואָס קאָן דאָוויד ריידן? — האָט טאַנכום א טראַכט געטאָן, — ער וועט מאָנען ברויט פאַר די אַרבעטער. וואָס נאָך וועט ער זאָגן? נאָר בײַ די קאַפּצאָנים איז דען פאַראַן ברויט? וואָס קאָן מען בײַ זיי נעמען — דעם דאַלעס? ווער פון זיי עס האָט א ביסל ברויט, וועט געוויס אָפּגעבן, ס׳איז דאָך זײַן מאַכט. די מאַכט האָט אים געגעבן ערד, זאָרגט פאַר אים. און בײַ מיר האָט די מאַכט צוגענומען די ערד. זי וויל מיך אומברענגען. ווי זשע זאָל איך אוועקגעבן מײַן גוטס?

טאַנכום האָט זיך א ביסל אַרומגעדרייט צווישן דעם אוילעם לעבן רעווקאָם. איצט וואָלט געווען ניט שלעכט זיך אַרײַנכאַפּן אין שטיבל און א קוק טאָן, וואָס הערט זיך דאָרטן, נאָר ער האָט דערזען דעם טאַטן מיט ראַכמיִעלן. זיי האָבן פאַרטיפט געשמועסט צווישן זיך. דער פאָטער איז געווען אָנגעטאָן אין זײַן לאַנגער קאַפּאָטע, אין די צעקרימטע, איבערגעטריקנטע שטיוול. טאַנכום האָט געוואָלט צוגיין צו אים עפּעס א פרעג טאָן. נאָר דער טאַטע האָט אים ווי ניט באַמערקט און איז אַרײַן מיט ראַכמיִעלן גלײַך אין רעווקאָם. טאַנכום איז אַרײַן נאָך זיי. אין רעווקאָם איז געווען ענג, אָנגערייכערט. מענטשן זײַנען געזעסן קעפּ אַף קעפּ — אַף די פענצטער, אַף די טישן, און אוילעם איז אַלץ צוגעקומען, די הודזשערײַ איז אַלץ אָנגעוואַקסן. צווישן טומל האָבן זיך אויסגעטיילט איינצלנע ווערטער: ברויט... ערד... ברויט!

דאָוויד האָט זיך אײַנגעקוקט אין די באַקאַנטע פּנעמער פונעם אוילעם. א טייל פון די היגע מענטשן האָט אינגאַנצן געפעלט, א טייל האָט זיך אומגעקערט פון מילכאָמע אָן הענט, אָן פיס, מיט קאַליע־געוואָרענע אויגן אָדער אינגאַנצן בלינדע. פאַרפײַניקטע סאָלדאַטן אין אַלטע אויסגעריבענע שינעלן זײַנען געזעסן פאַרדײַגעטע, פאַרצאָרגטע און געמאָנט פון דאָווידן א טרייסטוואָרט:

— נו, זאָג עפּעס, מיר ווען הערן, וואָס אַף דער וועלט טוט זיך, — האָבן זיך דערהערט שטימען.

דער אוילעם האָט א שפּאַר געגעבן נעענטער צו דאָווידן. מער פון אַלעמען האָט זיך געריסן צו אים טאַנכום. איינצײַטיק האָט ער פון די אויגן

ניט אַרויסגעלאָזן דעם פֿאָטער. בײַ אים האָט ער געזוכט אַ שוץ פֿונעם פּאַכעד, וואָס האָט אים באַהערשט. און דער אויִלעם האָט אַלץ געררוישט: ווער ס'האָט גע־טײַנעט, ווער ס'האָט געמאָנט און ווער ס'האָט געבעטן. גערעדט האָט מען אַלע מיטאַמאָל, איבערשלאָגנדיק אײנער דעם אַנדערן.

דאָוויד האָט ניט געײַלט זיך אופגעשטעלט און שטיל, שטיל אָנגעהויבן צו ריידן. וואָס שטילער ער האָט גערעדט, אַלץ רויִקער איז געוואָרן צווישן אויִלעם.

— איך ווענד זיך צו אײַך אינעם נאָמען פֿון אײַערע ברידער אַרבעטער. די ביינערדיקע האַנט פֿון הונגער וויל דערשטיקן די רעוואָליוציע, קעדיי די פּריצים און די רײַכע באַלעבאַטים זאָלן צונעמען צוריק בײַ אײַך די ערד, פֿאַרוואַנדלען אײַך אין קנעכט און אוועקטרײַבן ווי שאָף אַף שכיטעס פֿון דער מילכאָמע. די אַרבעטער אין די שטעט באַקומען צו אַ פֿערטל פֿונט ברויט, און בײַ די באַלעבאַטים פֿוילט דאָס ברויט אין די גריבער, אָדער די מײַז עסן דאָס אונטער די סקירדעס שטרוי, ווו עס ליגן באַהאַלטן טויזנטער פּודן ברויט... אײניקע אומבאַוווּסטזיניקע אָרעמע פּויערים העלפֿן די רײַכע אויסבאַהאַלטן דאָס ברויט. די, וואָס טוען עס, גייען קעגן זייערע ברידער, קעגן דער רעוואָליוציע!

בײַ די ווערטער האָט זיך דעם אַלטן בערען אויסגעדוכט, אַז דאָוויד האָט אַף אים אַ קוק געגעבן.

אַ גאַנץ לעבן האָט דאָך בערע דאָנדע קײן פֿליג אָפּן וואַנט ניט אָנגערירט, און אַף דער עלטער דאַרף ער הערן אַזעלכע באַשולדיקונגען.

— ווער באַהאַלט אויס דאָס ברויט, ווער? — האָבן זיך דערהערט שטימען.

— רוף אָן בײַ די נעמען די שולדיקע, — האָט געשריִען זאַווע־לייב.

בערע איז געוואָרן בלייך. באַלד וועט דאָוויד פֿאַרן גאַנצן אויִלעם פֿאַרשוואַרצן זײַן פּאָנעם. אָבער ווי גייט מען קעגן אײגן בלוט? ווי שנײַדט מען אײגן פֿלייש... זאָל זײַן אַפֿילע ווילדפֿלייש, נאָר סײַווי טוט וויי.

— די, וואָס העלפֿן מיט באַהאַלטן ברויט, — האָט דאָוויד פֿאָרגעזעצט, — העלפֿן אונדזערע סאָנים, העלפֿן מיט דער ביינערדיקער האַנט פֿון הונגער אומברענגען טויזנטער אַרבעטער, פֿרויען, קינדער.

בערע האָט דערפֿילט, אַז ס'ברענט אים אַ פּאַרדראָס קעגן זיך אַליין. וואָס האָב איך עס אָפּגעטאָן? צוליב וואָס האָב איך געדאַרפֿט באַהאַלטן טאַנכומס ברויט? איך הונגער דאָך אויך, די קינדער הונגערן... ער איז דאָך טאַקע גערעכט, דאָוויד.

טאַנכום איז געזעסן קעגן פֿאָטער אַ טויט־בלייכער. ער האָט געזען, ווי דער טאַטע ערגערט זיך. הער זיי ניט, וואָס זיי טײַנען דאָרט, האָט זיך אים געוואָלט זאָגן צום פֿאָטער, וואָס פֿאַרא ברידער זײַנען דיר אָט די הונגעריקע מענטשן, וואָס גייט עס דיר אָן, וואָס זיי האָבן ניט וואָס צו עסן?

און דאָוויד האָט געפּאָכט מיט די הענט און געשריִען:

— די אָרעמע פּויערים דאַרפֿן אונדז העלפֿן געפֿינען דאָס באַהאַלטענע ברויט... דאָס איז זייער כוויוו פֿאַר די הונגעריקע אַרבעטער, פֿאַר זייערע

קינדער. יעדער פּוד ברויט איז א קויל אין הארצן די סאָנים פון אונדזער רעוואָליוציע!

דער אַלטער בערע איז געקומען אהיים א צעטראָגענער. וויפל ראכמיִעל, פריידל האָבן זיך ניט געפּרוּווט דערוויסן, וואָס ס'איז מיט אים געשען, האָבן זיי בא אים קיין טאָלק ניט געקאָנט דערגיין.

ער האָט געזען, מיט וואָס פאר א היץ געדאליע רײַטשוק, מיכל מאכלין, ראכמיִעל האָבן געהאָלפן דאָווידן צונויפקלײַבן ברויט, און ער האָט זיך אליין געטרייסט: דאָוויד האָט געוויס ניט אים געמיינט.

פונעם דאָזיקן געדאנק איז דעם אלטן געוואָרן גרינגער אפן הארצן. פונדעסטוועגן האָט ער זיך געשלאָגן מיט דער דייע, צי זאָל ער ארויסגעבן דאָס באהאלטענע ברויט אָדער שווייַגן. באנאכט, ווען אלע האָבן זיך געלייגט שלאָפן, איז ער ארויס אין דרויסן, לעבן שטעלכל האָט ער דערזען א מענטשן.

— יאָ, דאָס היט מען דאָס ברויט, — האָט ער א טראכט געטאָן.

בערע האָט געוואָלט פארקערעווען צוריק אין שטיבל. פּלוצעם האָט אים עמעצער א כאַפּ געגעבן פארן ארבל. דאָס איז געווען טאנכום. ער איז געווען בלייך און צעשראָקן.

— טאטע! — האָט ער, קוקנדיק דעם פאָטער אין פּאָנעם, מיט א ציטעריק קאָל אָנגעהויבן. — איך בעט דיך, טאטע, זאָלסט זיך כאָטש פון מיר ניט אָפּקערן. ארום מיר ברענט א פײַער... און קיינער וויל ניט העלפן... ס'קען זײַן, טאטע, אז איך בין באגאנגען קעגן דיר אוולעס, אומרעכטן. ס'קען זײַן, אז איך בין באגאנגען אוולעס קעגן מײַנע ברידער, איז זײַט מיר מויכל, ווי אייגענע! דערמאָן זיך, טאטע, וויפל יאָר האָבן מיר זיך געוואָלט ארויסרײַסן פון דער אָרעמקײַט, און מיר האָבן ניט געקענט, און טאָמער האָט זיך איין זון דײַנער ארויסגעקאראַפּקעט א ביסל פון נויט און האָט אָנגי[illegible] ביסל לעבן, וויל מען אים דערשטיקן. געדענק, טאטע! דו וועסט מין [illegible]וילען אָן א מעסער, אויב דו וועסט ארויסגעבן מײַן ברויט... הארגע מיך בעסער אוועק. האָב ראכ־מאָנעס אַף מיר. גיב א קוק, ווי איך בין געשטראָפט... איך בין עלנט, ווי א שטיין... די גאנצע וועלט האָט זיך געשטעלט קעגן מיר. מיט וואָס האָב איך זיך עס אזוי פארזינדיקט? נו, זאָג כאָטש דו?..

טאנכום האָט זיך געטרייסלט. טרערן האָבן זיך געגאָסן פון זײַנע אויגן. א געפיל פון צאר און ראכמאָנעס האָט זיך אופגעוועקט בא בערען צו טאנכומען.

— וואָס קען איך דיר העלפן?.. זעסט דאָך, די וועלט האָט זיך איבער־געקערט, — האָט ער געטײַנעט צום זון. — ביסט רײַך געוואָרן, האָסטו אלעמען קעגן זיך אופגעשטעלט... מענטשן ווילן עסן, זוכן זיי ברויט.

— וואָס דארפסטו טראכטן וועגן מענטשן?.. וואָס גייען דיר אָן פרעמדע מענטשן? — האָט טאנכום זיך אָפּגערופן. — טראכט בעסער וועגן זיך, וועגן דײַנע זין... קיינער אכוץ דיר וועט ניט טראכטן וועגן מיר... קיינעם אכוץ דיר האָב איך ניט.

— אז ס'ווערט שלעכט, דערמאָנט מען זיך אין דעם טאַטן, — האָט דער פּאָטער אים געוואָלט אויסוואָרפן, נאָר טאַנכום האָט אים ניט געלאָזט ריידן און אַליין געטייַנעט צו אים:

— די זאַווערוכע וועט דורכגיין, טאַטע, ס'וועט זיך איבערדרייען, אַזוי קען עס ניט זייַן. ס'איז נאָך אין דער וועלט ניט געהערט געוואָרן, אַ טאַטע זאָל ווערן אַ סוינע דעם זון.

5

טאַנכומס קומען צום פּאָטער און צו ראַכמיִעלן האָט בײַ דאָווידן אַרויסגערופן אַ כשאַד.

— ער איז געגאַנגען צו אײַך די גאַנצע צײַט? — האָט דאָוויד זיך פאַנאַנדערגעפּרעגט בײַ פרײַדלען און בײַ ראַכמיִעלן.

— מיר האָבן אים קיינמאָל אין די אויגן ניט אָנגעקוקט, — האָט פרייַדל געענטפערט. — ס'קאָן דאָך ניט זייַן, ער זאָל קיין ברויט ניט האָבן?

— דער רועך כאַפּט אים ניט... אוואַדע האָט ער, — האָט צוגעשטימט ראַכמיִעל.

— עפּשער האָט ער אַרויסגעפירט צום מעכוטן, — איז דאָווידן אײַנגעפאַלן אַ געדאַנק. אַ פּאָר מאָל האָט דאָוויד געפּרוּווט פאַרפירן אַ רייד מיט בערען וועגן טאַנכומס ברויט. נאָר דער אַלטער, האָט ער באַמערקט, וועלכער האָט פריִער טאַנכומס נאָמען ניט געוואָלט אַפילע דערמאָנען, האָט אָנגעהויבן אַרויסווײַזן [illegible] מיטלײַד צו אים. דעריבער איז דערגיין עפּעס בײַ בערען געוואָרן [illegible]

דאָוויד איז [illegible] טעג געווען פאַרנומען. די גרופּע פון דער אָרעמשאַפט, וועלכע ער האָט צונויפגענומען, האָט אים געהאָלפן זאַמלען ברויט. נאָר קיין שפּור פון טאַנכומס ברויט האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו געפינען.

איינמאָל באַנאַכט, אומקערנדיק זיך אַהיים, האָט דאָוויד באַמערקט טאַנכומען אַרומדרייען זיך אויפן טאַטנס הויף, לעבן שטעלכל.

— וואָס דאַרף ער עס דאָ? — האָט דאָוויד זיך פאַרינטערעסירט. — וואָס זוכט ער עס אַרום?

פאַרטײַענדיק זיך אין אַ ווינקעלע, האָט ער אָנגעהויבן נאָכשפּירן נאָך טאַנכומען. טאַנכום איז אַרומגעגאַנגען איבערן הויף און אַרומגעקוקט זיך ווי אַ גאַנעוו. דערנאָך איז ער אַרײַן אינעם שטעלכל און עפּעס לאַנג דאָרט פאַרהאַלטן זיך.

וואָס פּאָרעט ער זיך עס דאָרטן?.. ניט אַנדערש, ווי ער האָט דאָרטן עפּעס באַהאַלטן, האָט דאָוויד באַשטימט און איז געגאַנגען אַ קוק טאָן, וואָס ער טוט דאָרטן. אויפן שוועל האָט ער זיך צונויפגעשטויסן מיט טאַנכומען.

— וואָס טוסטו דאָ?

— איך בין אריַין אזוי, א קוק טאָן, — האָט טאנכום, ניט וויסנדיק וואָס צו ענטפערן, אָנגעהויבן שטאמלען. — דאָס שטעלכל פאלט דאָך שוין איַין...

דאָוויד איז אריַין אינווייניק, און בא טאנכומען האָבן זיך פון שרעק די פּים אונטערגעהאקט.

— קום, גייסט אין שטיבל, איך וויל אריַינגיין אף א וויַילע צום טאטן, — האָט טאנכום געפּרוּווט פארריידן דאָווידן, ער זאָל ניט בליַיבן אין שטעלכל און זאָל זיך, כאָס־וועשאָלעם, ניט אָנהייבן ריִען אין שטרוי.

דאָוויד איז אריַין מיט אים אין שטיבל. טאנכום האָט עפּעס געזאָגט דעם פאָטער א פּאָר ווערטער און איז צוריק ארויס. דאָוויד האָט באמערקט, אז טאנכום איז שטארק צעטראָגן. אין א שאָ ארום, ווען דאָוויד איז דאָס צווייטע מאָל ארויס אין דרויסן, האָט נאָך טאנכום זיך געפּאָרעט אין שטעלכל. ס'איז געווען קלאָר, אז טאנכום האָט דאָרט עפּעס באהאלטן.

אָפּגעוואַרט, ביז ער איז אוועק אהיים, איז דאָוויד שטילערהייט אריַין אין שטעלכל, א ריִע געטאָן אין א ווינקל די שטרוי און דערזען ווייץ.

מעגלעך, אז אין שטיבל ווייסט אפילע קיינער דערפון ניט, — האָט דאָוויד געקלערט. ער האָט א ריִע געטאָן אין א צווייטן ווינקל און דאָרט אויך געפונען ווייץ. ער איז אריַין אין שטיבל און אָנגעהויבן וועקן ראכמיִעלן:

— שטיי אוף, איך האָב געפונען ברויט, אָ, א סאך ברויט!

— וואָס פאר א ברויט?

— ווייץ... עמעסער ווייץ... ליגט בא דיר אונטערן נאָז, און איר זיצט הונגעריקע...

— ס'איז פרעמדס, — האָט דער אלטער, דערהערנדיק די רייד, זיך אָפּגע־רופן. — **דאָס ברויט וועל איך קיינעם ניט אָפּגעבן.**

— דאָס האָסטו, הייסט עס, באהאלטן? — האָט דאָוויד מיט א שטרענגן בליק א קוק געטאָן אפן אלטן. — מיַינע זיַינען, הייסט עס, בילכער פאר אונדז, זיי וועלן עסן ווייץ, און מיר וועלן פּוכניען פון הונגער!

— איך האָב דאָך געזאָגט, אז ס'איז ניט מיַינס, — האָט בערע איבערגע־כאזערט.

— וועמענס זשע איז דאָס? — האָט דאָוויד איבערגעפרעגט. — דאָס ברויט איז געווים אויסגעוואקסן אף אײַער ערד... און איר הונגערט און באהאלט עס אויס...

דער אלטער האָט אראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך פארשעמט. דאָס פּאָנעם האָט זיך פארקרימט, ווי אף וויינען. שטיל, קוים ארויסברענגענדיק די ווערטער פון מויל, האָט ער זיך אָנגעהויבן קלאָגן:

— וואָס זאָל איך טאָן, דאָוויד, ס'איז דאָך מיַין זון... דו ווייסט דאָך, וויפל יאָר ער איז מיַין שוועל ניט איבערגעטראָטן. נאָר איך קען ניט צוזען דעם צאר, ווי ער מאטערט זיך. ער וויל ניט ווערן צוריק א קאפּצן.

— און דעם צאר פון ראכמיִעלן, פון זאווע־לייבן, פון זיך אליין און פון טויזנטער, ווי איר, קענט איר צוזען? איר ווילט, טאנכום זאָל צוריק צונעמען אײַער ערד, צי איר זאָלט זיַין איבער איר באלעבאטים?

— איך ווייס אלץ, דאָוויד, איך פארשטיי אלץ, אָבער וואָס זאָל איך טאָן. אז...

דעם אלטן האָט פּלוצעם פארוואָרגן אין האלדז, און ער איז א שווייַגנדיקער געבליבן זיצן...

...טאנכומען האָט א גאנצע נאכט זיך געכאָלעמט א גרויסע קופּע ווייץ. ער האָט געפילט, ווי די קערנדלעך ווייץ קיצלען אים אין לייַב, און ס׳איז אים אזוי אייַנגענעם, אזוי גוט, ווי עס איז אים עפשער נאָך קיינמאָל ניט געווען.

— וויפל טשעטווערטי[1], מיינסטו, קען דאָ זייַן? — האָט ער געפרעגט בא נעכאמען.

— איך ווייס ניט, טאנכום, ס׳איז דאָ א סאך, — שמייכלט צופרידן נעכאמע.

טאנכום האָט זיך אין כאָלעם פאָרגעשטעלט, ווי ארום אים דרייען זיך הונגעריקע, פארשמאכטע מענטשן און בעטן:

„האָב ראכמאָנעס, דערבארעם זיך, נעם, וואָס דייַן הארץ גלוסט, אבי גיב א פּאָר קערנדלעך די נעשאָמע צו אָטכייַען". און ער טייַנעט צו נעכאמען:

— זעסט, ברויט איז איצט טייַערער פון גאָלד, גאָלד קענען מענטשן ניט עסן, און פאר א שטיקל ברויט וועט דיר א הונגעריקער מענטש דאָס לעצטע העמד פון לייַב אויסטאָן. ער וועט זיך נאָך פאר דיר אף די קני שטעלן, בעטן דיך, זאָלסט נעמען זייַן העמד... טאקע גוט, וואָס מיר האָבן אזויפיל ברויט.

בא די ווערטער האָט ער זיך אופגעכאפּט און אופגעוועקט נעכאמען.

— ס׳האָט זיך מיר געכאָלעמט, נעכאמע, א גוטער כאָלעם...

— וואָס האָט זיך דיר געכאָלעמט?

— ברויט האָט זיך מיר געכאָלעמט.

— א סימען, אז ס׳וועט זייַן בא אונדז א סאך ברויט, — האָט אים נעכאָמע אָנגעהויבן אויסלייגן דעם כאָלעם.

— האלעווייַ זאָל זייַן אזוי. האלעווייַ זאָל כאָטש זייַן גאנץ מייַן ברויט, וואָס איך האָב באהאלטן... ווער ווייסט, צי איך בין נאָך א באלעבאָס איבער דעם.

— פארוואָס זאָלסטו אף שלעכטס איבערטראכטן? גאָט האָט ביז איצט געהיט, וועט ער ווייַטער היטן.

— מאָרגן איז בא אונדז וואָס פאר א טאָג?

— דאָנערשטיק, וואָסי?

— מ׳דארף פאסטן, בעטן גאָט.

טאנכום האָט זיך דערמאָנט, אז מ׳האָט געדארפט בעטן דעם טאטן, ער זאָל זאָגן טילים.

— עפשער האָט מען געדארפט א פּאָר נעדאָוועס צעטיילן? — האָט ער זיך געפּרוּווט האלטן אן אייצע מיט נעכאמען.

— דו האָסט דאָך שוין אוועקגעטראָגן דעם טאטן א ביסל... — האָט נעכאָמע אָפּגעענטפערט. — וואָס קענסטו נאָך געבן?

[1] טשעטווערט — א מאָס, מיט וועלכער מ׳פלעגט מעסטן טווּע.

— מ׳דארף נאָך געפינען אָרעמעלײַט, עפּשער װעלן זײ בעטן גאָט.

— גיב בעסער דעם טאַטן, װעט עס זײַן אי אָנגעלײגט, אי ער װעט בעטן פאַר אונדז גאָט.

— ביסט טאַקע געדעכט, נעבאַמע, — האָט טאַנכום צוגעשטימט.

געבנדיק אַ נײדער, אַז אױב דער װײץ װעט גאַנץ זײַן, װעט ער זײַן אַ גוטער, אַ פֿרומער און װעט טאָן צדָקע, איז ער װידער אײַנגעשלאָפֿן. געשלאָפֿן איז ער געשמאַק, אַפֿילע אונטערכראָפּענדיק, װי ער װאָלט זיך אָנגעהאָרעװעט אױפֿן טױק.

פֿאַרטאָג איז ער אױפֿגעשטאַנען, עפּעס אַ מורמל געטאָן אין סידער, אַפּגיך אױפֿאָרעט זיך אין שטאַל און, אײַנגװיקלענדיק עפּעס אין אַ זעקעלע, זיך געלאָזט גײן צום פֿאָטער. דאָס מאָל איז טאַנכום געגאַנגען ניט געײַלט.

דער טאָג איז געװען אַ שײנער. די פֿױגלען האָבן געסװישטשעט, און ער אַלײן האָט עפּעס זאָרגלאָז אונטערגעפֿײַפֿט. עפּעס האָט אים דער פֿאָרגעפֿיל אונטערגעזאָגט, אַז די געפֿאַר איז פֿאַרבײַ און ס׳װעט זיך ענדיקן אַלץ בעשאָלעם. ער װעט בלײַבן בא זײַן ברױט און ער װעט ערשט װערן דער עמעסער באַלעבאָס. פֿאַרזיכטיק, װי שטענדיק, אין אַלע זײַטן ארומקוקנדיק זיך, איז ער אַרײַן אין שטעלכל און דערזען די שטרױ פֿאַנאַנדערגעװאָרפֿן. טאַנכומען האָט זיך אָפּגעריסן דאָס האַרץ. ער האָט געװאָלט אַ ריִע טאָן די שטרױ, נאָר די הענט מיט די פֿיס האָבן זיך אים װי אָפּגענומען. ער האָט געװאָלט אַ געשרײ טאָן, איז די צונג פֿאַרהאַמעװעט געװאָרן.

— כ׳האָב אָפּגעברענט... אָן אַ פֿײַער האָב איך אָפּגעברענט!.. — טאַנכום האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן באַם קאָפּ. — איך בין פֿאַרפֿאַלן. מ׳האָט מיך דערשטיקט. װאָס זאָל איך איצטער טאָן?.. בא װאָס בין איך געבליבן?! איך האָב זיך אַלײן געהאַרגעט, מײַן אײגענער טאַטע האָט מיך געקױלעט!

װי נאָר טאַנכום איז געקומען אַ ביסל צו זיך, האָט ער אָנגעהױבן טראַכטן װיאַזױ אָפּראַטעװען כאָטש װיפֿל־ניט־איז ברױט. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז רײדן מיט דאָװידן האָט קײן שום זינען ניט. זאָגן, אַז דער װײץ געהערט אָן אַנדערן, װעט מען אױך ניט גלײבן און מ׳װעט סײַװי ניט אומקערן צוריק. דעריבער האָט ער באַשטימט, ניט פֿאַטערן קײן צײַט און צופֿאָרן קײן בורלאַצק מעיאַשעװ זײַן זיך מיט יעװוטיכע בױטשענקאָן אָדער מיט עמעצן אַנדערש פֿון די באַלעבאַטים. אײן מאָל, פֿאַרנדיק פֿון יאַריד, האָט טאַנכום זיך געהאַט געטראָפֿן מיט אים. יעװוטיכע האָט אים געגעבן אָנצוהערן, אַז מ׳דאַרף זיך אָרגאַניזירן און ניט דערלאָזן, די „פּראָדאָװאַלשטשיקעס" זאָלן אַרױספֿירן דאָס ברױט פֿון די דערפֿער.

באַלעבאַטים, האָט ער געהערט, האָבן צונױפֿגעזאַמלט מענטשן, באַװאָפֿנט זײ, קעדײ צו קעמפֿן מיט די, װאָס װילן אָפּנעמען זײער טװוּע.

טאַנכום איז געװען זיכער, אַז בא זײ װעט ער געפֿינען אַ שטיצע, אַז זײ װעלן אים העלפֿן אָפּשלאָגן זײַן ברױט צוריק. אַפּגיך אָפּגעגעסן, האָט ער זיך אָנגעהױבן גרײטן אין װעג. כאָטש טאַנכומען איז געװען שװער אָפּן האַרצן, פֿונדעסטװעגן האָט זיך אים געװאָלט זײַן װערדע אין די אױגן פֿון יעװוטיכען

ניט אָנווערן. דעריבער האָט ער ארויסגעטראָגן פון שטאַל דאָס שפּאַן־געציַיג, אויסגעשמירט די נאַריטניקעס, זיי זאָלן גלאַנצן.

— וווּהין גרייטסטו זיך עס פאָרן? — האָט נעבאַמע א פרעג געגעבן.

— איך וויל צופאָרן קיין בורלאַצק זיך דורכריידן מיט מענטשן.

— וווּהין וועסטו פאָרן אנטקעגן נאַכט? מיט וועמען וועל איך דאָ בלייבן?

— איך וועל איינגיכן קומען צוריק... מ'דאַרף עפּעס טאָן, אַן אייצע האַלטן זיך מיט מענטשן.

— וועסט פאָרן מאָרגן גאַנצפרי!

— וואָס האָב איך וואָס צו וואַרטן?.. ביז גאַנצפרי וועל איך שוין וויסן, וואָס איך האָב צו טאָן, — האָט טאַנכום אנטשיידן אָפּגעענטפערט און גענומען שפּאַנען די פערד.

האַסטיק דורכפאָרנדיק די שטויביקע דאָרפישע גאַס, האָט ער פאַרקערעוועט אויף דעם סטעפּישן געשלענגלטן וועג. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף דער זיץ און אָנגעצויגן די לייצעס, די פערד זאָלן ניט צעטראָגן. בא דער זייט וועג האָבן זיך שוין געשאָקלט עטוואָס פאַרגעלטע גראָזן.

אופהייבנדיק זיך ארויף באַרג, האָט טאַנכום דערזען די בורלאַצקער ווינט־מיל, וועלכע האָט טאָג און נאַכט געפּאָכט מיט די פליגלען, ווי א מעכטיקער פויגל, וואָס וויל זיך אָפּריַיסן פון דער ערד און קאָן ניט. דאָ און דאָרטן זיַינען געלעגן צעוואָרפן דער כוטאָר מיכייעווע און די דערפער סאַנזשאַראָווקע און סוויאַטאָדוכאָווקע. וואָס מער טאַנכום האָט זיך דערנעענט צו זיי, אַלץ דיַיטלעכער האָבן זיך אָנגעהויבן אויסטיילן די שניי־וויַיסע ווענט פון די אוק־ראַיִנישע כאַטעס מיט זייערע שטרעכגע, שינדלדיקע אָדער טשערעפּענע דעכער. פון די דערפער און כוטאָרן האָט זיך וועןן־ניט־וועןן דערטראָגן א בילעריַי פון א הונט, א קרייעריַי פון א האָן און ווידער איז געוואָרן אזוי שטיל, אז אויסער דער קלאַפּעריַי פון די רעדער און דער קלינגעריַי פון אקסן פונעם אייגענעם וואָגן האָט טאַנכום גאָרנישט ניט געהערט.

דורכפאָרנדיק אָפּגיך פאַרביַי די כוטאָרן און דאָרף סוויאַטאָדוכאָווקע, האָט טאַנכום דערזען די קאָנטורן פון בורלאַצק. טאַנכום האָט אָפּגעלאָזן א ביסל די לייצעס, און די פערד האָבן האַסטיקער א טראָג געגעבן. ער האָט זיך ניט באַוויזן ארומקוקן, ווי ער איז אריַינגעפאָרן אין בורלאַצק. ס'האָט שוין געטונקלט.

דערהערט א טראַסקעריַי פון א פור, זיַינען פון די הויפן ארויסגעלאָפן הינט און מיט א בילעריַי נאָכגעלאָפן נאָך טאַנכומס פור.

ניט וויַיט פון יעוטיכעס שטוב האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. יעווטיכע, א הויכער מיטליאָריקער מאַנצבל, מיט א קליין שוואַרץ בערדל, איז ארויס אנטקעגן.

— אַך, דאָנדע! — האָט אויסגערופן דער באַלעבאָס, ברייט עפּענענדיק דעם פון יונגער אקאַציע געפלאָכטענעם טויער, — פאָר אריַין... וועסט זיַין א גאַסט.

ער האָט גאַסטפריַינטלעך פאַרגעלייגט טאַנכומען אויסשפּאַנען די פערד, אריַינפירן אין שטאַל און אפילע אליין אריַינגעשאָטן א מעסטל אייגענעם האָבער.

— א דאנק, איך האָב אייגענעם קאָרם פאַרכאַפּט מיט זיך, — האָט טאַנכום געפּרוּווט דערווידערן. נאָר יעווטיכע האָט הערן ניט געוואָלט. באַוואָרנט די פערד, איז טאַנכום אַרײַן אין שטוב. ער האָט נאָך ניט באַוויזן אָפּאָטעמען, ווי יעווטיכע האָט באַפוילן זײַן באַלעבאָסטע גרייטן צום טיש.

די באַלעבאָסטע, א נידעריקע, געפּאַקטע פרוי, איז אוועק אין קיך.

— א דאַנק, איך בין ניט הונגעריק, באַאומרויִקט זיך ניט, — האָט זיך אָפּגערופן טאַנכום.

נאָר די באַלעבאָסטע האָט זיך גיך אומגעקערט און אוועקגעשטעלט אפן טיש זויערמילך, קעז און קאַרטאָפליעס.

— בײַס צו, — איז יעווטיכע צוגעשטאַנען צו אים.

דער באַלעבאָס האָט נעענטער צוגערוקט צום גאַסט דאָס שיסעלע זויער־מילך, אַוועקגעלייגט אפן טיש פּאָשעטע הילצערנע לעפל און פאָרגעלייגט דעם גאַסט נעמען עסן.

טאַנכום האָט גענומען א שטיקל ברויט, באַזאַלצט עס און צוזאַמען מיט יעווטיכען אָנגעהויבן עסן פון שיסל זויערמילך.

באַם עסן האָט יעווטיכע זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערפרעגן באַם גאַסט, וואָס הערט זיך בא זיי אין קאָלאָניע.

— בא אונדז הערט זיך דאָס זעלבע, מיסטאַמע, וואָס בא אײַך, — האָט טאַנכום אָפּגעענטפערט מיט א קרעכץ. — מ׳נעמט צו דאָס ברויט. ווו מ׳געפינט נאָר א קערנדל, קערט מען עס צונויף מיט א בעזעם.

— אונדז האָט דערווײַל גאָט געהיט, — האָט יעווטיכע זיך אָפּגערופן, — בא אונדז האָט מען נאָך דערווײַל קיין ברויט ניט גענומען, און איך מיין, אז מ׳וועט ניט נעמען אויך...

— איז אײַך גוט, און בא מיר האָט מען צוגענומען, קען מען זאָגן, ביז א קערנדל, — האָט טאַנכום אָנגעהויבן דערציילן. איך האָב עס באַהאַלטן אין א זיכער אָרט, און זיי האָבן סײַווי געפונען.

— איך האָב דיר נאָך באַצײַטנס געזאָגט, וואָס מ׳דאַרף טאָן. מ׳האָט זיך געדאַרפט באַוואָפענען און ניט לאָזן אַרויספירן דאָס ברויט! און דו לויפסט אַרום, ווי א פאַרסאַמטע מויז, און וואַרטסט, אז עמעצער זאָל דיר העלפן... ווי קאָן מען דיר העלפן, אז דײַן ברויט האָבן שוין די באָלשעוויקעס צוגענומען.

— זיי האָבן עס דאָך נאָך ניט אַרויסגעפירט. זיי קלײַבן צונויף דאָס ברויט אין די אַרומיקע דערפער און ווילן מיטאַמאָל אַלץ אַרויספירן, — האָט אים דערקלערט טאַנכום. — זיי ווילן זיך נאָך צו אײַך אויך דערקלײַבן.

— אז מ׳וועט זיי לאָזן, ווילן זיי זיך דערקלײַבן, — האָט, ווערנדיק רויט פון רעציכע, זיך אָפּגערופן יעווטיכע.

— נו, פּרוּוו זיי ניט לאָזן!

— מיר ווילן פּרוּוון, אוואדע ווילן מיר פּרוּוון, — האָט יעווטיכע פאַר־געזעצט.

זײַן פּאָנעם האָט זיך פאַרקרימט, אפן שטערן האָבן זיך באַוויזן גרויסע טראָפּנס שווייס.

— מיר ווילן ניט נאָר פּרוּוון, מיר ווילן פּאָשעט ניט געבן אונדזער

ברויט. און אויב דו מיינסט, אז מיר וועלן גיין פאר דײַן ברויט שלאָגן זיך, האָסטו א טאָעס, — האָט יעווטיכע געוואָרנט טאַנכומען.

— וואָס קאָן איך איינער אליין אופטאָן?

— מע דאַרף זיך פאראייניקן, אלע פעסטע באַלעבאַטים דאַרפן זיך פאראייניקן, — האָט יעווטיכע געזאָגט. — דאַן וואָלטן די קלענערע באַלעבאַטים אויך זיך פאַרטראַכט אף זייער גורל און וואָלטן אונדז אונטערגעהאַלטן. און דו האָסט זיך באַהאַלטן, ווי א מויז אין א לאָך, און האָסט אויסגעוואַרט, וואָס וועט זײַן. אז ס'האָט דיך צוגעקוועטשט, ביסטו געקומען צו לויפן.

טאַנכום איז געזעסן מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ער האָט קיינמאָל אין לעבן ניט געהאַלטן מילכאָמע, ניט געשלאָגן זיך מיט קיינעם, וויאַזוי זשע וועט ער גיין איצטער האַרגענען מענטשן? און דאָ וועט אים נאָך אויסקומען אופהייבן זיך קעגן די אייגענע ברידער, קעגן דעם פאָטער. אָבער אונטערגעבן זיך, שווײַגן טאָר מען ניט. זיי גייען קעגן אים. אָדער ער וועט זיי אומברענגען, אָדער זיי אים.

יעווטיכע האָט ווי דערפילט טאַנכומס געדאַנקען.

— אויב דו ווילסט בלײַבן א באַלעבאָס איבער דײַן ברויט, דאַרפסטו זיך שלאָגן פאר דעם.

טאַנכום האָט פאַרשטאַנען, אז יעווטיכע איז גערעכט, נאָר ווי זאָל ער זיך שלאָגן? ווער וועט אים העלפן? יודל פּיטראַך? און ווער נאָך?

טאַנכום איז געזעסן א צעטראָגענער. אים האָט זיך געוואָלט, אז יעווטיכע זאָל אים אונטערזאָגן, וואָס ער דאַרף טאָן. נאָר יעווטיכע איז פּונקט ערגעץ אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן. דערזעענדיק א כאָפּטע כעוורע, וועלכע האָבן זיך אין עפּעס געשפּילט, האָט ער אָפּגערופן א יינגל און אים עפּעס א שעפּטשע געטאָן אפן אויער. דאָס יאַטל האָט טייקעף זיך געלאָזט לויפן איבערן גאָס. אין א מינוט צען אַרום איז צו יעווטיכען אין שטוב אַרײַן א הויכער, בלאָנדלאָקיקער מאַנצבל, אין נײַע שטיוול, אין גאַליפע און אין א שיין אויסגענייט אוקראַיִניש העמד, וואָס ער האָט געטראָגן אונטערן טונקלגרויען רעקל.

— אָט דער מענטש איז געקומען פון דער שכיינישער יידישער קאָלאָניע, — האָט יעווטיכע א ווײַז געטאָן אף טאַנכומען, — ער וועט דיר דערציילן, וואָס באַ אים טוט זיך מיטן ברויט.

טאַנכום האָט אין דעם אַרײַנגעקומענעם דערקענט אַלעקסיי בוזשייקאָן — דעם פּאַרעצס זינדל, וועלכער האָט ביים דער דײַטשישער אָקופּאַציע זיך אומגעראַכמאָנעסדיק צערעכנט מיט פּויערים בונטאָוושטשיקעס.

— מ'נעמט באַ אײַך, הייסט עס, צו דאָס ברויט? — איז ער גלײַך צוגעגאַנגען צום איקער. — א סאַך ברויט האָבן די באָלשעוויקעס צונויפגענומען באַ אײַך? און באַ אײַך פּערזענלעך וויפל האָט מען צוגענומען?

— אַלץ, וואָס איך האָב פאַרמאָגט.

— אומגעפער וויפל?

— איך ווייס ניט. איך האָב ניט געוועגט. נאָר א סאַך.

— פאַרוואָס האָט איר זיי אָפּגעגעבן?

— זיי האָבן דען באַ מיר געפרעגט? זיי האָבן צוגענומען און גאָר.

— וווּהין האָבן זיי דאָס אוועקגעפירט?
— דערווײַל איז דאָס נאָך אַף אַן אָרט אין קאָלאָניע. זיי וועלן עס ארויס־פירן אין שטאָט פאר די ארבעטער.
— דאָס וויים איך, — האָט בוזשייקאָ זיך אָנגעהויבן בייזערן. זײַנע בלוי־לעכע אויגן זײַנען געוואָרן שטרענג, די ברעמען האָבן זיך אופגעשטעלט. ער האָט פארייכערט א ציגאר און, ארומשפאנענדיק איבערן צימער, מיט גײַוועא פרעג געטאָן:
— א סאך באָלשעוויקעס זײַנען געקומען נאָכן ברויט?
— דאָוויד קאבאָ און נאָך איינער.
— וועלכער דאָוויד? ווער איז ער, דער דאָוויד? — האָט בוזשייקאָ, דורכ־זײַענדיק צווישן די ציין דעם נאָמען, א פרעג געטאָן.
— דאָס איז מײַן ברודערס שוואָגער... ער איז שוין לאנג בא זיי, בא די רויטע. נאָך פון פאר דער רעוואָליוציע איז ער בא זיי.
— וואָס קענט איר זיך דאָרט מיט צוויי מענטשן ניט ספראוועןָ? — האָט בוזשייקאָ מיט א שפּאָטישן בליק א קוק געגעבן. — אויך מיר העלדן... א ווערדע א סאַף צו מאכן מיט זיי?
— זיי זײַנען דען אליין... אלע אָרעמפּויערים זײַנען מיט זיי, — האָט טאנכום דערקלערט. — אָט דאָס איז דאָך די צאָרע, וואָס זיי זײַנען ניט אליין. ווי זשע קענען מיר, עטלעכע באלעבאטים, גיין קעגן א מאסע?
— אַף נעמען יענעמס גוטס זײַנען פאראן א סאך באלאָנים, — האָט זיך ארײַנגעמישט יעווטיכע, וועלכער איז געזעסן, געגלעט זײַן שווארץ בערדל און זיך אײַנגעהערט אינעם שמועס פון טאנכומען מיטן אטאמאן פונעם אָטריאַד, וואָס קעמפט קעגן די באָלשעוויסטישע „פּראָדאָוואָלשטשיקעס". — אהער וועלן זיי ניט קומען. מיר וועלן זיי אָנקאָרמען אַף אייביק מיט ברויט!
— אײַך איז גוט, איר האָט, ווער ס'זאָל זיך פאר אײַך אָנעמען, — האָט טאנכום זיך אָפּגערופן, ניט אראָפּנעמענדיק די אויגן פונעם אטאמאן, ווי ער וואָלט ווארטן פון אים הילף.
— מיר נעמען זיך אליין אָן פאר זיך, — האָט יעווטיכע געענטפערט. — יעדערער דארף פארטיידיקן אליין זײַן גוטס, ווי ער קען.
— ווי קאָן איך איינער אליין? — האָט טאנכום זיך אָנגעהויבן קלאָגן, — מ'האָט מיך באגאזלט, און איך מוז שווײַגן. דערפאר בין איך דאָך געקומען צו אײַך זיך אָן אייצע האלטן און בעטן הילף.
יעווטיכע האָט געקוקט אפן אטאמאן און געווארט, ער זאָל עפּעס ענטפערן טאנכומען. נאָר יענער האָט אלץ געריייכערט און איז ארומגעגאנגען א פאר־טראכטער איבערן צימער. אין א ווײַלע ארום האָט דער אטאמאן א ווונק געטאָן צו יעווטיכען, אָפּגערופן אין א זײַט און עפּעס לאנג מיט אים זיך געשושקעט. נאָכדעם איז יעווטיכע צוגעגאנגען צו טאנכומען און אָנגעהויבן זיך פאנאנ־דערפרעגן, וווּהין וועלן די „פּראָדאָוואָלשטשיקעס" ארויספירן דאָס ברויט, וואָס זיי האָבן צוגענומען.
— ווער ווייסט זיי. מיסטאמע אין האנטשעריכע, — האָט טאנכום געענטפערט.
— דו ווייסט דעם וועג קיין האנטשעריכע?

— בלינדערהייט וועל איך אהין טרעפן.
יעווטיכע האָט זיך אָנגעבויגן צו טאַנכומען און אַפן אויער אים געזאָגט:
— דערוויס זיך, מיט וואָסער וועג וועלן זיי ארויספירן דאָס ברויט... האָסט פארשטאַנען?
— גוט, — האָט טאַנכום א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און זיך געלאָזט גיין.
יעווטיכע האָט אים ארויסבאגלייט און שוין הארט באַם שוועל געזאָגט:
— נאָר אײַל זיך צו און קום גלײַך צוריק!

טאַנכום האָט זיך אומגעקערט אהיים שפּעט אין אָוונט. אין אַלע פענצטער איז שוין געווען פינצטער. א צופרידענער, וואָס קיינער זעט אים ניט, האָט ער שטילערהייט אויסגעשפּאַנט די פערד און איז אריַין אין שטוב.
נעכאַמע איז שוין געלעגן אין בעט און געדרעמלט. דערהערנדיק טאַנכומס טריט, האָט זי ברייט צעעפנט די אויגן.
— קיינער איז דאָ ניט געווען? — האָט טאַנכום זיך אָנגעהויבן פאַנאַנ־דערפרעגן. — דו האָסט ניט געהערט, וואָס איז מיטן ברויט?
— איך בין א גאַנצן טאָג פון שטוב ניט ארויס... וואָס זשע האָב איך געקאָנט הערן?
— מ'דאַרף מאָרגן גאַנצפרי אָנשמעקן, וווּהין זיי רעכענען דאָס ברויט אָפּפירן... עפּשער וועסטו עפּעס באַ די וויַיבער געוואָר ווערן.
— וואָס קענען די וויַיבער וויסן? וואָס וועט דיר שוין העלפן?
— די וויַיבער וויסן פריִער פון אַלעמען, וואָס ווער ס'קלײַבט זיך טאָן, — האָט טאַנכום זיך אָפּגערופן. — גיי אריַין צו עמעצן מיט א טערעץ, א טעפּל לײַען אָדער אן אנדער זאַך, און פאַריינס וועסטו זיך דערוויסן, וואָס דו דאַרפסט.
— כ'וועל אינערגעץ ניט גיין, ס'איז אומזיסט, זאָג איך דיר, עלעהיי דו האָסט געהאַט ווינציקער ברויט. וועסט כאָס־וועשאָלעם פון הונגער ניט שטאַרבן, — האָט נעכאַמע אים איַינגערעדט.
נאָר טאַנכום האָט הערן ניט געוואָלט. גאַנצפרי, ווי נאָר נעכאַמע האָט אויסגעמאָלקן די בעהיימעס, האָט ער זי געצוווּנגען דורכגיין זיך אין א פּאָר היַיזער, עפּשער וועט זי פּאָרט עפּעס זיך דערוויסן.
— גיב א פרעג, קלוימערשט, ווי פאַרבײַגייענדיק, צי מ'האָט שוין צו־נויפגעקליבן דאָס ברויט, — האָט זי טאַנכום געלערנט, — וווּהין קלײַבט מען זיך עס אָפּפירן, טאָמער וועט דיר זיך איַינגעבן צו דערוויסן, ווער וועט עס אָפּפירן, וואָלט אוואדע געווען גוט.
נאָר פאַרלאָזן זיך אויף איר האָט טאַנכום אויך מוירע געהאַט. דעריבער איז ער נאָך איר אויך אוועק אין גאַס הערן נײַס.
— מ'זאָגט, — אַז דו פאָרסט מאָרגן אין האַנטשעריכע? — האָט טאַנכום געפרוווּט נעמען אַפן העץ דעם רויטן באָרעכן, וואָס איז געשטאַנען אין א רעדל און געשמועסט.
— ווער האָט עס דיר געזאָגט? — האָט באָרעך אים אָנגעקוקט.
— וואָס איז דיר פאַר א נאַפקעמינע, ווער ס'האָט מיר געזאָגט, איך האָב דיך געוואָלט בעטן טאָן מיר א טויווע...

— וואָסי? — האָט באָרעך, אָנשטעלנדיק די אויגן, זיך אָנגעהויבן פאנאנדערפרעגן, פונקט ווי ער וואָלט טאקע אף אן עמעסן פאָרן קיין האנטשעריכע.

— צוליב וואָס זאָל איך דיך בעטן, אז דו פאָרסט ניט.

— גיב מיר דײַנע פערד, וועל איך פאָרן.

— אף מײַנע פערד קען איך אליין פאָרן, האָט טאנכום געענטפערט.

— ס'קען זײַן, אז ס'וועט טאקע אויסקומען פאָרן אף דײַנע פערד. ווי וועט דער רעווקאָם נעמען פורן, אויב ניט בא די באלעבאטים? — האָט באָרעך געזאָגט.

— איך וועל מײַן ברויט נאָך אף מײַנע אייגענע פערד ארויספירן, — האָט טאנכום זיך אָנגעצונדן, — עפשער וועל איך נאָך די, וואָס ווילן עסן מײַן ברויט, ארײַנלייגן זיי גלײַך אין מויל?..

— אין מויל ארײַנלייגן וועט שוין יעדערער ווי־ניט־איז אליין, נאָר אָפפירן וועט דיר טאקע אויסקומען, — האָט באָרעך פאָרגעזעצט וויצלען זיך.

— עפשער וועסטו מיר זאָגן, ווען מע קלײַבט זיך פאָרן, וועל איך טאקע צוגרייטן די פערד?

— מ'וועט דיר אָנזאָגן, אז מ'וועט דארפן.

— ווער וועט מיר אָנזאָגן? — האָט טאנכום פאָרגעזעצט ביטערוועו.

— ווער ס'דארף, וועט דיר אָנזאָגן.

— נו, וועל איךווארטן, — האָט טאנכום אָפגעענטפערט און איז אוועקגעגאנגען צו א צווייט רעדל, עפשער וועט זיך אים דאָרט אײַנגעבן צו דערוויסן, ווען מ'וועט ארויספירן דאָס ברויט.

טאנכום האָט זיך לאנג ארומגעדרייט אין גאס. סאָפקאָלסאָף האָט ער זיך דערוווּסט, אז ארויספירן דאָס ברויט וועלן באפולמעכטיקטע פון דער אָרעמשאפט און אז פערד רעכנט מען טאקע נעמען בא די באלעבאטים. טאנכום האָט גלײַך אײַנגעשפאנט א פור און זיך אָפגעטראָגן קיין בורלאצק.

יעווטיכע און דער אטאמאן האָבן ארויסגעקוקט אף אים. זיי האָט זיך ניט אזוי געוואָלט ראטעווען טאנכומס ברויט, ווי אויספרוּוון זייער אוילעם, וועלכן זיי האָבן צונויפגעזאמלט אף קעמפן קעגן פאָרשטייער פון די דערנערונגס־אָטריאדן.

— מ'דארף אָפשלאָגן בא די באָלשעוויקעס דאָס ברויט, — האָט דער אטאמאן זיך געהיצט.

נאָר זײַן פעטער יעווטיכע האָט מוירע געהאט צו באשליסן ארויסטרעטן.

— וואָס דארף אונדז דארן דער קאָפ פאר יענעמס ברויט, — האָט ער, באמיִענדיק זיך אים אָפקילן, דערקלערט, — לאָמיר פארהיטן בעסער די קויכעס, וואָס מיר פארמאָגן, אָפצושלאָגן אונדזער ברויט, אז מ'וועט דארפן.

דער אטאמאן האָט הערן ניט געוואָלט דערפון.

— שלאכטלײַט דארפן שמעקן פולווער, אניט, צעלייגן זיי זיך, — האָט ער דערווידערט יעווטיכען, — ביז מ'וועט אף אונדז אָנפאלן, זאָלן זיי פרוּוון זייערע קויכעס. די דאָזיקע דערפארונג וועט אונדז שפעטער צוניץ קומען.

אזוי, פאמעלעך האָט דער אטאמאן איבערגערעדט מיט יעווטיכען, וועלכער

איז געווען זײַן רעכטע האַנט, און איבערצײַגט אים, מ׳זאָל אַרויסשיקן מענטשן איבערצוכאַפּן דאָס ברויט, וואָס מ׳וועט אַרויספֿירן פֿון דער שכײנישער קאָלאָניע.

דערזעענדיק דורכן פֿענצטער, ווי טאַנכום איז אַרײַנגעפֿאָרן אין הויף אַף זײַנע פֿאַרשוויצטע פֿערד, האָט יעווטיכע פֿאַרשטאַנען, אַז דער באַלעבאָס האָט זיי שטאַרק געיאָגט, ס׳האָט אים שטאַרק צוגעקוועטשט.

— נו, וואָס הערט זיך דאָרטן בײַ אײַך? — איז ער אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן טאַנכומען, — שפּאַן אָפּגיך אויס די פֿערד און קום אַרײַן אין שטוב.

— דאָס ברויט פֿירט מען אַרויס מאָרגן קיין האַנטשעריכע, — האָט בײַ טאַנכומען זיך ראַפּטום אַרויסגעריסן אַ געשריי.

— דו ווילסט אָפּנעמען דײַן ברויט? — איז דער אַטאַמאַן אָן פּניעם צוגעגאַנגען האַרט צו טאַנכומען און אָנגעהויבן מיט אים ריידן שטרענג זאַכלעך.

— ווי זשע, אַוודע וויל איך.

— וועלן מיר דיר געבן אַ ביקס און וועלן שיקן מיט דיר אַ פּאָר כלאַפּצעס... קלײַבט אויס אַ פּאַסיק אָרט, ווו מ׳קען מאַכן אַ באַלאַגערונג. מ׳דאַרף אָנפֿאַלן אַף די פֿורן אומגעריכט און פֿאַרקערעווען זיי קיין בורלאַצק... דאָ וועלן מיר זיך שוין פֿאַנאַנדערקלײַבן.

— איר וועט מיר געבן אַ ביקס? — האָט טאַנכום אַ דערשראָקענער איבערגעפֿרעגט.

ער האָט געוואָלט זאָגן, אַז ער קען ניט שיסן, נאָר באַלד האָט ער זיך פֿאַרכאַפּט:

— אַפֿילע מיט אַ שטעקן וואָלט איך זיך געגאַנגען שלאָגן, אַבי מײַן ברויט צוריק אָפּנעמען.

— וויפֿל מענטשן וועלן אַרויספֿאָרן באַוואַכן דאָס ברויט? — האָט דער אַטאַמאַן זיך אָנגעהויבן פֿאַנאַנדערפֿרעגן.

— איך ווייס ניט, דאַכט זיך, אײנער...

— און וואָס וועסטו טאָן, אַז זיי וועלן אַרויסשיקן אַ גאַנצן אָטריאַד? — האָט יעווטיכע זיך אַרײַנגעמישט.

— אַף וואָס דאַרפֿן זיי אַן אָטריאַד, זיי טראַכטן גאָרניט, אַז עמעצער וועט אַף זיי אָנפֿאַלן, — האָט טאַנכום זיך אָפּגערופֿן. — ניט ווײַט פֿון קאָלאָניע איז פֿאַראַן אַ טשערעט־באַלקע... אַהין דאַרף מען אַרויספֿאָרן און דאָרטן אָפּוואַרטן אַף זיי...

— נו, דאָברע, — האָט צוגעשטימט דער אַטאַמאַן. — איך וועל באַלד אַרויספֿאָרן. גרייט זיך צו...

דער אַטאַמאַן האָט אַרויסגעגעבן טאַנכומען אַן „אָברעז"[1] און אים פֿאָרגעלײגט אַ ביסל זיך איבן אין שיסערײַ. טאַנכום האָט זיך אויסגעלערנט אָנלאָדן און אויסלאָדן די ביקס און אַפֿילע אַ פּאָר מאָל אויסגעשאָסן אין די שוואַרצע ראָבן, וועלכע האָבן זיך געהאַט אַראָפּגעלאָזן צו יעווטיכען אַפֿן טויק.

---

[1] אָברעז — אַ ביקס מיט אַ קורצן רער.

די ראָבן האָבן צעשראָקענע אופגעהויבן זיך אין דער הייך, נאָר איינער איז א פארבלוטיקטער געבליבן אַף דער ערד.

— געטראָפן! — האָט טאנכום אויסגעשריִען ניט מיט זײַן קאָל, — גע־טראָפן! — די אויגן האָבן בא אים געפינקלט. אים האָט זיך געוואָלט, דער אטאמאן זאָל זען און זאָל זיך איבערצײַגן, אז ער וועט זיך קענען שלאָגן. ער האָט אין דער רעגע ניט געוואָלט טראכטן, אז אים קאָן אויך טרעפן א קויל און דאן וועט אלץ פארפאלן זײַן: אי זײַן ברויט, אי זײַן פּי, אי זײַנע אויפעס, אי זײַן גאנצע באלעבאטישקײַט, וועלכע איז אים אזוי טײַער, ווי זײַן לעבן.

טאנכום איז געווען אזוי באגײַסטערט פון זײַן דערפאָלג, אז ער האָט אפילע ניט באמערקט, ווי צו יעווטיכעס הויף זײַנען צוגעפאָרן דרײַ רײַטער אַף גוט אופגעקאָרמעטע פערד. די רײַטער האָבן צוגעבונדן די פערד און האָבן זיך געלאָזט גיין אין שטוב, ווו עס האָט זיך געפונען דער אטאמאן.

די ארײַנגעקומענע האָבן מיליטעריש זיך באגריסט מיטן אטאמאן. טאנ־כום, וועלכער איז ארײַן נאָך זיי, האָט געפרווט זיי נאָכמאכן, נאָר עס האָט זיך בא אים באקומען, ווי ער וואָלט זיי נאָכקרימען.

— וואָלנאָ, — האָט דער אטאמאן מיט גײַווע א קאָמאנדעווע געטאָן. נאָך א קורצער פאוזע האָט ער געזאָגט:

— אײַער אופגאבע איז פארהאלטן דרײַ פורן ברויט, וועלכע עס וועלן פירן די פאָרשטייער פונעם באָלשעוויסטישן דערנערונגס־אָטריאד. מיט אײַך אי־ניינעם, כלאָפּצי, וועט פאָרן אָט דער...

דער אטאמאן האָט א ווײַז געטאָן מיטן פינגער אַף טאנכומען, ניט וויסנ־דיק, ווי אים צו רופן.

— קלאָר?

— קלאָר! — האָבן אין איין קאָל זיך אָפּגערופן די דרײַ יונגען, באוואָפנ־טע מיט די אָברעזן.

— אײַער אָנפאל דארף פאר די באָלשעוויקעס זײַן אן אומגעריכטער, — האָט פאָרגעזעצט דער אטאמאן. — דער מענטש וועט אָנווײַזן א פאסיק אָרט פאר א זאסאדע.

דער אטאמאן האָט ווידער אָנגעוויזן אַף טאנכומען, וועלכער איז געשטאַ־נען פאר אים און כניפעדיק ארײַנגעקוקט אים אין פּאָנעם.

— איך וועל ווײַזן... אוואדע וועל איך ווײַזן. אין טשערעט, ניט ווײַט פון סטאוואָק, — האָט טאנכום זיך אָפּגערופן.

— ווי נאָר איר וועט דערזען פון ווײַטן, אז זיי פאָרן, וועט איר מיט א שיסערײַ זיי פארצאמען דעם וועג און באפוילן זיי פארקערעווען, — האָט דער אטאמאן פאָרגעזעצט. — קלאָר?

— קלאָר! — האָבן די יונגען איבערגעכאזערט.

— נו, איז פילט אויס דעם באפעל, נעמט מיט זיך דערנערונג, קוילן, וויפל מ'דארף, און זעצט זיך אַף אײַערע פערד.

— קענסטו גוט רײַטן? — האָט דער אטאמאן זיך געווענדט צו טאנכומען.

— א קאשע, צי איך קען רײַטן. פון קליינוווײַז אוף רײַט איך אַף פערד.

— נו, גוט! — האָט אים איבערגעשלאָגן דער אטאמאַן. — איז פּאטערט ניט קיין צײַט און לאָזט זיך אין וועג.

— פּאָ קאָניאַם! — האָט א קאָמאַנדעווע געטאָן דער אטאמאַן.

די יונגען מיט טאַנכומען האָבן זיך ארופגעכאַפּט אויף די פערד און זײַנען צו צוויי אין דער ריי אוועקגעריטן אין דער ריכטונג, אין וועלכער טאַנכום האָט אָנגעוויזן.

באוואָפנט מיט אן אָברעז, איז טאַנכום געריטן אין דער ערשטער ריי אויף זײַן בולאַנעם. לינקס פון אים איז, אונטערשפּרינגענדיק אויף זײַן הניאדער שקאַפּע, געפאָרן איינער א געשטופּלטער, מיט צעקארבטע באַקן, וועלכער האָט ניט אופגעהערט צו קוקן אויף טאַנכומען, ווי ער וואָלט אים אויסגעזוכן קענטלעך. זײַן פערד האָט באַשמעקט טאַנכומס בולאַנעם, פארלייגט די אויערן, ווי עס וואָלט זיך קלײַבן א בריקע טאָן. נאָכדעם האָט עס פרײלעך א הירזשע געטאָן און ווײַטער זיך געלאָזט לויפן.

— ש־ש־שא, — האָט טאַנכום אָנצײַענדיק דעם פּאָווער, אײַנגעהאַלטן זײַן בולאַנעם.

— א גוט פערד. ס'איז דײַנס אן אייגנס? — האָט דער געשטופּלטער זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערפרעגן. — קענטיק, א יונגס. דאָס איז א לאָשיצע?

— אהא, — האָט טאַנכום צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

טאַנכומען האָט זיך אויסגעדוכט, אז דער געשטופּלטער איז ענלעך אפן גאַנעוו, וועלכן ער האָט אמאָל געכאַפּט אין הייל און צוגענומען בא אים דאָס געלט, וואָס ער האָט געהאַלטן אונטער דעם אונטערשלאַק פון זײַן היטל.

פון דעם געדאַנק, אז דאָס קאָן זײַן טאַקע יענער גאַנעוו, איז אויף טאַנכומען אָנגעפאַלן א פּאַכד.

און וואָס וועט זײַן, אז ער וועט זיך דאָ נויקעם זײַן פאר די קלעפּ, וואָס ער האָט אים דאן געגעבן, פאר דעם געלט, וואָס ער האָט אָפּגענומען בא אים, און וועט אים אוועקהארגענען, — איז בא טאַנכומען דורכגעלאָפן א געדאַנק. ער האָט דאָך נאָך אין דער היים א שטאָל מיט פּי, א באַלעבאַטישקײַט. וואָס זשע דאַרף ער צוליבן ברויט אומקומען? צוליב וואָס זײַנען זיי צוגעשטאַנען צו זייער אטאמאַן, אויב ניט צוליב רויבן? וואָס וועט ער טאָן, אז זיי וועלן אָפּנעמען זײַן ברויט און וועלן עס צונעמען פאר זיך?

די פראַגן, וואָס טאַנכום האָט זיך אליין אָנגעהויבן שטעלן, די ספּייקעס, וואָס האָבן אָנגעהויבן אים פּײַניקן, האָבן אָנגעוואָרפן אויף אים א שרעק.

— פונוואַנען ביסטו? פון דער שכיינישער יידישער קאָלאָניע? — האָט דער רײַטער, וואָס איז געריטן אין איין ריי מיט טאַנכומען זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערפרעגן.

— יאָ, — האָט טאַנכום א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— צוליב וואָס ביסטו צוגעשטאַנען צו אונדז?

— צוליב דעם, מיסטאַמע, וואָס דו.

— איך בין צוגעשטאַנען, קעדיי שלאָגן ייִדן, און דו וועסט אויך שלאָגן ייִדן?

— ס'ווענדט זיך, וועלכע ייִדן. אָט די, וואָס ווילן אַרויספֿירן דאָס ברויט, מיר זאָלן שטאַרבן פֿון הונגער, אָט די, וואָס נעמען צו בא אונדז די ערד, מיר זאָלן ניט האָבן אַף וואָס צו זייען, וועל איך שלאָגן באַגלײַך מיט דיר.

— לײַגסט! — האָט פֿון דער צווייטער רײ זיך אָפּגערופֿן אַ רײַטער. — נו, מיר וועלן זען, ווי דו וועסט שלאָגן דײַניקע.

— אַז מײַניקע האָבן מיר געטאָן אַזויפֿיל בייז, זאָל איך זיי שווײַגן? — האָט טאַנכום, אויסקערנדיק דעם קאָפּ צום רײַטער, זיך אָפּגערופֿן. נאָר יענער האָט געקוקט אין אַ זײַט, ווי אים וואָלט גאָר ניט אָנגיין, וואָס מע רעדט צו אים.

טאַנכומען האָט געברענט אַ פֿאַרדראָס. אים האָט זיך געוואָלט כאָטש אויסריידן דאָס האַרץ, אויסגיסן דעם גרימצאָרן, וואָס בושעוועט אין אים, און די רײַטער זײַנען, קענטיק, געווען פֿאַרטאָן אין זייערע מאַכשאָוועס, און אַלץ, וואָס ער האָט זיי געוואָלט זאָגן, איז זיי געווים געווען פֿרעמד, אומפֿאַרשטענדלעך.

„כײַ וואָלטן כאָטש די רײַטער געריטן אַ ביסל אײַליקער, די פֿורן מיטן ברויט קענען דאָך נאָך, גאָט באַהיט, דורכשפּרינגען פֿאַרבײַ דער הרעבליע, ווי ער וויל פֿאַרלייגן מאַכן די באַלאַגערונג, — האָט טאַנכומען געעקבערט אַ געדאַנק, — דאַן איז דאָך אַלץ פֿאַרפֿאַלן.“

טאַנכום האָט געפּרוּווט אַ טרײַב טאָן דאָס פֿערד.

— ווּהין אײַלסטו זיך עס? — האָט דער רײַטער, וואָס איז געריטן אַ ביסל לינקס, געפּרוּווט אים אָפּהאַלטן.

— מיר קאָנען, ברידער, פֿאַרשפּעטיקן, — האָט טאַנכום זיך אָפּגערופֿן.

— נו, לויף, אויב דו אײַלסט זיך, — האָט דער רײַטער מיטן געשטופּלטן פּאָנעם אַ זאָג געטאָן און, ווי אַף צולאָכעס, נאָך מער אײַנגעהאַלטן די טריט פֿון זײַן פֿערד און מיט אַ הייזעריק קאָל פֿאַרצויגן אַ לידל.

Эх, яблочко, куда котишься?
В руки к нам попадешь —
Не воротишься.[1]

„ס'זינגט זיך דיר, אַ פֿײַער אַף דיר, — האָט טאַנכום אין זיך אים אויסגעזידלט. — וואָס פֿעלט דיר? דער קאָפּ דאַרט דיר פֿאַר מײַן ברויט? ס'קימערט דיך אַ סאַך, אַז מ'וועט עס אַרויספֿירן.“

אופֿהייבנדיק זיך אַרויף באַרג, האָט טאַנכום פֿונווײַטן דערזען די קאָלאָניע. לינקס האָט זיך געשוואַרצט דער פּלאַנטאַזש, און פֿונקט אַנטקעגן האָט געשפּיגלט אין זילבער־גלאַנץ דער סטאַוואָק.

— אָן דאָרט, ברידער, איבער דער הרעבליע דאַרפֿן די פֿורן מיטן ברויט דורכפֿאָרן, — האָט טאַנכום, אַ ווײַז געבנדיק אין דער ריכטונג פֿון סטאַוואָק, אַ זאָג געטאָן.

לעבן דער טשערעט־באַלקע, וועלכע האָט זיך געצויגן פּאַזע דער הרעבליע, האָט טאַנכום מיט די רײַטער זיך אָפּגעשטעלט. זיי האָבן אַרײַנגעפֿירט די פֿערד

[1] עך, עפּעלע, ווּהין קײַקלסט זיך,
וועסט צו אונדז אַרײַנפֿאַלן,
וועסט ניט קערן זיך.

אינעם געדיכטן טשערעט און, פאַרטײַענדיק זיך, אָנגעהויבן נאָכקוקן, צי באַוווײַזן זיך ניט די פורן.

— און טאָמער וועלן זיי זיך א גאַנצן טאָג ניט באַווײַזן? — האָט דער גע־שטופּלטער א פרעג געגעבן.

— זיי מוזן זיך באַווײַזן, ס'איז בא זיי שוין געווען אַלץ גרייט, — האָט טאַנכום געענטפערט. — דאָס ברויט איז שוין צונויפגעזאַמלט, פורן האָבן זיי אויך.

פון ערגעץ האָט זיך באַוויזן א פור. זי איז מיט א טראַסקערײַ אַרופּ־געפאָרן אַף דער הרעבליע. טאַנכום איז אַרויסגעשפּרונגען פון טשערעט, אָנ־שטעלנדיק דעם „אָברעז", און טייקעף צוריק זיך אומגעקערט.

— דאָס איז א לײדיקע בריטשקע, — האָט ער שטיל א זאָג געטאָן.

אין א ווײַלע אַרום האָט טאַנכום באַמערקט א פּאָר פורן, וועלכע האָבן פאַר־מעלעך און ניט געײַלט זיך באַוועגט. לויט זייער פאָרן איז קענטיק געווען, אַז זיי זײַנען אָנגעלאָדן מיט לאַסט. ווען די ערשטע פור איז אַרויף אַף דער הרעבליע, האָט טאַנכום דײַטלעך דערזען אַף איר זײַן טאַטן.

— דאָס זײַנען זיי, זיי פירן דאָס ברויט! — האָט טאַנכום א געשריי געטאָן. פון שרעק און פון אויפרעגונג האָט אים פאַרשלאָגן דער אָטעם. בליץ־שנעל האָט ער זיך אַרופגעכאַפּט אַפן פערד און אַרויס אַף דער הרעבליע.

— שטייט, כ'וועל שיסן! — האָט ער, איבערשנײַדנדיק דעם וועג, א געשריי געטאָן.

טאַנכומס בליק האָט זיך א רעגע באַגעגנט מיטן בליק פון זײַן פאָטער. טאַנכום האָט געוואָלט צורײַטן האַרט צו דער פור און הייסן דעם פאָטער פאַרקע־רעווען, נאָר ער האָט דערזען הינטער דעם פאָטערס פּלייצע דעם באַגלייטער פון דערנערונגס־אָטריאַד מיט א ביקס, וואָס יענער האָט אָנגעצילט גלײַך אַף אים. טאַנכום איז אָפּגעשפּרונגען. פון דער הינטערשטער פור האָט אויסגעשאָסן דאָוויד קאַבאַ, נאָר די קויל איז דורך פאַרבײַ. די רײַטער, וועלכע זײַנען געלעגן פאַרטײַעט אין טשערעט, האָבן זיך אַרופגעכאַפּט אַף די פערד און אָנגעהויבן א העפטיקע שיסערײַ. דאָוויד האָט פאַרשטאַנען, אַז זיי וועלן אַרומרינגלען די פורן און צונעמען דאָס ברויט.

דער קאָמאַנדיר פונעם דערנערונגס־אָטריאַד האָט דאָך אָנגעזאָגט, ער זאָל באַוואָרענען א געהעריקע וואַך. און וואָס וועט איצטער זײַן?

דאָוויד איז אַראָפּגעשפּרונגען פונעם וואָגן און, צופוסנדיק צו א קאַנאַ־ווע, אָנגעהויבן שיסן, כדי ניט דערלאָזן די רײַטער צו די פורן ברויט. דער באַגלייטער פונעם דערנערונגס־אָטריאַד האָט זיך אויך פאַרמאַסקירט הינטער א בערגל און, פלינק מאַנעווורירנדיק, געשטרעבט צו מאַכן אַן אײַנדרוק אַף די רײַטער, אַז מ'שיסט אַף זיי פון עטלעכע זײַטן.

די פערד פון דער פור, אַף וועלכער עס איז געזעסן דער אַלטער בערע, האָבן זיך איבערגעשראָקן און האָבן אָנגעהויבן לויפן אין דער זײַט, ווו די רײַטער זײַנען געשטאַנען. וויפל בערע האָט זיי ניט געפרוווט אײַנהאַלטן, האָט ער זיי אָפּשטעלן ניט געקאָנט.

צוויי פֿורן מיט ברויט האָט זיך אײַנגעגעבן דורכצורײַסן זיך קיין האַנטשעריכע צום שטאַב פֿונעם דערנערונגס־אָטריאַד. די דריטע פֿור, וווּ עס איז געזעסן בערע דאָנדע, איז אַרײַנגעפֿאַלן אין געפּענקעניש.

— וואָס פֿאַרסטו ניט? — האָט איינער פֿון די רײַטער, א יונגיטשקער, א דאַרער, מיט א גרויסער פּאַטלע, א פּאַך געבנדיק מיט דער נאַהײַקע, א געשריי געטאָן צום אַלטן.

— וווּהין זאָל איך פֿאָרן? — האָט בערע מיט א צעשטרייטן בליק א קוק געגעבן אויפֿן רײַטער.

— נו, פֿאָר, וווּהין מ'הייסט דיר! — האָט דער רײַטער שטרענג א געשריי געטאָן. — דער אַטאַמאַן אונדזערער וועט מיט דיר א שמועס טאָן... וועסט אים דערציילן, וווּהין און נאָך וואָס דו האָסט געפֿירט דאָס ברויט.

— וואָס האָב איך וואָס צו דערציילן?

— מיר וועלן זען, צי דו האָסט וואָס צו דערציילן צי ניט, — האָט דער געשטופּלטער רײַטער זיך אַרײַנגעמישט.

דער אַלטער האָט א צי געגעבן די פֿערד פֿאַר די לייצעס. די פֿערד האָבן זיך גערירט. אויסקערעווענדיק אין א רעגע אַרום דעם קאָפּ צו די רײַטער, האָט ער געפֿרעגט:

— וווּהין טרײַבט איר מיך?

— וואָס איז דײַן דײַגע, מ'הייסט דיר פֿאָרן, פֿאָר! — האָט טאַנכום זיך אָפּגערופֿן. — דו האָסט ניט פֿאַרהיט מײַן ברויט, איז פֿיר עס אַפֿילע אין קאַפּאַקאַל.

— וואָס האָלדערט איר דאָרטן? — האָט דער געשטופּלטער רײַטער, איבערקרימענדיק זיי, א פֿרעג געטאָן.

טאַנכום און דער פֿאָטער זײַנען אַנשוויגן געוואָרן. די רײַטער זײַנען געפֿאָרן רויִק. אַרום איז געווען שטיל. ווען־ניט־ווען האָט זיך געהערט א צאָקערײַ פֿון די קאָפּיטעס און א פּרוסקערײַ פֿון די פֿערד.

אַרויף באַרג האָט די פֿור אָנגעהויבן גיין שווער.

— שנעלער, שמײַס אונטער א ביסל, — האָט טאַנכום זיך געווענדט צום פֿאָטער.

נאָר דער אַלטער האָט זיך ניט געאײַלט. ער האָט געוווּסט, אַז קיין גוטס וואַרט אויף אים ניט אין בורלאַצק. ער איז געווען אַזוי פֿאַרביטערט און דערשלאָגן, אַז ס'איז אים שוין געווען אַלציינס, וואָס מיט אים זאָל דאָרטן ניט פּאַסירן. זײַן פּאָנעם איז געווען פֿאַרשטיינערט, די אויגן פֿאַרגליווערט. דעם קאָפּ האָט ער געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט און אויסגעמיטן אַפֿילע צו קוקן אין א זײַט.

אינמיטן דאָרף האָט איינער פֿון די רײַטער געהייסן בערען פֿאַרקערעווען אין א גערוימען באַלעבאַטישן הויף, וווּ עס זײַנען געווען עטלעכע שטאַלן, אַן אָרטעזיאַנישער ברונעם, מיט עטלעכע קאָרעטעס צו פּויען די פֿי. אַרײַנגעריטן אין דאָרף האָבן די רײַטער אויסגעזאָטלט די פֿערד, אַרײַנגעפֿירט זיי אין שטאַל. נאָכדעם האָבן זיי געהייסן בערען אויך אויסשפּאַנען די פֿערד.

— נו, איצטער קום צו אונדזער אטאמאַן, — האָט זיך אָפּגערופן צו בע־רען דער יונגיטשקער רײַטער.

דער אטאמאַן איז געזעסן אין זײַן צימער בא א טיש, אָן אויסגעפּוצטער אין זײַן שיין אויסגענייט אוקראַיִניש העמד, אין די גלאַנציקע כראָמעווע שטי־וועלעך, און געוואַרט אַף א ראַפּאָרט.

— איין פֿור ברויט האָבן מיר אָפּגעשלאָגן, און צוויי זײַנען אַוועק אַהין... — האָט טאַנכום אָנגעהויבן מאַכן מיט די הענט, ווי ער וואָלט וועלן ווײַזן, וווּהין די פֿורן ברויט זײַנען אַוועק.

— וווּהין זײַנען אַוועק די פֿורן ברויט? — האָט דער אטאמאַן מיט א שטרענגן בליק א קוק געגעבן אַף טאַנכומען. — עך, בריִעס אַזעלכע, קײַען שטרוי דאַרף מען אײַך געבן!.. פֿאַרוואָס האָט איר אַלע פֿורן ברויט ניט אָפּגע־שלאָגן?

— וויפֿל מיר האָבן זיך ניט געשלאָגן, האָבן זיי זיך פֿאָרט דורכגעריסן, — האָט טאַנכום פֿאַרגעזעצט. — מײַן ברויט איז מיר אַוואַדע טײַער.

— און ווער איז דער? — האָט דער אטאמאַן, א קוק געבנדיק אַף בערען, א פֿרעג געגעבן.

— ער האָט דאָס ברויט געפֿירט.

— ווער איז ער? אויך א באָלשעוויק? — האָט דער אטאמאַן מיט א דראָענ־דיקער שטים א פֿרעג געגעבן.

טאַנכום האָט א קנייטש געגעבן מיט די פּלייצעס, ווי ער וואָלט ניט וויסן וואָס צו ענטפֿערן.

— פֿונוואַנען ביסטו? — האָט דער אטאמאַן, א קוק געבנדיק מיט א שפּיזלדיקן בליק אַף בערען, א פֿרעג געגעבן.

— פֿון סאָניצע.

— ביסט טאַקע דאָרט געבוירן?

— יאָ.

— א סאַך ברויט האָבן די באָלשעוויקעס בא אײַך דאָרט צוגענומען?

— דאָס ווייס איך ניט.

— פֿאַר וועמען האָסטו געפֿירט דאָס ברויט, ווייסטו?

— פֿונוואַנען זאָל איך וויסן?.. די וואָלאָסט האָט מיר געהייסן, האָב איך געפֿירט.

— וועלכע וואָלאָסט? — האָט דער אטאמאַן, העכערנדיק דאָס קאָל, א פֿרעג געגעבן.

— וואָס הייסט וועלכע?.. די נײַע, פֿאַרשטייט זיך...

— האָסטו, הייסט עס, פֿאַר דער וואָלאָסט געפֿירט דאָס ברויט? — באַם אטאמאַן האָט זיך דאָס פּאָנעם איבערגעקרימט, און פֿון די אויגן האָט אַזש א פֿײַער אַרויסגעשפּריצט.

— איך האָב דאָך געזאָגט, אַז איך ווייס ניט פֿאַר וועמען.

— איך וועל דיר באַלד דערמאָנען, פֿאַר וועמען דו האָסט געפֿירט דאָס ברויט! — האָט דער אטאמאַן פֿאַרקוועטשט א פֿויסט און צוגעטראָגן אים דעם אַלטן אונטערן נאָז.

פון שרעק האָבן באם אלטן אָנגעהויבן צוקן די אקסלען, די אויגן האָבן גענומען פינטלען.

— פרעמד ברויט האָסטו געקענט נעמען און ריידן קענסטו ניט?

דער אלטער האָט מיט פארצווייפלונג פאנאנדערגענומען די הענט.

— איך ווייס גאָר ניט. וואָס קען איך וויסן?

— ער ווייסט נעבעך גאָרניט... און ארויספירן פרעמד ברויט האָסטו געווּסט? א נו, דערמאָן אים, ווּהין האָט ער געפירט דאָס ברויט, — האָט דער אטאמאן א געשריי געטאָן צו טאנכומען. — וואָס שטייסטו, נו?

א קאלטער שווייס האָט באגאָסן בערען. פון אופרעגונג האָט אים אָנגעהויבן פיבערן. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר ס'האָט אים פארוואָרגן אין האלדז.

— טייל אים ארײַן צוואנציק שמיץ, דאָנדע, — האָט דער אטאמאן, צוטראָגנדיק טאנכומען א שאָמפּאָל, א געשריי געטאָן. — אפן סאמע הוילן, דערלאנג אים, זאָל ער דערפילן... נו... איינס!

בא בערען האָט זיך פארקרימט דאָס פּאָנעם. א פארצאָרנטער האָט ער א קוק געגעבן אפן אטאמאן און טייקעף איבערגעפירט דעם בליק אף טאנכומען.

— צוליב דײַן ברויט האָסטו מיך איבערגעגעבן אין די גאזלאָנישע הענט, — האָט ער ווי ניט מיט זײַן קאָל א געשריי געטאָן. — צי דען האָב איך דיך אויסגעהאָדעוועט, דו זאָלסט ווערן א מערדער, דו זאָלסט אופהייבן דײַן האנט קעגן מיר?!

— וואָס וואָרטשעט ער דאָרט, הא?.. דערפאר, וואָס ער האָט אופגעעפנט זײַן טרייפן מויל, טייל אים ארײַן נאָך צען שמיץ... איינס!..

טאנכום איז געשטאנען אָן אָפּהענטיקער. ער האָט א פּאָך געגעבן מיטן שאָמפּאָל אין דער לופטן און האָט אים ארויסגעלאָזט פון די הענט...

6

דאָוויד האָט מיט די צוויי פורן ברויט זיך דערקליבן קיין האנטשעריכע שוין אין אָוונט. ער איז צוגעפאָרן צום הויף, ווּ עס האָט זיך געזאמלט דער אָבאָז מיט דער דערנערונג, וועלכער האָט מאָרגן גאנצפרי געדארפט אָפּגיין. באשטאט די פורן, איז ער אוועק אינעם שטאב פונעם דערנערונגס־אָטריאד. האסטיק א פּראל געבנדיק די טיר, איז ער א בלאס־צעשטרייטער געבליבן שטיין אין קאָרידאָר, וועלכער האָט געפירט צום קאָמאנדירס צימער. פאר דאָווידס אָפּפאָרן פונדאנען האָבן אין קאָרידאָר זיך אָן אופהער געשטיקט מענטשן, געטומלט זיך, און איצט איז דאָ קיינער ניט געווען. דאָוויד האָט זיך אפילע אָנגעהויבן סאָפּעקן, צי איז דער קאָמאנדיר אף אָן אָרט. פּלוצעם האָט זיך אָן עפן געטאָן די טיר, און דער קאָמאנדיר סאָקירע איז מיט א פּאָר בערדיקע פּויערים ארויסגעגאנגען. עטוואָס אונטערשאָקלענדיק זײַן קורצוווּקסיקן

געזעצטן קערפּער, האָט סאָקירע עפּעס פאַרטיפט געשמועסט מיט די פּויערים, אַלע ווײַלע איבערכאַזערנדיק זײַנע באַליבטע ווערטער:

— נו, קלאָר?

ארויסבאַגלייט די פּויערים, האָט סאָקירע דערזען דאָווידן.

— זע, פונוואַנען? ווען ביסטו געקומען?

— ערשט־אָ...

לויט דאָווידס פּנים האָט סאָקירע גלײַך באַמערקט, אַז ס'איז מיט אים עפּעס געשען.

— נו, דערצייל, וואָס הערט זיך? — האָט ער, דורכלאָזנדיק דאָווידן דורך דער טיר צו זיך אין צימער, אַ פרעג געטאָן:

— איך האָב צונויפגענומען ברויט, — האָט דאָוויד אָנגעהויבן און איז טייקעף אַנשווינגן געוואָרן, ווי עס וואָלט אים אין האַלדז פאַרוואָרגן.

— אַ סאַך האָסטו צונויפגענומען?

— דרײַ פורן... צוויי פורן האָב איך געבראַכט, און איין פור...

— פאַרוואָס זשע האָסטו ניט געבראַכט אַלע דרײַ מיטאַמאָל? — האָט סאָקירע מיט אַן אומרויִקער שטים אַ פרעג געטאָן.

— איין פור האָט מען בא אונדז איבערגעכאַפּט...

— ווער האָט איבערגעכאַפּט?

אין וועג איז אויף אונדז אָנגעפאַלן אַ באַנדע... זיי האָבן געמאַכט אַ באַלאַגערונג אַרום דער הרעבליע... פון דער קאָלאָניע, פונוואַנען מיר האָבן ארויסגעפירט דאָס ברויט.

— האָסט ניט געקאָנט אָרגאַניזירן קיין וואַך, וואָס זאָל באַגלייטן די פורן? פאַר די באַנדיטן האָבן מיר, הייסט עס, צונויפגעזאַמלט ברויט, פאַר זיי האָבן אָרעמע פּויערים געטיילט זיך מיט זייער לעצטן ביסן?.. דו ווייסט, וואָס פאַר אונדז באַטײַט אַ פור ברויט?

— ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן אויף אַ באַלאַגערונג? מיר איז גאָר ניט אײַנגעפאַלן, אַז די הינט זאָלן אָנפאַלן... נאָר מיר וועלן דאָס ברויט צוריק אָפּנעמען!.. איך בין זיכער, אַז מיר וועלן עס אָפּנעמען... זיי האָבן עס אין ערגעץ ניט אהינגעטאָן, זיי האָבן עס נאָר די באַלעגופים געקענט צוריק אָפּ־געבן...

— פונוואַנען ווייסטו עס אַלץ אַזוי גענוי? זיי האָבן דיר געזאָגט, וואָס זיי וועלן מיטן ברויט טאָן? זיי קענען עס פאַרברענען אויך, ס'זאָל אונדז ניט אָנקומען, בא זיי איז רעכט, ווערעם זאָלן עסן דאָס ברויט און די אַרבעטער זאָלן פּוכניען פון הונגער.

— איך ווייס עס גוט. קיין איין קערנדל, וואָס מיר האָבן ארויסגעריסן בא די באַלעגופים פאַר די אַרבעטער, וועלן מיר צוריק ניט אָפּגעבן! — האָט דאָוויד אַנטשיידן אַ זאָג געטאָן. די אויגן האָבן זיך בא אים אָנגעצונדן, און די פויסטן האָבן פון זיך אַליין צונויפגעדריקט זיך. — מיר וועלן דאָס ברויט אָפּנעמען, — האָט ער שטיל איבערגעכאַזערט.

— וויאַזוי וועסטו עס אָפּנעמען?... קיין קויכעס אויף אָפּצושלאָגן עס קען איך דיר פונדאַנען ניט געבן, — האָט סאָקירע, טראַכטנדיק אַ ווײַלע געזאָגט. —

דעם אָבאָז, וועלכן מיר שיקן מאָרגן אוועק אין שטאָט, דאַרף מען באַוואַכן, ווי עס באַדאַרף צו זײַן... ס'איז נאָך ניט באַוווּסט, וואָס ס'קען זיך טרעפן אין וועג... אין וולאַדיסלאַווקע און אין סטעפּאָווקע זײַנען אויך געווען באַלעגופּישע אַרויסטרעטונגען...

— איך דאַרף זיך נאָר דערקלײַבן צוריק אַהיים און אין די דערפער פון מײַנע קאַנטן, — האָט דאָוויד זיך אָפּגערופן. — דאָרט וועט זיך שוין געפינען אַלץ, וואָס מ'דאַרף, אי מענטשן, אי ביקסן.

— ווּ וועסטו דאָרט נעמען געווער?

— איך וועל דאָרט אַלץ געפינען, — האָט דאָוויד פאַרזיכערט דעם קאָמאַנדיר. — איך ווייס דאָרט מענטשן, וואָס האָבן געבראַכט פון מילכאָמע געווער. די מענטשן וועלן גיין פאַר דער רעוואָליוציע אין פײַער און אין וואַסער.

— נו, גוט, מיר וועלן אויסריכטן דעם אָבאָז אין שטאָט, וועלן מיר זען, — האָט סאָקירע געזאָגט, — דערווײַל רו זיך אָפּ... ווּ איז דאָס ברויט, וואָס דו האָסט געבראַכט?

— אפן הויף, ווּ דער אָבאָז זאַמלט זיך, — האָט דאָוויד געענטפערט.

— לאָמיר צוגיין אַהין א קוק טאָן, וואָס דאָרטן טוט זיך.

טאַנכום איז געשטאַנען ווי א פאַרגליווערטער אַרום פאָטער.

— וואָס שטייסטו ווי א לײמענער גוילעם? — האָט, מאַכנדיק מעשונעדיקע מינעס, געכויזעקט פון אים דער געשטופּלטער מיט דער צעקאַרבטער באַק. — זשאַלעוועסט אים צו דערלאַנגען מיטן שאָמפּאָל איבערן ווייכן אָרט, איז גיב אים א קוש אַהין...

— נו, דו האָסט דאָך געזאָגט, אַז דו וועסט דײַניקע שלאָגן באַגלײַך מיט אונדז... איז וואָס זשע קוקסטו?! דאָס האַרץ דערלאָזט דיר ניט? — האָט דער טשובאַטער געפרעגט. — אויב דיר איז שווער, וועל איך אים אָפּגעבן דײַן ביילעק שמיץ.

— וואָס איז ער שולדיק? יענער באָלשעוויק, וועלכער האָט צוגענומען מײַן ברויט, איז אַנטלאָפן מיט דער פור.

— דער איז אויך א באָלשעוויק! — האָט דער אַטאַמאַן, אופהייבנדיק זײַן האַנט אפן אַלטן בערען, געזאָגט.

— וואָס פאַר א באָלשעוויק איז ער? ער איז דאָך...

טאַנכומען האָט אָנגעהויבן פאַרדריסן, לעמײַ דער פאָטער איז אָן שום שולד אַרײַנגעפאַלן אַהער.

— ווי ראַטעווועט מען אים? — האָט טאַנכום אָנגעהויבן טראַכטן. — ווי מאַכט מען, ער זאָל כאָטש ניט צוזען די שאַנד און דעם שפּאָט, וואָס ער, טאַנכום, האָט דאָ אויסצושטיין.

— לאָזט אָפּ דעם מענטשן, — האָט טאַנכום נאָכאַמאָל האַכנאָעדיק אָנגעהויבן זיך בעטן באַם אַטאַמאַן. — גיט מיר אָפּ מײַן ברויט, מײַן פערד און וואָגן, און מיר וועלן אוועקפאָרן אַהיים.

— מער פאַרלאַנגסטו גאָרניט? — האָט דער אַטאַמאַן מיט ביטל א קוק געגעבן אף טאַנכומען. — מיר האָבן בא דיר ברויט גענומען?

— וואָס הייסט? — האָט טאַנכום אויסגעשטעלט א פּאָר אויגן. — יעוווטי־כע האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז איר נעמט זיך אָן פאר די באַלעבאַטים, בין איך געקומען, איר זאָלט מיר העלפן אָפּנעמען מײַן ברויט.

— פאַרוואָס דאַרפן מיר דיר העלפן? — האָט דער אַטאַמאַן מיטן זעלבן ביטל־שמייכעלע געקוקט אַף טאַנכומען. — אַז דו ווײסט העלפן שלאָגן די באַל־שעוויקעס, וועלן מיר דיר העלפן אָפּנעמען דײַן ברויט.

— מיט וואָס קאָן איך העלפן? מיט וואָס? — האָט טאַנכום א קנייטש געגעבן מיט די פּלייצעס.

— אָט ווילסטו ניט שלאָגן דעם באָלשעוויק, — האָט דער אַטאַמאַן א ווײַז געגעבן אַף בערען.

— כ'האָב דאָך אײַך געזאָגט, אַז ער איז ניט קיין באָלשעוויק.

— אויב אַזוי, ביסטו אַליין א באָלשעוויק! — האָט דער אַטאַמאַן א געשריי געטאָן און דערלאַנגט בערען דעם שאָמפּאָל.

— טייל אים אַרײַן א פּאָר פײַערדיקע שמיץ, ער זאָל פאַרגעסן מאָנען ברויט.

— קומען קומט אים, נאָר ניט דאָ וועל איך זיך רעכענען מיט אים, — האָט בערע, אַוועקלייגנדיק דעם שאָמפּאָל, געזאָגט.

— איז דערלאַנגט זיי ביידן! — האָט דער אַטאַמאַן א קאָמאַנדעווע געטאָן.

די יונגען האָבן אָנגעהויבן נערעגן דעם פּאָטער און דעם זון. טאַנכום האָט געקוויטשעט און געשריִען:

— אײַ, אײַ! וואָס ווילט איר פון מיר, האָט ראַכמאָנעס, גיט מיר אָפּ מײַן ברויט. האָט ראַכמאָנעס!

7

ס'איז שוין געווען פינצטער, ווען בערע האָט זיך דערקליבן ביז דער גרויסער בורלאַצקער באַלקע. די ווונדן פון די קלעפּ, וואָס ער האָט געכאַפּט, האָבן אים געשמאַרצט, געבריט. נאָר ער האָט זיך געשטאַרקט. אָן אָפּגעשוואַכ־טער, האָט ער זיך באַמיט אָנשטרענגען די לעצטע קויכעס, קעדיי גיכער זיך דערקלײַבן אַהיים.

אופהייבנדיק זיך אַרוף באַרג, האָט ער פונווײַטן דערזען עפּעס א מענטשן, וואָס האָט אים ווי נאָכגעיאָגט.

„ווער קען דאָס זײַן? עפשער טאַנכום? — האָט ער א טראַכט געטאָן. — וואָס זשע לויפט ער מיר נאָך?.. גוט, וואָס מ'האָט אים אַזוי אָנגעלערנט, זאָל ער וויסן ווי קריכן צו דער באַנדע... פאַרוואָס איז ער בא דער מאַמען אין בויך ניט אויסגערונען געוואָרן? כײַ וואָלט מיך בעסער א דונער דערהאַרגעט, איידער איך האָב דערלעבט אַזוינס!.. א סוינע האָב איך אויסגעהאָדעוועט קעגן זיך, קעגן מײַן מישפּאָכע, קעגן אַלעמען."

א פאַרהוילענע קראַפט האָט געטריבן בערען פאָרויס, קעדיי אַנטלויפן

פון טאנכומען, ניט זען אים. וואָס שטאַרקער ער איז געלאָפן, אַלץ שטאַרקער האָט יענער אים נאָכגעיאָגט.

— וואָס אַנטלויפסט איר?.. האָט ניט מוירע. דאָס בין איך, — האָט בערע דערהערט עפּעס א קאָל. ער האָט א קער געגעבן דעם קאָפּ און זיך אָנגעהויבן ארומקוקן. די שטים, וואָס ער האָט ערשט געהערט, איז געווען דאָווידס, און געשטאַנען איז גאָר פאַר אים א מענטש מיט א שוואַרצער געדיכטער באָרד.

— דאָס בין איך, — האָט דאָוויד זיך אָפּגערופן, אָנשטויסנדיק זיך, אַז יענער דערקענט אים ניט.

— פונוואַנען האָט זיך גענומען בא דיר א באָרד? — איז בערע א פאַר־וווּנדערטער געבליבן שטיין.

— דאָס האָב איך אָנגעטאָן, מ׳זאָל מיך ניט דערקענען.

— דאַנקען גאָט, אַבי איך זע דיך א גאַנצן, א געזונטן. מיך האָבן די באַנ־דיטן שיר אַף טויט ניט צעמאַזיקט... גוט, וואָס דו ביסט כאָטש ניט אַריינ־געפאַלן צו די קוילערס אין די הענט.

— וואָס האָבן זיי געוואָלט פון אייך? — האָט דאָוויד געפרעגט.

בערע האָט טיף א קרעכץ געטאָן און, א מאַך געבנדיק מיט דער האַנט, פאַרביטערט א זאָג געטאָן:

— איך זאָל אַזוי וויסן פון זיי, ווי איך ווייס, וואָס זיי האָבן געוואָלט פון מיר... זיי האָבן מיך אַלץ געמאַטערט, איך זאָל זיי זאָגן, וווּהין מ׳האָט געפירט דאָס ברויט, פאַר וועמען מ׳האָט עס געפירט.

— טאַנכום איז בא זיי? — האָט דאָוויד א פרעג געטאָן.

— דאָרט איז ער, אין בורלאַצק. ער האָט אויך אַריינגעכאַפּט קלעפּ און טאַקע פון זיי. איך וויל זיין טרייפענעם נאָמען ניט הערן.

— און די פור מיטן ברויט ווו האָבן זיי אַהינגעטאָן?

— זיי האָבן עס פאַרפירט עפּעס אַף א הויף... איך האָב זיך ניט באַוויזן ארומקוקן, ווי זיי האָבן מיך אָוועקגעשלעפּט צו זייער אַטאַמאַן און אָנגעהויבן פייניקן.

דאָוויד איז צוגעגאַנגען צו בערען נעענטער, אָנגענומען אים באַם לאַץ פון זיין פּידזשאַק, ווי ער וואָלט אים א סאָד וועלן איינרוימען, און אים שטיל געזאָגט:

— די פור מיטן ברויט וועלן מיר צוריק אָפּשלאָגן... מיר מוזן זי אומבאַ־דינגט אָפּנעמען... מעגלעך, אַז אייך וועט אויסקומען צו פאָרן מיט אונדז און ווייזן דעם הויף, וווּהין זיי האָבן פאַרפירט דאָס ברויט.

— דעם הויף וואָלט איך עפּשער געפונען, אָבער וואָס וועסטו טאָן, אַז זיי האָבן דאָס ברויט אָוועקגעפירט אין אַן אַנדער אָרט? — האָט בערע א פרעג געטאָן. — טאַנכום האָט עס געוואָלט אָפּנעמען, נאָר זיי האָבן בא אים אָפּגע־שלאָגן דעם כיישעק.

— איך וועל שיקן א פּאָר מענטשן פון כוטאָר בעלאָקריניצע, זיי וועלן שוין דאָרטן אָנשמעקן וואָס־ווען... ביז מיר וועלן זיך דאָ צוגרייטן, וועלן זיי זיך אומקערן...

— נו, גוט, — האָט בערע צוגעשטימט, — מ׳טאָר ניט שווייגן די הינט.

— איז גייט פּאַוואָלינקע אַהיים, און איך וועל פאַרקערעווען אין כוטאָר, — האָט דאָוויד זיך אָפּגערופן. — גיט איבער פריידלען מיט ראַכמיִעלן, אַז איך וועל מיסטאָמע מאָרגן קומען אַהיים.

דאָוויד איז שוין אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר טריט, נאָר ער האָט זיך צוריק אומגעקערט. ער איז געשטאַנען אַ ווײַלע אין פאַרלעגנהײַט. ווי ער וואָלט עפּעס ניט קאָנען באַשליסן. נאָכדעם האָט ער אַ זאָג געטאָן בערען:

— גיט איבער ראַכמיִעלן מיט זאַווע־לייבן, זיי זאָלן זיך דערוויסן בא די געוועזענע סאָלדאַטן, בא וועמען ס'איז פאַראַן געווער...

— וואָסי? — האָט בערע מיט נײַגער אַ פרעג געגעבן.

— איך וועל קומען אַהיים, וועל איך צונויפקלײַבן די געוועזענע סאָלדאַטן און וועל זיי אַליין זאָגן וואָס און ווען, — האָט דאָוויד, נאָכאַמאָל געזעגנענדיק זיך מיט בערען, פאַרקערעוועט אַפן קרייצוועג, וועלכער האָט געפירט אין כוטאָר בעלאָקריניצע.

8

דאָוויד קאַבאַ האָט זיך דערקליבן צו דער שוועסטער שוין האַלבן טאָג. ראַכמיִעל האָט זיך געהאַט געפּאָרעט עפּעס אַפן הויף. דערזעענדיק דעם שוואָגער, איז ער אַרײַנגעלאָפן אין שטוב און אָנגעזאָגט דעם ווײַב די בסורע:

— דאָוויד גייט!

פריידל איז אים אַרויסגעלאָפן אַנטקעגן. וויפל דער שוועסטער האָט זי ניט פאַרזיכערט, אַז דאָוויד איז אַוועק אין כוטאָר און וועט מאָרגן קומען, האָט זי ניט געוואָלט גלייבן.

— נו, — איז דער אַלטער אַ צופרידענער צוגעלאָפן צו איר, — איך האָב דיך אָפּגענאַרט?

— דאַנקען גאָט, דאַנקען גאָט, אַבי איך זע אים אַ לעבעדיקן.

— וואָסי, איר האָט מיך שוין דאָ באַוויינט? — האָט דאָוויד זיך געכאָכמעט. מיר וועלן בעסער אַ לעוויִע מאַכן נאָך די באַנדיטן, און מיר וועלן לעבן.

ער האָט ניט באַוויזן צו באַגריסן זיך מיט אַלע היימישע, ווי אין שטוב זײַנען אַרײַנגעלאָפן געדאַליע רײַטשוק מיט מיכל מאַכלינען.

— דער טאַטע האָט אײַך איבערגעגעבן, וואָס איך האָב געבעטן? — האָט דאָוויד זיך געווענדט צו ראַכמיִעלן און זאַווע־לייבן.

— פינף ביקסן האָבן מיר געפונען און דרײַ נאַגאַנען, — האָט אָפּגעענטפערט ראַכמיִעל.

— דאָס געווער איז גרייט? עפּשער איז עס פאַרזשאַווערט און ס'טויג ניט?

— פיר ביקסן האָב איך אויסגעפּרוּווט, און וועגן דער פינפטער ווייס איך ניט, — האָט געענטפערט ראַכמיִעל. — די נאַגאַנען זײַנען אַלע גוטע.

דאָוויד האָט זיך אַרומגעוואַשן און, אַוועקזעצנדיק זיך באַם טיש, אָנגעהויבן דערציילן:

— באלד וועט קומען א באוואָפנטע גרופע פון סאקסאהאנער און בעלאָקריציצער כוטאָרן. מיר דארפן דרינגענד צונויפזאמלען מענטשן, וואָס קענען האלטן געווער, באוואָפענען זיי און אין איין אָוונט ארויסטרעטן... אויסשפּירער זײַנען נאָך נעכטן אוועק אהין. זיי דארפן שוין באלד קומען.

— מענטשן וועלן זיך בא אונדז געפינען, — האָט זיך אָפּגערופן געדאליע דרײַטשוק. — אָט זײַנען מיר שוין דאָ פיר סאָלדאטן, אויב ס'וועט נייטיק זײַן, וועלן באלד קומען נאָך.

— פורן וועל איך באוואָרענען דורכן רעוווקאָם, — האָט געזאָגט דאָוויד. ער האָט אפגיך אָפּגעגעסן און איז מיט געדאליען, מיט מיכלען און מיט זאוועלייבן ארויסגעגאנגען אין גאס. ראכמיִעל איז געבליבן פאָרען זיך אין הויף.

דאָווידס קומען האָט שטארק דערמונטערט בערען. ווי ער איז ניט געווען צעבײַלט, האָט ער ניט געקאָנט אף אָן אָרט אײַנליגן. אים האָט זיך געוואָלט דאָווידן איבערגעבן אייניקע פראָטים פון בורלאצק, וועלכע ער האָט ניט באוויזן צו דערציילן. ער האָט זיך ארומגעדרייט איבער דער גאס און זיך געלאָזט גיין אין רעוווקאָם, עפשער וועט ער דאָרטן טרעפן דאָווידן. נאָר דאָרט איז קיינער ניט געווען.

כײַ וואָלט כאָטש ראכמיִעל זיך באוויזן, — האָט בערע א טראכט געטאָן, טייקעף האָט ער זיך דערמאָנט, אז ראכמיִעל זוכט געווער. אָבער דאָוויד האָט זיך גענדארפט פארנעמען מיט באוואָרענען פורן, ווו זשע איז ער אהינגעקומען?

מיטן וועג, וואָס פירט פון דער הרעבליע, האָבן זיך באוויזן א פאָר בערדיקע פויערים אין אָפּגעריבענע שאָפענע פעלצלעך. ארומקוקנדיק זיך, זײַנען זיי דורכגעגאנגען די גאס און אָפּגעשטעלט זיך לעבן רעוווקאָם. קענטיק, אז זיי זוכן עמעצן.

— וויטקיליא?[1] — האָט בערע, וועלנדיק פארבינדן מיט זיי א שמועס, זיך אָנגעהויבן פאנאנדערפרעגן.

— מי ני זדאלעקא,[2] — האָט איינער פון זיי זיך אָפּגערופן.

— וועמען דארפט איר?

— מיר דארפן איינעם א מענטשן.

פון ערגעץ א הויף האָט זיך באוויזן דאָוויד. דערזעענדיק פון ווײַטן די פויערים, האָט ער זיך געלאָזט צו זיי. ער האָט עפּעס האלב סוידעסדיק א פרעג געגעבן, זיי האָבן אים אָפּגעענטפערט און זײַנען געשווינד ארײַנגעגאנגען אין רעוווקאָם.

בערע איז געשטאנען א ווײַלע אין פארלעגנהײַט, נאָכדעם איז ער שטילערהייט אויך ארײַן אין רעוווקאָם. לעבן דער טיר, וועלכע האָט געפירט צום צימער, ווו דאָוויד מיט די פויערים זײַנען געזעסן, האָט ער זיך אף א ווײַלע אָפּגעשטעלט. פון די אייניציקע ווערטער, וואָס זײַנען צו אים דערגאנגען, האָט ער פארשטאנען, אז דאָס זײַנען די אויסשפּירער. דאָוויד האָט מיט זיי לאנג גע־

---

[1] פונוואנען?

[2] מיר זײַנען ניט פון ווײַט.

שמועסט. ארויסגייענדיק צוריק פון רעווקאָם, האָט ער זיך צונויפגעשטויסן מיט בערען.

— אף וועמען ווארט איר? — האָט ער, אָנעמענדיק דעם אלטן פאר דער האנט, א פרעג געגעבן. — האָט איר עפּשער באגעגנט ראכמיִעלן אָדער גע־דאליען?..

— געדאליען האָב איך ניט לאנג געזען, ער איז ערגעץ געגאנגען מיט מיכל מאכלינען.

— עפּשער קענט איר זיי אָפּזוכן?.. איך דארף זיי דרינגענדיק האָבן, אויב ס'וועט זיך אייך באגעגענען בארעך, מעגט איר אים אויך שיקן.

— גוט, — האָט דער אלטער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

דאָוויד האָט זיך אומגעקערט אין צימער, ווו עס זיינען געזעסן די פּויע־רים. בערע האָט זיך ארומגעדרייט אין גאס א ווײַלע און האָט פונווייטן דערזען א גרופּע באוואָפנטע מענטשן. דער אלטער האָט זיך געלאָזט צו זיי, עפּשער זיינען עס די, וואָס ער זוכט. דער אלטער האָט ניט באוויזן זיך צעפרעגן, פונ־וואנען זיי זיינען און וועמען זיי דארפן, ווי עס זיינען אָנגעגאנגען ראכמיִעל, זאוועל־לייב, געדאליע, מיכל, בארעך און נאָך מענטשן. זיי זיינען אלע ארײַן אין צימער, ווו דאָוויד האָט זיך געפונען. אייניקע האָבן זיך אויסגעזעצט, ווו ס'האָט זיך געמאכט. די איבעריקע זיינען געבליבן שטיין אף אן אָרט. אינעם ענגן צימערל האָבן געהאלטן אין איין צוקומען מענטשן.

דאָוויד האָט רויִק דערקלערט דעם אוילעם די שלאכט־אויפגאבע. נאָכדעם האָט ער געגעבן די אָנגעקומענע אויסשפּירער ביקסן.

דער אלטער האָט געקוקט אף זיי מיט קינע, ווי א קינד, וועמען מ'האָט אויסגעמיטן צו געבן א מאטאָנע. סאָפּקאָלסאָף האָט ער ניט אויסגעהאלטן און זיך געווענדט צו דאָווידן:

— איך האָב, הייסט עס, ניט פארדינט קיין ביקס? דו מיינסט אוואדע, אז איך ווייס ניט ווי צו באגיין זיך מיט איר?

— איר ווילט, רעב בער, זיך מיסטאמע צערעכענען מיט די בורלאצקער? — האָט דאָוויד א פרעג געגעבן מיט א שמייכל.

— כאָטש געבן זיי אויסגאָב, — האָט דער אלטער אים געענטפערט.

די באוואָפנטע פּויערים האָבן זיך צעזעצט אין וועגענער, די פורן זיי־נען געפאָרן ניט געיילט. ס'האָט אָנגעהויבן נאכטלען. דער אָוונט איז געווען א שטילער. אין דער אָנגעשטרענגטער רויִקייט, וועלכע האָט געלויערט ארום, האָט זיך נאָר ארייינגעריסן אן אָפּהילך פון דער טראסקערײַ פון די פורן און טופּערײַ פון די פערדישע טלאָען.

דורך די טונקל־גרויע וואָלקנס אפן הימל האָט זיך ווען־ניט־ווען דורכ־געזיפּט אן אייינציקער שטערן און איז פארשוווּנדן. נאָר די קאלטע לעוואָנע האָט באוויזן דעם וועג, וועלכער איז פריִער פארשטעלט געווען אונטער דער טונקלקייט פון דער נאכט.

באם ברעג דאָרף האָבן זיך די פורן אָפּגעשטעלט. די שלאכטלייט האָבן זיך צעטיילט אף דריי גרופּעס. פאָרויס פון איינער איז געגאנגען בערע, זיינע זין, געדאליע און צוויי פּויערים פון כוטאָר בעלאָקריניצע. די איבעריקע צוויי

גרופּעס האָבן געפירט די אויסשפּירער, וועלכע דאָוויד האָט געהאַט געשיקט אין בורלאַצק.

בערעס גרופּע איז די ערשטע צוגעגאַנגען צו יעוווטיכעס הויף. דערנאָך איז געקומען די צווייטע גרופּע. די דריטע האָט זיך, ווײַזט אויס, אַראָפּגעשלאָגן אַף אַ ווײַלע פון וועג. אין די שכיינישע הויפן האָבן די הינט אָנגעהויבן אַ האַווקערײַ. פון יעוווטיכעס הויף האָט זיך דערהערט אַ דראָענדיק קאָל:

— Кто идет? Стрелять буду! [1]/

די שלאַכטלײַט האָבן זיך אַנידערגעלייגט אונטער דעם פּאַרקן פון יעוווטיכעס הויף און אָפּגעוואַרט, ביז עס איז צוגעגאַנגען די דריטע גרופּע. ווען נאָכן לעצטן אויסגעשריי — Кто идет? האָט עמעצער פון הויף אויסגעשאָסן, האָבן זיך פון אַלע דרײַ זײַטן דערהערט זאַלפּן.

פון יעוווטיכעס שטוב זײַנען אַרויסגעלאָפן צעשראָקענע מענטשן.

— В ружье! В ружье! [2] — האָט דער אַטאַמאַן אָנגעהויבן שרײַען.

איידער די באַנדיטן האָבן באַוויזן צו כאַפּן דאָס געווער, האָט דאָוויד מיט צוויי גרופּעס גענומען אַטאַקירן יעוווטיכעס שטוב. בערע מיט די זין, גדאַליע און אַ פּאָר סאַקסאַהאַנער פּויערים האָבן אָנגעהויבן אַרומרינגלען די קלוניע.

זינט מ'האָט דאָרט אַוועקגעלייגט דאָס ברויט, איז טאַנכום אַפילע אַף אַ רעגע ניט אָפּגעטראָטן פון דאָרטן און אַלץ געהיט, מ'זאָל עס ניט צעשלעפּן. ער איז געווען זיכער, אַז סאָפּקאָלסאָף וועט זיך אים אײַנגעבן אײַנריידן דעם אַטאַמאַן, ער זאָל אים אומקערן זײַן גוטס.

דערהערט אינמיטן נאַכט אַ געשריי און אַ שיסערײַ, איז טאַנכום אַרויסגעלאָפן אין דרויסן און פּלוצעם דערזען דעם טאַטן, די ברידער, גדאַליען און נאָך עפּעס מענטשן מיט ביקסן.

— טאַטע! — האָט זיך טאַנכום געלאָזט לויפן אַנטקעגן דעם פאָטער.

בערע האָט מיט שוים אַף די ליפּן אויסגעשריִען:

— אויסוווּרף! דו מיִעסער אויסוווּרף! האַרגעט אים! ווי אַ מיִעסן הונט האַרגעט אים!

טאַנכום איז אָפּגעשפּרונגען צום אַטאַמאַן מיט דער באַנדע, וועלכע האָט מיט אַלע קויכעס געפּרוווט זיך אַרויסרײַסן פונעם פײַערדיקן רינג, וואָס האָט זי פון אַלע זײַטן אַרומגעכאַפּט.

אין אַ פּאָר שאָ אַרום זײַנען אָנגעלאָדענע פורן מיט ברויט געפאָרן אין דער ריכטונג צו האַנטשעריכע. נאָך זיי זײַנען, אַרומגערינגלט מיט אַ באַוואָפנטער וואַך, נאָכגעגאַנגען די באַנדיטן. דער לעצטער איז מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אַ פאַרצאָרנטער געגאַנגען טאַנכום.

אַף מיזרעך האָט געגרויט אַ פאַרטאָג...

---

[1] ווער גייט עס? כ'וועל שיסן!

[2] צום געווער! צום געווער!

פערטער טייל

1

שוין דער פערטער טאָג, ווי נעכאמע ווייסט גאָרנישט פון טאנכומען. וועלנדיק זיך אליין טרייסטן, האָט זי געפּרוּווט עפּעס צוקלערן.

„אויב ס'האָט זיך איינגעגעבן אָפּשלאָגן בא די פּראָדארמייער דאָס ברויט מיטן פערד און וואָגן, האָט ער עם מיסטאמע אָפּגעפירט אין לאטנס צו איר פאָטער. אָבער סײַווי וואָלט ער זיך בעשום־אויפן ניט געזאמט אזוי לאנג. וואָס זשע איז געשען?"

נעכאמע איז געווען אויסער זיך. א פײַנלעכער אומרו האָט געדריקט איר הארץ. זי האָט פארשטאנען, אז עפּעס איז געשען מיט טאנכומען. איז וווּהין זאָל זי, אן עלנטע, אן איינזאמע, זיך קערן? זי איז אלע ווײַלע ארויסגעלאָפן צום טויער, ארויסגעקוקט, עפּשער וועט ער דאָך אָנפאָרן.

פון די פארנעפּלטע סטעפּישע ווײַטן איז ארויסגעשווּמען א פור, א צווייטע, א דריטע. אין איר הארצן האָט אָפּ א רעגע א בליץ געטאָן א האָפענונג — עפּשער ער. די פורן האָבן פארקערעוועט אַפּ רעכטס, אַפּ לינקס אָדער דורכגעפאָרן פארבײַ, און זי איז געשטאנען א פארצאָרנטע, א פארגליווערטע און מיט א שווער געמיט, געטראכט: „וווּהין איז דאָס נעלעם געוואָרן טאנכום?"

אפן פערטן טאָג גאנצפרי, נאָך א שלאָפלאָזער נאכט, האָט זי גיך אויסגעמאָלקן די בעהיימעס און זיך געלאָזט גיין צום שווער. ער איז דאָך, ווי מ'האָט איר דערציילט, געפאָרן אַפּ דער פור, ווו עס האָט זיך געפונען דאָס ברויט. זי איז געווען זיכער, אז באם שווער וועט זי וואָס־ניט־איז זיך דערוויסן וועגן טאנכומען. ניט גרינג איז איר געווען איבערטרעטן דעם שווערס שוועל, פונדעסטוועגן האָט זי בא זיך געפּויעלט ארײַנגיין צו אים, עפּשער וועט בא אים דאָך אין אזא שווערער צײַט אָפּגיין דאָס הארץ. ער איז דאָך פאָרט א פאָטער, און די ברידער זײַנען פאָרט ברידער. צו וועמען זאָל זי זיך ווענדן, אויב ניט צו זיי...

שטיל איז נעכאמע ארײַן אין שטיבל. א פארצאָרנטע, מיט פארוויינטע אויגן איז זי געשטאנען, ניט ארויסברענגענדיק קיין וואָרט. אין קיך האָט זיך געפּאָרעט פריידל און געגרייט פרישטיק. בערע איז געשטאנען אינעם טאָלעס־און־טפילן ארום קליינעם פענצטערל, וואָס האָט ארויסגעקוקט אין סטעפּ אַפּ מיזרעך צו דעם זון־אופגאנג און, פרום אונטערשאָקלענדיק זיך, מיט הארץ געדאווּנט. דער שווער און די שוועגערן האָבן נעכאמען ווי ניט באמערקט.

פון די שווערע איבערלעבונגען און פון די יעסורים, וועלכע זי האָט איבער־געטראָגן די לעצטע טעג, איז איר פּנים געוואָרן פאַרכווישעכץ, די אויגן איינגעהילט אין א נעפּל פון טרויער.

אָפּגעדאַוונט, האָט דער אַלטער אַריינגעלייגט דעם טאַלעס און טפילן אין א זעקעלע, א קוש עס געגעבן און ניט געאיילט אוועקגעלייגט אויף אַן אָרט.

נעכאמע איז אַלץ געשטאַנען און געוואַרט, דער אַלטער זאָל זי עפּעס פרעגן אָדער זאָגן. סאַפּקאָלסאַפּ האָט זי ניט אויסגעהאַלטן און מיט א געדריק־טער שטים זיך געווענדט צו אים:

— שוין דער פערטער טאָג, ווי מיין טאַנכום איז אוועקגעריטן אין בור־לאַצק און האָט זיך נאָך ניט אומגעקערט... עפּשער ווייסט איר, וואָס איז גע־שען מיט אים?.. איך בעט אייך, זאָגט מיר דעם עמעס, וואָס האָט פּאַסירט?

— איך ווייס גאָרנישט און וויל פון אים ניט וויסן! — האָט דער אַלטער, אופהייבנדיק די אויגן, אָפּגעהאַקט.

— שווער, גאָט איז מיט אייך! איר זייט דאָך א טאַטע, ווי קענט איר אַזוי רעדן? — האָט נעכאמע אָנגעהויבן וויינען. — איר האָט טאַנכומען אַפּן סמיט־ניק געפונען?

— איך בין אים מער ניט קיין פאָטער, דו ווייסט עס גוט. נאָך וואָס ביס־טו געקומען צו מיר?

בא בערען איז דאָס פאַרכווישעכטע פּאָנעם פאַרקרימט געוואָרן. פון אופ־רעגונג האָט אים אויש דער אָטעם פאַרשלאָגן.

— אַז טאַנכום וועט מירצעשעם קומען אַהיים, וועט איר זיך אויף אים ביי־זערן, לעמיי ער איז א שלעכטער זון... דערוויילע, שווער, בעט איך אייך, פאַר־געסט אַלע אוולעס, איך בין דאָך געקומען צו אייך, ווי צו אַן אייגענעם טאַטן, אַן אייצע האַלטן זיך.

— ווי קען איך פאַרגעסן, וואָס דער טרייפענער בייזן האָט אָפּגעטאָן מיט מיר! — האָט בערע אָנגעהויבן שרייען. — נו, זאָג אַליין, נו, זאָג, ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַן אייגענער זון זאָל אופהייבן א האַנט קעגן א טאַטן, און נאָך ווי אופהייבן! בעסער וואָלט איך ניט דערלעבט, מיינע אויגן זאָלן זען אַזא כאַרפּע... מיינער א זון זאָל ווערן א באַנדיט...

— וואָס רעדט איר, שווער? איך פאַרשטיי ניט, וואָס איר רעדט...

— ער האָט געמעגט איינגעבראָכן ווערן, איידער ער איז אויף דער וועלט גע־קומען! — האָט בערע פון אופרעגונג אין טיש א קלאַפּ געטאָן.

נעכאמע האָט א טויט־בלייכע זיך דערנענטערט צו אים און אָנגעהויבן בעטן:

— מיר זיינען אַזוי געשטראָפט, האָט איר כאָטש אויף אונדז ראַכמאָנעס.

— און איר האָט געהאַט אויף אונדז ראַכמאָנעס? — האָט זיך דערהערט פריידלס קאָל פון קיך, וווּ זי האָט זיך געפּאָרעט. — וואָס ביסטו געקומען אַהער, שיטן דעם שווער זאַלץ אויף די ווונדן? וואָס ווילסטו פון אים? וואָס דער־מאָנסטו אים זיין אומגליק? דאָס האַרץ ווערט בא אים אַזוי צעריסן פון ווייטעק און כאַרפּע, וואָס זיין זון לויפט אַרום מיט אַן אָברעז אין האַנט, ווי א באַנדיט.

— וואָס רעדסטו, פריידל? וואָס פאר א באנדיט איז געוואָרן טאנכום? ער האָט זיך דערוווּסט, אז מענטשן ראטעווען זייער ברויט, האָט ער געפּרוּווט, עפּשער וועט זיך אים איַינגעבן אָפּנעמען זיַין ברויט, איז ער דערפאר שוין געוואָרן א באנדיט? — האָט נעכאמע, לאָזנדיק זיך צו פריידלען אין קיך, זיך אָפּגערופן.

נאָר פריידל איז איר אָנגעקומען אנטקעגן. צוגייענדיק הארט צום שווער, האָט זי מיט פאראכטונג א קוק געגעבן אַף נעכאמען און געזאָגט:

— יאָ, א באנדיט איז דיַין טאנכום, ערגער פון א באנדיט, ניט יעדער באנדיט וועט זיך דערוועגן אופהייבן א האנט צו שמיַיסן דעם אייגענעם טאטן.

— וואָס רעדסטו, פריידל, ביסט באם זינען? — האָט נעכאמע, א דערשראָקענע, פארבראָכן די הענט. — ווי קען עס זיַין? ס'גלייבט זיך מיר ניט, אז טאָנכום זאָל אזוינס טאָן.

— גלייבסט ניט? איך האָב מיַינע אייגענע אויגן ניט געגלייבט, ווען איך האָב דערזען, ווי ער שטייט קעגן מיר מיט א פארהויבענעם שאָמפּאָל. בעסער וואָלט איך בלינד געוואָרן, איידער אזוינס דערזען, — האָט פון בערעם ברוסט זיך ארויסגעריסן א פארביטערט געשריי מיט א קרעכץ, ווי בא אים וואָלט זיך עפּעס אין הארצן אָפּגעריסן.

בערעם פארצווייפלט געשריי האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט נעכאמעס יעלאָלעסדיקן געוויין.

— ווײַ צו מיַינע פינצטערע יאָרן, — האָט נעכאמע יאָמערנדיק געטיַינעט, — הארגעט מיך, וועל איך ניט גלייבן, אז טאנכום זאָל אזוינס טאָן.

— איך האָב אויך ניט געגלייבט, האָט בערע עטוואָס רויִקער אָנגעהויבן ריידן, נאָר נעכאמע האָט אלץ שטארקער זיך פאנאנדערגעוויינט.

2

א פארוויינטע און א דערשלאָגענע איז נעכאמע געקומען אהיים.

— וואָס הייבט מען אָן טאָן? — האָט זי א פארצאָרנטע געטראכט.

פאר איר איז געווען קלאָר, אז אויב די פור, אַף וועלכער ס'איז געפאָרן דער שווער, האָבן פארכאפּט די בורלאצקער אופשטענדלער, האָבן זיי זי צוזאמען מיטן ברויט געדארפט אָפּגעבן טאנכומען. צוליב דעם איז ער דאָך, אייגנטלעך, געפאָרן אהין. איז ווּ זשע איז ער אהינגעקומען? ס'קאָן זיַין, אז בערע ווייסט, וואָס עס איז מיט אים געשען. נאָר צעפרעגן זיך בא אים איז אומעגלעך, ווען ס'ברענט אין אים אזוי דער גרימצאָרן קעגן טאנכומען.

עפּשער זיך צוכאפּן אין בורלאצק, איז איר דורכגעלאָפן א געדאנק. נאָר אַף וועמען זאָל זי איבערלאָזן די באלעבאטישקיַיט? איַינשפּאנען די פערד אין וואָגן און אליין אָנטריַיבן, פּאסט ניט. מ'וועט באלד באמערקן, אז טאנכום איז ניטאָ אין דער היים. דערצו האָט זי זיך געשראָקן איינע אליין צו פאָרן אהין. אָנשריַיבן דעם פאָטער, ער זאָל קומען, וועט אויך געדויערן, ביז דער בריוו וועט דערגיין צו אים. נעכאמע האָט זיך אָנגעטאָן און איז ארויס אין גאס,

עפשער וועט זי בא מענטשן זיך דערוויסן, וואָס איז געשען אין בורלאַצק, עפשער איז צו עמעצן דערגאַנגען א וועלכע־ניט־איז ידיעה פון טאַנבומען.

ניט ווײַט פון איר פּאַליסאַדניק האָט זי דערזען הינדען, געדאַליע רײַטשוקס ווײַב, שמועסן מיט א צווייטער פרוי. פאַרבײַגייענדיק, האָט נעכאַמע דערהערט, ווי איינע פון זיי האָט זיך אָפּגערופן:

— זאָל זי אויך פאַרזוכן דעם טאַם פון צאָרעס... און פאַרבײַסן מיט קאַדאָכעס.

נעכאַמע האָט זיך א קער געגעבן, אויסגעשפּיגן דרײַ מאָל און שטיל צו זיך געזאָגט:

— אַף מײַנע סאָנימס קעפּ.

אין דער רעגע האָט כעוועד, זאַוועל־לייבס ווײַב, וועלכע איז געשטאַנען לעבן הינדען און עפּעס אײַנגעטײַנעט מיט איר, זיך א קער געטאָן. כעוועד האָט פאַרשטאַנען, אז די שווערער האָט געהערט די קלאָלע, וועלכע זי האָט איר ארײַנגעטיילט.

איר געשטופּלט פּאָנעם מיט די געלע פלעקן האָט זיך פאַרקרימט. כעוועד האָט גײַוועדיק־שטאָלץ ארויסגעשטעלט איר גרויסן בויך, ווי זי וואָלט זיך רייצן מיט נעכאַמען:

— זעסט, דו ביסט א וויסטע אקאָרע, און איך וואַרט נאָך אַף א קינד.

נעכאַמע האָט זיך אָפּגעקערט און זיך געוואָלט לאָזן גיין, נאָר הינדע האָט זי פאַרהאַלטן.

— איך גיי פּונקט צו אײַך.

— וואָסי? — האָט נעכאַמע מיט נײַגער א קוק געגעבן אַף איר.

איצט, ווען נעכאַמען האָט געטראָפן אזא אומגליק, וועט זי, עפּשער, וועלן טאָן צדאָקע און וועט איר טאָן א טויווע, — האָט הינדע באַשטימט. דעריבער האָט זי אָן איבעריקע רייד זיך געווענדט צו נעכאַמען, זי זאָל איר אויסלײַען א ביסל מעל.

— וואָס רעדסטו, טײַערינקע, איך זאָל אזוי קיין צאָרעס ניט האָבן, ווי איך האָב ניט, — האָט נעכאַמע, איבערשלאָגנדיק הינדען, געענטפערט. — דו ווייסט דאָך אליין, אז דאָס ביסל ברויט, וואָס האָט זיך געפונען באַם שווער, האָט מען צוגענומען, און טאָמער וועט מען עס אונדז כאַס־וועשאָלעם ניט אומ־קערן, וועלן מיר אליין ליגן די ציין אַף די פּאָליצעס.

— שווערסט זיך נאָך? — האָט כעוועד, וועלכע איז געשטאַנען עטוואָס אין א זײַט, א געשריי געטאָן. — דו זאָלסט האָבן אזוי דײַן קאָפּ, ווי דו האָסט ניט!

נעכאַמע האָט זיך דערשראָקן. צו וואָס האָט זי זיך געדאַרפט שווערן? גלײַך, ווי זי האָט ארויסגעבראַכט די שוווע פון מויל, האָט זי כאַראָטע געהאַט, נאָר כאַפּן צוריק האָט זי שוין ניט געקענט. זי האָט פאַרשטאַנען, אז איצט האָט זי געדאַרפט טאָן טשוווע צו גאָט, טיילן צדאָקע אָרעמעלײַט. עפּשער וועט גאָט טאַקע אַף איר ראַכמאָנעס האָבן. ווען הינדע וואָלט אליין געקומען צו איר אהיים, וואָלט זי איר אפילע, מעגלעך, געגעבן א פּאָר פונט מעל, זי זאָל זען, אז זי איז גרייט צו טיילן זיך מיטן לעצטן ביסן ברויט. אָבער פאַר כעוועדן

האָט זי דאָס ניט געקאָנט טאָן, ווײַל זי וועט באַלד דערציילן, אַז ניט דאָס לעצטע ברויט האָט מען בא זיי צוגענומען, אַז זיי האָבן נאָך.

— ניט אומזיסט האָט זיך גאָט נויקעס געוועזן אין אײַך, — האָט זיך בעוועד ניט אופגעהערט צו קאָכן. — טאַנכום דײַנער האָט געהאַט אַ גאַזלאָניש האַרץ, נאָר די נעגל האָט ער געהאַלטן באַהאַלטן, און איצט האָט ער זיי באַוויזן...

— טפו, ביל נאָך, ביל! — האָט נעכאַמע אַ שפּײַ געטאָן און זיך געלאָזט גיין. זי האָט באַוויזן אָפּגיין קוים אַ פּאָר טריט, ווי צו איר האָט זיך דערטראָגן הינדעס קאָל:

— די נעגל האָט מען אים שוין אָפּגעשניטן. מ'האָט אים אין טפיסע פאַרשפּאַרט.

— וואָס האָסטו געזאָגט? וואָס? — האָט נעכאַמע, אומקערנדיק זיך צוריק אויסגעשריִען, — ווו האָט מען אים פאַרשפּאַרט?.. ווער האָט עס דיר געזאָגט?

— כ'ווייס ניט, כ'ווייס גאָרניט! — האָט הינדע זיך געפּרוווט אָפּזאָגן.

נאָר בעוועדן האָט זיך געוואָלט, אַז נעכאַמע זאָל וויסן, אַלע זאָלן וויסן, וואָס ס'איז געשען מיט טאַנכומען, האָט זי געהאַלטן אין איין איבערכאַזערן:

— דערצייל איר, דערצייל איר דעם עמעס, וואָס האָסטו מוירע? זי מעג שוין וויסן, ווו איר טאַנכום איז. ער האָט קאָשער פאַרדינט... ער מעג דאָרטן אַפילע פאַרפוילט ווערן!

— פרייסט זיך, קלײַבסט נאַכעס!.. ווילסט זיך באָדן אין אונדזער בלוט? — האָט נעכאַמע זיך אַ וואָרף געטאָן אַף בעוועדן, נאָר טייקעף אַ קער געגעבן זיך צו הינדען און, באַגיסנדיק זיך מיט טרערן, גענומען בעטן:

— זאָג דו מיר, איך בעט דיך, זאָג, וואָס איז געשען?.. דײַנער האָט דאָך דאָס ברויט געפירט, ער קען טאַקע וויסן, — האָט זי, ברעכנדיק די הענט, געשריִען.

הינדע האָט געקנייטשט מיט די פּלייצעס, ווי זי ווייסט קלוימערשט גאָרנישט, און געענטפערט:

— איך ווייס גאָרנישט. מ'רעדט. מאַלע וואָס מ'רעדט. ס'קען זײַן, אַז עמעצער האָט עס אויסגעטראַכט.

נעכאַמע האָט פאַרשטאַנען, אַז די יעדיִע וועגן טאַנכומס אַרעסט גייט פון געדאַליען. ער האָט דאָך געפירט דאָס ברויט קיין האַנטשעריכע, און זײַן פור איז עפּשער אויך אַרײַנגעפאַלן צו די בורלאַצקער אופשטענדלער. דעריבער האָט זי זיך באַשטימט דורכגיין צו אים. פאַריינס וועט זי זיי אַוועקטראָגן אַ פּאָר פונט מעל אַף שאַבעס. אי זי וועט פאַרדינען אַ מיצווע, אי זי וועט דערוויסן, אַז מ'דאַרף, קען זי טאָן מענטשן אַ טויווע.

באַהאַלטנדיק דאָס פּעקעלע מעל אונטערן שאַל, האָט זי פּאָרזיכטיק, קיינער פון די אייגענע זאָל זי ניט באַמערקן, זיך געלאָזט גלײַך צו געדאַליע רײַטשוקן, וועלכער האָט געוווינט ניט ווײַט פונעם שווערס שטיבל. הינדע איז פונקט געשטאַנען אין הויף אַרום קורניק און מיט אַ דין צעצויגן קאָל צונויפגערופן די הינער. פּאַטשנדיק מיט די פליגלען, זײַנען די אויפעס זיך

צונויפגעלאָפּן. אַרײַנגעכאַפּט אין די שנאָבלען א שטיקל קאַרטאָפליע, א ברעקל ברויט אָדער א פּיצל אוגערקע און זיך פאַנאַנדערגעלאָפּן, שלינגענדיק דאָס דערוואָרבענע.

נעכאַמע איז מיט אײַנגעהאַלטענע טריט צוגעגאַנגען צו הינדען און שטיל געזאָגט:

— כ'האָב דיר געבראַכט א ביסל מעל אויף שאַבעס... פון די לעצטע, קען מען זאָגן, צונויפגעשאַרט, קעדיי זיך טיילן מיט דיר... פאַר כעוועדן האָב איך דיר געמוזט אָפּזאָגן, פאַרשטייסט אַליין, וויפל מיר גיבן זיי, איז אַלץ ווייניק, קיין לעבערדיקן זאַק קען מען קײנמאָל ניט אָנשטאָפּן... כ'וועל דיר געבן א ביסל מעל, וועט זי אויך וועלן, און ווו זאָל איך אַזויפיל אָנעמען?..

— א דאַנק, — האָט הינדע, נעמענדיק דאָס מעל, זיך אָפּגערופן. — געדאַ־ליע קלײַבט זיך צופאָרן אין מיל אָפּמאָלן, וועל איך דיר אָפּגעבן. טאָמער וועט בא אונדז זײַן ניט אַזאַ ווײַס מעל, וועל איך דיר דערצאָלן.

— מ'דאַרף גאָרניט, זאָל עס דיר זײַן א מאַטאָנע אויף שאַבעס.

— וואָס הייסט? וואָס דאַרף איך, באַהיט גאָט, א נעדאָווע? — האָט הינדע זיך באַליידיקט. — אויב ניט אויף באָרג, וועל איך ניט נעמען.

— נו, גוט, מיר וועלן דורכקומען, — האָט נעכאַמע זי איבערגעשלאָגן.

קעדיי ניט אַרויסווײַזן, אַז זי איז געקומען דערוויסן זיך, וואָס איז פאָר־געקומען מיט טאַנכומען, האָט זי געפּרוּווט פאַריידן הינדען מיט פאַרשיידענע זײַטיקע רייד. נאָר וועלנדיק גיכער צוגיין צום טאָך, האָט זי ניט אויסגעהאַלטן און געפרעגט:

— ווו איז דײַן געדאַליע?

— וואָסי? אויף וואָס דאַרפסטו אים?

— גאָרניט, כ'בין שוין בא אײַך, האָב איך געוואָלט דערוויסן, עפּשער ווייסט ער עפּעס וועגן טאַנכומען.

— איך קען דיר גאָרנישט ניט זאָגן, — האָט הינדע, פאַנאַנדערנעמענדיק די הענט, געענטפערט. — אויב ער ווייסט עפּעס, וועט ער געוויס דערציילן.

— הינדע־לעבן, איך פיל, אַז דו ווייסט אויך, וואָס ס'איז געשען מיט מײַן טאַנכומען. פאַרוואָס באַהאַלט איר אויס פון מיר דעם עמעס? עפּשער איז ער שוין גאָר דער וועלט ניטאָ? — האָט נעכאַמע אָנגעהויבן וויינען.

נעכאַמע האָט לאַנג און ביטער געקלאָגט. הינדע האָט שוין באַוויזן אויס־שיטן פון זעקעלע דאָס מעל, אויסטרייסלען עס, און נעכאַמע איז אַלץ געזעסן און געוואַרט אויף געדאַליען. ווען זי האָט זיך שוין גאָר געקליבן אוועקגיין, איז ער פון גאַס אָנגעקומען.

דערזעענדיק נעכאַמען בא זיך אין שטוב, איז געדאַליע געוואָרן שטאַרק פאַרוואונדערט. זינט ער געדענקט, האָט זי גאָר קײנמאָל זײַן שוועל ניט איבער־געטראָטן. איידער ער האָט באַוויזן א פרעג טאָן, נאָך וואָס זי איז געקומען, האָט זי אַליין ראַפּטאָם א זאָג געטאָן:

— איך בין געקומען צו אײַך דערוויסן זיך, וואָס איז מיט טאַנכומען?

— וואָס פרעגט איר עפּעס בא מיר? — האָט ער אויסגעשטעלט א פּאָר אויגן, ניט וויסנדיק וואָס צו ענטפערן.

— איר האָט דאָך געפירט דאָס ברויט...
— אײַער שוועד האָט דאָך אויך...
— דער שוועד דערציילט גאָרנישט, — האָט זי אים איבערגעשלאָגן.
— איז וואָס קען איך אײַך דערציילן?.. וואָס קען איך שוין ריידן וועגן טאנכומען, אז ער איז דערגאַנגען דערצו, אז ער האָט דעם אייגענעם טאטן געוואָלט שמײַסן, — האָט געדאליע, צוזעצנדיק זיך, געזאָגט.
— דער שוועד האָט עס שוין דערציילט, נאָר איך גלייב ניט! — האָט נע־באמע מיט אן אופגערעגט קאָל געזאָגט.
— וועט דער שוועד אױף זײַן אייגענעם זון א בילבל אויסטראכטן? — האָט געדאליע מיט א פארטײַעטן ביטל א קוק געגעבן אױף איר.
— איך ווייס ניט, געדאליע, איך וויל איצט וועגן דעם ניט ריידן, איך וויל נאָר וויסן, צי איז מיט טאנכומען, כאָס־וועשאָלעם, קיין בייז ניט געשען.
— די באנדע, האָב איך געהערט, האָט מען געכאַפּט, — האָט געדאליע א זאָג געטאָן.
— וועלכע באנדע?
— די, וואָס איז אױף אונדזערע פורן מיט דעם ברויט אָנגעפאלן.
— איז וואָס פאר א שײַכעס האָט צו זיי טאנכום? — האָט נעכאמע מיט א באליידיקטן טאָן געפרעגט.
— וואָס הייסט, וואָס פאר א שײַכעס? ער איז דען אינײנעם מיט זיי ניט אָנגעפאלן אױף אונדז?
— ווען איז ער אָנגעפאלן? ווו?
— איך האָב דאָך, דאכט זיך, דײַטלעך געזאָגט, אז טאנכום איז אינײנעם מיט דער באנדע אָנגעפאלן, האָט מען אים אויך מיסטאמע... — געדאליע האָט ניט דערעדט די לעצטע ווערטער, זאָל נעכאמע זיך אליין אָנשטויסן.
— האָט מען אים ווי א באנדיט אין טורמע פארשפארט? — האָט נעכאמע פארבראָכן די הענט. — אלץ צוליב דעם פארשאָלטענעם ביסל ברויט?! צוליב וואָס האָט ער עס געדארפט? און וואָס פאר א שולד איז ער באגאנגען, אז ער האָט געוואָלט אָפּנעמען זײַן ברויט?
— אויב ער האָט גענומען געווער אין האנט און איז אָנגעפאלן אױף אונדז, גייט ער, הייסט עס, קעגן דער רעוואָליוציע! — האָט געדאליע געענטפערט, — ווײַל מיר האָבן געפירט דאָס ברויט פאר די ארבעטער אין שטאָט, פאר דער נײַער מאכט.
— עפּעס רעדט איר, געדאליע, גאָר, ווי דאָוויד קאבאָ, נו, ווי זייערע, די הײַנטיקע. טאנכום האָט נעבעך גאָר אזוינס ניט געמיינט, עפּעס טײַטשט איר עס אזוי, ווי ער וואָלט טאקע געווען, איך קען עס גאָר פון מײַן מויל ניט אויס־ברענגען, — האָט נעכאמע זיך אָפּגערופן.
— טאנכום איז א קאָנטרע, אן עמעסער קאָנטרע! — האָט געדאליע אנט־שלאָסן געזאָגט.
— קען מען אים נאָך, כאָס־וועשאָלעם, דערשיסן?..
— וואָס מ'וועט אים דאַרטן טאָן — ווייס איך ניט, נאָר איבערן קאָפּ, וועט מען געוויס ניט גלעטן, — האָט איר געדאליע דערקלערט. — מ'וועט אים דאָרט

אליץ דערמאָנען... מיר האָבן זיך געטיילט מיטן לעצטן ביסן ברויט מיט די הונ־געריקע ארבעטער, און ער איז מיט דער באנדע אָנגעפאלן אוועקצורויבן עס.

— דו האָסט, עפּשער, דאָס ביסל ווייץ, וואָס מיר האָבן געדארפט צעמאָלן אַף ברויט, אויך אָפּגעגעבן? — האָט הינדע, וועלכע האָט זיך אײַנגעהערט אין געדאליעס שמועס מיט נעכאמען, זיך ארײַנגעמישט.

— צוויי פּוד האָב איך אָפּגעגעבן, — האָט געדאליע געענטפערט.

— צוויי פּוד? איז וויפל איז אונדז אינגאנצן געבליבן? נעכאמע האָט אונדז געבראכט א ביסל אַף שאבעס, איך האָב איר צוגעזאָגט, אז מיר וועלן צעמאָלן דעם ווייץ, וועלן מיר אָפּגעבן.

— גיב איר עס אָפּ, מיר וועלן זיך באגיין אָן איר ביסל מעל! — האָט געדאליע זיך אָנגעהויבן בייזערן.

— געדאליע, גאָט איז מיט אײַך, איר טיילט זיך מיטן לעצטן ביסן ברויט מיט מענטשן, וועלכע איר קענט ניט, פארוואָס קען איך זיך ניט טיילן מיט אײַך מיט דעם לעצטן קאָפּ מעל? — האָט נעכאמע, מאכנדיק א פרום פּאָנעם, זיך אָפּגערופן.

— מיר וועלן זיך ווי־ניט־איז אָן דעם באגיין, — האָט געדאליע אנטשיידן געזאָגט.

נאָר נעכאמען האָט זיך אין די טעג, ווען זי איז געוואָרן אזוי עלנט און איינזאם, שטארק געוואָלט באווײַזן איר גוטהארציקײַט, ווי קיינמאָל האָט זיך איר געוואָלט טאָן טשוווע. דערפאר האָט זי געהאלטן געדאליען אין איין אײַנריידן:

— פארוואָס נעמט איר ניט דאָס מעל?.. איר וועט האָבן אַף לאָקשן אַף שאבעס... אַף „פּריווארעק”... פאָלגט מיך, נעמט עס, ס׳וועט אײַך צוניץ קומען!

הינדען איז דאָס כּיעס אויסגעגאנגען, אזוי האָט זי געוואָלט נעמען עס, נאָר געדאליע האָט געהאלטן אין איין שאָקלען מיטן קאָפּ אַף ניין.

3

נעכאמע איז געקומען אהיים א צעררודערטע. איר איז קלאָר געוואָרן, אז ווארטן אַף טאנכומען האָט זי ניט וואָס. פאָרן זוכן אים איז זי אויך ניט אימשטאנד. דעריבער האָט זי זיך אוועקגעזעצט און אָנגעשריבן דעם פאָטער א בריוו. געניי, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען מיט טאנכומען, האָט זי ניט געשריבן. זי האָט נאָר געפאָדערט, אז דער פאָטער זאָל טייקעף קומען צו פאָרן. זי האָט געגעבן אָנצוהערן, אז זי איז געבליבן אליין, אז זי האָט ניט, ווער ס׳זאָל איר אונטערהעלפן אין דער באלעבאטישקײַט, און טאָמער דארף זי ערגעץ ארויסגיין, האָט זי ניט אַף וועמען צו לאָזן די שטוב.

אין עטלעכע טעג ארום איז געקומען צו פאָרן נעכאמעס פאָטער — שאָלעם. נעכאמע האָט לעכאטכילע זיך באמיט ניט ארויסצוווײַזן קיין שום אָנדײַטונגען

אפן אומגליק, וואָס ס'איז באַ איר געשען. זי האָט דעם טאַטן אפילע באַגעגנט מיט אַ פריילעך פּאָנעם.

דער פאָטער האָט אויך, ווי ווײַט מעגלעך, אײַנגעהאַלטן דעם אומרו, וואָס האָט געפּלאָגט זײַן האַרץ. ער האָט אויסגעשפּאַנט די פערד, אַרײַנגעפירט זיי אין שטאַל און עטלעכע מאָל איבערגעפרעגט:

— וואָס איז געשען, טאָכטער מײַנע?

— גאָרנישט, טאַטע, גאָרנישט, וועסט אַרײַן אין שטוב, וועל איך דיר אַלץ דערציילן.

נאָך איידער דער פאָטער האָט באַוויזן איבערטרעטן נעכאָמעס שוועל, האָט זי מיט אַ וויינענדיק קאָל אָנגעהויבן דערציילן:

— שוין באַלד אַ וואָך, ווי טאַנכום איז אַוועקגעפאָרן קיין בורלאַצק און האָט זיך ניט אומגעקערט... וואָס איז דאָרט מיט אים פאָרגעקומען, ווייס איך ניט...

— נו, איז וואָס טוט מען? — האָט דער פאָטער, פינטלענדיק מיט די געדיכטע שוואַרצע ווינעס, אַ פרעג געגעבן.

— זאָל איך אַזוי וויסן פון מײַנע צאָרעס, ווי איך ווייס, וואָס מ'הייבט אָן צו טאָן.

— נאָך וואָס איז ער געפאָרן אין בורלאַצק?

— מ'האָט צוגענומען אונדזער ברויט, וואָס איז געלעגן באַם שווער באַ־האַלטן, און אין בורלאַצק האָבן זיך צונויפגעקליבן באַלעבאַטים, וועלכע האָבן באַשטימט אָפּשלאָגן דאָס ברויט באַ די רויטע, האָט ער געמיינט, אַז עפּשער וועלן זיי אים אויך העלפן זײַן ברויט אָפּנעמען.

— וווּ איז זײַן קאָפּ געווען? אַף וועמען האָט ער זיך פאַרלאָזט? — איז דער אַלטער געוואָרן אויסער זיך. — די בורלאַצקער קענען זיך ניט העלפן, וועלן זיי אים העלפן?.. מיט וועמען וועלן זיי קעמפן? מיט דער וולאַסט?!

— אַז ס'איז באַשערט אַן אומגליק, ווייסט מען ניט, פונוואַנען ער נעמט זיך, — האָט נעכאָמע, דערלאַנגענדיק דעם פאָטער אַ בענקל, אַ זאָג געטאָן. — ער האָט דאָך מיר ניט געזאָגט וואָס און ווען... זינט מ'האָט געפונען דאָס ברויט, וואָס איז געלעגן באַהאַלטן באַם שווער אין שטעלכל, איז ער געוואָרן אויס מענטש. איך האָב געמיינט, ער וועט פון זינען אַראָפּ... וויפל איך האָב מיט אים ניט געטײַנעט, זאָל דיר דוכטן, אַז אַ האָגל האָט אויסגעקלאַפּט דאָס ברויט... באַהיט גאָט, ס'איז געווען אַ סרייפע און ס'איז פאַרברענט געוואָרן... אַלץ טרעפט דאָך אין לעבן... ס'איז מיר אפילע אפן זינען ניט געקומען, אַז ס'וועט געשען אַזאַ אומגליק...

— נו, איז וואָס הייבט מען אָן צו טאָן?.. ווי דערוויסט מען זיך, וואָס ס'איז מיט אים? — האָט דער פאָטער, אַ בלייכער, אַן אופגערעגטער, זיך אַ שטעל געגעבן פון בענקל און אָנגעהויבן אַרומגיין איבערן צימער. — עפּשער פּרוּוון צוכאַפּן זיך אין בורלאַצק?

— אין בורלאַצק איז ער ניטאָ... כ'האָב געהערט, אַז מ'האָט זיי איבער־געשיקט אין האַנטשעריכע.

— וווּהין?.. וואָס עפּעס אין האַנטשעריכע?

— אהין האָט מען אוועקגעשיקט, זאָגט מען, אלע די... נו, ווי זאָל איך דיר זאָגן... וועלכע האָבן געוואָלט זייער ברויט אָפּנעמען.

— אָבער ווו זוכט מען אים?

נעכאמען איז געווען שווער מיטאמאָל דערציילן דעם פאָטער, אז טאנכום זיצט אין טפיסע.

— נו, ווו קענען זיי זיך געפינען די אלע?.. — האָט זי אָנגעהויבן אזוי ריידן, ער זאָל זיך אליין אָנשטויסן, ווו מ'דאַרף אים זוכן.

— נו, גוט, טאָכטער, לאָמיר אהין פרווון צופאָרן, — האָט דער פאָטער צוגעשטימט. — עפשער וועלן מיר פאַרט געוואָר ווערן, וואָס מיט אים איז געשען... און עפשער וועלן מיר אים אפילע אָפּזוכן אויך.

— אָבער אַף וועמען לאָזט מען איבער די שטוב, די באלעבאטישקייט, כ'בין דאָך דאָ, טאטע, עלנט ווי א שטיין. טאנכומס אייגענע זיינען מיר נאָך גרעסערע סאָנים געוואָרן. ווען זיי קענען, וואָלטן זיי מיך אין א לעפל וואסער דערטרונקען, — האָט נעכאמע זיך אָנגעהויבן קלאָגן. — אָבער פאָרן מוז מען דאָך, סיידן בעטן עמעצן פון די שכיינים אויסמעלקן די בעהיימעס, אַף די אויפעס אכטונג געבן.

נעכאמע האָט אפגיך צוגעגרייט דעם פאָטער אָפּצועסן. און אליין איז זי אוועקגעלאָפן צוגויפריידן זיך מיט א מענטשן, וואָס זאָל בלייבן אין שטוב.

אין א ווײַלע ארום האָט נעכאמע זיך אומגעקערט מיט א דיקער מויד מיט א בעלמע אַף דעם לינקן אויג.

— ביז מיר וועלן צוריקומען, וועט מאלקע איבערבלייבן אין שטוב, — האָט נעכאמע, אָנווײַזנדיק אַף דעם מיידל, א זאָג געטאָן.

דער פאָטער האָט אָפּגעגעסן, א וויש געגעבן די באָרד פון די טראָפּנס סמעטענע, אָפּגעבענטשט און זיך גענומען גרייטן אין וועג ארײַן. נעכאמע האָט צוגויפגעלייגט אין א זעקעלע א ביסל עסנווארג — טאָמער וועט זיך אײַנגעבן איבערגעבן טאנכומען. נאָכדעם האָט זי אָנגעהויבן צונעמען אלץ, וואָס עס איז איר געקומען אונטער דער האנט, און פארשליסן אין די שראנקען, קאמערן אין קעמערלעך, אָנזאָגנדיק דער מויד ווי און וואָס צו טאָן.

— האָסט גוט פארשטאנען? וועסט ניט פארגעסן? איז געדענק זשע!

כאָטש די מויד האָט שוין קימאט גאָרנישט ניט געהערט, וואָס נעכאמע רעדט צו איר, פונדעסטוועגן האָט זי געהאלטן אין איין שאָקלען מיטן קאָפּ, פארזיכערנדיק, אז זי וועט אלץ אויספילן.

אָפּפאָרנדיק א היפש שטיקל וועג, האָט נעכאמע זיך דערמאָנט, אז זי האָט פארגעסן מיטנעמען מיט זיך וואָס־ניט־איז פון די בגאָדים פאר טאנכומען אַף איבערצוטאָן זיך.

— נישקאָשע, — האָט זי אָנגעהויבן זיך אליין טרייסטן, — דער איקער — טרעפן אים א לעבעדיקן, ווען אלע איבעריקע זאכן וועט מען זיך שוין ווי־ניט־איז אן אייצע געבן.

נעכאמע האָט לאנג עפּעס געטראכט. נאָכדעם האָט זי ארויסגעלאָזט א טיפן קרעכץ און געזאָגט צום פאָטער:

— זעסט דאָך, טאטע, אז ס'טרעפט אן אומגליק, לאָזט מען איבער די

שטוב אַף העפּקער און מ׳געפינט ציַיט אַף פּאָרן און ארומלויפן, ווער ווייסט וווּהין, און אזוי, אז ס׳איז אלץ געווען בעשאָלעם, האָב איך זיך ניט געקענט ארויסרײַסן אַף קיוּווער־אָוועס צו דער אייגענער מאמען.

— יאָ, יאָ, נעכאמעלע, אזוי איז עס טאקע, — האָט דער פּאָטער צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ, — איך האָב שוין געטראכט וויפל מאָל, אז ס׳איז טאקע אַן אוולע... זעסט דאָך, וואָס ס׳קומט ארויס פון טאנכומס שטענדיקע האווענישן, פון זײַנע קעסיידערדיקע לויפענישן. ער האָט קיינמאָל ניט געוווּסט ניט פון קיין טאָג, ניט פון קיין נאכט, און וואָס האָט ער געהאט פון לעבן?..

— כ׳האָב דאָך ניט איין מאָל גערעדט מיט אים, — האָט נעכאמע זיך אָפּגערופן, — און ווי צו דער וואנט.

— ער איז א שווערער מענטש אפּאָנעם, א גרויסער אקשן, מײַן טאָכטער, — האָט דער פּאָטער פאַרגעזעצט, — מיט קיין סקאָטינע און מיט קיין שטיקל ערד לעבט מען ניט אָפּ דאָס לעבן... עלנט ביסטו געווען, מײַן טאָכטער, און פאַר־לאָזן... ס׳רײַסט מיר גענוג אויס דאָס הארץ פאַר דיר, ווען די מאמע, אָלעוואשאָלעם, וואָלט לעבן...

דעם פּאָטערס פּאָנעם איז געוואָרן טרויעריק־פאַרביטערט. ס׳האָט אים שוין אָנגעהויבן פאַרדריסן, לעמײַ ער האָט פאַרפירט א רייד וועגן דעם, צוליב וואָס מאכן איר שווער אפן הארצן? העלפן קען ער איר דאָך סײַווי ניט דערווײַל, איז צוליב וואָס רירן אירע וווּנדן, ביפראַט, אז זי פאַרשטייט אליין, אז ווען די מוטער וואָלט געלעבט, וואָלט זי זיך ניט געײַלט צו טאָן א שידעך מיט טאנכו־מען, זי וואָלט זיך גוט ארומגעקוקט... אָבער ער אליין איז דאָך שולדיק אין דעם, ער אליין האָט זיך ניט געדארפט אײַלן כופּע האָבן. קיינמאָל האָט ער זיך ניט מוידע געווען פאַר דער טאָכטער, אז ער איז, מעגלעך, שולדיק אין דעם, וואָס זי האָט אזא אומגליקלעך לעבן.

נעכאמע האָט אָנגעהויבן לאָזן א טרער. נאָר דער פּאָטער האָט זיך צע־בייזערט אַף איר:

— גענוג, נעכאמעלע, גענוג, הערסט!.. דער הימל איז נאָך ניט געפאַלן אַף דר׳ערד... ס׳וועט זיך נאָך, מירצעשעם, אלץ איבערדרייען צום גוטן און נעמען זיך אזוי צום הארצן איז ניטאָ וואָס...

— אוואדע, טאטע, אוואדע, — האָט זי אויך געפּרווט מאכן א פרייליך פּאָנעם.

נאָר צעווייען די מאָרעשכוירע, וועלכע איז געווען אויסגעגאָסן אַף איר געזיכט, האָט זיך איר ניט אײַנגעגעבן. איר אומרו האָט זיך איבערגעגעבן דעם פּאָטער. פונדעסטוועגן האָט ער זיך באהערשט און ניט אופגעהערט צו טרייסטן.

— נישקאָשע, טאָכטער מײַנע, גאָט וועט ראכמאָנעס האָבן... מיר וועלן נאָך אלץ דערמאָנען אין פריידן.

נעענטער צו האנטשעריכע האָט דער פּאָטער א טרײַב געגעבן די פערד.

— ווער ווייסט, וואָס ס׳דערוואַרט אונדז דאָרט? — האָט נעכאמע זיך אָנגעהויבן ערגערן. — ווו הייבט מען אים אָן צו זוכן?

— כ׳ווייס אליין ניט, טאָכטער. ווו, מיינסטו, זאָל ער זײַן? — האָט דער

פֿאָטער א קוק געגעבן אַף איר, ווי ער וואָלט זי וועלן אויספֿרעגן, צי זי שטויסט זיך אָן, וווּ ער איז.

ביידע האָבן זיי געטראכט וועגן דעם שרעקלעכן וואָרט „טפיסע" און מוירע געהאט עס פֿונעם מויל ארויסצוברענגען.

4

נעכאמעס פֿאָטער, שאָלעם, האָט באשטימט אָפּשטעלן זיך דערווײַל אין א ווינקעלע אין מארק.

פֿויערים אין פֿאָסטעלעס, אין לאנגע סוויטקעס און פֿויערטעס אין געקווייטלטע קליידער האָבן פֿארהאַוועטע זיך ארומגעטראָגן, זוכנדיק אײַנהאנדלען עפּעס אָדער צו פֿארקויפֿן, וואָס זיי האָבן געבראכט — אויפּעס, אייער, פּוטער, סמעטענע. פֿון די פֿורן האָבן זיך געטראָגן קודאכטערײַען פֿון הינער, קוואַקערײַען פֿון קאטשקעס, קוויטשערײַען פֿון כאזירים, רעווערײַען פֿון קי.

שאָלעם איז אראָפּ פֿון וואָגן, און נעכאמע איז געבליבן בא דער פֿור. ער האָט זיך געלאָזט גיין איבערן מארק, עפּשער וועט ער באגעגענען עמעצן פֿון בורלאצק, בא וועמען ער וועט כאָטש וואָס-ניט-איז קענען דערגיין וועגן טאנכומען.

נאָר ווי אַף צולאָכעס האָבן זיך אים באגעגנט פֿויערים פֿון אוסטינאָווקע, פֿון באלאקלאיעווע, פֿון לאָטאָווקע, און בורלאצקער זײַנען ווי אויסגערונען געוואָרן. פּלוצעם האָט עפּעס א דאר, אײַנגעהויקערט פֿויערל אים א צי געגעבן פֿארן ארבל און א פֿרעג געגעבן:

— ווּ איז דאָ דער אָסטראָג?

— דער אָסטראָג? — האָט שאָלעם איבערגעפֿרעגט. — איך בין דאָרט קיינמאָל ניט געווען. פֿונוואנען זאָל איך וויסן, ווּ ער געפֿינט זיך?

שאָלעם האָט זיך געוואָלט אָנהייבן פֿאנאנדערפֿרעגן, נאָך וואָס ער דארף אהין. מעגלעך, אז ער וואָלט זיך אים אפֿילע מוידע געווען, אז ער זוכט אויך דעם אָסטראָג, נאָר דאָס פֿויערל איז פֿארשווּנדן.

אין א ווײַלע ארום האָט ער אים דערזען צווישן עטלעכע פֿויערים, וועלכע האָבן עפּעס הייס געטײַנעט צווישן זיך. דאָס פֿויערל האָט אפֿילע געפּרוּווט אראָפּלאָזן דעם זאק, וועלכן ער האָט געטראָגן אַף די פּלייצעס. נאָר טייקעף האָט ער אים צוריק א כאַפּ געטאָן און זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג, ווּהין איינער פֿון די, מיט וועלכע ער האָט אײַנגעטײַנעט, האָט אים אָנגעוויזן. שאָלעם האָט אים שוין פֿון אויג ניט ארויסגעלאָזן. אים האָט זיך געוואָלט פֿאנאנדערפֿרעגן, וווּ ס'זיצט בא אים אין טפיסע, צי איז ער צופֿעליק ניט קיין בורלאצקער, נאָר יענער איז ארײַן אין א הויכן טויער פֿון עפּעס א הויף. שאָלעם האָט פֿארשטאנען, אז דאָס איז די טפיסע. ער האָט אָפּגעווארט א ווײַלע און איז אויך ארײַן אהין.

— וועמען דארפֿט איר? — האָט אים אָפּגעשטעלט א וואכמאַן.

— איך האָב געוואָלט זיך דערוויסן, צי געפֿינט זיך דאָ ניט צופֿעליק

דאָנדע טאַנכום, — האָט ער ניט זיכער א פרעג געגעבן, — ער איז אוועקגעפאָרן פון דער היים צו א באַקאַנטן מענטשן אין בורלאַצק, און שוין א וואָך צײַט, אַז מע ווייסט ניט, וווּ ער איז אַהינגעקומען.

— איז וואָס זוכט איר אים דאָ? — האָט דער וואַכמאַן אים אָנגעקוקט. — איר ווייסט, ווער ס'געפינט זיך דאָ?

— כ'ווייס? — האָט שאָלעם אָנגעהויבן שטאַמלען,— מאַלע וואָס ס'טרעפט הײַנטיקע צײַטן מיט א מענטשן...

דער וואַכמאַן האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס דער אַלטער וויל.

— גייט זיך דורך אָן אַהין, וועט איר ווייסן, ער איז דאָ צי ניט, — האָט ער אָנגעוויזן אויף א לאַנגן שמאָלן קאָרידאָר, וועלכער איז אין דער גאַנצער לענג געווען איבערגעצאַמט מיט א הילצערן ווענטל. לעבן א פענצטערל פונעם ווענטל איז געשטאַנען א פרוי און געטײַנעט:

— וואָס האָט איר געהאַט צו מײַן מאַן? ווען האָט ער שלעכטס געטאָן? פאַרוואָס האָט איר אים אין טפיסע פאַרשפאַרט? די קורקוליעס האָבן אים גע־געבן א ביקס און באַפוילן גיין מיט זיי אָפּנעמען בא די רויטע זייער ברויט... וואָס זײַנען זײַנע קינדער שולדיק, אַז ער האָט א נאַרישן סייכל?..

די פרוי, א פאַרוויינטע, האָט קוים באַוויזן אָפּגיין, ווי שאָלעם איז צו־געגאַנגען צום פענצטערל און פאַרזיכטיק, אַרומקוקנדיק זיך, א פרעג געגעבן:

— דאָנדע איז בא אײַך?

— דאָנדע? — האָט א מיליטעריש געקליידטער יונגערמאַן מיט קורצינקע אונטערגעהאַקטע וואָנצעלעך, וועלכער איז געזעסן פון יענער זײַט ווענטל, איבערגעפרעגט.

א קורצע רעגע האָט ער זיך געריִעט עפּעס צווישן פאַפּירן. נאָכדעם האָט ער אָפּגעענטפערט:

— דאָנדע איז דאָ.

— מיט וואָס האָט ער זיך אַזוי פאַרשולדיקט?.. איך קען זייער גוט דעם מענטשן... א פליג אויף דער וואַנט האָט ער קיינמאָל ניט אָנגערירט און פלוצעם נאַ דיר!..

— ווער זײַט איר, זײַן פאָטער?

— איך בין געקומען מיט זײַן פרוי, מיר זוכן אים אַרום שוין א וואָך צײַט נאָכאַנאַנד, — האָט שאָלעם זיך אָפּגערופן.

— קומט צו פאָרן אין א פינף־זעקס טעג אַרום, ווען ס'וועט זיך ענדיקן די אויספאָרשונג, וועט מען אײַך זאָגן, — האָט דער מענטש פון יענער זײַט ווענטל דערקלערט.

— מיר האָבן געוואָלט אים איבערגעבן וואָס־ניט־איז פון עסנוואַרג, — האָט שאָלעם זיך געפּרוּווט ווענדן צו אים.

— דאָס קאָן מען, — האָט יענער געלאָסן געענטפערט.

דער פאָטער איז אָן אָטעם אוועקגעלאָפן צו נעכאַמען, וועלכע איז געזעסן אויף דער פור אַפן מאַרק און, ערגערנדיק זיך, געהאַלטן אין איין אַרויסקוקן אויף אים.

— נו, טאַטע, האָסט עפּעס זיך דערוווּסט?

— אוואדע, טאַכטער, ער איז פאַראַן...
— ווו?.. זאָג שוין גיכער, ווו איז ער?.. האָסט אים אַליין געזען?
— געזען האָב איך אים ניט, נאָר ווו איז ער, ווייס איך.
— ווו?.. טאַטע...
נעכאַמע האָט פאַרשטאַנען, אַז טאַנכום איז אין טפיסע, נאָר הערן עס פון דעם פאָטערס מויל איז איר געווען שרעקלעך.
— טאַקע אין... — האָט זי מיט אַ פאַרקלעמט קאָל אַ זאָג געטאָן.
נעכאַמע האָט זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ און אָנגעהויבן וויינען.
— אַבי איך ווייס שוין, ווו ער איז, וועלן מיר אים, מירצעשעם, זען אויך, — האָט דער פאָטער זי אָנגעהויבן טרייסטן. — דערווײַל וועלן מיר אים כאָטש איבערגעבן עסן, וועט ער פאַרשטיין, אַז מיר זײַנען געווען בײַ אים.
— אויב דו ווייסט שוין, ווו ער איז, פאַרוואָס זשע קאָנען מיר אים ניט זען? — האָט נעכאַמע אָנגעהויבן צושטיין צום פאָטער.
— צוליב וואָס דאַרפסטו פאַרגעבן קאַשעס? דערווײַל קאָן מען ניט, ווײַל מ'לאָזט ניט, כ'האָב גערעדט מיט איינעם, נו, ווי זאָל איך דיר זאָגן, אַ נאַטשאַלניק זייערער... אַן עלטסטער.
— ווי צו מיר און ווי צו מײַנע פינצטערע יאָרן! איז ער, הייסט עס, אין אָסטראָג, אין טורמע! — האָט נעכאַמע, פאַרוואָרפנדיק דעם קאָפּ ווי אַף צו כאַלעשן, אַ געשריי געטאָן. — צו וואָס איך האָב דערלעבט...
— שאַ, שטיל, מאַך ניט קיין גוואַלד! אַז גאָט וועט געבן, קאָן זיך נאָך אַלץ בעשאָלעם ענדיקן...
— ניין, טאַטע, ניין, דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז ער וועט שלעכט אָפּשנײַדן. איך ווייס אפילע ניט, צי וועט ער זיך שוין ווען־עס־איז אַ לעבעדיקער אומקערן, — האָט זי נאָך שטאַרקער זיך צעיאָמערט, — איך האָב דאָך אים געזאָגט „קריך ניט", האָט ער דאָך מיך ניט געהערט... ווי זאָל איך מענטשן אין די אויגן קוקן... אַן אַרעסטאַנט איז טאַנכום געוואָרן... צוזאַמען מיט גאַנאָווים און גאַזלאָנים. ווי קאָן מען עס איבערטראָגן דעם ביזאָיען? מאָרגן וועלן דאָך אַלע וויסן, ס'איז עפּעס אַ שפּילכעלע אין טורמע אַרײַנפאַלן.. ער האָט געוואָלט ראַטעווען דאָס ברויט און פאַרשפּילט זײַן לעבן און מײַן לעבן.
— הער שוין אויף, זאָג איך דיר, הער אויף! ביסט דאָך ניט אין דער היים. געננוג צו וויינען, ס'איז דאָך אַ כאַרפּע פאַר מענטשן.
דער פאָטער איז אַרויף אַפן וואָגן, גענומען די לייצעס אין האַנט און געלאָזט זיך פאָרן צו דער טפיסע, איבערגעבן טאַנכומען דאָס עסן. נעכאַמע האָט נאָך געכליפּעט אַ ווײַלע, און באַרויִקנדיק זיך אַ ביסל, האָט זי זיך אָנגעהויבן בעטן באַם פאָטער.
— דערוויס זיך כאָטש, ווו־הין איז אַהינגעקומען דאָס פערד, אַף וועלכן ער איז אוועקגעריטן. טאַנכום האָט דאָך אָפּגעקליבן די בעסטע לאָשיצע, אַ ווײַבער איז דאָך עס, ניט קיין פערד... און דער וואָגן מיטן געשפּאַן, אַף וועלכן דער שווער האָט געפירט דאָס ברויט, איז דאָך אויך געווען אונדזערער. דאָס פערד מיטן וואָגן טוען מיר מער באַנק, ווי דאָס ברויט.
— גוט, נעכאַמעלע, כ'וועל זיך אַלץ דערוויסן.

5

נעכאמע מיטן פּאָטער האָבן זיך אומגעקערט אהיים שפּעט אין אָוונט. דאָס מיידל, וואָס איז געבליבן אין שטוב, האָט שוין ניט געוווּסט וואָס איבערצוטראכטן. אַלץ, וואָס די באַלעבאָסטע האָט איר געהייסן, האָט זי אויסגעפילט. די בעהיימעס האָט זי שוין לאַנג געהאַט אויסגעמאָלקן, די מילך איבערגעזייט און אָנגעגאָסן אין די קריגלעך, די אייער פון די נעסטן צונויפגעקליבן, די הינער זײַנען שוין געזעסן אַף זייערע סידעלעך, די קי זײַנען געווען אָנגעפויעט, און אין שטוב צוגעקליבן. נאָר די באַלעבאָסטע איז ניט געווען. דערהערנדיק מיטאמאָל א טראַסקערײַ פון א פור, איז זי אפילע ארויסגעלאָפן אנטקעגן, נאָר די באַלעבאָסטע האָט זיך אַלץ ניט באוויזן, און אָט האָט זי זיך סאָפּקאָלסאָף אומגעקערט אהיים. נעכאמע האָט זיך אַף גיך איבערגעטאָן, באקוקט, צי אַלץ איז אין אָרדענונג אין דער באַלעבאַטישקײַט, און, ברייטהארציק צעצאָלנדיק זיך מיטן מיידל, ארויסבאגלייט זי. ניט צוזעצנדיק זיך אַף קיין רעגע, האָט זי אָנגעהויבן גרייטן וועטשערע פארן פּאָטער.

— גיב מיר נאָר א גלאָז טיי, מער דאַרף איך גאָרניט.

— איך זאָל אזוי געזונט זײַן, ווי דו וועסט עסן, — איז נעכאמע צוגעשטאנען צו אים. — האָסט דאָך אפילע קיין וואַרמעס ניט געגעסן, ווי זשע קאָנסטו ניט וועלן?

דער פּאָטער האָט זיך אײַנגעוואַשן און זיך געזעצט מיט נעכאמען צום טיש. נאָר דאָס עסן איז זיי בײַדן ניט געקראָכן אין מויל.

— וואָס זשע הייבט מען אָן צו טאָן? — האָט זי געהאַלטן אין איין ווענדן זיך צום פּאָטער. — דו וועסט אוועקפאָרן אהיים, און איך וועל דאָ בלײַבן איינע אליין. דו ווייסט דאָך, אז אַלע האָבן נאָך ביזן אומגליק זיך אָפּגעקערט פון טאַנכומען, קיינער פלעגט צו אונדז ניט קומען, און צו קיינעם זײַנען מיר ניט געגאנגען... איצט וועלן זיך נאָך געפינען אזעלכע, וועלכע וועלן זיך פרייען פון אונדזער אומגליק, ס'וועלן זיי נאָך האנאָע טאָן אונדזערע צאָרעס.

— ס'איז אוואדע ניט גוט, מײַן טאָכטער, וואָס דו ביסט אזוי עלנט. פון דעם ערשטן טאָג, זינט דו האָסט כאַסענע געהאַט, האָב איך געזען, אז קיין לעבן האָסטו ניט, האָסט ניט קיין וואָך, ניט קיין יאָמטעוו, ניט קיין טאָג, ניט קיין נאַכט... ער האָט שטענדיק געהאַלטן אין איין ארומלויפן, ארומשמײַען, אייביק א פארזאָרגטער, א פאריאָגטער... דאָס האָבן די בעהיימעס זיך געדאַרפט קעלבן, דאָס איז קיין רעגן ניט געווען צו דער צײַט, דאָס איז געווען עפּעס א העזעק אין דער באַלעבאַטישקײַט. אייביקע שרעק, האַרץ־קלעמענישן... דאָס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אז ס'ווערט בא אים ווייניקער און בא יענעם ווערט מער. דאָס דאָזיקע געפיל האָט אים געיאָגט און צו די באַנדיטן פארטריבן.

טיף אין האַרצן האָט דער פּאָטער פארשטאַנען, אז פאַר נעכאמען וואָלט עפּשער געווען בעסער, טאַנכום זאָל שוין אהיים זיך ניט אומקערן. נאָר אָפן ארויסזאָגן דער טאָכטער דעם געדאַנק האָט ער ניט געוואַגט. ער האָט זיך קיינ־

מאָל ניט דערלויבט אַרויסזאָגן קיין קרום וואָרט קעגן טאַנכומען, קיינמאָל אים ניט געטאַדלט אין אירע אויגן, ווײַל ער האָט זיך געפֿילט שולדיק קעגן איר. צו גיך האָט מען אויסגעפֿירט דעם שידעך מיט טאַנכומען. ניט איין מאָל האָט זיך אים געוואָלט זאָגן דער טאָכטער וועגן דעם, נאָר וואָס קאָן ער שוין העלפֿן? ס'האָט אים נאָר פֿאַרדראָסן, וואָס ס'האָט זיך אַזוי באַקומען, אַז ער איז פֿאָטער געוואָרן פֿון איר און גאָר. ס'האָט זיך אים ניט געוואָלט, די טאָכטער זאָל פֿילן, אַז אין שטוב איז געקומען אַ שטיפֿמוטער. בעסער, האָט ער געטראַכט, זי זאָל וואָס גיכער כאַסענע האָבן און ווערן באַ זיך אַ באַלעבאָסטע. אָבער צוליב וואָס האָט ער געדאַרפֿט אָפּגעבן זײַן נעכאַמען פֿאַר אַן אומבאַקאַנטן באָכער, וועלכער איז געקומען ערגעץ פֿון קאַפּקאַל. אַזויפֿיל כאַסאַנים האָבן זיך געשאַדכנט צו איר, אייגענע און באַקאַנטע, וועלכע זײַנען געוואַקסן אַף זײַנע אויגן, וועלכע ער האָט גוט געקענט. איז צוליב וואָס האָט ער געלאָזט זיך אײַנריידן דורך דער שאַדכנטע, וועלכע האָט אים און נעכאַמען פֿאַרבלענדט די אויגן. נעכאַמעס מוטער וואָלט לעבן, וואָלט זי זיך זיכער אַרומגעקוקט, פֿאַנאַנדערגעפֿרעגט זיך, זי וואָלט געפּרוּווט דערוויסן זיך, ווער דער כאָסן איז, פֿונוואַנען ער שטאַמט, און ניט אַזוי אַף העפֿקער אַוועקגעלאָזן אַן אייגן קינד פֿון די אויגן.

איצט איז דאָס שוין אַלץ פֿאַרפֿאַלן, פֿאַריכטן איז דאָס שוין אומעגלעך. אים האָט זיך געוואָלט כאָטש ווי־ניט־איז געפֿינען אַ מײַנטשן, וואָס זאָל העלפֿן נעכאַמען אין דער באַלעבאַטישקײַט, אַכטונג געבן אַף דער שטוב, זי זאָל קאָנען אַרויסגיין, וווּהין זי דאַרף, אַרויספֿאָרן ערגעץ, ווען ס'וועט נייטיק זײַן.

ער האָט לאַנג זיך מעיאַשעוו געווען מיט זיך אַליין און נאָכדעם געזאָגט:

— עפּשער, טאָכטער, וואָלט געלוינט, דו זאָלסט נעמען צו זיך עמעצן פֿון טאַנכומס אייגענע... פֿאָרט קרויווים... זאָלן זיי זען, אַז דו ווײַכסט ניט פֿון זיי, עפּשער וועלן זיי אופֿהערן אַזוי צו העצן קעגן דיר.

— ניין, ניין, טאַטע, בעשום־אויפֿן ניט, בעסער אַ פֿרעמדן נעמען, וועט ער וויסן, אַז ער דאַרף אָפּאַרבעטן, אַז ער דאַרף פֿאָלגן די באַלעבאָסטע. און אייגענע, וואָס דו זאָלסט ניט טאָן פֿאַר זיי, מיינען זיי, אַז ס'קומט זיי.

פֿאַרהאַלטן זיך לאַנג האָט דער פֿאָטער ניט געקאָנט. דאָס ווײַב איז געבליבן אַליין. דערצו איז זי געווען ניט אינגאַנצן קיין געזונטע, און ווער ס'זאָל אַכטונג געבן אַף זײַן אייגענער באַלעבאַטישקײַט איז ניט געווען. דעריבער האָט ער געבעטן נעכאַמען, זי זאָל זיך ווי־ניט־איז אײַנאָרדענען, ביז ס'וועט קלאָר ווערן, וואָס עס איז מיט טאַנכומען.

נעכאַמען איז געווען שרעקלעך צו בלײַבן אַליין. אָפּלאָזן דעם פֿאָטער האָט זי זייער ניט געוואָלט, נאָר סאָפּקאָלסאָף האָט זי געמוזט אַף דעם אײַנגיין. קיינמאָל האָט זיך נאָך די טאָכטער מיט אים אַזוי רירנדיק ניט געזעגנט. ער געדענקט גאָר ניט, זי זאָל אים ווען־עס־איז פֿאַרלייגן אַ מאַטאָנע. איצט, ווען טאַנכום איז ניטאָ אין דער היים, האָט זי אים געוואָלט ווײַזן, ווי זי איז אים געטרײַ, ווי זי זאָרגט זיך וועגן אים.

פֿון באַנאַכט נאָך, איידער נעכאַמע פֿלעגט זיך באַווײַזן אַ קער טאָן, האָט דאָך שוין טאַנכום באַוויזן איבערטאַפּן אַלע הינער און איבערציילן, וויפֿל אייער

זיי וועלן מאָרגן לייגן. זי פּלעגט נאָך ניט באַוויזן אַרײַנטראָגן די מילך, וואָס זי האָט אָנגעמאָלקן, איז ער שוין איר געלאָפן אַנטקעגן און אַרײַנגעקוקט אין עמער, איידער זי האָט נאָך באַוויזן דעם וואַרעמעס אָפּקאָכן, פּלעגט ער אַלע טעפּ אויסקוקן. אָן זײַן וויסן האָט זי דעם אייגענעם פֿאָטער מיט גאָרנישט ניט געקענט מעכאַבעד זײַן.

ווען דער פֿאָטער איז שוין געזעסן אַף דער פֿור און זיך שוין גאָר גע־ האַט געזעגנט מיט נעכאַמען, האָט ער פֿאָרגעלייגט:

— עפּשער צושיקן דיר קיילען די אַלמאָנע מיט איר פּלימעניק אײַזיקן, געדענקסט אים? זיי בידעוועט נעבעך שטאַרק... זיי האָבן סײַווי אין דער היים ניט וואָס צו טאָן, און אַרום דיר וועלן זיי זיך קאָרמענען און דיר אונטער־ העלפֿן.

נעכאַמען איז דער פֿאָרשלאָג געפֿעלן געוואָרן. פֿון די היגע מענטשן האָט זי ניט געהאַט וועמען צו דינגען, און קיילע מיט אײַזיקן וואָלטן געווען ווירק־ לעך פּאַסיקע באַהעלפֿער, נאָר בעטן דעם טאַטן טייקעף צושיקן זיי האָט איר ניט געפּאַסט.

— האַלעוואַי זאָל טאַנכום קומען אַהיים, און מיר זאָלן קיינעם ניט דאַרפֿן, — האָט זי מיט אַ קרעכץ זיך אָפּגערופֿן.

נעכאַמע איז נאָך געווען אַ יונג מיידל, ווען אײַזיקס פֿאָטער פּראָים איז געשטאָרבן. אין זיכּרון איז בײַ איר פֿאַרבליבן דער רעגנדיקער האַרבסטיקער טאָג פֿון דער לעווײַע, די יאָמערלעכע קלאָגערײַען פֿון קיילען, די געשרייען און קוויטשערײַען פֿון אַנדערע ווײַבער, וועלכע האָבן, באַוויינענדיק דעם מעס, זיך דערמאָנט אין זייערע אייגענע צאָרעס און אומגליקן.

שטייענדיק בײַ זיך אין הויף און קוקנדיק מיט דער מוטער, ווי מ'טראָגט פּראָימס אָרן אַפֿן בעסוילעם, האָט זי דאַן אויך געוויינט. אין עטלעכע טעג אַרום האָט זי דערזען אײַזיקן אין דעם טאַטנס גרויסע שטיוואַלעס, אין דעם האַלב־צעריסענעם גרויסן רעקל, ווי ער שלײַאָנדערט איבער דער בלאָטיקער גאַס.

— אַ ראַכמאָנעס נעבעך, אַ ווײַסטער יאָסעם געבליבן, — האָט די מוטער מיט מיטלײַד, קוקנדיק אַף אײַזיקן, זיך אָפּגערופֿן צו נעכאַמען.

דאָס בילד מיט אַלע פּראָטים איז אויפֿגעשווומען אין איר זיכּרון, ווען דער פֿאָטער האָט איר דערמאָנט וועגן אײַזיקן. און ס'האָט איר שוין פֿאַרדראָסן, וואָס זי האָט זיי גלײַך ניט געהייסן קומען.

ס'האָט זיך איר דערמאָנט, ווי איינמאָל זומער האָט אײַזיק זיך פֿאַרדונגען צום פֿאָטער אַף דרעשצײַט. זי האָט באַמערקט, אַז זי פּלעגט אַרויפֿגיין אַפֿן טויק אונטערהעלפֿן צונויפֿשאַרן די שטרוי אָדער דעם וואָרעך, פּלעגט ער שעמעוודיק שמייכלען צו איר און אין די שוואַרצע אויגן פֿלעגט אַ בלישטשע טאָן אַ פּאָר־ שײַט פֿײַערל. אָבער בלײַבן מיט אים אויג אַף אויג, אויסריידן מיט אים אַ פּאָר ווערטער, האָט זי די מוטער ניט געלאָזן, מ'זאָל זי כאָס־וועשאָלעם ניט באַ־ ריידן, און ס'זאָל איר ניט שאַטן צו איר באַלעבאַטישן ייִכעס.

און איצט האָט דאָס געפֿיל פֿון מיטלײַד זיך פֿונסנײַ אויפֿגעוועקט אין איר.

— א שטילער, נאָר א געשטראָפּטע נעשאָמע, — האָט זי געטראַכט. — ער מאַטערט זיך נאָך אַלץ, הייסט עס.

אין זיקאָרן זײַנען אויך אופגעשווומען אנדערע באָכערים, מיט וועלכע זי האָט ארומגעשפּאַצירט אין דער היים — שויעל קאָזלין, מאָטל דיווען, שײַע גי־בער, זיי זײַנען דאָך געווען איר גלײַכן. יעדערער פון זיי האָט זיך געשאַדכנט צו איר. אינגאַנצן אנדערש וואָלט אויסגעזען איר לעבן, ווען זי האָט כאַסענע פאַר עמעצן פון זיי. זי וואָלט זיכער ניט געהאַט די צאָרעס, וועלכע עס קומט איר איצט אויס איבערצולעבן. טאַקע דערפאַר האָט זיך איר אזוי געוואָלט, אײַזיק זאָל גיכער קומען. מיט אים וואָלט זי כאָטש ווען־ניט־איז דערמאָנען איר היים, אמאָליקע כאַווײרים און די פאַרגאַנגענע יוגנט, וועלכע זי האָט אזוי פאַרשפּילט.

6

אין א פּאָר שאָ ארום, נאָכדעם ווי נעכאַמעס פאָטער איז אָפּגעפאָרן צו זיך אהיים, האָבן מיט דעם סטעפּוועג, וועלכער האָט געפירט פונעם שכייניש כוטאָר, זיך באַוויזן עטלעכע רײַטער. זיי זײַנען געפאָרן ניט געײַלט, ארומגע־קוקט זיך, ווי זיי וואָלטן עמעצן זוכן. אָנגעפּויעט די פערד ארום סטאַוואָק, זײַנען זיי ווײַטער אוועקגעריטן פאַרבײַ הרעבליע אין דער ריכטונג צו מאַיאָרסק. אין א האַלבער שאָ ארום האָבן דעם ראַכוועסדיקן סטעפּישן פלאַך פאַרפּלייצט א מענגע רײַטער, וועלכע האָבן, אופהייבנדיק וואָלקנס שטויב, זיך צעשאָטן אין אַלע זײַטן.

דעם אָטריאַד האָט דער ערשטער דערזען זאַווע־לייב.

— אוי, אוי, מאַמעלעך, סאַרא פאַרפּלייצעניש... דער סטעפּ איז דאָך אזש שוואַרץ! — האָט ער מיט היספּײַלעס זיך צעשריִען.

— וואָס פּאַר א געדולע אָף דיר, וואָס ליאַרעמסטו אזוי? — האָט ראַכמיִעל, וועלכער איז פּונקט נאָך עפּעס אָנגעקומען צום ברודער, א פרעג געגעבן.

— וואָס זעסטו ניט? אָן... — האָט זאַווע־לייב, קוים כאַפּנדיק דעם אָטעם, א ווײַז געטאָן צום סטעפּ.

— אוי, טאַקע, סאַרא שוואַרצע כמאַרע! — האָט ראַכמיִעל זיך געכידעשט.

וועלנדיק דערגיין, צי דער אָטריאַד פאָרט טאַקע אהער, האָט ער באַשטימט ארופּדראַפּען זיך אפן דאַך פון דעם שטיבל, נאָר בערע איז אָנגעלאָפן פון ערגעץ און אָנגעהויבן זיך בייזערן אָף אים.

— קריך אראָפּ פונעם דאַך, דאָס שטיבל קאָן כאַס־וועשאָלעם אײַנפאַלן! נאָר ראַכמיִעל האָט ווי ניט געהערט, וואָס דער פאָטער רעדט, און מיט דער זעל־בער היסלײַוועס געשריִען:

— זיי רײַטן אהער! צו אונדז רײַטן זיי!

זאווע־לייבס דרײַ יִנגעלעך אין אײנע העמדלעך, אָן הייזלעך, וועלכע זײַנען גלײַך נאָכן פֿאָטער ארופגעקראָכן אפֿן דאך, האָבן פֿון פרייד אזש אונטערגע־טאנצט:

— דאָס זײַנען אונדזערע! צו אונדז רײַטן זיי! דער פֿעטער דאָוויד וועט אויך קומען מיט זיי!

— נו, גענוג, האָדיע! ווער ס׳וועט קומען, וועט איר זען, — האָט בערע ניט אופגעהערט צו טרײַבן ראכמיִעלן מיט די קינדער פֿונעם דאך. נאָר די קינדער האָבן, אונטערטאנצנדיק פֿון פרייד, איבערגעשריִען:

— זיי פֿאָרן אהער! זיי פֿאָרן אהער!..

זאווע־לייבן איז דער כּיִעס אויסגעגאנגען וואָס גיכער איבערצײַגן זיך, צי די רײַטער פֿאָרן טאקע אהער. ער האָט אויך אָנגעהויבן דראפּען זיך אפֿן דאך, נאָר בערע האָט אים אָנגעכאפּט פֿאר א פֿוס.

— ס׳איז נאָך א נעס, וואָס די באלקעס פֿון שטיבל האלטן אויס דעם בײַבאק, קריכסטו נאָך אויך, — האָט בערע אָנווײַזנדיק אף ראכמיִעלן זיך אָנ־געהויבן בייזערן.

ווי בערע האָט ניט געהאלטן זאווע־לייבן פֿארן פֿוס, וואָלט ער זיך דאָך ארויסגעריסן פֿון אים און וואָלט ארוף אפֿן דאך, ווען די קינדער הייבן ניט אָן צו שרײַען אין איין קאָל:

— זיי פֿאָרן אהער!.. זיי פֿאָרן אהער!

זאווע־לייב האָט זיך ארופגעדראפּעט אפֿן איין־און־איינציקן פּוילן סטויפּ, וועלכער איז געשטאנען באם טויער, נאָר טייקעף אומגעוואלגערט זיך אינײנעם מיט אים. אופגעשטאנען פֿון דער ערד, האָט ער טייקעף זיך אופגעהויבן אף די ציפּקעלעך.

— אָט זײַנען זיי שוין אף אונדזער גאס! איר זעט? — האָט ער ניט מיט זײַן קאָל אָנגעהויבן שרײַען.

— יאָ, יאָ, זיי פֿאָרן אהער! — האָבן די קינדער געליארעמט.

ראכמיִעל האָט זיך אויסגעצויגן פֿאָרויס און זיך אײַנגעקוקט, ווי דער רײַטער־אָטריאד באוועגט זיך שטרענג רייענווײַז.

פֿאָרויס אף א הניאדן פֿערד איז געזעסן דער קאָמאנדיר אין א לעדער־נעם רעקל און אין א בודיאָנאָווקע מיט א גרויסן רויטן שטערן. אף דעם קאָ־מאנדירס ברייטער ברוסט האָבן זיך איבערגעקרייצט צוויי רימענס — איינער פֿון דער שאשקע, וועלכע איז געהאנגען בא אים פֿון לינקס און דער צווייטער פֿון רעכטס פֿונעם נאגאן. עטוואָס אונטערוויגנדיק זיך אף די מידע פֿערד, זײַנען געריטן די רײַטער איבער דער גאנצער ברייט פֿון דער גאס. די פּענעמער זײַנען בא זיי געווען פֿארברוינטע פֿון דער זון און פֿארוווינטיקטע. זייער אָנטאָן — אויסגעברענט פֿון די היצן, דורכגעווייקט מיט סאָלדאטישן שוויים און פֿאר־שטויבט פֿון די לאנגע שווערע מארשן.

— ווײ, וויפֿל פֿערד! — האָט בא זאווע־לייבן זיך ארויסגעריסן פֿון ברוסט א געשריי. — ווען איך וואָלט כאָטש איינס האָבן, כאָטש א וועלכע־ניט־איז קליאטשע, וואָס זאָל נאָר די פֿיס שלעפּן... זאָל זי זײַן הויט און ביין — א קאָפּ מיט א ווײדל, אבי די נעשאָמע זאָל זיך אין איר האלטן, וואָלט איך שוין פֿון

איר געמאכט א טאכלעס... בא מיר וואָלט פון א פּעגירע געוואָרן א ליִיב, ניט ערגער פון די לייבן, אַף וועלכע די קאָמאנדירן רײַטן.

זאווע־לייבן האָט אָנגענומען א כיישעק איבערציילן די פּערד.

ווען ס׳איז אים נימעס געוואָרן צו ציילן, האָט ער געפּרוּווט באשטימען די צאָל אַפן אויג.

— מער ווי דרײַ הונדערט פּערד זײַנען פאראן אין אָטריאַד, — האָט ער א זאָג געטאָן צו ראכמיִעלן.

— מער קענסטו ניט ציילן? — האָט דער ברודער זיך אָפּגערופן. — איך מיין, אז אלע פינף הונדערט זײַנען דאָ פאראָן, און עפּשער נאָך מער.

— ש־ש, — האָט בערע א שאָקל געטאָן מיטן פינגער און אין זיך גע־ציילט: — הונדערט פופציק זעקס, הונדערט פופציק זיבן, הונדערט פופציק אכט... ווען מ׳קען זיי אײַנשפּאנען אין די אקערס, ווײ, ווײ, וויפל ערד וואָלט מען געקענט אָנאקערן! און אזוי פירט מען זיי, נעבעך, די קעפּ ליגן, אומ־שולדיקע בריִעס, וואָס ווייסן זיי, וואָס פארשטייען זיי. זעט, וויפל הינקעדיקע פּערד זײַנען דאָ פאראן, מיסטאמע פארווּנדעטע.

— אוואדע, — האָט זאווע־לייב, א ווײַלע אָפּרײַסנדיק די פארגאפטע אויגן, א זאָג געטאָן. — טאקע א צאר־באלעבאָים.

— הונדערט אכציק אכט, הונדערט אכציק ניין, הונדערט נײַנציק, — האָט בערע, שעפּטשענדיק פאָרגעזעצט ציילן. פּלוצעם האָט ער, אָפּווענדנדיק זיך אַף א ווײַלע, פארלאָרן דעם כעזשבן.

ס׳האָט אים שוין לאנג אָנגעהויבן זייגן אונטערן לעפעלע. כאָטש ער איז געווען מעסוקן הונגעריק, נאָר ער האָט אלץ געציילט און געציילט די פּערד. סאָפּקאָלסאָף איז עס אים נימעס געוואָרן, און ער איז אוועק אהיים עסן. נאָך אים איז אוועק ראכמיִעל. אפילע די קינדער זײַנען אויך ערגעץ פארשווּונדן. נאָר איין זאווע־לייב איז געשטאנען און ניט געקענט אָפּרײַסן די אויגן פון די פּערד. נאָך פון קינדווײַז אָן פלעגט ער אָפט זען אין כאָלעם פעטע אָפּגע־קאָרמעטע, יונג־פארשײַטע אָגערס, וויכערדיק זיך טראָגנדיקע לאָשיצעס. זײַן האַרץ פלעגט פארציטערט ווערן, ווען ער פלעגט דערהערן זייער פרייליכע היר־זשערײַ, דעם צאָקנדיקן אָפּהילך פון זייערע טלאָען, ווען רײַטער אַף זאָטלען פלעגן זיך אונטערהויבן אַף זיי אין האסטיקן גאלאָפּ־געלאָף.

ער פלעגט גיין צו די באלעבאטים ארבעטן, אבי שטיין לעבן א פּערד, גלעטן עם איבערן רוקן, איבער דער גריווע, איבער דער כאָלקע.

און איצט זעט ער אזויפיל פּערד. זיי גייען איצט מידע פון לאנגן און שווערן וועג. ווער ווייסט, וווּהין מע פירט זיי און צי וועלן זיי די קעפּ ניט אוועקלייגן אין שלאכט צוזאמען מיט זייערע רײַטער. זיי בענקען זיכער אומצו־קערן זיך אין שפּאן, צום אקער, צו דער אייגענער ערד.

מיטאמאָל איז צו זאווע־לייבן צוגעריטן א רײַטער, גוטברודעריש זיך מיט אים באגריסט, ווי מיט אן אלטן באקאנטן און אָן פּניִעס א פרעג געטאָן:

— דו דארפסט א פּערד?

זאווע־לייב האָט אויסגעשטעלט אַף אים א פּאָר פארכידעשטע אויגן.

— פאַרוואָס פאַרגיסטו מיר אַזעלכע פראַגן? דו וועסט מיר דען געבן א פערד?

— בינד אָפּ אָט די שקאַפּע, — האָט דער רײַטער א ווײַז געגעבן אַפן פערד, וואָס איז געווען צוגעבונדן צום זאָטל.

כאָטש דעם רײַטערס רייד האָבן ניט אַרויסגערופן קיין שום סאָפעק, פונ־דעסטוועגן האָט באַ זאַוועל־לייבן זיך ניט פּאַטויפּעט אין קאָפּ, אַז פון העלער הויט זאָל א סאָלדאַט צופירן אים א פערד און אים עס אַוועקגעבן.

— נו, איז וואָס שטייסטו, ווילסט ניט נעמען דאָס פערד? — האָט דער בודיאָנאָוועץ איבערגעפרעגט. עס איז נאָר אויסגעמאַטערט, ער וועט זיך אָפּרוען א ביסל, וועסטו זען, וואָס פאַר א פערד דאָס איז.

— פאַרוואָס זאָל איך ניט וועלן? — האָט זאַוועל־לייב, ניט זיכער אויס־ציִענדיק די האַנט, געזאָגט. — ווער וועט זיך עס אָפּזאָגן פון א פערד! כ׳מיין נאָר, אַז...

— טשודאַק, נעם אַפּניך דאָס פערד! — האָט דער בודיאָנאָוועץ, אָפּבינדנ־דיק די שקאַפּע, אים א זאָג געטאָן.

זאַוועל־לייב האָט אָנגענומען דאָס פערד פאַרן פּאַוועד און, אַרומקוקנדיק זיך, עס אַרײַנגעפירט צו זיך אין הויף. ער איז געווען אַזוי צעראַשט, אַז ער האָט אפילע פאַרגעסן זיך צו געזעגענען מיטן רײַטער און אָפּדאַנקען פאַר דער אומגעריכטער מאַטאָנע.

דאָס אויסגעדאַרטע פערד האָט קוים געשלעפּט די פיס. צופירנדיק עס ביזן שטיבל, האָט זאַוועל־לייב א גלעט געגעבן עס איבער דער גריווע, מײַסע באַלע־באָס א קוק געגעבן דעם אין די שוואַרצע אומעטיקע אויגן און געשריִען:

— כעוועד, קינדער, מיר האָבן שוין א פערד, אַן אייגן פערד האָבן מיר!

— ווו האָסטו גענומען א פערד?.. וואָס רעדסטו... ביסט פון זינען אַראָפּ, — איז א פאַרכידעשטע אַרויסגעלאָפן פון שטוב כעוועד, און נאָך איר זײַנען אַרויסגעשפּרונגען איינס נאָכן אַנדערן די קינדער.

— זיי האָבן... — האָט זאַוועל־לייב, קוים כאַפּנדיק דעם אָטעם, אָנגעוויזן אַפן אָטריאַד, וועלכער האָט זיך נאָך געצויגן איבערן גאַס. — א רײַטער האָט מיר דאָס אַוועקגעשענקט.

— טאַקע? אַף אַן עמעסן? — האָט נאָך כעוועד אַלץ ניט געגלייבט.

די קינדער האָבן פון פרייד אָנגעהויבן שפּרינגען, ליאַרעמען:

— אונדזער פערד! אונדזער!..

מוישעלע איז אַוועקגעלאָפן אָנרײַסן א ביסל גראָז, לייבעלע האָט אַרויס־געטראָגן א שטיק ברויט פון שטוב און אָנגעהויבן שטופּן דעם פערד אין מויל, און דער סאַמע קלענסטער — הערשעלע האָט זיך געפּרוּווט אַרופדראַפּען אַף אים רײַטן.

— קריך אַראָפּ, שויטע, קאַם וואָס דאָס פערד לעבט, — האָט זאַוועל־לייב, בייזערנדיק זיך, אַראָפּגענומען דאָס קינד און שטילערהייט אַרײַנגעפירט דאָס פערד אין שטאַל, פאַרשפּאַרט די טיר, קיינער זאָל עס ניט באַמערקן, קיין בייז אויג זאָל דעם כאַס־וועשאָלעם ניט שאַטן.

7

— פונקט צו דער ציַיט, ווען מ׳האָט געדאַרפט פאָרן אין האַנטשעריכע נאָך א טשוווע ווען טאַנכומען, איז צו נעכאמען געקומען צו פאָרן דער פאָטער און געבראַכט קיילען מיט איַיזיקן.

— נו, נעכאמעלע, אָט האָסטו דיר א פאָר מענטשן, וועלכע וועלן דיר אונטערהעלפן, — האָט דער פאָטער, נאָך ניט באַוויַיזנדיק אראָפּקריכן פון דער פור, א זאָג געטאָן.

— גוט, גוט, טאַטע, — האָט נעכאמע א צופרידענע צוגעשמייכלט, באַגריסנדיק זיך מיט די געסט.

איַיזיק איז פלינק אראָפּגעשפרונגען פון דער פור. נאָך אים איז פאַמעלעך אראָפּגעקראָכן קיילע. פאַר דער ציַיט, וואָס נעכאמע האָט זיי ניט געזען, האָבן זיי זיך היפּש געענדערט: קיילע איז געוואָרן איַינגעהויקערט. דאָס פּאָנעם צעקניטשט. אונטער די גרויסע, קימאַט פאַרגליווערטע אויגן האָבן זיך באַוויזן סיניאַקעס. איַיזיק, פאַרקערט, איז געוואָרן געזינטער, פעסטער, אפן פּאָנעם האָט געשוועבט דאָס זעלבע יינגלשע פאַרשעמטע שמייכעלע.

— קומט אריַין, וואָס שטייט איר? — האָט נעכאמע איַינגעלאַדן די געסט אין שטוב.

— דיַין טאַטע וויל, מיר זאָלן דיר אונטערהעלפן אין דער באַלעבאַטישקיַיט, — האָט קיילע, אראָפּנעמענדיק פון די פּלייצעס דעם געקעסטלטן שאַל, געזאָגט. — איך בין דיר, פאַרשטייט זיך, א קליינער אונטערהעלפער, סיַידן אַף די הינער אכטונג געבן, און עפּשער וועל איך קענען די בעהיימעס אויסמעלקן, נאָר איַיזיק, זאָל זיַין געזונט, איז, פאַרשטייט זיך, אַן ארבעטער...

— איך וועל זיך סטאַרען טאָן, וואָס כ׳וועל קענען, — האָט איַיזיק א שמייכל געטאָן צו דער באַלעבאָסטע.

נעכאמע האָט דערלאַנגט די געסט בענקלעך. קיילע מיט איַיזיקן האָבן זיך אוועקגעזעצט. אין עטלעכע מינוט אַרום איז אריַין דער פאָטער. נעכאמע האָט אָנגעגאָסן וואַסער אין האַנטפּאַס, אַרויסגענומען א פרישן האַנטעך, געבעטן די געסט איַינוואַשן זיך און אָנגעהויבן גרייטן צום טיש. איַיזיק מיט קיילען זיַינען געווען טויט־הונגעריקע, און נעכאמע האָט, ווי אַף צולאָכעס, זיך ניט געכאַפּט. זי האָט ניט געיַילט אָנגעשניטן ברויט און אוועקגעשטעלט אין אויוון קאָכן קאַרטאָפליעס. דער רייעך פונעם פרישן, ניט לאַנג אויסגעבאַקענעם ברויט אפן פּאָד האָט געקיצלט אין נאָז, נאָר צוגיין אליין צום טיש, נעמען א שטיקל ברויט האָט איַיזיק ניט געוואַגט.

ווען די קאַרטאָפליעס זיַינען פאַרטיק געוואָרן, האָט נעכאמע ניט געיַילט אָפּגעזיַיט דאָס וואַסער פון קעסל, אָנגעגאָסן א פּאָר שיסלען זויערמילך און, צעשטעלנדיק עטלעכע טעלער, גערופן די געסט צום טיש.

מיט דער ערשטער קאַרטאָפליע, וועלכע איַיזיק האָט א כאַפּ געטאָן, האָט ער זיך אָפּגעבריט די צונג און דעם גומען. פונדעסטוועגן האָט ער ניט אויפגעהערט צו שלינגען א קאַרטאָפליע נאָך א קאַרטאָפליע. קיילע איז אויך ניט אָפּגעשטאַנען פונעם פלימעניק.

— זיי רײַבן גוט אַרײַן, — האָט שאָלעם א ווונק געטאָן צו נעכאמען.

ווען די שיסל איז אויסגעליידיקט געוואָרן, האָט זי דערלאַנגט נאָך קאַר־טאָפליעס.

— עס, אײַזיק... עסט, קיילע, — האָט נעכאמע יעדע ווײַלע, צורוקנדיק צו זיי דאָס עסן, צוגעגאָסן פרישע זויערמילך פון קריגל. איר האָט זיך געוואָלט זיי ניט נאָר אָנקאָרמען צו זאַט, זיי זאָלן האָבן קויעך צו אַרבעטן, נאָר פאַרדינען א מיצווע בֿאָם ריבוינע־שעל־אוילעם, ער זאָל זיך דערבאַרעמען אױף איר און אומקערן דעם באַלעבאָס אין שטוב.

די געסט האָבן אָפּגעגעסן, דער פאָטער האָט אָפּגעבענטשט, און נעכאמע האָט צוגענומען פון טיש.

כאָטש ס'איז שוין געווען נאָך האַלבן טאָג, פונדעסטוועגן האָט שאָלעם מיט נעכאמען באַשטימט צופאָרן אין האַנטשעריכע, זיך דערוויסן, וואָס איז מיט טאַנכומען. אײַזיק איז גלײַך נאָכן עסן צוגעטראָטן צו זײַנע באַטראַקישע פליכטן. וואַרטן, ביז נעכאמע וועט אים הייסן עפּעס טאָן, האָט ער ניט געוואָלט, און ער האָט זיך גענומען פאַרען אין שטאַל בא די פּי. קיילע האָט זיך אויך געבעריעט, צוגעקליבן אין שטוב.

נעכאמע און דער טאַטע האָבן זיך אומגעקערט אהיים אין אָוונט. אײַזיק מיט קיילען האָבן זיך צוגעמאָסטעט ווי־ניט־איז אין די ווינקעלעך, קעדיי שטאַרק ניט דערקוטשען נעכאמען, און זיך אײַנגעהערט, וואָס זי רעדט מיטן פאָטער. פון נעכאמעס געוויין און פונעם טאַטנס טרייסטווערטער האָבן זיי פאַרשטאַנען, אז דער באַלעבאָס וועט זיך גיך ניט אומקערן און זיי וועלן דער־ווײַל וווינען אין זעט און אין וואַרעם.

אױף מאָרגן גאַנצפרי, איידער נעכאמע איז אופגעשטאַנען, האָט זיך שוין אײַזיק געפאָרעט אין שטאַל. קיילע האָט שוין אויסגעוואַשן דעם עמער, אין וועלכן מע מעלקט די קי, אײַנגעהייצט דעם אויוון, אָנגעגאָסן א טיקווע קאַווע און אוועקגעשטעלט קאָכן.

— כ'האָב זיך היינט א ביסל פאַרשלאָפן, — האָט נעכאמע זיך פאַרענטפערט פאַר קיילען, וועלכע האָט איר דערלאַנגט א ריין אויסגעשווענקטן עמער און ריינע קריגעלעך אױף איבערצוגיסן די מילך.

— נישקאָשע, ס'איז נאָך פרי, — האָט קיילע זיך אָפּגערופן. — איך וואָלט אַליין אויסגעמאָלקן, ווייס איך ניט אין וואָס.

— מעלקן וועל איך אַליין, איר העלפט מיר צו בעסער אין שטוב!

— וואָס איך וועל קענען, וועל איך טאָן, טאָכטערקע, גאָרנישט וועט פאַר מיר ניט שווער זײַן צו העלפן דיר.

ווען נעכאמע איז אַרויסגעגאַנגען מיטן עמער מעלקן די קי, האָט שוין געפינקלט אין יעדער ווינקעלע. אײַזיק האָט ניט נאָר אופגעראַמט אומעטום, אונטערגעקליבן, קיין שטרייעלע זאָל זיך ניט וואַלגערן אױף דער ערד, קיין פּאָלאָווקעלע, די עמער, מיט וועלכע מע פּויעט די קי, זײַנען געהאַנגען אױף אַן אָרט, לעבן די מישלקעס. אין די אָפּצאַמונגען, ווו עס איז געלעגן די פּאָלאָווע, איז געווען אַן אָרדענונג. די קעסטלעך, ווו עס ליגט האָבער, דערט און קלײַען, זײַנען געווען פאַרמאַכט.

„ער סטאַרעט זיך, הייסט עס, אַ בעריע", — האָט נעכאַמע אַ טראַכט געטאָן. זי האָט אָוועקגעשטעלט דאָס בענקעלע לעבן דער בורער קו, וועלכע איז געשטאַנען פון רעכטס די ערשטע.

— זי לאָזט זיך מעלקן? זי בריקעט זיך ניט? עפּשער דאַרף מען זי צוהאַלטן? — איז אײַזיק צוגעגאַנגען פון צווייטן ברעג שטאַל, ווו ער האָט זיך נאָך געפּאָרעט.

— אַ דאַנק, כ'וועל זי ווי־ניט־איז אַליין אויסמעלקן, — האָט נעכאַמע זיך אָפּגערופן.

פונדעסטוועגן איז אײַזיק ניט אָפּגעטראָטן פון דער קו, געגלעט זי, באַרויִקט:

— שטיי, שטיי, טײַערינקע, איין מינוטקעלע, באַלד וועל איך דיר מאַכן אַ גוטע מישינקע מיט קלײַען.

די איבעריקע בעהיימעס האָט נעכאַמע אויסגעמאָלקן אַליין. ווען זי האָט זיך אומגעקערט פון שטאַל מיט אַ פולן עמער מילך, איז שוין בײַ קיילען פאַרטיק געווען דער פרישטיק.

ווי נעכטן אין אָוונט, האָט געשלאָגן אַ פאַרע פון די ערשט אָפּגעקאָכטע קאַרטאָפליעס. אײַזיקן האָט נאָך ווי געטאָן דער בויך פון דער נעכטיקער וועטשערע, ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס, נאָר אָפּזאָגן זיך פון עסן האָט ער ניט געקענט, ביפראַט, אַז נעכאַמע האָט אים געהאַלטן אין איין צורוקן דעם טעלער און אײַנריידן:

— עס, עס, אײַזיק, ס'איז געשמאַק.

נאָכן פרישטיק האָט דער פאָטער זיך אָנגעהויבן קלײַבן אין וועג אַרײַן.

— איצטער ביסטו ניט אַליין, טאָכטער, — האָט ער געזאָגט. — אין אַ וואָך אַרום וועל איך, מירצעשעם, נאָך אַמאָל צו דיר צופאָרן.

— קום צו פאָרן, טאַטע, ווייסט דאָך, ווי איך בין עלנט, — האָט זי לאַנגדיק אַ טרער נאָכגעשריִען דעם פאָטער, ווען די פור האָט זיך שוין גערירט פונעם אָרט.

ווי שווער עס איז ניט געווען די גאַנצע צײַט נעכאַמען אָפּן האַרצן, ווי גרויס עס איז ניט געווען איר אַגמעסנפּעש, האָט זי ביז נעכטן, ביז מ'האָט איר ניט געמאָלדן, אַז טאַנכום איז פאַרמישפּעט, נאָך אַלץ געהאָפט, אַז ער וועט זיך אומקערן אַהיים. און איצט וועט ווער ווייסט, צי זי וועט אים ביכלאַל זען.

אַ געפיל פון איינזאַמקײַט האָט ניט אויפגעהערט צו פּײַניקן נעכאַמעס האַרץ. גוט, וואָס דער פאָטער האָט כאָטש געבראַכט קיילען מיט אײַזיקן. וואָס וואָלט זי געטאָן אָן זיי? אויסער דעם וואָס מ'העלפט איר אין באַלעבאַטישקײַט, איז דאָך פאָרט פרייליכער, ווען ס'איז דאָ אַ לעבעדיקער נעפעש אין שטוב.

פון באַגינען ביז שפּעט אין אָוונט זײַנען אײַזיק מיט קיילען געווען פאַרטאָן. נאָך וועטשערע פלעגט קיילע אײַנשלאָפן. נעכאַמע מיט אײַזיקן פלעגן שמועסן, זיך דערמאָנען פון געשעעניש פון זייער פאַרגאַנגענער יוגנט און פון באַקאַנטע און נאָענטע פון דער היים. דאָס האָט אַ ביסל אָפּגעווענדט נעכאַמען פון אירע שווערע מאַכשאָוועס. אײַזיקן איז אײַנגענעם געווען, וואָס זי רעדט מיט אים ווי מיט אַ גלײַכן. זי האָט אַפילו אָנגעהויבן צו אים אונטערשמייכלען.

באם עסן האָט זי אים אונטערגעוואָרפן א בעסערן ביסן, אריינגעקוקט אים אין די אויגן. אײַזיק איז געזעסן פארשעמט און טיילמאָל אפילע געריייטלט זיך ווי א יינגל.

איינמאָל האָט נעכאמע א פרעג געגעבן בא אים:

— פארוואָס האָסטו ניט כאסענע, אײַזיק?

— ווער וועט כאסענע האָבן פאר אזא קאפּצן ווי איך?

— נעם א מיידל מיט נאדן, וועסטו ווערן א באלעבאָס.

— ווער ס'האָט א סאך נאדן, וויל א רײַכן כאָסן.

— מ'קען זײַן רײַך און אומגליקלעך, — האָט נעכאמע מיט פארביטערונג זיך אָפּגערופן. — דער איקער אין לעבן איז גליק, און קיין גליק קויפט מען ניט.

אײַזיק איז נאָך קיינמאָל ניט געווען גליקלעך. זײַן מוטער איז פרי געשטאָרבן. דער פאָטער האָט געבראכט אין שטוב א בייזע שטיפמוטער. פאר יעדער קלייניקײַט האָט זי געשלאָגן, קיין עסן ניט געגעבן. דער פאָטער האָט אין דער היים קיין ארבעט ניט געהאט און איז געווען געצוווּנגען צו טאָן עפּעס אין די ארומיקע דײַטשישע קאָלאָניעס. קומענדיק אף שאבעס אָדער אף יאָמטעוו אהיים, פלעגט ער ברענגען פון דאָרטן מעל, גרויפּן, פּוטער, א מאָל אפילע אן אָף, פּרוכטן. נאָר די קינדער פלעגט עס קימאַט ניט אָנקומען. די שטיפמוטער פלעגט עס באהאלטן און שטילערהייט אליין אופּעסן.

דאָס גרעסטע גליק איז פאר אײַזיקן געווען — מ'זאָל אים ניט שלאָגן און געבן עסן צו זאט.

ניט קענענדיק איבערטראָגן די צאָרעס און ליידן פון דער שטיפמוטער, האָט אײַזיק באשטימט אנטלויפן פון דער היים. נאָך לאנג ארומוואנדערן האָט ער אן ארומגעריסענער און א געשוואָלענער פון הונגער זיך דערקליבן צו דער מומע קיילע, וועלכע האָט אים באגעגנט ווי אן אייגענעם זון.

לאנג געפינען זיך בא דער מומען, וועלכע האָט געלעבט אין נויט און דאָכקעס, האָט אײַזיק ניט געקענט. און ער איז געצוווּנגען געווען גיין ארבעטן. געהאָרעוועט האָט ער בא די באלעבאטים זייער ביטער. צום טיש האָט מען אים ניט צוגעלאָזן. געשלאָפן איז ער אין שטאל מיט די בעהיימעס.

ווען ער איז א ביסל אונטערגעוואקסן, האָט ער פאר די גראָשנס, וועלכע ער האָט פארדינט באם באלעבאָס, געקויפט זיך א נײַ העמדל, א פּאָר קאָרטענע הויזן, שטיוול און א היטל מיט א גלאנציקן דאשעק.

— זע נאָר, ווי ער האָט זיך אויסגעמענטשלט אין דער פרעמד, — האָט די שטיפמוטער אים באגעגנט מיט א צופרידן שמייכעלע, ווען ער האָט זיך אהיים אומגעקערט, — סארא שיינער באָכער ער איז עס געוואָרן, אן עמעסער כאָסן-באָכער!

מיידלעך איז אויסגעגאנגען דאָס כיעס נאָך זײַנע טריט, אפילע באלעבאָטישע טעכטער האָבן זיך פארקוקט אף אים.

נאָר קיינער האָט ניט געוווּסט, ווער איז עס די אויסגעוויילטע, וועלכע האָט זײַן הארץ גערירט.

אין דעם בלויען ציצענעם העמדל מיט די ווײַסע שפּרענקעלעך, וואָס ער

האָט אמאָל געטראָגן אין דער היים, האָט ער זיך באוויזן פאר נעכאמען. דאָס העמדל איז געווען אָפּגעבליאַקעוועט, די הויזן צעריסן, די שטיוול צעלעכערט. דאָס שווארצכיינעוודיקע פּאָנעם איז געוואָרן פארכווישעכט, נאָר די אויגן האָבן ווי פריִער געפינקלט. דאָס שעמעוודיקע שמייכעלע האָט ווידער ארומגעשוועבט אַף זײַנע ליפּן. נעכאמע האָט מיט א פארטײַעטן בליק געכאַפּט א קוק אַף אײַזיקס פּאָנעם. איר קאָל איז געוואָרן ווארעמער, ווען זי האָט אָנגעהויבן רעדן צו אים, און א פּײַערל האָט זיך א טוק געגעבן אין אירע אויגן. אײַזיק האָט עס, קענטיק, דערפילט. זײַן עטוואָס אײַנגעהויקערטער קערפּער האָט זיך אויס־געגלײַכט, די יינגלשע פארשעמטקײַט האָט אָנגעהויבן פארשווינדן. ער האָט אראָפּגעצויגן דאָס העמדל, איבערגעבונדן דאָס גארטעלע און זיך געוואָלט אוועקזעצן.

— וואַש זיך אײַן, — האָט נעכאמע אָנגעוויזן אַפן האנטפאַס.

אײַזיק האָט זיך אײַנגעוואַשן. נעכאמע האָט דערלאַנגט צום טיש א לאַבן ברויט, קאַרטאָפליעס און א קריגל זויערמילך. אַז אײַזיק האָט אָפּגעגעסן, האָט נעכאמע אים געגעבן טאנכומס אויסגעוואַשענע און אויסגעפּרעסטע בגאָדים.

— טו זיך איבער.

— א דאַנק, מע דאַרף ניט, איך וועל זיך ווי־ניט־איז באַגיין.

נאָר נעכאמע האָט אים אײַנגערעדט:

— איך האָף, אַז אונטער דער כופּע וועסטו ניט גיין אין זיי, נאָר באַם פּאָרען זיך אין דער באַלעבאַטישקײַט וועלן זיי דיר צוניץ קומען.

אײַזיקן איז געווען אומבאַקוועם צו נעמען די זאַכן. נאָר דער באַלעבאָס־טעס אופמערזאַמקײַט צו אים איז אים געווען אײַנגענעם. ער האָט זיך לאַנג גע־קווענקלט און סאָפּקאָלסאָף גענומען די זאַכן.

כאָטש דאָס העמדל איז געווען ברייט און קורץ אַף אים און די הויזן זײַנען געווען ענג אין סטאָן, דאָך האָט ער אין די בגאָדים באַקומען א בראַוון אויסזען.

— זיי זײַנען ווי אָנגעמאָסטן אַף דיר, — האָט נעכאמע זיך אָפּגערופן.

פון די ערשטע רעגעס האָט אײַזיק זיך דערפילט בא נעכאמען אין שטוב פרײַ. אין די אָוונטן, נאָכן געמעלק, פלעגט ער איינינעם מיט דער באַלעבאָסטע אָנהאָדעווען דאָס פי, שווײַגנדיק שיילן יאָדערן און מיט טריבע בליקן קוקן אַף איר.

די דאָזיקע אָוונטן האָבן דערנעענטערט אײַזיקן מיט נעכאמען. ער האָט שוין אָנגעהויבן פארגעסן, אַז ער איז א באַטראַק און זי א באַלעבאָסטע, פאר וועלכער ער דאַרף האָבן אָפּשײַ און מוירע האָבן פאר איר קוק.

אין איינעם אַן אָוונט, ווען נעכאמע איז געגאַנגען פון שטאָל אין שטוב, האָט אין פּאָדערהויז, ווו אײַזיק איז געשלאָפן, זיך פארלאָשן דאָס קאַנעצל. נע־כאמע האָט זיך אָנגעהויבן ריִען אין קעשענע פון פארטעך, עפּשער וועט זי געפינען שוועבעלעך, אָנצוצינדן דאָס לעמפּעלע. אומגעריכט האָט אײַזיק אָנגע־רירט איר האַנט. אָנטאַפּנדיק אין דער פינצטער די טיר, וועלכע האָט געפירט פון פּאָדערהויז אין נעכאמעס צימער אַרײַן, זײַנען זיי געבליבן שטיין בא דער וואַנט לעבן אַרײַנגאַנג. פון נעכאמעס ווארעמען אָטעם איז אײַזיק ווי פארשי־

קערט געוואָרן. ער האָט זיך א הוידע געטאָן, און זייערע ליפּן האָבן זיך ווי צו־
נויפגעגאָסן. אַלץ, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אין אײַזיקס האַרץ, די גאַנצע
צאַרטקייט פון זײַן נעשאָמע, איז ער גרייט געווען איר אָוועקשענקען אין דער
גליקלעכער מינוט. ער האָט אַזש אָנגעהויבן ציטערן פונעם טײַנעג, וועלכער
האָט זיך פאַנאַנדערגעגאָסן איבער זײַן לײַב.

— נעכאַמעלע! — האָט ער, לײַדנשאַפטלעך קושנדיק זי, אָנגעהויבן שעפּ־
טשען, נאָך שטאַרקער צודריקן זי צו זיך.

נעכאַמע האָט ווי געווײנלעך ביז שפּעט אין אָוונט זיך געפּאָרעט אין שטוב,
און אײַזיק איז פון איר ניט אָפּגעטראָטן. ער האָט געשיילט געזשאַרעטע קערלעך,
געקוקט נעכאַמען אין די אויגן, און זי האָט געשטריקט, געצירעוועט, געלאַ־
טעט אָדער א ראָשטשינע פאַרקנאָטן און צופרידן געשמייכלט צו אים.

די מעכיצע צווישן אים מיט איר — צווישן א באַלעבאָסטע און א באַדי־
נער — האָט אָנגעהויבן אַלץ מער פאַרשווינדן.

זינט זי האָט זיך דערנעענטערט מיט אײַזיקן, האָט זי דערפילט, אַז זי האָט
טאַנכומען קיינמאָל ניט ליב געהאַט. פּוסט און אומעטיק, אָן ליבע און אָן
גליק איז געגאַנגען איר לעבן. קיין וואַרעם וואָרט האָט זי קיינמאָל פון טאַנ־
כומען ניט געהערט, קיין צערטלעכקייט ניט געזען פון אים. מיטן ערשטן קריי
פונעם האָן פלעגט זי אופשטיין און א מידע און אויסגעהאָרעוועטע זיך שפּעט
אין אָוונט לייגן שלאָפן.

ווי עס איז איר ניט געווען שווער, ווי עס איז איר אָפט ניט געווען דער־
ווידער טאַנכומס טעמפּע פאַרגרעבטקייט, האָט זי געטרײַ געטראָגן דעם אָל פון
א באַלעבאָסטע און א ווײַב. דער פאָטער, די ברידער און אַלע אייגענע האָבן
זיך אָפּגעזאָגט פון טאַנכומען, נאָר זי האָט זיך געהאַלטן מיט אים. זי האָט וועגן
גאָרנישט ניט געטראַכט, וועגן גאָרנישט ניט געטרוימט אויסער דער ווירטשאַפט.

נאָך דעם, ווי זי איז געשטראָפט געוואָרן, ווען נאָך אַלע סגולעס און טרו־
פעס האָט זי פאָרט ניט געשוואַנגערט און אפילע פאַרלאָרן די האָפענונג צו
געבוירן א קינד, איז איר איינציקע טרייסט אין לעבן געוואָרן די באַלעבאַטיש־
קײַט, אין וועלכער זי האָט זיך אַרײַנגעטאָן מיט לײַב־און־לעבן.

די ערשטע טעג נאָכן אומגליק, וועלכער האָט געטראָפן מיט טאַנכומען,
איז נעכאַמע געווען דערשיטערט און פאַרלאָרן. אײַזיק האָט זי ניט נאָר באַ־
רויקט, נאָר אופגעוועקט אין איר די ערשטע יוגנטלעכע מיידלשע לײַדנשאַפטן,
וועלכע זײַנען דערשטיקט געווען פון די פריסטע יאָרן אָן, ווען זי האָט זיך
געהאַט פאַרליבט אין איר שוואַרץ־אויגיקן שול־כאַווער — נאָכעמקע קאָדנער.
זי האָט דעמלט לאַנג געליטן, מוירע האָבנדיק מוידע זײַן זיך אפילע פאַרן
באָכערל. און איצט, ווען זי האָט זיך דערנעענטערט מיט אײַזיקן, האָט ווידער
א שפּיל געגעבן דאָס בלוט אין אירע אָדערן מיט יענעם יוגנטלעכן ברויז פון
די מיידלשע יאָרן.

עפּעס א געהיימניש האָט זי געצויגן צו אײַזיקן. יעדער בליק זײַנער האָט
טיף אַרײַנגעשטראַלט אין איר נעשאָמע, און זי האָט ליב געשמייכלט, גע־
לאַשטשעט זיך צו אים.

נעכאמע האָט קיינמאָל ניט געבענקט נאָך טאנכומען, ווען ער פלעגט ערגעץ אוועקפאָרן. זי האָט קיינמאָל ניט ארויסגעקוקט אף אים, ווען ער איז ערגעץ אוועק און זיך פארהאלטן. נאָר נאָך איַיזיקס טריט איז זי אויסגעגאנגען. ס'איז איר נאָך קיינמאָל ניט געווען אזוי גוט, ווי מיט אים. אינעם אומגליק, וואָס האָט זי געטראָפן, איז ער געקומען ווי א טרייסט. קיינער האָט ניט געקאָנט אזוי פארטרייַבן דעם אומעט, וואָס האָט געדריקט איר הארץ, ווי־ער.

נאָך וועטשערע פלעגט ער, פארקלייַבנדיק זיך מיט איר ערגעץ אין א ווינקעלע, שטיל מורמלענדיק זיס־הארציק אונטערזינגען:

לאָמירביידע א ליבע שפּילן,
מיר זייַנען ביידע פון גאָט א פּאָר.

נאָכדעם פלעגט ער אומבאמערקט אָנבייגן זיך צו נעכאמען, גלעטן איר די האָר, צערטלען זי און אָן אופהער זינגען ביז טיף אין דער נאכט ארייַן.

אזוי זייַנען דורכגעגאנגען א פּאָר כאדאָשים. פּלוצעם האָט נעכאמע באקומען פון טאנכומען א בריוו. דער בריוו האָט, קענטיק, לאנג ערגעץ ארומגעוואנדערט, אויסגעוואלגערט זיך אין פארשיידענע טעפּלושקעס, וועלכע פלעגן מעסלעסנווייַז אָפּשטיין אף די פּאָלוסטאנקעס, ווארטנדיק אף הייצונג פארן לאָקאָמאָטיוו, ביז ער איז סאָפּקאָסאָף דערגאנגען צום אדרעסאט.

אין דעם אָוונט, ווען נעכאמע האָט באקומען דעם בריוו, האָט זי זיך פארקליבן צו זיך אין שלאָפצימער, לאָזנדיק א טרער, הויך אף א קאָל געלייענט אים.

איַיזיק האָט פּונקט זיך עפּעס פארהאלטן ארום דער מומע קיילען און לאנג זיך מיט איר וועגן עפּעס געסוידעט. כאָטש ער האָט זיך שוין געפילט ווי א שטיקל באלעבאָס אין נעכאמעס אויגן, דאָך האָט ער אָן דער מומע קיילעס וויסן קיין טראָט ניט געמאכט. דערהערנדיק אין שכיינישן צימער נעכאמעס פארשטיקט געוויין, האָט ער א פרעג געגעבן בא דער מומען:

— וואָס וויינט עס נעכאמע?

— זי האָט באקומען א בריוו פון באלעבאָס.

— פונוואנען וויסטו, אז פון באלעבאָס?

— פארלאָז זיך שוין אף מיר, איך וויים, — האָט זי געענטפערט און א ווונק געגעבן, ער זאָל זיך איַינהערן, ווי זי לייענט.

— איז וואָס זשע וויינט זי? — האָט איַיזיק שטיל א פרעג געגעבן.

— טאקע דערפאר, ווייַל ס'איז פון אים דער בריוו, וויינט זי, — האָט די מומע קיילע א שעפּטשע געטאָן אים אפן אויער. — קארג יעסורים האָט זי געהאט אויסצושטיין?

— עפּשער האָט ער דאָרט אָנגעלייגט מיטן קאָפּ? מ'זאָגט, אז ער איז א גרויסער גאזלען.

— יאָ, מ'האָט מיר אויך דערציילט, אז ער איז א שלעכטער מענטש, — האָט די מומע, צולייגנדיק דעם פינגער צום מויל, ער זאָל שווייַגן, געענטפערט.

איַיזיק האָט פארשטאנען, אז ווי נאָר דער באלעבאָס וועט זיך באווייַזן אפן שוועל פון זייַן שטוב, וועט ער אים גלייַך מיט דער מומען מעשאלייעך זייַן פונ־

דאנען, אָבער אז ער זאָל אומקומען אין טפיסע — דאָס האָט אײַזיק ניט געוואָלט.

ווען אירע איבערלעבונגען, וועגן איר באַציִונג צו טאַנכומען האָט נעכאַמע אײַזיקן גאָרנישט ניט דערציילט. זי האָט בכלל אויסגעמיטן צו ריידן וועגן אים. פונעם צימער, וווּ נעכאַמע איז געזעסן, איז זי ארויס א פארוויינטע. אײַזיקן האָט זיך שטארק געוואָלט דערוויסן, וואָס איז געשען, פארוואָס האָט זי געוויינט. נאָר פרעגן בא איר האָט ער ניט געוואַגט. נעכאַמע האָט זיך ארומגעדרייט איבער דעם פּאָדערהויז, ווו אײַזיק מיט קיילען זײַנען געזעסן. זי האָט זיך עפּעס לאנג געפּאָרעט, און, ווי זי וואָלט זיי גאָרניט באמערקן, קיין וואָרט ניט ארויסגעבראַכט. קיין אָונטערוויט האָט זי ניט געגעסן. ס'איז איר, קענטיק, גאָרנישט אין מויל ניט געקראָכן. זי איז געזעסן א שטיקל צײַט און אוועק צוריק צו זיך אין צימער. אין א ווײַלע ארום איז ניט זיכער ארײַן צו איר אײַזיק.

— וואָס איז געשען? וואָס ביסטו אזוי צעטראָגן?

— גאָרנישט, — האָט זי אָפּגעהאַקט אָפּגעענטפערט. — ס'איז מיר שווער אפן הארצן, כ'קען דיר אפילע ניט איבערגעבן, ווי ס'איז מיר שווער.

נעכאַמע האָט א באַטריבטע אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. אײַזיק איז צוגעגאַנגען נעענטער, אוועקגעלייגט די האנט אף איר אקסל און לאנג, ניט אראָפּנעמענדיק פון איר די אויגן, געקוקט און געשוויגן.

נעכאַמע האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. געבן טאַנכומען צו וויסן, אז זי איז שוואַנגער, צי ניט. ווי שווער טאַנכומען זאָל דאַרט ניט זײַן, וועט ער זיך דערפרייען מיט אזא יעדיִע. עפּעס א קלייניקייט! זינט זיי האָבן כאַסענע געהאַט, וואַרטן זיי אף א קינד. און אָט וועט זייער געגאַרט גליק מעקויעם ווערן. אָבער ווי זאָל זי אים אָנשרײַבן, אז זי ווייסט ניט, ווער ס'איז דער פּאָטער פונעם קינד.

סאָפּקאָלסאָף ווייסט דאָך קיינער ניט וועגן אירע באַציִונגען מיט אײַזיקן. קיינער איז דאָך זי אין גאָרנישט ניט כוישעד. אײַזיק מיט דער מומען וווינען דאָך אין פּאָדערהויז. קיין מאַגע־מאַסע האָט זי ניט מיט קיינעם, דערציילט קיינעם גאָרנישט. איז ווּעמען קען אײַנפאַלן זי באריידן, זאָגן וועגן איר א קרום וואָרט. פונדעסטוועגן האָט זי באַשטימט גאָרנישט ניט שרײַבן טאַנכומען, ביז דאָס קינד וועט געבוירן ווערן.

נאָר ווי נעכאַמע האָט זיך ניט געהיט ארײַנצופאַלן צו די ווײַבער אין די מײַלער, איז סאָפּקאָלסאָף צו הינדען דערגאַנגען, אז צווישן נעכאַמען מיט אײַזיקן קומט עפּעס פּאָר. הינדע האָט עס באַלד דערציילט כעוועדן, צוגעבנדיק דערבײַ:

— וואָס זשע, זי וועט וואַרטן אף איר קוויִט? זי וועט, דאַכט זיך, וויניק וואָס וויינען, אויב ער וועט זיך אינגאַנצן ניט אומקערן.

טיף אין הארצן האָט הינדע פונדעסטוועגן ניט געגלייבט, אז ס'איז אזוי. דעריבער האָט זיך איר געוואָלט ארײַנגיין צו נעכאַמען, א קוק טאָן אפן באַ־

בער, וועלכער, ווי מ'האָט דערציילט, איז געווען שיין, ווי אַן אָפּגעמאָלטע קאַר־טינע, און אָרעם און הויל ווי אַ קאַטויל.

צוגעטראַכט אַ טערעץ, לעמיַי זי האָט ביז איצט ניט אָפּגעגעבן דאָס מעל, וואָס זי האָט געליִען, האָט זי זיך געלאָזט גיין צו נעכאַמען.

איַיזיק האָט פּונקט זיך געפּאָרעט אין הויף. הינדע האָט זיך באַגריסט מיט אים. נאָר באַטראַכטן אים, ווי עס באַדאַרף צו זיַין, האָט זי ניט באַוויזן, וויַיל נעכאַמע איז איר פּונקט אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן.

— דאָס איז דיַין... — האָט זי, אָנוויַיזנדיק אויף איַיזיקן, געפּרוּווט פאַר־פירן אַ רייד וועגן אים, ניט וויסנדיק ווי אים אָנצורופן.

— יאָ, דאָס האָט מיר דער טאַטע צוגעשיקט אַ מענטשן אונטערהעלפן אין דער באַלעבאַטישקיַיט, — האָט נעכאַמע, אַריַינגייענדיק מיט הינדען אין שטוב, געזאָגט. — און דאָס איז איַיזיקס מומע, אָט דאָ אין פאָדערהויז וווינען זיי בא מיר.

— ער איז טאַקע געראָטן אין דער מומען, — האָט הינדע, איַינקוקנדיק זיך אין קיילען, זיך אָפּגערופן. — ראַכמיִעלס יִנגעלע, ווי הייסט ער, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, איז אויך געראָטן אין דעם פעטער... אַן אויס־געגאָסענער טאַנכום, ס'זאָל פעלן אַ האָר.

נעכאַמע האָט פאַרשטאַנען, צוליב וואָס הינדע האָט פּלוצעם פאַרפירט אַ רייד וועגן ראַכמיִעלס יִנגל. זי איז געוואָרן דערפאַר אַפילע אופגעבראַכט אויף איר. נאָר זי האָט זיך באַמיט פאַריידן זי. הינדע האָט ניט אופגעהערט צו געבן אָנצוהערן, אַז דאָס יִנגל איז טאַנכומס.

— ווער ווייסט זיי, די מענער, מ'קען זיי דען גלייבן... ראַכמיִעל איז גע־ווען אויף דער מילכאָמע... מענטשן ריידן...

— נו, איז זאָלן זיי ריידן, אויב זיי האָבן ניט וואָס צו טאָן, זאָלן זיי קלאַפּן מיט די צינגער... עפּשער ריידן זיי וועגן מיר אויך?

— מ'רעדט, געוויס רעדט מען, — האָט הינדע אַ זאָג געטאָן מיט אַ גע־לעכטערל, ווי זי וואָלט צופרידן זיַין, וואָס מ'באַרעדט זי. — מענטשן האָבן אַ טעווע נאָך אַליץ און נאָך אַלעמען נאָכצוקוקן.

— זאָלן זיי קוקן, נאָר די, וואָס טראַכטן אויס בייז, מעג די אויגן אַרויס־קריכן, — האָט נעכאַמע זיך אָנגעהויבן שילטן.

באַרויִקט זיך, האָט זי אָנגעהויבן ריידן געלאַסן, באַמיִענדיק זיך אויס־פרעגן, וואָס ריידן מענטשן טאַקע וועגן איר, צי ווייסט קיינער ניט, וואָס ס'קומט פאָר צווישן איר מיט איַיזיקן.

זי האָט גוט געוווּסט, אַז פריִער אָדער שפּעטער וועט מען געוואָר ווערן, אַז זי איז שוואַנגער, און אויב ס'וועט ניט זיַין קיין כשאַד, אַז צווישן איר מיט איַיזיקן קומט עפּעס פאָר, וועט בא קיינעם ניט זיַין קיין סאָפּעק, אַז דאָס קינד איז טאַנכומס.

דער געדאַנק, אַז זי איז שוין מער ניט קיין אַקאָרע און אַז זי וועט איינגיכן דערלעבן דאָס גליק צו ווערן אַ מוטער, צו ניאַנטשען אַ קינד, האָט זי זייער באַפליגלט. אַז ס'וועט איר ווערן שווער אויף דער נעשאָמע, וועט זי צו־דריקן דאָס קינד צו דער ברוסט. דאָס קינד וועט זיך לאַשטשען צו איר, אַרומ־

נעמען זי מיט זײַנע הענטעלעך און אָנרופֿן זי מיטן סאַמע צאַרטסטן וואָרט אױף דער וועלט — מאַמע.

הינדע האָט זיך אופֿגעהויבן פֿון בענקל און, פֿאַרעדנדיק זיך, פֿונסנײַ זיך אוועקגעזעצט. אין אַ ווײַלע ארום האָט זי זיך ווידער אַ כאַפּ געטאָן, איבער־כאַזערנדיק איינס און דאָס זעלבע:

— וואָס זיץ איך, אַז כ'האָב אַזוי קיין צײַט ניט.

און דאָך איז זי ניט אוועקגעגאַנגען, ביז אין שטוב איז סאַפּקאָלסאָף ניט אַרײַן אײַזיק. ער האָט זיך אַרומגערייניקט די בגאָדים, אײַנגעוואַשן זיך און זיך אוועקגעזעצט לעבן דער מומען.

— גוט, וואָס אין אַזאַ שווערער צײַט האָסטו געפֿונען אַזעלכע באַהעל־פֿער, — האָט הינדע, אָנווײַזנדיק אױף אײַזיקן מיט קיילען, אַ זאָג געטאָן, — ס'זײַנען דײַנע אייגענע?

— אייגענע, אַוודע אייגענע, — האָט נעכאַמע, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ, באַשטעטיקט. — כ'ווייס טאַקע ניט, וואָס איך וואָלט געטאָן אָן זיי, ביפֿראַט, אַז מיר שטייט פֿאָר איבערקומען...

נעכאַמע האָט אַ קוק געטאָן אױף הינדען און געפּרוווט באַשטימען, צי זי שטויסט זיך אָן.

— אַוודע וועט דיר זײַן ניט גרינג, — האָט הינדע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, כאָטש געננוי וואָס, האָט זי ניט געוווּסט.

— שוין וויפֿל צײַט, ווי מיר לעבן מיט טאַנכומען, האָב איך זיך ניט דער־וואַרט קיין שטיקל נאַכעס, און גראָד איצט דאַרף עס טרעפֿן, — האָט זי איר געגעבן אָנצוהערן. — ער ווייסט דאָך נאָך ניט.

הינדע האָט לאַנג געקוקט אױף אײַזיקן. נאָכדעם האָט זי אַריבערגעפֿירט דעם בליק אױף נעכאַמען. נעכאַמע האָט זיך פֿאַרשעמט און פֿאַררייטלט.

— טאַקע גוט, וואָס אײַזיק מיט דער מומען זײַנען איצט אַרום מיר, — האָט זי, ניט האָבנדיק וואָס צו זאָגן, איבערגעכאַזערט.

8

ראַכמיִעל מיט זאַוועַ־לייבן האָבן ווי פֿאַרגעסן אין טאַנכומען. נאָר באַ בעי־רען האָט געבלוטיקט דאָס האַרץ. אים האָט זיך אַלץ אויסגעדוכט, אַז ער האָט עפּשער באַצײַטנס ניט גענוג געוואָרנט טאַנכומען, ניט אָפּגעהאַלטן אים פֿון גיין אױף אַ שלעכטן וועג.

וויפֿל בערע האָט ניט געטראַכט, האָט ער בעשום־אויפֿן ניט געקאָנט שאָ־לעם מאַכן מיטן געדאַנק, אַז זײַן זון זיצט אין טפֿיסע, ווי אַ פֿאַרברעכער, צו־זאַמען מיט רויבער און באַנדיטן. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ פֿאַרקלערטער, די אויגן האָבן ערגעץ אַרומגעבלאָנדזשעט. ער האָט מיט קיינעם ניט גערעדט, גע־וואָרן אײַנגעשלאָסן אין זיך.

— וואָס איז מיט אײַך געוואָרן, שווער? — האָט פֿריידל אָנגעהויבן צו אים צושטיין. — וואָס גייט איר אַרום אַזוי צעטומלט?

דער אלטער האָט געשוויגן. ער האָט געוווּסט, אַז ניט די שנור און אפילע ניט די זין וועלן אים פאַרשטיין, איז צוליב וואָס עפּענען פאַר זיי דאָס האַרץ? עפּעס האָט זיך אַלץ מער און מער אָנגעהויבן דערמאָנען טאַנכומס קינדהײַט. ער איז דאָך געווען אַ קלוג יינגל, אַ צוגעלאָזנס. ווער האָט געקענט טראַכטן, ער זאָל ווערן אַזוי אָפּגעפרעמדט און אַפילע אַ סוינע דעם טאַטן און די ברידער.

בערע האָט זיך דערמאָנט, ווי טאַנכום האָט קינדווײַז געמאָזלט, ווי ער מיט פעלטען, אַלעוו־האַשאָלעם, פלעגן טעג און נעכט אָפּזיצן אַרום זײַן געלעגער, יעדע ווײַלע טאַפּן אים דעם שטערן, צוהערן זיך, ווי ער אָטעמט, ווי דאָס הער־צעלע קלאַפּט.

— מיר זאָל זײַן פאַר אים, ווי עס מאַטערט זיך נעבעך, — פלעגט פעלטע טײַנען צו אים.

„בעסער וואָלט ער יעמלט געשטאָרבן אַ קלייניקער, איידער ס'איז אויס־געוואַקסן אַזאַ מיִעסע בריִע", — לויפט בערען דורך אַ געדאַנק.

ער וואָלט אים באַוויינט, איבערגעלעבט דעם אומגליק, נאָר ער וואָלט ניט געוווּסט פון דעם ווייטעק און פון דער שאַנדע, וועלכע ער האָט אים איצט פאַרשאַפן.

גוט, וואָס פעלטע האָט ניט דערלעבט צו זען די צאָרעס פון איר זון. ווען זי שטייט אויף און דערזעט, וואָס עס איז געוואָרן פון טאַנכומען, וואָלט זי נאָכאַמאָל אין קייווער אַרײַן.

ווען פעלטע איז אַוועק פון דער וועלט, האָט זי דאָך ניט געוווּסט, צו וואָס איר מיזיניקל איז דערגאַנגען. ס'קאָן זײַן, אַז זי וואָלט אים מויכל געווען. און ער, בערע, האָט אים דען ניט געפּרוּווט פאַרגעבן זײַנע זינד? ווי קאָן מען זיך עס אָפּזאָגן פון אַן אייגענעם זון? העלפן קאָן ער אים ניט. נאָר כאָטש ווינסן, וואָס קומט פאַר מיט אים, מוז ער. צו האַרב איז ער זיך באַגאַנגען מיט נעבאַמען, ווען זי איז געקומען צו אים בעטן הילף. וואָס ס'זאָל ניט זײַן, האָט ער באַשטימט אַרײַנגיין צו איר.

פאַרבײַגייענדיק טאַנכומס הויף, האָט ער דערזען אײַזיקן.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מאַנצבל? — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. ער האָט געוואָלט אַרײַנגיין אין שטוב, דערוויסן זיך, ווער איז עס, נאָר ער האָט דערזען זאַוועליייבן. דער איז עפּעס פאַרהאַוועט דורכגעלאָפן די גאַס און פאַרקערעוועט צו זיך אין הויף.

דער אַלטער האָט פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז בא אים געשען. ניט פאַר־האַלטנדיק זיך, איז ער אַוועקגעלאָפן צו אים.

— אונדזער פערד איז קראַנק געוואָרן, זיידע. עס עסט ניט, פון נעכטן אָן עסט עס ניט! — האָבן זאַוועליייבס יינגלעך — מוישעלע און פינעלע, דערזע־ענדיק דעם אַלטן, אָנגעזאָגט אים די נײַעס.

בערע האָט באַטראַכט דאָס פערד און מיט אַ האָפערדיקער מינע געזאָגט:

— עס וועט מירצעשעם געזונט ווערן... גיט דעם אַ ביסל וואַסער.

— מ'האָט שוין אַלץ געגעבן, אַכוץ עפּשער פויגלמילך, — האָט כעוועד זיך אָפּגערופן.

דאָס פערד איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. זאַוועל־לייב האָט דעם געשטופּט אַ ביסל היי אין מויל אַריַין, נאָר עס האָט זיך אַפילו ניט צוגערירט.

— ניט אַנדערש ווי דאָס איז אַ שלעכט אויג, — האָט כּעוועד, ברעכנדיק די הענט, געטײַנעט. — טאָמער האָט אונדז שוין גאָט צוגעשיקט אַ שטיקל גליק, וויל ער עס אויך צוריק צונעמען.

די קינדער זײַנען געשטאַנען מיט טרערן אין די אויגן. סאָפּקאָלסאָף האָט דער ייִנגסטער פֿינעלע ניט אויסגעהאַלטן און אָנגעהויבן כליפּען.

— פּ־פּ־אַ־ראַוואָס איז ער קראַנק געוואָרן? — האָט ער, שלינגענדיק די ווערטער, אָנגעהויבן ריידן. נאָר טייקעף זײַנען זײַנע ווערטער דערטרונקען געוואָרן אין אַ הילכיקן געוויין. הערשעלע, וועלכער איז געשטאַנען לעבן כּעוועדס פֿאַר־טעך, האָט אָנגעבלאָזן די בעקעלעך און זיך אויך צעכליפּעט.

— וואָס איז מיט דיר, פערדעלע? — האָט כּעוועד אָנגעהויבן טײַנען, — זאָג, לעבן מײַנס, האָב ראַכמאָנעס אויף אונדז און אויף אונדזערע קינדער.

— מ׳דאַרף לויפֿן נאָך אַ וועטערינאַר, — האָט בערע געזאָגט. — לעכאָלאָ־פּאָכעס מוז מען טייקעף זיך ווענדן צו מענטשן, וועלכע פאַרשטייען אין אַזעל־כע זאַכן.

— איך וועל פּרוּוון לויפֿן נאָכן וועטערינאַר, — האָט זאַוועל־לייב זיך אָפּ־גערופֿן. — און דו, טאַטע, גיי דערווײַל זיך דורך צום קאַנאַוואַל, עפּשער וועט ער עפּעס געבן אַ טרופּע.

ביז וואַנען זאַוועל־לייב מיט בערען האָבן זיך באַוויזן אַ ריר טאָן, זײַנען אָנגעקומען געדאַליע רײַטשוק מיט באָרעכן.

זיי האָבן באַקוקט דאָס פערד פֿון אַלע זײַטן און האָבן מײַסע זנאַכערס אין פערד־כאַלאָעסן געמאָלדן:

— דאָס פערד האָט זיך פּאַשעט איבערגעגעסן, און ס׳וועט מירצעשעם גע־זונט ווערן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט דאָס פערד אָנגעהויבן צוביסלעך עסן. נאָר דער אַלטער בערע האָט ניט אויפֿגעהערט צו זאָגן טילים. — גאָט ליבהאַרצי־קער, — האָט ער פֿון זיך צוגעגעבן צו די ווערטער פֿון טילים, וועלכע ער האָט פֿול מיט האַרץ אַרויסגעבראַכט, ניט פֿאַרשטייענדיק זייער אינהאַלט. — דער רויטער סאָלדאַט איז דאָך ווי אַ מאָשיעך געקומען צו רײַטן אויף דעם פערד צו מײַן זון... אַ גאַנץ לעבן האָבן מיר אויף אים אַרויסגעקוקט, ער זאָל אונדז געבן די מעגלעכקײַט פֿאַרזייען אַ שטיקל ערד און מיר זאָלן האָבן אַ שטיקל ברויט די נעשאָמע צו דערהאַלטן... דערבאַרעם זיך, ליבהאַרציקער, זע, דאָס פערד זאָל געזונט ווערן. מײַן זון זאָל אויפֿגעריכט ווערן!

זאַוועל־לייבס האָפֿענונג, אַז דאָס פערד וועט געזונט ווערן, האָט שטאַרק באַפֿליגלט זײַן מישפּאָכע. די קינדער האָבן געשלעפּט פֿאַרן פערד גראָז, אַרויס־געגאַנוועט פֿון שטוב שטיקלעך ברויט, קעדיי עס זאָל גיכער צו־זיך קומען. פֿון טאָג צו טאָג איז דאָס פערד געוואָרן פריילעכער. נאָר ראַכמיִעלן און אַפילו דעם פֿאָטער האָט זאַוועל־לייב מוירע געהאַט צו דערציילן וועגן דעם.

— ווער ווייסט, — האָט אים כּעוועד געוואָרנט, — צווישן אייגענע קאָן זיך אויך געפֿינען אַ שלעכט אויג.

נאָר דעריקער האָט ער מוירע געהאַט, טאָמער וועט דאָוויד זיך דערוויסן, אַז דאָס פערד איז געקומען צו־זיך. ער קאָן נאָך באַפוילן עס איינשפאַנען, קעדיי אופּצואַקערן אַ דעסיאַטינקע עמעצן פון דער אָרעמשאַפט. דעריבער האָט ער געהאַלטן אין איין טײַנען:

— ווער ווייסט נאָך, וואָס עס וועט זײַן, קוים וואָס די נעשאָמע האַלט זיך אינעם פערד.

איינמאָל, גייענדיק פון רעווקאָם פאַרבײַ זאַוועל־לייבס הויף, האָט דאָוויד דערהערט אַ הירזשערײַ פונעם פערד.

— צי דען לאָזט זיך עס אַזוי הערן זאַוועל־לייבס שקאַפּע, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. — אויב אַזוי, האַלט זיך די נעשאָמע גאָר ניט אַזוי שוואַך אין איר גוף.

ווי דאָוויד האָט זיך ניט געאײַלט אַף דער פאַרזאַמלונג פון דער אָרעמשאַפט, האָט ער באַשטימט אַרײַנלויפן כאַטש אַף אַ ווײַלע צו זאַוועל־לייבן אַ קוק טאָן אַפן פערד. נאָר דאָס שטיבל איז געווען פאַרשפּאַרט און דאָס שטעלכל פאַריגלט און פאַרשטעקט, קיין לעבעדיקער נעפעש זאָל ניט קענען אַרײַנקוקן אַהין. בלויז די כעוורע האָבן זיך געשפּילט אין הויף און זײַנען פריילעך, ליאַרעמענדיק אַרומגעלאָפן.

— נו, שוין געזונט דאָס פערד? — האָט דאָוויד אַ פרעג געגעבן בא די כעווּרע.

— אָהאָ, איר הערט, ווי עס הירזשעט, — האָט פּיניעלע זיך אָפּגערופן.

— פערעאָדאָם, קאָנסט אים נאָך אַן איינהאָרע געבן, — האָט אים איבער־געשלאָגן מוישעלע. — דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן פאַרשטעקט אַלע לעכער, מ׳זאָל ניט הערן, ווי עס הירזשעט, איר וועט קיינעם ניט זאָגן, אַז אונדזער פערד איז שוין געזונט.

— אוואַדע, וועל איך ניט זאָגן, — האָט דאָוויד געענטפערט.

פאַרקערעווענדיק צו דער שוועסטער אין שטיבל, האָט דאָוויד געטראָפן דאָרטן זאַוועל־לייבן מיט כעוודן. מוירע האָבנדיק, דער פאָטער אָדער ראַכמיִעל מיט פריידלען זאָלן ניט קומען צו זיי געוואָר ווערן וועגן דעם פערד, זײַנען זיי אַליין אַוועק אַהין.

— דערווײַל האָבן מיר אים פון וויניק נאַכעס, — האָט כעווּעד זיך גע־קלאָגט, — דערווײַל מאַטערט ער זיך.

— ווער מאַטערט זיך? — האָט דאָוויד איבערגעפרעגט.

— אונדזער פערד, — האָט כעוועד אָפּגעענטפערט.

— און איך האָב עס גערעכנט איינשפּאַנען, העלפן עמעצן אַ דעסיאַטינקע אופּאַקערן.

— איך האָב שוין מײַן בעהיימע אין אַקער אײַנגעשפּאַנט און אַף יענער וועלט אַוועקגעשיקט זי, — האָט כעוועד אָפּגעענטפערט.

— און ווער וועט דיר אופּאַקערן? — האָט דאָוויד אַ פרעג געגעבן.

— ווי־ניט־איז וועל איך אַליין אַ דעסיאַטינקע אָנקראַצן, — האָט זאַוועל־לייב געענטפערט.

— און ראַכמיִעלן און דעם טאַטן? — האָט דאָוויד אַ קוק געגעבן אַף אים.

— פונוואנען ווייס איך?
— ביסט שוין גאָר ווי טאַנכום, — האָט דאָוויד א שמייכל געגעבן.
— וואָסי? — האָט זאַוועל־לייב אויסגעשטעלט א פּאָר אויגן.
— איך האָב דאָך ערשט געהערט, ווי דאָס פערד הירזשעט פריילעך, הייסט עס, אַז עס איז פריש, געזונט, און דו ווילסט עס אויסבאַהאַלטן, האָסט מוירע, טאָמער וועט דיר אויסקומען העלפן אופּאַקערן א דעסיאַטינקע אָן אָרעמאַן... דאָס איז דאָך ניט דײַן פערד!
— איך באַהאַלט עס ניט אוים! — האָט זאַוועל־לייב אָנגעהויבן זיך בײַטן אין פּאָנעם פון ביזאיען... — פאַרוואָס דאַרף איך עס אויסבאַהאַלטן?.. ווער וועט מיר העלפן אופּאַקערן א דעסיאַטינקע?
— דער וואָס העלפט איצט דער אָרעמשאַפט, וואָלט אויך דיר געהאָלפן — דער קאָמנעזאַם.
— פאַרוואָס איז דאָס פערד ניט מײַנס? — האָט זאַוועל־לייב אים איבער־געשלאָגן.
— דער בודיאָנאָווער וואָלט אים יעדן אָרעמען פויער אוועקגעגעבן.
— און איך בין ניט קיין אָרעמאַן?
— דאָוויד איז גערעכט, זאַוועל־לייב, ס'איז פאַר אונדזער מישפּאָכע און ניט נאָר פאַר אונדזער מישפּאָכע — פאַר אַלע קאָמנעזאַמניקעס. מיר דאַרפן זיך צונויפשפּאַנען און העלפן איינער דעם אַנדערן, — האָט ראַכמיעל זיך אָפּ־גערופן.
— טאָמער האָב איך שוין דערלעבט צו האָבן אַן אייגן פערדל, בין איך שוין אויך אָפּ אים קיין באַלעבאָס ניט? — האָט זאַוועל־לייב אויסגעשטעלט א פּאָר אויגן, — נו, זאָג אַליין, וואָס הייסט עס?
דאָוויד האָט לאַנג מיט אים אײַנגעטײַנעט, און וויפל ער האָט אים ניט דערקלערט, אַז מ'דאַרף אָפּ אַקערצײַט זיך צונויפשפּאַנען, קעדיי אופּצואַקערן פאַר דער אָרעמשאַפט א פּאָר דעסיאַטינקעס, האָט ער בא אים פּויעלן ניט געקענט.

ווען דאָוויד איז אַרײַנגעגאַנגען אָפּ דער פאַרזאַמלונג פון קאָמנעזאַם, זײַנען שוין דאָרט געזעסן געדאַליע רײַטשוק, ראַכמיעל, דער אַלטער בערע, זאַוועל־לייב און נאָך אַנדערע. אייניקע זײַנען שוין געווען באַוואַקסן מיט בערד, אַרומגע־ריסענע, אין קויטיקע סאָלדאַטישע קליידער. דער אוילעם האָט גערייכערט, געטומלט. דערזעענדיק דאָווידן, האָבן זיך אַלע באַרויִקט און אַרויסגעקוקט, ער זאָל עפּעס זאָגן. נאָר זאַוועל־לייב איז געזעסן ווי אַן אָפּגעשמיסענער. ער האָט געוווּסט, אַז ס'וועט שטיין די פראַגע וועגן פאַרזייען פאַר דער אָרעמשאַפט צו דעסיאַטינקעס, איז ווי קען ער זיך אָפּזאָגן? דאָוויד וועט דאָך אים מאַכן צו שאַנד און צו שפּאָט. ניט נאָר פאַר ראַכמיעלן און פאַרן טאַטן — פאַרן גאַנצן אוילעם וועט ער די אויגן ניט קאָנען אופהייבן.
דאָוויד איז צוגעגאַנגען צום טיש און ניט געײַלט אָנגעהויבן:
— שווער איז אונדז, זייער שווער צו בויען דאָס נײַע לעבן. וויפל אָרעמע־לײַט זײַנען צווישן אונדז פאַראַן, וועלכע האָבן קיינמאָל קיין ווינדל פון קיין

פערד ניט פאַרמאָגט... מיר האָבן מיט בלוט אויסגעקעמפט אונדזער ערד בײַ די פּריצים און באַלעגופים, מיר זײַנען געוואָרן די באַלעבאַטים איבער איר. נאָר באַארבעטן זי האָבן מיר ניט מיט וואָס.

דאָוויד האָט אופגעהויבן די אויגן, איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און אַ רעגע אויסגעוואַרט, ווי ער וואָלט באַטראַכטן וואָס צו טאָן.

— מיר זײַנען אַלע פון איין קלאַס, פון אָרעמען קלאַס, פּראָלעטאַריער זײַנען מיר, — האָט ראַכמיִעל אָנגעהויבן ריידן. מיטאַמאָל איז ער געבליבן שטיין, ווי עס האָט אים אָפּגענומען דאָס לאָשן.

— וואָלסט די צונג אויסגעשמירט מיט אַ ביסל בוימל, וואָלט זי זיך בעסער געדרייט, — האָט עמעצער זיך געפּרוּווט כאָכמענען. נאָר ראַכמיִעל האָט זיך ניט פאַרלאָרן, ער האָט אַרויסגעשטעלט די ברוסט פאָרויס, פאַרשטײַפּט אַ פויסט און פאָכנדיק, ווי אַן עמעסער רעדנער, פאָרגעזעצט:

— מיר, דער פּראָלעטאַרסקער קלאַס, וועלכער האָט געמאַכט די רעוואָליוציע און וועט מאַכן די אַלוועלטלעכע רעוואָליוציע, דאַרפן זיך האַלטן, ווי ברידער. מיר זײַנען פאַרבונדן, ווי פינף פינגער פון איין האַנט... זאָל לעבן די אַלוועלטלעכע רעוואָליוציע, וועלכע וועט מאַכן אַ סאָף צו דער בורזשואַזיע פון דער גאַנצער וועלט און צו אונדזערע באַלעגופים.

געדאַליע רײַטשוק, וועלנדיק אונטערגעבן ראַכמיִעלן היץ, האָט אָנגעהויבן פּליעסקען, נאָך אים האָבן אָנגעהויבן פּאַטשן מיט די דלאָניעס נאָך אַ פּאָר קאָמנעזאַמניקעס.

ראַכמיִעל האָט אויסגעווישט פון שטערן דעם שווייס, ווי ער וואָלט אַ שווערע אַרבעט אָפּטאָן און, איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם, פונסנײַ אָנגעהויבן רעדן. ערשט איצט האָט זיך בײַ אים צעבונדן דער צונג און ס'האָט אים אָנגעכאַפּט אַ כיישעק פאָרצוזעצן. נאָר וואָס קאָן ער נאָך זאָגן, אַז ער האָט שוין אויסגעשריִען „זאָל לעבן די אַלוועלטלעכע רעוואָליוציע". איז אים אײַנגעפאַלן צו דערציילן, ווי ער האָט דאָס ערשטע מאָל אַ באָלשעוויק דערזען. ראַכמיִעל האָט מער ניט פאַרקוועטשט די פויסטן, ניט געפאָכט מיט די הענט. ער האָט גערעדט שטיל, ווי ער וואָלט אַ מײַסע דערציילן, און אַלע האָבן מיט אופגעעפנטע מײַלער און אויערן אים געהערט.

— געקומען איז צו אונדז אין די אָקאָפּעס, הייסט עס, אַ פּראָסטער מענטש, ווי איך, ווי איר. ער האָט זיך אוועקגעזעצט לעבן אונדז, פאַרייכערט אַ ציגאַר און פאַרפירט אַ שמועס וועגן לעבן... וואָס בײַ יעדערן איז געווען אויף דער נעשאָמע, האָט מען אויסגעלייגט... נו, טראַכט איך מיר, וואָס איז ער עס פאַר אַ מעכוטן מיט אונדז, וואָס ער דאַרף אַלץ וויסן... וואָס זאָג איך אַ מעכוטן, ווי אַן אייגענער ברודער האָט ער מיר אויסגעזען... סאַמע אין האַרצן איז ער אַרײַנגעקראָכן... וואָס עס טוט זיך אין דער היים בײַ יעדערן פון אונדז... וואָס ס'מאַכט דאָס ווײַב, די קינדערלעך, ווי ס'לעבן ביכלאַל די מענטשן... ביסלעכווײַז, אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, האָט ער אָנגעהויבן דערווײַזן, אַז מיר דאַרפן וואָס גיכער אַ סאָף מאַכן צו דער מילכאָמע און אומקערן זיך אַהיים צום ווײַב און צו די קינדער.

— יאָ, — רוף איך זיך אָפּ צו דעם מענטשן, — איך טראַכט שוין לאַנג וועגן דעם, אָבער ווי מאַכט מען עס?

ווען ער האָט געענטפֿערט אויף דער פֿראַגע, האָבן די סאָלדאַטן אַ שאָט געגעבן מיט נײַע פֿראַגן. מערסטנטייל האָבן זיי געפֿרעגט וועגן דער ערד, צי מ׳וועט זי טאַקע צעטיילן לויט די נעפּאַשעס, ווי מ׳רעדט. ווען ער האָט דערציילט די גאַנצע מײַסע, ווי מ׳וועט מאַכן אַ טאָלק מיט דער ערד, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אַז די וועלט איז נאָך גאָרנישט אַזוי פֿאַרדאָרבן, אַז ס׳געפֿינען זיך נאָך מענטשן, וועמען ס׳גייט אַזוי אָן ראַכמיִעלס גוירל, און טראַכטן נאָך, ווי מאַכן אים אַ גוט לעבן. — ווער זשע איז דאָס דער דאָזיקער מענטש, וואָס קומט צו אונדז אין די שוצגראָבנס און אינטערעסירט זיך אַזוי מיט אונדזער לעבן? — האָב איך אַ פֿרעג געגעבן. האָט מען מיר געזאָגט — אַ באָלשעוויק.

ווען דער באָלשעוויק איז אַ צווייט מאָל געקומען צו אונדז אין די שוצגראָבנס, האָבן אונדזערע סאָלדאַטן געפּרוווט אים פֿאַרגעבן פֿראַגן, וואָס וועט זײַן, אַז מ׳וועט די ערד איבערטיילן, מיט וואָס וועט מען זי באַאַרבעטן, אַז מיר האָבן ניט קיין פֿערד, ניט קיין אַקערס.

„ניט גרינג וועט זײַן אָפּנעמען די ערד, האָט דער מענטש געענטפֿערט, ניט גרינג וועט זײַן די ערשטע צײַט באַאַרבעטן זי. נאָר ס׳וועט קומען אַ צײַט, ווען מ׳וועט אַ דריי טאָן אַ רעדל און אַ מאַשין וועט נעמען אַקערן, מ׳וועט אַ דריי טאָן אַ צווייט רעדל און אַ צווייטע מאַשין וועט שנײַדן דאָס ברויט.״ מיר האָט עס דאַן אויסגעזען, אַז ס׳איז עפּעס אַ שיינע מײַסע. נאָר די ערד האָבן מיר אָפּגענומען און צעטיילט טאַקע, פּונקט ווי יענער באָלשעוויק האָט געזאָגט. מיסטאָמע וועלן יענע מאַשינעס, וועגן וועלכע ער האָט גערעדט, אויך אַמאָל זײַן.

— קריך אַראָפּ פֿון הימל מיט די מאַשינעס און זאָג, ווי זאָל מען אויפֿאַקערן די ערד? — האָט מיכל מאַכלין אים איבערגעשלאָגן.

— פּאָר איינציקע אָרעמעלײַט וועלן מיר צווינגען די באַלעבאַטים צו דעסיאַטינקעס אופֿאַקערן, — האָט דאָוויד דערקלערט.

— וויפֿל פֿעסטע באַלעבאַטים זײַנען פֿאַראַן בײַ אונדז, וועלכע קענען אָן אָרעמאַן אופֿאַקערן? — האָט בערע געפֿרעגט. — אויף די פֿינגער פֿון איין האַנט קענסטו זיי איבערציילן, און ס׳וועלן נאָך בלײַבן פֿרײַע פֿינגער. און וויפֿל אָרעמעלײַט זײַנען פֿאַראַן?

— די איבעריקע וועלן מוזן איינער דעם צווייטן העלפֿן, — האָט דאָוויד געענטפֿערט.

— דעם דאַלעס קאָנען מיר איינער דעם צווייטן געבן, — האָט בערע זיך אָפּגערופֿן.

— אין קיין דאַלעס נייטיקט זיך קיין איין אָרעמאַן ניט, — האָט דאָוויד געענטפֿערט. — דערווײַל קאָנען מיר נאָר העלפֿן איינער דעם אַנדערן מיט געמיינזאַמע קויכעס. זאָל יעדערער זיך אָנרופֿן, מיט וואָס ער קאָן באַהילפֿיק זײַן בײַסן פֿאַרזיי... רופֿט זיך אָן, ווער ס׳קאָן געבן אַ ביסל זריִע אויף פֿאַרזייען.

— איך קאָן געבן מײַן שקאַפּע און אַ פּאָר פּוד קוקורוזע, — האָט דער ערשטער זיך אָנגערופֿן געדאַליע רײַטשוק.

— און איך קאָן אײַך געבן מײַן וואָלעך[1], ער איז מאָגער און לײַב, אָבער ער שלעפּט גוט, — האָט זיך אָפּגערופן באָרעך דער רויטער. — אַן אַקער אַף איין לעמעש קאָן איך אויך געבן, אַף צוויי פערד קאָן מען אַף אים אַקערן.

— און ווער קאָן נאָך מיט עפּעס מיטהעלפן? — האָט דאָוויד, אַרײַנקוקנדיק זאוועלייבן אין די אויגן, איבערגעפרעגט.

זאוועלייב איז געזעסן און געשוויגן. ניט פאָרלייגן זײַן שקאַפּע האָט ער ניט געקענט, און פאָרלייגן האָט ער מוירע געהאַט, ווײַל געווען איז זי בא אים א ציטעריקע, ווי אַן איין און איינציק קינד, אַף וועלכן מ׳האָט לאַנג ארויסגעקוקט און מע טרייסלט זיך איבער דעם.

דאָוויד האָט עס אָפּגענעם פאַרשטאַנען און באַשטימט ניט קוועטשן אַף אים.

ער האָט גענומען ריידן וועגן די קאָמונעזאַמניקעס, וועלכע פאַרמאָגן גאָרנישט אויסער זייערע צען פינגער, וועגן די אַלמאָנעס, וואָס זײַנען געבליבן מיט יעסוימים.

— אַדעראַבע, זאָגט, — האָט ער זיך געווענדט צום אוילעם, — ווער וועט וועגן זיי טראַכטן? ווער וועט זיי העלפן אופאַקערן און פאַרזייען צו דעסיאַטינקעס? די מענער פון די אַלמאָנעס און די טאַטעס פון די יעסוימים וועלן ניט אופשטיין פון די קוואָרים העלפן זיי.

זאוועלייבן האָט זיך אָנגעהויבן אויסדוכטן, אַז דאָוויד מוסערט אים. ער דערמאָנט אים „וואָס וואָלט טאַקע מיט דיר געווען, ווען דער בודיאָנאָוועץ שענקט דיר ניט אַוועק דאָס פערד? און וואָס קאָנסטו אופטאָן מיט איין פערד אָן אַן אַקער און אָן זריִע?"

— שוין בעסער גיין מיט אַלעמען, — האָט זאוועלייב פעסט באַשטימט. נאָר ארויסגעזאָגט האָט ער עס ניט מיטאַמאָל.

שטיל, מיט א ווונק האָט ער געגעבן צו וויסן, אַז ער בעט, מ׳זאָל אים אַרײַנשטעלן אין צעטל אַף צונויפשפּאַנען זיך.

9

גאַנצפרי האָט צו נעכאַמען אין טיר אָנגעקלאַפּט א יִינגל מיט א שטאַרק באַוואַקסענעם צעשויבערטן קאָפּ, אין גרויסע שטיוואַלעס און אין פאַרשמאָלצענע פאַרלאַטעטע בגאָדים.

— ווער איז דאָס? — האָט נעכאַמע, אַרײַנקוקנדיק אין דעם שמאָל שפּעלטעלע פון דער קוים אופגעעפנטער טיר, א פרעג געגעבן:

— אײַזיק פריצקער איז דאָ?

— צו וואָס דאַרפסטו אים? — האָט נעכאַמע איבערגעפרעגט.

— מ׳רופט אים אַרויס אין קאָמונעזאַם, — האָט דאָס יִינגל געענטפערט. — מ׳האָט אים געהייסן באַלד קומען, אָט איז א פאַפּירל.

[1] א קאַסטרירט פערד.

דאָס ייִנגל האָט דורכן שמאָל שפּעלטעלע פון דער טיר איבערגעגעבן דאָס פּאַפּירל און אײַליק זיך געלאָזט צוריק.

ווען דאָס יאטל איז אוועק, האָט נעכאמע ברייט צעעפנט די טיר, געוואָלט א קוק טאָן, ווער דאָס איז געווען. כאָטש זי האָט דאָס ייִנגל אין פּאָנעם ניט געזען, פונדעסטוועגן איז זי קימאט געווען זיכער, אז דאָס איז געווען מוישקע — זאוועלייבס עלטער באָכערל. איר האָט שוין אָנגעהויבן פארדריסן, לעמײַזי האָט אים אין שטוב ניט ארײַנגעלאָזט. זי האָט זיך דאָך בא אים געקענט עפּעס דערוויסן. נאָר דעריאָגן אים איז שוין געווען אומעגלעך.

— צוליב וואָס רופן זיי עם אײַזיקן, — האָט זי מיט אומרו אין הארצן א טראכט געטאָן. — ניט אנדערש, ווי זיי ווילן בא אים עפּעס אויספרעגן. נאָר ער ווייסט דאָך, אייגנטלעך, גאָרנישט. זינט דער פאָטער האָט אים געבראכט אהער, האָט זי מיט אים איבעריקס וועגן גאָרנישט ניט גערעדט, וואָס ער וואָלט געקאָנט איבערגעבן. פונדעסטוועגן איז זי טייקעף צוגעגאנגען צו אײַזיקן און א פרעג געגעבן:

— צוליב וואָס רופט מען דיך?

— וווּהין?

— אהין צו זיי... — האָט זי מאכנדיק מיט די הענט אָנגעוויזן אפן רעווקאָם. — זיי האָבן געשיקט א ייִנגל נאָך דיר, מיט א קוויטל... נא לייען.

— ווער? — האָט אײַזיק, נעמענדיק דאָס קוויטל, איבערגעפרעגט.

— וואָס הייסט ווער? קײַ און עס[1].

— וואָס פאר א קײַ און עס? — האָט אײַזיק פארוווּנדערט געפרעגט.

— ווייסט ניט, וואָס עס באטײַט. דאָס איז דאָך דער קאָמיטעט פון דער אָרעמשאפט — קאָמנעזאם, דער יִכעס פון דער וולאסט.

— וואָס זשע ווילן זיי פון מיר?

— כ׳ווייס ניט, אײַזיק. איך טראכט אויך, וואָס דארפן זיי. טאָמער פרעגן זיי עפּעס וועגן אונדז, וועסטו וויסן וואָס צו זאָגן?

— וואָס קאָן איך זאָגן... איך וועל זאָגן, אז איך העלף אונטער אין באַלעבאַטישקײַט.

— גוט, אזוי זאָלסטו טאקע זאָגן, זאָלסט זאָגן, אז דו ביסט מײַנער א קאָרעוו. זיי קאָנען פרעגן, וואָס פאר א קאָרעוו, זאָלסטו זאָגן א שוועסטערקינד, מײַן טאטע און דײַן מאמע זײַנען געווען שוועסטער און ברידער, הערסט? געדענק זשע, אזוי זאָלסטו טאקע זאָגן!

— גוט, גוט, — האָט אײַזיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, — איך וועל זאָגן, אוואדע וועל איך זאָגן. איך וועל זאָגן אלץ, ווי מע דארף, האָב קיין יעסורים ניט.

אײַזיק האָט אָפּגעגעסן פרישטיק און זיך געלאָזט גיין. זינט עס עקזיסטירט דער רעווקאָם, איז ער נאָך קיינמאָל דאָרט ניט געווען. אמאָל, ווען ער איז נאָך געווען א קינד, איז ער געווען אין פּריקאז. דאָרט איז געזעסן דער

---

[1] א ווערטער־שפּיל פון וואָרט ק. נ. ס. — אָרעם־פּויערים־קאָמיטעט.

שוליץ — א רײַכער באַלעבאָס מיט א גאָלדן קייטל, וואָס האָט זיך געבאָמבלט ארום דער קעשענע פון זײַן זשילעט. און א סאָטסקע איז דאָרטן געווען מיט א מעשן בלעכל אפן ברוסט. אין רעוווקאָם, האָט ער געהערט, זיצן נאָר אָרעמע פּויערים. איז ווי קאָנען עס אָרעמע מענטשן ווערן עלטסטע, און די רײַכע זאָלן זײַן זייערע אונטערטעניקע — דאָס האָט זיך בא אים אין קאָפּ ניט פּאָטויפּעט.

אין רעוווקאָם רופט מען צונויף פּאַרזאַמלונגען, מיטינגען, נאָר ער איז קיינמאָל ניט געווען אף זיי. איז ווער זשע האָט זיך פּלוצעם אין אים דערמאָנט? קיינער קען אים דאָ ניט, איז ווּעמען קאָן אָנגיין אײַזיק?

צו דער געבײַדע פון רעוווקאָם איז אײַזיק צוגעגאַנגען ניט זיכער. ארומקוקנדיק זיך, האָט ער אַן עפן געטאָן די דרויסנדיקע טיר און איז ארײַן אינווייניק. ער האָט אראָפּגענומען דאָס היטל און מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם אָנגעהויבן וואַרטן, עמעצער זאָל אים עפּעס זאָגן.

ראַכמיִעל, געדאַליע רײַטשוק מיט מיכל מאַכלינען זײַנען מײַסע באַלעבאַטים געזעסן ארום טיש און געשמועסט.

אײַזיק האָט געקוקט אף זיי און געוואַרט, ביז זיי וועלן ענדיקן רעדן. סאָפּקאָלסאָף האָט ער ניט אויסגעהאַלטן און, דערלאַנגענדיק דאָס קוויטל, א פרעג געגעבן:

— ווער האָט דאָס מיך גערופן?

— דו ביסט אײַזיק פּריצקער? — האָט ראַכמיִעל א פרעג געטאָן, און איידער יענער האָט באַוויזן א שאָקל טאָן מיטן קאָפּ אף „יאָ", האָט ער א ווונק געטאָן, ער זאָל זיך זעצן. — נו, דערצייל, אײַזיק, פונוואַנען ביסטו? ווי לעבסטו? — האָט ראַכמיִעל זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערפרעגן.

אײַזיק האָט געקוקט אף אים און ניט פאַרשטאַנען, וואָס גייט אים אָן, ווי ער, אײַזיק, לעבט.

— מיר דאַרפן וויסן, ווער דו ביסט? — האָט זיך ארײַנגעמישט געדאַליע רײַטשוק. — דו ארבעטסט בא דאָנדען אלס א באַטראַק?

— אײַזיק האָט א קנייטש געגעבן מיט די פּלייצעס, קלוימערשט ער ווייסט גאָרנישט וואָס צו זאָגן.

— איך בין בא א קרויווע, — האָט ער, דערמאָנענדיק זיך, וואָס נעכאַמע האָט אים אָנגעזאָגט, אָנגעהויבן ריידן.

— וואָס פאַר א קרויוועשאַפט קען זײַן צווישן א באַטראַק מיט א באַלעבאָס? ביסט, זע איך, ברודער, אינגאַנצן אַן אָפּגעשטאַנענער עלעמענט... ווילסט בלײַבן א קנעכט בא די בורזשויִסקע מערדער... זיי זויגן דײַן בלוט און דו גלעטסט זיי נאָך איבער דער וועלפּישער פעל — גוט, גוט, זויגט נאָך מײַן בלוט... איך וועל נאָך האָרעווען, איר זאָלט נאָך רײַכער ווערן... — ראַכמיִעל האָט אָנגעהויבן קלײַבן נאָכעס פון זיך אליין, ווי עס דרייט זיך בא אים די צונג. ער האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, א קוק געגעבן אף געדאַליען און אף מיכלען, צי זיי זײַנען אזוי ניספּאָעל פון זײַנע רייד, ווי ער אליין, און ער האָט מיט היץ פאָרגעזעצט: — אָט איז דײַן באַלעבאָס מײַנער א לײַבלעכער ברודער און דײַן באַלעבאָסטע מײַנע א שוועגערן, פונדעסטוועגן גיי איך צו צו דער זאַך קלאַסאָווע, באַוווּסטזיניק, הייסט עס... דו ווייסט, וואָס הייסט קלאַסנ־

קאמף, עקספּלואטאציע?.. דו פארשטייסט דײַן ראָל ווי א באטראק, אלס אן אָנשפּאר פון דער רעוואָליוציע?

אײַזיק האָט זיך בעשום־אויפן ניט גערעכט אף אזא שמועס. ער האָט אויסגעשטעלט מויל און אויערן.

— דו פארשטייסט כאָטש, אז בא אונדז איז א פּראָלעטארסקע מעלוכע, דעריבער טאָרן מיר ניט דערלאָזן, אז א באטראק זאָל עקספּלואטירט ווערן פון בורזשויסקן קלאס, — האָט ראכמיִעל, א ווײַלע שווײַגנדיק, פאָרגעזעצט.

אײַזיק האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. ראכמיִעל האָט פארשטאנען, אז אײַזיק איז מאסקים מיט אים, און דאָס האָט אים בעפּיירעש האנאָע געטאָן. נאָר אײַזיק האָט טייקעף זיך דערמאָנט, וואָס ער האָט אָפּגערעדט מיט נעכאמען, און זיך פארכאפּט:

— איך האָב דאָך אײַך געזאָגט, אז איך ארבעט בא א קרויווע.

— וויפל מאָל דארף מען דיר דערקלערן, אז דאָס איז אלציינס. אויב זי איז אן עקספּלואטאטאָר, איז זי סײַווי דײַנער א סוינע.

אײַזיק האָט אָנגעהויבן שאָקלען מיטן קאָפּ אף „ניין". בא אים אין קאָפּ, האָט זיך אזוינס בעשום־אויפן ניט פּאָטויפּעט. נעכאמע באציט זיך צו אים אזוי הארציק, ווי קיינער אין לעבן האָט זיך נאָך ניט באצויגן, איז זי גאָר מיטאמאָל געוואָרן בא זיי א רויבערן, אן עקספּלואטאטאָר און וואָס אין דער קאָרט.

— וויפל צאָלט דיר די באלעבאָסטע פאר דײַן ארבעט? — האָט מיכל זיך אָנגעהויבן פאנאנדערפרעגן.

— פארוואָס דארף זי מיר צאָלן? איך העלף איר אונטער און גאָר.

— הער אוף זיך צו מאכן נאריש, — האָט ראכמיִעל זיך אָנגעהויבן בייזערן. — די באלעבאָסטע עקספּלואטירט דיך, דו ווילסט אפילע ניט מוידע זײַן. איך האָב געמיינט, אז דו ביסט געוואָרן א באוווּסזיניקער עלעמענט... און דו ציסט גאָר צו די עקספּלואטאטאָרס.

— מיט וואָס צי איך צו די עקספּלואטאָרס? — איז אײַזיק געוואָרן אויסער זיך. — מיט וואָס? אז די באלעבאָסטע טוט מיר פּאָרט קיין שלעכטס ניט, דארף איך אף איר אָנריידן, מאכן זי מיט דער בלאָטע צוגלײַך?

— זי וויל דיך אָפּקויפן מיט א טעלער באָרשטש, — האָט ראכמיִעל זיך געקאָכט. — זי פארטונקלט דיר דעם קלאסן־באוווּסטזײַן, און דו לאָזסט זיך אָפּנארן, אָנשטאָט פירן דעם קלאסנקאמף.

— וויִאזוי זאָל איך פירן דעם קלאסנקאמף?

— קעמפן אזוי לאנג קעגן די עקספּלואטאטאָרס, ביז זיי וועלן אײַנעמען א מיסע־מעשונע, — האָט ראכמיִעל פון אופּרעגונג אזש א קלאַפּ געגעבן אין טיש.

— קעגן וועלכע עקספּלואטאטאָרס? ווו זײַנען זיי? — האָט אײַזיק געפרעגט.

— וואָס הייסט, ווו זײַנען זיי? מ'רעדט, מ'רעדט, און ער פארשטייט אלץ ניט. עך, ברודערל, איך זע, אז ס'וועט נאָך אויסקומען א סאך צו שלײַפן דײַן קלאסן־באוווּסטזײַן, — האָט ראכמיִעל, ענדיקנדיק מיט אײַזיקן דעם שמועס, געזאָגט. — נאָר סײַווי, אף וויפל דו ביסט א באטראק, זײַנען מיר מעכויִעוו אף

דיר אכטונג געבן, אַז די באַלעבאָסטע זאָל דיר צאָלן, ווי עס באַדאַרף צו זײַן, זאָלסט אַרבעטן ניט מער ווי אַכט שעה און זאָלסט לעבן אין גוטע באַדינגונגען.

זאָגן נאָכאַמאָל די קאָמנעזאַמניקעס, אַז די באַלעבאָסטע באַאוולט אים ניט, האָט אײַזיק שוין ניט געוואַגט. דעריבער האָט ער באַשטימט בעסער שווײַגן.

א פאַרשוויצטער האָט ער זיך געלאָזט גיין. אין דער היים האָט שוין נעכאַמע ניט געוווּסט וואָס איבערצוטראַכטן. זי איז א פּאָר מאָל אַרויסגעלאָפן צום טויער, אַרויסגעקוקט אויף אים.

— נו, וואָס האָבן זיי געוואָלט פון דיר? דערצייל! ווער האָט גערעדט מיט דיר? וואָס האָט מען בײַ דיר געפרעגט?

— איך האָב געזאָגט אַלץ וואָרט בײַ וואָרט, ווי דו האָסט מיך געבעטן. זיי האָבן געפרעגט, צי דו באַאוולסט מיך ניט, צי דו צאָלסט מיר, צי איך בין זאַט?

— נו, וואָס האָסטו געענטפערט?

— איך האָב געזאָגט, אַז איך לעב בײַ א קרויווע, האָבן זיי סײַווי געזאָגט, אַז דו נאַרסט מיך אָפּ, אַז דו ביסט מײַן סוינע און אַז איך דאַרף פירן מיט דיר א קאַמף.

— וואָס פאַר א קאַמף?

— א קלאַסנקאַמף.

— און וועגן באַלעבאַס האָבן זיי גאָרנישט ניט געפרעגט?

— ניין, זיי האָבן נאָר געזאָגט, אַז ער איז א קלאַסן־סוינע.

— ווער האָט מיט דיר גערעדט?

— כ'ווייס, ווער זיי זײַנען? דרײַ מענטשן האָבן מיט מיר גערעדט... נו, פון די, וואָס פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון דער אָרעמשאַפט.

— אַלע פאַרטיידיקן זיי די אָרעמשאַפט... מיסטאָמע איז דאָס טאַנכומס ברודער — ראַכמיִעל. א קאַפּצן אין זיבן פּאָלעס. נאָר בײַ זיי איז ער געוואָרן א גאַנצער מאַכער. אָדער זײַן שוואָגער — דאָוויד קאַבאַ. יענער איז שוין לאַנג א רויטער, נאָך פון אַמאָל... ווען זיי קענען, וואָלטן זיי אונדז דערטרונקען אין א לעפל וואַסער.

— וואָס האָבן זיי צו אײַך?

— איך ווייס אַליין ניט, — האָט נעכאַמע א קנייטש געגעבן מיט די פּלייצעס, — זעסט דאָך, אַפילו דיך ווילן זיי אויך אָנרייצן קעגן אונדז... ניט פּראָסט, זאָג איך דיר, אײַזיק, האָבן זיי דיך אַרויסגערופן... זיי האָבן עפּעס א מײַן דערבײַ. עפּשער דערציילסטו ניט אַלץ? גייט זיי אָן אינמיטנדערינען, ווי דו לעבסט? וואָס ביסטו זיי א קאָרעוו, וואָס זיי רײַסן פאַר דיר אַזוי דעם פּעלץ?

— דער דאָזיקער, ווי הייסט ער, האָט מיר אַלץ דערקלערט, וואָס איז עס אַזוינס, ווי הייסט עס... קלאַסנקאַמף, — האָט אײַזיק זיך אָפּגערופן. — איך האָב גאָר קיינמאָל ניט געהערט, וואָס דאָס איז אַזוינס.

— ווער האָט דאָס אויסגעטראַכט די דאָזיקע אָנשיקעניש אויף אונדזער קאָפּ? — האָט נעכאַמע געפרעגט. — זיי האָבן דיר טאַקע בעפּיירעש אַזוי געזאָגט, אַז זיי וועלן קומען א קוק טאָן, וויאַזוי דו לעבסט?

— יאָ, — האָט אײַזיק צופרידן אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— הייסט עס, אַז זיי האָבן טאַקע אַ מיין דערבײַ, — האָט נעכאַמע אַ צעטראָגענע זיך אָפּגערופן.

נעכאַמע האָט אַלץ מער גענומען פילן דאָס נעפעשל אונטער איר האַרץ. ס'האָט שוין אָנגעהויבן צאַפּלען אין איר. זי כאַוועט עס אין איר לײַב, זי שפּײַזט עס מיט איר בלוט. זי וואָלט שוין וועלן געבוירן דאָס קינד, גיכער צודריקן עס צו דער ברוסט, וויגן עס אויף די הענט.

ס'וועלן דורכגיין געציילטע כאַדאָשים, און זי וועט ווערן אַ מוטער. קעדיי באַרויִקן דעם אייגענעם געוויסן און קעדיי זי זאָל אין מענטשנס אויגן ניט אויסזען קיין אומלײַטישע, האָט נעכאַמע ניט געוואָלט טראַכטן, וועמענס קינד זי טראָגט. אָבער איר גאַנץ וועזן איז איצט געווען פאַרבונדן מיט אײַזיקן. זאָל זײַן, אַז ער איז אַן אָרעמער, אַ היימלאָזער, נאָר אין זײַן נעשאָמע האָט זי גע־פונען אַזאַ אוצער, וועלכן זי האָט מיט קיין שום רײַכטימער ניט געקאָנט פאַרגלײַכן.

מענטשן פלעגן איר געוויס מעקאַנע זײַן. דאַכט זיך, וואָס האָט איר גע־פעלט? אַ קלייניקײַט — אַ באַלעבאָסטע פון אַזאַ גוטס! און דאָך האָט זי קיין גליק ניט געהאַט און ניט געוווּסט, וואָס איז עס אַזוינס. זי האָט וויפל מאָל געפּרוווט זיך קלאָגן פאַרן טאַטן אויף איר שווער לעבן, נאָר ער פלעגט איר יע־דעס מאָל טרייסטן, געפּרוווט אײַנריידן, אַז מיט דער צײַט וועט עפּשער איר לעבן זיך פאַרבעסערן. נאָר טאַנכום איז געוואָרן אַלץ אײַנגעשפּאַרטער, אומדערטרעג־לעכער.

שטענדיק אַ פאַרהאָרעוועטער, אַ פאַרזאָרגטער וועגן דער באַלעבאַטישקײַט, האָט ער קיין רעגע ניט גערוט און נעכאַמען ראַק ארומגעיאָגט, ארומגעטריבן, זי זאָל כאַס־וועשאָלעם גאָרנישט ניט פאַרזען. ס'זאָל באַהיט גאָט אין ערגעץ קיין שאָדן ניט זײַן, גאָרניט זאָל ניט גיין אין ניוועץ, גאָרנישט זאָל זיך ניט וואַלגערן, אַלץ זאָל שטענדיק זײַן אויף אָן אָרט. יעדע אַרבעט זאָל אָפּגעטאָן ווערן פּינקטלעך, אויך באַנאַכט האָט טאַנכום ניט געוווּסט פון קיין רו און זי אויך ־ רוען ניט געלאָזט. דאָס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז די בעהיימעס ליִגן זיך און שטייען אויף שווער אין די סטוילעס, פלעגט ער זי אָנהייבן וועקן, צי זײַ־נען ניט די קי צו קורץ צוגעבונדן און דערפאַר קאָנען זיי זיך ניט אוועק־ליִיגן. דאָס האָט זיך אַ הונט צעהאַוקעט, האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז אַ גאַ־נעוו קריכט. דאָס האָט ער מוירע געהאַט צו פאַרשלאָפן, ווען אַ בעהיימע האָט זיך געדאַרפט קעלבן אָדער אַ שקאָפע האָט זיך געדאַרפט אָפּזשרעבען. ער האָט אויך מוירע געהאַט, אַז אַ טכויר זאָל ניט אונטערגראָבן די וועגט פונעם קורניק און זאָל די הינער ניט דערשטיקן.

זינט טאַנכום איז ניטאָ אין דער היים, איז די זאָרג פאַר באַלעבאַטישקײַט געוואָרן נאָך גרעסער. דאָך איז איר אין אַ סאך הינזיכטן גרינגער געוואָרן. זי האָט דערפילט דעם טאַם פון אַ ליבן שמייכל, פון אַ צאַרטן בליק, די וואַ־רעמקײַט פון אַ טמימעסדיק־ערלעכער נעשאָמע.

10

די קאָמנעזאַמניקעס האָבן ניט באַוויזן צו פאַרענדיקן דעם ערשטן פאַרזיי אַף זייער באַפרײַטער ערד, ווי ס'האָבן זיך דערטראָגן קלאַנגען, אַז עס רוקן זיך די ווײַסע כאַיאָלעס. די אָרעמע פּויערים, וועלכע האָבן זיך מיט אַזוי פּיל מי צונויפגעשפּאַנט אופּצואַקערן, מיט אַזוי פּיל טירכע געקראָגן זריִע צו פאַרזייען, האָבן זיך פון די פעלדער ניט צוריקגעצויגן. דאָוויד, ראַכמיִעל, געדאַליע און מיכל האָבן ניט אופגעהערט אָרגאַניזירן די אָרעמשאַפט, שאַפנדיק א זיכערן אָנשפּאַר פאַר דער אַרבעט פון רעווקאָם. ס'איז געווען קלאָר, אַז אויב מע וועט דעם סוינע ניט אָפּטרײַבן, וועלן זיי מוזן אָפּטרעטן, און דאָך האָט די אַרבעט פון קאָמנעזאַם אַף קיין רעגע זיך ניט אָפּגעשטעלט. דאָוויד האָט פאַרשטאַנען, אַז אָפּטרעטן, אַפילע צוזאַמען מיטן אַקטיוו, איז נאָך ווייניק. מ'דאַרף מיטנעמען מיט זיך אַלעמען, וועמען דער סוינע קאָן מאָביליזירן.

צווישן די מענטשן, וועלכע דאָוויד האָט באַפוילן דרינגענדיק אַרויסרופן, איז געווען אויך אײַזיק פּריצקער.

ווען זאַווע־לייבס באָכערל האָט אָנגעקלאַפּט און געגעבן צו וויסן, אַז מע רופט אײַזיק פּריצקערן אַרויס אַף מאָרגן אין רעווקאָם, איז נעכאַמע בלאַס געוואָרן.

— וואָס איז שוין ווײַטער? — האָט זי א צעטומלטע א קוק געגעבן אַף אײַזיקן.

— איך ווייס, איך וועל זיך דורכגיין, וועל איך הערן, וואָס זיי ווילן.

— כ'הייב ניט אָן צו פאַרשטיין, אַף וואָס דאַרפן זיי דיך ווידער? — האָט נעכאַמע ניט אופגעהערט זיך צו ערגערן.

זי האָט אים געגרייט דעם אָוונטברויט און געהאַלטן אין איין אָנזאָגן:

— זע, זאָלסט זיך ניט אַרויסכאַפּן מיט קיין איבעריק וואָרט... זיי קענען ווײַטער נעמען אויספרעגן וועגן אונדז... איז שווײַג... הערסט!

— כ'פאַרשטיי, — האָט אײַזיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. — ווי זשע אַנדערש.

אײַזיק האָט אָפּגעגעסן דעם געשמאַקן אָוונטברויט, איז צוגעגאַנגען צו נעכאַמען און אַרומגענומען זי. נעכאַמע האָט אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אַף זײַן אַקסל, און ער האָט איר עפּעס אין אויער געשעפּטשעט. אַזוי זײַנען זיי לאַנג געזעסן, געשושקעט זיך. שפּעט אין אָוונט זײַנען זיי אַוועק שלאָפן.

נאָך קיינמאָל האָט אײַזיק אַזוי לײַדנשאַפטלעך ניט צוגעדריקט נעכאַמען צו זיך, נאָך קיינמאָל האָט ער זי מיט אַזאַ ציטער אין האַרצן ניט געצערטלט אין זײַנע אָרעמס. ס'האָט אים אַזש פאַרשלאָגן דער אָטעם, ווען ער איז צוגעפאַלן מיט זײַנע ליפּן צו איר און לאַנג־לאַנג, אײַנזויגנדיק זיך, געקושט זי. זייערע הערצער האָבן זיך ווי אין איין אָטעם צונויפגעגאָסן. נעכאַמען איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי גוט, ווי איצט. זי האָט אַזש געצאַפּלט אין אײַזיקס אָרעמס, פונעם טײַנעג איז זי אַזש פאַרשיקערט געוואָרן. א גליקלעכע, האָט זי פאַרגעסן אין אַלע נאָכווייענישן, וועלכע האָבן געפּײַניקט איר געמיט. אַפילע די אומרויִקע געדאַנקען וועגן אײַזיקס מאָרגעדיקן גיין אין רעווקאָם זײַנען בא

איר אויך פֿאַרשוווּנדן. זי האָט איצט וועגן גאָרנישט ניט געוואָלט טראַכטן. אין דעם גליקלעכן צושטאַנד האָט זיך איר געוואָלט איַינשלאָפֿן און מאָרגן אופֿשטיין א דערהויבענע פֿון דער נײַער פֿרייד, וואָס האָט אָנגעפֿילט איר האַרץ. פּלוצעם האָט זיך דערהערט א קלאַפּ אין טיר. אין א ווײַלע אַרום נאָך א קלאַפּ און טייקעף א דריטער.

— הערסט, מע קלאַפּט, — האָט זי אָנגעהויבן וועקן אײַזיקן.

— ווער קלאַפּט? — האָט אײַזיק א בורקע געטאָן אונטערן נאָז און איז ווידער אײַנגעשלאָפֿן.

— איך ווייס ווער... הערסט!

נעכאַמע האָט זיך אופגעהויבן פֿון געלעגער און זיך געלאָזט גיין צו דער טיר. אין דער רעגע האָט זיך דערהערט א קלאַפּערײַ אין פֿענצטער.

— ווער איז דאָס? — האָט נעכאַמע אויסגעשרײַען.

פֿון אונטערן פֿענצטער האָט זיך עמעצער אָפּגערופֿן.

דאָס קאָל איז צו נעכאַמען דערגאַנגען ניט גענוג דײַטלעך, דאָך האָט עס איר אויסגעזען אזוי קענטלעך, אז ס׳האָט זיך איר עפּעס אין האַרצן אָפּגעריסן. און איידער זי האָט באַוויזן איבערפֿרעגן, ווער דאָס איז, האָט זיך דערטראָגן צו איר אויער טאַנכומס שטים:

— עפֿן אוף, דאָס בין איך!

— אוי, מאַמע מײַנע האַרציקע, דאָס ביסטו טאַקע?! כ׳האָב נאָך פֿון אונטערן פֿענצטער דערהערט דײַן קאָל, נאָר כ׳האָב מײַנע אויערן ניט געוואָלט גלייבן, — האָט זי אָן אופגערעגטע, זוכנדיק אין דער פֿינצטער דעם אײַזערנעם ריגל פֿון דער טיר, געזאָגט. — דאַנקען גאָט, דאַנקען גאָט, אבי דו ביסט א לעבעדיקער אהיים געקומען.

א צעטומלטע האָט נעכאַמע אָנגעהויבן זוכן די שוועבעלעך. אַרומשאַרנדיק מיט די הענט איבערן פֿינצטערן פּאָדערהויז, האָט זי ניט געײַלט פֿרײַער פֿאַר אַלץ אָנגעטאַפּט, צי ליגט אײַזיק אף זײַן געלעגער. נאָכדעם האָט זי אָפּגעזוכט די שוועבעלעך אף דער לעזשאַנקע און אָנגעצונדן א לעמפּל.

טאַנכום איז מיטן זעקל אף די פּלייצעס געבליבן שטיין אינמיטן פּאָדערהויז. זײַן אויסגעדאַרט, פֿאַרכווישעכט פּאָנעם איז געווען באַוואַקסן מיט רויטלעכע שטעכיקע האָר. די אויגן אײַנגעפֿאַלן.

— זעץ זיך, טו זיך אויס, — האָט נעכאַמע אים דערלאַנגט א בענקל. — איך וועל דיר אָנוואַרעמען וואַסער, וועסט זיך אַרומוואַשן.

טאַנכום האָט ניט געײַלט אַראָפּנעמען דאָס פּעקל, צעשפּילעט דעם פּידזשאַק און א פֿרעג געגעבן:

— די רויטע זײַנען נאָך דאָ?

— וואָסי? אוואַדע זײַנען זיי דאָ.

— דאָרטן, ווו איך בין געווען, האָט מען זיי שוין פֿאַרטריבן... די נײַע זולאַסט האָט אונדז באַפֿרײַט. הײַנט־מאָרגן וועט מען זיי פֿונדאַנען אויך מעשאַלייעך זײַן. אומעטום, ווו איך בין דורכגעגאַנגען, זײַנען שוין די ווײַסע... כ׳וועל נאָך מײַן פֿערד און וואָגן און מײַן ברויט צוריק צונעמען... וועסט זען, אז איך וועל עס אָפּנעמען!

— ברענט עס אפּן פײַער! — האָט נעכאמע א מאך געטאָן מיט דער האנט.

— ברענען אפּן פײַער זאָלן אלע די, וועלכע האָבן אונדזער גוטס צוגענומען! — האָט טאנכום מיט נאָך מער גרימצאָרן אָנגעהויבן שרײַען. — כײַ וואָלט דאָס ברויט א האָגל צעקלאפּט, כײַ וואָלט עס די זון אויסגעברענט, וואָלט עס מיך ניט אזוי פארדראָסן. ס׳מעג מיר אפּילע דאָס לעבן קאָסטן, איך וועל ניט שווײַגן.

טאנכום האָט געפירט מיט די אויגן איבערן פּאָדערהויז. א רעגע האָט זײַן בליק זיך פארהאלטן אף דעם אָרט, ווו אײַזיק און די מומע זײַנען געשלאָפן.

— ווער ליגט עס דאָרט? — האָט ער געפרעגט, באמערקנדיק, ווי אין ווינקל פון דער קעגנִיבערדיקער וואנט באוועגט זיך עפּעס.

— דאָס האָט דער טאטע צוגעשיקט צוויי מענטשן, ווען ער האָט זיך דערוווּסט פון אונדזער אומגליק.

— ווער זײַנען זיי?

— מײַנע ווײַטע קרויווים.

— האָבן זיי דיר געהאָלפן?

— אוואדע, אָן זיי וואָלט מיר געווען שלעכט.

דאָס לעמפּל האָט אָנגעהויבן צאנקען. אין דעם האלב־טונקעלן פּאָדערהויז האָט זיך געהערט, ווי אײַזיק מיט דער מומען עטעמען, ווי זיי קערן זיך איבער פון איין זײַט אף דער צווייטער.

11

נעכאמע האָט זיך באמיט דעם ערשטן אָוונט ניט דערציילן טאנכומען וועגן איר שוואנגערשאפט. זי איז געווען זיכער, אז ער וועט אליין דערזען. נאָר צי דערפאר, ווײַל אין שטוב איז געווען טונקל, צי ווײַל ער איז געווען צופיל צעראשט פון זײַן אומקערן זיך אהיים, נאָר ער האָט ניט ארויסגעוויזן קיין שום רעמעז, אז ער באמערקט עפּעס.

נעכאמע האָט אפגיך אָנגעווארעמט וואסער, געגעבן טאנכומען ארומצוּוואשן זיך און גענומען גרייטן וועטשערע. טאנכום האָט געשמאק זיך געוואשן און געהאלטן אין איין פאנאנדערפרעגן, וואָס הערט זיך אין שטוב: צי אלע בעהיימעס זײַנען קעלביק, צי ס׳וועט סטײַען קאָרם ביזן נײַעם, צי ס׳איז נאָך פאראן מעל צו באקן ברויט, צי ס׳וועט סטײַען אף „פּריוואריעק". אפילע דעם הונט האָט ער אויך ניט פארגעסן.

טאנכום האָט ניט געקאָנט פארשטיין, ווי האָט עס ראבטשיק ניט דערשפּירט, אז דער באלעבאָס גייט, און ניט באגעגנט אים לעבן טויער. געווײנלעך, ווען טאנכום פלעגט פון ערגעץ אָנקומען, פלעגט ראבטשיק אים ארויסלויפן אנטקעגן, שפּרינגען אף אים, ווי ער וואָלט אים וועלן ארומנעמען, דרייען מיטן

ווידל, און איצט האָט ער זיך ניט באַוויזן. קיין בילערײַ אין הויף האָט מען אויך ניט געהערט.

— ער האָט זיך מיסטאמע אײַנגענורעט אין שטרוי און שלאָפֿט, — האָט נעכאמע א זאָג געטאָן.

אין דער עמעסן איז נאָך פֿון נעכטן אָן דער הונט ערגעץ נעלעם געוואָרן. נאָר מוידע זײַן זיך טאנכומען אין דעם האָט זי ניט געוואָלט, ער זאָל איר ניט אויסוואָרפֿן, אז זי האָט שלעכט אכטונג געגעבן אויף זייער געטרײַען שוימער.

פּלוצעם האָט די אָנגעשטרענגטע נאכטיקע שטילקײַט איבערגעריסן אן אומרויִקע בילערײַ.

— אָט איז ער דאָך! — האָט נעכאמע, דערפרייענדיק זיך, א זאָג געטאָן.

— יאָ, ס'איז ער, אוודע איז דאָס ער!

— ער איז ערגעץ ארומגעלאָפֿן און פארשפּעטיקט באגעגענען דעם באַלעבאָס, — האָט נעכאמע א שמייכל געטאָן.

ווי טאנכום איז ניט געווען מיד און הונגעריק, איז ער ארויסגעלאָפֿן אין דרויסן א קוק טאָן אפֿן הונט.

ראבטשיק האָט, אונטערשפּרינגענדיק, מיט א וויערײַ זיך א וואָרף געטאָן אפֿן באַלעבאָס און זיך געלאַשטשעט צו אים. טאנכום האָט זיך א ווײַלע געשפּילט מיטן הונט, געוואָרפֿן א קוק אויף די סטערטעס היי און שטרוי, ארײַנגעכאפּט זיך אין קלוניע, אן עפּן געטאָן די טיר פֿון שטאל און באטראכט די בעהיימעס.

ווען ער האָט זיך אומגעקערט אין שטוב, איז אפֿן טיש שוין געשטאנען א פּרעזשעניצע, א קריגל מילך, און אין א טעלער איז געלעגן אָנגעשניטן געשמאַק ברויט.

טאנכום האָט ניט געגעסן, נאָר געשלונגען. ער איז גיך פארטיק געוואָרן מיט דער פּרעזשעניצע און זיך גענומען פארן קריגל מילך.

ביז טאנכום האָט אָפּגעגעסן, האָט נעכאמע צוגעגרייט פאר אים א געלעגער.

— ביסט געווים מיד פֿון וועג, קענסט גיין שלאָפֿן, — האָט נעכאמע פארגעלייגט.

— אוודע בין איך מיד, — האָט טאנכום אָפּגעענטפּערט.

ער איז ארײַן אין שלאָפֿצימער און, ארופֿלייגנדיק די האנט אויף נעכאמעס אקסל, געזאָגט:

— נו, קום שלאָפֿן.

— לייג זיך אויף דער קאנאפּע, — האָט נעכאמע א דריי געבנדיק זיך, געענטפּערט.

— וואָסי? — האָט טאנכום אויסגעשטעלט אויף נעכאמען א פּאָר אויגן.

ער האָט נאָכגעמאָל זי געפּרוּווט ארומנעמען. זי האָט זיך ווידער אויסגעדרייט און אָפּגעהאקט געזאָגט:

— הער אויף...

— וואָס איז געשען? פארוואָס טרײַבסטו מיך פֿון זיך? וואָס בין איך דיר א פרעמדער, צי דו ווילסט זיך מיט מיר געטן?

— איך פֿיל זיך ניט גוט. וואָסי, דו זעסט דען ניט?

טאנכום איז געוואָרן אויסער זיך. וואָס הייסט עס? אזויפֿיל ווערסט איז ער געגאנגען צופֿוס, מיט אלע קויכעס זיך געריסן גיכער צום ווײַב, און זי טרײַבט אים גאָר אָפּ פֿון זיך. ער האָט פֿארשטאנען, אז עפּעס איז געשען, נאָר וואָס — האָט ער ניט געקאָנט באגרײַפֿן. פֿארשיידענע געדאנקען, האשאָרעס זײַנען אים געקראָכן אין קאָפּ. ער האָט זיך צוגעלייגט אַף דער קאנאפּע, נאָר רויִק אײַנליגן ניט געקאָנט.

— נעכאמע, א נעכאמע, — האָט ער, א ווײַלע שווײַגנדיק, ווידער געפּרוווט זיך צו איר ווענדן.

נעכאמע האָט זיך ניט אָפּגערופֿן. זי האָט שווער געאָטעמט און געקרעכצט.

— וואָס איז מיט דיר? — איז ער אופֿגעשטאנען און געפּרוווט צוגיין צו איר בעט. — עפּשער געבן דיר א ביסל וואסער?

— איך דאַרף גאָרנישט, טשעפּע מיך ניט, — האָט זי אים ווידער אָפּגעטריבן פֿון זיך.

טאנכום האָט זיך לאנג געדרייט פֿון איין זײַט אַף דער צווייטער, ביז ער איז סאָפּקאָלסאָף אײַנגעשלאָפֿן.

גאנצפֿרי, נאָך איידער די הענער האָבן געקרייעט, איז אײַזיק אופֿגעשטאנען קאָרמען און פּויען די קי. טאנכום האָט זיך שוין געהאט געפּאָרעט אין הויף. דערזען דעם באלעבאָס, האָט אײַזיק אָפּגעגעבן אים א גוטמאָרגן און זיך גענומען פֿאר זײַן ארבעט. טאנכום איז אים נאָכגעגאנגען, האָט אכטונג געגעבן, ווי אײַזיק נעמט אָן פּאָלאָווע, צי ער צעשיט עס ניט בײַם איבערטראָגן פֿון קלוניע אין שטאל, באטראכט די מישינקעס אין די קאָרעטעס, צי עס איז דאָרטן פֿאראן גענוג דערט, צי עס איז אופֿגעראמט אין די סטוילעס.

— כ׳זע, אז דו ביסט שוין דאָ בא מיר געוואָרן א גאנצער באלעבאָס, — האָט טאנכום מיט א פֿארטײַעטער אופֿגעבראכטקײַט א זאָג געטאָן צו אײַזיקן.

— וואָסי? — האָט אײַזיק, ניט פֿארשטייענדיק, וואָס דער באלעבאָס וויל פֿון אים, א פֿרעג געגעבן.

— האָסט דאָך געמעגט בא מיר פֿרעגן, ווי פֿארמישן א מישינקע, וויפֿל דערט ארײַנצושיטן, — האָט טאנכום, אָנצינדנדיק זיך, געזאָגט. — דערווײַל בין איך נאָך דאָ באלעבאָס.

— וויפֿל איך שיט אלעמאָל, האָב איך הײַנט אויך אָנגעשאָטן.

— אז איך בין דאָ ניט געווען, האָסטו געקאָנט באלעבאטעווען, ווי ס׳האָט זיך דיר געגלוסט. נאָר זינט איך בין איבערגעטראָטן די שוועל פֿון מײַן שטוב, וועסטו טאָן דאָס, וואָס איך וועל הייסן!..

אײַזיק האָט פֿונעם ערשטן בליק באמערקט, אז אין טאנכומס האַרץ ברענט א קאס אַף אים. צי דען האָט ער זיך עפּעס דערוווּסט וועגן זײַנע באציִונגען מיט נעכאמען? נאָר ווען האָט מען אים באוויזן אָפּטראָגן די נײַעס, אז ער איז ערשט באנאכט געקומען. סײַדן עמעצער האָט אים אָנגעשריבן. נאָר קיינער האָט

דאָך זײַן אדרעס ניט געהאַט. ווי עס זאָל ניט זײַן, וועט ער סײַווי מוזן פֿונ־דאַנען אַפּציִען. נאָר וווּהין? און וויאַזוי וועט ער זיך שיידן מיט נעכאַמען?

אײַזיק האָט זיך אפגיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט דער אַרבעט אין שטאַל, אַרומגע־וואַשן זיך און זיך געלאָזט גיין אין רעװוקאָם.

נאָך פֿון װײַטן האָט ער דערזען, אַז דאָרט ווימלט מיט מענטשן. קוים דורכשלאָגנדיק זיך דורכן אוילעם, וועלכער האָט זיך פאַרזאַמלט, איז ער אַרײַנגעגאַנגען אין דער געבײַדע פֿון רעװוקאָם. אינמיטן געראַומען צימער אַרום א טיש זײַנען געזעסן ראַכמיִעל, גערדאַליע רײַטשוק און נאָך עפּעס אומ־באַקאַנטע מענטשן. איינער פֿון זיי, א געזעצטער מיט א שוואַרצן קאָפּ האָר, האָט עפּעס פאַרשריבן.

— נו, אָט איז פריצקער געקומען, — האָט ראַכמיִעל א זאָג געטאָן, אָנ־װײַזנדיק אױף אײַזיקן.

אײַזיק האָט זיך א װײַלע אַרומגעקוקט, נאָכדעם איז ער ניט זיכער צו־געגאַנגען צו ראַכמיִעלן און א פֿרעג געגעבן:

— איר האָט מיך גערופֿן?

— מיר האָבן אײַך גערופֿן אױף א סכאָד פֿון באַטראַקעס און פֿון קאָמנעזאַמ־ניקעס, — האָט זיך אָפּגערופֿן ראַכמיִעל.

אײַזיק האָט זיך אוועקגעזעצט אין א ווינקעלע. דער אוילעם, וועלכער האָט זיך געזאַמלט אפֿן גאַנעק, האָט מיטאַמאָל א שפּאַר געגעבן אין דער געבײַ־דע פֿון רעװוקאָם און אָנגעהויבן זיך אויסזעצן, ווו ס'האָט זיך געמאַכט. ווען דער אוילעם האָט זיך צונויפֿגעזאַמלט, האָט ראַכמיִעל געעפֿנט דעם סכאָד און געגעבן א וואָרט דאַווידן.

— אין געצײַלטע שאָען אַרום קענען אהער קומען די װײַסע באַיאָלעס. זיי ווילן אַראָפּוואַרפֿן אונדזער ראַטנמאַכט און אופשטעלן דעם אַלטן פאַרשאָלטענעם רעזשים, — האָט ער אָנגעהויבן מיט אַן אופגערעגט קאָל. — די ראַטנמאַכט איז אונדז טײַער, ווי אונדזער לעבן. כ'בין זיכער, אַז מיר וועלן אַלע ווי איינער מיט געװער אין די הענט פאַרטיידיקן זי ביזן לעצטן טראָפּן בלוט!

— גיט מיר א ביקס!

— מיר אויך!

— און מיר, און מיר! — האָבן זיך דערהערט שטימען.

אײַזיק איז געשטאַנען א שװײַגנדיק־פאַרטראַכטער און געקוקט, מיט וואָס פאַר אַן אַנטשלאָסנקײַט די פאַרזאַמלטע באַטראַקעס און קאָמנעזאַמניקעס נעמען איינער נאָכן אַנדערן געווער אין די הענט.

וואָס זשע, אײַנגעטלעך, האָט ער נאָך וואָס צו טראַכטן? ערשט צוריק מיט עטלעכע שאָ האָט ער ניט געוווּסט וווּהין זיך אַהינצוטאָן. נעמענדיק א ביקס אין האַנט, וועט ער שוין מער ניט זײַן קיין שוואַכער און אומבאַהאָלפֿענער, קיין איינזאַמער און דערשלאָגענער. ער וועט שוין מער ניט דאַרפֿן זוכן וווּהין זיך אַהינטאָן. אײניִנעם מיט די באַטראַקעס און קאָמנעזאַמניקעס וועט ער געפֿינען זײַן אָרט אין לעבן.

א דערמוטיקטער פֿון דעם באַוווּסטזײַן האָט ער גענומען א ביקס.

אין די געציילטע מינוטן, וועלכע זיינען פארבליבן ביזן שלאכטמארש, האָט ער זיך ארויסגעריסן צו געזעגענען זיך מיט נעכאמען און מיט דער מומען.

ס'האָט זיך אים געוואָלט באווייזן זיך פאר זיי מיטן ביקס אפן אקסל. זאָל טאנכום טאקע כאפן א ציטער. זאָל זיך אים אויסווייזן, אז ער, אייזיק, איז געקומען זיך נעמען פאר זיינע ביינער, אז ער וויל אים צוריק ארעסטירן. נאָר איצטער האָט ער ניט קיין צייט צו פארנעמען זיך מיט אים. ער וועט אים נאָך דערמאָנען, אז ער ווייסט שוין, וואָס הייסט אַן עקספלואטאטאָר, א בלוטזויגער, אז ער וועט זיך שוין מער ניט לאָזן שפּייען אין דער קאשע.

אייזיק האָט קוים באוויזן דערגיין ביזן טויער פון זיין באלעבאָס, ווי ער האָט פונוויַטן דערזען די מומע קיילען. זי האָט זיך עפּעס געפּאָרעט אין הויף. דערזען אייזיקן, האָט זי א געשריי געטאָן:

— הארצעלע מיינס! וואָס איז מיט דיר? ווּו האָסטו גענומען א ביקס?

— כ'בין געקומען געזעגענען זיך, — האָט אייזיק, אונטערשמייכלענדיק, געזאָגט.

— ווּהין גייסטו עס אוועק? אף דער מילכאָמע? — האָט קיילע, פאר־ברעכנדיק די הענט, געפרעגט.

— מ'הו, — האָט אייזיק א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. — איך גיי זיך שלאָגן קעגן די ווייסע.

— אף וועמען לאָזסטו מיך איבער? ווּהין וועל איך זיך איינינקע אליין אהינטאָן? — האָט די מומע מיט א פארצווייפלט קאָל א פרעג געגעבן.

אייזיק האָט מיט א טיפן מיטלייד געקוקט אף דער מומען, וועלכע איז אים געווען ווי א מוטער. אוועקלייגנדיק די האנט אף איר אקסל, האָט ער זי גענו־מען טרייסטן:

— נעכאמע וועט דיך ניט לאָזן פאלן, טאָמער וועט דיר זיין שטארק שלעכט, וועט זי דיך אהיים אָפּשיקן.

— וואָס וועל איך טאָן אין דער היים אָן דיר?

— וואָס קאָן מען טאָן, מומע, כ'וועל זיך מירצעשעם אומקערן, וועסטו ווי־דער זיין מיט מיר, — האָט געענטפערט אייזיק.

פון שטוב איז ארויסגעגאנגען נעכאמע.

— זע, אייזיק, גיב נאָר א קוק! וואָס איז מיט דיר?

— איך גיי אפן פראָנט.

— אף וועלכן פראָנט?

— קעגן די ווייסע.

— וואָס עפּעס אינמיטן־דערינען?

— וואָס הייסט אינמיטן־דערינען? ווארטן, ביז זיי וועלן אהער קומען?

— ווער?

— די ווייסע.

— צוליב דעם האָט מען דיך אין רעווקאָם גערופן? — האָט נעכאמע מיט א פארקלעמט הארץ א זאָג געטאָן. — גייסטו, הייסט עס, אוועק פון אונדז?

— יאָ, — האָט אייזיק א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. — מ'דארף דאָך...

נעכאמע האָט זיך שוין געהאט מיטן גאנצן הארצן צוגעבונדן צו איַיזיקן. טאנכום, האָט זי געקלערט, וועט זיך שוין אהיים אזוי גיך ניט אומקערן. מעג־לעך אפילע, אז ער וועט זיך שוין ביכלאל ניט וויַיזן, און מיטאמאָל האָט זיך אלץ איבערגעקערט מיטן קאָפּ אראָפּ. פון דער ערשטער רעגע אָן, ווי נאָר טאנ־כום האָט זיך באוויזן, האָט זי ניט אופגעהערט צו קלערן וועגן איַיזיקן. און איצט, האָט זי א טראכט געטאָן, איז עפּשער בעסער, וואָס ער גייט אוועק.

א רעגע זיַינען זיי געשטאנען ווי פארגליווערטע. דאָס, וואָס זיי האָבן ניט געקאָנט זאָגן איינער דעם אנדערן מיט ווערטער אין די אָנגעשטרענגטע מינוטן פון זייער צעשיידונג, האָבן אויסגעדריקט זייערע אויגן.

נעכטן באנאכט, איידער טאנכום איז אָנגעקומען, האָט נעכאמע געוואָלט זאָגן איַיזיקן, אז דאָס קינד ווארפט זיך שוין אין איר. נאָר זי האָט ניט באוויזן. און איצט קאָן זי דאָס שוין ניט טאָן.

די ציַיט, וואָס איַיזיק האָט געהאט אין זיַין רעשוס, האָט זיך געענדיקט. נעכאמע איז אריַינגעלאָפן אין שטוב, א כאַפּ געגעבן, וואָס עס האָט זיך איר געמאכט אונטער דער האנט, מיטצוגעבן איַיזיקן אין וועג. איַיזיק איז אריַין נאָך איר. איַיליק ארומנעמענדיק זי, האָט ער זי א קוש געגעבן, גענומען פון אירע הענט דאָס פּעקעלע און איז איבערגעטראָטן די שוועל.

רירנדיק צעזעגנענדיק זיך מיט דער מומען, האָט ער זיך געלאָזט גיין צום זאמלפּונקט אין רעווקאָם.

נעכאמע מיט דער מומען האָבן נאָכגעקוקט, ווי איניינעם מיטן באוואָפנטן אוילעם איז ער פארשוווּנדן פון זייערע אויגן.

פֿינפֿטער טייל

1

אױף מאָרגן אינדערפֿרי, ווי נאָר נעכאמע האָט טאנכומען געמאָלדן, אז זי איז שוואנגער, איז ער געבליבן שטיין ווי א געפּלעפּטער.

— טאקע? אױף אן עמעסן? פֿארוואָס זשע האָסטו עס מיר גלײַך ניט אָנגעזאָגט?

— וואָס האָב איך דיר געדארפֿט זאָגן, האָסט אזוי ניט געזען?

— איך האָב עפּעס יאָ באמערקט, נאָר גיי ווייס... איך האָב זיך שוין אפֿילע ניט גערעכנט אױף אזא בסורע... דערמאָן זיך נאָר, שוין וויפֿל יאָר, ווי מיר ווארטן... — האָט טאנכום מיט א פֿארכאפּטן אָטעם אָנגעהויבן ריידן. און פֿאר זיך א טראכט געטאָן: צי דען האָט די זנאכערקע געהאָלפֿן? ער האָט אליין ניט געגלייבט אין אירע סגולעס. נאָר יעדעס מאָל, ווען ער פֿלעגט באשטימען צופֿאָרן צו א זנאכערקע, פֿלעגט ער קלערן: עפּשער טאקע? ס'קאָסט שוין אזויפֿיל, וועט נאָך א ביסל קאָסטן. מענטשן דערציילן זיך אָן ניסים, וואָס זײַנען זיי נארישער פֿאר מיר?

און איצט, ווען זײַן געגארטעטער טרוים איז מעקוייעם געוואָרן, האָט ער ניט געוואָלט דערלאָזן קיין שום ספֿייקעס, וועלכע זײַנען געבוירן געוואָרן אין זײַן הארץ. ער האָט ניט געוואָלט כקירען און גריבלען זיך...

— דאנקען גאָט!.. דאנקען גאָט!.. זאָל זײַן אין א מאזלדיקער שאָ! — האָט ער פֿול מיט היספּײַלעס, שטיל, ווי צו זיך גערעדט. נאָכדעם האָט ער א פֿרעג געגעבן:

— שוין גיך וועסטו האָבן?

— אינגיכן.

טאנכום האָט זיך שוין אָנגעהויבן פֿאָרשטעלן, ווי ער וועט מיט זײַן ייִנגעלע (אים האָט זיך שטארק געוואָלט א זון) גיין איבער דער גאס. ער וועט אים פֿירן פֿארן הענטעלע, און מענטשן וועלן טײַטן מיט די פֿינגער:

— גיט נאָר א קוק, ווי טאנכום גייט עס מיט זײַן בענאָק... אינגאנצן דער טאטע מיט די ביינער... א שיין ייִנגעלע, א בריליאנט!

ס'וועט דורכגיין א יאָר, צוויי און דרײַ, נעכאמע וועט געבוירן נאָך א ייִנגעלע און נאָך. דאָס ערשטע ייִנגעלע וועט פֿירן פֿארן הענטעלע דאָס צווייטע, דאָס צווייטע — דאָס דריטע, מענטשן וועלן קראַפּירן פֿון קינע און וועלן זאָגן:

— זעט נאָר, ווי א מענטשן גייט עס, גאָלע ייִנגלעך! א באלעבאָס האָט מאזל... א גאנצע כאליאסטרע!

ער האָט זיך אָנגעהויבן פֿאָרשטעלן, ווי די כּעוורע װעלן זומער פֿאָרן רײַטנדיק באָדן די פֿערד אין סטאַוואָק, ווי זיי וועלן פֿאַרשײַט זיך קוליען, פּליוסקען זיך אין וואַסער, כאַפּן איינער דעם צווייטן פֿאַר די פּיסלעך, טומלען, שטיפֿן.

— אַט קונדייסים, אַט מאַזיקים! — וועלן מענטשן זאָגן, און ער וועט אַנקוועלן פֿון זייערע שטיפֿערײַען און טראַכטן:

— א געזונט זיי אין די ביינער.

ווען די כּעוורע, האָט ער זיך פֿאָרגעשטעלט, וועלן זיך אומקערן רײַטנדיק אַף די פֿערד פֿון סטאַוואָק, וועט ער אײַנשפּאַנען אין דער אַרבע און זיך לאָזן אין פֿעלד ברענגען טוווּע אַפּן טויק. ער וועט אָנהייבן מיט דער ווילע א קאָפּנע נאָך א קאָפּנע, איין יאַטל וועט אײַנטאָפּטשען די טוווּע, דאָס צווייטע וועט מיט דער הראַבליע צונויפֿשאַרן אַף דער האָנע די איבערגעבליבענע זאַנגען. נאָכדעם, ווען ער וועט ברענגען די טוווּע פֿון פֿעלד, וועט ער נעמען שפּרייטן א טויק. איינער וועט, רײַטנדיק אַף די פֿערד, דרייען זיך מיטן דרעש־שטיין איבערן טויק און וועט מלויצען, דער צווייטער וועט איבערקערן די טוווּע אַף דער צווייטער זײַט, און ווי נאָר מ'וועט ענדיקן דרעשן, וועט איינער צונויפֿשאַרן די שטרוי, דער צווייטער וועט טראָגן די שטרוי אַף דער סקירדע. נאָכדעם וועלן זיך אַלע נעמען מיט די הראַבליעס צונויפֿשאַרן די אויסגעדראָשענע פּאָלאָווע מיט די קערנער אַפּן וואָרעך. אין הויף וועט בא אים ווימלען, זשומען ווי ארום א בינשטאָק.

פֿון די בילדער, וועלכע האָבן איינס נאָכן אַנדערן געשוועבט פֿאַר זײַנע אויגן, איז אים אַזוי פֿריילעך געוואָרן אַף דער נעשאָמע, אַז ער איז גרייט געווען אַלעמען אַרומנעמען, וואָר ס'וועט זיך אים נאָר אָנטרעפֿן אַף די אויגן.

— גאָט באַרעמהאַרציקער! — האָט זיך אים געוואָלט אויסשרײַען, — געשעצט און געקרוינט זאָלסטו זײַן! אַדאַנק דײַן לײַטזעליקײַט איז נעכאָמע שוואַנגער געוואָרן און וועט געבוירן א קינד!

פֿאַר גאָטס וועגן איז ער גרייט געווען געבן צדאָקע, ווערן א באַלטשוווע, טאָן טויוועס מענטשן און זײַן גוט און פֿרום.

ער האָט געהייסן נעכאָמען אָפּריכטן שאַבעס, ווי גאָט אַליין האָט געבאָטן.

פֿרײַטיק אינדערפֿרי האָט זי אָפּגעבאַקן צוויי גרויסע שאַבעסדיקע קוילעטשן. פֿאַרנאַכט, פֿאַרן ליכט בענטשן, האָט זי אָפּגעבאַקן מאַצעלעך און פֿאַרוקט אין אויוון דעם טשאָלנט — א שאַבעסדיקע יויך, אָן אָנגעפֿילט העלדזל, א געבראָטנס, א קוגל און א צימעס פֿון פֿאַסאָליעס.

שאַבעס אינדערפֿרי, ווי נאָר טאַנכום האָט זיך אופֿגעכאַפּט, האָט ער דערפֿילט דעם רייצנדיקן רייעך פֿון געבריטע, איבערגעפֿרײַעטע מילך, וועלכע נעכאָמע האָט נאָך נעכטן פֿאַרוקט מיטן טשאָלנט אין אויוון אין א גרויסן טאָפּ. ער איז אופֿגעשטאַנען, אײַנגעוואַשן זיך און אַרויסגעגאַנגען אין הויף. ביז ער האָט זיך דאָרט אַרומגעדרייעט, האָט נעכאָמע אַרויסגעשלעפּט פֿון אויוון דעם טאָפּ, אַוועקגעשטעלט אים אַפּן טיש, אָנגעגאָסן זיך און טאַנכומען שטאַרק איבערגעבריטע געל־רויטלעכע מילך מיט אָן א שיר פֿעטע אייגעלעך.

טאַנכום האָט זיך באַלעקט פֿון דער דיקער, אַזש ברוינער „פּענקע", וועלכע ער האָט אַראָפּגעשלונגען צוזאַמען מיט דער באַטאַמטער מילך און צוגעביסן מיט פּלעצעלעך מיט צימרינג.

ווי נאָר טאַנכום מיט נעכאַמען האָבן אָפּגעגעסן, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן גרייטן צו גיין אין שול אַרײַן. נעכאַמע האָט זיך אויסגעפּוצט אין איר געפּינטלט קלייד און אין שוואַרץ אויסגעהעפֿטן שאַרף. טאַנכום האָט אָנגעטאָן זײַן יאָמטעוודיקן אָנצוג און זיך געלאָזט גיין. אַרום האָט געהערשט אַ שאַבעסדיקע רו. אַף די הויפֿן האָט זיך קיינער הײַנט ניט באַוויזן.

זינט טאַנכום האָט זיך אומגעקערט אַהיים, האָט ער נאָך קיינעם ניט געזען. מיט באַלעבאַטישער ווירדע וועט ער הײַנט אָפּגעבן אַלעמען שאָלעם און וועט אויסהערן, וואָס עס טוט זיך אַף דער וועלט.

געוויס וועט ער אין שול טרעפֿן דעם פֿאָטער, וואָס ווייסט נאָך ניט, אַז זײַן זון איז געקומען. ער וועט פּרוּוון בעטן באַם טאַטן מעכילע. ער וועט אים זאָגן:

— כ'האָב זיך געטרונקען, טאַטע, און דו האָסט מיר קיין האַנט אַפּילע ניט דערלאַנגט אַרויסצושלעפּן מיך פֿון וואַסער. נאָר גאָט האָט זיך דערבאַרעמט און אומגעקערט דיר דײַן פֿאַרשטויסענעם זון... עפּשער וועסטו זיך אַרומקוקן און מויכל זײַן מיר... דו ווייסט, טאַטע, אַז גאָט וועט דיר אײניכלעך צושיקן נאָך אַן אייניקל — מײַן נעכאַמע וועט געבאָרן אַ קינד... די מאַמע האָט געבעטן דאָרט פֿאַר מיר, און דו בעטסט דאָ פֿאַר מיר... איז קום הײַנט צו מיר אַף שאַבעס.

קיינמאָל איז נאָך טאַנכום ניט געווען אַזאַ גוטער. ער איז גרייט געווען דעם גרעסטן אָרעמאַן טראָגן אַנטקעגן דעם גוטשאַבעס, אויסשטרעקן אים אַ האַנט, אָפּגעבן אים שאָלעם און רופֿן אים צו זיך אַף שאַבעס. נאָר ווי אַף צולאָכעס האָט ער קיינעם ניט באַגעגנט. אַפֿן שולהויף איז אויך קיינער ניט געווען.

— מ'האָט שוין, ווי עס ווײַזט אויס, אָנגעהויבן דאַווענען, — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו נעכאַמען.

נאָר פּלוצעם, דערזעענדיק אַפֿן דאַך פֿון דער שול־געביידע אַ ווײַס־געשטרײַפֿטע טויב, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. די טויב איז געזעסן, און אַ צווייטע טויב, אַ טונקל־גרויע מיט אַ טשובאַטע קעפּל, קענטיק, אַז ער האָט, וואָרקענדיק, זיך געדרייט אַרום איר.

— אָט איז דאָך מײַן העזעק... אָט ווּהין זי איז פֿאַרלאָפֿן, די מעשומײדעסטע! — האָט טאַנכום אָנגעהויבן זידלען די ווײַס־געשטרײַפֿטע טויב. נאָכדעם ווי אַ קאַץ האָט אופֿגעגעסן איר ער, איז זי אַריבער אַהער און זיך באַזעצט, קענטיק דאָ, אין אַ נעסט מיט איר נײַעם ער.

— הוט, פּאַסקודע, האָסט ניט געקענט דעם ער צו זיך פֿאַרנאַרן, — האָט טאַנכום געוואָלט אַ כאַפּ טאָן אַ שטיין און נעמען יאָגן די טויבן פֿון דאַך. — וואָס וואָלט אײַך שלעכט געווען באַ מיר? איר וואָלט זיך געפּלאָדיעט באַ מיר, געהאָדעוועט זיך און וואָס וועט איר דאָ טאָן — גאָטס טויבן?

דער ער האָט זיך אַ פּאָר מאָל אַ דריי געטאָן אַרום דער זי, געוואָרקעט, ווי ער וואָלט איר עפּעס זאָגן, נאָכדעם האָבן זיי אַ פּאַטש געגעבן מיט די פֿליגלען און זיך געלאָזט ערגעץ פֿליִען.

— צו מיר, צו מיר פליט, טײַבעלעך! — האָט טאַנכום צו זיך געשעפּטשעט און איז מיט א באַרוזקט געמיט אַרײַן אין שול.

נעכאָמע איז שוין געזעסן אויבן אָן צווישן די ווײַבער און געדאַוונט. דער אוילעם, וועלכער איז געשטאַנען אין די טאַליסים צעשאָטן איבער די שטעט, האָט אויך שטיל געמורמלט די שאַבעסדיקע טפילע.

טאַנכום איז צוגעגאַנגען צו זײַן שטאָט, וועלכע ער האָט געדונגען נאָך צוריק מיט א פּאָר יאָר, און אָנגעהויבן אַרומקוקן זיך.

— ווי ווייניק מענטשן זײַנען געקומען אין שול, — האָט ער א טראַכט געטאָן. — קימאַט דורכוים אַלטע לײַט... ס'זײַנען ניטאָ ניט ראַכמיִעל, ניט זאַ־וועליב, ניט געדאַליע רײַטשוק, ניט מיכל מאַכלין, ניט באָרעך דער רויטער, ניט שלוימע טשערטאָק, ניט יאַנקל קיילעס.

ניט ווײַט פון זײַן שטאָט האָט טאַנכום דערזען דעם פאָטער. דער אַלטער איז געשטאַנען אָן אײַנגעהויקערטער און געדאַוונט. וויפל טאַנכום האָט ניט געקוקט אַף אים, האָט דער פאָטער אַפילע די אויגן ניט אופגעהויבן פון סידער.

יודע פייטראַך האָט הײַנט מיט באַזונדערע היסלײַוועס טפילע געטאָן. ער האָט ניט געזונגען באַם אָמעד, נאָר געשריִען, געבעטן באַם ריבוינע־שעל־אוילעם, די נײַע מאַכט זאָל זיך האַלטן און ער און די איבעריקע באַלעבאַטים זאָלן געוועלטיקן איבער דער ערד ווי פריִער, אײדער די רויטע האָבן זיך גע־וויזן אַף דער וועלט. נאָר די שאָטנס פון די אַלע, וועלכע זײַנען הײַנט אין שול ניט געווען, האָבן אים, פונקט ווי טאַנכומען, רוען ניט געלאָזט.

— זיי שלאָגן זיך ערגעץ, — האָט טאַנכום געטראַכט, — זיי רײַסן זיך געווים אַהער, און וואָס וועט זײַן, טאָמער קומען זיי צוריק? ניין, ניין, גאָט וועט זיי מער ניט דערלאָזן, — האָט ער זיך אַליין געפּרוּווט טרייסטן.

דער שאַמעס מיט דער לאַנגער ביזן גאַרטל גרויער באָרד האָט אָנגעהויבן פאַרקויפן די אַליִעס. ביז טאַנכום האָט זיך באַוויזן אַרומקוקן, האָט מען שוין געהאַלטן באַ שישי. מיט גרוים מאַטערניש האָט ער אויסגעדונגען די לעצטע אַליִע, ווײַל אַף מאַפטיר האָט ער זיך ניט געטאָרט פאַרלאָזן, איבערהויפּט, אַז ער איז אַזוי אויך טעמפּ אין דער איווריע.

דער אוילעם אַרום די שטעט האָט נאָך א ווײַלע געמורמלט, און די ווײַבער האָבן געוויינט, געטײַנעט, אויסריידנדיק זיך יעדערע אַף איר אויפן דאָס האַרץ.

ס'איז צוגעגאַנגען די צײַט, ווען דער שאַמעס האָט אָנגעהויבן אופרופן צו דער טוירע. אַז ער האָט מיט א פײַערלעך קאָל אויסגערופן „יאַאמויד רעב טאַנכום", איז ער אַרופגעשפּרונגען אַף דער בינע, א קוש געגעבן מיט דער ציִצע פון טאַלעס די טוירע, און פּלאָנטערנדיק זיך, קוים געמאַכט די בראָכע. א באַגאָסענער מיט שוויים, ווי נאָך א שווערער אַרבעט, האָט ער זיך אומגעקערט אַף זײַן אָרט.

נאָך מאַפטיר האָט דער באַלקריִע, צעפּעפּענענדיק זײַן געמבע, מיט א היי־זעריקלעך קאָל אויסגעזונגען פײַערלעך און דערהויבן א מישעביירעך דעם נײַעם קייסער — דעם אַדמיראַל דעניקינען.

דער כאַזן האָט קוים באַוויזן ענדיקן דעם מישעביירעך, ווי טאַנכום האָט הויך אויסגעשריִען:

— אָמיין! גאָט זאָל היטן אונדזער קייסער! אָמיין!

— א דונער מעג אײַך ביידן טרעפן, דיך מיטן קייסער צוזאַמען! — האָט זיך דערהערט א שטים. נאָר דאָס קאָל איז פארטויבט געוואָרן אינעם געבעט פון דער פירזאָגערן: „עס זאָל אופשטיין א דערלייזונג פון גאָט, וואָס זיצט אין הימל."

— אײַנגעבראָכן זאָלסטו ווערן אינאיינעם מיט דײַן קייסער! — האָט זיך דערהערט א צווייט קאָל.

פארענדיקט די שאבעסדיקע טפילע, האָט טאנכום א קוש געגעבן דעם סי־דער, אויסגעטאָן דעם טאלעס און גלײַך געלאָזט זיך גיין צו דער טיר איבער־כאפּן דעם פֿאָטער. עפּשער וועט ער פֿאָרט גיין צו אים אַף שאבעס. נאָר דער אלטער איז שוין ניט געווען. טאנכום האָט געוואָלט גיין אָניאָגן אים, נאָר פֿון אויבן, פֿון דער ווײַבערשער שול, האָט זיך אראָפּגעלאָזן נעכאמע. אירע אויגן זײַנען געווען רויט פֿון געוויין, דאָס פּאָנעם פארצאָרנט.

— אַף וועמען וואָרטסטו? — האָט נעכאמע א פרעג געגעבן.

טאנכום האָט נאָך געשטערט א ווײַלע עפּעס מיט די אויגן און זיך גע־לאָזט גיין מיט נעכאמען. פֿון הינטן זײַנען זיי נאָכגעגאנגען הינדע רײַטשוק מיט נאָך א פּאָר ווײַבער.

זיצנדיק אין דער הייך אין דער ווײַבערשער שול, האָט הינדע דערזען, ווי טאנכום האָט א צופרידענער א שפּרונג געטאָן, ווען דער כאזן האָט געמאכט מישעביירעך, צו איר אויער איז אפילע דערגאנגען דער „אָמיין", וועלכן טאנ־כום האָט אויסגעשריִען, גלײַך ווי דער כאזן האָט געענדיקט די בראָכע.

— גיט נאָר א קוק, ווי ער שפּרינגט, ווי א באָק, דער פּאסקודניק! — האָט זי אָן אופגעבראכטע א זאָג געטאָן צו די ווײַבער, וועלכע זײַנען געזעסן לעבן איר. — אונדזערע מענער גייען דאָרט אָפּ מיט בלוט אפן פראָנט, און ער איז גאָר גליקלעך מיטן נײַעם קייסער.

די צונג האָט איר געבריט אויסצוגיסן איר גרימצאָרן, ס'זאָל אים דער־לאנגען אזש אין דער זיבעטער ריפּ. די הענט האָבן איר געביסן אויסצופּאטשן אים. נאָר דאָס אלץ האָט איר אויסגעזעען ווייניק.

— גיט נאָר א קוק, ווי זי שטעלט עס ארויס איר בויך? א! — האָט הינדע א זאָג געטאָן צו די ווײַבער, — זי ווײַזט אלעמען, וואָס דער באטראק אירער האָט אָפּגעטאָן.

— דער באטראק האָט אָפּגעטאָן דאָס, וואָס טאנכום האָט ניט געקענט, — האָבן די ווײַבער געקײַכט פֿון געלעכטער.

די ווערטער זײַנען ווי קוילן ארײַן אין טאנכומס הארץ. א טויט־בלייכער איז ער געבליבן שטיין און מיט מעוווּלבלדיקע אויגן זיך אָנגעהויבן ארומקוקן. נעכאמע האָט זיך געמאכט ניט הערנדיק, און די ווײַבער האָבן ניט אופגעהערט קײַכן פֿון געלעכטער.

2

טאנכום איז געקומען אהיים א צערודערטער. אָנפאלן אַף נעכאמען האָט ער ניט געוואגט. וואָס וועט עס אים געבן? אויב ס'איז טאקע עפּעס פֿאָרגעקומען צווישן איר מיט איַיזיקן, וועט זי זיך דען מודע זײַן? וואָסי, עמעצער איז געשטאנען בא איר צוקאָפּנס? עפשער איז דאָס אלץ, וואָס די ווײַבער האָבן געד־רעדט, א ווילדע אויסטראכטעניש, האָט ער זיך געטרייסט, עפשער ווילן זיי פּאָ־שעט מאכן א בייז לעבן צווישן אים מיט איר, קעדיי פארשטערן אים די סימכע.

ער האָט געפּרוּווט ריידן מיט נעכאמען, פאנאנדערפרעגן זיך בא איר, צי האָט זי געהערט, וואָס די ווײַבער האָבן גערעדט, ווען זיי זײַנען געגאנגען פון שול.

— כ'האָב גאָרנישט ניט געהערט, — האָט זי טאמעוואטע א קנייטש געגעבן מיט די פּלייצעס.

טאנכום האָט אויך געפּרוּווט מאכן אן אָנשטעל, ווי עס איז גאָרנישט געד־שען. אָבער אין הארצן איז אים געבליבן א ווייטעק.

מענטשן וועלן דען אומזיסט נעמען און אויסטראכטן אזא בילבל? — איז אים דורכגעלאָפן א געדאנק. אָבער — וואָס הייסט, אזא באלעבאָסטע, ווי זײַן נעכאמע, וועט האָבן מאגע־מאסע מיט א באטראק?

באטראקעס, אָרעמעלייט זײַנען אין טאנכומס אויגן געווען מענטשן ניט קיין פולווערטיקע, דעריבער האָט ער ניט געקאָנט דערלאָזן דעם געדאנק, ס'זאָל עפּעס פאָרקומען צווישן איַיזיקן מיט נעכאמען. פונדעסטוועגן האָט ער געהאלטן אין איין דערפרעגן זיך בא קיילען:

— ווער איז ער עס, דער איַיזיק? פונוואנען שטאמט ער? מיט וואָס פלעגט ער זיך פארנעמען?

— מײַן פּלימעניק איז א ווילער באָכער, קיינער וועט וועגן אים קיין קרום וואָרט ניט זאָגן. מיר אזא יאָר, וואָס פאר א לײַטישער ער איז, סארא ליכטיקן קאָפּ ער האָט. ער האָט נעבעך נאָר קיין מאזל ניט, ער איז א גרויסער אָרעמאן.

— אויב ער איז אזא כאָכעם און איז אזא בעריע, ווי איר זאָגט, פארוואָס זשע איז ער אזא אָרעמאן?

— פון וואָס זאָל ער זײַן א גוויר? וואָס ער האָרעוועט א גאנץ לעבן בא די באלעבאטים?

— א מעלאָכע האָט ער אין די הענט?

— ניין, ער האָט זיך אָנגעהויבן לערנען שנײַדערײַ, נאָר ער האָט זיך ניט דערלערנט... זינגען קען ער זייער שיין.

— זינגען? וואָס איז פאר א מעלאָכע זינגען? סײַדן ער זאָל ווערן א כאזן? דאוונט בא אונדז יודע פייטראך שאבעס און אין די יאָמטויווים אָן געלט.

— דער באלעבאָסטע איז שטארק געפעלן זײַן זינגען.

— איז אײַך דאָ, הייסט עס, פריילעך געווען, — האָט טאנכום גאליק א שטאָך געגעבן קיילען. — אײַער פּלימעניק האָט געזונגען, און עמעצער האָט נאָך געטאנצט אַף מײַן אומגליק.

— אַף אונדזערע סאָנים געזאָגט געוואָרן אונדזערע סימכעס, — האָט קיילע געענטפערט מיט א קרעכץ. — וואָס נאָך קען מען טאָן אין די לאַנגע ווינטער־דיקע נעכט? שלאָגן זיך קאָפּ אין וואַנט? און די באַלעבאָסטע וואָס האָט גע־קענט טאָן? ליגן זיך לעבעדיקערהייט אין דרערד אַרײַן?

פון קיילעס ווערטער איז טאַנכומען עפּעס א רעגע גרינגער געוואָרן אַף דער נעשאָמע.

— און ווי האָט די באַלעבאָסטע זיך באַצויגן צו אײַער פּלימעניק? — האָט טאַנכום זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערפרעגן.

— זייער גוט. פאַרוואָס זאָל זי זיך שלעכט צו אים באַציִען? זי האָט אים געגעבן עסן, טרינקען, עפּעס אָנטאָן.

— אפילע אָנטאָן? — איז טאַנכום אזש אופגעשפּרונגען.

— נו וואָס האָט זי אים אזוינס געגעבן? איר מיינט עפּעס רעכטס? אן אַלט העמד, א פּאָר צעריסענע הויזן.

— א העמד? וואָס פאר א העמד? קיין אַלטע העמדער זײַנען בא מיר ניט געווען.

ער האָט געהאַט בעדייע צונויפקלײַבן א ביסל בגאָדים, אוועקטראָגן דעם טאַטן, די ברידער, און זי האָט עס גאָר אָפּגעגעבן דעם באַטראַק. איז ער גע־וואָרן אויסער זיך. נאָר באַלד האָט ער זיך אָנגעהויבן באַרויִקן.

— עפּשער האָט זי געגעבן צדאָקע, מ׳זאָל מיך גיכער באַפרײַען.

פּאַוואָלינקע האָט ער אָנגעהויבן פאַנאַנדערפרעגן זיך בא קיילען, פאַרוואָס די װײַבער באַריידן זײַן נעכאָמען.

— ווער באַרעדט זי? — האָט קיילע אויסגעשטעלט אַף טאַנכומען א פּאָר אויגן, — וואָס קאָן מען זי באַריידן? וואָס קאָן מען האָבן צו איר? זי איז א וויל ווײַבל, כ׳ווייס ניט, וואָס מ׳קאָן וועגן איר זאָגן שלעכטס.

— נו, איר פאַרשטייט אַליין ניט? איך בין אין דער היים ניט געווען, האָט מען אָנגעהויבן ריידן, אז... ווי הייסט ער, אײַער פּלימעניק... איך דאַרף אײַך קיין פינגער אין מויל ניט אַרײַנלייגן.

— זיי זײַנען מעשוגע... צי כאַסער־דייע? כ׳ווייס ניט. כ׳האָב גאָרנישט ניט געהערט, — האָט קיילע אָנגעהויבן קנייטשן מיט די פּלייצעס.

— איר זאָגט דאָך אַליין, אז זי האָט געשאָנקען אײַער פּלימעניק א פּאָר הויזן, א העמדל, אז זי האָט זיך צו אים גוט באַצויגן.

— נו, איז וואָס? — האָט קיילע אים איבערגעשלאָגן.

— איז ריידן מענטשן... מ׳דאַרף דען א סאַך בא אונדז, מ׳זאָל עמעצן באַריידן?

— צו מײַן פּלימעניק קאָן מען זיך ניט שלעכט באַציִען. ס׳איז דען פאַ־ראַן כאָטש איין מענטש, וועמען ער זאָל ניט געפעלן?

— אויב אזוי, באַקומט זיך דאָך בא אײַך, אז ער איז נעכאָמען געפעלן געוואָרן? מעגן טאַקע מענטשן ריידן.

— וואָס גייסטו אַרום ווי א יִידענע און הערסט זיך אונטער, ווער וואָס עס רעדט! — איז נעכאָמע אַרײַנגעלאָפן א צעקאָכטע. — קענסט דאָך בא מיר אַליין פרעגן, וועל איך דיר דערציילן, כ׳וועל זיך פאַר דיר ניט שעמען.

— וואָס האָסטו זיך אָנגעצונדן? כ׳צעפּרעג זיך דען עפּעס? קיילע זאָגט, אַז דו האָסט אַ גוט האַרץ.

— נו, איז וואָס? ס׳פאַרדריסט דיך עפּשער, וואָס איך האָב אוועקגעגעבן דײַנע אַלטע הויזן מיט אַ העמדל?.. אַ געצקע אָפּן באַשטאַן צו שרעקן די פויגלען האָט מען נאָר די בגדים געקענט אָנטאָן, מער האָבן זיי אויף גאָרנישט ניט געטויגט!

— וואָסי? כ׳האָב דיר עפּעס געזאָגט? גוט, דו האָסט זיי אַוועקגעגעבן אַן אָרעמען מענטשן, וועסטו כאָטש האָבן אַ מיצווע! מער האָבן מיר דאָך פון גאָרנישט ניט גערעדט.

— נו, גענוג, גענוג זיך צו פאַרענטפערן.

— וואָס דאַרף איך זיך פאַרענטפערן, פאַר וועמען דאַרף איך זיך פאַרענטפערן, פאַר וועמען האָב איך מוירע? — האָט טאַנכום זיך אָנגעהויבן אָנצינדן.

קעדיי אויסצומײַדן אַ סיכסעך, איז נעכאַמע ערגעץ אַרויסגעגאַנגען. טאַנכום האָט ווידער געפּרווּט פרעגן וועגן נעכאַמעס באַציִונגען מיט אײַזיקן. נאָר ס׳האָט זיך אַן עפּן געטאָן די טיר, און אין שטוב איז אַרײַנגעגאַנגען נעכאַמעס פאָטער.

— נעכאַמע, מיר האָבן אַ גאַסט! — האָט טאַנכום, קוים באַוויַזנדיק אָפּצוגעבן דעם שווער שאָלעם, זיך געלאָזט זוכן דאָס ווײַב, — נעכאַמע, דער טאַטע איז געקומען!

נעכאַמע האָט זיך ניט גלײַך אָפּגערופן. טאַנכום האָט דערלאַנגט דעם שווער אַ בענקל. דער גאַסט האָט אָנגעהויבן פאַנאַנדערפרעגן באַם איידעם, וואָס ער מאַכט, וואָס באַ נעכאַמען הערט זיך. טאַנכום האָט זיך צוגעזעצט לעבן אים אויסצודערציילן די היימישע נײַעס. אויפן שוועל פון פאָדערהויז האָט זיך באַוויזן נעכאַמע און האָט מיט אַ ציטערדיק קאָל אַ געשריי געטאָן:

— טאַטע, ווען ביסטו געקומען?

— ערשט־אָ, טאָכטער, איך בין צוגעפאָרן כאָטש אויף אַ שאָ אַ קוק טאָן, וואָס דו מאַכסט.

— זייער גוט, טאַטע, זייער גוט, וואָס דו ביסט געקומען, — האָט זי, צעקושנדיק זיך מיטן פאָטער, אַ זאָג געטאָן און מיט אַ פאַרטײַעטן ווונק אַרײַנגערופן אים אין שלאָפצימער. נעכאַמע האָט זיך דאָרט קלוימערשט געפּאָרעט און שטיל עפּעס גערעדט מיט אים.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט טאַנכום דערהערט, ווי זי האָט זיך עפּעס פאַנאַנדערגעוויינט און דער פאָטער האָט זי געפּרווּט באַרויִקן.

— צי דען באַקלאָגט זי זיך פאַר אים, וואָס מ׳באַרעדט זי, — האָט טאַנכום אַ טראַכט געטאָן. — זי האָט דאָך געזאָגט, אַז זי האָט גאָרנישט ניט געהערט, ווי די ווײַבער האָבן געכוויזעקט פון איר. און עפּשער האָט זי זיך געמאַכט, אַז זי האָט גאָרנישט ניט געהערט. מעגלעך, אַז זי לעבט איבער גאָר פון אַן אַנדער זאַך. נאָר פאַרוואָס דערציילט זי אים וועגן גאָרנישט ניט, פּונקט ווי ער וואָלט איר זײַן אַ פרעמדער. און פאַרוואָס האָט זי זיך בכלל דערווײַטערט פון אים, פּונקט ווי זי וואָלט קיינמאָל זײַן ווײַב ניט געווען.

פון שלאָפצימער איז נעכאַמע אַרויסגעגאַנגען אַ פאַרווײנטע.

— וואָס איז מיט דיר? — האָט טאַנכום, קוקנדיק אַף נעכאַמען און אַפֿן שווער, אַ פֿרעג געגעבן.
— גאָרניט.
— וואָס הייסט גאָרניט? — האָט טאַנכום אָנגעהויבן צושטיין. — וואָס האָסטו געוויינט? פֿאַרוואָס דערציילסטו ניט, וואָס איז מיט דיר?
— וואָס ווילסטו פֿון מײַנע יאָרן? — האָט נעכאַמע זיך אָנגעהויבן בייזערן.
נאָר דער פֿאָטער האָט געפּרוּווט אײַנריידן טאַנכומען:
— ס'איז קיין שום בייז ניט געשען, זאָל נאָר גאָט געבן, נעכאַמע זאָל בעשאָלעם איבערקומען דעם קימפּעט.
— אוואדע, אוואדע, איך טשעפּע זי דען? — האָט טאַנכום זיך אָנגעהויבן ווי פֿאַרענטפֿערן.
קיילע, וועלכע האָט, ווי נאָר שאָלעם האָט זיך באַוויזן אַפֿן שוועל, געזוכט אַ געלעגנהײַט צו דערוויסן זיך בא אים עפּעס וועגן אײַזיקן, האָט זיך ראַנוצט מיט די צווישנרופֿן און אַ פֿרעג געגעבן:
— איר האָט גאָרנישט ניט געהערט פֿון מײַן פֿלימעניק?.. אײַזיק איז מײַן גאַנץ לעבן, ס'איז מײַן איינציקע טרייסט, וואָס ס'איז מיר נאָר געבליבן אַף דער וועלט.
— אײַזיק? — האָט שאָלעם איבערגעפֿרעגט. — פֿונוואַנען זאָל איך וויסן, וואָס איז מיט אים? פֿון אונדזערע מעקוימעס זײַנען אַ סאַך אַוועק מיט די רויטע, מ'זאָגט, אַז זיי וועלן אינגיכן צוריק קומען.
— ס'קאָן ניט זײַן! — האָט טאַנכום אַ שפּרונג געטאָן, ווי אָן אָפּגעברי־טער. — ווער האָט עס אײַך געזאָגט?.. זיי מעגן דאָרטן אײַנגעבראָכן ווערן און ניט דערלעבן צוריק קומען.
— אײַערע קלאָלעס מעגן פֿאַלן... — די ניט דערזאָגטע ווערטער האָבן זיך קיילען געשטעלט אין האַלדז. אָנשטרענגענדיק זיך, האָט זי קוים אַרויסגע־בראַכט: — וואָס האָט איר צו מײַן פֿלימעניק? וואָס האָט איר צו די אַלע מענטשן, וועלכע זײַנען אַוועק צו די רויטע אָנעמען זיך פֿאַרן אָרעמאַן? דאָס זײַנען דאָך אַלץ ערלעכע און לײַטישע מענטשן. אײַערע ברידער זײַנען, דאַכט זיך, אויך דאָרט?
— נו, איז וואָס? מײַנע ברידער ווילן מיך אויך דערטרינקען! — האָט טאַנכום אַ ברום געטאָן.
— ווײַל איר ווילט אַלעמען דערטרינקען, — האָט קיילע זיך אַוועקגעשטעלט קעגן טאַנכומען, ווי זי וואָלט זיך וועלן פֿאַרמעסטן קעגן אים.
— איך? — האָט טאַנכום זיך אַ כאַפּ געטאָן. — ווי קאָן איך שווײַגן, אַז אַלע האָבן זיך אָנגעזעצט אַף מיר און ווילן מיך פֿון דער וועלט אומברענגען! מײַן אייגן ווײַב וויל זיך שוין אויך פֿאַר מיר ניט אָנעמען.
— באַרויִק זיך, — האָט דער שווער אים געפּרוּווט אײַנשטילן, — וואָס ווילסטו פֿון נעכאַמען?
— און פֿון מײַן פֿלימעניק וואָס וויל ער? — האָט קיילע זיך אַרײַנגע־מישט. — אים געפֿעלט ניט, וואָס ער איז אַוועק צו די רויטע? ווּהין האָט ער געדאַרפֿט גיין?

— איר זײַט שוין אויך מיט זיי?.. איר ווינט בא מיר און זײַט מיט זיי, — האָט טאַנכום איר אָנגעהויבן אויסוואָרפן.

— די רויטע זײַנען איצט בא מיר געוואָרן אײַזיק, ווײַל אײַזיק איז א רויטער, — האָט קיילע געענטפערט.

— איך ווייס עס, — האָט טאַנכום פונסניי זיך אָנגעהויבן קאָכן. — וואָס קלאָגט נעכאַמע נאָך זײַן קאָפּ? וואָס גיסט זי טרערן נאָך די גאזלאָנים, וועלכע ווילן מיך צוזאַמען מיט איר אומברענגען?

— זאָל זײַן געגוג! — האָט דער שווער געפרוווט אײַנשטילן טאַנכומען. — געגוג שוין, באַרויק זיך, פאַרגעס ניט, אז נעכאַמע איז מעובערעס. זי קען נאָך כאַס־וועשאָלעם מאַפּל זײַן... כ'בעט דיך, הער אויף צו שרײַען!

די געבורטס־ווייען זײַנען בא נעכאַמען געווען זייער גרויסע. קיילע האָט איר באַצײַטנס איבערגעצויגן דעם אײַנשיט, אויסגעשפּרייט א שניי־ווײַסן לײַלעך, אָנגעטאָן אויף די קישנס נײַע ציכעלעך, אופגעראַמט אומעטום.

פאַרנאַכט האָט נעכאַמע אָנגעהויבן גיין צו קינד. זי האָט שרעקלעך געשריִען, געקרעכצט. טאַנכום איז אוועקגעלאָפן רופן די באָבע. ער האָט זיך לאַנג געזאַמט, געוואַרט, ביז זי וועט זיך אומקערן פון א געווינערן, צו וועלכער זי איז נאָך אינדערפרי אוועקגעגאַנגען. סאָפּקאָלסאָף איז ער געקומען אָן איר.

— וואָס טוט מען? — כ'קאָן ניט צוזען דעם צאַר, ווי זי מאַטערט זיך, — האָט קיילע, ברעכנדיק די הענט, געטײַנעט צו טאַנכומען. — מע דאַרף פאָרן צו א דאָקטער.

טאַנכום האָט א צווייט מאָל זיך געלאָזט גיין צו דער באָבען.

— אויב זי איז נאָך אין דער היים ניטאָ, איז גייט צו צו יענער געווינערן און ברענגט זי. אָן שום טערעץ דאַרפט איר זי ברענגען. געדענקט, אָן איר זאָלט איר ניט קומען! — האָט אים קיילע, אַרויסבאַגלייטנדיק, געזאָגט.

נעכאַמען איז, ווײַזט אויס, עטוואָס געוואָרן גרינגער. זי איז געלעגן און שטיל געקרעכצט.

קיילע איז אָפּגעגאַנגען פון איר בעט און געהאַלטן אין איין טרייסטן, — נישקאָשע, נעכאַמעלע, נישקאָשע! ס'איז דאָך בא דיר אָן ערשטלינג... אָן ערשטלינג קומט אַלעמאָל אָן שווער... שוין גיך, נאָך א ביסעלע, וועסט מירצעשעם איבערקומען אַלע שמערצן!

נעכאַמע האָט פאַרגלאָצט די אויגן, געקריצט מיט די ציין און געשוויגן. נאָר אָט זײַנען די קראַמפּן שטאַרקער געוואָרן, און זי האָט ווידעראַמאָל גענומען שרײַען. קיילע האָט זיך שוין אָנגעהויבן פאַרלירן און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. צום גליק, האָט זיך אָן עפּן געטאָן די טיר, און א פאַרשוויצטער, קוים כאַפּנדיק דעם אָטעם, איז אַרײַנגעלאָפן טאַנכום.

— די באָבע גייט!

אין א פּאָר מינוט ארום איז אריַין א נידעריטשקע, עטוואָס אן איַינגעהויקערטע, נאָר א פעסטע ייִדענע, מיט א ברייט צעקארבט פּאָנעם. זי האָט אראָפּגעוואָרפן דאָס שאַלעכל פון די אקסלען און געהייסן דערלאנגען א ריינעם ליַילעך, מיט וועלכן זי דארף זיך ארומוויקלען אָנשטאָט א כאלאט.

— שטילער, טיַיערע, שטילער! עס טוט דיר נעבעך וויי! — האָט זי, צוגייענדיק צום בעט, געזאָגט. — באלד וועט דיר ווערן גרינגער.

די באָבע האָט זיך לאנג געפּאָרעט ארום דער געווינערן. דאָס קינד איז געגאנגען זייער שווער. אָבער סאָפּקאָלסאָף האָט זי געהאָלפן דעם קינד קומען אף דער וויַיסער וועלט און האָט פריַיערלעך געמאָלדן:

— מאזלטאָוו, א ייִנגל, מאזלטאָוו!

— א ייִנגל! — האָט טאנכום אויסגעשריִען ניט מיט זיַין קאָל.

אין דער רעגע האָט זיך אים געוואָלט פארגעסן אין אלץ, וואָס האָט געפּיַיניקט זיַין הארץ. ער איז ענדלעך געוואָרן א פּאָטער. וויפל מאָל האָט זיך אים געכאָלעמט, ווי א ייִנגעלע רופט אים טאטע, און אָט וועט עס טאקע מעקוייעם ווערן.

צוליב וואָס האָט ער געדארפט נעכאמען כוישעד זיַין אין שיידים ווייסן וואָס. צוליב וואָס האָט ער געדארפט אָנפאלן אף איר, אָפּעסן איר דאָס הארץ און זיך אליין אָפּסאמען די געגארטע פרייד, אף וועלכער ער האָט אזוי לאנג געווארט.

ער איז שוין מער ניט קיין בוים אָן צוויַיגן. דער בוים וועט זיך צעוואקסן, אף אים וועלן זיך באוויַיזן נאָך צוויַיגן. ער הערט זיך צו, ווי דאָס קינד שריַיט. אים דוכט זיך אויס, אז עס רופט אים און זאָגט אים:

— טאטע, איך בין דיַינער, טאטע, גיב א קוק אף מיר, נו, וואָס שטייסטו? פארוואָס רירסטו זיך ניט, פארוואָס קוועלט ניט דיַין הארץ? גיכער, זאָג אלעמען אָן די בסורע, אז דו האָסט שוין א זון.

3

טאנכום האָט זיך ניט געקאָנט אָנקוקן אפן קינד. כאָטש ס'האָט געשריִען, געליארעמט, ניט געלאָזן אים איַינרוען, דאָך איז ער געווען גליקלעך.

עטלעכע ייִנגלעך האָבן מיט א טומל זיך אריַינגעריסן צו דער קימפּעטאָרן זאָגן קרישמע.

זיי האָבן איבערגעשריִען איינער דעם צווייטן, אפגיך געשלונגען די ווערטער, קעדיי וואָס גיכער צוכאפּן די לעקעכלעך מיט די קאָנפעטן, וועלכע קיילע האָט זיי קונציק אונטערגעוואָרפן.

טאנכום האָט געקליבן נאכעם פון די קינדערלעך, וואָס כאפּן די נאשע־רײַען, ווי די הינער, ווען מע ווארפט זיי אונטער א פּאָר קערנדלעך.

ס'מאכט ניט אויס, ער וועט זיך לאָזן קאָסטן, זיי זאָלן בענטשן זײַן קינד — עס זאָל זײַן א גוטער, א געזונטער יאט, מיט אלע מײַלעס.

אין דער צײַט איז אָנגעקומען נעכאמעס פּאָטער. טאנכום איז גלײַך צו־געלאָפן צו אים.

— מאזלטאָוו, א ייִנגל!

— מיט מאזל זאָלט איר לעבן! — האָט גוטמוטיק אָפּגעענטפערט דער שווער.

טאנכום האָט צוגעטראָגן צו נעכאמעס בעט א בענקל און געבעטן דעם שווער צוזעצן זיך.

— דאנקען גאָט, דערלעבט אן אייניקל! — האָט דער פּאָטער מיט פרייד א זאָג געטאָן. — דאנקען גאָט! מ'קאָן כאָטש א קוק טאָן אף אים?

— ש־ש־ש! — האָט נעכאמע א טרייסל געטאָן מיטן ווײַזפינגער פון דער רעכטער האנט און מיט דער לינקער פאָרזיכטיק אָפּגעדעקט דאָס פּענעמל פונעם שלאָפנדיקן קינד.

— שוין איינמאָל א יונגאטש!.. דער טאטע מיט די ביינער!.. גאָט זאָל געבן, איר זאָלט נאָר נאכעס האָבן פון אים! — האָט שאָלעם זיך אָפּגערופן.

טאנכום האָט פארפירט א רייד וועגן דעם ברים און אז ס'וואָלט געווען א יוישער געבן דעם קינד א נאָמען נאָך זײַן מוטער.

— ניין, ניין, טאנכום, נעכאמעס מוטער, זאָל זײַן פאר אונדז א גוטע בעטערן, ווארט שוין לאנג אף א נאָמען.

— אוואדע, טאטע, אוואדע! איך האָב אנדערש ניט געטראכט, — האָט נעכאמע זיך אָפּגערופן.

— פארוואָס עפּעס דארף מען געבן דעם קינד א נאָמען נאָך דײַן מאמען און ניט נאָך מײַנער? — האָט טאנכום זיך נאָך א ווײַלע געפרוווט אמפּערן און טייקעף זיך אונטערגעגעבן. אין דער עמעסן איז אים ווייניק וואָס אָנגעגאנגען דעם קינדס נאָמען. אים האָט זיך נאָר געוואָלט דערווײַזן זײַן פּאָטער און די איינענע, אז ער האָט זײַן מאמען ניט פארגעסן און היט אָפּ דעם אָנדענק וועגן איר.

פארן אוועקפאָרן האָט דער שווער אָפּגערעדט מיט טאנכומען וועגן אלע פּראָטים פונעם ברים און צוגעזאָגט באצײַטנס קומען, קעדיי העלפן אופנעמען די געסט.

קיילע האָט דעם זעלבן טאָג אָנגעהויבן אופראמען אין שטוב, צוקלײַבן. זי האָט צעוואַשן און אויסגעפּרעסט די ווינדעלעך, די פּאָרהענגלעך פון בעט, די גארדינען פון די פענצטער.

צוויי טעג פארן ברים איז טאנכום צוגעפאָרן אפן מארק אײַנקויפן קארפּן, די בעסטע סאָרטן הערינג, וועלכע זײַנען נאָר געווען אין קראָם. ער האָט בא־צײַטנס באזאָרגט א האלבע טוץ פלעשער ווײַן און בראנפן. ער האָט ניט פאר־געסן צו באזאָרגן פארשיידענע געווירצן. כוץ דעם האָט ער באשטימט קוילען

א פּאָר גענדז, וועלכע ער האָט זיך געהאַט געקליבן אָפּקאָרמעווען אױף פּייסעך, אָדער עטלעכע הינער און אַן אינדיק.

די סאַרווערן, וועלכע ער האָט געדונגען, האָט צוגעזאָגט צוגרייטן געהאַקטע לעבערלעך, אייער מיט גענדזן־שמאַלץ, געפילטע פיש, אָפּבראָטן די גענדז, אָפּקאָכן א גאָלדענע יויך מיט מאַנדלעך.

נישקאָשע, ער וועט ניט פאַרשעמט ווערן פאַר די באַלעבאַטים, וועלכע ער וועט רופן אַפן בריס.

ווען פון אָנגעהייצטן אויוון האָבן שוין אױף דער זיבעטער גאַס געשמעקט די באַטאַמטע געבעקסן, באַשאָטענע מיט צימרינג, די פלאָדנס, אָנגעפילטע מיט אײַנגעמאַכטס, מיט ראָזשינקעס, מיט ניס, מיט מאָן און אַנדערע מאַטאַמים, האָט טאַנכום באַשטימט נאָכאַמאָל דערמאָנען די געסט, וועלכע ער האָט נאָך צוריק מיט א פּאָר טעג געהאַט פאַרבעטן אַפן בריס, אַז זיי זאָלן מאָרגן לעמאַנ־האַשעם קומען. נאָר מיטן פּאָטער און אייגענע האָט ער נאָך ניט גערעדט. ער האָט שוין א פּאָר מאָל זיך געלאָזט גיין אַהין און אומגעקערט זיך. אָבער מער אָפּלייגן קען מען שוין ניט. ער האָט באַשטימט אַרײַנגיין צום פּאָטער. עפּשער איז אים שוין אָפּגעגאַנגען דאָס האַרץ און דער קאַס איז אָפּגעקילט געוואָרן.

— טאַטע!.. — האָט טאַנכום, שטייענדיק א ווײַלע, ווי ער וואָלט פאַרבלאָנדזשען אין א פרעמדער שטוב, זיך געווענדט צום פּאָטער.

דער אַלטער האָט קיין ריר זיך ניט געטאָן און פאַרגליווערט געשוויגן.

טאַנכום האָט אָפּגעוואַרט א ווײַלע און איבערגעכאַזערט:

— טאַטע, א טאַטע!

— וואָס?

— טאַטע, דו האָסט שוין נאָך אַן אייניקל.

— נו, איז וואָס?

מאָרגן איז דער בריס, האָב איך געוואָלט, אַז דו און... אונדזער מישפּאָכע זאָלן קומען...

— ווער איז דאָס אונדזער מישפּאָכע? — האָט דער אַלטער מיט פאַרביטערונג א זאָג געטאָן.

— וואָס הייסט ווער?.. מײַן טאַטע... מײַנע שוועגערנס מיט די קינדערלעך.

טאַנכום האָט אַרויסגענומען פון קעשענע א פּאָר לעקעכלעך און דערלאַנגט די קינדער. די יאַטלעך האָבן מיט זשעדנע אויגן געקוקט אױף טאַנכומען און אויסגעצויגן די הענטלעך אױף נעמען זיי.

— פּרוּווט נאָר נעמען! — האָט פריידל, וועלכע האָט זיך געפּאָרעט אין שטוב, א געשריי געטאָן.

— פריידל, שוין צײַט צו פאַרגעסן, — האָט טאַנכום האַכנאָעדיק זיך אָפּגערופן.

— וואָס פאַרגעסן?

— אַלץ... וויפל צײַט קאָן מען?

— כ׳וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן!

— איז פאַרגעס כאָטש אױף אײן טאָג, לאָמיר כאָטש בײַ אַזאַ סימכע זיצן בײַ אײן טיש מיט מײַן טאַטן, מיט מײַנע שװעגערנס, מיט די פּלימעניקעס.
— מיר װעלן קײנמאָל ניט זיצן בײַ אײן טיש, — האָט אים פרײדל איבערגעשלאָגן. — קײנמאָל ניט, הערסט?!

די געסט האָבן זיך אָנגעהױבן צונױפקלײַבן פון אינדערפרי. דער ערשטער איז געקומען צו פאָרן נעבאַמעס פאָטער מיט דער שטיפמוטער — אַ נידעריטשקע פרױ, מיט אַ קײַלעכדיק פּאָנעם, מיט רױטע בעקעלעך, מיט גרױסע אױרינגלעך. זי האָט אָפּגעגעבן מאַזלטאָװ נעבאַמען. נאָכדעם האָט זי זיך באַגריסט מיט קײלען און געבעטן בײַ איר אַ פאַרטעך, קעדײ העלפן גרײטן צום טיש. נאָך זײ איז געקומען יודע פּײטראַך מיט זײַן ייִדענע. זײ האָבן מיט באַלעבאַטישער װירדע אָפּגעגעבן מאַזלטאָװ נעבאַמען מיט טאַנכומען, באַגריסט זיך מיט איר פאָטער און מיט דער שטיפמוטער. דערנאָך איז אַרײַן שעפּע מיט זײַן פרױ — אַ הױכע דאַרע ייִדענע, מיט אַ בײז פּאָנעם און מיט אױסגעלופּעטע אױגן. זי האָט קױם אױסגעקװעטשט צװישן אירע ליפּעלעך דעם מאַזלטאָװ און זיך אַװעקגעזעצט צום טיש. שעפּע האָט אָפּגעמאָטן מיט די אױגן דעם אױלעם, װעלכער האָט זיך געזאַמלט, אָפּגעגעבן שאָלעם נעבאַמעס פאָטער און אַ פרעג געגעבן:
— מאַ שמײכעם?
— שאָלעם, — האָט דער פאָטער זיך אָפּגערופן.
— און פונװאַנען זײַט איר? — האָט דער שולץ אַ פרעג געגעבן.
— איך בין אױך פון אַ ייִדישער קאָלאָניע, — האָט שאָלעם אָפּגעענטפערט.
— װאָס הערט זיך בײַ אײַך אין קאָלאָניע, רעב שאָלעם? — האָט דער שולץ געפּרוּװט פאַרפירן מיט אים אַ שמועס, — איך זע, אַז איר זײַט אַ ייִד אַ באַלעבאָס.
— דאַנקען גאָט, — האָט שאָלעם זיך אָפּגערופן. — ניט צו פאַרזינדיקן. איך פאַרמאָג אַ שטיקל באַלעבאַטישקײַט, אַ ביסל ערד... אַזױ לעבט מען.
— לעבן בײַ אײַך די באַלעבאַטים בעשאָלעם? — האָט דער שולץ זיך אָנגעהױבן פאַנאַנדערפרעגן. — װער איז בײַ אײַך שולץ? װי צאָלט דער אױלעם פּאָדאַט?
— װי זאָל איך אײַך זאָגן, — האָט שאָלעם אַ קנײטש געגעבן מיט די פּלײצעס.
לױט זײַן זױערער מינע האָט דער שולץ פאַרשטאַנען, אַז בײַ זײ איז מיטן פּאָדאַט ניט שטאַרק קעשורע. קעדײ די מענטשן, װעלכע זײַנען געזעסן דערבײַ, זאָלן זיך װעגן דעם ניט דערװיסן און ניט נאָכטאָן דעם שלעכטן בײַשפּיל, האָט דער שולץ אָפּגיך פאַרשאָטן אים מיט אַנדערע פראַגן. — צי ס'איז פאַראַן בײַ זײ אין קאָלאָניע אַן אָקס פאַר דער סטאַדע? װי האַלט עס מיט אַן אָנער? צי זײַנען געגאַנגען בײַ זײ גוטע רעגנס? װי איז עס מיט דער גערעטעניש? צי קומט צו זײ אָפּט דער אוריאַדניק? דער פּריסטאַװ? צי שטראָפירן זײ דעם אױלעם?

שאָלעם האָט ניט באַוויזן צו ענטפֿערן אויף די אַלע פֿראַגן, ווי די טיר האָט זיך אין עפֿן געטאָן און עס איז אָנגעקומען סראָל פֿינבאַך — אַ געוועזענער פֿערדהענדלער, וועלכער האָט זיך אויסגעוואָלגערט אין פֿאַרשיידענע ציגײַנערשע בוידן און ביסלעכווײַז אָנגעלעבט אַ שטיקל באַלעבאַטישקײַט. כאָטש מ'האָט אים נאָך ניט אינגאַנצן פֿאַרעכנט צווישן די כּשרע באַלעבאַטים, דאָך האָט ער זיך שוין אָנגעהויבן מישן אין קהלשע זאַכן און איז געווען זייער צופֿרידן, וואָס טאַנכום האָט אים אַרײַנגענומען צווישן די לײַטישע מענטשן.

דער לעצטער איז געקומען דער מויעל — אַ נידעריקער, גרויער אַלטיטשקער אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע, מיט אַ שטרײַמל אויפֿן קאָפּ. ער האָט אַרויסגענומען זײַן רויט נאָזטיכל פֿון דער קעשענע, אויסגעווישט דעם שטערן. אין אַ שטיקל צײַט אַרום איז דאָס אייפֿעלע זיך פֿאַרגאַנגען אין אַ געוויין.

— מאַזלטאָוו! — האָבן זיך דערהערט קוילעס. — מאַזלטאָוו!

דער אוילעם האָט זיך צעזעצט אַרום סערווירטן טיש. מ'האָט געטרונקען לחיים, צוגעביסן. טאַנכום איז געזעסן צווישן די געסט און געשײַנט.

גוט, וואָס ער האָט זיך ניט צוגעהערט צו דעם, וואָס די בייזע צינגער האָבן גערעדט. זיי האָבן אים פּאַשעט ניט פֿאַרגונען דעם נאַכעס, וואָס ער האָט דערלעבט.

— עסט, ליבע געסט! — האָט טאַנכום זיך געווענדט צום אוילעם.

יודע פּייטראַך האָט שוין אַ ביסל בעגילופֿנדיק מיט זײַן גראָבער באַסאָווער שטים פֿאַרצויגן אַ זעמערל.

ערגעץ פֿון אַן אַנדער זײַט טיש האָט אַ צווייט קאָל אָפּגעענטפֿערט.

שעפּע מיטן ווײַב האָבן צערוקט די בענקלעך און אָנגעהויבן טאַנצן. דער אוילעם האָט הילכיק צוגעפּליעסקעט צום טאַקט מיט די הענט.

ווען דער אוילעם האָט זיך אָנגעהוליעט אַ ביסל און ווידער זיך אָנגעהויבן אויסזעצן אַרום טיש פּרוון די געבעקסן, האָט זיך צו קיילען צוגעזעצט דוווירע די סאַרווערקע.

— גיט נאָר אַ קוק, טאַנכום מיינט טאַקע, ווי עס ווײַזט אויס, אַז ס'איז זײַן קינד... מ'זאָגט גאָר, אַז דער עמעסער טאַטע איז אײַער פּלימעניק...

טאַנכום, וועלכער איז פּונקט פֿאַרבײַגעגאַנגען, האָט דערהערט די רייד און איז געבליבן שטיין אַן אָפּהענטיקער. די ווערטער האָבן אים ווי מיט האַמערס דערלאַנגט איבערן קאָפּ.

אין זײַנע פֿון רעציכע איבערגעקערטע אויגן האָט אַ בלוי פֿײַערל אַ בליץ געטאָן, ווי באַ אַ כּײַע, איידער זי וואַרפֿט זיך אויף איר רויב.

אופֿהייבנדיק אַ פֿאַרקוועטשטן פֿויסט, האָט ער אים געוואָלט אַראָפּלאָזן אויף דוווירעס קאָפּ, נאָר ער איז געפֿאַלן אויפֿן טיש. די קויסעס האָבן זיך אָנגעהויבן קוליען, די טעלער ברעכן, די לעפֿל און די גאָפּלען קלינגען.

— צו מיר אין שטוב ביסטו געקומען כוויזעקן פֿון מיר! — האָט זיך פֿון זײַן מויל אַרויסגעריסן אַ געשריי מיט אַ קוויטש.

— גאָט איז מיט דיר, טאַנכום, וואָס איז געשען? — איז צוגעלאָפֿן דער שווער און אָנגעהויבן אײַנהאַלטן דעם איידעם, נאָר טאַנכום האָט מיט אַלע

קויכעס זיך געריסן, געקלאַפּט זיך אין ברוסט, ארויסגעלאָזן זינלאָזע קלאַנגען. דווירע איז אַ צעשראָקענע ארויסגעלאָפן און אָנגעהויבן קוויטשען. אַף איר קוקנדיק, האָבן אנדערע ווײַבער, ניט וויסנדיק וואָס און ווען, אויך אָנגעהויבן שרײַען.

— ער איז מעשוגע געוואָרן, בינדט אים! — האָבן זיך דערהערט קוילעס.

טאנכום האָט געקלאַפּט איבערן טיש, געבראָכן אַלץ, וואָס ס'האָט זיך גע־פּאַקט אונטערן האנט. פון גערודער האָבן אָנגעהויבן ארויספאַלן די שויבן פון די פענצטער.

אַף טויט אַ דערשראָקענע, איז דווירע געלאָפן איבערן גאַס און געשריִען:

— טאנכום איז מעשוגע געוואָרן!

— וואָס?.. ביסט אַליין, דאכט זיך, מעשוגע געוואָרן, — האָט זי געפּרוּווט פאַרהאַלטן הינדע.

דווירע האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט און געליאַרעמט:

— גיט אַ קוק, וועט איר אַליין זען... ער האָט זיך גערירט פון זינען... ער האָט מיך שיר ניט צעמיימעסט!

הינדע מיט נאָך אַ פּאָר ווײַבער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו טאנכומס שטוב. באַם טויער האָבן זיי באַגעגנט די געסט, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן פאַנאַנ־דערגיין פון ברים.

— וואָס איז געשען? מע זאָגט... — איז איינע אַ נידעריטשקע ייִדענע צוגעשטאַנען צו יודע פּייטראַכס פרוי.

— וואָס זאָגט מען? וואָס? — איז יודע געוואָרן אין קאָס.

— מע זאָגט, אַז טאנכום... — האָט אַ צווייטע ייִדענע מיט אַ געשטופּלט פּאָנעם אים איבערגעשלאָגן.

ווען די געסט זײַנען אַ ביסל אָפּגעגאַנגען פון טויער, האָט הינדע דער־הערט, ווי עמעצער האָט אַ זאָג געטאָן:

— ער איז מיסטאַמע שיקער געווען, אַניט, וואָס וואָלט ער אינמיטנדערינען זיך אַזוי צעבושעוועט?

— איר הערט, ס'איז אַ סוואָרע, אַז ס'איז טאַקע אַזוי, — האָט אַ דאַרינ־קע ייִדענע מיט אַ קליין פּענעמל זיך אָפּגערופן. — ער האָט גענומען דעם בי־טערן טראָפּן, איז ער ארויס פון די קיילים, דווירע האָט זיך דערשראָקן, און דאָס איז די גאַנצע מײַסע.

— וואָס רעדט איר? ער האָט זיך טאַקע אַף אַן עמעסן גערירט פון זי־נען, — האָט די ייִדענע מיטן געשטופּלטן פּאָנעם איר דערווידערט.

סוואָרעס האָבן די ווײַבער ארויסגעזאָגט אַ סאַך.

אַף מאָרגן גאַנצפרי האָט מען אָנגעהויבן איבערגעבן איינער דעם צווייטן פּראָטים:

— ס'איז נאָך אַ גליק, וואָס דווירע האָט באַוויזן צו אַנטלויפן, אַניט, וואָלט ער זי געהארגעט אַף טויט.

— ס'קומט איר! זאָל זי ניט האָבן קיין לאַנגע צונג... — האָבן די ווײַבער גערעדט צווישן זיך.

טאנכום האָט געוווּסט, אַז מע באַרעדט אים. ער האָט פֿון שאַנדע זיך ניט געקאָנט ווײַזן אױף די אויגן. אַ שווער כאַראַקטער־געפֿיל האָט אים געפּײַניקט, נאָר פֿאַר וועמען זאָל ער זיך פֿאַרענטפֿערן.

נעכאַמע האָט ניט גערעדט מיט טאַנכומען. צום קינד האָט זי אים ניט צוגעלאָזן. ער האָט געפּרוּווט מיט איר זיך איבערבעטן.

— מיר זײַנען דאָך מיט דיר מאַן און ווײַב. מאַלע וואָס ס׳טרעפֿט אין לעבן... נו, איז וואָס?.. איך האָב זיך עפּשער צופֿיל צעהיצט...

ווי טאַנכום האָט אינערלעך ניט געוואָלט שאָלעם מאַכן מיט נעכאַמען, האָט דאָך דער האַס געברענט אין אים. דאָס אײַפֿער־געפֿיל האָט אים רוען ניט געלאָזט.

אָן אַ פֿאַרוועגן און אָן אַ פֿאַרוואָס האָט ער זיך געקאָנט וואַרפֿן שלאָגן אױף איר און טײַקעף, כאַראַקטע האָבנדיק, זיך אַליין אָנהייבן צוימען:

— נו, גענוג, האָדיע! אַ סאָף און אַן עק זאָל עס נעמען!

זיך אַ ביסל באַרויִקט, האָט ער ווידער אָנגעהויבן אָנפֿאַלן אױף איר, זידלען זי. און אין אַ ווײַלע אַרום זיך אַליין אָנהייבן טאַדלען:

— ווידער שוין? איך האָב דאָך געגעבן אַ וואָרט...

נאָר ווי דערשטיקט מען דעם צאָרן, וועלכער ברענט אין האַרצן? ווי פֿאַר־לעשט מען דאָס פֿײַער, וואָס האָט זיך אָנגעצונדן אין אים? ער האָט געפּרוּווט אויסלאָזן דעם קאַס צו אַ סקאָטינע, ווען זי האָט זיך געדרייט בײַסן האָרעוון, צו אַ הון, ווען זי האָט זיך געקאָסקעט אין קלוניע אָדער צעשאַרט די שטרוי פֿון סטערטע. אַפֿילע דעם הונט, זײַן ליבלינג, האָט ער אויך ניט געשאַנעוועט.

טאַנכום האָט דערפֿילט, אַז ער איז עלנטער און אומגליקלעכער פֿון אַלע־מען אױף דער וועלט. יעדע באַשעפֿעניש האָט זיך איר רו, איר פֿרייד אין לעבן. זײַן הונט האָט זיך זײַן היים, זײַן באַלעבאָס, צו וועלכן ער לאַשטשעט זיך, ווען יענער גיט אים עסן. און ווער איז אים, טאַנכומען, איבערגעגעבן? צו וועמען האָט ער זיך געריסן אַהיים, אויב ניט צו נעכאַמען? ווער איז דאָ געבליבן באַלעבאַטעווען איבער זײַן גוטס? — נעכאַמע. מיט וועמען וועט ער בלײַבן אָן איר?

דער טאַטע איז אַן אָרעמאַן, אַ קאַפּצן, אָבער ער האָט קינדער, ער האָט אייגענע, ווען ס׳איז אים שווער אױף דער נעשאָמע, האָט ער פֿאַר וועמען אויס־ריידן דאָס האַרץ. אָבער ער, טאַנכום, האָט ניט קיין טאַטן, ניט קיין ברידער און ·דאָס ווײַב, האָט ער דערפֿילט, ווערט ער אויך אָן.

אַ גאַנץ לעבן האָט ער זיך געשלאָגן פֿאַר דער ערד, פֿאַר זײַן גוטס. צוליב זײַן ברויט איז ער אַוועק צו די בורלאַצקע אופּשטענדלער, אַרומגעלאָפֿן מיט אַן „אָברעז“ אױף די וועגן, ווי אַ רויבער. איבער דעם איז ער אַרײַנגעפֿאַלן מיט פֿאַרברעכער אין „דאָפּר“, שיר דאָס לעבן ניט פֿאַרשפּילט. איז געקומען אױף אים די יעשועָ, ס׳זײַנען געקומען די ווײַסע, וועלכע האָבן אים אומגעקערט צו זײַן הויזגעזינד, צו זײַן באַלעבאַטישקײַט. ער איז ווידער אַ באַלעבאָס אױף דער ערד, וועלכע ער האָט מיט אַזויפֿיל בלוט דערוואָרבן. פֿאַרן נעם, וואָס ס׳איז געשען, איז ער גרייט געווען טאָן טשוּווע, מענאַדער זײַן פֿאַר אָרעמע־לײַט, נאָר סײַווי האָט זיך גאָט פֿון אים אָפּגעקערט.

דאָס גאַנצע לעבן האָט ער געוואַרט אויף אַ קינד, און טאָמער האָט ער זיך שוין דערוואַרט, איז דאָס קינד אַ פּרעמדס. דאָס געגאַרטע גליק האָט אים נאָר פאַרשאַפן ביזאָיען, פאַרשוואַרצט אים דאָס פּנים. ער האָט דערפילט, אַז נע־כאָמע וועט בעטן אַ געט... עפּעס האָט זי זיך טאַקע געשושקעט מיטן פאָטער.

— כ'וועל איבערפאָרן דערווייל צו דיר, טאַטע, — האָט ער געהערט, ווי זי האָט געזאָגט.

צו וואָס דאַרף זי אוועקגיין פון מיר? — האָט ער געטראַכט. — אײַזיק איז דאָך ערגעץ אין קאַפּקאַל. נאָר וואָס איז די נאַפּקעמינע, צו וועמען זי וועט אוועקגיין... סײַ ווי וועט ער בלײַבן אַליין. קיינער וועט אים ניט מיטפילן. די עטלעכע באַלעבאַטים, וועלכע ער האָט גערופן אויפן ברית, זײַנען אים אויך סאָנים. זיי פרייען זיך מיט זײַן אומגליק... זיי זײַנען אים גרייט דערטרינקען אין אַ לעפל וואַסער.

איז צו וועמען וועט ער זיך צוטוליען, ווען ער וועט בלײַבן איינער אַליין?

4

שוין די צווייטע וואָך, ווי דאָוויד קאַבאַ מיט די קאָמנעזאַמניקעס און באַ־טראַקעס, מיט וועלכע ער איז אָפּגעטראָטן פון דער היים, האָבן זיך געפּראָוועט דורכרײַסן דורכן רינג פון די ווײַסע כאַיאַלעס. גיין פאָרויס, קעדיי פאַרייניקן זיך מיט די רויטאַרמייִישע טיילן, איז קיין מעגלעכקײַט ניט געווען. די דער־נערונג און די קוילן זייערע האָבן געהאַלטן באַ אויסגיין. אומקערן זיך צוריק אהיים האָט געווים קיין זין ניט געהאַט, ווײַל דער שולץ און די באַלעגופים וועלן זיי זיכער איבערגעבן אין די הענט פון די ווײַסגוואַרדייער.

ס'איז געווען אַ געדאַנק: באַהאַלטן דאָס געווער און צעגיין זיך ווער ווו־הין. נאָר אויף דעם האָט דאָוויד ניט געקאָנט אײַנגיין. בעסער אומקומען אין שלאַכט, האָט ער באַשטימט, איידער אונטערגעבן זיך.

די קעסיידערדיקע מאַרשן, דער הונגער און דאָרשט האָבן שטאַרק אויסגע־צערט די באַטראַקעס און קאָמנעזאַמניקעס, און זיי האָבן אָנגעהויבן אַראָפּפאַלן באַ זיך.

— צו וואָס האָבן מיר געדאַרפט אוועקגיין פון דער היים? — האָט דער ערשטער אָנגעהויבן טײַנען מיכל מאַכלין. — שטאַרבן האָבן מיר געקאָנט דאָרט באַ זיך לעבן ווײַב און קינד און ניט אַרומוואָגלען, ווי פאַרטריבענע הינט.

די שוואַכמוטיקע קרעכצערײַען האָבן דאָווידן שטאַרק באַאומרויִקט. די גאַנצע צײַט, זינט זיי געפינען זיך אין דער פּײַנטלעכער אַרומרינגלונג, האָט דאָוויד זיך באַמיט דערמוטיקן זײַן אוילעם, אונטערהאַלטן זייער שלאַכטגײַסט און מיט אַלע קוויכעס ניט דערלאָזן זיי אַראָפּפאַלן באַ זיך.

— ווילסט, הייסט עס, אהיים? — האָט דאָוויד, ווענדנדיק זיך צו מאַכלי־נען, געזאָגט, — איז גיב אוועק די ביקס און גיי!

מיכל איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך פילן שולדיק און געשוויגן.

— ווער ס'וויל אהיים, קאָן גיין! — האָט דאָוויד איבערגעכאַזערט.

דער אוילעם האָט זיך איבערגעקוקט, און קיינער האָט קיין וואָרט ניט אַרויסגעבראַכט.

— נו, הייסט עס, שלאָגן מיר זיך ווײַטער? איר וועט זען, אַז מיר וועלן אײַנגיכן זיך דורכרײַסן צו אונדזערע!

— ווער ווייסט, ווו זיי זײַנען שוין אונדזערע? — האָט געדאַליע רײַטשוק זיך אָפּגערופן.

— זיי זײַנען ניט ווײַט, — האָט דאָוויד אָפּגעענטפערט.

דעם זעלבן טאָג, אָפּשטעלנדיק זיך מיט זײַן קליין אָטריאַדל אין אַ וועלדל, האָט דאָוויד באַשטימט אַרויסשיקן עטלעכע אויסשפּירער, קעדיי דערוויסן זיך, וואָס אַרום טוט זיך.

ער האָט אָפּגעקליבן אַלטע אויסגעשולטע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן פאַרמאָגט פּייִקײַטן און פאַרשטאַנד צו באַמערקן, וואָס מע דאַרף, און צונויפזאַמלען די נייטיקע ידיעות.

צווישן די אויסשפּירער, וועלכע דאָוויד האָט אַרויסגעשיקט, זײַנען געווען ראַכמיִעל, געדאַליע רײַטשוק און צוויי קאָמנעזאַמניקעס פון כוטאָר שילאָווע.

— ווער פון אײַך ס'דאַרף אָנטאָן אַ טאָרבע און גיין, קלוימערשט, איבער די הײַזער, קלײַבן נעדאָוועס און ווער ס'דאַרף אַרומגיין מײַסע באַטראַק זוכן אַרבעט. דערווײַל וועט איר זיך דערוויסן, ווו ס'שטייען די ווײַסגוואַרדייִשע טיילן, ווי גרויס זיי זײַנען, וואָס פאַרא שטימונגען ס'זײַנען בײַ דער באַפעל־קערונג. איר וועט אויסקלאָרן די צוטריטן צו די דערפער און כוטאָרן, וועלכע איר וועט דורכגיין. די וועגן, וועלכע פירן אַהין. די געהיימע ערטער, דורך וועלכע מ'קאָן אַהין צוקומען און אַוועקגיין.

אַרויסגייענדיק פונעם וועלדל, זײַנען די אויסשפּירער זיך צעגאַנגען אין עטלעכע ריכטונגען, האָבנדיק באַשטימט אַ פונקט, ווו זיי וועלן אין אַ געוויסער צײַט אַרום זיך באַגעגענען.

דערקליבן זיך ביז דעם ערשטן גרויסן ייִשעוו, האָט ראַכמיִעל אים אָנגעהויבן באַטראַכטן פון אַלע זײַטן. ער איז אים דורכגעגאַנגען אין דער לענג און אין דער ברייט. לויט די הויפן האָט ער געפּרוּווט באַשטימען, ווו ס'וווינען די פאַרמעגלעכע פּויערים. אין זייערע הײַזער, איז ער געווען זיכער, געפינען זיך ווײַסגוואַרדייער. נאָר ווו געווען — איז אים פאַרגעשטאַנען פעסטשטעלן.

אין דרויסן האָט שוין אָנגעהויבן טונקלען. ווו איבערנעכטיקן האָט ראַכמיִעל ניט געהאַט. אַרומגעדרייט זיך אַ ווײַלע איבער די פרעמדע גאַסן פונעם ייִשעוו, האָט ער פאַרקערעוועט צו אַן אײַנגעהויקערטער כאַטע מיט אַ צעפּוילטן שטרויענעם דאַך און ניט זיכער אָנגעקלאַפּט אין דער דרויסנדיקער טיר.

— ווער איז דאָס? — האָט זיך דערהערט פון אינעווייניק אַ הייזעריק, זקייניש קאָל.

— עפּשער קאָן מען בײַ אײַך איבערנעכטיקן?

— ווער זײַט איר? — האָט איבערגעפרעגט די זעלבע שטים.

— איך בין ניט קיין היגער, — האָט ראַכמיִעל געענטפערט. — איך האָב דאָ קיינעם ניט, איך גיי ארום זוכן ארבעט.

— דער גוטער יאָר ווייסט אײַך, ס׳בלאָנקען ארום א סאך מענטשן איבער דער וועלט.

ראַכמיִעל האָט שוין געוואָלט אוועקגיין, נאָר עס האָט זיך דערהערט א צווייט קאָל:

„ס׳א ראַכמאָנעס, ס׳איז דאָך א לעבעדיקער מענטש, ווּ וועט ער זיך אהינטאָן אינמיטן נאכט?"

אין דער פינצטער האָט עמעצער א רוק געטאָן דעם ריגל, מיט וועלכן ס׳איז געווען פארשפארט די טיר, און ארײַנגעלאָזן ראַכמיִעלן.

די באַלעבאָסטע האָט אונטערקרעכצנדיק אָנגעצונדן א קאַנעצל, דערלאַנגט ראַכמיִעלן א בענקל און אָנגעהויבן גרייטן עפּעס צו איבערכאַפּן. דער באַלע־באָס, א נידעריקער, נאָר א פעסטער, מיט א געדיכטער באָרד, מיט האָריקע ברעמען און מיט באוואקסענע אויערן, האָט זיך צוגעזעצט לעם ראַכמיִעלן און אָנגעהויבן זיך פאַנאַנדערפרעגן, פונוואַנען ער גייט, אין וועלכע מעקוימעס ער איז אויסגעווען און וואָס הערט זיך דאָרטן?

— וואָס קאָן איך וויסן, — האָט ראַכמיִעל זיך אָפּגערופן. — ווּ איך טאָג, דאָרטן נעכטיק איך ניט... איך וואָלט געוואָלט וויסן, וואָס עס הערט זיך אוּף דער וועלט.

— וואָס וויסן מיר? — האָט א זאָג געטאָן דער באַלעבאָס. — מיר האָבן נאָר געהערט, ווי מ׳האָט עפּעס היינט א גאנצן טאָג געשאָסן... אָן עמעסע מילכאָמע איז געווען, האָבן מיר געמיינט, אז עפּשער זײַנען די רויטע געקומען.

— די רויטע? — האָט ראַכמיִעל זיך א כאַפּ געטאָן. — וואָסי, זיי זײַנען דען נאָענט?

— איין גאָט ווייסט, ווי איך קוק שוין ארויס אוּף זיי, — האָט זיך ארײַנ־געמישט די באַלעבאָסטע. — צוויי זין אונדזערע...

דער אַלטער האָט שטרענג א קוק געגעבן אוּף דער באַלעבאָסטע, לעמײַ זי פּלאַפּלט פאר אן אומבאקאַנטן מענטשן.

— ווער נאָך אכוץ די רויטע קאָן זיך שלאָגן מיט די ווײַסע? — האָט ראַכמיִעל א פרעג געגעבן און פאר זיך א טראכט געטאָן: „עפּשער איז דאָ אויך פאראן אזא אָטריאַד ווי אונדזערער?" און פאָרגעזעצט זיך פאַנאַנדערפרעגן: — ס׳איז דאָס ערשטע מאָל, ווי איר הערט א שיסערײַ, זינט די ווײַסע זײַנען דאָ?

— כ׳האָב נאָר איין מאָל געהערט, — האָט געענטפערט דער באַלעבאָס.

— נו, און אין די ארומיקע דערפער איז רויִק? — האָט ראַכמיִעל געפרעגט.

— כ׳ווייס ניט, — האָט דער באַלעבאָס א קנייטש געגעבן מיט די פּלייצעס.

— ווײַסגווארדייער זײַנען בא אײַך אין דאָרף פאראן א סאך? — האָט ראַכמיִעל זיך אינטערעסירט.

— איך האָב זיי ניט געציילט, — האָט געענטפערט דער באַלעבאָס. — זיי האָבן פאַרנומען די באַלעבאַטישע הײַזער... בא טאַראַנטײַען, דעם באַלעבאָס פון אונדזער וואַלצאָווע מיל, איז זייער שטאַב, דער גאַנצער הויף איז דאָרט מיט דראָטן באַהאַנגען, ווי מיט שפּינוועבס.

— אין מיל וואָלט איך זיך עפּשער געקאָנט פאַרדינגען, — האָט ראַכמיִעל א זאָג געטאָן. — איך פאַרשטיי א ביסל אין די מעכאַניזמען פון מאַשינעס. נאָר אויב די ווײַסע זײַנען דאָרטן, וועט מען מיך מיסטאָמע אהין ניט אַרײַנלאָזן?.. ווו געפינט זיך די מיל?

— אינמיטן דאָרף, ניט ווײַט פון קלויסטער, — האָט זיך אָפּגערופן די באַלעבאָסטע. — איר וועט דעם הויף דערקענען לויטן רויטן טשאָן, וואָס שטייט אין פאַליסאַדניק, נאַפּט, זאָגט מען, גיסט מען אָן אין אים.

ווי ראַכמיִעל איז ניט געווען מיד פון וועג, האָט ער זיך ניט געלייגט שלאָפן און געשמועסט מיטן אַלטן, באַמיִענדיק זיך דערוויסן אַלץ, וואָס אים האָט אינטערעסירט.

נאָך האַלבער נאַכט איז ער א ביסל אײַנגעשלאָפן. גאַנצפרי האָט זיך ווי־דער דערהערט א שיסערײַ. ווען ס'איז שטילער געוואָרן, האָט ראַכמיִעל אָפּגיך אָפּגעגעסן, צעזעגנט זיך מיטן באַלעבאָס און מיט דער באַלעבאָסטע און זיך געלאָזט גיין באַטראַכטן דאָס דאָרף, באַמיִענדיק זיך צו פאַרגעדענקען דעם צוטריט צו דער מיל און צו אַנדערע הײַזער, ווו עס זײַנען אײַנגעשטאַנען די ווײַסגוואַרדייער.

לאַנג אַרומדרייען זיך אויף די אויגן האָט ראַכמיִעל מוירע געהאַט. דערי־בער האָט ער באַצײַטנס געזען אָפּציִען אין שכייניש דאָרף, וווּהין ס'האָבן זיך געדאַרפט צונויפקומען נאָך א פּאָר אויסשפּירער.

אָפּגייענדיק עטלעכע ווערסט, האָט ער ניט ווײַט פון וועג דערזען עפּעס א וואָגן, לעבן וועלכן ס'זײַנען געלעגן א פּאָר געהאַרגעטע פערד. עטוואָס אין א זײַט איז געלעגן א מענטש אין א פּויערשער סוויטקע, פון וועלכער ס'האָט זיך אַרויסגעזען א גרויז לײַוונטן העמד אין בלוט. די אויגן זײַנען באַם מענטשן געווען פאַרמאַכט. פונעם ערשטן בליק איז שווער געווען צו באַשטימען, צי דער מענטש איז טויט צי ער לעבט נאָך.

לעבאַטכילע האָט ראַכמיִעלן זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס איז דער פורמאַן פון דער פור מיט די געהאַרגעטע פערד. נאָר ער האָט דערזען לעבן אים א ביקס מיט א סאַך צעשאָטענע הילזעס.

— הייסט עס, אַז דאָ איז פאָרגעקומען א הייסע שלאַכט, — האָט ער א טראַכט געטאָן. — לויטן אויסזען איז דער מענטש ניט פון די ווײַסע, גיכער איז ער אַן אונדזעריקער.

ראַכמיִעל איז צוגעגאַנגען צו אים. דער מענטש איז געלעגן אומבאַוועגלעך, אין וואָגן האָט ראַכמיִעל אָנגעטאַפּט א זאַק סוכאַרעס, גרויפּן, א פּאָר קעסטלעך פּאַטראָנעס.

— ווי פּעקלט מען עס איבער אַזאַ אויצער אין אָטריאַד? — האָט ער א טראַכט געטאָן.

געבליבן איז איין אויסוועג: פארכאפן מיט זיך, וואָס ער קען, און לויפן נאָך די איבעריקע אויסשפירער. אָבער ביז ער וועט זיך דערקלייַבן צו זיי און ביז ער וועט זיי אהער ברענגען, וועט פון דעם אלעמען קיין סימען ניט בלייַבן.

ארומקוקנדיק זיך, האָט ראכמיִעל דערזען ניט ווייַט פון וועג א באלקע, ווּ ס'זייַנען געווען א פּאָר היילן. אהין, האָט ער באשטימט, דערווייַל אריבער־טראָגן אלץ פונעם וואָגן.

דער מענטש האָט אף א רגע אן עפן געטאָן די אויגן, קעדיי א קוק צו טאָן, ווער עס דרייט זיך ארום לעבן אים. לויט ראכמיִעלס צעריסענעם זשא־קעט מיט די אויסגעקרימטע שטיוול און זייַן גאנצן פּויעריש־אויסגעהאָרעוועט אויסזען האָט ער גלייַך באשטימט, אז ס'איז זיכער ניט קיין ווייסגווארדייער און ער דראָט אים מיט גאָרנישט.

— איי! — האָט ער מיט אן אָפּגעשוואכט קאָל א רוף געטאָן ראכמיִעלן, וועלכער האָט זיך געפּאָרעט ארום וואָגן. — ווער ביסטו?

— און דו ווער ביסט? — האָט ראכמיִעל א קער געטאָן דעם קאָפּ צום מענטשן, וועלכער איז שוין געלעגן מיט אָפענע אויגן. — דו האָסט, הייסט עס, זיך געמאכט פאר א טויטן? וואָס איז דאָ געווען פאר א שלאכט?.. ווער האָט עס דיך פארווּנדעט?

פון ערגעץ איז אָנגעשפּרונגען א פור מיט א פּאָר באוואָפנטע רייַטער. זיי זייַנען אראָפּגעשפּרונגען פון די פערד, איבערגעבונדן דעם פארווּנדעטן און אוועקגעלייגט אים אפן וואָגן.

— און דו ווער ביסט? — האָט איינער פון די רייַטער זיך געווענדט צו ראכמיִעלן.

— איך בין געגאנגען פארבייַ, האָב איך דערזען... — האָט ער, פארלירנ־דיק זיך, אָנגעהויבן שטאמלען.

— וואָס האָסטו דערזען?

— אָט דאָס, — האָט ראכמיִעל, א ווייַז געטאָן אפן וואָגן.

— נו, האָט דיר פארשמעקט מיט סוכארעס, — האָט דער צווייטער רייַטער אָנגעהויבן כויזעקן פון ראכמיִעלן.

— פּאָשעט, ס'האָט זיך מיר געוואָלט א קוק טאָן, וואָס עס איז פאר א וואָגן, — האָט ראכמיִעל זיך פארענטפערט.

— פאר דעם גוטס, וואָס געפינט זיך אפן וואָגן, האָבן מיר בלוט פארגאָסן, — האָט דער ערשטער רייַטער זיך אָפּגערופן.

די רייַטער האָבן אייַנגעשפּאנט זייערע פערד אין וואָגן, ארום וועלכן ס'איז געשטאנען ראכמיִעל.

— זעץ זיך, וועסט פאָרן מיט אונדז! — האָט פאָרגעלייגט ראכמיִעלן דער צווייטער רייַטער.

— ווּהין? — האָט ראכמיִעל א פרעג געטאָן.

— וועסט זען. מיר דארפן זיך דערווייַלן, ווער דו ביסט, זעץ זיך!

די פור, אויף וועלכער ראכמיִעל איז געזעסן, איז געפאָרן דורך זײַטיקע וועגן, דורך ריוון און באַלקעס. לעבן א שטײנערנער הייל האָט מען זיך אָפּגע־שטעלט און געוואַרט, ביז עס איז אָנגעקומען די צווייטע פור. מע האָט אַראָפּגענומען דעם פאַרוווּנדעטן, און איינער פון די רײַטער האָט זיך ערגעץ געלאָזט מיט א ראַפּאָרט.

אין א האַלבער שעה אַרום האָט ער זיך אומגעקערט מיט נאָך א מאַנצבל, קענטיק, א קאָמאַנדיר.

— דעם מענטשן האָבן מיר געבראַכט.

— ווּ האָט איר אים פאַרנומען? — האָט דער קאָמאַנדיר זיך פּאַנאַנ־דערגעפרעגט.

— אַרום דער פור, וועלכע מיר האָבן אָפּגעשלאָגן באַם סוינע.

— דאָקומענטן האָסטו? — האָט דער קאָמאַנדיר א פרעג געגעבן.

ראכמיִעל האָט א קנייטש געטאָן מיט די פּלייצעס און געענטפערט:

— איך בין אַן ערד־אַרבעטער, א באַטראַק... קיין שום דאָקומענטן גיט מען בא אונדז ניט אַרויס.

— פונוואַנען ביסטו און וווּהין גייסטו?

— איך גיי אַרום זוכן אַרבעט... איך בין פון אַרום דורדובאַ, יאַני־סעל, — האָט ראכמיִעל אָנגערופן די מער באַקאַנטע דערפער אַרום זײַן היים.

— כ׳ווייס די דערפער, כ׳בין דאָרט געווען, האָט דער קאָמאַנדיר, באַ־טראַכטנדיק ראכמיִעלן, זיך אָפּגערופן. — און פון וועלכן דאָרף ביסטו?

— איך בין פון סאָניצע.

— פון סאָניצע? פון א יִדישער קאָלאָניע? ווי איז אײַער פאַמיליע?

— דאָנדע.

— דאָנדע? דאָוויד קאַבאַ קענט איר?

— פונוואַנען קענט איר אים?

— איך קען אים גוט. ווּ איז ער?

— ער איז ניט ווײַט פונדאַנען.

— טאַקע, אויף אַן עמעסן? — האָט דער קאָמאַנדיר זיך א כאַפּ געטאָן. — גיט אים דרינגענד איבער, אַז סאָקירע וואַרט אויף אים... ווּעסט געדענקען, ווּ מיר געפינען זיך? כ׳וועל באַלד איינעם מיט דיר שיקן מײַנעם א מענטשן נאָך אים.

— קאַבאַ איז מײַנער אַן אייגענער, — האָט ראכמיִעל געזאָגט. — איך ווייס, אַז דאָוויד זוכט אײַך אויך אַרום.

ניט פאַרהאַלטנדיק זיך, האָט ראכמיִעל צוזאַמען מיט סאָקירעס מענטש זיך געלאָזט פאָרן צו דאָוויד קאַבאַ, פאַרבײַוועגס פאַרכאַפּנדיק מיט זיך די איבעריקע אויסשפּירער.

5

דאָוויד קאַבאַס אָטריאַד איז פון טאָג צו טאָג געוואַקסן און געפעסטיקט זיך. נאָך דאָווידס באַגעגענען זיך מיט סאָקירעז האָבן ביידע אָטריאַדן אָנגעהויבן דורכפירן געמיינזאַמע אָפּעראַציעס. ווען די רויטע ארמיי האָט זיך דערנעענטערט צו די דאָזיקע קאַנטן, האָבן זיי זיך אַלע פאַראייניקט. מיט זייערע אומדערוואַרטע אָנפאַלן האָבן זיי איבערגעשניטן די וועגן בײַ די אָפּטרעטנדיקע ווײַסע כאַיאַלעס און אַרויסגערופן בײַ זיי אַ מעהומע און צעמישונג.

אין איינער פון די שלאַכטן איז אײַזיק פריצקער שווער פאַרווונדעט געוואָרן. ער האָט פאַרלאָרן אַ סאַך בלוט און שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן. איבערלאָזן אים אין אַ שפּיטאָל איז קיין מעגלעכקײַט ניט געווען, האָבן די פּאַרטיזאַנער געבראַכט אים אַף די הענט און אײַנגעאָרדנט אַף איינער פון די פורן פון אָבאָז. מיט דער צײַט האָט זיך די וווּנד אַ ביסל צוגעהיילט. נאָר אופהייבן זיך האָט ער נאָך אַלץ ניט געקענט. איבערבלײַבן ערגעץ אונטערוועגנס אין דער פרעמד האָט ער ניט געוואָלט, האָט ער זיך מיט די לעצטע קויכעס געצויגן מיטן אָטריאַד, האָפנדיק ווי־ניט־איז צו דערקלײַבן זיך נעענטער צו די אייגענע קאַנטן און מיט איין אויג כאָטש אַ קוק טאָן אַף נעכאַמען.

אינגיכן איז געדאַליע רײַטשוק אויך פאַרווונדעט געוואָרן. ער האָט באַקומען אַ דערלויבעניש אומצוקערן זיך צו זײַן מישפּאָכע און זײַן דאָרטן, ביז ער וועט זיך אַ ביסל פאַריכטן. צוזאַמען מיט אים האָט מען אָפּגעלאָזט אויך אײַזיק פריצקערן. ער איז פאַרפאָרן צו געדאַליען, נאָר ס'האָט זיך אים געוואָלט וואָס גיכער צו זען די מומע קיילען מיט נעכאַמען און דערוויסן זיך, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען מיט זיי פאַר דער צײַט, וואָס ער איז ניט געווען.

דעם ערשטן טאָג האָבן געדאַליע און אײַזיק זיך אינערגעץ ניט באַוויזן, ווײַל, די רויטאַרמייִשע טיילן זײַנען דורכגעגאַנגען אין דער זײַט און דאָ, אין דער היים, האָבן נאָך געקאָנט אַרײַנשפּרינגען אָפּטרעטנדיקע ווײַסע כאַיאַלעס. דורך הינדען, געדאַליעס ווײַב, האָט אײַזיק זיך דערוווּסט, אַז די מומע וווינט נאָך בײַ טאַנכומען, אַז נעכאַמע האָט געהאַט אַ ייִנגעלע, אַז ס'איז שוין געווען אפילע אַ ברים, אַז טאַנכום האָט שיר ניט געהאַרגעט די סאַרווערקע, לעמײַ זי האָט געפּרוּווט אַ זאָג טאָן, אַז דאָס קינד איז ניט זײַנס.

— מע זאָגט אפילע, אַז טאַנכום איז מעשוגע געוואָרן, — האָט הינדע צום סאָף צוגעגעבן.

די דאָזיקע ידיִעה האָט אין אײַזיקס האַרץ נאָך מער צעברענט דעם פאַרלאַנג גיכער צו זען זיך מיט נעכאַמען. אָבער ווי טאָן עס — האָט ער ניט געוווּסט. סײַדן שיקן נאָך דער מומע קיילען און בײַ איר זיך וועגן אַלץ פאַנאַנדערפרעגן.

— גייט זיך דורך צו טאַנכומען און גיט איבער דער מומען, אַז איך בין געקומען, — האָט אײַזיק געפּרוּווט אײַנבעטן הינדען.

— איך קען אַהין ניט גיין.

— וואָסי? וואָס איז געשען?

— איך זאָג דאָך דיר, אז איך קען ניט, — האָט הינדע איבערגעכאַזערט. — איך האָב אים ניט לאַנג אַרײַנגעזאָגט אזוי, אז ער וועט מיך האָבן צו גע־דענקען.

— וועגן וואָס?

— ס'איז לאַנג צו דערציילן... איך האָב אים, דאכט זיך, געטראָפן אין סאמע הארצן... ער האָט געמיינט, דער פּאַסקודניק, אז דאָס קינד איז זײַנס... איז זאָל ער טאקע וויסן!

—אָף וואָס האָסטו עס געדאַרפט? — האָט גדאַליע זיך אָנגעהויבן בייזערן אפן ווײַב.

— זאָל ער קראַפּירן פון הארצווייטעק. דו וואָלטסט זען, ווי ער האָט א שפּרונג געטאָן, ווי א באָק, ווען מ'האָט מישעביירעך געמאכט דעניקינען.

— זאָל ער אפילע שפּרינגען אין קייווער אַרײַן, — האָט גדאַליע זיך אויסגעזידלט.

דערזעענדיק, אז מע קאָן בא איר ניט פּויעלן, זי זאָל זיך דורכגיין צו טאַנכומען, האָט גדאַליע זיך אליין געלאָזט גיין.

גדאַליע האָט ניט באַוויזן איבערטרעטן די שוועל, ווי טאַנכום איז א צעטומלטער אַרויסגעלאָפן אים אַנטקעגן.

— זע... דאָס ביסטו? איר זײַט שוין צוריק געקומען?

— וואָסי? — האָט גדאַליע אים אָנגעקוקט.

— כ'ווייס, איר זײַט דאָך ערגעץ, זאָגט מען, אַנטלאָפן.

— מיר זײַנען אין ערגעץ ניט אַנטלאָפן... מיר זײַנען אוועק מיט אונד־זערע... און דו, ווי קומסטו אהער?.. ווּ ביסטו געווען?

— איך?.. וואָס הייסט, ווּ איך בין געווען? — האָט טאַנכום זיך עטוואָס פאַרלאָרן פון דער אומגעריכטער פראַגע. — וואָסי, דו ווייסט דען ניט?.. וואָס איז די נאַפּקעמינע, אבי איך בין שוין, דאַנקען גאָט, אין דער היים... און דו ביסט ווען געקומען?

— נעכטן.

— אליין?.. און ווּ זײַנען די איבעריקע אײַערע? ראַכמיִעל מיט זאַוועַ־לייבן זײַנען, דאכט זיך, מיט דיר געווען אַנטלאָפן? — האָט ער ווידער אונטער־געשטראָכן דאָס וואָרט אַנטלאָפן.

— זיי וועלן אויך אינגיכן קומען.

— וועלן אלע, הייסט עס, אינגיכן קומען? — האָט טאַנכום זיך א כאַפּ געטאָן.

— וואָס דען? זיי וועלן אומבאַדינגט אינגיכן קומען. דערווײַל בין איך געקומען מיט אײַזיק פּריצקערן.

— מיט אײַזיקן? — האָט טאַנכום איבערגעפרעגט, בלײַבנדיק שטיין, ווי א פאַרגליווערטער.

— אײַזיק! ווּ איז ער? זאָגט מיר גיכער, ווּ איז ער?! כ'וויל מיט מײַ־

נע אויגן אף אים א קוק טאָן. — איז אַן איבעראַשטע צוגעלאָפן די מומע קיילע.

— ער וויל אײַך אויך זייער זען, ער האָט מיך געשיקט נאָך אײַך, — האָט גדאַליע געענטפערט. — ער איז בא מיר...

קיילע האָט אַרופגעוואָרפן אף זיך א בעגעד, אָנגעטאָן א טוך אפן קאָפּ און זיך געוואָלט לאָזן לויפן.

— נו, קומט גיכער, איך וויל זען אײַזיקן! — האָט קיילע זיך געבעטן בא גדאַליען.

פון שלאָפצימער איז א צעשויבערטע, מיטן קינד אף די הענט, אַרויסגעגאַנגען נעכאַמע.

— אײַזיק איז געקומען, איר הערט? — האָט קיילע ניט מיט איר קאָל א געשריי געטאָן.

— ווּ איז ער? — איז נעכאַמע, א געפּלעפּטע פון דער אומגעריכטער בסורע, געבליבן שטיין, ניט קענענדיק קיין וואָרט אַרויסברענגען.

6

די רויטע אַרמיי האָט שוין געהאַט פאַרנומען די גאַנצע אומגעגנט, און טאַנכום האָט נאָך גאָרנישט ניט געוווּסט, וואָס אַרום טוט זיך. אף גדאַליעס און אײַזיקס קומען האָט ער געקוקט ווי אף א קאַטאָוועס.

— זיי זײַנען מיסטאַמע אַנטלאָפן, — האָט ער געטראַכט.

גדאַליעס יעדיִע, אַז אינגיכן וועלן אַלע קאָמנעזאַמניקעס קומען אַהיים, האָט ער אופגענומען ווי פּלאַפּלערײַ. פאַרקערט, ער האָט זיך גאָר געקליבן גיין צום שולץ מאַסערן, אַז ס'האָבן זיך באַוויזן צוויי מענטשן, וואָס זײַנען געוועזן בא די רויטע. דעריקער האָט זיך אים געוואָלט אָפּרעכענען מיט אײַזיקן. ער איז אפילע גרייט געווען צוצאָלן דעם אוריאַדניק אָדער דעם פּריסטאַוו, אבי מאַכן א סאָף צו אים.

פּלוצעם האָט ער זיך גאָר דערוווּסט, אַז די ווײַסע האָבן אָפּגעצויגן, אַז ס'איז שוין אויס שולץ און ס'ווערט צוריק דער רעווקאָם. הייסט עס, אַז ס'איז א סאָף... וואָס דערוואַרט אים איצט... וואָס זאָל ער טאָן?

פאַר אים איז געבליבן איין אויסוועג — אַנטלויפן, ווּ די אויגן טראָגן. ווען ער קאָן מיטנעמען מיט זיך די ערד, די פערד, די בעהיימעס, איז עפּעס אַנדערש, אָבער אָן דער באַלעבאַטישקײַט איז ער געגליכן צו א בעטלער.

וואָס עס זאָל ניט זײַן, בלײַבן דאָ טאָר ער ניט — מ'וועט אים באַלד צונעמען אין „דאָפּר". אַלץ, וואָס ער האָט אָנגעלעבט, וועט בלײַבן נעכאַמען. אף זײַן אָרט וועט קומען אײַזיק און וועט באַלעבאַטעווען אף זײַן גוטס.

— שוין בעסער אַלץ אונטערצינדן, — איז אים דורכגעלאָפן א געדאַנק. —

זאָל עס שוין בעסער אוועק מיטן פֿײַער און רויך, איידער א פּרעמדער, זײַנער א בלוטיקער סוינע, זאָל באַלעבאַטעווען איבער דעם.

פֿון די שווערע מאַכשאָוועס האָט זיך טאַנכום קיין אָרט ניט געפֿונען. ער איז אַרײַנגעגאַנגען אין שטוב, גענומען א ביסל קעראָסין, אוועקגעשטעלט זיך אונטער דער סטריכע, אָנגעריבן א שוועבעלע. נאָר דער הונט, ווי ער וואָלט דערפֿילט אַן אומגליק, האָט אַזוי מוירעדיק גענומען ווויען, אַז ס'איז אָנגעפֿאַלן אױף אים א שוידער. דאָס שוועבעלע איז אַרויסגעפֿאַלן פֿון האַנט און זיך פֿאַרלאָשן. ראַבטשיק איז צוגעפֿאַלן צו אים, ווי ער וואָלט זיך בעטן, — טו עס ניט, האָב ראַכמאָנעס. — ער האָט אָנגעהויבן שפּרינגען, לאַשטשען זיך, ווי ער וואָלט אים דאַנקען, וואָס ער האָט זײַן בײַזווייליקן פֿאַרטראַכט ניט אויסגעפֿילט.

— א ניכפֿע אױף דיר! וואָס האָסטו זיך צעוווּיעט? צו דײַן קאָפּ זאָל עס אויסגיין, — האָט טאַנכום אים א שטויס געגעבן מיטן פֿוס. — האָסט זיך דערשראָקן? ווילסט ניט בלײַבן קיין היימלאָזער? מיר וועלן אײַנײנעם מיט דיר גיין איבער די הײַזער.

טאַנכום האָט אָנגעריבן נאָך א שוועבעלע.

אױף א פּאָר פֿאַרשוויצטע פֿערד זײַנען פֿון ערגעץ אָנגעריטן א פּאָר רײַטער.

— דאָס איז נאָך מיר, — האָט באַ טאַנכומען א טיאָכקע געגעבן דאָס האַרץ. — ס'זײַנען די רויטע.

— באַלעבאָס, — האָט ער דערהערט א קאָל. — ווי הייסט דאָס דאָרף? סאָניצע?

— יאָ, סאָניצע.

— באַלעבאָס, זײַ אַזוי־פֿיל גוט און טראָג אַרויס א ביסל וואַסער, אָנצוטרינקען זיך, — האָט איינער פֿון זיי געבעטן.

— באַלד, די מינוט גיב איך אײַך, — האָט טאַנכום זיך אָפּגערופֿן.

ביז ער האָט אַרויסגעטראָגן די קופּערנע קוואָרט מיט וואַסער, זײַנען אָנגעשפּרונגען נאָך רײַטער. ריי נאָך ריי, האָבן זיי, וויגנדיק זיך אױף די מידע, צעהיצטע פֿערד, זיך געטראָגן איבער דער גאַס, איבערן סטעפּ, פֿאַרפֿלייצנדיק, אױף וויפֿל דאָס אויג האָט נאָר געקענט אַרומכאַפּן, דעם גאַנצן אַרום.

— ווײ, ווײ! — האָט טאַנכום א פֿאַרציטערטער א טראַכט געטאָן, — עס כאַפּט אָן אַן אײמע, ווי די שוואַרצע וואָלקנס טראָגן זיי זיך. ס'איז אַלץ קעגן מיר, ווי א שפּענדל וועלן זיי מיך אוועקטראָגן און דערטרינקען.

דער רײַטער־אָטריאַד האָט זיך אַלץ געטראָגן און געטראָגן אָן א סאָף און אָן ענדע.

די בעהיימעס אין די סטוילעס האָבן אַרויסגעקוקט, דער באַלעבאָס זאָל זיי ברענגען א ביסל וואַסער אָנצופּויען, דערלאַנגען זיי קאָרם אין די קאָרעטעס. ניט דערוואַרטנדיק זיך, האָבן זיי אָנגעהויבן רעווען. טאַנכום איז געשטאַנען און קיין אויג ניט אָפּגעריסן פֿון די רײַטער, וועלכע האָבן פֿאַרפֿלייצט דעם גאַנצן סטעפּ.

ס'איז ניט געבליבן אַזא שפּעלטעלע אױף דער וועלט, — האָט ער א טראַכט

געטאָן, — ווו ער זאָל זיך קאָנען אויסבאַהאַלטן פון די מיליאָנען אויגן, וועלכע קוקן אַף אים מיט פאַראַכטונג. אים דוכט זיך אויס, אַז זיי אַלע ווייסן, ווי ער איז מיט דער הילף פון אָנגערויבט געלט אַ גוויר געוואָרן, זיי ווייסן וועגן זײַן גיריקײַט נאָך און נאָך רײַך צו ווערן.

די דאָזיקע גיריקײַט האָט אים געצוווּנגען אוועקגיין צו די רויבער און קעגנשטעלן זיך דעם פאָטער און ברידער און ווערן זיי אַף אייביק אַ בלוטיקער סוינע.

אַ רעגע האָט זיך אים אָנגעהויבן אויסדוכטן, אַז עפּשער וועלן די שוואַרצע כמאַרעס דורכטראָגן זיך איבערן סטעפּ און פאַרשווינדן. עפּשער וועט דורכדונערן און דורכבליצן, דער געוויטער וועט דורכגיין, און ער וועט בלײַבן אַ גאַנצער.

— וואַרט אויס, צינד נאָך ניט דײַן גוטס! — האָט אָנגעהויבן שעפּטשען אין אים אַ קאָל. — עפּשער וועט גאָט מאַכן אַזוי, אַז מ'וועט פאַרגעסן אין מיר... גאַרטל זיך אונטער, טאַנכום, שטאַרק זיך און גיי קעגן דעם שטורעם. אַ סאַך ניסיוינעס וועט געווים אויסקומען אויסצושטיין, אָדער דו וועסט בײַשטיין אָדער וועסט אומקומען.

1937—1966

דעם גענעראַלס מוטער

דער לאָקאָמאָטיוו האָט הילכיק־פֿאַרצויגן אַ פֿײַף געטאָן, צעבויטענדיק די שטילע באַגינענדיקע לופֿט. אַרויסגעלאָזט עטלעכע קנוילן דאַמף, האָט ער איבערגעכאַפּט דעם אָטעם פֿונעם האַסטיקן פֿילמײַליקן געלויף און זיך אָפּגעשטעלט.

דער דעזשורנע פֿון דער סטאַנציע — אַ נידעריקער, אַ דאַרינקער, אין אַ רויט היטל, מיט אַ לאַמטערן אין האַנט, האָט, טראָגנדיק זיך איבער דער פּלאַטפֿאָרמע, אַ רעגע פֿאַרהאַלטן זיך באַם וואַגאָן, פֿון וועלכן ס׳איז פּאַמעלעך אַרויסגעגאַנגען אַ מיליטערמאַן מיט אַ ראָמב אויף די פּעטליצעס.

— קענטיק, אַ גרויסער נאַטשאַלניק, — האָט דער דעזשורנע אַ טראַכט געטאָן, — נאָר פֿאַרוואָס באַגעגנט אים קיינער ניט?

אין אַ ווײַלע אַרום, ווידער דורכגייענדיק פֿאַרבײַ דעם קאָמבריג, האָט דער דעזשורנע באַמערקט, ווי יענער קוקט זיך עפּעס אַרום אין אַלע זײַטן, ווי ער וואָלט עמעצן זוכן.

דער דעזשורנע איז צוגעגאַנגען צום גרויסן מעשענעם גלאָק, וואָס איז געהאַנגען לעבן דער טיר פֿון דער סטאַנציע, און צוויי מאָל אַ קלונג געטאָן.

די צעצויגענע גלאָק־קלאַנגען האָבן אומגעשוועבט איבערן שטילן פֿריימאָרגן, ביז דער לאָקאָמאָטיוו האָט, ווידער אַ פֿײַף געבנדיק, זיי פֿאַרהילכט.

דער צוג האָט מיט ראַש און גערודער זיך אַוועקגעטראָגן, און דער קאָמבריג איז אַלץ געשטאַנען אויף דער פּלאַטפֿאָרמע, האַלטנדיק אין איין האַנט זײַן טשעמאָדאַן און אין דער צווייטער דעם רעגנמאַנטל.

דער דעזשורנע געדענקט ניט, אַז אויף דער קליינינקער סטאַנציע זאָל אַראָפּגיין אַזאַ געהויבענער פּאַסאַזשיר. ער האָט שוין געוואָלט צוגיין צום קאָמבריג און אַ פֿרעג טאָן, אויף וועמען ער וואַרט, נאָר ער האָט אויף דער פּלאַטפֿאָרמע באַמערקט אַ מאַנצבל מיט אַ ייִנגל, וועלכע האָבן געקוקט אויפֿן קאָמבריג און זיך דורכגערעדט צווישן זיך.

זיי האָבן געהאַט געבראַכט צום צוג אַ פּאָר פּאַסאַזשירן און זײַנען געבליבן וואַרטן, ביז ער וועט אָפּגיין.

דער קאָמבריג איז צו זיי צוגעגאַנגען און געפֿרעגט:

— איר זײַט עפּשער פֿון מיאַדלער? — אַרײַנקוקנדיק דעם מאַנצבל אין פּנים, האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן.

— דאכט זיך, סווידלער, אורעמל סווידלער?

— ניט דערקענט... וואָס? און איך האָב גלײַך דערקענט. נאָר ס'האָט זיך מיר ניט געגלייבט.

— דאָס האָב איך דיר אַמאָל מיט אַ שטיין שיר דעם קאָפּ ניט צעשפּאָלטן, ווען מיר האָבן געשפּילט אין מילכאָמע, — האָט דער קאָמבריג, שמייכלענדיק, באַמערקט.

— איך געדענק ניט... ס'קען זײַן, — האָט סווידלער, מאַכנדיק זיך טאַמעװאַטע, אַ קנייטש געטאָן מיט די פּלייצעס.

ער האָט גוט געדענקט, ווי דער איצטיקער קאָמבריג פּלעגט אַמאָל צונויפּקלײַבן די סאַמע דרייסטע כעוורע און אָנפאַלן אויף זײַן אָטריאַד. סווידלער און זײַנע יאַטלעך פּלעגן טאַקע בלײַבן מיט געבראָכענע ביינער. נאָר דערמאָנען דעם קאָמבריג זײַנע ייִנגלשע כאַטאָים האָט ער איצט ניט געוואָלט.

— נו, דערצייל, — האָט דער קאָמבריג זיך געווענדט צו סווידלערן, — וואָס מאַכסטו, ווי לעבסטו... וואָס מאַכט דאָרט מײַן מאַמע?

סווידלער האָט, איבערשפּרינגענדיק פון איין געשעעניש אויף דער צווייטער, אויסדערציילט דעם גאַסט די נײַעס פון מיאַדלער.

דאָס באָכערל, וואָס האָט מיט סווידלערן באַגעגנט דעם צוג, איז פּוסטריט נאָכגעגאַנגען נאָכן גאַסט און נאָכגעשפּירט נאָך יעדער באַוועגונג זײַנער.

דעם ייִנגלס טמימעסדיק פּנעמל איז פול געווען מיט נײַגער, די קײַלעכדיקע שוואַרצע אויגן האָבן געברענט. ווי נאָר סווידלער איז אַ רעגע אַנשוויגן געוואָרן, האָט ער גיך־גיך, פאַרכלינענדיק זיך מיט זײַנע אייגענע ווערטער, ווי ער וואָלט מוירע האָבן, אַז מ'וועט אים איבערשלאָגן, אָנגעהויבן דערציילן:

— איך האָב אײַך געזען בא אײַער מאַמען אין שטוב אויף אַ קאַרטאָטשקע... איך האָב נאָר גוט ניט באַמערקט, וועלכע אָרדענס זײַנען בא אײַך... די כעווּרע זאָגן, אַז איר האָט אַ סאַך אָרדענס, נאָר וועלכע ווייסט קיינער ניט... איך וועל זיי זאָגן, אַז כ'האָב אליין גערעדט מיט אײַך, נאָר זיי וועלן סײַווי ניט גלייבן, זיי וועלן מיך פרעגן, מיט וויפל פּאָלקן איר קאָמאַנדעוועט, צי איך האָב אליין געזען אײַערע אָרדענס.

דאָס באָכערל האָט ערשט געוואָלט אָנהייבן פאַרגעבן דעם קאָמבריג פאַרשיידענע פראַגן, נאָר סווידלער האָט ווידער אָנגעהויבן דערציילן נײַס פון מיאַדלער. אַזוי זײַנען זיי אומבאַמערקט צוגעגאַנגען צו דער לאַסט־מאַשין.

די מאַשין האָט זיך אַ טראָג געגעבן פאַרבײַ דער סטאַנציע און פאַרקערעװעט אַפן אויסגעפּאָרענעם סטעפּישן וועג צווישן די געל־רײַפע טוּוּעס.

דעם טונקל־בלויען באַגינען האָט פאַרצויגן אַ געדיכטער גרויער נעפּל. אָן אַ שיר זילבערנע טראָפּנדלעך האָבן זיך אָפּגעזעצט אויף די געל־רײַפע טוּוּעס, אויף די בונט־גרינע בלעטעלעך פון דער קוקורוזע, אויף די גאָלדענע קעפּ פון די זונרויזן, אויף דער גריקע און לײַנען.

ווײַט אויף מיזרעך האָבן דורכן געדיכטן נעפּל זיך אָנגעהויבן דורכשלאָגן די ערשטע ראָזעווע פלעקן פון דער אופגייענדיקער זון.

די טוּוּעס פון ביידע זײַטן האָבן שורשענדיק זיך געוויגט. ערגעץ, אין אַ

דאָרף פאַרביי וועג, האָט א בלישטשע געטאָן א פייערל. עמעצער פאָרעט זיך שוין דאָרט בא זיך אין שטוב, האָט דער קאָמבריג א טראַכט געטאָן. אזוי פלעגט פאַרטאָג אופשטיין זיין מאמע, ווען זי האָט געדאַרפט פאַרקנעטן די ראָשטשינע צו באַקן ברויט. ביז זון־אופגאַנג פלעגט זי שוין אויסבאַקן א פרישן פידפאַלעק, אויסמעלקן די קו, נאָכדעם נעמען אים וועקן:

— שטיי אוף, מיין זון, ס'איז שוין פאַרטיק דאָס איבערבייסן... שטיי אוף, נאַכעם מיינער, כ'האָב אָפּגעבאַקן א פרישן פידפאַלעק, וועסט אים עסן מיט א גלאָז מילך.

און ווי ס'פלעגט זיך אים ניט וועלן שלאָפן, פלעגט ער ניט קאָנען ביי־שטיין קעגן דעם געשמאַקן רייעך פון קיך, פונעם פרישן פידפאַלעק און פון דער גלאָז וואַרעמער, ערשט פון דער בעהיימע אויסגעמאָלקענער מילך.

איצט איז זי שוין געווים אופגעשטאַנען, די מאמע, זי פאָרעט זיך אין שטוב, דרייט זיך אַרום א פאַרהאָרעוועטע, א פאַרזאָרגטע. זי טראַכט זיכער, פאַרוואָס עס איז שוין לאַנג פון מיר קיין בריוו ניט געווען, און אָט וועט ער זיך באַלד באַווייזן פאַר איר.

פון באַגינענדיקן נעפּל זיינען פאַרבייגעוועגס אַרויסגעשווומען צוויי ווינט־מילן. פאָכענדיק מיט זייערע מעכטיקע פליגלען האָבן זיי ווי אָנגעוויזן דעם וועג אף מיאַדלער. — פונדאַנען איז, דאַכט זיך, פינף קילאָמעטער ביז דער היים. ערגעץ אָט דאָ נאָענט האָט ער אמאָל געשניטן היי מיטן טאַטן. נאָר ווו גענוי דאָס איז געווען, קען ער זיך ניט דערמאָנען.

דורך דעם שיטערווערנדיקן נעפּל האָט זיך באַוויזן א שטיקל זון. אין דרויסן איז געוואָרן ליכטיקער. דער פרימאָרגן האָט זיך צעשיינט, אַנטפּלעקנ־דיק דעם ברייטן ראַכוועסדיקן, פון קינדווייז אין האַרצן איינגעבאַקענעם סטעפּ.

וויפל מאָל איז ער געלאָפן א באָרוועסער מיט א כאָפּטע יינגלעך, מיט שטעקלעך אף די אַקסלען אָנשטאָט ביקסלעך, איבער דעם סטעפּ מיט א געשריי:

— עסקאַדראָן, נאָך מיר!

וויפל מאָל האָט ער אים געזען אין כאָלעם, אָט דעם וווּנדערלעכן בייאַזאָ־ווער סטעפּ, וועלכער ליגט איצט פאַר זיינע אויגן. ס'וויגן זיך די טווּעס. שטרענג אין רייען שטייען מיט פאַריסענע קעפּ די זונרויזן, און איבער זיי האָבן זיך איבערן הימל פאַנאַנדערגעשפּרייט די פאַרטאָגיקע פייערן פון דער אופגייענדיקער זון.

ניט ווייט פון דער טאָלאָקע האָבן פון געדיכטן גראָז אַרויסגעשטאַרטשעט גרויע אַלטפרענקישע מאַציייוועס. אונטער דריי אַזעלכע פון יאָרן צעקאַרבטע שטיינער ליגן אפן אַלטן בעסוילעם אין זייער רו זיין עלטערזיידע דער קאַנטאָ־ניסט — איינער פון די ערשטע איינוווינער פון מיאַדלער, זיין זיידע און זיין טאַטע, וועלכע זיינען געבוירן און אויסגעוואַקסן אף די בייאַזאָווער סטעפּעס.

עד, ווען זײַן טאטע מיט זײַן זיידן הייבן זיך כאָטש אף א רעגעלע אוף פון דער ערד, ווען זיי גיבן כאָטש א קוק אף אים, וויפל נאכעם וואָלט ער זיי פארשאפן...

מיט ראש איז די מאשין ארײַנגעפאָרן אין מיאדלער. פון אלע זײַטן האָבן געקוקט אפן קאָמבריג פענצטערלעך פון באקאנטע הײַזער. ער האָט זיך געפרוווט דערמאָנען זייערע באלעבאטים. ווו זײַנען זיי איצט, אין סטעפּ, צי זיי פּאָרען זיך נאָך אין הויף? צווישן זיי זײַנען געווען א סאך זײַנע כאווירים, באקאנטע, קרויווים. אין גאס איז געווען שטיל, די טשערעדע איז נאָך, קענטיק, ניט ארויס אין פעלד.

דורך דער גלאָז פון דער קאבינע האָט ער דערזען זײַן מוטערס שטוב. כאָטש פאר זײַנע אויגן האָבן דורכגעשווינדלט עטלעכע ענלעכע הײַזער, מיט שטרויענע פון זון פארסארפעטע דעכער, מיט ארומגעסקובעטע סטריכעס, דאָך האָט ער לויט אייניקע קוים באמערקבארע סימאָנים, וועלכע האָבן זיך נאָך פון אמאָל אײַנגעקריצט אין זײַן זיקאָרן, דערקענט דער מאמעס שטוב. פריילעכע האָבן צו אים געשמייכלט די שײַבעלעך פונעם קליינינקן פענצטערל, וואָס האָט ארויסגעקוקט אף דער גאס. דאָס פענצטערל האָט זיך א ביסל אויסגעדרייט איניינעם מיט דער וואנט. דער בארנבוים אין פאליסאדניק האָט זיך פאנאנדערגעוואקסן פאר דער צײַט, די געדיכטע צווײַגן זײַנען ארפגעהאנגען, ווי זיי וואָלטן זיך פארנייגן פאר זייער באלעבאָס. אפילע דאָס בײַדל, וואָס ער האָט אמאָל געבויט פארן הינטל, איז גאנץ געבליבן.

צופאָרנדיק צום טויער פון דעם קאָמבריגס שטוב, האָט סווידלער אָנגעקוועטשט אף דעם סיגנאל־פײַפל, קעדיי געבן צו וויסן, אז ס'איז געקומען א געהויבענער גאסט.

א קוואָטשקע, וואָס איז אָן אָנגעבלאָזענע ארומגעגאנגען איבערן הויף, האָט א דערשראָקענע, פאנאנדערנעמענדיק די פליגל, מיט א קודאכטערײַ אָנגעהויבן צונויפרופן אירע הינדעלעך.

דער גאסט איז מיטן רעגנמאנטל אין האנט ארויס פון דער מאשין.

עסטער, דעם קאָמבריגס מוטער, האָט געמאָלקן די בעהיימע. פלוצעם האָט זי דערזען שאָלעם דעם מעכוטנס באָכערל מיט א טשעמאָדאן אין האנט. נאָך אים איז א צעראשטער גלאָפן אווּרעמל סווידלער. איידער זיי האָבן באוויזן אויסשרײַען „נעמט צו אײַער גאסט”, האָט זי זיך א הייב געטאָן פונעם בענקעלע, אף וועלכן זי איז געזעסן און געמאָלקן די בעהיימע, מיטן עמער מילך אין האנט.

— עזרעלע, לעבן מײַנס, זון מײַנער געטרײַער! — האָט זי א געשריי געטאָן ניט מיט איר קאָל, — ניט אומזיסט האָסטו זיך מיר הײַנט געכאָלעמט.

דער עמער איז ארויסגעפאלן פון איר האנט, און שטראָמען מילך זײַנען זיך צערונען איבער דער ערד.

אױפֿן ברעג דאָרף האָט דער פֿאַסטעך, קנאַלנדיק מיט דער בײַטש, געגעבן צו װיסן אין אַלע הױפֿן, מ׳זאָל אַרױסטרײַבן די פֿי צו דער טשערעדע.

גלײַך האָבן זיך דערהערט פֿרײלעכע רעװעריײַען פֿון די בעהײמעס, טױבע אױסגעשרײען, הוקערײַען „קודי, הײַדאַ, העט!"

די טשערעדע איז שױן געװען ערגעץ אַרום סטאַװאָק, און עסטער כאָדאָשעס בעהײמע, אַ ניט דערמאָלקענע, איז נאָך געשטאַנען צוגעבונדן אױפֿן שטריקל און רעװענדיק זיך געבעטן אין טאַבון אױף דער פֿאַשע. אין הױף, ניט װײַט פֿון דער דרױסן־טיר, האָט זיך געװאַלגערט דער עמער מיט דער צעגאָסענער מילך, און מענטשן זײַנען אַלץ געגאַנגען און געגאַנגען צו עסטערן אין שטוב.

— גײט אַרײַן, זעצט זיך, גײט אַרײַן! — האָט עסטער, ברײטהאַרציק פֿאַנאַנדערנעמענדיק די הענט, געבעטן יעדערן, װער ס׳האָט זיך אױפֿן שװעל באַװיזן. כאָטש אין שטוב איז שױן ניט געװען ניט נאָר װוּ צו זיצן, נאָר װוּ צו שטײן, האָט זיך איר געװאָלט, אַז װאָס מער מענטשן זאָלן אַרײַן זיך זען מיט איר זון.

— אָט אַ גאַסט, דאָס הײסט אַ גאַסט! — האָבן זיך אַלע װײַלע דערהערט אַלץ נײַע שטימען.

דער קאָמבריג האָט אַלעמען דערקענט, פֿאַנאַנדערגעפֿרעגט זיך װעגן די אײגענע און נאָענטע.

— זע נאָר, ער האָט קײנעם ניט פֿאַרגעסן, — האָט זיך אָפּגערופֿן װעלװל מאָניעס — אַ הױכער געזעצטער זאָקן מיט אַ סיװ־געלבלעכער באָרד, מיט שטאַרק באַװאַקסענע, װי מיט מעל פֿאַרשטױבטע װיִעס און מיט צװײ גוליעס אױפֿן געקאַרבטן שטערן. װי נאָר דאָס אײניקל זײַנס האָט, פֿאַרבײַפֿאָרנדיק מיט דער מאַשין, אים אָנגעזאָגט די בשׂורה, אַז ס׳איז געקומען עסטערס זון — דער רױטער קאָמאַנדיר, איז ער אין אײן זשילעט, אָן אַ קאַפּאָטע אַװעקגעלאָפֿן אָנקוקן דעם נס, װיאַזױ פֿון אַ פּראָסט יִנגל, אַ שײגאַץ, איז אױסגעװאַקסן אַ גרױסער קאָמאַנדיר.

— קוק אים נאָר אָן! — האָט װעלװל מאָניעס פֿאַרװוּנדערט געקנײטשט מיט די פּלײצעס. זײַן אױסגעדאַרט, צעקנײטשט פּאָנעם איז פֿול געװען מיט קינדערשע היסלײַװועס, — מיר דוכט זיך אױס, אַז דאָס, װאָס איך זע מיט די אױגן, קומט פֿאָר אין אַ מײַסע־ביכל, — האָט ער פֿאַרכידעשט געזאָגט.

— יאָ, טאַקע, װי אין אַ מײַסע־ביכל, — האָט עמעצער זיך אָפּגערופֿן.

װעלװל מאָניעס האָט זיך אַװעקגעזעצט לעבן גאַסט מײַסע באַלעבאָס און זיך געקליבן אָנהײבן מיט אים שמועסן, נאָר עס איז אַרײַן דעם קאָמבריגס פֿעטער — דער לאַנגער, דאַרער פֿעלדצוכט־בריגאַדיר זוסיע מיט דער נידעריטשקער, דיקלעכער מומע כאַסיען, װעלכער מ׳האָט אַ נאָמען געגעבן — דער קאָמאַנדיר פֿון דער הינער־אַרמײ. זי איז געװען אָנגעטאָן אין אירע אַלטפֿרענקישע כאַסענע־קלײדער מיטן שװאַרצן געהעפֿטן שאַל אױפֿן קאָפּ, גלײַך נאָך זײ האָט זיך באַװיזן דער פֿעטער מענדל. לױט זײַן צעפּאַליעטן פּאָנעם איז

קענטיק געווען, אז ער איז געקומען גלײַך פֿון דער קוזניע. אײַנצײַטיק מיט אים זײַנען אַרײַן די מומע כיענע, איר מיזינקעלע די בלאָנדע באַסיע און די צוויי שמידן, די יונגע רוון מיט איסערן. נאָך זיי זײַנען פּאַרסאָפּעטע געקומען צו לויפֿן דעם גאַסטס שוועסטערקינדער פֿון דער מאַמעס צאַד: מױשקע, פֿאַליע, יאַנקל מיט פּיניען — אַמאָליקע סאָלדאַטן פֿון דעם אַטריאַד, מיט וועלכע ער האָט זיך געשפּילט אין מילכאָמע.

— ס׳איז שווער אַפֿילע צו גלייבן, אַז מיר שטייען לעבן אַזאַ גרויסן נאַטשאַלניק און פֿילן זיך לעבן אים ווי אייגענע, — האָט, רוקנדיק זיך נענטער צום גאַסט, זיך אָפּגערופֿן דער רויטער מענדל, — גאַנץ מיאַדלער פֿלעגט דאָך אַרומגיין אַמאָל אין טויט־שרעק, ווען ס׳פֿלעגט זיך באַווײַזן „אַ קנעפּל״ — אַן אוריאַדניק, צי אַ סטראַזשניק, מ׳האָט דאָך מוירע געהאַט די נאָז אַפֿן גאַס צו באַווײַזן, און איצט זיצן מיר, קען מען זאָגן, לעבן אַ גענעראַל און רעדן מיט אים, ווי גלײַכע.

— ריכטיק, ריכטיק ווי גאָלד, מענדל, — האָט געזאָגט וועלוול מאָניעס און, ווענדנדיק זיך צום קאָמבריג, געפֿרעגט:

— ווי זאָלן מיר זיך ווענדן צו דיר: „וואַשע בלאַגאָראָדיע״ אָדער כאָטש גענעראַל?

— רופֿט מיך, ווי איר האָט מיך פֿריִער גערופֿן — עזרע.

— ניין, דאָס פּאַסט ניט פֿאַר אַ מענטשן מיט אַזאַ הויכן „טשין״, — האָט געטײַנעט וועלוול מאָניעס, — און ווער איז געווען דײַן ערשטער לערער אין הילכעס שיסערײַ, ווייסטו כאָטש? און ווו איז געשטאַנען דײַן ביקס?

וועלוול מאָניעס האָט זיך אויפֿגעשטעלט און מיט אַ פֿעסטן אויסגעמאָסטענעם טראָט צוגעגאַנגען צום עקסטן ווינקל פֿון צימער, ווו עס איז געשטאַנען דער בעזעם — עזרעס ערשטע ביקס; און כאָטש אין צימער, וואָס איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט מענטשן, איז ניט געווען ווו אַ פֿוס אַוועקצושטעלן, האָט דער אַלטער, געבנדיק זיך אַליין די קאָמאַנדעס, געטופּעט מיט זײַנע שווערע שטיוול, מאַרשירנדיק מיטן בעזעם אויף דער פּלייצע, און געוויזן, ווי דער זיידע האָט שטודירט מיט עזרען די סאָלדאַטישע לערע.

— נו, און דער בעזעם האָט געשאָסן? — האָט, שמייכלענדיק, געפֿרעגט דער פֿעטער זוסיע.

— צי ער האָט געשאָסן, ווייס איך ניט, נאָר אַ ביקס האָט ער אים פֿאַרביטן, — האָט געענטפֿערט וועלוול מאָניעס, — דער זיידע דײַנער איז געווען אַן אַלטער סאָלדאַט, די גאַנצע טערקישע מילכאָמע איז ער דורכגעגאַנגען, און דײַן עלטערזיידע, וועמעס נאָמען דו טראָגסט, איז געווען אַ קאַנטאָניסט, דערפֿאַר טאַקע האָט ער אַמאָל געהאַט באַקומען אין מיאַדלער אַ פּולן נומער לאַנד[1]. איך פֿלעג טעג און נעכט אָפּזיצן לעבן אים און הערן זײַנע מײַסעס פֿון קאַנטאָניסטן; קיין שענערע ביכער האָט קיינער ניט אויסגעטראַכט. פֿונדעסטוועגן האָט ער אַפֿילע צום ראָטנעם קיינמאָל קיין צוטריט ניט געהאַט, און אַזאַ „טשין״, ווי בא דיר, האָט ער אַפֿילע אין כאָלעם ניט געזען.

---

[1] דרײַסיק דעסיאַטין ערד.

דער קאָמבריג איז געזעסן, אײַנגעהערט זיך אין װעלװל מאָניעסעס מײַסעס און דורך דער אָפֿענער טיר פֿונעם צימער, װאָס האָט געפֿירט צו דער קיך, אַרויסגעקוקט אַף דער מוטער, זי זאָל צוגײן צו אים און דערציילן עפּעס פֿון לעבן, נאָר זי איז געװען פֿאַרטאָן מיטן פֿרישטיק.

דורך דער אָפֿענער טיר האָט עזרע דערזען דעם פּריפּעטשעק, װעלכן די מאַמע פֿלעגט זיך אַזױ סטאַרען צו אַ יאָמטעװ אױסשמירן און אַרומקאַנטעװען מיט אַ פּאַסיקל רױטע ליים. אַפֿן פּריפּעטשעק איז געזעסן די קאַץ און זיך געװאַשן. נאָר ס׳איז ניט די אַמאָליקע קאַץ מיט די װײַסע פֿיסעלעך, נאָר אַ גרױ קעצעלע מיט אַ װײַס קעפּעלע. ס׳האָט זיך אים שטאַרק געװאָלט נעמען עס אַף די הענט, אַ גלעט טאָן. נאָר דאָס קעצעלע האָט זיך געװאַשן און געװאַשן, װי עס האָט אױך געװאָלט אױסנעמען באַם גאַסט.

פֿון קיך האָבן זיך געטראָגן דופּטיקע רײכעס פֿון פֿיש, פֿון אָפּגעקאָכטע קאַרטאָפֿל, פֿון ברױט, געבאַקענעם אַפֿן פּאָד, פֿון אַ פּרעזשעניצע, װאָס זשאַרעט זיך נאָך אַף דער סקאָװרעדע. פֿון הױף האָט זיך געטראָגן אַ רעװעריײַ פֿון דער בעהײמע, װעלכע איז געבליבן צוגעבונדן אַפֿן שטריקל אין דער הײם און װאַרט, מ׳זאָל זי אַרױסלאָזן אין טשערעדע.

— עפּשער װעסטו שױן עסן? האָסט דאָך גאָרנישט ניט געהאַט אין מױל, — האָט עסטער, אָנהײבנדיק גרײטן צום טיש, געזאָגט צום זון.

— כ׳װיל נאָך ניט, מאַמע, ב׳בין ניט הונגעריק.

— װאָס הײסט, דו װילסט ניט? נאָך אַלץ ניט צײַט צו עסן?.. די געסט װעלן אױך מיט אונדז צובײַסן.

עסטער האָט דערלאַנגט צום טיש אַ פֿלאַש װישניק, אַ גראַפֿין װײַן, גלעזלעך, לעפֿל, גאָפּלען.

אין שטוב איז שטילערהײט אַרײַן מאַריאַשע. איר צאַרט מאַטאָװע פּנים האָט זיך געמינעט. אירע שװאַרצע אױגן זײַנען געװען עפּעס פֿאַרטרױמט. איר האָט זיך אױסגעדוכט, אַז אַלע באַמערקן, װי זי איז בלײך געװאָרן. ס׳האָט איר שױן אָנגעהױבן פֿאַרדריסן, לעמײַ זי איז אַרײַן. צו װאָס זיך װײַזן פֿאַר אַזױפֿיל אױגן?

זי האָט זיך אָנגעהױבן רוקן אַף צוריק. שױן צוגײענדיק צום שװעל, האָט איר בליק זיך באַגעגנט מיט עזרעס קוק. ער האָט אַ שמײכל געטאָן און, דורכשפּאַרנדיק זיך דורכן אױלעם, זיך באַגריסט מיט איר. מאַריאַשע האָט אַראָפּגעלאָזן די אױגן און זיך פֿאַרױטלט. ס׳איז איר געװאָרן לײַכטער אַפֿן האַרצן. ער געדענקט זי, הײסט עס. איצט קאָן זי שױן אַװעקגײן, רײדן מיט אים דאָ װעט זיך איר סײַװי ניט אײַנגעבן.

■

מאַריאַשע מיט עזרען האָבן פֿון קינדװײַז אױף געװױנט בײַשכײנעס. װען עזרע פֿלעגט מיט איר ברודערל באָרעכקען שפּילן זיך אין פֿערדלעך, פֿלעגט זי אױך נאָכלױפֿן. זי האָט געװאָלט זײַן אַ פֿערדל און האָט ניט אײן מאָל געכאַפּט קלעפּ דערפֿאַר סײַ פֿונעם ברודער, סײַ פֿון עזרען.

ווען די יינגלעך זײַנען א ביסל אונטערגעוואקסן, האָט עזרע צונויפגע־קליבן א דרייסטע כעוורע, באוואָפנט זיי מיט פײַל־און־בויגנס, מיט פולע קע־שענעם שטיינער און געמאָלדן:

— מיר זײַנען „רויטע", און אונדזערע קעגנער זײַנען „ווײַסע"!

— מיר זײַנען ניט קיין „ווײַסע", — האָט פונוויַיטן געשריִען דער צווייטער קאָמאנדיר אוורעמל סווידלער.

— מיר זײַנען שטארקער פון אײַך, דארפן מיר זײַן די „רויטע", — האָט געטײַנעט עזרע, — אויב איר וועט אפילע ניט זײַן קיין „ווײַסע", וועלן מיר אײַך סײַווי צעקלאפּן.

איינמאָל אין א הייסן געפעכט, ווען די „רויטע" האָבן, האָגלענדיק מיט שטיינער, זיך געטראָגן איבער די גערטנער צום אקאציע־וועלדל, ווו די „ווײַסע" האָבן זיך באהאלטן, האָט עזרען, וועלכער איז געלאָפן פאָרויס פון זײַן אָט־ריאד, פארצאמט דעם וועג א מאנצבל מיט געלבלעך טונקעלע וואָנצעס.

— ווּהין לויפסטו עס, באָכערל? — האָט ער, אָנכאפּנדיק עזרען פאר דער האנט, א פרעג געטאָן.

— מיר שלאָגן די „ווײַסע", — האָט עזרע געענטפערט.

— וועלכע „ווײַסע"?

— נו, סווידלערס אָטריאד... דאָרט אין אקאציע־וועלדל זיצן זיי.

— אוורעמל איז דען א ווײַסער?.. זײַן טאטע איז דאָך אן אָרעמער, ווי קאָן ער זײַן א ווײַסער?.. די ווײַסע שלאָגן זיך דאָך פאר די בורזשויען.

— מיר האָבן אים געצוווּנגען צו זײַן א ווײַסער, אניט ווּעמען וועלן מיר שלאָגן?

— ווי אלט ביסטו, באָכערל? ביסט דאָך שוין א גרויסער יונג, קיין אנ־דער ארבעט האָסטו ניט, ווי צו ווארפן שטיינער?.. איר קענט דאָך אזוי איינער דעם צווייטן דעם קאָפּ צעשפּאלטן.

— נו, איז וואָס?.. דערוף איז דאָך עס א מילכאָמע, — האָט עזרע א ביסל אזעסדיק אָפּגעענטפערט.

— ווי איז דיר ניט מיִעס, אזא באָכערעץ, און לויפסט ארום פוסט־און־פּאס. מיר פירן א מילכאָמע קעגן דער בורזשואזיע, און אײַך ליגן אין קאָפּ אזעלכע נארישקײַטן, שטיינער ווארפן איינער קעגן דעם אנדערן, בעסער וואָלט איר אונדז געהאָלפן.

עזרע האָט אויסגעשטעלט א פּאָר אויגן אפן כאווער יאקאָוו. קעמפן קעגן דער בורזשואזיע איז ער געווען א גרויסער באַלן. נאָר ווי טוט מען עס?

פאר אים איז געווען שטארק אָנגעלייגט, וואָס דער כאווער יאקאָוו רעדט מיט אים ווי מיט א גלײַכן און רופט אים שלאָגן די בורזשויען.

— אויס, איך וועל מער ניט ווארפן קיין שטיינער און אין קיין מילכאָמעס זיך ניט שפּילן, — האָט ער, ווערנדיק רויט, צוגעזאָגט.

דער כאווער יאקאָוו האָט אמאָל זיך געמאטערט דאָ אין מיאדלער. נאָך דעם איז ער אוועקגעפאָרן אין שטאָט, אָנגעהויבן זיך לערנען. זומער, קומענ־דיק אהיים, פלעגט ער מיטן לערער אניסים מאָיסייעוויטשן שטילערהייט צו־

גויפנעמען מענטשן, דערקלערן זיי, וויאַזוי מ'וועט אראָפּוואַרפן דעם קייסער און זײַנע מעשאָרסים.

די מאַמע האָט עזרען אַפּילע געוויזן אַ ביכל, וואָס דער כאַווער יאַקאָוו האָט איר אַמאָל געגעבן און שטרענג אָנגעזאָגט, זי זאָל עס באַהאַלטן, קיין זײַטיק אויג זאָל עס ניט באַמערקן.

שפּעטער איז דער כאַווער יאַקאָוו געקומען מיט אַ מאַנדאַט פון אויעזד אין מיאַדלער צו טיילן די ערד און צו שאַפן אַן אָרעם־פּויערים־קאָמיטעט, וועלכער זאָל העלפן דער ראַטנמאַכט צו פאַרפעסטיקן זיך.

קינד־און־קייט פלעגן קומען אויף די מיטינגען און פאַרזאַמלונגען אויס־הערן דעם כאַווער יאַקאָווס פײַערדיקע רעדעס וועגן דער רעוואָליוציע און וועגן לענינען.

נאָך דער באַגעגעניש מיטן כאַווער יאַקאָוו איז עזרע מיט זײַנע כעווירע געוואָרן יאַקאָווס נאָענטסטע מיטהעלפער. זיי האָבן אים געהאָלפן צונויפזאַמלען ברויט פאַר די הונגעריקע אַרבעטער פון שטאָט, צונויפרופן מיטינגען, פאַר־זאַמלונגען. אַלע זײַנע שליכעסן האָבן זיי אויסגעפּילט מיט ברען, מיט הים־לײַוועס.

ווען אין מיאַדלער האָט זיך געשאַפן אַ קאָמיוגיש קעמערל, איז עזרע נאָך ניט אַלט געווען קיין פולע פערצן יאָר. אָבער דאָס סוידעספולע קלינגעוודיקע וואָרט — רקסם האָט אים געצויגן, גערופן מיט קראַפט.

עזרע האָט קוים באַוויזן אַרײַנטרעטן אין קאָמיוג, און אויף די בײַאַזאָווער סטעפּעס האָבן אָנגעהויבן אָנגרײַפן די ווײַסע כאַיאָלעס. צוזאַמען מיטן רעוו־קאָם, מיט דעם אָרעם־פּויערים־קאָמיטעט, מיט די אַקטיוויסטן און קאָמיוגיסטן איז ער אַוועק אויף מאַרשופּאָל און פון דאָרטן אויף צאַריצין.

עסטער האָט לאַנג ניט געהאַט פון איר זון קיין אײַנגעטונקטע פען. זי האָט אים שוין געהאַט באַוויינט. פּלוצעם האָט זי באַקומען פון שפּיטאָל אַ בריוו פון עזרען, אַז ער איז געווען פאַרוווּנדעט. איצט איז ער שוין קימאַט געזונט און קלײַבט זיך צוריק אַפן פראָנט.

ס'האָט אָפּגעשטורעמט דער בירגערקריג. אין אַלטע אָפּגעריבענע שינעלן, אין אויסגעקרימטע שווערע עסטרײַכישע שיך מיט פוס־וויקעלעך, אין אָפּגע־בליאַקעוועטע בודיאָנאָווקעס מיט רויטע פינפשפּיציקע שטערנס האָבן זיך אומ־געקערט אין מיאַדלער די רעווקאָמאָוצעס, קאָמנעזאַמניקעס[1], קאָמיוגיסטן. נאָר פון עזרען זײַנען קיין שום יעדיִעס ניט געווען, אין אַ שטיקל צײַט אַרום איז באַוווּסט געוואָרן, אַז ער איז געבליבן אין דער אַרמיי און איז אָנגעקומען אין אַ מיליטער־שול.

איינמאָל זומער האָט ער זיך אומגעריכט באַוויזן אין מיאַדלער אין אַ נײַנקן מיליטערישן אָנצוג, אין לעדערנע גלאַנציקע שטיוועלעך. דער זיידע האָט גלײַך באַמערקט די „וויפּראַווקע" פונעם איינִיקל.

— דו לערנסט זיך, הייסט עס, אויף אַ קאָמאַנדיר? איז וואָר זשע וועסטו

[1] קאָמנעזאַמניקעס — אָרעם־פּויערים.

זײַן — א פעלדפעבעל, א פּאָדפּאָרוטשיק צי א פּאָרוטשיק? — האָט דער זיידע, װעלנדיק װײַזן זײַנע מיליטערישע קענטעניש, זיך פאנאנדערגעפרעגט.
— אזעלכע קאָמאנדירן זײַנען איצט ניטאָ.
— װעלכע זײַנען איצט פאראן?
— רױטע קאָמאנדירן.
— װאָס הײסט רױטע קאָמאנדירן?
— קאָמאנדירן פון דער רױטער ארמײ.
עזרע איז פאר די יאָרן, װאָס ער איז ניט געװען אין דער הײם, שטאָלט־נער, שענער געװאָרן. ער איז געגאנגען מיט אן אָפּגעטאָקטן טראָט, װי אין „סטרױ". פון װײַטן האָט זיך אױסגעדוכט, אז ער ציילט די טריט:
— אײנס־צװײ, אײנס־צװײ!
דער זיידע האָט אָנגעקװאָלן פון זײַן אייניקלס שטעל, פון זײַן ריידן, פון זײַן האלטן זיך.
— א גיבער, אַ? ס'עפּעס א קלײניקײַט א רױטער קאָמאנדיר! ער װעט נאָך װערן, אז גאָט װעט העלפן... נו, װי הײסט עס, װי אמאָל א גענעראל... סײַכל װעט בא אים געװיס קלעקן, דרײסטקײַט אװאדע. קײן שרעקנדיקע זײַנען בא אונדז קײנמאָל ניט געװען.
גײענדיק אזױ אָנגעטאָן אין די נײַנקע מיליטערישע קלײדער, מיט דער פּאָרטופּײע איבערן אקסל, מיטן שײן פארקעמטן שװארצן טשוב, װעלכער האָט אים צוגעגעבן א באזונדערן כײן, האָט עזרע לעבן די פּאליסאדניקעס פון מיאדלער געהאט באגעגנט א מײדל אין א ציצן קלײד, װאָס האָט פעסט ארומגעצױגן איר שלאנקן קערפּער. דאָס מײדל איז געגאנגען ניט געײַלט, מיט אן עטװאָס פארויסנעמס געקרײַזלטן קאָפּ. װען עזרע האָט זיך אױסגעגלײַכט מיטן מײדל, האָבן זײ א רעגע פארװוּנדערט געקוקט אײנער אפן צװײטן.
— דאכט זיך, מאריאשע? — האָט עזרע ניט זיכער זיך געװענדט צו איר.
— דערקענסט ניט? — האָט זי אביסל פארװוּנדערט, מיט א שפּילנדיק שמײכעלע אף די ליפּן געקוקט אף אים. — צי דען איז מיך שװער צו דערקע־נען?
עזרע האָט זיך אײַנגעקוקט אין די באקאנטע שטריכן, װעלכע האָבן זיך אים פארגעדענקט פון דער קינדהײַט. דאָס מײדל האָט זיך א ביסל קאָקעטיש הילכיק פאנאנדערגעלאכט.
— מאריאשע, באַרעכקעס שװעסטערל? — האָט עזרע, ניט אראָפּנעמענ־דיק פון איר די אױגן, געפרעגט.
— אװאדע, די זעלבע, װעלכע דו האָסט אמאָל פאר די צעפּלעך געצױגן.
— געדענקסט, װי דו האָסט געװאָלט זײַן א פערדל, — האָט עזרע, שעל־מיש װינקענדיק, א זאָג געטאָן. — און איצט ביסטו שױן א גאנצע באַרישניע.
מאריאשען איז אָנגענעם געװען, װאָס עזרע האלט זי שױן פאר א דער־װאקסענער און װאָס ער האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט איר ריידן.
— װוּהין גײסטו עס? — האָט עזרע געפּרוּװט מיט איר פארפירן א רײד.
— איך דאַרף צוגײן צו א כאװערטע.
— צו א װעלכער כאװערטע? עפּשער קען איך זי?

— זי וועט באַלד אַרויסגיין אין גאַס, וועסטו זי זען.

עזרע האָט אָנגעהויבן זיך פֿאַנאַנדערפֿרעגן בײַ מאַריאַשען וועגן באַרעכ־קען, וועגן אירע באַוועגונגען. לײַכט אָנעמענדיק זי פֿאַר דער האַנט, איז ער צוגעגאַנגען מיט איר צו אַ בענקעלע פֿון אַ פֿאָליסאַדניק און זיך אַוועקגע־זעצט.

אין גאַס איז געווען שטיל. זיי האָבן גערעדט שעפּטשענדיק, ווי זיי וואָלטן מוירע האָבן, אַז עמעצער וועט אונטערהערן זייערע רייד. מאַריאַשען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זיי האָבן זיך גאָר קיינמאָל ניט צעשיידט, אַזוי היימיש נאָענט זײַנען זיי געזעסן אויפֿן בענקעלע.

פֿון די הויפֿן האָט געטראָגן מיט פֿרישן, ערשט אָפּגעשניטענעם היי און מיט דופּטיקע רייכעס פֿון רײַפֿווערנדיקע טווועס. פֿון ערגעץ האָט זיך דער־טראָגן אַן אומרויִק קאָל:

— שוין צײַט צו שלאָפֿן, טאָכטער, האָסט זיך שוין, דוכט זיך, גענוג אָנגעשפּאַצירט, גיי אַהיים! הערסט?

— עפּעטער רופֿט מען עס מאַריאַשען, — האָט עזרע אַ טראַכט געטאָן, — און זי זיצט דאָ פּאַרטײַעט שטיל אויפֿן בענקעלע לעבן פֿאָליסאַדניק.

מאַריאַשע האָט זיך אַ פּאָר מאָל אויפֿגעשטעלט, געוואָלט זיך צעזעגענען מיט אים. נאָר עפּעס אַ פֿאַרהוילענע קראַפֿט האָט זי געהאַלטן.

צעשיידט האָבן זיי זיך, ווען אויפֿן הימל האָט זיך שוין אָנגעצונדן דער מאָרגנשטערן און אַ קריי פֿון אַ האָן האָט אָנגעזאָגט, אַז ס'טאָגט שוין.

מאַריאַשען איז געווען לײַכט אויפֿן האַרצן. איר נעשאָמע האָט געזונגען, ווי אַ פֿרילינגדיקער פֿויגל. זי האָט זיך געלייגט שלאָפֿן, נאָר אײַנשלאָפֿן האָט זי ניט געקענט. פֿאַר אירע אויגן איז אַלץ געשטאַנען עזרע. דאָס האָט ער צעבוימעט איר נעשאָמע. ווען זי באַגעגנט אים ניט, וואָלט זי שוין לאַנג גע־שלאָפֿן. דאָס האַרץ צאַפּלט אין איר ברוסט, ווי אַ געפֿאַנגענער פֿויגל אין אַ שטײַג. ס'דוכט זיך איר אויס, אַז שוין לאַנג זוכט זי אים אַרום, און אָט איז ער געקומען צו איר...

מיט קיינעם איז איר ניט געווען אַזוי גוט, ווי מיט אים, פֿאַר קיינעם האָט זיך איר ניט געוואָלט אַזוי עפֿענען דאָס האַרץ, ווי פֿאַר אים.

אין דרויסן טאָגט ערשט, און ביז זי וועט זיך נאָכאַמאָל מיט אים טרעפֿן, איז אַזוי לאַנג.

— מיט וועמען האָסטו עס, טאָכטער, פֿאַרבראַכט אַזוי שפּעט? — האָט די מאַמע, אַרײַנגייענדיק אויף די ציפּקעלעך, געפֿרוווט בײַ איר זיך דערוויסן.

— מיט עזרען, — האָט מאַריאַשע געענטפֿערט.

זי איז נאָך געלעגן אַ ביסל, איבערגעקערט זיך פֿון איין זײַט אויף דער צווייטער. אײַנגעדרעמלט אַ ביסל און איז אויפֿגעשטאַנען. קיינמאָל האָט זיך דער טאָג אַזוי לאַנג ניט געצויגן, ווי הײַנט. זי האָט זיך אַרומגעדרייט איבער דער שטוב, קיין אָרט זיך ניט געפֿונען. אַלע ווײַלע געלאָפֿן צום פֿענצטער אַ קוק טאָן, עפּעטער וועט ער זיך באַווײַזן. ווען די זון האָט זיך אָנגעהויבן זעצן און אַלץ אַרום איז אײַנגעהילט געוואָרן אין דער שאָטנדיקער טונקלקײַט פֿונעם אָוונט, האָט זי זיך אָנגעהויבן צופּוצן. קיינמאָל האָט זי אַזוי לאַנג

ניט געקעמט אירע שווארצע, געקרײַזלטע האָר, קיינמאָל האָט זי אַזוי לאַנג ניט געקוקט אין שפּיגעלע. ווען זי איז צוגעגאַנגען צום בענקעלע פון פּאָלי־סאַדניק, ווו זיי האָבן זיך נעכטן צעשיידט, האָט ער שוין געוואַרט אויף איר.

ס'איז געווען אַ וווּנדערלעכער לעוואָנעדיקער אָוונט. די געדיכטע זומער־דיקע לופט איז פול געווען מיט פויגל־געזאַנגען, מיט זשומערײַ פון בינען, מיט גרילצערײַ פון גרילן. די שטערן אין הימל האָבן געשײַנט, ווי זיי וואָלטן זיך פרייען, וואָס מאַריאַשע מיט עזרען זיצן באַנאַנד! שווײַגנדיקע, פול מיט בענקשאַפט און די אויגן, קוקן זיי איינס אַפן צווייטן און ווען־ניט־ווען וואַרפן זיי זיך דורך מיט געציילטע ווערטער:

— ווּעסט בענקען?

— און דו?

— אַז איך וועל אָוועקפאָרן, וועסטו מיר שרײַבן? — האָט עזרע, אָנעמענ־דיק זי פאַר דער האַנט, אַ פרעג געטאָן.

— און דו?

— גלײַך ווי איך וועל קומען אויף אָן אָרט, וועל איך דיר אָנשרײַבן.

— אַז דו וועסט שרײַבן, וועל איך דיר ענטפערן.

עזרע האָט זיך ניט באַוויזן אַרומצוקוקן, ווי עס איז דורכגעלאָפן זײַן קורצער אורלויב, און ער האָט זיך געדאַרפט אומקערן אין דער מיליטער־שול.

ווייטעקדיק שווער איז מאַריאַשען געווען זיך צו שיידן מיט עזרען. ער איז קוים פאַרשוווּנדן פון איר בליק, ווי איר האַרץ איז פול געוואָרן מיט אַ נאָגנדיקער בענקשאַפט, מיט אומרויִקע קלעמעניש, מיט אומגעדולדיקע דער־וואַרטונגען.

— וואָס איז מיט דיר, טאָכטער מײַנע? — האָט די מוטער, דערזעענדיק, ווי מאַריאַשע פּײַניקט זיך, אָנגעהויבן צושטיין צו איר.

— גאָרניט, מאַמע, גאָרניט.

— גיב אַ קוק, וואָס ס'איז געוואָרן פון דיר...

מאַריאַשע האָט זיך געפּלאָגט, נאָר אַנטפּלעקן פאַר דער מאַמען אירע אי־בערלעבונגען האָט זי ניט געקענט. פלעגט זי אויסגיסן דאָס האַרץ אין לידער. מער פאַר אַלץ האָט זי ליב געהאַט זינגען:

> פּאַפּיר איז דאָך ווײַס,
> און טינט איז דאָך שוואַרץ,
> נאָך דיר, מײַן געליבטער,
> גייט אויס דאָס האַרץ.

די מאַמע פלעגט זיך אײַנהערן אין דעם זינגען. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז בא דער טאָכטער אין האַרצן ברענט אַ פײַער. אָבער ווער האָט עס איר אַזוי דעם קאָפּ פאַרדרייט?

אַ קליין בריוועלע, וואָס לייע, מאַריאַשעס מוטער, האָט געהיים איבער־געלייענט, האָט איר סאָפּקאָלסאָפּ אַנטפּלעקט דעם סאָד, וועלכן די טאָכטער האָט פון איר אויסבאַהאַלטן.

— ווי איז מיר, עזרע האָט דאָס איר דעם קאָפּ פאַרדרייט, ער איז דאָך

ערגעץ אין אויסרײַסעניש, דאָס גאנצע לעבן וועט ער דינען, און זי וועט דארפן מיט אים וואנדערן. וואָס איז דאָס פאר אן אומגליק אף אונדזער קאָפּ? ווי איז מיר, אויב זי וועט זיך ניט פארטראכטן, וועט זי דאָך פארשפּילן אירע יאָרן.

באגיסנדיק זיך מיט טרערן, האָט לייע גענומען בעטן מאריאשען, זי זאָל זיך באקלערן און ארויסשלאָגן עזרען פון קאָפּ.

— ווען דײַן טאטע איז געשטאָרבן, ביסטו געבליבן אן אייפעלע אף מײַנע הענט, — האָט זי געטײַנעט צו מאריאשען. — כ'האָב דיך געהאָדעוועט, געקעכלט, קיין שטויבעלע ניט געלאָזט אף דיר פאלן... כ'האָב אָנגעקוואָלן פון נאכעס, ווי דו וואקסט... אז באָרעכקע האָט כאסענע געהאט און איז אוועק פון אונדז, ביסטו געבליבן בא מיר איין אויג אין קאָפּ... כ'האָב געהאָפּט, אז דו וועסט כאָטש זײַן מיט מיר... און איצט אף וועמען קאָן איך שוין אויסרעכענען, אויב דו וועסט אויך אוועק פון מיר... ער איז דיר ניט קיין פּאָר!

צו דער צײַט האָט זיך אומגעקערט פון מיליטער־דינסט פּאָליע רײַז — א הויכער בלוי־אויגיקער באָכער מיט א צארט פּאָנעם. און כאָטש מאריאשע האָט אים אויסגעמיטן און פלעגט זיך אפילע באהאלטן, ווען ער פלעגט זיך ווײַזן אף דער שוועל, האָט אים לייע ניט אופגעהערט אײַנצולאדן צו זיך, האָפנדיק, אז עפשער וועט מאריאשע פאָרט פארגעסן עזרען און וועט כאסענע האָבן מיט פּאָליען.

— גיי ארײַן, גיי ארײַן, ווארט צו א ווײַלע. עפשער וועט זי באלד ארויסגיין, — פלעגט לייע אים צוגעבן מוט. — רייד זיך דורך מיט איר, שפּאצירט זיך דורך. זי זעט דאָך נעבעך ניט די ווײַסע וועלט.

נאָר מאריאשע האָט ניט געוואָלט הערן פון פּאָליען.

— אכוץ עזרען דארף איך קיינעם ניט, — פלעגט זי זאָגן. — אויב איך וועל עזרען אָנווערן, וועל איך פאר קיינעם ניט כאסענע האָבן.

עזרע האָט דערווײַל געוואָגלט פון איין אָרט אפן צווייטן, מאריאשעס בריוו זײַנען צו אים דערגאנגען זעלטן, און ער האָט אויך ניט געהאט קיין מעגלעכקײַט צו שרײַבן אָפט.

מאריאשע איז געווען אויסער זיך. זי האָט ניט געגעסן, ניט געטרונקען, די באקן זײַנען אײַנגעצויגן געוואָרן, די אויגן אײַנגעפאלן.

— וואָס נעמסטו זיך אזוי צום הארצן, טאָכטער מײַנע, ער וועט מירצעשעם אָנשרײַבן, — האָט לייע, ניט קענענדיק צוזען מאריאשעס ליידן, געפּרוווט זי טרייסטן. אין הארצן איז אָבער לייע געווען צופרידן, וואָס ער שרײַבט ניט. עפשער וועט זי זיך בארויִקן און וועט אים מיט דער צײַט פארגעסן. נאָר מאריאשע איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן אלץ אומרויִקער. ניט קענענדיק צוזען דעם צאר פון איר טאָכטער, האָט לייע באשטימט צוגיין צו עסטערן זיך דערוויסן וואָס־ניט־איז וועגן עזרען. נאָר עסטער, ווײַזט זיך ארויס, האָט שוין אויך לאנג ניט געהאט קיין שום יעדיִעס פונעם זון.

אין אָנגעשטרענגטע ווארטענישן אף בריוו און גרוסן זײַנען דורכגעגאנגען נאָך עטלעכע כאדאָשים. צו דער צײַט האָט זיך געמאכט א געלעגנהײַט,

און מאַריאַשע איז אַוועקגעפֿאָרן קיין אָדעס זיך לערנען. גלײַך נאָך איר אָפּפֿאָרן, האָבן אָנגעהויבן אָנקומען בריוו פֿון עזרען.

אַף דער אָזוינע כאַסאַן איז ער געווען שווער פֿאַרווונדעט, דערפֿאַר האָט ער לאַנג ניט געשריבן. לייע האָט מאַריאַשען די בריוו ניט איבערגעשיקט, קעדיי ניט צעבלאָזן דאָס פֿײַער פֿון איר ליבע, וואָס האָט, דאַכט זיך, זיך שוין אָנגעהויבן לעשן. אָבער די אָפּטע אָנפֿראַגעס פֿון דער טאָכטער, צי עס זײַנען ניטאָ קיין ידיִעס פֿון עזרען, האָבן לייען סאָפּקאָלסאָף געצווונגען איבערצושיקן איר די בריוו. מאַריאַשע האָט זיי אָבער ניט באַקומען, זי איז צו דער צײַט קראַנק געוואָרן און זיך אומגעקערט אַהיים. דערוויסנדיק זיך דורך אַ פֿרײַנט, אַז מאַריאַשע באַגעגנט זיך מיט פֿאָליען, האָט עזרע באַשטימט, אַז זי האָט אים פֿאַרגעסן, און ער האָט איר אויפֿגעהערט שרײַבן. מאַריאַשע האָט אין אַ שטיקל צײַט אַרום, אונטערן דרוק פֿון איר מוטער, טאַקע כאַסענע געהאַט מיט פֿאָליען, געהאַט מיט אים אַ קינד, אָבער זי האָט ניט אויפֿגעהערט ליב צו האָבן עזרען. און איצט, ווען ער האָט זיך נאָכאַמאָל באַוויזן אין מיאַדלער, האָט איר ליבע אַפּסנײַ זיך צעפֿלאַקערט.

■

גאַנצפֿרי, ווי נאָר דער אוילעם איז אויפֿגעשטאַנען צו דער אַרבעט, האָט זיך דער קאָמבריג אויך אויפֿגעהויבן. ער איז אַרויס אין הויף, אַרויסגעצויגן אַ פֿרישן עמער וואַסער פֿון ברונעם און זיך אײַנגעוואַשן. פֿון דעם קאַלטן ברונעמדיקן וואַסער איז זײַן פּאָנעם געוואָרן פֿריש. דערפֿילנדיק אַ דערקוויקנדיקן כּיִעס, האָט ער אַזש אויסגעשריִען:

— אַ־אַ־אַ!

עסטער האָט זיך שוין געהאַט געפּאָרעט אין קיך. איר האָט שטאַרק האַנאָע געטאָן, וואָס איר זון וואַשט זיך אַזוי געשמאַק. זי האָט אַפּגיך אַרויסגענומען אַ האַנטעך, דערלאַנגט עזרען און איז אַוועק צוריק אין קיך. ווען דער זון האָט זיך אומגעקערט אין שטוב, האָט זי מוטערלעך ליב, אַרײַנקוקנדיק אים אין די אויגן, געפֿרעגט:

— וואָס ביסטו עס אויפֿגעשטאַנען אַזוי פֿרי?

— ס'שלאָפֿט זיך ניט, איך בין געוווינט אויפֿצושטיין פֿאַרטאָג.

— אין דער היים בײַ דער מאַמען מעגסטו זיך פֿאַרגינען מער מיט אַ שאָ שלאָפֿן, — האָט עסטער אַוועקגעלייגט אירע אויסגעהאָרעוועטע הענט אויפֿן זונס אַקסל.

— אַן אָווײַרע, מאַמע, די צײַט.

כאָטש דער אוילעם האָט זיך געײַלט צו דער אַרבעט, דאָך האָט יעדערער געפֿונען פֿאַר נייטיק אַרײַנצוקוקן אין הויף, זען, וואָס דער גאַסט טוט.

— ער שלאָפֿט נאָך, ער וועט דיר אַזוי פֿרי אויפֿשטיין, — האָט ער דערהערט אַ באַקאַנטן קאָל.

עזרע האָט זיך אַ קער געטאָן און דערזען מאַריאַשען. זי האָט גיך מיט עמעצן פֿון די פֿרויען דורכגעשלײַכט און איז ערגעץ פֿאַרשוווּנדן.

ביז עזרע האָט זיך באַוויזן אַרומקוקן, זײַנען שוין אויפֿן טיש געשטאַנען אָפּגעקאָכטע קאַרטאָפֿליעס, זויערמילך, געזײַערטע אוגערקעס, אייער, סמעטענע.

— עס, מײַן זון, האָסט מיסטאמע שוין פארגעסן דעם טאם פון היימישע מײַכאָלים.

— כ'האָב זיך טאקע פארבענקט נאָך דײַנע געריכטן, — האָט עזרע זיך אָפּגערופן.

— זאָל דיר זײַן צו געזונט, עס, עס! — האָט זי געהאלטן אין איין צו־רוקן נעענטער צו אים איין טעלער נאָכן צווייטן, — כ'האָב נאָך ניט באוויזן צוגרייטן ניט קיין באלאבושקעס מיט קנאָבל, ניט קיין ווארעניקעס מיט קעז, ניט קיין בלינצעס... איך געדענק גוט דײַנע געליבטע געריכטן. אפילע קיין געהאקטע אייער מיט ציבעלע, מיט גענדזענער שמאלץ האָב איך דיר אויך ניט געמאכט.

די מײַכאָלים האָבן דעם קאָמבריג דערמאָנט די יאָמטויווים, ווען אין שטוב האָבן געפינקלט די אויסגעשײַערטע הענטלעך פון די טירן, די מעשענע קוואָרט האָט געבלישטשעט, מיט ליים איז געווען ארומגעשמירט דער פריפּע־טשעק, ארומגעקאנטעוועט מיט א רויט פּאסיקל. די מאמע, אַן אויסגעפּוצטע אין די יאָמטעוודיקע בגאָדים, האָט געשײַנט. דער טאטע מיטן זיידן, די שוועסטער באסיע, וועלכע וווינט איצט אין דאָנבאס מיטן מאַן און קינד'ערלעך, דער ברו־דער שימען — די גאנצע מישפּאָכע איז געזעסן ארום טיש און געגעסן דער מאמעס יאָמטעוודיקע מײַכאָלים.

— כ'האָב שיר ניט פארגעסן מעכאבעד זײַן דיך מיט א ביסל ווײַן, — האָט עסטער זיך א כאַפּ געטאָן און איז האסטיק אוועקגעלאָפן אין קיך. אין א ווײַלע ארום האָט זי זיך אומגעקערט מיט א גראפין און מיט א פּאָר קויסעס.

— דאָס איז פון אונדזער ווײַנגאָרטן, — האָט זי, אָנווײַזנדיק אפן ווײַן, א זאָג געטאָן.

זי האָט אָנגעגאָסן א קויסע דעם זון און זיך.

— לעכאיִם, מאמע, פאר דײַן געזונט, — האָט עזרע געזאָגט.

— לעכאיִם, זון מײַנער, זאָלסט זײַן בא מיר אַן אָפטער גאסט, און מיר זאָלן זיך זען אין פריידן.

זיי האָבן אויסגעטרונקען, און גלײַך האָט עסטער ווידער אָנגעפילט די קויסעס מיט ווײַן.

— האָסט א סאך ווײַנטרויבן אראָפּגענומען האיאָר? — האָט עזרע זיך פארינטערעסירט.

— וויפל דארף איך? מיר האָט געסטײַעט. איך האָב נאָך אפילע א טייל ווײַנטרויבן פארקויפט דעם קאָאָפּעראטיוו און פונעם איבעריקן געשטעלט ווײַן.

— שימען קומט צו דיר אָפט?

— ווען ער האָט צײַט, קומט ער ארײַן. דײַגעס האָט ער א סאך. ער האָט, קיין־אײַנהאָרע, א מישפּאָכע... די מענטשן אין קאָלווירט פארדרייען אים גע־נוג דעם קאָפּ, יעדערער קומט מיט זײַנע טײַנעס.

— דײַגעס האָבן אלע. מיר זײַנען בא דיר עטלעכע, און א מאמע ביסטו בא אונדז איינע.

— אוואדע, מײַן זון, יעדערער פון אײַך איז בא מיר אף זײַן אויפן טײַער, — האָט עסטער זיך אָפּגערופן.

זי איז אָפּגעגאַנגען אין א זײַט, געפּאַרעט זיך, נאָר זי האָט די אויגן ניט אַראָפּגענומען פון עזרען און אַלץ נאָכגעשפּירט, ווי ער עסט.

— וואָס נאָך געבן דיר?

— כ׳וויל מער גאָרנישט, א דאַנק, מאַמע, איך בין זאַט.

ווען עזרע האָט אָפּגעגעסן, האָט עסטער צעוואַשן דאָס געפעס און זיך גע־לאָזט גיין אױף דער פערמע. ס׳האָט איר פאַרדראָסן, לעמײַ זי האָט זיך ניט אָפּגעבעטן באַם פּאָרזיצער כאָטש אױף א טאָג צו בלײַבן אין דער היים מיטן גאַסט. עזרע האָט ביזן טויער באַגלייט די מוטער. פון דער קלוניע האָט זיך דערטראָגן א קודאַכטערײַ פון א הון, וועלכע האָט אָנגעזאָגט, אַז זי האָט זיך הײַנט געלייגט פאַר פריִער. פונעם שכייניש̇ן נעסט האָט זיך אָפּגערופן א צווייטע, א דריטע. א האָן מיט א בונטן האַלדז, מיט א ברייטן רויטן קאַם, האָט א פּאַטש געטאָן מיט די פליגלען און אויסגעקרייעט זיך, ווי ער וואָלט אָפּגעגעבן גוט־מאָרגן דעם גאַסט!

ניט געײַלט און אויסגערעכנט איז אין אָנגעבלאָזענער אַרומגעגאַנגען איבערן הויף אין אינדיק מיט עטלעכע ניט לאַנג פון איי אויסגעלופּעטע אינ־דיקלעך און העלגעלע קאַטשקעלעך.

— דער מאַמעס באַלעבאַטישקײַט, — האָט עזרע א טראַכט געטאָן, — ס׳איז איר אַוואַדע שווער איינער אַליין ספּראַווען זיך מיט דעם אַלץ און נאָך אַרבעטן אױף דער פערמע. פונדעסטוועגן שטייט זי ניט אָפּ, ס׳איז איר געוויס אומעטיק אָן אַרבעט.

לעם פּאַרקן, ווו דער האָן האָט זיך צעקרייעט, סאַמע אונטערן פענצטער, איז געשטאַנען דער באַרנבוים, וועלכן עזרע האָט פאַרפלאַנצט אַמאָל. אונטערן לאַסט פון די באַרעלעך האָבן זיך די צווײַגן אַראָפּגעבויגן קימאַט ביז דער ערד.

— א פּאָר „פּאָדפּאָרקעס" וואָלט מען געדאַרפט אונטערשטעלן, — האָט ער א טראַכט געטאָן. ער האָט אָפּגעריסן א באַרל, א בים געטאָן און, פאַרקרײ־מענדיק זיך, דאָס א וואָרף געטאָן.

ער האָט אָנגעהויבן זוכן א פּאָר „פּאָדפּאָרקעס" פאַרן באַרנבוים און טשוועקעס מיט געהילץ צו פאַריכטן דעם פּאַרקן, די בעהיימעס זאָלן כאָטש ניט אַרײַן אין פּאַליסאַדניק. לעבן דער קופּקע קיזיק האָט ער געפונען עטלעכע דרענגלעך. ער האָט זיי אַרומגעטעסעט, אַרײַנגעקלאַפּט אין דער ערד און מיט דער הילף פון עטלעכע שטיקלעך דראָט, וועלכע ער האָט אָפּגעזוכט אין שטוב, פאַרפעסטיקט דעם פּאַרקן. דערנאָך איז ער אַוועק אָפּן קאַרטאָפל־גאָרטן הינטער דער קלוניע. די קאַרטאָפל־קוסטעס האָבן שוין אָנגעהויבן בליִען. אָפּגעזוכט א סאַפּקע, האָט ער גענומען אונטערשאָרן די קוסטעס. אױף דער ווייכער דלאָניע, וועלכע איז שוין געווען אָפּגעוווינט פון פיזישער אַרבעט, האָט זיך אינגיכן באַוויזן א מאָזאָל. פונדעסטוועגן האָט ער מיט דער סאַפּקע אין האַנט זיך באַ־וועגט אַלץ ווײַטער און ווײַטער איבער די קאַרטאָפל־רייען, קעדיי דורכצוציִעטן דעם גאַנצן גאָרטן, ביז די מוטער וועט זיך אומקערן פון דער פערמע.

ער איז געווען אַזוי פאַרטיפט אין דער אַרבעט, אַז ער האָט אַפילו ניט באַמערקט, ווי פון ערגעץ זײַנען דורך די הויפן אָנגעקומען וועלוול מאָניעס מיט אוראָם סווידלערן.

— זע נאָר, זע, ווי אונדזער קאָמאַנדיר אַרבעט עם אַרײַן מיט דער סאַפּקע, ווי אַן עמעסער קאָלווירטניק, — האָט דער אַלטער, א צי געבנדיק סווידלערן באַם אַרבל, געזאָגט.

— ער איז דאָ אויסגעוואַקסן, איז ער אונדזערער א קאָלווירטישער קאָ־מאַנדיר.

— דו האָסט צוריק זיך גענומען צו דײַן אַלט געווער? — האָט מיט א שמייכעלע זיך אָפּגערופן וועלוול מאָניעס.

— כ'העלף אונטער דער מאַמען, מע דאַרף שוין אַרומשאַרן די קאַרטאָ־פּליעס, און זי האָט, ווײַזט אויס, קיין צײַט ניט, — האָט, אָפּווישנדיק דעם שוויים פון שטערן, זיך אָפּגערופן עזרע. ער האָט זיך עטוואָס אָנגעשפּאַרט אויף דעם הענטל פון דער סאַפּקע, אָפּגערוט זיך און וועגן עפּעס פאַרפירט א רייד מיט וועלוול מאָניעס און מיט אַוראָם סווידלערן.

פון ערגעץ איז אָנגעקומען מאַריאַשע. דערזעענדיק פונווײַטן, אַז עזרע שטייט מיט מענטשן און רעדט, האָט זי זיך פאַרהאַלטן צווישן די סטערטעס שטרוי און זיך צוגעהערט צום שמועס. נאָר אויפכאַפּן עפּעס־וואָס איז געווען שווער. וועלוול מאָניעס האָט עפּעס דערציילט, און עזרע מיט סווידלערן האָבן געשמאַק געלאַכט.

ווען זיי האָבן זיך געזעגנט מיטן קאָמבריג און זײַנען אַוועק, איז מאַ־ריאַשע צוגעגאַנגען צו עזרען.

— האָסט נאָך ניט פאַרגעסן? — האָט זי, פאַרלירנדיק זיך א ביסל, א פרעג געטאָן.

— וואָס האָב איך ניט פאַרגעסן?

— וויאַזוי צו האַלטן א סאַפּקע אין האַנט.

— וואָס איז דאָ וואָס צו געדענקען?

— נו, פאַר אַזאַ גרויסן נאַטשאַלניק פּאַסט ניט, דוכט זיך מיר, יעטן קאַר־טאָפל. דאָס איז אַן אַרבעט פאַר א פּויער.

— א נאַטשאַלניק דאַרף אויך יעטווידע אַרבעט אָנשטיין... ביפּראַט פאַר א מאַמען...

— ס'איז גוט, וואָס דו פאַרגעסט ניט די מאַמע... און די אַלטע פרײַנט דײַנע געדענקסטו אויך?

— אַוודאי געדענק איך.

— נאָר מיך האָסטו פאַרגעסן, — האָט מאַריאַשע געזאָגט, אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ.

— איך האָב דיך ניט פאַרגעסן, כ'האָב געהערט, אַז דו האָסט שוין א געזינד.

— און דו?..

— קימאַט ווי ניט, מײַן פרוי איז געשטאָרבן.

מאַריאַשע האָט אַראָפּגעלאָזט אירע שוואַרצע פאַרטרוימטע אויגן, אויסגע־וואַרט א רעגע, ער זאָל נאָך עפּעס זאָגן. נאָך א קורצער פּאַוזע האָט זי א פרעג געטאָן:

— דאָס האָסטו דאָ זיך דערוווּסט, אַז כ'האָב שוין אַ מישפּאָכע, צי נאָך דאָרטן באַ זיך?
— די מאַמע האָט מיר געשריבן.
— איך האָב כאָסענע געהאַט נאָך דעם, ווי כ'האָב אויפגעהערט צו באַקומען בריוו פון דיר, ווען מ'האָט מיר איבערגעגעבן, אַז דו האָסט שוין אַ פרוי.
מאַריאַשעס קיינעוודיק צאַרט פּאָנעם איז געוואָרן אָנגעשטרענגט, די אויגן אומעטיק. עזרע האָט דערפילט, אַז זי איז נאָך פול מיט פאַרביטערונג פון יענע שווערע איבערלעבונגען, וועלכע האָבן לאַנג געפּייניקט איר האַרץ.
— איך האָב דיר אָפט געשריבן און קיין ענטפער ניט באַקומען, נאָכדעם בין איך פאַרוווּנדעט געוואָרן, — האָט אַ זאָג געטאָן עזרע, ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערן. — נאָר דו האָסט געוווּסט וועגן דעם?
— פונוואַנען האָב איך געקאָנט וויסן? דײַנע בריוו זײַנען צו מיר ניט דערגאַנגען.
מאַריאַשען האָט זיך געוואָלט אויסגיסן פאַר עזרען דאָס האַרץ.
— ווען דו ווייסט, ווי מיר האָט זיך געוואָלט כאָטש נאָך איין מאָל זיך באַגעגענען מיט דיר!
— האָבן מיר זיך דאָך באַגעגנט, — האָט זיך אָפּגערופן עזרע און שטיל צוגעגעבן: — נו, איז לאָמיר, אויב ס'איז דיר באַקוועם, זיך באַגעגענען, וועלן מיר זיך וועגן אַלץ דורכשמועסן. נאָר ניט הײַנט. הײַנט דאַרף קומען שימען. איך האָב אים נאָך ניט געזען. מירן זיך טרעפן מאָרגן זעקס אין אָוונט, ווו מיר פלעגן זיך אַמאָל באַגעגענען. גוט?
— גוט, — האָט מאַריאַשע צוגעשטימט.
— זעקס אין אָוונט וועל איך אויף דיר וואַרטן, — האָט עזרע איבערגעכאַזערט, געזעגענענדיק זיך מיט איר.

■

ווי נאָר מאַריאַשע האָט זיך אומגעקערט אַהיים פון דער באַגעגעניש מיט עזרען, האָט איר מוטער גלײַך באַמערקט, אַז זי איז עפּעס אויפגערודערט.
— וואָס איז מיט דיר, טאָכטער, וואָס איז געשען?.. — איז לייע צו איר צוגעשטאַנען.
מאַריאַשע האָט געשוויגן, אָבער דאָס מוטערלעכע האַרץ האָט געפילט, אַז עפּעס קומט פאָר מיט דער טאָכטער. די אויגן האָבן באַ מאַריאַשען געברענט, דאָס פּאָנעם האָט געפלאַמט, ס'איז קאָנטיק געווען, אַז זי איז עפּעס צעראַשט.
מאַריאַשעס אומרו האָט זיך, ווײַזט אויס, איבערגעגעבן איר קינד. זי האָט נאָך ניט באַוויזן איבערטרעטן די שוועל, ווי עס האָט גענומען וויינען.
מאַריאַשע האָט עס גענומען אויף די הענט, צוגעדריקט צום האַרצן און אָנגעהויבן אײַנשטילן.
— וואָס וועט זי טאָן, אַז ער וועט איר מאָרגן פאָרלייגן פאָרן מיט אים? — איז איר דורכגעלאָפן אַ געדאַנק. — און דאָס קינד? און וואָס וועט זי זאָגן דעם מאַן? ווי וועט זי אים דערקלערן איר וועלן אַוועקגיין? זי האָט פון אים

קיינמאָל קיין הויך וואָרט ניט געהערט. ער האָט זי ליב מיטן גאַנצן האַרצן. פאַר זײַן ליבע, פאַר זײַן איבערגעגעבנקײַט זאָל זי אים אַזוי אָפּטאָן?

און עפּשער וויל עזרע זיך פּאַשעט מיט איר דורכריידן, דערמאָנען זייער יוגנט. אַזוי וואָלט טאַקע געווען גלײַכער, זי האָט זיך שוין צוגעבונדן צו פּאַליען.

די ליבע צום קינד, האָט זיך מאַריאַשען שוין געהאַט געדוכט, האָט פאַר־הלושעט אין איר דאָס געפיל צו עזרען. אָבער ווי נאָר עזרע האָט זיך אָפּסנײַ באַוויזן אין מיאַדלער, האָט דאָס געפיל צו אים זיך צעפלאַקערט מיט אַ נײַער קראַפט. און וויפל זי האָט זיך ניט באַמיט דאָס צו דערשטיקן, האָט זיך עס איר ניט אײַנגעגעבן... אירע געפילן צו עזרען האָבן זיך צונויפגעלעבט אין איר האַרצן מיט איר ליבע צום מאַן און צום קינד, און וואָס וועט איצטער איבער־ווענגן בא איר, איז איר אַליין ניט געווען קלאָר.

— עפּשער זיך גאָר ניט באַגעגענען מיט עזרען? — האָט זי אַ טראַכט געטאָן.

נאָר ניט גיין האָט זי ניט געקענט. זי האָט דאָך די גאַנצע צײַט געטרוימט כאָטש אַ קוק טאָן אויף אים מיט איין אויג, און איצט, ווען דאָס גליק, וואָס זי האָט גערעכנט אויף אייביק פאַרלוירן, האָט אַ בליץ געטאָן פאַר אירע אויגן, זאָל זי עס אָפּשטופּן פון זיך?

נאָך דער אומרויִקער נאַכט מיט שמערצלעכע איבערלעבונגען איז זי אופגעשטאַנען מיט אַן אויסגעלײַטערטן געמיט. דער אינדערפרי איז געווען אַ רויִקער. מאַריאַשען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז קיינמאָל איז נאָך אין דרויסן ניט געווען אַזוי־פיל זון, אַזוי־פיל ליכט.

די ווײַזערס פונעם זייגער האָבן זיך באַוועגט לאַנגזאַם, ווי געווײנלעך ערעוו אַ באַגעגעניש, אויף וועלכער מ'וואַרט לאַנג. און כאָטש צײַט איז נאָך געווען אַ סאַך, איז בא מאַריאַשען אַליץ געפאַלן פון די הענט. זי האָט מער ווי אַלעמאָל אַרײַנגעקוקט אין שפּיגל, אָן אופהער זיך געגרייט צו דער פאַרשטייענ־דיקער באַגעגעניש.

פּלוצעם האָט זי דורכן פענצטער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אין גאַס, דער־זען, אַז ס'איז עפּעס אַ בעהאָלע.

— וואָס איז געשען? — איז זי אַ צעטומלטע אַרויסגעלאָפן אין דרויסן.

פון ערגעץ האָט זיך דערטראָגן אַ יאָמערלעך געוויין. בא מאַריאַשען האָט זיך עפּעס ווי אָפּגעריסן אין האַרצן. זי האָט דערזען לעבן עסטערס שטוב אַ מאַשין און אַ רעדל מענטשן. עזרע האָט זיך אָנגעהויבן געזעגענען מיט דער מוטער.

— וווּהין פאָרט עס עזרע אוועק און פאַרוואָס האָבן זיך עס צונויפגעקליבן אַזוי־פיל מענטשן? — האָט מאַריאַשען אַ קלאַפּ געגעבן אין קאָפּ אַן אומ־רויִקער געדאַנק.

די מאַשין, אויף וועלכער ס'איז אוועקגעפאָרן עזרע, איז גיך פאַרשוווּנדן גע־וואָרן, אָבער דער טומל מיטן געוויין איז אַליץ געוואַקסן.

ס׳איז שוין געווען דער צווייטער מעסלעס, ווי עס איז געגאנגען די מילכאָמע. א טייל אײַנוווינער פון מיאדלער האָבן שוין געהאט באקומען „פּאָוועסטקעס" פון מיליטער־קאָמיסאריאט, צווישן זיי איז אויך געווען מאריאשעס מאַן.

פאָליע איז ערשט געקומען פון סטעפּ. אָן אָנגעהאָרעוועטער, א פארשטויבטער, איז ער אוועק גלײַך זיך וואשן. מאריאשע האָט אפּגיך דערלאנגט צום טיש דעם וואַרמעס. לויט איר פּאָנעם האָט פאָליע פארשטאנען, אז זי איז עפּעס צעטראָגן. אים האָט זיך שטארק געוואָלט פרעגן בא איר, וואָס איז נעכטן מיט איר געשען, ווײַל נאָך נעכטן אין אָוונט איז די שוויגער צוגעשטאנען צו אים מיט פארשיידענע פראגעס: צי האָט ער ניט באליידיקט מאריאשען, צי האָבן זיי זיך ניט צעקריגט, ווײַל זי האָט זייער געוויינט?

פאָליען האָט זיך שטארק געוואָלט דערמוטיקן מאריאשען, נאָר זי איז ערגעץ פארשוווּנדן.

צו פאָליען אַף די הענט איז ארופגעקראָכן זײַן דרײַיאָריק יִנגעלע — לײַבעלע.

— פייגעלע מײַנס! — האָט ער צוגעדריקט צום הארצן דאָס קינד. א צופרידענער פון דעם פאָטערס צערטלעכקײַט, האָט לייבעלע אָנגעהויבן פּאָכן מיט עפּעס א פּאפּירל:

— טאַ־טע! א „פּאָוועסטקע" איז דיר אָנגעקומען — אַף דער מילכאָמע.

— ווײַז, — האָט פאָליע געוואָלט נעמען דאָס פּאפּירל. נאָר אין דער רעגע איז ארײַנגעלאָפן מאריאשע און האָט א כאַפּ געגעבן דאָס קינד אַף די הענט.

— וואָס עסטו ניט, פאָליע? — האָט זי געפרעגט. — ס׳איז ניט געשמאַק?

— איך וויל ניט מער, — האָט ער זיך אָפּגערופן.

פאָליע האָט פארשטאנען, וואָס פאר א „פּאָוועסטקע" מ׳האָט אים צוגעשיקט. נאָר ער האָט געשוויגן, געווארט, ביז מאריאשע וועט אים אליין זאָגן. ער האָט אָנגענומען מאריאשען פאר דער האנט און צארט א פרעג געגעבן:

— וואָס איז מיט דיר? באהאלטסט עפּעס אוים פון מיר?

לייבעלע איז ווידער ארופגעקראָכן צו פאָליען אַף די קני.

— דאָס קינד פילט, אז עס וועט זיך באלד צעשיידן מיטן פאָטער, — האָט מאריאשע א טראַכט געטאָן. — קיינמאָל האָט עס זיך אזוי ניט געצויגן צו אים.

— ס׳איז טאַקע אָנגעקומען א „פּאָוועסטקע"? — האָט פאָליע א פרעג געטאָן.

— יאָ, אין א שאָ ארום דארפסטו זיך יאַווען. איך האָב דיר שוין אלץ צוגעגרייט. עפּשער ארײַנלייגן ווארעמע שקארפּעטקעס?

— מע דארף ניט. אויב מיר וועלן דערלעבן ביז ווינטער, וועט מען ארויסגעבן.

— שרײַב אָפטע בריוו...

— היט זיך און לייבעלען, — האָט געזאָגט פאָליע, קוקנדיק מיט א טריבן בליק אַף מאריאשען און אפן קינד.

פון שכײנישן צימער איז ארײַן לײע און צוזאמען מיט מאריאשען אַנגע־הויבן ארײַנלײגן אין רוקזאק אַלץ, וואָס זײ האָבן צוגעגרײט פּאָליען אין וועג.

דריקנדיק דאָס קינד צום הארצן, האָט פּאָליע א פּיר געגעבן מיט די אויגן איבערן צימער און א טראכט געטאָן: „ווער ווייסט, צי וועל איך זיך אומקערן צוריק אין די ווענט". ער האָט גענומען דעם רוקזאק און צוזאמען מיטן ווײַב און שווינער זיך געלאָזט גײן צו דער מאשין, וועלכע האָט געדארפט אָפּפירן די מאָביליזירטע אין מיליטער־קאָמיסאריאט.

■

אַלע טאָג האָט מען פון קאָלווירט מאָביליזירט אַלץ מער מענטשן אפן פראָנט. אף זײער אָרט האָבן זיך געשטעלט פרויען, קינדער, אַלטע לײַט. טאָג און נאכט האָבן געהודזשעט די קאָמבײַנען, די שנײַדמאשינעס, די גארב־בינ־דער. מע האָט זיך געמיט וואָס גיכער אראָפּנעמען די גערעטעניש און אָפּלי־פערן דאָס ברויט דער מעלוכע.

כאָטש אפן הארצן איז אַלץ שווערער און שווערער געוואָרן פון די טרויע־ריקע ידיעות וועגן די שטעט און ראיאָנען, וועלכע די ארמיי פארלאָזט, דאָך האָט מען געארבעט נאָך פאראקשנטער. די מאשינעס האָבן אף קײן אײן רגע זיך ניט אָפּגעשטעלט. אָנופּהערלעכע וואלקעס מיט ברויט האָבן זיך געצויגן צום עלעוואטאָר.

פון די קאנטן, וווּהין מיט בלוט און פײַער איז געקומען די מילכאָמע, האָבן איבער די סטעפּישע וועגן זיך באוויזן מאשינעס, ארבעס, פורן, געלאָ־דענע מיט פּעק און מיט פּעקלעך, מיט הײמישן סקארב, מיט קינדערלעך, פאר־סארפּעטע פון זון, פארכוישעכטע און פארשמאכטע.

איבערן גאנצן מעהאלעך פון סטעפּ האָבן זיך א לאָז געטאָן אָנצאָליקע סטאדעס. זײ האָבן, טרעטנדיק די טוווּעס, די קוקורוזע און זונרויזן, פאר־פלײצט די פעלדער, אויסגעשעפּט ביז א טראָפּן וואסער פון די ברינעמער און סאזשלקעס.

די קי האָבן געברעוועט יאָמערלעך פונעם דאָרשט, וואָס האָט זײ געפּײַניקט, פון דער מילך, וואָס האָט געברענט אין זײ, אָניאָגנדיק אומעט און שרעק אף די דערפער, דורך וועלכע זײ זײַנען געגאנגען.

— סארא אומגליק, סארא שרעק! — האָט עסטער, קוקנדיק אף די הײמ־לאָזע, זיך געכאפּט פארן קאָפּ.

זי האָט פונוויַיטן דערזען מאריאשען און זיך געלאָזט צו איר אנטקעגן. עסטער האָט נאָר באוויזן צו זאָגן איר עטלעכע ווערטער, ווי עס איז צו זײ צוגעגאנגען שימען — דער פאָרזיצער פון קאָלווירט, וועלכער האָט זיך ערשט געהאט אומגעקערט פון א דרינגענדיקער באראטונג אין געגנט.

— איר גײט אין פארוואלטונג? — האָט ער א פרעג געטאָן.

מאריאשע האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. אינדרויַיען זײַנען זײ אוועק אהין, ווו עס איז שוין געגאנגען א העפטיקע צוגרײטונג צום מיטינג.

די מאַשינעס, אַרבעס, פֿורן מיט הײמלאָזע האָבן אָן אופֿהער געמאָלן דעם שטויב אַף די וועגן. אַף וויאָרסטן ווײַט האָבן זיך געשפּרייט און געשפּרייט גרויע וואָלקנס שטויב, דורך וועלכע מ׳האָט ניט אַרויסגעזען ניט דעם לויטערן הימל, ניט די סמאַלענדיקע זון. דער שטויב האָט זיך אָפּגעזעצט אַף די טוויִעס, אַף די איבערגעצײַטיקטע גראָזן, אַף די הײַזער און אַף די מענטשן. פֿון אונטער די וואָלקנס האָבן, ווי רויבפֿייגל, זיך אַראָפּגעלאָזן אַעראָפּלאַנען און געוואָרפֿן אַף די טרוקענע טוויִעס צינדבאָמבעס.

פֿון ביידע זײַטן וועג האָבן זיך אופֿגעהויבן מוירעדיקע פֿלאַמען. דאָס פֿײַער האָט זיך פֿאַרשפּרייט, אַרומכאַפּנדיק אַלץ גרעסערע שטיקער טוויִע.

די סריפּעס זײַנען דערגאַנגען צו מיאַדלער ניט מיטאַמאָל. באַנאַכט האָט מען געזען זײַלן פֿײַער, נאָר ווּ עס ברענט, איז געווען שווער צו באַשטימען. דער הימל איז פֿון אַלע זײַטן געווען רויט. דאָ און דאָרטן זײַנען ווײַט אין דער טונקלקײַט אַרומגעשפּרונגען פֿײַערדיקע צינגער. הויך אין דער לופֿט, ווי וואַנדערנדיקע שטערן, מיט פֿיִאָלעטעווע פֿײַערלעך, זשומענדיק האָבן זיך אַרומגעטראָגן אַעראָפּלאַנען.

מאַריאַשע, אַן אויסגעמאַטערטע פֿון דער שווערער האָרעוואַניע אַפֿן קאָמבײַן, האָט אײַנגעדרימלט אַף אַ קאָפּנע שטרוי. אין כאָלעם האָט זי געזען דאָס גרינע וועלדל, אַ באַשאָטנס מיט געל־גאָלדענעם צוויט פֿון אַקאַציע, ווּ זי האָט זיך געדאַרפֿט באַגעגענען מיט עזרען. ערגעץ טיף אין וועלדל איז זיך פֿאַרגאַנגען אַ שוואַרצע קוקאַווע מיט שניי־ווײַסע פֿליגלען. מאַריאַשע איז געשטאַנען אַ פֿאַרגאַפֿטע. פֿלוצעם האָט זיך באַוויזן עזרע. ווי אַלעמאָל, ווען זיי פֿלעגן זיך באַגעגענען, האָט אַף זײַן פּאָנעם געשוועבט אַ קוים באַמערקבאַרער שמייכל. אַף דער לינקער באַק, לעבן מויל, האָט זיך באַוויזן אַ כיינגריבעלע. לײַכט צוּרירנדיק זיך צו מאַריאַשעס האַנט, האָט ער מיט אַ צאַרטן בליק אַרײַנגעקוקט אין אירע פֿאַרטרוימטע אויגן, און זי האָט מיט אַ ציטעריק האַרץ געוואַרט, ער זאָל איר זאָגן דאָס, וואָס זי האָט אַזוי שטאַרק געגאַרט צו הערן.

פֿלוצעם האָט זיך דערהערט אַ האַרצרײַסנדיק געשריי. זי האָט אופֿגעריסן די אויגן און דערזען, אַז דער סטעפּ איז אַרומגעכאַפּט מיט פֿײַער.

— ראַטעוועט דאָס ברויט! — האָט זי דערהערט אַן אַליאַרעמדיק קאָל.

אָן אָטעם איז זי צוגעלאָפֿן צום פֿײַער, וואָס האָט מיט אַ מוירעדיקער קראַפֿט געפֿלאַקערט אין די טרוקענע טוויִעס און זיך געריסן צו דעם פֿאַרסקירדעוועטן ניט געדראָשענעם ברויט און צום וואָרעך[1].

— נעמט לאָפּעטעס, פֿאַרוואַרפֿט דאָס פֿײַער מיט ערד! — האָט דער פּאָרזיצער געקאָמאַנדעוועט, — שפּאַנט אײַן אַפּגיך אַן אַקער, פֿאַרצאַמט מיט אופֿגעאַקערטער ערד דאָס פֿײַער!

מאַריאַשע האָט אײַנגעשפּאַנט די פֿערד און אָנגעהויבן זיי פֿירן פּאַזע דעם פֿײַער. די פֿערד האָבן זיך געריסן פֿון די פּאָסטראָמקעס, געשטעלט זיך דיבאָם.

---

[1] וואָרעך — אַ קופּע אויסגעדראָשענע קערנער מיט פּאָלאָווע.

פונקען האָבן געשפּריצט פון אַלע זײַטן, נאָר מאַריאַשע האָט זיך געשלאָגן מיטן פּײַער צו ראַטעווען דאָס ברויט.

פּאַרטאָג, ווען דאָס פּײַער האָט זיך גענומען לעשן אויף דער פרישער צע־אַקערטער ערד, איז זי מיט פאַרסמאַליעטע בגאָדים, מיט וווּנדן אויפן לײַב אַוועק אַהיים.

■

מאַריאַשע האָט זיך גאַנצפרי אויפגעכאַפּט און זיך געקליבן גיין צום קאָמ־בײַן. מיטאַמאָל האָט זיך אין עפן געטאָן די טיר, און אין שטוב איז אַרײַן שימען. זײַן טונקל־גרוי העמדל איז געווען צעשפּילעט, דאָס פּנים באַוואַקסן, די שטיוול פאַרשטויבט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז געקומען עפּעס וועגן אַ דרינגענדיקן איניען. אַנדערש וואָלט ער ניט געקומען אַזוי פרי צו איר.

— איך גיי אַוועק אויפן פראָנט.

— וואָס הייסט? — איז זי געבליבן שטיין צעטומלט, — און ווער וועט בלײַבן אויף דײַן אָרט?

— דו! — האָט איר דער פּאָרזיצער אַנטשיידן אַ זאָג געטאָן.

— איך?.. וואָס עפּעס איך?.. איך וועל זיך דען סּפּראַווען מיט אַזאַ אַרבעט?

— וועסט זיך ספּראַווען, — האָט דער פּאָרזיצער זיכער אַ זאָג געטאָן, אַרויסנעמענדיק פון קעשענע דעם שטעמפּל און די שליסלען. — כ׳וועל ניט באַווײַזן צונויפנעמען אַ פאַרזאַמלונג פון קאָלווירט אָדער אַפילע אַ זיצונג פון פאַרוואַלטונג, איך בין זיכער, אַז דער אויבעם וועט דיך אויסקלײַבן.

— איך קען ניט נעמען אויף זיך אַזאַ אַחרײַעס, ווי קום איך צו אַזאַ אַרבעט? — האָט זי נאָכאַמאָל דערווידערט.

ערשט נעכטן האָט זיך איר געדוכט, אַז זי האָט שוין פאַר גאָרנישט קיין מוירע, אַז קיין זאַך איז איר מער ניט שווער, און איצט האָט זי זיך פּלוצעם דערשראָקן.

— גיב נאָר גוט אַ טראַכט, טאָמער וועט אויסקומען זיך עוואַקויִרן, — האָט זי אַ פאַרלוירענע זיך אָנגעהויבן קלאָגן, — ווי קאָן איך נעמען אויף זיך אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַרן גוירל פון אַזויפיל מענטשן, פאַר דעם גוטס פונעם קאָלווירט?

זי האָט דערפילט, אַז טרערן האָבן זי אָנגעהויבן ווערגן. נאָר זי האָט זיך אײַנגעהאַלטן.

— ביסט דאָך ניט אַליין, — האָט דער פּאָרזיצער זי אָנגעהויבן טרייסטן. — דער ראַיקאָם וועט דיר העלפן... דו האָסט דאָך באַוויזן, אַז דו האָסט ניט מוירע פאַר קיין געפאַר... נישקאָשע, וועסט זיך ניט פאַרלירן...

ער האָט זי אַרומגענומען, אַ קוש געטאָן און זיך געלאָזט גיין.

מאַריאַשע האָט אים באַגלייט. זי האָט געוואָלט עפּעס פרעגן בײַ אים, נאָר זי איז געווען אַזוי צעטומלט, אַז זי האָט ריידן ניט געקענט.

די פליכטן, וועלכע מ'האָט אַף איר אַרופגעלייגט, האָבן אַרויסגערופן בא איר אַ געפיל פון אומרו — צי וועט זי זיך ספּראַווען מיט דער אַרבעט.

זי האָט געפּרוּווט אונטערעכענען די קויכעס, וועלכע זײַנען געבליבן אַף אָן אָרט, און ס'איז איר געוואָרן שווער אַפן האַרצן.

— אַ קאָלווירט קימאַט דורכויס פון ווײַבער... סאָלדאַטקעס, — האָט זי אַ טראַכט געטאָן. — ווער איז נאָך געבליבן? — זקיינים און קינדער... מיט וועמען זשע קאָן מען אַראָפּנעמען די גערעטעניש, אַרויספירן דאָס ברויט, זאָרגן פאַר דער ווירטשאַפט. אָבער דער באַוווּסטזײַן, אַז זי מיט אירע מענטשן זײַנען אויך אין שלאַכט, האָט איר צוגעגעבן מוט, דרייסטקײַט און געוואַגטקײַט. זי האָט די מער ענערגישע פרויען אַוועקגעשטעלט אין דער שפּיץ פון די ברי־גאַדעס, רינגען און פערמעס. די ניט אָפּגעשניטענע טוווּע־מאַסיוון האָט זי באַפוילן צעשנײַדן אַף קלענערע שטיקער און דורכפירן צווישן זיי ברייטע אַקער־ליניעס, קעדיי דאָס פײַער פון די באָמבעס זאָל זיך ניט פאַרשפּרייטן פון איין אָרט אַפן צווייטן.

די מילכאָמע האָט געדונערט נאָך ערגעץ ווײַט, אָבער איר גרויל האָט זיך דערקײַקלט אַהער דורכן פײַער און רויך פון די באָמבעס, דורך דער יאָמערײַ פון די ווײַבער, וואָס זײַנען געוואָרן אַלמאָנעס, דורכן געוויין פון די קינדער, וואָס זײַנען געוואָרן יעסוימים, דורך די וויגעשרייען פון די מאַמעס און שוועסטער נאָך זייערע פאַרשניטענע זין און ברידער.

נאָר די זון האָט ווי אַלעמאָל געשײַנט אַפן סאַמעט־בלויען הימל, ווי אַף דער ערד וואָלטן גאָר קיין שום אומגליקן ניט פאָרגעקומען.

אין די סעדער האָבן זיך געבראָכן די צווײַגן, באַלאָדענע מיט עפּל, מיט קאַרשן און פלוימען. אין די ווײַנגערטנער האָבן אַף די שווערע שטענגלעך גערײַפט די ווײַנטרויבן, אַף די געשלענגלטע גרינע הודענעס האָבן אַף די באַ־שטאַנעס זיך אָנגעגאָסן מיט זיסן זאַפט די קאַווענעס און דיניעס.

און דער שוואַרצער שאָטן פון דער מילכאָמע איז געגאַנגען איבער די פעלדער און סעדער און האָט ווי אַן אומגעריכטער פראָסט פאַרניכטעט אַלץ, וואָס די מוטער־ערד האָט געשאָנקען אירע טרײַע זין פאַר זייער ברייטהאַרצי־קער מי.

אין אַ שטילער זומערדיקער נאַכט, ווען איבערן הימל איז געהאַנגען אַ לויטערע לעוואָנע, איז אין מיאַדלער אָנגעקומען אַ ידיע, אַז דער סוינע דערנעענטערט זיך.

מאַריאַשע איז פון שטוב צו שטוב געגאַנגען און אַלעמען געוועקט:

— שטייט אוף!.. די דײַטשן זײַנען נאָענט... גרייט זיך אַרויסצופאָרן. פורן וועלן באַלד זײַן... מ'דאַרף זיך גיכער דערקלײַבן צו דער פּערעפּראַווע.

פרויען, אַלטע לײַט, קינדער האָבן זיך אופגעכאַפּט, ווי צעשראָקענע פױ־גלען פון די נעסטן.

— ווײ און ווינד איז מיר, — האָט זיך דערהערט אַ יאָמערלעך געוויין, — ווּהין וועלן מיר זיך אַהינטאָן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, מיר וועלן דאָך פון הונגער אַף די וועגן צעשטאַרבן, ווּהין וועלן מיר זיך קערן מיט פּיצעלעך קינדער אַף די הענט?

— מײַן לײזער ליגט דאָך אפֿן טויטנבעט, װי זאָל איך זיך לאָזן מיט אים אין אזא שװערן װעג? — האָט א ייִדענע געטײַנעט צו מאַריאַשען.

פֿון די געשרײען, יאָמערײַען האָט זיך מאַריאַשע א ביסל פֿאַרלאָרן, נאָר זי האָט דערפֿילט, אז זי דאַרף פֿאַר דעם איבערגעשראָקענעם אױלעם א טרײסט־װאָרט אָפּזוכן, און אױסװעג געפֿינען, זי טראָגט די אַכרײַעס פֿאַר זײער גורל.

— מיר װעלן אלעמען אַרױספֿירן, קײנער װעט ניט בלײַבן בא די פֿאַשיסטן, — האָט זי געפּרוּװט באַרויִקן דעם אױלעם.

— װוּ איז מײַן פֿײגעלע? — האָט מיט א װײנענדיק קאָל געטײַנעט עפּעס א פֿרױ. — װײ און װינד איז מיר, װאַרט צו, פֿאָרט ניט אװעק, ביז כ'װעל מײַן קינד ניט געפֿינען.

— האָט ראַכמאָנעס אף מיר און אף מײַנע קינדער, — איז צוגעלאָפֿן יאָסל — מײַן כיענע גײט דאָך צו קינד, װאָס טוט מען? די פֿאַשיסטישע כײַעס װעלן דאָך װי די װעלף אונדז פֿאַרצוקן.

פֿאַרװיקלטע אין קאָלדרעס זײַנען פֿון שטוב אַרױסגעלאָפֿן צװײ האַלבנאַקעטע קינדערלעך און מיט א געװײן אָנגעהױבן זיך בעטן:

— מ'װעט דאָך דאָ אונדז אױסהאַרגענען, טאַטע, לאָז זײ ניט אװעקפֿאָרן אָן אונדז!

— זעצט זיך אף די פֿורן, פֿאָרט מיט אלעמען, — האָט מאַריאַשע אָנגעהױבן אײַנרעדן די קינדערלעך. — מיר װעלן אײַך אַריבערפֿירן דורך דער בריק, נאָכדעם װעלן מיר קומען נאָך אײַער טאַטן און מאַמען.

— איך װעל זיך לײגן אונטער די רעדער און װעל ניט לאָזן, איר זאָלט אװעקפֿאָרן אָן אונדז, — האָט ניט מיט זײַן קאָל געשריִען יאָסל.

— אױ, א װײטעק איז מיר, א הון איז דאָך אַראָפּגעשפּרונגען פֿון אַרבע! — האָט זיך דערהערט א געשרײ פֿון עפּעס א פֿרױ.

— דײַן הון װיל דאַפֿקע צו א פֿאַשיסט אין טעפּל אַרײַן, — האָט עמעצער זיך געכאָכמעט.

— אהיים גײ די מינוט, ריאַבטשיק, — האָט לײע, מאַריאַשעס מוטער, אװעקגעטריבן איר הונט, — היט בעסער די שטוב, װוּהין װעסטו זיך שלעפּן אין אזא װעג...

— ער װיל אױך ניט בלײַבן בא די פֿריצן, — האָט זיך דערהערט א שטים.

מאַריאַשע האָט צונױפֿגענומען אלע פֿורן, אַכטונג געגעבן, דער אױלעם זאָל זיך װאָס בעסער אױסזעצן.

— באַלד, — האָט זי א טראַכט געטאָן, — װעלן די הײַזער בלײַבן פֿאַריאָסעמט... פּוסט װעלן זײַן די װיגעלעך, װוּ עס זײַנען ערשט געלעגן די אײפּעלעך. לײדיקע װעלן שטײן די בעטן, קײן פֿײַער װעט זיך שױן מאָרגן ניט לײַכטן אין די פֿענצטער פֿון די פֿאַריאָסעמטע הײַזער. קײן מענטשלעכע טריט װעלן זיך ניט הערן. פּוסט און װיסט װעט זײַן אַרום. עלנטע װעלן שטײן אין די פּאַליסאַדניקעס די בײמער. אף די שװעלן װעט װוּ־ניט־װוּ ליגן א הונט און װעט דרימלענדיק װאַרטן אף זײַן באַלעבאָס, װעלכער װעט זיך װער װײסט װען אומקערן.

מאריאשע, וועלוול מאָניעס און נאָך א פּאָר קאָלווירטניקעס האָבן זיך פארהאלטן מיט אן ארבע, קעדיי באוואָרענען דאָס ברויט, וועלכן זיי האָבן די לעצטע טעג אָנגעדראָשן. זיי האָבן באשטימט באהאלטן דאָס ברויט אינעם סילאָס־גרוב און די ניט אָפּגעשניטענע טווּע האָבן זיי לויט א באקומענעם באפעל געדארפט אונטערצינדן.

מאריאשע האָט פארשטאנען, אז מע טאָר קיין איין קערנדל דעם סוינע ניט איבערלאָזן, דאָך האָט זי ניט געקענט שאָלעם מאכן מיטן געדאנק, אז זי וועט מיט אירע הענט אוועקלאָזן מיטן פײַער אזא גוטס. טיף אין דער נעשאָמע האָט בא איר נאָך געטליִעט א האָפענונג, אז זיי פאָרן אוועק ניט אף לאנג, אז זיי וועלן זיך גיך אומקערן.

— וואָס טוט מען? — האָט מאריאשע א פארצווייפלטע זיך אָנגעהויבן קלאָגן פאר וועלוול מאָניעסן.

— און טאָמער וועט עס ארײַנפאלן די מערדער אין די הענט, וואָס וועט דאן זײַן? — האָט וועלוול זיך אָפּגערופן. — זאָלן זיי ווערעם פרעסן און מיט שלענג פארבײַסן! צינד!

מאריאשע האָט גענומען די שוועבעלעך, נאָר זיי זײַנען בא איר פון די הענט ארויסגעפאלן.

— נו צינד! — האָט וועלוול, אופהייבנדיק די שוועבעלעך, דערלאנגט זיי מאריאשען.

— פאַרוואָס זאָל איך צינדן? צינד דו! — האָט מאריאשע זיך אָפּגערופן.

— דו ביסט דאָך די באלעבאָסטע, דיר האָט מען אָנגעטרויט דאָס קאָלווירטישע פארמעגן.

— עפשער די אָפּגעשניטענע טווּע צונויפליִגן אין א סקירדע און פארדעקן מיט שטרוי? — האָט מאריאשע זיך אָנגעהויבן פונסנײַ יִשעוון.

א ווײַלע איז זי געשטאנען אין פארלעגנהײַט. נאָכדעם האָט זי מיט א באפעלערישן טאָן א זאָג געטאָן:

— וואָס דינגסטו זיך מיט מיר? צינד! וואָס מ׳קען, דארף מען פארניכטן.

וועלוול האָט נאָך קיין שוועבעלע ניט אָנגעצונדן, נאָר די פינגער האָבן בא אים ווי געברענט.

— נו איז וואָס שטייסטו? — האָט מאריאשע, לאָזנדיק זיך גיין, א קער געגעבן דעם קאָפּ. — כ׳וועל צולויפן, כאָטש א פּאָר מינוט געוואָר ווערן, וואָס מאכט די קימפּעטאָרן.

לעבן טויער פון יאָסלס שטוב האָט מאריאשע דערהערט די געשרייען פון דער געווינערן.

פארוואָס איז די קימפּעטאָרן אזוי געשטראָפט, — האָט מאריאשע א טראכט געטאָן. — טאָמער פאלט זי ארײַן צו די פאשיסטן אין די הענט, ברענגען זיי זי דאָך אום אינאיינעם מיטן קינד.

ווי ס׳איז מאריאשען ניט געווען שווער צו זען די מאטערנישן פון דער קימפּעטאָרן, האָט זי באשטימט צוגיין צו איר, פארזיכערן זי, אז מע האָט זי

ניט פֿאַרגעסן און ביז זי וועט איבערקומען דעם קימפּעט, וועט מען צושיקן נאָך איר אַ פֿור.

אױפֿן שװעל פֿון שטוב האָט מאַריאַשע דערזען יאָסלען. ער איז געשטאַנען אין אײַנגעהויקערטער, אָנגעשפּאַרט אין דער דרויסנדיקער טיר און געוויינט.

— איך קען ניט צוזען דעם צאַר, ווי מײַן כיענע מאַטערט זיך, — האָט ער מיט אַ פֿאַרשטיקט קאָל זיך אָנגעהויבן קלאָגן.

— זי וועט מירצעשעם אינגיכן איבערקומען, — האָט מאַריאַשע אים אָנגעהויבן טרייסטן.

אױפֿן שװעל האָט זיך באַוויזן די מוטער פֿון דער געווינערן — אַן אַלטע, דאַרע פֿרוי, אַן אַרומגעוויקלטע מיט אַ ווײַסן לײַלעך אָנשטאָט אַ כאַלאַט און מיט אַ הויב אױפֿן קאָפּ.

— נו, וואָס הערט זיך? — האָט מאַריאַשע זיך אָנגעהויבן פֿאַנאַנדערפֿרעגן.

— מיר האָפֿן, אַז ס'וועט זיך אַלץ ענדיקן בעשאָלעם.

— זאָל זײַן מיט מאַזל, — האָט איר מאַריאַשע צוגעווּנטשן, — איר זאָלט האָבן אַ סאַך נאַכעס פֿונעם קינד.

פּלוצעם האָט זי דורכן פֿענצטער דערזען, ווי עס האָט זיך ניט ווײַט צעפֿלאַקערט אַ פֿײַער.

— וועלוול האָט, הייסט עס, אונטערגעצונדן דאָס ברויט, — האָט זי אַ טראַכט געטאָן און זיך געלאָזט גיין צו דער אַרבע, וועלכע האָט געוואַרט אױף איר. איר האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער אַרויספֿאָרן פֿון מיאַדלער, קעדיי ניט צוזען, ווי דאָס פֿײַער פֿאַרניכטעט דאָס שווער פֿאַרהאָרעוועטע קאָלווירטישע גוטס.

■

ווען מאַריאַשע מיט די מענטשן, וואָס זײַנען געזעסן אױף דער אַרבע, זײַנען צוגעפֿאָרן צו דער „פּערעפּראַווע", איז זי שוין געווען צעבאָמבירט, אַ טייל מאַשינעס, פֿורן, אַרבעס האָט באַוויזן אַריבערגיין אױף יענער זײַט טײַך, און אַ טייל איז צעקלאַפּט און פֿאַרניכטעט געוואָרן. דאָס וואַסער איז רויט געווען פֿון בלוט. די האַרמאַטן, וועלכע האָבן דירעקט באַשאָסן די „פּערעפּראַווע", און די באָמבירונגען פֿון לופֿט האָבן ניט געגעבן קיין מעגלעכקײַט זי אױפֿצושטעלן. האָט מאַריאַשע באַשלאָסן פֿאַרקערעווען אין אַן אַנדער ריכטונג, עפּשער וועט זיך דאָרט אײַנגעבן דורכצורײַסן זיך אױף יענער זײַט טײַך. נאָר אין וועג האָט זי זיך פֿון די פּליטים, וועלכע האָבן זיך צוריקגעקערט, דערוווּסט, אַז די דײַטשן זײַנען שוין נאָענט און יעדע רגע קאָנען זיי אַהער אָנקומען.

אַן אויסגעמאַטערטע און אַ צעבראָכענע האָט מאַריאַשע זיך געלאָזט צוריק. ס'איז שוין געווען פֿינצטער. מיאַדלער איז געווען פּוסט און פֿאַרלאָזן. קיין סימען פֿון קיין פֿײַערל האָט זיך אינערגעץ ניט באַוויזן. אַ פּאָר פֿאַרוואָרלאָזטע הינט האָבן עלנט און טרויעריק געבילט, אָניאָגנדיק שרעק אױף דער נעשאָמע.

לעבן איר שטוב איז מאַריאַשע אַראָפּגעקראָכן פון דער אַרבע. זי האָט אַראָפּגע־נומען דאָס פּעקל, וועלכן זי האָט פאַרכאַפּט מיט זיך, און איז אַ רגע גע־בליבן שטיין. אין שטוב צו זיך אַרײַנגיין איז איר געווען שווער. אַלץ וועט איר דערמאָנען איר קינד, איר מאַמען. ווער ווייסט, וואָס איז מיט זיי, צי זיי האָבן זיך דורכגעריסן דורך דער „פּערעפּראַווע". זי האָט דאָך פאַרן אָפּפאָרן מיט זיי אַפילו זיך ניט געזעגנט, זי איז געווען זיכער, אַז זי וועט באַלד אָניאָגן. ווער ווייסט, צי זי וועט זיי שוין ווען־עס־איז אַפילו זען.

מאַריאַשע איז ניט געײַלט אַרײַן צו זיך אין שטוב. זי האָט אָנגעריבן אַ שוועבעלע, אַפן דיל האָבן זיך געוואַלגערט זאַכן, וועלכע מ'האָט אין אײַלע־ניש צעוואָרפן אָדער פאַרגעסן מיטנעמען. אויף דער קושעטקע זײַנען געלעגן לייבעלעס שיכעלעך, זײַן מאַנטעלע. אַלעמאָל, ווען זי פלעגט אַרײַן אין שטוב, פלעגט דאָס קינד אויסשטרעקן די הענטעלעך און אויסשרײַען:

— מאַמע, מאַמעלע!

זי פלעגט עס נעמען אויף די הענט, און עס פלעגט אײַנורען דאָס קעפּעלע און לאַשטשען זיך צו איר. און איצט איז זי געבליבן אַליין. איינע אַליין.

ערשט נעכטן, איידער זי איז צוגעפאָרן צו דער „פּערעפּראַווע", האָט זי נאָך געלעבט מיט דער האָפענונג אַרויסצורײַסן זיך פונעם טויט, וואָס האָט זיך גערוקט אהער, און איצט איז זי שוין געבליבן ווי אין געפענ־קעניש.

באַלד וועט די ערד, אויף וועלכער זי איז אויסגעוואַקסן, ווערן ניט אירע, דער הימל ניט אירער, די זון וועט שײַנען ניט פאַר איר, וועט זי ניט וואַרע־מען, אַ קנעכט וועט זי ווערן, אַ לעבעדיקער קאָרבן.

ערגעץ נאָענט האָט זיך דערהערט אַ דונערײַ פון האַרמאַטן. דער הימל איז געוואָרן רויט פון די סרייפעס, וועלכע האָבן אַרום און אַרום געפלאַקערט.

מאַריאַשען האָט זיך אָנגעהויבן אויסדוכטן, אַז פון דער דונערײַ וועט באַלד אײַנפאַלן איר שטוב. איז זי אַרויסגעלאָפן אין דרויסן. זי האָט זיך דערמאָנט אין כיענען און איז אַוועק אהין.

יאָסל איז איר אַרויסגעלאָפן אַנטקעגן.

— ביסט טאַקע געקומען נאָך אונדז? — האָט ער, דערפרייענדיק זיך, געפרעגט.

— יאָ, נאָר זעסט דאָך... כיענע האָט שוין אין אַ גוטער שאָ געהאַט?

— יאָ, אַ ייִנגל. קום אַרײַן...

— מאַזלטאָוו! — האָט מאַריאַשע באַגריסט יאָסלען און כיענען.

— ביסט געקומען נאָך אונדז? אַ דאַנק, וואָס דו האָסט אונדז ניט פאַר־געסן, — האָט כיענע מיט אַ פאַרשטיקט, אָפּגעשוואַכט קאָל געזאָגט.

— הערסט דאָך, מ'וועט דאַרפן אויסוואַרטן... עפּשער וועט מען זיי פאָרט אָפּטרײַבן, — האָט מאַריאַשע געזאָגט, אײַנהערנדיק זיך אין דער קאַנאָנאַדע.

— צוליב אונדז וועסטו אויך ניט קענען אַרויספאָרן, — האָט כיענע זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

— ערגער זיך ניט, מיר וועלן זײַן צוזאַמען. קום נאָר צו־זיך — האָט מאַריאַשע זי געטרייסט.

■

אין מיאדלער האָבן זיך אָנגעהויבן צוריקערן אַלץ מער פורן, ארבעס, וועלכע האָבן ניט באוויזן זיך דורכצורײַסן אַף יענער זײַט ברעג פונעם טײַך.

דעם גורל פון איר קינד און פון איר מוטער האָט מאריאשע ניט געוווּסט, ווײַל א טייל פורן און ארבעס זײַנען דורכגעשפּרונגען די „פּערעפּראווע”, איידער די פּײַנטלעכע באָמבארדירונג האָט זיך אָנגעהויבן, און די איבעריקע האָבן זיך געלאָזט אין פארשיידענע ריכטונגען.

ערגעץ נאָענט האָט זיך אופגעריסן א באָמבע. פון די אופרײַס־כוואַליעס האָבן די פענצטער זיך אָנגעהויבן טרייסלען. א זײַל פײַער מיט א שטיקנדיקן קנוילנדיקן רויך האָט זיך אופגעהויבן אין דער לופטן.

איבערגעשראָקענע פייגל האָבן פארלאָזן זייערע נעסטן, מיט א מעהומע און געשריי זיך געהאַלטן אין איין אָפּטראָגן זיך.

— זיי אנטלויפן אויך פונעם סוינע, — האָט מאריאשע געטראכט, — נאָר איך בלײַב דאָ אין געפענקעניש. ווי גוט איז די פויגלען — זיי האָבן פליגלען. עפשער פליִען זיי איצטער אהין, ווו עס איז איר לייבעלע, די מאמע, אירע נאָענטע און אייגענע.

■

ווען די שיסערײַ איז שטילער געוואָרן, האָט מאריאשע באשטימט דורכגיין זיך א קוק טאָן, ווער ס'האָט זיך אומגעקערט אהיים. ניט ווײַט פון איר שטוב האָט זי באגעגנט ווילי בוכמילערן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און פארוווּנדערט מיט א גײַוועדיקן טאָן א פרעג געגעבן:

— ווארום ביסטו הי?

— וואָס?

ווילי האָט מיט א פארטײַעטן כוויזעק־שמייכעלע געזאָגט:

— אַלע זײַנען דאָך זיך צעפאָרן.

— נו, איז וואָס? — האָט זי, מאכנדיק זיך טאמעוואטע, געפרעגט.

ווילי איז אויסגעוואקסן דאָ. צוזאמען מיט מאריאשען האָט ער זיך אמאָל געלערנט אין מיאדליער צעניאָריקער יידישער שול. דאָ איז אויך געבוירן געוואָרן זײַן פאָטער יאַקאָב בוכמילער — אן אייניקל פון די אמאָליקע דײַטשישע מוסטערווירטן, וועלכע די צארישע מאכט האָט געהאט אָנגעזעצט אין די ייִדישע קאָלאָניעס נאָך אין פאָריקן יאָרהונדערט.

ווי די ייִדישע יאָמטויטים און די דײַטשישע כאָגעס זײַנען ניט געווען פארשיידן, ווי די געטער, צו וועלכן די ייִדן האָבן געטאָן טפילע אין בעסמעדרעש און די דײַטשן אין דער קירכע, זײַנען ניט געווען אָפּגעפרעמדט און צעקריגט, פונדעסטוועגן האָט די מישפּאָכע בוכמילער, ווי אנדערע דײַטשישע מישפּאָכעס, וועלכע האָבן געוווינט אין מיאדלער, געלעבט מיט די ייִדן אין גרויס פרײַנטשאפט, געארבעט צוזאמען מיט זיי און אין אן איים־צאָרע ארויסגעהאָלפן איינער דעם צווייטן.

די קינדער פון די דײַטשישע מוסטערווירטן האָבן זיך געכאַוועוערט מיט די ייִדישע קינדער, זיי האָבן גערעדט, ווי אַלע קינדער, אויף ייִדיש. טאַקע דערפאַר האָט מאַריאַשע זיך פאַרוווּנדערט, ווען ווילי, וועלכן זי האָט אין די ערשטע טעג פון דער מילכאָמע ניט געזען, האָט פּלוצעם זיך אַראָפּגעיאָוועט פון ערגעץ און גאָר אָנגעהויבן ריידן דײַטש.

— האָסט שוין פאַרגעסן ייִדיש ריידן? — האָט מאַריאַשע אים אָנגעקוקט.

— איך בין דאָך נישט קיין יודע, — האָט ער גײַוועדיק אָפּגעענטפערט.

— וואָס? דו ביסט שוין אויך ווי יענע?.. — איז מאַריאַשע געבליבן שטיין אַן אָפּהענטיקע.

פאַר אירע אויגן האָט דורכגעשווינדלט ווילי — אַ בלאָנדלאָקיק באָכערל מיט בלוילעכע אויגן אין אַ שניי־ווײַסע העמד מיט אַ פּײַערדיק־רויטן פּיאָנערישן האַלזטוך. ער שטייט אויף דער אויסגעפּוצטער בינע פונעם שול־קלוב. די ווענט זײַנען באַהאַנגען מיט לאָזונגען, מיט פּאָרטרעטן פון מאַרקסן און לענינען. אַן אַ שיר קינדערשע אויגן קוקן, און ווילי לייענט באַגײַסטערט און דערהויבן:

אָקטאָבער!
אַן אָנהייב אַן אָ...
— — — — — — —
עס וועלן
כאַדראָשים זיך צוועלפן,
זיך קייטלען אין יאָרן, —
דײַן נאָמען וועט העלן,
דײַן נאָמען וועט קלאָרן!..

צי דען איז דאָס יענער ווילי בוכמילער, — האָט זי אַ טראַכט געטאָן.

זי האָט זיך דערמאָנט, ווי אַמאָל נאָך, ווען זיי האָבן זיך געלערנט אין שול, האָט ווילי זי צוגעהיט, ווען זי איז געגאַנגען אַהיים, און אָנגעהויבן צו איר צושטיין.

— איך וויל דיך באַגלייטן, גוט?

— פאַרוואָס ווילסטו מיך באַגלייטן?

— פּאָשעט, איך וויל זיך דורכגיין מיט דיר, איך וויל דיר העלפן טראָגן דאָס רענצל.

— מ'דאַרף ניט, איך וועל אַליין.

— ס'איז מיר אַזוי גוט צו גיין מיט דיר...

מאַריאַשע איז רויט געוואָרן, און באַ ווילין האָט אַ ווײַלע ווי אָפּגענומען דאָס לאָשן. וויפל ער האָט זיך ניט באַמיט, האָט ער מער קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסברענגען. ווען זיי זײַנען צוגעגאַנגען צו מאַריאַשעס שטוב, האָט ווילי אַרויסגענומען פון קעשענע אַ בראָשקע, וואָס ער האָט שטילערהייט אַראָפּגענומען פון זײַן שוועסטערלס קאָפּטל. דער שוועסטער האָט מען עס געהאַט געשענקט צו איר געבורטסטאָג. ווילי האָט געוווּסט, אַז די שוועסטער וועט לײַדן, ווען זי וועט זיך כאַפּן, אַז די מאַטאָנע איז ניט געוואָרן, דאָך האָט דער פאַרלאַנג צופרידן שטעלן מאַריאַשען גוווער געווען זײַן געפיל צום שוועסטערל, און ער האָט עס אַראָפּגענומען פון איר קאָפּטל.

— גיב נאָר אַ קוק, סאַראַ שיינע בראָשקע איך האָב, — האָט ווילי זיך אָנגעהויבן באַרימען פאַר מאַריאַשען, — ווילסט, וועל איך דיר זי אוועקשענקען?

כאָטש די מאַטאָנע איז שטאַרק געפעלן געווען מאַריאַשען, נאָר זי האָט זיך פון איר אָפּגעזאָגט.

— נעם זי, נו נעם אַף אַן אָנדענק, האָט ווילי זיך געבעטן בײַ מאַריאַשען.

— ווו האָסטו זי גענומען?

ווילי איז רויט געוואָרן, אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז מאַריאַשע ווייסט, אַז ער האָט עס געגאַנוועט, און דערפאַר וויל זי עס ניט נעמען.

וואָס זשע זאָל ער טאָן אַזוינס, זי זאָל זײַן צופרידן? — האָט ווילי ניט אופגעהערט צו טראַכטן. ער איז איר נאָכגעגאַנגען פוסטריט, די אויגן ניט אַראָפּגענומען פון איר, געפּרוווט מיט איר פאַרפירן אַ שמועס.

— איך וויל מיט דיר זיך דורכריידן, — האָט ער ניט זיכער געזאָגט.

— נו, רייד.

ווילי האָט זיך געדרייט, געקנייטשט זיך און קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסברענגען.

איינמאָל האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און געזאָגט:

— איך האָב דיך...

מאַריאַשע איז רויט געוואָרן און איז אַנטלאָפן.

ס'זײַנען דורכגעגאַנגען יאָרן, מאַריאַשע האָט כאַסענע געהאַט, נאָר שפּורן פון זײַן ליבע זײַנען פאַרבליבן בײַ אים אין האַרצן.

טאַקע דערפאַר האָט מאַריאַשע זיך דערפרייט, ווי נאָר זי האָט אים דערזען. פּאָרט אַן אייגענער מענטש, — האָט זי געטראַכט, — אויב די דײַטשן וועלן טאַקע אַרײַנקומען, וועט ער עפּשער העלפן. ווי עס זאָל ניט זײַן, זײַנען זיי דאָך צוזאַמען אויסגעוואַקסן. נאָר פון די ערשטע ווערטער האָט זי דערפילט, אַז זי האָט זיך גענאַרט. פאַר איר איז געשטאַנען אַן אַנדער ווילי, אַ פרעמדער, אַ פײַנטלעכער.

■

...ווילי איז אַלט געווען בײַ דרײַצן יאָר, ווען מ'האָט אַנטבאַלעגופּט זײַן פאָטער יאַקאָב בוכמילערן — דעם יוסטן באַלעבאָס פון מיאַדלער, וועלכער האָט געוווינט אין דער סאַמע שענסטער, אָפּן דײַטשישן שטייגער אויסגעבויטער, שטוב.

אין דער ווינטערדיקער פראָסטיקער נאַכט, ווען מ'האָט די בוכמילערס אַרויסגעשיקט פון מיאַדלער, האָט יאַקאָב אָפּגעפירט ווילין מיט דער ייִנגערער

שוועסטער טרודען צום פעטער קורט און מיט טרערן אין די אויגן געבעטן, די קינדער זאָלן בלײַבן בא אים, ווײַל זיי קענען נאָך, באהיט גאָט, אין וועג אומקומען. אויב ער וועט ניט דערלעבן זיך אומצוקערן און ווערן צוריק א באלעבאָס אף זײַן אָנגעלעבט גוטס, זאָלן כאָטש די קינדער ווען־עס־איז דערפון געניסן.

קורט בוכמילער איז דעמלט געשטאַנען א צעטומלטער און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. נעמען אף זיך האָדעווען צוויי קינדער איז אים געווען שווער. נאָר ראַכמאָנעס האָט ער געהאט אף זיי. סאָפקאָלסאָף האָט ער זיי צוגענומען מיט א טנײַ: אויב ס'וועט אים זײַן שווער אויסצוהאלטן זיי, וועט ער זיי אָפּפירן פריצן אין דער דײַטשישער קאָלאָניע נומער אכצן.

די קינדער האָבן ניט שלעכט געלעבט באם פעטער. ווילי האָט זיך געלערנט, געהאָלפן אין דער באלעבאטישקײַט. נאָר ער האָט ניט געקאָנט מויכל זײַן דאָס, וואָס מ'האָט צוגענומען בא זײַנע עלטערן זייער גוטס, צעשיידט זיי מיט די קינדער און פארטריבן פון זייער הויז. כאָטש ווילי האָט געהאט געמאָלדן אין שול, אז ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זײַן פאָטער, ווי פון א קלאסן־סוינע, נאָר יעדעס מאָל, ווען ער איז געגאנגען פארבײַ דעם פאָטערס שטוב, ווו עס האָט זיך באזעצט די קאָלווירט־פארוואלטונג, האָט אים ווי מיט א מעסער א שניט געגעבן איבערן הארצן.

אין די בריוו, וואָס פלעגן אָנקומען פון די ווײַטע מעקוימעס, וווּהין מ'האָט פארשיקט זײַנע עלטערן, פלעגט מען זיך נאָכפרעגן, ווי זעט אויס די שטוב, צי די נײַע באלעבאטים האָבן אויסגעפארבט דעם דאך, צי זיי האָבן פאריכט די ראמען פון די פענצטער אין שלאָפצימער, צי האָבן געבליט די אבריקאָסן, צי מע האָט ניט פארגעסן אונטערבינדן די צווײַגן אף די ביימער, וועלכע די ווינטן האָבן צעבראָכן, צי עס האָבן זיך געקעלבט די בורע קו מיטן ווײַסן פינטל און די „פּערוועטקע" און וויפל גיבן זיי מילך. אפילע וועגן דעם הונט וואָלטשאָק פלעגט מען זיך נאָכפרעגן.

ווילי פלעגט די בריוו אפילע דעם פעטער קורט ניט ווײַזן. באזונדערס האָט ער אויסגעמיטן צו דערמאָנען זײַן פאָטערס נאָמען פאר זײַן שוועסטערקינד האנס דעם קאָמיוגיסט: ער זאָל אים ניט ארויסגעבן, אז ער האָט פארבינדונגען מיט די פארשיקטע עלטערן. בלויז מיט דעם פעטער פריץ, וועלכער האָט געוווינט אין דער שכיינישער דײַטשישער קאָלאָניע נומער אכצן, האָט ווילי געקאָנט ריידן וועגן די עלטערן.

— דײַן פאָטער וועט זיך מיט גאָטס הילף אומקערן צו זײַן הויז און צו זײַן גוטס, — פלעגט פריץ אים טרייסטן.

איינמאָל אין א יאָמטעוו, בעשאס ווילי איז געווען באם פעטער פריץ צוגאסט, האָט דער פעטער נאָך א פּאָר גלעזעלעך ווײַן זיך געווענדט צו אים מיט אזעלכע ווערטער:

— בא אונדז אין פאָטערלאנד איז פאראן א פיורער היטלער, ער וועט מאכן אומעטום אָרדענונג. אלע פארטריבענע וועלן זיך אומקערן אין זייערע

הייַזער, צו זייער גוטס, און אונדזער פּאָטערלאַנד — דייַטשלאַנד וועט ווערן, ווי עס זינגט זיך אין אונדזער הימן, — „איבער אַלעס.״

אַף ווילן האָבן דעם פּעטערס ווערטער קיין איבעריקן אייַנדרוק ניט געמאַכט. פון קליינווייַז אויף האָט ער געגלייבט אין דעם קויעך פון דער רויטער אַרמיי. דאָס, וואָס ער האָט געלייענט אין די ביכער און געהערט אַף די לימודים אין דער שול, האָט פאַרשטאַרקט זייַן גלויבן אין דעם. דאָס, וואָס ס׳איז פּאָרגעקומען מיט זייַן פּאָטער, האָט ער אופגענומען, ווי אַ פאַרלוסט, וועלכער וועט זיך שוין קיינמאָל ניט אומקערן. און די ווונדן אין זייַן האַרצן וועלן זיך ניט פאַרהיילן, ווי עס פאַרהיילן זיך ניט די ווונדן נאָך אַ גרויסן אומגליק. ווען ס׳האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע, האָבן די אומגעריכטע דערפאָלגן פון דער היטלערישער אַרמיי געמאַכט אַן איבערקערעניש אין זייַן באַוווּסטזייַן.

— הייסט עס, אַז דער פּעטער פּריץ איז געווען גערעכט, — האָט ער געטראַכט. — די דייַטשישע אַרמיי וועט זיגן. דאַן וועט זייַן פּאָטער זיך אומקערן אַהיים. זיי וועלן צוריק וווינען אין זייער שטוב אין פרייד און אין גליק.

ניט עפּענענדיק פאַר קיינעם דאָס האַרץ, האָט ער, בייס מ׳האָט עוואַקויִרט די דייַטשן פון מיאַדלער, באַצייַטנס זיך אָפּגעטראָגן, זיך אויסבאַהאַלטן, און ווי נאָר די היטלעראָווצעס האָבן זיך דערנעענטערט אַהער, האָט ער זיך ווידער באַוויזן.

די דייַטשן זייַנען אַרייַן אין מיאַדלער באַ האַלבן טאָג. צוערשט האָבן זיך באַוויזן עטלעכע אויסשפּירער. זיי זייַנען זיך דורכגעגאַנגען די גאַס, פאַרקערעוועט צום אַקאַציע־וועלדל, אופגעהויבן זיך אַף די מאָהילעס און זייַנען פאַרשווונדן. אין אַ פּאָר שאָ אַרום האָט זיך באַוויזן אַ קאָלאָנע מאָטאָציקליסטן. נאָך זיי זייַנען מיט אַ געדודער און בראַזגערייַ אַרייַן טאַנקען. באַם סטאַוואָק האָבן זיי אָנגענומען וואַסער און, אופהייבנדיק וואָלקנס שטויב, אַוועק ווייַטער מיט די סטעפּוועגן. די מאָטאָציקליסטן און די טאַנקיסטן האָבן נאָך ניט באַוויזן דורכגיין די גאַס, ווי עס האָבן זיך באַוויזן מאַשינעס אַוטאָמאַטלער.

די פאַריאָסעמטע הייַזער פון מיאַדלער, די ביימער אין די פאַליסאַדניקעס — אַלץ איז באַדעקט געוואָרן מיט געדיכטער שטויב.

— פונוואַנען האָבן זיי זיך גענומען, די פאַרשאָלטענע אָנשיקענישן? — האָט מאַריאַשע צו זיך געשעפּטשעט.

דער געדודער, וועלכער האָט אופגעטרייסלט די דרימלענדיקע שטילקייַט פון מיאַדלער, האָט אָנגעוואָרפן אַף איר אַ פּאַכעד. זי האָט געפיבערט ווי אין קאַדאָכעס, פאַרטייַענדיק זיך אין אַ ווינקעלע, מ׳זאָל זי ניט באַמערקן, האָט מאַריאַשע אַרויסגערוקט דעם קאָפּ, קעדיי אַף איין רעגע כאָטש אַ קוק טאָן, וואָס אַף דער גאַס טוט זיך.

אין די אויגן האָבן איר געשווינדלט קרײַזן. אַלץ אַרום, האָט זיך איר אויסגעדוכט, הוידעט זיך, און אָט־אָט וועט זי אַרײַנפאַלן אין אַ טהאָם.

ס'וואָלט טאַקע גוט געווען, ווען זי קען ערגעץ נעלעם ווערן, ניט צוזען דעם טויט, וועלכער קוקט איר אין די אויגן.

ווען זי איז נאָך אַ קליינינקע געווען, האָט זי אַ פּאָר מאָל געהערט, ווי די מאַמע האָט גערעדט וועגן דעם מאַלעך־האַמאָוועס, וועלכער קומט און נעמט צו די נעשאָמע באַם מענטשן.

— אַ וועלכער איז ער, דער מאַלעך־האַמאָוועס? — האָט זי געפרעגט בא דער מאַמען.

— כ'ווייס ניט, כ'האָב אים ניט געזען, מיר זאָלן, טאָכטער, ניט וויסן פון אים, זאָל ער אויספעלן אונדזער שטוב.

מאַריאַשען האָט ער זיך פאָרגעשטעלט אַ רויטער, אַ פאַרגאָסענער מיט בלוט, מיט גרויסע איבערגעקערטע אויגן, ווי בא אַ געקוילעטן אָקס, מיט אַ האַק און מיט אַ סאַך מעסערס אין גאַרטל.

— פאַרוואָס קאָן קיינער דעם מאַלעך־האַמאָוועס ניט הארגענען, אויב ער איז אַזאַ שלעכטער? — האָט זי דעמלט געטראַכט, — און איצט זעט זי אַזוי פיל מאַלעך־האַמאָוועסן אין גרינע מונדירן, ווי פרעש, אין פאַנצערס פון אײַזן און שטאָל.

אין דרויסן האָט אָנגעהויבן טונקלען. מאַריאַשען האָט זיך געדוכט, אַז די זון פאַרגייט ניט דערפאַר, ווײַל ס'ווערט אָוונט, נאָר ווײַל זי וויל ניט שײַנען פאַר די אַנשיקעלישן.

דער גערודער פון די טאַנקען איז שטילער געוואָרן, נאָר די שטילקײַט האָט אַף מאַריאַשען אָנגעוואָרפן אַ פּאַכעד. זי האָט געוואָלט אַרויס כאָטש אַף אַ ווײַלע אין דרויסן, אַ קוק טאָן, וואָס טוט זיך דאָרטן. פּלוצעם האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט אין טיר.

— ווער איז דאָס? — האָט זי מיט אַ צעשראָקן קאָל אַ פרעג געגעבן.

— עפן אויף, דאָס בין איך, — האָט עמעצער זיך אָפּגערופן.

— איך דערקען ניט אײַער קאָל, ווער איז?.. — האָט מאַריאַשע איבערגעפרעגט.

מיט טרייסלדיקע הענט האָט מאַריאַשע געעפנט די טיר. אָפן שוועל איז געשטאַנען אַ וורעמל סווידלער אין אַ צעריסן שוואַרץ רעקל, אין אויסגעלאַטעטע קאַרטענע הויזן און אין שוועֹרע אויסגעקרימטע שטיוול. לעבן אים איז געשטאַנען נאָך אַ מאַנצבל, אויך אין צעריסענע מאַלבושים.

— פונוואַנען קומט איר? — האָט מאַריאַשע אַ צעראַשטע פון זייער אומגעריכטן באַווײַזן זיך אַ פרעג געגעבן.

— כ'וועל דיר אַלץ דערציילן. זאָג מיר, ווו זײַנען מײַניקע? — האָט אוורעמל, אַרומקוקנדיק זיך, שטיל זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערפרעגן.

— מיסטאַמע זײַנען זיי אַרויסגעפאָרן... איך, וועלוול מאָניעס און נאָך אַ פּאָר אונדזעריקע זײַנען דאָ פאַרבליבן אַף עטלעכע שאָ באַוואָרענען דאָס ברויט, נאָכדעם האָבן מיר זיך שוין ניט געקענט דורכרײַסן.

— אזוי גאָר... זעץ זיך, — האָט סווידלער זיך געווענדט צו זײַן כאַווער.
מאַריאַשע איז געשטאַנען מיט ברייט צעעפנטע אויגן און אַרויסגעקוקט, אָוורעמל זאָל נעמען דערציילן, וואָס מיט אים איז געשען און ווער דער צווייטער כאַווער איז. נאָר זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, אַז די געסט זײַנען געווים הונגעריק.
— איר ווילט דאָך מיסטאַמע עסן, — האָט זי אָנגעהויבן שאַרן איבער די שאַפעס און אָנשטעלן אַפן טיש אַלץ, וואָס ס'האָט זיך איר געמאַכט אונטער דער האַנט. זי האָט זיך דערמאָנט אינעם פּעקעלע, וואָס די מוטער האָט פאַרגעסן מיטנעמען אין וועג. זי האָט עס צעבונדן און אַרויסגענומען עטלעכע געקאָכטע אייער, קעז, ברויט.
די געסט האָבן זיך אַרופגעוואָרפן אַפן עסן. צווישן איין ביסן און דעם צווייטן האָט אָוורעמל דערציילט, וויאַזוי זיי זײַנען געבליבן אָפּגעשניטן פון אונדזערע טיילן. ניט קענענדיק זיך אַרויסרײַסן פון דער אַרומרינגלונג, האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ דאָרף בא אָרטיקע פּויערים, געקראָגן ציווילע קליידער און שטילערהייט דערקליבן זיך אַהער.

■

אָוראָם סווידלערס כאַווער, אַ לייטענאַנט פון דער רויטער אַרמיי, ניקאָלײַ אַבּרימטשוק, איז אַ טאָג איבערגעזעסן אין מיאַדלער. אַף מאָרגן האָט ער זיך געזעגנט מיט מאַריאַשען און זיך געלאָזט צו זיך אַהיים אין שאַכטיאָרישן יִישעוו הינטער יאַסינאָוואַטע.
— ווי נאָר כ'וועל זיך דערקלײַבן אַהין, וועל איך זען איבערנעמען צו זיך, ווען איך וועל קענען, — האָט ער געמאָלדן פאַרן אַוועקגיין.
דער דאָזיקער צוזאָג האָט זיי דערמונטערט. אַף דער מוטער מיטן קינד האָט שוין מאַריאַשע ניט געהאַט וואָס צו וואַרטן. איצט האָט זי באַשטימט ראַטעווען זיך און די פאַרבליבענע. אַרויספירן אַלעמען אין איין אָרט, האָט זי געוווסט, וועט זיך ניט אײַנגעבן, ווײַל אין סטעפּ איז זיך ניטאָ ווו צו באַהאַלטן. איז געבליבן איין אויסוועג — אַרויסגיין איינציקווײַז, ווער וווּהין ס'וועט קענען.
ווי נאָר אַבּרימטשוק איז אַוועק פון מיאַדלער, זײַנען אָנגעפאָרן אַ פּאָר דײַטשן אַף מאָטאָציקלען.
ווילי בוכמילער האָט זיי באַגעגנט לעבן דער רויט־ציגלנער שטוב מיטן הויכן פאַרשפּיצטן דאַך, וועלכע האָט אַמאָל געהערט זײַן פּאָטער.
— ביטע שיין! — האָט ער, אויסשטרעקנדיק די האַנט אַפן פאַשיסטישן שטייגער, זיך געווענדט צו זיי.
— זינד זי אײַן דויטשע? — האָט איינער פון זיי, אַ נידעריקער, אַ געזעצטער מיט אַ ווײַס צעפּלאָסן פּאָנעם, אַ פרעג געגעבן, שאַרף פאַרהאַמעוונדיק דעם מאָטאָציקל.

דער צווייטער האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט.

— יאוואָל, דויטשע, — האָט ווילי מיט א צופרידן שמייכעלע זיך אָפּגע־רופן.

— גוט, קאראשאָ! — האָט דער צווייטער, א רויטער, א קלייניקער, מיט מוטנע גרויע אויגן, א בראווער געטאָן מיט א רוסיש ווערטל, — קענסטו, הייסט עס, דאָ אלעמען?

— כ׳בין דאָ אויסגעוואקסן, דאָ איז געווען אמאָל מײַן פאָטערס הויז, — האָט ווילי אָנגעוויזן אַף דער רויט־ציגלנער שטוב מיט דעם בלעכענעם דאך, אײַנלאַדנדיק די מאָטאָציקליסטן צו זיך.

די מאָטאָציקליסטן זײַנען ארײַנגעפאָרן אינעם גערוימען באלעבאטישן הויף.

זינט מ׳האָט געהאט צוגענומען בא זײַן פאָטער די דאָזיקע שטוב, האָט ווילי אויסגעמיטן ארײַנצוגיין אין איר. ערשט נעכטן, באטראכטנדיק אלץ פונסנײַ, ווי א באלעבאָס, האָט ער באמערקט, אז א סאך פון דעם, וואָס האָט זיך געהאט פארהיט אין זײַן קינדערשן זיקאָרן, האָט געפעלט.

אפן הויף איז שוין ניט געווען די צוועלפקראָקוועדיקע גערוימע קלוניע, וועלכע איז שטענדיק געווען פול מיט פּאַלאָווע און אנדערע מינים קאָרם פאר די פי. ס׳איז ניט געווען דער שײַער, ווו דער פאָטער פלעגט האלטן די טוויע, דער פאָדקאַט, ווו ס׳פלעגט זיך געפינען דער וואָגן, די טאטשאנקע, די בעדאר־קע[1], די אקערס, באָראָנעס, דרילן[2] און אנדערע מינים אינווענטאר. אפן דאך איז ניט געשטאנען דער פליוגער, אַף וועלכן ווילי האָט אזוי ליב געהאט צו קוקן, ווען ער פלעגט זיך דרייען, אָנווײַזנדיק די ריכטונג פון ווינט.

די יונגע פרוכטביימער אין פּאליסאדניק זײַנען זיך פאר דער צײַט פא־נאנדערגעוואקסן. ווי פריִער איז נאָר געשטאנען דער שטיינערנער פארקן, וואָס פלעגט אָפּהיטן די גרויסבאוערישע אומצוטריטלעכקײַט. אינעווייניק האָבן די ווענט פון דער שטוב געקוקט אַף אים אָפּגעפרעמדט, ווי זיי וואָלטן אים ניט דערקענט. אנשטאָט די מישפּאָכע־בילדער פון זײַן זיידן, פון די עלטערן און פארשיידענע קרויווים זײַנען אַף די ווענט געהאנגען פּלאקאטן. פון רעכטן ווינקל אין עסצימער איז פארשוווּנדן דאָס בילד פון דער הייליקער מאריִע, וואָס איז געווען ארומגעהאנגען מיט אין גאָטישן סטיל אויסגעהעפטע האנטעכער.

אין די שלאָפצימערן זײַנען ניט געווען ניט די אלטפרענקישע הילצערנע קושעטקעס מיט די קונציקע אויסשניצלעך, ניט די פארשיידנפארביקע קישע־לעך, אַף וועלכע ס׳זײַנען מיט גאָטישע בוכשטאבן געווען אויסגענייט שפּריכ־ווערטלעך. אין קיך איז ניט געווען דער צעמענטירטער קעלער, וועלכער פלעגט זיך הערמעטיש פארמאכן, צונויפגיסן זיך מיטן דיל.

אנדערש, אינגאנצן אנדערש האָט אויסגעזען די שטוב, ווי זי וואָלט גאָר

[1] בעדארקע — צווייערדלדיקע פור. [2] דרילן — זייעלקעס.

קיינמאָל אים ניט געהערט, ווי ער וואָלט גאָר קיינמאָל אין איר ניט געוווינט.

דאָס איז געווען א הויז אן אנשטאלט, מיט קאנצעליאריע־טישן, מיט פּאַפּירן און פּאַפּקעס, מיט אופשריפטן אף די טירן, מיט א פּאָדערהויז, ווו ס׳זיינען געווען אויסגעהאנגען פּלאַקאַטן און פאראָרדענונגען, מיט א קאבינעט פארן פּאָרזיצער, מיט א זיצונג־זאל, מיט א צימער פאר כעזשבן־פירעריי, מיט א שיינער שילד אף דער דרויסנדיקער וואנט, ווו עס איז מיט גרויסע געדרוקטע אויסיעס געווען אָנגעשריבן: פארוואלטונג פון קאָלווירט „עמעס”.

באטראכט דעם גערוימען הויף, די צימערן פון דער שטוב, ווו ער האָט זיך פונסניי באזעצט ווי א באלעבאָס, האָט ער אראָפּגעריסן די שילד און איז א צופרידענער געבליבן שטיין א ווייַלע באם טויער, ווו ער האָט היינט באגעגנט די מאָטאָציקליסטן — די פּאָרשטייער פון דער קאָמענדאטור, וועלכע האָבן געדארפט איינשטעלן די נייע דייטשישע אָרדענונג אינעם ניי־אָקופּירטן ראיאָן.

דורכשמועסנדיק זיך געגנוי מיט די מאָטאָציקליסטן וועגן דער לאגע אין מיאדלער, וועגן די היגע מענטשן, האָט דער נידעריקער געזעצטער מאָטאָציקליסט פּאָרגעלייגט ווילין ווערן דער עלטסטער איבערן דאָרף — דער סטאראָסטע.

— מוס איך היר איין שולץ ווערדען? — האָט ווילי איבערגעפרעגט, דער־מאָנענדיק זיך, אז דער פּאָטער האָט אים דערציילט, אז ביז דער רעוואָליוציע האָט דער עלטסטער איבערן דאָרף, וועלכער פלעגט דורכפירן אלע פאראָרדענונגען פון דער מאכט, געהייסן שולץ.

— יא, זאָ, — האָט דער געזעצטער מאָטאָציקליסט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.
ווילי איז געשטאנען א ווייַלע, ווי ער וואָלט זיך יישעוון. נאָכדעם האָט ער מיט א האכנאָעדיקן טאָן געגעבן די האסקאָמע.

■

אף מאָרגן האָט ווילי באפוילן אלע איינוווינער זיך צונויפזאמלען אין הויף פון זיין שטוב.

ווען דער אוילעם האָט זיך אָנגעהויבן קלייַבן, האָט מאריאשע ערשט דער־זען, וויפל מענטשן ס׳זיינען פארבליבן. מיט אייניקע פון זיי האָט זי געוואָלט זיך דורכריידן, דערוויסן זיך עפּעס באַ זיי. נאָר אלע זיינען געווען אזוי פאר־צאָרנט. פארביטערט... מיטאמאָל האָט זי דערזען עסטער כאָדאָש.

— וויאזוי איז זי דאָ פארבליבן? — האָט זי א טראכט געטאָן. — זי איז דאָך אוועקגעפאָרן אין איין צייַט מיט איר מוטער און מיט איר קינד?

מאריאשע האָט זיך געפּרוּווט דערקלייַבן צו איר נעענטער. זינט עזרע איז אוועקגעפאָרן, האָט זי דאָך מיט עסטערן קימאט ווי ניט גערעדט. איר האָט זיך א פּאָר מאָל געוואָלט צוגיין דערוויסן זיך, צי האָט זי פון אים באקומען א בריוו. נאָר זי האָט זיך ניט אנטשלאָסן. איצט האָט זי באשטימט עפּענען

פאַר איר דאָס הארץ. נאָר דאָ איז דאָך סײַווי ניט דאָס אָרט צו ריידן וועגן דעם, אז דאָס לעבן זייערס הענגט אַף א האָר און קיינער ווייסט ניט, וואָס וועט מאָרגן זײַן. אָבער וועגן איר קינד און דער מוטער זיך פאַנאַנדערפרעגן קען זי דאָך יאָ. עפשער האָט זי זיי טאַקע באמערקט ארום דער „פּערעפּראַווע", עפשער ווייסט זי, צי זיי האָבן זיך דורכגעריסן אַף יענער זײַט ברעג.

פאַר די געציילטע טעג, וואָס מאַריאַשע האָט זי ניט געזען, האָט זיך עסטער שטאַרק געענדערט. די אויגן, אין וועלכע ס'האָט שטענדיק געברענט א פײַערל, זײַנען אײַנגעפאַלן, דאָס פּנים איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן.

מאַריאַשע האָט זיך אוועקגעשטעלט לעבן איר. נאָר עסטער איז געווען אזוי פאַרטיפט אין אירע ראַיוינעס, אז זי האָט זיך אפילע קיין ריר ניט געטאָן. ענדלעך האָט זי דערפילט מאַריאַשעס קוק אַף זיך, האָט זי א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און זיך באַגריסט.

— און איך האָב געמיינט, אז איר זײַט ארויסגעפאָרן, — האָט מאַריאַשע קימאַט שעפּטשענדיק, געזאָגט:

— זעסט דאָך, ווי איך בין ארויסגעפאָרן... מיר האָבן נעכטן באַנאַכט זיך ערשט אומגעקערט אהיים, — האָט עסטער, דערנעענטערנדיק זיך צו איר, אפן אויער געענטפערט. — נאָכדעם, ווי מ'האָט צעבאָמבירט די בריק, האָבן מיר זיך אין עטלעכע ערטער געפּרוווט דורכרײַסן אַף יענער זײַט און ניט גע־קענט... און דו, ווי ביסטו דאָ געבליבן?

— פּונקט ווי אַלע, — האָט זי א וויַיז געטאָן אפן אוילעם, וועלכער האָט זיך געהאַלטן אין איין זאַמלען. — מײַניקע האָט איר דאָרט ניט געזען?

— זיי האָבן זיך, דאַכט זיך, דורכגעריסן ביז דער באָמבירונג.

— איר ווייסט געוויס? — האָט מאַריאַשע געפרעגט. — איך בעט אײַך, טײַערע, זאָגט מיר דעם עמעס, איר זײַט דאָך אויך א מוטער, איר ווייסט דאָך...

טרערן האָבן אָנגעהויבן טריפן פון אירע אויגן. זי האָט זיך צוגערוקט צו עסטערן, ווי זי וואָלט איר וועלן א סאָד אײַנרוימען און שטיל צוגעגעבן:

— איך בין געבליבן איצט איינע אליין, לאָמיר זיך האַלטן צוזאַמען, וועט אונדז כאָטש לײַכטער זײַן.

אפן שוועל האָט זיך באַוויזן ווילי בוכמילער.

— שטעלט זיך אוים צו צוויי! — האָט ער, א קוק געבנדיק אפן אוילעם, א קאָמאַנדעווע געטאָן.

דערשלאָגענע און פאַרצווייפלטע, האָט מען זיך אָנגעהויבן אויסשטעלן אין א ריי, אריבערגייענדיק פון איין אָרט אפן צווייטן.

— שנעלער, שנעלער! — האָט ווילי איבערגעכאַזערט די קאָמאַנדע.

ווען מע האָט זיך ענדלעך אויסגעשטעלט אין עטלעכע שערענגעס, האָט ער זיך געווענדט צום אוילעם מיט אזעלכע ווערטער:

— יודען, זײַט ווימן, אז איך בין א פאָרשטייער פון דער דײַטשישער מאכט, און איר זײַט מײַנע אונטערטעניקעס. אַלע מײַנע באַפעלן און פאַראָרדע־

נונגעץ מוזט איר אויספילן פינקטלעך. ווער ס'וועט ברעכן די אָרדענונג, וועט ווערן באַשטראָפט. פאַרשטאַנען?

ווילי האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און א קוק געגעבן אַף דער ריי. ווי לאַנג איז ער געווען א גלײַכער מיט די אַלע, וואָס שטייען פאַר אים. ווי לאַנג איז ער מיט א סאַך פון זיי געווען א כאַווער, א פרײַנט. און איצט איז ער א באַלעבאָס איבער זיי. אַף דעם הויף, וווּ זיי פלעגן אַרומגיין ווי בא זיך אין דער היים, שטייען זיי ווי פאַרמישפּעטע.

— יודען, — האָט בוכמילער פאַרגעזעצט, — איר האָט ניט קיין רעכט אָפּצוּווענדן זיך ווּהין־ניט־איז, איר דאַרפט ווײַנען אונטער דראָט־פאַרצאַמונ־גען. נאָר איך וועל זאָרגן פאַר אײַך ווי פאַר נוצלעכע יודען, איר זאָלט בא דער נײַער מאַכט אויך באַאַרבעטן די ערד פאַר אירע געזעצלעכע באַלעבאַטים. קלאָר?

די מענטשן אין די רייען זײַנען געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און האָבן געשוויגן. בלויז ווו־ניט־ווו האָבן זיך געלאָזט הערן טיפע קרעכצערײַען, ווי פון אונטערגעהאַקטעביימער, איידער זיי פאַלן.

— נו, וואָס שווײַגט איר, יודען? — האָט ווילי אין א ווײַלע אַרום איבער־געפרעגט, — איר האָט פאַרשטאַנען?

א פּאָר מענטשן פון די פאָדערשטע רייען האָבן, ווי ביים מ'הערט אוים א טרויעריקע בסורע, א שאָקל געטאָן מיט די קעפּ.

בוכמילער איז אַף א ווײַלע אַרײַן אין שטוב און טייקעף זיך אומגעקערט, האַלטנדיק אין האַנט א פּעקעלע גלײַכמעסיק צעשניטענע שטיקלעך געלע סכוירע, אַף וועלכע ס'איז געווען אָנגעשריבן א נומער און דאָס וואָרט „יודע".

— פון הײַנט אָן, יודען, דאַרפט איר פאַרגעסן אײַערע יידישע נעמען, — האָט ער, צעטיילנדיק אין דער ריי די שטיקלעך געלע סכוירע, באַפוילעריש געמאָלדן, — יעדערער פון אײַך וועט הייסן לויט דעם נומער, וואָס איז דאָ אָנגעוויזן.

די מענטשן אין דער ריי האָבן נאָך נידעריקער אַראָפּגעלאָזן די קעפּ.

— וואָס שטייט איר, יודען? קלאָר? — האָט בוכמילער גײַוועדיק איבער־געפרעגט.

— קלאָר, — האָט עמעצער זיך אָפּגערופן. — ס'איז קלאָר.

בוכמילער איז ניט געײַלט זיך דורכגעגאַנגען פאַרבײַ דער ריי. ער האָט א ווײַלע זיך אָפּגעשטעלט לעבן כיענען און, אָנווײַזנדיק אַף איר נײַ־געבוירן קינד, וואָס זי האָט געהאַלטן אַף די הענט, א פרעג געגעבן:

— דיזער יודע האָט א נומער?

— ס'איז אַן אייפעלע. קוים א וואָך אַלט, — האָט כיענע זיך אָפּגערופן.

בוכמילער האָט איר פאַרן אייפעלע געגעבן א געל שטיקל סכוירע. דערנאָך האָט ער צעטיילט דעם אוילעם אַף צענדליקער, אין דער שפּיץ אוועקגעשטעלט א „צענטלער" פון די מיכטיקסטע געוועזענע קאָלווירטניקעס.

— אלזאָ, די עלטסטע פון יעדער צענדליק מוזן גלײַך אַרײַן צו מיר נאָך אָנווײַזונגען װעגן זײערע פליכטן, — האָט בוכמילער אױסגערופן. — אַלע איבעריקע זײַנען פרײַ ביז זיבן אַזײגער אינדערפרי. צו דער דאָזיקער צײַט מוזן זײ קומען פּינקטלעך אַהער, קעדײ אױועקגעשיקט צו װערן אױף דער אַרבעט. קלאָר?

■

װילי בוכמילער איז אַרומגעגאַנגען איבער מיאַדלער און צונױפגעקליבן דעם אינװענטאַר, װאָס איז געבליבן אױפן קאָלװירטישן הױף און בײַ די קאָל־װירטניקעס. אַחוץ אַקערס, זײעלקעס, באָראָנעס זײַנען געװען פערד מיט פורן, װעלכע האָבן ניט באַװיזן אַריבערצוכאַפּן זיך איבער דער „פּערעפּראַװע", דאָס אַלץ האָט ער באַשטימט אױסנוצן אין דער ערשטער רײ אױף אַראָפּצונעמען די דורכאַקער־קולטורן, װעלכע זײַנען געבליבן אין פעלד, און אופאַקערן ערד פאַר דער קומענדיקער גערעטעניש.

לױט זײַן כעזשבן, איז דאָ נאָך פאַרבליבן היפּש ברױט. ער האָט עס גע־װאָלט ניט אָפּגעבן דער דײַטשישער מאַכט, נאָר נעמען פאַר זיך.

אױף אַראָפּצונעמען די קוקורוזע און די זונרױזן האָט ער באַפױלן שיקן פרױען, אַלטע לײַט, קינדער, און אױף אַקערן האָט ער אָפּגעקליבן די שטאַר־קערע מענער.

צוגעפאָרן צו דער קוקורוזע, האָט ער מיט ביטל אַ זאָג געטאָן צום אױלעם:

— נו, איר קענט זיך פאַרװעטן, װער ס'װעט גיכער און בעסער אַרבעטן.

דער אױלעם האָט אָן כײשעק אָנגעהױבן אַראָפּנעמען די פּשעניטשקעס פון די שטענגלעך און צונױפװאַרפן זײ אין אַ קופּע.

— שנעלער! שנעלער! — האָט ער אָנגעהױבן אונטערטרײַבן די הינטער־שטעליקע. נאָכדעם איז ער צוגעגאַנגען צו די עלטסטע און געהײסן אַכטונג געבן אױף זײערע מענטשן, מע זאָל אַרבעטן געװױסנהאַפט.

— װער ס'װעט בעסער אַרבעטן, דער װעט בעסער לעבן, — האָט ער פאַרן אָפּפאָרן אין מיאַדלער געמאָלדן.

אין אַ פּאָר שאָ אַרום, װען ער האָט זיך װידער אומגעקערט צום דורכ־אַקער־קלין, האָט ער באַמערקט, אַז אַ סאַך פּשעניטשקעס זײַנען צעװאָרפן איבערן פעלד און אַ סאַך זײַנען געבליבן הענגען אױף די שטענגלעך.

— פאַר אַזאַ אַרבעט װעל איך די קעפּ אַראָפּנעמען, — איז בוכמילער גע־װאָרן אופגעבראַכט.

ערגעץ פון װײַטן האָט זיך דערהערט אַ געװײן פון אַ קינד. בוכמילער האָט, אָנשטעלנדיק די אױערן, זיך אָנגעהױבן אײַנהערן. אױפן ברעג פון קלין איז געזעסן כיענע און געזײגט דאָס קינד.

— װאָרום אַרבײַטסט דו ניכט? — איז בוכמילער אַ צעקאָכטער צוגע־שפּרונגען צו איר.

— דאָס קינד װערט צעריסן, פון גאַנצפרי װערט עס אױף קײן רעגע ניט

אנשווייגן, — האָט זי זיך אָנגעהויבן קלאָגן. — ווי צו מײַן פינצערן מאזל, וואָס הייבט מען אָן צו טאָן?..

— לייג עס אוועק, ס'וועט גאַנץ זײַן!.. ס'וועט שרײַען, ביז ס'וועט זיך איבערשרײַען, — האָט בוכמילער אָנגעהויבן רײַסן בא איר דאָס קינד פון די הענט. — בא מיר דאַרפסטו אַרבעטן און גאָר!

— נעם צו דײַנע קויטיקע הענט פון מײַן קינד! — האָט כיענע א געשריי געטאָן ניט מיט איר קאָל. — וועסט ניט אָפּרײַסן מײַן קינד פון מיר, כ'וועל פריִער דיר דעם גאָרגל איבערבײַסן.

טרייסלענדיק זיך פון רעציכע, האָט בוכמילער א שמיץ געגעבן מיטן שווערן קאַנטשיק איבער כיענעס קאָפּ.

כיענע איז אַנידערגעפאַלן. איידער בוכמילער האָט באַוויזן א שלײַדער טאָן דאָס קינד, זײַנען צוגעלאָפן עטלעכע פרויען, האָבן בוכמילערן, אומ־געוואָלגערט אויף דער ערד און אָנגעהויבן טרעטן מיט די פיס. בוכמילער האָט מיט אַלע קויכעס זיך געפּרוווט אַרויסרײַסן, נאָר די ווײַבער האָבן אים נאָך שטאַרקער אָנגעהויבן נערענגן.

— א ניכפּע אויף דיר, קוילער! — א דונער זאָל דיך דערשלאָגן! בלוטיקער גאַזלען!

אָנגענערעגט בוכמילערן, זײַנען די פרויען זיך צעלאָפן, און ער איז א צעבײַלטער געבליבן ליגן אויפן פעלד.

■

ווילי בוכמילער איז געקומען אהיים א צעמאַזיקטער. ס'איז אים געווען א ווייטעק און א ביזאָיען, וואָס אים, דעם באַלעבאָס פון מיאַדלער, האָבן אזוי צעהאַרגעט עטלעכע ייִדענעס. איבערגעבן וועגן דעם אין קאָמענדאַטור, מ'זאָל מיט זיי זיך אָפּרעכענען, האָט זיך אים ניט געוואָלט, ווײַל פריִער פאַר אַלץ איז דאָס פאַר אים אליין א שאַנד. ער האָט, אייגנטלעך, געקענט אליין אופהענ־גען די שולדיקע, נאָר ער האָט מוירע געהאַט, דער אוילעם זאָל זיך ניט נוקעם זײַן אין אים. ווי־ניט־ווי זײַנען אין מיאַדלער נאָך געבליבן אייניקע דרייסטע און אַנטשלאָסענע מענטשן. כוץ דעם קענען די היגע אײַנוווינער אים נאָך נוצן ברענגען. און וואָס וועט ער האָבן, אז ער וועט זיי אופהענגען?

אויף מאָרגן האָט ער אַרויסגערופן צו זיך די עלטסטע און געמאָלדן זיי, אז ער האָט ראַכמאָנעס אויף די מיאַדלער אײַנוווינער און ער וועט זען, אז וועגן דעם נעכטיקן שענדלעכן פאַקט זאָל די דײַטשישע מאַכט ניט וויסן. אָבער אזוינס זאָל זיך מער ניט איבערכאַזערן.

— איך וועל זיך באַמיִען, — האָט ער געזאָגט, — צו איבערצײַגן די פאָר־שטייער פון דער דײַטשישער מאַכט, אז די מיאַדלער זײַנען „נוצלעכע יודען", ערדאַרבעטער, און זייערע מאַמעס און זיידעס זײַנען געווען ערדאַרבעטער,

וואָס האָבן זיך געלערנט בא די פון דײַטשלאַנד געבראַכטע מוסטערווירטן...

בוכמילער האָט געהאַט בעדייע נאָך עפּעס צו זאָגן, נאָר מאַריאַשע האָט אים איבערגעשלאָגן:

— וואָס דערציילסטו אונדז באָבע־מײַסעס, וואָס האָסטו זיך מיטאַמאָל דערמאָנט, אַז אײַערע דײַטשן האָבן אונדז געלערנט אַרבעטן. און צו וואָס האָט מען אײַך געדאַרפט ברענגען לערנען אונדז, וואָסי, אין רוסלאַנד זײַנען קיין גוטע ערדאַרבעטער ניט פאַראַן, און וואָס פאַר א שײַכעס האָט עס צו דעם, וואָס דו ביסט ווי א ווילדע כײַע אַרופגעפאַלן אַף כיענעס איפּעלע... דו ווייסט, וואָס הייסט א מוטער? א מוטער האָט דאָך אויך דיך געבוירן, אויסגעניאַנטשעט... וואָס וואָלט דײַן מוטער געטאָן, ווען עמעצער פאַלט אָן אַף איר קינד, ווי דו ביסט אַף כיענעס קינד אָנגעפאַלן?

— בא מיר איז די דאָזיקע פרוי ניט קיין מוטער, — האָט ער געענטפערט. — כ'דאַרף זי ניט פאַר קיין מוטער און דאַרף ניט אירע קינדער, כ'דאַרף, זי זאָל אַרבעטן! נאָר מיט גוטער, ערלעכער אַרבעט קענט איר דערווײַזן, אַז איר זײַט נוצלעכע יודען. דאַן וועל איך זיך קענען אָנעמען פאַר אײַך. וועט איר ווידערשפּעניקן, מיסברויכן מיט מײַן גוטן ווילן, וועט פאַר אײַך זײַן ערגער. קלאָר? מאָרגן גאַנצפרי גייט איר אַרויס אַף דער אַרבעט, ווי געוויינלעך. נומער אַכצן און נומער פיר און צוואַנציק וועלן אַקערן. אַלע איבעריקע נומערן וועלן אַראָפּנעמען די קוקורוזע. סאָף טאָג דאַרפן נומער אַכצן און נומער פיר און צוואַנציק ברענגען אַף א מאַזשאַרע די פּשעניטשקעס[1] צו מיר אין בונקער. אַלע עלטסטע דאַרפן איבערגעבן זייערע מענטשן, אַז ווער ס'וועט נעמען כאָטש איין פּשעניטשקע, וועט שטרענג באַשטראָפט ווערן.

■

אַלע מיאַדלער האָבן געאַרבעט אין פעלד ביז אין ווינטער אַרײַן. אַף דער אופגעאַקערטער ערד האָבן זיך שוין אינדערפרי אָנגעהויבן באַווײַזן פראָסטפלעקן, וועלכע פלעגן קעגן דער זון צעגיין. ווינטן האָבן געבלאָזן, געטריבן קנײַלכלעך קורײַ איבערן פעלד. די גראָזן האָבן געגעלט איינזאַם, געשאָקלט זיך, אָפּטרייסלענדיק די טראָפּנדלעך וואַסער פון די צעגאַנגענע באַגינענדיקע שנייִיקע שפּורן. אפן מוטנעם צעבויטעטן הימל האָבן זיך געקנוילט גרויע וואָלקנס, וועלכע פלעגן פון ערגעץ אָנפליִען און טייקעף פאַרשווינדן.

די מיאַדלער האָבן זיך דערפילט נאָך עלנטער און איינזאַמער. בא א פאַרוואָגלטער מאַמען האָט געבלוטיקט דאָס האַרץ נאָך איר קינד, מיט וועלכן זי

---

[1] קוקורוזע.

איז צעשײדט געװאָרן. באַ אַ װײַב נאָך אַ מאַן, באַ אַ שװעסטער נאָך אַ ברודער, און דער גורל פֿון אומקום האָט געלױערט אַף יעדן טריט און שריט.

פֿון טאָג צו טאָג איז געװאָרן אַלץ קעלטער און קעלטער. בוכמילער האָט אַלע גאַנצפֿרי געװעקט די עלטסטע און געפֿאָדערט, זײ זאָלן שיקן מענטשן אין פֿעלד אַראָפּנעמען ביז אײן פּשעניטשקע, ס'זאָל גאָרנישט ניט בלײַבן אונטערן שנײ.

די אױסגעצערטע און אױסגעהאָרעװעטע מענטשן האָבן אָנגעהױבן פֿאַלן. מאַריאַשע, מאָרדכע סװידלער און װעלװל מאָניעס האָבן עטלעכע מאָל געהאַט געעפֿנט דעם גרוב פֿונעם געװעזענעם סילאָס־טורעם, גענומען פֿון דאָרטן ברױט און צעטײלט עס שטאַרק געהײם דעם אױלעם. אײניקע האָבן אַ ביסל אָפּגעלעבט, אָבער די מער אָפּגעשװאַכטע האָבן שױן צו זיך ניט געקאָנט קומען.

בוכמילער האָט זײ אָפּגעשיקט אין קאָמענדאַטור, פֿונדאַנען האָבן זײ זיך שױן ניט אומגעקערט. קעדײ צו פֿאַרהיטן פֿאַר זײַן באַלעבאַטישקײַט די מער קרעפֿטיקע מענטשן, האָט ער אין זײַנע מיטײלונגען אָנגעװיזן, אַז זײ זײַנען שױן „געשטאָרבן".

נאָר סײַװי האָבן די צײַטװײַליק ניצל געװאָרענע געװוּסט, אַז דער מאַלעך־האַמאָװעס לױערט איבער זײ, אַז יעדער רעגע קאָן מען זײ אױך ערגעץ אַװעקפֿירן און זײ װעלן שױן אַהער זיך ניט אומקערן.

קײנמאָל האָבן נאָך די װינטן, װעלכע האָבן געבלאָזן איבערן סטעפּ, ניט געװױעט אַזױ טרױעריק־עלנט. אין די הײַזער איז געװען קאַלט. אַף צונױפֿשאַרן אַ ביסל קורײַ און אױסצוהײצן איז נאָך דער שװערער אַרבעט אין פֿעלד שױן קײן קױעך ניט געװען. פֿלעגט מען זיך טױט־מידע אַזױ אַ װאַלגער טאָן, װי ס'האָט זיך געמאַכט, און װי־ניט־איז דורכשלאָפֿן.

אין אײנעם פֿון די טעג איז מאַריאַשע אָן אָנגעהאָרעװעטע געקומען אַהײם און, ניט דערװאַרטנדיק זיך אַף עסטערן, װעלכע האָט די לעצטע צײַט געװױנט באַ איר, זיך צוגעלײגט אָפּרוען און איז אײַנגעשלאָפֿן. אױפֿגעכאַפּט האָט זי זיך אין אַ פּאָר שאָ אַרום. ס'איז שױן געװען שפּעט באַנאַכט.

עסטער איז געקומען, האָט זיך אױך געלײגט שלאָפֿן, נאָר דער שלאָף האָט זי ניט גענומען. באַמערקנדיק, אַז מאַריאַשע האָט זיך אױפֿגעכאַפּט, האָט זי אַ פֿרעג געגעבן:

— װעסט עפּעס עסן?

— אַ דאַנק, כ'האָב זיך אַזױ אָנגעהאָרעװעט, אַז כ'בין אַנידערגעפֿאַלן װי אַ געהאַרגעטע, כ'בין, קענטיק, לאַנג געשלאָפֿן, און כ'האָב געזען אַזאַ שײנעם כאָלעם... איך גײ אַזױ דורך אונדזער הױף, פֿאַרבײַ דער קלוניע, און לעבן אײנעם אַ בױם שטײט עזרע. ער שמײכלט צו מיר.

— װאָס טוסטו דאָ? — פֿרעג איך אים.

— איך װאַרט אַף דיר, מאַריאַשע, — ענטפֿערט ער מיר, — מיר האָבן דאָך אָפּגערעדט זיך צו טרעפֿן דאָ.

— יאָ, מיר האָבן טאַקע אָפּגערעדט, נאָר דו ביסט דאָך אַװעקגעפֿאָרן אַף דער מילכאָמע.

— איך בין שוין צוריק געקומען... איך וויל דיר זאָגן...
פון די פּײַפּעלעך, מיט וועלכע די ביימער זײַנען געווען באַשאָטן, זײַנען מיטאמאָל געוואָרן געלינקע בלימעלעך און די בלימעלעך האָבן אָנגעהויבן בלענדן מיט א גאָלדשימער. ארום איז געוואָרן אזוי ליכטיק, ווי אָן א שיר זונען וואָלטן מיטאמאָל זיך צעשײַנען. עזרע שטייט א צעשטראַלטער. איך גיי צו צו אים. ער נעמט מיך ארום און הייבט מיר אָן שעפּטשען אפן אויער. ער האָט באַוויזן צו זאָגן מיר בלויז צוויי ווערטער, און איך האָב זיך אופֿגעכאַפּט.
— ווער ווייסט, ווּו ער איז, מײַן עזרע. צי וועלן מײַנע אויגן נאָך דערלעבן ווען־עס־איז צו זען אים? — האָט עסטער א זיפץ געטאָן.
— איך האָב זיך טאַקע געדאַרפט מיט אים באַגעגענען אין דעם טאָג, ווען די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן. כ׳וואָלט אויך וועלן דערלעבן זען אים א לעבעדיקן... — האָט זיך אָפּגערופן מאַריאַשע. — ווען די בייזע שאָ וואָלט אָנגעקומען א ביסעלע שפּעטער, וואָלטן מיר כאָטש באַוויזן זיך דורכריידן... ער האָט מיר, קענטיק, געדאַרפט עפּעס זאָגן...
מאַריאַשע איז אנשוויגן געוואָרן און געוואַרט, עפּשער וועט איר עסטער דערציילן, וואָס ער האָט איר געוואָלט זאָגן.
— וואָס האָט ער דיר געקאָנט זאָגן? ער האָט מיסטאמע געוואָלט מיט דיר זיך דורכריידן. אמאָל האָט איר דאָך שפּאַצירט אינייִנעם... — האָט עסטער זיך אָפּגערופן. — זײַן פרוי איז נאָך פאַראַיאָרן געשטאָרבן פון א קימפּעט... דאָס קינד איז לעבן געבליבן און איז ערגעץ בא דער באָבען.
— א ראַכמאָנעס טאַקע, — האָט מאַריאַשע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, — ווער איז זי געווען, זײַן פרוי?
— כ׳האָב זי קיינמאָל ניט געזען, עזרע האָט געזאָגט, אז זי איז געווען א לערערן... כ׳האָב שוין וויפל מאָל געטראַכט, ווען דו וואָלסט ניט געהאַט קיין מאַן מיט קיין קינד, וואָלט איר עפּשער כאַסענע געהאַט, — האָט עסטער ניט זיכער א זאָג געטאָן.
— כ׳האָב אים סײַווי ביז איצט ליב...
— און דער מאַן?
— דער מאַן איז א פאָטער פון מײַן קינד. נאָר עזרען קען מיר קיינער ניט פאַרבײַטן.
— און עזרע האָט געוווּסט דערפון?
— ווי האָט ער געקאָנט וויסן, אז מיר האָבן זיך אזוי לאַנג ניט געזען. ס׳קאָן זײַן, אז ווען מיר וואָלטן זיך באַגעגנט, וואָלט ער מיר פאָרגעלייגט אוועקפאָרן מיט אים.
— איך בין עפּשער אויך שולדיק אין דעם, וואָס דו ביסט ניט געוואָרן מײַן שנור, — האָט עסטער פּלוצעם א זאָג געטאָן. — איך געדענק, דײַן מאַמע פלעגט מיך בעטן איבערגעבן אים גרוסן, נאָכפרעגן זיך. נאָכדעם איז זי עפּעס אָפּגעקילט געוואָרן.
— זי האָט געוואָלט, איך זאָל זײַן מיט איר, — האָט מאַריאַשע איבערגעשלאָגן, — זי האָט מיך מוירע געהאַט אָפּלאָזן פון דער היים.

— ס'איז קיין אוולע ניט, אויב זי האָט געוואָלט, דו זאָלסט זײַן לעם איר. וויפֿל טעכטער האָט זי עם?

— ווען איך האָב כאַסענע פֿאַר עזרען, וואָלט אַלץ געווען גאָר אַנדערש, — האָט מאַריאַשע אַ קרעכץ געטאָן. — ס'פֿאַרדריסט נאָר, וואָס עזרע וועט קיינמאָל ניט וויסן, ווי איך האָב אים ליב געהאַט.

— און דו האָסט דערציילט דײַן מוטער דערפֿון? — האָט עסטער אַ פֿרעג געגעבן.

— ס'לוינט שוין ניט צו ריידן וועגן דעם, וואָס ס'וועט זיך קיינמאָל ניט אומקערן, — האָט מאַריאַשע אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

אין דער דרויסנדיקער טיר האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט.

— ווער איז דאָס? — האָט מאַריאַשע אַ דערשראָקענע אַ פֿרעג געגעבן.

— עפֿנט אויף, — האָט עמעצער אויף רוסיש זיך אָפּגערופֿן. — ס'איז סווידלערס כאַווער.

— וועלכער סווידלער?

— דאָס איז ניקאָלײַ אַכרימטשוק, — האָט יענער זיך אָפּגערופֿן.

מאַריאַשע האָט געעפֿנט די טיר און מיט ברייט פֿאַנאַנדערגענומענע אויגן באַטראַכט דעם ארײַנגעקומענעם. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ברוינער סוויטקע, אין אויסגעקרימטע שטיוול. דאָס פּנים איז געווען באַוואַקסן מיט אַ געדיכט קײַלעכדיק בערדל. נאָר די בלוילעכע אויגן האָבן מאַריאַשען עפּעס דערמאָנט.

— איר דערקענט ניט? — האָט ער אַ פֿרעג געגעבן.

— קימאַט ווי ניט, — האָט מאַריאַשע געענטפֿערט.

— און איך האָב אײַך גלײַך דערקענט. איך בין אַכרימטשוק.

— מיר האָבן ארויסגעקוקט אויף אײַך די גאַנצע צײַט, און איר זײַט ווי אין וואַסער ארײַנגעפֿאַלן... איר זײַט מיסטאָמע הונגעריק?

מאַריאַשע האָט ארויסגענומען פֿון קעסעלע אַ ביסל ווייצענע קאַשע און געבעטן דעם גאַסט גיין צום טיש.

דער געקומענער האָט אָנגעהויבן עסן, פֿאַנאַנדערפֿרעגנדיק זיך, וואָס הערט זיך דאָ.

— כ'האָב די גאַנצע צײַט ניט געקענט ארויסרײַסן זיך צו אײַך, — האָט ער זיך ווי פֿאַרענטפֿערט. — רופֿט ארײַן סווידלערן, וועל איך אײַך אַלץ דערציילן. נאָר פֿאָרזיכטיק, קיינער זאָל אײַך ניט באַמערקן.

■

מיט דער הילף פֿון באַקאַנטע גריכן־קאָלאָניסטן, וועלכע האָבן געוווינט ניט ווײַט פֿונעם שאַכטן־יישעוו, וווּ עס האָבן זיך געפֿונען אַכרימטשוקס עלטערן, האָט ער געמאַכט דאָקומענטן פֿאַר מאַריאַשען און פֿאַר סווידלערן,

קעדיי זיי אַרויסצופֿירן צום אָרט, ווו עס געפֿינט זיך דער פּאַרטיזאַנישער אָטריאַד.

— כ'וועל אין ערגעץ פֿונדאַנען ניט גיין. וואָס ס'וועט זײַן מיט אַלעמען, וועט זײַן מיט מיר... ווי קען איך איבערלאָזן... די מוטער פֿון... — האָט מאַריאַשע אָנגעוויזן אַף עסטערן. — ווי קען איך איבערלאָזן די, מיט וועלכע כ'האָב אָפּגעלעבט און אָפּגעאַרבעט אַ לעבן.

— וואָס דאַרפֿסטו צוליב אונדז אומקומען, אַז דו קענסט זיך ראַטעווען, — האָט עסטער זי אָנגעהויבן אײַנריידן, — אַז דו וועסט שוין דאָ בלײַבן, וועט אונדז דען גרינגער ווערן?

— מיר וועט זײַן זייער שווער, אַז כ'וועל ניט וויסן, וואָס דאָ טוט זיך, אַז כ'וועל ניט טראָגן די לאַסט אײנײנעם מיט אײַך, — האָט מאַריאַשע אָפּגעענטפֿערט.

— אויב מיר וועלן אומקומען, וועט אונדז שוין זײַן אַלציינס, צי דו וועסט זײַן מיט אונדז, צי ניט, — האָט עסטער געזאָגט, — אַז דו וועסט זיך ראַטעווען, וועסטו עפּשער דערלעבן זען דײַן קינד, וועסט באַגעגענען מירצעשעם עפּשער עזרען.

— עפּשער איז זי טאַקע גערעכט? — איז מאַריאַשען אַ ווײַלע דורכגעלאָפֿן אַ געדאַנק. — אָבער אַוועקגיין און לאָזן די מענטשן פֿון מיאַדלער אַף הפֿקר האָט זי ניט געקענט. — זאָל סווידלער דערווײַל גיין, — האָט זי געזאָגט, — ער וועט דאָרטן עפּשער באַוואָרענען, מ'זאָל נאָך מענטשן ראַטעווען, דאַן וועלן מיר זען.

ווען ס'איז געוואָרן פֿינצטער, האָבן סווידלער און אַברימטשוק זיך צע־זעגנט מיט מאַריאַשען און זיך געלאָזט אין וועג.

■

אַ פּאָר וואָכן האָט שימען כאָדאָש מיט זײַן טייל זיך געפּרוּווט אַרויסרײַסן פֿון דער פֿײַנטלעכער אַרומרינגלונג. דער טייל איז פֿון טאָג צו טאָג געוואָרן אַלץ שוואַכער, דאָך האָט ער ניט אויפֿגעהערט צו רײַסן זיך אַף מיזרעך.

אײַנהיטן זיך ווי אַ טייל אין טיפֿן הינטערלאַנד פֿון דעם סוינע איז גע־וואָרן אוממעגלעך. דעריבער האָט די קאָמאַנדשאַפֿט באַשלאָסן שאַפֿן עטלעכע גרופּעס און פֿאַנאַנדערגיין זיך אין פֿאַרשיידענע ריכטונגען.

נאָך אַ ריי שלאַכטן זײַנען פֿון די גרופּעס געבליבן גאָר ווייניק מענטשן. האָט מען זיך גענומען אײַנאָרדענען אין די אַרומיקע דערפֿער. ווער אַלס אַ היימלאָזער קאָרעוו און ווער אַלס אַ מאַן.

שימען האָט זיך געפּרוּווט דורכרײַסן אַף מיזרעך. אַ פֿאַרוואַקסענער, אין צעריסענע, פֿאַרשמאָלצענע פּויערשע בגאָדים, מיט אַ טאָרבע אַף די פּלייצעס

און מיט אַ גרויסן שטעקן, איז ער געגאַנגען אײַנגעהויקערט מיט זײַטיקע וועגן. זײַן הוילעך און זײַן נײַער צונאָמען דאַנילאָ פּראָקאָפּענקאָ האָבן אים גוט פֿאַרשטעלט, און קײנעם פֿון די, מיט וועלכע ער האָט זיך צומאָל געטראָפֿן אין וועג און וועלכע האָבן געזוכט אַ דאַך אַף איבערצונעכטיקן און אַ שטיקל ברויט מיט וואַסער צו שטילן דעם הונגער און דאָרשט, — קײנעם פֿון זײ איז ניט אײַנגעפֿאַלן, אַז דאָס גײט אַ געוועזענער קאָמאַנדיר פֿון דער רויטער אַרמײ.

די נעכט זײַנען שוין געווען קאַלטע. ס'האָט געשמעקט מיט פֿײַכטקײַט פֿון די האַרבסטיקע רעגנס, וועלכע האָבן אָפּט דורכגענומען די בײנער באַ די וואַנדערער.

אומעטיקע און פֿאַרלאָזטע זײַנען געבליבן די פֿעלדער פֿאַרבײַ די וועגן, מיט וועלכע שימען איז דורכגעגאַנגען. דאָ און דאָרט האָבן זיך געוואַלגערט פֿאַרשוואַרצטע קופּעס ניט קײן געדראָשענע טוווּעס. אָן אַ שיר מענטשלעכע פּיס האָבן צעטראָטן די פֿעלדער, אָן אַ שיר רעדער האָבן אָנגעמאָלן שטויב אַף די וועגן, אַף די בלעטער פֿון די שפּעטיקע גראָזן, אַף די סטערטעס שטרוי און אַף דער פֿאַרשוואַרצטער סטערניע.

די ניט לאַנג אויסגעגראָבענע ריוון און לעכער אַף די פֿעלדער זײַנען שוין טײלווײַז געווען צעשווענקט פֿון די רעגנס. די דערפֿער באַ וועגן זײַנען געווען פֿאַרברענט, די קינדער פֿאַריאָסעמט, די אַלמאָנעס פֿאַרוויינט, די מאַמעס פֿאַרצאָרנט. די שוועלן פֿון די אײנציקע גאַנץ געבליבענע הײַזער זײַנען געוואַקסן פֿאַרוואַקסן ביזן גאַרטל מיט גראָז. די פּאַליסאַדניקעס אויסגעהאַקטע, די פֿײגל־נעסטן אַף די גאַנץ געבליבענע בײמער זײַנען געווען לײדיקע. די אַקערס פֿאַרזשאַווערטע, דער הימל פֿאַרייכערט. די ערד, אַ באַוואַקסענע און אַ פֿאַרלאָזטע, האָט געבענקט נאָכן לעמעש, ווי אַ מאַמע נאָך איר זון.

כאָטש שימען האָט גערעדט אַף אַ זאַפּטיקער אוקראַיִנישער שפּראַך און האָט ניט אַרויסגערופֿן קײן שום כשאַד, פֿונדעסטוועגן איז ער געווען זײער געהיט. ווען מ'האָט אים אין אַ שטוב מעכאַבעד געווען מיט אַ שטיקל ברויט, פֿלעגט ער זשעדנע אונטערקלײַבן אַלע ברעקעלעך און אָפּדאַנקען ווי אַן עכטער גאָטספֿאָרכטיקער מענטש. אַן איבעריק מאָל צו ווײַזן זיך אַף די אויגן האָט ער אויסגעמיטן און איז פֿאָרזיכטיק מיט זײַטיקע וועגן געגאַנגען אַלץ ווײַטער און ווײַטער אַף מיזרעך.

שימען האָט נאָך קײנמאָל ניט געזען דעם סטעפּ אין האַרבסט אָן אײן אַקער־ליניע. ער האָט נאָך קײנמאָל ניט געזען, די סטעפּ־גראָזן זאָלן שטײן אַזעלכע טרויעריק־אײַנגעהויקערטע, די ווינטן זאָלן אַזוי וויען און דער הימל זאָל אַזוי וויינען.

אַן אויסגעמאַטערטער פֿונעם לאַנגן וועג, אַ הונגעריקער און אַן איבערגעפֿרוירענער, האָט ער פֿאַרקערעוועט ערגעץ אין אַ זײַט, קעדײ וו־ניט־איז אײַנבעטן זיך אַף נאַכטלעגער.

עס האָט שוין אָנגעהויבן טונקלען. שימען האָט אָנגעשטרענגט אַלע קוײכעס צו דערגײן, ביז ס'איז נאָך ליכטיק צו אַ וואָסער־ניט־איז יִישעוו.

ווי עס האָט אַרום ניט געלויערט די געפֿאַר, האָט ער זיך געמוזט ערגעץ אָפּשטעלן, ווײַל די פּיס האָבן אים שוין ווײַטער ניט געטראָגן.

ס'איז שוין געוואָרן רעכט פינצטער, ווען ער איז דערגאַנגען צו עפּעס א דאָרף.

לעבן טויער פון א גערוימער שטוב מיט ווײַסע אָפּגעבליאַקעוועטע ווענט האָט ער דערזען ניט קיין הויכן מענטשן אין אַן אויסגענייט ווײַס אוקראַיִניש העמד.

— א גוט אָוונט, — האָט שימען, א נייַ געבנדיק זיך צו אים, זיך גע־גריסט, — עפּשער קען מען בא אײַך איבערנעכטיקן?

— פונוואַנען גייסטו? — האָט דער באַלעבאָס, באַקוקנדיק שימענען פון קאָפּ ביז די פיס, א פרעג געגעבן.

— מ'האָט מיך מאָביליזירט גראָבן אָקאָפּעס, און איצט קער איך זיך אום אהיים, — האָט שימען זיך אָפּגערופן.

— פונוואַנען ביסטו?

— פון ווײַט, — האָט שימען א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אומבאַשטימט אָפּגעענטפערט.

דער באַלעבאָס מיט שימענען זײַנען אַרײַן אין שטוב.

— ווען פירסטו עס אהער? — האָט זיך דערהערט א שטימע פון א פרוי.

— א מענטש האָט ניט ווו איבערצונעכטיקן.

— דאַרפסטו פירן אהער אַלע שלעפּער, וואָס שלײַען זיך אַרום איבער דער וועלט?

— א מענטשן האָט מען פאַריאָגט פון דער היים אָקאָפּעס גראָבן, — האָט דער באַלעבאָס אָנגעהויבן באַרויִקן זײַן פרוי.

שימען האָט שוין געוואָלט אוועקגיין, נאָר דער באַלעבאָס האָט אים פאַר־האַלטן.

— וואָס איז בא דיר א שטיין צי א האַרץ? — האָט ער אָנגעהויבן זי מוסערן. — עפּשער וואַנדערט דײַן זון אויך אַזוי אַרום און האָט ניט ווו דעם קאָפּ צוצולייגן... וואָס ביסטו א מענטש צי...

שימען איז אַרײַנגעגאַנגען מיטן באַלעבאָס אין דער גערוימער שטוב. די זויבערקייט אין יעדער ווינקעלע האָט אים דערמאָנט אין דער פאַרמילכאָ־מעדיקער היימלעכקייט בא אים אין הויז.

דורך דער אָפענער טיר האָט ער דערזען רעכטס אין א ווינקל א צאַנקענ־דיק לעמפּעלע לעבן דעם בילד פון דער הייליקער מאַריִע און פוקט אַנטקעגן, צווישן עטלעכע פאַמיליע־פאָטאָגראַפיעס, איז געהאַנגען א בילד פון א שיינעם יונגן מאַנצבל אין א היטל מיט א קאָקאַרדע, מיט פּאָגאָנעס פון א צאַרישן אָפיצער.

די פאָטאָגראַפיע האָט בא שימענען אַרויסגערופן א כשאַד, עפּשער איז דאָס דאָזיקע הויז ניט פּאַסיק פאַר אים אַף נאַכטלעגער. אויב דאָ הענגט א בילד פון א צאַרישן אָפיצער, הייסט עס, אַז די באַלעבאַטים ווילן זיך אײַנקויפן אין יִיכעס בא דער דײַטשישער מאַכט. נאָר אוועקגיין ערגעץ איז ער שוין ניט געווען בעקויעך.

— וואָס סע וועט זײַן, וועט זײַן, — האָט ער געטראַכט. כאָטש אַף אַ ווײַלע אײַנשלאָפֿן אין אַ וואַרעמער רײנער שטוב, פֿאַרגעסן אַף אַ רעגע אַלץ, וואָס האָט מיט אים פּאַסירט.

די באַלעבאָסטע האָט אים דערלאַנגט אַ שיסל מיט וואַסער. דער באַלעבאָס האָט געגעבן אַ געטראָגן, נאָר אַ רײן העמד, ער זאָל זיך איבערטאָן. ווען ער האָט זיך אַ ביסל אײַנגעוואַשן, האָט די באַלעבאָסטע אַוועקגעשטעלט פֿאַר אים עסן. ווי ער איז ניט געווען אויסגעהונגערט, האָט דער שלאָף גענומען איבער אים די אויבערהאַנט און ער האָט זיך, ווי אַ שטײן, אַ וואַלגער געטאָן.

אין שלאָף האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז די מאַמע זיצט לעבן אים און דורכן פֿענצטער הערט זיך אַ געזאַנג:

„וואָרקען טויבן צוויי,
וואָרקען טויבן צוויי.“
נאָר פּלוצעם האָט ער דײַטלעך דערהערט דײַטשישע קלאַנגען.
באַ שימענען האָט אַ טיאָכקע געגעבן דאָס האַרץ:

— דײַטשן! — האָט ער, אויפֿשפּרינגענדיק פֿון געלעגער, אַ טראַכט געטאָן. — מ׳דאַרף זיך אָפּטראָגן, ביז עס איז ניט שפּעט. אָבער ווי אַנטלויפֿט מען? דורכלויפֿן איז געווען געפֿערלעך, ווײַל מ׳קאָן אים באַמערקן. דאָ וועט ער זיך שוין פֿון די פֿאַשיסטישע נעגל ניט אַרויסרײַסן.

לאַנג ניט געטראַכט, האָט שימען אויפֿגעפּראַלט דאָס פֿענצטער פֿונעם צימערל, ווו ער איז געשלאָפֿן, איז אַרויסגעשפּרונגען און זיך געלאָזט לויפֿן דורך די הויפֿן צום וועג, מיט וועלכן ער איז אַהער אָנגעקומען.

פֿון דעם טאָג האָט שוין שימען מער אין קײן הויפֿן ניט פֿאַרקערעוועט און גענעכטיקט, ווו עס האָט זיך געמאַכט: אונטער אַ סקירדע שטרוי, אַף אַ קופּקע קורײַ אונטערן פֿרײַען הימל און אַמאָל ערגעץ אין אַ פֿאַרוואָרפֿענעם שײַער.

ס׳איז געווען קאַלט און פֿײַכט פֿון די האַרבסטיקע רעגנס, וועלכע האָבן אָפּטער און אָפּטער געגאָסן. אַף די וועגן און אומוועגן האָבן אים זיך אָנגעטראָפֿן מענטשן מיט פֿאַרצאָרנטע פּנעמער און פֿאַרטרויערטע אויגן. וויפֿל מאָל האָבן אים געווונקען פֿײַערלעך און גערופֿן צו זיך אין די הײַזער. וויפֿל יישובֿים גייט ער פֿאַרבײַ און וויפֿל קומען אים אַנטקעגן. וווּהין ער וואָלט ניט פֿאַרקערעוועט, אומעטום וואָלט געוואַרט אַף אים אַ וואַרעמער געלעגער, אַ שטיקל ברויט און נאָך עפּעס וואָס אָפּצועסן, צו דערהאַלטן די נשמה. אָבער נאָך דעם פֿאַל, וועלכער האָט אים שיר דאָס לעבן ניט געקאָסט, האָט שימען זיך שוין מער אין קײן דערפֿער ניט אָפּגעשטעלט.

גייענדיק אזוי א מידער און א דערשלאָגענער, האָט שימען זיך איין מאָל פארהאלטן ארום א סטעפּ־טײַכל זיך אײַנוואשן. דערזעענדיק זיך אין שפּיגל פון טײַך, איז ער נישטוימעם געוואָרן: זײַן פּאָנעם איז געווען פארשווארצט, אויסגעדארט, באוואקסן. גוט, וואָס איך בין שוין ניט ענלעך אף זיך, — האָט ער א טראכט געטאָן. — די אייגענע מאמע וואָלט מיך שוין אויך ניט דערקענט.

וואָס מער שימען האָט זיך אָנגעהויבן דערנעענטערן צו די אייגענע קאנטן, אַלץ מער האָט ער געטראכט פון זײַן מוטער, פון זײַן פרוי, פון די קינדערלעך. ווער ווייסט, צי זיי האָבן באוויזן באצײַטנס ארויספאָרן, און אויב זיי זײַנען געבליבן אף אָן אָרט, צי וועט ער זיי טרעפן...

די דאָזיקע געדאנקען האָבן אים געטריבן, געיאָגט. ס'האָט זיך אים גיכער געוואָלט דערוויסן דעם גורל פון זײַנע אייגענע און נאָענטע. אניט, וואָלט ער דאָך זיכער אפילע ניט פארקערעוועט אהיים און וואָלט געזוכט א וועג ווי שנעלער זיך דערקלײַבן צו דער פראָנט־ליניע און ווי אום יעדן פרײַז אריבערגיין צו די אייגענע.

וואָס מער ער האָט זיך דערנעענטערט צו די אייגענע קאנטן, אַלץ שטארקער האָט ער דערפילט, ווי די ערד ווערט אים עפּעס לײַכטער אונטער די פיס. פונעם רייעך, וואָס האָט ארויסגעהויכט פון אירע פרוכטבארע גרונטן, איז אים עפּעס געוואָרן ווארעמער אף דער נעשאָמע. די גראָזן אין סטעפּ האָבן אים אויסגעזען אייגענע, ליבע. מיט זיי איז ער אונטער איין זון, אונטער איין הימל געוואקסן. די פייגל, וועלכע האָבן זיך אומרויִק געטראָגן פון איין אָרט אפן צווייטן, זײַנען דאָך אויך געבוירן אף די ביימער, וואָס וואקסן דאָ אף דער ליבער ערד. ווּהין זיי זאָלן ניט אוועקפליִען, וועלן זיי זיך אומקערן אהער. אָט דאָ האָבן זיי זיך געדרייט אין ווײכערדיקע כאסענעס. אָט דאָ האָבן זיי געזונגען, געלעבט אין פרייד און אין דאכקעס, אין אומגליק און גליק, און טײַערער פון דער ערד איז גאָרנישט ניטאָ בא זיי אף דער וועלט.

עס האָבן אָנגעהויבן קומען אנטקעגן נעמען פון באקאנטע ייִשוּווים און סטאנציעס, לויט וועלכע ס'איז שוין גרינג געווען צו באשטימען דעם מעהאלעך ביז דער היים. און אָט איז ער צוגעגאנגען צו דער קאָבילנער באלקע. ווען ער האָט זיך אופגעהויבן ארוף בארג, האָט ער לינקס דערזען די גראפסקויער ווינטמיל. אירע מעכטיקע פליגלען זײַנען געווען פארגליווערט. רעכטס האָט ער דערזען די זאמדגריבער, ווּהין ער פלעגט פאָרן נאָך רויטער ליים אף יאָמטעוו, ווען די מאמע פלעגט דארפן אונטערקאנטעווען די ווענט. אנטקעגן האָבן געקוקט אף אים די פּעטערקאָווקער מאָהילעס. עפּעס האָבן זיי איצט אויסגעזען העכער, ווי אַלעמאָל.

אין דרויסן האָט שוין אָנגעהויבן צופאלן די נאכט. אפן הימל האָבן זיך אָנגעהויבן באווײַזן איינצלנע שטערנדלעך. נאָר מיטאמאָל האָט א געדיכטער וואָלקן פארצויגן דעם הימל און אַלץ איז דערטרונקען געוואָרן אין דער שטאָקפינצטערניש.

שימען האָט זיך אָפּגעשטעלט און אָנגעהויבן זיך ארומקוקן: אזא פינצטערניש האָט ער נאָך אין פעלד קיינמאָל ניט געזען. קיין שטראלכל שײַן

האָט זיך אין ערגעץ ניט באַוויזן. וויַיזט אויס, אַז אין מיאַדלער איז קיינער ניטאָ.

— גוט, וואָס אַלע זיַינען אַרויסגעפאָרן, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. — איז נאָך וואָס גיי איך אַהער? צו די פּוסטע ווענט? צו דער וויסטעניש?

דערשפּירט טריט, האָט ערגעץ יאָמערלעך זיך צעוווּיעט אַ הונט. ווי עלנט און טרויעריק ס'איז ניט געווען זיַין געהויל, האָט שימען אַ רעגע זיך עפּעס ווי דערפריִיט. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ריאַבטשיק איז נאָכגעלאָפן נאָך דער פור, ווען ער איז אַוועקגעפאָרן פון דער היים. איצט ליגט ער אַוודאי אַ פאַר־וואַרלאָזטער און קוקט אַרויס אויף זיַין באַלעבאָס.

שימען איז גיך דורכגעגאַנגען די פּוסטע טונקעלע גאַס פון מיאַדלער. דאָס געביל פון עם הונט, וואָס האָט זיך געהערט נאָך פון וויַיטן, איז פאַרשוווּנדן. מיט גיכע טריט איז ער צוגעגאַנגען צו זיַין שטוב. ריאַבטשיק האָט, דערהערנ־דיק טריט, זיך אַ כאַפּ געטאָן. אַ רעגע איז ער געשטאַנען אין פאַרלעגנהיַיט, ווי ער האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן — בילן צי ניט.

אַ שמעק געבנדיק דעם געקומענעם, האָט ער אַ שפּרונג געטאָן, אַרומ־געכאַפּט אים מיט די לאַפּעס, אָנגעהויבן סקאַווטשען, דרייען מיטן ווידל, לאַשטשען זיך און קריכן אין פּאָנעם, ווי ער וואָלט וועלן צעקושן זיך מיטן באַלעבאָס. שימען האָט צוגעדריקט דעם הונט צו זיך, מיט איין האַנט געגלעט אים, געלאַשטשעט און מיט דער צווייטער געקלאַפּט אין טיר און אין די פענצ־טער. נאָר קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן.

■

ווילי בוכמילער האָט באַקומען אַ פאַראָרדענונג פון דער קאָמענדאַטור אַרויסשיקן אין האַנטשעריכע מיטן עטאַפּ אַ נייַע פּאַרטיע מענטשן פון מיאַד־לער. אַזוי ווי ער האָט געוווּסט, אַז קיינער פון עטאַפּ קערט זיך שוין צוריק ניט אום, האָט ער זיך באַמיט אָפּקלייַבן די סאַמע שוואַכע, וועלכע דערלעבן שוין זייערע לעצטע טעג, קעדיי די געזינטערע, אַרבעטספּייִקערע לאָזן פאַר זיך. צווישן די אָנגעמערקטע איז אויך געווען עסטער כאַדאַש.

— איך וועל פאָרן מיט איַיך, — האָט, דערוויסנדיק זיך וועגן דער טרויע־ריקער ידיעה, געמאָלדן מאַריאָשע. — אָדער איר וועט בלייַבן מיט מיר, אָדער כ'וועל פאָרן מיט איַיך.

— ווער ווייסט, מאַריאָשע, וווּהין מ'פירט אונדז, — האָט עסטער, אַרויס־לאָזנדיק אַ קרעכץ, זיך אָפּגערופן.

די איינציקע האָפענונג איז בא מאַריאָשען געווען אויף אָכרימטשוקן און סווידלערן. זיי האָבן דאָך צוגעזאָגט אַרויספירן די מענטשן פון מיאַדלער. מאַריאָשע האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'איז ניט אַזוי פּראָסט צוצוגרייטן זיכערע ערטער פאַר אַזויפיל מענטשן. אַרויספירן זיי פאַר דער צייַט, איידער ס'איז אַלץ באַוואָרנט, איז דאָך געפערלעך. ווי־ניט־איז דאָ אויף אַן אָרט האָט דאָך

יעדערער מיט וואָס צו דערהאַלטן די נעשאָמע. ווי ס'איז ניט שווער איבערצו־טראָגן די ליידן פון בוכמילערס ווילקיר, איז ער דאָך פּאָרט פּאַרינטערעסירט צו פאַרהיטן זײַנע קנעכט. און אָט איז גאָר אַ פּאָדערונג צו ברענגען אַ קאָמענדאַטור אַ פּאַרטיע ייִדן. מאַריאַשע האָט זיך גיך אָנגעטאָן און איז אַוועק־געלאָפֿן צו בוכמילערן. דערזעענדיק זי אויף זײַן שוועל, איז ווילי אַ צופֿרידענער אַרויסגעגאַנגען איר אַנטקעגן.

— קום אַרײַן, קום אַרײַן! — האָט ער זי גאַסטפֿרײַנטלעך אײַנגעלאַדן. — ביטע שיין, קום אַרײַן!

בוכמילערן האָט שטאַרק געצויגן צו דער שוואַרצכיינעוודיקער פֿרוי, וועלכע האָט גראָד אין די שווערע טעג זיך אַזוי פֿאַנאַנדערגעבליט, נאָר ער האָט זיך באַמיט ניט אַרויסצווײַזן זײַן באַגער: זאָל זי פֿילן, אַז זי איז זײַנע אַן אונטער־טעניקע און איר גורל איז אין זײַנע הענט.

— וואָס פֿאַרלאַנגסטו, מאַריאַשע?

— איך בין געקומען צו דיר וועגן עסטער כאַדאַש.

— וועלכע עסטער כאַדאַש? נומער זיבן און צוואַנציק?

— וואָס מאַכסטו זיך נאַריש, קענסט ניט עסטערן? — האָט מאַריאַשע מיט פֿאַראַכטונג אַ קוק געגעבן אויף אים.

— כ'האָב פֿאַרגעסן די ייִדישע נעמען, באַ מיר איז זי נומער זיבן און צוואַנציק...

— און באַ מיר איז זי עסטער... דו שיקסט זי אַוועק מיט דער פּאַרטיע? איך וועל אויך פֿאָרן מיט איר... אַליין וועל איך זי ניט איבערלאָזן, אָדער זאָל זי בלײַבן דאָ מיט מיר, אָדער כ'וועל פֿאָרן מיט איר.

— וואָרום? דיזע אַלטע פֿרוי קאַן שוין קיין נוצן ניט געבן.

— אַז איך וועל אָפּגעשוואַכט ווערן, וועסטו מיך אויך אָפּשיקן אַהין, איז שוין בעסער צוזאַמען פֿאָרן.

— וועסט זײַן דאָ, וועסט אין ערגעץ ניט פֿאָרן, — האָט בוכמילער אַנט־שיידן געזאָגט און אַ כאַפּ געטאָן מאַריאַשען פֿאַר דער האַנט. נאָר זי האָט אים אָפּגעשטויסן.

— ביסט דאָך אַן אַריער, און איך בין אַ ייִדישקע. כ'וועל דערציילן...

— דו ביסט אַ גוטע, מאַריאַשע. ביסט די שענסטע פֿון אַלע ייִדישע פֿרויען, וואָס כ'האָב געזען... דו ביסט גאָר אַן אַנדערע, ביסט גאָר ניט ענלעך אויף אַ ייִדישקע... אויף וואָס דאַרפֿסטו די אַלטע?.. כ'וועל זי אַוועקשיקן, און דו בלײַב דאָ... אַז מ'וועט נאָכאַמאָל פֿאָדערן אַ פּאַרטיע ייִדן, וועל איך אָנשטאָט דיר אַוועקשיקן אַן אַנדער פֿרוי און וועל איך דיך אויסבאַהאַלטן, אָדער איך וועל גאָר זאָגן, אַז דו ביסט געשטאָרבן. גוט, מאַריאַשע?

מאַריאַשע האָט אַ שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ אויף ניין.

— וואָס הייסט ניט? ווילסט זיך ניט ראַטעווען? — האָט ווילי, קוקנדיק איר אין די אויגן, געפֿרעגט.

— וואָס ס'וועט זײַן מיט אַלעמען, וועט זײַן מיט מיר, — האָט זי שטאָלץ

געענטפערט. — פאר זיך בעט איך בא דיר גאָרניט, כ׳בעט נאָר, דו זאָלסט לאָזן עסטערן דאָ.

— ניין!.. דאָס איז אומעגלעך, כ׳וועל קיין געזונטן מענטשן ניט אָפּגעבן אָנשטאָט דער אַלטער... וואָס גייט דיר אָן עסטער, זי דאַרף דאָך שוין סײַווי שטאַרבן.

— כ׳בעט דיך, ווילי, לאָז זי איבער, זאָל זי זײַן כאָטש נאָך אַ ביסל מיט מיר.

— ניין! אויסגעשלאָסן! וואָס ביסטו עס פאר אַ בעטערן פאר איר געוואָרן?.. איר זון, דער גענעראַל, איז אַמאָל געווען דײַן כאָסן... אָבער דו ביסט דאָך אַ פאַרהייראַטע, און ער האָט דאָך אויך געווים אַ ווײַב... דו טראַכסט נאָך פון אים?.. סײַווי וועט ער זיך שוין פון דער מילכאָמע ניט אומקערן... דײַנעם וועסטו שוין אויך ניט זען.

— דאָס קאָן מען ניט וויסן.

— ניין, דאָס איז שוין זיכער... וועלן זיי אַרײַנפאַלן אין געפענקעניש, וועט מען זיי סײַווי פאַרניכטן.

מאַריאַשען האָט זיך געוואָלט אים אָנשפּײַען אין פּאָנעם. נאָר זי האָט זיך אָפּגעהאַלטן, עפּשער וועט זי פּאָרט פּויעלן בא אים דאָס, נאָך וואָס זי איז געקומען. זי האָט אים געפּרוּווט דערווײַזן, בעטן, נאָר ער האָט טעמפּ און פּאַראַקשנט געשאָקלט מיטן קאָפּ אָף ניין.

אַ צעבראָכענע און אַ פאַרביטערטע איז זי אַוועק אַהיים.

דערזעענדיק מאַריאַשען, האָט עסטער, אַ פאַרצאָרנטע און אַ פאַרוויינטע, געפרעגט:

— ווּ ביסטו געווען אַזוי לאַנג? מ׳פּירט אונדז טאַקע אַוועק?

מאַריאַשע האָט ניט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. זאָגן דעם עמעס — איז איר געווען שווער, און אויסבאַהאַלטן — האָט זי אויך ניט געטאָרט.

— וואָס קאָן איך וויסן? — האָט זי אומבאַשטימט געענטפערט.

— און איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט ערגעץ געגאַנגען.

— וואָס איז די פּועלע, אַז כ׳בין געגאַנגען? — מאַריאַשע האָט געוואָלט געפינען אַ טרייסטוואָרט פאר דער אַלטער. נאָר דער גרויל פונעם געדאַנק, אַז זי איז הײַנט אין שטוב נאַכט מיט עסטערן און מאָרגן וועט די אַלטע, קאָן זײַן, אומקומען, האָט אַזוי געדריקט אָף איר נעשאָמע, אַז ס׳האָט איר ווי אָפּגענומען דאָס לאָשן.

ערגעץ האָט אַ הונט אָנגעהויבן אַ יאָמערלעך געהויל. ער האָט געוווּיעט לאַנג און פאַרצויגן, ווי ער וואָלט פילן דעם אומגליק, וואָס רוקט זיך אַהער. דער האַרבסטיקער עלנטער ווינט האָט מיטגעקלאָגט, און עסטער מיט מאַריאַשען האָבן אין זיך געוויינט.

— כ׳וואָלט וועלן כאָטש מיט איין אויג אַ קוק טאָן אָף מײַנע קינדער, — האָט עסטער אָנגעהויבן. — צי דען האָב איך אָף אייביק געזעגנט זיך מיט שימענען, צי דען וועלן מײַנע אויגן שוין מער אים ניט אָנקוקן... צי דען האָט זיך דאָס לעצטע מאָל געוויזן פאר מיר מײַן עזרע און מער וועל איך אים שוין ניט זען?

אין דער באַנאַכטיקער שטילקייט האָט זיך דערהערט א קלאַפּ אין טיר.

— ווער קאָן דאָס זיין? — האָט עסטער א דערשראָקענע זיך א כאַפּ געטאָן. — צי דען איז מען שוין געקומען נאָך מיר?

זי איז צוגעלאָפן צו דער טיר און מיט א ציטעריק קאָל א פרעג געגעבן:

— ווער איז דאָס?

— עפן אוף, — האָט זיך דערהערט א באַקאַנט קאָל.

בא עסטערן האָט זיך דאָס האַרץ אָפּגעריסן.

— ווער איז דאָס? — האָט זי איבערגעפרעגט, ניט גלייבנדיק אירע אויערן.

— עפן אוף, דאָס בין איך!

מיט ציטעריקע הענט האָט עסטער אופגעעפנט די טיר. א רעגע איז זי געשטאַנען אַן אָפּהענטיקע. זי האָט בעשום־אויפן ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס איז דאָס — א פאַרבלענדעניש צי וואָר. דאָס קאָל פונעם מענטשן איז שימענס, אָבער דער אָנבליק איז עפּעס א פרעמדער.

— דערקענסט מיך ניט?.. דאָס בין איך, מאַמע, — האָט ער, אַרופוואַרפנדיק זיך עסטערן אָפן האַלדז, שטיל געזאָגט.

— שימען, זון מיינער, — האָט זי זיך פאַנאַנדערגעוויינט. — פונוואַנען האָסטו זיך גענומען?.. ווען דו קומסט שפּעטער מיט א פּאָר שאָ, וואָלסטו מיך שוין דאָ ניט געטראָפן... וואָלסט אפילע ניט געוווּסט, ווו מיינעביינדעלעך זיינען אהינגעקומען.

— וואָס איז געשען?.. פאַרוואָס ביסטו ניט אַרויסגעפאָרן, — האָט שימען אָנגעהויבן זיך פאַנאַנדערפרעגן.

צו שימענען איז א בלייבע צוגעגאַנגען מאַריאַשע.

— אזא נעס, וואָס דו האָסט געטראָפן אונדז דאָ... — האָט זי, באַגיסנדיק זיך מיט טרערן, באַגריסט זיך מיט אים.

עסטער האָט א פאַרווײנטע אָנגעהויבן שאַרן אין די ווינקעלעך, עפּשער וועט זי מיט עפּעס קאָנען מעכאַבעד זיין דעם זון.

זיין אין מיאַדלער אַן איבעריקע שאָ האָט שימען מוירע געהאַט. בוכמילער האָט אים געקאָנט פאַרהאַלטן. כוץ דעם האָט ער געדאַרפט ראַטעווען די מוטער. מאַריאַשע האָט געייצעט באַהאַלטן זי אין אַן אוקראַיִניש דאָרף בא באַקאַנטע און נאָכדעם אַריבערפירן זי אין אָכרימטשוקס פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד.

— אין דעם דאָזיקן אָטריאַד געפינט זיך אוורעמל סווידלער. ער איז אַרויס מיט א געוועזענעם לייטענאַנט פון אַרומרינגלונג. פּונקט ווי דו, האָבן זיי זיך אין איינעם א דאָרף איבערגעטאָן און דערקליבן זיך אַהער, אין מיאַדלער. איך האָב זיי באַהאַלטן אין א קעלער. אינדערפרי איז אָכרימטשוק אוועק צו זיך

אהיים — אין א שכײנישן שאכטע־ייִשעוו. דאָרט האָט ער געמאכט דאָקומענטן און געוואָלט מיך ארויספירן מיט סווידלערן צו זיך אין פּארטיזאנישן אָטריאד. נאָר ווי האָב איך געקענט איבערלאָזן אונדזערע מענטשן אף הefקער? און די אכרײַעס פאַרן קאָלווירט? אָכרימטשוק מיט סווידלערן האָבן צוגעזאָגט העלפן ארויספירן נאָך מענטשן פונדאנען, נאָר זיי ווײַזן זיך עפּעס ניט.

— דו ווייסט, וווּ זיי געפינען זיך?

— אוואדע ווייס איך, כ׳וועל דיר אלץ דערציילן, — האָט מאריאשע געענטפערט.

א פּאָר שאָ פאר באגינען האָט שימען מיט דער מוטער און מאריאשען פארלאָזן מיאדלער.

די נאכט איז געווען א שטילע. די לעוואָנע האָט זיך באהאלטן הינטער די געדיכטע וואָלקנס. דער ווינט, וועלכער האָט טכילעס אָוונט געהאט געוויעט, איז אנשוויגן געוואָרן.

געגאנגען זײַנען זיי גיך, קעדיי ביז באגינען אָנקומען אין פּעטערקאָווקע. זיי האָבן אָבער ניט באוויזן דערקלײַבן זיך אהין. האָט שימען באשטימט איבערלאָזן אף א קורצער צײַט די מוטער מיט מאריאשען בא א באקאנטן אין דאָרף און אליין זיך דערקלײַבן צום נאָענטן כוטאָר מיכייעווע.

— לעבן פּעטערקאָווקע צעגייען זיך צוויי וועגן, דעריבער דארף דאָרטן זײַן א פּעסטע וואך, — האָט שימען באשטימט. ער האָט איבערגעלאָזן די פרויען אין א טשערעט־באלקע, וועלכע איז געלעגן עטוואָס אין א זײַט. זאָלן זיי איבערווארטן, ביז איך וועל אויסקלאָרן, וואָס ס׳טוט זיך אפן וועג, האָט ער געטראכט און אליין זיך געלאָזט קיין פּעטערקאָווקע.

ס׳האָט שוין אָנגעהויבן שאריִען אף טאָג. פון אונטער דער באנאכטיקער כאשכעס האָט זיך פארבײַ וועג אלץ מער אנטפּלעקט דער סטעפּ. ער איז געווען א פּארוואקסענער מיט איבערגעצײַטיקטע גראָזן. דאָס פעלד איז געווען פול מיט גריבער און גריבלעך פון הארמאטן־קוילן און באָמבעס, ווי דאָס פּאָנעם בא א מענטשן, וואָס האָט געקרענקט מיט פּאָקן. דאָ און דאָרט זײַנען געווען טראנ־שייעס, קוואָרים־בערגלעך און עס האָבן זיך געוואלגערט פארזשאווערטע קנוילן דראָט.

יעדער שפּאן האָט דערציילט וועגן דעם שטורעם פון דער מילכאָמע, וועל־כער האָט זיך דאָ דורכגעטראָגן, און וועגן די טיפע שפּורן פון ווייסטעניש, איבערגעבליבענע אף דער ערד.

מיט זײַטיקע וועגן און שטעגן האָט שימען זיך דערקליבן ביז פּעטער־קאָווקע. אין דעם דאָזיקן דאָרף זײַנען אויך געווען א סאך פארברענטע און כאָרעווע הײַזער. ניט געפונען קיינעם פון די באקאנטע, האָט שימען שוין גע־וואָלט לאָזן זיך גיין אין א שכײנישן דאָרף, נאָר פּלוצעם האָט זיך אים בא־געגנט א פרוי.

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַרײַנגעקוקט אים אין פּאָנעם.

— איך האָב אײַך ערגעץ געזען... נאָר וווּ — געדענק איך ניט... איר קענט מיך?..

שימען האָט ניט געוווּסט וואָס צו ענטפערן דער פרוי. איר געזיכט איז איםווירקלעך געווען באַקאַנט, נאָר וווּ ער האָט זי געזען, האָט ער זיך ניט געקענט דערמאָנען.

— איך האָב די לעצטע צײַט באַגעגנט אַזויפיל מענטשן, אַז איך געדענק ניט, — האָט ער ניט זיכער אָנגעהויבן.

— פונוואַנען זײַט איר? — האָט די פרוי, נאָך מער אײַנקוקנדיק זיך אין אים, געפרעגט.

שימען האָט אַ קנייטש געגעבן מיט די פּלייצעס און, אַ מאַך געבנדיק מיט דער האַנט, געזאָגט:

— איך האָב געוווינט אַמאָל דאָ ניט ווײַט, און איצט ווייס איך אַליין ניט, וווּ איז מײַן היים.

— און איך האָב געמיינט, אַז איר זײַט פון מיאַדלער. מיר דוכט, אַז כ׳האָב אײַך דאָרט געזען.

— וואָסי, איר זײַט געווען אין מיאַדלער? איר קענט דאָרט עמעצן? — האָט שימען זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערפרעגן.

— איך קען עסטער כאַדאַש. כ׳בין אַמאָל געקומען אין מיאַדלער זען, ווי עס אַרבעט איר לײַנענרינג.

— עסטער כאַדאַש איז מײַן מוטער...

— וואָס איז מיט איר, טײַערינקער? כ׳האָב ניט איין מאָל געטראַכט, צי זי איז אַרויסגעפאָרן. כ׳האָב זיך מיט איר אַ פּאָר מאָל באַגעגנט אויף צונויפפליִען.

— איר קענט זי הײַנט זען. ווי איז אײַער פאַמיליע? — האָט שימען געפרעגט.

— הײַטשענקאָ... סטעפּאַנידאַ הײַטשענקאָ.

— גוט, כ׳וועל איר זאָגן, זי וועט עפּשער קומען צו אײַך אויף אַ קורצער צײַט. איר וועט זי קענען אויסבאַהאַלטן, ביז כ׳וועל געפינען פאַר איר אַ זיכער אָרט? זי וועט קומען נאָך מיט אַ פרוי...

— איר מעגט זײַן זיכער, כ׳וועל אויף זיי אַכטונג געבן, ווי אויף אייגענע שוועסטער, ווי צו זיך אַהיים מעגן זיי קומען, נאָר קיינער דאַרף דערפון ניט וויסן...

צוגעפירט שימענען צו איר שטוב, האָט זי אים אַרויסגעטראָגן אַ פּאָר שטיקער ברויט, קעז און עטלעכע אייער און זיך געזעגנט מיט אים.

שימען איז אַוועק צו דער טשערעט־באַלקע, וווּ ער האָט איבערגעלאָזן די מוטער מיט מאַריאַשען. און כאָטש אים האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער קומען אַהין, איז ער געגאַנגען ניט געײַלט, פאָרזיכטיק, עטלעכע מאָל זיך אָפּגעשטעלט, קעדיי אָנצוקומען, ווען ס׳וועט ווערן טונקל.

װען שימען איז געקומען צום אָרט, װוּ ער האָט איבערגעלאָזן די פּרויען, האָט ער זײ ניט געטראָפֿן. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין דער טיף פֿון דער באַלקע. דורכגעגאַנגען אין דער לענג און אין דער ברייט און קיינעם ניט געפֿונען.

■

פּאָמאַ גנילאָפּיאַטקע, דער געװעזענער פּערדגאַנעװ מיט דער צעפּלעטשטער נאָז, װעלכער האָט געדינט באַ דער נײַער מאַכט אַלס פּאָליצײַ, איז געגאַנגען פֿון מיכײַעװע קײַן פּעטערקאָװקע. אין כוטאָר האָט ער געהאַט געזוכט אַ פֿאַר־דעכטיקן מענטשן — אַ קעגנער פֿון דער נײַער מאַכט, נאָר ער האָט אים ניט געפֿונען, און איצט קערט ער זיך אום מיט ליידיקע הענט. אין קאָמענדאַטור האָט מען אים אָנגעזאָגט, ער זאָל אַרײַנקוקן אין אַלע באַלקעס, ריװן, װעלדלעך און אַנדערע ערטער און פֿאַר יעדן פֿאַרהאַלטענעם מענטש װעט ער באַקומען אַ גוטע באַלוינונג. װאָס מער מענטשן ער װעט ברענגען אין קאָמענדאַטור, אַלץ מער אָנגעלייגט װעט ער זײַן באַ די נײַע באַלעבאַטים.

שטייענדיק אַזוי לעבן דער באַלקע, האָט ער באַמערקט, אַז דער טשערעט האָט זיך אָנגעהויבן באַװעגן. װי אַ קאַץ, װען זי דערהערט עפּעס אַ שאָרך, האָט ער זיך אָנגעשטרענגט און דערנאָך אויסגעשריִען:

— װער איז דאָרט?

פֿון דער באַלקע האָט קיינער ניט געענטפֿערט. פּאָמאַ האָט שוין גאָר גע־װאָלט אַװעקגיין, נאָר איבער זײַן קאָפּ האָט זיך באַװיזן אַ פּאָר װילדע קאַטש־קעס. זײ האָבן זיך געדרייט אַרום דער באַלקע און געװאָלט זיך אַראָפּלאָזן אין טשערעט. פּאָמאַ האָט אַרויסגענומען זײַן רעװאָלװער און אויס־געשאָסן. די קאַטשקעס האָבן זיך עטלעכע מאָל אַ דריי געטאָן און זײַנען פֿאַר־שװוּנדן.

מאַריאַשען מיט עסטערן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס שיסט מען אין זײ, האָבן זײ אָנגעהויבן פּויזען איבער דער באַלקע. באַ עסטערן האָט אָבער גיך פֿאַרקלעמט דאָס האַרץ, און זי איז געבליבן ליגן. דערפֿילנדיק, אַז עסטער איז אָפּגעשטאַנען, האָט מאַריאַשע אַ קער געטאָן דעם קאָפּ אַ קוק צו טאָן, װאָס איז מיט איר. אין דער רעגע האָט פּאָמאַ נאָך דראָענדיקער אַ געשריי געטאָן: „װער איז דאָרט?" און אויסגעשאָסן.

עסטער האָט זיך פֿאַרלאָרן און אופֿגעשטעלט זיך. פּאָמאַ האָט זי באַמערקט און האָט באַפֿוילן:

— גײ אַרויס, נאָר שנעל!.. הערסט! אַניט, שיס איך! װאָס באַהאַלטסטו זיך?

— איך באַהאַלט זיך ניט, מ'האָט גענומען שיסן, בין איך אַרײַנגעקראָכן אין טשערעט, — האָט עסטער געזאָגט. — און גיין גײ איך אויסבעטן באַ גוטע מענטשן אַ שטיקל ברויט די נעשאָמע צו דערהאַלטן.

— לייג, לייג, דער ווינט וועט אלץ אוועקטראָגן, — האָט גנילאָפּיאַטקע א ברום געטאָן.

ער איז געווען צופרידן, וואָס ער וועט ניט קומען אין קאָמענדאטור מיט ליידיקע הענט. און גיין טיפער אין באַלקע האָט זיך אים ניט געוואָלט.

— ווער ווייסט, עפשער זיצן דאָרטן פארטיזאנער, און פאוואָלינקע וועט מען אים אָפּלייגן אף קאלטן.

ער האָט אָנגעהויבן טרייבן די אלטע איבערן וועג צו דער דייטשישער קאָמענדאטור.

— שנעל, ריר זיך, דו פארטיזאנערן, שטעל פיס, גיכער! אין קאָמענ־דאטור וועט מען דיר גוט באצאָלן, לעמיי דו באהאלטסט זיך אויס אין דער באַלקע.

■

נאָך א קורצן פארהער האָט דער קאָמענדאנט באפוילן אָפּשיקן עסטער כאָדאָש אין מיאדלער, קעדיי צו קאָנטראָלירן די יעדיעס, וואָס זי האָט געגעבן.

דער אָפיצער, וואָס האָט זי באגלייט, איז צוגעפאָרן צו בוכמילערס שטוב און א סיגנאליזיר געטאָן. ווילי איז א פארסאָפּעטער ארויסגעלאָפן אין דרויסן.

— דיזע יידין איזט פאָן הי? — האָט דער אָפיצער א פרעג געגעבן, אָנווייזנדיק אף עסטערן.

— כ'האָב זי געדארפט מיט א פארטיע יודען אָפּפירן אין קאָמענדאטור, איז זי ערגעץ פארשוווּנדן, — האָט בוכמילער האַכנאָעדיק זיך אָפּגערופן צום אָפיצער.

— די פּאָליציי האָט זי געפונען אין טשערעט־באַלקע... דאָס גיסטו אזוי אכטונג אף דיינע יודען? — האָט דער אָפיצער זיך אָנגעהויבן בייזערן. — זיי דארפן אונטער דראָט־פארצאמונגען וווינען, און זיי גייען בא דיר ארום פריי. ווער איז די געפאנגענע?.. פארוואָס איז זי אנטלאָפן?

ווילי האָט ניט געוווּסט וואָס צו ענטפערן.

— פארוואָס איז זי אנטלאָפן? — האָט דער אָפיצער איבערגעפרעגט. — דו מוזסט וויסן יעדערן פון דיינע אונטערטעניקע, מיט וואָס ער שמעקט, וואָס ער טראכט... דיזע יידין איז געוויס געלאָפן צו די פארטיזאנער.

כאָטש בא בוכמילערן האָט זיך אין קאָפּ ניט פּאָטויפעט, אז די דאָזיקע אומבאהאָלפענע אלטע פרוי זאָל האָבן א וועלכן־ניט־איז אנדער צוועק ווי ראַ־טעווען זיך פון טויט, פונדעסטוועגן דערווידערן דעם אָפיצער האָט ער ניט געוואָלט.

— מיט וועמען איז זי פארבונדן, די דאָזיקע געפאנגענע? — האָט דער אָפיצער זיך אָנגעהויבן פאנאנדערפרעגן, — ווער גייט צו איר אריין, מיט וועמען באגעגנט זי זיך?

— זי האָט דאָ קיינעם ניט.

— ביסט זיכער? — האָט דער אָפּיצער מיט אַ כשאַד אַ קוק געגעבן אויף אים. בוכמילערן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ניט עסטערן האָט דער אָפּיצער געגנו־מען אַפּן פּאַרהער, נאָר אים. ער האָט אַליין אָנגעהויבן צווייפלען אין זיין ענטפער. נאָר ער האָט דאָך קיינמאָל ניט באַמערקט, אַז עסטער זאָל אויסער מאַ־ריאַשען האָבן מיט וועמען־עס־איז צו טאָן.

און עפּשער איז מאַריאַשע מיט עמעצן פאַרבונדן? — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. נאָר קיין זייטיקער מענטש קומט דאָך ניט אַהער.

— רוף אַרויס עמעצן פון איר געזינד, נאָר שנעל! — האָט דער אָפּיצער באַפוילן.

— זי האָט דאָ קיינעם ניט, — האָט בוכמילער אָפּגעענטפערט, — דער מאַן אירער איז געשטאָרבן נאָך פאַר דעם קריג, און די זין זיינען אויף דער מיל־כאָמע... איין זון איז בא איר אַ גענעראַל.

— אַ גענעראַל? — האָט דער אָפּיצער איבערגעפרעגט. — דו ווייסט עס זיכער?

— ער איז געווען הי ערעוו דעם קריג. כ'האָב אים געזען, ער האָט דאַן אַ ראָמב געטראָגן. דאָס האָט באַטייט אַ גענעראַל, — האָט בוכמילער אָנגע־הויבן ריידן, ווי ער וואָלט דערפילן, אַז ער האָט עפּעס וויכטיקס אַנטפּלעקט פאַרן אָפּיצער. — אויב ער איז ניט אומגעקומען, פאַרנעמט ער אַ וויכטיקן פּאָסט.

— וואָס זשע האָסטו געשוויגן? — האָט דער אָפּיצער זיך געווענדט צו עסטערן. — אַ גענעראַלס מוטער, און זעסט אויס ווי אַ שלעפּערן. — און אַ קער געבנדיק זיך צו בוכמילערן, האָט ער געזאָגט: — אויב אַזוי, וועט זי אונדז צונויץ קומען.

ער האָט צוגערופן נעענטער צו זיך בוכמילערן, עפּעס זיך דורכגערעדט מיט אים. נאָכדעם פאַרכאַפּנדיק אים מיט זיך אויף דער מאַשין, באַפוילן דעם שאָפער פאָרן צוריק אין קאָמענדאַטור.

■

מאַריאַשע האָט זיך ווי־ניט־איז דערקליבן ביזן שכייניש כוטאָר. דאָרט האָט זי זיך אויסבאַהאַלטן בא אַ באַקאַנטער אויף אַ בוידעם. ווען די פּאָליציי האָט, עפּעס אָנשמעקנדיק, אונטער פאַרשיידענע אויסריידן זיך אָנגעהויבן באַ־וויזן אין דער שטוב, וווּ מאַריאַשע האָט זיך געפונען, האָט די באַלעבאָסטע זי איבערגעפּעקלט אין אַ צווייטן כוטאָר. בא דער נייער באַלעבאָסטע האָט מאַ־ריאַשע איבערגעווינטערט.

איינמאָל, ווען מאַריאַשע איז געזעסן מיט איר באַלעבאָסטע — אַ יונגע פרוי, מיט וועלכער זי האָט זיך אַמאָל געלערנט אויף קורסן, — און געמיטלעך געשמועסט, האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט.

— ווער איז דאָס? — האָט די באַלעבאָסטע, צוגייענדיק צו דער טיר, א פרעג געגעבן.

— שענקט א שטיקל ברויט די נעשאָמע צו דערהאַלטן, — האָט זיך דער־הערט א קאָל.

כאָטש דאָס קאָל איז מאַריאַשען געווען קענטלעך, פונדעסטוועגן האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט אין שטובקעלער. די באַלעבאָסטע האָט געעפנט די טיר. אפּן שוועל איז געשטאַנען עטוואָס אײַנגעבויגן מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט א הויכער מאַנצבל מיט א לאַנגער טונקעלער באָרד אין צעריסענע קליידער און אין אויסגעקרימטע שטיוול.

— פונוואַנען גייט איר? — האָט די באַלעבאָסטע, אײַנלאַדנדיק אים אין שטוב, א פרעג געגעבן.

— פון ווײַט, — האָט דער אַרײַנגעקומענער אומבאַשטימט געענטפערט.

די באַלעבאָסטע האָט אים געזעצט צום טיש און געגעבן עסן. דער געקו־מענער האָט זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערפרעגן, צי זײַנען דאָ די דײַטשן לאַנג ניט געווען, צי ווײַזן זיי זיך ביכלאַל אין דעם כוטאָר. נאָכדעם האָט ער פּאָר־זיכטיק פאַרפירט א רייד וועגן צוויי פרויען, וועלכע ער זוכט.

לויט אַלע סימאָנים, וואָס ער האָט אָנגעוויזן, איז איינע פון זיי אפּאָנעם געווען מאַריאַשע. פונדעסטוועגן האָט די באַלעבאָסטע געקנייטשט מיט די אַקסלען, קלוימערשט זי ווייסט גאָרנישט. — מאַלע וויפל היימלאָזע דרייען זיך אַרום.

— איך וועל פרעגן בא מענטשן, — האָט זי עטלעכע מאָל איבערגעכאַ־זערט. — כ'וועל פרעגן, אַז כ'וועל זיך דערוויסן, וועל איך אײַך זאָגן. קומט אין א פּאָר טעג אַרום.

די באַלעבאָסטע האָט פאַרמאַכט די טיר, אַראָפּגעלאָזן זיך אין קעלער און דערציילט מאַריאַשען וועגן דעם מענטשן, וואָס זוכט אַרום צוויי פרויען.

— עס איז עפּשער שימען? — האָט מאַריאַשע, ווערנדיק בלייך, געזאָגט, — קערט אים אום, איך בעט אײַך.

די באַלעבאָסטע איז אַרויסגעלאָפן אין גאַס, נאָר זי האָט אים שוין ניט געזען.

אין א קורצער צײַט אַרום איז ער ווידער געקומען.

מאַריאַשע האָט אים באַגעגנט א פאַרציטערטע:

— שימען, פונוואַנען קומסטו?

— כ'וועל דיר אַלץ דערציילן. ווו איז די מאַמע?

— כ'ווייס ניט, שימען, כ'ווייס ניט... גלײַך ווי דו ביסט אוועק אין פּע־טערקאָווקע, האָט מען אָנגעהויבן שיסן אין טשערעט, פּונקט ווי עמעצער האָט נאָכגעשפּירט נאָך אונדז... איך האָב אָפּגעפּויזעט א פּאָר טריט און איך האָב...

מיטאַמאָל האָט זיך פון ערגעץ דערהערט א שיסערײַ.

— אוי, דײַטשן! — האָט מאַריאַשע א געשריי געטאָן.

— שרעק זיך ניט, מאריאשע, דאָס זײַנען אונדזערע. דאָס זײַנען אָכרימטשוקס פאַרטיזאַנער. איך בין אויך בא זיי אין אָטריאַד. מיר זוכן אײַך ארום. קום מיט אונדז, וועסט זיך מער ניט דאַרפן אויסבאַהאַלטן.

■

מאריאשע און שימען זײַנען אָנגעקומען אינעם שטאַב פון אָכרימטשוקס אָטריאַד. אין דער שאַכטע־קאַריער האָט געברענט א קאַנעצל. שימען האָט זי צוגעפירט צו אָכרימטשוקן, וועלכער איז געזעסן בא א קאַרטע מיט נאָך צוויי פאַרטיזאַנער און עפּעס געשמועסט. פאַר דער צײַט, וואָס זי האָט אים ניט געזען, איז בא אים אויסגעוואַקסן א שוואַרץ שפּיציק בערדל און ברייטע אַראָפּהענגענדיקע וואָנצעס, וועלכע האָבן פון ביידע זײַטן מויל געבילדעט א האַלבן קרײַז. די קאָבורע און די פּאָרטופּייע האָבן אים צוגעגעבן א בראַוון אויסזען. די קאַרע שיינע אויגן האָבן מילד געשמייכלט.

— מאריאשע! — האָט ער, דערזעענדיק זי, א שפּרונג געטאָן פון פרייד. — וועלכע ווינטן האָבן דיך פאַרטראָגן אַהער? פונוואַנען קומסטו? מיר זוכן דיך אזוי לאַנג ארום.

— מאריאשע איז געקומען!.. מאריאשע! — האָבן זיך פון אַלע זײַטן געטראָגן קלאַנגען.

צווישן די מענטשן, וואָס האָבן זי ארומגערינגלט, האָט זי דערזען יאָסלען, זײַן ווייב, וועלוול מאָניעס און נאָך אַנדערע פון מיאַדלער. זיי זײַנען אײַנציקווײַז אַרופגעפאַלן איר אפן האַלדז און צעקושט זיך מיט איר.

— אָט האָבן מיר נאָך א פאַרטיזאַן, — האָט יאָסלס ווײַב א ווײַז געטאָן אף איר אייפעלע.

— יאָ, טאַקע א פאַרטיזאַן. ווי רופט מען אים? — האָט זי נעמענדיק דאָס קינד אף די הענט, געפרעגט.

דאָס קינד האָט אָנגעבלאָזן די בעקעלעך און אָנגעהויבן וויינען.

— וויין ניט, טײַבעלע מיינס, — האָט די מוטער אים אָנגעהויבן אײַנשטילן. — די מומע וועט אויך זײַן א פאַרטיזאַנקע, ס'איז אונדזער מומע, א ווילע, א גוטע מומע.

— א, א, א, — האָט מאריאשע אָנגעהויבן אײַנוויגן דאָס קינד. — א פאַרטיזאַן טאָר ניט וויינען.

— איצט וועט דאָס קינד האָבן נאָך א מוטער. זע, וויפל מוטערס עס האָט, אַלע ניאַנטשען זיך מיט אים, — האָט כיענע אָנגעוויזן אף די פרויען, וועלכע זײַנען געשטאַנען ארום.

— זאָל ער וואַקסן געזונטערהייט און פאַרשאַפן אונדז אַלעמען נאַכעס. וויפל צאָרעס און ליידן האָסטו איבערגעטראָגן, ווען דו האָסט אים געבוירן... ס'איז אַפילע שרעקלעך צו דערמאָנען זיך, — האָט זיך אָפּגערופן מאריאשען.

— ביסט אוואדע הונגעריק? — איז צוגעגאַנגען צו מאריאשען וועלוול

מאָניעס. — מיר וועלן דיך מעכאבעד זײַן מיט דײַן ברויט. גוט, וואָס מיר האָבן דאָס דאָן באַהאַלטן, עס איז אונדז גוט צוניץ געקומען.

— איר האָט עס אַרויסגעפירט? — האָט מאַריאַשע אַ פרעג געגעבן.

— מיר פירן עס אַרויס צוביסלעך, — האָט וועלוול מאָניעס זיך אָפּגע־רופן, — יעדעס מאָל, ווען מיר זעצן זיך עסן, דערמאָנען מיר דיך.

— פאַרוואָס עפּעס נאָר מיך? און אײַך... און דעם גאַנצן קאָלווירט? אַוואַדע איז גוט, וואָס ניט דעם סוינע איז אונדזער ברויט אָנגעקומען, נאָר אונדזערע מענטשן, — האָט געזאָגט מאַריאַשע.

ווען מאַריאַשע האָט זיך אַ ביסל אָנגערעדט מיטן אוילעם, אָפּגעגעסן, איז צו איר צוגעגאַנגען אַכרימטשוק.

— נו, האָבן מיר זיך מיט אײַך, הייסט עס, באַגעגנט, — האָט ער, צי־ענ־דיק די ליולקע, געזאָגט. — איך האָב דאָך אײַך שוין לאַנג גערופן אין אָטריאַד.

— וויאַזוי האָב איך געקענט לאָזן אַף העפקער די מענטשן, וועלכע מ'האָט מיר אָנגעטרויט. כ'האָב זיי מיט גאָרנישט ניט געהאָלפן, נאָר איך בין געווען מיט זיי, געטרייסט אין די שווערע שאָען און האָב געליטן אײנינעם מיט זיי, — און דאָס האָט שוין געמאַכט אַ ביסל גרינגער אַף דער נעשאָמע.

— דאָס איז ריכטיק, — האָט זיך אָפּגערופן אַכרימטשוק. — בײַ אונדז איז דאָ אויך ווײַט ניט קיין גרינג לעבן, נאָר מיר טוען אונדזער זאַך.

— דעריקער איז ניט אומקומען, ווי קיין שאָף, — האָט מאַריאַשע זיך אָפּגערופן. — זאָל מײַן לעבן כאָטש עפּעס קאָסטן דעם סוינע.

— טוען מיר טאַקע אַזוי, — האָט פאַרגעזעצט אַכרימטשוק, — מיר באַ־מיִען זיך וואָס מער פאַשיסטן אַף יענער וועלט איבערשיקן.

— קעדיי דאָ זאָל בלײַבן ווייניקער, — האָט מאַריאַשע צוגעגעבן.

פון אַ וואַנט אין דער האַלב־טונקעלער שאַכטע, וועלכע איז באַלויכטן געוועזן מיט אַ קאַנעצל פון אַ סנאַריאַד־הילזע, האָבן צו מאַריאַשען געווונקען די פײַערלעכע ווערטער פון דער פאַרטיזאַנישער שוווע.

מאָרגן, ווען זי וועט שווערן טרײַהײַט און אָפּפערוויליקײַט אין קאַמף קעגן בלוטיקן סוינע, וועט זי איבערכאַזערן די הייליקע ווערטער, וועלכע זײַנען אָנגעשריבן אַף דער וואַנט, ווײַל זי איז פון אַ נומער געוואָרן אַ פולווערטיקער מענטש און פון אַ קנעכט אַ שלאַכטמאַן. „ווען אַ קנעכט נעמט געווער, — האָט זי זיך דערמאָנט די ווערטער, וועלכע זי האָט ערגעץ אויסגעלייענט, — הערט ער אויף צו זײַן אַ קנעכט.‟

■

דער קאָרפּוס פונעם גענעראַל כאָדאָש האָט עטלעכע כאַדאָשים נאָכאַנאַנד געהאַלטן אין איין נאָכפּאָלגן דעם סוינע. אין די אוראַגאַנען פון פײַער, דורך וועלכע ס'איז כאָדאָשן אויסגעקומען מיט זײַן כאַיִל דורכגיין פאַר די יאָרן פון דער מילכאָמע, האָבן זיך אים ניט איין מאָל דערמאָנט זײַן מאַמע, מאַריאַשע,

די אייגענע און נאָענטע, און יעדעס מאָל האָט אים א ציטער געטאָן דאָס הארץ.

— ווּ זײַנען זיי איצט? צי לעבן זיי?

זינט ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, האָט ער ניט געהאַט פון זיי קיין אײַנגעטונקטע פען. הונדערטער און טויזנטער שלאַכטלײַט האָט די מילכאָמע, ווי אים, צעשיידט מיט טאטע־מאמע, מיט ווײַב און קינד, מיט שוועסטער און ברידער.

וויפל מאָל פלעגן זיי אין די שוצגראָבנס אָדער ביים א „פּריוואל" אין דער צײַט פון א מארש קומען זיי צו כאָלעם, און די פעסטע האָרעפּאשנע סאָלדאטישע הענט פלעגן צודריקן צום הארצן א ווײַב אָדער א קאלע, א מאמע, אָדער א קינד. נאָר אז זיי האָבן זיך אופגעכאפּט, האָבן ווידער געדונערט די הארמאטן, ווידער האָבן געהאָגלט קוילן, געוווּיעט מינעס. אזוי שוין כאדאָשים און יאָרן.

אין יעדן באפרײַטן יִישעוו פלעגט מען זיי מיט פרייד ארופאלן אף די העלדזער, פרויען האָבן געוויינט, אָנגערופן זיי „אונדזערע רעטער, אונדזערע אויסלייזער."

אזוי, האָט ער זיך פאָרגעשטעלט, וועט זאָגן זײַן מאמע, אויב זי וועט דערלעבן אים זען. אזוי וועלן זאָגן אלע מאמעס פון זײַנע שלאַכטלײַט, וועמענס גוירל ס'איז אים נאָענט, ווי זײַן אייגענער גוירל.

ווען ס'זאָל ניט קומען צו אים א קאָמאנדיר פון א טייל מיט א ראפּאָרט, איז זײַן ערשטע פראגע געווען וועגן די מענטשן: „ווי איז דאָס עסן, די בגאָדים, צי איז פאראן געגוג צו רייכערן, צי ארבעט די באָד. טאקע דערפאר האָבן אים די שלאַכטלײַט גערופן „באטיע."

— דער באטיע האָט געזאָגט, דער באטיע האָט באפוילן, — פלעגט ער אָפּט הערן.

די אכטונג פון די שלאַכטלײַט צו אים, זייער גרייטקײַט צו גיין אין פײַער און אין וואסער לויט זײַן באפעל האָבן אים האנאָע געטאָן.

ער האָט פערזענלעך געקענט א סאך שלאַכטלײַט, געוווּסט, וויִאזוי זיי האָבן געלעבט פאר דער מילכאָמע. מיט וואָס זיי האָבן זיך פארנומען, געוווּסט, וואָס בא יעדערן איז אף דער נעשאָמע, און יעדערן זיך באמיט צו העלפן מיט עפּעס.

באזונדערס האָט ער געקענט זײַנע לאנדסלײַט פון בײַאזאָווער קאנט.

— נו, אָדלערלעך, לאנדסלײַט, פון דער היים דערגייען ניט קיין שום קלאנגען? — פלעגט ער, באגעגענדיק די אויסשפּירער זאכאר דידענקאָ, מיטקע באָיטשענקאָ, דעם ראדיסט מיקאָלע פּראָקאָפּטשוק, זיך פאנאנדערפרעגן.

דער גענעראל האָט געוווּסט, אז זיי האָבן ניט קיין יעדיִעס פון דער היים, פונקט ווי ער. נאָר יעדע דערמאָנונג פונעם אייגענעם קאנט פלעגט אים פארשאפן פארגעניגן.

איינמאָל, פאָרנדיק פון באאָבאכטונגס־פּונקט, האָט דער גענעראל אָפּגעשטעלט די אויסשפּירער, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט פון שטאב נאָך א געלונגענער אָפּעראציע.

די אויגן האָבן בא די יונגע אויסשפּירער געברענט, די פּנעמער האָבן געשײַנט פֿונעם יאַגד, װעלכן זײ האָבן הײַנט אינדערפֿרי געהאַט, און ס'האָט זיך זײ געכאַלעשט װאָס גיכער צו דערציילן דעם גענעראַל װעגן דעם.

— דער פּריץ, װאָס מיר האָבן ערשט געבראַכט אין שטאַב, איז געװען אין אונדזערע קאַנטן, — האָט אויסגעשאָסן דידענקאָ, אַ דאַרינקער, בלאָנדלאָקיקער, נאָר פֿעסט געבױטער סאָלדאַט מיט אַן אויסגעצױגן פּנעמל, — ער האָט עפּעס געפּלאַפּלט, דער פּריץ, װעגן זשאַרקאָװ, מיסטאָמע האָט ער געמײנט כאַרקאָװ, מאַריופּאָל. װען מיר האָבן אים געכאַפּט, האָט ער פֿאַרגעסן דעם טאָג, װען זײַן מאַמע האָט אים געבױרן, אַזױ האָט ער געציטערט. װאָס זשע האָט ער געקאָנט דערציילן? עפּשער װעט ער איצטער עפּעס זאָגן. אַ שװערער איז ער געװען, כ'האָב זיך שיר ניט אונטערגעריסן, שלעפּנדיק אים. ער האָט זיך, קענטיק, גוט אויסגעפּאַשעט אויף אונדזער ברויט.

— נו, גוט, מאָלאָדצי, אָדלערס, מיר װעלן הערן, װאָס ער װעט דערציילן, — האָט דער גענעראַל זיך געזעגנט מיט די אויסשפּירער און זיך געלאָזט פֿאָרן.

אומקערנדיק זיך צוריק פֿון שטאַב, האָט דער גענעראַל לעבן בלינדאַזש, װוּ ס'האָבן געװױנט די אויסשפּירער, דערהערט, װי עטלעכע שטימען האָבן פֿאַרצױגן אַזױ זיס־האַרציק:

Эх, ты степь широкая,
Степь раздольная...[1]

די דאָזיקע ליד האָט אים אַזש פֿאַרן האַרצן פֿאַרכאַפּט. זי האָט אים דערמאָנט די סומנע װױערײַען פֿון די װינטן אין סטעפּ, װוּ ער איז אויסגעװאַקסן, די װױגעס, װעלכע פֿלעגן אָן אופֿהער מיט אַ פּײַפֿערײַ און געהויל דרייען אַ קאַראַהאָד, אָנשיקנדיק הורבעס שנײ. פֿאַר זײַנע אויגן זײַנען אופֿגעקומען די ראַכװעסן פֿונעם סטעפּ, איבער װעלכן ער האָט יִינגלװײַז מיט אַ רויט בענדל אפֿן אַרבל זיך געטראָגן מיט זײַן אָטריאַד. ס'האָבן זיך אים דערמאָנט די מאָהילעס פֿון װײַטן אײַנגעהילטע אין אַ װײַסן פֿאַרקלערטן רויכל, אַנטקעגן זײ האָט זיך געצױגן דאָס אַקאַציע־װעלדל. דאָ איז ער מיט מאַריאַשען אין אַ זומערדיקן פֿאַרנאַכט געשטאַנען בא אַן אײנזאַם ביימל, אַ באַשאָטנס מיט צװײט. ער האָט לאַנג אַרײַנגעקוקט אין אירע פֿאַרטרוימטע קלאָרע אויגן און איר געזאָגט, אַז ער האָט זי ליב. די בלעטער אויף די ביימער, די גראָזן אין װעלדל, האָט זיך אים אויסגעדוכט, האָבן דאַן מיטגעשעפּטשעט: איך האָב דיך ליב...

■

נאָך פּילטאָגיקע שװערע שלאַכטן האָט דער קאָרפּוס פֿונעם גענעראַל כאָדאָש זיך אָפּגעשטעלט בא אַ טײַך, װעלכן ס'האָט זיך אין גאַנג ניט אײַנגעגעבן צו פֿאָרסירן. צוזאַמען מיטן שעף פֿון פּאָליטאָפּטײל, דעם גענעראַל־מאַיאָר פּירסאָװ, איז כאָדאָש אַרויסגעפֿאָרן אין די טײלן צו קאָנטראָלירן די טעכניק און דורכ־

[1] אָך, דו סטעפּ דו ברײטער, ראַכװעסדיקער סטעפּ.

פירן באראטונגען מיט דעם קאָמאנדירן־באשטאנד. אף מאָרגן גאנצפרי איז ער איַינגעלאַדן געוואָרן צום קאָמאנדארם, מיט וועלכן ער האָט איבערגעלעבט דעם פיַינפולן צוריקמארש אין די ערשטע כאדאָשים פון דער מילכאָמע, די גרויסע פארלוסטן און דערנאָך די פרייד פון ניצכוינעס.

דער גענעראל כאָדאָש האָט טיף געאכט דעם קאָמאנדארם פאר זיַין איַיזערנעם ווילן, פאר זיַין מוטיקן גיַיסט, פאר זיַין קלאָרן קאָפּ. נאָך אָפיציעלע שמועסן האָט דער קאָמאנדארם ליב געהאט צו דערמאָנען פארשיידענע עפּיזאָדן פונעם דורכגעמאכטן שלאכטוועג, אונטערוויצלען זיך און דערמוטיקן.

איבערטרעטנדיק דאָס מאָל די שוועל פונעם בלינדאזש, ווו עס האָט זיך געפונען דער קאָמאנדארם, האָט כאָדאָש דערפילט, אז דער קאָמאנדארם איז אין א געהויבענער שטימונג.

— וואָס הערט זיך גוטס? — האָט דער קאָמאנדארם, איבעריַיסנדיק דעם שמועס מיטן מיטגליד פון מיליטערישן ראט, זיך געווענדט צו כאָדאָשן.

— די דיַיטשן האָבן נעכטן צוגעצויגן פרישע רעזערוון, און אונדז האָט זיך ניט איַינגעגעבן... — האָט אָנגעהויבן מיטיילן דער קאָמקאָר.

— איך ווייס, איך ווייס, — האָט אים איבערגעשלאָגן דער קאָמאנדארם. — נאָר מיר טאָרן דעם סוינע ניט לאָזן קומען צו־זיך... מאָרגן גאנצפרי זעצן מיר פאָר דעם אָנגריף.

דער קאָמאנדארם איז צוגעגאנגען צו דער מיליטערישער קארטע, וועלכע איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט פארשיידענע צייכנס, און געוויזן דעם קאָמקאָר זיַינע שלאכט־אופגאבן.

— מיר וועלן דיר צוגעבן אן ארטילעריע־בריגאדע פון רגק[1], צוויי סאפּיאָר־באטאליאָנען און אוויִאציע. באגינען אונטערן צודעק פונעם נעפּל וועסטו פאָרסירן דעם טיַיך און וועסט אָנגריַיפן אין דער דאָרעם־מיַירעוודיקער ריכטונג.

דער קאָמקאָר האָט ווידער א קוק געגעבן אף דער קארטע און לאקאָניש געזאָגט:

— מיר וועלן די אופגאבע אויספילן.

— נו, איז אין א גוטער שאָ! — האָט צוגעווונטשן דער קאָמאנדארם, — היט די מענטשן, באהאלט זיי אין די שוצגראָבנס, מאסקירט זיך, ווי מעגלעך — ווייניקער פארלוסטן!

— קלאָר, כאווער קאָמאנדארם! — האָט געענטפערט דער קאָמקאָר.

— מיר וועלן פאָרסירן דעם טיַיך, ארויסגיין אף די דאָנער סטעפּעס, אף מאריִופּאָל, זאפּאָראָזשיע, דאָנבאס, — האָט צוגעגעבן דער מיטגליד פון מיליטערישן ראט. — איר זיַיט, דאכט זיך, פון יענע קאנטן? איך האָב דאָרט אויך פאר דער מילכאָמע געארבעט. אויב אונדז וועט ניט אויסקומען ביַיטן די ריכטונג פון אונדזער אָנגריף, וועט אף איַיער גוירל אויספאלן א גרויס גליק — באפריַיען אונדזערע געגנטן.

---

[1] רגק — רעזערוון פון הויפּט־קאָמאנדשאפט.

— איך בין גוט באַקאַנט מיט אייניקע ראַיאָנען פֿון בײַאַזאָווער געביט. בײַ מיר זײַנען פֿאַראַן פֿון יענע ערטער שלאַכטלײַט, — האָט געענטפֿערט דער קאָמקאָר. — דאָס וועט זיכער גינסטיק זײַן פֿאַר אונדזער אָנגריף. דערלויבט אויספֿילן די שלאַכט־אויפֿגאַבע!

— וואַרט צו, — האָט דער מיטגליד פֿון מיליטערישן ראַט אים פֿאַרהאַלטן און אָנגעהויבן פֿאַרפּינקטלעכן, ווי איז דער קאָרפּוס באַזאָרגט מיט געווער, מיט דערנערונג, מיט טאַבעק, ווי אַרבעט די פֿעלדפּאָסט. אויסגעקלאָרט אַלץ, האָט דער קאָמקאָר זיך געזעגנט מיטן קאָמאַנדאַרם און מיטן מיטגליד פֿון מיליטערישן ראַט און איז אַוועקגעפֿאָרן אין שטאַב פֿון זײַן קאָרפּוס.

■

כאָדאָש האָט ניט געוווּסט גענוי די ריכטונג, וווּהין זײַן קאָרפּוס וועט זיך באַוועגן נאָכדעם, ווי ער וועט אויספֿילן די אָנגעמערקטע שלאַכט־אויפֿגאַבע. נאָר בײַ זיך האָט ער פֿעסט באַשלאָסן, אַז ווי נאָר מיאַדלער וועט באַפֿרײַט ווערן, וועט ער אומבאַדינגט זיך צוכאַפּן אַהין.

אויף דעם דאָזיקן באַצירק האָבן זיך פֿאַנאַנדערגעוויקלט פֿאַרביטערטע שלאַכטן. אויסנוצנדיק פֿרישע רעזערוו־קויכעס, איז דער פֿײַנט אַריבער אין אַ קאָנטער־אַטאַקע. די אײַזנבאַן איז עטלעכע מאָל אַריבער פֿון האַנט צו האַנט. ווען דער סוינע איז אַ ביסל אָפּגעטראָטן, האָט דער גענעראַל כאָדאָש באַקומען אַ באַפֿעל נאָכפֿאָלגן אים אין דער ריכטונג פֿון וואָלנאָוואַכע. ערגעץ דאָ אין דעם ראַיאָן זײַנען געלעגן צעוואָרפֿן די דערפֿער, וווּ עס האָבן פֿאַר דער מילכאָמע געוווינט די אויסשפּירער און נאָך אַ ריי שלאַכטלײַט. זיי האָבן געקענט אַלע באַלקעס, אַלע ריוון, אַלע מאָהילעס פֿון די ערטער.

— אָן אַ באָאָבאַכטונגס־רער קען איך זען אויף צענדליקער קילאָמעטער, וואָס בײַ אונדז אויפֿן סטעפּ טוט זיך, — האָט זיך באַרימט דידענקאָ, — פֿאַרטאָג, ווי נאָר דער נעפּל לאָזט זיך אַראָפּ, קען איך זיך צו יעדער באַלקע דערקלײַבן און דאָרט, ווי נאָר כ׳טו אַ וואָרף אַ ווענטקע, כאַפּ איך אַ פּריץ, ווי אַ העכט.

דער גענעראַל האָט לויט די מאַסשטאַבן פֿון זײַן קאַרטע ניט איין מאָל געמאָסטן דעם מעהאַלעך ביז דער היים, אָבער דער מעהאַלעך איז נאָך געווען גאַנץ גרויס.

אָנגרײַפֿן אין די באַדינגונגען פֿון סטעפּ, וווּ עס זײַנען אויסער באַלקעס ניט פֿאַראַן קיין שום מאַסקיר־ערטער, איז געווען ביז גאָר שווער. און די באַלקעס האָט דער סוינע געהאַט פֿאַרכאַפּט און העפֿטיק באַשאָסן די אַטאַקירנדיקע טיילן.

ערגעץ דאָרעמדיקער פֿון דער סטאַנציע ראָזאָווקע, אַ צוואַנציק קילאָמעטער פֿון מיאַדלער, האָבן די דײַטשן זיך שטאַרק פֿאַרפֿעסטיקט. דער גענעראַל האָט

באפוילן איבערגרופירן די קויכעס, קעדיי דערלאנגען א קלאַפּ אַף די פלאַנגען. די דאָזיקע אָפּעראַציע האָט געפאָדערט אקטיוויזירן די אויסשפּירונג, אונטערציִען נײַע קרעפטן, צופירן קריגס־מאטעריאל, באזאָרגן אלץ אזוי, אז קיין איין שרײַפּעלע זאָל ניט אונטערפירן.

דער גענעראל איז גאנצע שאָען אָפּגעזעסן מיט די שטאַב־אָפיצערן, מיט די אויסשפּירער, דיסקאָנטירט די פײַער־פּונקטן, וועלכע ס'האָבן פארפיקסירט די באָבאַכטונגס־ און קלאנגען־אויסשפּירער, ווי אויך די יעדיִעס פון די געפאנגענע. קיינמאָל האָט ער אזוי ניט געפילט דעם קויעך, וועלכן ער זאמלט צונויף — דעם קויעך פון הונדערטער דונערס פון הארמאטן, פון טויזנטער סאָלדאטן. זיי זאמלען זיך די קויכעס שטיל און אומבאמערקט אין שוצגריבער, אין טראנשייען, אין באַלקעס, אין ריוון.

פאַרטאָג, ווען די זון איז נאָך געשלאָפן, האָבן זיך צעדונערט די הארמאטן, מיט א גערודער האָבן זיך א לאָז געטאָן מיט זייערע פײַערדיקע שנאָבלען פאָרויס די פאנצערס. ס'האָט זיך אויסגעמישט הימל און ערד. די דונערס האָבן אָנגעזאָגט, אז ס'גייט דער פרילינג איבערן סטעפּ, אז די ערד, וועלכע איז געווען פארקאָוועט אין אײַז פון געפענקעניש, וועט באפרײַט ווערן, אז די פארשמאכטע און פארפײַניקטע מוטערס וועלן אינגיכן דערזען זייערע זין, די ווײַבער — די מענער, די שוועסטער — די ברידער.

דער גענעראל האָט פון זײַן באָבאַכטונגס־פּונקט אָנגעפירט מיט דער שלאכט. זײַן פלאן, וועלכן ער האָט אויסגעארבעט מיט די שטאַב־אָפיצערן, — ארומצורינגלען די פײַנטלעכע גרופּע מיליטער, — האָט זיך אנטוויקלט לאנגזאם.

די אָפּער־סוואָדקעס, וואָס האָבן מיטגעטיילט, אז די פײַנטלעכע קאָנטראטאקע שטרעבט צו צעקוועטשן דעם לינקן פלאנג, האָט אים געצווונגען איבערווארפן אין דער ריכטונג נאָך ארטילעריע און טאנקען.

אין א פאָר שאָ ארום האָבן די דײַטשן זיך געפּרוּווט דורכרײַסן אַף א צווייטן באַצירק. בלויז אַף מאָרגן, ווען דער רינג ארום דעם פײַנטלעכן מיליטער האָט זיך געשלאָסן, איז דער גענעראל א מידער, נאָר א באגײַסטערטער, אוועקגעפאָרן אין שטאב. דאָ האָט אַף אים שוין געווארט א באפעל פאָרצוזעצן דעם אָנגריף דאָרעמדיקער פון ראָזאָווקע, און ס'איז אים קלאָר געוואָרן, אז דער קאָרפּוס וועט באפרײַען מיאדלער.

איצט וועט ער שוין קאָנען אָנפירן מיט דער שלאכט אָן א קארטע. דעם באָבאַכטונגס־פּונקט וועט ער מאכן ערגעץ ארום די מאָהילעס אָדער ארום גראפסקויער ווינטמיל. די פײַנטלעכע טיילן וועלן זיך געוויס פארפעסטיקן ארום די זאמדגריבער אָדער אין קאָבילנער באַלקע, פונוואנען זיי וועלן באַשיסן אונדזערע טיילן.

א פארכאפּטער מיט זײַנע פלענער פון דער קומענדיקער שלאכט, איז דער גענעראל ארײַן אינעם שטאַב־בלינדאזש. ארום די קארטעס זײַנען געזעסן די שטאַב־אָפיצערן און האָבן פאנאנדערגעארבעט די שלאכט־דאָקומענטן. דער שעף פון שטאב דער פּאָלקאָווניק מאקייעוו האָט אָפּגעגעבן דעם גענעראל א קורצן ראפּאָרט. נאָכדעם האָט ראפּאָרטירט דער שעף פון דער אויסשפּירונג דער פּאָדפּאָלקאָווניק קרעמאָוו:

— פאַר דער נאַכט האָבן מיר אַנטפּלעקט צען וואַנדער־באַטאַרייעס, דער ציל נומער פינף האָט געביטן זײַן ריכטונג. דער ציל זיבן איז אריבער צאָפּנדיקער. אַף דאָרעם וואַרפט דער סוינע אריבער גרויסע קויכעס.

— די אויסשפּירער האָבן זיך נאָך ניט אומגעקערט? — האָט דער גענעראַל עטוואָס אומרויִק א פרעג געגעבן.

— איך וואַרט אַף זיי אויך, כאַווער גענעראַל.

דער גענעראַל האָט זיך צוגעזעצט און עפּעס אָנגעהויבן אַרײַנקוקן אין א קאַרטע. די שטאַב־אָפיצערן האָבן שווײַגנדיקע געקוקט אַף אים. בלויז דער ראַדיסט האָט איינטאָניק איבערגעכאַזערט:

— „קוקושקע", „קוקושקע", איך הער דיך, „קוקושקע", דאָס רעדט „יאַסטרעב"... איך הער דיך גוט, „קוקושקע", דו הערסט מיך?

דער ראַדיסט האָט אָנגעשטרענגט זיך צוגעהערט. מיטאַמאָל האָט ער זיך א הייב געטאָן און א צעראַשטעטער זיך געווענדט צום גענעראַל:

— איך ווייס ניט, כאַווער גענעראַל, צי איז דאָס עפּעס ניט קיין שפּיצל, נאָר די דײַטשן גיבן איבער, אַז אײַער מוטער וויל מיט אײַך ריידן.

— וואָ, מײַן מוטער?

דער ראַדיסט איז צוגעגאַנגען צום ראַדיאָ־אַפּאַראַט, וועלכער איז געשטאַנען דערבײַ, אַנגעשטעלט אים אַף דער געהעריקער כוואַליע. אין בלינדאַזש האָט א הילך געטאָן:

— אַכטונג! אַכטונג! הער גענעראַל, מיט אײַך וועט באַלד ריידן אײַער מוטער עסטער כאַדאַש.

דער גענעראַל האָט אַזש א ציטער געטאָן און, אויפשפּרינגענדיק פון אָרט, זיך א וואָרף געטאָן צום ראַדיאָ־אויפנעמער.

— וואָס קאָן עס באַטײַטן, פונוואַנען און וויאַזוי קאָן עס פּלוצעם ריידן די מאַמע?

אין ראַדיאָ־אויפנעמער האָט עפּעס אָנגעהויבן כאָרכלען, און גלײַך האָט די זעלבע שטים איבערגעכאַזערט:

— אַכטונג! אַכטונג! הער גענעראַל, באַלד וועט מיט אײַך ריידן אײַער מוטער עסטער כאַדאַש.

■

נאָכן צווייטן פאַרהער האָט דער קאָמענדאַנט פון פּעטערקאָווקער פּאָליציי־צירקל מיטגעטיילט דער געהעריקער אינסטאַנץ, אַז די פּאָליציי האָט אין טשערעט־באַלקע פאַרהאַלטן די מוטער פון א סאָוועטישן גענעראַל כאַדאַש. פאַרשטייענדיק, אַז זי קאָן אויסגענוצט ווערן פון דער דײַטשישער מיליטער־קאָמאַנד־

שאַפט, האָט דער קאָמענדאַנט געהייסן בוכמילערן אָפּפירן זי דערווײַל צוריק אין מיאַדלער און אכטונג געבן אויף איר.

בוכמילער האָט שטאַרק געוואָלט דערגיין, וווּהין איז אַהינגעקומען מאַריאַשע. נאָר עסטער האָט געהאַלטן אין איין טײַנען, אַז זי ווייסט פון גאָרנישט. זי איז געגאַנגען אין פּעטערקאָווקע אויסבעטן אַ שטיקל ברויט, און פון מאַריאַשען האָט זי קיין שום אָנונג ניט.

בוכמילערן האָט שוין פאַרדראָסן, לעמײַ ער האָט זיך אַזוי געאַקשנט, ווען מאַריאַשע האָט אים געבעטן איבערלאָזן דאָ עסטערן. ער וואָלט דאָך געקאָנט זײַן אַ גוטער, מאַכן זיך, אַז ער האָט זי קלוימערשט אויסבאַהאַלטן און געראַטעוועט פון דער גזירה. ווי־ניט־ווי איז זי דאָך פאָרט אַ מוטער פון אַ גענעראַל. מאַלע וואָס עס מאַכט זיך, די דײַטשישע אַרמיי טרעט דאָך טאַקע אָפּ, און טאָמער וועלן קומען צוריק די אַלטע באַלעבאַטים?

בוכמילער האָט אָנגעהויבן אויסטערוואַרפּן עסטערן עפּעס עסן, ניט געשיקט זי אויף קיין שום אַרבעט. געטרייסט זי.

— כ'וועל שוין מאַכן, מ'זאָל דיך ניט טשעפּען, כ'האָב זיי אײַנגערעדט, און דו אַקשן זיך ניט, דערצייל זיי וועגן דײַן זון, אים וועלן זיי אַוודאי גאָרנישט ניט טאָן.

אַ שטיקל צײַט האָט עסטער געלעבט פאַרשטויסן, ווי אַלע וואָלטן אין איר פאַרגעסן. פּלוצעם האָט מען זי ווידער אָנגעהויבן אַרומשלעפּן און אויספרעגן וועגן איר זון, ווּ האָט ער געדינט, אין וועלכע טײלן, צי האָט זי זײַנע בריוו, פּאָטאָ־בילדער, ווּ איז זײַן מישפּאָכע, ווער זײַנען זײַנע אייגענע. מ'האָט איר פאָרגעלייגט אָנשרײַבן אים אַ בריוו און צוגעזאָגט איבערשיקן.

עסטער האָט געקוקט מיט מעוווּלבלדיקע אויגן אויף די אויספאָרשער, געקניטשט מיט די פּלייצעס און געטײַנעט:

— וואָס ווילט איר פון מײַנע יאָרן? איך ווייס גאָרנישט פון מײַן זון, כ'האָב אים אויסגעהאָדעוועט, נאָכדעם איז ער אַוועק אין דער וועלט... ווען־ניט־ווען פלעגט ער אָנשרײַבן אַ בריוול, אַז ער איז געזונט, און גאָר...

ווען דער פראָנט האָט זיך דערנעענטערט און ס'איז באַוווּסט געוואָרן, אַז דער קאָרפּוס פונעם גענעראַל כאַדאַש גרײַפט אָן אָפּן באַצירק פון זײַן אייגענעם קאַנט, האָט די דײַטשישע קאָמאַנדשאַפט באַשטימט אויסנוצן זײַן מוטער עסטער. לעבאַטכילע איז געווען פּלאַנירט שיקן זי אין דער שפּיץ פון אַ קאָלאָנע מאָטאָ־אינפאַנטעריע, מעלדנדיק באַצײַטנס וועגן דעם דורך ראַדיאָ און אין פלוגבלעטלעך. נאָר איידער דער פּלאַן איז פאַרווירקלעכט געוואָרן, האָבן די שלאַכטלײַט פונעם גענעראַל כאַדאַש אַרומגערינגלט אויף דעם באַצירק די דײַטשישע גרופּע מיליטער. באַזונדערס איז באַשאָסן געוואָרן דער באַאָבאַכטונגס־פּונקט פונעם קאָמאַנדיר פון דער שוצגרופּע גענעראַל פאָן רייזען.

קעדיי אָפּצושוואַכן דאָס פײַער איבער זײַן פּונקט, האָט דער דײַטשישער גענעראַל באַפוילן ברענגען עסטער כאַדאַשן און מעלדן וועגן דעם דורך ראַדיאָ איר זון. אַזויאַרום, האָט פאָן רייזען געמיינט, וועט זיך אים עפּשער אײַנגעבן קאָנצענטרירן אין איין אָרט זײַן מיליטער און איבערײַסן דעם רינג.

דער עסעם־אָפּיצער, וועלכער האָט געבראַכט אין בלינדאַזש עסטער כאָדאָש, האָט זיך אויסגעצויגן פאַרן הויכן, דאַרן גענעראַל, פלינק אָפּגעראַפּאָרטירט, אַז זײַן באַפעל איז אויסגעפילט געוואָרן.

אַרײַנקוקנדיק מיט איין אויג אין דער קאַרטע, וועלכע איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט פאַרשיידענע טאָפּאָגראַפישע צייכנס, האָט פאָן רייזען שנעל עפּעס אָפּגעענטפערט, און דער עסעם־אָפּיצער איז ערגעץ אַרויסגעגאַנגען. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער ווידער זיך אומגעקערט מיט אַ בלאָנדן געזעצטן סאָלדאַט.

דער גענעראַל האָט געהייסן דעם איבערזעצער פרעגן בײַ עסטערן, צי רעדט זי דײַטש?

— כ'פאַרשטיי אַ ביסל, — האָט זי געענטפערט אויף ייִדיש און טייקעף זיך אַליין איבערגעזעצט אויף אַ האַלב רוסיש, האַלב אוקראַיִניש לשון:

— טראָשקי פּאָנימאַיו.

— נו, גוט, — האָט זיך אָפּגערופן פאָן רייזען. — דו ביסט די מוטער פון דעם גענעראַל כאָדאָש?

עסטער איז געשטאַנען ווי אַ פאַרגליווערטע און ניט געענטפערט.

— ווילסטו ריידן מיט דײַן זון?

— ווי־אַזוי קאָן איך ריידן מיט אים?

— מיר וועלן מאַכן, אַז דו וועסט קאָנען, — האָט געענטפערט דער גענעראַל.

— ער איז בײַ אײַך? — האָט זי געפרעגט. כאָטש זי איז געווען זיכער, אַז מ'נאַרט זי אָפּ, פונדעסטוועגן האָט זי אָנגעהויבן פירן מיט די אויגן איבערן בלינדאַזש, ווי זי וואָלט זיך וועלן איבערצײַגן, צי איר זון איז טאַקע דאָ. נאָר טייקעף האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן און ווידער געבליבן שטיין צעטומלט און פאַרלאָרן.

— איר לאַכט פון מיר, אַ?! ווי־אַזוי קאָן איך ריידן מיט אים?

ערגעץ נאָענט האָט אויסגעשאָסן אַ האַרמאַט. דער בלינדאַזש האָט אַזש אָנגעהויבן ציטערן.

— דאָס שיסט דײַן זון, בעט, ער זאָל אופהערן, זאָג אים, אַז דו ביסט בײַ אונדז. קענסט לייענען? מיר וועלן דיר אָנשרײַבן וואָס צו לייענען. בעט, ער זאָל כאָטש אופהערן באַשיסן דעם בלינדאַזש, וווּ דו געפינסט זיך.

דער ראַדיסט האָט אָנגעשטעלט דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט און געמאָלדן:

— אַכטונג! אַכטונג! הער גענעראַל כאָדאָש, מיט אײַך וועט באַלד ריידן אײַער מוטער עסטער כאָדאָש.

אַ רעגע איז אין בלינדאַזש שטיל געוואָרן. נאָכדעם האָט דער ראַדיסט אָנגענומען עסטערן בײַ דער האַנט, צוגעפירט זי צום ראַדיאָ און אָנגעהויבן איר אונטערצוזאָגן וואָס צו ריידן...

— זאָג, נו, זון מײַנער.

— זון מײַנער, — האָט זי מיט אַ הייזעריק קאָל איבערגעכאַזערט און איז געבליבן שטיין. פּלוצעם האָט זיך פון איר אַרויסגעריסן אַ קאָל, פול מיט גאַל און פאַרביטערונג:

— זון מײַנער, אויב ס'איז פאַראַן א גענעם אױף דער ערד, בין איך אין אים... פון מיאדלער איז געוואָרן א בעסוילעם...

— דאָנערוועטער! — האָט פאָן רייזען זיך א הייב געטאָן פונעם אָרט. — איך שים דיך, פארפלוכטע, אויב דו וועסט ניט זאָגן, וואָס מ'הייסט דיר!

— זון מײַנער! — האָט עסטער זיך פאַנאַנדערגעוויינט. — איך שטיי פאר דער ביקס, דער רויצייעך פאָדערט, דו זאָלסט אופהערן שיסן. שיס, מײַן זון...

א הארמאטן־קויל האָט זיך אופגעריסן, אופטרייסלענדיק דעם בלינדאזש, נאָך אים א צווייטער, א דריטער. עסטערס פארביטערט געשריי איז פארהילכט געוואָרן אין דער דונערנדיקער קאַנאָנאַדע.

■

די שלאכטן זײַנען געוואָרן אַלץ אָנגעשטרענגטער. דער סוינע האָט עטלעכע מאָל געפרוווט ארויסרײַסן זיך פון קלעם, נאָר ס'איז אים ניט געלונגען. דער גענעראל כאָדאָש איז ערעוו דער שלאכט פאר מיאדלער אריבער אױף א נײַעם באָבאכטונגס־פונקט — אין א קלוניע אין כוטאָר טאראסאָווקע. פון דאָרטן האָט ער דורך דעם בינאָקל געזען זײַן היים. אים האָט זיך שטארק געוואָלט דערוויסן וועגן זײַנע אייגענע אין מיאדלער. נאָר קיין איין לעבעדיקער נעפעש איז אין כוטאָר ניט געבליבן.

ארום די מאָהילעס, פונוואַנען עס האָט נעכטן גערעדט זײַן מוטער, איז געווען שטיל.

— אָדער זיי זײַנען דאָרט אומגעקומען, די פריצן, אָדער זיי האָט זיך אײַנגעגעבן אין דער צײַט פון קאָנטראטאקע ארויסרײַסן זיך פון קלעם, — האָט דער גענעראל א טראכט געטאָן.

לויט דעם ארטילערישן פײַער פון דער פײַנטלעכער זײַט האָט דער גענעראל פארשטאנען, אז דעם סוינעס הארמאטן שטייען אין קאָבילנער באַלקע, און ער האָט באפוילן ריכטן אהין דאָס פײַער פון זײַן ארטילעריע.

אין א פאָר שאָ ארום, ווען דער ווידערשטאנד פון סוינע איז געבראָכן געוואָרן, האָבן זיך א לאָז געטאָן פאָרויס טאנקען און אינפאנטעריע. צוזאמען מיט זיי איז ארײַן אין מיאדלער דער גענעראל.

ס'איז שוין געווען אָנהייב אָוונט. געדיכטע וואָלקנס רויך האָבן זיך גע־טראָגן פון די הײַזער, וועלכע די דײַטשן האָבן אונטערגעצונדן פאר זייער אָפּטרעטן. פון די סרייפעס איז א שטיק אָוונטיקער הימל געוואָרן רויט, ווי פארן זון־פארגאנג. פון א סאך הײַזער זײַנען געבליבן בערגלעך אש און קופּקעס ברוכשטיקער פון טשערעפּ און גלאָז. דאָ און דאָרטן האָבן געסטארטשעט קוי־מענס און פארסמאליעטע ווענט.

מיט אומרו אין הארצן האָט דער גענעראל זיך דערנעענטערט צו זײַן שטוב. נאָך פון ווײַטן האָט ער באמערקט, אז זי ברענט. דורך די קנוילן רויך,

װעלכע האָבן אים געשפּאַרט אין פּאָנעם ארײַן, האָט ער דערזען דעם בארנבוים, װעלכן ער האָט אמאָל נאָך פארפלאנצט.

פארבײַ האָבן מיט א הודזשערײַ געטראסקעט די טאנקען, די הארמאטן. דער גענעראל איז געשטאנען מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ לעבן זײַן שטוב, װעלכע האָט פון אלע זײַטן געפלאקערט. ער איז ארײַן אין הויף. ניט דערגײענדיק עטלעכע טריט צום בארנבוים, איז ער געבליבן שטיין. ס'האָט אים אָנגעהויבן שטיקן אין האלדז. ער האָט זיך א װאקל געטאָן, װי א קויל װאָלט אים געטראָפן. נאָר ער האָט זיך אָנגעכאפּט פאר א צװײַג און איז א באנאָסענער מיט שװיים געבליבן שטיין אנטקעגן זײַן מוטער, װעלכע איז געהאנגען אפן בוים. ער האָט זי אראָפּגענומען און צוגעדריקט צום הארצן איר אומבאװעגלעכן קערפּער. ס'האָבן ניט געקוקט אף אים אירע אויסגעלאָשענע פארגלייװערטע אויגן. זיי האָבן ניט געזען איר ליבלינג, איר שטאָלץ, אף װעלכן זי האָט אזוי לאנג ארויסגעקוקט.

דער גענעראל איז לאנג געשטאנען װי אין א הינערפלעט. ער האָט אפילע ניט באמערקט, װי ס'איז אָנגעקומען מאריאשע מיט נאָך פּארטיזאנער איבערגעבן דעם קאָמקאָר װיכטיקע ידיעס.

1964



צוערשט זײַנען די געווען אינצוויען

1

דער ערשטער האָט זיך אין קאָלווירט „האָפענונג" אומגעקערט נאָכעם שאַליט. ווען מע האָט אים דעמאָביליזירט נאָך א שווערער פארוווּנדונג, האָט ער ניט געוווּסט ווּהין צו פאָרן. אין קאָלווירט בא זיך, איז ער געווען זיכער, וועט ער קיינעם ניט טרעפן — ניט פון זײַנע אייגענע, ניט בּיכלאַל פון די, מיט וועמען ער האָט אָפּגעלעבט און אָפּגעאַרבעט א גאַנץ לעבן. די, וואָס האָבן זיך עוואַקויִרט, האָט ער געטראַכט, האָבן געוויס נאָך ניט באַוויזן זיך אומ־קערן אהיים. און די, וואָס זײַנען געבליבן אױף אָן אָרט, זײַנען אומגעקומען.

פון דעם קליינעם פּאָלוסטאַנאָק, ווּ ער איז אַראָפּ נאָך יאָרן צעשיידונג, ביזן קאָלווירט „האָפענונג" איז געווען א גוטע צען קילאָמעטער. נאָך אין וועג האָט שאַליט דערפילט דעם רייעך פון דער היימישער ערד, וועלכן ער האָט אין די שווערע יאָרן פון צעשיידונג קיינמאָל ניט פארגעסן, ווי מ'פארגעסט ניט דעם רייעך פון ברויט. אָט דער רייעך, אָן אָנגעזאַפּטער מיט דער פרישער קילבלעכקײַט פון שוואַרצערד, מיט דער ווײַניקער זיסלעכקײַט פון טשאָמבערן און קאַטראַנעס, פון אָסאָטן און פירייען, האָט אים געשיקערט.

פארלאָזטע פעלדער האָבן זיך אָן אופהער געצויגן לענגויס דעם וועג. אומ־זיסט האָבן זיך איבער זיי דורכגעטראָגן פרילינגס מיט רוישיקע געוויסערן, מיט שלאַקסרעגנס. די זאַפטן פון דער ערד האָבן גענערט בלויז ווילדגראָזן. דורך די געוויטערן פון קריג האָט שאַליט זיך געצויגן צו דער היים, ווי א קינד ציט זיך צו דער מוטערס ברוסט, און איצט שטייט ער דאָ מיטן סאָל־דאַטישן רענצל אױף דער פּלייצע.

דער וועג, וואָס האָט געפירט צום קאָלווירט, איז געווען אזוי פארוואַקסן מיט הויכן געדיכטן גראָז, אז ס'איז אוממעגלעך געווען צו געפינען אן אלטע קאָלייע פון א פור, שפּורן פון פערדישע טלאָען, סימאָנים, אז מענטשן זײַנען דאָ אמאָל געגאַנגען, אז מאַשינעס זײַנען דאָ אמאָל געפאָרן.

ניט פארהאַלטנדיק זיך, האָט שאַליט זיך געלאָזט מיטן פעלד. ער איז ניט געגאַנגען, ס'האָט אים געטראָגן. עפּעס א קראַפט האָט אים געטריבן, געיאָגט. פונעם האַסטיקן גאַנג איז אים אַזש היים געוואָרן, ס'האָט אים באַשלאָגן א שוויים. נאָר ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט. אזוי איז ער צוגעקומען צו די מאָהילעס. פונדאַנען איז שוין געווען מיט דער האַנט צו דערלאַנגען צו זײַן היים. אמאָל, ווען ער איז נאָך געווען א קינד, האָט זיך אים געדוכט, אז

אַרום די מאָהילעס לאָזט זיך אַראָפּ דער הימל אַף דער ערד און דאָרט ענדיקט זיך די וועלט. אַ באָרוועסער פּלעגט ער לויפן אַ קוק טאָן, וווּ די וועלט ענדיקט זיך. און דאָ האָט ער ערשט דערזען, ווי גרויס די וועלט איז. איצט האָט פון די מאָהילעס אַ ווייַע געטאָן מיט היים. פאַר די אויגן האָט אַף אַ ווייַלע אופגעבליצט די ווייַטע קינדהייַט... וווּ זשע איז דער וועג, מיט וועלכן ער פּלעגט לויפן קוקן, וווּ די וועלט ענדיקט זיך: מיט דעם זעלבן וועג איז ער אוועק אַף דער מילכאָמע. איצט קאָן ער אים אפילע ניט געפינען. ערגעץ דאָ, וווּ ער גייט איצט ביזן גאַרטל אין גראָז, מוז ער זייַן, דער וועג. קיין פוס האָט אים שוין לאַנג ניט באַטראָטן. הייסט עס, אַז אין דער היים באַ אים איז קיין לעבעריקער נעפעש ניט פאַראַן.

אַף די פעלדער, דוכט אים, איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזאַ וואַרגנדיקע שטילקייַט. מ'הערט אפילע ניט קיין האַוקערייַ פון אַ הונט, קיין קריי פון אַ האָן. אַזאַ שטילקייַט פּלעגט זיך מאַכן אַף דער מילכאָמע, ווען מע פּלעגט פאַרטייַעט ליגן און לאָקערן נאָכן סוינע. די מילכאָמע האָט זיך שוין געענדיקט. ער גייט אַהיים אַ לעבעדיקער. אָבער ווער וועט אים באַגעגענען?

פון ערגעץ איז אָנגעפלויגן אַ זשומענדיקע בין און זיך אַראָפּגעלאָזט אַף אַ געל צעבליטן קאַטראַן.

„פונוואַנען פליט זי, די בין, עפשער פון זייַן היים?״ — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. זי וועט אומפליִען איבערן פעלד און וועט זיך אומקערן אין איר בינשטאָק. און וווּהין גייט ער? צו אַ פוסטן בינשטאָק, פון וועלכן אַלע זייַנען אוועק אָדער וווּ אַלע זייַנען טויט. און וווּ וועט ער אַן איינזאַמער זיך אַהינטאָן?

וואָס נעענטער שאַליט איז צוגעגאַנגען צו דער היים, אַלץ מער איז ער דערשיטערט געוואָרן פונעם געדאַנק, אַז ער וועט געוויס דאָרטן קיינעם ניט טרעפן, מעגלעך, אַז נאָר ער איינער איז געבליבן לעבן פונעם יִישעוו. איז וואָס אײַלט ער זיך אַזוי? עפשער וואָלט גלייַכער געווען פאַרקערעווען אין אַ דערבייַיִק דערפל און דאָרט עפעס דערוויסן זיך וועגן זייַניקע. נאָר ווי גיט מען ניט קיין קוק מיט די אייגענע אויגן אַף דער היים, אַז מע איז שוין אַזוי נאָענט צו איר?

פון הינטער די מאָהילעס פּלעגט מען שוין פונווייַטן זען די סילאָס־טורעמס, דעם רויטן טשערעפּענעם דאַך פון דער שול און אפילע דעם בושל פונעם ברונעם, וועלכער האָט זיך געפונען ניט ווייַט פון דער פערמע. איצט זעט מען גאָרנישט ניט. צי דען איז דאָרט טאַקע אַלץ אָפּגעווישט געוואָרן פון דער ערד?

דערזען עטלעכע גאַנץ געבליבענע פּרוכטביימער, פאַרהלושעטע פונעם הויכן און געדיכטן גראָז, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער געפינט זיך לעבן דעם געוועזענעם קאָלווירטישן סאָד. פון לינקס האָט זיך אָנגעהויבן דער יִישעוו. איבער די ווילדגראָזן פון קימאַט אַ מענטשלעכן וווּקס די הייך האָבן נאָר געסטאַרטשעט די דעכער און קוימענס פון די גאַנץ געבליבענע הייַזער, די שפּיצן פון די ביימער אין די פּאַליסאַדניקעס. די ברייטע גאַס אינמיטן יִישעוו מיט דעם אַמאָל אויסגעפּאָרענעם וועג, מיט די סטעזשקעס פון ביידע זייַטן איז אויך געווען פאַרוואַקסן, פונקט ווי פאַרווילדעוועטער סטעפּ.

שאַליט איז געשטאַנען אַ ווײַלע אין פֿאַרלעגנהייט, ווי ער וואָלט פֿאַרבלאָנדזשעט און ניט געוווּסט וווּהין ווײַטער צו גיין.

— אָט דאָס איז זי טאַקע, זײַן היים? ווי זאָל ער דאָ זײַן שטוב געפֿינען?
שאַליט איז געגאַנגען איבער דער געוועזענער גאַס און אײַנגעקוקט זיך אין די הויפֿן. ער האָט געזען בערגלעך ציגל־ און טשערעפּיצע־ברוך, הײַזער אָן דעכער, אָן טירן, אָן פֿענצטער. פֿון די הויפֿן, וועלכע זײַנען געווען געדיכט פֿאַרוואַקסן מיט לעבעדע און פֿערד־שטשאַוועל, האָט דאָ און דאָרטן אַרויסגעקוקט אַן אײַנגעפֿאַלענער פֿאַרשימלטער ברונעם, אַ צעוואַלגערטע קלוניע.

שאַליט האָט געפּרוּווט געפֿינען אין די צערוינירטע הײַזער סימאָנים, וואָס זאָלן אים דערמאָנען, ווער פֿון די היגע אײַנוווינער האָט דאָרט געהאַט געוווינט. אים וואָלט אַזוי גרינגער געווען אָפּצוזוכן זײַן אייגענע שטוב. נישטערנדיק איבער די כורוועס, איז ער אַרײַנגעקומען אין איינעם אַ שטאַ״ק פֿאַרוואַקסענעם פֿאַליסאַדניק. אַ פּאָר צווײַגן פֿון אַ ווײַנשלבוים זײַנען אים אַראָפּגעפֿאַלן אַפֿן האַלדז, ווי מע פֿאַלט אַרויף אויף אַ נאָענטן נאָך אַ לאַנגער צעשיידונג. דורכן געדיכטן גראָז האָבן געקוקט אויף אים אַ פּאָר כמורנע פֿענצטערלעך פֿון אַ שטוב, די ווענט — אײַנגעהויקערטע, דער דאַך — האַלב אַראָפּגעריסן. נאָר שאַליט האָט דערקענט — ס'איז זײַן שטוב, אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די פֿענצטער, פֿאַרצויגענע מיט שטויב, ווי מיט אַ נעפּל, וועלן זיך באַלד אינײַנעם מיט אים פֿאַנאַנדערווײַנען פֿאַר פֿרייד. ער האָט אָפּגעשאַרט די צווײַגן, באַשאָטענע מיט ווײַנשל (ווי דער ווײַנשלבוים וואָלט וועלן מעכאַבעד זײַן דעם באַלעבאָס מיט דעם בעסטן, וואָס ער פֿאַרמאָגט), און אַ ריס געטאָן די טיר. זי האָט יאָמערלעך אַ גרילץ געטאָן, קאַלטע, שטומע ווענט האָבן גלײַכגילטיק געקוקט אויף אים. זײַנע אויגן האָבן געני‌שטערט, געפֿרעגט, געמאָנט.
— וווּ איז כאַווע... וווּ זײַנען די קינדער...

נאָר אַרום האָט אַלץ געשוויגן. די שטילקייט האָט געוואָרגן. ער איז אַרויס אין דרויסן. איבערן יִשעוו איז געהאַנגען דער זעלבער הימל ווי אַמאָל, ווי אַמאָל האָט געשײַנט די זון, עס האָבן געצוויטשערט די פֿייגל, נאָר אַרום האָט געהערשט אַן אוראַלטע ווילדקייט. עס האָט זיך דערהערט אַ שאָרך. פֿון ערגעץ איז אַרויסגעשפּרונגען אַ גרויע אויסגעדאַרטע פֿאַרווילדעוועטע קאַץ.

— קיס... קיס, קיצעניו, — האָט ער זי גענומען רופֿן, — מורקע, מורקע.
די קאַץ איז האַסטיק אַרויף אויפֿן דאַך, פֿון דאַך אויפֿן בוים, ווידער זיך אַראָפּגעלאָזט און פֿאַרשוווּנדן אין געדיכטן גראָז.
שאַליט האָט זיך אומגעקערט אין שטוב, נאָר אײַנזיצן האָט ער דאָרט ניט געקאָנט. אַ ווייטעק האָט אים געפּײַניקט.

כאָטש ער איז געווען טויט־מיד, האָט ער באַשטימט ניט פֿאַרהאַלטן זיך דאָ, זיך לאָזן אין דערבײַיִקן דאָרף. ער האָט גענומען דאָס סאָלדאַטישע רענצל, פֿאַרמאַכט די טיר און שוין געוואָלט גיין. נאָר ער האָט דערהערט טריט. אין געדיכטן גראָז האָט ער דערזען אַ מענטשן.
— כאַווער... ברודערקע... — האָט ער אויפֿגעריסן די דרעמלענדיקע שטילקייט מיט אַ געשריי און זיך געלאָזט נאָך דעם מענטשן.

2

אינגאַט זשורבענקאָ איז געקומען אהער, אין געוועזענעם קאָלווירט „האָפּע־נונג״, א פּאָר וואָכן פאר שאַליטן.

נאָך אין דער ארמיי האָט ער באַקומען א ידיעה, אז זײַן מישפּאָכע האָבן די פאשיסטן אומגעבראַכט און די שטוב פארברענט. ווען מע האָט אים דעמאָבי־ליזירט, האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן, וואָס טוט מען ווײַטער. אומקערן זיך אין זײַן אַלטער היים האָט זיך אים ניט געוואָלט. איז אים אײַנגעפאַלן צופאָרן דער־ווײַל צו איינעם א ווײַטן קאָרעוו, וואָס האָט געוווינט א קילאָמעטער צוואַנציק פון קאָלווירט „האָפענונג״. דאָרט האָט ער אָבער אויך קיינעם ניט געטראָפן. איז ער אַוועק ווײַטער, זוכן אן אָרט, ווו זיך אָפּצושטעלן. ארומבלאָנקענדיק, האָט ער אין א באַלקע באַמערקט צווישן הויכן גראָז א בעהיימע. דערזען א מענטשן, האָט די קו אופגעהויבן דעם קאָפּ און ווילד א מרוקע געטאָן. זשור־בענקאָ איז צוגעגאַנגען צו איר, א גלעט געגעבן איבערן בויך, א צי געגעבן פאַר די אײַטער.

„די מילך איז שוין, דוכט זיך, בא איר איבערגעברענט, — האָט ער א טראַכט געטאָן, — די בעהיימע איז מיסטאָמע פארבלאָנדזשעט געוואָרן, און עמעץ זוכט זי ארום.״

זשורבענקאָ האָט זי פארנומען און איז אַוועק מיט איר זוכן א יִישעוו, דאָרט וועט ער שוין זען וואָס ווײַטער צו טאָן.

אין יִישעוו האָט ער קיין איין לעבעדיקן נעפעש ניט געפונען. גיין ווײַ־טער האָט ער אָבער ניט געקאָנט, זײַן פארוואונדעטער פוס האָט אָנגעהויבן שרעקלעך ווי טאָן. קיין אנדער אויסוועג האָט ער ניט געהאַט ווי אָפּשטעלן זיך אינעם פוסטן יִישעוו, אײַנאָרדענען זיך ווי־ניט־איז, ביז ער וועט קומען צו זיך. און עפשער, האָט ער געטראַכט, וועט פאַר דער צײַט זיך אומקערן עמעצער פון די היגע אײַנוווינער.

דערהערט א מענטשלעך קאָל אין דער וויסטעניש, איז זשורבענקאָ אַזש פארציטערט געוואָרן.

— כאַווער... ברודערקע... פונוואַנען און וווּהין גייסטו?

זשורבענקאָ האָט א קער געגעבן דעם קאָפּ און דערזען שאַליטן.

— וואָס הייסט פונוואַנען... מיסטאָמע פונדאַנען, פונוואַנען דו גייסט... ביסט א היגער?

— יאָ... זעסט כאָטש, וואָס ס'איז געוואָרן פון מײַן היים...

— פון מײַנער געווים אויך, — האָט זשורבענקאָ טרויעריק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, — ווו זײַנען אהינגעקומען די מענטשן פונעם יִישעוו?

— כ'ווייס אַליין ניט. און עפשער זײַנען זיי אומגעקומען. האָסט גאָרניט געהערט? פונוואַנען ביסטו?

— כ'בין פון ווײַט, ברודערקע...

— ווי זשע קומסטו אהער? ווער נאָך איז דאָ פאַראַן אַכוץ דיר?

— קיינער ניט, דערווײַל איז דאָ קיינער ניטאָ.

שאליטן האָט זיך געוואָלט פאַרייכערן. פון אופגערודערטקייט האָבן זיך בא אים די הענט געטרייסלט, ווען ער האָט ארויסגענומען פון דער קעשענע אַן אויסגענייט טוטין־זעקעלע, א מאַטאַנע, וואָס ער האָט באַקומען אַפּן פראָנט. דאָס זעקעלע איז געווען פּוסט. ער האָט אויסגעטרייסלט דאָס לעצטע ביסל מאַכאָרקע־שטויב און פאַרדרייט א דינינקן ציגאַרעט.

— רייכערסט? — האָט ער א פרעג געגעבן בא זשורבענקאָן, דערזעענדיק, ווי יענער קוקט אַף אים מיט זשעדנע אויגן.

— כ'גיי אויס, אזוי ווילט זיך רייכערן, — האָט זשורבענקאָ שטיל א זאָג געטאָן. — כ'האָב שוין געררייכערט בלעטער, שטרוי און וואָס ניט?

שאליט האָט דערלאַנגט זשורבענקאָן דעם ציגאַרעט. יענער האָט מיט האַנאָע זיך פאַרצויגן, אזש די אויגן פאַרזשמורעט, ארויסגעלאָזט פּאַמעלעך דעם רויך און אומגעקערט דעם ציגאַרעט שאליטן. שאליט האָט נאָכאַמאָל א ציי געטאָן און ווידער אים געגעבן זשורבענקאָן.

דער דינינקער ציגאַרעט האָט אזוי באַפרײַנדעט די צוויי סאָלדאַטן, ווי זיי וואָלטן זיך שוין קענען יאָרן. זיי האָבן זיך צוגעזעצט אַף א בערגעלע און זיך צערעדט.

— עפּשער וועסטו זיך דאָ באַזעצן. בלײַב מיט מיר, ווּהין וועסטו זיך שלעפּן מיטן קראַנקן פוס.

— מירן זען, — האָט זשורבענקאָ אומבאַשטימט געענטפערט.

— איך מיין, אז די, וואָס זײַנען לעבן געבליבן, וועלן זיך אינגיכן אָנ־הייבן צוביסלעך אומקערן... מיר וועלן אופשטעלן דעם קאָלווירט... — האָט אים שאליט אָנגעהויבן אײַנריידן. — די ערשטע צײַט וועט געווים זײַן שווער. נאָר מיר זײַנען דערצו געוווינט, אַף דער מילכאָמע האָבן מיר שווערערס איי־בערגעלעבט.

זשורבענקאָ האָט געשוויגן און ווען עפּעס אָנגעשטרענגט געטראַכט.

— כ'האָב געפונען א בעהיימע, — האָט ער דערעכאַגעוו א זאָג געטאָן.

— א בעהיימע? — האָט אים שאליט איבערגעשלאָגן. — זי מעלקט זיך?..

א בעהיימע — דאָס איז דאָך שוין א שטיק באַלעבאַטישקײַט, א גאַנצער מאַיאָנטעק... א בעהיימע קאָן מען אי מעלקן, אי אײַנשפּאַנען, און אז מע דאַרף...

— די מילך איז שוין בא איר געווען איבערגעבערענט, — האָט אים זשור־בענקאָ איבערגעשלאָגן די רייד, — נאָר כ'מעלק זי פאַנאַנדער.

— כ'זע, אז דו פאַרשטייסט א טאָלק אין די זאַכן.

— כ'האָב זיך נאָר צוגערירט צו די אײַטערס, האָב איך גלײַך פאַרשטאַנען, אז די בעהיימע בלאָנקעט שוין לאַנג אַרום.

— טשיקאַווע... ווּ שטייט זי בא דיר? קום, לאָמיר טאַקע א קוק טאָן...

זשורבענקאָ האָט אַוועקגעפירט שאליטן צום עק ייִשעוו.

מיט א שמאָל סטעזשקעלע, וואָס האָט זיך געצויגן אין געדיכטן גראָז, זײַ־נען זיי דערגאַנגען צו א הויף, ווּ עס איז געשטאַנען א האַלב אײַנגעפאַלענע שטוב מיט אַן איבערגעפוילטן שטרויענעם דאַך. רעכטס, א צען שפּאַן פון דער כורווע, אין א שטעלכל, איז געווען צוגעבונדן די בעהיימע. ריִענדיק זיך מיט

דער פײַכטלעכער מאָרדע אין דער קופּע פריש זאַפטיק גראָז, האָט זי געשמאַק געקײַט.

— דאָס איז אונדזערע! אונדזער „קראַסאָטקע" מיטן װײַסן פלעק אַפן שטערן, — האָט שאַליט אַרומגענומען די בעהיימע פאַרן האַלדז. ער האָט זיך צוגעדריקט צו איר, זי געגלאַשטשעט, אַרײַנגעקוקט אין די שװאַרצע אױגן און געשריִען:

— ליובעניו, טײַערע מײַנע!

די בעהיימע האָט שטום געקוקט מיט אירע טרױעריקע אױגן, געמאַלעגײערט און געשװיגן.

— נו, װאָס שװײַגסטו, שטומע צונג, װאָס דו ביסט, כײַ װאָלסטו כאָטש עפּעס געקאָנט דערצײלן... װער נאָך איז דאָ געבליבן? נאָר דו און די קאַץ?..

שאַליט איז אַרױס אין הױף, אָנגעריסן אַ ביסל פריש שמעקנדיק גראָז און דערלאַנגט איר.

— עס, עס, ליבינקע, — האָט ער זי געגלאַשטשעט. די בעהיימע האָט אים אַרומגעשמעקט, װי זי װאָלט אים אָנגעהױבן דערקענען.

שאַליט האָט זי באַקוקט פון אַלע זײַטן, װי אַ באַלעבאָס.

— האָסטו, הײסט עס, שױן אַ ביסל מילך פון איר? — האָט ער זיך געװענדט צו זשורבענקאָן.

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, איך צעמעלק זי ערשט.

— מיט יעדן טאָג װעט זי געבן מער. און אָן ברױט װי קומסטו אױס?

— עמעצער האָט דאָ געהאַט פאַרזײט קאַרטאָפליעס, געקליבן זיך, װײַזט אױס, באַלעבאַטעװען אַף דער ערד און געמוזט אַנטלױפן צוזאַמען מיט די פאַשיסטן.

שאַליט מיט זשורבענקאָן זײַנען אַרױס פון שטאַל. זײ האָבן אַ װײַלע באַטראַכט דעם הױף, דערנאָך האָט זשורבענקאָ פאָרגעלײגט שאַליטן עפּעס איבערכאַפּן, אָפּרוען זיך.

— אַ דאַנק, כ'װעל זיך דאָ נאָך אַ ביסל אומדרײען, — האָט שאַליט זיך אָפּגעזאָגט. אים האָט זיך געװאָלט געפינען אין דער װיסטעניש שפּורן, װאָס זאָלן דערצײלן װעגן דעם, װאָס דאָ איז פאָרגעקומען.

אַרום איז געװען די זעלבע פאַרװאָרלאָזטקײַט, װעלכע ער האָט באַגעגנט, װען ער איז אַרײַן אין יִישעװ. די זעלבע שטילקײַט האָט געלױערט. אַ פּאָר מאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ צעפּױלטער שמאַטע, לעבן אַ בענדל, לעבן אַ קינדערש שיכעלע אָדער גאָר לעבן אַ פּעדערל, װאָס דער װינט האָט פאַרטראָגן פון ערגעץ. און יעדעס מאָל האָט ער געטראַכט:

— עפּשער איז דאָס כײַעלעס? עפּשער איז דאָס בענדעלע פון איר שיכל? עפּשער איז דאָס פּעדערל פון איר קישעלע?

דאָ און דאָרט האָט שאַליט זיך אָנגעשטױסן אַף שוצגראָבנס, האַרמאַטן־גריבער, איבער װעלכע ס'זײַנען מיט אַ פרײלעכער צװיטשערײַ אַרומגעשפּרונגען פײגל. ס'האָבן שױן דאָ איצט געבליט בלומען, פּונקט װי דער טױט װאָלט דאָ קײנמאָל ניט געהוליעט.

3

שאליט האָט איבערגענעכטיקט אין דער שטוב, ווּ זשורבענקאָ האָט זיך איינגעאָרדנט, און איז אַף מאָרגן גאנצפרי אוועק איבער די ארומיקע דערפער, עפשער וועט ער זיך וואָס־ניט־איז דערוויסן וועגן דער מישפּאָכע, וועגן די לאנדסלייט. שפּעט אין אָוונט האָט ער זיך אומגעקערט אהיים א מידער, א דערשלאָגענער. זשורבענקאָ האָט גלייך נאָך זיין פּאָנעם דערקענט, אז קיין גוטע נייעס האָט ער ניט געבראכט.

...ס'איז דורכגעגאנגען א שטיקל צייט, און אין איינעם א טאָג האָט זיך אַף דער גאס פון יישעוו באוויזן א מענטש, וואָס איז קימאט פּארטרונקען געוואָרן אינעם הויכן גראָז. ער איז געווען א נידעריטשקער, מיט איין האנט, אין אן אָפּגעריסענעם שינעל. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ניט ווייט פון דער שטוב, ווּ שאליט האָט געוווינט, און אויסגערופן:

— כ'האָב געבראכט א בריוו!.. א בריוו!.. עמעצער איז דאָ?

שאליט איז צוגעלאָפן צום מענטשן, וועלכער האָט ארויסגענומען פון רענצל א דרייעקיק בריוועלע.

„איבערגעבן וועמען־ניט־איז", — האָט שאליט איבערגעלייענט אפן אדרעס. ער האָט פאנאנדערגענומען דעם דרייעק, דאָרט איז געשטאנען געשריבן:

„ווער ס'וועט באקומען דעם בריוו, זאָל מיר אָנשרייבן, צי ס'לעבט מיין מישפּאָכע.

זעליק שינדל".

אין עטלעכע טעג ארום האָט זיך ווידעראמאָל באוויזן דער בריוונטרעגער און ווידעראמאָל געבראכט א בריוול, געשריבן אין דעם זעלבן נוסעך, דערנאָך האָבן זיך א שאָט געגעבן בריוו און בריוולעך מיט אָן א שיר אָנפראגעס.

צי לעבט מיין טאטע, מיין מאמע, צי לעבט מיין ווייב, מיין שוועסטער, מיין ברודער, מיין זון, מיין שאָכן...

שאליט האָט שוין געוווּסט, אז אלע איינוווינער פונעם יישעוו, וואָס האָבן ניט באוויזן זיך עוואקויִרן, האָבן די היטלעריסטן ארויסגעטריבן אין פעלד, געצוווּנגען אויסגראָבן פאר זיך קוואָרים און זיי דערשאָסן.

איז וואָס זשע זאָל ער ענטפערן אַף די אָנפראגעס, אז ער ווייסט ניט, וועמענס געביין עס רוט אין דער באלקע און ווער ס'האָט זיך ארויסגעריסן פון טויט...

דער הארבסט איז אָנגעקומען אומגעריכט. אַף די גראָזן האָבן זיך באוויזן געלע פלעקן. ווינטן סומנע, בייסיקע און ברומענדיקע האָבן געטריבן דעם שטויב. פארביילויפנדיק האָבן זיי, ווי צולאָכעסניקעס, אָפּגעריסן א פארדארט בלעטל, א קוסט קוריי און געטריבן העט ווייט אין סטעפּ ארייַן.

דורן די שיטער געוואָרענע גראָזן האָבן זיך באוויזן שפּורן פון שטעגעלעך, וועלכע שאליט מיט זשורבענקאָן האָבן שוין דאָ אויסגעטראָטן. די שטעגעלעך האָבן געפירט פון זייער שטוב צו דער שטאָל, ווּ די בעהיימע איז

געשטאנען, און אין פעלד. מיט די דאָזיקע שטעגעלעך האָבן שאליט און זשור־בענקאָ געטראָגן צו זיך אהיים, ווי פייגל טראָגן שטענגעלעך אין זייערע נעסטן, אלץ, וואָס ס'האָט זיך געמאַכט אונטער דער האנט. א לעמעך פון אן אקער, א סאָשניק פון א זייעלקע, א שוואָרען פון א דישל, א היַיקע פון א ראָד,א ליושנע פון אן ארבע, א דוכנאליע.

— ס'וועט צוניץ קומען, מיר וועלן נאָך צוריק באלעבאטעווען, — האָט שאליט געטיַינעט.

— אוואדע, נאָך ווי! צוויי מענטשן זיַינען דאָ, א בעהיימע האָבן מיר, א ביסל באלעבאטישקיַיט אויך, זיַינען מיר שוין א שטיקל קאָלווירט.

— שלעכט נאָר, עס קומען ניט צו קיין מענטשן, — האָט שאליט געענט־פערט.

— מענטשן וועלן אויך זיַין, געוויס וועלן זיַין מענטשן, — האָט אים בארויִקט זשורבענקאָ.

שאליט האָט אויך ניט אופגעהערט צו גלייבן, אז אָט־אָט וועלן זיך אָנ־הייבן באוויַיזן די לעבעדיק געבליבענע טוישווים. ביז וואָס־ווען, האָט ער באשטימט, דארף מען כאָטש א פאָר דעסיאטינעס ווינטער־טווּע פארזייען, וועט איבעראיאָר זיַין א ביסל ברויט. אָבער ווּ נעמט מען מיט וואָס צו אקערן?

„סיַידן זיך אליין און די בעהיימע איַינשפאנען אין אקער" — האָט ער א טראכט געטאָן, — נו און זריַע ווּ נעמט מען? עפשער אין די שכייניש קאָל־ווירטן?

קיין דריַי כאראָשים זיַינען ניט אוועק, און מענטשן האָבן זיך טאקע אָנ־געהויבן באוויַיזן.

אן אָפגעריסענער, אן אויסגעמאטערטער און אויסגעצערטער, ווי נאָך א שווערער קרענק, איז מיט פעקלעך אף די פּלייצעס אָנגעקומען מיטן וועג, וואָס פירט פון פאָלוסטאנאָק, אבע לײַכטער — א הויכער ייִד מיט א געל־גראָווער באָרד, מיט אן איַינגעשרומפּן פארשוויצט פּאָנעם. הינטער אים איז, קוים שלעפנדיק די פיס, אן איַינגעהויקערטע, מיט אן אָנגעשטאָפּטן זאק אף דער פּלייצע געגאנגען זיַין וויַיבנע. אין דער רעכטער האנט האָט זי געטראָגן עפּעס א פעקל און אף דער לינקער, מיט וועלכער זי האָט צוגעהאלטן דעם זאק, איז געהאנגען די געקעסטלטע שאל, וואָס אבע האָט איר געקויפט נאָך צו דער כאסענע. ערגעץ אפן וועג, היפּש הינטער זיי, האָט, אָנגעשפּארט אף א קוליע, געהונקען זייער זון לייזערקע.

אבע האָט ניט באוויזן צוגיין צו שאליטן, ווי וויַיבנע האָט נאָך פונדער־וויַיטן מיט א טכינע־טאָן זיך צעיאָמערט.

— ווי צו מיַינע פינצטערע יאָרן, וואָס פאר א וויסטעניש דאָ איז! אן עמעסער בעסוילעם איז געוואָרן פון אונדזער היים... האָט ראכמאָנעס, זאָגט גיכער, ווער איז לעבן געבליבן?.. עפשער ווייסט איר, ווּ איז מיַין שוועסטער עלקע... ווּ זיַינען מיַינע מעכוטאָנים... מיַינע שכיינים אווראָם קוריץ מיט

נעסיען... זאָגט מיר, טײַערינקער, ווער איז ניצל געוואָרן פֿונעם מאַלעך־האַמאָוועסעס הענט?!

אבע האָט אַראָפּגעלאָזט אַף דער ערד די שווערע פּעקלעך, אָפּגעווישט דעם שווייס, וואָס איז גערונען פֿון שטערן. ער האָט געוואָלט עפּעס פֿרעגן בא שאַליטן, נאָר וויכנע האָט אים ניט געלאָזט.

— ווײ, ווײ, וווּהין זײַנען מיר עס געקומען, אין א וויסטן מידבער... אָך־און־ווײ איז אונדז, צו וואָס מיר האָבן דערלעבט, ערגער פֿון שלעפּער זײַנען מיר געוואָרן. קיין העמד אַפֿן לײַב איז אונדז אַפּילע ניט געבליבן. גיט א קוק אַף אונדזער לייזערקען, אַן אייביקער קאַליקע איז ער דאָך געבליבן... אַף איין פֿוס איז ער געקומען צוריק אין זײַן וויסטער היים...

אַזוי יאָמערנדיק, איז וויכנע צוגעקומען צו שאַליטן. זי האָט א וואָרף געטאָן אַף דער ערד דעם זאַק מיטן פּעקל און איז א טויט־מידע געפֿאַלן אַף זיי.

— ביסט איינער דערווײַל דאָ? איינער? — האָט אבע זיך אָנגעהויבן פֿאַנאַנדערפֿרעגן.

— מיט אָט דעם כאַווער, — שאַליט האָט אָנגעוויזן אַף זשורבענקאָן, וועלכער איז צוגעגאַנגען צו זיי, — ער איז אויך געבליבן איינער פֿון זײַן מישפּאָכע.

— איינער... אַן אַרומגעהאַקטער בוים אָן א צווײַגל, — האָט וויכנע זיך ווידער צעיאָמערט, — אָן א ווײַב, אָן א קינד, אָן א רינד.

— טאַק, טאַק, פּעוונע, — האָט שאַליט אָנגעהויבן ריידן אַף אוקראַיִניש, זשורבענקאָ זאָל פֿאַרשטיין. — זײַנען מיר, הייסט עס, אינפּירען, און מײַן כאַווער איז א פֿינפֿטער. — ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר וויכנע האָט פֿונסנײַ גענומען קלאָגן.

— ווי נעמט מען ווערטער אַף אויסצודערציילן מײַן ווייטעק, ווי נעמט מען טרערן אַף צו באַוויינען די אומשולדיקע, וואָס די פֿאַרשאָלטענע גאַזלאָנים האָבן אומגעבראַכט?!

אַף מאָרגן גאַנצפֿרי זײַנען שוין וויכנע מיט אבען אַרומגעגאַנגען איבער די פּוסטע פֿאַריאָסעמטע הויפֿן און, ווי נאָך א סריפֿע, געזוכט אין אַש, אין מיסט, עפּשער האָט זיך ווי פֿאַרוואַלגערט עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן צוניץ קומען אין דער באַלעבאַטישקײַט. נאָר אַכוץ האַלב צעפֿוילטע שמאַטעס און שערבלעך האָבן זיי גאָרנישט ניט געפֿונען.

אין איינעם א פּאַליסאַדניק האָבן זיי דערזען עטלעכע פֿרוכטביימער מיט אונטערגעבונדענע צווײַגן, צעבראָכענע פֿון שפּליטערס און קוילן, פֿון ווינטן און בוראַנען.

— שאַליט מיט זײַן כאַווער האָבן זיך שוין דאָ, ווײַזט אויס, געפּאָרעט, — האָט אבע, באַטראַכטנדיק די ביימער, א זאָג געטאָן צום ווײַב.

— די ביימער וועלן בליִען, און די, וואָס האָבן זיי געפֿלאַנצט, זײַנען שוין עפּשער לאַנג אַף דער וועלט ניטאָ, — האָט וויכנע אַרויסגעלאָזט א קרעכץ.

זי האָט א קער געטאָן דעם קאָפּ און דערזען, אַז שאַליט מיט זשורבענקאָן שלעפּן א צעבראָכענע באָראָנע.

— וווּהין טראָגן זיי עס? — האָט זי א פֿרעג געגעבן בא אבען.

— מיסטאמע אין קאָלווירטישן הויף. זיי קלײַבן צונויף דעם אינווענטאר... וואָס דען?

אפֿן צווייטן טאָג האָט אבע צונויפֿגעשארט א ביסל קוילן, וועלכע האָבן זיך געוואלגערט לעבן דער קוזניע, אײַנגעהייצט דעם האָרן און זיך געשטעלט צו דער קאָוואדלע. לייזערקע האָט אים געהאָלפֿן, מיט וואָס ער האָט נאָר געקאָנט.

דערהערט א קלינגערײַ פֿון אײַזן, איז שאליט ארויסגעלאָפֿן אין דרויסן. פֿון דער קלינגערײַ איז אים עפּעס פֿריילעכער געוואָרן אף דער נעשאָמע. אזוי, האָט ער זיך דערמאָנט, פֿלעגט אלעמאָל אָנהייב פֿרילינג און הארבסט קלינגען אין קוזניע. די האמערס פֿלעגן קלאַפּן איבער די אָנגעגליטע אײַזנס, און זייער קלאַנג פֿלעגט זיך פֿריילעך פּאנאנדערטראָגן איבערן דאָרף.

ער איז צוגעלאָפֿן צו דער קוזניע און דערזען אבען. א פֿארשוויצטער איז יענער געשטאנען בא דער קאָוואדלע און מיטן שווערן האמער געקלאַפּט איבער א רויט־צעגליטן לעמעך.

— כ׳האָב דיר טאקע געוואָלט זאָגן, אז מע וואָלט באדארפֿט... — האָט שאליט אָנגעהויבן.

— וואָס דארף מען? אקערן? וואָס, איך וויים אליין ניט? מע דארף מיר דען דערמאָנען.

— מיר מוזן אופֿאקערן און פֿארזייען, וויפֿל מיר וועלן נאָר קאָנען. אז מיר וועלן איצט ניט פֿארזייען, וועלן מיר איבעראיאָר ליגן די ציין אף דער פּאָליצע. פֿארשטייסט? — האָט געזאָגט שאליט.

און שוין אין עטלעכע טעג ארום זײַנען שאליט, זשורבענקאָ און אבע מיטן ווײַב ארוים אין פֿעלד. די מענער האָבן צוזאמען מיט דער בעהיימע זיך אײַנגעשפּאנט אין אקער, און וויכנע איז נאָכגעגאנגען פֿון הינטן און צוגעהאלטן דאָס הענטל, דער לעמעך זאָל ניט ארויסשפּרינגען. די ערד, צו וועלכער עס האָט זיך שוין לאנג ניט צוגערירט קיין אקער, איז פֿארהארטעוועט געוואָרן. דער לעמעך האָט זיך אײַנגעביסן אין איר און איז טייקעף צוריק ארויסגעשפּרונגען, זיך געגליטשט איבער דער מיט גראָז פֿארוואקסענער אויבערפֿלאך. די בעהיימע האָט זיך קוים געשלעפּט. שאליט, אבע און זשורבענקאָ האָבן איר מיטגעהאָלפֿן. נאָר אינגיכן האָבן זיי זיך אויך אָנגעהויבן ארויסשלאָגן פֿון די קויכעס.

זיי האָבן באוויזן ערשט איין מאָל ארומגיין דעם קלין, ווי פֿון ערגעץ איז אָנגעקומען א מאשין. לעבן דעם טשיקאַוון שפּאַן האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, און פֿון איר איז ארוים א הויכער, שטאַלטנער מאנצבל אין אן אָפֿיצערישן קיטעל אָן פּאָגאָנעס, מיט א פֿעלדטאַש אין האנט.

„געווים נאטשאלסטווע פֿון ראיאָן" — האָבן זיך אלע אָנגעשטויסן.

— זדראווּיא זשעלאיעם[1], — איז זשורבענקאָ דער ערשטער צוגעגאנגען צו דעם געקומענעם.

---

[1] — מיליטערישע באגריסונג.

— אַט דאָס איז אײַער שלעפּקראַפט? — האָט מיט טרויעריקער איראָניע א פרעג געטאָן דער געקומענער.

— וואָס זאָלן מיר טאָן? ס'קומט אויס טאַקע, ווי מע זאָגט, אַקערן מיט דער נאָז די ערד... — האָט וויכנע זיך אָנגעהויבן קלאָגן. — איר זעט אָט די בעהיימע, זי איז אַלפּי נעם גאַנץ געבליבן פון אונדזער גאַנצער כודאָבע... קומט איר אויס נעבעך שלעפּן דעם אַקער, אַז זי שלעפּט אַליין די פיס... און מיר אַליין, איר זעט דאָך די גיבוירים, וואָס מיר זײַנען, דאַרפן פאַר־בײַטן א טראַקטאָר.

— א סאַך ערד וועט איר אַזוי אָנקראַצן!.. — האָט דער געקומענער א זאָג געגעבן מיט מיטגעפיל.

— א בריירע האָבן מיר! — האָט וויכנע געענטפערט.

— און אין ראַיאָן, צו די שכייניש קאָלווירטן פאַרוואָס האָט איר זיך ניט געווענדט.

— מיר האָבן נאָך ניט באַוויזן אַפילע אָפּעטעמען, אַרומקוקן זיך, וואָס אַרום טוט זיך, — האָט שאַליט זיך אָפּגערופן.

— האָט איר באַשטימט אופּאַקערן דערווײַל פאַר זיך א שטיקל ערד?

— וואָס הייסט פאַר זיך? — האָט שאַליט מיט פאַרוואונדערונג א קוק גע־געבן אַפן געקומענעם. — וואָס זײַנען מיר, אינדיווידואַלן... וואָסי, קיין קאָל־ווירט וועט שוין בא אונדז ניט זײַן? מענטשן וועלן דאָך קומען, וועלן זיי איבעראַיאָר כאָטש האָבן מיט וואָס די נעשאָמע צו דערהאַלטן.

— אַכוץ אײַך זײַנען מער קיין מענטשן דערווײַל ניט פאַראַן אין יישעווו?

— פון קנאַפּע דרײַ הונדערט מישפּאָכעס איז בא אונדז דערווײַל פאַראַן א האַלבע מישפּאָכע, — האָט שאַליט אָנגעוויזן אף אַבען מיט וויכנען, און נאָך א פערטל מישפּאָכע, דאָס בין איך... וועגן מײַן ווײַב מיט די צוויי קינדער וויים איך דערווײַל גאָרנישט...

— מענטשן וועלן זיך אומקערן, — האָט דער געקומענער זיכער געזאָגט, — מ'דאַרף ערנסט א טראַכט טאָן וויִאַזוי אופּאַקערן וואָס מער ערד, מירן זען אײַך באַזאָרגן מיט זריִע...

דער געקומענער האָט אַרויסגענומען א פּעקל פּאַפּיראָסן און, צוטראָגנדיק יעדן באַזונדער, פאַרגעלייגט פאַררייכערן. שאַליט מיט זשורבענקאָן האָבן גערן פאַררייכערט. אַבע איז געשטאַנען עטוואָס אין א זײַט און האָט פאַרדײַגעט גע־קראַצט דעם קאָפּ. ער האָט שוין קימאַט זיך געהאַט אָפּגעוווינט פון רייכערן, דאָך האָט ער ניט געקאָנט בײַשטיין דעם ניסאַיען.

— דערלויבט, טײַערער כאַווער, דערקוויקן די נעשאָמע כאָטש מיט א פּאַפּיראָס, — האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט. — איר זײַט, קאָנטיק, עפּעס אַן אָנפירער... איז דערלויבט צו פרעגן, ווער זײַט איר?

— איך בין דער סעקרעטאַר פון ראַיפּאַרטקאָם... קאָמוניסטן זײַנען פאַראַן צווישן אײַך?

— מיר זײַנען דאָ צוויי מיטגלידער פון פּאַרטיי. איך און דער כאַווער זשורבענקאָ. ער איז בא אונדז א צוגעקומענער. זײַן מישפּאָכע האָט מען אומגעבראַכט, איז ער געבליבן בא אונדז, — האָט שאַליט זיך אָפּגערופן.

— צוויי קאָמוניסטן זײַנען שוין א קויעך, — האָט געזאָגט שולימאָוו, — אף דער מילכאָמע פלעגט דאָך טרעפן, אז עטלעכע קריגסלײַט האלטן אײַן פּאָזיציעס פון א גאנצן באטאליאָן... אזוי, כאווײרים, באקומט זיך בא אײַך... עטלעכע מענטשן וועלן דערווײַל דארפן ארבעטן אָנשטאָט א גאנצן קאָלווירט. די ערשטע צײַט וועט אײַך געווים זײַן שווער... נאָר נישקאָשע, די ראיאָנע אָרגאניזאציעס וועלן אײַך העלפן... צוביסלעך וועלן זיך נעמען אומקערן די קאָלווירטניקעס, וועלכע ס'האָט זיך אײַנגעגעבן צו עוואקויִרן, נײַע מענטשן וועלן זיך ארײַנגיסן צו אײַך... ריכטיק האָט איר געטאָן, וואָס איר פאטערט ניט קיין צײַט און זײַט ארויס אין פעלד... יעדער טאָג איז איצט טײַער.

שולימאָוו האָט זיך אָפגעזעגנט. שוין הארט בא דער מאשין האָט ער זיך ווי אין עפּעס דערמאָנט, אומגעקערט זיך און געזאָגט.

— כ'פּאָר איצט אין „דרוזשבא”, כ'וועל זיך פּרוּוון צונויפרעדן, זיי זאָלן אײַך ביז וואָס־ווען אופּאקערן א פּאָר העקטאר, זריִע פאר אײַך וועלן מיר קריגן, און ווי נאָר ס'וועט זײַן מעגלעך, וועלן מיר אײַך צושיקן א טראקטאָר.

4

איינציקווײַז און מישפּאָכעסווײַז האָבן אין יִשעוו זיך אָנגעהויבן אומקערן די עוואקויִרטע. די ווײַבער — אין וואטניקעס מיט לאטעס פון רויטן טיק און פון צעריסענע ציצענע קליידלעך, אף די פיס שווערע סאָלדאטישע שיך מיט וויקעלעך אָנשטאָט זאָקן. די פּענעמער אויסגעצערטע פון נויט און דאכקעס. בא די מענער זײַנען פאר די יאָרן פון דער מילכאָמע די שווארצע, ברוינע און געלע בערד און טשופּרינעס געוואָרן גראָוו.

צוזאמען מיט די עוואקויִרטע האָבן זיך אָנגעהויבן אומקערן פארווונדעטע פראָנטאָוויקעס פון די שפּיטאָלן און דעמאָביליזירטע פון דער ארמיי.

אין פײַער פון שלאכטן, אין ווײַטע קאנטן, וווּהין מע איז פארוואָרפן געוואָרן, האָבן די מענטשן ניט אופגעהערט צו בענקען נאָך זייער היים, נאָך די פעלדער, נאָך דעם לויטערן הימל, אונטער וועלכן זיי זײַנען געוואקסן, נאָך דער זון, וואָס האָט געווארעמט און דערקוויקט. און ניט איין מאָל, ווען זיי פלעגן זיך פארקוקן אף טשאטעס פויגלען, וועלכע קערן זיך אום פרילינגצײַט מיט א פריילעכער צוויטשערײַ צו זייערע אלטע נעסטן, פלעגן זיי מיט קינע טראכטן.

— ווען וועט שוין אונדזער פרילינג קומען, ווען וועלן מיר שוין זיך אומקערן אהיים.

און איצט קערן זיי זיך אום, ווי אָנהייב פרילינג די פייגל, פון די ווײַטע קאנטן צו זייער אויסגעבענקטער היים.

אף דער פּלייצע — דאָס סאָלדאטישע רענצל, אין וועלכן עס זײַנען געלעגן א פּאָר סוכערלעך מיט עטלעכע שטיקלעך צוקער פונעם „טרוקענעם פּאיאָק”,

װאָס דער סטאַרשינאַ האָט אַרױסגעגעבן אױפֿן װעג, אין דער כאָליעװע פֿון די קירזאָװע שטיװל אַ לעפֿל, — אַזױ איז געגאַנגען אַהײם מאָטל קאָטקעס, אַ נידעריקער געזעצטער מענטש מיט אַ קאָפּ, װי אַ קירבעס. ער, דער געװעזענער בינענציכטלער, האָט אַמאָל ליב געהאַט צו זאָגן, אַז די בינען זײַנען אים טײַערער פֿון אַלץ אין דער װעלט.

ליגנדיק אין די שוצגראָבנס, פּלעגט ער זיך אָפּט פֿאַרקוקן אַף אַ צופֿעליק גאַנץ געבליבן בלימל און טראַכטן װעגן זײַנע בינען.

איצט, גײענדיק צװישן די פֿאַרװאַקסענע פֿעלדער, אינעם שטילן זומערדיקן טאָג, האָט ער זשעדנע געקוקט אַף די הױכע גראָזן און צעבליטע פֿעלדבלומען.

— װי נעמט מען אַהער מײַנע בינען, — האָט ער געטראַכט, — אַ יאָם מיט האָניק ליגט דאָ. סאַראַ גערעטעניש זײ װאָלטן עס אַראָפּגענומען.

זײַנע אױגן האָבן גענישטערט איבער די פֿעלדער, װאָס האָבן זיך געצױגן לענגאױס דעם װעג, געזוכט אַ בין אַלס אָנזאָג, אַז עפּעס האָט זיך פֿאַרהיט פֿון זײַן פּאַסעקע. װי אַף צולאָכעס אָבער האָבן אַרום גאָר געגרילצט די גרילן און פֿײגעלעך האָבן געצװיטשערט.

אין האַלב װעג ביזן ייִשעװ, ניט װײַט פֿון הײקאָװקע, האָט ער דערזען די ערשטע בינען. דאָס האַרץ איז בײַ אים אַזש פֿאַרציטערט געװאָרן. די בינען זײַנען מיט אַ זשומערײַ געפֿלױגן פֿון אײן בלימל צום צװײטן, און מאָטל האָט ניט אַראָפּגענומען קײן אױג פֿון זײ.

„מײַנע זײַט איר, מײַנע?" — האָט ער װי געפֿרעגט.

אין עק דאָרף, אין אַ װעלדל, האָט ער דערזען דרײַ בינשטאָקן. אַף אײנעם פֿון זײ איז געװען אָנגעשריבן מיט ייִדישע בוכשטאַבן „שאָלעם", אַף די איבעריקע צװײ זײַנען געבליבן אײנצלנע אױסיעס, פֿון װעלכע מאָטל קאָטקעס האָט זיך געקאָנט אָנשטױסן, אַז זײ האָבן אַמאָל געהײסן „האָרעפּאַשניק" און „שלאָגלער".

— װי קומען צו אײַך די בינשטאָקן? — האָט קאָטקעס זיך געװענדט צום פּאַסעטשניק, אַ גראָװן זאָקן, װעלכער איז געזעסן אָנגעשפּאַרט מיט דער קין אױפֿן שטעקן און האָט געדרעמלט.

— דאָס האָבן מיר זײ געבראַכט פֿונעם קאָלװירט „האָפֿענונג"... די פֿאַשיסטן האָבן זײ געװאָלט אַרױספֿירן קײן דײַטשלאַנד, האָבן מיר זײ באַנאַכט שטילערהײט צוגענומען צו זיך, ביז די באַלעבאַטים װעלן זיך אומקערן.

אין אײן אָטעם האָט מאָטל זיך געלאָזט לױפֿן אַהײם. ער האָט זיך אַפֿילע ניט אָפּגעשטעלט אַ קוק טאָן, װאָס די דײַטשן האָבן געמאַכט פֿונעם ייִשעװ. דערװוּסט זיך, אַז שאַליט איז דאָ, איז ער אַ פֿאַרפֿאַליעטער אַװעקגעלאָפֿן צו אים.

— אין הײקאָװקע האָב איך געפֿונען דרײַ בינשטאָקן... אונדזערע בינשטאָקן...

שאַליט האָט טײקעף צוגערופֿן זשורבענקאָן.

— גוט, זײער גוט, װאָס עס האָבן זיך אָפּגעזוכט אַ פּאָר בינשטאָקן, — האָט זשורבענקאָ צופֿרידן געריבן די הענט. — מיר האָבן שױן אַ בעהײמע און װעלן האָבן אַ פּאַסעקע פֿון דרײַ בינשטאָקן... אַז ס'זײַנען דאָ דרײַ װעלן אײנגיכן זײַן פֿיר, פֿינף און נאָך און נאָך...

— גערענקסט, ווי די בינען האָבן אונדז פאַר דער מילחמה אַרויסגעראַטעוועט?.. — האָט שאַליט, שײַנענדיק פאַר פרייד, ווי ער וואָלט געפינען אַן אוצר, זיך אָנגערופן צו קאָטקעסן, — איצט וועלן זיי אונדז ווידעראַמאָל אַרויסשלעפּן.

אינעם קאָלווירטישן סאָד, וווּ עס האָבן זיך פאַרהיט געציילטע פרוכטביימער, זײַנען איצט געשטאַנען דרײַ בינשטאָקן, און אין זיי האָט אָן אופהער געזשומעט, ווי א פרילינגדיק וואַסערל.

אויף די פאַרוואָרפענע און מיט ווילדגראָז פאַרוואַקסענע פעלדער האָט שוין געאַרבעט א טראַקטאָר, צעבויטענדיק מיט זײַן הודערײַ די אַרומיקע שטילקײַט.

ווי איבערופנדיק זיך מיט אָט דער פריידיקער הודערײַ האָבן פון דער קוזניע נאָך שטאַרקער א הילך געטאָן די האַמערס.

אין די הויפן האָבן די צוריקגעקומענע רעמאָנטירט זייערע כאָרעווע הײַזער, געגראָבן, געקלאַפּט, געטעסעט, געפורעמט ציגל פון ליים. אפילו אפן פאַרלאָזטן ווײַנגאָרטן האָט מען זיך געייסעקט אַרום די איינציקע גאַנץ געבליבענע קוסטעס.

שאַליט מיט זשורבענקאָ האָבן ווי פריִער ניט אופגעהערט צו האָוועןן, ניט ווייסנדיק פון קיין רו.

די צוויי סאָלדאַטן זײַנען פאַר א קורצער צײַט געוואָרן איין גוף און איין נעשאָמע. זיי האָבן קיין מינדסטע זאַך ניט געטאָן, איידער זיי זאָלן זיך פריִער ניט באַראַטן איינער מיטן צווייטן. דערפאַר טאַקע האָט מען יעדערן פון זיי גערופן מיט א צווייענדיקן נאָמען. שאַליט־זשורבענקאָ.

5

קיינער האָט זיך נאָך ניט אומגעקערט אין יִישעוו אזא ציכטיקער, אזא אונטערגעצויגן־בראַווער, ווי אנשל קאָצין. דער געוועזענער ברוינער קיטל איז געווען ריין אויסגעבערשטלט. אויף דער ברוסט האָבן געפינקלט דרײַ מעדאַלן. פון אונטערן קאָלנער האָט אַרויסגעקוקט א שניי־ווײַס קעלנערל. די שטיוול האָבן געגלאַנצט.

— קוק אים נאָר אָן, — האָט שאַליט, דערזעענדיק דעם געוועזענעם בריגאַדיר, א געשריי געטאָן, — א כאָסן־באָכער, אַן עמעסער כאָסן־באָכער. דו ביסט דאָך גאָר ווי ניט פון דער מילכאָמע געקומען, נאָר פון א כאַסענע.

— וואָס זשע? — האָט אנשל זעלבסטצופרידן געשמייכלט. — איך וועל אינערגעץ ניט פאַרפאַלן ווערן.

שאַליט האָט געקענט אנשלען פאַר א באָכער א ברען, אָבער א קריכער, וואָס איז שטענדיק אומעטום פול.

„קאָכלעפל" פלעגט מען אים רופן. וווּ מע זייט אים ניט, וואַקסט ער, האָבן מענטשן געכויזעקט פון אים. ניט געווען קיין פאַרזאַמלונג, ער זאָל דער ערש־

טער ניט אַרויסשפּרינגען מיט אַ רעדע, וועלכע פּלעגט זיך געווײנלעך ענדיקן אומגעפּער אַזוי:

— דערלויבט צו פֿאַרזיכערן דעם ראַיקאָם פֿון דער פּאַרטיי און די אָנפֿירונג פֿון אונדזער קאָלווירט, אַז די אויפֿגאַבן, וועלכע שטייען פֿאַר אונדז, וועלן מיר אויסשפּילן מיט ערע און פֿאַרן טערמין.

ניט געווען קיין פֿאַל, אין יִשעוו זאָל זיך באַווײַזן עפּעס אַן אָנפֿירער און אַנשל זאָל טײקעף ניט אויסוואַקסן לעבן אים, גלײַך ניט ווערן מיט אים היימיש, ניט אָנרופֿן אים אַף „דו", ווי אַ לאַנגאָניקן גוטן־ברודער.

ערעוו דער מילכאָמע איז אַנשל געוואָרן בריגאַדיר און געהאַט אַ שעם פֿון אַן אַקטיוויסט. איצט, אומקערנדיק זיך אַהיים מיט דרײַ מעדאַלן אַף דער ברוסט, איז ער געווען זיכער, אַז מע וועט אָפּשאַצן זײַנע פֿאַרדינסטן און ער וועט ווערן אַן אָנפֿירער, אַ מענטש, וועלכן אַלע וועלן אָנערקענען, שעצן און אַכטן.

נאָר דער כורבן, וועלכן ער האָט דאָ געטראָפֿן, האָט אים אַזוי דערשיטערט, אַז ער איז גרייט געווען טײקעף אַנטלויפֿן, וווּהין די אויגן טראָגן.

— דו האָסט געזען אַמאָל אַ צעקלאַפּטן טייל נאָך אַ שווערער בלוטיקער שלאַכט? — האָט אים שאַליט אָנגעהויבן דערקלערן. — פֿון אָנהייב, אַז דו רײַסט זיך אַרויס פֿון געהענעם, דוכט זיך דיר אויס, אַז אַלץ איז שוין פֿאַרפֿאַלן. נאָכדעם הייבן זיך אָן יאַווען מענטשן, ס'באַווײַזט זיך איינער, אַ צווייטער, אַ דריטער, ס'קומען צו פֿרישע קויכעס, און ס'ווערט ווידער אַ טייל, אַזוי איז מיט אונדזער קאָלווירט. ווען איך בין געקומען אַהיים, בין איך געווען איינער. איינער, האָט זיך מיר געדוכט, בין איך געבליבן לעבן פֿון אַ גאַנצן יִשעוו. כ'האָב געמיינט, אַז די וויסטעניש איז שוין דאָ אַף אייביק. צוביסלעך האָבן זיך אָנגעהויבן באַווײַזן מענטשן, עוואַקויִרטע, דעמאָביליזירטע, און איצט איז שוין געוואָרן עפּעס אַ ביסעלע פֿריילעכער אַף דער נעשאָמע. אַף אונדזערע פֿעלדער הודעט צוריק אַ טראַקטאָר, עס זשומען צוריק באַ אונדז די בינען, עס וואַקסן פֿרוכטן אַף דיביימער פֿונעם סאָד. נאָר סײַווי איז אונדז נאָך שווער, כאַווערל, זייער שווער...

— טאַקע ווײַל ס'זײַנען געבליבן באַ אונדז ווייניק מענטשן, דאַרפֿן מיר אויסרעכענען ניט אַף דער צאָל, נאָר אַף דער געניטקײַט, — האָט אַנשל מיט געמאַכטן פּאַטאָס אַרײַנגעשטעלט דעם באַוווּסטן סגוואָראָווישן אויסדרוק.

— ריכטיק, כאַווערל, ריכטיק! — האָט אים שאַליט אונטערגעהאַלטן. — וואָסי, מיר קענען ניט אַרבעטן? מיר זײַנען קיינמאָל, דוכט זיך, ניט פֿאַרשעמט געוואָרן.

— מיר זײַנען אַף דער מילכאָמע אויך ניט פֿאַרשעמט געוואָרן, — האָט אַנשל אַרויסגעשטעלט די ברוסט, מע זאָל בעסער זען זײַנע מעדאַלן.

— אוואַדע, אוואַדע, — האָט שאַליט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. — האָסט געהערט... באַ אונדז האָט זיך באַזעצט אַ געוועזענער פֿאָרזיצער פֿון אַ קאָלווירט... כאַווער זשורבענקאָ הייסט ער... פֿונעם ערשטן טאָג, זינט איך בין געקומען אַהער, לעבן מיר און אַרבעטן צוזאַמען... ער האָט אונדז אַ סאַך געהאָלפֿן... איצט האָבן מיר אים פֿאַר אַ פֿאָרזיצער פֿון קאָלווירט אויסגעוויילט.

— און דו... דו וואָלטסט זיך ניט ספּראַוועט?

— כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, ער איז בא זיך אין דער היים אויך געווען א פּאַרזיצער פון א קאָלווירט. ער איז א דערפאַרענער מענטש, א גוטער אָרגאַניזאַטאָר... מיר לעבן מיט אים ווי איין גוף און איין נעשאָמע.

— פונוואַנען איז ער געקומען אהער? ווען האָסטו עס באַוויזן אים אזוי צו דערקענען, וואָס דו לייגסט איַין פאַר אים די וועלט?

— א וואָך אז מע עסט פון איין קעסעלע, אז מע טיילט זיך מיטן לעצטן שטיקל ברויט און מע שלאָפט אף איין נאַרע, איז מער ווערט, ווי אן אנדערשמאָל א יאָר.

— אן אופּטו פון א פרעמדן באַמערקט מען שטענדיק גיכער, — האָט קאָצין פילדיַיטיק א זאָג געטאָן. — איך בין זיכער, אז מיר האָבן פאַר דער מילכאָמע געאַרבעט ניט ערגער פון דעם כאַווער זשורבענקאָ, ווען מען דו לויבסט אזוי, און איצט וואָלטן מיר זיך אויך ניט שלעכט ספּראַוועט.

שאליט האָט פאַרשטאַנען, אז געקומען איז אנשל אהיים מיטן מיין צו ווערן פּאַרזיצער, אָבער איצט, אז ס'איז שוין פאַראַן א פּאַרזיצער, וואָס וועט ער דאָ טאָן? אבי וואָס פאַר אן אַרבעט וועט אים ניט אָנשטיין. פונדעסטוועגן האָט שאליט ניט געוואָלט אזוי־אָ אָפּלאָזן אנשלען.

— דו האָסט דאָך אליין געזאָגט, — האָט ער מיט אים איַינגעטיַינעט, — אז געניטע הענט זיַינען בא אונדז איצט מיט גאָלד גליַיך...

— נו, איז וואָס? — האָט קאָצין זיך א דריי געטאָן, אומצופרידן א קוק געגעבן אף שאליטן, א מאַך געטאָן מיט דער האַנט און האַסטיק זיך געלאָזט גיין.

א פּאָר טעג האָט ער זיך אַרומגעדרייט אין ייִשעוו און איז פּלוצעם נעלעם געוואָרן. אינגיכן האָט מען זיך דערוווּסט, אז ער קליַיבט זיך אריבער אין אן אנדער קאָלווירט. שאליט איז פון דער יעדיִע געוואָרן אויסער זיך.

— וואָס הייסט? ווען אונדז איז אזוי טיַיער יעדער מענטש, טוט מען עס אָפּ אזא זאַך... וואָסי, בא אונדז איז שוין קיין פּאַסיקע אַרבעט ניטאָ פאַר אים.

שאליט האָט געפּרוּווט ריידן מיט אנשלען, נאָר ס'האָט ניט געהאָלפן. אנשל איז אַוועק אין קאָלווירט „מאַיאַק”. דער גוטער שעם, וואָס דער דאָזיקער קאָלווירט האָט שוין צו יענער צייַט געהאַט, האָט געהאָלפן שאַפן א גוטן נאָמען דעם ניַיעם פּאַרזיצער — אנשל קאָצינען.

6

שאליט מיט זשורבענקאָן האָבן נאָך אלץ געוווינט אינצווייען אינעם קלייַנעם צימערל פון דער האלב־איַינגעפאַלענער שטוב, ווו זיי האָבן זיך געהאַט באַזעצט פון די ערשטע טעג אָן.

— לאָמיר אריבער צו מיר אין שטוב וווינען, — האָט שאליט ניט איין מאָל געפּרוּווט איַינריידן זיַין כאַווער. נאָר זשורבענקאָ האָט זיך אָפּגעזאָגט.

— מיר איז דאָ אויך גוט... וואָס דאַרף איך האָבן, איבערשלאָפן — און גאָר...

— וואָס ביסטו ערגער פון א פויגל... א פויגל דאַרף אויך א נעסט, — האָט שאליט געטײַנעט צו אים.

— א פויגל זוכט זיך אויסצובאהאלטן אין נעסט, און איך זוך שטענדיק אן אָרט, ווו מענטשן זײַנען דאָ.

שאליט האָט בא זיך אין שטוב געהאט אויסגעווײַסט די ווענט, ארומגעוואַשן די טירן, די פענצטער, צוגעקליבן אין יעדן ווינקעלע, אָבער גיין אהין וווינען איינער אליין האָט ער ניט געקאָנט. צו פֿײַנלעך שווער איז אים געווען דאָרט. יעדע קלייניקייט אין שטוב האָט אופגעוועקט אין זיקאָרן אָן א שיר דער־מאָנונגען, עס האָט זיך אים קעסיידער געדוכט, אז אָט־אָט וועט א סקריפּע טאָן די טיר און עס וועלן זיך באווײַזן כאַווע מיט די קינדער. צומאָל פלעגט זיך אים דוכטן, אז ער פילט די קינדערשע הענטלעך, וואָס נעמען אים ארום, אז ער הערט א פריילעך געפּילדער.

— טא־טע!.. טא!..

ווי ער איז ניט געווען פארנומען, פלעגט ער געפינען א פרײַע שאָ ארײַנ־צוגיין צו זיך אין שטוב און זיך פּאָרען דאָרט. אָט האָט ער אָפּגעזוכט אן אלט טעפּל, אויסגעשקראבעט פון דעם די פארטריקנטע קויט, אויסגעוואַשן, אופגע־האנגען אפן פלויט אויסצוטריקענען און דערנאָך אוועקגעשטעלט מיטן דנאָ ארוף אפן פריפּעטשיק, פונקט ווי זײַן כאַווע פלעגט טאָן. אָט האָט ער געמאכט א פּאָליצקע פאר די טעלער אָדער אָפּגעזוכט אפן בוידעם צווישן שמאטעס א פּאָרהענגל, עס אויסגעוואַשן, איבערגעקאטשעט אפן רובעל מיט דער קאטשלקע און אופגעהאנגען אפן פענצטער, וואָס האָט ארויסגעקוקט צו דער גאס. די גרעסטע פרייד איז בא אים געווען, ווען ער האָט געפונען כײַעלעס אן אלטע פּאָטאָגראַפיע, ער האָט זי ארומגעווישט, ארײַנגעשטעלט אין א רעמעלע און אופגעהאנגען אף דער וואנט, לעבן די בילדער, וועלכע ער האָט צוריק מיט א פּאָר טעג געהאט אויסגעשניטן פון אלטע צײַטונגען. אזוי האָט ער ניט אופגע־הערט צו ראמען, צוקלײַבן די שטוב, עפּשער וועט פּאָרט קומען זײַן מישפּאָכע.

איינמאָל אין אָוונט; ווען ער האָט זיך געפּאָרעט אין שטוב, איז פארבײַ זײַן הויף דורכגעגאנגען שיינדל קאמינער.

זי האָט נאָך ניט באוויזן אריבערצוטרעטן די שוועל פון איר כאָרעוועער און פארלאָזטער שטוב, איז צו איר געקומען נאָכעם שאליט, ער האָט געוואָלט וויסן, צי האָט זי ערגעץ ניט באגעגנט זײַן כאַווען מיט די קינדער.

שיינדל איז בלייך געוואָרן ווי די וואנט, ווען זי האָט זיך דערמאָנט אין דעם שוידער, וועלכן זי האָט איבערגעלעבט.

— הימל און ערד האָבן זיך דאַן געמישט, — האָט זי געזאָגט, — ווער ווייסט, ווער ס'איז געפאלן טויט אף די וועגן, ווער ס'איז דערטרונקען געוואָרן, ווען מע האָט צעבאָמבירט די בריק, ווער ס'איז ארײַנגעפאלן צו די גאזלאָנים אין די הענט און ווער ס'איז ניצל געוואָרן.

נאָכעם איז דאַן געזעסן לעבן שיינדלען אף דער פריזבע פון איר שטוב, ווי א פארשטיינערטער. געקומען א ביסל צו זיך, האָט ער פונסנײַ זיך אָנגעהויבן

פאנאנדערפרעגן, עפשער האָט זי שפּעטער פּאָרט עפּעס געהערט וועגן זײַן מיש־פּאָכע, עפשער ווייסט זי, ווּ זי צו זוכן.

שאַליטס פּאָנעם איז געווען פאַרצאָרנט, די אויגן פול מיט ווייטעק און בענקשאַפט.

װועלנדיק אים אָפּוועגדן פון זײַנע ראַיוינעס, האָט שיינדל פאַרפירט א רייד וועגן די קאָמיוגישע יאָרן, וועלכע זײַנען פאַרבײַ ווי א פרילינגדיק גע־וויסער. בלויז אַף א רעגע האָבן בא נאָכעמען א גלאַנץ געטאָן די אויגן, און טייקעף איז ער ווידער געבליבן זיצן א פאַרדײַגעטער, פאַרזונקען אין די שווערע מאַכשאָוועס, וועלכע האָבן אים ניט אופגעהערט צו פּײַניקן.

איצט האָט שיינדל זיך דערמאָנט אָן איר שמועס מיט נאָכעמען בא איר אַף דער פּריזבע און האָט באַשטימט אַרײַנגיין צו אים.

— וואָס פּאָרעסטו זיך דאָ אליין, נאָכעם. — האָט שיינדל שטיל געפרעגט, אריבערטרעטנדיק די שוועל.

— כ׳גרייט זיך, עפשער וועלן מײַניקע קומען.

— דו האָסט נאָך כאָטש אַף וועמען צו וואַרטן, — האָט שיינדל, צוזעצנדיק זיך אַף דער אַלטער קאַנאַפּע, וועלכע האָט זיך פאַרהיט אין זײַן כאָרעווער שטוב, א זאָג געטאָן, — מײַן זעליק וועט זיך שוין צו מיר קיינמאָל ניט אומ־קערן. דאָס ווייס איך געווים. מײַן דינעלע, מײַן איינציק אויג אין קאָפּ, וועלכע איז געשטאָרבן אַפן וועג ביים דער עוואַקואַציע, וועט שוין אויך פון דער ערד ניט אופשטיין. אַף וועמען זאָל איך אַרויסקוקן. אַף וועמען זאָל איך וואַרטן?

נאָך קינדווײַז האָט שיינדל זיך געהאַט געכאַווערט מיט נאָכעמען. צוזאַמען האָבן זיי זיך געלערנט אין שול, אָפּט צוזאַמען געמאַכט די לימודים און אין איין צײַט אַרײַנגעטראָטן אין קאָמיוג.

זינט שיינדל האָט דערזען נאָכעמען אָן איינזאַמען, א פאַרטרויערטן, האָט זי ניט אופגעהערט צו דערמאָנען זיך, זי ווייסט אליין ניט פאַרוואָס, יענע ווײַ־טע גליקלעכע יאָרן. איינמאָל איז זי געקומען אין שול אָן אויסגעפּוצטע, אין א נײַ רויט גאַרעסן קאָפּטעלע, די פאַרפלאָכטענע צעפּלעך איבערגעבונדן מיט א רויטער סטענגע. נאָכעם איז געשטאַנען אין רוישיקן שול־קאָרידאָר, וואָס האָט געוויִמלט מיט קינדער, און ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון איר. ווען זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט, איז זי רויט געוואָרן, זי האָט געוואָלט נאָכא־מאָל אופהייבן די אויגן, א קוק טאָן אַף אים און זיך פאַרשעמט.

א גאַנצן טאָג האָט זיך דערמלט נאָכעם אַרומגעדרייט, ביז ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און בא א געלעגנהײַט, ווען זי איז געבליבן אליין אין א ווינקעלע, אויסגעשטרעקט צו איר די האַנט און זי א גלעט געגעבן.

שיינדל געדענקט ביז איצט, ווי עס האָט בא איר א צאַפּל געטאָן דאָס האַרץ און א כײַעסדיקע וואַרעמקײַט האָט זיך פאַנאַנדערגעגאָסן איבער איר לײַב. נאָר נאָכעם האָט טייקעף צוגענומען די האַנט און איז, ווי ער וואָלט ווער ווייסט וואָס אָפּגעטאָן, אַנטלאָפן.

פון דעם טאָג אָן האָט זיי אָנגעהויבן ציִען איינעם צום צווייטן, נאָר אַרומגעגאַנגען זײַנען זיי ווי בארויגעזע און נאָר ווען־ניט־ווען זיך איבערגע־קוקט מיט שעמעוודיק־פאַרטײַעטע בליקן.

שײנדל האָט זיך דעמלט שטאַרק אָנגעהױבן אינטערעסירן מיט איר אױסזען, זי פֿלעגט זיך פֿאַרקלײַבן אין אַ װינקל און, װען קײנער האָט זי ניט געזען, אַרױסכאַפּן דאָס שפּיגעלע און צוגלעטן די האָר, צונעצן די ברעמען, זײ זאָלן גלאַנצן און אַרומלעקן די ליפּעלעך, זײ זאָלן זײַן זאַפּטיקער. װען שײנדל און נאָכעם זײַנען עלטער געװאָרן, האָבן זײ, װי ס׳טרעפֿט גאַנץ אָפֿט אין לעבן, פֿאַרגעסן די ערשטע ליבע.

נאָכעם האָט באַגעגנט כאַװעז, און שײנדל האָט אָנגעהױבן אין די אָװנטן שפּאַצירן מיט זעליקן. נאָר בײַ שײנדלען אין האַרצן האָט, אַפֿילע װען זי האָט שױן כאַסענע געהאַט מיט זעליקן, געטליִעט, װי אַ פֿונק, נאָכעמס ערשטער שעמעװדיקער בליק.

איצט, קוקנדיק אױף זײַן פֿאַרכױשעכטן, פֿאַרװאַקסענעם פּאָנעם, האָט זי זיך דערמאָנט אָן דעם שװאַרץ־אױגיקן זשװאַװן יאַטל פֿון אירע קינדער־יאָרן.

בײַ אַ האַלבער שאָ זײַנען זײ געזעסן, שװײַגנדיק געקוקט אײנער אױפֿן אַנדערן און זיך דורכגעװאָרפֿן בלױז מיט אײנצלנע אָפּגעהאַקטע װערטער.

פּלוצעם האָט זיך שײנדל האַסטיק אַ כאַפּ געטאָן, װי זי װאָלט זיך אין עפּעס דערמאָנט.

— װאָס, קלײַבסט זיך שױן אַװעקגײן? — האָט ער זיך אַ שטעל געגעבן, װי געװאָלט איר דעם װעג פֿאַרצאַמען.

— כ׳דאַרף שױן גײן אַהײם, כ׳בין דאָך אַרײַן אױף אַ װײַלע.

— װוּהין אײַלסטו זיך? בלײַב איבער כאָטש נאָך אױף אַ רעגע.

— כ׳קאָן ניט, כ׳װעל אַן אַנדערשמאָל קומען, — האָט זי זיך אָפּגעזאָגט און זיך געלאָזט גײן.

7

שױן העכער אַ יאָר, װי שײנדל האָט זיך אומגעקערט אַהײם. פֿון דעם ערשטן טאָג האָט זי געאַרבעט אױפֿן װײַנגאָרטן, נאָר אױפֿשטעלן אים האָט זיך דערװײַל װײניק װאָס אײַנגעגעבן. ס׳איז אױסגעקומען פֿונסנײַ אױפֿצואַקערן „פּערעװאַל“[1], פֿאַרזעצן נײַע פֿלאַנצונגען, און דאָס האָט געפֿאָדערט אַ סאַך קױכעס און מיטלען. שאַליט פֿלעגט זיך אַמאָל אַראָפּכאַפּן אױפֿן װײַנגאָרטן, פֿאַנאַנדערפֿרעגן זיך װעגן דער אַרבעט און זיך אָפּגיך ערגעץ אַװעקטראָגן. שײנדלען האָט זיך שטאַרק געװאָלט װיסן, צי האָט ער באַקומען עפּעס אַ ידיִעה װעגן זײַן כאַװעז, װעגן די קינדער. נאָר אין װײַנגאָרטן פֿלעגט ער זיך קײנמאָל לאַנג ניט פֿאַרהאַלטן, און אַרײַנגײן צו אים אַהײם האָט איר ניט געפּאַסט.

---

[1] טיפֿע אױפֿאַקערונג, װען דער אײבערשטער שיכט ערד רוקט זיך איבער אונטן און דער אונטערשטער קומט אַרױס אױבן.

אין דרויסן איז שוין געווען האַרבסטיק־סומנע. ווילדע געגנדז האָבן הויך אין הימל סטײַעסווײַז, אין דרײַעקן און אין שנירעלעך זיך געצויגן אין די וואַרעמע קאַנטן. זייערע געשרייען האָבן געוועקט אומרו אין די הערצער.

באַטאָג און באַנאַכט האָבן האַרבסטיק געוווייעט די ווינטן, אַרויסגערופֿן בײַ שיינדלען אין דער נעשאָמע אַ נאָגנדיק געפֿיל פֿון עלנטקײַט. ווי זי איז ניט געווען פֿאַרנומען אויפֿן ווײַנגאָרטן, ווי זי האָט זיך ניט אָנגעהאָרעוועט פֿאַרן טאָג, האָט זי זיך אין די אָוונטן קיין אָרט ניט געקאָנט געפֿינען.

איינמאָל אין אַ פֿאַרנאַכט האָט זי אַ מידע און אַן אָנגעפּרוירענע אין איר אַלטן וואַטניק אײַליק געשפּאַנט אַהיים. שאַליט האָט פּונקט זיך געפּאָרעט אין הויף אַרום דער קופּע קורײַ, וועלכע ער האָט צונויפֿגעשלעפּט פֿון פֿעלד אויף הייצונג. דערזעען זי פֿונדערווײַטן אין גאַס, איז ער אַרויס איר אַנטקעגן.

— וווּהין אײַלסטו זיך עס? — האָט ער זי אָפּגעשטעלט בײַ זײַן טויער.

— אַ טאָג זיך אָנגעהאָרעוועט, צײַט אַהיים.

שאַליטן האָט געדוכט, אַז זי איז אַ ביסל באַליידיקט אויף אים. פֿאַר וואָס — האָט ער אַליין ניט געוווּסט.

— וואָס הערט זיך בײַ דיר נײַס? — האָט ער זיך אָנגעהויבן פֿאַנאַנדער־פֿרעגן.

— מײַנע געשעפֿטן ווייסטו, דוכט זיך, גוט.

— כ׳האָב זיך דאָ ניט לאַנג געהאַט אַרײַנגעכאַפּט צו דיר, ביסטו אין דער היים ניט געווען, — דערמיט האָט ער געוואָלט געבן שיינדלען צו פֿאַרשטיין, אַז ער האָט זי ניט פֿאַרגעסן.

— ווען איז דאָס געווען, — האָט שיינדל, עטוואָס פֿאַרזשמורענדיק דאָס לינקע אויג, אַ שמייכל געטאָן, דאָס האָט געזאָלט הייסן, אַז זי גלייבט אים ניט שטאַרק, — אַז דו וואָלטסט טאַקע וועלן, וואָלטסטו מיך טרעפֿן.

— פֿונוואַנען ווייסטו, אַז כ׳וויל ניט?

— כ׳ווייס ניט, — האָט זי אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען, — כ׳מיין אַזוי.

— אומזיסט מיינסטו אַזוי, אומזיסט... — נאָכעם האָט אָנגענומען שיינ־דלען בײַ דער האַנט, — קום אַרײַן צו מיר, מיר וועלן זיצן אַ ביסל, זיך דורכריידן... אַז מ׳רעדט זיך דורך, ווערט דאָך פֿאַרט אַ ביסל גרינגער אויפֿן האַרצן.

— כ׳אײַל זיך אַהיים...

— קום אַרײַן, וואָס איז אויף דיר די אײַלעניש, וואָס לאָזסטו זיך אַזוי בעטן?..

— כ׳גיי דאָך ערשט פֿון דער אַרבעט. כ׳האָב זיך אַפֿילו ניט אַרומגעוואַשן.

— איך רוף דיך אויף אַ כאַסענע צי וואָס? בײַ מיר איז אויך פֿאַראַן וואַסער, וועסטו זיך בײַ מיר אײַנוואַשן, קום אַרײַן...

ער האָט זי ווידער אָנגענומען בײַ דער האַנט און צוגעפֿירט צו זײַן שטוב. די דרויסנדיקע ווענט, וואָס זײַנען פֿאַריקן מאָל, ווען זי איז געווען בײַ אים, געשטאַנען אויסגעקרימטע, אונטערגעשפּאַרטע מיט בערווענעס און האָבן גע־האַלטן באַם אײַנפֿאַלן, זײַנען שוין איצט געווען ערטערווײַז איבערגעמויערט

און פאַרטינקעוועט. די אויסגעהאַקטע שויבן זײַנען געווען אַקוראַט פאַרקלאַפּט מיט ברעטלעך. נאָכעם האָט געעפנט די דרויסנדיקע טיר, אין דער פאַרנאַכטיקער טונקלעניש האָבן די פריש אויסגעקאַלכטע ווענט אויסגעזען באַזונדערס זויבער. די לעצטע שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער זון האָבן דורך די צוויי גאַנץ געבליבענע שויבן געוואָרפן אַ קאַלטע ראָזעווע שײַן אַף די ווענט, אַף דער סטעליע, אַף דעם אײַנגערעמלטן בילד, פון וועלכן ס'האָט אַ שמייכלענדיקע אַראָפּגעקוקט כאַווע.

„ער וועט באַלד ווידער נעמען רײדן וועגן איר, — האָט זי אַ טראַכט געטאָן. — ער האָט ניט פאַר וועמען אויסצורײדן דאָס האַרץ, האָט ער מיך פאַרשלעפּט אַהער".

נאָכעם האָט אַפּגיך אײַנגעהייצט דעם אויוון, אוועקגעשטעלט אַ טאָפּ קאַרטאָפליעס, אַ טשײַניק טיי. נאָכדעם האָט ער דערלאַנגט שיינדלען וואַסער, געזאָגט, זי זאָל אויסטאָן דעם וואַטניק און אײַנוואַשן זיך. פון דעם קאַלטן, ערשט פון ברונעם אַרויסגעצויגענעם וואַסער איז בײַ שיינדלען דאָס קײַלעכיקע פאַרווינטיקטע פּאָנעם געוואָרן ראָז און פריש, ווי אַן עפּל, אַ באַפּײַכטער מיט פאַרטאָגיקן טוי. זי האָט צוגעקעמט די שוואַרצע האָר, געמאַכט אַ קובליק, און, צוזעצנדיק זיך אַף דער אַלטער קאַנאַפּע, אָנגעשפּאַרט זיך אַף איר וואַטניק, וואָס איז דאָ געלעגן. פון דער וואַרעמקײַט, וואָס האָט געשלאָגן פון אויוון, האָט שיינדל ערשט דערפילט, ווי זי איז דערפראָרן און אָנגעמאַטערט פאַרן טאָג. איר איז געווען ניט באַקוועם, וואָס נאָכעם פּאָרעט זיך אין שטוב און זי איז אַזוי מיד, אַז זי קאָן אים ניט העלפן. אָפּגערוט זיך אַ ביסל, האָט שיינדל געוואָלט אופשטיין און נעמען עפּעס טאָן. אָבער נאָכעם האָט זיך צוגעזעצט לעבן איר. דאָס פײַער, וואָס האָט געברענט אין אויוון, האָט באַלויכטן שיינדלס פּאָנעם, אירע שוואַרצע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן. ער האָט זיך צוגערוקט צו איר נעענטער, אַ גלעט געטאָן אירע האָר און זײַן בליק האָט זיך אַראָפּגעגליטשט איבער איר נאַקעטן האַלדז. זי האָט זיך פאַרשעמט אַ דריי געגעבן. נאָכעם האָט מיט דער צווייטער האַנט נאָך שטאַרקער זי אַרומגעכאַפּט און אַ ציי געגעבן צו זיך.

— הער אוף, מ'דאַרף ניט! — האָט שיינדל זיך געפּרוּווט אַרויסרײַסן פון זײַנע אָרעמס. — הער אוף, אַניט וועל איך אַוועק.

— וועסט ניט אַוועק, — האָט, שווער אָטעמענדיק, געענטפערט נאָכעם, זײַן בליק האָט זיך נאָר אַף איין רעגע אָפּגעשטעלט אַף כאַוועס פּאָטאָגראַפיע... אים האָט זיך געדוכט, אַז זי קוקט אַף אים.

8

קימאַט אַלע לעבן געבליבענע אײַנוווינער פונעם יישעוו האָבן זיך שוין געהאַט אומגעקערט אַהיים, און פון כאַוועס מיט די קינדער זײַנען אַלץ קיין שום ידיעות ניט געווען. שיינדל האָט, ווי פריִער, ווען־ניט־ווען זיך באַגעגנט מיט

נאָכעמען, אמאָל אפילע זיך ארײַנגעכאפּט צו אים, אויסגעגאָסן פאר אים דאָס הארץ, און ווידער זײַנען זיי זיך פאנאנדערגעגאנגען. ווי פריִער, האָט זי געלעבט אין דער האלב־כאָרעווער שטוב מיט אירע צוויי שוועסטערקינדער, וועלכע האָבן, פּונקט ווי זי, פארלוירן די מישפּאָכעס און זײַנען אלפי נעס ניצל געוואָרן פון די פאשיסטן.

שאליט האָט אלץ מער זיך אָנגעהויבן פארטראכטן איבער זײַן אייגענעם גוירל. ביזוואנען קאָן מען גיין צו זיך אליין צוגאסט, ביזוואנען קאָן מען ווײַכן פון די אייגענע ווענט, אנטלויפן פונעם געשפּענסט פון זײַן כאַווען מיט די קינדער.

אומקערנדיק זיך שפּעט אין אָוונט צו זיך אהיים, האָט ער געוווּסט, אז קיינער ווארט ניט אף אים, אז אין שטוב איז ניט געהייצט, קייןווארמעס ניט צוגעגרייט און מיט וועמען אויסצורייידן א וואָרט איז ניטאָ.

לאנג האָט ער נאָך ארויסגעקוקט אף דער מישפּאָכע. געלעבט מיט דער האָפענונג, אז אָט־אָט וועט כאַווע מיט די קינדער זיך אומקערן. איצט, ווען עס איז פאר אים קלאָר געוואָרן, אז ער האָט שוין ניט וואָס צו ווארטן, האָט ער אָנגעהויבן אלץ אָפטער צו טראכטן וועגן שיינדלען, וועגן בויען א לעבן מיט איר.

שיינדל האָט, אייגנטלעך, שוין לאנג ארויסגעקוקט אף דעם. נאָר זי האָט זיך געסאָפּעקט, צי וועט זי אים פארבײַטן כאַווען. די גאנצע צײַט האָט זיך נאָכעם געהאלטן אין איין גרייטן צו באַגעגענען זײַן מישפּאָכע. ער האָט ניט אופגעהערט צו ריידן וועגן כאַווען, זי דערמאָנען, דערציילן, וואָס פאר א באַכאָמע זי איז געווען, וואָס פאר א בעריע. און אויב שיינדל וועט כאַסענע האָבן מיט אים, וועט ער זי דאָך קעסיידער פארגלײַכן מיט כאַווען.

„ס׳בלוטיקט נאָך בא אים דאָס הארץ, — האָט זי געטראכט, — נאָר א ווונד פארהיילט זיך דאָך. ס׳טרעפט אפילע, אז מע פארגעסט דאָס אָרט, ווו די ווונד איז געווען”... זיי זײַנען טאקע צוויי בראָכשטיקער, אָבער קיין זקיינים זײַנען זיי ניט. קאָן נאָך זײַן א לעבן. אין דעם איז זי געווען זיכער. זיי האָבן דאָך אמאָל ליב געהאט איינס דאָס אנדערע.

ארײַנקומענדיק צו נאָכעמען, האָט זי פון מאָל צו מאָל אלץ זאָרגעוודיקער זיך אָנגעהויבן פאנאנדערפרעגן, וואָס ער האָט געגעסן, צי דארף ער ניט אויסוואשן א העמד, פארלאטען א בעגעד... זי האָט צוגעקליבן אין שטוב, אויסגעווישט די צוויי גאנץ געבליבענע שײַבלעך פונעם פענצטער אזוי, אז זיי האָבן אזש געפינקלט. אין דער שטוב, וואָס איז אָפּגעוווינט געוואָרן פון א באלעבאָסטע, האָט א ווייע געטאָן מיט ווארעמקײַט, מיט היימלעכקײַט.

און איינמאָל איז געשען דאָס, אף וואָס זיי האָבן זיך שוין ביידע, אייגנטלעך, לאנג געריכט. זי איז געקומען צו אים און מער ניט אוועקגעגאנגען.

ווען שיינדל איז ארײַן אין שטוב, איז געווען שטאָק־פינצטער. זי האָט אָנגעצונדן א קאנעצל. דאָס קאנעצל האָט געטשאדעט, געררייכערט.

— וואָס דארפסטו פײַער? — האָט נאָכעם געפרעגט.

— ס׳איז דאָך פינצטער, כאָטש אן אויג ארויסצונעמען, — האָט זי,

לאַשטשענדיק זיך צו אים, געענטפֿערט, — וויַיז, כ'וועל דיר איַינייען אַ קנעפּל אין העמדל.

— זאָל זיַין, אַן אַנדערשמאָל, — האָט ער זי אַ צי געגעבן, זי זאָל זיך זעצן נעענטער לעבן אים אַף דער קאַנאַפּע. שיינדל האָט זיך אָפּגערוקט, נאָר טייקעף האָט ער זי ווידער אַ כאַפּ געגעבן אין זיַינע פֿעסטע אָרעמס. הינטערן פֿענצטער האָט בייז געפֿיַיפֿט אַ האַרבסטיקער ווינט. אָט האָט ער אופֿגעהערט אַף אַ וויַילע און טייקעף ווידער גענומען סקאַווטשען.

— ס'וועט, וויַיזט אויס, אײַנגיכן אַרויספֿאַלן אַ שניי, — האָט שיינדל, ריַיסנדיק זיך פֿון נאָכעמס אָרעמס, מיט אַ פֿאַרשטיקט קאָל אַ זאָג געטאָן.

— וואָס דען?.. ס'איז דאָך טאַקע באַלד ווינטער...

פֿון דעם געדאַנק, אַז עס איז טאַקע באַלד ווינטער, איז איר נאָך הײמלעכער געוואָרן צו זיצן אַזוי אין נאָכעמס וואַרעם אָנגעהייצטער שטוב.

שיינדלס זאַפּטיקע ליפּן האָבן עפּעס געפּליסטערט. אירע אויגן האָבן געברענט. נאָכעם האָט זיך אָנגעבויגן צו איר, ווי ער וואָלט איר וועלן אַ סאָד איינרוימען, און איז צוגעפֿאַלן צו אירע ליפּן, ווי אַ דאָרשטיקער צו אַ פֿרישן קוואַל.

די ווילדע פֿיַיפֿעריי פֿונעם האַרבסטיק־עלנטן ווינט האָט זיי אײַנגעוויגט. זיי זיַינען איַינגעשלאָפֿן.

אינמיטן נאַכט האָט שיינדלען אופֿגעוועקט אַ שרעקלעך געשריי.

— אוי, קינדער מיַינע!.. מיַינע קינדער, לאָזט מיך צו זיי!

אַ דערשראָקענע אַף טויט האָט שיינדל גענומען טאָרקען נאָכעמען.

— וואָס איז מיט דיר, נאָכעם? וואָס כאָלעמט זיך דיר? — האָט זי, צודריקנדיק זיך צו אים, געוואָלט אים באַרויִקן. נאָר ער האָט אָנגעהויבן שריַיען נאָך שטאַרקער.

— וואָס שפּילט איר. וואָס איז באַ איַיך די סימכע, אַז מע פֿאַרשיט לעבעדיקערהייט אין גרוב מיַינע קינדער?..

שיינדל האָט זיך באַמיט איַינאָרדענען וואָס בעסער דאָס לעבן מיט נאָכעמען. זי איז אים געווען געטריַי, איבערגעגעבן מיטן גאַנצן האַרצן. ער האָט זיך אויך צוגעבונדן צו איר. נאָר כאַווען מיט די קינדער האָט ער אַף קיין איין מינוט ניט פֿאַרגעסן. ער האָט זיי ראַק געזען אין כאָלעם.

— איך האָב דאָך אויך אָנגעוואָרן אַ קינד און אַ מאַן, וואָס מיינסטו, מיַין האַרץ איז פֿון שטיין? פֿונדעסטוועגן האַלט איך ניט אין איין ריידן וועגן מיַינע צאָרעס, וואָס דאַרף איך זיך שיטן זאַלץ אַף די וווּנדן און דיר פֿאַרביטערן דאָס לעבן.

— ביסט אַוודע גערעכט, שיינדל, נאָר וואָס קאָן איך העלפֿן, אַז די קינדער קומען מיר יעדע נאַכט צו כאָלעם.

שיינדל האָט אַלץ געהאָפֿט, אַז זי וועט פֿאַרגיין אין טראָגן, געבוירן אים אַ קינד, וועט ער עפּשער מיט דער ציַיט פֿאַרגעסן אין זיַין אומגליק. אָבער די ציַיט איז געגאַנגען, און זי האָט שוין אָנגעהויבן מיט האַרצקלעמעניש צו טראַכטן, אַז זי וועט שוין, וויַיזט אויס, ניט זוכע זיַין צו ווערן אַפּסניַי אַ מוטער און וועט שוין ניט קאָנען נאָכעמען אומקערן די פֿרייד צו זיַין אַ טאַטע.

9

עס זײַנען אוועק עטלעכע יאָר. נאָכעם האָט באַטאָג באַמיט זיך ווײַזן אַ פּריילעך פּאָנעם, און באַנאַכט פּלעגט ער שרײַען און רופן כּאַוועץ מיט די קינדער. שיינדל האָט אַזוי לאַנג זיך געמאַטערט, ביז זי האָט אין איין שיינעם טאָג באַשטימט אומקערן זיך צוריק אַהיים, צו די שוועסטערקינדער.

ערשט נאָך שיינדלס אַוועקגיין האָט נאָכעם דערפילט, אַז זי פעלט אים אויף יעדן שריט און טריט. ער האָט זיך שוין געהאַט צוגעוווינט צו איר. צוגעוווינט צו דעם, אַז ער האָט פאַר וועמען דאָס האַרץ אויסצוגיסן, פון וועמען אַ טרייסט־וואָרט אויסצוהערן. ער האָט דערפילט, אַז אין שטוב איז מיטאַמאָל צוריק געוואָרן פּוסט. ס׳איז פאַרשוווּנדן די וואַרעמקייט און היימלעכקייט, וועלכע שיינדל האָט אַרײַנגעבראַכט מיט איר קומען.

נאָכעם האָט נאָך באַ אַ וואָך געלעבט באַ זיך אין שטוב. ער האָט אַלץ געוואַרט, עפּשער וועט שיינדל זיך אומקערן. סאָפּקאָלסאָף האָט ער ניט אויסגעהאַלטן און איז צוריק אַריבער צו זשורבענקאָ. זשורבענקאָ איז געווען צופרידן מיט זײַן קומען, — מיט וועמען נאָך האָט ער זיך געקאָנט אַן אייצע האַלטן, זיך דורכשמועסן וועגן דעם, וואָס איז פאַרן טאָג פאַרלאָפן אין קאָלווירט?

אין אָנגעשטרענגטער אַרבעט, אין זאָרג וועגן קאָלווירט האָט שאַליט געפּרוווט פאַרגעסן זײַנע אייגענע צאָרעס. די קאָלווירטישע באַלעבאַטישקייט האָט געפאָדערט אַ סאַך טירכע און אויפמערקזאַמקייט. מע האָט געדאַרפט אַי פאַריכטן, וואָס עס איז נייטיק געווען אין דערווירטשאַפט, אַי אויפאַקערן און פאַרזייען, אַי אַכטונג געבן אויף דער יונגער טוווע, אַי אויסיעטן צו דער צײַט, אַי מאַכן אַ טאָלק פון יעדן שטיקל יונגפּי. אָט פאַרוואָס זשורבענקאָ און שאַליט האָבן באַטאָג און באַנאַכט קיין רו ניט געהאַט. דעם מויעך האָבן געענגבערט געדאַנקען, ווי בעסער פירן די באַלעבאַטישקייט.

איינמאָל אינמיטן נאַכט איז זשורבענקאָ אײַנגעפאַלן אַ געדאַנק — אויסרייניקן די סאַזשלקע. פרילינג אָנפילן זי מיט וואַסער און אַרײַנלאָזן אַהין פיש.

דער געדאַנק האָט זשורבענקאָ אויסגעזען צו זײַן אַזוי וויכטיק, אַז ער האָט ניט געקאָנט דערוואַרטן זיך ביז אינדערפרי און אָנגעהויבן וועקן שאַליטן.

— נאָכעם, אַ, נאָכעם, שלאָפסט?

— וואָסי?

— ווייסט, וואָס מיר איז אײַנגעפאַלן?

שאַליט האָט עפּעס אַ בורטשע געטאָן, איבערגעקערט זיך אויף דער צווייטער זײַט און איז אײַנגעשלאָפן. נאָר זשורבענקאָ האָט אין אַ ווײַלע אַרום ווידער אים אָנגעהויבן טאָרקען.

— נאָכעם, אַ, נאָכעם, וויפל וואָלט אונדז אַשטייגער געקאָסט אויסרייניקן די סאַזשלקע.

— וועלכע סאַזשלקע? — האָט שאַליט אָפּגעענטפערט מיט אַ פאַרשלאָפן קאָל.

— אונדזער סאזשלקע... ווייסט, וואָס מיר איז אײַנגעפאַלן... אויסרייניקן זי און אַרײַנלאָזן אהין פיש.

— וועלכע פיש? וואָסי, דו רעדסט פון שלאָף, צי ס׳כאָלעמט זיך דיר.

— ניין, ניין, הער אויס, ברודערקע... מיר איז אײַנגעפאַלן א גדאַנק... דו הערסט.

זשורבענקאָ האָט זיך ניט געפוילט, אופגעהויבן זיך, געפונען די רעבנ־ביינדלעך, מיט וועלכע שאליט פלעגט זיך קיינמאָל ניט שיידן, און ווידער אָנגעהויבן פאַנאַנדערפרעגן זיך.

— וויפל, מיינסטו, דאַרף קאָסטן אויסרייניקן די סאזשלקע, און וויפל קאָן זי אונדז אַרײַנברענגען האכנאָסע, אז מיר וועלן דאָרט פאַרפירן פיש.

— פיש? — האָט שאליט א מורמל געטאָן אונטער דער נאָז און ווידער אָנ־געהויבן כראָפּען.

אין דרויסן האָט אָנגעהויבן שאַריִען אף טאָג. דורך די גאַנץ געבליבענע שײַבעלעך פונעם איינציקן פענצטער האָט זשורבענקאָ געזען, אז אפן מוטנעם גרויען הימל האָבן זיך גענומען לעשן די זילבערדיק־גרינע שטערן. ער האָט זיך געדרייט אפן געלעגער, איבערגעקערט זיך פון איין זײַט אף דער צווייטער, ביז ער איז ענדלעך אײַנגעשלאָפן. ער איז געשלאָפן אזוי געשמאַק, אז ער האָט אפילע ניט געהערט, ווי שאליט איז אופגעשטאַנען און אָנגעהויבן זיך אייסעקן מיטן פרישטיק.

אזוי איז שוין געווען בא זיי אײַנגעפירט. ווער עס פלעגט זיך אופכאַפּן דער ערשטער, פלעגט אײַנהייצן דעם אויוון, אָנוואַרעמען א ביסל געקעכטס אין א קעסעלע אָדער אָפּקאָכן עטלעכע קאַרטאָפליעס.

ווי יעדן אינדערפרי, האָבן זיך אינעם ענגן צימער אָנגעהויבן צונויפ־קומען מענטשן. ווער מיט א פראַגע וועגן דער אַרבעט, ווער בעטן, מע זאָל אים דערלויבן ביז פרילינג אוועקגיין צו פאַרדינען, און ווער מיט א באַקאָשע, מע זאָל אים העלפן, מיט וואָס מע קאָן.

איינמאָל האָט זיך אין שטוב אַרײַנגעוואָלגערט א פאַרסאָפּעטער מאָטל קאָט־קעס. זײַנע טונקעלע אויגן האָבן געבלישטשעט, ווי ער וואָלט ערשט גענומען א גוט גלעזל מאשקע. אף דעם פאַרברויינטן, פאַרוואַקסענעם און פאַרווינטיקטן פּאָנעם האָט געשפּילט א ווייך שמייכעלע, וואָס איז אף א רעגע ווי אויסגערונען צווישן די טיפע קנייטשן און טייקעף ווידער זיך באַוויזן.

— נו, נאָכעם־סערדצע, — האָט ער זיך גוטברודעריש געווענדט צו שאַ־ליטן, — מיר קאָנען טרינקען טיי מיט האָניק.

— האָסט שוין גענומען א „וזיאַטאָק"?[1]

— גענומען, ברודערקע, גענומען! און היפּש גענומען! — האָט קאָטקעס א כאַפּ געגעבן שאליטן בא דער זײַט, ווי ער וואָלט אים פון פרייד וועלן אַרומ־נעמען, — ביטערס איז שוין געווען גענוג, איז לאָמיר כאָטש נעמען א ביסעלע זיס!

---

[1] דער האָניק, וואָס מע נעמט אַרויס פון בינשטאָק.

קאָטקעס האָט אוועקשטעלט אפּן טיש א טעפּעלע האָניק. אונטערטאנצנדיק פאר פרייד, איז ער צוגעלאָפן צו זשורבענקאָן און אים אָנגעהויבן וועקן.

— שטיי אוף, נו, באלד וועלן מיר פארזוכן אונדזער ערשט ביסל האָניק.

שאליט האָט אָפּגערוקט דאָס טעפּעלע, ווי ער וואָלט מוירע געהאט, אז זשורבענקאָ וועט איַינשטימען נעמען דעם האָניק.

— מיר קאָנען זיך נאָך ניט פארגינען עסן האָניק, אז מיר האָבן נאָך ניט קיין ברויט צו זאט, — האָט ער שטרענג געזאָגט. — דאָ איז מיסטאמע קאָרעוו א קילאָגראם. וויפל קאָסט א קילאָ האָניק? פארן געלט קאָנען מיר דאָך קויפן טשוועקעס, איז עס אויך א יעש, אָדער עפּעס אן אנדער זאך, וואָס מע דארף אין דער באלעבאטישקייט...

— עך, נאָכעם, נאָכעם, קיין ביסל האָניק ווילסטו ניט נעמען, קיין קאָפּ בראנפן אויך ניט, צו וואָס זשע לעבסטו אף דער וועלט. — האָט קאָטקעס זיך גענומען וויצלען.

— מיט דעם ביסל האָניק וועל איך ניט זאט ווערן, — האָט שאליט מיטן זעלבן טאָן פאָרגעזעצט. — אז איך מיט זשורבענקאָן זאָלן נעמען דעם האָניק, דארף מען אלעמען געבן, און פאר אלעמען איז נאָך דערוויַיל ניטאָ, איז דאָך אוואדע בעסער די גאנצע האכנאָסע אריַינלייגן אין דער באלעבאטישקייַט.

— ריכטיק, ריכטיק, — האָט אים זשורבענקאָ אונטערגעהאלטן. — וויפל האָסטו האָניק?

— כ׳ווייס ניט, קימאט א פול פעסעלע. און אין פעסעלע גייט אריַין, דוכט זיך, בא די צוואנציק קילאָ. טאָמער וועט איר פארזוכן א ביסל האָניק, וועט שוין דער קאָלווירט אָרעמער ווערן. — האָט קאָטקעס געפּרוּווט איַינריידן זשורבענקאָן מיט שאליטן.

— אוואדע וועלן מיר אָרעמער ווערן, — האָט זשורבענקאָ זיך אָפּגערופן. — בא אונדז איז יעדע קאָפּעקע טיַיער. קיין טשוועקל האָבן מיר דאָ ניט פאר וואָס צו קויפן.

ער האָט זיך אָנגעטאָן און איז ארויס אין דרויסן. קאָטקעס האָט איבערגעלאָזט דאָס טעפּעלע האָניק און זיך אויך געלאָזט גיין. נאָר שאליט האָט אים אומגעקערט.

— נעם עס צו, הערסט, די מינוט זאָלסטו עס צונעמען, אָן שום רייד! ס׳וועט זיַין צושטיַיער אף ווינטער פאר די בינען...

10

אנשל קאָצין האָט, פארביַיפאָרנדיק דעם קאָלווירט „האָפענונג", זיך אָפּגעשטעלט באם וויַינגאָרטן.

די יונגע וויַינטרויבן־קוסטעס, וועלכע מע האָט פארצווייאָרן געהאט פארפלאנצט אף די דריַי העקטאר „פּערעוואל", האָבן שוין געבליט און צוגעזאָגט א גוטע גערעטעניש.

— אזוי פּאוואָלינקע וועט דאָ ווערן אַ גרויסער ווײַנגאָרטן, — האָט קאָצין אַ טראַכט געטאָן, — אין אַ פּאָר יאָר אַרום וועט דער יונגער סאָד שוין נעמען געבן פּרוכט, קאָן „האָפּענונג” אַזוי אַ שפּרײַז טאָן פאָרויס, אַז די הינטער־שטעליקע וועלן מיר ווערן.

אַזאַ געדאַנק האָט קאָצין אַפילע דערלאָזן ניט געוואָלט. ער האָט בִיכלאַל ניט געקאָנט פאַרלײַדן, אַז אַן אַנדער קאָלווירט, ניט „מאַיאַק”, זאָל זיך מיט עפּעס אויסצייכענען. קאָצין האָט ניט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן שאַפן בײַ זיך אַ מוסטער־סאָד און אַ מוסטער־ווײַנגאָרטן, ווו עס זאָלן וואַקסן די סאַמע זעלטענע סאָרטן ווײַנטרויבן און פרוכטן, און גערעטענישן זאָלן זיי געבן אַזעלכע, וועגן וועלכע ביז אים האָט קיינער קיין אָנונג ניט געהאַט.

טרוימענדיק פאַרפלאַנצן אַ ווײַנגאָרטן, האָט אָנשל אַלץ אָפטער און אָפטער געוואָרפן אַן אויג אויף שיינדלען.

„ס'וואָלט געווען ניט שלעכט איבערצײַען זי צו אונדז”, — האָט ער גע־טראַכט. נאָך פאַר דער מילכאָמע, האָט ער זיך דערמאָנט, איז זי דאָך געווען אויף קורסן פון ווײַנגאָרטן־ציכטלער. שוין דאַן האָט זי זיך געהאַט אויסגעצייכנט, ווי אַ מײַסטער פון איר פאַך, און איז געווען אַפילע פאָרגעשטעלט אויף דער אַלפאַרבאַנדישער לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסשטעלונג. דאָס האָט זי דאָך נאָכן אומקערן זיך פון עוואַקואַציע אויפגעשטעלט דעם אַלטן ווײַנגאָרטן, דאָס האָט זי דאָך מיט אירע הענט אויפגעהויבן און פאַרפלאַנצט די דרײַ העקטאַר „פּע־רעוואַל”.

אָנשלען האָט פאַרדראָסן, לעמײַ האָט ער זיך אָן שיינדלען ניט דערמאָנט פריִער, נאָך איידער זי האָט זיך פאַרבונדן מיט שאַליטן. אין יענע צײַטן האָט ער נאָך וועגן ווײַנגערטנער ניט געטראַכט. ער האָט אַפילע געכוויזעקט פון די אָנפירער פונעם קאָלווירט „האָפּענונג”.

קאָפּצאָנים האָבן אָפּעטיט... קוים וואָס מע ספּראַוועט זיך מיטן פּלאַן, קריכט מען גאָר אַהין, ווו קיינער בעט זיי ניט... זיי קלײַבן זיך פליִען, נאָך איידער די פליגלען זײַנען בײַ זיי אויסגעוואַקסן.

איצט האָט קאָצין געזוכט אַ וועג צו שיינדלען. דערוווּסט זיך, אַז זי איז אוועק פון שאַליטן, האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט. עמעס, וויפל ער האָט זיך ניט באַמיט דערגיין, וואָס, אייגנטלעך, איז פאָרגעקומען צווישן זיי, האָט זיך אים קיין זאַך ניט אײַנגעגעבן צו דערוויסן. פונדעסטוועגן, האָט ער באַשטימט, קאָן מען אָצינד פּרוּוון אַ רעד טאָן מיט איר. וויפל וועט זי זיך דאָ מאַטערן. ביפראַט, אַז מיט שאַליטן איז בײַ איר בײַ איר אויס. אויב אַפילע זי האָט זיך מיט אים נאָר צעקריגט און האָט נאָך אין זינען זיך אומצוקערן, איז דאָס אויך אַ סימען, אַז זי לעקט בײַ אים קיין האָניק ניט.

אַרײַן אין ווײַנגאָרטן איז קאָצין שטיל. גאַנוועװענדיק זיך, ווי אַ קאַץ, איז ער צוגעגאַנגען צו שיינדלען און זי אַרומגעכאַפּט.

— אוי! — האָט שיינדל אַן איבערגעשראָקענע זיך אַרויסגעריסן פון קאָ־צינס אָרעמס און געבליבן שטיין אַ צעטומלטע און אַ פאַרשעמטע. — וואָס איז דאָס פאַר אַ קונצן... האָסט ניט ווו די הענט אַהינצוטאָן?

קאָצין האָט זיך הילכיק צעלאַכט.

— ביסט א גלעזערנע. האָסט מוירע, כ'וועל דיך צעברעכן.
— קיין גלעזערנע בין איך ניט, נאָר די הענט זאָלסטו האַלטן בא זיך.
— וואָס גוואַלדעוועסטו, מע קאָן מיינען, אז כ'האָב דיך געקוילעט...
— האָסט נאָך ניט פאַרגעסן דײַנע שטיקלעך, ווי איז דיר ניט מיִעס? ביסט דאָך א פאָרזיצער פון א קאָלווירט, א טאַטע, קאָן מען זאָגן, פון אזויפיל מענטשן, און פירסט זיך ווי א באָסיאַק.
— מיט וואָס האָב איך זיך אזוי פאַרזינדיקט קעגן דיר? טאָמער האָב איך דיך ארומגענומען, איז דאָס אן אוולע? — כ'האָב קיין שלעכטס ניט געמיינט... מיר זײַנען דאָך צוזאַמען געוואַקסן, דו ביסט דאָך מיר טײַערער פון א שוועס־טער...
קאָצין איז געווען זיכער, אז זײַנע ווערטער האָבן ווייך געמאַכט שיינדלס האַרץ. ער האָט זיך אוועקגעזעצט לעבן איר און געקליבן זיך פאָרזעצן מיט איר דעם שמועס. נאָר זי האָט אים ווידער א שטאָך געגעבן.
— ריידן רעדסטו אַלעמאָל גוט, נאָר טאָן טוסטו שלעכט.
— וואָס טו איך אשטייגער שלעכטס... כ'האָב עפּעס עמעצן באַוואַלט, אָפּ־גענאַרט? פרעג בא מיר אין קאָלווירט.
— וואָס דאַרף איך פרעגן? אז מע האַלט דיך אין איין לויבן, האָסטו מיסטאַמע פאַרדינט, — האָט שיינדל אָנגעהויבן ריידן געלאַסענער. — מעג־לעך, אז בא זיך אין קאָלווירט ארבעטסטו טאַקע גוט, נאָר דאָס, וואָס דו קענסט דײַנע הענט ניט אײַנהאַלטן, איז שלעכט.
— נו, גענוג, גענוג צו זידלען זיך, איך בין דאָך געקומען צו דיר צוגאַסט, ווי פאַלט מען דאָס אזוי אָן אויף א גאַסט?.. כ'האָב גאָרניט געוווּסט, אז דו ביסט אזא בייזע, — האָט ער זיך געפּרוּווט כאַכמענען.
אויף שיינדלס טונקעלן, פון זון פאַרברוינטן פּאָנעם האָט א שפּיל געגעבן א שמייכעלע.
— כ'בין גאָר ניט קיין בייזע, — האָט זי שטיל א זאָג געטאָן, אויסגלײַכנ־דיק זיך.
אנשל האָט אופמערקזאַם א קוק געטאָן אויף איר, ווי ער וואָלט צום ערשטן מאָל דערזען, ווי שלאַנק עס איז איר פעסטער קערפּער, ווי עס ציט זי ארום דאָס בלויע געקעסטלטע קלייד. ער וואָלט זי גערן נאָכאַמאָל ארומגענומען, נאָר ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן.
— דאָס האָבן דאָך אַלץ דײַנע גאָלדענע הענט אופגעטאָן, — האָט ער א וויִיז געטאָן אפן ווײַנגאָרטן, — ווען מיר האָבן אזא בעריע ווי דו, וואָלטן מיר זי אויף די הענט געטראָגן, און ווער ווייסט דיך דאָ? ווער האָט באַמערקט, וואָס דו האָסט אופגעטאָן.
— ווער דאַרף מיך באַמערקן... איך ארבעט און גאָר, — האָט זי מיט א טמימעסדיקן, א ביסל פאַרשעמטן אויסדרוק אפן מידן פּאָנעם א זאָג געטאָן. — איך ארבעט דען אַליין... נאָך מענטשן ארבעטן דאָך...
— וואָס מאַכסטו זיך אַליין צונישט, — האָט ער מיט א טאָן פון אן על־טערן איר געזאָגט. — זײַ ניט קיין קינד... ס'איז מיר א ראַכמאָנעס אויף דיר...
— וואָס דאַרפסטו אויף מיר ראַכמאָנעס האָבן?

— ווען איך קען דיך ניט, וואָלט מיך ניט געאַרט, ס'פאַרדריסט מיך... ביסט דאָך ניט מער ווי א מענטש, ביסט א פרוי, דאַרפסט דאָך סאַפּקאָלסאָף איינאָרדענען דײַן לעבן.

שיינדל האָט געקוקט אױף קאַצינען און ניט געקאָנט פאַרשטיין, צוליב וואָס ער האָט פאַרפירט מיט איר דעם שמועס.

— האָסט זיך שוין, קאָנטיק, צוגעווינט צו דײַן דאָליע, — האָט ער נאָך א ווײַלע שווײַגן פאַרגעזעצט. — א וואָרעם זיצט אין כריין און מיינט, אז קיין זיסערס איז ניטאָ... מע זאָגט, אז דו ביסט שוין ווידער אליין?

— ווער האָט עס דיר געזאָגט?

— כ'האָב געהערט, אז דו ביסט זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט שאַליטן.

— וועמענס אייסעק איז עס?

— ס'איז, פאַרשטייט זיך, קיינעמס אייסעק ניט, נאָר איך דאַרף דיר זאָגן דעם עמעס, אז שאַליט הערט ניט אױף צו טראַכטן וועגן זײַן מישפּאָכע. ווו ער גייט און ווו ער שטייט, רעדט ער נאָר וועגן איר, און דיך דאַרף ער ווי א פינפטע ראָד צום וואָגן... זאָלסט טאַקע וויסן, אז אויב ס'איז פאַראַן א מענטש, וואָס טראַכט וועגן דיר ערנסט, בין איך דאָס...

— דו? — האָט שיינדל זיך צעלאַכט. — וואָסי, דו האָסט ניט וועגן וועמען צו טראַכטן?

— האָסט אין זינען מײַן ווײַב? — האָט קאַצין א מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — ווייס איך וואָס, איך האָב מיט דיר קיינמאָל ניט גערעדט, ווײַל איך האָב ניט געוואָלט צעשטערן דײַן לעבן מיט שאַליטן. נאָר איצט... איצט, מיין איך, קאָנען מיר ריידן אָפן.

— וועגן וואָס? — האָט שיינדל געמאַכט זיך טאַמעוואַטע.

— וועגן דײַן אריבערפאָרן צו אונדז, פאַרשטייסט אליין, אז ס'איז מיר ניט באַקוועם פאַר שאַליטן, איך זאָל פאָרן צו דיר... פאָר אריבער, וועסטו זײַן לעבן מיר, מיר וועלן פאַרפלאַנצן א ווײַנגאָרטן... ניט אזא, ווי בא אײַך... א מוסטער־ווײַנגאָרטן. די סאַמע זעלטענע, די בעסטע סאָרטן ווײַנטרויבן וועלן וואַקסן בא אונדז, מענטשן וועלן פאָרן צו דיר זיך לערנען, ווי צו באַקומען רעקאָרד־געראַטענישן... וועסט באַרימט ווערן... אומעטום וועט מען וויסן אונד־זער שיינדלען.

— שוין גאָר ווי אין א מײַסע־ביכל, — האָט שיינדל מיט כויזעק געענט־פערט. זי האָט זיך פאַרטראַכט. קוקנדיק אין דער ווײַט, האָט זי געזאָגט.

— ניין, כ'קאָן פונדאַנען ניט אַוועקפאָרן... אז איך זע, ווי עס וואַקסט יעדעס קוסטיקל, יעדעס ביימעלע, וואָס איך האָב מיט מײַנע הענט פאַרפלאַנצט, קומט מיר צו א שטיק געזונט... ווען מענטשן וועלן נעמען א ביסל ווײַן אױף סימכעס, אױף כאַסענעס, וועל איך וויסן, אז אין זייער פרייד האָב איך אויך א ביילעק... וואָס קאָן נאָך זײַן טײַערער? דאָס איז בא מיר ווערט מער פון אלץ אין דער וועלט.

קאַצין האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען שיינדלען אין אזא שטימונג. איר פּאָנעם האָט געשײַנט. די אויגן האָבן געלויכטן. אים האָט זיך אויך עפּעס

געוואָלט זאָגן אין דעם זעלבן נוסעך. נאָר ווי אַף צולאָכעס איז אים קיין זאַך אַפּן זינען ניט געקומען.

די פרויען, וועלכע האָבן אַף די ווײַטע דעליאַנקעס אײַנגעדעקט די ווײַנטרויבן־קוסטעס אַף ווינטער, האָבן געענדיקט די אַרבעט און זיך געלאָזט צו שיינדלען. קאָצינען האָט זיך געוואָלט, ביז זיי וועלן צוגיין אַהער, זיך דעריידן מיט שיינדלען, דערגיין צו אַ טאָלק.

— נו, איז וואָס קאָנסטו מיר זאָגן? — האָט ער זי אָנגעהויבן צווײַלן.

— וועגן וואָס?

— וועגן דעם, וואָס מיר האָבן גערעדט.

— כ'האָב דאָך דיר געענטפערט... וואָס קאָן איך דיר נאָך זאָגן?

— באַטראַכט זיך...

אים האָט זיך שוין געוואָלט וואָס גיכער אַוועקגיין, די פרויען זאָלן אים ניט באַמערקן.

— עפשער וועלן מיר זיך ערגעץ דורכפאָרן? — האָט ער איר פאָרגעלייגט.

— וווּהין? איצט קאָן איך דאָך ניט, כ'בין דאָך אַף דער אַרבעט... מע מוז צודעקן דעם ווײַנגאָרטן.

— מיר וועלן געפינען וווּהין... קיינער וועט ניט וויסן. די ווײַבער וועלן אָן דיר צודעקן דעם ווײַנגאָרטן.

— פריִער דאַרף איך באַקומען אַ דערלויבעניש... אין שטאָט אָדער אַפילע אין ראַיאָן וואָלט איך זיך דורכגעפאָרן. איך האָב דאָרט אַן איניען, אָבער ניט איצט, כ'דאַרף זיך דאָך אײַנוואַשן, איבערטאָן זיך.

— נו, גוט, — האָט קאָצין זיך אָפּגערופן.

דעם עמעס גערעדט, האָט זיך אים אַליין ניט געוואָלט פאַר אַלעמען אין די אויגן צופאָרן אַהער און נעמען זי אַף דער מאַשין. איז אים אײַנגעפאַלן אַזאַ געדאַנק: זאָל זי אַרויס אַפּן וועג, און ער וועט אָנפאָרן מיט דער מאַשין, וועט עם אויסזען, אַז זיי האָבן זיך באַגעגנט צופעליק.

— רעכט, רעכט, — האָט שיינדל צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

קאָצין האָט אײַליק זיך צעזעגנט מיט איר און איז אַוועק.

11

די ידיעה, אַז שיינדל איז געפאָרן מיט קאָצינען אין ראַיאָן, איז גיך דערגאַנגען צו שאַליטן. ס'קאָן זײַן, אַז שאַליט וואָלט אַף דעם ניט געלייגט קיין אַכט, ווײַל שיינדל, האָט ער געוווּסט, האָט זיך שוין לאַנג געקליבן צופאָרן צום דאָקטער און קאָצין האָט זי געקאָנט באַגעגענען אין וועג און מיטנעמען אַף זײַן מאַשין. נאָר דאָס, וואָס קאָצין איז צוויי מאָל נאָכאַנאַנד געקומען צו איר אַפּן ווײַנגאָרטן, האָט אַרויסגערופן בא אים אַ כשאַד.

„ער קער זי וועלן איבערמאַניען צו זיך”, — האָט ער געטראַכט. און האַגאַם ער האָט זיך אַליין אָנגעהויבן איינריידן, אַז זי וועט אינערגעץ ניט אַריבערפאָרן פונדאַנען, פונדעסטוועגן איז ער געווען אומרויִק. ווי די זאַך זאָל ניט זײַן, איז זי דאָך זײַן ווײַב. זיי האָבן זיך דאָך ניט צעקריגט. ער האָט זי, דוכט זיך, מיט קיין זאַך ניט געקריוודעט. הײַנט — מאָרגן, איז ער זיכער, וועט זי זיך אומקערן צו אים, און פּלוצעם נאַ דיר גאָר, קאָצין.

שאַליט האָט באַשטימט דורכריידן זיך מיט איר. צום ווײַנגאָרטן איז ער געגאַנגען מיט אַ פעסטן באַשלוס — ריידן מיט איר קלאָרע דיבורים. נאָר ווי אַף צולאָכעס האָט זיך אים קיין געלעגנהײַט ניט געמאַכט. די גאַנצע צײַט זײַנען אַרום איר געווען מענטשן, פּונקט ווי זי וואָלט אָפּגערעדט מיט די פרויען, מיט וועלכע זי אַרבעט, זיי זאָלן אַף קיין איין מינוט ניט אָפּטרעטן פון איר.

שאַליט האָט זיך שוין געקליבן אַוועקגיין. פּלוצעם איז צום ווײַנגאָרטן צוגעפאָרן קאָצין. ער איז ניט געאײַלט אַרויס פון דער מאַשין און מיט זיכערע טריט אַוועק צו שיינדלען. דערזען שאַליטן, איז קאָצין געבליבן שטיין אַ ביסל אַ פאַרלאָרענער.

— עפּעס ביסטו געוואָרן בײַ אונדז אַ צו אָפטער גאַסט!

— מיר ווילן בײַ זיך פאַרפלאַנצן אַ ווײַנגאָרטן, האָב איך באַשטימט דורכפאָרן זיך צו אײַך אַ קוק טאָן, אײַער דערפאַרונג אויסנוצן.

— מיר דוכט, אַז דו מיינסט ניט אַזוי דעם ווײַנגאָרטן, ווי די ווײַנגערט-נערן, — האָט שאַליט ניט אויסגעהאַלטן.

— די ווײַנגערטנערן אײַערע איז אַ גרויסע בעריע, — האָט קאָצין מיט אָפּשײַ זיך אָפּגערופן, — גיב נאָר אַ קוק, סאַראַ ווײַנגאָרטן זי האָט אויס-געבאָוועט, דאָס איז דאָך אַן אשירעס!

— ביסטו אונדז מעקאַנע?.. ס'שטעכט דיר אין די אויגן. — האָט שאַליט אָנגעהויבן ריידן שוין הויך אַף אַ קאָל, ווי ער וואָלט וועלן, עס זאָל קומען צו אַ סיכסעך.

— כ'פאַרשטיי ניט, נאָכעם, וואָס ביסטו אַזוי בייז. ניט אַנדערש, ווי דו ביסט הײַנט אויפגעשטאַנען אַף דער לינקער זײַט.

— פאַרייד מיר ניט די ציין, — איז שאַליט געוואָרן נאָך מער אויפגע-בראַכט, אַף דײַנע קונצן בין איך אַ מיווון.

קאָצין האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען שאַליטן אַזאַ אויפגעבראַכטן. זײַן פּאָנעם איז געוואָרן שטרענג, די אויגן — פול מיט בייזע פונקען.

„זי זאָל אים האָבן איבערגעגעבן אַלץ, וועגן וואָס ער האָט גערעדט מיט איר”, — האָט קאָצין אַ טראַכט געטאָן. — „איז וואָס, אייגנטלעך, האָט זי אים געקאָנט דערציילן, אַז ס'איז בײַ זיי גאָרנישט ניט פאָרגעקומען”...

דער עמעס איז דאָך טאַקע, וויפל קאָצין האָט ניט געפּרוּווט נויסע-כיין זײַן בײַ שיינדלען, זאָגן איר, אַז מיט זײַן איצטיקן ווײַב איז ער זיך צונויפגע-גאַנגען צופעליק און זי איז אים דערעסן, אַז נאָר זי, שיינדלען, באַדאַרף ער, האָט אָבער שיינדל אַף זײַנע רייד קיין אַכט ניט געלייגט און די גאַנצע צײַט געטראַכט וועגן עפּעס אַירס. אין ראַיאָן, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז זי

אויך געפאָרן נאָר וועגן אירע אייגענע איניאָנים און האָט אויסגעמיטן כאָטש איין רעגע בלײַבן מיט קאַצינען אויג אף אויג.

קאַצינען האָט זיך שוין אַמאָל אַליין געדוכט, אַז אַלץ, וואָס ער זאָגט שיינדלען וועגן זײַן באַציִונג צו איר, איז עמעס, און כאָטש אים איז שוין קלאָר געוואָרן, אַז זי איז נאָך שטאַרק צוגעבונדן צו שאַליטן, פונדעסטוועגן האָט ער באַשלאָסן נאָכאַמאָל זיך דורכריידן מיט איר, און דאָ — נאַ דיר גאָר, געטראָפן שאַליטן.

— כ'ווייס ניט, וואָס דו ביסט אף מיר בייז, — האָט קאַצין געזאָגט צו שאַליטן. — סײַדן עמעצער האָט דיר אָנגערעדט אף מיר... מע וויל אונדז, ווייזט אויס, צעקריגן... כ'פיל ניט, אַז כ'זאָל מיט עפּעס זײַן שולדיק קעגן דיר.

פון ערגעץ איז אָנגעקומען שיינדל. שאַליט האָט ניט געוווּסט, צי זי האָט אונטערגעהערט, וועגן וואָס זיי האָבן גערעדט, און זיך געוואָלט אַרײַנמישן אין זייער שמועס, צי זי איז צופעליק פאַרבײַגעגאַנגען.

12

אין יִשעוו האָבן געהאַלטן אין איין צוקומען נײַע מישפּאָכעס. צווישן זיי זײַנען געווען אַ סאַך מענטשן פון פאַרשיידענע קאַנטן און פעלקער, וועלכע דאָס מילכאָמע־געווירבל האָט אַהער פאַרוואָרפן.

דער פאָרזיצער זשורבענקאָ, דער פּאַרטאָרג שאַליט און די היגע טוישעווים האָבן באַגעגנט די נײַע געזינדן פרײַנטלעך. מע האָט זיי באַזעצט אין די פּוסטע הײַזער פון די אומגעקומענע, געהאָלפן אָפּרעמאָנטירן די וווינונגען, אַרײַנגענומען זיי אין דער קאָלווירטישער מישפּאָכע, און די אַרבעט איז אַוועק פרייליכער. פאַר די קרעדיטן, וועלכע מע האָט באַקומען אין ראַיאָן, האָט מען אײַנגעקויפט עטלעכע שטיקלעך פי, אַ פּאָר כאַזער־מוטערס.

— איבעראַיאָר וועלן פון די טעלעצעס ווערן בעהיימעס, און נאָך וועלכע בעהיימעס! — האָט זשורבענקאָ אײַנגעטײַנעט מיט שאַליטן, פּונקט ווי יענער וואָלט אים דערווידערט. — פּאַוואָלינקע, פּאַוואָלינקע וועט בא אונדז ווערן אַן עמעסע פערמע, וועסט נאָך זען, ס'אַרא טשערעדעס עס וועלן אַרומגיין איבער אונדזערע לאָנקעס... קיינער וועט ניט גלייבן, אַז ערשט צוריק מיט עטלעכע יאָר איז בא אונדז געווען אַן איין־און־איינציקע קו.

אין איינעם אַ טאָג, ווען אין דער ראַיאָנער צײַטונג איז אף דער ערשטער זײַט ווידער געווען אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל וועגן די נײַע דערפאָלגן פונעם קאָלווירט „מאַיאַק", האָט זשורבענקאָ, טײַטנדיק מיטן פינגער אף דעם אַרטיקל, געזאָגט: — זעט נאָר, ווי דער קאַצין קערט די וועלט! גיט נאָר אַ קוק, ווי ער פליט עס אין די הימלען, ס'איז, קאָנטיק, יענער אָדלער!

— ס'איז ניט קיין אָדלער, נאָר אַ זשוק, — האָט שאַליט מיט ביטל אַ זאָג געטאָן, — אַ זשוק קאָן זיך אויך אופהייבן אין דער לופט און זשומען.

זינט דער געשיכטע מיט שײנדלען האָט זיך שאליטן ניט געוואָלט זען מיט קאָצינען, ער וואָלט אפילע גערן געוועזן זײַן נאָמען ניט הערן. נאָר דערוויסן זיך וועגן די סיבעס פון „מאיאקס“ דערפאָלגן האָט זיך אים שטארק געוואָלט.

„מע האלט דאָך אָט דעם קאָלווירט אין איין לויבן“, — האָט ער געטראכט, — „די, וואָס זינגען אים שוואָכים, זײַנען דאָך פון זינען ניט אראָפּ. פונדעסטוועגן וועט מען זיך מוזן זען מיט קאָצינען, עפּשער קאָן מען זיך פּאָרט בא אים עפּעס אָפּלערנען“.

קאָצין האָט דאָס געפילט. ער איז א פּאָר מאָל ארײַנגעפּאָרן צו שאליטן, ווי צווישן זיי וואָלט גאָרנישט ניט פּאָרגעקומען, אײַנגעלאדן אים צוגאסט און אפילע געפּרוווט פּארווארפן א פּאָר ווערטער וועגן שײנדלען. איינמאָל איז ער געקומען מיט אן איניען, וועלכער האָט געדארפט, לויט זײַן מיינונג, פּארינטערעסירן סײַ שאליטן, סײַ זשורבענקאָן.

ער איז געזעסן אָנגעשפּארט אפן שליטן, אין וועלכן עס זײַנען געווען אײַנגעשפּאנט א פּאָר זאטע שקאפּעס. צופּאָרנדיק צו דער שטוב, ווו ס'האָבן געוווינט זשורבענקאָ מיט שאליטן, האָט ער אראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם כאָקענעם פּלאשטש און איז געבליבן זיצן אינעם ווײַסן פּעלצל און אין דעם נײַעם גרויען אָפּיצערישן ווינטער־היטל, וואָס איז געווען וווליוונגעריש פּארוקט אף א זײַט.

— וואָס מאכן מײַנע טײַערע לאנדסלײַט? — האָט ער זיך געווענדט צו שאליטן מײַסע גוטער־ברודער.

— מע האָרעוועט, וואָס קאָנען מיר נאָך מאכן? — האָט שאליט געענטפערט מיט א ביטל־שמייכעלע. — מע באשרײַבט שוין ווײַטער, זע איך, דײַן קאָלווירט אין די צײַטונגען... ס'טומלט מיט דיר די וועלט...

— וואָסי, מיר האָבן דאָס ניט פּארדינט?

— כ'וויים ניט, אז מע שרײַבט, האָט איר מיסטאמע פּארדינט. אָט שרײַבט מען דאָך וועגן אונדז גאָרניט, וואָס קאָן מען וועגן אונדז מישטיינס־געזאָגט שרײַבן.

— וואָס הייסט, וואָס קאָן מען וועגן אײַך שרײַבן? וואָס מאכסטו זיך טאמעוואטע? איר האָט דען ווייניק דערגרייכונגען?

ארויסגעזאָגט די ווערטער, האָט קאָצין טייקעף כאראָטע געהאט, טאָמער וועט שאליטן כאס־וועשאָלעם אײַנפאלן זיך פּארגלײַכן מיט אים. דעריבער האָט ער גלײַך צוגעגעבן.

— ס'פּארשטייט זיך, אז צו אונדז קאָנט איר זיך נאָך ניט גלײַכן, נאָר אוועקמאכן מיט דער האנט אײַערע אופטועז דארף מען אויך ניט. כ'וואָלט געווען א באלן א קוק טאָן אײַער ווירטשאפט, — האָט קאָצין זיך אליין אָנגעבעטן בא שאליטן.

— נו, אז דו ווילסט שטארק, קאָנען מיר א קוק טאָן, — האָט שאליט א בורטשע געטאָן.

ער האָט זיך אוועקגעזעצט לעבן קאָצינען אין שליטן, און זיי זײַנען צוגעפּאָרן צו די בינען.

קאָצין האָט מיט באַלעבאַטישער באַהאַוונטקייַט באַטראַכט די געבייַדע, זיך נאָכגעפֿרעגט, צי די בינען וועלן קאָנען איבערווינטערן אין איר. פֿאַרבייַ־וועגס האָט ער זיך אינטערעסירט, וויפֿל האָניק די בינען האָבן געגעבן פֿאַרן זומער און ווי טייַער ס'האַלט איצט האָניק אויפֿן מאַרק. נאָכדעם זייַנען זיי אַוועקגעפֿאָרן אויף דער פֿערמע צו די נייַע שטאַלן.

— נו, — האָט שאַליט אַ פֿרעג געגעבן. לויטן אויסדרוק פֿון אַנשלאָם פֿאָנעם האָט ער געוואָלט דערקענען, ווי יענעם זייַנען געפֿעלן די נייַע געבייַדעס.

— נישקאָשע, — האָט קאָצין אַ זאָג געטאָן.

שאַליטן האָט פֿאַרדראָסן, לעמייַ יענער האָט זיך אַזוי קאַלט אָפּגערופֿן וועגן די שטאַלן, אין וועלכע מע האָט אַרייַנגעלייגט אַזויפֿיל האָרעוואַניע.

— אַלץ, וואָס אַ סקאָטינע דאַרף, איז דאָ פֿאַראַן, איז וואָס זשע ווילסטו נאָך? — האָט זיך בײַ אים אַרויסגעכאַפּט.

— זאָג איך דאָך, אַז ס'איז נישקאָשע, — האָט קאָצין נאָכאַמאָל אונטער־געשטראָכן. — וואָלטסט אַ קוק געטאָן, ווי מיר פּאַסן אויף די בעהיימעס, ווי די קייסערינעס לעבן זיי בײַ אונדז. אינגיכן וועלן מיר מאַכן אַוטאָפּאָילקעס. וועט זיך זיי נאָר פֿאַרוועלן טרינקען, וועלן זיי אַ קוועטש טאָן מיט די מאָר־דעס, און דאָס וואַסער וועט זיך זיי גיסן גלייַך אין מויל אַרייַן... „מאַיאַק" וועט ווייַזן, אַז ער איז שטענדיק און אומעטום אַ מאַיאַק, אַ לייַכט־טורעם.

— נו, נו, אַדרעאַבע, באַווייַז! — האָט שאַליט, אַרויסגייענדיק מיט קאָ־צינען פֿון שטאַל, אים נאָך צוגעגעבן היץ. — אונדז וועט זייַן אָנגענעם, וואָס אונדזער האָרעוואַניק איז אַזוי באַרימט.

קאָצין האָט זיך דערמאָנט, אַז געקומען איז ער ניט אויף צו באַרימען זיך מיט זייַנע אויפֿטוען, נאָר וועגן אַן איניען.

— כ'האָף, אַז מיר וועלן נאָך אייַך אויך קאָנען מיט עפּעס מיטהעלפֿן, — האָט ער געזאָגט מיט אַ טאָן פֿון אַ באַלטויווע.

— אַ דאַנק, מיר זוכן ניט קיין רייַכן פֿעטער, — האָט שאַליט געענטפֿערט.

— וואָס האָסטו זיך באַליידיקט? כ'האָב דאָך דיר קיין נעדאָווע ניט פֿאַר־געלייגט, כ'בין דאָך ניט קיין פֿרעמדער. אַזויפֿיל יאָרן דאָ אָפּגעאַרבעט. דאָס האַרץ, מיינסטו, בלוטיקט מיר ניט פֿאַר די ווונדן, וועלכע מייַן היים קאָן נאָך ביז איצט ניט פֿאַרהיילן.

— דערפֿאַר טאַקע האָסטו זיך דערשראָקן פֿאַר די ווונדן, ביסט אַנטלאָפֿן, געזוכט, ווו גרינגער... — האָט אים שאַליט אויסגעוואָרפֿן.

— בײַ מיר אין קאָלווירט זייַנען דען קיין ווונדן ניט געווען? — האָט קאָצין זיך פֿאַרענטפֿערט.

שאַליט האָט זיך אַרייַנגעזעצט אין שליטן און פֿאָרגעלייגט אומקערן זיך צום שטיבל, ווו ער האָט געוווינט מיט זשורבענקאָן.

אין הויף האָט קאָצין אויסגעשפּאַנט די פֿערד, געגעבן זיי אַ ביסל היי און איז אַרייַן מיט שאַליטן אין שטיבל. זשורבענקאָ האָט שוין באַוויזן אויפֿזידן טיי.

— לאָמיר עפּעס איבערבייַסן, — האָט זשורבענקאָ פֿאַרבעטן דעם גאַסט

צום טיש, — מיט קיין גרויסע זיבן זאכן קאָנען מיר נאָך אײַך דערווײַל ניט מעכאבעד זײַן.

— א דאנק, כ'בין ניט הונגעריק. מיט א ביסל האָניק ווען איר זײַט מיך מעכאבעד, וואָלט איך אײַך עפשער שוין געטאָן די טויווע און אויסגעטרונקען א גלאָז טיי, — האָט קאָצין זיך געכאָכמעט.

ער האָט ווידער פארפירט א רייד וועגן די אווטאָפּאָיִלקעס, וועלכע ער אָרדנט אײַן אין אלע שטאָלן פון זײַן פערמע. פאריינס וואָלט ער געקאָנט העלפן דעם קאָלווירט „האָפּענונג" מעכאניזירן די פערמע.

— דעריקער איז קריגן טרויבן, — האָט ער אונטערגעשטראָכן, — טרויבן קאָן מען קריגן בא מײַנע שעפּן אין זאוואָד, נאָר איר פארשטייט אליין...

קאָצין האָט איבערגעכאפּט דעם אָטעם; א קוק געגעבן פריִער אף שאליטן, דערנאָך אף זשורבענקאָן. ער האָט געהאָפט, אז עפשער וועלן זיי זיך אָנשטויסן, וואָס ער מיינט.

— כ'האָב געוואָלט אוועקפירן איינעם פון די נאטשאלניקעס א מאטאָנע — א פעסעלע האָניק, — האָט ער נאָך א ווײַלע שווײַגן פאָרגעזעצט. — איר פארשטייט אליין... איך וואָלט באקומען טרויבן און אלץ, וואָס מע באדארף צו די אווטאָפּאָיִלקעס, פאר זיך און, נאטירלעך, פאר אײַך אויך. איך בין שוין געפאָרן אפן מארק, געזוכט צו קויפן האָניק און ווי אף צולאָכעס מאכט זיך מיר ניט...

— ווען בא אונדז וואָלטן געוונען טײַכן האָניק, וואָלט איך דיר אויך ניט געגעבן, — די שטים בא שאליטן האָט אזש געציטערט פון אופרעגונג.

— וואָס הייסט, מע טאָר שוין גאָר קיין מאטאָנע ניט געבן? ס'איז דאָך מײַן געלט, מײַן האָרעוואניע, — האָט קאָצין זיך געפרוווט פארענטפערן. — אנדערש, פארשטייסט... א מענטש וועט זיך סטארען... דערפאר איז אײַך טאקע אזוי שווער, ווײַל די שרײַפּעלעך בא אײַך אין קאָפּ ארבעטן ניט. איר וועט ניט טאָן א מענטשן קיין טויווע, וועט מען אײַך אויך ניט טאָן... פאָלגט מיך, איך בין דאָך אײַערער א האָדעוואניק... קיין פרעמדע וואָלט איך ניט געגעבן אזא אייצע...

— מיר נייטיקן זיך ניט אין אזעלכע אייצעס! — האָט זשורבענקאָ ווי אָפּגעשניטן.

קאָצין איז געבליבן זיצן אָן אָפּהענטיקער. ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר די צונג האָט זיך בא אים ווי צוגעקלעפּט צום גומען.

13

איינמאָל איז שאליט געקומען אהיים א טויט־מידער און געטראָפן שיינדלען זיצן בא זשורבענקאָן.

— „וואָס טוט זי דאָ?" — האָט בא אים א טיאָכקע געגעבן אין הארצן. — „זשורבענקאָ האָט שוין אויך געוואָרפן אף איר אן אויג. און פארוואָס איז זי

מאסקים געווען צו קומען אהער, זי ווייסט דאָך, אז זי קאָן מיך דאָ טרעפן. ניט אנדערש ווי צו ווייזן, אז זי דאַרף מיך אַף קאַפּאַרעס".

שאַליט האָט מיט זשורבענקאָן קיינמאָל ניט גערעדט וועגן זײַנע באַציִונגען מיט שיינדלען. יענער טראַכט אוודאי, אז זיי זײַנען נימעס געוואָרן איינער דעם צווייטן און זײַנען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען.

דערזען שאַליטן, האָט שיינדל זיך פאַרוויטלט.

— וואָס מאַכסטו עפּעס? — האָט זי פאַרשעמט, ניט אופהייבנדיק די אויגן, א פרעג געגעבן.

— מע לעבט צוביסלעך, — האָט שאַליט אָפּגעענטפערט און איז געבליבן א רעגע שטיין אינמיטן שטוב אין פאַרלעגנהייט. ער האָט ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן. צוגיין צו איר נעענטער אָדער האַלטן זיך ווי מיט א פרעמדן מענטשן. שיינדל האָט אויך ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. אייגנטלעך, איז זי דאָך אוועק פון אים, וואָס איז ער שולדיק?

שאַליט האָט דערפילט, אז זי וויל אים עפּעס זאָגן און ווייסט ניט ווי אָנצוהייבן. ער איז אוועק אין א ווינקל, זיך איבערגעטאָן, זיך אײַנגעוואַשן.

זשורבענקאָ האָט עפּעס דערציילט שיינדלען. נאָר זי האָט זיך ניט שטאַרק צוגעהערט, זי האָט געקוקט אהין, ווו שאַליט איז געשטאַנען, און, קאָנטיק, געוואָלט, ער זאָל צוגיין צו איר. שאַליט האָט שנעל איבערגעביסן און זיך אָנגעהויבן קלײַבן אוועקצוגיין.

— וווּהין אײַלסטו זיך עס? — האָט אים זשורבענקאָ געפרווּווט פאַרהאַלטן.

— כ'דאַרף צוגיין אין אן אָרט, כ'וועל באַלד קומען, — האָט א ביסל צע־שטרייט געענטפערט שאַליט.

ווי נאָר ער איז אַרויס, האָט שיינדל זיך אופגעהויבן, זיך צעזעגנט מיט זשורבענקאָן און זיך געלאָזט נאָך שאַליטן. זי האָט אים דעריאָגט און א פרעג געגעבן.

— וווּהין גייסטו עס?

— כ'גיי... דאָ ניט ווײַט...

שיינדל האָט גענומען נאָכעמען פאַר דער האַנט און א שעפּטשע געגעבן.

— כ'האָב דיר געוואָלט עפּעס זאָגן...

— נו, זאָג...

זי האָט זיך שטאַרקער צוגעדריקט צו אים. זאָל ער הערן, ווי עס קלאַפּט איר האַרץ, ווי עס שפּרודלט אין איר די פרייד, ס'איז איר א ביסל א בייזאָיען געווען, וואָס זי פירט זיך ווי א מיידל פון צוואַנציק יאָר. נאָר די בסורע, וואָס זי האָט אים געדאַרפט אָנזאָגן, האָט זי געמאַכט מאָדנע שעמעוודיק. זי האָט זיך אופגעהויבן אַף די שפּיץ פינגער און שטיל אים געזאָגט.

— כ'וועל דיר האָבן א קינד...

— פאַרוואָס זשע ביסטו אוועק פון מיר?

— כ'האָב ניט געוווּסט...

ס'האָט איר פאַרשלאָגן דער אָטעם, און זי האָט ניט געקאָנט מער קיין וואָרט אַרויסברענגען. זי האָט אים געוואָלט דערציילן, אז ס'איז איר שווער געווען צו הערן, ווי ער באַוויינט נאַכט נאָך נאַכט אין שלאָף זײַנע קינדער, אז

זי האָט געוואָלט געפינען פאַר אים א טרייסט און האָט ניט געקאָנט, איז זי אוועק. אָבער איצט, אז זי וועט געבוירן א קינד, וועט עס אים העלפן פאַרהיילן די ווונדן. זי וועט ווערן א ווײַב און א מאַמע, צי קאָן נאָך זײַן א גרעסערע פרייד.

— ביסט צופרידן, נאָכעם?

— ווען וועט עס זײַן... ס'איז נאָך לאַנג? — האָט ער געפרעגט, און טרערן האָבן זיך אים באוויזן אין די אויגן.

14

שאַליט מיט זשורבענקאָ האָבן זיך לאַנג געקליבן צופאָרן אין „מאַיאַק", נאָר געפינען א פרײַען טאָג האָט זיך זיי אַלץ ניט אײַנגעגעבן. האָבן זיי אָפּגע־לייגט דאָס פאָרן פון הארבסט אויף ווינטער, פון ווינטער אויף פרילינג, און יע־דעס מאָל האָבן זיך געפונען נײַע מעניעס, וועלכע האָבן זיי פאַרהאַלטן.

נאָך א פרילינג מיט שטורמישע געוויסערן, וואָס האָבן אופגעריסן די הרעבליע פון דער סאַזשלקע און פאַרטרונקען רונדאַרום אַלע פעלדער און באַל־קעס, איז געקומען א הייסער זומער, אָן רעגנס. אויפן דנאָ פון דער סאַזשלקע האָט זיך געבויטעט א שיטערע בלאָטע, וואָס איז שפּעטער איינגאַנצן אויסגעטריקנט געוואָרן. אָבער שוין אין א יאָר ארום, ווען דער שני איז צעגאַנגען, האָט דאָס וואַסער דורך די ריטשקעס, וועלכע מע האָט לויט זשורבענקאָס אייצע באַצײַטנס אויסגעגראָבן, אָנגעפילט די סאַזשלקע ביז אריבער די ברעגן.

אין אָט דעם וווּנדערלעך־וואַרעמען פרילינג, ווען דער הימל האָט געהאַלטן אין איין שפּאַלטן זיך פון בלענדיקע בליצן, און די ערד, אָן איבערגעזעטיקטע מיט זון און זאַפט, האָט געציטערט פון דונערן, האָט אין דער שטילער סאַ־זשלקע אָנגעהויבן צאַפּלען פלינק יונגוואַרג — קומענדיקע קאַרפּן.

אין די בינשטאָקן האָבן גערוישט בינען, זיי זײַנען זשעדנע צוגעפאַלן צו די צעבליטע געלע קאַטראַנען, צו די פּיאָלעטע בורקונען, צו דעם בלענדיק ווײַסן צוויט פון קאַרשן־ און פלוימען־ביימער.

אזוי האָבן צוזאַמען מיט די טוועס אין פעלד, מיטן גרינס אין די גערט־נער, מיט די אויבסן אין די סעדער און ווײַנגערטנער זיך געמערט און גע־פּרוכפּערט די בינען אין די בינשטאָקן, די פיש אין די סאַזשלקעס, די בעהיי־מעס אין די פערמעס — דאָס גאַנצע האָב־און־גוטס פונעם קאָלווירט „האָפענונג".

פּונקט אין די טעג, ווען דער קאָלווירט איז געגאַנגען בארג־ארויף, האָט זיך אין דער ראַיאָנער צײַטונג באוויזן אן ארטיקל „דער קאָלווירט „האָפענונג" שטייט ווידער אויף אין אויספילן דעם פּלאַן".

מענטשן האָבן געלייענט די צײַטונג מיט פאַרדראָס.

— מע ברעכט זיי די ביינער! פאַרוואָס קומט עס זיי? — האָבן אייניקע געטײַנעט.

— באדארפט ארבעטן, ווי א סאך קאָלווירטן ארבעטן, — האָבן אנדערע זיך אָפּגערופן.

— עפּשער טאקע, — האָט שאליט איינמאָל א זאָג געטאָן צו זשורבענקאָן. — מעגלעך, אז מענטשן זײַנען גערעכט. ווען מיר נעמען זיך ניט מיטאמאָל פאר א סאך זאכן, וועלכע קיינער האָט פון אונדז ניט געפאָדערט, וואָלטן מיר, פונקט ווי אנדערע, רויִק אויסגעפילט דעם פּלאַן און קיינער וואָלט אונדז ניט געזידלט...

— ני, ני, ני! — האָט זשורבענקאָ אײַנגעשפּארט געשאָקלט מיטן קאָפּ. — ני, ני!!!... וועסט זען, ברודערקע, מיר וועלן נאָך באַווײַזן, ווער ס'איז גערעכט! איך האלט אויך פון פּלאַן... אויספילן דעם פּלאַן איז אונדזער הייליקער כוויוו... נאָר מ'קאָן, ברודערקע, אויף פארשיידענע אופנים אויספילן... מ'קאָן אָנשרײַבן א שיינעם ראַפּאָרט, פליִען און פארטומלען אלעמען דעם מויעך.

— דאָרט, וווּ מע האָט צונויפגעשטעלט דעם פּלאַן, האָט מען דען ניט גע־טראכט? ניט געכעשבנט?.. דאָרט זיצן דאָך אויך מענטשן מיט קעפּ, — האָט שאליט דערווידערט זשורבענקאָן. — פארוואָס האָט פאר דער מילכאָמע אונדזער קאָלווירט איינער פון די ערשטע אויסגעפילט די פּלענער און מיר האָבן אומעטום געהאַט א גוטן שעם.

— וואָס ס'איז געווען פאר דער מילכאָמע אין אײַער קאָלווירט, ווייס איך ניט, — האָט זשורבענקאָ רויִק פאָרגעזעצט. — איך ווייס נאָר, אז ווען א קאָלווירט זייט נאָר טוווּע אליין, איז זײַן ווירטשאפט קיין ווירטשאפט ניט. דאָ, בא אונדז, דאַרף א קאָלווירט זיך פארנעמען אי מיט פּיצוכט, אי מיט בינענצוכט, אי מיט סאָדצוכט... אין ראיאָן שערט מען אלע אויף איין אויפן. אָבער יעדער קאָלווירט האָט דאָך זײַנע באזונדערקײַטן, און מע מוז זיך דער־מיט רעכענען, אנדערש וועט בא אונדז קיין טאָלק ניט זײַן!..

— ווילסט זײַן קליגער פון אלעמען, — האָט שאליט געזאָגט. — קאָצין מאכט ניט קיין קונצן און פילט אוים דעם פּלאַן דער ערשטער, מענטשן האָבן האנאָע פון זייער ארבעט, און מיר...

— כ'ווייס ניט, וואָס פאר א ניסים זײַנען דאָרטן בא קאָצינען, — האָט זשורבענקאָ א קנייטש געטאָן מיט די אקסלען.

שאליט האָט געוווּסט, אז קאָצין קאָן מאכן א טראסק ארום דעם מינדסטן אופטו זײַנעם. נאָר יעדעם וואָרט אין דער צײַטונג איז געווען בא אים הייליק, טאקע דערפאר האָט ער באשלאָסן מער ניט אָפּליגן און צופאָרן א קוק טאָן מיט זײַנע אייגענע אויגן, וואָס עס טוט זיך אין דעם קאָלווירט, וועלכן מע הערט ניט אויף צו לויבן.

אויף מאָרגן גאנצפרי האָט שאליט זיך אויסגעפּוצט אין זײַן געטראָגענעם, נאָר ריינעם קאָרטענעם אָנצוג, אײַנגעשפּאנט אין דער בעדארקע די בורע ני־דעריטשקע שקאפּע, וועלכע דער קאָלווירט האָט געקויפט פאר דער האכנאָסע פונעם האָניק, און איז ארײַנגעפאָרן נאָך זשורבענקאָן.

— נו, זעץ זיך, — האָט ער געזאָגט, — און הײַדא אין „מאיאק"!

זשורבענקאָ איז שוין אויך געווען גרייט. ווי געוויינלעך, ווען ער פּלעגט זיך ערגעץ קלײַבן, האָט ער אָנגעטאָן די בלויע הויזן גאַליפּע מיט די רויטע קאַנטן און די טונקעלע גימנאַסטיאָרקע מיט די צוויי מעדאַלן.

צוערשט זײַנען זיי געפאָרן לאַנגזאַם. נעענטער צו די פּעלדער פון „מאַיאַק" האָבן זיי גענומען אונטערטרײַבן דאָס פערדל.

— קיין דורכאַקער־קולטורן[1] זעט מען ניט אין „מאַיאַק", — האָט זשורבענקאָ אָנגעוויזן.

— מיט פּיליאָריקע גראָזן איז גרינגער צו לעבן, — האָט געענטפערט שאַליט, — מע שנײַדט זיי אָפּ און פאַרטיק. אייסעקן זיך מיט דער מאַדאַם קוקורוזע איז א זאַך אַן ערנסטע. זי פאָדערט, מע זאָל נאָך איר אוכאַזשעווען, אַניט וועסטו האָבן פון איר א מאַקע.

— פאַראַן קונצנמאַכער, — האָט אים איבערגעשלאָגן זשורבענקאָ, — מע געפינט א גוט שטיקל ערד, מע באַאַרבעט עס, ס'זאָל ווערן ווייך, ווי א פּערענע. נאָכדעם קלײַבט מען אָפּ יעדעס קערנדל זריע, ווי א קאַפּריזנע קאַלע קלײַבט פאַר זיך א כאָסן. מע הייבט אָן קעכלען, כאָליען יעדעס שפּראָצל, און אַז ס'וואַקסט אויס אויף דעם שטיקעלע ערד א גערעטעניש, הייבט מען אָן קלאַפּן אין אַלע טאַצן וועגן רעקאָרדן.

— כ'האָב גאָרניט געוווּסט, אַז דו ביסט אַזאַ כאָכעם, איגנאַט סאַווע־ליטש, — האָט שאַליט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, — פונוואַנען קומסטו עס צו וויסן וועגן אַזוינע קונצן.

— דערצו דאַרף מען קיין גרויסער כאָכעם ניט זײַן. איך דערצייל דיר דען א מײַסע, ווי א קאַלב איז געפלויגן איבערן דאַך און געלייגט אַן איי?

אָן א שיר העל־גאָלדענע, פּיאָלעט־גרינלעכע, אָראַנזשעווע שפּרענקעלעך האָבן געבלענדט די אויגן. מיטאַמאָל זײַנען פון דעם אָנגעגליטן ציטערנדיקן רויכל ארויסגעשוווּמען סילועטן פון הײַזער. וואָס נעענטער שאַליט מיט זשורבענקאָן זײַנען צוגעפאָרן צום ייִשעוו, אַלץ בוילעטער האָבן זיך אָנגעהויבן אויסטיילן אַפן הימל, א ווײַסן פון היץ, די שפּיצן פון סילאָס־טורעמס. אין א רעגע ארום האָבן זיך באַוויזן רויטע און ווײַס־געשטרײַפטע טשערעפּענע דעכער, — ווײַזט אויס, די שול, דער קלוב, די קאָלווירט־פאַרוואַלטונג. עס האָט זיך אָנגעהויבן דערטראָגן א בילערײַ פון הינט, א רעווען פון קי און א מעקען פון שעפּסן.

זיי זײַנען צוגעפאָרן צו דער טאָלאָקע פון „מאַיאַק", וועלכע האָט זיך געצויגן פון די טווע־פעלדער האַרט ביזן ייִשעוו. דאָ האָבן זיך איבערגעקרייצט און זײַנען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען צוויי וועגן — לינקס צו דער פערמע און רעכטס צו דער ברייטער גאַס פונעם ייִשעוו.

שאַליט האָט א צי געגעבן די לייצעס, א טשמאָקע געטאָן מיט די ליפּן, און דאָס פערדל האָט ווידער מיט אַן אימפּעט א טראָג געגעבן די בעדאַרקע. ניט דערפאָרנדיק צו דער אַרקע, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן ייִשעוו, האָט דאָס פערדל אָנגעהויבן גיין לאַנגזאַמער.

---

[1] דורכאַקער־קולטורן — קוקורוזע, זונרויזן, קאַרטאָפל אאַ.

זשורבענקאָ האָט הויך אַף א קאָל איבערגעלייענט די מילך־ווײַסע אופשריפט אפן פראָנטאָן פון דער ארקע:

«Добро пожаловать!»[1]

— זעסט, ווי מע דארף אופנעמען געסט! — האָט שאליט א ווונק געטאָן זשורבענקאָן, — א ווערטעלע, „מאיאק״! אלע דעלעגאציעס פאָרן אהער!..

— מיר זײַנען דאָך אויך א דעלעגאציע, — האָט זשורבענקאָ זיך אָנגערופן און מיט א כיטרע שמייכעלע צוגעגעבן. — זאָל זײַן, אז מיר זײַנען א דעלעגאציע פון אן אָרעמען קאָלווירט, אן אָפּגעשטאנענעם, אָבער פאָרט א דעלעגאציע...

אין יישעוו איז געווען פּוסט. קיין לעבעדיקן נעפעש האָט מען ניט געזען. זשורבענקאָן און שאליטן האָט שוין אָנגעהויבן פארדריסן, וואָס זיי האָבן ניט אָפּגערעדט מיט קאָצינען, ווען זיי וועלן קומען. ערשט אפן גאנעק פון דעם ווײַסן הויז, וואָס לעבן דער ארקע, האָט זיך באוויזן אנשל קאָצין אין פולן פּוץ־פּאראד — אין דעם האלב־מיליטערישן אָנצוג מיט די מעדאלן און אלע איבעריקע צייכנס.

— זע, פונוואנען האָט איר זיך גענומען? — האָט ער א געשריי געטאָן, ווען ער האָט דערזען שאליטן מיט זשורבענקאָן אַף דער בעדארקע, — א שאָד, וואָס איר האָט פארשפּעטיקט, נאָרוואָס האָבן מיר ארויסבאגלייט א דעלעגאציע. אלע טאָג האָבן מיר דעלעגאציעס, פארוואָס האָט איר ניט צו וויסן געגעבן, אז איר פאָרט... מיר וואָלטן אײַך באגעגנט, ווי עס פּאסט פאר אזעלכע געסט... — ער האָט איבערגעכאפּט דעם אָטעם און פאָרגעזעצט, — מע האלט אין איין פאָרן צו אונדז, טײַערע כאוויירים, מיר האָבן ליב געסט. די טירן זײַנען בא אונדז אָפן פאר אלעמען... זאָלן מענטשן זען, ווי מיר לעבן, ווי מיר ארבעטן... כ׳גלייב, אז ס׳איז פאראן וואָס בא אונדז זיך אָפּצולערנען.

קאָצין איז געווען אזוי פארכאפּט פון די שוואָכים, וועלכע ער האָט זיך אליין געזונגען, אז ער האָט פארגעסן אײַנלאדן די געסט ערגעץ פארפאָרן. ערשט ווען שאליט האָט א פרעג געגעבן, ווו מע קאָן אוועקשטעלן דאָס פערד אַף א פּאָר שאָ, האָט זיך קאָצין געכאפּט, אז ער האָט פארגעסן, ווו ער האלט אין דער וועלט, און ס׳איז אים געוואָרן שטארק אומבאקוועם.

— אדעראבע, פארפאָרט צו מיר, איר וועט זײַן בא מיר אָנגעלייגטע געסט, — האָט קאָצין אײַנגעלאדן שאליטן מיט זשורבענקאָן. — איר זײַט דאָך מיסטאמע מיד פון וועג? בא מיר וועט איר זיך קאָנען אײַנוואשן, איבערבײַסן...

אײַנגעאָרדנט די געסט, איבערגעביסן איניינעם מיט זיי, האָט ער זיי אוועקגעפירט באווײַזן די קאָלווירטישע באלעבאטישקײַט.

— נו, פון וואָס וועלן מיר אָנהייבן? — האָט קאָצין א פרעג געגעבן בא די געסט, — עפּשער וועלן מיר זיך ארײַנכאפּן אין אונדזער קלוב? ס׳איז דאָ ניט ווײַט, איר מעגט שוין דאפקע א קוק טאָן, סארא פּאלאץ מיר האָבן אויסגעבויט... ער האָט אונדז אָפּגעקאָסט א גוטע פּויטעקע!..

---

[1] זײַט געגריסט!

— אין קלוב וועלן מיר צוריקוועגס אַרײַן, — האָט פֿאַרגעלייגט זשורבענקאָ, — לאָמיר פֿריִער פֿאַר אַלץ אַ קוק טאָן אײַער פֿערמע.

— נו, גוט, — האָט צוגעשטימט קאָצין. — הײַנט איז בײַ אונדז פּונקט קינאָ, וועט איר שוין פֿאַריינס דאָס בילד אַ קוק טאָן. מיר באַקומען די בעסטע פֿילמען.

קאָצין האָט געוואָלט זען, וואָס פֿאַר אַ רושעם וועט מאַכן אויף די געסט דער טראָקטאָר פֿון דער הויפּטגאַס ביז דער פֿערמע, דער ערן־טאָוול, וועלכן ער האָט אויפֿגעשטעלט אויפֿן פּלאַץ ניט ווײַט פֿון דער קאָלווירט־פֿאַרוואַלטונג, נאָר זשורבענקאָ מיט שאַליטן האָבן אים פֿאַרשאָטן מיט פֿראַגן וועגן דעם זייפֿאַרקער אין „מאַיאַק“ און וועגן דעם אָרט, וואָס עס פֿאַרנעמען די דורכאַקער־קולטורן אין קאָלווירט.

— אונדז אינטערעסירן דעריקער טוווע־קולטורן, — האָט קאָצין אָפּגעענטפֿערט. קעדיי באַווײַזן, ווי ווײַט ער איז באַהאַוונט אין דעם געביט, האָט ער שוין געוואָלט ברענגען עפּעס אַ ציטאַטע וועגן דער באַזונדערער וויכטיקייט פֿון דער טוווע־פּראָבלעם, נאָר זשורבענקאָ האָט אים איבערגעשלאָגן:

— מיר ווייסן די וויכטיקייט פֿון טוווע־קולטורן... מיר לייענען אויך צײַטונגען און פֿאַרשטייען עפּעס אין באַלעבאַטישקייט... מיט די דורכאַקער־קולטורן ווילט איר זיך ניט אײַסעקן... ס'איז אַ סאַך אַרבעט אַרום זיי... מיט טוווע איז ניטאָ אַזויפֿיל קאָפּדרייעניש, דערפֿאַר טאַקע פֿילט איר אויס פֿריִער פֿון אַנדערע קאָלווירטן דעם פּלאַן...

— מיר פֿילן אויס פֿריִער פֿון אַנדערע דעם פּלאַן, ווײַל בײַ אונדז איז די אַרבעט בעסער אָרגאַניזירט, — האָט קאָצין אים דערווידערט. — וואָס דאַרפֿן מיר קלערן וואָס צו זייען, אַז מע טראַכט פֿאַר אונדז אין ראַיאָן און נאָך העכער, דאָרט ווייסט מען בעסער, וואָס מע דאַרף זייען.

— מיר קאָנען אַמאָל אונטערזאָגן אַזוינס, וואָס אין ראַיאָן און אַפֿילע נאָך העכער באַמערקט מען ניט, — האָט זיך שאַליט אַרײַנגעמישט.

קאָצין האָט דערפֿילט, אַז ער דאַרף זיך ניט אַרײַנלאָזן אין קיין דיסקוסיע מיט יענעם, וואָרעם ער, אַנשל, האָט וועגן אַזעלכע זאַכן אַפֿילע ניט געגעבן זיך די מי צו טראַכטן. ער האָט אַפֿגיך אַוועקגעפֿירט ביידע געסט אויף דעם גערוימען הויף פֿון דער פֿערמע. דאָ האָט קאָצין פֿרײַ אָפּגעעטעמט. איצט, האָט ער באַשטימט, וועט מען ניט דאַרפֿן ענטפֿערן אויף פֿאַרשיידענע קאַשעס. דאָ וועלן די דאָזיקע אַקשאָנים אָנשווילעך דערזען, וואָס הייסט קענען באַלעבאַטעווען. די פּרעכטיקע געבײַדעס, די אויסשטאַטונג פֿון דער פֿערמע וועלן זיי דאָך מוזן באַוווּנדערן. ער האָט צוגעפֿירט די געסט צו אַ געבײַדע מיט הויכע מאַסיווע געמויערטע ווענט, מיט קונציק באַפּוצטע פֿענצטערלעך פֿון ביידע זײַטן, מיט אַ שיינעם פֿאַסאַד. זאָלן זיי זען, מיט וואָס פֿאַר אַ ברייטער האַנט זי איז געבויט. ער האָט געעפֿנט די טיר און אַ זאָג געטאָן:

— דאָס איז בײַ אונדז אַ שטאַל פֿאַר רעקאָרדיסטקעס.

די געסט זײַנען אַרײַן אינווייניק, עס האָבן זיי אַ שײַן געטאָן די ווײַבערע ווײַס־געקאַלכטע ווענט, די צוגעקערטע ריינע סטוילעס. לעבן יעדער סטוילע

איז געװען צוגעקלאַפּט אַ ברעטל מיטן נאָמען פֿון דער רעקאָרדיסטקע, איר ראַציָאָן און דער גראַפֿיק פֿון פּיטערן און מעלקן זי.

— נו, קולטורנע, אַ? — איז קאָצין אַלע װײַלע צוגעלאָפֿן צו די געסט. — װאָס זאָגט איר, קולטורנע?

— האַרנאָ[1], — האָט זשורבענקאָ זיך אָפּגערופֿן.

— האַרנאָ? — האָט קאָצין איבערגעפֿרעגט. — אין װעלכן קאָלװירט בײַ אונדז אין ראַיאָן, און ניט נאָר בײַ אונדז אין ראַיאָן, זײַנען פֿאַראַן אַזעלכע שטאַלן?

— װאָס קאָסט אײַך אַזאַ שטאַל אױסבױען? — האָט שאַליט זיך פֿאַרינ־טערעסירט. — ס'איז דוכט זיך, אַ צו טײַערער ביסן.

— איך האָב ליב, — האָט קאָצין זיך געהיצט, — אױב בױען, איז זאָל זײַן געבױט, ס'זאָל זײַן אַף װאָס אַ קוק צו טאָן!.. בײַ װעמען זיך צו לערנען...

— עפּשער לױנט בעסער צװײ געװײנלעכע שטאַלן אױסבױען, — האָט שאַליט אים איבערגעשלאָגן, — אָנשטאָט אײנער — אַ פּאַלאַץ?

— איך האַלט ניט דערפֿון, — האָט קאָצין דערװידערט. — בײַ אײַך איז אַ קאַפּצאָנישער צוגאַנג. מיר האָבן שױן מיט קאַפּצאָנישקײַט לאַנג אַ סאָף געמאַכט.

— ס'איז ניט קײן קאַפּצאָנישער, נאָר אַ באַלעבאַטישער צוגאַנג, — האָט זשורבענקאָ האַרב אַ זאָג געטאָן. — בײַ אַ גוטן באַלעבאָס איז יעדע קאָפּעקע געצײלט.

— דערצו נאָך, װען יעדע קאָפּעקע קומט אָן מיט בלוט, — האָט שאַליט צוגעגעבן. — יעדע קאָפּעקע איז ביטערע האָרעװאַניע פֿון אונדזערע מענטשן, װי זשע קאָן מען זי װאַרפֿן אַפֿן װינט?

— װאָס הײסט, אַפֿן װינט? — איז קאָצין געװאָרן אױפֿגעבראַכט. — איך שטרעב צו דעם, אַז בײַ מיר זאָל זײַן אַלץ מוסטערהאַפֿט. פֿאַרגעסט ניט, אַז מיר זײַנען אַן אוניװערסיטעט!..

— װילן מיר זיך טאַקע לערנען אין אײַער אוניװערסיטעט, צוליב דעם, אײגנטלעך, זײַנען מיר דאָך געקומען... מיר װילן זיך באַקענען מיט דער גאַנ־צער פֿערמע, ניט נאָר מיט דער מוסטערהאַפֿטער שטאַל פֿאַר די רעקאָרדי־סטקעס... מיר װילן אַ קוק טאָן אַף אײַערע פֿעלדער, רײדן מיט די מענטשן.

— אַדרעבא, קוקט, ס'איז בײַ אונדז בעפֿײרעש פֿאַראַן װאָס צו זען, — האָט קאָצין ניט אױפֿגעהערט צו באַרימען זיך.

די געסט זײַנען נאָך אַ שטיקל צײַט אַרומגעגאַנגען איבער דער שטאַל, באַטראַכט די קי, געשמועסט מיט די פּיציכטלער, מיט די מעלקערנס, פֿאַרשריבן אַלץ.

— נו, און געװײנלעכע קי, ניט קײן רעקאָרדיסטקעס, זײַנען בײַ אײַך פֿאַראַן? — האָט זשורבענקאָ אַ פֿרעג געגעבן.

— פֿאַראַן, — האָט קאָצין שױן אָן ענטוזיאַזם אָפּגעענטפֿערט.

---

[1] פֿײַן.

— עפּשער וועלן מיר זיך דורכגיין אין א געוויינלעכער שטאָל? — האָט שאַליט פאָרגעלייגט.

— געוויינלעכע שטאָלן זײַנען דאָך בא אײַך אויך פאַראַן, — האָט קאָצין זיך אָפּגערופן. — וואָס איז דאָרט פאַראַן וואָס צו זען?

— ס׳איז אינטערעסאַנט א קוק צו טאָן, ווי איר ווענדט אָן אײַער אייגענעם פאָרגעשריטענעם מעטאָד, — האָט זשורבענקאָ געזאָגט. — מיר האָט זיך געוואָלט פאַרגלײַכן דעם קערנקאָסט פון א ליטער מילך בא די רעקאָרדיסטקעס און בא א געוויינלעכער קו.

— פאַרשטייט זיך, אז ס׳איז פאַראַן אן אונטערשייד, — האָט קאָצין געזאָגט.

פירן די געסט אין א געוויינלעכער שטאָל האָט קאָצין קיין כיישעק ניט געהאַט, האָט ער אויסגעטראַכט טערוצים, אז ס׳איז ווײַט צו גיין אהין, אז ער האָט נאָך וויכטיקערס זיי צו ווײַזן, אז צײַט איז פאַראַן ווייניק. ס׳האָט אים אָבער ניט געהאָלפן, און ער האָט געמוזט ווײַזן די געסט א געוויינלעכע שטאָל. דאָ איז אַלץ געווען וואָכעדיק. ניט קיין ׳ווײַסע ווענט, ניט קיין ליכטיקע פענצטער. ענגע סטוילעס. שלעכטער קאָרם.

— וויפל ליטער מילך גיט א בעהיימע? — האָט זשורבענקאָ א פרעג געגעבן. — און וויפל באַטרעפט בא אײַך דער קערנקאָסט פון א ליטער מילך?

— פאַרשיידן, — האָט קאָצין אומבאַשטימט אָפּגעענטפערט.

— אָבער פאָרט? — איז זשורבענקאָ באַשטאַנען אָף זײַנס.

— נו, פאַרשיידן. בא די רעקאָרדיסטקעס איז דער קערנקאָסט קלענער און בא די איבעריקע...

— וויפל רעקאָרדיסטקעס האָט איר? אינגאַנצן צוועלף? — האָט שאַליט איבערגעשלאָגן. — און וויפל העקטאַר פאַרנעמט אײַער מוסטער־קלין?

— וואָס איז די נאָפּקעמינע, וויפל? וויכטיק איז דאָס, וואָס אָף אונדזערע רעזולטאַטן לערנען זיך מענטשן.

— און איך זע ניט, מע זאָל זיך בא אײַך קאָנען לערנען, — האָט שאַליט אָן פּנִיעס א זאָג געטאָן. — צוועלף אויסדערוויילטע בעהיימעס האָט איר אוועקגעשטעלט אין דער בעסטער שטאָל, געשאַפן פאַר זיי די סאַמע גינסטיקע באַדינגונגען, און איר מאַכט א טומל ביזן הימל... דאָס זעלבע איז מיט אײַער מוסטער־קלין. פריִער פאַר אַלץ נאַרט איר זיך אַליין אָפּ, און דערנאָך שוין אַלע איבעריקע.

קאָצין איז געווען זיכער, אז שאַליט מיט זשורבענקאָן, ווי א סאַך געסט, וואָס באַזוכן זײַן קאָלווירט, וועלן ווערן געפּלעפט פון אַלץ, וואָס ער וועט זיי ווײַזן, און דאָ — נא דיר גאָר! דאָס ברענט אין זיי פּאָשעט די קינע, וואָס ניט וועגן זיי שרײַבט מען אין די צײַטונגען, ניט זיי שטעלט מען אַרויס פאַר א מוסטער.

— וואָס זשע מיינט איר, אז איר פאַרשטייט שוין מער פון אַלעמען? — האָט קאָצין, קוקנדיק מיט בייזע אויגן אָף די געסט, א זאָג געטאָן. — אָקאָרשט פאַר אײַך זײַנען געווען בא אונדז מענטשן און זײַנען באַגײַסטערט געווען פון אַלץ, וואָס זיי האָבן געזען.

— ווײַל איר האָט זיי אַרײַנגעפֿירט דורכן פֿאַראַדנעם אַרײַנגאַנג גלײַך אין צוגעקליבענעם זאַל, — האָט זיך אָפּגערופֿן זשורבענקאָ.

— עפּשער האָב איך זיי געדאַרפֿט אַרײַנפֿירן דורך דער הינטערטיר אין קיך?.. די סמיטניקעס עפּשער באַווײַזן זיי... — האָט קאַצין איראָניש אַ זאָג געטאָן. — מיר באַווײַזן אונדזערע געסט דאָס בעסטע, וואָס מיר פֿאַרמאָגן, זיי זאָלן האָבן פֿון וואָס אָפּצולערנען זיך. בײַ אײַך זײַנען קאַפּיטאַלישע האָסאַ־געס... טאָמער האָט איר דערזען גוטע שטאַלן, אויסגעפּלאַסטערטע גאַסן, אַ קולטור־הויז, ווי אין שטאָט, הייבט איר אָן צו דרייען מיט דער נאָז!

— מיר ווילן, אַז ס׳זאָלן זײַן בײַ דיר וואָס מער גוטע שטאַלן, — האָט אים זשורבענקאָ מיט אַ פֿרײַנטלעכן שמייכל געזאָגט. — טאַקע דערפֿאַר, מיינען מיר, האָסטו ניט געטאָרט אַרײַנבראָקן אַזויפֿיל געלט אין איין שטאַל...

— אַלע שטאַלן וועלן בײַ מיר זײַן אַזעלכע! — האָט קאַצין זיך געהיצט.

ס׳האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז זשורבענקאָ מיט שאַליטן זײַנען געקומען צו אים ניט לערנען זיך, נאָר לערנען אים.

פֿאַרבײַגייענדיק דעם גאַראַזש, האָט קאַצין באַפֿוילן דעם שאָפֿער צופֿאָרן מיט דער מאַשין צו דער קאָלווירט־פֿאַרוואַלטונג, און אין אַ פּאָר מינוט אַרום זײַנען זיי אַרויסגעפֿאָרן באַטראַכטן די טוווע־פֿעלדער.

ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט פֿון דאָרטן, האָבן זיך שוין אויסגעלאָשן די לעצטע שטראַלן פֿון דער פֿאַרגייענדיקער זון, איבערלאָזנדיק אָפֿן הימלראַנד ראָזעווע צעשוווּמענע פֿלעקן. דער זומערדיקער ביין־האַשמאָשעס איז געווען אײַנגעטונקט אין העלער בלוילעכער ליכט, קאַצין האָט געהייסן אָנצינדן עלעק־טרע אַף די גאַסן. צום מאָמענט, ווען זשורבענקאָ מיט שאַליטן האָבן זיך אומגעקערט פֿון פֿעלד, לעבן קלוב, האָט, אַרומגעזוימט מיט עלעקטרישע לעמ־פּלעך, געברענט אַ פֿײַערדיקער לאָזונג: „אַ גרוס די געסט פֿונעם שכייניש־ברידערלעכן קאָלווירט".

— איצט וועלן מיר אײַך ווײַזן אונדזער אויסשטעלונג, — האָט קאַצין מיט אַ ברייטן זשעסט אײַנגעלאַדן זשורבענקאָן מיט שאַליטן אין קלוב.

די געסט זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אין וועסטיבול פֿונעם גערוימען ליכטיקן קלוב. אַ צײַגפֿינגער האָט אָנגעוויזן אָפֿן צימער, ווו עס געפֿינט זיך די אויס־שטעלונג.

אָפֿן ערשטן סטענד איז געהאַנגען אַ גרויסער פּאָרטרעט פֿונעם קאָלווירט־פּאָרזיצער מיט אַן אויפֿשריפֿט — אַנשל מענדעלעוויטש קאַצין, קאַוואַלער פֿון אַזעלכע און אַזעלכע מעדאַלן, אָפּגעמערקט מיט גראַמאָטעס פֿון ראַיויספּירקאָם און פֿון ראַיאָנעם ערדאָפּטייל.

ווײַטער זײַנען געגאַנגען סטענדן מיט פּאָרטרעטן פֿון אַרבעטס־העלדן — פֿעלדציכטלער, פֿיציכטלער, מעלקערנס; פֿאָטאָמאָנטאַזשן, דיאַגראַמעס, לאָזונגען, אויסצוגן פֿון באַשלוסן, סנאָפּעס טוווע און אַנדערע קולטורן.

— נו, קולטורנע? — האָט קאַצין געוואָלט אַרויסציִען אַ וואָרט בײַ די ניט באַריידעוודיקע געסט.

— זייער פֿײַן! — האָט שאַליט זיך אָפּגערופֿן. — אָן עמעסע אויסשטע־לונג! עס קאָסט אַ היפּשע קאָפּעקע!

— אוואַדע קאָסט, וואָדען, אומזיסט... ס'איז אָבער קולטורנע, אַ?

— וואָלטסט בעסער אַ פּאָר שטאַלן אויסגעבויט, וואָלט געווען מער פּולע פּאַר דער באַלעבאַטישקייט, — האָט שאַליט אַרויסגעזאָגט זײַן מיינונג.

— ביסט, דוכט זיך, ניט אַזוי אָפּגעשטאַנען, זאָלסט פאַרגלײַכן אַ שטאַל מיט אַזאַ אויסשטעלונג, — איז קאָצין געוואָרן אויסער זיך.

— צו וואָס דאַרפֿן מיר קוקן אױף דײַן פּאָרטרעט, אַז מיר קאָנען דיך זען אַ לעבעדיקן, — האָט שאַליט איראָניש אַ זאָג געטאָן. — די איבעריקע עקס־פּאָנאַטן, מיין איך, קאָן מען אויך געפינען אין קאָלווירט. וואָס איז שײַעך אײַערע אַרבעטס־העלדן, האָט איר דאָך אַן ערן־טאָוול, צוליב וואָס זשע האָסטו געדאַרפֿט פּאַטערן אַזויפיל געלט אױף דער אויסשטעלונג.

— די אויסשטעלונג האָט אונדז באַוווּסט געמאַכט, — האָט קאָצין זיך צעליאַרעמט. — גיט אַ קוק, סאַראַ אָפּרופן מיר האָבן וועגן איר... וואָס מיינט איר, אַז אַלע, וואָס שרײַבן די אָפּרופן, זײַנען שוין טאַקע שוטים?

ער איז צוגעלאָפֿן צום בוך מיט אָפּרופן און צוגעטראָגן עס זשורבענקאָן.

— גיט אַ קוק, לייענט... לייענט, וואָס מע שרײַבט... נו, וואָס?

קאָצין איז געשטאַנען און געוואָלט הערן, וואָס יענער וועט זאָגן. ניט דערוואַרט זיך אױף קיין ענטפֿער, איז ער צוגעלאָפֿן צו שאַליטן, געטאָרעט אים פאַרן אַרבל און געמאָנט, ער זאָל זאָגן זײַן מיינונג וועגן די אָפּרופן:

— נו, וואָס וועסטו זאָגן?

15

אַנשל קאָצין איז ווי שטענדיק געפאָרן אין ראַיאָן אַ גוט אויסגעראַזירטער, אין אויסגעפּוצטער אינעם טונקל־ברוינעם האַלב־מיליטערישן אָנצוג, וואָס איז געלעגן ווי אויסגעגאָסן אױף זײַן געזונטן קערפּער און צוגעגעבן אים אַ סאָלידן און בראַוון אויסזען. זײַן ברוסט איז געווען באַצירט מיט מעדאַלן און מיט אַנדערע מינים אויסצייכענונגען.

געפאָרן איז אַנשל אפֿן שפּאָגל־נײַעם „גאַזיק", וואָס האָט פאַרשמײַעט זיך געטראָגן איבער די פעלדער, וועלכע זײַנען געלעגן פאַרבײַוועגס אין ראַיאָן.

— גיב אַ קוק, ווי שיין דאָס ברויט איז אופגעגאַנגען... איינס אין איינס! — האָט קאָצין זיך אָפּגערופן צום שאָפער.

דער שאָפער, אַ יונגיטשק באָכערל, מיט אַ פּאַריסן נעזל, האָט, יאָגנדיק מיט אַ ווילדער שנעלקײַט די מאַשין, צוגעשטימט:

— יאָ, אַן אַנטיק!

די פעלדער, ווו זיי זײַנען פאַרבײַגעפאָרן, האָט קאָצין שטענדיק באַטראַכט מיט אַ באַזונדערער פאַרגאַפּטקײַט. דאָ איז ער דאָך אויסגעוואַקסן, דאָ האָט ער אַ סאַך יאָרן געלעבט, געאַרבעט. אפילע ווען ער איז אויסגעווײלט געוואָרן פאַר אַ פּאָרזיצער פונעם קאָלווירט „מאַיאַק", האָט אים נאָך לאַנג ניט אופגע־הערט צו ציִען אַהער, ווו אים איז נאָענט יעדעס שטויבעלע, יעדעס גרעזעלע.

בא א מאסיוו פון ווינטער־טוויע, וואָס האָט ערשט אָנגעהויבן אופגיין, האָט ער אָפּגעשטעלט די מאַשין. ער איז זיך דורכגעגאַנגען איבערן פעלד, באַטראַכט, ווי טיף ס'איז געאַקערט, צי ס'איז גלײַכמעסיק פאַרזייט.

— צו אונדזער ווינטער־פאַרזיי קומט עס אָבער ניט, — האָט ער צופרידן א טראַכט געטאָן.

די געוועזענע פאַרוויסטע פאַרלאָזענע סטעפּעס פון קאָצינס לאַנדסלײַט האָבן נאָך דער מילכאָמע אופגעלעבט א סאַך לאַנגזאַמער, איידער די סטעפּעס אין קאַלווירט „מאַיאַק", ווו אין די יאָרן פון דער פאַשיסטישער אָקופּאַציע האָבן, זוכנדיק א רעטונג פון הונגער־טויט, זיך געהאַט באַזעצט אַרבעטער פון די אַרומיקע שטעט. די אַרבעטער האָבן טיילווײַז פאַרהיט דעם לאַנדווירט־שאַפטלעכן אינווענטאַר פון קאָלווירט, באַאַרבעט א טייל פעלדער און אונטער־געהאַלטן די הײַזער, זיי זאָלן ניט כאָרעוו ווערן.

די אײַנגעווינער פון „מאַיאַק" האָבן, אומקערנדיק זיך פון עוואַקואַציע אהיים, געטראָפן פאַרזייטע פעלדער, א ביסל באַלעבאַטישקײַט און אייניקע גאַנץ געבליבענע געבײַדעס. טאַקע דערפאַר האָט דער קאָלווירט זיך גיך גע־שטעלט אויף די פיס. די ערשטע דערפאָלגן האָבן אים געשאַפן א גוטן שעם. אומעטום האָט מען אָנגעהויבן אַרויסשטעלן „מאַיאַק" פאַר א מוסטער פאַר אַנדערע.

„לערנט זיך בא „מאַיאַק"... „נעמט א בײַשפּיל פון „מאַיאַק"! — האָבן טאָג־אײַן, טאָג־אויס גערופן שרײַענדיקע קעפּלעך פון דער ראַיאָנער צײַטונג.

ווי נאָר אין ראַיאָן פלעגט פון ערגעץ אָנקומען א דעלעגאַציע אָדער א קאָ־רעספּאָנדענט פון א צײַטונג, פלעגט א טוער פון ראַיאָן זיי שיקן אין „מאַיאַק".

— דאָרט איז דאָ וואָס א קוק צו טאָן, — האָבן זיי געהאַלטן אין איין טײַנען, — פון דעם קאָלווירט איז דאָ וואָס צו דערציילן און וואָס צו באַשרײַבן... די העלדן פון דעם קאָלווירט האָבן פאַרדינט, מע זאָל וועגן זיי וויסן ניט נאָר בא אונדז אין ראַיאָן.

קאָצין האָט אכטונג געגעבן, אז אומעטום זאָל זײַן צוגעקליבן. אין יעדער ווינקעלע זאָל פינקלען. די הײַזער זאָלן זײַן פון דרויסן אַרומגעווײַסט, אין די פּאַליסאַדניקעס זאָלן זײַן ביישלעך מיט בלומען, קוסטעס און אַנדערע פלאַנ־צונגען, און די אַרקע, וואָס האָט געפירט אין קאָלווירט אַרײַן, זאָל זײַן באַ־צירט מיט פלאַטערנדיקע פענדלעך און לאָזונגען.

פאָרנדיק פאַרבײַ ד פעלדער פון זײַן געוועזענער היים, האָט זיך אים גע־וואָלט פאַרקערעווען אהין א קוק טאָן, וואָס טוט זיך דאָרט, און פאַרייִנגם עפּ־שער פאַרכאַפּן מיט זיך אויף דער מאַשין דעם פאָרזיצער אין ראַיאָן אויף דער באַראַטונג.

— זאָלן טאַקע די מענטשן פון „האָפענונג" זען זײַן „גאַזיק", זאָלן זיי קוקן און מעקאַנע זײַן.

נאָר אנשל האָט זיך געכאַפּט, אז ער קאָן פאַרשפּעטיקן אויף דער באַראַטונג, דעריבער האָט ער געהייסן דעם שאָפער פאָרן גלײַך אין ראַיאָן.

אין א שאָ ארום איז די מאַשין צוגעפאָרן צום רויט־ציגלנעם אײַנשטאָקיקן מויער מיטן גרין אויסגעפאַרבטן בלעכענעם דאַך. אפן גאַנעק זײַנען געשטאַנען

עטלעכע מענטשן און וועגן עפּעס פּאַרטיפּט געשמועסט. לויט זייער געשפּרעך איז קענטיק געווען, אַז די באַראַטונג אין ראַיקאָם האָט זיך נאָך ניט אָנגע־הויבן.

אַנשלם מאַשין איז האַסטיק אַרײַנגעפֿאָרן אַפֿן געראַומען הויף פֿון ראַיפּאַרט־קאָם, וווּ עס זײַנען געשטאַנען בעדאַרקעס, פֿורן, לאַסט־אויטאָמאָבילן.

„אַ גרויסער אוילעם איז, ווײַזט אויס, זיך צונויפֿגעפֿאָרן אויף דער באַראַ־טונג", — האָט אַנשל אַ טראַכט געטאָן. אים האָט זיך שטאַרק געוואָלט, אַז די מענטשן, וואָס שטייען אויפֿן גאַנעק, און די, וואָס דרייען זיך אַרום אין הויף, זאָלן זען זײַן מאַשין און זאָלן אים באַגעגענען, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ פּאַרזיצער פֿון אַזאַ בעקאַוועדיקן קאָלווירט ווי „מאַיאַק."

— עהע, ער פֿליט ווײַט! — האָט אַנשל דערהערט, ווי עמעצער אויפֿן גאַנעק האָט זיך אָפּגערופֿן, — אָט סמאַליעט אַ מענטש אַ וועלט... ס'אַ שפּילכעלע, וואָס ער צעאַרבעט עס!.. ס'וועט דען אים אָנשטיין פֿאָרן אויף אַ בעדאַרקע אָדער אין אַ קוזאָוו פֿון אַ לאַסטמאַשין, ווי אַנדערע פּאָרזיצערס פֿאָרן!

— עפּעס אַ קלייניקייט „מאַיאַק"!.. פֿון אַזאַ ברייטער קעשענע קאָן מען ניט איין מאַשין אײַנקויפֿן, — האָט אַ צווייטער צוגעגעבן.

אַנשלען איז געווען אָנגענעם, וואָס די מענטשן ריידן אַזוי וועגן זײַן קאָלווירט.

ער האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן דעם שאָפֿער און זיך געוואָלט לאָזן גיין אין געבײַדע פֿון ראַיפּאַרטקאָם, נאָר ער האָט דערזען ניט ווײַט פֿון זיך נאָכעם שאַליטן. שאַליט האָט זיך געפּאָרעט אַרום זײַן בעדאַרקע. ער האָט אויסגעטאָן זײַן אַלטן היפּש אויסגעטראָגענעם וואַטניק, געריייניקט זײַן שוואַרצן אָנצוג און די יוכטענע שטיוול.

— איר זײַט שוין לאַנג געקומען?.. און איך האָב געוואָלט אַרײַנפֿאָרן צו אײַך, פֿאַרכאַפּן אײַך מיט זיך, — האָט אַנשל אַ זאָג געטאָן.

— כ'בין ערשט געקומען, — האָט נאָכעם געענטפֿערט און פֿאַרגעזעצט רייניקן זײַנע בגאָדים.

— און וווּ איז אײַער פּאַרזיצער? — האָט אַנשל זיך אָנגעהויבן פֿאַנאַנ־דערפֿרעגן.

— ער איז עפּעס ניט מיט אַלעמען.

— ביסטו, הייסט עס, אַליין געקומען אויף דער בעדאַרקע?.. אַ שאָד, ווען דו האָסט מיט וועמען אָפּצושיקן זי, וואָלטסטו צוריק געפֿאָרן מיט מיר אויף מײַן מאַשין... כ'פֿאָר דאָך סײַווי פֿאַרבײַ...

— נישקאָשע, כ'וועל דערפֿאָרן אויף מײַן בעדאַרקע אויך. וואָס דאַרף איך זיך אײַלן. ווען כ'וועל קומען אַהיים, וועט זײַן גוט, דער טאָג איז שוין סײַווי פֿאַרפֿאַלן.

— וואָס דאַרפֿסטו זיך שלעפּן אויף דײַן פֿערדל? — האָט אַנשל ווידער גע־פּרוּווט פֿאַרפֿירן אַ רייד וועגן זײַן מאַשין.

נאָר שאַליט האָט אים ניט געוואָלט אָנטאָן קיין פֿאַרגעניגן און אויסגע־מיטן צו ריידן וועגן איר.

ווען קאָצין מיט שאַליטן זײַנען צוגעגאַנגען צום גאַנעק פון ראַיפּאַרטקאָם, האָט דער אוילעם, וועלכער איז געשטאַנען אין דרויסן, זיך אַ לאָז געטאָן אין געבײַדע.

אינעם גערוימען זיצונג־זאַל האָט שאַליט, ווי שטענדיק, זיך אוועקגעזעצט אַף אַ הינטערשטער באַנק. קאָצין האָט זיך געריסן פאָרויס, קעדיי צו זײַן אַף די אויגן באַ די אָנפירער. מיט גרויס מאַטערניש האָט ער זיך דערקליבן צו דער ריי, האַרט באַם פּרעזידיום־טיש. קיין אָרט איז דאָרט ניט געווען, און אוועקגיין פון דעם אויבנאָן האָט זיך אים ניט געוואָלט. ענדלעך האָט מען דורך אַ זײַטיקער טיר אים דערלאַנגט אַ בענקל, און ער האָט זיך אוועקגעזעצט.

דער סעקרעטאַר שולימאָוו האָט זיך אַ ווײַלע געייצעט מיט די מיטגלידער פון ביוראָ, וועלכע זײַנען געזעסן באַם פּרעזידיום־טיש, ביז איינער אַ נידעריקער, מיט אַ געדיכטן געקרײַזלטן קאָפּ, האָט מיט אַ קורצן אַרײַנפיר־וואָרט געעפנט די באַראַטונג. נאָכדעם האָט ער געגעבן אַ וואָרט פאַר אַ פאָרטראָג שולימאָוון.

דער סעקרעטאַר האָט ניט געײַלט אופגעהויבן זיך פון זײַן אָרט. זײַן גרויסן געגאָלטן קאָפּ האָט ער געהאַלטן אײַנגעבויגן, די גרויע אויגן זײַנען געווען צוגעזשמורעט. גערעדט האָט ער מיט היץ, געפאָכט מיט דער לינקער האַנט, וועלכע איז געווען באַ אים אין אַ פויסט צונויפגעדריקט.

שולימאָוו האָט ליב געהאַט אַ געפעפערט ווערטל, אַ בײַסיקע כאָכמע, וואָס זאָלן אין זאַל אַרויסרופן אַ געלעכטער.

קאָצין האָט די גאַנצע צײַט קיין אויג ניט אַראָפּגענומען פון שולימאָוון. אָנשפּיצנדיק דעם אויער, האָט ער אַרויסגעקוקט, מ׳זאָל זאָגן וועגן אים אַ גוט וואָרט. ווי נאָר שולימאָוו האָט דערמאָנט דעם קאָלווירט „מאַיאַק", האָט קאָצין זיך אונטערגעהויבן פון אָרט. זײַן פּאָנעם איז צעשמאָלצן געוואָרן פון נאַכעס, ווען שולימאָוו האָט פײַערלעך אויסגערופן:

— אַף דער פאָדערשטער פײַער־ליניע אין קאַמף פאַר אַ הויכער גערעטעניש אין אונדזער ראַיאָן שטייט, ווי שטענדיק, „מאַיאַק".

דער סעקרעטאַר פון ראַיקאָם האָט געמאַכט אַ קורצע פּאַוזע און אָנגעהויבן ריידן וועגן אַנדערע קאָלווירטן.

נאָכעם שאַליט איז געזעסן אין אַ ווינקעלע, דעם קאָפּ עטוואָס אַרײַנגערוקט צווישן די אַקסלען. אים האָט זיך געוואָלט, קיינער זאָל אים ניט באַמערקן. גוט וואָלט געווען, ווען שולימאָוו דערמאָנט אינגאַנצן ניט דעם קאָלווירט „האָפענונג", קיין גוטס וועט ער וועגן אים זיכער ניט זאָגן. ס׳איז דאָך נאָך ניט געווען קיין זיצונג, קיין באַראַטונג, מ׳זאָל דעם דאָזיקן קאָלווירט ניט טאַדלען. אַזוי האָט מען זיך שוין אײַנגעוווינט. און וואָס וויל מען פון זיי? — האָט נאָכעם שאַליט ניט איין מאָל געטראַכט, — דאַכט זיך, באַ זיי איז גאָר ניט ערגער, ווי אין אַנדערע קאָלווירטן, פאַרוואָס באַמערקט קיינער ניט זייער אַרבעט, זייערע אופטוען. כײַ וואָלט כאָטש עמעצער ווען־ניט־איז זאָגן אַ גוט וואָרט וועגן זיי, כאָטש דערמוטיקן זייערע מענטשן, וועלכע זײַנען איבערגעקומען די גרעסטע שוועריקײַטן, בײַגעשטאַנען ניט געהערטע ניסיוינעס. און וויפל אָנשיקענישן זײַנען אויסגעפאַלן אַף זייער גוירל? צוויי מאָל האָבן

האָגלען צעקלאַפּט און צעשעדיקט די טווּע, און אין די שכייניִשע קאָלווירטן אפילע קיין שטריִיעלע ניט אָנגערירט. עטלעכע מאָל זײַנען היישעריקן און אנדערע מאשכּיסים אָנגעפאלן אויף זייערע פּעלדער, און דאָך האָבן די מענטשן עס אלץ איבערגעטראָגן.

פּאַרטיפּט אין די געדאַנקען, האָט שאליט אפילע ניט דערהערט, ווי שולי־מאָוו האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן דער לאַגע אין קאָלווירט „האָפּענונג".

— דערווײַל איז עס טאַקע נאָר א האָפּענונג, — האָט ער איראָניש גע־זאָגט, — מיר האָפּן שוין לאַנג און האָבן די האָפּענונג פּאַרלאָרן, דאָרט זאָל ווערן א טאָלק... די כאַווייִרים פון „האָפּענונג" ווילן ניט פאַרשטיין, אַז זיי שלעפּן דעם גאַנצן ראַיאָן אויף צוריק. גיט א קוק, וואָס ס'טוט זיך, ס'איז א כאַרפּע און א שאַנדע, אין געגנט גייען מיר אָפּן נײַנטן אָרט...

שאליט האָט זיך א הייב געטאָן. ער האָט געוואָלט נעמען דערווידערן, נאָר שולימאָוו האָט, מאַכנדיק מיט די הענט, מיט היץ פּאָרגעזעצט:

— צײַגערס, וואָס שענערע צײַגערס! — אָט איז די ריכטיקע מאָס פון אונדזער אַרבעט...

16

שולימאָווס סעקרעטאַרשע מאַשענקע, מיט די בלאָנדע, דינע, עטוואָס גע־קרײַזלטע האָר, האָט, פּאָרענדיק זיך צווישן אירע פּאַפּירן, זיך אײַנגעהערט, ווי שולימאָוו האָט בא זיך אין קאַבינעט הויך אויסגערעדט זשורבענקאָן:

— ביזוואַנען וועט איר מאַכן קונצן און דעם פּלאַן ניט אויספּילן?

— מיר פּילן אויס, וואָס ס'פּאָדערט זיך פון אונדז, — האָט זשורבענקאָ אים געענטפערט. — און עס פּאַרדריסט, לעמײַ איר באַמערקט ניט אונדזער אַר־בעט, לעמײַ אַלץ, וואָס מיר טוען, זעט אויס אין אײַערע אויגן שלעכט...

אויף א ווײַלע איז בא שולימאָוון אין קאַבינעט שטיל געוואָרן. דערנאָך האָט זיך ווידער דערהערט דעם סעקרעטאַרס שטים:

— מיך אינטערעסירט פּריִער פאַר אַלץ, פאַרוואָס איר פּילט ניט אויס דעם פּלאַן, און דו דערציילסט מיר וועגן זײַטיקע זאַכן.

— מיר האָבן אַרײַנגעלייגט א סאַך קויכעס און מיטלען אין אונדזער סאָד, — האָט די סעקרעטאַרשע דערהערט זשורבענקאָס קאָל, — אינעם ווײַנגאָרטן, אין דער סאַזשלקע און אין אנדערע געביטן פון אונדזער ווירט־שאַפט, דאָס אַלץ וועט געבן רעזולטאַטן שפּעטער... טאַקע דערפאַר איז אונדז געווען שווער צו דער צײַט אויספּילן דעם פּלאַן.

— דאָס איז קיין טערעץ ניט, — האָט שולימאָוו געזאָגט שוין רויִקער, — אַז מע קאָן ניט, נעמט מען זיך ניט. קיינער האָט דאָך אײַך ניט געצוווּנגען דאָס אַלץ צו טאָן...

— פּעוונע... פּעוונע, — האָט זיך דערהערט זשורבענקאָס זינגעוודיקע שטים.

ווײַטער זײַנען צו דער סעקרעטאַרשע דערגאַנגען אָפּגעריסענע שטיקלעך רייד. מע האָט דערמאָנט דעם קאָלווירט „מאַיאַק".

— ס'איז אַלץ אויפגעבלאָזן, — האָט זשורבענקאָ געפּרוּווט דערווײַזן שולימאָוון, — קוקט זיך גוט צו, וועט איר אַליין זען, קאָצין נאַרט זיך און אַלעמען אָפּ...

אין אויפנאַם־צימער איז אַרײַנגעקומען אַ הויכער מאַנצביל.

— איך קאָן זען דעם סעקרעטאַר פון ראַיפּאַרטקאָם? — האָט ער, צוגייענדיק האַרט צום טיש, אַ פרעג געגעבן באַם בלאָנדן מיידל.

— באַ אים איז איצט אַ כאַווער. ווען ער וועט אַרויס, וועל איך פרעגן. וואָס זאָל איך אים זאָגן? ווער זײַט איר?

— כ'בין פון מאָסקווע, אַ קאָרעספּאָנדענט.

דער גאַסט האָט נאָך געהאַלטן אין פאָרשטעלן זיך, ווי פונעם סעקרעטאַרס קאַבינעט איז אַן אויפגערעגטער אַרויס זשורבענקאָ.

— גייט אַרײַן, — האָט דאָס מיידל אַ ווונק געגעבן צום קאָרעספּאָנדענט. דער קאָרעספּאָנדענט האָט אַן עפן געטאָן די טיר און געבעטן אַ דערלויבעניש אַרײַנצוגיין. דער סעקרעטאַר האָט אַ שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ. ס'איז קענטיק געווען, אַז זײַנע געדאַנקען זײַנען נאָך אַלץ פאַרנומען מיטן געשפּרעך, וואָס האָט זיך אָקאָרשט געענדיקט. כאָטש ער האָט האַרב אָפּגעענטפערט זשורבענקאָן, איז ער אָבער ניט שטאַרק זיכער געווען, אַז ער איז טאַקע גערעכט, ער האָט זיך נאָך געדאַרפט גוט פאַנאַנדערקלײַבן אין זשורבענקאָס טײַנעס.

— איך הער אײַך, — האָט ער ענדלעך אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

דער קאָרעספּאָנדענט האָט אַרויסגענומען זײַן צײַגעניש און זיך פאָרגעשטעלט.

— זייער גוט, באַ אונדז האָט מען ליב קאָרעספּאָנדענטן, ס'איז דאָ באַ אונדז, כאַווער טײַערער, וועגן וואָס צו שרײַבן, ס'איז פאַראַן וועמען צו לויבן, אונדזערע מענטשן האָבן פאַרדינט, עס זאָל וועגן זיי וויסן דאָס גאַנצע לאַנד.

— ניט שטענדיק לויבן קאָרעספּאָנדענטן, עס מאַכט זיך, אַז מע דאַרף טאַדלען אויך, — האָט געזאָגט דער געקומענער מיט אַ שמייכל.

— נו, זײַט זיכער, אונדזער ראַיאָן איז ניט פון די, וועלכע מע זידלט, — האָט שולימאָוו געענטפערט האַלב ערנסט, האַלב אין שפּאַס.

דער קאָרעספּאָנדענט האָט זיך אַוועקגעזעצט, ווי אַ מענטש, וואָס פאַרמעסט זיך אויף אַ לאַנגן שמועס.

— נו, און וואָס אינטערעסירט אײַך? — האָט שולימאָוו אויך אָנגעהויבן פאַנאַנדערפרעגן.

— איך זוך אינטערעסאַנטע מענטשן, אינטערעסאַנטע אויפטוען.

— כ'פאַרשטיי, אַז אײַך אינטערעסירט אַ גוטער קאָלווירט, וועגן וועלכן מע זאָל קאָנען עפּעס רעכטס אָנשרײַבן, — האָט שולימאָוו געזאָגט דעם קאָרעספּאָנדענט. — פאַראַן באַ אונדז אַזאַ קאָלווירט.

— כ'האָב נעכטן אין אָוונט באַוויזן דורכצובלעטערן אײַער ראַיאָנע

צײַטונג, דאָרט זײַנען פאַראַן אַ סאַך מאַטעריאַלן וועגן דעם קאָלווירט „מאַיאַק". דאָס איז בײַ אײַך אַ מוסטער־קאָלווירט?

— יאָ, דאָס איז בײַ אונדז, קאָן מען זאָגן, דער בעסטער קאָלווירט.

— נו, און אין אַנדערע זײַנען בײַ אײַך גאָר קיין דערגרייכונגען ניט פאַראַן?

— ס'זײַנען בײַ אונדז פאַראַן אַ סאַך גוטע ווירטשאַפטן... די לעצטע צײַט האָט אונדזער ראַיאָן ביכלאַל שטאַרק אַ שפּאַן געטאָן פאָרויס... בײַ אונדז וועט איר זען העלדן... עמעסע גיבורים, פאָרט זיך טאַקע דורך אין „מאַיאַק".

— נו, און כוץ „מאַיאַק" ווו־הין אײַצעט איר מיר נאָך פאָרן?

ווײַל ער האָט נעכטן אַ סאַך געלייענט וועגן דעם קאָלווירט אין דער ראַיאָנער צײַטונג, האָט דעם קאָרעספּאָנדענט עפּעס ניט געצויגן פאָרן אַהין. צו יאָמטעוודיק ווערט דאָרט אַלץ באַשריבן, קיין איין קרום וואָרט, קיין איין כיסאָרן ווערט ניט דערמאָנט, און די מענטשן זײַנען דאָרטן גאָלע גיבורים, ווי אין אַ קינדער־מײַסעלע.

— ס'קאָן זײַן, אַז „מאַיאַק" איז ווירקלעך אַ גוטער קאָלווירט, — האָט דער קאָרעספּאָנדענט געזאָגט. — נאָר איך וויל אַ קוק טאָן אויף אַ געוויינלעכן קאָלווירט מיט זײַנע פריידן און לײַדן, מיט זײַנע טאָגטעגלעכע זאָרגן.

— איך זע, אַז איר האָט ניט קיין כיישעק צו באַקאַנען זיך מיטן בעסטן מוסטער, — האָט שולימאָוו געזאָגט.

— אײַער „מאַיאַק" איז שוין געגוג באַרימט, עפּשער האָט איר נאָך עפּעס אַ קאָלווירט, וואָס פאַרדינט באַרימט צו ווערן.

— טײַערער כאַווער, טויזנטער קאָלווירטן האָבן זיך דערשלאָגן גרויסע דערפאָלגן אַדאַנק דער פאָרגעשריטענער דערפאַרונג פון אַזעלכע, ווי „מאַיאַק", — האָט שולימאָוו דערווידערט דעם קאָרעספּאָנדענט.

— ניט נאָר אַדאַנק דער דערפאַרונג פון מוסטערהאַפטע קאָלווירטן, — איז דער קאָרעספּאָנדענט ניט מאַסקים געווען מיט שולימאָוון. — מיט איינצלנע גוטע קאָלווירטן האָט מען פריִער געוואָלט פאַרשטעלן צענדליקער שלעכטע, און מיר גייען איצט צו אַ מאַסן־אויפשטײַג פון דער לאַנדווירטשאַפט.

טיף אין האַרצן איז שולימאָוון אַפילע געפעלן, וואָס דער קאָרעספּאָנדענט דערווידערט אים אַזוי היציק. ער האָט געפילט, אַז גערעכט איז יענער. נאָר, ווי ס'מאַכט זיך גאַנץ אָפט, איז ער געווען איבערצײַגט, אַז דאָס אַלץ, וועגן וואָס דער קאָרעספּאָנדענט האָט גערעדט, האָט אַ שײַכעס צו עמעצן אַנדערש, ניט צו זײַן ראַיאָן. די אינערץ פון אַזויפיל יאָרן איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט ניט געקאָנט זיך אָפּזאָגן פון די אַלטע פאָרשטעלונגען. אַ ווײַלע איז אַוועק אין שווערן שווײַגן.

דער קאָרעספּאָנדענט האָט געדולדיק געוואַרט.

— נו, איז אָט וואָס איך לייג פאָר, טײַערער כאַווער, — האָט דער סעקרעטאַר זיך ענדלעך געווענדט צום קאָרעספּאָנדענט. — אין אַ פּאָר שאָ אַרום דאַרף זיך אומקערן איינער פון די אינסטרוקטאָרן פון ראַיקאָם. מיר וועלן זיך

מיט אים אָן אייצע האלטן, אין וועלכן קאָלווירט איר זאָלט צופאָרן... איר וועט קאָנען אריַינגיין שפּעטער.

דער קאָרעספּאָנדענט האָט זיך שוין געלאָזט גיין, אפן שוועל האָט אים שולימאָוו פארהאלטן און אָנגעהויבן זיך פאנאנדערפרעגן, צי ער האָט באקומען א נומער אין האָטעל און צי נייטיקט ער זיך אין נאָך עפּעס.

שולימאָוו האָט באשטימט אליין דורכפאָרן זיך מיטן קאָרעספּאָנדענט אין קאָלווירט „מאיאק". ס'איז דאָך א פאָרשטייער פון א צענטראלער צייַטונג, און זייַנס א גוט וואָרט קאָן פארשאפן קאָוועד דעם ראיאָן און אים, ווי דעם אָנפירער פון דער ראיאָנער פּארטיי־אָרגאניזאציע. און דערעך־אגעוו וועט ער זיך שוין צוקוקן צו קאָצינען. שולימאָוו האָט אף קיין איין רעגע ניט געקאָנט פארגעסן זשורבענקאָס ווערטער: „ער נארט זיך און אלעמען אָפּ".

דער קאָרעספּאָנדענט האָט נאָך ניט באוויזן ארויסגיין פון ראיקאָם, ווי ס'איז אָנגעקומען א טעלעפאָנאָגראמע, אז מע רופט שולימאָוון דרינגענדיק ארויס אין געגנטקאָם פון דער פּארטיי. שולימאָוו האָט געוווּסט, אז אף דער זיצונג אין געגנטקאָם וועט גיין א רייד וועגן פּראקטיש אָנווענדן די באשלוסן פון סענטיאבער־פּלענום פון צענטראל־קאָמיטעט פון דער פּארטיי.

די מאטעריאלן פונעם פּלענום, וועלכע זייַנען די לעצטע צייַט געווען פארעפנטלעכט אין דער פּרעסע, האָבן אים אויפגערודערט. ניט איין מאָל האָט ער דאָך געטראכט מיקויעך א ריי זאכן, וועגן וועלכע ס'האָט זיך גערעדט אפן פּלענום. נאָר קיין ריכטיקע לייזונג האָט ער ניט געקאָנט געפינען.

שולימאָוו האָט פארשטאנען, אז אף דער זיצונג וועט נאָכאמאָל גיין א רייד וועגן די אָפּגעשטאנענע קאָלווירטן. ער וועט דארפן אין זייַן ארויסטרעטונג אופדעקן די סיבעס פון זייער הינטערשטעליקייַט. וויפל מאָל האָט עס אים געפּייַניקט, ער האָט געזוכט אן אויסוועג פון דער שווערער לאגע. קיין נייַע וועגן האָט ער ניט געזען, און די אלטע... נו, די אלטע האָבן שוין איצט אין ערגעץ ניט געפירט.

פאָרנדיק אין געגנט־צענטער, האָט שולימאָוו זיך דערמאָנט, אז ער האָט געהאט אָפּגערעדט מיטן קאָרעספּאָנדענט ארויספאָרן אין א קאָלווירט, און איצט ווער ווייסט, אין וואָס פאר א קאָלווירט ער קאָן נאָך, דער קאָרעספּאָנדענט, אריַינפאלן און וואָס ער וועט נאָכדעם אָנשרייַבן.

17

מאשענקע, וועלכע האָט גוט דערלערנט שולימאָוון, האָט לויט זייַן נערוועזן גאנג פארשטאנען, אז ער איז געקומען פון געגנט אין א געדריקטער שטימונג.

כאָטש זי האָט אים באגעגנט מיט א שמייכל, האָט ער, קיין וואָרט ניט ארויסברענגענדיק, א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, א פיר געגעבן מיט די אויגן

איבערן אופנעם־צימער, ווי ער וואָלט עמעצן זוכן, און איז אַרײַן צו זיך אין קאַבינעט.

זי האָט צונויפגעלייגט אירע פּאַפּירן, פאַרשלאָסן די טישקעסטלעך, א קוק געטאָן אין שפּיגעלע און זיך שוין געקליבן אַוועקגיין. באַ שולימאָוון אין קאַבינעט איז געווען שטיל. דערנאָך האָט ער מיט עמעצן זיך דורכגערעדט אין טעלעפאָן און אָנגעהויבן נערוועז ארומגיין איבערן צימער. פּלוצעם האָט ער אָן עפן געטאָן די טיר און געפרעגט:

— איידער איך בין געפאָרן אין געגנטקאָם, איז צו אונדז געקומען א קאָר־רעספּאָנדענט, איר ווייסט ניט, וווּהין ער איז אַוועק?

— ער איז אַוועקגעפאָרן אין א קאָלווירט, דוכט זיך, אין „האָפענונג".

— אין „האָפענונג"? — האָט שולימאָוו אויסגעשטעלט א פּאָר אויגן.

— כ'האָב אים געזען מיט זשורבענקאָן ארומגיין.

— מיט זשורבענקאָן?.. אויב אַזוי, איז ער געווים אַהין געפאָרן, אָט קרומע קעפּ. ווו זײַנען געווען די אינסטרוקטאָרן? זיי האָבן דען ניט פאַרשטאַ־נען, וווּהין מע דאַרף שיקן דעם קאָרעספּאָנדענט?

— איר האָט דאָך קיין פאַראָרדענונג וועגן דעם ניט איבערגעלאָזט, — האָט מאַשענקע זיך געפּרוווט פאַרענטפערן, — דער קאָרעספּאָנדענט האָט זיך דאַפקע נאָכגעפרעגט אויף אײַך.

— נו, יאָ, כ'האָב אים געבעטן אַרײַנגיין, נאָר איר ווייסט דאָך, אַז כ'האָב דרינגענדיק געמוזט פאָרן.

מאַשענקע האָט מיט שולדיקע אויגן געקוקט אפן סעקרעטאַר.

— פון די אינסטרוקטאָרן איז קיינער ניטאָ? — האָט שולימאָוו מיטן זעלבן שטרענגן קאָל א פרעג געגעבן.

— אַלע זײַנען אין די קאָלווירטן.

— ווי נאָר עמעצער וועט זיך באַווײַזן אין ראַיקאָם, בעט אים אַרײַנגיין צו מיר, — האָט שולימאָוו געזאָגט און פאַרמאַכט די טיר.

באַרויִקט זיך א ביסל, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט צום טיש. און ווידער האָבן אים פאַרכאַפּט די מאַכשאָוועס וועגן דער זיצונג פון געגנטקאָם, וואָס האָט אים דערמאָנט אין א באַראַטונג פון א שטאַב ערעוו א שלאַכט, — א שלאַכט פאַר שעפע און גוטס פאַרן פאָלק! ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און דערזען ראַכוועסדיקע פעלדער מיט שטיל שורשענדיקע זאַנגען, וואָס בייגן צו דער ערד די שווערע קעפּ, זונרויזן אויף הויכע שטענגלעך, גלײַכע רייען גרינע, הויכוווּקסיקע קוקורוזע, באַהאַנגענע מיט שווערע קאָלבעס, שניי־ווײַסע צעבלי־טע גריקע, בלוילעך־צאַרטן לײַן, סעדער, באַשאָטענע מיט פרוכטן, ווײַנגערט־נער מיט ליכטיקע בינטלעך ווײַנטרויבן, פולע קעלערס ווײַנען, פעסער האָניק, שפּײַכלערס מיט גרינס און אויבס.

וויפל מאָל האָט ער אין פרעסט און אין ווירבל־ווינטן, אין היצן און אין שלאַקסרעגנס צוזאַמען מיט די קאָלווירטניקעס פון זײַן ראַיאָן זיך אופגעהויבן אין שלאַכט פאַר אַזאַ שעפע...

ער האָט געמאַכט פעלערן, געהאַט דורכפאַלן, נאָר ער ווייסט: אויב דאָס אַלטע פון זיך אָפּטרייסלען, איז שוין ניט שווער צו דעקן דעם כויוו פאַרן פאָלק.

18

זינט שולימאָוו האָט זיך דערוווּסט, אַז דער קאָרעספּאָנדענט איז טאַקע געווען אין „האָפענונג“, האָט ער מיט אַ באַזונדערער אָנגעשטרענגטקייט אָנגעהויבן נאָכשפּירן נאָך די צײַטונגען.

ס׳זײַנען דורכגעגאַנגען טעג און וואָכן, און קיין איין וואָרט האָט זיך אין דער צענטראַלער פּרעסע וועגן „האָפענונג“ ניט באַוויזן. שולימאָוו האָט שוין אַפילו אָנגעהויבן פֿאַרגעסן, אַז דער קאָרעספּאָנדענט איז געווען אין ראַיאָן. ער האָט ווי פֿריִער אַלע אינדערפֿרי אַרײַנגעקוקט אין די צענטראַלע צײַטונגען, נאָר שוין אָן דעם אומרו, וואָס אין די ערשטע טעג נאָך דעם באַזוך פֿון דעם קאָרעספּאָנדענט. און גראָד דאַן, ווען שולימאָוו האָט שוין אופֿגעהערט צו וואַרטן, איז צו אים אַרײַנגעלאָפֿן אין קאַבינעט איינער פֿון די אינסטרוקטאָרן.

— נו, וואָס זאָגט איר אױף אונדזער „האָפענונג“, אַ? — האָט ער אין איין אָטעם אויסגעשאָסן.

— וואָס איז געשען?

— איר האָט דען ניט געלייענט? — האָט דער אינסטרוקטאָר פֿאַרוווּנדערט אַ קוק געגעבן אױף אים.

— ס׳איז שוין טאַקע אָפּגעדרוקט?.. ווּ? — האָט שולימאָוו זיך אַ כאַפּ געטאָן.

די פֿאַרצייכענונג האָט געהייסן: „צוערשט זײַנען זיי געווען אינצווייען“. שולימאָוו האָט זיך מאַמעש אײַנגעזויגן מיט די אויגן אין דער צײַטונג.

וואָס ווײַטער ער האָט געלייענט, אַלץ מער האָט ער געשטוינט. ער האָט דאָך אַלץ, וועגן וואָס עס שטייט געשריבן אין דער צײַטונג, געוווּסט, ווי זשע האָט ער עס ניט באַנומען? אים האָט אויסגעדוכט, אַז ניט דאָ אין ראַיאָן איז עס פֿאָרגעקומען, נאָר ס׳איז עפּעס אַ לעגענדע וועגן צוויי פֿאַרווּנדעטע סאָלדאַטן, וועלכע זײַנען געקומען אױף אַ כורווע, אין אַ וויסטעניש... אומדערטרעגלעך שווער, פֿול מיט פּײַן איז פֿון אָנהייב געווען זייער לעבן. דערנאָך האָבן זיך באַוויזן נאָך מענטשן, עס האָבן אָנגעהויבן וואַקסן טוווּעס, פּרוכטביימער האָבן זיך צעצוויטעט, בינען האָבן גענומען זשומען אין די פּאַסעקעס...

— אָט איז ער, דער וועג, וועגן וועלכן מ׳האָט אַזוי לײַדנשאַפֿטלעך גערעדט אין געגנטקאָם פֿון דער פּאַרטיי, — האָט שולימאָוו אַ טראַכט געטאָן, — נאָך אַ סאַך זוכענישן און שטרויכלונגען איז ער געפֿונען געוואָרן. אױף דעם וועג פֿון שעפֿערישער מי וועט געשאַפֿן ווערן די עכטע שעפֿע און גליק פֿאַרן פֿאָלק, וועגן וועלכע ער, שולימאָוו, האָט, אַפֿילו באַגייענדיק אייניקע פֿעלערן, ניט אופֿגעהערט צו טרוימען.

1961

אין א יאָרצײַט־נאַכט

פֿאַרנאַכט האָט בראָכע שיינאַרט, ערעוו יאָרצײַט פֿון איר אומגעקומענעם זון אויף דער מילחמה, אָנגעצונדן א פּאָר לאַנגע כּיילעוונע ליכט.

ניט אַזוי פֿונעם ייִדישן מינהג וועגן האָט בראָכע אָנגעצונדן הײַנט די יאָרצײַט־ליכט, ווי לויט דער באַדערפֿעניש פֿון איר אייגענער נשמה צו דערמאָנען און באַערן דעם ליכטיקן אָנדענק פֿון איר זון.

די טריבע אָוונטיקע שטילקײַט, וועלכע האָט געלויערט אַרום, האָט נאָך מער פֿאַרשאַרפֿט בראָכעס ניט געשטילטן מוטערלעכן ווײ, וועלכן זי טראָגט די גאַנצע צײַט אין איר האַרצן.

האַלב אײַנגענורעט דעם קאָפּ אינעם אַלטן געקעסטלטן שאַל, וועלכן זי האָט אַרופֿגעוואָרפֿן אויף די אַקסלען, איז זי א פֿאַרטרויערטע געזעסן און געקוקט אויף די יאָרצײַט־ליכט. זיי האָבן איר דערמאָנט אַן אַמאָליקן ערעוו שאַבעס. ניט אין קיין בלאַנקענדיק־אויסגעשײַערטע לײַכטער און ניט מיט קיין גאָטספאָרכטיקער פֿײַערלעכקײַט, ווי אַמאָל ערעוו שאַבעס, האָבן געברענט די יאָרצײַט־ליכט. בראָכע האָט ניט פֿאַרשטעלט מיט קיין צונויפֿגענומענע דלאָניעס די אויגן, ניט געשעפּטשעט קיין טפֿילע, ווי אַמאָל באַם ליכט־בענטשן. זי איז געזעסן און געקוקט אויף די לויטערע ליכט־פֿלעמעלעך, אויף די כּיילעוונע טראָפּנס, וועלכע קאַפּען, ווי טרערן, און ס'איז איר אַלץ געקומען אויפֿן זינען דער זעלבער געדאַנק, וועלכער פֿאָלגט זי נאָך די גאַנצע צײַט, אַז עפּשער איז איר זון פֿאָרט ניט אומגעקומען און ער לעבט נאָך ערגעץ.

ס'זײַנען שוין דורכגעגאַנגען אַזויפֿיל יאָרן, זינט זי האָט באַקומען די ידיעה, אַז ער איז אומגעקומען, און זי האָט נאָך אַלץ ניט געקענט שאָלעם מאַכן מיטן געדאַנק, אַז ער וועט זיך שוין ניט אומקערן צו איר, אַז זי וועט אים שוין מער קיינמאָל ניט זען. א פֿונק פֿון האָפֿענונג האָט דאָך געטליִעט אין איר האַרצן, אַז ס'איז מעגלעך, אַז ער איז פֿאַרוואָרפֿן געוואָרן ערגעץ אין פֿרעמדע ווײַטע מעדינעס. און ער קען ניט לאָזן וויסן פֿון זיך. אָפֿטמאָל האָט זי זיך אָנגעהערט מיט פֿאַרשיידענע מײַסעס וועגן שטאַרק צעקאַליעטשעטע אויף דער מילחמה, וועלכע לעבן ערגעץ אין דער פֿרעמד און ווילן ניט לאָזן וויסן פֿון זיך די אייגענע, קעדיי ניט באַלעסטיקן זיי מיט זייערע אומגליקן.

קימאַט אַלע נאַכט קומט בראָכען איר זון צו כאָלעם. ער שטייט איר פֿאַר די אויגן, ווי א לעבעדיקער, א הויכער, א שלאַנקער, מיט א טונקל געקרײַזלטן

קאָפּ האָר, מיט שווארצע אויגן, ווי פלוימען, מיט אַן עטוואָס פארשעמטן, שמייכלענדיקן קיילעכדיקן פּאָנעם.

אָט לויפט ער אריַין א פארהאוועטער פון פעלד, און קוים כאַפּנדיק דעם אָטעם, זאָגט ער:

— מאמע, גיב מיר עסן, נאָר אפגיך, איך איַיל זיך, נו גיכער, מאמע...

אלע באַגינען, ווען זי שטייט אוף, גייט זי נאָך אַלץ אַף די ציפּקעלעך, פּונקט ווי זי וואָלט נאָך איצט מוירע האָבן פאר דער ציַיט אים אופוועקן. וויסנדיק, ווי ער האָרעוועט זיך אַן פארן טאָג, איז איר טיַיער געווען יעדער רעגע פון זיַין רו. ווען ער איז געווען א טראַקטאָריסט, פלעגט זי זיך ארויסכאַפּן גאנצפרי, נאָך איידער דער זון פלעגט אופשטיין, אָנגיסן וואסער אין ראַדיַאטאָר, ארומרייניקן אים, אבי פארשפּאָרן א ביסל טירכע דעם זון. שפּעטער, ווען ער איז געוואָרן א בריגאדיר, פלעגט זי קעסיידער זוכן, ווי פארשפּאָרן אים א גאנג. ווי מאכן אזוי, ער זאָל זיַין אַן איבעריקע פּאָר מינוט אין דער היים, אָפּרוען זיך, רויִק אָפּעסן. און איצט איז איר אָן די מוטערלעכע דיַיגעם פּיַינלעך שווער, אז זי ווייסט זיך אָפּט ניט וווּהין אהינצוטאָן. שוין וויפל מאָל, ווי איר טאָכטער העסיע, וועלכע וווינט אינעם שכיינישן קאָלווירט, איז צוגעשטאנען צו איר מיט טיַינעס, לעמיַי זי פּאָרט ניט אריבער צו איר וווינען.

— וואָס וועסטו דאָ טאָן אליין?.. בא מיר וועט דיר פּאָרט זיַין היימלעכער, כ'וועל אַף דיר אכטונג געבן, באַזאָרגן דיך מיט אַלץ, וועסט זען, קיין פויגלמילך וועט דיר בא מיר ניט פעלן.

— כ'וועל אין ערגעץ, טאָכטער, ניט פאָרן, — האָט בראָכע אנטשיידן זיך אָפּגעזאָגט. — דאָ דערמאָנט מיר יעדע קלייניקיַיט אָן ביניאָמינען, ווּו איך קער זיך, ווּו איך ווענד זיך, שטייט ער מיר פאר די אויגן ווי א לעבעדיקער... דאָ האָב איך אים געבוירן... דאָ איז זיַין וויגעלע געשטאנען... דאָ האָט ער דאָך ארויסגעבראכט דאָס ערשטע וואָרט מא... מאמע...

אלע מאָל צו יאָרציַיט פלעגן זיך צונויפקומען די אייגענע, גוטע־פריַינט, דערמאָנען ביניאָמינען, און היַינט איז נאָך קיין לעבעדיקער נעפעש ניט אריַינגעגאנגען, אפילע העסיע איז נאָך דערוויַיל ניט געקומען.

— זי קומט דאָך אלע מאָל די ערשטע, — האָט בראָכע זיך דערמאָנט. סיַידן ס'האָט כאָלילע עפּעס פּאסירט אָדער זי האָט פארגעסן...

מער פון אַלץ האָט בראָכען אופגעבראכט, לעמיַי האָדע, ביניאָמינס וויַיב, וועלכע וווינט איבער דער וואנט מיט איר אין איין שטוב, איז פארן גאנצן טאָג אפילע אַף א וויַילע ניט אריַינגעגאנגען...

— ניט אנדערש, ווי זי האָט זיך טאקע „זניוכעט" מיט מייערן און זיַי וויל טאקע אויסמעקן ביניאָמינען אפילע פון זיקאָרן. — האָט בראָכע באַשטימט.

ביז מייער האָט זיך ניט באוויזן, האָט דאָך האָדע אפילע אַף א וויַילע ביניאָמינען פון זינען ניט ארויסגעלאָזן. און בראָכען איז זי געווען געטריַי, ווי אַן אייגענע טאָכטער. ווּו זי האָט נאָר געקענט, איז זי איר פארלאָפּן דעם וועג. ביז די שוויגער פלעגט זיך א קער טאָן, איז שוין אין שטוב געווען

אופגעראַמט, צוגעקליבן, אָפּגעקאָכט. היינט דעם קאָװעד, װאָס זי פּלעגט איר אָפּגעבן.

— רוט זיך אָפּ, מאַמע, זײַט זיך ניט מאַטריִעד, כ'בין יִינגער פון אײַך, כ'וועל אליין, ס'איז ניט פאַר אײַערע קויכעס, — פלעגט זי הערן אױף יעדן טריט און שריט.

דער צער פון בינימינס אומקום, וואָס איז בא האָדען פון טאָג צו טאָג שארפער געוואָרן, האָט זי נאָך מער צוגעבונדן צו דער שוויגער. אין מינוטן פון שווערער פארצווייפלונג האָט האָדע געפונען פאַר בראָכען די נייטיקע טרייסטווערטער. זי פלעגט מיט א קיוון אויסזוכן פאַלן אין לעבן, ווען מענטשן האָבן געהאַט באקומען „פּאָוועסטקעס״ און נאָכדעם האָט זיך ארויסגעוויזן, אז די זעלבע, וועלכע מ'האָט גערעכנט פאַר אומגעקומענע, האָבן זיך אָפּגעזוכט בא די פּארטיזאַנען, אין שפּיטאָלן אָדער ערגעץ אנדערש־ווו.

ס'איז דורכגעגאַנגען די מילכאָמע, יאָרן נאָך דער מילכאָמע, און האָדע האָט אַלץ געלעבט, ווי פריִער, מיטן קינד און מיט דער שוויגער.

— ס'איז א ראַכמאָנעס אױף איר, די יונגע יאָרן גייען דאָך בא איר אוועק, — פלעגט בראָכע מיט טיפן מיטלײַד זיך אָפּט פארטראַכטן אױף האָדעס גורל, — ווי לאַנג קען זי לעבן אזוי איינזאַם?

נאָר דאָס, וואָס די שנור איז מיט איר און זי טראַכט די גאַנצע צײַט וועגן קיינעם ניט, האָט איר צוגעגעבן מוט. דאָס האָט פאַר איר באַטײַט:

— זי גלייבט נאָך, עפּשער וועט בינימין זיך פּאָרט אָפּזוכן.

און איצט גלייבט זי שוין אויך ניט, קיינער גלייבט שוין ניט. נאָר זי אליין, די מאַמע, וויל זיך אײַנריידן, אז עפּשער איז עס פּאָרט א טאָעס.

אומבאמערקט איז אין שטוב ארײַנגעגאַנגען בראָכעס איניקל — סיאָמקע — א שוואַרץ יאַטל מיט א שאַרף נעזל, מיט לאַנגע דאַרע הענט און מיט קליינינקע בלישטשענדיקע אייגלעך.

— קום אהער, כיִעס מײַנער, קום אהער, מאַלעכל, — האָט בראָכע, דער־זעענדיק דאָס יאַטל, אים א רוף געטאָן צו זיך. — ווו ביסטו עס געוועזן, לעבן מײַנס?

דאָס יאַטל האָט פארגאַפט געקוקט אױף די יאָרצײַט־ליכט, וועלכע האָבן שטיל און געהיימניספול געברענט.

— באָבע, צו וואָס האָסטו עס די ליכט אָנגעצונדן? — האָט סיאָמקע מיט נײַגעריקייט א פרעג געגעבן.

— היינט איז דאָך בא אונדז יאָרצײַט נאָך דײַן טאַטן.

— איז צוליב וואָס דאַרפסטו די ליכט אָנצינדן?

— בא אונדז איז אזא מינהעג... דאָס איז אין אָנדענק פון די אומגע־קומענע נעשאָמעס — האָט בראָכע אים דערקלערט.

— יאָ, האָסט מיר שוין אמאָל דערציילט וועגן דעם — האָט סיאָמקע זיך דערמאָנט — אָבער א ליכט ברענט דאָך אויס און פארלעשט זיך, איז וואָס איז דאָס פאַר אן אָנדענק? מ'דאַרף בעסער צוטראַכטן אזא אָנדענק, וואָס זאָל שטענדיק דערמאָנען אין דעם טאַטן.

— וואָס וועסטו צוטראַכטן, מײַן קינד? — האָט בראָכע אופהייבנדיק זיך

פון דער אַלטער קאַנאַפּע, ווּ זי איז געזעסן, אַ זאָג געטאָן, — דער בעסטער אָנדענק איז ניט פאַרגעסן אים, דעם טאַטן דײַנעם. געדענק אים.

איר האָט זיך געוואָלט אויסגיסן כאָטש פאַר סיאָמקען דאָס האַרץ, דער־ציילן אים, ווי עס פאַרדריסט איר פּײַנלעך, וואָס זײַן מאַמע גייט ערגעץ אַרום אַ גאַנצן טאָג און קען אַפילו ניט אַרײַן אַף אַ ווײַלע אין יאָרצײַט דעם טאַטן דערמאָנען.

בראָכע איז צוגעגאַנגען צום אייניקל, וועלכער איז געשטאַנען אינמיטן שטוב און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן, אָוועקזעצן זיך צי אַרויסגיין צוריק. אָנעמענדיק סיאָמקען פאַר דער האַנט, האָט זי צוגעפירט אים צום קאָמאָד, ווּ עס זײַנען געשטאַנען די יאָרצײַט־ליכט. לעבן די ליכט איז געשטאַנען אײַנ־געפאַסט אין אַ רעמעלע ביניאָמינס פאָטאָ־בילד, וואָס ער האָט צוגעשיקט פון פראָנט מיט אַ פּאָר וואָכן פריִער, איידער ער איז אומגעקומען. מיט דאָרש־טיקער נײַגעריקײַט האָט דאָס ייִנגל אײַנגעזויגן זיך אינעם פאָטערס בילד, ווי ער וואָלט עס דאָס ערשטע מאָל זען.

— ס'איז עמעס, אַז איך בין ענלעך אַפן טאַטן? — האָט סיאָמקע אַ קוק געגעבן אַף דער באָבען, וואָס איז געשטאַנען האַרט לעבן אים.

— אַוואַדע, לעבן מײַנס, אַוואַדע ביסטו ענלעך אַף אים, — האָט בראָ־כע, אַ גלעט געבנדיק דאָס ייִנגל איבערן קעפּל, זיך אָפּגערופן. — ווען ער איז געווען אַ קליינער, איז ער געווען פּונקט ווי דו.

— אַזאַ ווי איך?.. און אַז איך וועל אויסוואַקסן, וועל איך אויך זײַן, ווי ער איז געווען?

— אַז דו וועסט זײַן אַ ווױלער, וועסטו זײַן ווי ער.

— אַ וועלכער איז ער געווען מײַן טאַטע?.. דערצייל מיר, באָבע, כ'האָב ליב, אַז דו דערציילסט מיר וועגן אים.

— ער איז געווען אַ געטרײַער זון, ער האָט מיך שטענדיק געפאָלגט, זיך גוט געלערנט, גוט געאַרבעט...

— און איך פאָלג דען ניט די מאַמע?.. כ'לערן זיך דאָך אויך גוט...

— דאָס איז גוט, נאָר דײַן מאַמע...

סיאָמקע האָט אויסגעשטעלט די אויגן, געוואַרט, די באָבע זאָל עפּעס זאָגן וועגן זײַן מאַמען, נאָר בראָכע איז געבליבן שטיין, ווי זי וואָלט זיך די צונג אָפּגעביסן. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זי האָט אים שוין איינמאָל אַ זאָג גע־טאָן, אַז די מאַמע וועט אים ברענגען אַן אַנדער טאַטן און ער וועט ווערן אַ שטיפקינד. פון זינט דאַן לאָזט ער זי ניט לעבן און האַלט אין איין פאַנאַנדער־פרעגן זיך, ווער וועט זײַן דער צווייטער טאַטע און וואָס איז אַזוינס אַ שטיפ־קינד.

בראָכע האָט טײקעף געפּרוּווט פאַרריידן סיאָמקען.

— ווּ איז דײַן מאַמע? זי ווייסט, אַז הײַנט איז יאָרצײַט נאָכן טאַטן? — האָט זי זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערפרעגן.

— זי איז אַוועק, דאַכט זיך, ערגעץ מיטן פעטער מייער... נאָך גאַנצפרי זײַנען זיי אַוועק, — האָט סיאָמקע אָפּגעענטפערט.

— זי גייט, הייסט עס, ארום מיט מייערן, — האָט בראָכע, דערפֿילנדיק א שארפֿן פֿארדראָס ווידער אָנגעהויבן. — און ארײַנגיין א ווײַלע דערמאָנען דעם טאטן האָט זי קיין צײַט ניט...

— זי איז מיסטאמע פֿארנומען, באָבע, — האָט סיאָמקע געפּרוּווט זיך פֿארענטפֿערן פֿאר דער מאמען.

בראָכע האָט א מאך געגעבן מיט דער האנט און א בורטשע געטאָן:

— פֿארנומען, כ׳ווייס, ווי זי איז פֿארנומען. א ווײַלע איז זי געשטאנען און מיט א טרויעריק־צעשטרייטן בליק געקוקט אויף דעם פּאָטאָ־בילד פֿון איר זון, אויף איר אייניקל און ווידער אויף דעם פּאָטאָ־בילד. ערשט איצט האָט זי דערזען, ווי ענלעך סיאָמקע איז אפֿן טאטן. איר האָט זיך אפֿילע אויף א רגע אָנגעהויבן אויסדוכטן, אז ניט דאָס אייניקל, נאָר ביניאָמין שטייט לעבן איר א קלייןינקער. פֿון דעם געפֿיל האָט בא איר דאָס הארץ אזש א צאפּל געטאָן. זי האָט סיאָמקען צוגעדריקט און אָנגעהויבן צו זיך אליין שעפּטשען.

— ליכטיקער נאכעס מײַנער, נעשאָמע מײַנע געטרײַע!

נאָר בראָכע האָט זיך טייקעף א כאַפּ געטאָן ווי פֿון א הינערפּלעט און דערזען די יאָרצײַט־ליכט.

— צו וואָס ברענען זיי? — האָט זי, אלץ נאָך ניט קומענדיק צו זיך, א טראכט געטאָן.

בראָכע איז צוגעגאנגען צום פֿענצטער, ווי זי וואָלט אויף עמעצן ארויס־קוקן. פּלוצעם האָט זי דערזען לעבן טויער צוויי מיליטער־לײַט.

— ווער קאָן דאָס זײַן? — האָט זי א טראכט געטאָן און איז אָן אָטעם ארויסגעלאָפֿן אין דרויסן.

— דערלויבט ארײַנגיין, — האָט זיך געווענדט צו איר איינער פֿון די מיליטערישע.

פֿאר איר איז געשטאנען אן עלטערער לייטענאנט — א הויכער, א בלאָנ־דער מיט אן אײַנגעשרומפּן זשוואווע פּאָנעם, מיט טאָרטשענדיקע שארפֿע קינבאקן, מיט לויכטנדיקע גרויע אויגן.

— ביטע, גייט ארײַן, ביטע — האָט בראָכע זיך אָפּגערופֿן — וועמען דארפֿט איר?

— מיר דארפֿן צו אײַך — האָט געענטפֿערט דער אָפֿיצער, ארײַנגייענדיק אין קאָליטקע. ווען די מיליטערישע זײַנען צוגעגאנגען נעענטער, איז זי אפּגיך אריבערגעטראָטן די שוועל פֿון איר שטוב און, ברייט עפֿענענדיק די דרויסנדי־קע טיר, דורכגעלאָזן די געסט אין פּאָדערהויז.

— טוט זיך אויס — האָט בראָכע א ווײַז געטאָן אפֿן הענגער.

דער סאָלדאט — א נידעריקער, א געזעצטער, מיט א פֿארווינטיקט פּאָנעם, מיט א ברייטער, עטוואָס פֿאריסענער נאָז, מיט א פּאָר לאנגע פֿעסטע הענט, האָט אראָפּגענומען דעם רוקזאק פֿון די אקסלען, אויסגעטאָן דעם שינעל און איז אינײַנעם מיטן אָפֿיצער ארײַן אין צימער. בראָכע האָט דערלאנגט בענק־לעך די געסט. זיי האָבן זיך אוועקגעזעצט, א פּיר געגעבן א ווײַלע מיט די

אויגן איבערן צימער און אָנגעהויבן איַינקוקן זיך אין דעם פּאָטאָ־בילד, וואָס איז געשטאַנען אויפֿן קאָמאָד לעבן די יאָרצײַט־ליכט.

— דאָס איז מײַן זון, ער איז, ניט פֿאַר איַיך געדאַכט, אומגעקומען אויף דער מילחמה... הײַנט האָב איך פּונקט יאָרצײַט נאָך אים.

— מיר ווייסן, מאַמאַשע — האָט זיך אָפּגערופֿן דער אָפֿיצער.

— איר זײַט עפּעס פֿון דעם פּאָלק, וווּ מײַן זון האָט געדינט? — האָט בראָכע א פֿרעג געגעבן, איַינקוקנדיק זיך אין די פּענעמער פֿון די געסט.

— טאָטשנאָ... איר האָט געטראָפֿן — האָט, אונטערשמייכלענדיק, געענטפֿערט דער אָפֿיצער.

— א דאַנק איַיך, טײַערינקע, וואָס איר פֿאַרגעסט מיך ניט... בא מיר זײַנען שוין אמאָל געוועזן איַיערע כאַווערים... זיי האָבן מיר דערציילט, אַז מײַן זון איז אויף אייביק פֿאַרעכנט אין די צעטלען פֿון איַיער פּאָלק און בייסן איבערוף רופֿט זיך אויף פֿאַר מײַן ביניאָמינען דער בעסטער סאָלדאַט.

— ריכטיק, מאַמאַשע, ריכטיק, בא אונדז איז אַזוי איַינגעפֿירט, — האָט באַשטעטיקט דער אָפֿיצער.

— יענץ מאָל, ווען בא מיר זײַנען געוועזן איַיערע כאַווערים, איז מיט זיי געקומען דער סאָלדאַט, וועלכער פֿאַרבײַט מײַן זון אין פּאָלק. פּעטיע פּאַראַמאָנאָוו הייסט ער, באַלד וועל איך איַיך באַווײַזן זײַן בילד.

בראָכע איז צוגעגאַנגען צום קאָמאָד, אַרויסגענומען פֿון דאָרטן א קליינינקע פּאָטאָגראַפֿיע און באַוויזן די געסט.

— דאָס האָט ער מיר אויף אָן אָנדענק געלאָזן, גיט א קוק, סאַראַ ליכטיק פּאָנעם בא אים איז.

— און איצט איז אָנשטאָט פּעטיען — וולאַדימיר קאָראָבאָוו — האָט א ווונק געטאָן דער אָפֿיצער אויפֿן סאָלדאַט.

בראָכע איז צוגעגאַנגען צום סאָלדאַט, אַרויפֿגעלייגט אים די האַנט אויפֿן אַקסל, ווי זי וואָלט אים וועלן בענטשן און געזאָגט.

— קינד מײַנס, דו וועסט זײַן א לעבעדיקער אָנדענק פֿון מײַן זון... געדענק, היט אָפּ זײַן קאָוועד און פֿאַרפֿלעק ניט אין דײַן דינסט זײַן גוטן נאָמען.

דער סאָלדאַט האָט מיליטעריש זיך אויסגעצויגן, ווי אין „סטראָי” ביים א פֿײַערלעכער צערעמאָניע. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן פֿײַערלעכס, דערהויבנס און קיין פּאַסיקע ווערטער ניט געקענט געפֿינען. דער אָפֿיצער האָט פֿון זײַן פּעלדטאַש אַרויסגענומען א בילד און עס אוועקגעשטעלט אויפֿן קאָמאָד לעבן די יאָרצײַט־ליכט.

— אוי, מײַן טאַטע! — האָט סיאָמקע אויסגעשריִען — מײַן טאַטע!

בראָכע האָט פֿאַנאַנדערגענומען די הענט, א בייג געטאָן זיך, ווי זי וואָלט וועלן אַרומנעמען דאָס בילד. א פּאָר רעגעס איז זי געשטאַנען א שווײַגנדיקע, מיט צעראַשטע און צעטומלטע אויגן זיך איַינגעקוקט אין אים און מיט א ציטעריק קאָל, קימאַט שעפּשטענדיק, געזאָגט:

— ער שטייט דאָך ווי א לעבעדיקער!

זי האָט זיך טייקעף א קער געגעבן צום אָפֿיצער און סאָלדאַט און מיטן זעלבן ציטעריקן קאָל פֿאַרגעזעצט:

— א דאנק, טײַערינקע, פאר דער מאטאָנע. אַלץ, וואָס ס'דערמאָנט מיר אָן מײַן זון, איז מיר טײַער, ווי מײַן לעבן... וווּ איך שטיי, וווּ איך גיי, זע איך זײַן ליכטיק געשטאַלט פאר זיך... ביז איך וועל אַף אייביק ניט צומאכן די אויגן, וועט ער שטיין פאר מיר, ווי א לעבעדיקער.

דער אָפיצער מיטן סאָלדאט זײַנען געזעסן שווײַגנדיקע און האָבן געקוקט אַף בראָכען. בראָכע האָט לאַנג ניט געקאָנט אָפּרײַסן די אויגן פונעם פּאָרט־רעט. נאָכדעם האָט זי זיך געווענדט צום סאָלדאט:

— בא אײַך אין פּאָלק האָב איך שוין געהאט דרײַ זין, און איר זײַט דער פערטער. זיי האָבן מיר, ווי אן אייגענער מאמען, בריוו געשריבן, איך האָב וועגן זיי, ווי וועגן אייגענע זין, זיך געזאָרגט. ווינטער האָב איך פאר זיי וואָלענע שקאַרפּעטקעס געשטריקט, אויסגענייט נאָזטיכעלעך, געשיקט זיי פּעק־לעך מיט מאטאָנעס... דאָס האָט מיר פארשאפן פארגעניגן, ווײַל בא א מאמען איז פּוסט דאָס לעבן אָן זאָרג וועגן קינדער.

בראָכע האָט מיט א לויכטנדיקן בליק געקוקט אַפן סאָלדאט, ווי זי וואָלט וואַרטן, ער זאָל נאָך עפּעס זאָגן, נאָכדעם האָט זי נאָך א קורצער פּאוזע גע־זאָגט צו אים.

— נו, דערציילט עפּעס פון זיך, פון אײַער לעבן.

— וואָס קאָן איך אַזוינס דערציילן? — האָט ער זיך אָפּגערופן.

— וואָס איר וועט ניט דערציילן וועגן זיך, וועט עס מיר זײַן נאָענט און ליב, — האָט געזאָגט בראָכע, — מיר האָבן זיך דאָך מיט אײַך אפילע ניט באַקענט. דערציילט, פונוואַנען זײַט איר, פון אײַערע מישפּאָכעס, פון אײַער לעבן דערציילט.

— פון מײַן לעבן? — האָט דער סאָלדאט איבערגעכאַזערט, ניט ווייסנדיק פון וואָס אָנצוהייבן.

— ייִנגערער סערזשאַנט וואַלאַדימיר קאָראָבאָוו — האָט דער סאָלדאט אַפן מיליטערישן אויפן זיך פאָרגעשטעלט.

— וואָלאָדיע, הייסט עס, רופט מען אײַך... א גוטער נאָמען... א הייליקער נאָמען קאָן מען זאָגן, — האָט זיך אָנגערופן בראָכע.

טמימעסדיק־פארשעמט און פלאָנטערנדיק זיך עפּעס, האָט ער מיט איין אויג געקוקט אַפן אָפיצער און מיטן צווייטן אַף בראָכען.

— מיר דינען... מיר דינען דעם היימלאַנד געטרײַ, — האָט ער אָנגע־הויבן און טייקעף צוגעגעבן נאָך א פּאָר ווערטער. — מיר דינען, ווי מיר האָבן געשוואָרן און ווי אונדזער סטאַטוט פאָדערט. נו, וואָס קאָן מען נאָך צוגעבן... מיר לערנען זיך...

— פונוואַנען זײַט איר אַליין? — האָט בראָכע א פרעג געגעבן.

— פון הינטער באַלאַשאָוו.

— פון הינטער באַלאַשאָוו? וווּ איז עס באַלאַשאָוו? די מילכאָמע איז דאָרט געווען?

— אונדזער דאָרף האָט אינגאַנצן אָפּגעברענט... איצט האָט מען נאָך א בעסערס אויסגעבויט.

— און עלטערן האָט איר, שוועסטער, ברידער? איצטער וועלן מיר דאָך זײַן מיט אײַעריקע עפּעס שטיקלעך מעכותּאָנים.

— די עלטערן זײַנען אין קאָלווירט... צוויי ברידער זײַנען אומגעקומען אויף דער מילכאָמע.

— אומגעקומען, נעבעך... זיי זײַנען געווען כאַסענע־געהאַטע, מיסטאָמע נאָך יעסוימימלעך געבליבן? ווי באַ מײַן ביניאָמינען, ניט פאַר קיינעם געדאַכט...

— זיי זײַנען געווען ניט קיין כאַסענע־געהאַטע.

— סײַווי טראָגט די מאַמע זייערע די וווּנד באַ זיך אין האַרצן, — האָט בראָכע אַ קרעכץ געטאָן. — אויב זיי האָבן געהאַט קאַלעס, די ברידער אײַערע, האָבן זיי שוין מיסטאָמע לאַנג כאַסענע געהאַט, און נאָר די מאַמע וואַרט נאָך מיסטאָמע. זי גלייבט נאָך, פּונקט ווי איך, אַז עפּשער איז עס אַ טאָעס, עפּשער לעבן זיי נאָך ערגעץ... ביז די מאַמע לעבט אַליין, זעט זי דאָס קינד פאַר די אויגן אַ לעבעדיקס.

בראָכע האָט כליפּענדיק אויסגעווישט די אויגן. נאָר טייקעף האָבן זיך ווידער באַוויזן טרערן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אַראָפּרינען איבער אירע שוין היפּש אײַנגעשרומפּענע באַקן.

— מ'דאַרף ניט, מאַמאשע, — האָט זי דער אָפּיצער אָנגעהויבן באַרויִקן, — אײַער זון האָט ניט ליב געהאַט קיין טרערן. ער האָט ניט ליב געהאַט, אַז מ'וויינט, — דערציילט אונדז בעסער וועגן אײַער זונס לעבן... וועגן זײַן אַרבעט... דערמאָנט זיך אַלץ, וואָס איר געדענקט וועגן אים... מיר ווילן אָנשרײַבן אין דער געשיכטע פון אונדזער פּאָלק וועגן אים, דערציִען די יונגע סאָלדאַטן אויף די בײַשפּילן פון זײַן לעבן, אויף זײַנע העלדנטאַטן.

— וואָס קאָן איך אײַך דערציילן פון ביניאָמינען? — האָט בראָכע זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט, ווי זי וואָלט זיך וועלן עפּעס דערמאָנען פון אים. — ער איז געווען אַ שטיל ייִנגל, אַ פליג אויף דער וואַנט האָט ער קיינמאָל ניט אָנגערירט... כ'האָב אַמאָל אַ הינטל אַ קלאַפּ געטאָן, ווײַל ס'האָט עפּעס אַ שאָדן אָנגעטאָן, צי ס'האָט זיך אַזוי פאַרזינדיקט, האָט ער דאָך אַליין אָנגעהויבן וויינען, לעמײַ דעם הינטל טוט וויי, ווי זשע האָט ער געקאָנט אַזוי שלאָגן זיך אויף דער מילכאָמע, ווי מ'דערציילט און מ'שרײַבט וועגן אים? פונוואַנען אַשטייגער האָט זיך עס גענומען באַ אים אַזאַ גוווּרע, אַזאַ דרייסטקײַט, ווי מ'זאָגט? לעמײַ זאָל איך זאָגן, קיין שרעקעדיקער איז ער כאָס־וועשאָלעם קיינמאָל ניט געווען...

בראָכע האָט איבערגעכאַפּט אַ ווײַלע דעם אָטעם, זי האָט צוגעלייגט די הענט צום שטערן און אַלץ געוואָלט זיך עפּעס דערמאָנען אויסטערלישס וועגן איר זון, און ווי אַפּצולאָכעס איז איר גאָרנישט ניט געקומען אויפן זינען...

— אַזאַ איז ער געווען אַ קליינינקער, — האָט זי, אַ ווײַלע שווײַגנדיק, אַ ווײַז געטאָן אויף סיאָמקען, — פּונקט אַזאַ, נאָר דער איז מער שטיפער... זייער פרי האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן אין קאָלווירט... פון זײַן אַרבעט אין קאָל־ווירט ווייסן אַלע...

זי האָט זיך אופגעהויבן, אראָפּגענומען פון דער וואנט פארגלעזערטע אין רעמלעך צוויי גראמאָטעס און עס דערלאנגט די געסט.

— דאָס איז פון דער עמטעעס, ווען מײַן טאטע איז געווען א טראקטאָריסט. און דאָס איז פון דער לאנדווירטשאפטלעכער אויסשטעלונג, — האָט סיאָמקע, אָנווײַזנדיק אף דער צווייטער גראמאָטע, דערקלערט. — איר ווייסט, פארוואָס דער טאטע מײַנער האָט באקומען א גראמאָטע פון דער אויסשטעלונג?

דער אָפּיצער האָט גענומען די גראמאָטע אין האנט און גענומען לייענען פריִער אין זיך נאָכדעם אין דער הייך.

בראָכע האָט, אראָפּנעמענדיק די אויגן פון אים, זיך אײַנגעהערט, ווי ער לייענט. שטילערהייט, ווי זי וואָלט מוירע האָבן אים צו שטערן, איז זי אף די ציפּקעלעך צוגעגאנגען צום קאָמאָד. ריִענדיק זיך א ווײַלע, האָט זי געפונען עטלעכע פארגעלטע צײַטונגען, וועלכע זי האָט צוגעטראָגן צום טיש.

— דאָ שרײַבט זיך אויך פון מײַן זונס ארבעט, — האָט זי געזאָגט.

דער אָפּיצער האָט גענומען די צײַטונג און אָנגעהויבן לייענען.

— לייענט הויך, זאָל וואָלאָדיע אויך הערן, — האָט בראָכע זיך אָפּגערופן. כאָטש זי האָט געוווּסט די ארטיקלען אף אויסווייניק, האָט זי אָפּט זיי ווידער געלייענט, איבערגעלייענט און יעדעס מאָל באגאָסן זיך מיט טרערן. טאקע פון אירע טרערן זײַנען די שפּאלטן פון די צײַטונגען פארגעלט געוואָרן, ווי בלעטער פון פארצײַטיקע ביכער, וועלכע האָבן פארהיט שפּורן פון פארגאנגענע געשעענישן.

דער אָפּיצער האָט אוועקגעלייגט א פּוס אף א פּוס און הויך אויסדריקלעך גענומען לייענען.

— וואָס איז דאָס פאר א שמאָלרייִקער פארזיי? — האָט דער אָפּיצער, אוועקלייגנדיק א ווײַלע די צײַטונג, זיך אָנגעהויבן פאנאנדערפרעגן. — און ביז אײַער זון האָט מען אים אָנגעווענדט בא אײַך ערגעץ אנדערשוו‎ּ?

— כ׳געדענק ניט, מײַן טײַערינקער, כ׳געדענק נאָר, אז ס׳איז דאן געווען א גרויסער טומל ארום דעם, — האָט בראָכע אָפּגעענטפערט. — איר וועט לייענען, וועט איר זיך אליץ דערוויסן, דאָ באשרײַבט זיך אליץ פּונקט ווי עס איז געווען, ווי ער האָט די זייעלקע איבערגעבויט, ווי שווער עס איז איב אָנגעקומען צו קריגן די אויבער־נאָרמע זריִע, וועלכע מ׳האָט באדארפט פאר דעם פארזיי.. כ׳האָף, אז מענטשן וועלן אײַך דערציילן, ווי עס איז פאָרגעקומען... זיי וועלן אײַך קענען בעסער דערקלערן די באדײַטונג פון זײַן אופטו, כ׳האָב געהערט נאָר, אז נײַע טויזנטער פּודן ברויט גיט אָט דער מין פארזיי.

— א דאנק, מאמאשע, א דאנק... ס׳איז, קענטיק, א גרויסע זאך, און בא אונדז האָט מען גאָר וועגן דעם ניט געוווּסט, — האָט דער אָפּיצער, ווידער נעמענדיק די צײַטונג אין די הענט, א זאָג געטאָן און פאָרגעזעצט לייענען. ער האָט געלייענט לאנג, אָפּגעשטעלט זיך א פּאָר מאָל, פארגעבן בראָכען פארשיידענע פראגן. פארענדיקט לייענען, האָט ער, א ווײַלע שווײַגנ־

דיק, אָפּגערוקט די צײַטונג, נאָכדעם האָט ער א פּאַרטראַכטער, ציִענדיק די ווערטער, געזאָגט.

— יאָ... ס'א כּעוור־רע־מאַן געווען...

— א כּעווּרעמאַן מיט א קאָפּ, — האָט צוגעשטימט דער סאָלדאַט. דער אָפיצער האָט זיך געפּרוּווט פאַרשטעלן דאָס ארטיקל, וואָס ער וועט אָנשרײַבן וועגן בּיניאָמין שיינאַרטן אין דער מיליטערישער צײַטונג.

— און איצטער ווענדט מען בּא אײַך אָן די דאָזיקע אופטוען, וועגן וועלכע ס'שרײַבּט זיך אין צײַטונג? — האָט דער אָפיצער א פרעג געגעבּן בּא בּראָכען, — און די זייעלקע ווו איז?

— די זייעלקע האָט לאַנג זיך ארומגעוואָלגערט און געזשאָוועט, — האָט בּראָכע אָפּגעענטפערט. — עפּעס האָט זיך די לעצטע צײַט געייסעקט ארום איר האָדע, בּיניאָמינס ווײַב.

— די מאַמע מיטן פעטער מייערן האָבּן זי נאָך פאַראַיאָרן צורעכט גע־מאַכט, — האָט סיאָמקע זיך ארײַנגעמישט. — כ'וועל זיי באַלד אופזוכן און ארײַנרופן, כ'וועל זיי זאָגן, אז צו אונדז זײַנען געקומען געסט פונעם טאַטנס פּאָלק.

— ווער איז דער פעטער מייער? — האָט א פרעג געגעבּן דער אָפיצער.

— דאָס איז דער בּריגאַדיר פון דער פעלדצוכט־בּריגאַדע, — האָט סיאָמקע געענטפערט. — אַמאָל איז דאָרט דער טאַטע מײַנער געווען בּריגאַדיר.

— ווייסט, הייסט עס, ארײַנרופן די מאַמע? — האָט דער אָפיצער זיך אָפּגערופן צו סיאָמקען, וועלכער איז שוין געשטאַנען בּא דער טיר א גרייטער אוועקצוגיין.

— כ'גיי שוין... די מאַמע איז שוין מיסטאַמע אין דער היים, און דעם פעטער מייערן וועל איך אויך אָפּזוכן.

— גוט, סיאָמקע, גוט, — האָט דער אָפיצער פריילעך א ווונק געטאָן. — ווען זיי וועלן קאָנען, זאָלן זיי ארײַנגיין.

די יאָרצײַט־ליכט האָבּן אָנגעהויבּן צאַנקען.

— צו וואָס האָט איר אָנגעצונדן די ליכט? — האָט דער סאָלדאַט, וועלכער איז געזעסן די גאַנצע צײַט א פאַרקלערטער, זיך פאַרינטערעסירט.

— בּא אונדז איז א מינהעג צו יאָרצײַט אָנצינדן ליכט, — האָט בּראָכע אים דערקלערט. — לויטן מינהעג, דאַרפן זיי בּרענען א גאַנצן מעסלעס.

זי איז ארויסגעגאַנגען אין פאָדערהויז, אָפּגעזוכט א קעראָסין־לעמפּל, עס אָנגעצונדן און אוועקגעשטעלט אפן קאָמאָד, לעבּן די צאַנקענדיקע ליכט.

— און פאַרוואָס טאָר מען קיין עלעקטרע ניט אָנצינדן אָנשטאָט די ליכט? — האָט דער סאָלדאַט א פרעג געטאָן.

— מײַן אייניקל, זאָל געזונט זײַן, האָט מיר שוין אויך פאַרגעבּן אזא פראַגע... — האָט בּראָכע זיך אָפּגערופן. — ער זאָגט, אז די ליכט וועלן אויסבּרענען, זיך פאַרלעשן און דעם נאָמען פון מײַן טאַטן וועט מען א גאַנץ יאָר ניט דערמאָנען.

— ער איז גערעכט, — א קלוג ייִנגל, — האָט דער אָפּיצער גוטמוטיק א שמייכל געטאָן. — דערפאר דערמאָנען מיר אלע טאָג זײַן נאָמען.

— דאָס איז אן אלטער מינהעג, מיר זײַנען שוין צוגעוווינט צו דעם מינהעג, — האָט בראָכע זיך ווי פארענטפערט, — מײַן זיידע און מײַן טאטע האָבן אזוי אָפּגעמערקט יאָרצײַט, און ווי מ׳מערקט אָפּ אף א נײַעם אויפן — ווייס איך ניט.

— אויב דיר איז, מאמאשע, אָנגענעם ליכט אָנצינדן אין יאָרצײַט, זאָלן זיי ברענען, — האָט דער אָפּיצער מיט דעם זעלבן גוטמוטיקן שמייכעלע א זאָג געטאָן, — נאָר מיר האָבן אונדזערע אייגענע טראַדיציעס.

— א דאנק, טײַערע, פארן קאָוועד, וואָס איר גיט אָפּ מײַן זון, — האָט בראָכע, קוקנדיק מיט א ווארעם דורכדרינגלעכן בליק אף די געסט, א זאָג געטאָן. — אײַער אופמערקזאמקײַט איז מיר טײַערער פון אלץ, וואָס קאָן זײַן בא מיר אָנגעלייגטער, ווי דאָס, וואָס איר זאָרגט זיך וועגן ביניאָמינס אָנדענק.

■

האָדע האָט ליב געהאט פארנאכט ארויסגיין פארן טויער און ארויסקוקן אין דער אָנענדלעכער סטעפּישער ווײַט, פון וועלכער ס׳פלעגט, ווי פון אונטער א נעפּל, ארויסשווימען א פור, א מאשין אָדער א פוסגייער.

— עמעצער פאָרט, גייט, אײַלט ערגעץ, — האָט זי געטראכט, — און צו מיר קומט קיינער ניט.

מיט די וועגן פון דער סטעפּישער ווײַט, מיט סאָלדאטישע רוקזעקלעך אף די אקסלען פלעגן אלץ קומען און קומען נאָך שווערע יאָרן צעשיידונג, נאָך אָנצאָליקע טויט־געפארן מענער צו פרויען, טאטעס צו קינדער, זין צו עלטערן, מיט טרערן פון פרייד אף די אויגן ארופאלן איינער דעם צווייטן אף די העלדזער. און וויפל זײַנען ניט דערגאנגען צו די שוועלן פון זייערע הײַזער? וויפל ווײַבער האָבן ארויסגעקוקט מיט אויסגעבענקטע אויגן, ווי האָדע, און קיינער האָט ניט פארקערעוועט צו זייערע הײַזער, קיינער קלאַפּט ניט אָן אין זייערע פענצטער. קוואָרים־בערגלעך ליגן צעשפּרייט איבער די אָנצאָליקע סטעפּישע ראכוועסן. ס׳קאָן זײַן, אז יונגע ווערבעס רוישן שוין אף די ערטער, וווּ עס רוען די ביינער פון די אומגעקומענע.

איינמאָל, שטייענדיק אזוי לעבן איר טויער ווי שטענדיק א מאָרעשכוירעדיק־פארבענקטע, האָט זי דערזען, ווי אינמיטן גאס האָט זיך אָפּגעשטעלט עפּעס א פור, און פון דער פור איז אראָפּגעשפּרונגען א מאנצבל אין א היפּש אויסגעטראָגענעם סאָלדאטישן אָנצוג מיט א רוקזאק אין האנט. דער מאנצבל איז געבליבן שטיין א ווײַלע און ניט געוווּסט וווּהין צו פארקערעווען.

— האָדע, — האָט זיך דערהערט עפּעס א קאָל.

זי האָט זיך א כאַפּ געטאָן, געוואָלט אף גיך א לאָף טאָן, דערוויסן זיך, ווער דאָס איז. נאָר די פיס האָבן זיך ניט גערירט.

— ווער קאָן דאָס זײַן? — האָט זי א טראכט געטאָן. — ווער רופט דאָס מיך?

— האָדע, וואָס מאכסטו? — האָט יענער פון ווײַטן געשריִען. נאָר האָדע איז געשטאַנען, ווי א פארגליווערטע, מיט פארוווּנדערטע ברייט צעעפנטע אויגן. וואָס מער דער געקומענער האָט זיך דערנעענטערט, אלץ דײַטלעכער האָט זי דערקענט זײַנע געזיכט־שטריכן.

— מייער — האָט זי, א לאָף טוענדיק אנטקעגן, אויסגעשריִען. — כ׳האָב דיך קוים דערקענט, פונוואַנען האָסטו זיך גענומען?.. וואָס האָסטו זיך ניט געלאָזט הערן?.. קיינער האָט דאָך אפילע ניט געוווּסט, צי דו לעבסט אף דער וועלט.

מייער האָט זיך אויסגעגלײַכט און זיך באגריסט מיט האָדען. אין זײַנע שווארצע אויגן האָט א בלישטשע געטאָן א פײַערל. בא די מויל־ווינקלען האָט אופגעבליצט א שמייכל און זיך פאנאנדערגעגאָסן איבער זײַן פּאָנעם, וואָס האָט זיך פאר די יאָרן, וואָס זיי האָבן זיך ניט געזען, געעלטערט.

האָדע האָט זיך אליין ניט געוואָלט גלייבן, אז לעבן איר שטייט מייער, אז זי זעט אים א לעבעדיקן.

אָט, דאכט זיך, ערשט ניט לאנג איז ער מיט איר, מיט ביניאָמינען גע־גאנגען איבער דעם געסל פונעם יִשעוו פארבײַ דעם טויער, ווי זיי שטייען איצט, מיט פאריסענע יונגנטלעך־פארשײַטע קעפּ און ביז הייזעריק צו ווערן געזונגען.

Лейся, песнь моя,
Комсомольская...[1]

ביידע כאוויירים, אי מייער, אי ביניאָמין, זײַנען געווען אײַנגעליבט אין איר. ביידע האָבן זיי זיך מוירע געהאט צו אנערקענען וועגן דעם איינער פארן צווייטן און יעדערער באזונדער פאר איר. נאָר זי האָט עס באמערקט אין גלאנץ פון זייערע אויגן, אין זייערע שטענדיק אומעטיק־פארטרוימטע פּענעמער.

מייער האָט ניט אופגעהערט צו ליב האָבן האָדען. וויפל ער האָט זיך ניט באמיט צו פארגעסן זי, האָט ער ניט געקענט. אָנהייב מילכאָמע איז ער אוועק צוזאמען מיט ביניאָמינען אפן פראָנט, און מער איז פון אים גאָרנישט ניט באוווּסט געווען. האָדען האָט זיך שטארק געוואָלט וויסן, פארוואָס האָט מייער גלײַך נאָך דער מילכאָמע זיך ניט אומגעקערט אהיים און וואָס פאר א סיבע האָט אים פּלוצעם געצווווּנגען אראָפּקומען אהער.

— ביסט צוגאסט געקומען צי אף שטענדיק? — האָט זי, ווענדיק אָנ־בינדן א שמועס, א פרעג געטאָן.

— כ׳ווייס נאָך ניט, מיר וועלן זען, — האָט ער אומבאשטימט אָפּגע־ענטפערט.

מייער האָט געוואָלט ריידן מיט האָדען, פאנאנדערפרעגן זיך פון איר לעבן און ניט געוווּסט פון וואָס אָנצוהייבן. זײַן פּאָנעם איז געווען אָנגעצויגן,

---

[1] טראָג זיך, ליד מײַנע, קאָמיוגישע...

די בליקן כמורנע. כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז בּיניאָמין איז אומגעקומען, נאָר ניט פרעגן וועגן אים, ניט דערמאָנען זײַן נאָמען האָט ער ניט געקענט.

— בּיניאָמין איז טאַקע אומגעקומען? — האָט ער מיט אַ טרויעריק קאָל אַ פרעג געטאָן.

— יאָ, — האָט האָדע אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

מייער האָט דערפילט, אַז אַ שווערע לאַסט דריקט אויף איר האַרצן. אים האָט זיך געוואָלט ווי־ניט־איז לינדערן איר שטימונג, טרייסטן אַ ביסל.

— דו ווײַנסט מיט בּיניאָמינס מוטער? — האָט ער זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערפרעגן.

— מײַן זון האָסטו געזען?.. ער איז געבוירן געוואָרן נאָך בּיניאָמינס אוועקגיין אויף דער מילכאָמע, — האָט האָדע אָנגעהויבן דערציילן. — אַ ווויל ייִנגל... אַ קאָפּיע פונעם טאַטן... קום אַרײַן, וועסטו אַ קוק טאָן אויף אים.

האָדע האָט אַרײַנגעפירט דעם גאַסט אין שטוב. בראָכע איז ווי שטענדיק געזעסן אַ פאַרדרײַגעטע און געשטריקט עפּעס. פּלוצעם זײַנען אַרויסגעפאַלן פון אירע הענט די שפּיזלעך, דאָס קנײַלעכל וואָל און דאָס געשטריקטס.

— אַ ווייטעק איז מיר, כ'וואָלט שווערן, אַז ס'איז מייער, — האָט זי אַ פליעסקע געטאָן מיט די דלאָניעס... — פונוואַנען קומסטו? דערצייל... ביסט, דאַכט זיך, געווען אויף דער מילכאָמע... מיט בּיניאָמינען צוזאַמען?

— צוערשט זײַנען מיר אַ קורצע צײַט געווען צוזאַמען, נאָכדעם האָט מען אונדז צעשיידט.

— כ'געדענק, ער האָט טאַקע געשריבן, אַז ער האָט דיך געהאַט געזען, — האָט בראָכע זיך אָפּגערופן. זי האָט דערלאַנגט דעם גאַסט אַ בענקל און אים געבעטן זיצן.

— נאָר פון יענער־וועלט, ווי עס ווײַזט אויס, קומט מען ניט, — האָט זי געזאָגט. — דו זעסט אויס, קיין אײַנהאָרע, גוט... אַ שאָד, די מאַמע דײַנע האָט געבעך ניט דערלעבט צו זען דיך אַ לעבעדיקן... בעסער וואָלט איך אומגעקומען, אַבי מײַן בּיניאָמין וואָלט לעבן בלײַבן.

— מײַן מאַמע וואָלט אויך געלעבט, ווען זי פאָלגט מיך, — האָט מייער מיט ווייטעק אַ זאָג געטאָן. — כ'האָב דאָך איר געהאַט אָנגעזאָגט פאַר מײַן אוועקגיין אויפן פראָנט, זי זאָל זיך עוואַקויִרן, איז זי דאָ געבליבן און איז אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון די פאַשיסטישע מערדער.

— אַזוי איז מיסטאַמע באַשערט, — האָט בראָכע אַ זיפץ געטאָן. — אַ מאַמע דאַרפן אַלע האָבן, אַפילו דערוואַקסענע... אַ מישפּאָכע האָסטו שוין?

מייער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין.

— קאַלעס פעלן, באָרעך־האַשעם, איצט ניט אויס... ס'איז דאָ פון וואָס אויסצוקלײַבן, — האָט בראָכע מיט אַ גיפטיקן שמייכל אַ זאָג געטאָן. — ס'איז דאָ אַ סאַך מיידלעך, אַלמאָנעס... די מענער פוילן אין דער ערד, און זיי זוכן כאַסאַנים.

— וואָס זאָרגט איר זיך אַזוי פאַר מייערן? עפּשער וועט איר אים אַ קאַלע אויסשאַדכענען? — האָט האָדע מיט כּויזעק געענטפערט דער שוויגער.

— מייער, האָף איך, וועט זיך שוין ווי־ניט־איז זײַן שטעטל באַשטיין

אָן מיר, — האָט בראָכע מיט א קוים באמערקבאר שמייכעלע א זאָג געטאָן. — וואָס זאָגסטו, מייער, א?

מייער האָט א קוק געגעבן אף בראָכען, א קניטש געגעבן מיט די פּלייצעס און ווידער זיך א קער געגעבן צו האָדען, ווי ער וואָלט ווארטן, זי זאָל עפּעס ענטפערן פאר אים. בראָכע האָט פארשטאנען, אז אים איז אויך ניט באקוועם, לעמײַ זי האָט פּונקט אין זײַן אָנוועזנהײַט זיך צעווערטלט מיט דער שנור.

— וואָס זשע מאכסטו, מייער, דערציי־ל... אזוי לאנג האָבן מיר זיך ניט געזען, און דו שווײַגסט, — האָט בראָכע געפּרוּווט אָנבינדן מיט מייערן א שמועס. און ער האָט אָפּגעהאקט געענטפערט:

— אזוי לעבט מען... צוביסלעך...

קעדיי איבערײַסן די אָנגעשטרענגטע שווײַגעניש, האָט ער ווען־ניט־ווען ארײַנגעוואָרפן נאָך א פּאָר ווערטער וועגן זיך, נאָכגעפרעגט זיך נאָך באקאנטע באוויירים און ווידער, אראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ, פון צײַט צו צײַט געכאפּט א קוק אף בראָכען, אף האָדען, וועלכע זײַנען געזעסן ברויגעזע.

בראָכע, הייסט עס, אייפערט, וויל ניט, זי זאָל כאסענע האָבן, — האָט ער א טראכט געטאָן.

אים האָט אָנגעהויבן פארדריסן, וואָס ער איז ארײַן אהער. נאָר ניט ארײַנגיין האָט ער דאָך אויך ניט געקאָנט. ווי־ניט־ווי איז דאָך ביניאָמין געווען זײַן כאווער, זיי זײַנען צוזאמען אויסגעוואקסן, ווי זשע האָט ער געקאָנט ניט ארײַנגיין א קוק טאָן אף זײַן קינד, זען זיך מיט דער מאמען, דורכריידן זיך מיט איר. נאָר ער האָט עפּשער געדארפט ארײַנגיין אומגעריכט, איינער אליין. אזוי האָט זיך עפּשער טאקע באקומען, אז ער איז געקומען נאָר צו האָדען.

מייער איז געווען זיכער, אז טיף אין הארצן האָט בראָכע גוט פארשטא־נען, אז האָדע איז נאָך יונג, אז זי דארף כאסענע האָבן, נאָר דערשטיקן אין זיך דעם פארדראָס, וואָס איר זון איז אומגעקומען און עמעצער אן אנדערער וועט לעבן מיט זײַן ווײַב און גליקלעך זײַן מיט איר, האָט זי ניט געקענט.

טאקע דאָס דאָזיקע געפיל, וואָס דאָס געגארטע גליק אין זײַן פּערזענלעכן לעבן קאָן קומען דורך אן אומגליק פון א נאָענטן, האָט אים געפּײַניקט, דע־ריבער האָט זיך אים געוואָלט וואָס גיכער אוועקגיין פונדאנען, פארשווינדן פון די אויגן.

בראָכען האָט, ווי עס ווײַזט אויס, אָנגעהויבן פארדריסן, וואָס זי האָט, מעגלעך, אומגערן באליידיקט די שנור און פארשאפן אומאָנגענעמקײַט דעם גאסט.

— וואָס האָב איך דאָ אזוינס געזאָגט? — האָט זי זיך געפּרוּווט פארענט־פערן. — כ'האָב כאס־וועשאָלעם קיין בייז ניט געמיינט. און אז אן אלמאָנע וועט געפינען איר גלײַכן און וועט כאסענע האָבן, איז וואָס?

האָדע איז געזעסן אן אופגערעגטע און איר גאָרנישט ניט געענטפערט. בראָכען האָט דאָס פארדראָסן. זי איז ארומגעגאנגען איבער דער שטוב און געזוכט א געלעגנהײַט פונסנײַ אָנבינדן א שמועס מיט דער שנור, מיטן גאסט.

דערזעענדיק דעם רוקזאַק, װעלכער איז געלעגן לעם בענקל, װוּ ס'איז געזעסן מײַער, האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— דו װילסט דאָך מיסטאַמע אײַנװאַשן זיך, אָפּרוען... דער קאָפּ איז אַזױ פֿאַרדרײט, אַז כ'האָב אַפֿילע פֿאַרגעסן פֿאָרלײגן דיר עסן, ביסט דאָך מיסטאַמע הונגעריק?

— אַ דאַנק, כ'דאַרף שױן גײן, — האָט מײַער געזאָגט. — כ'האָב זיך שױן אַזױ פֿאַרזעסן, כ'בין דאָך אַרײַן אױף אַ װײַלע.

— װוּהין װעסטו גײן, צו װעמען? דײַן שטוב איז פֿאַרנומען, דאָרט געפֿינט זיך איצט די פֿאַרװאַלטונג פֿון קאָלװירט, — האָט אים האָדע דערקלערט.

— ס'מאַכט ניט אױס, כ'װעל אַרײַנגײן אַהין, נאָכדעם װעלן מיר זען, — האָט מײַער געענטפֿערט.

ער האָט זיך געזעגנט מיט בראָכען, מיט האָדען, גענומען דעם רוקזאַק און איז אַװעק.

אױף מאָרגן איז ער נאָך אױף אַ קורצער װײַלע אַרײַנגעגאַנגען, פֿאַרבראַכט נאָך אַ ביסל און איז אַװעקגעפֿאָרן.

■

אין אײניקע כאָדאָשים אַרום איז ער פּלוצעם װידער געקומען, באַזעצט זיך דאָ און איז באַשטימט געװאָרן פֿאַר אַ בריגאַדיר פֿון דער בריגאַדע, מיט װעלכער ס'האָט פֿאַר דער מילכאָמע אָנגעפֿירט בעניאָמין שײנאַרט. מײַער האָט מיט לײַב־און־לעבן זיך אַרײַנגעטאָן אין דער אַרבעט. צוזאַמען מיט האָדען האָט ער געבראַכט אין אָרדענונג די זײעלקע, װאָס בעניאָמין האָט געהאַט איבערגעבױט פֿאַרן שמאָלרײזיקן פֿאַרזײ, און אָנגעהױבן אָנװענדן זי אױף די מאַסיװן פֿון דער בריגאַדע.

אומבאַמערקט פֿאַר זיך אַלײן האָט האָדע אָנגעהױבן פֿאַרהאַלטן זיך אין פֿעלד מיט מײַערן אַן איבעריקע האַלבע שאָ און אומקערן זיך אַהײם, װען עס איז שױן געװען רעכט טונקל.

האָדע האָט נאָכן אומקום פֿון איר מאַן געהאַלטן, אַז די קױל, װאָס האָט אים געטראָפֿן, האָט אױך געטײט אין איר אַלץ, אַז זי דאַרף בלײַבן אַן אײנזאַמע יונגע אַלמאָנע און לעבן מיט די דערינערונגען פֿון איר אַמאָליקן פֿאַמיליע־לעבן. פּלוצעם האָט זי דערפֿילט אַ באַדערפֿעניש אַרײַנצוקוקן אין שפּיגעלע, אָנצוטאָן זיך, צופּוצן זיך. בראָכע האָט עס טײקעף באַמערקט. װי זי האָט זיך ניט באַמיט אײַנהאַלטן מיט דער שנור די פּריִערדיקע באַציִונגען, האָט זי דאָך ניט געקאָנט אױסהאַלטן ניט מאַכן איר קײן פֿאָרװוּרף. באַזונדערס האָט זי ניט געקאָנט אַריבערטראָגן, װען האָדע האָט זיך אָנגעהױבן פֿאַרהאַלטן ערגעץ און קומען שפּעטער אַהײם.

— ביניאָמין האָט זיך קיינמאָל ניט נאָכגעפרעגט, ווּ איך בין געווען, און איר ווילט, כ׳זאָל א כעשבן אָפּגעבן פון יעדער טראָט מײַנעם, — איז האָדע געוואָרן אופגעבראכט.

— כ׳דאַרף ניט, זאָלסט מיר דערציילן, כ׳זע אליין אלץ, — האָט בראָכע געטײַנעט.

— וואָס זעט איר? כ׳קלײַב זיך גאָרנישט ניט אויסבאהאלטן, — האָט האָדע אָפּגעענטפערט. — וואָס פארדריסט אײַך, טאָמער האָב איך אָנגעטאָן א נײַ קלייד, איר ווייסט דאָך גוט, ווי ביניאָמין פלעגט זײַן צופרידן, אז כ׳פלעג זיך אָנטאָן... טאקע צוליב אים, צוליב זײַן אָנדענק וועל איך זיך אָנטאָן, און איר ווילט, כ׳זאָל אַף קיין מענטשן ניט זײַן ענלעך. אז כ׳וועל ארומגיין אין שמאטעס, וועט אײַך גרינגער זײַן?

— פארבלענד מיר ניט די אויגן, כ׳ווייס, צוליב וועמען דו טוסט זיך אָן, — האָט בראָכע זיך אָנגעצונדן. — צוליב וואָס דארפסטו מיך נאָך אָפּנארן? אין זײַן אָנדענק, זיך ארומשלעפּן מיט...

— מיט וועמען שלעפּ איך זיך עס ארום?.. נו, זאָגט, מיט וועמען? — האָט זי געפיבערט פון אופרעגונג. — אז כ׳וועל זיך לייגן א לעבעדיקע אין דר׳ערד ארײַן, וועט אײַך גרינגער זײַן?

האָדע איז גרייט געווען אנטלויפן, ווּהין די אויגן טראָגן, אבי ניט הערן די פאָרוואָרפן. נאָר זי האָט געפילט א מיטלײַד צו בראָכען. זי האָט פארשטאנען, אז די שוויגער פארשאפט איר אָפּט אגמעסנפעש קעגן איר אייגענעם ווילן, אז זי איז עפשער אליין ניט גערן, וואָס זי טשעפּעט זיך אזוי צו איר. נאָר זי קאָן פּאָשעט ניט באהערשן זיך אליין. דעריבער איז איר האָדע גרייט געווען מויכל זײַן, בארויִקן זי, טרייסטן.

■

האָדע האָט באשטימט דורכפירן דעם יאָרצײַט־אָוונט אליין מיט סיאָמקען. קומענדיק פונעם קאָלווירטישן הויף, ווּ זי האָט זיך געזעסן מיטן בריגאדיר א גאנצן טאָג, האָט זי גיך אָפּגעגעסן און גענומען צוקלײַבן אין שטוב.

איר האָט זיך געוואָלט אוועקשטעלן פאר די אויגן אלץ, וואָס זאָל איר דערמאָנען ביניאָמינען. זי האָט ארויסגענומען פון דער שאַפע זײַן גרויען געשטרײַפטן אָנצוג, וועלכן ער פלעגט אָנטאָן אין די יאָמטויווים, זײַנע נײַע שיך, וואָס ער האָט געקויפט ערעוו דער מילכאָמע, זײַן געקעסטלט העמדל. זי האָט צעלייגט די דרײַקאנטיקע פראָנט־בריוו, וועלכע זי האָט באקומען פון אים, דאָס ברוינע קלייד מיט דעם גרינעם גארעסענעם קאָפּטל, וועלכע ביניאָמין האָט שטארק ליב געהאט. אין שטוב האָט זי צוגעקליבן, פונקט ווי זי וואָלט זיך גרייטן, ער זאָל פון ערגעץ קומען. דורכן פענצטער פון פאליסאדניק האָבן געקוקט אַף איר די ביימלעך, וועלכע זי האָט פארפלאנצט מיט ביניאָמינען אין די ערשטע כאדאָשים גלײַך נאָך זייער כאסענע. קליינינקע זײַנען זיי געווען

דאן, דיביימלעך, ריטעלעך, און איצט זײַנען זיי געשטאנען הויכע, שלאנקע, טיף פארוואָרצלטע אין דער ערד, מיט פעסטע צווײַגן, וועלכע זײַנען פרילינג געווען באשאָטן מיט ווײַסע און פּיִאָלעטעווע צווייט.

— שוין וויפל יאָר זײַנען אלט די ביימער, — האָט האָדע געפּרוּווט זיך דערמאָנען. — זיי זײַנען אויסגעשטאנען דעם געוויטער פון דער מילכאָמע, גאנץ געבליבן און בליִען...

האָדע איז צוגעגאנגען צום פענצטער, געשטאנען א ווײַלע א פארטראכטע. פון ערגעץ האָט זיך באוויזן סיאָמקע. ער איז צוגעגאנגען צו דער מוטער און געזאָגט:

— מאמע, מ׳רופט דיך, צו דער באָבען זײַנען געקומען געסט פונעם טאטנס פּאָלק.

— געסט?.. פונעם טאטנס פּאָלק? פארוואָס זײַנען זיי צו אונדז ניט ארײַן?

— כ׳ווייס ניט, זיי האָבן געבעטן ארײַנרופן דעם פעטער מייער אויך.

— גוט, מײַן קינד, איך וועל ארײַנגיין, נאָר ווו איז דער פעטער מייער — ווייס איך ניט... ער וועט מיסטאמע קומען.

האָדען האָט זיך שטארק געוואָלט זיצן א ביסל מיט סיאָמקען אליין. זי זעט אים די לעצטע צײַט ווייניק. איר האָט זיך געוואָלט דורכשמועסן מיט אים, דערמאָנען ביניאָמינען.

— ביסט ניט הונגעריק, מײַן קינד? — האָט זי, פאַרענדיק זיך אין שטוב, א פרעג געגעבן בא סיאָמקען.

— כ׳האָב געגעסן, מאמע, כ׳וויל ניט, נו, קום...

— ווארט צו, די געסט פאָרן דאָך נאָך ניט אוועק.

סיאָמקע האָט געוואָלט אומקערן זיך צו דער באָבען און איבערגעבן, אז די מאמע וועט באלד ארײַן. נאָכדעם האָט ער באשטימט אויסוואַרטן. אין קאָפּ האָבן אים אָן אופהער געעגבערט דער באָבעס ווערטער: „די מאמע וויל דיך מאכן פאר א שטיפקינד". סיאָמקע האָט ניט געוווּסט גענוי, וואָס דאָס איז. נאָר ער האָט פארשטאנען, אז אויב דער באָבען פארדריסט עס, איז עס ניט קיין גוטע זאך. נאָר ווי קאָן עס די מאמע טאָן אים שלעכטס. דאָס האָט זיך בא אים אין קאָפּ ניט פאטויפּעט. סיאָמקע האָט געוואָלט פּרוּוון ריידן מיט דער מוטער וועגן דעם, נאָר ער האָט ניט געוווּסט פון וואָס אָנהייבן. האָדע האָט באמערקט, אז אים פּײַניקט עפּעס, איז זי צוגעגאנגען, ארומגענומען אים. פּלוצעם האָט זיך בא אים ווי פון זיך אליין ארויסגעריסן:

— פארוואָס ווילסטו מיך מאכן פאר א שטיפקינד?

— וואָס רעדסטו, מײַן קינד, ווער האָט עס דיר געזאָגט? — האָט האָדע זיך א כאַפּ געטאָן.

— כ׳ווייס, אז דו ווילסט מיר ברענגען אן אנדער טאטן.

— וואָס פּלאפּלסטו? — האָט האָדע זיך צעלאכט. זי האָט צארט א גלעט געגעבן סיאָמקען פארן קעפּל און געפרעגט: — ווער האָט עס דיר פאָרט געזאָגט?

— כ׳וויים אליין... אז כ׳וועל האָבן א צווייטן טאטן, וועל איך זײַן א שטיפקינד.
— אויב ער וועט זײַן א גוטער, מײַן קינד, וועסטו ניט זײַן קיין שטיפּ־קינד.
— און אויב ער וועט זײַן א שלעכטער?
— ער וועט ניט זײַן קיין שלעכטער...
אומבאמערקט איז אין צימער ארײַן מייער. סיאָמקע איז א פארשעמטער אַפּגעגאנגען אין א ווינקעלע. מייער איז מיט א גוטהארציק שמייכעלע אוף די ליפּן צוגעגאנגען צו אים, אוועקגעלייגט די האנט אוף זײַן אקסל און געזאָגט, קלוימערשט ווי דערעך־אגעוו:
— ביסט א כוואט, סיאָמקע... כ׳האָב ליב אזעלכע, ווי דו...
האָדע האָט דערפילט, אז מייער האָט געוואָלט בארויִקן דאָס יאטל, זײַן צארטער אויסגעבענקטער בליק נאָך א קינד, מיט וועלכן ער האָט געקוקט אוף סיאָמקען, האָט אויסגעדריקט דעם באגער פון זײַן הארץ — זײַן געטרײַ צום קינד, פארבײַטן אים דעם טאטן.
— ער האָט, הייסט עס, געהערט, וואָס סיאָמקע האָט גערעדט, — האָט זי א טראכט געטאָן.
מייער האָט שטײַפער ארומגענומען סיאָמקען און, צודריקנדיק אים צו זיך, געזאָגט:
— כ׳האָב ליב אזעלכע כעוורע... מאָלאָדיעץ סיאָמקע...
סיאָמקען האָט זיך געוואָלט עפּעס ענטפערן מייערן. פּלוצעם האָט ער זיך דערמאָנט, אז מ׳וואַרט דאָרט בא דער באָבען אוף אים מיט דער מאמען.
— צו דער באָבען זײַנען געקומען געסט פונעם טאטנס פּאָלק, — האָט סיאָמקע זיך אָפּגערופן. — זיי האָבן מיך געשיקט רופן אײַך.
— געסט? — האָט מייער איבערגעפרעגט. — וועמען רופן זיי, מיך אויך?
— יאָ, סיאָמקע איז געקומען רופן אונדז, — האָט האָדע זיך אָפּגערופן. — קום, לאָמיר ארײַנגיין.
— נו קום, — האָט מייער צוגעשטימט און צוזאמען מיט האָדען און מיט סיאָמקען זיך געלאָזט גיין.

■

ווי נאָר האָדע מיט מייערן זײַנען ארײַן, האָבן זיך די געסט אופגעהויבן, זיך באגריסט מיט זיי. נאָר בראָכע איז געזעסן מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי זי וואָלט זיי ניט באמערקט.
— איר זײַט שיינארטס פרוי? — האָט געפרעגט דער אָפיצער בא האָדען.
— יאָ, — האָט האָדע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.
— און איר זײַט דער בריגאדיר? — האָט ער א פרעג געגעבן בא מייערן.
— טאַק טאָטשנאָ.

— נו, איז אָט, כאַווײרים, — האָט דער אָפיצער אָנגעהויבן, ווי ער וואָלט זיך קלײַבן א גרויסן שמועס פאַרפירן. — מיר ווילן זיך באַקענען מיט אײַער קאָלווירט... דער פּערזענלעכער באַשטאַנד פון אונדזער פּאָלק וויל וויסן, ווי איר לעבט, ווי איר אַרבעט... קלאָר, כאַווײרים?

דער אָפיצער האָט באַבליקט א רעגע האָדען, מײערן און פּאָרגעזעצט:

— דערציילט אונדז, וויאַזוי אַרבעט די בריגאַדע, מיט וועלכער ס'האָט אָנגעפירט ביניאָמין שיינאַרט... מיר ווילן אָנשרײַבן וועגן איר אין אונדזער צײַטונג...

מײער מיט האָדען האָבן זיך איבערגעקוקט, ווי זיי וואָלטן זיך דינגען — ווער ס'זאָל אָנהייבן.

— שיינאַרטס בריגאַדע איז דאָך דאָ געווען זייער באַרימט, — האָט צוגעגעבן דער סאָלדאַט, אָנדײַטנדיק האָדען מיט מײערן אױף די פראַגן, וועלכע ס'אינטערעסירן זיי. — דער בריגאַדיר איז געווען באַלוינט מיט גראַמאָטעס, מ'האָט געשריבן וועגן זײַנע דערפאָלגן אין די צײַטונגען... עפּעס א זייעלקע האָט ער געהאַט קאָנסטרויִרט פאַר א שמאָלרייִקן פאַרזיי, גרויסע גערעטענישן אַראָפּגענומען פון זײַנע פעלדער.

ניט זיכער, א ביסל פאַרשעמט, האָט האָדע אָנגעהויבן דערציילן, וויאַזוי ביניאָמין האָט א פּאָר יאָר פאַר דער מילכאָמע איבערגעלייענט אין א צײַטונג וועגן די יעפּרעמישע רינגען אין אַלטײַ, וועלכע האָבן אַראָפּגענומען גרויסע גערעטענישן פון זייערע פעלדער.

— מאָלאָדצי, אָט דאָס זײַנען כעוורע, — פלעגט ער טײַנען. — מענטשן האָבן זיך בא זיי וואָס צו לערנען, און מיר פּאָרקען זיך אױף דר'ערד, ווי הינער קאָסקען זיך אין מיסט, און זוכן א קערנדל זריִע פון אונדזער האָרעוואַניע.

ביניאָמין האָט אין דער לאַבאָראַטאָריע פון קאָלווירט אָנגעהויבן מאַכן פאַרשיידענע פּרוּוון. נאָכדעם איז ער גאַנצענע טעג פאַרפאַלן געוואָרן אין דער קוזניע, געזעסן זיך אַרום דער זייעלקע, איבערגערוקט די סאָשניקעס, קעדיי גלײַכמעסיק צעטיילן די זריִע איבערן שעטעך פון פעלד.

— און אַז ער האָט געענדיקט, האָט זיך אָנגעהויבן א סעדרע מיט זריִע... — האָט זיך אַרײַנגעמישט בראָכע, וועלכע איז די גאַנצע צײַט געזעסן א פאַרזאָרגטע און געשוויגן. — א קלייניקײַט, וויפל בלוט ס'האָט בא אים אויסגעצאַפּט דער פּאָרזיצער... ווי האָט ער געהייסן? יודל קאָראָביייניק. צוליב די איבעריקע פּאָר פּוד זריִע, וואָס עס האָט זיך געפּאָדערט פאַרן פאַרזיי.

— ס'איז גרינגער געווען בא יענעם פּאָרזיצער א צאָן אַרויסצורײַסן, איידער א קערנדל זריִע, — האָט האָדע פּאָרגעזעצט. — ביניאָמינען איז אויסגעקומען אַליין צו קריגן זריִע, און אַזוי האָט ער פאַרזייט... א גערעטעניש האָט זיך באַקומען אַן אומגעהערטע... פון דער גאַנצער אומגעגנט האָט מען אָנגעהויבן פּאָרן צו אים, דערוויסן זיך, וויאַזוי ער האָט זיך עס דערשלאָגן אַזאַ דערפאָלג, פון אַלע עקן האָבן זיך א שאָט געטאָן צו אים בריוו, אין די בלעטער האָט מען אָנגעהויבן שרײַבן וועגן אים.

— און וואָס טוט זיך איצט אין דער בריגאַדע, מיט וועלכער שײנאַרט האָט געהאַט אָנגעפֿירט? — האָט דער אָפֿיצער א פֿרעג געטאָן. — זי האָט פֿאַרהיט איר אַמאָליקן שעם?

— אין דער צײַט פֿון דער מילכאָמע, ווען דער קאָלווירט האָט זיך געהאַט עוואַקויִרט, איז זיך די בריגאַדע צעפֿאַלן, — האָט האָדע דערציילט. — ווען מיר האָבן זיך צוריקגעקערט, זײַנען מענטשן געווען ווייניק. געזייט האָבן מיר ווי־ניט־איז, און איבעריקע זריִע איז אויך ניט געווען, האָט זיך געוואַלגערט די זייעלקע, געזשאַווערט, נאָכדעם האָט זיך אומגעקערט דער כאַווער טשאַפּאָוועץ, און מיר האָבן אָנגעהויבן זייען, ווי ביניאָמין האָט געזייט. מאָרגן וועט איר זען די סנאָפּעס פֿון דער האַיאָריקער גערעטעניש, וועלכע מיר האָבן זיך געקליבן אָפּשיקן אַף דער אויסשטעלונג.

— אויב איר וועט אונדז שענקען, וועלן מיר נעמען א סנאָפּ אין פּאָלק אַף אונדזער אויסשטעלונג, וואָס מיר וועלן צוגרייטן וועגן שײנאַרטן, — האָט זיך אָפּגערופֿן דער אָפֿיצער.

— פֿאַר אונדז וועט זײַן א גרויסע ערע, אויב דער פּאָלק וועט אָפּשאַצן אונדזער מי, — האָט האָדע זיך אָפּגערופֿן.

...אין דרויסן האָט אָנגעהויבן שיטן א שניי, א געדיכטער און א פּוכיקער.

— ס׳זאָל זיך כאָטש קיין זאַווּי ניט אָנהייבן... כ׳האָב זיך געקליבן צופֿאָרן א קוק טאָן, צי די שניי־פֿאַרהאַלטערס זײַנען גוט פֿאַרפֿעסטיקט, — האָט מייער זיך אָפּגערופֿן.

— ס׳איז ווײַט דאָס פֿעלד... איר וועט נאָך באַווײַזן צושפּרינגען אַהין? — האָט דער אָפֿיצער א פֿרעג געטאָן. — כ׳האָב געוואָלט מיט אײַך צוגיין אין פֿאַרוואַלטונג, עפּשער וועלן מיר א פֿאַרזאַמלונג צונויפֿרופֿן לעקאָוועד שײנאַרטס יאָרצײַט.

— נו קומט, נאָר שנעל, מיר וועלן דאָרטן באַשליסן, — האָט האָדע פֿאָר־געלייגט. זי איז אײַליק אַרײַן צו זיך אין צימער, אָנגעטאָן זיך און צוזאַמען מיט די געסט, מיט מייערן אַוועק.

■

דער קאָלווירטישער קלוב איז געווען פֿול מיט מענטשן. אַכוץ די טוישוויִם פֿונעם ייִשעוו, וואָס האָבן געקענט שײנאַרטן, זײַנען געקומען אָפּן אָוונט לעקאָוועד זײַן יאָרצײַט די נײַע אײַנוווינער, וועלכע האָבן זיך דאָ באַזעצט די לעצטע יאָרן. די בינע פֿונעם קלוב איז געווען אויסגעפּוצט. דער טיש מיט רויטן באַדעקט. אין הינטערגרונט פֿון דער בינע אַף דער וואַנט איז געשטאַנען א פֿאַנאַנדערגעוויקלטע די קאָלווירטישע פֿאָן. פֿון ביידע זײַטן צוויי מעכטיקע גאַרבן טוווּע פֿון דער האַיאָריקער גערעטעניש, וואָס עס האָט אַראָפּגענומען פֿון אירע פֿעלדער די בריגאַדע, מיט וועלכער ס׳האָט אַמאָל אָנגעפֿירט בינְיאָמין שײנאַרט.

דער פּאָרזיצער פון קאָלווירט — מאקסים טימאָפייעוויטש קיניאשעוו, אַן אויסגעפּוצטער אין אַ פּרענטש מיט די צוויי אָרדענס פון רויטן שטערן אַפן ברוסט, איז צוגעגאנגען צום טיש און מיט אַ קורצער רעדע געעפנט דעם אָוונט. נאָכדעם האָט ער פּארבעטן אין פּרעזידיום בראָכען, האָדען, מייערן און ביניאָמין שיינארטס „אָדנאָפּאָלטשאַנער." די פּארזאמלטע האָבן באערט ביניאָמין שיינארטס אָנדענק, און ווען זיי האָבן זיך געזעצט צוריק אַף זייערע ערטער, האָט דער פּאָרזיצער געגעבן אַ וואָרט בראָכען.

בראָכע האָט קיינמאָל אַף איר לעבן ניט גערעדט פאר קיין אוילעם. ווען זי דאַרף ריידן מיט יעדערן באזונדער פון די מענטשן, וואָס האָבן זיך צונויפגעזאמלט, אפילע צו עטלעכע מענטשן מיטאמאָל, וואָלט זי געהאט וואָס צו זאָגן. אָבער ריידן פאר אַזאַ אוילעם און נאָך פאר אַזעלכע געהויבענע געסט האָט איר אויסגעזען שרעקלעך. וואָס קען זי, אַ פּראָסטע ייִדענע, זאָגן אַזוינס, וואָס זאָל צוציִען זייער אופמערקזאמקייט, — האָט זי געטראכט, נאָר אויב מ'האָט איר געגעבן אַ וואָרט, דאַרף זי, הייסט עס, ריידן.

— מײַן ביניאָמין איז געווען אַ געטרײַער זון, אַן איבערגעגעבענער, אַ ליבער זון, — האָט זי אָנגעהויבן מיט אַן אופגערעגטער שטים. — ער איז געווען ניט נאָר מײַן זון, ער איז געווען אויך אײַער זון. — בראָכע האָט אַ קוק געגעבן אַפן אוילעם, וועלכער איז געזעסן אין קלוב, און איבערפירנדיק איר בליק אַף די געסט, איבערגעכאַזערט: — אויך אײַער זון איז ער געווען... און אײַער... און אײַער.

זי האָט פאנאנדערגענומען די הענט, ווי זי וואָלט וועלן ארומכאפּן אַלץ און אַלעמען, וועמענס זון ביניאָמין איז געווען.

בראָכע האָט זיך אָנגעכאפּט באַם הארצן, געשטאנען אַ ווײַלע, אוועקגעזעצט זיך, שטילערהייט אויסגעווישט אַ טרער, פונסנײַ אופגעהויבן זיך. נאָר ריידן האָט זי שוין מער ניט געקאָנט.

דער פּאָרזיצער און דער אוילעם האָבן לאנג און געדולדיק געוואַרט, עפּשער וועט זי קומען צו זיך און וועט נאָך עפּעס זאָגן. נאָר וואָס מער זי האָט געפּילט, אַז מ'וואַרט, זי זאָל ריידן, אַלץ מער האָט זי זיך געערגערט.

דאַן האָט דער פּאָרזיצער געגעבן אַ וואָרט דעם אָפּיצער. ער האָט פאנאנדערגעוויקלט אַן אַלטע מיליטערישע קאַרטע און, אָנווײַזנדיק אַף עפּעס אַ גרין פּינטעלע, געזאָגט:

— אָט דאָס איז די נאָמענלאָזע הייך 364... דרײַ טעג מיט דרײַ נעכט זײַנען געגאנגען שלאַכטן פאר אָט דעם פּונקט, וועלכן ס'האָבן העלדיש פאַרטיידיקט נײַן גיבוירים גוואַרדייער.

דערהויבן, אינעם נוסעך פון אַ לעגענדע, האָט דער אָפּיצער דערציילט, ווי די הארמאַטן־קוילן האָבן געבערעקלט די אײַזן־שטיינערנע פארפעסטיקונגען פון דער הייך, ווי זײַלן פײַער און רויך האָבן אָן אופהער געהויבן זיך אין דער לופטן. ווען דאָס פײַער, וואָס האָט ניט אופגעהערט צו בושעווען, האָט פאַרטיליקט אַכט גוואַרדייער, האָט דער נײַנטער, אַ שווער פארוווּנדעטער, אַליין פאַרגעזעצט דאָס אומגלײַכע געראַנגל, ביז אַ פײַנטלעכער טאַנק האָט זיך ניט דורכגעריסן. דאַן האָט ער מיט די לעצטע עטלעכע פארבליבענע גראַנאַטן זיך

אופגעריסן אײנײנעם מיטן טאַנק, ניט דערלאָזנדיק אים צו דער הײך, ביז ס'זײַנען אָנגעקומען אונדזעריקע.

— אַזוי האָט זיך אויסגעלאָשן דאָס פּלאַמיקע האַרץ פון בּיניאָמין שײנאַרט, װעמענס נאָמען ס'איז אױף אײביק פאַרשריבן אין דער געשיכטע פון אונדזער פֿאָלק.

דער אָפיצער האָט אַ פּיר געגעבן מיט די אויגן איבער די רײען פון קלוב, װוּ עס זײַנען געזעסן קעפּ אױף קעפּ אָנגעזעצטע מענטשן.

— בּאַרעכנט, טײַערע כאַװײרים, װיפל בּלוט ס'קאָסטן עטלעכע מעטער ערד פון דער נאָמענלאָזער הײך, — האָט ער נאָך אַ קורצער פּאַוזע פאָרגעזעצט. — בּאַרעכנט, װאָס פאַר אַ פּרײַז ס'קאָסט די ערד, װאָס איז אין אײַערע הענט, כאָװעט אױף איר װאָס מער טװוּעס און סעדער. זאָל זי טראָגן שעפע און פרײד דעם פֿאָלק פאַר דער טײַערער פּרײַז, װאָס עס האָט פאַר איר בּאַצאָלט.

אין קלוב איז װידער לאַנג געװען שטיל, װי דער אױלעם װאָלט ארײַנהויכן אין זיך דעם גײַסט פון דעם אָפיצערס װערטער. ביז פון אָרט האָט זיך ניט אופגעהויבן מײער טשאַפּאָװעץ. װיפל נאָמענלאָזע הײכן זײַנען אופגעשװוּמען אין זײַן זיקאָרן, װען דער אָפיצער האָט גערעדט. װיפל אַזעלכע הײכן און טאָלן, װיפל בּאַלקעס, פּלאַכלענדער איז ער גרײט געװען פּונקט אַזױ מעסירעסנעפעשדיק פאַרטײדיקן, װי זײַן כאַװער בּיניאָמין. מײער האָט גוט געװוּסט, אַז פאַר דער פּרײַז פון דער דעראָבּערטער ערד דאַרף מען צאָלן מיט טרײַשאַפט פון האַרצן. װעגן דעם האָט זיך אים איצט געװאָלט זאָגן אין זײַן װאָרט.

— כאַװײרים, כאַװײרים, —האָט ער אָנגעהויבן. — טײַערע כאַװײרים. — מײערן האָט בּאַגאָסן אַ שװײס. ער האָט שװער אָפּגעאָטעמט, װי ער װאָלט זיך װעלן מיט פרישע קױכעס אָנעמען. די װערטער, װאָס ער האָט געהאַט צוגעגרײט אין קאָפּ, האָבן אָנגעהויבן איבּערשפּרינגען, פאַרלױפן אײנער דעם צװײטן דעם װעג. ער האָט זיך אָנגעהויבן פּלאָנטערן. און נאָר װען ער האָט אָנגעהויבן רײדן פון זײַן בּריגאַדע, האָט ער זיך דערפילט, װי עמעצער װאָלט אים פּאַנאַנדערפּענטען. מײער איז צוגעגאַנגען צום סאָלדאַט, װעלכער איז געזעסן דערבײַ, אַרומגענומען אים און, אַרײַנקוקנדיק אים אין די אויגן, געזאָגט:

— דו פאַרבײַטסט בּיניאָמינען אין פֿאָלק, און איך פאַרבײַט אים אין בּריגאַדע, לאָמיר אַלע צוזאַמען, אױף װיפל ס'איז מעגלעך, פאַרבײַטן זײַן מאַמען איר אומגעקומענעם זון.

אין דער פײַערלעך־טרויעריקער שטילקײַט, װעלכע האָט געשװעבט אַרום, האָט זיך פון דרויסן אַרײַנגעריסן אַ װױערײַ פון אַ װינט, װעלכער האָט געיאָגט און געטריבן דעם שנײ און אין סטעפּ ערגעץ פאַרדרײט אַ װױגע.

בראָכע האָט ביז טיף באַנאַכט געהאַלטן אין איין טראַכטן וועגן דעם אָוונט, וואָס איז פאָרגעקומען לעקאָוועד ביניאָמינס יאָרצײַט. זי האָט איי־בערגעקליבן אין קאָפּ יעדעס וואָרט, וואָס מ'האָט געזאָגט וועגן איר זון. באַ־זונדערס האָבן זיך איר אײַנגעקריצט אין האַרצן מייער טשאַפּאָוועצס ווער־טער, מיט וועלכע ער האָט זיך געווענדט צום סאָלדאַט — ביניאָמינס „אָדנאָ־פּאָלטשאַנער", זיי זאָלן צוזאַמען פאַרבײַטן איר זון.

נאָענט צו פאַרטאָג איז בראָכע אײַנגעשלאָפן. איינגיכן האָט זי דורכן שלאָף דערהערט, ווי עמעצער קלאַפּט אין האָדעס פענצטער. אין דרויסן האָט אַזוי מעשונעדיק־ווילד געוווּיעט די ווייוגע, אַז זי איז געווען זיכער, אַז דאָס קלאַפּט דער ווינט.

באַ אַ האַלבער שאָ איז זי נאָך געלעגן אין בעט. נאָכדעם האָט זי זיך אויפֿ־געהויבן, שטילערהייט אָן עפן געטאָן די טיר, וואָס האָט געפירט אין האָ־דעס צימער, און אַכוץ אַ שלעפעריקן סיאָמקען, וואָס איז געלעגן אין זײַן בעטל, האָט זי דאָרט קיינעם ניט דערזען.

— ווּהין איז עס האָדע אין אַזאַ ווייוגע נעלעם געוואָרן? — האָט זי אַ טראַכט געטאָן. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז נאָך נעכטן האָט מייער זיך געקליבן מיט איר צו פאָרן אין פעלד פאַרפעסטיקן די שניי־פאַרהאַלטערס.

— ווי איז מיר און ווינד איז מיר, זיי קענען דאָך אין אַזאַ ווייוגע פאַר־בלאָנדזשען און דערפראָרן ווערן, — האָט זי, פאַרברעכנדיק די הענט, אָנ־געהויבן טײַנען.

זי האָט אַפּגיך אַרופגעוואָרפן אויף זיך אַ מאַנטל, אַרומגעוויקלט זיך מיטן געקעסטלטן שאַל און זיך געלאָזט לויפן אין פאַרוואַלטונג, עפשער וועט זי דאָרט טרעפן האָדען, אָדער לעכאָלאַפּאָכעס זיך דערוויסן, ווּ זי איז. ניט געטראָפן זי דאָרט, איז זי אויף אַ רעגע פאַרבײַיוועגס אַרײַנגעגאַנגען צו מייערן און דאָרט אויך קיינעם ניט געטראָפן.

ווען זי האָט זיך אומגעקערט אַהיים, איז שוין סיאָמקע געזעסן אָן אָנגע־טאָנענער.

— ווּ איז די מאַמע?

— די מאַמע וועט באַלד קומען.

— ווּ איז זי אַזוי לאַנג?

סיאָמקע איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און, אײַנקוקנדיק זיך, געזאָגט:

— זע נאָר, סאַראַ ווייוגע אין דרויסן איז... עפשער איז זי ערגעץ אוועק־געפאָרן...

— ווּהין וועט זי פאָרן? זי איז מיסטאַמע צו עמעצן צוגעגאַנגען, — האָט זי געפּרווּוט פאַרריידן דאָס ייִנגל. און אַליין איז זי מיט יעדער רעגע געוואָרן אַלץ בלייכער, צעטראָגענער. וויפל זי האָט זיך אַליין ניט געפּרווּוט טרייסטן, האָט זי זיך ניט געקאָנט באַרויִקן.

עמעצער האָט האסטיק א ריס געטאָן די דרויסנדיקע טיר.

— דאָס איז זי, — האָט בראָכע באשטימט.

פארשנייטע זײַנען ארײַנגעגאנגען אין פּאָדערהויז דער אָפיצער מיטן סאָלדאט. זיי האָבן אָפּגעטרייסלט פון זיך דעם שניי, אויסגעטאָן די שינעלן און זײַנען ארײַן צו בראָכען אין צימער.

— ווּ זײַט איר עס געווען? — האָט בראָכע, דערלאנגענדיק די געסט בענקלעך, זיך אָנגעהויבן פאנאנדערפרעגן. — איר האָט עפּשער מײַן שנור ערגעץ באגעגנט מיטן בריגאדיר? זיי זײַנען ערגעץ נעלעם געוואָרן, און כ׳ווייס ניט ווּ... דערמאָנט זיך, סארא ווייגע אין דרויסן...

— דאָס צאָלן זיי מיט טרײַער מי פאר דער טײַערער פרײַז פון דער ערד, — האָט דער אָפיצער דערמאָנט דעם בריגאדירס ווערטער אף דער נעכטיקער פארזאמלונג. — זיי פארהאלטן דעם שניי אף די פעלדער... אין אײַער זונס אָנדענק זאָל א רײַכע גערעטעניש אויסוואקסן אף דעם מאסיוו, ווּ ער איז געווען בריגאדיר.

— ס׳קען זײַן, טײַערער, ס׳קען זײַן, — האָט בראָכע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. — כ׳האָב גאָרנישט געוווּסט, ווי מײַן שנור שעצט מײַן זונס אָנדענק. און איך האָב איר אזויפיל אַנמעסנעפּעש פארשאפן, ווײ צו מיר און וויסט צו מײַנע יאָרן, און דער בריגאדיר דער נײַער, לאנג לעבן זאָל ער, ער וויל דאָך טאקע מיר פון גאנצן הארצן כאָטש ווי־ניט־איז מײַן זון פארבײַטן.

זי איז צוגעגאנגען צו סיאָמקען, ארומגענומען אים און א טראכט געטאָן, אז מייער וואָלט עפּשער ווי־ניט־ווי דעם קינד א טאטן פארבײַטן. ער זאָל זיך נאָר מיט האָדען געזונטערהייט אומקערן!

אין דרויסן האָט דער ווינט ברומענדיק נאָך שטארקער גענומען וואָיען.

— הערט נאָר, וואָס ס׳טוט זיך, ווי ס׳קערט די וועלט, — איז בראָכע אלע ווײַלע צוגעלאָפן צום פענצטער און לאנג אײַנגעקוקט זיך, עפּשער וועט זי דאָרטן האָדען מיט מייערן דערזען.

עמעצער האָט מיט אלע קויכעס א ריס געטאָן די טיר, און אין פּאָדערהויז האָבן זיך דערהערט טריט...

1957

די באָבע פון די טראקטאָריסטן

ענדלעך האָט מירע קאנער באקומען א בריוו פון איר טאָכטער, פון וועלכער זי האָט שוין א לענגערע צײַט קיין שום יעדיִעס ניט געהאט.

אינעם בריוו האָט סימע געשריבן, אז איר מאן האָט מען אוועקגעשיקט ערגעץ אין אן אנדער ראיאָן אף עפּעס א וויכטיקער ארבעט, אז זי איז געבליבן איינע אליין מיט א קליין קינד אינעם ווײַטן פארוואָרפענעם קאָלווירט, ווו ערשט ניט לאנג איז אויסער הימל און ערד גאָרנישט ניט געווען. איבערגעלייענט דעם בריוו, איז מירע געבליבן זיצן א פארדײַגעטע. דאָרט בא דער טאָכטער דארף זיך אָט־אָט אָנהייבן דער הארבסט־פארזיי. אין אזא צײַט, האָט זי געוווּסט, טאָגט און נעכטיקט סימע אין פעלד, איז אף וועמען וועט זי איבערלאָזן דאָס קינד?

„וואָס זשע הייבט מען אָן טאקע צו טאָן? ס'איז דאָך נעבעך א ראכמאָנעס אף איר", האָט מירע, נאָכאמאָל נעמענדיק דעם בריוו אין האנט, א טראכט געטאָן. זי איז פונסנײַ דורכגעלאָפן מיט די אויגן איבערן בייגעלע פאפיר און פארהאלטן דעם בליק אף דעם אָרט, ווו די טאָכטער האָט געשריבן: „מאמע, אויב דיר איז טײַער דײַן איין־און־איינציק איינִיקל, טאָ קום צו פאָרן... דו האָסט זיך אף דײַן לעבן שוין גענוג אָנגעארבעט, מעגסט זיך פארגינען א ביסל אָפּרוען. כ'פארשטיי ניט, וואָס האלט דיך דאָרטן, פארוואָס קאָנסטו בעשום־אויפן ניט באשטימען איבערפאָרן צו מיר".

נאָך דעם, ווי בא מירען איז אומגעקומען דער מאן אף דער מילכאָמע, נאָך דעם, ווי זי האָט, ארומוואנדלענדיק אף די וועגן פון עוואקואציע, פארלוירן צוויי קינדער, איז סימע די מיזינקע פארבליבן איר איינציקע טרייסט.

סימעלען האָט מירע אָפּגעגעבן איר גאנץ הארץ, איר נעשאָמע, און איצט, ווען זי האָט מיט אזעלכע גרויסע צאָרעס די טאָכטער אויסגעהאָדעוועט, אויסגעלערנט, אף די פיס געשטעלט, — ווי קאָן זי איר ניט גיין אנטקעגן, ווי קאָן זי איר ניט קומען צו הילף? אָבער פארלאָזן די אלט־באזעסענע היים איז מירען אויך געווען ניט אזוי גרינג.

דאָ אף די סטעפּעס איז דורכגעגאנגען דער גרעסטער טייל פון איר לעבן. דאָ איז איר נאָענט און ליב יעדעס שטיינדעלע, יעדעס גרעזעלע, יעדער טוועשפּראָצלינג, וואָס נערט זיך מיטן זאפט פון דער ערד, באגאָסענער מיט איר שוויים. ווי זשע קאָן זי פועלן בא זיך אף דער עלטער איבערצוקלײַבן זיך

אין א נײַעם קאנט, צווישן פרעמדע אומבאקאנטע מענטשן. און אויסער אלעמען, ווי קאָן זי איצט אפילע א פּיפּס טאָן פאַרן פּאָרזיצער פון קאָלווירט וועגן אוועקפאָרן אין רעכטן ברען פון דער ארבעטס־צײַט? פונדעסטוועגן האָט מירע באשטימט זיך דורכגיין אין פארוואלטונג און זיך דורכריידן.

דאָוויד האָט ליב געהאט, ווען מ׳קומט צו אים זיך האלטן אן אייצע. דאָס פּאָנעם הייבט אָן בא אים שײַנען, די אויגן פינקלען. הייסט עס, מענטשן האלטן פון אים, רעכענען זיך מיט זײַן מיינונג. און דאָס האָט אים פארשאפן פארגעניגן. מירע האָט זיך ארומגעוואשן, צוגעקעמט זיך, אָנגעטאָן דאָס שווארצע פּליושענע סעקעלע, דעם וואָלענעם שארף, וועלכן זי האָט ניט לאנג געקויפט אינעם ראיאָנעם אוניווערמאג, און זיך געלאָזט גיין צום פּאָרזיצער.

די געבײַדע, וווּ עס האָט זיך געפונען די פארוואלטונג, איז געווען אמאָל די ערשטע שטוב אינעם סטעפּ־יִישעוו און האָט נאָך ביז איצט געטראָגן דעם נאָמען, מיט וועלכן מ׳האָט זי דאן געקרוינט — „די קאָנטאָר". געשטאנען איז זי עטוואָס אָפּגערוקט פון די איבעריקע צוויי רייען הײַזער פונעם יִישעוו און האָט זיך אויסגעטיילט פון זיי מיט אירע רויט־ציגלנע ווענט, וועלכע זײַנען שוין געווען ערטערווײַז פארשווארצט, מיט איר ברוינעם בלעכענעם דאך און מיט די הענדעלעך אַף די לאנגע רינוועס.

וויפל רעגנס האָבן שוין געהאט ארומגעוואשן די שטוב, וויפל זאווייען האָבן מיט ברומענדיקער פײַפערײַ זיך דורכגעטראָגן פארבײַ איר, וויפל זוניקע טעג האָבן זי געסמאליעט, און זי איז אלץ געשטאנען ווי אמאָל, ווען מירע, נאָך גאָר א יונג מיידל, האָט איבערגעוואנדערט פון א וואָלינער שטעטל אהער אַף די פרײַע ניט באוווינטע סטעפּעס. טאקע דאָ האָט זי זיך דאן געטראָפן מיטן איצטערדיקן פּאָרזיצער פון קאָלווירט מיט דאָוויד דאשעווסקין. דאָוויד איז נאָך דאן אויך געווען א יונגער באָכער פונקט ווי זי, איז ער געווען געקומען אהער פון עפּעס א שטעטל פון דער רעכטברעגיקער אוקראַיִנע.

זי געדענקט, ווי ער איז געווען דאן אָנגעטאָן אין א שטארק אָפּגעריבענעם לעדערנעם רעקל און אין גאליפע און אויסגעקרימטע, פארשטויבטע שטיוול, פון אונטער דעם רעקל האָט זיך ארויסגעזען דאָס טונקל־ברוינע סאטינענע העמדל, וועלכס איז געווען ארויסגעלאָזן איבער די הויזן און ארומגעגארטלט מיט א גרין גארטעלע מיט קוטעסלעך. זײַן גרויסער קאָפּ איז געווען באוואקסן מיט א געדיכטער קוטשמע האָר. דאָוויד האָט דאן פונווײַטן א קוק געטאָן אַף מירען, איז צוגעגאנגען צו איר און גוטברודעריש, ווי ער וואָלט זי שוין לאנג קענען, ווענדנדיק זיך אַף „דו", א פרעג געטאָן:

— דו ביסט, קענטיק, אויך אן איבערוואנדערן?.. ביסט א קאָמיוגיסטקע?

— מ־הו, — האָט מירע א שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ, — און דו?

— איך בין אן אלטער קאָמיוגיסט, — האָט דאָוויד אָפּגעענטפערט מיט אזא טאָן, ווי ער וואָלט זיך באליידיקן, לעמײַ זי פארגיט אים גאָר אזא פראגע. ער איז גרייט געווען אַף אן אָרט אויסרעכענען פאר איר אלע זעקס קאָמירגישע אָנלאָדונגען, וועלכע ער האָט געהאט אין דער היים, אויסדערציילן איר, וואָס פאר אן אווטאָריטעט ער האָט דאָרט געהאט, וויאַזוי מ׳פלעגט אים קעסיי־

דער אויסוויילן פאר א פּאָרזיצער פון די קאָמיוגישע פּארזאמלונגען און אפּי־לע פאר א דעלעגאט אַף די ראיאָנע קאָנפערענצן.

דאָוויד האָט נאָך ניט באוויזן א מויל עפענען, ווי מירע האָט אים פאר־שאָטן מיט פראגן.

— צי האָט ער באגעגנט דאָ נאָך עמעצן פון די קאָמיוגיסטן? צי וועט דאָ זײַן א קאָמיוגיש קעמערל? וויאזוי נעמט מען זיך דאָ אפּן קאָמיוגישן דיסקאָנט?

דאָוויד האָט ניט געאײַלט, מיט ווערדע איר געענטפערט, נאָכדעם האָט ער אָנגענומען מירען פאר דער האנט, זי אָפּגערופן אָן א זײַט, ווי ער וואָלט איר וועלן א סאָד אײַנרוימען, און אָנגעהויבן מיט איר אײַנטײַנען:

— מיר דארפן דאָ זײַן דער אוואנגארד... פארשטייסט, מיר זײַנען די יונגע גווארדיע פון פּראָלעטאריאַט... דער רעזערוו פון דער פּארטיי... מיר דארפן אומעטום זײַן א מוסטער פאר אלעמען, ווי עס האָט געפּאָדערט פון אונדז דער כאַווער לענין.

דאָוויד האָט מירען דערמאָנט מיט אלע פּישטשעווקעס איינעם א יאָט פּר־נעם שטעטלשן ראיקאָם פון קאָמיוג. ער איז אויך געגאנגען אין אַן אָפּגערי־בענעם לעדערנעם רעקל, געטרייסלט מיט די קודלעס, וועלכע זײַנען אים אראָפּגעפאלן איבערן פּאָנעם. ער האָט געפּאָכט מיט די הענט און גערעדט מיט היץ, ווי מ׳רעדט אַף מיטינגען מיט א סאך אומפארשטענדלעכע ווערטער, אויס־געלייענטע פון צײַטונגען און פון ביכער.

אַף מאָרגן האָט דאָוויד מיט מירען ווידער זיך באגעגנט ארום דער קאָנ־טאָר, זיי האָבן לאנג ארומגעשפּאצירט איבערן פארווילדעוועטן, מיט קורײַ באוואקסענעם סטעפּ. פון ביידע זײַטן פון קאָנטאָר האָבן מענטשן געגראָבן גריבער, געמאכט ציגל, געמויערט ווענט.

די יאָרנלאנגע סטעפּישע שטילקײַט, אין וועלכער ס׳פלעגט ווען־ניט־ווען זיך דורכרײַסן א וואָערײַ פון א ווינט, א סווישטשערײַ פון א פויגל, א פּי־שטשערײַ פון אַן אווראכע, האָט פּלוצעם איבער זײַנע אָנענדלעכע ראכוועסן צעטראָגן די ערשטע מענטשלעכע קוילעס.

שטעגן און שטעגלעך האָבן זיך אויסגעצויגן פון דער איינציקער שטוב אין פעלד — פון דער קאָנטאָר צו די גריבער, ווו מ׳האָט געמאכט די ציגל, צום טאבאָר, צום ברונעם, צום שײַטער, ווו מ׳האָט אַף א דרײַפוס געקאָכט דאָס געקעכטס.

די סטעפּ־פויגלען האָבן זיך שוין אויסגעזעצט אין זייערע נעסטן אַף די מעזשעס אָדער ערגעץ אין א לעכל אַף א בערגל אַף נאכטלעגער. די פּלאָטער־לעך זײַנען שוין ערגעץ פארשווונדן, די היישעריקן האָבן אופגעהערט צו גרילצן, די נײַע סטעפּ־טוישווים זײַנען אײַנגעשלאָפן אין די טאבאָרן, און נאָר מירע מיט דאָווידן האָבן ארומגעשפּאצירט איבער די וועגן און שטעגן פון סטעפּ. אומקערנדיק זיך צום טאבאָר, פלעגן זיי סוידעסדיק זיך אָפּשטיין ביזן גרויען פארטאָג און אלץ זיך ניט געקאָנט אָנריידן.

איינמאָל האָט פון ערגעץ אָנגעטראָגן אהער מיט א גערויש א מאָדנע

אײַזערנע באַשעפעניש. קינד־און־קײט זײַנען זיך צונױפגעלאָפן אָנקוקן דעם בײזװוּנדער.

— אָן פערד אַקערט עס, — האָט מען אָנגעװיזן אױף דער באַשעפעניש, — און אַ קױעך האָט עס פאַר צען פערד, פאַר צװאַנציק און עפשער פאַר הונ־דערט.

מענטשן האָבן געקנײטשט מיט די פּלײצעס, פאַרװוּנדערט פאַנאַנדערגענו־מען די הענט און ניט געקאָנט פאַרשטײן דעם קישעף פון דער דאָזיקער באַשע־פעניש, װעלכע פּאָרט אָן פערד, אַקערט אַלײן. זײ האָבן דאָס פון אַלע זײַטן געפּרוּװט שאַצן, װיפל דאָס קען קאָסטן, װי מ׳באַקוקט אַ פערד, אײדער מ׳קױפט עס.

מירע איז אױך געשטאַנען דאָן צװישן דעם עולם. איר קאָפּ איז געװען איבערגעבונדן מיט אַ רױט טיכל. אײן צעפּל פאַרװאָרפן איבערן ברוסט, דאָס צװײטע איבערן אַקסל. אירע ברענענדיקע אױגן האָבן געקוקט מיט קינע אױפן באָכער אינעם בלױען קאָמבינעזאָן, װי ער דרײט זיכער מיטן רודער, װי ער קערעװעט די מאַשין און װי זי פּאָלגט אים געהאָרכזאַם.

— דאָס איז אַ טראַקטאָר? — האָט מירע געפרעגט באַם באָכער.

— אהא, — האָט דער באָכער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— דער טראַקטאָר װעט אַרבעטן בא אונדז?

— אהא, — האָט דער באָכער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

מירע האָט זיך אַ װײַלע אַרומגעדרײט אַרום טראַקטאָר, נאָכדעם האָט זי שטיל, קימאַט שעפּטשענדיק אַ פרעג געגעבן:

— װי קאָן מען זיך אױסלערנען אױפן טראַקטאָר אַרבעטן?

— װילסט װערן אַ טראַקטאָריסטקע? — האָט דער טראַקטאָריסט מיט אַ בײזעק־שמײכעלע געזאָגט. — דאָס איז דיר ניט קײן פערד אָנטרײַבן. אַ פערד גיסטו אַ צי פאַר די לײצעס, גיסט אַ שמיץ מיט דער בײַטש, און סע שלעפּט, און אױף אַ טראַקטאָר אױסלערנען זיך אַרבעטן איז דיר ניט קײן באָרשטש קאָכן.

— נישקאָשע, קײן שעד איז דאָך עס ניט, און פאַר קײן שעד האָב איך אױך ניט מורע, — האָט מירע זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, — װעסט זען, ער װעט אײנגיכן מיך פאָלגן, פּונקט װי דיך.

זי איז שױן געװען היפּש אָפּגעגאַנגען פונעם טראַקטאָר, און דער טראַק־טאָריסט האָט איר נאָכגעשריִען:

— ביסט אַ צו דרײסטע, קענסט דאָך זיך אױף קײן פערד ניט קערעװען, װילסטו נאָך אױף אַ טראַקטאָר אַרבעטן.

■

אױף דער ערשטער פאַרזאַמלונג פון די קאָמיוגיסטן פון זעכציק־צװײטן ערדבײלעק, װוּ מע האָט אָנגעהױבן בױען דעם סטעפּ־יִישעװ „זאַריאַ“, האָט מען דאָװיד דאַשעװסקין אױסגעװײלט פאַרן סעקרעטאַר פונעם קאָמיוגישן

קעמערל. פון דעם טאָג האָט זיך די פרײַנטשאַפט צווישן אים מיט מירען נאָך מער פארשטארקט, זיי זײַנען צוזאמען געגאנגען אף זיצונגען, פארזאמלונגען, בארטונגען, געאמפערט זיך איבער פארשיידענע פראגן. אלץ, וואָס מירע פלעגט זאָגן, דערציילן, פלעגט דאָוויד באטראכטן פון „פראָלעטארישן שטאנדפונקט". טאָמער פלעגט וואָס־ניט־איז ארויסרופן בא אים א דערווידערונג, פלעגט ער, מאכנדיק מיט די הענט, ווי אף א מיטינג, נעמען זיך היצן און טומלען:

— ס'איז ניט פראָלעטאריש... די פסיכאָלאָגיע הינקט נאָך בא דיר, מ'דארף זי אין קעסל איבערקאָכן...

אפילע דעם טראקטאָר האָט דאָוויד באטראכט נאָר פונעם שטאנדפונקט פון דער וועלט־רעוואָליוציע.

— דאָס איז, פארשטייסט, די „סמיטשקע" פון פר־ר־אָ־לעטאריאט (דאָוויד האָט דערבײַ שטארק אָנגעקוועטשט אפן רייש). דער טראקטאָר וועט אין אלוועלטלעכן מאסשטאב איבערקערן די קליינבירגערלעכע פסיכאָלאָגיע.

מירע האָט ארײַנגעקוקט דאָווידן אין מויל ארײַן און מעקאנע געווען, וואָס ער קאָן ריידן, ווי אן עמעסער אָראטאָר. אזוי האָט זיך איר אויסגעדוכט, דארפן ריידן אלע קאָמיוניסטן. און זי האָט נאָך אלץ גערעדט מיט אזא פראָסט לאָשן, ווי איר מאמע האָט גערעדט, ווי עס רעדן אלע מענטשן.

— ווי זשע, — האָט זי ניט אופגעהערט צו טראכטן, — זאָל זי אויסדריקן פאר דאָווידן איר הייסן פארלאנג, וועלכער האָט זי ניט אופגעהערט צו פײַניקן, זינט דער טראקטאָר האָט זיך באוויזן אין יישעוו.

איינמאָל איז זי געקומען אינעם קליינינקן צימערל פון קאָנטאָר, וווּ עס האָט זיך געפונען דאָס קאָמיונישע קעמערל, און געזאָגט דאָווידן:

— קעדיי אָנטייל צו נעמען אין דער „סמיטשקע" פונעם פראָלעטאריאט מיטן פויערטום, בעט איך, דאָס קאָמיונישע קעמערל זאָל מיר העלפן אָנקומען אף טראקטאָר־קורסן.

— אף טראקטאָר־קורסן? — האָט דאָוויד איבערגעפרעגט, — דו האָסט געהערט, וואָסערע אופגאבן שטייען פאר אונדז אין אלוועלט־מאסשטאב, און דו טראכטסט גאָר, קאָן מען זאָגן, וועגן... דײַנע אייגענע אינטערעסן, פארוואָס בעט איך ניט, מ'זאָל מיך שיקן לערנען... כ'בין עפּשער בילכער פאר דיר, נאָר איך טראכט ניט וועגן זיך... און דאָס, וואָס דו טראכטסט נאָר וועגן זיך, קאָן מען זאָגן, איז אינדיווידואליזם און מ'דארף דעריבער דורכקאָנטראָלירן דײַן פסיכאָלאָגיע.

— איך בין אן אינדיווידואליסטקע... איך... — האָט מירע אויסגעשטעלט אף דאָווידן א פּאָר אויגן. קיין שווערערע באשולדיקונגען האָט מירע קיינמאָל אפן לעבן ניט געהערט. אן אופגעבראכטע איז זי דעם זעלבן טאָג אוועקגעפאָרן אין ראיאָן און אומגעקערט זיך פון דאָרטן מיט א „פּוטיאָווקע" אף טראקטאָר־קורסן.

... ווען דאָס וואסער האָט אָפּגערוישט אין די באלקעס, איז מירע אין א בלויען קאָמבינעזאָן צוגעפאָרן צו דער קאָנטאָר אף א טראקטאָר.

— מירל פֿאָרט אויף אַ טראַקטאָר!.. אַט אַ מאַזיק! אַ פֿײַער, אַ קאָזאַק אין אַ קליידל! — האָבן זיך דערהערט קוילעס.

קינד־און־קייט זײַנען זיך צונויפֿגעלאָפֿן. כעוורע האָבן איר צוגעטראָגן וואַסער, אָנגעגאָסן אין ראַדיאַטאָר, געהאָלפֿן רייניקן דעם טראַקטאָר, צאַרט געגלעט אים, ווי מ'גלעט אַ באַשעפֿעניש. דעם טראַקטאָר האָט מען אָנגערופֿן „מירלס טראַקטאָר". ווי נאָר מ'האָט דערהערט פֿון ערגעץ אַ הודזשערײַ, האָט מען געשריִען:

— מירלס טראַקטאָר פֿאָרט!

שפּעט אין אָוונט פֿלעגן כעוורע אַרומגיין איבער די גאַסן און אַרויסקוקן, ביז זי וועט מיט בלענדיקע פֿײַערדיקע אויגן פֿון די פֿאַרעס זיך באַווײַזן אויף איר טראַקטאָר.

מער פֿון אַלעמען האָט אויף איר אַרויסגעקוקט דאָוויד דאַשעווסקי, ס'האָט אים מווירעדיק פֿאַרדראָסן, לעמײַ ער האָט זיך מיט איר צעווערטלט, אים האָט זיך שטאַרק געוואָלט ווי־ניט־איז פֿאַרגלעטן דעם סיכסעך, וואָס ער האָט גאהאַט מיט איר. איינמאָל, ווען זי איז געגאַנגען אַהיים, האָט זי דאָוויד אָפּגעשטעלט. אים האָט זיך געוואָלט דערציילן, ווי ער האָט געבענקט נאָך איר, ווי עס האָט אים פֿאַרדראָסן, לעמײַ זי האָט אים אַפֿילע קיין בריוו פֿון די קורסן ניט געשריבן, און לעמײַ זינט זי איז געקומען, האָבן זיי זיך נאָך ניט באַגעגנט. נאָר דאָוויד האָט ניט געוווּסט, ווי אויסצודריקן דאָס געפֿיל פֿון בענקשאַפֿט. ער איז געווען זיכער, אַז בענקען מעג נאָר אַ קליינבירגער, און דאָס, וואָס ער האָט געבענקט, איז אַ סימען, אַז ער איז נאָך ניט גענוג פֿאַרהאַרטעוועט אין פּראָלעטאַרישן גײַסט.

האָט ער מיט מירען פֿאַרפֿירט אַ רייד וועגן כאַווערשאַפֿט.

— מיר זײַנען געווען און וועלן בלײַבן כאַווײרים, — האָט זי אים געענטפֿערט.

דאָוויד האָט געפּרוּווט אַרופֿלייגן אַ האַנט אויף מירעס אַקסל, אַרומנעמען זי. נאָר זי האָט זיך געדרייט, געמינעט זיך אין פּאָנעם. דאָוויד האָט איר פֿאָרגעוואָרפֿן, אַז ס'איז קליינבירגערלעך, „ניע פּאָ קאָמסאָמאָלסקי", אַרײַנגעוואָרפֿן אַ פּאָר ווערטער וועגן נײַע באַציִונגען צווישן יינגלעך מיט מיידלעך. נאָכדעם האָט ער איר געגעבן אָן אָנצוהערעניש, אַז כאַווײרים מעג זי האָבן אַ סאַך, אָבער ער וואָלט וועלן זײַן איר נאָענטסטער כאַווער.

— איך האָב שוין אַזאַ כאַווער, — האָט מירע, עטוואָס אַראָפּלאָזנדיק די אויגן, ווי זי וואָלט זיך פֿילן שולדיק קעגן דאָווידן, אַ זאָג געטאָן.

— פֿאַרוואָס האָסטו מיר קיינמאָל ניט דערציילט פֿון אים? האָסט, הייסט עס, אויסבאַהאַלטן?

— ס'איז ניט אויסגעקומען... כ'האָב דיר, דאַכט זיך, אַמאָל דערציילט פֿון אים, — האָט מירע זיך ווי פֿאַרענטפֿערט.

— ווער איז ער, דײַן כאַווער... אַ גוטער יאַט? אַ קאָמיוגיסט?

— מיר זײַנען אין איין צײַט אַרײַנגעטראָטן אין קאָמיוג.

— איז ער, הייסט עס, אַ יונגער קאָמיוגיסט... אַ גרינינקער, ניט קיין פֿאַרהאַרטעוועטער, — האָט דאָוויד מיט אַ פֿאַרטײַעטן כוויזעק־שמייכעלע אַ

זאָג געטאָן, ווי ער וואָלט וועלן שטילן זײַן האַרץ. — און אוועלכע פּסיכאָלאָגיע איז בא אים?

— ער איז א קלוגער כעוורעמאַן, און די פּסיכאָלאָגיע איז בא אים א גוטע.

— וואָס הייסט א גוטע... א פּראָלעטאַרישע?

— וואָס דען?.. ער איז א שוסטער.

— א שוסטער... איז בא אים ניט קיין ריינע פּראָלעטאַרישע פּסיכאָלאָגיע, — האָט דאָוויד איבערגעשלאָגן, — ער דאַרף זיך נאָך, הייסט עס, אויבערקאָכן אין פּראָלעטאַרישן קעסל.

— ער וועט אינגיכן קומען אהער, וועסטו זיך באַקענען מיט אים, כ'האָף, אז דו וועסט זיך נאָך כאַווערן מיט אים.

דאָוויד האָט זיך צעזעגנט מיט מירען און איז מיט א שמערצלעכן ווייטעק אין האַרצן אוועק אהיים.

...אינגיכן איז ער אוועק אין דער אַרמיי. ווען ער האָט זיך דעמאָביליזירט, האָט שוין מירע כאַסענע געהאַט פאַר איר יוגנט־פרײַנט הערשל פלין. דאָוויד האָט אין א שטיקל צײַט אַרום אויך כאַסענע געהאַט, און צוזאַמען מיט זײַן פרוי פלעגט ער גיין צו מירעס מישפּאָכע אין די יאָמטויווים־טעג פאַרברענגען.

זינט עס איז אומגעקומען מירעס מאַן אויף דער מילכאָמע, האָט דאָוויד דאַשעווסקי, וועלכער איז געוואָרן דער פאָרזיצער פון קאָלווירט, אָנגעהויבן נאָך מער פרײַנטלען זיך מיט זײַן אַלטער כאַווערטע.

ניט געווען דער טאָג, ער זאָל זיך ניט זען מיט איר, זיך ניט אינטערעסירן מיט איר לעבן, מיט אירע נויטן.

■

איצט, ווען מירע האָט באַקומען דעם בריוו פון איר טאָכטער און זיך געגייטיקט אין אן אייצע, האָט זי גלײַך זיך געלאָזט גיין צו דאָווידן.

— נו, וואָס קוקסטו זיך אַרום, ווי א פרעמדע, קום אהער, — האָט דאָוויד, דערזעענדיק מירען נאָך פון יענער זײַט שוועל, זי א רוף געטאָן.

אויף דאָווידס ברייטן פאַרווינטיקטן פּאָנעם האָט זיך פאַנאַנדערגעגאָסן א גוטמוטיק שמייכעלע און איז אַראָפּגערונען אזש אויף די טונקעלע שוין היפּש באַזילבערטע וואָנצעס.

מירע איז צוגעגאַנגען צום טיש, ווו דאָוויד איז געזעסן, און זיך געזעצט לעבן אים. פון דער פאָטאָגראַפיע פונעם ערשטן „סאָז“[1] אין יישעוו, וועלכע איז געהאַנגען אויף דער וואַנט אין פאַרוואַלטונג, האָט דאָוויד אַראָפּגעקוקט מיט זײַנע ברענענדיקע אויגן, ער איז געווען אָנגעטאָן אין יענעם אָפּגעריבענעם לעדערנעם רעקל, אין וועלכן זי האָט אים דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט. אויף זײַנע ליפּן, האָט זיך אויסגעדוכט, וועלן באַלד נעמען אַרומשפּרינ־

[1] געמיינזאַמע ערד־באַאַרבעטונג.

גען, ווי דאַן, די זודיקע ווערטער וועגן דער אַלוועלטלעכער רעוואָליוציע. דאָוויד פון דער פאָטאָגראַפיע האָט געקוקט אַף דאָווידן, וועלכער איז געזעסן לעבן מירען אַרום טיש, ווי ער וואָלט פרעגן:

— דערקענסט מיך? דאָס בין איך דאָך דאָוויד דאַשעווסקי.

מירע האָט פאַרגלייַכט אויך אַ ווייַלע אין קאָפּ דאָווידן, וועלכער קוקט אַראָפּ פון בילד, מיט דאָווידן, וואָס זיצט לעבן איר.

— זייַן האַרץ האָט איבערגעבראַוזט, ווי יונגער ווייַן, — טראַכט זי, — אויסגעשטאַנען זיך, שטאַרקער געוואָרן. דער קאָפּ איז ניכטערער דערפאַר געוואָרן.

— וואָס מאַכסטו, באָבעצע? — האָט דאָוויד אַ פרעג געטאָן, ווי ער וואָלט זיך אָנשטויסן, וועגן וואָס מירע טראַכט איצטער.

— וואָס מאַכסטו, זיידעשי? — האָט זי אים אָפּגעענטפערט אינעם זעלבן טאָן, און זיי האָבן זיך הילכיק צעלאַכט.

— מיר זייַנען מיט דיר, הייסט עס, קאָמיוגישע זיידע־באָבע, — האָט דאָוויד, ווערנדיק צוריק ערנסט, אָנגעהויבן. — בעסער וואָלטן מיר נאָך טאַקע געווען קאָמיוגיסטן... ס'איז עפּעס געווען דאַן פריילעכער.

— פלעגסט זיך דאָך שטענדיק באַרימען, אַז דו ביסט אַן אַלטער קאָמיוגיסט, — האָט מירע אַ שמייכל געטאָן.

— איך בין דאָך שוין איצט טאַקע אַן אַלטער קאָמיוגיסט, — האָט דאָוויד זיך אָפּגערופן. זייַנע שטענדיק שמייכלענדיקע אויגן זייַנען פּלוצעם אַרמעטיק געוואָרן. פאַר די אויגן האָבן דורכגעבליצט די פאַרגאַנגענע לוסטיקע קאָמיוגישע יאָרן, און פון מויל האָט זיך ווי פון זיך אַליין אַרויסגעריסן:

— מיר זייַנען די יונגע גוואַרדיע פון פּראָלעטאַריאַט.

— מיר זייַנען שוין די אַלטע גוואַרדיע פון פּראָלעטאַריאַט, — האָט מירע איבערגעכאַזערט און געקוקט גלייַך אַף דאָווידן.

יאָרן האָבן איבערגעלאָזן קנייטשעלעך אַף זייערע פּנעמער, ווי פּראָסט־געמעלן אַף שויבן, ווי האַרבסטיקע פאַרטאָגיקע טויען באַזילבערט זייערע קעפּ.

— נו, דערצייל, וואָס הערט זיך בא דיר נייַס? — האָט דאָוויד נאָך אַ קורצער פּאַוזע, אַרופליגנדיק אַ פוס אַף אַ פוס, זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדער־פרעגן בא מירען. — וואָס שרייַבט עפּעס סימע? וואָס מאַכט זי?

— כ'האָב נעכטן באַקומען אַ בריוו פון איר... זי אַרבעט צוביסלעך, דאָס אייניקל זאָל זייַן געזונט...

מירע האָט געוואָלט פאַרפירן אַ שמועס וועגן דעם, צוליב וואָס זי איז געקומען. נאָר דאָוויד האָט זי איבערגעשלאָגן.

— ביסט שוין טאַקע אַן עמעסע באָבע... איך האָב זיך דאָך נאָר געוויצלט... די טראַקטאָריסטן האָבן דיר אַמאָל געהאַט אַ נאָמען געגעבן „מאַמע". כאָטש די זין זייַנען אָפּט עלטער געווען פון דער מוטער, און איצט רופן זיי דיך שוין באָבע... די באָבע פון די טראַקטאָריסטן... האַיאָר ווערט דאָך שוין דרייַסיק יאָר, זינט דו אַרבעטסט אַפן טראַקטאָר... זייַנען דאָך טאַקע די יונגערע טראַקטאָריסטן דייַנע אייניקלעך... איז אָט, לעקאָוועד דייַן יובילייַ האָבן

מיר באַשטימט אויף דער פּאַרוואַלטונג צונויפֿנעמען אַלע דײַנע זין און אייניקלעך, אַלע פֿרײַנט און כאַווײרים און אָפּמערקן דײַן יאָמטעוו.

— וואָס זשע איז דאָס פֿאַר אַ יאָמטעוו?.. וואָס האָב איך אַזוינס אויפֿגעטאָן?.. געאַקערט די ערד און גאָר... מיליאָנען מענטשן אַקערן די ערד, און קיינער מאַכט דערפֿון קיין וועזן ניט.

— יענץ איז געווען אַן אַנדער סאָרט אַקערן... זיי האָבן געאַקערט פֿאַר זיך, און דו אַקערסט פֿאַר דער וועלט־רעוואָלוציע...

דאַוויד האָט זיך אַ שטעל געגעבן און אָנגעהויבן פּאַכן מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט אַ רעדע געהאַלטן. נאָר טייקעף האָט ער זיך אָוועקגעזעצט און אָנגעהויבן ריידן געלאַסענער.

— ס׳א שפּילכעלע, וויפֿל ערד דו האָסט אויפֿגעאַקערט אויף דײַן טראַקטאָר... אַ גאַנצע מעדינע האָסטו דאָך שוין פֿאַר דער צײַט געקענט איבעראַקערן. און וויפֿל ברויט איז אויסגעוואַקסן אויף דער אויפֿגעאַקערטער ערד!

דאַווידס פּאָנעם האָט זיך אָנגעהויבן באַוועגן, די אויגן אַרומלויפֿן.

„וואָס האָט ער זיך הײַנט אַזוי צערעדט.. ער האָט דאָך שוין לאַנג אַזוי ניט גערעדט, — האָט מירע אַ טראַכט געטאָן. — עפּשער האָט סימעלע אים אויך אָנגעשריבן אַ בריוו, און ער ווייסט, נאָך וואָס איך בין געקומען צו אים".

זי האָט שוין צוגעגרייט דעם בריוו, געוואָלט אים ווײַזן. נאָר איידער זי האָט באַוויזן אַ מויל עפֿענען, האָט ער זיך עטוואָס אָנגעגעבויגן צו איר, ווי ער וואָלט איר וועלן אַ סאָד אײַנרוימען, און מיט דער זעלבער היץ פֿאָרגעזעצט.

— אַ סאַך מיידלעך טראַקטאָריסטקעס זײַנען געווען אין יענער צײַט, ווען דו האָסט אָנגעהויבן אַרבעטן? אַ סאַך טראַקטאָרן האָבן מיר דאַן געהאַט? אויף די פֿינגער פֿון איין האַנט וואָלסטו געקאָנט איבערציילן זייער צאָל, און וויפֿל האָבן מיר איצט אייגענע טראַקטאָרן אין קאָלווירט?

גיב אַ קוק, סאַראַ קליינינקער, שוואַכינקער עס זעט איצט אויס דער פֿאָרדזאָן קעגן דעם מעכטיקן טש.ט.ז. אַלע מאַרקעס טראַקטאָרן זײַנען דאָך דורכגעגאַנגען דורך דײַנע הענט... נו, איז דאָ וואָס צו דערמאָנען?.. איז דאָ אויף וואָס זיך אַרומצוקוקן?.. וואָס אָפּצושאַצן... מעגן מיר, הייסט עס, אַ יאָמטעוו מאַכן?!

מירען איז קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו פֿאַרטראַכטן זיך אויף דעם אַלץ, וואָס דאַוויד האָט איצט גערעדט מיט איר. בײַ איר אין דער נעשאָמע איז דער טאָג, ווען עס האָט זיך פֿאַרווירקלעכט איר טרוים און זי האָט זיך געזעצט אויפֿן טראַקטאָר, געבליבן אויפֿן גאַנצן לעבן, ווי אַ געדענק־טאָג.

„פֿאַרוואָס טאַקע ניט אָפּמערקן מיט די כאַווײרים דעם יויוול פֿון די דרײַסיק אַרבעטס־יאָרן?" האָט זי אַ טראַכט געטאָן. נאָר טייקעף האָט זי זיך דערמאָנט אין דער טאָכטער, וועלכע וואַרט אויף איר קומען. איבערלייענדיק סימעס בריוו פֿון איין האַנט אין דער צווייטער, האָט מירע ניט אויפֿגעהערט נאָכצושפּירן נאָכן פֿאָרזיצער, וועלכער האָט, ריִענדיק זיך אין אַ פּאַפּקע צווישן די פּאַפּירן, זיך אָפּגעווענדט אויף אַ ווײַלע פֿונעם שמועס מיט איר. פּלוצעם האָט ער אַ הייב געגעבן דעם קאָפּ און, ווי ער וואָלט פֿילן, וואָס זי וויל מיט אים ריידן, געזאָגט צו איר:

— כ'וועל דיר באַלד ווײַזן דעם פּלאַן פון אונדזער האַרבסט־פּאַרזיי. דער שעטעך פון די ווינטער־קולטורן וועט זיך בײַ אונדז האַיאָר אויף אַ סאַך פאַרגרעסערן, קעדײַ אָפּמערקן דעם יאָמטעוו, וועלן מיר אים דאַרפן באַאַר־בעטן גיכער און בעסער ווי אַלעמאָל.

„אויב אַזוי, לוינט אַפילע פון מויל ניט אַרויסצוברענגען קיין וואָרט וועגן אָוועקפאָרן", האָט מירע באַשטימט. סײַדן בעטן זיך כאָטש אויף אַ פּאָר טעג צוצופאָרן צוגאַסט צו סימעלען, העלפן איר ווי־ניט־איז אײַנאָרדענען דאָס קינד, זי זאָל רויִק קאָנען אַרבעטן. אָבער די טעג וועט זיך דאָך דאָ אָנהייבן דער פּאַרזיי. עפּשער אייצען סימען קומען אײַנגאַנצן אַהער. נאָר זי וועט סײַווי ניט פאָלגן.

— וואָס זשע טוט מען? — איז זי געשטאַנען אַ פאַרצווייפלטע און זיך קיין אייצע ניט געקאָנט געבן.

■

מירע איז געקומען אַהיים און זיך געזעצט שרײַבן סימען אַ בריוו.

„טײַערע טאָכטער, האָט זי געשריבן, איך פאַרשטיי זייער גוט, ווי שווער דיר קומט אויס מיט אַ קליין קינד צו לעבן און צו אַרבעטן אינעם ווײַטן פאַרוואָרפענעם קאַנט. דאָס האַרץ פאַרגייט זיך מיר פון פאַרדראָס, וואָס איך קאָן דיר ניט קומען צוהילף. נאָר וואָס זאָל איך טאָן? ווי זאָל איך וואַרפן די אַרבעט? באַטראַכט זיך נאָר, קאָן איך דען בלײַבן נאָר אַ באָבע? געדענקסט, ווען דו ביסט געווען אַ קלייניטשקע, איז נאָך בײַ אונדז אין יִשעוו אויך ניט געווען קיין קינדערגאָרטן. פלעגט מען צונויפטראָגן די קינדער אין איין שטוב, און ווער־ניט־איז פון די מוטערס פלעגט בלײַבן דאָרטן דעזשורען, קעדײַ די איבעריקע פרויען זאָלן קאָנען גיין אַרבעטן. אַזוי, מײַן טאָכטער, ביסטו געוואַקסן און ביסט מיט מאַזל אויסגעוואַקסן, האַלעוויַ אויף דײַן וואָוקען געזאָגט געוואָרן".

מירע האָט ניט באַוויזן ענדיקן דעם בריוו, ווי מ'האָט איר געבראַכט אַ טע־לעגראַמע: „וואָווקע איז־ניט געזונט, קום צו פאָרן".

אַ צעטומלטע האָט זי עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד איבערגעלייענט איינע און די זעלבע ווערטער.

„עפּשער האָט סימע באַשטימט אָפּנאַרן, כ'זאָל גיכער אַרויספאָרן, — נאָר טייקעף האָט זי אָפּגעטריבן דעם געדאַנק. — סימעלע האָט קיינמאָל ניט אָפּ־גענאַרט, אַפילע קינדווײַז, און איצט איז זי דאָך אַ דערוואַקסענער מענטש און ווייסט, אַז איך וועל האָבן דערפון גרויס האַרצווייטעק. ניין, אַזאַ זאַך וועט סימע אַוואַדע ניט טאָן".

מירע האָט באַשטימט טייקעף אַרויספאָרן. זי האָט זיך אַפּגיך אָנגעטאָן און איז אַוועקגעלאָפן אין פאַרוואַלטונג.

— וואָס איז געשען? — האָט דאָוויד, א קוק געבנדיק אף איר צעשטרייטן בליק, א פרעג געגעבן.

מירע האָט אוועקגעלייגט די טעלעגראַמע אפן טיש און מיט אן אופגערעגט קאָל געזאָגט:

— דאָס איז פון דער טאָכטער, אז זי רופט מיך שוין ארויס מיט א טעלעגראַמע, איז שוין דאָס קינד מיסטאמע רעכט קראַנק, ווער ווייסט, ווער ווייסט, וואָס ס'טוט זיך דאָרטן?

דאָוויד האָט געדרייט די טעלעגראַמע אין אלע זייטן, ווי ער וואָלט זי באטראַכט.

— עפשער וואָלסטו טעלעגראַפירט, זיך געניוער דערוווּסט, וואָס דאָרטן טוט זיך. דער וועג איז דאָך א ווייטער... מעגלעך, אז דאָס איז גאָר ניט אזוי... מאַלע וואָס, — האָט דאָוויד זי אָנגעהויבן אײַנריידן.

— כ'בין דאָך ניט קיין קינד, ס'קאָן קיין רייד ניט זײַן, כ'זאָל זיך פארהאַלטן אפילע אף א שאָ, — האָט מירע אנטשיידן געמאָלדן.

— א שאָד, א שאָד, ערשט האָבן מיר דאָך גערעדט וועגן דײַן יובילײַ, וועגן הארבסט־פּאַרזיי און נאָ דיר.

— אן אומגליק פרעגט ניט ווען צו קומען, — האָט מירע זיך ווי פארענטפערט, — אלעמאָל קומט ער אין דער סאמע שווערער צײַט.

— נישקאָשע, מירע, ערגער זיך ניט, כ'בין זיכער, אז ס'איז גאָר ניט אזוי געפערלעך, ווי ס'דוכט זיך דיר, גיב א טעלעגראַמע, עפשער איז אים שוין בעסער.

— ניין, ניין, כ'פאָר אָן שום טערעץ, אז ס'וועט זײַן אלץ בעשאָלעם, וועל איך טייקעף צוריקקומען, — האָט געזאָגט מירע און זיך צעזעגנט מיט דאָווידן.

■

מירע האָט אפגיך צונויפגעפאַקעוועט די זאכן און אף א לאַסטמאַשין, וועלכע איז פונקט געגאַנגען צום פּאָלוסטאנאָק, זיך געלאָזט אין וועג ארײַן. ס'איז שוין געווען אָנהייב הארבסט. פון די הייסע טעג אין שניטצײַט און פון די אָפטע רעגנס, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן גלײַך נאָך די היצן, איז די סטערניע געוואָרן טונקל־ברוין.

איבערן אָנבּרעגיקן סטעפּ האָבן דאָ און דאָרט זיך שוין געשוואַרצט פרישאופגעאַקערטע פּאַסן שייל־ערד אָדער פּאַר.

דרײַסיק יאָר נאָכאַנאַנד האָט מירע פון ברעג ביז ברעג איבערגעאַקערט אָט די ערד. אין מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציע האָט מען שוין געוווּסט, אז דאָס איז איר באַציק, און מע האָט קיינעם אכוץ איר קיינמאָל אהער קיין נאַריאַדן ניט געגעבן. יעדעס באַלקעלע, יעדעס בערגעלע איז איר דאָ געווען אייגנאָענט. דער סטעפּ איז געווען איר היים. דאָ אין די שוואַרצערדיקע גרונטן איז זי ווי פון א נײַער זוים אויסגעוואַקסן, זיך אָנגעגאָסן מיט פרישע קויכעס.

פרילינג, ווען די העל־קרישטאָלענע ריטשקעס פונעם צעגאַנגענעם שניי פלעגן נאָך רוישן אין די באַלקעס, ווען קיין איין פויגל־סווישטש האָט זיך נאָך ניט דערטראָגן אהער, פלעגט שוין אויף די בערגלדיקע ערטער, וווּ עס האָט קוים־קוים צוגעטריקנט, זיך צערוישן מירעס טראַקטאָר, ווי אַן אָנזאָג פון פרישע שפּראָצן פון כוואַליעס טווועס, פּאָדסאָלנוך און קוקורוזע. און איצט האָט זי זיך געדאַרפט מיט אַלץ דאָ צעשיידן, און מעגלעך אפילו, אַז אויף שטענדיק. איר איז פאַרגעשטאַנען צו פאַרבײַטן דעם טראַקטאָר, דעם ראַכוועסדיקן סטעפּ, וווּ זי האָט אָפּגעאַקערט דרײַסיק יאָר, אויף אַ קליין וועגעלע, אויף וועלכן זי וועט איבער אַ שמאָל שטעגעלע פירן איר אייניקל שפּאַצירן.

ווען זי קען, מירע, וואָלט זי מיטגענומען מיט זיך, אָט די ערד, די סמאַליענדיקע זון, אפילו די ווינטן און ווינטלעך, די זאַווייען און שלאַקסרעגנס אינעם פרעמדן קאַנט צו איר טאָכטער, ווּהין זי פאָרט איצט. ווי גוט וואָלט איר דאָרט דאַן געווען!

מיט אַ טריבן אומעט, פול מיט בענקשאַפט פון צעשיידונג האָט געקוקט אויף איר דער סטעפּ. אַ הארבסטיק ווינטל האָט געשאָקלט די איבערגעבליבענע שטעקלעך פון קוקורוזע, פּאָדסאָלנוך, די קוסטעס קורײַ בײַ די וועגן.

דורכשפּרינגענדיק פאַרבײַ די זאמד־היילן, איז די מאַשין אַרופגעפאָרן אויף דער ערד פונעם שכײַנישן קאָלווירט. פאַר מירעס אויגן איז געלעגן דער זעלבער סטעפּ, ווי דאָרט בײַ איר. די זעלבע טונקל־ברוינע סטערנע. די זעלבע פּאַסן פריש אופגעאַקערטע ערד, נאָר די בליקן אירע זײַנען נאָך אַלץ געווען צוגעשמידט צו די לעצטע סימאָנים פון דער היים, וועלכע ווערט מיט יעדער רעגע אַלץ מער פאַרשווונדן אונטער אַ מוטנעם גרויען נעפּל.

וואָס מער מירע האָט זיך דערווײַטערט פון די אייגענע פעלדער, אַלץ מער אומרויִקער איז זי געוואָרן. אין קאָפּ האָבן איר געגעבערט נאָר געדאַנקען וועגן דער טאָכטער און וועגן אייניקל. ס'האָט זי באַהערשט נאָר איין פאַרלאַנג — וואָס גיכער זיך אַרײַנזעצן אין צוג און דערקלײַבן זיך צו זיי. וועגן דעם לאַנגן וועג, וואָס ס'איז איר פאַרגעשטאַנען דורכצומאַכן, וועגן דעם, וואָס דאָרט אויף אַן אָרט שטייט איר פאַר, האָט זי ניט געוואָלט טראַכטן. פאַרטיפט אין די געדאַנקען, האָט מירע ניט באַמערקט, ווי די מאַשין איז צוגעפאָרן צום פּאַלוסטאַנאָק.

ביזוואַנען מירע האָט זיך געזעגנט בײַ דער קאַסע מיטן בילעט, איז צוגעגאַנגען אַ פאַרשמײַעטער, אַ פאַרסאָפּעטער פון אײַליקן גאַנג דער צוג. מירע האָט קוים באַוויזן זעצן זיך אין וואַגאָן, ווי דער לאָקאָמאָטיוו האָט, אַרויסלאָזנדיק קנוילן רויך, אַ פּײַף געטאָן, אַ שלעפּ געטאָן, און דער צוג האָט זיך גערירט.

אין דרויסן האָט שוין געטונקלט. נאָר דורך די פענצטער פון וואַגאָן האָט מען נאָך דײַטלעך געזען, ווי אויף די אומענדלעכע סטעפּישע שטרעקעס אַקערן און אַקערן טראַקטאָרן.

— ווי גרויס ער איז, דער סטעפּ... און וויפל ערד דאַרף מען עס איבעראַקערן! — האָט מירע אַ טראַכט געטאָן. — ווּהין מ'פאָרט, אַקערט מען און

מ׳אקערט... וויפֿל טראַקטאָרן דאַרף מען עס האָבן איבערצואַקערן אָט דעם אָנענדלעכן סטעפּ.

די פֿעלדער, וועלכע זי פֿאָרט פֿאַרביי, זײַנען איר ניט ווייניקער נאָענט און טײַער, ווי די ערד דאָרטן בײַ זיך אין דער היים. ווען זי קאָן איצט אַראָפּגיין פֿון צוג, וואָלט זי צוגעגאַנגען צו די מענטשן, וואָס אַקערן, און וואָלט זיך צעפֿרעגט.

— ווי גייט בײַ אײַך די אַרבעט, ברידער? אויף וויפֿל אַ טיף אַקערט איר?.. צי פֿאַרבראָנעוועט איר טייקעף דאָס אויפֿגעאַקערטע, כּדי צו פֿאַרהיטן די פֿײַכטקייט?

דרײַסיק יאָר נאָכאַנאַנד איז זי געווען געוווינט אין דער צײַט אַקערן, גרייטן די ערד, זי זאָל זיך אָננעמען מיט פֿײַכטקייט, אויסוואַרעמען זיך אונטערן שניי, כּדי זי זאָל נאָכדעם ברענגען שעפֿע, פֿרייד, און איצט קוקט זי, ווי אַנדערע אַקערן, און מעגלעך, אַז ס׳וועט איר אײַנגאַנצן אויסקומען שיידן זיך מיט דער אַרבעט...

■

אויפֿן פֿינפֿטן מעת־לעת איז דער צוג צוגעגאַנגען צום קליינינקן פּאָלוסטאַנאָק, וווּ זי האָט געדאַרפֿט אַראָפּקריכן. אין דרויסן האָט קוים געשאַריִעט אויף טאָג. אַרום איז געווען פּוסט. בלויז עטלעכע פּאַסאַזשירן זײַנען אַראָפּ פֿונעם צוג און זײַנען צערונען געוואָרן.

מירע האָט זיך אוועקגעזעצט אויף אַ בענקל, אָפּגעזעסן, ביז ס׳האָט אָנגעהויבן רעכט טאָגן, נאָכדעם איז זי אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן, עפּשער וועט זי אַרום עלעוואַטאָר געפֿינען אַ מאַשין, וואָס פֿאָרט אינעם יִשעוו, וווּ ס׳וווינט די טאָכטער.

— וווּהין דאַרפֿט איר, מאַמאַשע? — האָט, דערזעענדיק מירען, זיך אָנגערופֿן אַ הויכער באָכער אין אַ וואַטאָווער קורטקע, וועלכער האָט זיך געפּאָרעט אַרום אַ מאַשין ניט ווײַט פֿון פּאָלוסטאַנאָק.

— איר פֿאָרט עפּשער אין קאָלווירט „פּראָגרעס״? — האָט מירע אַ פֿרעג געטאָן.

— פֿון „פּראָגרעס״ איז דאָ, דאַכט זיך, אַ מאַשין. נאָר זי איז ערגעץ אוועקגעפֿאָרן. דער שאָפֿער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט נאָך צופֿאָרן אַהער.

אין אַ מינוט צען אַרום איז טאַקע פֿון ערגעץ אָנגעשפּרונגען אַ לאַסט־אויטאָ.

— איר זײַט פֿון קאָלווירט „פּראָגרעס״? — האָט מירע אַ פֿרעג געגעבן.

— וואָסי, איר דאַרפֿט אַהין? — האָט דער שאָפֿער אומבאַשטימט אָפּגעענטפֿערט. — וועמען דאַרפֿט איר דאָרטן?.. איך קען דאָרט קימאַט אַלעמען... צי איר פֿאָרט אַהין זיך באַזעצן אויף שטענדיק?

— דעם אַגראָנאָם סימע פּעווזנער קענט איר?

— ווי זשע?.. ווער קען זי ניט... כ׳קען זי גוט... זייער גוט קען איך זי... אַ בעדאָווע. אַ ברען! איר זײַט עפּשער איר מוטער?

— איר האָט געטראָפֿן, — האָט מירע זיך אָנגערופֿן.
— איר האָט ניט צו וויסן געגעבן, אז איר פֿאָרט, וואָס זי באגעגנט אײַך ניט? אן אומגעריכטער גאסט, הייסט עס...
— ניט גאָר קיין אומגעריכטער, — האָט מירע זיך אָפּגערופֿן, — כ'קלײַב זיך שוין לאנג צו איר, נאָר כ'האָב זיך אלץ ניט געקאָנט ארויסרײַסן... איר פֿאָרט גיך אהיים, צי איר וועט זיך דאָ נאָך פֿארהאלטן?..
— כ'פֿאָר באלד... טאקע באלד, איך קאָן אײַך מיטנעמען. זעצט זיך — האָט דער שאָפֿער, ניט דערוואַרטנדיק זיך אױף קיין ענטפֿער, א זאָג געטאָן. — כ'וועל אײַך צופֿירן ביז דער טאָכטערס שטוב.
מירען האָט זיך וואָס גיכער געוואָלט דערוויסן, וואָס איז מיטן אייניקל. זי האָט ניט אױפֿגעהערט צו פֿאַנאַנדערפֿרעגן זיך באם שאָפֿער, צי האָט ער די לעצטע טעג געזען איר טאָכטער, צי איז אים אויסגעקומען זײַן בא איר אין דער היים, צי האָט ער ניט געהערט, וואָס מאכט דער טאָכטערס קינד.
— כ'האָב גאָרנישט ניט געהערט, — האָט דער שאָפֿער געענטפֿערט. — אײַער טאָכטער האָב איך געזען נעכטן צי אייערנעכטן... זי האָט גאָרנישט ניט געזאָגט.
מירע האָט א ווײַלע געשוויגן, נאָכדעם האָט זי ווידער זיך אָנגעהויבן פֿאַנאַנדערפֿרעגן, צי ס'איז פֿאַראַן א דאָקטער אין יִשעוו, צי מ'דאַרף ערגעץ פֿאָרן נאָך אים.
— בא אונדז וועט זײַן אינגיכן ניט איין דאָקטער, נאָר עטלעכע, — האָט דער שאָפֿער אָפּגעענטפֿערט און אָנגעהויבן דערציילן פֿון דער נײַער אמבולאַ־טאָריע, וועלכע מע בויט אין יִשעוו. אומבאמערקט איז ער אריבערגעגאנגען אױף אנדערע פֿראַגן, וועלכע האָבן א שײַכעס צום לעבן פֿון זייער נײַעם אױפֿ־קומענדיקן יִשעוו.
זי האָט זיך אזוי פֿארטיפֿט אינעם שמועס מיטן שאָפֿער, אז זי האָט אפילע ניט באמערקט, ווי זיי זײַנען צוגעפֿאָרן צו איר טאָכטערס שטוב.
מירע האָט נאָך ניט באוויזן אראָפּקריכן פֿון דער מאשין, ווי אנטקעגן איז איר ארויסגעלאָפֿן א שלאנקע שוואַרצכיינעוודיקע פֿרוי מיט א קוטשעראַוון קאָפּ האָר אין א רויט שיין אויסגעהעפֿט וואָלן קאַפּטל.
— מאַמע! — איז זי מיט א געשריי צוגעלאָפֿן צו מירען. — פֿאַרוואָס האָסטו ניט צו וויסן געגעבן, אז דו פֿאָרסט?.. כ'וואָלט ארויסגעפֿאָרן באגע־גענען.
— סימעלע, טאָכטערקע, — איז די מוטער אירע אַרופֿגעפֿאַלן אױפֿן האלדז און זי געגומען קושן, — כ'האָב ווי־ניט־איז אליין דעם וועג געטראָפֿן, זאָג מיר בעסער, וואָס מאכט דאָס קינד.
— נישקאָשע, מאַמע, נישקאָשע, ס'איז אים א סאך בעסער, — האָט סימע אָפּגעענטפֿערט.
זי האָט א כאַפּ געטאָן דער מוטערס טשעמאָדאַן און אים ארײַנגעטראָגן אין שטוב. ניט פֿאַרהאלטנדיק זיך אין פֿאָדערהויז, זײַנען זיי ארײַנגעגאנגען גלײַך אין צימער, ווו אין א בעטעלע איז געלעגן וואָוקע. מירע איז צוגעגאנגען, אים א קוש געטאָן. — מיר זאָל זײַן פֿאַר דיר, נאכעס מײַנער! — האָט זי,

שעפּטשענדיק, דאָס קינד זאָל זיך ניט אופּכאַפּן, א זאָג געטאָן. וואָווקע האָט זיך איבערגעקערט אַף דער צווייטער זײַט, מירע האָט געוואָלט עפּעס זאָגן דער טאָכטער, נאָר וואָווקע האָט זיך געגומען טשוכען. ווען דאָס קינד האָט אופּגעעפּנט די אייגלעך, האָט זי זיך אײַנגעבויגן נאָך א מאָל א קוש געגעבן אים און אָנגעהויבן ריידן.

— לעבן מײַנס, נעשאָמע מײַנע געטרײַע... וואָס איז מיט דיר, זאָג, וואָס איז מיט דיר?.. ביסט נעבעך א טעל געוואָרן, פייגעלע מײַנס.

דאָס קינד האָט מיט נײַגעריקע אויגן געקוקט אַף מירען און אָנגעבלאָזן זיך ווי אַף וויינען.

— וואָס קוקסטו אזוי, זונעלע מײַנס, ס'איז דאָך דײַן באָבע, — האָט סימע מיט א שמייכל געזאָגט. — ס'איז דאָך די „טאַטאָריסטקע“. ער באַרימט זיך שטענדיק, אז די באָבע זײַנע איז א טראַקטאָריסטקע, און אז ער וועט אויס־וואַקסן, וועט ער אויך זײַן א טראַקטאָריסט.

— גוט, גוט, לעבן מײַנס, כ'וועל דיך אויסלערנען ווערן א טראַקטאָריסט.

■

מירע האָט פון די ערשטע טעג זיך צוגעבונדן צו איר אייניקל. זי איז שאָען אָפּגעזעסן ארום זײַן בעטל, פאַרבראַכט מיט אים, געלייענט ביכלעך, דערציילט מעיסעס. פון טאָג צו טאָג איז דעם קינד געוואָרן בעסער. ער האָט אָנגעהויבן ארויסגיין אין דרויסן שפּאַצירן. וואָווקע איז פּוסטריט נאָכגעגאַנגען נאָך דער באָבען. דערציילט איר פאַרשיידענע נײַעס פון שטוב, פון דעם טאַטן, פון דער מאַמען, פון דער קאַץ, וועלכע האָט זיך געהאַט אָפּגעקעצלט.

די האַרבסטיקע זון האָט געשײַנט ווי אינמיטן זומער, נאָר די לופט איז געווען א קילע, א מוטנע ווי א צעבויטעטע. פון סטעפּ האָט געצויגן א ווינטל, וואָס האָט געשאָקלט די איבערגעצײַטיקטע פאַרגעלטע גראָזן. די קוסטעס קורײַ, דאָס בײַסיקע ווינטל און די געלקײַט פון די גראָזן האָבן דערמאָנט, אז ס'איז שוין רעכט האַרבסט, אז מ'דאַרף זיך אונטערײַלן מיטן אקערן, און זי שפּאַצירט גאָר ארום מיט איר אייניקל אין אזא הייסער צײַט. זי האָט דאָך צוגעזאָגט דעם פּאָרזיצער גיך זיך אומקערן. איר האָט זיך שטאַרק געוואָלט פאַרכאַפּן אין דער היים כאָטש א שטיקל אקער־צײַט. איבערהויפּט, ווען מ'גרייט זיך דאָרט אָפּ־מערקן אירע דרײַסיק יאָר אַרבעט אַפן טראַקטאָר.

אויב וואָווקע איז געוואָרן געזונט, טאָר זי זיך קיין איין איבעריקן טאָג דאָ ניט פאַרהאַלטן, — האָט זי בא זיך פעסט באַשלאָסן. סימע דאַרף עס אליין פאַרשטיין און דאַרף צוטראַכטן ווי אײַנצואָרדענען דאָס קינד, זי זאָל קאָנען אוועקפאָרן.

— מע דאַרף זיך גרייטן אין וועג ארײַן, — האָט מירע געזאָגט דער טאָכטער.

— און עפּשער וועסטו פאָרט בלײַבן דאָ. דאָס קינד האָט זיך אזוי צוגע־בונדן צו דיר, ס'וועט נעבעך בענקען.

— און מיר, מיינסטו, גייט ניט אוים דאָס כּיַעס נאָך וואָווקען? און מיט דיר, קינד מײַנס, איז מיר גרינג צו שיידן זיך? נאָר וואָס קאָן מען טאָן?.. כ'מוז פאָרן, פארשטייסט אליין, אז כ'קאָן דאָ ניט בלײַבן.

ווי זי איז ניט געווען פארהאוועט מיטן אָפּפאָרן, האָט זי אײַנגעבעטן די שכיינע אכטונג געבן אף וואָווקען און זיך ארויסגעריסן כאָטש אף א פּאָר שאָ א קוק טאָן, ווי עס גייט דער הארבסט־אופאקער אף די נײַע סטעפּישע מאסיוון. אין דער היים וועט מען זי דאָך פרעגן, ווי עס לעבן די מענטשן פון דעם קאנט, ווי זיי ארבעטן, ווי זיי הייבן אוף די נײַע סטעפּישע מאַ־סיוון.

די פעלדער האָבן זיך אָנגעהויבן גלײַך הינטער דעם ניט לאנג אויסגעבויטן ייִשעוו.

אף דער טונקעלער אופגערודערטער ערד האָבן ווידער אָנגעהויבן זיך דורכשלאָגן גרינע פּירייען, בורקונען, אויסגעמישט מיט גרוי־טערפּקן פּאָלין. צעשראָקענע פייגל האָבן סטײַעסווײַז מיט געשריי זיך געטראָגן אין דער לופטן, אראָפּגעלאָזט זיך אף די שווארצע פּאסן פריש אופגעאקערטער ערד און, גריבלענדיק זיך א ווײַלע מיט די שנאָבלען אינעם באָדן, ווידער זיך אופגע־הויבן אין דער הייך.

ערגעץ פון דער ווײַט האָט זיך דערטראָגן אהער א פארטויבט גערויש פון טראקטאָרן. מירע האָט אָנגעשפּיצט די אויערן, צוהערנדיק זיך צו דער ריט־מישער טראכקערײַ פון זייערע מאָטאָרן. איר הארץ האָט אָנגעהויבן קלאפּן מיט זיי אין טאקט, פונעם גערויש פון די טראקטאָרן איז איר עפּעס פריי־לעכער געוואָרן. איר האָט זיך אויסגעדוכט, אז זיי רופן זי צו זיך.

ווײַט, ווײַט ערגעץ האָט עמעצער פארצויגן א ליד, א באקאנטע, א האר־ציק־נאָענטע, און אף מירען האָט א ווייע געטאָן מיט ליבער היים. וועלכער ווינט האָט פארטראָגן אהער, אינעם דווירעסדיק־ווילדן סטעפּ, די ליד פון איר יוגנט?

די ליד האָט, ווי אף פליגלען, אוועקגעטראָגן מירען צו יענעם קליינינקן „פּאָרדזאָן”, אף וועלכן זי האָט זיך דאָס ערשטע מאָל געזעצט אקערן. זי האָט אויך דאַן געזונגען פונקט אזוי באגײַסטערט, ווי דער פרעמדער טראקטאָריסט זינגט איצט.

ווי קענטלעך איז איר דאָס קאָל, וואָס זינגט. צי איז דאָס ניט איינער פון אירע אייניקלעך טראקטאָריסטן, וואָס א קאָמיוגישע „פּוטיאָווקע” האָט אים געבראכט אהער, אף די געוועזענע פארוואָרפענע סטעפּעס?

ווי גוט וואָלט געווען, ווען זי זיצט דאָ באַם רודער און פון אונטער די לעמעכן פון איר טראקטאָר וואָלטן זיך פאנאנדערגעכוואליעט די שווערע שווארצערדיקע הליבעס.

ס'וואָלט טאקע עפּשער געווען א גלײַכע זאך, זי זאָל אריבערפאָרן אהער, ווינען מיט דער טאָכטער, ארבעטן דאָ? — איז באַ מירען דורכגעלאָפן א געדאנק.

זי האָט זיך אײַנגעבויגן, א קוק געגעבן, ווי טיף דער לעמעך דערגרייכט אין גרונט. נאָכדעם האָט זי אָנגענומען א הויפן ערד, צעריבן אים מיט די

פינגער אף דער דלאָניע, ווי מע פּרוּווט פּריש צעמאָלן מעל פון אונטערן מילשטיין.

— פּרימא, — האָט מירע זיך אַליין א זאָג געטאָן, אראָפּשיטנדיק דאָס ביסל ערד פון דער דלאָניע. זי האָט זיך געוואָלט לאָזן גיין ווײַטער איבערן מאסיוו, נאָר פּלוצעם האָט זי דערזען לויפן א בלאָנדהאָריק באָכערל מיט א שטארק אויסגעשמירט קלײַענדיק פּאָנעם, לויטן קאָמבינעזאָן האָט זי דערקענט אין אים א טראקטאָריסט.

— איר האָט ניט באגעגנט ערגעץ די „לעטוטשקע"? — האָט דאָס באָכערל א פרעג געגעבן.

— וועלכע „לעטוטשקע"?

— נו, די גיכע טעכנישע הילף.

— וואָס איז בא אײַך געשען?

— דער טראקטאָר שטייט בא מיר שוין א גוטע שאָ און וויל זיך פון אָרט ניט רירן, — האָט דאָס באָכערל א ווײַז געטאָן צו דער באלקע און אַליין זיך האסטיק געלאָזט לויפן ווײַטער.

מירע האָט זיך אראָפּגעלאָזן אין דער באלקע, ווּ דער טראקטאָר איז געשטאנען. זי האָט אים באטראכט פון אלע זײַטן און האָט אײַנגעשלאָסן דעם מאָטאָר. לויט דער טראסקערײַ האָט זי פארשטאנען, אז אָדער די פּאָרשונקעס דערלאנגען ניט רעגלמעסיק די דערנערונג אין מעכאניזם אָדער דער מאָטאָר איז איבערגעווארעמט.

— א הייסער יונג, קענטיק, — האָט מירע א שמייכל געטאָן. — דער טראקטאָר האָט ניט געשלעפּט, האָט ער אָנשטאָט דערגיסן וואסער געברענט דעם מאָטאָר. זי האָט ארײַנגעקוקט אינעם ראדיאַטאָר. דאָס וואסער האָט דאָרט ווירקלעך זינגאנצן אויסגעקאָכט. און די פערטע ליכט דערצו איז נאָך אויך קאליע געוואָרן. מירע האָט אָנגעגאָסן וואסער אין ראדיאַטאָר, באזײַטיקט די דעפעקטן אין מעכאניזם, און דער טראקטאָר האָט מיט אלע קויכעס א צי געגעבן. אײַנשנײַדנדיק די לעמעכן אין גרונט, האָט ער מיט אימפּעט זיך א לאָז געטאָן איבערן סטעפּ.

מירע האָט ארײַנגעאָטעמט אין זיך דעם עטוואָס טערפּקן רייעך פון פרישער ערד. דער דאָזיקער רייעך האָט זי אזוי פארשיקערט, אז זי האָט פארגעסן אין דער היים, אינעם אייניקל, אין אלע דײַגעס. ס'איז איר געוואָרן אזוי גוט, אז ס'האָט זיך איר געוואָלט זינגען:

Мы молодая гвардия
Рабочих и крестьян.[1]

פארכאפּט מיט דער ארבעט, האָט זי, ווי א צוגעוואקסענע צום רודער פונעם טראקטאָר, ארומגעקרײַזט איבערן מאסיוו, ביז זי האָט דערהערט א פארוווּנדערטן אויסרוף.

[1] מיר זײַנען די יונגע גווארדיע פון ארבעטער און פּויערים.

— וויִאזוי איז בא אײַך אוועק דער טראַקטאָר? און איך האָב געמיינט, אז עמעצער האָט אים שוין צוגעגאַנוועט... אָדער איר האָט אים פאַרקישעפט, און ער איז אוועק...

מירע האָט א קער געגעבן דעם קאָפּ און דערזען דעם יונגיטשקן טראַקטאָ־ריסט. ער איז געשטאַנען א שמייכלענדיקער, א צופרידענער. די מאַשין פון גיכער טעכנישער הילף, אַף וועלכער ער איז צוגעפאָרן, איז שוין געווען אן איבעריקע.

■

אן אופגערודערטע איז מירע מיט גיכע טריט געגאַנגען צוריק אין יִישעוו. ס׳איז איר גוט געווען אפן הארצן פונעם געדאַנק, וואָס זי האָט אויך צוגע־לייגט איר האַנט צו די נײַע אופוואַכנדיקע שוואַרצערדיקע גרונטן. שוין לעבן יִישעוו האָט זי זיך דערמאָנט, אז פאַראיאָרן איז אַף די ראַיאָנע קורסן פון די טראַקטאָריסטן געווען אזא באָכערל, ווי דער דאָזיקער. נאָר פאַרוואָס האָט ער זי ניט דערקענט.

וואָווקע, וועלכער האָט ניט אופגעהערט ארויסקוקן אַף דער באָבען, איז ארויסגעלאָפן זי באַגעגענען צום שוועל פון דער דרויסנדיקער טיר.

מירע האָט אפגיך אָנגעהאָדעוועט דאָס אייניקל. דאָס קינד האָט אָפּגעגעסן, געשפּילט זיך א ביסל און אָנגעהויבן זיך בעטן שלאָפן. זײַן פּענעמל איז גע־וואָרן כמורנע, די אייגעלעך אָנגעגאָסן.

— דאָס קינד איז עפּעס ניט מיט אַלעמען, — האָט מירע, צולייגנדיק די ליפּן צו וואָווקעס שטערן, א טראַכט געטאָן. — וואָס טוט דיר וויי, נאַכעסל מײַנס? מיר זאָל זײַן פאַר דיר.

דאָס קינד האָט א רעגע אופגעעפנט די אייגלעך און טייקעף צוריק זיי פאַר־מאַכט. זײַן פּאָנעם איז געווען צונט־רויט.

— וואָס טוט מען? וואָס איז דאָס פאַר אן אָנשיקעניש אַף אונדזער קאָפּ, — איז מירע ארומגעגאַנגען מיט פאַרבראָכענע הענט. — ווּהין קערט מען זיך, ווּהין ווענדט מען זיך אין אזא העק?

פון סטעפּ איז א פאַרהאָרעוועטע אָנגעקומען סימע. דערזעענדיק, אז דאָס קינד ליגט א פאַרפלאַמטער פון היץ, איז זי טייקעף אוועקגעלאָפן קריגן א מאַ־שין, קעדיי ברענגען א דאָקטער.

מירע איז געזעסן א פאַרדײַגעטע לעבן קינד און געטראַכט.

— אָט אן אומגליק. ווי רירט מען זיך אפילע פון אָרט, אז דאָס קינד איז אזוי קראַנק? נאָר סימע האָט דאָך נעכטן געגעבן א טעלעגראַמע, אז זי פאָרט ארויס. צוליב וואָס האָט זי זיך אזוי געאײַלט מיט דער טעלעגראַמע. זי האָט דאָך געקענט פאַרן אָפּגיין פון צוג טעלעגראַפירן.

אין א שאָ אָנדערהאַלבן ארום איז סימע געקומען מיט א דאָקטער. דער דאָקטער האָט לאנג באטראכט דאָס קינד. נאָכדעם האָט ער ווי מוירע האָבנדיק, אז ער וועט א טאָעס האָבן, דורכגעזייט צווישן די שיטערע ציין:

— א צוקילונג... — און זיך אוועקגעזעצט שרייבן רעצעפטן. מירע מיט סימען האָבן ארויסגעקוקט, ער זאָל ענדיקן שרייבן און זאָל זיי עפּעס זאָגן. נאָר דער דאָקטער האָט ווי אף צולאָכעס לאנג געשריבן. נאָכדעם האָט ער געזאָגט:

— פּראָשקעס וועט איר געבן דריי מאָל א טאָג, די מיקסטורע צוויי מאָל א טאָג צו איין לעפל. — און זיך געלאָזט צו דער מאשין.

סימע איז אף דער זעלבער מאשין מיטגעפאָרן מיט אים נאָך רעפּועס. אומ־געקערט אהיים האָט זי זיך שפּעט אין אָוונט. דאָס קינד האָט זיך פון היץ געוואָרפן, עפּעס געפּלאָפּלט. מירע איז געזעסן ארום אים, אלע ווײַלע צוגע־לייגט אים נאסע טיכלעך צום קאָפּ, צוגעהערט זיך, ווי ער עטעמט.

— אָט האָב איך א יאָמטעוו, — האָט זי פארביטערט זיך אָפּגערופן צו דער טאָכטער. — דאָרט אין דער היים גרייט מען זיך, מענטשן וועלן זיך צונויפפאָרן, מ׳וועט וואַרטן אף מיר...

— וואָס קאָן מען טאָן? — האָט זי סימע געטרייסט. — אז וואָוקע וועט געזונט ווערן, וועט בא מיר זײַן צוויי מאָל יאָמטעוו... עפּשער וועט ער זיך גיך פאַריכטן, וועסטו ארויספאָרן. גיב זיי א טעלעגראַמע, וועלן זיי אָפּלייגן, אניט, זאָלן זיי יאָמטעוון אָן דיר.

אין עטלעכע טעג ארום האָט די היץ בא וואָוקען אָנגעהויבן פאלן, דאָס קינד האָט אָנגעהויבן קומען צו־זיך.

— א געזונט דיר אין דײַנע ביינדעלעך, כ׳יעסל מײַנס, ווי וועל איך לעבן אָן דיר, נעשאָמע מײַנע? ווען דו וויסט, ווי כ׳דאַרף, אז דו זאָלסט געזונט ווערן, — האָט מירע מיט לײַדנשאַפטלעכן ווייטעק געטײַנעט צו וואָוקען.

ווי זי איז ניט געווען מיד פון די שלאָפלאָזע נעכט, ווי זי איז ניט געווען פארשלאָגן, האָט זי ניט אופגעהערט צו טראכטן פון דער היים, פונעם יאָמטעוו, וועלכער דאַרף דאָרטן פאָרקומען. זי האָט געהאַלטן אין איין פאָרשטעלן זיך, ווי זי וואָלט זיך באגעגנט מיט אירע כאווײרים, פרײַנט. פאר אירע אויגן איז אופגעשטאנען דאָס דורכגעמאכטע לעבן מיט אלע זײַנע ליידן און פריידן.

און איצטער ליגט פאר אירע אויגן ווידער, דאכט זיך, דער זעלבער סטעפּ, ארום הודזשען די זעלבע טראַקטאָרן. די זעלבע מענטשן, דאכט זיך, זײַנען דאָ. ווי בא איר דאָרט אין דער היים. נאָר דאָרט, וווּהין עס ציט איר האַרץ, איז פאָרט דורכגעגאנגען קימאט איר גאנץ לעבן — דרײַסיק יאָר האָט זי אָפּ־געאַרבעט אף יענע סטעפּעס, באגאָסן די ערד מיט איר שוויים, אָפּגעגעבן איר אלע אירע קויכעס. איר גאנץ האַרץ, ווי א מאמע גיט אָפּ דאָס בעסטע, וואָס זי פאַרמאָגט, איר קינד. ווי זשע זאָל זי ניט זיצן איצט בא איין טיש מיט די, וועלכע האָבן צוזאמען מיט איר אופגעוועקט דעם דווירעסדיק דרימ־לענדיקן סטעפּ צום לעבן, צו בליִונג, צו טראָגן שעפע. ווי זאָל זי צוזאמען מיט זיי ניט דערמאָנען די דורכגעלעבטע ליידן און פריידן, ווי זאָל זי ניט

אויסטרינקען מיט זיי קיין בעכער ווײַן פֿונעם ווײַנגאָרטן, וואָס זי האָט צוזאמען מיט זיי געפֿלאנצט.

הײַנט, האָט זי זיך דערמאָנט, דאַרף זײַן דאָרט דער יאָמטעוו. דעריבער האָט זיך איר געוואָלט א ביסל זיצן כאָטש מיט סימען, פֿארברענגען מיט איר, פֿארײנס עפּשער פֿארבעטן עמעצן פֿון די היִגע מענטשן. נאָר סימע איז עקט זיך שוין דעם דריטן טאָג ארום דעם נײַעם מאסיוו רויערד, וועלכן דער קאָלווירט האָט געדארפֿט ביז ווינטער אופֿהייבן.

כאָטש מירע האָט געהאט אָנגעזאָגט דער טאָכטער, זי זאָל זיך באמיִען קומען הײַנט א ביסל פֿריִער אהיים, האָט זי זיך ווי אַף צולאָכעס פֿארהאלטן.

שוין אפֿן שוועל פֿון דער פֿארוואלטונג, וווּהין סימע איז גלײַך פֿון פֿעלד ארײַנגעלאָפֿן אַף א ווײַלע, איז איר אָנגעקומען אנטקעגן דער פֿאָרזיצער מאקסים פּעטראָוויטש פּעדיוקין — א ניט לאנג דעמאָביליזירטער „סווערכוראָטשנער" סטארשינא, א יונג מיט רויטע בעקעלעך, ווי בא א מיידל און מיט קליינע צוגעפּוצטע וואָנצעלעך. דערזעענדיק סימען, האָט ער אַף א מיליטערישן שטייגער א זאָג געטאָן.

— ראַפּאָרטיר, וואָס הערט זיך אפֿן מאסיוו?

אויסציִענדיק זיך, ווי ער וואָלט אינדערעמעסן אָפּגענומען א ראַפּאָרט, האָט דער פֿאָרזיצער אופֿמערקזאם אויסגעהערט סימעס מיטיילונג. אין דעם מאָמענט איז אָנגעקומען מיט א פֿול געפּאַקטן טאַש דער בריוונטרעגער.

— וואָס הערט זיך עפּעס גוטע נײַעס? — האָט דער פֿאָרזיצער מיט א שמייכעלע זיך א ווענד געטאָן צום בריוונטרעגער, — וויפֿל מאָל האָב איך דיר געזאָגט, אז אָן גוטע נײַעס זאָלסטו ניט קומען.

— איך ברענג שטענדיק גוטע נײַעס, — האָט דער בריוונטרעגער א ביסל פֿארשעמט אָפּגעענטפֿערט, ארויסנעמענדיק פֿון טאַש א פּעקל צײַטונגען און עטלעכע בריוו.

דער פֿאָרזיצער האָט אָנגעהויבן ארײַנקוקן אין די צײַטונגען. דער בריוונטרעגער האָט זיך א ווײַלע געריִעט אין זײַן סומקע און ארויסגענומען א פּעקל טעלעגראמעס.

— ווער איז דאָס קאנער? גיט נאָר א קוק, וויפֿל טעלעגראמעס זײַנען אָנגעקומען פֿאר איר.

— מײַן פֿאמיליִע איז אמאָל געווען קאנער — האָט סימע זיך א כאַפּ געטאָן.

— א גאנצן טאָג קומען הײַנט אָן טעלעגראמעס פֿאר קאנערן, — האָט דער בריוונטרעגער זיך ניט אופֿגעהערט צו וווּנדערן.

— אָט איז דאָך אין צײַטונג אויך פֿון מירע קאנער, — האָט דער פֿאָרזיצער זיך אָפּגערופֿן, אָנווײַזנדיק אַף דער פּאָטאָ, אינמיטן ארטיקל — אָט איז זי דאָך... דאָ שרײַבט זיך...

— ווו שרײַבט זיך? — איז סימע צוגעשפּרונגען צו דער צײַטונג. — ס'איז דאָך מײַן מאַמע... מײַן מאַמע!.. אוודאי איז דאָס זי!..

— הײַנט איז איר יאָמטעוו, דאָרט בא איר אין דער היים... און זי איז דאָ געבליבן שטעקן צוליבן אייניקל...

— דײַן מאַמע איז דאָס?.. גיב א קוק, וואָס מ'שרײַבט וועגן איר, — האָט דער פאָרזיצער זיך אָפּגערופן.

סימע איז דאָרשטיק צוגעפאַלן צו דער צײַטונג און אָנגעהויבן לייענען. דערווײַל איז זיך צונויפגעלאָפן דער עולם, וועלכער האָט זיך געפונען אין פאַרוואַלטונג.

— לייענט אין דער הייך, לאָמיר אויך הערן, וואָס מע שרײַבט דאָרטן, — האָבן זיך דערהערט קולעס.

— אויב זי איז דאָ, די מאַמע, איז רופֿ זי אהער, זאָל דער עולם הערן פון איר מויל אָט די געשיכטע, וואָס אין צײַטונג, — האָט דער פאָרזיצער זיך געווענדט צו סימען, — מיר וועלן דאָ אָפּמערקן דעם יאָמטעוו ניט ערגער, ווי בא איר אין דער היים... רופֿ זי טייקעף אהער, מיר וועלן זי דאָ אויך באַגריסן!

1959

ריוונס קאָוועד

אין קאָנטאָר פון פאַרוואַלטונג איז געווען פּוסט. דער פּאָרזיצער פון קאָלווירט דעניס פּראָכאָראָוויטש מאַזשאַרע, א הויכער שלאַנקער מאַנצבל מיט געדיכטע געלע וואָנצעס, איז אַרײַנגעלאָפן אין פּאַרוואַלטונג און איז טײקעף צוריק פאַרשוווּנדן. אפילע די אַרבעט־נאַריאַדן אפן מאָרגנדיקן טאָג, וועלכע פלעגן געוויינלעך אָנגעמערקט ווערן פאַרנאַכט אין קאָנטאָר, האָט מען אויך אָנגעהויבן ארויסגעבן די קאָלווירטניקעס דירעקט אף זייערע אַרבעט־ערטער.

בלויז דער כעשבן־פירער אווראָם ריוואַנעץ איז גאַנצענע טעג איינער אליין געזעסן באַם טיש, געוואָרפן די ביינדלעך אפן שטשאָט, עפּעס אַרײַנגעשריבן אין די „דיסקאָנט־ליסטעס" און ארויסגעקוקט, עמעצער זאָל כאָטש אף א ווײַלע אַרײַנגיין און מיט א וואָרט אים אָפּווענדן פון די לאַנגווײַליקע כעשבוינעס. נאָר ווי אף צולאָכעס האָט זיך קיין איין לעבעדיקער נעפעש ניט באַוויזן. אפילע דער קאָלווירטישער וועכטער זאָרעך סאָראָקע האָט אויך פאַרגעסן, ווי די טיר עפנט זיך אין פּאַרוואַלטונג. ביז ערשט ניט לאַנג איז ער דאָך גאָר ניט ארויסגעגאַנגען פון דאַנען. זומער, ווען די נעכט זײַנען קורצע און די טעג לאַנגע, פלעגט ער זיך ביז האַלבן טאָג אויסשלאָפן, און נאָכדעם האָט ער ניט געהאַט וווּהין זיך אהינצוטאָן. דער אוילעם האָט געאַרבעט אין פעלד, מיט וועמען צו פאַרברענגען האָט ער ניט געהאַט, פלעגט ער אַרײַנגיין אין פּאַרוואַלטונג צום כעשבן־פירער.

אווראָם ריוואַנעץ איז געווען צופרידן פון זאָרעכס אַרײַנקומען, ווײַל אויסהערן פרישע נײַעס איז ער שטענדיק געווען א באַלן. א כקירע טאָן איבער א וועלכער־ניט־איז פראַגע האָט ער זיך אויך קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט. פלעגן זיי זיך פאַרציִען מיט די געשמאַקע ציגאַרן מאַכאָרקע אין מויל, פּאַמעלעך ארויסלאָזן דעם רויך און באַריידן די וועלט. וועגן וואָס צו שמועסן האָבן זיי געהאַט איבערגענוג! און וויפל זיי האָבן ניט גערעדט, האָבן זיי זיך ניט געקאָנט אָנריידן. געשמועסט האָבן זיי ניט געײַלט, מיט גרויסע פּויזעס, איבערלאָזנדיק צײַט אי אף צו פאַרטראַכטן, אי אף אָפּצוטרייסלען דאָס אש פון ציגאַר, צי אף ארויסלאָזן דעם רויך דורכן נאָז און אפּסנײַ צו פאַרציִען זיך.

אווראָם ריוואַנעץ פלעגט זיך אפילע באַמיִען אין די פּויזעס א פּאָר מאָל א וואָרף טאָן די ביינדלעך אפן שטשאָט, פאַרשרײַבן א פּאָר ציפער אין דער ליסטע, און אז ער פלעגט זיך שטאַרק אַרײַנטאָן אין די כעשבוינעס, פלעגט זאָ־

רעך סאָראָקע באַוויזן צו כאַפּן א דרעמל, א פּאָר מאָל א כראָפּע טאָן און, אופ־כאַפּנדיק זיך, ווי עס וואָלט גאָרנישט ניט פּאָרגעקומען, פאָרזעצן דעם שמועס.

געווען איז זאָרעך סאָראָקע אפילע אויסערלעך א ביסל ענלעך אף אוראַם ריוואַנעצן.ביידע זײַנען זיי געווען דאַרינקע, נידעריטשקע, מיט שמאָל אײַנ־געשרומפּענע פּנעמער. ביידע פּליכעוואַטע, מיט עטלעכע גרויע הערלעך אפן קאָפּ. אוראַם ריוואַנעצן האָט מען געקאָנט אונטערשיידן פון זאָרעך סאָראָקען לויטן לאַנגן און דאַרן האַלדז, ווי בא א גאַנער, און לויטן ארויסטאַרטשענדיקן גאָרגעלע, וואָס האָט זיך קעסיידער באַוועגט באַם ריידן. דערצו איז נאָך אוראַם געווען א ביסל א טויבלעכער, און ווי אַלע טויבע מענטשן, האָט ער אַמאָל דער־לייגט דאָס, וואָס ער האָט ניט דערהערט.

זאָרעך סאָראָקע האָט עס ניט געקאָנט אריבערטראָגן און האָט זיך איינמאָל מיט אים איבער דעם אפילע צעווערטלט.

— פּרוּוו צו דײַנעם א כעשבן עפּעס איבעריקס צוגעבן, וואָס וועט זיך בא דיר באַקומען, און דו ווילסט א לונג־און־לעבער אפן נאָז אָנבינדן.

— היץ זיך ניט! — איז אוראַם ריוואַנעץ געוואָרן אופגעבראַכט, לעמײַ דער וועכטער האָט גאָר א האָזע אזוי אָנפאַלן אף אים, און האָט אים ארײַנגע־זאָגט א פּאָר צוגעפּעפערטע ווערטלעך, וועלכע זײַנען יענעם דערגאַנגען אזש ביז דער זיבעטער ריפּ.

פונדעסטוועגן, ווען עס האָט זיך אף מאָרגן אין דער ראַיאָנער צײַטונג באַוויזן א נאָטיץ וועגן רוּוון שקליאַרס רינג, איז זאָרעך סאָראָקע א פאַרסאָ־פּעטער געקומען צו לויפן אין קאָנטאָר און ראַפּטום אויסגעשריִען.

— סט׳געזען, וואָס מ׳שרײַבט וועגן אונדזער רוּוון שקליאַרן?

— ווו שרײַבט מען? וואָס שרײַבט מען? — האָט אוראַם, וועלכער איז געווען פאַרטאָן אין זײַנע כעשבוינעס, א פרעג געטאָן.

— נאַ זע, גיב א קוק, סאַרא זמירעס מ׳האָט דאָ אָפּגעזונגען רוּוענען, — האָט זאָרעך, אוועקלייגנדיק א צײַטונג אפן טיש, אָנגעוויזן אף איר.

ווי אוראַם ריוואַנעץ איז ניט געווען נײַגעריק צו וויסן, וואָס מ׳שרײַבט אין דער צײַטונג וועגן רוּוון שקליאַרס רינג, פונדעסטוועגן האָט ער צוערשט א וואָרף געטאָן א פּאָר ביינדלעך אפן שטשאָט, פאַרשריבן דעם כעשבן בא זיך אין פּאַפּיר און ערשט נאָכדעם אָנגעהויבן לייענען:

„א סאַך גוטע ווערטער האָט דער רינגלער רוּוון שקליאַר ארויסגעזאָגט אף דער פאַרזאַמלונג פון קאָלווירט, ווען ער האָט גענומען אף זיך די פּאַרפּליכ־טונג מוסטערהאַפט צו באַאַרבעטן זײַנע דורכאַקער־קולטורן. נאָר פון די גוטע ווערטער האָבן זיך אויסגעלאָזט שלעכטע מײַסים. די סאָגעשניקעס אפן קלין, וואָס אפן פינפטן געלענק, זײַנען צווישן די רייען פאַרגראָזיקט, פאַרלאָזט...

— נו, — האָט זאָרעך, ארײַנקוקנדיק אוראַמען אין פּאָנעם ארײַן, א פרעג געגעבן, — א שיינעם אויסזען וועלן מיר האָבן מיט אזא ארבעט.

— איז דען א באַטראַף בא הײַנטיקער מעכאַניזאַציע דורכיעטן ניט קיין גרויסן קלין דורכאַקער־קולטורן?

— מיסטאָמע האָט דער רעליעף ניט דערלויבט צו לאָזן א מאַשין, — האָט זאָרעך זיך אָפּגערופן.

ער האָט געשוויגן א ווײַלע, ווי ער וואָלט וואַרטן אַף אווראָמס ענטפער. נאָכדעם האָט ער מיטן זעלבן טאָן פאַרגעזעצט.

— וואָסי, מע מיינט עס דען נאָר רווזן שקליאַרן? מע מיינט אי מיך, אי דיך און דעם גאַנצן קאָלווירט. אויב דו ווילסט, רירט ער אָן דעם גאַנצן ראַיאָן און עפּשער נאָך העכער... ס'א קלייניקײַט עפּעס, סאָנעשניקעס? — דאָס איז אייל, מאַקוכע און וואָס דו ווילסט...

און כאָטש אווראָם ריוואַנעץ האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, געגעבן צו וויסן, אַז ער איז מאַסקים, פונדעסטוועגן איז זאָרעך ניט אָפּגעטראָטן פונעם כעשבן־פירער און אַלץ געטײַנעט:

— וואָסי, אַז איך בין א וועכטער, דאַרף מיך גאָרנישט אינטערעסירן. אויסער די קאָלווירטישע שײַערן... געדענקסט מיסטאמע מײַן שאָלעמקען. וואָס איז אומגעקומען אַף דער מילכאָמע... אַז מע פלעגט אים אין שול אַרויסרופן צום טאָוול און ער פלעגט שלעכט ענטפערן, פלעגט ער זאָגן, אַז ס'איז אים א כאַרפּע פאַרן גאַנצן קלאַס. רווזן דאַרף זיך שעמען פאַרן קאָלווירט. פאַרן ראַיאָן, פאַר אַלעמען, ווער ס'וועט לייענען די צײַטונג. אונדז אַלעמען וועט מען זאָגן, אַז מיר באַאַרבעטן שלעכט די סאָנעשניקעס. פאַרשטייסטו שוין, אַז ס'איז א כאַרפּע און א שאַנדע פאַר אונדז.

— אוואָדע, ביסט גערעכט, — האָט אווראָם צוגעשטימט און פאַרגעזעצט אייסעקן זיך מיט זײַנע כעשבוינעס.

— א גוטער מענטש אָט דער רווזן, א גאָלדענער אַרבעטער, ווי האָט עס אַזוינס גאָר געקאָנט בא אים פּאַסירן? — האָט זאָרעך געהאַלטן אין איין טײַ־נען. — נו, ס'טרעפט, אוואָדע מע ספּראַוועט זיך ניט... וואָלט ער כאָטש געוועזן זאָגן, וואָלט מען אים אונטערגעהאָלפן... צי דען וואָלט מען דערלאָזט, מע זאָל אונדז אַזוי טאַדלען, וואָס איז אונדזער קאָלווירט — אָן אָפּגעשטאַנענער, צי וואָס?

■

און מיטאַמאָל איז זאָרעך סאָראָקע ווי אין וואַסער אַרײַנגעפאַלן. אווראָם האָט שוין ניט געוווּסט וואָס איבערצוטראַכטן.

ס'איז ניט געווען דער טאָג, זאָרעך זאָל ניט קומען אין קאָנטאָר, זאָל ניט אָפּזיצן קיין גוטע פאַר שאָ, און פּלוצעם איז ער גאָר נעלעם געוואָרן. אווראָמען האָט עס זייער פאַרוווּנדערט. גראָד דעם לעצטן אָוונט האָבן זיי דאָך אַזוי געמיטלעך פאַרבראַכט, קיין קרום וואָרט ניט געהערט איינער פונעם צווייטן, און פּלוצעם אָן א פאַרוועון און אָן א פאַרוואָס הערט אוף א מענטש אַרײַנ־צוגיין!

אווראָם האָט זיך ניט געפּוילט און איז באַנאַכט צוגעגאַנגען א קוק טאָן, צי איז זאָרעך אַף זײַן פּאָסט. דערזעענדיק אים, האָט ער טייקעף פאַרקערעוועט צוריק.

— הייסט עס, אז ער איז אָדער פאַרנומען אָדער עפּעס ברוגעז, — האָט וואָראָם באַשטימט.

— אז ער האָט געדאַרפט, פלעגט ער דאָך שאַענגוויי אָפּזיצן אין קאָנטאָר און אויסגיסן פאַר מיר דאָס האַרץ. אויב ער קומט ניט, הייסט עס, אז ער דאַרף ניט.

וואָראָם ריוואַנעץ האָט זייער געוואָלט וויסן, וואָס ריידן מענטשן מיקויעך דער נאָטיץ אין צײַטונג. רוון שקליאַרס רינג האָט דאָך געהאַט א שעם פאַר א מוסטערהאַפטן, ווי זשע האָט דאָס געקאָנט אַזוי פּאַסירן, אז ער זאָל אַזוי פאַרשעמט ווערן? ווער נאָך, אויב ניט זאָרעך סאַראָקע, וואָלט עס אים געקאָנט אויפקלערן, ווער נאָך ווייסט אַזוי גוט, וואָס מענטשן ריידן וועגן דעם.

און זאָרעך איז ווי אַף צולאָכעס ווי אין וואַסער אַרײַנגעפאַלן. וואָראָם ריוואַנעץ איז געוואָרן אויסער זיך.

— וואָס הייסט, אין אַזאַ צײַט ווערט עס א מענטש נעלעם און לאָזט זיך אפילע ניט הערן, צי דען קאָן ער זיך שוין ניט אַרײַנכאַפּן כאָטש אַף א פּאָר מינוט, די גרויסע געשעפטן זײַנע... אָדער ער פלעגט דאָ אָפּליגן גאַנצענע טעג, אָדער ער ווײַזט אינגאַנצן אפילע די נאָז ניט... דער פּאָרזיצער ווייסט נאָך מיסטאָמע גאָר ניט וועגן דער נאָטיץ... ווען ער וואָלט געוווּסט, וואָלט ער די וועלט אײַנגעלייגט... ס׳עפּעס א קלייניקײַט, ער איז דאָך געווווּנט צו לייענען שוואָכים פון קאָלווירט... רוון איז דאָך באַ אים דאָס אייבערשטע פון שטייסל און דאָ נאָ דיר גאָר. דער פּאָרזיצער וואָלט געווען אַף אָן אָרט, וואָלט וואָראָם ריוואַנעץ געקאָנט דערגיין עפּעס א טאָלק, און אַזוי גיי טרעף, וואָס ס׳איז געשען.

פּלוצעם איז אין פאַרוואַלטונג אַרײַן רוון שקליאַר — ניט קיין הויכער, א געזעצטער מיט א ברייטן פאַרוואַקסענעם, פון זון פאַרסאַרפעטן פּאָנעם, מיט שמאָלע טונקעלע אויגן.

דער רינגלער איז געבליבן שטיין אינמיטן צימער, אַרומגעקוקט זיך אין אַלע זײַטן, ווי ער וואָלט עמעצן זוכן. וואָראָמען האָט זיך שטאַרק געוואָלט וויסן, צי האָט רוון געהערט פון דער נאָטיץ. אין פעלד, אַפּן באַצירק פון די דורכאַקער־קולטורן, דערגייען דאָך די צײַטונגען געוויינלעך מיט א פאַרשפּעטיקונג, אָדער זיי דערגייען אַהין גאָרניט. אַף יעדנפאַלס האָט וואָראָם זיך א ריִע געטאָן צווישן די פּאַפּירן און אומבאַמערקט אוועקגעלייגט די צײַטונג מיט דער נאָטיץ פאַר רוונס אויגן.

דער רינגלער האָט זי אָבער ניט באַמערקט.

— דער פּאָרזיצער איז דאָ ניט געווען? — האָט ער א פרעג געטאָן.

— ער איז ערגעץ אוועקגעפאָרן... איך קוק אויך אַרום אַף אים... א שאָד, וואָס ער איז ניטאָ, — האָט וואָראָם געענטפערט און, א ווונק געבנדיק אַף דער צײַטונג, געפרעגט: — וואָס זאָגסטו עפּעס אַף דעם־אָ?

— אַף וואָס?

— נו, וואָס מע האָט דאָרט אָנגעשריבן.

וואָראָם האָט נײַגעריק געקוקט רוונען אין די אויגן, נאָר דער האָט, ווײַזט אויס, טאַקע פון גאָרניט ניט געוווּסט.

— דער פּאָרזיצער וואָלט דאָ געווען, וואָלט זיך געטאָן כּוישעך... אזא כּארפּע, — האָט אווראָם געזאָגט.

— וואָס פֿאר א כּארפּע?

— ס'איז דען א קלייניקייַט, מ'האָט דען, מיינסטו, נאָר דייַן קאָוועד אָנגערירט, גיב א קוק.

רוּוון האָט אָנגעהויבן לייענען און איז געבליבן שטיין, ווי א פֿארגליווערטער. ארום די מויל־ווינקלען פֿון זייַן פֿארביטערט פּאָנעם האָט נאָר קוים געצאנקט א זויער שמייכעלע. וויפֿל ער האָט ניט געפּרוּווט מיט דעם דאָזיקן שמייכעלע צו פֿארדעקן דעם פּארדרוס, וואָס האָט געברענט אין זייַן הארץ, האָט ער ניט געקאָנט.

— נישקאָשע, רוּוון, מ'וועט זיך נאָך עפּשער ארומקוקן, מעגלעך, אז ס'איז גאָר א מיספארשטייעניש, — האָט אווראָם אים אָנגעהויבן טרייסטן.

רוּוון איז געוואָרן נאָך מער צעטראָגן פֿון אווראָמס ווערטער, ווי ער וואָלט אים שיטן זאלץ אויף די וווּנדן. ער איז אָפּגעגאנגען אין א זייַט און מיט אומרוּיִקע אויגן זיך אָנגעהויבן אייַנקוקן אין פֿענצטער, צי באווייַזט זיך ערגעץ ניט דער פּאָרזיצער.

■

אין דער היים האָט מען שוין לאנג ארויסגעקוקט אויף רוּוענען.

— ווּ ביסטו עס געווען? כ'האָב שוין ניט געוווּסט וואָס איבערצוטראכטן, — האָט זייַן ווייַב ציפּע א זאָג געגעבן.

— כ'בין גלייַך פֿון פֿעלד אריַין אין קאָנטאָר, כ'האָב געוואָלט זען דעם פּאָרזיצער...

— ער איז דאָך, זאָגט מען, ערגעץ אוועקגעפֿאָרן, — האָט דאָס ווייַב זיך אָפּגערופֿן.

זי האָט דערלאנגט רוּוענען א שיסל וואסער און אוועקגעשטעלט אויפֿן טיש דעם ווארמעס. רוּוון האָט זיך אייַנגעוואשן, זיך געזעצט צום טיש און, נעמענדיק דעם לעפֿל אין האנט, א פֿרעג געגעבן:

— ווּ איז ליאָווע?

— ווער ווייסט, ער שמייַעט ערגעץ מיסטאמע ארום, האָסט אים אין פֿעלד ניט געזען? ער פֿירט דאָך דאָרט מיט די פּיִאָנערן די צייַטונגען...

— ניין, ער איז עפּעס נעכטן און אייערנעכטן אין פֿעלד ניט געקומען.

— ס'איז אים אוואדע א כּארפּע געווען צו ברענגען די צייַטונגען, — האָט דאָס ווייַב, ארויסלאָזנדיק א טיפֿן קרעכץ, א זאָג געטאָן. — דאָס יִנגל איז דאָך געוואָרן שווארץ, ווי ערד, ער קאָן נעבעך קיינעם אין פּאָנעם ניט קוקן, ווי זשע וועט ער פֿירן די צייַטונג מיט די שיינע נייַעס? וואָסי, ער ווייסט דען ניט, ווי זייַן טאטע האָרעוועט, ווערט אויסגעריסן, קעדיי דער רינג זאָל ארבעטן בעסער, און צום סאָף נא דיר אזא שיינעם יאשער־קויעך...

ווען ליאָווקע איז געווען א קליינינקער, פלעגט ער אַלץ פרעגן בא רוווענען: „טאטע, פארוואָס ביסטו ניט קיין העלד?"

— פארוואָס ווילט זיך דיר אזוי, איך זאָל זײַן א העלד?

— איך זאָל שטאָלצירן מיט דיר, מ'זאָל זאָגן אף דיר „אָט דאָס איז דער העלד" און מ'זאָל אָנווײַזן אף מיר: „זײַן טאטע איז א העלד".

און איצט, האָט רווון א טראכט געטאָן, ווען אַלע טאקע ווירקלעך טײַטן מיט די פינגער: „אָט איז ער, דער גאָרנישט, דער טויגעניכץ, וועגן וועלכן מ'האָט געשריבן אין צײַטונג". ס'איז אים א כארפּע און א שאנדע צו ווײַזן זײַנע אויגן פאר מענטשן, ס'איז אים א כארפּע און א שאנדע פאר זײַן קינד. ווי זאָל ער זיך ריינוואשן?

— שטארק זיך, רווון. — האָט פון אינווייניק, פון זײַן נעשאָמע, זיך אָפּגערופן א קאָל — וועסט נאָך באווײַזן, אף וואָס דו ביסט פייִק! מענטשן וועלן פארשטיין, אז אומזיסט האָט מען דײַן פּאָנעם פארשווארצט.

איבערגעביסן א ביסל, האָט רווון אײַנגעשפּאנט די בעדארקע און איז ארויסגעפאָרן אף דעם דורכאקער־קלין, וועגן וועלכן ס'איז געגאנגען א רייד אין דער נאָטיץ פון דער ראיאָנער צײַטונג. דער קלין איז געלעגן א פּאָר קילאָמעטער פונעם יִישעוו. פון צוויי זײַטן איז ער געווען ארומגערינגלט מיט געדיכטע ערשט אויסגעזאנגלטע טוועס און פון דער דריטער זײַט האָט ער זיך געגרענעצט מיט די פעלדער פונעם שכייניש קאָלווירט „פּערעמאָגא".

אופהייבנדיק זיך אפן בערגל, האָט רווון דערזען קוואדראט־רייען פון וווּקסיקע יונגע שטענגעלעך פון סאָנעשניקעס.

— עפּשער האָב איך פארבלאָנדזשעט? — האָט ער א טראכט געטאָן. — נאָר אזוינס קאָן דאָך ניט זײַן, ער ווייסט דאָך דאָס פעלד, ווי זײַנע צען פינגער. איז ווער זשע האָט פּאָרט באארבעט די סאָנעשניקעס? עפּשער האָבן די שכיינים א טאָעס געהאט און אָנשטאָט דעם אייגענעם פעלד באארבעט א פרעמדס? דעם דורכאקער־קלין האָט מען ניט לאנג דורכגעיעט, — דאָס האָט ער דײַטלעך געזען לויט די גראָזן, וועלכע זײַנען געלעגן אף דער ערד צווישן די רייען סאָנעשניקעס.

— טײַערע שכיינים, א גרויסן דאנק אײַך, זאָלן אײַך קיינמאָל די הענט ניט ווי טאָן, כײַ וואָלט איר דעם טאָעס געמאכט פריִער מיט א פּאָר טעג, וואָלט איך ניט אזוי פארשעמט געוואָרן פאר לײַטן.

שטייענדיק צווישן די וווּקסיקע יונגע סאָנעשניקעס, האָט רווון זיך געפּרוּווט פאָרשטעלן, ווי אף די שטענגלעך וועלן אראָפּהענגען שווערוואָגיקע קעפּ מיט פולע אָנגעגאָסענע זאפטיקע קערלעך. עס האָט אים אָנגעכאפּט א פארגעניגן, וואָס די סאָנעשניקעס בליִען און וועלן ברענגען א רײַכע שעפע. שטילערהייט, ביז די שכיינים האָבן זיך ניט געכאפּט, אז זיי זײַנען זיך טויע געווען און האָבן באארבעט א פרעמדן דורכאקער־קלין, האָט ער באשטימט ארויסשיקן מענטשן און באארבעטן זייערע סאָנעשניקעס.

אפן שכייניש מאסיוו האָט ער דערזען עפּעס מענטשן. זיי זײַנען געגאנגען עטוואָס אײַנגעבויגן און, ווײַזט אויס, גערעט מיט מאָטיגעס דעם דורכאקער־פעלד.

דערנעענטערנדיק זיך צו זיי א ביסל, האָט רוּוון דערהערט א קאָל:

— אָט איז, דאכט זיך, אונדזער שאָכן... מ'האָט זיי ארײַנגעשמיסן א ביסל דורך דער צײַטונג, האָבן זיי זיך צוגעײַלט דורכיעטן די סאָנעשניקעס.

— די צײַטונג האָט זיך טאקע צוגעײַלט אונטערשמײַסן אונדז, — האָט זיך אים געוואָלט ענטפערן, — אָט זײַנען דאָך בא אײַך נאָך ניט באארבעט די סאָנעשניקעס... — נאָר גלײַך האָט ער זיך דערמאָנט, אז זיי יעטן שוין דורך די דורכאקער־קולטורן דאָס צווייטע מאָל.

מוידע זײַן זיך, אז ניט זײַן רינג האָט באארבעט דעם קלין, האָט אים ניט געפאסט, נאָר דערוויסן זיך, ווּעמענס ארבעט דאָס איז, האָט זיך אים געוואָלט.

פּלוצעם איז אים דורכגעלאָפן א געדאנק, אז ס'איז מעגלעך גאָר, אז דער פּאָרזיצער האָט איבערגעוואָרפן אהער מענטשן פון אנדערע בריגאדעס. פּארוואָס זשע האָט ער ניט געזאָגט? וואָס איז דאָס א סאָד? עפשער האָט ער אים ניט געוואָלט באַליידיקן, דערפאר האָט ער עס געמאכט שטילערהייט.

פּאָרנדיק אהיים, האָט ער אלץ געפּרוּווט זיך אָנשטויסן, ווער האָט עס געקענט באארבעטן זײַן קלין, און בעשום־אויפן ניט געקאָנט דערטראכטן.

אין יישעוו, ניט ווײַט פון פארוואלטונג, האָט רוּוון באגעגנט דעם פּאָרזיצער. לויט דעם, ווי ער איז געווען אויסגעפּוצט אינעם נײַעם אָנצוג און אין די כראָמעווע גלאנצנדיקע שטיוול, איז קענטיק געווען, אז ער איז פון ערגעץ געקומען.

— פונוואנען פאָרסטו עס? — האָט דער פּאָרזיצער, נאָך פונווײַטן דערזעענדיק רוּוענען, א פרעג געגעבן.

— כ'בין געפאָרן א קוק טאָן אפן דורכאקער־קלין, — האָט רוּוון, אײַנהאלטנדיק דאָס פערד, אָפּגעענטפערט.

— כ'בין דאָרט אויך ערשט געווען. ווי נאָר כ'בין געקומען צו פאָרן אהיים, בין איך גלײַך אהין אוועק. כ'האָב געוואָלט דיר שיקן מענטשן העלפן אויסיעטן די סאָנעשניקעס, לאָזט זיך אויס, אז דו האָסט זיך שוין אליין ספּראוועט, — האָט דער פּאָרזיצער זיך אָנגערופן. — מאָלאָדעץ! קוועטש אָן נאָך א ביסל, וועט זײַן בא דיר א טאָלק!

דער פּאָרזיצער האָט זיך אײַליק צעזעגנט מיט רוּוענען און איז אוועק. רוּוון איז געבליבן שטיין אין פארלעגנהײַט.

— ער לאכט פון מיר, דער פּאָרזיצער, צי ער פּרוּווט מיך אויס... ניט אנדערש, ווי דאָס האָט ער אויסגעקליבן אזא שטראָף פאר מיר — כויזעקן, האָט ער באשטימט.

■

רוּוון איז געקומען אהיים אָן אופגעבראכטער.

— וואָס איז מיט דיר? — האָט דאָס ווײַב געטײַנעט צו אים, — וואָס נעמסטו זיך אזוי צום הארצן? מאלע וואָס סע טרעפט, האָסט זיך ניט ספּראַ־

וועט, ביסטו כויטע־בעייגל געווען?.. אלע דארפן עס זײַן העלדן? וואָס לעבסטו עס אזוי איבער, פונקט, ווי דו וואָלטסט א מענטשן, כאַס־וועשאָלעם, דער־הארגעט.

— פונוואנען זעסטו, אז כ'בין צעטראָגן? — האָט רוון זיך געפרוווט פארענטפערן, — כ'בין גאָרניט צעטראָגן.

— ביסט צעטראָגן. וואָס זע איך ניט?

— כ'האָב ניט וואָס צו זײַן צעטראָגן. דער דורכאַקער־קלין, פאר וועלכן מ'האָט מיך געזידלט, איז שוין דורכגעיעט, דער פּאָרזיצער זאָגט אפילע, אז כ'בין א מאָלאָדעץ, אָבער ניט מײַן רינג האָט אויסגעיעט דעם קלין.

— און אויב עמעצער האָט דיר אונטערגעהאָלפן, איז וואָס? קארג מאָל ביסטו געקומען אנדערע צו הילף.

— וואָס זשע האָב איך דערפירט דערצו, אז מענטשן זאָלן מיר דארפן העלפן? — האָט רוון זיך געקלאָגט.

— עפּשער ווייסט דער פּאָרזיצער ניט, אז מ'האָט דיר געהאָלפן?.. און צוריק גערעדט, וואָס איז אים פאר א נאפקעמינע, ווער ס'האָט אָפּגעטאָן די ארבעט, אבי זי איז אָפּגעטאָן.

— וואָס הייסט, וואָס איז די נאפקעמינע? עמעצער זאָל טאָן פאר מיר די ארבעט, און איך זאָל זאָגן, אז דאָס האָב איך אָפּגעטאָן?

— מע טשעפּעט דיך ניט, איז מאך זיך געפּייגערט און שווײַג! — האָט אים דאָס ווײַב איבערגעשלאָגן, דו האָסט געקאָנט מאכן, אז עמעצער זאָל אָפּטאָן דײַן ארבעט, ביסטו טאקע א מאָלאָדעץ!

— וואָס הייסט, מענטשן קומען פון העלער הויט און נעמען זיך טאָן פרעמדע ארבעט, וואָסי, זיי האָבן בא זיך ניט וואָס צו טאָן?

— גענוג, גענוג שוין דיר צו בקירען, — האָט דאָס ווײַב זיך גענומען בייזערן. זי האָט אים אפגיך דערלאנגט א גלאָז סמעטענע און איז אוועק אין קיך. אין א ווײַלע ארום האָט זי זיך אומגעקערט מיט א פּרעזשעניצע.

— עס, עס, רוון, האָסט דאָך א גאנצן טאָג אין מויל ניט געהאט, — האָט זי אים אײַנגערעדט.

רוון האָט איבערגעביסן, זיך אופגעהויבן פון טיש און, גאָרנישט זאָגנדיק דעם ווײַב, געלאָזט זיך ערגעץ גיין.

— וווּהין? וואָס קענסטו אין דער היים ניט אײַנזיצן? — האָט זי אים גע־פרווט פארהאלטן.

רוון האָט עפּעס א בורטשע געטאָן און איז אוועק אין קאָנטאָר פון קאָל־ווירט. ער האָט זיך געוואָלט דורכשמועסן מיטן פּאָרזיצער, מיטן פארטרעטער אָדער מיט עמעצן פון די מיטגלידער פון פארוואלטונג. עפּשער ווייסן זיי, ווער האָט באארבעט דעם דורכאַקער־קלין.

פון ווײַטן האָט רוון דערזען אפן הויף ארומדרייען זיך זײַן ליאָווקען און נאָך עפּעס א פּאָר כעווע. לעבן זיי איז געשטאנען זאָרעך סאַראָקע און עטלע־כע אלטע לײַט.

— וואָס טוען זיי עס דאָרטן? — האָט רוון א טראכט געטאָן. — סײַדן זײַן ליאָווקע און די כעוורע האָבן זיך צונויפגעקליבן פאָרלייענען צײַטונגען פאר די אלטע לײַט.

אז ער איז צוגעגאנגען צו דער פארוואלטונג, איז שוין קיינער פון דער כעוורע און פון די אלטע לײַט ניט געווען. רוון איז ארײַן אין לאנגן קאָרידאָר פון דער פארוואלטונג. דורך דער טיר פון א ווינקלדיקן צימער האָט זיך גע־הערט א פריילעכער טומל. נאָכדעם איז געוואָרן רויִקער. בלויז איין ליאָווקע האָט עפּעס גערעדט. נאָך אים האָט זיך ארײַנגעמישט זאָרעך סאָראָקע.

— נו, שרײַבט, שרײַבט זשע, וואָס דינגט איר זיך דאָרטן, — האָט ער גערעדט מיט א באפוילערישן טאָן, — שרײַבט, אז אלע דורכאקער־קולטורן זײַנען שוין באארבעט און געפינען זיך אין דער בעסטער אָרדענונג.

— מע דאַרף אָנווײַזן, אז מיט דער הילף פון די פּיאָנערן און פון... האָט עמעצער זיך אָפּגערופן. נאָר ליאָווקע האָט אים איבערגעשלאָגן:

— וואָס פאר א נאפקעמינע, ווער ס'האָט באארבעט, אבי ס'איז באארבעט!

ווידער איז אין ווינקל־צימער געוואָרן שטיל. אין א ווײַלע ארום האָט ליאָווקע עפּעס אָנגעהויבן לייענען הויך. רוון האָט, אָנשפּיצנדיק דעם אויער, זיך אָנגעהויבן אײַנהערן. צו אים האָט זיך דערטראָגן זאָרעך סאָראָקעס שטים:

— שרײַבט טאקע צו, אז דעם גוטן שעם, וואָס רוון שקליארס רינג האָט געהאט, וועט ער אַף ווײַטער האָבן... שעם זיך ניט, ליאָווקע, און שרײַב, ווײַל זײַן שעם איז סאָפּקאָלסאָף אונדזער שעם!

— אָט ווו זאָרעך, לאָזט זיך אויס, פּלעגט פארפאלן ווערן גאנצענע טעג! — האָט רוון דערהערט אווראָמס שטים.

פארבײַגייענדיק אין קאָרידאָר און באמערקנדיק דעם רינגלער, האָט אווראָם זיך אויך אָפּגעשטעלט און אָנגעהויבן זיך אײַנהערן אין די רייד, וועלכע האָבן זיך דערטראָגן אהער.

רוון האָט ניט אויסגעהאלטן און איז האסטיק ארײַן אין ווינקל־צימער.

— מיר שרײַבן דאָ „א סטאטייקע", — האָט זאָרעך, דערזעענדיק רוון, זיך אָפּגערופן. — טאקע אהין שרײַבן מיר, מיט איין וואָרט, אהין, וווּ מע האָט באשריבן די ארבעט פון דײַן רינג... מיר שרײַבן, בא אונדז איז איצט אלץ אין דער בעסטער אָרדענונג און זאָל מען מער ניט טײַטן מיט די פינגער אַף דײַן רינג... האָב ניט קיין פאריבל, טאָמער האָט מען דיר אונטערגעהאָלפן, קיינער קלײַבט זיך דיר ניט אויסווארפן, ווײַל סאָפּקאָלסאָף איז דײַן קאָוועד אונדזער קאָוועד.

1963

אינהאַלט

זײַט

1. דרײַ ברידער (ראָמאַן)

ערשטער טייל 5
צווייטער טייל 81
דריטער טייל 125
פערטער טייל 178
פינפטער טייל 229

2. דעם גענעראַלס מוטער 259

3. צוערשט זײַנען זיי געווען אינצווייען 333

4. דערציילונגען

אין אַ יאָרצײַט־נאַכט 389
די באָבע פון די טראַקטאָריסטן 413
רווונס קאָוועד 434

■

Илья Зиновьевич Гордон

В РОДНЫХ КРАЯХ

М. «Советский писатель», 1969 г. 444 стр.
Тем. план вып. 1968 г. № 226

Художник С. Б. Теленгатер. Редактор И. М. Фалькович
Худож. редактор В. И. Морозов. Техн. редактор А. М. Токер
Корректор Д. С. Грозовская

Сдано в набор 8/I 1969 г. Подписано к печати 21/I 1969 г.
Бумага 60×84¹/₁₆ № 1. Печ. л. 27³/₄(25,81).
Уч.-изд. л. 28,41. Тираж 7000 экз. Заказ № 137. Цена 1 р. 14 к.

Издательство «Советский писатель»
Москва К-9, Б. Гнездниковский пер., 10.

Московская типография № 7 Главполиграфпрома
Комитета по печати при Совете Министров СССР
пер. Аксакова, 13